

ארץ ישראל.

פון ד. בן-גוריון
און י. בן-צבי.

יידישעס
פרעמיום
טאגעבלאט

ארץ ישראל

אין פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט.

געאָגראַפיע, געשיכטע, רעכטליכע פערהעלטניסע, בעפעלקע־
רונג, לאַנדווירטשאַפט, האַנדעל און אינדוסטריע.

פון

ד. בן־גוריון און י. בן־צבי.

מיט דריי לאַנדקאַרטעס און 80 בילדער פון א"י.

ארויסגעגעבען פון

פועלי־ציון פאַלעסטינאַ קאָמיטעט

ניו־יאָרק, תרס"ח.

לזכרון

חברנו ורענו

דוב ברוכוב עליו השלום.

ארץ ישראל

אין פערגאנגענהייט און געגענוואַרט

„. . . וראיתם את הארץ מה הוא,
ואת העם הישב עליה, החזק
הוא תרפה, המעט הוא אם רב.
ומה הארץ אשר הוא יושב בה
הטובה הוא אם רעה, ומה הערים
אשר הוא יושב בהנה הבמחנים
אם במבצרים. ומה הארץ השמנה
הוא אם רזה היש בה עץ אם אַין...“

(במדבר י"ג 18—20)

פון די אַרויסגעבער

מיט פרייד טראָגען מיר צו צו אונזערע חברים בפרט און צום ברייטען אידישען לעזער בכלל — דעם בוך „ארץ ישראל“.

דער „פועלי ציון פּאַלעסטינאַ קאָמיטעט“, וועמעס הויפּט צוועק איז — צו זאָרגען פאַר דער בעשאַפונג, אויפבויאונג און דערהאַלטונג פון די אידישע ארבייטער אינסטיטוציאָנען אין ארץ ישראל — וואָס האָט אייגענטליך מיט פערלאַגס־ארבייט גאָר ניט צו טהון, האָט אָבער געהאַלטען פאַר זיין חוב צו געבען דעם ברייטען אידישען עולם אַזאַ ווערק, וואָס איז לחלוטין ניט געווען בנמצא אין דער אידישער שפּראַך, טראָץ זיין גרויסער נויטווענדיגקייט, און דאָס איז אַ געניי־אינפאָרמאַטיווע, בעלעהרענדע און וויסענשאַפטליכע ארבייט איבער אונזער אַלט־נייאַנד ארץ ישראל. אַ ווערק, וואָס זאָל בעקאַנט מאַכען דעם אידישען לעזער מיט אַלע פּאַזען פון דער אַמאָליגער און יעצטיגער ארץ ישראל: היסטאָרישער, געאָגראַפישער, פּאָליטישער, קולטורעלער, און וואָס זאָל גלייכצייטיג אויך געבען אַ גענויען סכום פון די גרויסע מעגליכקייטען וואָס דאָס לאַנד פערמאָגט פיר דער נייער אויפבויאונג און ענטוויקלונג פונ׳ם לאַנד — פיר דער בעשאַפונג פון אַ אידישנאַציאָנאַלער היים.

דאָס בוך איז לכתחלה געפּלאַנט געוואָרען צו ערשיינען אין אַ פיעל קלענערען פאָרמאַט. אין פערלויף פון דער ארבייט איז אָבער קלאָר געוואָרען אַז אום דער בוך זאָל זיין מעהר אָדער וועניגער פּאָלקאָמען, מוז זיין פאָרמאַט פערגרעסערט ווערען.

מיט דער קליינער אָנשטרענגונג פון פּאָל. קאָמ. און דערהויפּט מיט דער ענערגישער מיטהילף פון די פועלי ציון פּאַרטיי חברים, איז דאָס ערשינען.

דער פּאָל. קאָמ. גיט דאָס בוך איבער דעם ברייטען אידישען לעזער מיט דעם אינינגסטען געפיהל, אַז עס איז מיט דעם ערפילט געוואָרען אַ וויכטיגע אויפגאַבע.

פועלי ציון פּאַלעסטינאַ קאָמיטעט.

נויאָרק, 1918.

פאָרוואָרט.

דאָס, וואָס איז צוויי טויזענד יאָהר געווען א האָפנונג און א גלויבען — ווערט ענדליך א ווירקליכקייט. דער שטאָלצער חלום פון אייביגען וואנדערער צוריקצוקעהרען זיך אלס זעלבסשטענדיגע נאַציאָן אין אייגענעם לאַנד — האלט ביים מקוים ווערען. א פאָלק און א לאַנד — א פערוואָגעלט פאָלק און א פערלאָזען לאַנד — שטעהען אויף תחית־המתים.

די גרעסטע וועלט־מאכט, ועמעס ארמעע האָט שוין עראָבערט גאַנץ יהודה און אויפגעצויגען איהר פאָהן אויף די מויערען פון דער אייביגער שטאָדט ירושלים, האָט אָפיציעל פראָקלאמירט די רעכט פון אידישען פאָלק אויף ארץ ישראל אלס זיין נאַציאָנאלע היים. און מיט דער גוטהייסונג פון דער ענגלישער דעקלאראציע מצד דעם פריעדענס קאָנגרעס נאָך דעם וועלט־קריעג — ווערט דאָס אידישע פאָלק בערופען אויפצובויען און רעסטאווירען זיין היסטאָריש פאטערלאַנד און בעשאפען זיין נאַציאָנאלע צוקונפט אין לאַנד פון זיין פערגאַנגענהייט.

עס איז איבערפליסיג אין אזא מאָמענט צו דערווייזען די נויטווענדיגקייט פון א נעהנטערע, אינטימערע און גרינדליכע בעקאַנטשאפט מיט'ן לאַנד פון אונזער נאַציאָנאלען ווידערגעבורט. דער געדאַנק, געפיהל און ווילען פון גאַנצען אידישען פאָלק איז איצט קאָנצענטרירט אויף א"י. נאָך מעהר, אין קיין איין מאָמענט פון זיין גלות געשיכטע האָט דאָס אידישע פאָלק ניט פערלאָרען דעם טיעפסטען אינטערעס צום לאַנד פון זיין געבורט און פון זיין האָפנונג, און דער זכר פון ציון, די געשטאלטען פון כרמל און שרון, דער עמק יזרעאל און הרי יהודה, די וואסערען פון ירדן און די שנעע פון לבנון האָבען אימער געשוועבט פאר די אויגען פון די פערטריבענע אויף די טייכען פון בבל אזוי גוט ווי פאר זייערע וואנדערנדע אייניקלעך אויף די ברעגעס פון נילוס, ריינוס, דונאי, ווייכסעל, האָדסאָן און מיסיסיפּי. עס איז אָבער מערקווירדיג: די אידען האָבען מעהר ב ע ז ו נ ג ע ן ווי ג ע ק א נ ט זייער לאַנד. פון דעם פארצייטיגען אנאָנימען פאָעט פון „על נהרות בבל" ביז דעם לעצטען אידישען דיכטער פון אונזער צייט — האָט קיין איין אידישער פאָעט ניט פערפעהלט „צו בעוויינען ווי א קראָקאָדיל דעם טרויער פון ציון און בעזינגען מיט זיין פיעדעל דעם טרוים פון איהר ערלעזונג". ווייניג אָבער האָבען אידישע חכמים, למדנים, חוקרים און געלערנטע זיך אָבגעגעבען מיט דער ערפאָרשונג און בעשרייר־

בונג פון ארץ ישראל. און אין דער אונגעהויער רייכער פּאַלעסטינאַ־ליטעראַטור געפינט מען ניט אפילו איין ווערק, ג ע ש ר י ב ע ן פ ו ן אַ א י ד ע ן פ אַ ר א י ד ע ן, וואָס זאָל געבען אַן אַלגעמיין בילד פון ארץ ישראל אין דער פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט, אָהן וועלכען עס איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען מעהר־וויינינגער ריכטיג די מעגליכע צוקונפט פון אידישען לאַנד. אַלע בעדייטענדע ביכער איבער א"י, מיט דער אויסנאַהמע פון עטליכע עלטערע ווערק, וואָס האָבען שוין איצט ניט מעהר ווי אַ היסטאָרישע בעדייטונג, זיינען די פּרוכט פון קריסטליכע געלערנטע וואָס האָבען געשריבען הויפּטזעכליך פאַר קריסטען. דער קריסטליכער פאָרשער און געלערנטער איז בעיקר פעראינטערעסירט אין פּאַלעסטינאַ אַלס דאָס געבורטסלאַנד פון קריסטענטום, און אפילו די פריינגעזאָנענסטע פון זיי בעהאַנדלען א"י לרב פון טעאָלאָגישען שטאַנדפּונקט. אפילו די יעניגע וואָס האָבען גאָר ניט צו טון מיט רעליגיעזע פראַגען בעשעפטיגען זיך כמעט אויסשליסליך מיט דער אַרהעאָלאָגיע פון א"י. אַלע קריסטליכע ווערק איבער א"י טראָגען דעריבער מייסטענס אַ ריין געשיכטליכען כאַראַקטער. די ווירטשאַפטליכע, סאָציאַלע, פּאָליטישע יורידישע, נאַציאָנאַלע פערהעלטניסע פון די ה י י נ ט י ג ע א"י — זיינען נאָך כמעט דורכאויס אַ „קרקע בתולה", אַן אונבעאַרבייטעס פעלד. אפילו די געשיכטע פון לאַנד ווערט דורך די קריסטליכע געלערנטע בעהאַנדעלט איינזייטיג און ניט אַלע מאָל פריי פון קריסטליך־טעאָלאָגישע טענדענצען. די נאָך־אידישע עפּאָכע, אויסער די תקופה פון די נוסעי־הצלב, און די געשיכטע פון די אידען אין א"י נאָכ'ן חורבן, ווערען אויך געוועהנליך פערנאַכלעסיגט ביי די קריסטליכע געשיכטס־שרייבער פון א"י. די גאַנצע אידישע נאָך־ביבלישע ליטעראַטור — תלמוד, מדרשים, פּוסקים, מפרשים און שו"ת, — וואָס ענטהאַלט אונערשעפּליכע אוצרות פון רוי־מאַטעריאַלען איבער דער געשיכטע און געאָגראַפיע פון א"י, איז פאַר 99 פּראָצענט פון די קריסטליכע געלערנטע אַ ספר החתום.

די אונפערצייליכע פערנאַכלעסיגונג מצד די אידישע געלערנטע פון דיזער וויסענשאַפטס־צווייג וואָס האָט זיי געדאַרפט זיין נעהענטער ווי די ניט אידישע געלערנטע — איז ניט נור אַ נאַציאָנאַלער פערלוסט און אונזערע פאַר'ן אידישען פאָלק — נאָר אויך אַ גרויסער פערלוסט פאַר דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט.

די אויסלעזונג פון ארץ ישראל דורך אידען קאָן ניט פאָרקומען אָהן דער אויסלעזונג פון דער א"י וויסענשאַפט דורך אידישע געלערנטע. דאָס איז אַן אויפגאַבע ניט פון אַ יחיד אָדער עטליכע יחידים — נאָר פון גאַנצען קאָלעקטיוו פון די אידישע אינטעלעקטועלע קרעפטען וואָס אַרבייטען אויפ'ן געביט פון דער אידישער וויסענשאַפט.

אין דיזען ווערק האָבען די מחברים געשטרעבט צו געבען אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער געשיכטע, געאָגראַפיע, בעפעלקערונג, ווירטשאַפטליכע, פּאָליטישע

און יורידישע פערהעלטניסע פון א"י און דער ענטוויקלונג, צושטאנד און די קאָלאָני־זאַציאָנס־פּראָבלעמען פון דאָרטיגען אידישען ישוב, בעגרינדעט אויף די ביז איצטיגע פאָרשונגען און עקזיסטירענדער רייכער פּאַלעסטינאַ ליטעראַטור ווי אויך אויף זייער פערזענליכע בעאָבאַכטונגען אין פערלויף פון א צעהן־יעהריגער רעזידענץ אין לאַנד. לויט'ן ערשטען פּלאַן האָט די גאַנצע ארבייט געזאָלט בעשטעהן פון איין בוך פון בערך 300 זייטען. די ארבייט האָט זיך אָבער אזוי צואוואַקסען, אז די מחברים זיינען גע־צוואונגען געוואָרען צו צוטיילען דעם בוך אין צוויי: איין באַנד וועגען דעם לאַנד אין אַלגעמיין, א צווייטער בוך וועגען דעם אידישען ישוב. דער ערשטער באַנד אליין, ספּעציעל די פינפטע אבטיילונג („אַלגעמיינער ישוב") האָט זיך אזוי פיעל פער־גרעסערט אַז אנשטאַט 300 איז ארויסגעקומען 500 זייטען.

דיזער באַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָבגעשלאָסענע ארבייט, און ענטהאַלט די געאָגראַפיע, געשיכטע, יורידיישע פערהעלטניסע, אַלגעמיינע (ניט אידישע) בעפעלקע־רונג און ווירטשאַפט פון א"י. אין דעם קאַפּיטעל וועגען שטאָדטישען ישוב זיינען אויסגלאָזען געוואָרען די דריי שטעדט — ירושלים, טבריה און צפת, און זיי וועלען אַריינקומען אין צווייטען באַנד, וואָס וועט זיין געווידמעט דער געשיכטע און איצ־טיגער לאַגע פון אידישען ישוב, שטאָדטישען און דאָרפישען.

דער פּלאַן פון בוך איז געמיינשאַפטליך אויסגעארבייט געוואָרען פוןביידע מחברים און דאָס גאַנצע בוך איז פון ביידע דורכגעקוקט געוואָרען. אָבער די זעקס פערשיעדענע אבטיילונגען, אין וועלכע דאָס בוך איז איינגעטיילט — זיינען בעזונדער און זעלבסטשטענדיג בעאַרבייט געוואָרען, צו דריי פון יעדען איינעם. די ערשטע אָבטיילונג (זייט 3—13), די דריטע („רעכטליכע אינסטיטוטען", זייט 81—124) און די פינפטע („אַלגעמיינער ישוב", זייט 177—448) בעלאַנגען צו ד. בן־גוריון; די צווייטע אבטיילונג („געשיכטע", זייט 15—80, צו דיזער אבטיילונג געהערען אויך די זייטען 1—2), די פיערטע („געאָגראַפיע", זייט 125—176) און די זעקסטע („פאָר־שונג פון לאַנד", מיט די ביילאַגען, זייט 449—474) בעלאַנגען צו י. בן־צבי. די ביילינענדע לאַנדקאַרטען זיינען געצייכענט פון דעם קינסטלער מיכאל לאָעב. דער סטיל אין די דריי ערשטע אבטיילונגען איז טיילוויז רעדאַגירט געוואָרען פון חבר יואל ענטין און פון אונזער פערשטאָרבענעם דוב בער באָרוכאָוו.

די מחברים דריקען דאָ אויס זייער חבר'שען דאַנק צו דער אמעריקאַנער פּועלי־ציון פּאַרטיי וואָס האָט ערמעגליכט די ערשיינונג פון דיזען בוך. בעזונדערס זיינען די מחברים שולדיג א הארציגען און טיעפען דאַנק דעם פּאַלעסטינאַ־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון אין אמעריקאַ, וועלכער האָט אונטערגענומען די אויסגאַבע פון א בוך וואָס איז געווען פערבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען, מאַטעריעלע און טעכנישע.

ניו־יאָרק, חמשה־עשר בשבט תרע"ח.

אַראַביש־טערקישע ווערטער וואָס ווערן בענוצט אין דיזען בוך:

בעדואינען — וואַנדערענדע אראַבער, וואָס וואוינען אין געצעלטען, פערנעהמען זיך הויפּטזעכליך מיט פיה־צוכט.

גרוש — טערקישע מטבע, בערך 4 סענט, רופט זיך אויך פּיאַסטער.

ג'מיע (דזשאמעע) — מאָשעע, מחמד'אנישע קירכע.

ג'מעת (דזשעמאַאט) — געמיינדע.

ג'בל (דזשעבעל) — באַרג.

דונאַם — מאָס פון באָדען, 919 קוואדראַט מעטער, בערך אַ פערטעל אַקער.

וואדי — אַ טייכעל, אויך דער טאָל אין וועלכען דער טייך פליסט, דאָס זעלבע וואָס אין העברעאיש נחל.

ווילאַיעט — פּראָווינץ.

וואלי — דער פערוואַלטער פון ווילאַיעט, גענעראַל גובערנאַטאָר.

ווערגו — שטייער פון הייזער און באָדען.

וקף (וואקוף) — אונבעוועגליך אייגענטום וואָס בעלאַנגט צו הקדש.

וועלי — אַ קבר פון אַ הייליגען, רופט זיך אויך „מקם" (מאַקאַם), העברעאיש־כנעני'ש „מקום".

חאַראַדזש — שטייער פון ניט־מוסלימער.

חכם־באַשי — אָפיציעלער פּאָרשטעהער פון טערקישען אידענטום (גראַנד־רבי).

חארת — קווארטאַל, שטאָדט אָבטיילונג.

טשיפטליק — אין טערקיש אַ פאַרם; אין א"י ווערט עס בענוצט אין זין פון קרוין־לאַנד, סולטאַנס־באָדען.

כלי (קעלי) — אַ מאָס פון תבואות.

לירא — טערקישע מטבע, בערך 4½ דאָלאַר אָדער 23 פראַנק.

מוכתר (מוכטאר) — פערטרעטער פון אַ געמיינדע.

מירי — שטאַאַטס־באָדען.

מולק — אבסאָלוטעס אייגענטום.

מג'לס (מעדזשעלים) — אָפיציעלער ראַטה; אַדמיניסטראַטיווע אָדער געזעצגע־בענדע קערפּערשאַפט.

מתצרף (מוטעסאריף) — דער פערוואַלטער פון א סאַנדזשאַק, גובערנאַטאָר.

מלת (מילעט) — נאַציאָן.

מקם (מאקאם) — זעה וועלי.

מודיר — פערוואַלטער פון אנאַחיע.

נאַחיע — אָבטיילונג פון אַ קאַדאַ.

סאַנדזשאַק — אַן אבטיילונג פון אַ ווילאַיעט, אַ גובערניע.

עפענדי — אין טערקיש: הער; אין א"י ווערט עס בענוצט אין זין פון פּריץ, רייכען גוטסבעזיצער.

עושר — שטייערען פון תבואות, מעשר, געוועהנליך מעהר ווי אַ צעהנטעל (בערך 12½ פּראָצענט).

פלאח (פעלאַך) — אַקער־בויער.

פדאַן (פעדאַן) — פּאָר אָקסען צום אַקערען, אויך אַ שטח באָדען וואָס אַ פּאָר אָקסען קענען בעאַרבייטען.

קאַדאַ — בעצירק, אַן אבטיילונג פון אַ סאַנדזשאַק.

קאימקאם (קאימאַקאַם) — פערוואַלטער פון אַ קאַדאַ, וויצע גובערנאַטאָר.

שריעת (שעריאט) — מוסלימישע רעליגיעזע און רעכטליכע לעהרע.

תל (טעל) — א בערגיל, ווי תל אין העברעאיש.

אין דער אויסלעגונג פון די אראבישע ווערטער האבען מיר בענוצט די אראביש־סעמיטישע ארטאגראפיע. און אום צו מאכען די ווערטער לעזבאר — אויך די אידישע ארטאגראפיע. צ. ב. ש. דאס אראבישע ווארט „מילעט" (נאציאן) שרייבט זיך אין אראביש „מלת". דער אראבישער אלף־בית ענטשפרעכט דעם העברעאישען אות ביי אות, אויסער אזעלכע אותיות ווי ע' (לעזט זיך האלב ח, האלב ר'), צ' (ווי ד), ג' (ווי דזש.. אין מצרים ווי ג'), ט' (ווי ז).

אבקירצונגען.

פאלגענדע אבקירצונגען זיינען בענוצט געווארען אין דיזען בוך:

א"י — ארץ ישראל.

גניזה — אנ'אלטער אידישער ארהיוו, וועלכער איז ענטדעקט געווארען נים לאנג אין מצרים.

דבה"י — דברי הימים.

ח"א — חלק א'.

ח"ב — חלק ב'.

יוסיפון — יוסף בן מתתיהו הכהן (פלאוויוס).

געגען אפיאן, אויטאביאגראפיע — די ווערק פון יוסף בן מתתיהו הכהן (פלאוויוס).

מלחמות — אידישע מלחמות פון דעם זעלבען מחבר.

קדמוניות — קדמוניות היהודים פון דעם זעלבען מחבר.

שו"ת — שאלות ותשובות.

די ציטאטען פון תנך ווערען בעצייכענט מיט צוויי סימנים, צ. ב. (יהושע יט 46) מיינט קאפיטעל י"ט, פסוק 46. פון משניות ווערט בעצייכענט דער פרק און די משנה, פון גמרא — דער דף, פון יוסף פלאוויוס ווערען בעצייכענט דער בוך, דער פרק און דער פאראגראף.

H. A.=Deutsches Handels Archiv

P. E. F.=Palestine Exploration Fund

P. P. T. S. = Palestine Pilgrims' Text Society.

Q. S. P. E. F.=Quarterly Statement of the P. E. F.

Z. D. P. V.=Zeitschrift des Deutschen Palaestina Vereins

אינהאַלט:

ב. דער באָדען און די בעוואַסערונג.

ג. דער קלימאַט.

ד. די פלאָראַ און די פאַונאַ.

פינפטע אבטיילונג, 176 — 448.

אַלגעמיינער ישוב.

איינלייטונג.

ערשטער קאַפּיטעל, 185 — 314.

די שטעדט: געשיכטע, ווירטשאַפט, ישוב.

א. שטאָדטישע בעפעלקערונג.

עקבה (אילת, עציון גבר).

היפה.

עכו.

נצרת

בית־לחם.

חברון.

שכם.

צור.

די שטעדט אין עבר הירדן.

סאלט.

כרך (קיר־מואב.)

צווייטער קאפיטעל, 315—448.

לאנדווירטשאפטליכער ישוב.

א. דארפישע בעפעלקערונג.

ב. די אבשטאמונג פון די פלאחין.

ג. אידישע טראדיציעס צווישען די פלאחין.

ד. געזעלשאפטליכע געשיכטע פון די פלאחין.

ה. באדענאייגענטום־פערהעלטניסע.

שלום.

זעקסטע אבטיילונג, 449 — 465.

די פאָרשונג פון לאַנד.

ביילאַגען, 469—474.

פערצייכנים פון בילדער.

פערצייכנים פון לאנדקארטען.

ארץ ישראל

געאָגראַפיע, געשיכטע, רעכטליכע פערהעלטניסע, בעפעל׳
קערונג, לאַנדווירטשאַפט, האַנדעל און אינדוסטריע.

ערשטע אבטיילונג.

דער היסטאָרישער שיקזאַל פון ארץ ישראל איז פּילייכט דער אָריגינעל־סטער פון אלע אנדערע לענדער אין דער וועלט. שוין באלד פינף טויזענד יאָהר ווי דאס לאנד שטעהט אין דעם מיטעלפּונקט פון דער געשיכטע, און קיין איין וויכטיגע פאזע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג איז ניט פאָרגעקומען אָהן דער דירעקטער אָדער אונדירעקטער בעטייליגונג פון דעם קליינעם לאנד. די אוראלטע מלחמות צווישען די קולטורען פון נילוס און פון מעסאפּאטאמיען, צווישען מצרים פון איין זייט, און פון שנער, אשור, בבל און פרס פון דער אנדער זייט; דער קאמפּף פון גריכענלאנד מיט פרס; דער קאמפּף פון דער רוימישער אימפּעריע פאר דער וועלט־מאכט געגען די פרייע פעלקער פון אזיען; דער דראַנג פון די אראבישע מדבר־שבטים נאָך מזרח און נאָך מערב און דער וועסט־אייראָפּעאישער געגען־דראַנג, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אינוואזיאָן פון די נוסעי־הצלב (קרייצציגע) נאָך דער היילוגער לאנד; די מאנגאָלישע אינוואזיאָנען פון איראן, טורקעסטאן און טיבעט, און די נאפּאָלעאנישע מלחמות אין דעם נאָהענטען אריענט — קיינע פון די וועלטגעשעהענישען האָט ניט פערמיעדען ארץ ישראל. דאס מערקווירדיגסטע אין דער געשיכטע פון דעם לאנד בעשטעהט אָבער אין דעם, וואס פערנעהמענדיג פון תמיד אָן א סעקונדערען (צווייטען) פּלאַץ אין פּאָליטישען לעבען פון די פעלקער, האָט ארץ ישראל געוואונען א דאמינירענדע (הערשענדע) וועלט־ראָלע אין רעליגיעזען און אין קולטורעלען זין. די דריי וועלט־רעליגיאָנען, צו וועלכע עס געהערט ביז היינ־טיגען טאָג דער גרעסטער טייל פון דער מענשהייט, זיינען ענטשטאַנען און זיך ענטוויקעלט אין ארץ ישראל גופא, אָדער אונטער איהר אונמיטעלבארער, דירעקטער השפעה.

די געאגראפישע לאגע פון פּאלעסטינא — אויף דעם מיטעלפּונקט, צווישען דריי וועלט־טיילען, אויף דעם קרייץ־וועג פון די גרעסטע מעכטע פון אלטערטום, אויף דעם ברעג פון דעם ים, וועלכער איז ביז דער ענטדעקונג פון אמעריקא געוועזען דער גרעסטער פון די צוגענגליכע ימים — דיעזע לאגע האָט געצויגען צו דעם לאנד די אויפמערקזאמקייט פון אלע פעלקער נאָך אין דער פריהלינגס־צייט פון דער מענשהייט. די נאָהענטקייט פון ים האָט גורם געווען צו דער ענטוויקלונג פון מסחר און פון קונסט אין דער אלטער פיניקיען, אין צפון־מערב זייט פון ארץ־ישראל, און די נאָ־הענטקייט פון מדבר האָט תמיד געצויגען זיינע ווילדע קינדער צו אלץ נייע

אינוואזיאנען אין „דאס לאנד, וואס פליסט מיט מילך און האניג“, די טאלען אויפ'ן ברעג פון ים און צווישען די בערג־קייטען פון מיטען לאנד, דער שרון מיט דער שפלה, דער עמק עכו מיט דעם עמק יזרעאל, די בקעת־הלבנון, — האבען פארגעשטעלט מיט זיך די בעסטע וועגען פאר מיליטערישע עקספעדיציעס פון צפון און פון דרום, פאר די פעלקער־מלחמות פון אלע פעריאדען. פון דער אנדער זייט אבער, האבען די שטאלצע בערג מיט די טיעפע אבגרונדען פון מיטען־לאנד פערשטעלט און בעשיצט די ארטיגע בעפעלקערונג געגען די רייטוואגענס פון פרעה'ס מיליטער, אזוי גוט ווי געגען די אינוואזיאנען פון די גריכיש־סירישע מחנות, און געוויסערמאסען אויך געגען די אראבישע און טאטעריש־מאנגאלישע הארדען. א דאנק דיעזע בערג און פעלזען וועלכע זיינען איבערפילט מיט היילען און פערבארגענע דורכגאנגען, איז פאר דער ארטיגער בעפעלקערונג געוועזען מעגליך אריבערצוקומען די שרעקליכסטע מלחמות און גרעסטע איבערפאלען, און דאס לאנד זאל דערביי ניט אינגאנצען פערוויסטעט ווערען. איבערלעבענדיג די שווערע צייטען, איז זי ווידער געקומען צו זיך און דערהאלטען די פעהיגקייט אויפצובליהען פון דאס ניי.

דיעזע נאטירליכע צוריסענקייט האט געהאט דעם נעגאטיווען רעזולטאט, אז במשך פון טויזענדער יאהרען, איז דאס לאנד געווען פאליטיש צוריסען צווישען קלענערע און גרעסערע שבטים און מלוכה־ארגאניזאציאנען. אין די בערג פון יהודה האבען ניט געקענט ענטשטעהן אזעלכע פאליטייש־מעכטיגע ארגאניזמען ווי אין די ברייטע טאלען פון נילוס און פון מעסאפאטאמיען. און ווען דעם געניום פון א געוויסער נאציאן איז געלונגען צו גרינדען אין יהודה א צענטר פון א שטארקער מלוכה, איז עס געוועזען צוליעב אנדערע, געזעלשאפטליכע און נאציאנאל־היסטארישע אורזאכען. דיעזער ארגאניזם האט זיך אויך לאנג נישט געהאלטען אין זיין מאכט, און אין די בעסטע יאהרען פון איהר פאליטישער בליהונג האט ארץ ישראל אלין ניט בעקומען אזא ברייטע העגעמאניע איבער איהרע נאכבארלענדער, ווי די אנדערע, ווייטערע שכנות, מצרים און אשור, אין זייער צייט.

פון דער אנדער זייט האט אבער קיין מעכטיגע מלוכה נישט בעקומען אזא געוואלטיגע גייסטיגע השפעה אויף די ווייטסטע לענדער פון דער וועלט, און אזא דויערענדע, יאהרטויזענדער זיך ציהענדע ווירקונג אויף די פערשיעדענסטע אומות און אויף די ווייטסטע דורות — ווי די קליינע און פאליטיש שוואכע ארץ ישראל. דערמיט האבען מיר זיכער צו פערדאנקען דער היסטארישער קאמבינאציע פון צוויי פאקטארען. וועלכע האבען געשאפען די העכסטע קולטורעלע און געזעלשאפטליך־מאראלע ווערטען פון דער מענשהייט. דער וואונדערבארער נאטור פון דעם לאנד גופא און די פעהיגקייטען פון דער אידישער נאציאן.

א. די נעמען פון לאַנד.

א ר ץ י ש ר א ל — אזוי ווערט אנגערופען די היסטארישע היים פון אידישען פאלק. פריהער, איידער די אידען האבען זיך איז לאנד בעפעסטיגט און געבילדעט דארט אן איינהייטליכע נאציאן, — האט מען דאס לאנד גערופען ארץ כנען, אויפ׳ן נאמען פון כנען, חם בן נח׳ס זוהן, און די כנענים וואס האבען פערנומען א טייל פון לאנד. (עס איז אויך פאראן א מיינונג אז כנען איז ניט קיין ראסען־נאמען, נאר א ריין געאגראפישער טערמין, וואס בעדייטעט „נידריג" לאנד). דער נאמען כנען ווערט אם מעהרסטען געברויכט אין דער תורה און בעציהט זיך בלויז אויף דעם מערב־טייל פון א"י — ד. ה. אויף דעם געביעט וואס ליגט צווישען ירדן און ים התיכון. אין די שריפטען פון תל־אמרנא (פון 14טען יאהרהונדערט פ א ר׳ן קריסטליכ׳ן רעכנונג) ווערט דער נאמען ארץ כנען בענוצט בלויז בנוגע דעם פעניצישען ברעג־געגענד. דעם נאמען „ארץ ישראל" בעגעגענט מען צום ערשטען מאל אין די צייטען פון שאול המלך (שמואל א׳ פרק י"ג—19), און דער דאזיגער נאמען איז פארבליבען ביי די אידען ביז׳ן היינטיגען טאג. הגם אין תנ"ך ווערט דאס לאנד בעצייכענט אויך מיט אנדערע נעמען, ווי ארץ ה׳, ארץ יהודה, ארץ העברים, אדמת הקדש.

די פעלקער רופען דאס לאנד פאלעסטינא, אויפ׳ן נאמען פון די פלשתים, וואס האבען פערנומען דעם זיד־וועסטליכען טייל פון א"י. דיזער נאמען טרעפט זיך שויז אין תנ"ך אין דער פארם פלשת („גלילות־פלשת"), און שפעטער אין מדרש אין דער פארם „פלסטני". אויך אין אראביש און טערקיש הייסט דאס לאנד „פיליסטין". צוערשט האט מען מיט׳ן נאמען פאלעסטינא בעצייכענט בלויז דעם טייל, וואס האט בעלאנגט צו די פלשתים — דאס איז דער געביעט צווישען דעם כרמל און סיני (אין דעם זין ווערט דער נאמען פאלעסטינא געברויכט ביי יוסף פלאוויוס). ביסלעכווייז האט זיך דער נאמען פערשפרייט אויף גאנץ מערב א"י, ביז מ׳האט שפעטער דאס גאנצע לאנד, צווישען דמשק און לבנון אין צפון און דעם האלב־אינזעל סיני אין דרום, אנגעהויבען רופען מיט דעם דאזיגען נאמען. די קריסטען בעצייכענען אפט דאס לאנד מיט׳ן נאמען „דאס פערשפראכענע לאנד", ד. ה. דאס לאנד וואס איז פערשפראכען געווארען פון גאט צום אידישען פאלק.

ב. די גרעניצען פון לאַנד.

ארץ ישראל געפינט זיך צווישען דריי וועלט־טיילען — אייראפא, אזיע, און אפריקא, זי גיסט זיך אבער ניט פאלשטענדיג צוזאמען מיט די ארומיגע לענדער, נאר פערקעהרט, זי טיילט זיך אויס דורך ים, מדבר און בערג וואס רינגלען זי ארום, און בעקומט א קלאר־דייטליכע געאגראפישע אינדיווידואליטעט און אייגענארטיגע פיזיאנאמיע, וואס טרעפט זיך זעלטען אין אנדערע לענדער. אין מערב — דער ים־התיכון (מיטעללענדישער מעער), אין צפון — די בערג פון לבנון, אין מזרח — די סירישע סטעפע, אין דרום — מדבר סיני. דאס זיינען די גרעניצען וואס די נאטור זעלבסט האט בעשטימט פאר׳ן לאנד. טראָץ דעם אלעמען הערשט א גרויסע מיינונגס־פערשיעדענהייט אין דער פראגע וועגען די גרעניצען פון א"י און ס׳איז ניט אזוי לייכט צו בעשטימען גענוי וואס איז א"י און וואס — ניט.

אין דער תורה ווערן אנגעגעבן דריי פערשיעדענע גרעניצען פון לאנד.

לויט בראשית י׳ י״ט איז די גרענעץ פון כנען געווען פון צידון ביז עזה אין דער לענג, און פון ים התיכון ביז׳ן ים המלח אין דער ברייט — דאס איז, בלויז דאס לאנד מערב זייט פון ירדן, אהן דעם עקסטרעם זידליכען טייל וואס רופט זיך נגב.

לויט דער ערקלערונג פון במדבר (פרק ל״ד) — נעהמט ארץ ישראל אויף אריין דעם נגב און א טייל פון עבר הירדן.

אין אנדערע שטעלען ווידער אין דער תורה (בראשית ט״ו, 18, במדבר ל״ד) און אויך אין ספר יהושע (א׳ 4) ווערן די גרעניצען אויסגעברייט אזש ביז דעם טייך פרת, און א״י שליסט איין ניט נור כנען, פלשת און אדום אין מערב און מואב, עמון און גלעד אין מזרח, — נור אויך גאנץ ארם (די היינטיגע סוריה) ביז ארם־נהרים (מעסאפאטאמיע). דאס זיינען די אידעאלע אדער, לויט דער טראדיציע, די פערשפראכענע גרעניצען פון לאנד. ה י ס ט א ר י ש, אין פערלויף פון דער אידישער ערובערונג און זעלבסטשטענדיגקייט, האבען זיך די גרעניצען פון א״י נאך פיעל מעהר געביטען. יעדע עפאכע האט געהאט איהרע בעזונדערע גרעניצען. איהר גרעסטען שטח האט א״י דערגרייכט אין די צייטען פון דוד המלך. די אידען האבען דאן געהערשט איבער מואב, עמון, אדום, פלשת אין דרום, און ארם אין צפון. באלד נאך דוד׳ס טויט האט זיך ארם בעפרייט פון דער אידישער הערשאפט, און אדום האט רעוואלטירט — די אידישע מלוכה איז פיעל פערשמעלערט געווארען.

אין די צייטען פון בית שני זיינען די גרעניצען פון א״י געווען נאך שמעלער ווי ביים בית־ראשון. אין צפון האבען די אידען שוין ניט דערגרייכט ווי פריהער די בערג פון לבנון, נור אבגעשטעלט זיך ביים טייך קאסימיע (ליטאני). אין מזרח, עבר הירדן, זיינען זיי שוין מעהר ניט צוגעקומען ביז דער מדבר פון סוריה, און אפילו אין מערב זייט האבען זיי ניט בעהערשט דעם גאנצען ברעג ים, און איינינע האפענשטעדט האבען זיך גערעכענט אויסער ארץ ישראל.

נאך דעם ווי די אידישע זעלבסטשטענדיגקייט איז פערניכטעט געווארען, האט א״י אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס א בעזונדער לאנד, די פריהערדיגע גרעניצען זיינען אין גאנצען אבגעווישט געווארען, און דאס לאנד איז אין פערשיעדענע צייטען פערשיעדענארטיג צוטיילט געווארען — מיט בעזונדערע נעמען פאר יעדען טייל.

אין דער געגענווארט איז א״י א טייל פון דער אטאמאנישער אימפעריע, און לויט דער טערקישער אדמיניסטראטיווער פאנאנדערטיילונג עקזיסטירט גאר ניט א״י אלס א בעזונדערס גאנצעס. דאס לאנד איז פערטיילט צווישען עטליכע פראווינצען וואס רופען זיך ווילאיעטען (גרעסערע פראווינצען) און סאנדזשאקען (קלענערע).

ווען מ׳וויל אבער בעשטימען די גרענעצען פון דער א י צ ט י ג ע ר א״י, בעזונדערס ווען מ׳דענקט ווענען א״י ניט בלויז אלס א לאנד פון דער אידישער פערגאנגענהייט נור אלס א לאנד פון דער אידישער צוקונפט, אלס א לאנד פאר אידישער קאלאניזאציע און נאציאנאלער היים — קאן מען זיך ניט רעכענען אין גאנצען מיט די א י ד ע ע ל ע, טראדיציאנאל־פערשפראכענע גרעניצען, וואס זיינען ביי די געגענווערטיגע בעדינגונגען צו ברייט, און אויך ניט האלטען זיך אויסשליסליך ביי די היסטארישע גרעניצען, וואס האבען זיך אזוי פיעל מאל געביטען און זיך געבילדעט צופעליג, און זיינען מעהרסטענס צו ענג און שטימען ניט מיט דער נאטירליכער לאגע פון לאנד.

מואב, אדום און פלשת, די אמאליגע זעלבסטשטענדיגע מדינות, וואס האבען פערנומען די זידליכע טיילען פון לאנד, אין מזרח און מערב, עקזיסטירען מעהר ניט, און די ערטער וואו יענע פעלקער זיינען געזעסען, זיינען יעצט אן ארגאנישער טייל פון ארץ ישראל. דער טייך ארנון, וואס איז אמאל געווען דער דרום גרענעץ פון עבר הירדן, איז שוין מעהר ניט קיין גרעניץ־טייך, נור א אינווייניגסטער טייך פון א"י, און דאס לאנד וואס ליגט אויף זיינע צוויי ברעגעס, אין צפון און דרום, ביז מ ע ן און עקבה, איז סיי נאטירליך, סיי אדמיניסטראטיוו א טייל פון דער אזוי גע־רופענער בעלקא אדער סאנדזשאק כרך (קעראק) — דאס הייסט פון דעם דרום טייל פון מזרח ארץ ישראל.

דאס זעלבע איז אויך מיט דעם נגב — זידליכער געביעט — פון מערב א"י, וואו ס'זיינען פארצייטענס געזעסען די אדומים און עמלקים. ניט באר־שבע איז יעצט דער עקסטרעמסטער טייל פון א"י אין דרום — נאר דער גאלף פון עקבה, אזוי ווי אין די צייטען פון שלמה. דאס גאנצע לאנד דרום זייט פון באר־שבע און מסדה (אויפ'ן ברעג פון ים המלח) ביז דער מצרישער גרענעץ פון סיני און אל־עריש איז אדמיניסטראטיוו אזוי גוט ווי נאטירליך א טייל פון ירושלימ'ער סאנדזשאק. ווען מיר בעטראכטען אלזא די געאגראפישע ווי אויך די עטנאגראפישע, קולטורעל־עקא־נאמישע און פאליטיש־אדמיניסטראטיווע בעדינגונגען פון לאנד קומען מיר צו דעם בעשלוס, אז אין דרום ענדיגט זיך ארץ ישראל, ניט ווי פריהער ביי די גרעניצען פון די פערשוואונדענע מואב און אדום, נאר ביי דעם גאלף פון עקבה.

נעהמענדיג אין אכט אט די פיזיש־נאטירליכע סימנים פון לאנד ווי אויך די קולטורעל עקאנאמישע און עטנאגראפישע בעדינגונגען און אומשטענדען פון דער איצטיגער איינוואוינערשאפט, מוזען מיר בעשטימען די גרענעצען פון א"י, אהן די נאכבאר־לענדער, אויפ'ן פאלגענדען אופן:

אין מ ע ר ב — דער ים התיכון, פון רפה (ראפא) אין דרום, ביי דער טערקיש מצרישער גרענעץ, ביז דעם טייך קאסימיע אין צפון, ד. ה. צווישען 31.20′ און 33.20′ איז דער נארדליכער ברייט.

אין צ פ ו ן — דער טייך קאסימיע, צווישען צור און צידון אין זיין נארדליכער אומווענדונג ביז צו דער ליניע וואס ציהט זיך נאהענט צום 33.30′ גראדוס פון דער נארדליכער בריט, און טיילט פאנאנדער אין עבר הירדן די חורן'ער און דמשק'ער סאנדזשאקען, ביי דעם „נהר אלעוג'," דער ביבלישער פרפר.

אין ד ר ו ם — די ליניע וואס ציהט זיך באלכסון פון ראפא (31.20′ נארדלי־כער ברייט) ביז דעם גאלף פון עקבה (29.30′), און פון עקבה ביז מ ע ן, וואו עס טיילט זיך אפ דער סאנדזשאק קעראק פון חעדזשאז.

אין מ ז ר ח — די סירישע סטעפע. די מזרח גרעניץ פון א"י קאן געננוי ניט פעסטגעשטעלט ווערען, ווייל דער מדבר סוריה איז ניט קיין אבסאלוטע האפנונגס־לאזע ווילדערניש. ווי למשל סאהארא, נור א מעהר־ווייניגער בעוואוינטע סטעפע. וואס איז אין אמאליגע צייטען געווען הויך קולטיווירט און וואו יעצט וואנדערען ארום די גרויסע בעדואינישע שבטים.

וואס מעהר מ'וועט אבשוואכען דעם קולטור־פיינדליכען און צושטערענדען איינ־פלוס פון דער מדבר, אלץ מעהר קולטורפעהיג וועט די סטעפע ווערען, און במילא וועלען זיך די מזרח גרעניצען פון לאנד אלץ מעהר אברוקען ווייטער אין מזרח, און

דער שטח פון א״י וועט ווערן אלץ גרעסער. מ׳קאן אננעהמען דעם .37 מעריּ־ דיאן (רעבענענדיג פון גרינוויטש) אלס די מזרח גרענייץ פון חורן, און ′36.20 אלס די גרענייץ פון בעלקא (דעם זידליכען טייל פון עבר הירדן).

אין די אנגעצייכענטע גרעניצען פון א״י ווערען אלזא איינגעשלאסען:

א) אין מערב זייט פון ירדן דער ירושלם׳ער, שכם׳ער און עכו׳ר סאנדזשאקען (גובערניעס) און די צוויי נארדליכע בעצירקען וואס בעלאנגען צום בירות׳ער סאנ־ דזשאק: צור און מרג׳עיון, ד. ה. דער גאנצער נגב, יהודה, שומרון און גליל.

ב) אין מזרח זייט פון ירדן די צוויי סאנדזשאקען חורן און קעראק (קיר־מואב) און א טייל פון דמישק׳ער סאנדזשאק: די בעצירקען קונייטרא, וואדי אל־אדזשאס און חצביה — ד. ה. דער אמאליגען בשן, גולן, גלעד, עמון און מואב.

צו ארץ ישראל דארף אויך צוגערעכענט ווערען דער געביט פון אל־עריש, הגם ער איז פאליטיש אבגעטיילט פון דער טערקישער פאלעסטינא און בעלאנגט יעצט צו מצרים (ריכטיגער — צו ענגלאנד). אל־עריש איז אבער פאקטיש, סיי פון היס־ טארישען, סיי פון פיזיש־געאגראפישען שטאנדפונקט, אן ארגאנישער טייל פון ארץ־ ישראל און די פאנאנדערטיילונג צווישען דער טערקישער פאלעסטינא און אל־עריש איז בלויז א קינסטליכע גרענייץ וואס די ענגליש־מצרישע רעגירונג האט דורכגע־ פיהרט פון ראפא ביז עקבה.

די אזוי־גערופענע אידעאלע גרענייץ, ד. ה. די גרענייץ פון לאנד ווי זי איז לויט דער טראדיציע פערשפראכען געווארען צום אידישען פאלק, איז אין צפון א סך גרעסער, ווי ס׳איז שוין אויבען אין קורצען בעמערקט געווארען. פיעל מאל ווערט דערמאנט, אז דאס פערשפראכענע לאנד דערגרייכט ביז „דעם גרויסען טייך, דער טייך פרת" (בראשית ט״ו 18, שמות כ״ג 31, דברים א׳ 7, דברים י״א 24, יהושע א׳ 4). א צווייטער פונקט וואס ווערט אפט דערמאנט אין פערבינדונג מיט דעם צפון גרענייץ איז „לבוא חמת" (די מרגלים האבען אויסגעקוקט דאס לאנד פון מדבר צין (דרום) ביז לבוא חמת (במדבר י״ג 21). צווישען די לענדער וואס יהושע האט ניט איינגענומען און וואס זיינען „פערבליבען צו ערבען" ווערען אויסגערעכענט „דאס לאנד פון גבל און דער גאנצער לבנון, וואו די זון שיינט אויף, פון בעל גד אונטער דעם בארג חרמון ביז׳ן ארייננאנג (לבוא) פון חמת" (יהושע י״ג 5), דאס זעלבע ווערט אין קורצען איבערגע׳חזר׳ט אויף א צווייטען פלאץ (שופטים ג׳ 3). דוד׳ס מלוכה האט זיך פערשפרייט כמעט אין דער פולער מאס פון די פערשפראכענע גרעניצען בשעת דוד איז געגאנגען צוריקברענגען דעם ארון פון קרית יערים האט ער פערזאמעלט די אידען „פון שיחור מצרים (אין דרום) ביז לבוא חמת" (דברי הימים א׳ י״ג 5).

אויך אין שלמה׳ס צייטען איז „לבוא חמת" געווען די צפון גרענייץ פון א״י. אין דעם גרויסען יום־טוב פון חנוכת הבית, נאך דעם ווי דער בית המקדש איז פארטיג געווארען, האט זיך פערזאמעלט א גרויסער עולם פון „לבוא חמת ביז נחל מצרים" (מלכים א׳ ח׳ 65, דברי הימים ב׳ ז׳ 8). ירבעם בן יואש, דער מלך פון ישראל, האט אין זיין צייט צוריק עראבערט דמשק און חמת, און האט איינגע־ שטעלט די אלטע גרענייץ פון דוד און שלמה ביז „לבוא חמת" (מלכים ב׳ י״ד 25, 28).

די שטאדט חמת, וואס בעצייכענט אויף אזא אופן די נארד גרענייץ פון א״י, איז לויט די תרגומים און אלטע פירושים און אויך דער מיינונג פון איינינע מאדערנע געלערנטע, די שטאדט אנטיוכיא (אנטאקיא) אויף דער לינקער זייט פון טייך אראנטעס (אראביש: אל אסי), ניט ווייט פון אלכסנדרע־ טער גאלף. דער הר ההר, וואס ווערט אנגעגעבען אלס איינע פון די פונקטען אויף דער נארדליכער גרענייץ (במדבר ל״ד 7), איז לויט דער מיינונג פון מאיר איש שלום, דער בארג אמאנוס; דאס הייסט אלזא אז די נארדליכע גרענייץ האט דערגרייכט כמעט ביז קיליקיא, און גאנץ סוריה איז איינגעשלאסען אין דעם „אידעאלען ארץ ישראל".

א צווייטע מעהר בעגרינדעטע מיינונג איז, אז די דערמאנטע חמת איז די איצטיגע חאמא (אמא־ליגע עפיפאניע), וואס ליעגט אויך אין דעם טאל פון אראנטעס, אבער מעהר צו דרום צו. ווען מ'זאל אפילו אננעהמען די לעצטע אידענטיפיקאציע פון חמת, הייסט דאס אז די אירעאלע צפון־גרעניץ האט זיך געצויגען פון חאמא (35.8′ נארד) ביז'ן טייך פרת, און דער גאנצער לבנון און אנטי־לבנון און א טייל פון נארדליכער סוריה, דערונטער אויך די אלטע שטאדט תדמור (פאלמירא) וואס שלמה האט אויסגעבויט אין דער מדבר (מלכים א׳ ט׳ 18), ד. ה. די איצטיגע סאנדזשאקען בירות, לבנון, דמשק און חומס, בעלאנגען צו דעם „פערשפראכענעם לאנד".

די אידעאלע גרעניצען פון לאנד זיינען אלזא פון עציון־גבר אדער עקבה און נחל מצרים אדער ואדי אל עריש אין דרום — ביז חמת און טייך פרת אין צפון, און פון ים התיכון אין מערב ביז מדבר סוריה אין מזרח. אין דוד און שלמה'ס צייטען זיינען דאס געווען די ווירקליכע גרעניצען פון דער מלוכה. דער אומפאנג פון דעם „אידעאלען" ארץ ישראל איז כמעט צוויי מאל אזוי גרויס ווי דער שטח פון ארץ ישראל אין די מעהר ענגע „רעאלע" גרעניצען, ווי זיי זיינען פריהער פעסטגעשטעלט געווארען.

ג. דער שטח פון ארץ ישראל.

גאנץ ארץ ישראל איז עד היום וויסענשאפטליך נאך ניט אויסגעמאסטען, און טראץ דער אונגעהויער רייכער וויסענשאפטליכער ליטעראטור און פיעלפאכע פארשונ־גען און בעשרייבונגען פון „דעם לאנד פון דער ביבעל", ווייס מען נאך אלץ ניט גענוי און פינקטליך דעם עלעמענטארסטען פונקט פון דער פאלעסטינער געאגראפיע — די גרויס פון לאנד. פערשידענע שרייבער גיבען אן פערשידענע גרויסען און די אנגאבען אונטערשיידען און ווידערשפרעכען זיך אין כמעט אן אונגלויבליכער מאס. אייניגע האלטען א"י פאר זעהר א קליין לאנד, קוים די גרויס ווי בעלגיען — ארום 29,000 קילאמעטר. אנדערע ווידער רעכנען אויס, אז א"י איז כמעט 3 מאל אזוי גרויס ווי בעלגיען, און פערנעהמט א שטח פון בערך 85,000 קוואדראט קילאמעטר.

דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז וואס גראדע אין דער ציוניסטישער ליטעראַ־טור ווערט אנגענומען די מינימאלסטע מאס (אזוי צום ביישפיעל נאווראצקי אין זיין „אידישע קאלאניזאציאן אין פאלעסטינא" גיט אן — נאך טריטשען — אין גאנצען 27.000 קוואד. קיל., 18.000 ק. ק. פאר מערב א"י און 9.000 פאר מזרח; ישראל בעלקינד גיט אן ארום 40.000 ק. ק.). אין דער צייט וואס בעדעקער, אין זיין בעריהמטען וועג־ווייזער פאר „סוריה און פאלעסטינא" נעהמט אן די ציפער פון פראנצויזישען פארשער וויטאל קינע, לויט וועלכען א"י פארנעהמט א שטח פון מעהר ווי 86.000 קוואדראט קילאמעטר.

סופאן, דער ארויסגעבער פון „בעפעלקערונג דער ערדע", וועלכער האט קריטיש פערגלייכט די פערשידענע אנגאבען און קוועלען נעהמט אן, אז די גרויס פון א"י איז 79.100 קוואד. קילאמ.

וועגען די בעזונדערע טיילען פון ארץ ישראל, אדער די איינצעלנע סאנדזשאקען, הערשט די זעלבע מיינונגס־פערשידענהייט.

דער ירושלם'ער סאנדזשאק פערנעהמט לויט די אפיציעלע טער־קישע אנגאבען און אויך לויט וויטאל קינע 21.300 קוו. קיל. די זעלבע ציפער נעהמט אויך אן בעדעקער. דער ענגלישער קאנסול אין בירות, ערנסט וויקלי, גיט אן פאר ירושלם די גרויס פון 19,900 קוו. קיל. (7,700 ענגלישע קוואדראט מייל). י. דיופאן אנ'אנדער פראנצויזשער געאגראף, בעהויפטעט ניט מעהר ווי 17.000 ק. ק.

דער שכם׳ער סאנדזשאק (שומרון) פערנעהמט לויט וויטאל קינע 6.664 קוו. קיל. לויט דעם טערקיישען סאלנאמע (א אפיציעלע יאהר־בוך) — ניט מעהר ווי 2.849 ק. ק.

דער עכו׳ר סאנדזשאק. לויט וויטאל קינע — 7.527 ק. ק., לויט דעם סאלנאמע — 1.547.

די זעלבינע מיינונגס פערשידענהייט הערשט אויך בנוגע עבר הירדן. דער חורן׳ער סאנדזשאק פערנעהמט לויט וויטאל קינע 29.000 ק. ק. לויט דעם ענגלישען קאנסול אין בירות, ערנסט וויקלי — 28.380 ק. ק., און לויט סופאן — ניט מעהר ווי 21.000 ק. ק.

דער סאנדזשאק קעראק (קיר־מואב) פערנעהמט לויט קינע 22.000 — 20.000 ק. ק., לויט ערנסט וויקלי — 13.932 ק. ק., און לויט סופאן 32.000. די גרויס פון עבר הירדן שוואנקט אלזא צווישען א מינימום פון 42.412 (וויקלי) און א מאקסימום פון 53.000 (סופאן).

קיפערט, אין זיין האנד־אטלאס שאצט דעם שטח פון בעלקא־מען (קעראק) צוזא־מען מיט׳ן ירושלים׳ער סאנדזשאק אין 53.000 ק. ק.

די אלע געבראכטע אנגאבען זיינען ניט מעהר ווי השערות, וועלכע מ׳קען בע־טראכטען נור אלס מעהר־וויינינגער קרוב לאמת. ווייל זיי בעגרינדען זיך ניט אויף קיינע וויסענשאפטליכע אויסמעסטונגען פון לאנד.

מ׳קאן דעריבער נאך פארלויפיג ניט פעסטשטעלען פינקטליך און אונצווייפעל־האפט דעם געזאמטען שטח פון ארץ ישראל. וואס אנבעלאנגט אבער געוויסע טיי־לען פון ארץ ישראל אין עבר הירדן, ווי גולן, גלעד, בשן (ד. ה. די איצטיגע בעצירקען קונייטרא, עגלון (ארדשלון), אדרעי (דערא), און שייך־סעד) און דעם גאנצען מערב טייל פון א״י (צווישען ירדן און ים־התיכון) האבען מיר שוין בע־שטימטע און פינקטליכע וויסענשאפטליכע אויסמעסטונגען פון דער בעוואוסטער ענגלישער פאלעסטינא־געזעלשאפט, מיט׳ן נאמען „פאלעסטיין עקספלאריישאן פאנד" וואס האט זיך געגרינדעט אין 1865 מיט׳ן צוועק אויסצופארשען „דאס היילינע לאנד". די דאזיגע געזעלשאפט האט אין פערלויף פון 1871—1877 אויסגעמאסטען דעם גרעסטען און בעוואוינטעסטען טייל פון מערב א״י — פון דן (באניאס) אין צפון ביז באר־שבע אין דרום. א שטח פון 6040 ענגלישע קוואדראט מייל. א קורצע צייט פאר דעם וועלט־קריעג, אין די יאהרען 1913-1914 האט די זעלבע געזעלשאפט אויסגעמאסטען דעם איבריגען טייל פון מערב א״י — דעם אזוי גערופענעם נגב — פון באר־שבע ביז דעם גאלף פון עקבה, א שטח פון 4.500 ענגלי־שע קוואדראט מייל. צוזאמען אלזא א שטח פון 10.540 ענגלישע ק. מייל, אדער בערך 27.200 קוואדראט קילאמעטער. אין דיזען אויסגעמאסטענעם שטח געהען אריין די פאלגענדע געביעטען: די בעצירקען (קאדא׳ס) צור און מרג׳עיון אין גליל העליון, עכו׳ר, שכם׳ער און ירושלים׳ער סאנדזשאקען — גענוי גאנץ מערב ארץ ישראל (וועסט־ירדן־לאנד).

אויף׳ן גרונד פון די דאזיגע אויסמעסטונגען קומט אויס, אז דער ירושלים׳ער סאנדזשאק (ביז עקבה) פערנעהמט א שטח פון אונגעפעהר 18.900 ק. קילאמעטער. שכם׳ער סאנדזשאק — 4.140 ק. ק., עכו — 3.000, צור און מרג׳עיון — 1.160 ק. ק.

צורעכענענדיג דערצו דעם געביעט פון אל־עריש, וואס פערנעהמט א שטח פון בערך 5.000 ק. ק. — בעקומט זיך פאר גאנץ מערב א״י א שטרעקע פון בערך 32.000 ק. ק. — מיט 3.000 ק. ק. מעהר ווי גאנץ בעלגיע.

לײדער האָבן מיר ניט אזעלכע װיסענשאפטליך־פּינקטליכע אנגאבן װעגן דער עבר הירדן (מזרח א"י). אויסער אין עטליכע קלענערע טײלן.

די דערמאנטע ענגלישע געזעלשאפט האט אין יאהר 1880 אנגעהויבן אויס־מעסטען און אויספארשען אויך דעם מזרח טײל פון א"י, אבער מחמת די שטערונגען פון דער טערקישער רעגירונג האט זי געמוזט אויפגעבן איהר ארבײט נאָך דעם װי זי האט אויסגעמאסטען בלויז א שטח פון 510 ענגלישע מײל (אונגעפעהר 1.315 ק. קילאָמ.), אין צפון זײט פון ים המלח, ארום דעם אמאָליגען רבת־עמון. שפּעטער (1913-1884) האָט א דײטשער אינזשענער פון חיפה, גאָטליב שומאכער, אויסגע־מאסטען אין גולן א שטח פון 1.445 ק. ק., אין װעסטליכען חורן — 620 ק. ק., אין זידליכען בשן — 2.950 ק. ק. און אין עג'לון 2.940—צוזאמען א שטרעקע פון 7.955 קװאד. קילאמעטר. דיזער אויסגעמאסטענער געביעט שליסט אײן בלויז א טײל פון חורנ'ער סאנדזשאק, הײנו די פאלגענדע 4 קאדא'ס (בעצירקען): אדרעי, עג'לון, דער גרעסטער טײל קונײטרא און א טײל שיך־סעד. ניט אויסגעמאסטען זײנען אלזא: דער גאנצער סאנדזשאק קעראק (קיר־מואב) און 4 קאדא'ס פון חורן (דזעבל דרוז, בצר אלחריר, צלכד, אהירא) און 2 קאדא'ס פון דמשק (װאדי אל־עדזשאם און חצביה).

דער אמעריקאנער אינזשענער לײן, װאס איז געשיקט געװארען פון דער אמערי־קאניש פּאלעסטינא־געזעלשאפט („פּאלעסטײן עקספּלארײשאָן סאסײטי) צו מאכען די נויטיגע פּארבערײטונגען און אויספארשונגען פאר דער אויסמעסטונג פון עבר־הירדן, האט אויסגערעכענט אז דער מזרח־ירדנ'ישער געביעט, װאס ציהט זיך פון אסטליכען חרמון איבער צפון זײט פון דמשק ביז דעם מערידיאן 36.45' (פון גרינ־װיטש) צו מזרח זײט פון דזעבעל דרוז, און פון דארט, אין דרום זײט פון צלכד, בצרה ביז דעם 36.10' מערידיאן פערקערעװענדיג זיך צו קעראק ביז דעם נאָרדליכען ענד פון ים המלח — פערנעהמט א שטח פון 8.921 ענגלישע ק. מײל (23.000 ק. קילאמ.).

דער דאָזיגער געביעט נעהמט ארײן אין צפון זײט א שטרעקע פון בערך 1.000 מײל װאס געהערט אײגענטליך ניט צו ארץ ישראל, נאר צו סוריה, דערפאר אבער לאזט ער אויס אין דרום אונגעפעהר א העלפט פון קעראקער סאנדזשאק — די בע־צירקען תפל (טאפילא) און מ ע ן. עס איז דעריבער קלאָר אז דער אסטליכער טײל פון א"י איז ניט קלענער פאר דעם װעסטליכען טײל און ענטהאלט ניט װײניגער (אויב ניט מעהר) פון 27.000 ק. קיל. עס איז גענוג צו װארפען אײן בליק אויף דער קארטע פון א"י איבערצוצײגען זיך אין דעם. די נאָך העכערע אנגאבען פון װיקלי (42.300 ק. ק.), קינע (51.000 ק. ק.) און סופאן (53.000 ק. ק.) שטאמען װאהרשײנליך דער־פון, װאס די גרעניץ צװישען מזרח א"י און דער סירישער סטעפּע איז ניט פעסטגע־שטעלט און איז דערװײל ניט פעסטצושטעלען, און די גרויס פון חורן און קערעק איז אבהענגיג דערפון צו די גרענעץ װערט געצויגען מעהר צו מזרח אדער נעהענטער צום ירדן.

װען אפילו די לעצטע אנגאבען זאלען זײן איבערטריבען און מ'זאל אננעהמען, אז די גרויס פון עבר הירדן איז ניט מעהר װי מערב א"י — דאן בעקומט זיך אויף די גרויס פון ארץ ישראל א סך מעהר װי ס'איז בטעות אנגענומען אין דער ציונים־טישער ליטעראטור. דאָס לאַנד פון חרמון ביז עקבה און פון ים התיכון ביז דער סורי־שער סטעפּע פערנעהמט ניט װײניגער װי בערך 55.000 קװאדראט קילאמעטר, און צוזאמען מיט אל־עריש אַרום — 60.000 ק. ק. (23.000 ק. מײל). דערפון זײנען

36.450 ק. ק. פינקטליך און וויסענשאפטליך אויסגעמאסטען: אין מערב א"י 27.200 ק. ק.. און אין מזרח — 9.250 ק. ק.

ד. די אדמיניסטראטיווע צוטיילונג.

פאר דער אידישער איינוואנדערונג און עראבערונג איז א"י געווען צוטיילט אין א סך קליינינקע מלוכות, בעוואוינט פון א גאנצע רייהע פערשיעדענע שבטים און פעלקערלאך. דאס ערשטע פאלק וואס האט פעראייניגט גאניז ארץ ישראל איז איין בעזונדערע, גאנצע מלוכה — איז געווען דאס אידישע פאלק. די אידען האבען דאס עראבערטע לאנד איינגעטיילט אין צוועלף טיילען, לויט די צאהל פון די שבטים. יעדער שבט האט זיך בעזעצט אין א בעזונדער געביעט. אויסער די צוויי שבטים, דן און מנשה, וועלכע האבען זיך פערטיילט אין פערשיעדענע געביעטען פון לאנד. איין העלפט פון מנשה אין שומרון, מערב א"י, און די אנדערע העלפט אין בשן, מזרח א"י (יעצטיגער חורן). פון שבט דן האט איין העלפט בעקומען זיין חלק אין דרומית מערבית, ארום יפו, און די אנדערע העלפט אין צפון, ארום די קוואלען פון ירדן. די איבריגע שבטים זיינען געזעסען צוזאמען. יהודה האט געקראגען זיין חלק אין דרום, ארום חברון און דעם ים המלח, בנימין — אין דעם נארדליכען טייל פון די הרי יהודה, ארום ירושלים. אין מערב זייט פון יהודה און בנימין — איז געזעסען דער האלבער שבט ד ן. אפרים און מנשה האבען געקראגען זייער חלק אין צענטראלען א"י — אין שומרון. זבולון האט זיך בעזעצט אין עמק יזרעאל אין די ארומיגע בערג, ישכר'ס חלק איז געווען אין דרום און מזרח זייט פון עמק, ביז דעם ירדן. נפתלי און אשר זיינען געזעסען אין די גליל'ער בערג, אין צפון און מערב זייט. און אין עקסטרעמען צפון איז געווען די נחלה פון צווייטען העלפט דן. אין עבר הירדן, פון עמון ביז דעם טייך ארנון (דער יעצטיגער קעראקער סאנדזשאק), איז געזעסען ראובן. אין צענטער פון עבר הירדן, אין גלעד (יעצטיגער עג'לון), האט געוואוינט דער שבט גד, און דער צפון, דער יעצטיגער חורן און גולן, האט געהערט צום האלבען שבט מנשה.

דער ערשטער וואס האט אנשטאט דער צוטיילונג לויט די שבטים איינגעפיהרט א קינסטליכע אדמיניסטראטיווע צוטיילונג איז געווען שלמה המלך. ער האט איינ־געטיילט דאס לאנד אין צוועלף טיילען, מיט א בעזונדערען פערוואלטער (נציב) אין יעדען טייל. אבער אויך דאן, און נאך שלמה'ס טויט, ווען די אידישע מלוכה האט זיך צושפאלטען אין צווייען, אין מלכות יהודה אין דרום און מלכות ישראל (עשרת השבטים) אין צפון, האט די פאנאנדערטיילונג לויט די שבטים געווויסערמאסען נאך אליין געהערשט אין לאנד. די דאזיגע פאנאנדערטיילונג, וואס איז פערגעסען געווא־רען אין דער צייט פון די מכבים (חשמונאים), האט איצט שוין ניט מעהר ווי א היס־טארישע בעדייטונג.

ביים בית שני, אין הורדוס'עס צייטען, איז ארץ ישראל צוטיילט געווארען אויף פינף פראווינצען, דריי אין מערב, און צוויי אין מזרח.

די מערב פראווינצען זיינען געווען: 1) אין דרום זייט — יהודה, אין וועלכען ס'איז אריין אויך אדום. 2) אין צענטער, צפון זייט פון ירושלים ביז דעם עמק יזרעאל — ש ו מ ר ו ן. 3) פון עמק יזרעאל ביז די צפון גרענעץ — גליל, גליל־התחתון און גליל העליון.

די דאזיגע צוטיילונג פון מערב א"י גילט נאך אין לאנד עד היום.

אין מזרח איז געווען: 4) פערעא („דאס לאנד פון יענער זייט"), דער דרום'ער געביעט, וואס האט איינגעשלאסען דעם אמאליגען עמון און מואב. 5) די טעטראר־כיע (וויצעקעניגרייך) פון פיליפוס אין צפון, אין וועלכער ס'זיינען אריין גולן, בשן און די בערג פון חורן.

אין איצטיגער צייט איז א"י אונטערגעווארפען אונטער דער אדמיניסטראטיווער צוטיילונג פון טערקיי. די טערקישע מלוכה איז צוטיילט אויף פראווינצען וואס רו־פען זיך ווילאיעט'ען. אן שפיץ פון ווילאיעט שטעהט א וואלי (גענעראל גובערנאטאר) וואס איז דירעקט פעראנטווארטליך צום מיניסטארען־קאבינעט.

א ווילאיעט ווערט צוטיילט אויף סאנדזשאק'ס אדער ליווא'ס (גובערניעס), און אן דער שפיץ פון סאנדזשאק שטעהט א מוטעסאריף (גובערנאטאר), וואס איז אונ־טערגעווארפען דעם וואלי. ס'איז אויך פאראן אזוי גערופענע „זעלבסטשטענדיגע סאנדזשאק'ס" („ליוואי־מוסטאקילע"), וועלכע געפינען זיך אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון מיניסטארען קאבינעט, און זיינען ניט איינגעשלאסען אין קיין ווילאיעט. דער אונטערשיעד צווישען אזא סאנדזשאק און ווילאיעט איז בלויז אין נאמען. ירושלים איז א „זעלבסטשטענדיגער סאנדזשאק".

א סאנדזשאק ווידער ווערט איינגעטיילט אין קאדא'ס (טערקיש — קאזא'ס). אן דער שפיץ פון א קאדא שטעהט א קאימאקאם (וויצע־גובערנאטאר, בוכשטעבליך — „שטעל־פערטרעטער"). א קאדא ווערט אפטמאל צוטיילט אין נאחיעס, וואס ווע־רען פערוואלטעט פון א מודיר — אונטערגעארדנעטער פון קאימאקאם. די קלענסטע אדמיניסטראטיווע איינהייט איז א קריה (דארף), וואס ווערט פערוואלטעט פון אויסדערוועלטע מוחטארען (עלטסטע).

ארץ ישראל בעשטעהט פון טיילען פון בירות'ער און דמשק'ער ווילאיעטען און פון ירושלים'ער זעלבסטשטענדיגען סאנדזשאק (אין אראביש־טערקיש „קודס שריף").

1. בירות'ער ווילאיעט.

א) בירות'ער סאנדזשאק: 2 קאדאס וואס בעלאנגען צו א"י:
   1) קאדא (בעצירק) צור (3 נאחיעס: תיבנין, קנה, מערכה).
   2) קאדא מרג'עיון (2 נאחיעס: הונין, חולה).

ב) עכו'ר סאנדזשאק (צענטער—עכו), 5 קאדאס:
   1) קאדא עכו (3 נאחיעס: סאחיל, שאגור, שפא־עמר (שפרעם).
   2) קאדא חיפה (1 נאחיה: קיסריה).
   3) קאדא טבריה.
   4) קאדא צפת.
   5) קאדא נצרת.

ג) שכם'ער סאנדזשאק (צענטער—שכם, אין אראביש—נאבלוס); 3 קאדאס:
   1) קאדא נאבלוס (שכם), (3 נאחיעס: דזשעמאין עווער, דזשעמאין סאני דזשעמאין).
   2) קאדא דזשעניז (עין־גנים), 2 נאחיעס: משאריק עדזשעראר, שא־ראוויעה שארקיע.
   3) קאדא בני סאאב, צענטר טול־כרם. 2 נאחיעס: שאראוויע גארביע, וואדי שאיר אל גארבי.

2. דמשק'ער ווילאיעט.

א) דמשק'ער סאנדזשאק (3 קאדאס וואס בעלאנגען צו א"י):

1) קאדא וואדי אל ארזשאס — צענטר קאטאנא (1 נחיה — טאיבא).

2) קאדא חצביה.

3) קאדא קונייטרא (3נאחיעס: מגדל שמש, גולן, זויה).

ב) חורנ'ער סאנדזשאק — צענטר אין אדרעי, 7 קאדאס:

1) שיך־סעד (2 נאחיעס: גאבאגיב, דזשאסים).

2) עג'לון, צענטר—אירביד (2 נאחיעס: קאפראנדזשע, קורה).

3) דזשעבעל דרוז — צענטר סווידא (1 נאחיע: בוסאן).

4) בצר אל חריר.

5) דערא (אדרעי). (1 נאחיע — בצרה עסקי שאם).

6) צלכד (סלכה).

7) אהירא (1 נאחיע: שאהבא).

ג. סאנדזשאק קעראק (קיר מואב), 4 קאדאס.

1) קאדא קעראק (2 נאחיעס: חאנזירה, דיבאן־דיבון).

2) קאדא סאלט (3 נאחיעס. מידבא, דזשיזע, עמן).

3) קאדא טאפילא (תפל).

4) קאדא מען (2 נאחיעס: שובק, אל־עקבה).

3. „זעלבסטשטענדיגער סאנדזשאק" ירושלים.

1) קאדא ירושלים (4 נאחיעס: בית־לחם, רם־אלה, צפא, אבוויין).

2) קאדא יפו (2 נאחיעס: רמלה, נעלין).

3) קאדא עזה (3 נאחיעס: מגדל, פאלודזשע, חאן יונים).

4) קאדא חברון (2 נאחיעס: בית אטאב, בית גוברין).

5) קאדא באר־שבע (1 נאחיה: מלחה).

6) קאדא אל־חפיר, ביי דער טערקיש־מצרישער גרענעץ.

ביבליאגראפיע.

צו דער ערשטער אבטיילונג.

העברעאיש.

תבואות הארץ מאת ר' יהוסף שווארץ הוצאת לונץ, ירושלם תר"ם (פרק א': גבולי ותחומי הארץ).

גבולות א"י וסוריא — מאת מאיר איש שלום (ירושלם, כרך ב')

לגבולות א"י — ר' שלמה סירליו („ירושלם" כרך ז').

טערקיש.

علی جواد · ممالك عثمانيه نك تاريخ وجغرافيا لغاتی در سعادت ١٣١٣

سالنامهٔ ولايهٔ بيروت ١٣٢٦

ענגליש.

Memoirs of the Survey of Western Palestine, 3 vol., London, 1881-1884.

Survey of Eastern Palestine.

The Historical Geography of the Holy Land, by **J. A. Smith.**

The Holy Land in Geography and History by **Townsend MaCoun, A. M.,** 1897.

Karl Baedeker: Palestine and Syria, Leipzig, 1912.

Ernst Weakly: Trade with Syria, London, 1911.

G. Schumacher: Across the Jordan-PEF, 1886.

G. Schumacher: Northern Ajlun 1890.

Palestine Exploration Sooiety, 4th Statement. New York, 1877.

C. M. Watson: Fifty Years' Work in the Holy Land (PEF), London, 1915.

דייטש.

G. Schumacher: Der Dscholan, ZDPV, IX, 1886.

G. Schumacher: Unsere Arbeiten in Ostjordanlande. Mitteilungen und Nachrichten des DPV, 1896-1904; ZDPV 1913.

G. Schumacher: Das Suedliche Basan, ZDPV, XXI, 1897.

פראנצויזיש.

Vital Cuinet: Syrie, Liban et Palestine, Paris, 1896-1900.

J. Dupont: Geographie de l'empire Ottaman.

צווייטע אבטיילונג.

געשיכטע.

די גאנצע געשיכטע פון ארץ ישראל קען איינגעטיילט ווערען אין דריי גרויסע תקופות: די אלטע, פאר־אידישע; די אידישע און די נאך־אידישע געשיכטע. לויט זייער לענג אין דער צייט זיינען דיעזע תקופות כמעט גלייך, זיי זיינען אבער גאנץ פערשיעדען לויט זייער ווערטה און בעדייטונג. די וועלט־בעדייטונג פון ארץ־ישראל שטאמט ניט פון דער אוראלטער, פאר־אידישער, און אויך ניט פון דער לעצטער, אראבישער פעריאָדע, נאר געראדע פון דער מיטעלער, פון דער אידישער תקופה, וועלכע איז דעריבער די וויכטיגסטע תקופה אין דער געשיכטע פון לאנד. די אידישע נאציאָן, וועלכע איז אין דיעזען לאנד געשאפען געווארען, האט איהם ניט נור איהר נאמען געשענקט, נאר אויך זיין גאנצע וועלט־בעדייטונג געגעבען. און זינט דאס אידישע פאלק איז פון דעם לאנד אפגעריסען, האט ארץ־ישראל ווידער פערלארען יענעם לעבענס־עלעמענט, וועלכער האט איהר ווערטה במשך פון צוויי טויזענד יאהרען פאר דער מענשליכער געשיכטע געשמידט.

א. דאס לאנד פאר דער אידישער איינוואנדערונג.

ענדערונגען אין דער נאטור.

אין דער נאטור־געשיכטע שפיעלט נישט דער צייט־דויער אזא ראלע, ווי אין דער מענשליכער געשיכטע. די געוועהנליכע עוואלוציאָן פון דער געאגראפישער אומגעבונג, פון דעם קלימאט און פון דער נאטור פון א געוויסען געגענד קומט פאר אזוי לאנגזאם, אז אין משך פון עטליכע טויזענד יאהר איז כמעט גאר ניט צו בעמער־קען קיינע אומענדערונגען.

בנוגע דעם קלימאט און דער לאנדעס־נאטור פון ארץ ישראל איז עס די מיינונג פון די קאמפעטענטסטע היסטאריקער און געאגראפישע פארשער פון דעם לאנד, אז זיינע נאטור־בעדינגונגען האבען זיך פאר די לעצטע עטליכע טויזענד יאהר ניט גע־ענדערט: די געאגראפישע שטריכען פון דער בארענפלעכע און פון דער בעוואסערונג, פון דעם קלימאט, פאונא און פלארא — זיינען געבליבען אימער די זעלבע. נאר אין די גרענעצען צווישען דעם מדבר און ישוב זיינען פארגעקומען פון צייט צו צייט

ענדערונגען: אונטער גינסטיגערע אומשטענדען פלעגט די ציוויליזאציע טיעפער אריינדרינגען אין דער סטעפע און געווינען באדען ביי דער מדבר; ביי ערגערע בעדינגונגען (ווי צ. ב. ש. עס איז געוועזען אין ער לעצטען, אראבישער תקופה) פלעגט דער ישוב פערקעהרט אפטרעטען מעהר פלאץ צו דער ווילדערנים. געוויסע אומענדערונגען זיינען אויך פארגעקומען אין דער געוויקס פון לאנד. אין בעשטימטע תקופות זיינען די בערג געוועזען בעאקערט און פערפלאנצט מיט ביימער, אין אנדערע צייטען — זיינען זיי אפגעלאזען און פערוויסטעט געווארען. דאס אליין האט, אבער, געהאט מעהר צו טהון מיט דער ארטיגער בעפעלקערונג, מיט איהרע סאציאלע און פאליטישע אומשטענדען, איידער מיט דער נאטור פון לאנד.

טראגלאדיטען. די נייעסטע אויסגראבונגען און ארכעאלאגישע אויספארשונגען אין מצרים און אין ארץ־ישראל גופא ציינען איינינע סימנים, אז נאך מיט קארגע זעקס טויזענד יאהר פאר אונזער צייט איז די היינטיגע פאלעסטינא געוועזען בעפעלקערט מיט א נידריג־געוואקסענער מענשען־ראסע, וועלכע האט, וואהרשיינליך ניט געהערט צו דעם סעמיטישען*) טיפ. דיעזע אור־מענשען האבען נאך ניט געוואוסט פון קיין מעטאל. זיי זיינען געוועזען טראגלאדיטען, ד. ה. זיי האבען געוואוינט אין נאטירליכע היילען און זיך בענוצט מיט שטיינערנע געוועהר. דיעזע תקופה געהערט, אבער, צו די פאר־געשיכטליכע צייטען. דאס היסטארישע לעבען פון ארץ ישראל פאנגט זיך אן שפעטער און געהט אן דורכאוים פון אנהויב ביז'ן סוף — אונטער א סעמיטישער בעפעלקערונג.

סעמיטישע פעלקער וואנדערונגען. עס זיינען בעקאנט פיער סעמיטישע „פעלקערוואנדערונגען" פון אראביען נאך מעסאפאטאמיען און נאך די לענדער אויף דעם ברעג פון מיטעלמעער. די ערשטע הייסט די באבילאנישע (בבל) סעמיטישע, וועלכע האט זיך געווענדעט נאך בבל און בעזיעגט דעם סומערישען ישוב, וואס זי האט דארט געטראפען; די סעמיטען האבען איבערגענומען די אלטע קולטור פון שנער (סומער) און זי ווייטער ענטוויקעלט (אונגעפעהר אין די יאהרען 3500 פאר דער קריסטליכער צעהלונג). די צווייטע וואנדערונג איז די כנעניטישע, וועלכע איז געווען גערינכטעט הויפטזעכליך נאך דעם לאנד כנען, טיילווייז אבער אויך נאך בבל. (אונגעפעהר אין 2,500 יאהר טרעפט מען זיי שוין אין כנען). צו דער כנעניטישער שיכט געהערען צוערשט די פיניקיער, אדער פשוט כנענים, און שפעטער — אויך די עברים (העברעער). דערביי איז נויטיג צו בעמערקען, אז צו די עברים געהערען אויסער אידען, נאך איינינע פערוואנדטע פעלקער, ווי צ. ב. ש. עמון, מואב, אדום. די דריטע סעמיטישע וואנדערונג איז געוועזען די אראמעאישע. זי הויבט זיך אן אין

*) דער נאמען „סעמיטען" שטאמט פון שם, נח'ס עלטער'ן זוהן (בראשית י', א, כ"א). די מעהרסטע פעלקער וועלכע זיינען זיך צו איהם דארטען מתיחס רערען א בעזונדערע שפראך, וועלכע איז לויט איהר גראמאטיק און ווערטער־שרשים עהנליך צו העברעאיש. דיעזע פעלקער שטאמען אלע פון איין לאנד — פון אראביען. די אנטראפאלאגיע האט אויסגעפונען עהנליכקייט אין דעם בוי פון זייער ארגאניזם און בעזונדערס פון זייערע קאפ־שארבענס. אין דער וויסענשאפט ווערען זיי, דעריבער, בעצייכענט מיט דעם נאמען „סעמיטען" אין אונטערשיעד צו די „אריער" אדער אינדא־גערמאנען. צו די סעמיטען אדער בני־שם געהערען די פאלגענדע פעלקער: די בבלים, די פעלקער־גרופע פון כנען, (צו וועלכער גרופע עס געהערען אויך די אידען), די ארמים, די ערבים, די איינוואהנער פון דרום־אראביען (מינעער. סאבעער, חימיאריטען) און די אביסיניער, וועלכע שטאמען פון די זידליך אראבישע שבטים.

14טען יאָהרהונדערט. שפּעטער מיט א פינף הונדערט יאָהר פאנגט זיך אָן א פּערטע וואנדערונגס־שיכט פון אראביען — דאס איז די אראבישע וואנדערונג (אנפאנגענדיג פון דעם 9טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג).

ערשטע סעמיטען אין ארץ ישראל.

די ערשטע סעמיטען בעגעגנען מיר, אלזא, אין א"י שוין העכער פינף טויזענד יאָהר צוריק. סעמיטישע טיפּען בעגעגנען זיך צווישען די עגיפּטיישע היעראגליפען נאָך פריהער. אין בבל געפינען מיר בעווייזע וועגען פערבינדונגען מיט סיריען אין יאָהר 3000. מיט צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער (אונג. אין 2750) האָט דער קעניג פון אכד, סרגון דער ערשטער, מלחמה געהאלטען מיט די אמורי אין לאַנד „מרתו“, ווי סיריען הייסט ביי זיי צו יענער צייט. אז אנדער קעניג המורבי (2250) רופט זיך דער קעניג פון „אמורו“, ד. ה. פון סיריען און פון פּאלעסטינא*).

אָנפאנגענדיג פון דעם מיטען פון דעם דריטען יאָהרטויזענד ווערט אלזא ארץ ישראל אריינגעצויגען אין קרייז פון די געשיכטליכע לענדער. צו דער זעלבער צייט זיינען שוין פאָרגעקומען די ערשטע צוזאמענשטויסען צווישען די מלכים פון דער פּערטער עגיפּטיישער דינאסטיע און צווישען סעמיטישע וואנדערער אין דעם מדבר סיני. עטוואָס שפּעטער, אין די צייטען פון פּעפּי דעם ערשטען, פון דער זעקסטער דינאסטיע, האָבען די עגיפּטיאנער געמאכט די ערשטע מיליטערישע עקספּעדיציע געגען לסן, ד. ה. ארץ ישראל (2500). אין א דויערנדער מלחמה האָבען זיי פערוויסטעט דאָס לאַנד. אויסער דעם אָנפאל פון יבשה, האָבען זיי אויך געשיקט א פלאָטע און ארויסגעזעצט זיך ביי די „גאזעלן־בערג“, ד. ה. בערג פון כרמל. אזוי איז די עגיפּטיאנער געלונגען צו פערשפּרייטען זייער הערשאפט ביז דעם צפון פון סיריען.

עס איז ניט קלאָר די בעציהונג פון די אמורים צו די כנענים. אייניגע געלעהרטע דענקען, אז די אמורים און די כנענים געהערען צו איין און דעם זעלבען שטאם, נאָר אז די אמורים האָבען געוואוינט אין די בערג און די כנענים זיינען געוועזען די איינוואוינער פון די טאָלען ביי דעם ברעג ים. יעדענפאלס איז בעקאנט, אז די כנענים זיינען געוועזען סעמיטען און האָבען געברויכט אלס שפּראך א העברעאישען דיאלעקט. די פיניקער, אָדער די כנענים, האָבען זיך זעהר פריה בעשעפטיגט, אלס איינוואוינער פון ים־ברעג, מיט האנדעל, מיט פישעריי (צידון איז פון ציד־געיעג נאָך פיש), מיט ים־רייזען. זיי האָבען געבויט און בעפעסטיגט שטעדט אויף דעם ברעג פון ים, וועלכע האָבען זיי געדיענט אי אלס מיליטערישע ארסענאלען, אי אלס האנדעל־פונקטען. אזעלכע שטעדט ווי צ. ב. ש. עזה, יפו, אשקלון, דאר, עכו, צור, צידון, גבל — זיינען פון די עלטסטע האפען־שטעדט אין דער וועלט.

אויסערליכע פּאָליטישע ווירקונגען.

דאָס לאַנד „כנען“ (היינטיגע ארץ־ישראל) האָט זיך געפונען, אלזא, אָנפאנגענדיג פון די אור־אלטע צייטען, אונטער דער געגענזייטיגער ווירקונג פון עגיפּטען און פון אלט־בבל (אָדער שנער). די פּאָליטישע און קולטורעלע ווירקונג פון שנער איז אָבער א פריהערע און א שטארקערע פון דער עגיפּטישער. דאָס פאלען פון דער אויבער־עגיפּטישער הערשאפט און די דאָרטיגע אינערליכע סכסוכים האָבען אָפּגעווענדעט די אויפמערקזאמקייט פון עגיפּטען פון דער אויסערליכער פּאָליטיק. און פאַר די נעקסטע עטליכע הונדערט יאָהר האָט זיך די ווירקונג פון שנער נאָך מעהר

*) תגלת פלאסר דער ערשטער (בערך אין יאָהר 1100) רופט ארץ ישראל מיט'ן נאמען „מאט אחאר“, ד. ה. די הינטער־לאַנד, אָדער מערב־לאַנד.

פערשטארקט. די שפראך פון בבל, איהרע שריפט (די קייל־שריפט), מאסען און וואגען, איהר סיסטעם פון צאהלען און פון ווערט־שטיינער האבען זיך איינגעביר־גערט אין סיריען און די רעליגיאן און קולט פון דעם אלטען בבל האבען בעקומען די גרעסטע ווירקונג אויף דער קולטור פון כנען.

אין דעם סוף פון דער צוועלפטער, מיטעלעגיפטישער, דינאסטיע פאנגט זיך ווידער אן די עגיפטישע ווירקונג אויף סיריען און פאלעסטינא, און די נעכסטע פיער־פינף הונדערט יאהר (ביז אונג. 1200) האט ארץ־ישראל געצאהלט שטייערען צו די מצרים. זעלבסטפערשטענדליך, אז די ווירקונג פון עגיפטען האט זיך געלאזט פיהלען אויך אין קולטורעלען זין, און אין די אויסגראבונגען פון גזר און איבערהויפט אין דרום זייט פון לאנד געפינט מען ביי די כנענים עגיפטישע געטער און אונטערשריפטען. אבער צו צפון זייט ווערט דער עגיפטישער איינפלוס אלץ שוואכער און שוואכער, מחמת דער ווירקונג פון בבל.

תים

צו יענער צייט האט זיך בעוויזען א נייע מאכט אין לאנד, וועלכע איז אנגעקומען פון צפון־זייט, דאס זיינען די ח ת י ם אדער "חאטי". אין זייערע עקספעדיציעס אין 2טען יאהרטויזענד האבען די מצרים געהאט צו טהון הויפטזעכליך מיט דיעזע התים, וועלכע האבען געהאט געגרינדעט א שטארקע מלוכה אין סיריען, ביז דעם טייך פרת. זייערע צענטרען זיינען געווען אין ק ד ש ביי דעם טייך אראנטעס, און אין כ ר כ מ י ש. אין רעזולטאט פון דיעזע מלחמות (פון טוטמאזיס דעם דריטען, 1500,, ביז רעמסס דעם צווייטען, אונג. 1300) איז דער צפון, ד. ה. גאנץ סיריען געבליבען ביי די חתים, און ארץ ישראל ביי די מצרים.

ברהם אבינו

די ערשטע בעקאנטשאפט פון די אוראלטע אידישע שטאמען מיט דעם לאנד כנען בעציהט זיך צו דעם אנהויב פון צווייטען יאהרטויזענד. די תורה דערצעהלט אונז וועגען די בעציהונגען פון א ב ר ה ם א ב י נ ו מיט אור־כשדים, און שפע־טער — מיט אמרפל מלך שנער, אריוך מלך אלסר, און א. וו., וועלכע האבען גע־פיהרט אן עראבערונגס־מלחמה אין דרום זייט פון פאלעסטינא. (איינינגע געלעהרטע אידענטיפיצירען דיעזע נעמען אמרפל מיט האמו־ראבי, אריוך מיט ארי־אכו א. א. וו.). איין זאך איז קלאר, אז אונזערע אור־עלטערן זיינען געוועזען גוט בעקאנט מיט דעם לאנד כנען פון פערזענליכער ערפאהרונג. זיי האבען דארט אבער ניט געלעבט אלס איינגעזעסענע בעפעלקערונג, נאר אלס בעדואינישע, וואנדערענדע שבטים, וואס האבען זיך בעשעפטיגט הויפטזעכליך מיט פיה־צוכט.

אין דער נעכסטער תקופה, אין דער פעריאדע פון דער היקסאן־הערשאפט איבער עגיפטען, האבען זיך אידישע בעדואינען־שבטים וואהרשיינליך בעטייליגט אין דער אינוואזיאן פון די סעמיטישע שטאמען נאך עגיפטען און זיך אויפגעהאלטען א לענ־גערע צייט אין געוויסע עגיפטישע פראווינצען (גושן).

יאת מצרים.

די אידישע איינוואנדערונג קיין מצרים איז פארגעקומען אונגעפעהר פון 1800 ביז 1600 יאהר. די צייט פון דעם אויסגאנג, אדער פון דער יציאת־מצרים איז שוועער צו בעשטימען. די מעהרסטע געלעהרטע רעכנען אויס, אז דיעזע ערשיינונג איז פארגעקומען אין די צייטען פון מ ע ר נ ע פ ט ה א , דעם זוהן פון רעמסס דעם צווייטען, ד. ה. אין 13טען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג. אנדערע, אבער, דענקען אז יציאת־מצרים איז געוועזען מיט א פאר הונדערט יאהר פריהער.

דאס איינגעהמען פון לאנד דורך אידען איז פארגעקומען ניט מיט איין מאל, ווי עס ווערט דערצעהלט אין יהושע, נאר ביסלעכווייז און זעהר לאנגזאם, ווי עס ווערט געשילדערט אין אנדערע ערטער פון תנ"ך. און ה׳ דיין גאט וועט פערשטויסען דיזע פעלקער פאר דיר צוביסלעכ־ווייז: דו וועסט זיי ניט קאנען שנעל פערניכטען, כדי עס זאל זיך ניט פערמעהרען ביי דיר די (ווילדע) חיה אין לאנד*) זאגט משה רבנו אין דברים (ז׳ כ"ב). אין אנדערע ערטער ווערט בפירוש דערצעהלט, אז ישראל האט ניט געקענט איינגעהמען „דעם גשורי", מנשה האט ניט איינגענומען בית־שאן א. א. וו. „און דער כנעני איז געבליבען זיצען צווישען זיי ביז צו היינטיגען טאג". א טייל פון די שבטים איז געקומען פריהער, אנדערע שפעטער. אייניגע שבטים זיינען, לויט אלע וואהרשיינליכקייטען צוגעשטאנען צו דעם כלל ישראל ערשט אין א שפעטערע צייט, ניט בעטייליגענדיג זיך צוערשט אין גלות־מצרים. מיר קענען זיך לייכט פארשטעלען דאס בילד, ווי אזוי עס איז פארגעקומען דאס איינגעהמען פון לאנד כנען לויט די בריעף וועלכע מען האט ענטדעקט אין תל־אמרנא, אין מצרים. עס איז דא א גאנצע ליטעראטור, געווידמעט צו דער אויספארשונג פון דיזע בריעף. אין דיזע בריעף ווענדען זיך די קליינע מלכים׳לעך פון פערשיעדענע שטעדט פון כנען (צווישען אנדערע איז אויך דערמאהנט די שטאדט ירושלם) צו פרעה׳ן, ער זאל זיי ראטעווען פון די קריעגעריש בעדואינען־שטאמען "חאבירי" וועלכע זיינען אנגעקומען פון מדבר און איינגענומען איין שטאדט נאך א צווייטע. הגם ניט אלע פארשער זיינען נאך איינשטימיג אין דעם, אז די חבירי זיינען עם די עברים, איז אבער דאס גאנצע בילד פון דעם כבוש (עראבערען) אזוי עהנליך צו דעם אידישען כבוש, ווי ער מאהלט זיך אין „שופטים", און די עפאכע איז אזוי נאהענט צו דער צייט פון אידישער איינוואנדערונג, אז עס איז קלאר, אז די אידישע איינוואנדערונג אין לאנד כנען איז פארגעקומען גענוי אזוי, ווי די סעמיטישע איינוואנדערונג אין דעם לאנד ווערט בעשריבען איז די העכסט־אינטערעסאנטע בריעף פון תל־אמרנא.

ב. די אידישע תקופה.

די צווייטע פעריאדע פון דער געשיכטע פון ארץ־ישראל שטעלט מיט זיך, אייגענטליך, פאר דעם ערשטען טייל פון דער אידישער היסטאריע, ביז דעם פערלוסט פון דער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. לויט איהר וועלט־בעדייטונג איז דיזע תקופה, וועלכע ציהט זיך סך הכל אנדערהאלבען טויזענד יאהר, די וויכטיגסטע אין דער געשיכטע פון ארץ ישראל. צוליעב דעם ספעציעלען כאראקטער און צוועק פון דיזען בוך ווילען מיר אבער דורכגעהן דיזע וויכטיגסטע עפאכע בקיצור, ווארום זי איז גוט בעקאנט פון דער אלגעמיינער אידישער געשיכטע.

די אידישע תקופה קען איינגעטיילט ווערען אין דריי טיילען: דאס לאנד אונטער דער אידישער איינוואנדערונג, אונטער דער אידישער נאציאנאל־פאליטישער הערשאפט, און אונטער דער אידישער עקאנאמיש־קולטורעלער הערשאפט.

*) „ונשל ה׳ אלהיך את הגוים האל מפניך מעט מעט לא תוכל כלותם מהר פן תרבה עליך חית השדה."

דער ערשטער טייל נעהמט ארום א צייט פון דריי־פיער הונדערט יאהר, פון אנהויב 14טען יאהרהונדערט ביז אונגעפעהר 1030 פאר דער אייראפעאישער צייטרעכנונג. בשעת די אידען זיינען געקומען אין ארץ כנען, איז דאס גאנצע לאנד געווען צוריסען צווישען קליינע שטעדט־מלוכות, מיט קליינע פירסטען־מלכים אן דער שפיצע, וועלכע האבען ארום זיך קאנצענטרירט די דארפיישע פויערן־בעפעלקערונג. דיעזע בעפעלקערונג איז בעשטאנען פון א מיש־מאש פון די אמאליגע אבאריגענען (איינגעבוירענע בעפעלקערונג) פון לאנד מיט די נייע, שפעטער אנגעקומענע כ נ ע נ י ם און אנדערע שטאמען. די שפראך, אויף וועלכער מען האט אין לאנד גערעדט איז געווען א סעמיטישע, א נאהענטע צו דעם העברעאיש פון אונזער תנ"ך. אויף די גרעניצען פון ארץ ישראל זיינען געוועזען מעכטיגע שטאמען און אפילו פאליטיש־ארגאניזירטע פעלקער. ביי דעם ברעג ים האבען געוואוינט די פלשתים (ביי די מצרים: פולאסטי*), וואס זיינען לויט זייער אבשטאמונג ניט געווען קיין סעמיטען, נאר עמיגראנטען פון די קליין־אזיאטישע ברעגען אדער פון די גריכישע ים־אינזלען. און דיעזע פלשתים, וועלכע האבען קיינע דויערנדע קולטורעלע און פאליטישע ווערטען ניט געשאפען, האבען דאך געגעבען זייער נאמען צו דעם לאנד — פאלעסטינא. ווענען די ח ת י ם איז בעוואוסט, אז זיי זיינען געקומען פון אנאטאליען און האבען געהאט, אין זייער צייט, א שטארקע מלוכה אין לבנון. דיעזעביידע פעלקער־שטאמען האבען אבער צוביסלעך אנגענומען די סעמיטישע שפראך און אסימילירט זיך מיט דער ארטיגער סעמיטישער בעפעלקערונג. שוין אין דוד המלך'ס מיליציע בעגעגענען מיר די כרתי און די פלתי — פלשתים־שטאמען, ווי אויך אוריה דעם ח ת י א. א. וו. מיט די מלכים פון א מ ו ר י האבען די אידען געפיהרט שווערע און פארצווייגענע מלחמות סיי אין די לענדער פון עבר הירדן און סיי אין מערב־לאנד.

ווי געזאגט, זיינען די אידען געקומען אין א"י נישט אלס פארמירטע, איינהייטליכע נאציאן, נאר אלס בעזונדערע וואנדערנדע בעדואינער־שבטים. פונקט ווי די אמורי, ווי די כנעני און ווי די אנדערע סעמיטישע שבטים מיט הונדערטער יאהרען פאר זיי, זיינען אויך די בני ישראל געקומען פונ'ם מדבר אין לאנד כנען, כדי צו ירשנ'ען דאס לאנד פאר זיך און פאר די קומענדע דורות. דער צוזאמענדיגער לעבען און דער בשותפות'דיגער צוועק, וועלכער איז פאר זיי אין דעם נייעם לאנד געשטאנען, די טראדיציעס, זיטען און שפראך, צוזאמען מיט די געמיינזאמע מלחמות האבען פון די איינצעלנע שבטים אויסגעשמידט במשך פון די קומענדיגע יאהרהונדערטער איין איינהייטליכעס נאציאנאלעס גאנצעס.

נאציאנאלער כאראקטער

שוין אין דער יונגסטער עפאכע פון דער געשיכטע ציינען ארויס די שבטים פון יישראל בעזונדערע נאציאנאלע כאראקטער־שטריכען, וועלכע טיילען זיי אוים פון אלע פריהערדיגע און שפעטערדיגע סעמיטישע און ארישע פעלקער. די שבטים פון יישראל האבען איינגעהאלטען ביי זיך אלגעמיינע ערינערונגען פון געמיינזאמער אבשטאמונג, פון געמיינזאמע אבות האומה (אברהם, יצחק און יעקב), פון זייער אמאליגער פערבינדונג מיט ארץ יישראל, פון דעם צוזאמענדיגען לעבען אין קנעכטשאפט אונטער'ן יאך פון מצרים, פון דער נאציאנאלער אויסלייזונג אונטער דער פיהרערשאפט פון איין העלד — דעם געזעצגעבער מ ש ה ר ב נ ו , פון געמיינ־

---

*) ביי די אשורים האט דאס לאנד פון פלשתים געהייסען: פאלאסטאוו אדער פיליסתא.

זאמע וואנדערונגען איבער דעם פרייען מדבר־סיני, און פון א געמיינזאמען גאט. וועלכער האט זיי געגעבען זיין תורה אויף דעם בארג חורב, און וועלכער האט זיי צוגעזאגט צו לאזען ירשנ'ען יענע וואונדערבארע לאנד ביים ברעג פון מדבר, וועלכע פליסט מיט מילך און מיט האניג און מיט וועלכער עס זיינען געוועזען פער־בונדען אור־אלטע טראדיציעס פון די ערשטע אבות. שוין פון מדבר זיינען די שבטים פון ישראל געקומען מיט לוחות פון א נייעם גלויבען, פון א נייער וועלטאנשויאונג, וואס איז געוועזען טיעף פערבונדען מיט זייער אינערליכען וועזען. שוין אין דער אויסשליסליכקייט פון דעם נאציאנאלען גאט, אין דעם נייעם רעליגיעזען פרינציפ: „לא יחיה לך אלהים אחרים על פני" ליעגט פערבארגען דער קערנדעל פון אלע צוקינפטיגע מאניסטישע אידעען, פון דעם אוניווערסאלען מאנאטעאיזם פון די נביאים ביז דער העכסטער ענטוויקלונג פון דעם מאדערנעם מענשליכען געדאנק. דער פרינציפ פון דער געטליכער און סאציאלער ג ע ר ע כ ט י ק י י ט איז געווא־רען א גרונד־שטיין פון דער מאראל פאר די קומענדע דורות. דער גלויבען אין איי־נענעם בערוף און אין די אייגענע כחות, צוזאמען מיט דעם גלויבען אין די נייע אידעען, וועלכע די שבטים פון ישראל האבען געטראגען — דאס אלעס האט צוגע־געבען דעם קאמפף צווישען ישראל און די איינוואוינער פון כנען א בעדייטונג פון א סאציאלער ערשיינונג, וועלכע האט ווייט איבערגעשפרייזט די ענגע ראהמען פון איהר ארט און איהר צייט.

עראבערונגען און פערטיילונג פון לאנד.

במשך פון הונדערטער יאהרען האבען די אידישע איינוואנדערער עראבערט דאס לאנד כנען, טיילווייז פערניכטענדיג, טיילווייז אסימילירענדיג די פריהערדיגע בעפעלקערונג, דעם כנעני, דעם אמורי, די חורי און אנדערע איינוואוינער. איבער־געהענדיג פון בעדואינישער ווירטשאפט פון שאף און גמלים צוכט צו פעלאכישער ערדארבייט און צו א שטאדטישען לעבען, האבען די אידען געמוזט איבערנעהמען ביי די כנענים די מעטאדען און פארמען פון דער מאטעריעלער קולטור, און צוזאמען דערמיט אויך די גייסטיגע אנשויאונגען און רעליגיעזע געוואוינהייטען פון די איינ־וואוינער פון כנען, דעם קולט פון ב ע ל און פון דער א ש ר ה, פון די בוימער און פון די טייכלעך, פון די בערגלעך און פון די הייליגע קברים. אזוי האבען די זיעגער אנגעפאנגען זיך אסימילירען מיט די בעזיעגטע.

פון דער אנדער זייט האט דער עראבערונגס־פראצעס פון לאנד נאטירליכער־ווייזע געבראכט צו דער אויסמישונג פון איניגע אידישע שבטים צווישען זיך, אזוי איז ש מ ע ו ן פערשלונגען געווארען אין יהודה, און ל ו י, וועלכער האט זיך קיין אייגענע טעריטאריע ניט ערווארבען, איז פערשפרייט געווארען צווישען אלע שבטים פון ישראל. די צענטראלע פאזיציאן האבען פערנומען די שבטים פון י ו ס ף (זעה די מפה), א פ ר י ם און דער האלבער שבט מ נ ש ה. דער קליינער שבט ב נ י מ י ן האט אבגעטיילט יוסף'ן פון יהודה'ן; י ש ש כ ר האט פערנומען דעם גאנצען עמק־יזרעאל און זיך פערשפרייט ביז'ן ירדן. צו צפון זייט פון דעם שבט איז געוועזען דער געביעט פון ז ב ל ו ן און פון נפתלי, און ביים ברעג ים, הארט ביי די צידונים, האט זיך באזעצט א ש ר. א האלבער שבט ד ן האט געמוזט פערלאזען זיין אלטע היים, אין דרום זייט פון לאנד, און אריבערוואנדערען אין עקסט־רעמען צפון. אויף דער אנדער זייט פון ירדן האבען די זיהן פון ר א ו ב ן געפיטערט זייערע שאף אין דרום זייט, ביי מואב; צו צפון פון זיי האט געוואוינט ג ד און ווייטער — די צווייטע העלפט פון מ נ ש ה. דיעזע שבטים פון עבר הירדן האבען

געפיהרט א האלב נאמאדישען לעבען און אנגעהאלטען שטענדיגע מלחמות מיט די ווילדע שכנים.

די שבטים וועלכע זיינען שפּעטער פון מדבר געקומען האבען נאטירליכער־ווייזע לענגער אנגעהאלטען דעם קאמפּפס־גייסט און די בעדואינישע לעבענס־פארמען. צו דיעזע שפּעטער אנגעקומענע שטאמען געהערט אויך „גור אריה יהודה“ (דער יונגער לייב יהודה), אויף וועמעס גורל עס איז אויסגעקומען צו פעראייניגען אונטער זיין



בילד 1
אידישער שטעמפּעל פון די צייטען פון ירבעם בן יואש (785—745).
די אויפשריפט לעזט זיך: „לשמע עבד ירבעם“.

אנפיהרונג אלע איבעריגע שבטים און אויסצובילדען פון זיי נאציאנאלע מלוכה־ארגאניזאציע. אין קאמפּף מיט די שכנות׳דיגע פעלקער, מיט דער זיעג איבער עמלק און פּלישתים, עמון און מואב, אדום און ארם, האט זיך אויסגעשמידט די אידישע איינהייט, אונטער דער אנפיהרערשאפט פון שאול (פון שבט בנימין) און פון דוד׳ן (פון יהודה) איז די אידישע מלוכה געגרינדעט און איבער גאנץ ארץ־ישראל און א גרויסען טייל פון סיריען אויסגעשפּרייט. די גרענעצען פון דער אידישער מלוכה אונטער דוד און שלמה זיינען געוועזען פון מיטעלמעער ביז דעם ים־סוף און פון וואדי־אל־עריש ביז די בערג לבנון, ביז אלעפּא, סיריען און תדמור אין דעם סירישען מדבר. אבער בלויז די לענדער פון די צוועלף שבטים וועלכע זיינען אויבען דערמאנט, האבען גע־האט א קאמפּאקטע אידישע לאנדס בעפעלקערונג. די תקופה פון דער אידישער פּאָ־ליטישער הערשאפט ציהט זיך אונגעפעהר פון דעם יאהר 1028 ביז 586.

אידישע מלוכה. דוד און שלמה האבען ארגאניזירט דעם אידישען שטאאט מיט א צענטראלער רעגירונג, מיט א שטענדיגער ארמעע פון פוסגעהער און קאוואלעריע, מיט א אידישער פלאטע אויף דעם ים־סוף, מיט א פיסקאלער (פינאנסען) סיסטעם. מיט מויערען און פעסטונגען האט שלמה בעפעסטיגט ירושלים און אנדערע שטעדט. מיט דעם בוי פון דעם בית־המקדש, דעם איינציגען אין דער וועלט טעמפּעל צו דעם איינציגען גאט, אהן א בילד און אהן א פארם, איז דער אידישער רעליגיעזער קולט צענטראליזירט געווארען, פונקט ווי די פּאליטישע מאכט, אין ירושלים.

נאך א הונדערטיעהריגער פעראייניגונג האט זיך אבער די אידישע מלוכה צו־שפּאלטען אין צווייען: יהודה מיט ירושלים אין צענטר און דוד׳ס דינאסטיע אין דער שפּיצע פון איין זייט, און ישראל מיט דעם שבט אפרים אין דער שפּיצע, און מיט בעזונדערע רעליגיעזע צענטרען (אין בית־אל און אין דן) פון דער אנדער זייט.

ישראל און יהודה.

די פּעריאָדע פון דער גלייכצייטיגער עקזיסטענץ פון ביידע מלוכות האָט געדויערט העכער צוויי הונדערט יאָהר. צייטענווייז האָבען די מלוכות צווישען זיך געקעמפּפט, פון צייט צו צייט פלעגען זיי אָבער שליסען שלום און מלחמה האַלטען געגען די אויסערליכע שכנים. די פיהרענדע ראָל האָט געהערט דערביי צו דער מלוכה פון ישראל. פון צייט צו צייט פלעגט די אידען געלונגען צוריק צו בעקומען די הערשאַפט איבער אַלע אַרומיגע פעלקער פון א"י. אזוי צ. ב. ש. האָבען די אידען אין די צייטען פון יהושפט מלך יהודה און אחאב מלך ישראל (876—855) און שפּעטער, אין דער צייט פון ירבעם דעם צווייטען (785—745) געהערשט כמעט איבער'ן גאַנצען געביעט פון שלמה'ס מלוכה.

גלות פון די עשרת השבטים.

די שטייגענדע מאַכט פון אשור, וועלכע האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון אַלט־בבל, האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען איבער גאַנץ סיריען. די מלכים פון אשור האָבען איינגענומען דמשק און גאַנץ ארם, (730), אָבגעריסען גלעד און גליל און פערטריבען זייערע איינוואוינער און אַם ענדע האָבען שלמנאסר און סרגון געמאַכט אַן ענדע צו דער מלוכה פון אפרים, חרב געמאַכט שמרון און פערטריבען די אָנגעזעהענסטע בירגער אין אשור (722). אויף זייער אָרט האָט מען געבראַכט פרעמדע קאָלאָניסטען פון ארם און פון מעסאָפּאָטאַמיען און בעזעצט אין שמרון. יהודה איז געבליבען זעלבסטשטענדיג, אָבער זי האָט געמוזט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון אשור און צאָהלען איהר צינזען. מיט דעם פּאַלען פון שמרון האָט זיך ניט אומגעקעהרט די צייט פון אַן איינהייטליכער אידישער נאַציאָן, ווי די מלכים פון יהודה האָבען געהאָפט, וואָרום די פערטריבענע שבטים זיינען געבליבען אָבגעריסען פון זייער לאַנד, און די קאָלאָניסטען פון שמרון, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרען אויף זייער פּלאַץ, האָבען זיך נור לאַנגזאַם אסימילירט מיט די אידען, נור אין רעליגיעז־נאַציאָנאַלען זין האָט זיך פערשטאַרקט דער אויטאָריטעט און העגעמאָניע פון יהודה, אַלס „דאָס רעשט פון בית ישראל".




בילד 2

אידישער שטעמפּעל פון די צייטען פון ע ז י ה ו ב ן א מ צ י ה מלך יהודה
(אין דער מיטען פון 8־טען יאָהרהונדערט).
די אויפשריפט לעזט זיך, פון איין זייט: „לשבניו", און פון דער אַנדער זייט: „לשבניו עבד עזיו".

די נביאים.

די עקזיסטענץ פון יהודה, אַלס איינציגע אידישע מלוכה, האָט געדויערט נאָך דעם פּאַלען פון שמרון נאָך 135 יאָהר. דיעזע תקופה כאַראַקטעריזירט זיך מיט אַן איני־

טענסיווער גייסטיגער טעטיגקייט און מיט דער הויכער ענטוויקלונג פון נאציאנאלער קולטור. דער אידישער געדאנק האט געפונען זיין אויסדריק אין די אוניווערסאלע, רעליגיעזע, פאליטישע און מאראלישע אנשויאונגען פון די ערשטע נביאים עמוס, הושע, מיכה, ישעיה (פאר דעם גלות שמרון), ירמיה און אנדערע נביאים — נאך דעם. דער גאט פון ישראל איז אנגענומען געווארען אלס דער איינציגער שופט און הער־שער איבער אלע פעלקער, אשור איז ניט מעהר ווי גאט׳ס שטראף — א שליח פון דער השגחה, צו בעשטראפען די פעלקער פון פאלעסטינא פאר זייערע זינד. די שטראף וועט אבער פאריבער, און גאט וועט זיך אומקעהרען צו זיין פאלק, און



בילד 8.

אן אויפשריפט אויף דער וואנט פון דעם וואסער־טונעל „השלח", פון די צייטען פון חזקיהו מלך יהודה (692—620) פאר דער אייראפעאישער צייטרעכנונג).

(פון אויבען איז דער אריגינעלער אויפשריפט בוכשטעבליך קאפירט אין רש"י כתב).

וועט איהם ווידער אויפריכטען אלס א זעלבסטשטענדיגע מעכטיגע נאציאן.

ניי־באבילאניען האט געמאכט אן ענדע צו דער עקזיסטענץ פון יהודה, ווי אשור האט עס פריהער געטאן מיט ישראל. אין דעם יאהר 597 זיינען פערטריבען געווארען אלע בייסטערס און צעהן־טויזענד אריסטאקראטישע פאמיליעס קיין בבל. דער אויפ־שטאנד פון דעם לעצטען קעניג, צדקיהו, אין עלף יאהר ארום, איז אונטערדריקט גע־ווארען דורך נבכדנאצר מלך בבל, וועלכער האט חרב געמאכט דעם בית־המקדש און די שטאדט ירושלם. אלע אנגעזעהענסטע פאמיליען, און א טייל פון דער לאנד־בע־

ית בבל.

פעלקערונג זיינען גענומען געווארען געפאנגען און פערשיקט אין די אינערע פראווינצען פון בבל. קיין נייע קאלאניסטען זיינען אויף זייער ארט ניט צוגעשיקט געווארען; יהודה איז געבליבען פערלאזען און פערוויסטעט, און די ארומיגע האלב־ווילדע שבטים האבען גענומען בעלי־בתי־ווען איבער דעם פערלאזענעם אידישען לאנד.

שיבת ציון.

אין פופציג יאהר ארום (אין יאהר 538), ווען דער פרסישער קעניג כורש האט געמאכט א סוף צו דער הערשאפט פון דער באבילאנישער דינאסטיע, האט ער ערלויבט די געפאנגענע אידען אומקעהרען זיך אין זייער לאנד. אין דיעזער „שיבת־ציון“ האבען זיך בעטייליגט ביז 50,000 מאן, וועלכע האבען געלעגט א יסוד צו דער נייער אידישער געמיינדע אין די גרענעצען פון דער פריהערדיגער יהודה. דערמיט פאנגט זיך אן דער דריטער טייל פון דער אידישער תקופה, די פעריאדע פון ב י ת ־ ש נ י, פון אידישער קולטורעל־עקאנאמישער הערשאפט איבער ארץ־ישראל, וואס האט זיך געהאלטען 600 יאהר.

דער אידישער ישוב אין צייט פון צווייטען בית־המקדש האט זיך קאנצענטרירט ארום דער בענייטער ירושלם, אין דעם שמאלען געביעט צווישען באר־שבע און בית־אל. צו דער צייט האבען זיך די נאבאטייאישע אראבער (נבטו־נביות) בעוויזען אין די גרענ־ניצען פון ארץ ישראל. זיי האבען פערכאפט די געביעטען פון עמון, מואב און אדום און אריינגעדרונגען ווייט אין צפון. די א ד ו מ י ם זיינען געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציהען פון זייערע אלטע וואוינונגס־לענדער אין די דרום־געביעטען פון יהודה און חברון. אין דעם צענטער פון לאנד, אין שמרון, זיינען געזעסען די שמרונים אדער כותים. די פיניקיער האבען פאר דער צייט פערכאפט דעם גאנצען ברעג פון ים, (ביז יפו און נאך זידליכער) וועלכער האט פריהער געהערט צו די אידען. פון אלע זייטען זיינען די אידען געוועזען ארומגערינגעלט מיט פיינדליכע שכנים, מיט וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו שטעהן אין שטענדיגע סכסוכים.


די מיטגליעדער פון דער נייער אידישער געמיינדע האבען זיך בעשעפטיגט מיט אקערבוי, מיט וויינבוי און, אין די שטעדט, מיט פערשיעדענע מלאכות. דער האנדעל איז געוועזען אין די הענד פון די כנענים (פיניקיער) און אנדערע אויסלענדער. אין אלגעמיין האט די געמיינדע איבערגעלעבט א שווערע מאטעריעלע לאגע, וועלכע האט זיך אבער מיט דער צייט פערבעסערט. אין דער פרידליכער צייט פון דער פערזישער הערשאפט (537—333) זיינען צוריק אויפגעבויט געווארען די רואינען פון דער פערוויסטונג. עזרא און נחמיה (אין דעם מיטען פון פינפטען יאהרהונדערט) האבען פיעל געטהאן פאר דער פארבעסערונג און פארשטארקערונג פון דער אידישער געמיינדע אין גייסטיגען און מאטעריעלען זין. צו דער זעלבער צייט איז פארגעקומען די ענד־גילטיגע שפאלטונג צווישען די אידען און די שמרונים, וועלכע האבען זיך געשאפען א בעזונדער קולטורעל־רעליגיעזען צענטער, ארום זייער הייליגען בארג גרזים, וואו זיי האבען אויפגעבויט א בעזונדער בית־המקדש. דעם פלאץ פון'ם היסטארישען קאמפף צווישען יהודה און אפרים האבען פערנומען — די שטענדיגע מלחמות פון די אידען מיט די שמרונים.

אידישע אויטאנא־מיע אונטער פרס

די אידען האבען געבילדעט אן אויטאנאמע טעאקראטיש־רעפובליקאנישע גע־מיינדע. אין דער שפיצע זיינען געשטאנען די זקנים און די ראשי בתי האבות (די עלטסטע פון די פאמיליען), דער כהנים־שטאנד מיט דעם כהן גדול פון צדוק'ס דינאס־טיע בראש, דאס איז געווען די פעריאדע פון דער כנסת הגדולה. אין יאהר 332 האט אלכסנדר מוקדן איינגענומען אלע לענדער, וואס האבען געהערט צו דער גרויסער

פרס'ישער מלוכה. דערמיט פאנגט זיך אן א נייע שטירמישע תקופה פאר סיריען און ארץ ישראל. דיעזע לענדער זיינען געווארען אן ארענא פאר דויערנדע מלחמות צווישען די „דיאדאכען“, ווי אלכסנדר'ס יורשים האבען זיך גערופען, ד. ה. די סירישע סעלעקווידען און די עגיפטישע פטאלאמעאידען.

די גריכען האבען זיך געסטארעט מיט אלע מיטלען ארויפצוצווינגען זייער קולטור און הערשאפט אויף די קליינע פעלקער פון פאדער־אזיען. זיי האבען געבויט נייע שטעדט אין זייער סטיל, געבראכט נייע קאלאניסטען, געמויערט טעמפלען, גימנאזיומס און טעאטערע פאר זייער קולט און איינגעבראכט זייערע פאליטישע ארדנונגען. די קליינע אימות פון סיריען האבען זיך אנגעהויבען שנעל צו עלליניזירען, אננעהמענדיג די גריכישע שפראך און זיטען. אפילו די אידישע בעפעלקערונג פון עגיפטען און פון



בילד 4.

אן אלטע העברעאישע אויפשריפט פון ענדע שטען יאהרהונדערט פאר קריסט. רעכנונג אין הורקנוס בן יוסף'ס פעסטונג עראק אל־אמיר, (טירוס) עבר הירדן.

נארד סיריען האט זיך מעהר־וועניגער עלליניזירט, אבער די אידישע קולטור אין יהודה איז געוועזען צו שטארק און אינערליך־מעכטיג זי זאל זיך אונטערגעבען דער נייער גריכישער. עס איז אויסגעבראכען א שארפער קאמפף צווישען דער אידישער און דער גריכיש־מאקעדאנישער קולטור. יהודה איז געווארען אן ארענא פאר דיעזען דאפעלטען קאמפף, דעם קאמפף פון עגיפטען מיט סיריען פאר הערשאפט, און פון יהודה — פאר איהר נאציאנאלער עקזיסטענץ. ביי די אידען גופא האבען זיך געבילדעט פארטייען, וועלכע זיינען געווארען געניינגט צו קאמפראמיסען מיט דער סיריש־גריכישער הערשאפט. אנדערע זיינען געוועזען מעהר נוטה צו די עגיפטישע הערשער, וועלכע זיינען געוועזען מעהר טאלעראנט איידער די סירישע. מיט דער הילף פון דיעזע פארטייען האבען די פרעמדע הערשער געזוכט אונטערצודריקען דאס אידישע פאלק. די גרויזאמע מעשים

פון אנטיוכוס אפיפנוס, וועלכער האָט מחלל געווען דעם בית־המקדש און געפּרובט מיט גוואלד ארויפצווינגען אויף די אידען דעם גריכיישען רעליגיעזען קולט, האָבען איבערגעפילט די מאָס. דאָס פאָלק האָט אויפגעהויבען אַן אויפשטאַנד, און אונטער דער אָנפיהרונג פון מתתיהו החשמונאי אָנגעפאַנגען א קאַמפּף געגען די פרעמדע טיראנען און אייגענע פאררעטער. אין א קורצער צייט איז געלונגען יהודה המכבי (166־161) צו זיעגען איבער די סורישע חילות, בעפרייען ירושלים פון פרעמדער הערשאפט און בענייען די עבודה אין בית־המקדש. זיינע ברידער יהונתן (161־142) און



בילד 5.

א אידישער זילבערנער „שקל" פון שמעון הנשיא (החשמונאי).
פון איין זייט לעזט זיך די אויפשריפט: „שקל ישראל" און „ש"ב" (ד. ה. שנת ב') און פון דער אנדער זייט: „ירושלים הקדושה".

די חשמונאים. שמעון 142—135) האָבען דערגרייכט די פאָרלשטענדיגע אונאבהענגיגקייט פון יהודה, און די חשמונאים זיינען אנערקענט געוואָרען סיי פון'ם פאָלק, און סיי פון די פרעמדע מלוכות, אלס זעלבסטשטענדיגע הערשער. יוחנן הורקנוס (135—105) האָט פערברייטערט די הערשאפט פון יהודה איבער שמרון, געצוואונגען די ארומים אננעהמען יודענטום און בעזיעגט די פלשתים און די אראבער. זיינע זיהן יהודה (אריסטבול) און יהונתן (אלכסנדר־ינאי) האָבען פארטגעזעצט זייערע עראָבערונגען אין גליל, עבר הירדן און אנדערע לענדער. נאָך א קורצען פעריאָד פון פריעדען, אין דער צייט



בילד 6.


א קופּערנע מטבע פון „שמעון הנשיא" (החשמונאי)
די אויפשריפט ארום די צוויי לולבים בעדייטעט: „שנת ארבע חצי". ארום דעם פאלמען־בוים שטעהען צוויי קוישלעך מיט פרות, די אויפשריפט לעזט זיך: „לגאלת ציון".

פון שלומית המלכה, האָט זיך אָנגעהויבען אַן אינערליכער קאַמפּף צווישען איהרעביידע זיהן, און די מחלוקת האָט געבראכט דאָס לאנד אין די הענד פון רוים (63). אין יאָהר 37 איז ארונטערגעזעצט געוואָרען דער לעצטער חשמונאישער קעניג (מתתיה). הורדוס דער אדומי איז ארויף אויפ'ן אידישען טראָן. מיט דער קראפט פון רוים איז הורדוס'ען געלונגען צו בעזיעגען די לעצטע אויפשטאנדען און פערשטארקען זיין מאכט. הורדוס האָט פעראייניגט אונטער זיין שליטה כמעט דאָס גאנצע געביעט

פון דוד'ס רייך און האט געהאלטען אונטער אידישער הערשאפט אלע קליינע פעלקער. ער האט איפגעבויט און בעפעסטיגט שטעדט, בעגייט דעם בית המקדש, דורכגעלעגט וועגען און בריקען, און איבערהויפט געזארגט פאר דער אויסערליכער שעהנהייט אין רוימישען סטיל.

הורדוס.

אין הורדוס'עס צייט איז דאס אידישע לאנד געוועזען צוטיילט אויף פאלגענדע טיילען: א) י ה ו ד ה, אריינגערעכענט אדום, ב) ש מ ר ו ן אדער סאמאריא, ג) ג ל י ל, אונטערשטער און אויבערשטער, ד) ע ב ר ־ ה י ר ד ן אדער פערעא, פון דעם טייך ירדן ביז גרשה און רבת־עמון, און פון טייך ארנון ביז פחל (פעללא). חוץ דעם זיינען געוועזען קלענערע געביעטען, ווי צ. ב. ש., די טעטראַרכיע פון פיליפּוס וועלכע האט ענטהאלטען גולן (אריינגערעכענט טבריה), בשן (מיט דער נוקרא), ארגב (לערזשאא) און חורן, ווי אויך גמלא, חלקים, פיניקיא, לבנון, אראביא, און די צעהן גריכישע שטעדט — די דעקאפאלים (דמשק, גרש, רבת, גדר, סוסיה, פחל, קנת, בית־



בילד 7.

די קברים פון די חשמונאים לעבען דעם דארף מודיעין (מידיע).

שאן, דיון, אבל, בית אדם). הורדוס'עס דינאסטיע האט געהערשט איבער די פראָווינצען פון א"י העכער הונדערט יאהר. אונטער זיין אייניקעל א ג ר י פ ס ה ר א ש ו ן (37—44 נאך דער קריסטליכער ערא) איז זיין ירושה צום לעצטען מאל געוועזען פעראייניגט. נאך דעם האבען די רוימער געהערשט איבער יהודה דורך זייערע פּראָקוראַטאָרען (אגריפּס דער צווייטער איז שוין געוועזען בלויז א נאָמינאַלער קעניג). די רוימישע הערשער האבען אונטערדריקט און עקספּלואטירט די אידישע בעפעלקערונג, און רואינירט דאס לאנד א דאנק דער פערדארבענקייט פון זייער אדמיניסטראציאן. די רוימישע גרויזאמקייט און אונגערעכטיגקייט האבען ארויסגערופען ביי אידען די גרעסטע פערביטערונג. דאן זיינען ענטשטאנען פערשיעדענע מעסיאַנישע סעקטען. איינע פון די בעוועגונגען, וועלכע זיינען צו יענער צייט ענטשטאַ־

חרבן פון בית שני.

נען ביי אידען, איז פערבונדען מיט דעם נאָמען פון י ש ו ע פ ו ן נ צ ר ת (יעזוס), וועלכער האָט געהייסען ביי זיינע אָנהענגער „דער משיח" (אין גריכיש: „חריסטאָס"). א גרעסערע בעדייטונג אין דער וועלט האָט דאָס קריסטענטום בעקומען ערשט אין הונדערט יאָהר נאָך דעם. פּאָליטישע אויפשטאַנדען זיינען געוועזען עטליכע: דער וויכטיגסטער און ענטשיעדענער איז אויסגעבראָכען אין די צייטען פון נירון־קיסר. נאָך א צוויי־יאָהריגען העלדישען קאַמפּף געגען די אָרגאַניזירטע רוימיישע לעגיאָנען איז ירושלים געפאַלען און דער בית־המקדש איז פערברענט געוואָרען (אין יאָהר 69, דורך טיטוס׳ן דעם זוהן פון דעם רוימישען קיסר אספסינוס). אידען האָבען צום צוויי־טען מאָל זייער זעלבסטשטענדיגקייט פערלאָרען, און דאָס מאָל — אויף לאַנגע, לאַנגע צייטען.

נאָך דעם חורבן זיינען די אידען ניט פערניכטעט געוואָרען דורכאויס. א גרויסער טייל אידען איז נאָך אלץ פערבליבען אין ארץ ישראל ביי לאַנדווירטשאַפט. אין זעכציג יאָהר ארום נאָך דעם חורבן האָבען די אידען ווידער געקעמפּפט פאַר זייער בעפרייאונג, אונטער דער פיהרערשאַפט פון שמעון ב ר כ ו כ ב א, און אפילו אין פינף הונדערט יאָהר ארום, נאָך דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא, זענען אידען געוועזען ווידער אמאָל אים שטאַנד צונויפזאַמלען אַן אייגענע ארמעע אום צו קעמפּפען פאַר זייער פרייהייט. דאַן אָבער, אין 7טען יאָהרהונדערט, זיינען שוין די אידען ניט געווען מעהר די מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג אין לאַנד, נאָר — א מינדערהייט. דער פּראָצעס פון אידישער פערקלענערונג איז פאָרגעקומען צוביסלעכוויז, אונטער דער רוימישער, בעזונדערס — אונטער דער ביזאַנטישער הערשאַפט. אונטער דער אַראַ־בישער הערשאַפט זיינען שוין די אידען געוועזען כמעט דורכאויס א שטאָדטישער עלעמענט; אידישע לאַנדווירטשאַפט טרעפט זיך בלויז אלס אויסנאַהם. במשך פון דער לאַנגער אַראַבישער תקופה האָט זיך דער אידישער ישוב ניט פערגרעסערט; די געשיכטע פון לאַנד האָט זיך אויף אַזאַ אופן, במשך פון טויזענד יאָהר אינגאַנצען אָבגעטיילט פון דער געשיכטע פון דעם פאָלק. נור אין דער לעצטער העלפט פון דעם 19טען יאָהרהונדערט קומט פאַר א ראַדיקאַלע אומענדערונג אין דעם פּראָצעס, און אין דער אידישער געשיכטע קומט פאַר ווידער א טענדענץ צו פעראייניגען דעם גורל פון פאָלק מיט דעם גורל פון זיין אַלטער היים.

די נאָך־אידישע תקופה.

די נאָך־אידישע געשיכטע פון פּאַלעסטינא דאַרף איינגעטיילט ווערען, לויט איהר פּאָליטישען כאַראַקטער, אין דריי טיילען: די רוימיש־ביזאַנטישע, די אַראַ־בישע און די טערקישע.

ד. די רוימיש־ביזאַנטישע הערשאַפט.

קלאַסישער רוים און ביזאַנטיען.

די רוימיש־ביזאַנטישע הערשאַפט איבער סיריען האָט אָנגעהאַלטען, נאָך דעם חורבן פון דער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט, 567 יאָהר (פון 69טען ביז 636טען יאָהר קריסטל. צעהלונג). דיעזע פּעריאָדע גופא קען, אין איהר רייהע, איינגעטיילט ווערען אין צוויי טיילען: צוערשט קומט די הערשאַפט פון דער געצענדינערישער, אָדער קלאַסישער, רוימישער מלוכה, מיט דעם צענטער אין רוים (רומא). זי האָט אָנ־געהאַלטען העכער 250 יאָהר. אין דעם צווייטען טייל איז די מאַכט איבער די אַזיאַ־טישע פּראָווינצען געלעגען אין די הענד פון דער קריסטליכער אָדער רוימיש־ביזאַנ־

טייטער מלוכה, מיט דעם צענטער אין קאנסטאנטינאפאל. די גאנצע עפּאכע פון רוימי־ישער הערשאפט שטעלט מיט זיך פאר אן איבערגאנגס פעריאָדע פון דער אידיישער צו דער ניט־אידישער תקופה; אין אנהויב פון דער עפּאכע זיינען די אידען געוועזען נאך א מעהרהייט אין לאנד, אין ענדע שטעלען שוין די אידען פאר א מינדערהייט. יעדענפאלס, אבער, שפּיעלען נאך די אידען אין דיעזער תקופה אן איבערוויגענדע ראלע אין לאנד. אין דער הינזיכט איז די געשיכטע פון א"י אין דיעזע ערשטע יאהר־הונדערטער נאך אלץ ביז צו א געוויסען גראד — די געשיכטע פון דער אידישער בעפעלקערונג אין דעם לאנד.

די קלאסיש־רוימיישע מלוכה האט בעפעסטיגט דאס לאנד און געהאלפען דער ענטוויקלונג פון קולטור און האנדעל אין סיריען; זי האט געבויט פעסטונגען און מערק, אויסגעלעגט וועגען און בריקען. רעשטען פון די רוימישע פעסטונגען, חורבות פון טעאטערע און וואסער־קאנאלען געפינט מען ביז צו דעם היינטיגען טאג אין חורן און אנדערע טיילען פון לאנד. רוים האט געהאלטען אין צוים די ווילדע שבטים פון מדבר, און דער פרוכטבארער באדען פון עבר הירדן האט צו יענער צייט געהייסען „דער שפּייכלער פון גאנץ סיריען". אפילו אין מערב ארץ ישראל איז נאך אלע אויפשטאנדען, געבליבען ווי מיר וועלען עס באלד זעהן, א גרויסע צאהל פון אקערבויער. אבער די אינערליכע געשעהענישען פון דער רוימיישער מלוכה האבען געבראכט צו איהר אבשוואכונג און פאנאנדערפאלונג. און נאך פריהער, ווי די אימ־פעריע האט זיך ענדגילטיג פאנאנדערגעגלידערט, איז ארץ ישראל אריינגעפאלען אין די הענד פון דער אסט־רוימישער קריסטליכער מאכט.

אונטער דער קריסטליכער הערשאפט האט זיך שטארק אויפגעהויבען דער רעליגיעזער אינטערעס פון רוים צו ארץ ישראל. דאס לאנד איז אנגעפיהלט געווא־רען מיט קלויסטערס און מאנאסטירען, אזוי אז אין א טאג פון חגא, שרייבט א קירכענפאטער פון יענער צייט, פלעגט דער קלאנג פון די גלעקער זיך טראגען אהן אונטערברעכען פון לבנון ביז די בערג פון מדבר סיני. דאס עקאנאמישע און קולטורעלע לעבען פון לאנד האט אבער אנגעהויבען אונטער דער ביזאנטישער הער־שאפט צו זינקען. די ביזאנטישע רעגיערונג איז אמת געוועזען גענוג שטארק אונטערצודריקען די אידישע און די שמרונישע אויפשטאנדען פון דיעזער תקופה, און אויסצוראטען די אפּיקורסישע סעקטעס וועלכע זיינען ענטשטאנען צו יענער צייט אין דער קריסטליכער קירכע; דיזעלבע ביזאנטישע רעגירונג איז אבער געווען אונפעהיג איינצוהאלטען איהרע פּראווינצען אויף דער קולטורעלער און עקאנאמישער הויך, אויף וועלכער זיי זיינען אין דער פריהערדיגער עפּאכע געשטאנען. זי האט אויך ניט געהאט די מאכט אפּצוהאלטען די אינוואזיאן פון די אראבישע איינוואנדערער, וועלכע האבען זיך צו דער צייט בעוויזען פון דעם מדבר און פערפלייצט דעם גאנצען עבר הירדן. פערקעהרט, די ביזאנטישע רע־גירונג איז געוועזען געצוואונגען צו אנערקענען זייער קראפט, אפטמאל האט זי אויסגענוצט די אראבער, אלס געדונגענע מיליציע, כדי איינצושטילען איהרע אינער־ליכע אויפשטאנדען (צ. ב. ש. די שמרונישע). דעריבער אבער האט זי איבערגעגעבען מיט די איינענע הענד איהר מאכט צו די אראבער. ניט ווילענדיג האט זי געגעבען א טויט־קלאפּ דעם גאנצען האנדעל און עקאנאמישער בעדייטונג פון איהרע סירישע פּראווינצען און צוגעגרייט איהר אייגענעם סוף. צו דעם מאמענט ווען די אראבישע הארדען זיינען, אין א פּאר הונדערט יאהר ארום, געקומען איינצונעהמען

די וועלט אין נאמען פון איסלאם, האבען זיי געטראפען אין חורן א געדיכטע אראַ־בישע בעפעלקערונג, וועלכע האט זיך גערן מיט זיי פעראייניגט און געהאָלפען איינצו־נעהמען די צופוילטע אימפעריע און אראביזירען די סירישע פראווינצען.

אדמיניסטראטיווע איינטיילונג.

אונטער דער רוימישער הערשאפט איז ארץ ישראל געוועזען איינגעטיילט אויף פאלגענדע אדמיניסטראטיווע טיילען: א) יהודה און שמרון ביז דעם עמק יזרעאל האבען געטראגען דעם נאמען „פאלעסטינא פרימא“ (ערשטע פאלעסטינא), מיט דעם צענטר אין שטאדט קסריה. ב) דער נארד־טייל פון לאנד מיט טבריה אין דער שפיצע האט געהייסען „פאלעסטינא סעקונדא“ (צווייטע). ג) די אמאליגע אדום מיט דער שטאדט סלע, אדער פעטרא, האט געטראגען דעם נאמען „פאלעסטינא סאלוטאריס“. אדער „טערציא“ (דריטע). ד) דער געביעט פון צור האט געהייסען „פיניקיא פרימא“ דער לבנון מיט דמשק — „פיניקיא סעקונדא“, און דער גאנצער מזרח־געגענד פון'ם ירדן — ביז די דרום־גרענעצען האט געהייסען „פראווינציא ארַאביא“.

מיט דעם אונטערגעהן פון דער פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט האט זיך דער אינטערעס פון'ם אידישען פאלק קאנצענטרירט אויף זיין גייסטיגער פערשטארקונג. אנשטאט ירושלם איז דער נאציאנאלער צענטר געווארען יבנה. דער סנהדרין מיט דעם נשיא זיינען געווארען די פארשטעהער פון'ם פאלק, און דאס לערנען אין די ישיבות האט פערנומען דעם ארט פון דער עבודה אין בית־המקדש. די ווייטערדי־גע דורות צייכנען זיך אויס מיט אנגעשטרענגטער טעטיגקייט אויף'ן גייסטיגען געביעט. דאס איז געוועזען די תקופה פון דער משנה (וועלכע איז פערענדיגט געווארען אונגעפעהר אין יאהר 210 נאך דער קריסטל. צעהלונג) און שפעטער — פון דעם פאלעסטינישען תלמוד, אדער תלמוד ירושלמי (פערענדיגט ארום יאהר 359).

היידניש־רוימי־שע הערשאפט.

אין פאליטישען און אין עקאנאמישען זין זיינען אבער דיעזע יאהרהונדערטער זעהר שווערע. די ערשטע רוימישע קיסרים, אספסינוס און טיטוס, האבען ארויפ־געלעגט אויף די בעזיעגטע אידען שווערע אבצאהלונגען (דעם זאגענאנטען „פיסקוס יודאיקוס“ פאר דעם קאפיטאלישען זעווס איז רוים), וועלכע זיי פלעגען שטרענג אויפמאהנען. צוליעב דעם צוועק פלעגען זיי האלטען מיליטער איבער'ן לאנד (מוצא־קולוניא; קסריה, עמואס, אקאבא, א. ז. וו.). דעם גאנצען באדען האבען זיי ערקלערט אלס דעם קיסר'ס פריוואט אייגענטום, און פלעגען פערלאנגען געלד פאר דאס רעכט צוריק צו בעארבייטען די פעלדער. קיין בעזונדערע קאלאניזאציע האבען אבער די רוימער ניט געפיהרט, אויסער איינצעלנע פלעצער, אין וועלכע זיי האבען בעזעצט וועטעראנען (אויסגעדיענטע סאלדאטען) ווי צ. ב. אין די דערמאהנטע „קאלאניע“ מוצא און עמואס.

נאך איידער די בעפעלקערונג האט זיך בערוהיגט פון דעם לעצטען אויפשטאנד, האבען זיך אנגעהויבען שארפע נאציאנאל־רעליגיעזע פערפאלגונגען מצד פון די רוימישע קיסרים טרינוס און אדרינוס. דאס האט ארויסגערופען נייע אידישע אויפשטאנדען געגען דער רוימישער הערשאפט (אין 117טען און אין די יאהרען 133—136). דער לעצטער אידישער אויפשטאנד, אונטער דער אנפיהרערשאפט פון

בר־כוכבא.

שמעון בר־כוכבא און אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאפט פון רבי עקיבא איז געוועזען דער גרעסטער און דער וויכטיגסטער. ניט ווייניגער ווי א האלבער מיליאן אידען האבען זיך אין דעם אויפשטאנד בעטייליגט. די אידען האבען פער־כאפט ביז פופציג פעסטונגען, און נאהענט צו טויזענד שטעדט און

דערפֿער, אויפֿגעשטעלט א דרייפאכע פערטיידיגונגס־ליניע, און במשך פון עטליכע יאָהר מיט ערפֿאָלג צוריקגעשטויסען די רוימער. די לעצטע האַבען אין דעם אידישען אויפשטאַנד דערזעהן א געפאַהר פאר דער עקזיסטענץ פון דער גאנצער אימפעריע און האַבען אנגעשטרענגט אַלע קרעפטען אונטערצודריקען איהם. דאָס איז זיי געלונגען ערשט נאָך א דריי יאָהריגען קריעג. אדרינוס האָט זיך אויף א שרעקליכען אופן אפגערעכענט ניט נור מיט די קריעגער, נאָר אויך מיט דער גאנצער פריעדליכער



בילד 8.
„דינר" — א אידישע מטבע פון שמעון בר־כוכבא.
פון איין זייט — דער שער פון בית־המקדש מיט אן אויפשריפט „ירושלם", פון דער אנדער זייט — א לולב מיט אן אתרוג. די אויפשריפט לויטעט: „שנת אחת לגאלת ישראל".

בעפעלקערונג. דאָס לאַנד איז פערפלייצט געווארען מיט בלוט און די געפאנגענע פרייען, קינדער און מענער זיינען פערקויפט געווארען פאר שקלאַפען פאר שפּאָט־ביליגע פרייזען אויף דעם שקלאַפען־מארק אין חברון. יהודה איז פערוויסט געווארען און אויף דעם אָרט פון אידישען בית המקדש אויף דעם הר־המוריה, איז געבויט געוואָרען א רוימיש־היידנישער טעמפעל צו זייער גאָט יופיטער קאפּיטאליוס. אַן עהנליכער רוימישער טעמפעל איז אויך אויפגעשטעלט געווארען אויף דעם בארג גרזים. ירושלם איז פערבויט געווארען מיט א רוימישער שטאָדט „איליא" און עס




בילד 9.
א מטבע פון שמעון בר־כוכבא.
פון איין זייט — א הענגעל טרויבען מיט אן אויפשריפט „שמעון" פון דער אנדער זייט — א קרוג און א זאנג, מיט דער אויפשריפט „ש"ב (שנת ב') לחר (ות) ישראל".

איז אפילו פערווערט געווארען די אידען צו דערנעהנטערן זיך צו די מויערען פון זייער פריהערדיגער הויפט־שטאָדט.

נאָך דעם אויפשטאַנד איז דער צענטער פון גייסטיגען און פון רעליגיעזען לעבען אריבערגעטראגען געוואָרען קיין גליל, וועלכער האָט וועניגער געליטען איידער יהודה. דאָ, אין דעם ראיאָן פון טבריה, איז פערענדיגט געווארען דורך דעם דור פון די תנאים, די משנה און דורך די וויטערדיגע דורות, דורך די אמוראים —— דער תלמוד ירושלמי. אים צענטער.

2טער און 3טע־ יאהרהונדערט.

דיעזע תקופה, וועלכע האט זיך געצויגען צוויי הונדערט יאהר, פון רבי עקיבא ביז הלל השני (ביז דעם ביזיאנטישען קיסר קאנסטאנטין) קען, נאטירליך, ניט אנגערופען ווערען א רוהיגע צייט אין דער אימפעריע. נאך דעם „פרומען“ אנטאנינוס און פילאזאפישען קיסר מארקוס אווירעליוס איז געקומען די עפאכע פון מיליטער־הערשאפט. אין א קורצער צייט פון הונדערט מיט פינף און צוואנציג יאהר האבען זיך געביטען אויף דעם רוימישען טראן דרייסיג אימפעראטארען. אין די שטענדיגע רייסערייען פאר'ן טראן האט סיריען, זעלבסטפערשטענדליך, געשפיעלט א בעדייטענדע ראלע. און אין דיעזע מלחמות פלעגען זיך אויך די אידען מיט די שמרונים בעטייליגען, וו. צ. ב. ש. אין דעם סכסוך צווישען פעסציניוס ניגער און סעפטימיוס סעווערוס (אין יאהר 193). נאך פריהער איז פארגעקומען א לאקאלער אידישער



בילד 10.

רואינען פון אן אלטען אידישען בית־מדרש אין כ פ ר ־ ב ר ע ם, אין גליל העליון, פון 3טען יאהרהונדערט.

אויפשטאנד אין צפורי (161), וועלכער האט ארויסגערופען שווערע פערפאלגונגען געגען די אידען. סעפטימיוס סעווערוס, ארויפשטייגענדיג אויף דעם רוימישען טראן האט אוועקגערויבט ביי די אידען די פריווילעגיע, וועלכע אידען האבען פערמאגט פון די צייטען פון יוליוס־קיסר, צו זיין בעפרייט פון שטייערען אין דעם שמיטה־יאהר. אין אלגעמיין אבער, האט סעפטימיוס די אידען ניט פערפאלגט, נאר אויסגעגליכט אין זייערע רעכטע און פליכטען מיט אלע אנדערע בירגער. אבער טראץ די אלע פאליטישע מהומות און טראץ די אכזריות פון דער רוימישער פערוואלטונג, איז די עפאכע פון דער געצענדינערישער רוים געוועזען פיעל בעסער פאר דער פאנאטישער קריסטליכער הערשאפט, וועלכע איז באלד נאך דעם אנגעקומען.

איינינגע רוימיישע הערשער זיינען אליין געוועזען סיריער אדער אראבער: אנדערע פון זיי האבען געהאט אפילו א בעזונדער נייגונג צו דער סירישער און צו דער אידישער קולטור. אלכסנדר סעווערוס (222—235) האט צ. ב. ש. געהאלפען אידען (ווי אויף קריסטען) בויען בתי־מדרשים און שוהלען, און די עלף חורבות פון אלטע אידישע בתי מדרשים אין גליל, וועלכע מען געפינט נאך ביז יעצט, שטאמען, וואהרשיינליך, פון דיעזער עפאכע. דערזעלבער הערשער האט ארייגעשטעלט אין זיין פאנטעאן (געטער־הויז), צווישען אנדערע סטאטועז, אויך די סטאטוע פון אברהם־אבינו און פון ישוע הנצרי. קיינמאל האט, יעדענפאלס, די היידנישע רוים ניט געפיהרט אזעלכע סיסטעמאטיישע פערפאלגונגען געגען דער אידישער נאציאן, ווי עס האבען געטהאן די קריסטליכע הערשער, ווי נור די ממשלה איז אריבער אין זייערע הענד.

דער פאקט איז, אז נאך אלע שרעקליכע מפלות און קאטאסטראפען זיינען די אידען ביסלעכווייז געקומען צו זיך און אומגעקעהרט זיך צום פרידליכען לעבען, וואס האט זיך אנגעהויבען צו קאנצענטרירען אין גליל.

לאנדווירטשאפט ביי אידען.

די הויפט־בעשעפטיגונג פון די פאלקסמאסען איז נאך במשך פון א לאנגער צייט געוועזען די לאנדווירטשאפט: אידען האבען געאקערט דעם באדען און געפלאנצט פלאנטאציעס, בעזונדערס טרויבען און אליוען. אויף די בערג פלעגען זיי בויען טעראסען (1), און פערפעסטיגען זיי מיט קינסטליכע ווענט; זיי האבען געוואוסט ווי צו בענוצען בעמיסטיגונג (2) און צו בעוואסערען די פלאנטאציעס זומער־צייט (3). מיר געפינען פערשיעדענע סארטען וויין, אליוען און אנדערע תבואה, מיר געפינען פערשיעדענע כארטען געצייג (4), וואגענס (5), און אזא גרויסע צאהל פון טעכנישע אגריקולטור־טערמינען און אויסדרוקען, וועלכע לאזען ניט איבער קיין ספק וועגען דעם כאראקטער פון דער אידישער בעשעפטיגונג צו דער צייט ווען עס איז פערענדיגט געווארען די משנה (אנהויב 3טען יאהרהונדערט).

צו דער זעלבער צייט האט זיך נאך דעם חורבן פון יבנה געבילדעט אין גליל אויף א בעדייטענדער גייסטיגער צענטר. דא האבען זיך צונויפגעקליבען די איבערגעבליבענע חכמים און תלמידי־חכמים; דער נשיא האט בעקומען א גרויסע מאכט ניט נור אין ארץ ישראל גופא, נאר אויך ביי אלע אידען, וועלכע פלעגען מוזען זיך ווענדען צו זיין אויטאריטעט אין פיעלע רעליגיעזע און יורידישע ענינים. די אידען פון אלע לענדער פלעגען פרייוויליג צאהלען א בעזונדערען „מס־הנשיא“ (דער שטייער פאר דעם נשיא). דער נשיא האט געהאט דאס אויסשליסליכע רעכט פון סמיכה, ד. ה. די פרעראגאטיווע (די העכערע קאמפעטענץ) צו בעשטימען רבנים און דיינים און בעפאלמעכטיגען זיי מיט דער יורידיקציע און מיט דער קראפט ארויפצולעגען געלד־שטראפען. נאר ער האט געהאט דאס רעכט צו ערקלערען דעם עבור פון יאהר און מקדש זיין די לבנה, — פון וועלכע פארמאליטעטען עס זיינען געווען אבהענגיג די דאטומים פון אלע אידיישע יום־טובים פון יאהר. די רוימיישע רעגירונג גופא האט

1) משנה. שביעית: פרק ג, ה

2) שביעית: פרק ב—ב, ופרק ג׳—י׳; יומא: ה—ו׳.

3) מועד קטן: א׳—ג׳.

4) שבת: א, ט: שביעית: ז׳ י׳

5) שביעית: ה, ו׳: כלים: כ״ד—ב; כלאים: א׳—ג׳.

אנערקענט דעם נשיא אלס ע ט נ א ר ך (דער העכסטער פאָרשטעהער, דער קאָפּ פון דער נאַציאָן), און זיין בית־דין אלס העכערען געריכט.

די נשיאות.

די גלענצענדסטע תקופה פון דער נשיאות איז געווען די עפּאָכע פון רבי יהודה הנשיא ביז נאָך רבי יהודה דעם צווייטען. שפּעטער אבער האָט די נשיאות אנגעהויבען צו זינקען; די אלגעמיינע מאטעריעלע ירידה פון דער בעפעלקערונג האָט געבראכט דערצו, אז די בעסטע געלעהרטע און חכמים האָבען געמוזט עמיגרירען קיין בבל. וואו עס איז ענטשטאנען א נייער צענטר פון תורה. די קריסטליכע הערשאַפט האָט אין גאנצען דערשטיקט דעם אינסטיטוט פון נשיאות און אונטערדריקט די אידישע ישיבות אין ארץ ישראל.

די גאנצע הערשאַפט פון ביזאנטיען האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, מיט קליינע אָויסנאהמען א רייהע פון אנטי־אידישע געזעצען און פערפאלגונגען. נאָך אין יאָהר 315 האָט קאָנסטאנטין פערבאָטען די אידען אויפצונעהמען גרים. נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגענומען קריסטענטום, האָט דער קיסר בענייט דעם איסור פון אדרינוס, וואָס פערוועהרט אידען דערנעהנטערן זיך צו דער שטאָדט ירושלם. אין יאָהר 336 איז פערוועהרט געוואָרען אידען מל־צו־זיין זייערע שקלאַפען.

ביזאנטישע רדיפות.

די קריסטליכע הערשער פון ביזאנטיען האָבען עפענטליך ערקלערט די אידען אלס א ג אָ ט ל אָ ז ע, פ ע ר ב ר ע כ ע ר י ש ע ס ע ק ט ע (נעפאַריאַ סעקטא), און האָבען געפיהרט אן אויסגעהאלטענע מערדערישע פּאָליטיק. דער יורש פון דעם ערשטען קריסטליכען הערשער קאָנסטאַנציוס האָט נאָך מיט מעהר אייפער פון דעם פאָטער פאָרטגעזעצט זיינע פערפאָלגונגען. ער האָט מבטל געוועזען די קראַפט פון דעם סנהדרין (359) און די ישיבות האָבען זיך געמוזט פערמאכען; פיעלע רבנים און תלמידי־חכמים האָבען געמוזט זייער היים פערלאזען און עמיגרירען. אונטער טויט־שטראָף האָט ער פערוועהרט געמישטע הייראטען צווישען אידען און קריסטען. און די זעלבע שטראָף האָט ער ארויפגעלעגט אויף די, וואָס וועלען מגיר זיין זייערע שקלאַפען.

דיעזע פערפאָלגונגען האָבען נאַטירליך ארויסגערופען גרויסע אויפרעגונג, וועלכע פלעגט אמאָל אָננעהמען, אפילו די פאָרם פון אן אויפשטאַנד. אזוי איז, אין די צייטען פון גאלוס און ארסקעניוס, אויסגעבראכען דער אידישער אויפשטאנד אין צפורי (351) — נאָכדעם ווי ה ע כ ע ר צ ו ו י י ה ו נ ד ע ר ט יאָהר האָבען אידען רוהיג געטראָגען דעם רוימישען יאָך, און פערהאלטען זיך אין פרידען מיט דער רוימישער רעגירונג. אם ענדע האָט געפלאצט אפילו דער אידישער געדולד: דער אויפשטאנד איז אָבער אונטערדריקט געוואָרען. צפורי איז גענצליך חרב געוואָרען, און אויך אנדערע אידישע שטעדט, ווי לוד, טבריה און עכו האָבען זעהר שטארק געליטען.

יוליאנוס קיסר.

י ו ל י א נ ו ס ־ ק י ס ר (361—363) איז געווען דער איינציגער ביזאנטישער הערשער, וועלכער האָט ארויסגעצייגט ווירקליכע סימפּאַטיע פאַר דער אידישער נאַציאָן. י ו ל י א נ ו ס האָט פערעפענטליכט אן אויפרוף צו די אידען, אין וועלכען ער דריקט אויס זיין טיעפע ענטריסטונג איבער דער האנדלונג פון די פריהערדיגע ביזאנטישע מלכים בנוגע צו דער אידישער נאַציאָן. ער זאָגט צו אבגעבען אידען ירושלם און צוריק אויפצושטעלען דעם בית־המקדש. ער האָט אויך בעפרייט די אידען פון אלע אומגערעכטע שטייערען, וועלכע זיינען געלעגען אויף זיי צו לאסט. ליידער האָט זיך זיין פּלאַן פאַר דער קורצער צייט פון זיין הערשאַפט ניט געקענט פער־

ווירקליכען. די אידען זיינען געווען דאן זעהר ענטמוטיגט און ענטוישט, נאך דעם חורבן פון די פיער גרויסע אידישע שטעדט, און האבען ניט ארויסגעצייגט קיין שטארקע טעטיגקייט אין דעם מאמענט. באלד איז יוליאנוס קיסר געפאלען אלס אפפער פון דער האנד פון א פאנאטישען קריסט, וואס האט איהם געה'רג'עט מיט דער שווייגענדער הסכמה פון דער קריסטליכער קירכע, וועלכע האט דעם מערקוויר־דיגען אימפעראטאר יוליאנוס בעשימפפט און בעשמוצט אלס „מישומד" (אפאסטאט). דערפאר וואס ער האט געוואלט אומקעהרען דעם קלאסישען ראמאניזם און העללעניזם.

פאַרמינערונג פון די רדיפות.

די הנחות (פריווילעגיעס) פון יוליאנוס פאר אידען זיינען געבליבען אין קראפט אין דער צייט פון זיינע נאכפאלגער יוביאנעס און וואלענס, אבער טעאדאסיוס דער ערשטער האט ווידער איינגעקעהרט אלע פריהערדיגע בעגרענצונגס־געזעצען געגען אידען און האט נאך מוסיף געווען נייע. בעזונדערס האט געשאלט און געוואלט, טעאדאסיוס דער צווייטער (408—450). ער האט פערוועהרט צו בויען נייע שוהלען (בתי־מדרשים), צו האלטען קריסטליכע שקלאפען איבערהויפט; ער האט פערבאטען אידען אונטער אלע אומשטענדען זיך צו משפט'ען פאר א אידישען בית־דין. דער נשיא רבן גמליאל בתראה (דער זעקסטער) האט עובר געווען אויף דיעזע געזעצען און דער קיסר האט ביי איהם צוגענומען די קראפט פון נשיאות (פאטריארכאט). און נאך זיין טויט האט ער אפיציעל מבטל געמאכט די נשיאות ביי אידען (425). די אויבענדערמאנטע פרייוויליגע אידישע אבצאהלונגען פאר דעם נשיא האט ער קאנפיסקירט פאר דעם אוצר־המלוכה (רעגירונגס־שאץ). די איבעריגע הערשער פלעגען בעשטעטיגען אלע פריהערידגע בעגרענצונגען און צוגעבען נייע: זיי האבען צוגענומען ביי די אידען דאס רעכט צו זאגען עדות וועגען קריסטען, און פערפליכ־טענדיג די אידען צוגלייך מיט אלע אנדערע בירגער צו טראגען די לאסט פון דער מלוכה און פון דער מוניציפאלער פערוואלטונג — אבגענומען ביי זיי דאס רעכט צו פערנעהמען העכערע שטעלען, ווי אנדערע בירגער. די ביזאנטינער האבען געוויי־זען דעם ערשטען ביישפיעל אין דער געשיכטע אוועק־צורויבען די אידישע בירגער־רעכט, א ביישפיעל, וועלכע די מיטעל־אלטערלישע אייראפא האט נאכדעם גערן נאכגעפאלגט. דער פאטענט אויף דיעזער רויבעריי קומט אבער, על פי יושר, די קריסטליכע גריכען־ביזאנטינער.

עס איז בעקאנט, אז די ביזאנטיישע רעגירונג האט זיך אויך געמישט אין די אינערליכע ענינים פון דער אידישער רעליגיאן, ווי דער פערבאט צו פייערען אידישען פסח בעפאר דער קריסטליכער פאלט אויס, דער בעפעהל צו לעזען די תורה אונבע־דינגט מיט דער גריכישער איבערזעצונג א. ד. ג.

אויפשטאנדען פון די שמרונים.

די שרעקליכע רדיפות זיינען געווענדעט ניט נור געגען די אידען, נאר אויך געגען אנדערע ניט־קריסטען, ווי צ. ב. ש. די שמרונים. די שמרונים זיינען נאך צו יענער צייט געווען די דיכט־בעפעלקערונג פון מיטעל־פאלעסטינא, און ווענינער פון די אידען אויסגעמאטערט און ערשעפט פון שטענדיגע רעוואלוציאען און אויפ־שטאנדען. אם ענדע האט זיך דער שבט אויך גענומען צו דעם געוועהר געגען רוים. דער ערשטער שמרונישער אויפשטאנד איז אויסגעבראכען אין יאהר 484, אונטער דער פיהרערשאפט פון יוסטא, אין שכם און אין קסריה. דעם צווייטען בעדייטענדען אויפשטאנד האבען די שמרונים געמאכט אין יאהר 529 צוליעב די געזעצען פון יוסטיניאנוס. דער אויפשטאנד האט זיך פערשפרייט פון בית־שאן ביז קסריה איבער גאנץ שמרון, אונטער די פיהרערשאפט פון יוליאן בן צבר, וועלכען די

שמרונים בעטראכטעט אלס זייער „בר־כוכבא". דער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געווארען און די שמרונים זיינען שרעקליך בעשטראפט געווארען*). מען האט ביי זיי צוגענומען די עלעמענטארע מענשליכע רעכט, צ. ב. ש. דאס רעכט איבערצולאזען ירושה זייערע שמרונישע קינדער. דער דריטער אויפשטאנד פון די שמרונים איז פארגעקומען אין יאהר 556, הויפטזעכליך אין דעם געביעט פון כרמל, און אין איהם האבען זיך בעטייליגט אויך אידען. דער אויפשטאנד איז געווען דער לעצטער. ער איז שנעל אונטעדריקט געווארען, און די שמרונים האבען בעקומען א שווערע שטראף. זיי זיינען גענצליך געשטעלט געווארען אויסער'ן געזעץ, און האבען אנגעווארען די מעגליכקייט אנצופיהרען וועלכע ס'איז ווירטשאפטליכע טעטיגקייט.

דער אונטערגאנג פון די שמרונים איז א רעזולטאט פון די אויפשטאנדען און פון די פערפאלגונגען פון דעם זעקסטען יאהרהונדערט. אין דעם אנפאנג פון אט דעם יאהרהונדערט געפינען מיר נאך א גרויסע שמרונישע בעפעלקערונג, וועלכע וואוינט אין די שטעדט און אין די דערפער פון מיטעל־פלשתינא. און וועלכע איז אים שטאנד ארויסצושטעלען א מיליציע פון 50.000 מאן. צעהנדליגע טויזענדער זיינען אין די מלחמות געפאלען און טויזענדער געפאנגענע זיינען אוועקגעגעבען געווארען צו די אראבישע שבטים, אלס בעלוינונג פאר זייער הילף אונטערצודריקען דעם אויפשטאנד, אם ענדע דערצעהלט דער זעלבער היסטאריקער, איז די מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג אין די בערג פון שמרון געבליבען קריסטליך. אזא ערשיינונג וואלט, נאטירליך, ניט געקענט פאסירען, ווען די איבערגעבליבענע פון חורבן שמרונים וואלטען זיך ניט אנגעשלאסען, אלס אנוסים, צו דער הערשענדער קריסטליכער רעליגיאן. פון העם מאמענט האבען שוין די שמרונים ניט געקענט קומען צו זיך און די ווייטערדיגע שמרונישע געשיכטע איז בלויז די געשיכטע פון דעם אונטערגאנג און פון דער ענטארטונג פון דעם אמאל מעכטיגען און שטאלצען שבט — צו אן ארימער, קליינער סעקטע.

אונטערגאנג פון לאנדווירטשאפט ביי אידען.

ווי אזוי איז, אבער, די אלטע **אידישע לאנד־בעפעלקערונג** אונטערגעגאנגען? דיעזע פראגע איז נאך ביז יעצט ניט אויסגעפארשט. זי פערלאנגט א בעזונדערע אונטערזוכונג. מיר וועלען זיך, אבער מוזען דא בעגרענעצען בלויז מיט אלגעמיינע שטריכען.

עס איז א פאקט, אז צו דער ענדע פון ביזאנטישער הערשאפט האט נאך געלעבט אין א"י א היבשע אידישע לאנד־בעפעלקערונג, וועלכע איז געווען אים שטאנד צו מאביליזירען אן ארמעע פון 30.000 פרייוויליגע, אבער פון דער אנדער זייט, איז ניט ווענינער קלאר, אז אין פערגלייך מיט דער גאנצער בעפעלקערונג פון פאלעסטינא איז די אידישע בעפעלקערונג פון לאנד געווען שוין צו דיעזער צייט (אנהויב פון 7טען יאהרהונדערט) א מינדערהייט. די מעהרהייט איז שוין דאן געווען א קריסטליכע. ווי אזוי איז אזא פראצעס פארגעקומען? וואו זיינען אהינגעקומען די אידישע דערפער, די אידישע געמיינדען פון עקרון, עין־גדי, עניה שמוע, רמון, תלחא, יוטא, כרמל, נערה, דברתא, נוה, — וועגען וועלכע דער גריכישער בישאף אייסעביוס**)

---

*) איין קריסטליכער היסטאריקער דערצעהלט, אז אין אויפשטאנד זיינען דער'הרג'עט געווארען 20.000 שמרונים. דער אנדערער ניט אן א ציפער פון 100.000 נפשות. לויט די אנגאבען פון ביידע היסטאריקער קומט אויס, אז די שמרונים האבען געהאט א מיליטער פון 50.000 מאן.

**) אין זיין בוך: „אנאמאסטיקאן" געשריבען אין יאהר 324—330.

רערט אין מיטען פון 4-טען יאָהרהונדערט, ווי וועגען אידישע דערפער און געמיינ־דען? (עס איז אויך קיין ספק ניט, אז ער האָט מיט דער רשימה בשום אופן ניט ערשעפּט די נעמען פון אידישע ישובים אין א"י צו זיין צייט).

דער ענטפער אויף דער פראגע קען זיין נור פאָלגענדער: דער גרעסטער טייל פון די אידישע פּייעריב, וואס איז נאך פערבליבען אין יהודה, האָט וואהרשיינליך א נ ־ ג ע נ ו מ ע ן ד י ק ר י ס ט ל י כ ע ר ע ל י ג י א ן. ווי אזוי דיעזער פּראָצעס איז פארגעקומען אין ש מ ר ו ן מיט די שמרונים האבען מיר געזעהן. און עהנלי־כער פּראָצעס איז מסתמא פארגעקומען אין יהודה מיט א פּאָר הונדערט יאָהר פריהער. דער אנהויב פון דיעזען פּראָצעס איז, אבער, פּארגעקומען א סך פריהער. אינערהאלב דער אידישער בעפעלקערונג איז פון די עלטסטע צייטען, פארגעקומען א ק א מ פ ף צ ו ו י ש ע ן פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ק ל א ס ע ן. די ברייטע מאסען פון דער אידישער בעפעלקערונג האבען זיך במשך פון יאהרהונדערטער נאכ'ן חורבן בע־שעפטיגט ווי מיר האבען געזעהן מיט אקערבוי און לאנדווירטשאפט פונקט ווי זיי האבען עס געטהון פאר'ן חורבן. די אידישע „פעלאכען" זיינען געוועזען „פער־גרעבט" און געהאט וויניג אינטערעס פאר די איידעלע און קונציגע פלפולים פון די געלערנטע. די „עמי־הארץ" (לאנד בעפעלקערונג) פלעגען זאגאר מאנקירען מיט די „עלעמענטארסטע" מצוות, ווי לעגען תפילין, דאוונען. בעזונדערס זיינען זיי געשטאנען אונטער א חשד, אז זיי טיילען ניט אפּ קיין תרומה און קיינע מעשרות... אין נעגענזאץ צו דיעזער פּראסטער מאסע, צו די „עמי־הארץ" האבען די געלעהרטע די תלמידי־חכמים, וועלכע האבען מעהרסטענטיילס געהערט צו די רייכערע קלאסען. און צו דעם יחוס פון כהונה, געהאט א בעזונדערע ארגאניזאציע פון „חברים". דער געגענזאץ צווישען די ביידע קלאסען איז געווען אזוי שארף, אז די תלמידי־חכמים האבען ניט געוואלט מתחתן זיין זיך מיט די עמי־הארץ, און דער עם־הארץ פלעגט זאגען: „ווען עס זאל זיך מיר בעגעגנען א תלמיד־חכם, וואלט איך איהם צוביסען, ווי אן עזעל".

די קריסטליכע אגיטאציע, וועלכע איז צו יענער צייט אנגעפיהרט געווארען אין לאנד דורך פערשיעדענע מאנאכען, מאנאסטירען און סעקטען, האט זיך זיכער אויסגענוצט מיט אט דעם אינערליכען געגענזאץ אום צו פערשטארקען איהר איינפלוס. מען דארף נישט פערגעסען, אז די קריסטען אין יהודה זיינען נאך אלין געשטאנען נאָ־הענט צו די אידען, גערעדט איין שפראך מיט זיי (כאלדעאיש־אראמעאיש, אויף וועל־כער עס איז געווען אנגעשריבען דער תלמוד־ירושלמי) און געהאלטען פיעלע אידישע מנהגים הונדערטער יאהרען נאך פאוולוסען. (אזוי צ. ב. ש. האבען די „נצרנים" אין בישן געגלויבט אז ישוע איז געוועזען א מענשליכער נביא, זיי האבען אבגעהיט שבת מילה א. א. וו.). די פערוויסטונג פון יהודה און דאס אריבערטראגען פון די גייס־טיגע צענטרען אין גליל האט איבערגעלאזען די לאנד־בעפעלקערונג פון יהודה אהן שום ישוץ געגען דער קריסטליכער אגיטאציע. צוערשט האט זיך דער גרויסער חלוק צווישען די קריסטליכע און אנדערע אידען ניט געלאזט אזוי שטארק פיהלען. וואס א מאל איז אבער דער אונטערשיעד געווארען אלין גרעסער. און ווען די אויבערמאכט איבער דער גאנצער אימפּעריע איז אריבער אין די הענד פון די קריסטען, האט זיך דער אבגרונד צווישען יודענטום און קריסטענטום געעפענט אין זיין גאנצער טיעפקייט.

אזוי איז אפּגעפאלען דער גרעסטער טייל פון דער אידישער לאנד־בעפעלקערונג

אין יהודה. שפּעטער איז די זעלבע ערשיינונג פאָרגעקומען אויך ביי די שמרונים. אָבער עס זיינען נאָך געבליבען אידישע רעשטען אין צפון — אין גליל, וואו זיי האָבען זיך בעשעפטיגט אין 6טען און אין 7טען יאָהרהונדערט מיט ערד־ארבייט, מיט אָליווען־פּלאַנצונגען, מיט אויל־פּראָדוקציאָן א. ד. ג. און געבילדעט נאָך אלץ א געדיכטען ישוב.

גייסטיגעס לעבן:

אין גייסטיגען זין האָט ארץ ישראל שוין לאַנג אָנגעוואָרען איהר העגעמאָניע. אָבער דאָס ליכט פון תורה איז נאָך ניט פערלאָשען געוואָרען. אזוי געפינען מיר דאָ נאָך אין 6טען יאָהרהונדערט א געוויסע גייסטיגע טעטיגקייט: דאַן ווערען געשאַפען די עלטסטע מדרשים, די מכילתא, דער ספרא מיט דעם ספרי א. א. וו. טבריה איז נאָך אלץ געוועזען דער מיטעל־פּונקט פון דעם א"י יודענטום. דאָס קען מען זעהן פון דעם פאָלגענדען פאַקט: דער אידישער קעניג יוסף דו־נואס אין חמיאר, דרום־אראביען, האָט אין זיין לאַנד פערפאָלגט די קריסטען; האָבען זיך יענע פון דאָרטען געווענדעט צו זייערע ברידער אין ארץ ישראל, צו ווירקען אויף די אידישע פיהרער אין טבריה, און דורך זיי — אויף דעם קעניג יוסף, ער זאָל אומבייטען זיין פּאָליטיק. דאָס איז געווען אונגעפעהר אין 520—530, ד. ה. הונדערט יאָהר נאָך דעם אונטער־גאַנג פון דער נשיאות.

פערבאנד מיט פרסים.

אין יאָהר 614 האָט דער פערזישער קעניג חוזרוס דער צווייטער אָנגעגריפען די ביזאַנטישע רייך. דאַן האָבען די אידען געפונען די לאַנג געוואונשטע געלעגענהייט צו בעפרייען זיך פון דעם רוימישען יאָך, וועלכען זיי האָבען אויף זיך שוין העכער פינף הונדערט יאָהר געטראָגען. אידען האָבען אָרגאַניזירט א בעזונדער אַרמעע פון א 30.000 מאַן, וועלכע האָט געהאָלפען די פרסים צו געווינען דאָס לאַנד ביי די רוימער. אין דער שפּיצע פון דעם אויפשטאַנד איז געשטאַנען ב נ י מ ן פון טבריה. אין א קורצער צייט איז גאַנץ ארץ ישראל אריבער אין די הענד פון די פרסים מיט די אידען. אין יולי 614 איז גענומען געוואָרען ירושלם דורך די פּעראייניגטע מיליטער, און לויט ווי די קריסטליכע היסטאָריקער דערצעהלען, זיינען זעהר פיעל קריסטען אויסגעשלאַכטעט, און קלויסטערס פערברענט געוואָרען. עס איז אויך בעקאַנט, אז פיעלע קריסטען האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט צום יודענטום, גלויבענ־דיג, אז עס זיינען געקומען די צייטען פון אידישער אויסלעזונג. במשך פון 14 יאָהר איז דאָס לאַנד געבליבען פריי פון ביזאַנטישער מאַכט. עס זיינען אָבער פאַר דער צייט אויסגעבראָכען סכסוכים צווישען די אידען און די פּערסען. די אידען האָבען געשלאָסען א פערבאַנד מיט דעם ביזאַטישען קעניג הערַאקליוס און געהאָלפען איהם צוריק די שטאָדט צו געווינען (628). דער ביזאַנטישער קיסר האָט די אידען דערביי אַרויסגעגעבען א שריפטליכע הבטחה, אז ער וועט זיך ניט רעכנען מיט זיי פאַר דעם אויפשטאַנד. ווי נור ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד, האָט ער אָבער באַלד גע־בראָכען זיין וואָרט, און גענומען פון די אידען א בלוטיגע ראַכע פאַר דעם אויפשטאַנד. דערצו האָט ער בעקומען אַן אנרעגונג מצד דער ק ר י ס ט ל י כ ע ר ק י ר כ ע, וועלכע האָט איהם מתיר־נדר געווען, און בעשטימט אפילו א בעזונדערען תענית צו פערגעבען הערַאקליוס'עס זינד.

לאַנג, אָבער, האָט דאָס מאָל די ביזאַנטישע מאַכט ניט אָנגעהאַלטען. דער דראַנג פון די סעמיטען פון מדבר האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער אָסט־רוימישער הערשאַפט איבער סיריען.

ד. די אראבישע הערשאפט.

די אראבישע פעריאדע האט זיך געצויגען במשך פון ניין הונדערט יאהר (פון 636 ביז 1516), מיט טיילווייזע הפסקות (נעמליך אין די צוויי יאהרהונדערטער פון די קרייצצוגען).

די אראבישע הערשאפט האט ארויפגעלעגט איהר שטעמפעל אויף דער מאדערנער ארץ ישראל מעהר פון אלע אנדערע תקופות. די אראבישע שפראך האט זיך אין לאנד איינגעבירגערט און איז געווארען די פאקטיש־הערשענדע ניט נור ביי די מוסולמענער, נאר אויך ביי אלע אנדערע פעלקער, אויסער די אידען: חוץ די פערשיעדענע מוסולמענישע שיכטען און סעקטען רעדען אראביש אויך די דרוזען, נאסאירער, איזמאעליטען, די שמרונים, ווי אויך די קריסטליכע אראבער און די אראבישע אידען. און טראץ דעם וואס דאס לאנד געהערט שוין זייט 400 יאהר צו די טערקען, האט זיך די הערשאפט פון דער אראבישער קולטור אין לאנד ביז יעצט ניט פערמינדערט.

אראבישע ערעבע־רונג.

די ערעבערונג פון ארץ ישראל און פון סיריען איז פערבונדען מיט דעם נאמען פון דעם צווייטען מוסולמענישען חליף — ע מ ר (אמאר). נאך דעם איינגעהמען פון דמשק, האט ער ערעבערט גליל און נאכדעם — שמרון און יהודה. א טייל פון די שטעדט איז גענומען געווארען מיט שטורם. אנדערע האבען זיך אונטערגעגעבען פריייוויליג. ירושלם איז איינגענומען געווארען אין יאהר 636 און מיט דעם פאלען פון קסריה איז פערענדיגט געווארען דער ערעבערונגס פראצעס פון ארץ ישראל. מחמד אליין האט ערקלערט ירושלם פאר א היילינע שטאדט „בית־אל־מקדס" (בית על־מאקדאס), און עס איז גאנץ פערשטענדליך, פארוואס דער חליף עמר האט בעשלאסען דוקא אויף דעם ארט פון דעם אמאליגען אידיישען בית־המקדש א מוסולמענישען טעמפעל צו בויען, און פארוואס דיעזער טעמפעל איז געווארען ביי די מוסולמענער דאס גרעסטע היילינטום, נאך די טעמפלען פון מכה און מדינה. עמר האט אויסגעבויט בלויז א הילצערנע געביידע, די שטיינערנע טעמפלען האט צום ערשטען אויפגעשטעלט ערשט אין פופציג יאהר ארום דער פינפטער אמאיאדען־חליף עבד־אל־מלך (אבד־על מאליך): דעם „אלמסג'ד־אלאקצי" (עלמעסדזשיד־עלאקסא) און די „קבת־אלצהרת" (קובבעט עס־סאחרא). די „אקסא" איז עטליכע מאל רעפארירט און רעבטאווירט געווארען, די „צהרא" אבער, וועלכע שטעהט אויף דעם פלאץ פון קדשי־הקדשים, איז יעצט כמעט דיזעלבע, וועלכע איז געבויט געווארען דורך עבד־אל־מלכ'ען אין 7טען יאהרהונדערט, אהן וועזענטליכע שינויים.

ביי דעם אלעמען איז דער צענטר פון חליפאט (אזוי האט געהייסען די נייע אראבישע אימפעריע) געוועזען ניט אין ירושלם, נאר אין דמשק, וועלכע איז געוועזען וויכטיגער, אלס צענטראלער פונקט פאר סיריען, אראביען און מעסאפאטאמיען. נאך דעם טויט פון דעם פערטען חליף עלי (אלי) איז די מלוכה־מאכט אריבער אין די הענד פון דער פאמיליע בני־עמיה (אמאיא) אדער אמאיאדען פון דעם שבט „קורייששא". דיעזע תקופה פון די בני־עמיה איז געוועזען די גלענצענדסטע אין דער אראבישער געשיכטע. אין דיעזער עפאכע האבען די אראבישע זיעגער איינגענומען גאנץ צפון אפריקא און דרום־שפאניען און פערשפרייט די אראבישע הערשאפט פון דעם אטלאנטישען אקעאן אין מערב ביז די בערג פון צענטראל־אזיען אין מזרח.

אינערליכע מלחמות.

העכער הונדערט יאָהר האָט געדויערט די הערשאַפט פון די אַ מ אַ י אַ ד ע ן
(אין דמשק). דאַן האָט די אַ ב אַ ס י ד ע ן ־ דינאַסטיע (לויט דעם נאָמען פון
עבס; אַאבּבאַס, דעם אָנקעל פון מחמד) פון בגדד געוואונען די מאַכט און אַריבערגע־
טראַגען דעם צענטער קיין באַגדאַד, מעסאָפּאָטאַמיען (750). סיריען איז פערוואַנ־
דעלט געוואָרען אין אַן אַרענאַ פון בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען פּאָליטישע
פּאַרטייען און רעליגיעזע סעקטען. די געשיכטע פון די נעכסטע הונדערט יאָהר איז
אָנגעפּילט מיט רעליגיעזע סכסוכים, מיט מלחמות און בלוטפערגיסונג. אין דיעזער
צייט זיינען ענטשטאַנען פערשיעדענע רעליגיעזע סעקטען, הויפּטזעכליך —

רעליגיעזע סעקטען.

שיעיטישע, ווי צ. ב. ש. די איסמאַעיליה און די נוסייריע. ניט
קוקנדיג אויף די פערפאָלגונגען מצד דער הערשענדער מחמד'נישער קירכע האָבען
זיך די פערשיעדענע סעקטען שטאַרק פערשפּרייט אין סיריען. פון די איזמאַליע
איז ענטשטאַנען די אַ ס אַ ס י נ ע ר סעקטע אָדער חשאשין*) (אין 11טען יאָהרהונ־
דערט), וועלכע האָט ברייט פּראַקטיקירט מאָרד אַלס פּאָליטישע קאַמפּפסמיטעל,
ניט נור אין אַזיען, נאָר אויך אין אייראָפּאַ. די איזמאַעליטען־סעקטע עקזיסטירט
נאָך ביז היינט פּונקט ווי די נאַסאַיירע, אָדער אַנצאַריע, זי איז ענטשטאַנען שפּע־
טער, אָנפאַנג צעהנטען יאָהרהונדערט. אויך די וויסענשאַפט האָט צו דיעזער תקופה
דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה, בעזונדערס אין די צייטען פון ה אַ ר ו ן ־
אַ ל ר ש י ד (הארון־עררשיד) (786—809), ווען איבער גאַנץ סיריען זיינען גע־
גרינדעט געוואָרען אַראַבישע שולען און אַקאַדעמיעס. טעאָלאָגיע, פילאָזאָפיע,
מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסענשאַפט, סאַנסקריטישע, רוי־
מישע און גריכישע ליטער. פאָרשונג האָבען אונטער דער מוסולמענישער הערשאַפט גע־
בליהט אין אַזיען און אַפריקאַ אין דער צייט ווען אין אייראָפּאַ האָט מען פערניכטעט
מיט פייער יעדען שפּור פון פרייעם געדאַנק. אָבער די פּאָליטישע און רעליגיעזע
סכסוכים האָבען געבראַכט דאָס לאַנד צו אַן עקאָנאָמישער רואינע. לסוף איז דער
באַגדאַדער חליפאַט אויך פּאָליטיש אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אַז דער אוי־
טאָריטעט פון די חליפען איז געבליבען אין סיריען בלויז אין ריין גייסטיגען זין.
פאַקטיש איז דער חליפאַט צוגלידערט געוואָרען. די מוסולער חמדנ'יטען האָבען
געוואונען נאָרד־סיריען מיט דער שטאָדט אַלעפּפאַ, און אַ ח מ ד ב ן־ ט ו ל ו ן,
דער הערשער פון עגיפּטען האָט איינגענומען דאָס גאַנצע דרום טייל פון סיריען (878).
פון דענסטמאָלט אָן געהט אריין ארץ ישראל אין דעם עגיפּטישען ווירקונגס־קרייז
און איז אונטערגעוואָרפען דער עגיפּטישער הערשאַפט, אינגאַנצען אָדער טיילווייז
אויף גאַנצע 650 יאָהר (מיט געוויסע הפסקות), הגם נאָמינאַל רעכענט זיך נאָך אַליץ
דער חליף פון באַגדאַד — במשך פון הונדערטער יאָהרען — אַלס דער העכסטער
רעליגיעזער אויטאָריטעט פון איסלאַם.

מאָנגאָלישע אינוואַ־זיאָנען.

אין 28 יאָהר אַרום זיינען אָנגעקומען די ערשטע האָרדען פון דעם מאָנגאָליש־טער־
קישען שבט „קאַרמאַטיאַן" און אָנגעהויבען צו ראַבירען דמשק'ער אומגעגענד. אין דער
צייט פון דיזע אומרוהען האָט זיך דמשק ווידער אָפּגעריסען פון עגיפּטען. שפּעטער האָט
דער עגיפּטישער פעלד־מאַרשאַל מ ח מ ד אַ ל ־ אַ כ ש י ד בעזיעגט און פערטרי־
בען די מאָנגאָלען, און דאַן ערקלערט זיך אַלס אונאָבהענגיגער הערשער. זיין דינאַס־

*) די פּרטים וועגען די אַלע רעליגיעזע סעקטען, זייער היסטאָרישען גורל און היינטיגען צושטאַנד זעה אין דעם פּרק וועגען דער בעפעלקערונג.

טיע האט געהערשט זעלבסטשטענדיג איבער דעם דרום־טייל פון סיריען ביז דעם יאהר 969. דעם פערטען פאטימידען־סולטאן אל־מעיז (על־מואיז) איז אבער געלונגען צו בעזיעגען די אכשידען־דינאסטיע און ווידער אויפשטעלען די עגיפטישע הערשאפט איבער סיריען.

די עגיפטישע פאטימידען האבען זיך אזוי גערופען דערפאר וואס זיי האבען געשטיצט זייער אויטאריטעט אויף זייער יחוס פון פאטימא, די טאכטער פון מחמד. במשך פון צוויי הונדערט יאהר האבען זיי געהערשט איבער סיריען און ארץ ישראל (פון 969 ביז 1171), ביז זיי זיינען ארונטערגעזעצט געווארען דורך דעם בעריהמטען נור־אלדין (נור־עדדין) אלזנקי פון חלב. איבער סיריען פלעגען זיי הערשען דורך זייערע שטאאטהאלטער, וועלכע האבען זיך אבער געפיהרט גאנץ זעלבסטשטענדיג, און פלעגען אפטמאל ניט פאלגען זייערע סולטאנען. דאס פלעגט ברענגען צו סכסוכים און מלחמות, מיט וועלכע סיריען איז איבערפילט געווארען אין די פאר הונדערט יאהר. אויסער דעם איז סיריען געווארען אן ארענא פאר פערשיעדענע סעקטען און א צוציהונגס־פונקט פאר אינוואזיאנען פון נייע מאנגאלישע איינוואנדערער־הארדען.

איינע פון די נייע סעקטען, וועלכע איז ענטשטאנען אונטער דער עגיפטישער הערשאפט איז געוועזען די ד ר ו ז י נ י ש ע, וועמעס גרינדונג ווערט צוגעשריבען צו דעם משוגענעם סולטאן חאכם באומר־אללה (996). דיעזע סעקטע, וועלכע איז איינע פון די שטארקסטע אין סיריען, האט ערווארבען צאהלרייכע אדעפטען (אנהייננער). זי האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דעם שיקזאל פון סיריען און צפון ארץ־ישראל. יעצט וואוינען די דרוזען אין לבנון און אין די בערג פון חורן.

אויסער דיעזע, אזוי צו זאגען אונפערמיידליכע אינערליכע מהומות איז צוגעקומען נאך אן ערשיינונג, וועלכע האט געבראכט א חורבן. דאס זיינען געוועזען די אינוואזיאנען פון טאטאריש־מאנגאלישע הארדען, וועלכע זיינען געקומען פון קליין־אזיען און פון מיטעל־אזיען און פערפלייצט דאס לאנד אין צאהלרייכע מאססען.

אין יאהר 1070 האט א ל פ ־ א ר ס ל א ן, דער סעלדזשוקישער הערשער פון הארזאן איינגענומען דעם צפון טייל פון סיריען אין נאמען פון די אבאסידען־חאליפען פון באגדאד. אונטער דער הערשאפט פון זיין זוהן מ ל כ ־ ש א ה האט זיין קאמאנדיר אטסיז ערָאבערט ירושלם, טבריה און דמשק (1071). העכער צוואנציג יאהר האבען די סעלדזשוקען געהערשט איבער ארץ ישראל, דאן האבען זי די עגיפטיאנער אויף א קורצער צייט צוריק געוואונען (1096 אדער 1098). כדי באלד צו פערלירען דעם גרעסטען טייל פון דעם לאנד — צו די קרייצציגער (נוסעי הצלב) אין יאהר 1099.

אט די אלע מלחמות און מהומות האבען פיעל מיטגעהאלפען צו דעם זיעג פון די נוסעי הצלב (קרייצצינגער), וועלכע זיינען געקומען פון אייראפא איינצונעהמען דאס הייליגע לאנד פאר דעם קריסטענטום.

אונטער דער אראבישער הערשאפט האט ארץ ישראל געהאט אן אדמיניסטראטיווע איינטיילונג, וועלכע איז נעווען, אין אלגעמיינע שטריכען, ענליך צו דער פריהערדיגער רוימישער. דער גאנצער דרום טייל, ד. ה. גאנץ יהודה מיט דעם נגב און שפלה ביז דעם עמק יזרעאל האט געהייסען „פאלאסטין" מיט לוד (שפעטער מיט רמלה) אלס הויפטשטאדט. דער געגענד צו צפון זייט, מיט טבריה אין דער שפיצע.

האָט געטראָגען דעם נאָמען „אורדון“. אהערצו האָט געהערט דער גולן מיט דעם גרעסטען טייל פון עבר־הירדן.

אראבישער רעזשים.

די אראבער האָבען ניט ארויפגעצוואונגען זייער גלויבען מיט געוואלד אויף דער בעפעלקערונג. אָבער די גאנצע לאַסט פון די אבצאהלונגען און פון פערשיעדענע שטייערען איז געפאלען אויף די „ניט־גלויביגע“ ד. ה. אויף די ניט־מוסולמאנער און דאָס האָט געהאט דעם רעזולטאט, אז די בעזיעגטע קריסטליכע לאנדס־בעפעלקערונג האָט זיך בעקעהרט צו דעם איסלאם, בעפרייענדיג זיך גלייכצייטיג פון דעם קריסטענטום און פון די שווערע רעגירונגס־שטייערען.

אבשטאמונג פון די מאָדערנע פעלאחען.

אנדערש וואָלט געוועזען אונמעגליך צו ערקלערען די פאלגענדע היסטאָרישע רעטעניש: בשעת די קרייצציגער האָבען אין 11טען יאָהרהונדערט איינגענומען ־אָס לאנד האָבען זיי געטראָפען כמעט דורכאויס א מוסולמענישע בעפעלקערונג, אין דער צייט ווען מיט 400 יאָהר צוריק, אין דעם 7טען יאָהרהונדערט איז די בעפעלקערונג געוועזען אין איהר מעהרהייט א קריסטליכע. פון דער אנדער זייט ווייסען מיר, אז די אראבישע עראָבערער האָבען אין סיריען און ארץ ישראל קיין לאנדווירטשאפטליכע קאָלאָניזאציע ניט אָנגעפיהרט (אויסער געוויסע געגענדען אין עבר־הירדן). פון דער פריהערדיגער עפּאָכע איז בעקאנט, אז אויך די רוימער און די ביזאנטינער האָבען, אין זייער צייט קיין בעדייטענדע קאָלאָניזאציע אין מערב א"י ניט אָנגעפיהרט. אויף דיעזען גרונד בויען מיר אונזער השערה, אז די יעצטיגע אראבישע פעלאכען פון מערב ארץ־ישראל שטאַמען, הויפּטזעכליך, פון די אידישע און פון די שמרונישע אומגליקליכע „עמי־הארץ“, וועלכע האָבען זיך אבגעריסען פון זייער פאָלק, אָבער טריי געבליבען צו זייער באָדען, צוויי מאָל בעצאָהלענדיג פאר זייער טרייהייט — מיט זייער רעליגיאן.

היסטאָריש איז דער פּראָצעס, אלזא, פארגעקומען אויף אזא אופן: אונטער דעם דרוק פון די ביזאנטישע פערפאלגונגען איז די אידישע פויערן־בעפעלקערונג פון יהודה און די שמרונישע — פון דעם שכמ׳ער ראיאָן, אריבערגעגאנגען אין איהר מעהרהייט צו דעם קריסטענטום און זיך אָנגעשלאָסען אָן דער ביזאנטישער קירכע. יעצט, אונטער דער אראבישער הערשאפט, זיינען די פעלאכען לייכט אָבגעפאלען פון דעם קריסטענטום, וועלכען זיי האָבען אנערקענט אין א משך פון וואסערע צוויי־דריי־הונדערט יאָהר און אָנגענומען דעם איסלאם, וועלכער איז געשטאנען דאָך נעהענטער צו זייער פריהערדיגען אידישען גלויבען, איידער דער גריכישער קריסטענטום.

מיר קאָנען דאָ ליידער ניט אָבגעבען א געהעריגען פלאץ דיעזער העכסט־אינטערעסאנטער און וויכטיגער היסטאָריש־עטנאָגראפישער פּראָבלעם. מיר וועלען מוזען זיך בעגרענצען בלויז מיט א פּאר עטנאָגראפישע ראיות, אויסער יענעם היסטאָרישען בעוויז, וועלכען מיר האָבען ערשט געבראכט. דער קאָמפּעטענטסטער קענער פון א"י און איהר געשיכטע, מאיאָר ק. ר. קאָנדער גיט איבער, אז אין די צייטען פון די נוסעי־הצלב האָט די בעפעלקערונג פון לאנד גערעדט אן אראביש־אראמעאישען דיאלעקט. עס איז אויך א פאקט, אז די היינטיגע שפּראַך פון די פעלאכען אונטערשיידעט זיך ניט נור פון דער שפּראַך פון די ריינע אראבער־בעדואינער, נאָר אויך פון דער שפּראַך פון דער דאָרפישער בעפעלקערונג פון די נאָכבאַר־לענדער. פון די

עגיפּטישע, סירישע און מעסאָפּאָטאַמישע פעלאכען. דער אונטערשיעד בעשטעהט אין אראמעאיש־העברעאישע עלעמענטען. עס איז ווייטער א פאקט, אז די רעליגיאָן פון די פעלאכען איז ניט קיין ריין־מוסולמענישע: דער קולט פון די „וועלי" (הייליגע קברים) אויף די הויכע בערג, די „מאקאם"ס, וועלכע ענטשפּרעכען די אמאָליגע „מקומות פון די כנענים *) מיט די הייליגע בוימער, דער גלויבען אין די ארטיגע נביאים און גייסטער, די פערשיעדענע רעליגיעזע מנהגים פון די פעלאכען — דאס אלץ איז אן איבערבלייבענים פון דעם אמאליגען כנעניטישען בעל־קולט, וועלכער איז, נאטירליך, געבליבען צווישען די אידישע עמי־הארץ הונדערטער יאהרען נאכדעם ווי די כנענים זיינען אויסגעמישט געווארען צווישען זיי.**)

די אלע פאקטען בעשטעטיגען, אלזא, אונזער השערה, אז די היינטיגע פעלאכישע בעפעלקערונג פון יהודה און שמרון איז, בעיקר, פון אידישער אבשטאמונג. זעלבסטפערשטענדליך, אז זי איז נישט אין גאנצען ריין פון פערשיעדענע פרעמדע עלעמענטען, וועלכע זיינען צוגעפלאסען במשך פון טויזענדער יאהרען. די פרעמדע עלעמענטען האבען זיך אבער אסימילירט און בטל געווארען צווישען די אריגינעלע פעלאכען. דערביי איז די בעפעלקערונג פון די בערג געבליבען ריינער, לויט איהר אבשטאמונג, איידער די בעפעלקערונג פון די טאלען.

נוסעי־הצלב. די עפּאכע פון די קרייצציגע האט געדויערט נאהענט צו צוויי הונדערט יאהר. די ערשטע אייראפּעאישע עראבערער, אדער ווי מען האט זיי אויף דעם אריענט גערופען „פראנקען" זיינען אריינגעדרונגען פון צפון סיריען. אין יאהר 1099 האבען זיי איינגענומען ירושלים, און געגרינדעט די ירושלמ'ער מלוכה. דער נייער שטאאט איז געווען אין דעם סטיל פון די פעאדאלע מלוכות אין אייראפא. די וויכטיגסטע וואססאלען פון דעם ירושלמער קעניג זיינען געווען: דער פרינץ פון אנטיוכיה, די גראפען פון עדעסא (אורפא) און פון טריפּאלים אין סיריען, און די באראנען פון מואב (מאנטריאל), גליל, חברון און יפו — אין ארץ ישראל. די פּאליטישע שוואכקייט פון די קרייצציגער האט זיך ארויסגעוויזען אין זייער אונפעהיגקייט צו ערעבערן דמשק, צו וועלכער זיי האבען זיך געשפּארט מיט אלע זייערע כחות. די גאנצע צייט פון זייער עקזיסטענץ אלס מלוכה, האבען זיי אנגעפיהרט שטענדיגע מלחמות מיט די מוסולמענישע אראבער. אין רעזולטאט האבען זיי געכאפּט א טויט־קלאפּ פון דעם כורדישען העלד צלח־אלדין אל־איובי (סאלאח־עדדין על עיובי, בעקאנט ביי די קריסטען מיט'ן נאמען סאלאדין), דעם בעגרינדער פון דער נייער איובישער דינאסטיע. ביי דעם דארף חטין, לעבען טבריה, האט ער

---

*) „אבד תאבדון את כל המקמות, אשר עבדו שם הגוים... על ההרים הרמים ועל הגבעות ותחת כל עץ רענן: ונתצתם את מזבחתם, ושברתם את מצבותם... ואבדתם את שמם מן המקום ההוא" (דברים י"ב, ג').

**) קלערמאנט גאנא און קאנדער האבען די ערשטע ארויסגעזאגט דעם געדאנק, אז די היינטיגע פעלאכישע בעפעלקערונג שטאמט פון די אור־אלטע פאר־אידישע (כנעני'טישע) פויערען. אבער די פראגע וועגען דער אידישער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג האבען זיי בעריהרט נור פון אויבען אויף. ישראל בעלקינד בעריהרט די לעצטע פראגע אויך נור פערבייגעהענדיג. די היסטארישע בעלייכטונג פון דעם ווייטערדיגען שיקזאל פון דער אידישער פויערען־בעפעלקערונג ווערט אלזא ביי אונז געגעבען דא צום ערשטען מאל.

געהאט און ענטשיעדענעם זיעג איבער די פראנקען, און דאס גאנצע לאנד איז באלד אריבער אין זיינע הענד (1189). די פראנקען זיינען געווען געצוואונגען אויפצוגעבן כמעט אלע זייערע פאזיציעס.

דער נעקסטער מסע־הצלב (קרייץ־צוג) האט צוריק געוואונען עכו, אבער ירושלם האבען זיי שוין ניט געקענט נעהמען מיט קראפט. פרידריך דער צווייטער האט אין יאהר 1229 בעקומען א קאנצעסיע אויף ירושלם — ביז דעם יאהר 1239. דאן האט ער אנגעווארען די שטאדט אויף א קורצער צייט, שפעטער — פערלענגערט די קאנ־צעסיע נאך אויף איין יאהר (1243—1244). באלד איז אבער אנגעקומען דער מאנ־גאלישער שבט קארא־זעמיאן און פערפלייצט דאס גאנצע לאנד. אין יאהר 1244 האבען די מאנגאלען איינגענומען ירושלם און דורך א בלוטבאד פערניכטעט די גאנצע קריסטליכער בעפעלקערונג. דאס מאל איז די הייליגע שטאדט אבגענומען געווארען ביי די קריסטען אויף אימער.

רעסטאווירונג פון אראבישער הער־שאפט.

אין יאהר 1260 האבען די מאנגאלישע הארדען, אונטער דער פיהרערשאפט פון הולאגו (טשינגיז־חאן'ס אן איניקעל) ווידער אמאל פערוויסט דאס גאנצע לאנד ביז דער עגיפטישער גרענעץ. שפעטער האט דער עגיפטישער קאמאנדיר אמיר בייבארס צוריק געוואונען פון די מאנגאלען גאנץ ארץ ישראל. די פראנקען האבען דאס לעצטע מאל פרובירט זייער גליק, אבער אין יאהר 1291 זיינען די לעצטע פראנקען בעזיעגט געווארען. דאס לאנד האט זיך אומגעקעהרט צו דעם עגיפטישען רעזשים.

במשך פון דעם 14טען און 15טען יאהרהונדערט האט סיריען קיין אייגענע געשיכטע ניט געהאט. דאס לאנד איז געווען א פראווינץ פון עגיפטישער מלוכה. אבער די גלאנץ־פעריאדע פון מצרים איז שוין לאנג פאריבער. די מלחמות מיט די פראנקען האבען ארויסגערופען נור איינצעלנע העלדען, אזעלכע ווי נור־אלדין, וועלכער האט ארונטערגעזעצט די פאטימידען־דינאסטיע פון מצרים, אדער ווי דער גרינדער פון דער איוב'ישער דינאסטיע, דער בעריהמטער בעזיעגער פון די נוסעי־הצלב— יוסף צלח־אלדין („סאלאדין"). נאך נור־אלדין'ס טויט האט צלח־אלדין איינגענומען סיריען. דמשק איז ווידער דערהויבען געווארען צו א הויפט־שטאדט, און די נייע איוב'ידען־דינאסטיע האט געהערשט איבער סיריען און עגיפטען ביז דעם 13־טען יאהרהונדערט. דאן האט זיך אבער אנגעהויבען די ווילדע, רדיקזיכטסלאזע הער־שאפט פון די עגיפטישע ממלוכ'ען (מאמעלוקען). צוערשט האבען געהערשט די אזוי גערופענע „בעהארדזשי" (ים־ממלוכ'ען). געוועזענע שקלאפען און סריסים פון דעם הא־רים פלעגען ניט־זעלטען ארויפשטייגען אויף דעם סולטאן־טראן, צו וועלכע זיי פלעגען זיך דערהויבען דורך מארד און רויבעריי. די הערשאפט פון די „בעחארדזשי" ממלוכ'ען האט זיך געצויגען ביז דעם יאהר 1381 ; במשך פון קארגע 150 יאהר האבען גאנצע 25 ממלוכ'ען פערנומען דעם טראן, ד. ה. דורכשניטליך האט א סולטאן געהערשט ניט מעהר פון 6 יאהר. דאן האט דער טשערקעס בערקוק פערכאפט די מלוכה, און האט אנגעהויבען מיט זיך א נייע סדרה פון טשערקעסישע הערשער: בורדזשי אדער „בערי"־ממלוכען („קאנטינענטאלע" הערשער). די נייע טשערקעסישע דינאסטיעס האבען זיך, אבער, מיט זייערע בלוטיגע מעשים און אויסגעלאסענקייט ניט אונטער־שיידעט צום בעסטען פון די פריהערדיגע בעהארדזשי־ממלוכ'ען. במשך פון די נעכסטע 124 יאהר האבען זיך אויף דעם עגיפטישען טראן נעביטען ווידער פיער און צוואנציג סולטאנען.

פאר דער צייט זיינען פארגעקומען נאך איניגע מאנגאלישע אינוואזיאנען, די ווייכטיגסטע פון וועלכע עס זיינען געוועזן — פון ג ה א ז א ן ־ כ א ן (1300—1303) און אין הונדערט יאהר ארום — פון טאמערלאן, ריכטיגער — ט י מ ו ר ־ ל ע נ ק , דעם מאנגאלישען הערשער, וועלכער האט פערוויסט דאס לאנד מיט שווערד און פייער און מיטגעשלעפט מיט זיך די איינוואוינער געפאנגען אין צענטראל אזיען. אין הונדערט יאהר נאך איהם האט דער הערשער פון די אסמאנישע טערקען יאוווז סלטאן ס ל י ם געמאכט א סוף צו דער הערשאפט פון די עגיפטישע ממלוכען. אין יאהר 1516 האט ער צושלאגען די עגיפטישע ארמעע לעבען דער שטאדט חלב (אלעפפא) און געוואונען גאנץ סיריען, ארץ ישראל און עגיפטען. דעם לעצטען עגיפטישען סלטאן ק א נ צ י ־ א ל ־ ח א ו ו ר י האט ער ארונטערגעזעצט. פון דעמאלט אן איז ארץ ישראל אריין אונטער דער טערקישער הערשאפט.

אידישע לאגע.

אין אנהויב פון דער אראבישער תקופה איז אין ארץ ישראל נאך געוועזען, ווי מיר האבען עס דערמאנט, א גאנץ הגבשע אידישע בעפעלקערונג. זי איז שוין אבער געוועזען קאנצענטרירט הויפטזעכליך אין די שטעדט. די אראבישע היסטאריקער דערצעהלען, אז אין דער שטאדט ק ס ר י ה האט געלעבט אין דער צייט פון אראבישער עראבערונג, א ישוב פון 20.000 אידען און שמרונים. זיי דערמאנען אויך וועגען א אידישען ישוב אין ירושלם (וועגען וועלכען מיר ווייסען אויך פון אנדערע קוועלען) און אין אנדערע שטעדט. אין א קלענערער מאס זיינען די אידען געזעסען אויך אין דערפער, אין עבר־הירדן, אין גולן און אין גליל. מיר געפינען צ. ב. ש. סימנים פון א אידישען דארפישען ישוב אין נ א ו ה (גולן) און אין ד ל ת ו ן (גליל) נאך אין עלפטען יאהרהונדערט.

א קורצע צייט פאר דער אראבישער עראבערונג האט זיך די אידישע בעפעלקערונג פון א"י פערגרעסערט מיט די אידישע שבטים ק א י נ ו ק א און נ א ג׳י ר וועלכע האבען אימיגרירט פון אראביען קיין עבר הירדן און בעטייליגט זיך אין די דערמאהנטע פערזישע מלחמות. דיעזע שבטים האבען זיך פערנומען מיט לאנד־ווירטשאפט.

די אידען זיינען געשטאנען בשעת דער אראבישער איינוואנדערונג אויף דער זייט פון די אראבער. דער קריסטליכער היסטאריקער בעקלאגט זיך, אויסדריקליך, אז די אידען האבען געהאלפען איינגעהמען די שטאדט קסריה, און די ערשטע אראבישע שבטים האבען זיך בעצויגען צו די אידען מיט א געוויסער טאלעראנץ. אמת, דער איסלאם, אלס הערשענדע רעליגיע, האט זיך גענומען גרויסע פריווילעגיעס, און ארויפגעלעגט געוויסע אויסשליסליכע פליכטען אויף די קריסטען און אידען. אבער אידען האבען בעקומען פיעל רעכטע, פון וועלכע זיי זיינען געוועזען בערויבט אין דער גאנצער צייט פון דער ביזאנטישער הערשאפט, ווי צ. ב. ש. די אינערליכע זעלבסטפערוואלטונג און די פערברייטערונג פון דער אינערליכער רעליגיעז־נאציאנאלער אויטאנאמיע.

משיחי השקר.

די פאליטישע און רעליגיעזע תסיסה אין דער אונרוהיגער תקופה פון די ערשטע האליפען האט זיך אפגערופען אויך ביי אידען מיט פעריטיערענע רעליגיעזע און סעקטאנטאשע בעוועגונגען. דאס איז געוועזן די תקופה פון די משיחי־השקר ס י ר ע נ א און א ב ו ־ ע י ס א און פון דער ק ר א י מ ׳ ש ע ר בעוועגונג. דיעזע בעוועגונ־גען וועלכע האבען געהאט אפטמאל קלאר אויסגעדריקטע פאליטישע טענדענצען.

זיינען באמת ענטשטאַנען אין בבל, אָבער זיי האָבען אריינגעצויגען אין זייער קרייז אויף די אידען פון ארץ ישראל. אזוי האָט דער אויבענדערמאַהנטער עובדיה א ב ו ע י ס א ארגאַניזירט א גרויסע ארמעע פון סירישע און מעסאָפּאָטאַמישע אידען. דאָס איז געוועזען אין דער צייט פון דעם קאַמפּף צווישען דעם לעצטען אָמאַיאדען־חליף מעדואַן דעם צווייטען מיט אל־צאַפּאַ דעם גרינדער פון אבאַסירען־הויז. אבו־עיסא׳ס כונה איז דערביי געוועזען אָפּצונעהמען מיט׳ן שווערד א״י פאַר אידען: דער פערזוך איז אָבער ניט געלונגען. דאָס איז געווען דער לעצטער אידישער אויפשטאַנד פאַר ארץ ישראל (754).*) צו דער זעלבער תקופה געהערט די גרינדונג פון דער קראַי־מישער סעקטע דורך ענן׳ען (762).

פון די אראַבישע קוועלען איז בעקאַנט אז דער עראָבערער פון א״י חליף עמר האָט ארויפגעלעגט געוויסע בעגרענצונגען אויף אידען און אויף קריסטען. עס זיינען אויך בעוואוסט די גזרות פון הרון אלרשיד געגען אידען. אין אלגעמיין, אָבער. האָבען די אידען אונטער דער אראַבישער הערשאַפט ניט געליטען פון אזעלכע פער־פאָלגונגען ווי אין דער פריהערדיגער ביזאַנטישער תקופה. אונטער די אראַבער זיינען די אידען געוועזען אנערקענט אלס א בעזונדערע נאַציאָן, מיט א „ראש־הגולה" אין באגדאַד אָן דער שפּיץ, מיט אייגענע געריכטען און מיט א נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אויטאָנאָמיע. דאָס זעלבע איז אויך געוועזען אונטער עגיפּטען, וואו די אידען האָבען געהאַט א „נגיד" מיט א בית־דין. אינערליכע אויטאָ־נאָמיע.

אָפטמאָל האָבען אידען פערנומען גאַנץ הויכע שטעלען, אלס מטבעות־פּרעגער אָדער אפילו שטאַאטהאַלטער (מנשה בן קצרה). שווערע צייטען האָבען די אידען דורכגעמאַכט אונטער דער הערשאַפט פון דעם עגיפּטישען ח א כ ם ב א ו מ ר ־ א ל ל ה, דעם גרינדער פון דרוזישען גלויבען, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר א גאָט, און האָט געוואָלט ארויפצווינגען דעם גלויבען אויף אלעמען. דיזער וואַהנזי־ניגער סולטאַן האָט בעפוילען אידען און קריסטען צו טראַגען שענדליכע מלבושים. און האָט אויף א ווילדען אופן פערפאָלגט די אנהענגער פון אידישען און קריסטליכען גלויבען: ער האָט חרב געמאַכט די קריסטליכע קירכען אין ירושלם ווי אויך די אידישע בתי מדרשים און שולען און האָט זיך געקליבען ארויסטרייבען אלע אידען פון זיינע גרעניצען. ער האָט פערפאָלגט אויך די מוסולמענער־סוניטען, וועלכע האָבען ניט אנערקענט זיין געטליכקייט (די דרוזען האַלטען איהם ביז היינט פאַר א מאהדי, ד. ה. פאַר א משיח). נאָר א רעוואָלוציע האָט אם ענדע געמאַכט א סוף צו די גרויזאַמקייטען פון דעם סולטאַן חאכם. אין אלגעמיין איז אָבער די אידישע לאַגע אונטער עגיפּטישער הערשאַפט געווען ניט שלעכט. דער אראַבישער געאָגראַף פון צעהנטען יאָהרהונדערט אל־מקאדאסי דערצעהלט, אז אין זיין צייט זיינען די אידען און די קריסטען געוועזען גאַנצע תקיפים אין ירושלם. א טייל פון די אידען, אזוי דערצעהלט ער, זיינען געווען באַנקירען, אנדערע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ארבייט, אלס פאַרבער, גאַרבער און ד. ג. הגם די אראַבישע שרייבער דערצעהלען ניט וועגען אידישע אגראַרע ישובים, איז דאָך קיין צווייפעל ניט, אז אזעלכע זיינען נאָך געבליבען. א פּאַר ביישפּיעלען האָבען מיר אויבען געבראַכט. אנדערע בעגעג־נען מיר ביי ר׳ בנימן, אין 12טען יאָהרהונדערט, וועלכער האָט געטראָפען א בעדיי־

*) די דונקעלע אויסלעזונגס־טרוימען פון דער עפּאָכע זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין א קליינעם מדרש פון יענער צייט „נסתרות דרשב״י."

טענדען זעלבסטשטענדיגען ישוב אויף דעם גרענעץ פון א"י — אין פאלמירא. ווייטער פערזיכערט אונז אין אנהויב פון 13טען יאהרהונדערט ר' מנחם בן פרץ החברוני, אז די אלטע אידישע בעפעלקערונג איז טייל־ווייז געבליבען ביז זיין צייט.

קולטור און גייס־טיגער לעבען.

דער גייסטיגער אידישער צענטר אין די לענדער פון איסלאם האט אימער גע־שפיעלט א הערשענדע ראלע אין דער אידישער וועלט. זינט דער איסלאם האט ערא־בערט ארץ ישראל האט זיך ווידער אנגעצונדען א שוואכע ליכט אויף אין ארץ ישראל. אונטער דער ווירקונג פון די אראבישע גראמאטיקער און פאעטען האט זיך אנגעפאנ־גען אויך ביי אידען דער אינטערעס פאר דקדוק, פאר פילאזאפיע און פאר פאעזיע. די ערשטע אידישע רעליגיעזע פאעטען־פיטנים יוסי בן יוסי, ר' ינאי, אליעזר הקליר און א. וו. שטאמען פון ארץ ישראל און געהערען צו דיעזער עפאכע, צו וועלכער עס געהערט אויך די ערפינדונג פון נקודות. (נקוד טבריה — אונג. אין יאהר 780). די קראימישע סעקטע, וועלכע איז ענטשטאנען אין בבל האט זיך אויך געשאפען א צענטר אין ירושלם (די אזוי גענאנטע „אבלי ציון"). אין אונזער צייט איז אויך פעסטגעשטעלט געווארען אז אין 11טען יאהרהונדערט איז געוועזען א בעדייטענדער ישוב אין ירושלם. דארטען זיינען געוועזען גרויסע ישיבות מיט "גאונים" אן דער שפיצע, מיט א בית־דין אדער סנהדרין. די גאונים פון ירושלם האבען בעקומען א גרויסען אויטאריטעט, בעזונדערס נאך דעם טויט פון ר' האי גאון — דעם לעצטען בעדייטענדען גאון אין סורא (1038). די מאנגאלישע אינוואזיאן פון מאלכ־שאה האט רואינירט דעם גייסטיגען צענטר אין ירושלם און דער בית־דין מיט די ישיבות זיינען אריבער אין דער שטאדט צור (1094), און שפעטער, אין דער צייט פון די קרייצציגער — אין מצרים און אין דמשק. צו יענער צייט טרעפען מיר א גרוי־סען אידישען ישוב אין גליל, בעזונדערס — אין צור, עכו, חיפה און אויך אין די דערפער פון גליל. אין יהודה בעגעגנען מיר א ישוב אין קסריה און אין יפו.

קריסטליכער רע־זשים.

די נוסעי הצלב, וועלכע האבען נאך פון דער היים אנגעהויבען זייערע העלדענ־טאטען מיט רויב און מאסאקרען געגען די אונבעשיצטע אידען אין אייראפא האבען פארטגעזעצט זייער פאליטיק געגען אידען אין ארץ ישראל. איינגעהמענדיג ירושלים, דערצעהלט דער היסטאריקער האבען די אייראפעאישע קרייצציגער אויסגעשלאכטען 70.000 נפשות פון די מוסולמענער. וואס אנבעטרעפט די אידען און די קראימער, ווערט דערצעהלט, אז מען האט זיי איינגעשלאסען אין די בתי־מדרשים און פער־ברענט צוזאמען מיט די הייליגטימער. די „לאטינער" (די נוסעי־הצלב) האבען אי־בערהויפט נישט געוואלט דולדען קיין אידישען ישוב אונטער זייער הערשאפט. און דאך געפינען מיר קלארע בעווייזען, אז א קליינער אידישער ישוב איז געבליבען אונטער דער הערשאפט פון די קרייצציגער. די לאטינער כראניקען דערמאהנען וועגען געוויסע אידען, וועלכע האבען זיי געשווארען טרייהייט און געבליבען זיצען אונטער זייער שוץ, און רופען אן נעמען פון אידישע באנקירען. עס איז גוט בעקאנט די לעגענדע וועגען דעם טויט פון דעם גרעסטען אידישען דיכטער ר' יהודה הלוי. אין דער צייט פון זיין תפלה אין ציון, פון די הענט פון א פאנאטישען ריטער נוסע־הצלב (אונג. 1140).

בנימן מטודילא.

גענויע ידיעות וועגען דער אידישער לאגע אונטער די קרייצציגער געפינען מיר ביי דעם בעריהמטען וועלט־רייזענדען ר' בנימין מטודילא. וועלכער האט בעזוכט ארץ ישראל קרוב צו דעם יאהר 1173, ד. ה. אין דער ערשטער תקופה

פון די נושאי־הצלב. ער דערצעהלט אונז פון א אידישער בעפעלקערונג פון אונג. 1300 מאן (ריכטיגער — פאמיליעס) וואס עס מיינט א זעקס אדער זיבען טויזענד נפשות

די אידישע בעפעלקערונג איז געווען פערשפרייט, אונטער דער קריסטליכער הערשאפט, אין 19 פונקטען, אבער בלויז אין זעקס פון זיי איז געווען א בעדייטענדער ישוב: אין לא־טוראן־דע־לאס־גאוורעס (ריכטיגער, ווי עס איז אנגעגעבען איז אדלער'ס אויסגאבע — אין ר מ ל ה) 300, אין ע כ ו און אין א ש ק ל ו ן — צו 200 און אין צ ו ר — 400־500 בעלי־בתים. לויט די פריהערדיגע אויסגאבען פון ר' בנימין'ס „ספר המסעות" זיינען געוועזען אויך אין י ר ו ש ל ם 200 אידען, אבער לויט די לעצטע אויסגאבע שיינט, אז צו זיין צייט זיינען אין דער שטאדט ניט געווע־זען מעהר פון פיער פאמיליעס, וועלכע האבען געוואוינט לעבען מגדל דוד און זיך בעשעפטיגט מיט פארבערייי. אין י פ ו האט געוואוינט בלויז איין פארבער, אין ט ב ר י ה און אין דארף ע ל מ א צו פופציג פאמיליעס, און אין ג ו ש ־ ח ל ב און אין צ י ד ו ן — צו 20. אין חברון און אין שכם זיינען קיין אידען גאר ניט געווען. איינצעלנע אידען האבען זיך געפונען אין תמנתה, אין בית־גוברין, אין בית־לחם, אין בית־נוב, אין לוד, אין רמה (רמש) און אין יזרעאל. אין קסריה זיינען גע־ווען אויך ביז 200 אידען. אין דער לעצטער שטאדט ווי אויך אין שכם און אין דמשק האבען געוואוינט העכער טויזענד שמרונים, און ביז 40 קראים.

די אידען זיינען געוועזען, אונטער דער קריסטליכער הערשאפט, ארים און אונטערדריקט. זיי האבען זיך בעשעפטיגט מעהרסטענטיילס, אלס בעלי־מלאכות, מיט פארבערייי, וועבערייי, גלאז־אינדוסטריע און האנדעל. פאר דאס רעכט צו בע־שעפטיגען זיך מיט זייער פאך אינערהאלב ירושלם, האבען די אידען געמוזט צאהלען א שווערען שטייער. די קריסטען האבען צוגענומען ביי די אידען ד א ס ר ע כ ט צ ו ה א ב ע ב א ד ע ן ־ א י ג ע נ ט ו ם. קיין רייכע אידען בעגעגענען מיר אונטער דער קריסטליכער הערשאפט ניט, נאר אין דער נ י י ע ר צ ו ר האבען אידען זיך בעשעפטיגט מיט ים־מסחר, און געהאט אפילו אייגענע שיפען.

ביי אזא צושטאנד איז קיין וואונדער נישט, אז די א"י אידען האבען געזוכט שוץ אין די ארומיגע לענדער, וואו עס האבען געהערשט די מחמד'נער. שוין אין עבר־הירדן, אין ג ל ע ד האבען רוהיג געלעבט, אונטער מוסולמענישער הערשאפט ביז 60 אידישע פאמיליעס, וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט, ווי עס שיינט, מיט אקערבוי אדער פלאנטאציעס. אין פ א ל מ י א (תדמור) האט געוואוינט א אידי־שער זעלבסטשטענדיגער שבט, וועלכער האט געצעהלט 2000 מאן. דער שבט איז געווען אונאבהייננגיג סיי פון מוסולמענישער, סיי פון קריסטליכער הערשאפט, און האט זיך בעשעפטיגט מיט פיה־צוכט און ערד־ארבייט (אן דער שפיצע פון די פאלמי־רער אידען איז געשטאנען ר' יצחק היוני). אין ד מ ש ק האבען געוואוינט ביז 3000 פאמיליעס, אין ארם־צובא (אלעפפא) 1500, אין מוצל — 4000, אין נציבין — 7000. אין אראביען האבען געוואוינט הונדערטער־טויזענדער. אין ח י י ב א ר האבען געלעבט, לויט ר' בנימין, 50.000 אידען, וועלכע זיינען געווען אונאבהענגיג פון יעדער פרעמדער הערשאפט. ביז 30.000 אידען האבען געוואוינט אין עגיפטען. צווישען זיי איז געוועזען א בעזונדער געמיינדע פון ארץ־ישראלדיגע אידען. דאס צייגט, אז פיעלע אידען האבען געמוזט פערלאזען א"י צוליעב די קריסטליכע פער־

פאַלגונגען, כדי צו בעזעצען זיך אין יענע לענדער, וועלכע זיינען געווען פריי פון קריסטליכער הערשאַפט.

א וויכטיגע ידיעה גיט אונז איבער ר' בנימן, וועגען א שטאַרקער בעוועגונג וועלכע איז פאָרגעקומען א קורצע צייט פאַר דעם צווישען די אידען אין בבל, מיט ד ו ד א ל ר א י אַן דער שפּיץ — צו גרינדען א אידישע מלוכה אין ארץ ישראל. אלראי האָט אָרגאַניזירט א אידישע אַרמעע אָפּצונעהמען ירושלם מיט געוועהר. די גאַנצע בעוועגונג, אָבוואָהל זי איז געווען געריכטעט געגען די קריסטליכע הערשער איבער ירושלם, איז אָבער געוועזען צו־ווידער דער בגדד'ער רעגירונג, וועלכע האָט געצוואונגען די רבנים מחרים צו זיין דוד אלראי. ער איז געפאַלען פון דער האַנד פון געדונגענע מערדער, און די בעוועגונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרען.

ווען צלח־אלדין האָט אָפּגענומען א"י פון די קריסטען (1187), האָט ער איינגעלאַדען אידען פון אַנדערע לענדער צו קומען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל. דיעזע איינלאַדונג איז דערהערט געוואָרען פון די אידען, וועלכע האָבען געליטען פון די שרעקליכע מיטעל־אַלטערישע פערפאָלגונגען אין מערב־אייראָפּא. א גרויסע פאַר יענער צייט צאָהל פון 300 אידיישע רבנים און חכמים האָבען זיך אָפּגערופען און האָבען עמיגרירט קיין ארץ ישראל, הויפּטזעכליך פון ענגלאַנד און פראַנקרייך (1211). צו דיעזער צייט האָט ר' י ה ו ד ה א ל ח ר י ז י בעזוכט דאָס לאַנד און איבערגעלאָזט א קורצע בעשרייבונג אין זיין בוך „תחכמוני“ (1217). דאָס איז געוועזען די תקופה פון דער גרויסער מחלוקת צווישען די תלמידים פון דעם רמב"ם און זיינע געגנער, וועלכע איז אריבערגעטראָגען געוואָרען אויך קיין עכו און ירושלם.

די מאַטעריעלע לאַגע אין א"י אין אָנהויב פון 13טען יאָהרהונדערט האָט זיך אויך פערבעסערט. עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש צו טרעפען אין דער צייט א מישלח פון א פּאַריזער ישיבה (1258) (ר' יחיאל מפאריז), זאַמלענדיג נדבות פאַר דיעזער ישיבה — אין ארץ ישראל. דער זעלבער ר' יחיאל האָט געהאַט א פּלאַן צו רעסטאַוורירען דעם מזבח.

עס איז אָבער ווי א בייזער פאַטום געהאַנגען איבער אַלע אידישע התחלות. אין יאָהר 1229 איז ירושלם ווידער אריבער, לויט אַן אָפּמאַך, צו די קרייצציגער. די אידישע האָפנונגען זיינען ווידער פערדונקעלט געוואָרען. דערצו זיינען צוגעקומען די שרעקליכע מאָנגאָלישע אינוואַזיאָנען. צוערשט — פון די קאַראַ־זעמיאַן, וועלכע זיינען געוועזען געטריבען דורך די עראָבערונגען פון ט ש י נ ג י ז ־ ח א ן. די קאַראַזעמיאַן האָבען פערפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד און איינגענומען אויך ירושלם (1244) און אויסגעשלאָכט א גרויסע טייל פון דער בעפעלקערונג. נאָך א קורצע ווידער־הערשונג איבער ירושלם, זיינען די קריסטען פאַרטריבען געוואָרען פון דאָרטען. די אידישע צרות האָבען זיך אָבער דערמיט ניט געענדיגט. אין 1260 יאָהר קומט די צווייטע, נאָך שרעקליכערע מאָנגאָלישע אינוואַזיאָן, אונטער דער פיהרונג פון הולאַגו־כאַן. די בעפעלקערונג איז צולאָפען אין ווילדען שרעק פון די רויבערישע האָרדען. דער יונגער ישוב, וועלכער האָט נאָך ניט בעוויזען זיך איינצואָוואָרצלען איז רואינירט געוואָרען. דער פערדיענסט פון דער ווידער־אויפלעבונג נאָך דעם חורבן געהערט צו דער ענערגיע פון ר ב י מ ש ה ב ר נ ח מ ן ג י ר ו נ ד י, אָדער דעם רמב"ן פון שפּאַניען, וועלכער איז געקומען אין לאַנד אין 1267, און האָט דאַן אין ירושלם בלויז צוויי אידען געטראָפען. א דאַנק זיין אויסערגעוועהנליכער ענערגיע איז איהם געלונגען צוזאַמענצוברענגען די אַנטלאָפענע, און אין איין מאָנאַט צייט

מיגראַציע פון אידן אין לאַנד

מאָנגאָלישע אינוואַזיעס

באַזעצונג פון רמב"ן

האט ער שוין געלעגט דעם גרונד צו א נייער אידישער געמיינדע אין ירושלם (ראש השנה ה'—כ"ח 1267). פאר דריי יאהר צייט איז די געמיינדע אויסגעוואקסען ביז צוויי טויזענד נפשות, און פון דעמאלט אן עקזיסטירט זי אהן אונטערבראכען ביז אונזער צייט — במשך פון זעקס הונדערט און פופציג יאהר.

ענדע 13טען יאהרהונדערט זיינען די נוסעי־הצלב גענצליך ארויסגעשטויסען געווארען פון ארץ ישראל. דאס גאנצע לאנד האט זיך ווידער געעפענט פאר אידען. עס איז א מערקווירדיגער צופאל, אז גראד דעם יאהר ווען די קרייצציגער זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון ארץ ישראל, זיינען די אידען, אונטער עדוארד דעם ערשטען, ארויסגעטריבען געווארען פון ענגלאנד (1290). אין זעכצעהן יאהר ארום אין פארגעקומען דער ערשטער גירוש־צרפת, אונטער דעם שעהנעם פיליפוס (1306). דער פערצעהנטער יאהרהונדערט איז בכלל געווען איבערפילט מיט גזרות און עלילת־דם אויף אידען אין אייראפא. אין דער צייט פון דער שווארצער פעסט זיינען פארגעקומען שרעקליכע מאסאקרען אויף אידען אין גאנץ אייראפא (1348), און צו ענדע פון דעם יאהרהונדערט — מאסאקרען אויך אין שפאניען און דער לעצטער גירוש־צרפת.

צו דערזעלבער צייט איז, אבער, די אידישע לאגע אונטער דער הערשאפט פון די שקלאפען־מאמעלוכען געווען פיעל לייכטער ווי אין וועסט אייראפא, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואס די אייראפעאישע אידען האבען טיילווייז אנגעהויבען צו עמיגרירען צוריק אין דער אלטער היים. מיר זעהען, ווירקליך, ווי די אידישע פאזיציעס אין לאנד פערשטארקערען זיך אין דעם 14טען יאהרהונדערט ניט נור אין ירושלם, נאר אויך אין פיעלע אנדערע שטעדט און דערפלעך, אין יהודה און אין גליל (ניט וועניגער ווי 25 פונקטען). נייע צענטרען ווערען געשאפען און מיר טרעפען שוין אידען ניט נור ביי „פארבעריי" — די הויפט פראפעסיאן וועלכע עס איז פאר זיי נעבליבען אפען אונטער דער קריסטליכער הערשאפט — נאר ביי פערשיעדענע מלאכות (ווענבעריי, גלאז־אינדוסטריע), ביי גרויס און קליין־האנדעל מיט וויין, בוים־אויל און פערשיעדענע סחורות, און אויך ביי ערד־ארבייט און פיהה־צוכט. אזוי דערצעהלט אונז איינער פון די חכמים פון יענער צייט, ר' יצחק חילו, וועלכער האט בעזוכט דאס לאנד, אז אין ערד, דרום ארץ־ישראל בעשעפטיגען זיך אידען מיט פיהה־צוכט, אזוי אז אפילו דער רב פון דער געמיינדע איז א פאסטוך און לערנט מיט זיינע תלמידים תורה אויף דעם פרייען פעלד.*)

צו יענער צייט האט געוואוינט אין בית שאן דער ערשטער פארשער פון ארץ ישראל ר' אשתורי הפרחי, און עס איז צו זעהן פון זיינע ווערטער, אז א אידישער ישוב איז געווען צו יענער צייט אויך אין עגלון, עבר הירדן. ער דערצעהלט, אז פיעלע אידען פון די ארומיגע מוסולמעניש לענדער, פון טריפאלי, דמשק, חלב, קאהירו און אלכסנדריה פלעגען קומען עולה־רגל זיין און פייערן די ימים־

*) ר' יצחק חילו רעכענט אויס פאלגענדע פונקטען מיט א אידישער בעפעלקערונג: אין יהודה און שמרון: ירושלם, עיטם, חלחול, חברון, ערד, גמזו, צריפין (סאראפענד), יפו; גבע; שכם, קסריה; און אין גליל: חיפה, עכו, איבלין (יבנאל), טבריה, מירון, צפת, גוש־חלב, סאסא, פרה, דלתא, עלמא, קדש, בס"ה 23 פונקטען פון די 45 שטעדט און דערפער וועלכע ער בעשרייבט.

מיכים און ירושלם. אידען האבען געהאט אין ירושלם אייגענע קווארטאלען און אייגענע בתי־מדרשים.

די אלגעמיינע לאגע פון די אידען אין ארץ ישראל האט זיך במשך פון דעם פערצעהנטען און די ערשטע העלפט פון דעם 15טען יאהרהונדערט וועניג פערענדערט. די צאהל אידען האט זיך לאנגזאם פערגרעסערט אין די גרעסערע צענטרען. דער גרעסטער צענטר איז געווען די גאנצע צייט — ירושלם. די אידישע הויפט־בעשעפטיגונג איז געווען — פערשיעדענע מלאכות און האנדעל, ווי צ. ב. ש. סטאָלעריי, פארפיומעריי, גאלדשמידעריי, שוסטעריי, זיידען־וועבעריי. אין די קלענערע שטעדט און דערפער האבען די אידען געהאנדעלט מיט שניט־סחורה. וועלכע זיי האָבען פערקויפט דער לאנדס־בעפעלקערונג. אין אייניגע ערטער, ווי אין ירושלם, האבען די אידען געהאנדעלט מיט וויין און מיט בוים־אויל. עס איז אויך בעקאנט (פון דעם רייזענדער ר' משולם מוואָלטערא) אז אידען האבען זיך אויך אין דעם 15טען יאהרהונדערט בעשעפטיגט מיט פלאנטאציעס און ערד־ארבייט, און פראדוצירט וויין פון אייגענע כרמים (צ. ב.ש. אין עזה). אין אלגעמיין האבען די אידען עגלעבט ניט רייך, אבער זיי האבען זיך עקאנאמיש ניט געהאט צו בעקלאגען, ווארום די לעבענסמיטלען זיינען געווען זעהר ביליג.

אין גייסטיגען זין האט זיך צו דער צייט אנגעהויבען אויסצובילדען אין ארץ ישראל א קליינער צענטר פון תורה. פיעלע חכמים און רבנים, הויפטזעכליך פון איטאליען, אבער אויך פון אנדערע לענדער, פלעגען בעזוכען דאס לאנד, און אייניגע פון זיי האבען זיך זאגאר בעזעצט אין א"י, געגרינדעט ישיבות און אויפגעשטעלט תלמידים. דער ערשטער פארשער פון לאנד, דער אויבענדערמאהנטער ר' אשתורי הפרחי (פון פראנקרייך) האט איבערגעלאזען א וויכטיגען ווערק, וואו ער בעהאנדעלט די נאטור פונ'ם לאנד, די געאגראפיע און די אויבערפלעכע פון ארץ ישראל.

15טער יאהר־הונדערט.

דאך איז במשך פון דעם 15טען יאהרהונדערט ניט ענטשטאנען קיין בעדייטענדער אידישער ישוב אין א"י. הגם די אידען האבען געלעבט מיט זייערע שכנים־מיסולמענער אין פרידען, איז עס אבער געוועזען מעגליך נור א דאנק דעם, וואס די אידען פלעגען מיט געדולד אריבערטראגען דעם אראבישען פאנאטיזם. די ירושלמ'ער אראבער פלעגען האבען, נעמליך, אייביגע פרעטענזיעס צו זייערע אידישע שכנים, ווארום זאגען זיך די אידען ניט אפ פון דעם וויין־געברויך, ווי עס פאדערט דער געזעץ פון קאראן. און ווען עס פלעגט אויסברעכען א הונגער, אן עפידעמישע קראנקהייט, אדער דער רעגען פלעגט פערשפעטיגען צו קומען, האבען זיי אין דעם אימער געזעהן א שטראף פון גאט פאר די אידישע חטאים. די ממלוכ'ישע רעגירונג האט קיינע בעזונדערע בעשרענקונגען אדער אונטערדריקונגען געגען אידען ניט אנגעווענדעט, אויסער, נאטירליך, די בעזונדערע אפצאהלונגען און שטייערען. עס איז בעקאנט צ. ב. ש. א פאקט, ווען צוליעב א געוויסען סכסוך האבען די פאנאטישע מוסולמענער, אויפגעהעצט פון א גייסטליכען, חרב געמאכט דעם רמב"ן'ס שול. דאן האט דער העכערער געריכט פון קאהירא גע'פסקנ'ט אז די אראבער זאלען צוריק אויפבויען די שול אויף זייערע הוצאות.

אין יאהר 1400 האבען די אידען שטארק געליטען פון טימור־לענק'ס איוואזיאן. פיעלע זיינען געטויטעט געווארען, אנדערע געפאנגען געווארען פון די ווילדע הארדען. אין דעם יאהר 1434—1435 איז אויסגעבראכען אין לאנד א שרעקליכע מגפה, פון

וועלכער די אידישע בעפעלקערונג האט בעזונדערס שטארק געליטען. שפעטער, (אין יאהר 1440) האט דער סולטאן ארויפגעלעגט אויף דער אידישער געמיינדע אין ירושלים א שווערע אפצאהלונג פאר דאס רעכט צו געברויכען וויין (400 דוקאטען א יאהר). דיעזער שטייער פלעגט אויפגעמאהנט ווערען ניט פון איינצעלנע פערזאנען, נאר פון דער גאנצער געמיינדע, אונאבהענגיג דערפון, ווי גרויס די געמיינדע איז געווען און וויפיעל מיטגלידער זי האט געצעהלט. ספּעציעלע בעאמטע — אידישע „שייכען" זיינען בעשטימט געווארען פון דער רעגירונג אויפצומאהנען אט דעם בע־זונדרען שטייער. די שייכען פלעגען אויפמאהנען דעם שטייער (פאר וועלכען זיי זיינען געוועזען פערזענליך פעראנטווארטליך) מיט אזא שטרענגקייט, אז אלע פער־מעגליכע אידען זיינען זיך אין פאניק צולאפען פון שטאדט. עס זיינען געבליבען בלויז די ארימערע. דאן האבען די „שייכען" פער'משכונ'ט און פערקויפט אלע חצרות און געביידעס, וואס האבען בעלאנגט צו דער געמיינדע. אם ענדע האבען זיי ארויפגעלעגט זייער האנד אויף די אלע אלטע ספר־תורות, וועלכע האבען זיך במשך פון יאהרהונדערטער אנגעזאמעלט אלס מתנות און נדבות פון די אידען פון דער גאנצער וועלט פאר ירושלים; און אויף די ציהרונגען פון ארון־קדש. די שייכען הא־בען זיך אויסגענוצט מיט דער געלעגענהייט און מיט זייער מאכט געפּרעסט געלד ביי דער אידישער בעפעלקערונג אהן מאס און רעכנונג. בעזונדערס איז די לאגע גע־ווארען אונערטרעגליך אין די 80־ער יאהרען פון 15טען יאהרהונדערט. במשך פון א זעקס יאהר האבען העכער הונדערט פאמיליעס פערלאזען די שטאדט. פון 300 פאמיליעס זיינען פערבליבען אין ירושלים בלויז 70 ארימע לייט, אויסער עטליכע הונדערט אלמנות און יתומים. עס האט געשיינט אז דער ישוב געהט אונטער, און אז די גאנצע מיה און קאמפף פון די לעצטע 200 יאהר, זינט דעם רמב"ן, וועלען זיין אומזיסט.

אזוי טרעפען מיר דעם אידישען ישוב צו ענדע פון 15טען יאהרהונדערט. אין דעם שווערסטען קריזיס, וועלכע איהם איז נאר אויסגעקומען איבערצולעבען פון נאך דעם חורבן. די אידישע בעפעלקערונג איז געוועזען ניט נור אין א ביטערען עלענד און ארים אין צאהל, נאר זי האט געהאלטען כמעט ביי פאלשטענדיגען אונטערגאנג. אויסער ירושלים, האבען זיך אין לאנד געפונען פילייכט א 450—500 פאמיליעס, ד. ה. בסך הכל נישט מעהר ווי 2500 נפשות, אדער ה ע ל פ ט פון דער צאהל, וואס ר' בנימין האט געטראפען אין לאנד מיט 300 יאהר צוריק. יעצט זיינען דיעזע אידען געוועזען גרופּירט בלויז אין דריי פונקטען אין יהודה און אין 4—5 פונקטען אין גליל העליון.

דאס איז געווען דער טרויעריגער סך־הכל פון דעם דריי־הונדערט יאהריגען קאמפף פאר עקזיסטענץ אונטער שרעקליכע בעדינגונגען פון די מיטעלאלטערישע סיריען און עגיפּטען, צווישען דער ווילדער בעפעלקערונג פון די לענדער, אונטער דעם רעזשים פון די קרייצציגער, פון די ממלוכ'ען און פון די „שייכען".

עס איז שווער צו טרעפען, אויף ווי לאנג וואלטען די אינערליכע כחות געשטייעט צו ראנגלען זיך מיט דער נויט און מיט די אונגעהויערע שטייערען. דא זיינען אבער גע־קומען צו הילף די אויסערליכע געשעהעניסע אין דער אידישער וועלט, וואס האבען חרב געמאכט די וויכטיגסטע אידישע צענטרען אין יענער תקופה — אין דעם פירענעאישען האלב־אינזעל, און צו דער זעלבער צייט געגעבען א שטויס צו א נייעם לעבען אין דעם אריענט. מיט דעם גירוש ספרד (1492) און פארטוגאל (1496) איז

אין ארץ ישראל אריינגעקומען א נייער מענשען־שטראם, וואס האט א נייעם לעבען אריינגעבראכט. וועגען דער תקופה וועלען מיר רעדען אין נעכסטען קאפיטעל, אין פערבינדונג מיט דער טערקיישער הערשאפט. פריהער, אבער, עטליכע ווערטער וועגען א מאן, וועלכער האט זעהר פיעל מיטגעהאלפען דער רעטונג פון דעם ישוב פון קריזיס און אונטערגאנג — דאס איז געוועזן ר׳ עובדיה מברטנורא.

ר׳ עובדיה מברטנורא.

וועלכער איז געקומען אין ירושלים אין יאהר 1488, און האט געשפיעלט פאר ארץ־ישראל כמעט די זעלבע ראלע ווי דער רמב״ן מיט צוויי הונדערט יאהר פאר איהם. א דאנק זיין אייגענער אויטאריטעט און דער שטיצע, וועלכע ער האט געקראגען פון דעם „נגיד" פון מצרים (וועלכער אמט ענטשפרעכט אונגעפעהר דער ראלע פון היינטיגען חכם־באשי) איז איהם געלונגען צו פערבעסערען די עקאנאמישע לאגע, און מאכען אן ענדע צו דער דעמאראליזאציע פון די „שייכען". פיעלע עמיגראנטען האבען זיך צוריק געקעהרט. און ווען עס איז געלונגען צו פועל׳ן ביי דער רעגירונג די שטייערען זאלען אויפגעמאהנט ווערען אויף אן אנדער, מילדערען אופן, איז דער גאנצער קריזיס צוביסלעך בעזייטיגט געווארען.

ה. די טערקישע הערשאפט.

(1917—1517)

די ערשטע צוויי הונדערט יאהר פון דער טערקישער עפאכע זיינען אויסגעפאלען אין דער צייט פון דער אטאמאנישער מאכט און וועלט־הערשאפט.

טערקיי אין איהר מאכט־פעריאדע

נאכדעם ווי סלים (סעלים) דער ערשטער האט איינגענומען קורדיסטאן, סיריען, ארץ־ישראל און עגיפטען, און זיין יורש סוליימאן־אל־קאנוני (ד. ה. דער געזעצגעבער) האט פערפעסטיגט די טערקישע אימפעריע און פערשפרייט איהר הערשאפט ביז איבער מעסאפאטאמיען פון איין זייט, און בעסאראביען און אונגארן פון דער אנדער זייט, האבען זייערע נאכפאלגער ערארבערט דרום־אראביען, קיפרוס און די פערסישע געביעטען ארום דעם חאזארישען אדער קאספישען ים. אין דעם 16טען און אין דעם 17טען יאהרהונדערט איז טערקיי געוועזן די שטארקסטע מאכט אין אייראפא. פון אוקראיינא און פוילען אין צפון־זייט האט זי געהערשט ביז דעם פערסישען גאלף און אינדישען אקעאן אין מזרח־דרום, און פון דעם מדבר סאחארא ביז די טויערען פון וויען. טערקיי האט געזאגט איהר דעה איבער די פערהעלטנישען פון רוסלאנד און פוילען, פון ווענעציא און פון אנדערע אייראפעאישע מעכטע.

די טערקישע רעגירונג האט בעגינסטיגט און בעשיצט דעם האנדעל אין איהרע פראווינצען, בעזונדערס דעם ים־האנדעל. פערשיעדענע פריווילעגיעס זיינען געגעבען געווארען פון דער טערקיי צו די פראנצויזישע, צו די ווענעציאנער און צו אנדערע סוחרים, כדי זיי דערמיט שטארקער צו פעראינטערעסירען אין דער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון די טערקישע פראווינצען. און א דאנק דיעזער פאליטיק האבען זיך אין דעם נאהענטען אריענט ווירקליך ענטוויקעלט וויכטיגע האנדעלס־צענטרען און א לעבעדיגער ים־פערקעהר.

די לאנדווירטשאפט איז געוועזן און געבליבען די הויפט־בעשעפטיגונג פון דער בעפעלקערונג פון די פערשיעדענסטע פראווינצען, וועלכע זיינען אריין אין דער אטא־

מאַנישער אימפעריע. לויט דעם טערקיש־פעאדאלען סיסטעם פלעגט די רעגירונג
בעלוינען איהרע זיעגרייכע קריעגער מיט גרויסע נחלאות, וועלכע האָבען געהייסען
„זיאַמעט“ (מיט א יעהרליכע הכנסה פון 20 ביז 100 טויזענד אספער) און „טימאַר“
(יעהרליכע הכנסה פון 5 ביז 20 טויזענד אספער) און זייערע פעאדאלען־אייגענטי־
מער — „זאאים“ און „טימארלי“. פונקט ווי די מערב־אייראפעאישע פעאדאלען,
פלעגען די טערקישע אבגעבען זייער באָדען אין ארענדע צו קלענערע פויערען און
נעהמען ביי זיי יעהרליכע שטייערען. דערפאר זיינען די פעאדאלען געוועזען פער־
פליכטעט צוזושטעלען דער רעגירונג אין צייט פון קריעג א געוויסע צאהל זועלנער,
רייטער און פוסגעהער, לויט דער גרויס פון זייערע נחלאות. דעם מיליטער פלעגען
זיי אליין דארפען אויסשטאטען און אויסהאלטען.

מיט דער צייט איז די אבצאהלונג מיט נאטור פערביטען געוואָרען אויף געלד־
שטייערען. וואס אנבעלאנגט דעם פויער־פאכטער, איז ער געבליבען א שטענדיגער
ארענדאַטאָר, אָבער ער איז ניט צוגעבונדען געוואָרען צום באָדען ווי דער פאַל איז
געוועזען אין מערב און אין מזרח־ אייראפא, און האָט זיך בשום אופן ניט פערוואנדעלט
אין א לייב־קנעכט ווי אין דייטשלאנד אָדער אין א קריעפאסטניק, ווי אין רוסלאנד.
די פערזאָן פון טערקישען פעלאח איז געבליבען פריי, און דער פעאדאליזם האָט זיך
ניט ענטוויקעלט ביז זיינע קאָנסעקווענצען.

פערוואלטונגס־סיסטעם.

דער סיסטעם פון פערוואלטונג האָט ענטשפּראכען צו דעם סיסטעם פון ערד־איי־
גענטום. די מלוכה איז געוועזען צוטיילט אויף איאלת (עיאלעטס—פראָווינצען), די
איאלת׳ס אויף „סאנדזשאק׳עס“. אין דעם אָנפאנג פון 16טען יאָהרהונדערט איז
דאָס גאנצע לאנד איינגעטיילט געוועזען אויף 21 איאלת מיט 250 סאנדזשאקס. צו
סיריען האָבען געהערט (אין 18טען יאָהרהונדערט) די פּאשאליקס: חלב (אלעפּפּאָ),
טראבלוס (טריפּאָליס), צידון (שפּעטער איז דער צענטר אריבער אין עכו), דמשק
און פלסטין (מיט דעם צענטר אין ירושלם אָדער עזה). די הויפּט־פונקציע פון די
בעאמטע, וועלכע זיינען געשטאַנען אן דער שפּיצע פון די פּראָווינצען און פון די
בעצירקען, — די פּאשא׳ס, בעק׳ס (ביי׳ס) און די אַגאַ׳ס — איז געוועזען אויפצומאהנען
די שטייערען פון דער בעפעלקערונג און איבערשיקען זיי צו דער צענטראלער רעגי־
רונג אין סטאמבול (קאָנסטאנטינאָפּאָל). די צענטראלע רעגירונג האָט ניט געהאט
אָבער, קיין קאָנטראָל איבער די איינגאהמען און אויסגאבען, זי פלעגט בעקומען
בלויז דעם „ריינעם איינטראג“, נאָכדעם ווי דער פּאשא האָט אראבגערעכענט די
הוצאות אויף זיין אייגענעם געהאלט און אויף דעם געהאלט פון די בעאמטע און די
„קאָלעמס“ (אָפּיסעס). אָפּטמאָל פלעגט דער הויכער בעאמטער בעקומען א בעזונ־
דער נחלה, „טימאַר חאס“, די הכנסות פון וועלכער זיינען בעשטימט געוועזען פאר זיין
אַמט. אזוי, אז דער גובערנאטאָר פון א פּראָווינץ איז געוועזען מעהר עהנליך צו א
רייכען ארענדאטאָר, וועלכער פלעגט אבדינגען ביי דער צענטראלער רעגירונג די
גאנצע איינטראגען פון א בעשטימטער פּראָווינץ. איינמאָל א יאָהר פלעגט דער
דאָזיגער גובערנאטאָר ארויספאהרען, געוועהנליך, מיט זיין מיליציע אויפצוזאמלען
די שטייערען פון די פעאדאלען און פון די דארפסלייט, בעשטראפען די שייכען, וואס
צאהלען ניט אָדער וועלכע זיינען ווידערשפעניג צו דער רעגירונג, אויפהענגען א פּאָר
געפאנגענע רויבער און דאס גלייכען.

די מיליטערישע אָרגאניזאציאָן פון דער טערקיי איז אין די ערשטע צייטען
געוועזען פון א פעאדאלען סיסטעם. די מיליטער איז בעשטאנען פון פוס־געהער

אין פון רייטער, וועלכע יעדער פעדאל (זאים אדער טימארלי) האט געמוזט אין א בעשטימטער צאהל צושטעלען און אויסהאלטען מיט קליידונג, אמוניציע און געהאלט. אין 16טען יאהרהונדערט, ד. ה. אונגעפעהר צו דער צייט ווען א"י איז איינגענומען געווארען, האבען די פעדאלען אויפגעהערט צוצושטעלען רעגולער די מיליטער. אנשטאט דעם האט זיך פערשטארקט די בעדייטונג פון די יאניטשארען (וואס האבען עקזיסטירט א סך פריהער). דאס זיינען די יאניטשארען־רעגימענטען, וועלכע פלעגען ערצויגען ווערען פון יונגע קינדער (צייטענווייז צוגענומענע מיט געוואלד ביי זייערע קריסטליכע עלטערן) אין טרייהייט צו דער רעגירונג און צו דעם איסלאם. די רעגירונג האט אויך געהאט א בעזונדערע קאוואלערי — די סיפאהי. די יאניטשארען און די סיפאהי האבען געהאט בעזונדערע פריווילעגיעס אויף בארדענס, ביים האנדעל א. ד. ג.

די גובערנאטארען זיינען געוועזען אין אלע אינערליכע ענינים פון דער אדמיניסטראציע כמעט זעלבסטשטענדיג. אפט פלעגען זיי אפילו פיהרען צווישען זיך מלחמות מיט דעם צוועק צו פערגרעסערען זייערע פראווינצען אויף דעם חשבון פון די שכנים. אזא מין האנדלונג איז ניט געשטאנען אין ווידערשפרוך צו זייער „טרייער אונטערטאנשאפט“ צו דעם סולטאן, כל זמן זיי פלעגען ערפילען זייערע פליכטען געגעניבער דעם טראן און דעם אוצר־המלכות. אבער יעדעם מאל, ווען א פאשא פלעגט ווערען צו מעכטיג, פלעגט ער שוין דערמיט ארויסרופען א פערדאכט ביי דער צענטראלער רעגירונג, וועלכע פלעגט איהם באלד בייטען פון איין פראווינץ אויף א צווייטער, אדער גאר ארונטערזעצען און לויט א בעזונדער פירמאן פון סולטאן אפהאקען דעם קאפ און איבערשיקען קיין סטאמבול. דער פאשא האט געוואוסט די שטענדיגע געפאהר און פלעגט זיך סטארען פאר דער קורצער צייט פון זיין הערשאפט אויסצונוצען זיין מאכט כדי צו בעררייכערען (אויף דעם חשבון פון דער בעפעלקערונג) זיין פריוואטען שאטץ־קאמער און מיט דער הילף פון דעם אנגעזאמעלטען געלד פערפעסטיגען זיין אייגענע פאזיציע. אפטמאל פלעגען די פאשא'ס קומען אין קאנפליקט מיט דער צענטראלער רעגירונג, וועלכע פלעגט מוזען, אבהענגיג פון פערשיעדענע אומשטענדען, נאכגעבען אדער שיקען געגען זיי מיליטער און אנפיהרען מלחמה. אמאל פלעגט די צענטראלע רעגירונג בעפאלמעכטיגען איין פאשא צו בעשטראפען דעם צווייטען, וועלכער ערפילט ניט זיינע פליכטען, אדער וועלכער איז געווארען צו מעכטיג און געפעהרליך. אין אזא פאל פלעגט די רעגירונג שטיצען דעם שוואכערען ביז ער פלעגט שטארק ווערען, און דאן, ווידער, אויפשטעלען געגען איהם אן אנדער ניט־פערגינער.

און פונקט ווי די גרויסע ביי'ס און פאשא'ס, פלעגען זיך נוהג זיין די קלענערע וואכאלען, די אגא'ס און שייכען. זיי פלעגען פיהרען שטענדיגע מלחמות צווישען זיך פאר זייערע נחלות. פון צייט צו צייט פלעגען זיי ארויסטרעטען געגען די פאשא'ס גופא, און עס זיינען געוועזען פאלען, ווען געוויסע שייכען איז געלונגען צו דערגרייכען א זעלבסטשטענדיגען מצב, און די שייכען האבען דיקטירט דער צענטראלער רעגירונג ווענען זי זאל בעשטימען פאר א פאשא אין די נאכבאר־פראווינצען. מעהרסטענטיילס זיינען אבער די קליינע מורדים ניט געווען געפעהרליך פאר די פראווינצען, און די צענטראלע רעגירונג פלעגט זיך בעציהען צו זיי מיט א מערקווירדיגער טאלעראנץ.

דיעזע שטענדיגע מלחמות און סכסוכים האבען זיך געלעגט מיט א שווערער לאסט אויף דער בעפעלקערונג פון די פראווינצען. די מיליטער האבען זיך מיט דער פריעדליכער בעפעלקערונג בעגאנגען ווי אין א עראבערטען לאנד: צוגענהמען די בהמות, די תבואה, בעגעהן רויב און מארד. די פאשאס און די אגא'ס פלעגען ריקזיכטסלאז עקספלואטירען די איינוואהנער, פיהלענדיג זיך אין דער ראלע פון „מלך בן יומו" (א מלך אויף איין טאג). דיעזע ארדנונגען האבען געבראכט די פראווינצען צו א שרעקליכען חורבן אין עקאנאמישען, קולטורעלען און מאראלישען זין.

אנפאנגענדיג פון דעם 18טען יאהרהונדערט, ווען די טערקיי האט שוין אנגעהויבען צו פערלירען איהר אויסערליכע וועלט־מאכט זיינען דיעזע אויפשטאנדען און אינערליכע מלחמות געווארען בעזונדערס געפעהרליך.

און ווידער איז אויסגעפאלען אויף דעם שיקזאל פון סיריען און פון ארץ ישראל צו ווערען אן ארענע פון שטענדיגע אויפשטאנדען און בלוטיגע געשעהענישען.

17טער יאהרהונדערט.

נאך אין אנהויב פון דעם 17טען יאהרהונדערט טרעפען מיר דעם אויפשטאנד פון דעם חלב'ער פאשא עלי־ג'נבלד (אלי־דזשאנבלאד) (1606), דער דרוזיישער פירסט פאחר־אלדין האט זיך מיט איהם פעראייניגט, און האט איינגענומען גאנץ לבנון און די ברעגען ביים ים. די מורדים זיינען אריין אין פערבינדונג מיט די קריסטליכע רעגירונגען פון טאסקאנא, שפאניען, און פון דעם פאבסט, מיט דעם צוועק צו בעקומען פון זיי שטיצע, אום כדי אבצונעהמען ארץ ישראל, און בעזונדערס, ירושלם פון דער טערקיי; דערביי האבען זיי זיך פערפליכטעט געגען די אייראפעאישע מלוכות צו געבען די קריסטען פון ירושלם געוויסע פריווילעגיעס. טערקיי איז אבער געווען דאן אין איהר גלענצענדער מאכט פעריאדע. זי האט געשיקט איהר מיליטער, און האט בעזיעגט די ביידע מורדים. אין רעזולטאט איז ג'מבלאד אבגעקומען מיט דעם, וואס ער איז בעשטימט געווארען פאר א גובערנאטאר אין אן אנדער ווייטע פראווינץ (אין טעמעסוואר, אונגארן), און פאחר־אלדין איז געבליבען א „טרייער" וואסאל אויף זיין אלטען אמט. דאס האט דעם טרייען אונטערטאן ניט געשטערט אין עטליכע יאהר ארום ווידער אמאל אויפהויבען אן אויפשטאנד געגען טערקיי.

18טער יאהרהונדערט.

פערהעלטניסמעסיג רוהיג איז פערלאפען דער זיעבצענטער און די ערשטע העלפט פון 18טען יאהרהונדערט אין סיריען. דערפאר אבער האט זיך אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאהרהונדערט אנגעהויבען א רוישענדע עפאכע פון אויפשטאנדען און מרידות אין אראביען און סיריען.

אין אראביען האט זיך אויפגעהויבען א נייע בעוועגונג געגען דעם פעטיסיסטישען קולט פון די הייליגע קברים. די אנהענגער פון דער בעוועגונג, די וואהאביטען (לויט דעם נאמען פון זייער גרינדער און אנפיהרער מחמד אבן־אלוואהאב) איז געלונגען צו ציהען אויף זייער זייט פיעלע אראבישע שבטים, פערכאפען די הייליגע מוסולמענישע פלעצער און אראפווארפען פון זיך די טערקישע הערשאפט (1763). צו דער זעלבער צייט האט איינער פון די עגיפטישע ממלוכ'ען, עלי־בי, אויך ערקלערט זיך זעלבסטשטענדיג (1768).

שייך דאהיר אלעמר

מיט א קורצער צייט פריהער האט זיך פארשטארקט אין ארץ ישראל דער שייך טאהיר אל־עמר (דאהיר אל־אמאר), א בעדואינער פון דעם שבט בני־זידאן, א מענש מיט מערקווירדיגע פעהיגקייטען. ער האט מיט ערפאלג געפיהרט מלחמות מיט די פאשא'ס פון דמשק און פון צידון, און האט פארשפרייט זיין מאכט איבער'ן גאנצען גליל. דער שייך דאהיר האט געהאט ביי זיך גרויסע פלענער צו ענטוויקלען דעם האנ־

דעל, די אקערבוי און אינדוסטריע. צוליעב דעם צוועק האט ער איינגענומען פאר זיך א פארט־שטאדט, עכו (1759) און זיך דארט בעפעסטיגט. ער האט בעגינסטיגט אידען און קריסטען און מיטגעהאלפען פיהרען א מוסולמענישע, גריכישע און אידישע קאָ־לאניזאציע אין גליל.

די ערשטע צייט איז דער שייך געווען לאיאל צו דער צענטראלער רעגירונג. די הויכע פארטא האט אבער געזעהען זיין שטייגענדע קראפט און האט איהם געהאלטען פאר געפעהרליך. עטליכע מאל האט זי געשיקט געגען איהם מיליטערישע עקספעדיציעס. עס איז איהם געלונגען צו בעזיגען די טערקישע מיליטער און צו פארשפרייטען זיין מאכט איבער יפו, רמלה, עזה און גאנץ יהודה, אין פערבינדונג מיט דעם דערמאנטען עלי־בי פון עגיפטען. אין יענער צייט זיינען די רוסען געשטאנען אין קריעג מיט טערקיי, און עטליכע רוסישע שיפען האבען קרייסירט ארום די ברעגען פון ארץ ישראל. דער שייך דאהיר האט זיך מיט זיי פארבונדען און מיט זייער הילף האט ער בעזיעגט זיינע פיינד. העכער 25 יאהר האט דער אלטער שייך געהערשט אין לאנד. ערשט אין יאהר 1776 איז די טערקען געלונגען צו בעזיגען דעם ממלוכ'ען פיהרער עלי־בי און שפעטער אויך דעם אלטען שייך דאהיר מיט זיינע זיהן.

נאכדעם קומט די עפאכע פון אחמד ג׳זאר (ד. ה. „דער קצב“ — אזוי האט ער געהייסען צוליעב זיין רציחה), אדער ג׳זאר (דזשעזאר)־פאשא, וועלכער איז פון א שקלאף געווארען א הערשער. נאכדעם ווי ער האט פעררעטען זיין פריינד דאהיר איז ער עולה לגדולה געווארען. אין יאהר 1778 איז ער שוין געווארען א פאשא איבער צידון און עכו. מיט דער הילף פון דעם אראבישען שבט חאווארא, וועלכען ער האט געבראכט פון עגיפטען האט ער געהערשט איבער דעם לאנד, אקספלואטירענדיג און רואינירענדיג די בעפעלקערונג מיט זיין טערארר.

נאפאלעאן. אין יאהר 1799 איז נאפאלעאן באנאפארט געקומען מיט זיין מיליטער קיין ארץ־ישראל: איינגעהמענדיג עזה און יפו איז ער צוגעקומען צו עכו און בעלאגערט דארט ג׳זארען מיט זיינע אראבער, אבער אהן ערפאלג. אין עמק־יזרעאל האט נאפאלעאן גע־געבען א שלאכט דער אראביש־טערקישער מיליטער פון דמשק'ער פאשא — לע־ען דער הייגטיגער מרחביה. די טערקישע מיליטער האבען געמוזט צוריקטרעטען און נאפאלעאן'ס טרופען האבען דערגרייכט די שטעדט צפת און טבריה אין גליל און רמלה אין יהודה. קיינע ווייטערע רעזולטאטען האט אבער דער זיעג פאר ארץ ישראל ניט געהאט, ווארום די געשעהענישען אין עגיפטען און אין אייראפא האבען צוריק־גערופען די פראנצויזען פון ארץ ישראל.

מחמד עלי. פון פיעל גרעסערער בעדייטונג זיינען געווען די עגיפטישע געשעהענישען איז אנהויב פון 19־טען יאהרהונדערט, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דעם נאמען פון מחמד־עלי, דעם מאן פון אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. אליין אן אלבא־נישער טאבאק־הענדלער, איז ער געווארען אן אפיציער אין דער טערקישער ארמעע פון עגיפטען, און אין א קורצער צייט האט ער דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מיליטערישער און ציווילער מאכט. מיט זיינע אדמיניסטראטיווע פעהיגקייטען איז איהם געלונגען דורכצופיהרען א גאנצע רעוואלוציאן אין דער ארמעע־ארגאניזאציע און אין דער פינאנציעלער פערוואלטונג. אין עטליכע יאהר ארום האט מחמד־עלי שוין געהאט אין זיינע הענד דעם גאנצען גורל פון טערקיי.

געגען איהר ווילען האט טערקיי געמוזט אנערקענען איהם אלס א פאשא און אלס וואלי איבער עגיפטען (1806). מחמד־עלי האט ניט נור בעזיגט, נאר אויסגעראטען די

רעשט ממלוכ׳ען פון עגיפּטען און האָט געשיקט אין סטאַמבאַל (אַלס בלוטיגע טראָפּעען פון זיין זיעג) 83 ממלוכ׳ישע קעפּ. אויף אַזאַ אופן האָט ער געמאַכט אַן ענדע צו דער הונדערטער־יעהריגער באַרבאַרישער הערשאַפט פון די ממלוכ׳ען איבער מצרים.

די נייע, אויף גאַנץ אייראָפּעאישע יסודות אָרגאַניזירטע אַרמעע פון מחמד־עלי האָט בעזיעגט די וואַהאַביטען אין אַראַביען און אומגעקעהרט די הייליגע ערטער צו דער טערקיי. מחמד־עלי׳ס אַרמעע האָט אונטערדריקט דעם גריכישען אויפשטאַנד, וואו נאָר זי פלעגט ערשיינען. אָבער אויסער זיינע מיליטערישע נצחונות האָט מחמד־עלי אָנגע־פיהרט אַ גרויסע קולטור־אַרבייט ביי זיך אין לאַנד, אויפבויענדיג נייע שולען, דורכ־לעגענדיג וועגען און קאַנאַלען, און דורכגעפיהרט נייע אַדמיניסטראַטיווע רעפאָרמען.

צווישען דער בעפעלקערונג פון א״י האָט געהערשט אַן אונצופריעדענהייט, און אין איניגע ערטער זיינען פאָרגעקומען לאָקאַלע מרידות. די איינוואהנער פון ירושלם האָבען אויך רעוואָלטירט געגען דעם דמשק׳ער פּאַשאַ סוליימאַן. דעם 17טען תמוז תקפ״ד (1824) האָבען די איינוואהנער פון ירושלם איינגענומען די שטאָדט און געהערשט איבער איהר העכער 15 חדשים. ערשט ענדע תשרי תקפ״ו (1825) איז געלונגען דעם עכו׳ר פּאַשאַ עבד־אַלה צוריק צו געווינען די שטאָדט פון זייערע הענד.

דער עבד־אַלה פּאַשאַ וועלכער האָט בעקומען אַזאַ טרויעריגע בערימטקייט מיט זיינע רציחות (ער האָט פעררעטעריש ערמאָרדעט דעם אידישען פינאַנסיסט ר׳ חיים פרחי, וועלכער האָט איהם ערצויגען און געמאַכט פאַר אַ פּאַשאַ) האָט פערשאַפט פיעל צרות דער רעגירונג גופא. ער האָט אויפגעהערט צו צאָהלען די שטייערען, און די רעגירונג האָט זיך געווענדעט צו די שכנות׳דיגע פּאַשאַס צו צווינגען איהם דערצו. עס איז ענטשטאַנען אַ מלחמה צווישען עבדאַללה און דעם אמיר־בשיר פון איין זייט און צווישען די הערשער פון דמשק חלב און עדנא פון דער אַנדער זייט. לויט עבדאַללה׳ס בקשה האָט זיך מחמד־עלי אריינגעמישט און געמאַכט שלום (1830). אין גיכען האָט דער וואַהנזיניגער עבד־אַלה געמאַכט אַ נייעם פערזוך צו בעפרייען זיך פון מחמד־עלי׳ס אַפּיטרופּסות, דאָס האָט איהם אָבער געקאָסט זיין פּאָזיציע און זיין גאַנצע קאַריערע. ער איז געשטאָרבען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַלס בעטלער. אַ צווייטער סכסוך איז פאָרגעקומען אין דמשק און די טערקישע רעגירונג האָט אַליין איינגעלאַדען מחמד־עלי׳ן אונטערצודריקען דעם אויפשטאַנד. מחמד־עלי האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, און האָט באַלד געשיקט זיין אַדאָפּטירטען זון אַבראַהים־פּאַשאַ מיט עגיפּטישע מיליטער אונטערצודריקען דעם אויפשטאַנד. אין רעזולטאַט האָט אָבער אַבראַהים־פּאַשאַ פערלאַנגט די ווילאַיעטען דמשק און עכו פאַר זיך אַלס בעלוינונג. די רעגירונג האָט איהם ענט־זאָגט, און אַבראַהים האָט אקופּירט די אינערליכע פּראָווינצען פון ארץ ישראל. דער סולטאַן האָט ערקלערט מחמד־עלי׳ן און איבראַהים אַלס מורדים, און דער אונפער־מיידליכער קריעג צווישען עגיפּטען און טערקיי איז אויסגעבראָכען. אַבראַהים־פּאַשאַ האָט איינגענומען עכו (1832), צושלאָגען די טערקישע אַרמעע לעבען חומין און ביילאַן (צפון סיריען), שנעל ערשאָבערט גאַנץ סיריען און קיליקיען און אריינגעדרונגען טיעף אין אַנאַטאָליען. לעבען קאָניא האָט ער בעזיגט די אַרמעע פון גרויסע וויזיר, און דער וועג קיין קאָנסטאַנטנאָפּאָל איז געבליבען פאַר איהם אָפען. נור ווען רוסלאַנד האָט זיך אריינגעמישט אין דעם ענין, און געשיקט איהר פלאָטע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין באַספאָר, האָט אַבראַהים געמוזט אָבשטעלען זיין מאַרש. מיט דער פערמיטלונג פון רוסלאַנד און פון פראַנקרייך איז געשלאָסען געוואָרען שלום. גאַנץ סיריען איז אריבער אונטער מחמד־עלי׳ס הערשאַפט, און אַבראַהים איז געוואָרען פּאַשאַ איבער אַדאַנאַ.

אכט יאהר (1832-1840) האט געדויערט די עגיפּטישע הערשאפט איבער ארץ ישראל. מחמד־עלי האט אנגעהויבען איינפיהרען אין לאנד די אלע נייע ארדנונגען, וועלכע ער האט שוין דורכגעפיהרט אין עגיפּטען. ענטוואפענענדיג די בעפעלקערונג האט ער מיט אמאל אבגעשטעלט די אייביגע רויבערייען, רציחות און מלחמות, וועלכע זיינען פארגעקומען זייט יאהרהונדערטער אין'ם לאנד. מחמד־עלי האט דורכגעלעגט וועגען און בעוואכט זיי מיט מיליטער, כדי צו בעזארגען דעם האנדעל און דעם פרייען פערקעהר. דאס לעבען און דאס אייגענטום זיינען געווארען זיכערער. צו דערזעלבער צייט האט אבער אבראהים־פּאשא ארויפגעלעגט שווערע אבצאהלונגען (א קאפּ־שטייער, פון וועלכען די מוסולמאנער זיינען ביז יעצט געווען פריי) און איינגעפיהרט איין אל־געמיינע מיליטער פליכט (קאנסקריפּציע), צו וועלכער די בעפעלקערונג איז ניט געווען געוואוינט. דאס האט ארויסגערופען א רייהע לאקאלע אויפשטאנדען מצד די דרוזען, בעדואינער און פעלאחען־שייכען. דער וויכטיגסטער אויפשטאנד איז געוועזען אין די בערג פון שמרון און פון יהודה, אונטער דער פיהרערשאפט פון די שייכען אל־קאס'ם און אל־בארקאווי. ס איז זיי זאגאר געלונגען איינצונעהמען די שטאדט ירושלים (4טען יוני, 1833). עהנליכע אויפשטאנדען זיינען אויסגעבראכען אויך אין חברון, אין צפת, אין טבריה און אין אנדערע ערטער, און נור מיט דער הילף פון א נייער פערשטארקונג איז געלינגען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד.

פלח'ישע מרידות.

אין יאהר 1839 האט טערקיי ווידער אנגעפאנגען א מלחמה געגען עגיפּטען, און אבראהים האט אויך דאס מאל צוקלאפּט די טערקישע ארמעע (לעבען נציבין). די גאנצע פּלאטע איז אריבער אויף דער זייט פון מחמד־עלי. טערקיי איז געווען אויף דעם שוועל פון אבגרונד, און מיט איהרע אייגענע כחות וואלט זי זיך זיכער ניט געקאנט רעטען, ווען ניט די אייראפּעאישע מלוכות, וועלכע האבען ניט געוואלט צולאזען, אז עגיפּטען זאל ווערען צו שטארק. זיי האבען אינספּירירט די מאראניטען צו או אויפ־שטאנד אין לבנון (יוני 1840). דאן האט די ענגלישע מיט דער עסטרייכישער פּלאטע באמבארדירט עכו, און די טעקרישע מיליטער איז געקומען פון דער יבשה. די אראביש־סירישע זעלנער האבען אבראהים'ען פעררעטען, און ער האט זיך געמוזט צוריקציהען נאך עגיפּטען. דער שלום־אפּמאך האט אומגעקעהרט גאנץ סיריען און ארץ ישראל צו דער טערקיי. בלויז עגיפּטען און נוביען זיינען ביי מחמד־עלי'ן געבליבען בירושה (1841). דעם „חעדיוו“־טיטעל (וויצע־קעניג) האבען זיינע יורשים בעקומען שוין פיעל שפּעטער.

טערקישע ווי־דערהערשאפט.

דער 19־טער יאהרהונדערט האט זיך אנגעפאנגען מיט וויכטיגע רעפארמען אין דער טערקיי. סולטאן מחמוד דער צווייטער (1808-1839) האט פארניכטעט די יאני־טשארען־קארפּוסען און מבטל געמאכט די פארצייטיגע מיליטער־סיסטעם. אנשטאט דעם האט ער געשאפען א נייע מיליטער־ארגאניזאציע אויף'ן אייראפּעאישען סטיל, און מיט מאדערנע פארמען און איבונגען. סולטאן מחמוד האט אינגאנצען ארויסגעריבען די מאכט פון די הענד פון די פעאדאלען און אנגעהויבען צו צענטראליזירען די אדמיניסטראציע אויך אן אייראפּעאישען אופן. די נעכסטע שריט האט געמאכט זיין זון עבד־אל־מג'יד (אבדול־מעדזשיד), וועלכער האט אין יאהר 1839 ארויסגעגעבען דעם מאניפעסט פון גיול־האנע (האטי־שעריף) און שפּעטער אין 1856 דעם בעריהמטען האטי־הומאיון. מיט דעם ערשטען שריפט זיינען פערזיכערט געווארען דורך דער מלוכה דאס לעבען, די עהרע און אייגענטום פון אלע טערקיישע בירגער, אהן אונטערשיעד פון נאציאן און רעליגיאן. עס איז פּראקלאמירט געווארען א רעגעלמעסיגקייט אין דער

טערקישע רע־פארמען.

אויפהויבונג פון די רעגירונגס־שטייערען, ווי אויך די רעגולירונג פון מיליטער־דינסט. די רעגירונג האט אבגעשאפט דעם אלטען מנהג, אז די גובערנאטארען זאלען אויפמאהנען די שטייערען אהן רעכנונג, און זי האט בעשטימט ספעציעלע בעאמטע פון דער צענטראלער רעגירונג פאר די שטייערען. דאס איז געוועזען א טויט־קלאפ פאר דער פריהערדיגער ארדנונג. צוביסלעכווייז האבען די מלחמות פון די פאשא׳ס צווישען זיך אויפגעהערט, און טערקיי איז קאנסאלידירט געווארען (אויסער עגיפטען און א פאר באלקאנישע פראווינצען) אונטער איין צענטראלער רעגירונג.

· אויב דער גיולחאנע־מאניפעסט איז געוועזען בלויז דער ערשטער שריט, איז דער מאניפעסט פון 1856 שוין געוועזען א ראדיקאלע רעפארם אין די יסודות פון מוסולמענישען שטאאט. די ניט־מוסולמענישע פעלקער פון טערקיי האבען נאך פון פריהער געהאט געוויסע נאציאנעל־רעליגיעזע רעכטע. יעצט זיינען זיי בעשטעטיגט און טיילווייז מאדיפיצירט געווארען. מיט דער פראקלאמירונג פון די פרינציפען פון גלייכהייט פאר׳ן געזעץ, גלייכהייט פון שטייערען און דעם רעכט צו אלע ציווילע און מיליטערישע עמטע און שטעלען און פרייהייט פון גלויבען און קולט — איז פארגעקומען די עמאנסיפאציע פון די ניט־מוסולמענישע אונטערטאנען (אידען און קריסטען). ווייטערדיגע רעפארמען זיינען אריינגעבראכט געווארען אין פאליציי און אין געריכט, אין אדמיניסטראציע און אין די פינאנסען. אבער ניט אלע רעפארמען זיינען דורכגעפיהרט געווארען אין לעבען. א בעזונדער בעדייטונג האבען די באדען־געזעצען (עראזי־קאנוננאמעסי 1858) און דער גרונד־בוך אדער טאפו־געזעץ (1859). שטעהענדיג נאך אלין אויף דעם יסוד פון דעם טראדיציאנעלען פרינציפ, אז דער גאנצער באדען געהערט, מיט קליינע אויסנאהמען, צו דעם שטאאט — איז דאך די רעגיסטראציע פון באדענס געוועזען א גרויסער שריט פארווערטס, עפענענדיג א ברייטע מעגליכקייט צו דער ענטוויקלונג פון פריוואטער איניציאטיוו און פריוואטער אגראר־ווירטשאפט אנשטאט די אבגעשטאנענע האלב־פעאדאלע פארמען. מען דארף אבער געדענקען, אז דיזי־ע אלע רעפארמען זיינען נישט אזוי פערווירקליכט געווארן אין לעבען, ווי זיי זיינען געוועזען אויף דעם פאפיער. בעזונדערס — אין די ווייט ליגענדע פראווינצען, וועלכע זיינען זעהר שוואך קאנטראלירט געוועזען פון דער צענטראלער טערקישער רעגירונג. פאקטיש זיינען די אלטע ארדנונגען געבליבען נאך אויף לאנגע צעהנדליגער יאהרען. דערמיט ערקלערט זיך אויך די ערשיינונג, אז נאכדעם ווי סיריען און ארץ ישראל האבען זיך אומגעקעהרט צו דער טערקיי, האבען זיך די ווייטערדיגע סכסוכים אין דיעזע לענדער נאך ניט אבגעשטעלט. בעזונדערס איז לבנון געוועזען א פונקט פון שטענדיגע אומרוהען. נאך פערשיעדענע עקספערימענטען איז דער טערקיי געלונגען אין יאהר 1845 געוויסערמאסען צו רעגולירען די בעציהונגען צווישען די דרוזען און די מאראניטען. אין פופצעהן יאהר ארום זיינען אויסגעבראכען נייע אומרוהען. די דרוזען האבען זיך פעראייניגט מיט די מוטואלי און בעדואינער, און אונטערגעהעצט פון געוויסע אויסלענדישע אגענטען, האבען זיי געמאכט מאסאקרען געגען די קריסטליכע מאראניטען. דער פאקט איז, אז ווי נור די אונרוהען זיינען אויסגעבראכען, האבען זיך ענגלאנד, פראנקרייך און אנדערע אייראפעאישע מלוכות באלד אריינגעמישט און צוזאמען מיט דער טערקיי גענומען „מאכען ארדנונג“. אין רעזולטאט האט דער לבנון בעקומען אויטאנאמיע. פון דענסטמאל אן בעטייליגען זיך אין דער פערוואלטונג פון

לבנון אלע זיינע נאציאנען. די קריסטען האבען דערביי א געוויסע מעהרהייט אין אדמיניסטראציע. א קריסטליכער גובערנאטאר ווערט בעשטימט איבער דעם לבנון פון דער טערקיי מיט דער איינשטימונג פון די אייראפעאישע מלוכות. די ענטגילטיגע קאנסטיטוציע פון דער אויטאנאמער פראווינץ לבנון איז אנגענומען אין יאהר 1864.

אונטער די נעכסטע סולטאנען עבד־אלעזיז (אבדול־אזיז) און עבד־אלחמיד (אבדול־האמיד) זיינען פארטגעזעצט געווארען די שטאאטליכע רעפארמען און פינאנץ־ווענזען, יוסטיץ און אדמיניסטראציע. מידחאת־פאשא, איינער פון די אדמיניסטראטיווע גע־ניוס'ס פון טערקיי האט פערפאסט די טערקיישע קאנסטיטוציע און אין יאהר 1877 איז צוזאמענגערופען געווארען דער ערשטער טערקישער פארלאמענט. עבד־אלחמידען איז שפעטער געלונגען צו סוספענדירען די קאנסטיטוציע און אינטערצודריקען די פרייהייטס־בעוועגונג אויף א לאנגער צייט, אבער די רעוואלוציע פון יאהר 1908 האט ווידער אויפגעלעבט מידחאת־פאשאס קאנסטיטוציע און איינגעפיהרט דאס מאל אין דער ווירקליכקייט פארלאמענטארישע ארדנונג.

רעזולטאטען.

די רעפארמען האבען קאנסאלידירט דעם אטאמאנישען שטאאט, פערבונדען די פראווינצען צום צענטער, פערשטארקט די צענטראלע מאכט און געשאפען א זיכערהייט פאר דעם לעבען און אייגענטום אפילו אין די ווייטסטע פראווינצען. די אומשטענדען אין סיריען און אין ארץ ישראל האבען זיך בעזונדערס פארבעסערט א דאנק דעם בעזונדערען אינטערעס פון אייראפא צו דיעזע פראווינצען. „דאס הייליגע לאנד" פלעגט אלע מאל זיין א צענטער פאר עולי־רגל און פילגרימען. יעצט אבער האבען די אייראפעער און אמעריקאנער אנגעהויבען ארויסצואווייזען א מעהר רעאלען אינטערעס פאר לאנד. אין די 40־ער יאהרען האט זיך אנגעפאנגען אין אמעריקא און באלד נאכדעם אויך אין דייטשלאנד א קריסטליכע רעליגיעזע קאלאניזאציאנס־בעוועגונג פאר פאלעסטינא, אין די פופציגער יאהרען איז די ערשטע אמעריקאנער גרופע, אונטער דער אנפיהרונג פון מיסס מינאר געקומען קיין ארץ ישראל און שפעטער זיינען ערשיענען די ערשטע דייטשע מילעריטען און טאמפליערען. צו דער זעלבער צייט האט זיך אנגעהויבען א ברייטע וויסענשאפטליכע אויספארשונגס־ארבייט פון לאנד. די ענגלענדער און דייטשען, די אמעריקאנער און פראנצויזען קאנקורירען איינע מיט די אנדערע אויף דיעזען געביעט פון וויסענשאפטליכע פארשונגען שוין במשך פון יאהרצעהנדלינגער. נאך פריהער האבען די אייראפעאישע מלוכות געעפענט קאנסולאטען און קאמערציעלע אנשטאלטען — און צוזאמען מיט דעם אויך קלויסטערס. מאנאסטירען און מיסיאנען צו פערשפרייטען זייער רעליגיאן און זייער פאליטישען איינפלוס. די קאנקורענץ אויף דעם לעצטען געביעט האט ארויסגערופען און איהר צייט די מלחמה פון קרים (1854).

טראץ אלע איהרע חסרונות און נעגאטיווע רעזולטאטען האט אבער די אייראפעאישע קאנקורענץ, און שפעטער — די אייראפעאישע קאלאניזאציע זעהר פיעל מיטגעהאלפען צו דער אלגעמיינער ענטוויקלונג פון לאנד און צו דעם פראגרעס פון איהר בעפעלקערונג פאר די לעצטע יאהרצעהנדלינגער.

ו. די אידען אין דער טערקישער תקופה.

גירוש ספרד.

די גרויסע אידישע קאטאסטראפע אין ענדע פון דעם 15טען יאהרהונדערט, די גירושים פון שפאניען און פארטוגאל, האט אריבערגעטראגען א בעדייטענדען טייל פון דעם אידישען פאלק אין די אריענטאלע בעזונדערס אין די אראבישע לענדער — אין מאראקא, אלזשיר, עגיפטען און אין דער טערקיי. נאר א קליינער צווייג פון דעם גרויסען שטראם איז פערטראגען געווארען ביז ארץ ישראל. די עראבערונג פון ארץ־ישראל (1516) דורך דער טערקיי האט שטארקער פערבונדען די נייע אימיגראנטען פון דער אייראפעאישער און אזיאטישער טערקיי מיט ארץ ישראל, און עטוואס פער־שטארקט די אימיגראציע פון די טערקישע ספרדים אין דעם לאנד. אויב אין דער פריהערדיגער עפאכע פון עגיפטישער הערשאפט בעגעגנען מיר צווישען די אידישע איינוואנדערער און רייזענדע הויפטזעכליך — איטאליענישע (און אין די פריהערדי־גע יאהרהונדערטער — ענגלישע און פראנצויזישע) אידען, שטעלען מיט זיך פאר די איינוואנדערער פון 16טען יאהרהונדערט שוין הויפטזעכליך — שפאנישע און פאר־טוגעזישע עלעמענטען, וועלכע לייגען ארויף זייער שטעמפעל אויף דעם ארטיגען ישוב און ווירקען אויף זיין גאנצען כאראקטער.

פריהער פון אלץ האט זיך די אימיגראציע אבגערופען קוואנטיטאטיוו — אויף דער צאהל פון דער אידישער בעפעלקערונג אין לאנד. צו די צייטען פון ר' עובדיה מברטנורא איז די צאהל אידישע פאמיליעס אין גאנץ ארץ ישראל געווען ניט מעהר פון 500, אדער 2500 נפשות. אין יאהר 1522 טרעפען מיר אין ארץ ישראל שוין א דאפעלטע בעפעלקערונג פון אונגעפעהר 960 פאמיליעס, וועלכע גרופירען זיך אין נ י י ן פונקטען. הויפטזעכליך האבען זיך פערגרעסערט די אידישע צענטרען אין י ר ו ש ל ם און אין צ פ ת: ירושלם האט צו דער צייט געצעהלט א 2000 נפשות און צפת עטוואס ווייניגער. דערפאר אבער האט צפת געהאט די מעלה, וואס ארום איהר זיינען געווען עטליכע קלענערע אידישע ישובים אין די נאהענטע דערפער ווי צ. ב. ש. עין־זיתון, עלמא, פקיעין, כפר־ענן, כפר־קנה, און די אידען האבען דארט געהאט א ברייטערען פעלד פאר פרנסה. אין יהודה זיינען אידען געזעסען אויסער ירושלם אויך אין חברון און עזה: אין שמרון — אין שכם.

די הויפט פרנסה צו יענער צייט איז געווען האנדעל און מלאכה. בנוגע דעם האנדעל האט צפת געהאט די מעלה, וואס זי איז געווען נעהענטער צו דמשק און צו די הויפט־האפענס פון יענער צייט, און ארומגערינגעלט מיט מעהרערע דערפער. די אידען פלעגען פיהרען א גרויסען האנדעל מיט דמשק, מצרים, טערקיי און אייראפא. אנדערע האבען געהאט האנדעלס־פערבינדונגען אפילו מיט אינדיען, קאחינכינא, קאווקאז, אפגאניסטאן און בוכארא, קיין בעדייטענדער האנדעלס אדער אינדוסטריע צענטער איז אבער דא ניט ענטשטאנען. די מעהרהייט האט געפיהרט א קליין־האנדעל (מיט עסענווארג, בוים־אויל, בשמים, וויין) איז שטאדט און מיט ארומיגע דערפער. אויסערדעם האבען זיך אידען בעשעפטיגט מיט מלאכה, אלס שמיעדען, וועבער, שוסטער, סטאליער, מויערער, גאלדשמיעדען און ריעמערס. אין איינצעלנע פונק־טען האבען זיך אידען אנגעהויבען בעשעפטיגען מיט פ ל א נ ט א צ י א ן א ו ן ע ר ד ־ א ר ב י י ט, ווי צ. ב. ש. אין ע ז ה, וואו זיי האבען געהאט אייגענע

פעלדער און כרמים און פראָדוצירט וויין נאָך אין ענדע פון 15טען יאהרהונדערט און אויך אין צפת און אין איהר אומגעגענד.

מיר זעהען אַלזאָ, אז די נייע אימיגראַנטען האָבען אין ארץ ישראל ניט געשאַפען דאָס, וואָס זייערע ברידער האָבען צו דער זעלבער צייט אויפגעטהאָן אין סאַלאָניק, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אנדערע פונקטען אויף דעם מיטעלמעער — נייע צענטרען פון האַנדעל און פון עקאָנאָמישער אויפבליהונג. דאָס לאַנד אלס אַזעלכע האָט פון די גולי־ספרד וועניג פּראָפיטירט, זי זאָל קענען ווערען אין א ברייטערער מאָס א צוציהונגס־פונקט פאַר א גרעסערער צאָהל אידען — ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט סאַלאָניק און אַנדערע פונקטען. דער אידישער ישוב האָט זיך, אמת, שטאַרק פערגרעסערט, אָבער קיין נייע וויכטיגע פּאָזיציאָנען זיינען ניט ערוואָרבען געוואָרען.

און דאָך האָט די נייע אימיגראַציע גערעטעט דעם ישוב פון זיין קריזיס, געגעבען איהם א מעגליכקייט לאַנגזאַם און מיט מיה אָבער דאָך פאַרטזעצען זיין עקזיסטענץ און קאַמף פאַר דער צוקונפט. בעזונדערס האָט די ספרדישע אימיגראַציע פיעל געגעבען אין רעליגיעז־גייסטיגען זין. דער גירוש ספרד בעצייכענט א נייע גייסטיגע תקופה אין א"י, וועלכע האָט געהאַט א בעדייטונג ניט נור פאַר א"י, נאָר פאַר די אידען אין אלע אַנדערע לענדער. דאָס איז געווען די קבלה, א פּראָדוקט פון די שרעקליכע ליידען, פון די אונגעוועהנליכע יסורים וואָס האָבען אָבגעטויט יעדע נאַטירליכע האָפנונג אויף א מענשליכער אויסלעזונג בדרך הטבע. די קבלה האָט אָבגעלייקענט די נאַטירליכע וועגען און ארויסגערופען יענע מיסטיישע בעוועגונג, וואָס האָט בעהערשט און פערדונקעלט די קלאָרע אידיישע מוחות אין די נעכסטע עטליכע הונדערט יאָהר. די קבלה בעקעמפט די פילאָזאָפיע און יעדען פרייען געדאַנק; זי האָט אָבער אין זיך געטראָגען דעם טיעפען שטרעבען צו א בעפרייאונג פון דער אידישער נאַציאָן, און דורך דעם, פון דער גאַנצער מענשהייט, צו דעם "תקון עולם במלכות שדי", צו דער בעגרינדונג פון גאָט'ס רייך אויף דער ערד. גאולה - שטרעבונגען.

א מעהר רעאַלען כאַראַקטער, און ווי עס שיינט, גאַנץ בעשטימטע פּאָליטישע צוועקען האָט געהאַט די רייזע פון דוד הראובני (1523), דיעזעם מערקוויר־דיגען מאַן, וואָס איז געקומען קיין אייראָפּאַ מיט א פּאָליטישע מיסיע פון אידי־שע פרייע שבטים אין אראַביען. דוד הראובני האָט געוואָלט בעוועגען די אייראָפּעאישע הערשער קומען צו הילף צו די אידישע שבטים אין זייער פּאָליטישער אונטערנעהמונג און העלפען זיי אָבנעהמען ארץ ישראל פאַר אידען. זיין נאָכפאָלגער שלמה מולכו (דער געוועזענער סעקרעטער פון פּאָרטוגעזיישען קעניג) האָט מיט דער מיסיע פערבונדען גרויסע משיח'ישע האָפנונ־גען און זיי ביידע האָבען ארויסגערופען א גרויסע גערונג אין דער גאַנצער אידישער וועלט.

די ביידע בעוועגונגען, די קבליסטישע און די ווירקונג פון דוד הראובני, זיינען געוועזען ענג פערבונדען מיט א"י. דער צענטער פון קבלה איז געוועזען א"י, דער עיקר — צפת, וואו עס האָבען געלעבט און געלערנט די גרעסטע אויטאָריטעטען פון קבלה, און פון דאָנעט האָבען זיי פערשפּרייט זייער ווירקונג איבער גאַנץ חוץ־לאָרץ: דער רדב"ז (ר' דוד בן אבו־זמרא), ר' יעקב בירב, ר' לוי בן חביב (רלב"ח), ר' יוסף קארו, ר' משה מטראַני און זיינע תלמידים האָבען אנגעפיהרט ישיבות אין ירושלם און צפת, און זייער אויטאָריטעט איז געווען פערשפּרייט ווייט איבער די גרעניצען

פון א"י. צפת מיט איהרע ארומיגע הויכע בערג, מיט זייער מיסטישער נאטור, איז געווארען דאס וויעגעלע פון די נייע קבלה־מעטאדען פון דעם אר"י (ר' יצחק לוריא) און פון זיינע תלמידים — די „גורי האר"י." פון דאנען האט זי זיך פערשפרייט איבער דער גאנצער אידישער וועלט.

דוד הראובני.

די צווייטע משיחישע בעוועגונג איז אויך געווען פערבונדען מיט א"י. דוד הראובני האט בעזוכט ירושלים נאך אין יאהר 1523, פאר זיין רייזע קיין אייראפא, און האט אויסגעקוקט, פערשטעלטער־הייד, דעם מקום מקדש. אין 5 יאהר ארום האט אויך שלמה מלכו בעזוכט דאס לאנד און האט פייערליך געפרעדיגט צו תשובה און אנגעזאגט די גאולה. צו יענער צייט זיינען אין א"י און אין דער טערקיי איינגעפיהרט געווארען די „משמרות", דאס הייסט דער מנהג צו פאסטען און תשובה טהון צוויי טעג א וואך, און דיעזער מנהג האט אנגעהאלטען גאנצע דריי יאהר. דערביי האט מען זיך אנגעהויבען פיהרען עטוואס מעהר שטאלצער אין בעצוג צו די רעגירונגס בעאמטע, אין דער זיכערהייט אז די גאולה איז גאר נאהענט. געגען דער בעוועגונג איז שארף ארויסגעטראטען דער רלב"ח וועלכער האט אין דעם געזעהן א פאליטישע געפאהר פאר אידען.

סמיכה - פראגע.

אין פערבינדונג מיט דיעזער בעוועגונג איז ענטשטאנען די שטרעמונג ווידער אויפצובויען די אידישע נאציאנאל־רעליגיעזע אויטאנאמיע, און פריהער פון אלץ — אויפצושטעלען די סמיכה*) און בענייען די קראפט פון דעם סנהדרין. ר' יעקב בירב, דער איניציאטאר פון דער בעוועגונג האט אויפגעהויבען א דעבאטע וועגען דער פראגע, און זעהענדיג אז די מעהרהייט פון די רבנים איז מיט איהם איינפערשטאנען, האט ער אויפגערופען א פערזאמלונג פון די רבנים אין צפת, וועלכע האט אנגענומען דעם פארשלאג צו בענייען די סמיכה, און בעשטימט איהם זעלבסט פאר א רב מוסמך (1534). ער האט פון זיין זייט בעפאלמעכטיגט מיט סמיכה איינינע פון זיינע חברים און תלמידים. אבער דער רלב"ח, פון ירושלים, איז געווען אונצופריעדען, צוליעב פערזענליכע און אלגעמיינע מאטיווען, און א דאנק די סכסוכים, וועלכע זיינען דערפון ענטשטאנען איז דער גאנצער ענין ווידער בטל געווארען.

אין די געמיינדען גופא זיינען פארגעקומען אויך אנדערע שווערע רייבונגען. די ספרדים־שפאניאלען, וועלכע זיינען קולטורעל און געזעלשאפטליך געשטאנען העכער פאר דער ארטיגער, אראביזירטער, אידישער בעפעלקערונג האבען זיך אויסגעטיילט אין א בעזונדערער ספרדישער געמיינדע. די מאראקאנער (אדער די מערבים) האבען זיך אויך אויסגעטיילט פון די דארטיגע אראביש־שפרעכענדע מאריסקאס. די אשכנזים זיינען נאך פריהער געווען בעזונדער, אזוי אז די אידען האבען געבילדעט פיער געמיינדען. דיעזע טיילונג האט אנגעהאלטען א גאנצען יאהרהונדערט. די קולטורעלע ווירקונג פון די ספרדים האט זיך אויך אויסגעדרויקט אין

---

*) סמיכה — הייסט די יורידישע קאמפעטענץ צו פסקנ'ען א דין־תורה, מיט דעם רעכט ארויפצולעגען אויף די צדדים אן אבליגאטארישע געלד־שטראף. דאס רעכט איז אריבער פון דעם אמאליגען אידישען סנהדרין אין צייט פון ביהמ"ק צו דעם סנהדרין אין יבנה, און צו דעם נשיאי־הסנהדרין אין צייט פון משנה און תלמוד. — שפעטער מיט דער אויפלעזונג פון סנהדרין, איז די קייט איבערגעריסען געווארען. עס איז דא בעווייזע, אז פון צייט צו צייט האט זיך בענייט דער סנהדרין, ווי צ. ב. ש. אין צעהנטען און עלפטען יאהרהונדערט — אין ארץ ישראל. ר' יעקב בירב האט געוואלט די סמיכה בענייען אין 16טען יאהרהונדערט.

דעם, וואס זיי האבען פאקטיש ארייגעבראכט זייער שפראך (ספאניאליש), און אויך זייערע מנהגים וועלכע האבען אנגעהויבען צו הערשען ביי די אידען פון א"י.

נאך א פארט קאמף איז ענטשטאנען צווישען די חכמים און דער געוועהנליכער בעפעלקערונג. די חכמים האבען פערלאנגט די פריווילעגיע צו זיין בעפרייט פון די שווערע שטייערען, איינזעהענדיג אין אזא פריווילעגיע די בעסטע גאראנטיע, אז די ישיבות און דאס לערנען פון תורה זאל אונגעשטערט און פריי זיך ענטוויקלען. דאס פאלק האט פראטעסטירט געגען דעם, און דערפון זיינען ענטשטאנען שווערע רייבונ־גען, וועלכע האבען אנגעהאלטען במשך פון דעם 16טען און 17טען יאהרהונדערטער. דאס וואס די רבנים און די חכמים האבען זיך געמוזט נאך א מאל און נאך א מאל בענוצען מיט די שארפסטע חרמות און איסורים, צייגט אז די לאסט פון די שטייערען איז געווען זעהר שווער, און אז די אידישע בעפעלקערונג האט שטארק געליטען פון דער רבנישער פריווילעגיע און איז געוועזען מיט איהר שטארק אונצופרידען. פיעלע אידען האבען דעריבער געמוזט פערלאזען די שטאדט ירושלם, און דער ישוב האט אנגעהויבען ווידער צו זינקען.

איינערליכע רייבונ־גען.

צו דער זעלבער צייט האט זיך אבער דער צענטער אין גליל פערשטארקט. צפת האט שוין געשפיעלט א גרעסערע ראלע אלס ירושלם. שפעטער איז אויך אויפגעגאנ־גען די זון פון טבריה. די שטייערען אין צפת זיינען געווען קלענער, די לעבענס־מיטלע ביליגער, די פרנסה לייכטער. הגם אין צפת איז אויך אנגעגאנגען דער זעלבער קאמף פון די רבנים און חכמים פאר בעפרייאונג פון שטייערען, אבער דארטען האבען זיי געפונען א שטארקע געגנערשאפט (ווי מען זעהט פון אן אלטען חרם געגען א געוויסע איינפלוסרייכע פערזאן, וואס האט ערפאלגרייך בעקעמפט די פריווילעגיעס פון די חכמים).

צפת אלס צענטער.

די בעדייטונג פון צפת צייגט זיך ארויס סיי אין דעם קאמפף פאר דער בעניי־אונג פון סמיכה, סיי אין איהר ענטוויקלונג, אלס צענטער פון קבלה. דא אין צפת, האַ־בען זיך אויך געגרינדעט די ערשטע אידישע דרוקערייען (1563), וועלכע זיינען גע־וועזען איבערהויפט די ערשטע דרוקערייען אין אזיען.

אין דעם 16טען יאהרהונדערט האט צפת געליטען פון פעריאדישע קראנקהיי־טען. אין דער צייט פון אזעלכע מגפות פלעגט די בעפעלקערונג מוזען פערלאזען די שטאדט, און בעזעצען זיך אין די ארומיגע דערפער. שפעטער פלעגט זי זיך אומקעהרען צוריק, און מיט דער גרעסטער ענערגיע און מסירות נפש אויפבויען די פערלאזענע אדער רואינירטע נעסטען. אבער א טייל פלעגט שוין בלייבען וואוינען אין די ארומיגע דערפער. אין דיעזע דערפער האבען זיך אידען אנגעהויבען בעשעפ־טיגען מיט ערד־ארבייט. זיי האבען ערווארבען באדען און פלעגען ווי עס דערצעהלט אונז א זיכערע קוועלע פון יענער צייט, זייען ווייצען, גערשטען, בוים־וואהל (קאטאן) און אנדערע תבואות. די וויכטיגסטע דערפער וואו אי־דען האבען זיך, אויף דעם אופן, אנגעהויבען בעשעפטיגען מיט ערד־ארבייט זיינען געוועזען כפר ברעם און עין־זיתון, און וואהרשיינליך אויף דער דארף פקיעין, אין וועלכען עס געפינט זיך א קליינע אידישע אקערבוי בעפעל־קערונג ביז צו היינטיגען טאג. אז די בעשעפטיגונג מיט לאנדווירטשאפט האט אנגע־הויבען צו שפיעלען א וויכטיגע ראלע ביי אידען צו דער צייט זעהען מיר אויך פון דער הייבער דעבאטע, וועלכע איז אנגעפאנגען וועגען דעם יאהר, וועלכען מען זאל אנהויבען צו רעכענען אלס שמיטה־יאהר, און עס איז קלאר אז דיזע פראגע האט

אידען ביי לאנד־ווירטשאפט

געהאַט אין דער צייט פון דעם רדב"ז און פון ר' משה מטראני ניט נאָר קיין טעאָרע־
טישע נאָר א גאַנץ וויכטיגע פּראַקטישע בעדייטונג.

יוסף נשיא

אין מיטען פון דעם 16־טען יאָהרהונדערט איז פאָרגעקומען צום ערשטען מאָל
אין דער אידישער געשיכטע א פערזוך פון א פּלאַנמעסיגער קאָלאָניזאַציאָנס־טעטיג־
קייט. דער געדאַנק האָט געשטאַמט פון ד ו ן י ו ס ף נ ש י א, וועלכער האָט
פערנומען א וויכטיגען פּלאַץ אין דעם דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס פון דעם סולטאַן סוליי־
מאַן דעם גרויסען־געבער (1520־1566). יוסף נשיא האָט בעקומען פון דעם סולטאַן די
שטאָדט ט ב ר י ה, מיט נאָך זיעבען דערפער אַרום איהר, מיט דעם רעכט צו
קאָלאָניזירען דעם ראַיאָן מיט אידען. יוסף נשיא האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפ־
רוף צו אידען אין פערשיעדענע לענדער, וועלכע ער האָט איינגעלאַדען קומען אין ארץ־
ישראל און זיך דאָרטען בעזעצען. עס איז בעקאַנט, אז איינינגע געמיינדען פון אי־
טאַליען און פון דער פּאַבסטליכער פּראָווינץ האָבען זיך אָפּגערופען און האָבען זאָ־
גאָר בעשלאָסען צו עמיגרירען אין א"י, אַלס בעלי מלאכות און ערד־אַרבייטער (צום
ביישפּיעל די געמיינדע פון קורי קאַמפּאַנא — מיט 200 נפשות האָט בעשטימט צו
עמיגרירען; אַנדערע געמיינדען האָבען זיך פערפּליכטעט צו העלפען זיי מיט געלד).
יוסף נשיא האָט אפילו אָנגעגרייט שיפען אין ווענעציא און אין אַנקאַנא, אַראָבצו־
ברענגען די איטאַליענישע אימיגראַנטען. יוסף נשיא האָט געשיקט אין טבריה זיין
ספּעציעלען פערטרעטער י' בן־אדרית, וועלכען דער סולטאַן סוליימאַן האָט איבער־
געגעבען זיין פירמאַן צו דעם פּאַשא אין דמשק און צו זיין שטעלפערטרעטער אין
צפת. באַלד האָט מען זיך דאָרט גענומען צו דער אַרבייט. דער ערשטער שריט איז
געווען אויפצובויען טבריה, וועלכע איז פאַר די לעצטע 150 יאָהר געווען אינגאַנצען
פערלאָזען. יוסף האָט אויפגעשטעלט איהרע מויערן און בעזעצט זי מיט אידען.
דאָן האָט יוסף געהייסען פלאַנצען תות־בוימער צוליעב זיידען־צוכט און האָט גע־
בראַכט מערינאָס־שאָף פון שפּאַניען. זיין געדאַנק איז געווען איינצופיהרען אין
א"י וואָל־צוכט און זיידען־צוכט, גרינדען שפּינעריען און וועבעריען, כדי דאָס
לאַנד זאָל זיין אים שטאַנד צו קאָנקורירען אין דער בעציהונג מיט ווענעציען און
מיט שפּאַניען. אויף דעם גרונד פון קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריע האָט ער געהאָפט
א געזונדען אידישען ישוב אויפצובויען. די פאָרבערייטונגס־אַרבייטען זיינען שוין
אין יאָהר 1565 געווען צו ענדע, און די ערשטע פּאַרטיי האָט זיך בעזעצט אין טבריה.
דאָך איז ניט געווען בעשערט יוסף'ס גראַנדיעזער פּלאַן זאָל פערווירקליכט ווערען.
אויסערליכע פּאָליטישע אומשטענדען (די געגנערשאַפט פון דעם פראַנצויזישען אַמבאַ־
סאַדאָר און פון יוסף'ס אַנדערע פּאָליטישע פיינד) האָבען דערצו געשטערט. דאָס
איז אָבער ניט געווען, נאַטירליך, די איינציגע שטערונג. יוסף'ס פּלאַן האָט זיך אָנ־
געשטויסען אויך אַן אַראַבישער געגנערשאַפט. איינינגע דאָרפס־שייכען האָבען אויפ־
געהעצט די פעלאַחען געגען דער אידישער קאָלאָניזאַציע, פערזיכערענדיג אז דערמיט
הויבט זיך אָן דער אונטערגאַנג פון איסלאַם. כל זמן יוסף נשיא איז געווען פּאָ־
ליטיש שטאַרק האָט ער זיי אונטערדריקט מיט מאַכט. די געגנערשאַפט איז אָבער
ביי די אַראַבער געבליבען, און ווען יוסף איז געשטאָרבען, האָבען זיי חרב געמאַכט
כמעט אַלע זיינע אַרבייטען. די וויכטיגסטע סבה פון דעם דורכפאַל איז אָבער
געווען, אָהן ספק די, וואָס די אידישע בעפעלקערונג פון א"י און פון חו"ל
איז נאָך אין דערצייט ניט געווען רייף גענוג אויפצונעהמען דעם בעפרייאונגס־

אידעאל, אלס א רעזולטאט פון א נאטירליכען קאלאניזאציאנס פראצעס מיט אייגענע כחות. אזוי אז דער ערשטער דורכפאל האט זיי געדיענט אלס בעוויז, אז עס איז „ניט דער ריכטיגער וועג צו דער אויסלעזונג". צו יענעם דור האבען מעהר אפעלירט די איבערנאטירליכע פאנטאזיעס פון דעם אר"י (1534—1572) און פון ר' חיים וויטאל. (1543—1620).

ריזים. אזוי איז בטל געווארען דער ערשטער אידישער קאלאניזאציאנס פערזוך אין דער נייער צייט, בטל געווארען כדי אבצוטרעטען פלאץ ווידער אמאל דער תקופה פון טעארעטישער און עקספערימענטאלער קבלה (קבלה מעשית), און צו די שעדליכע אוטאפיעס פון שבתי צבי און זיינע נאכפאלגער. נאך דעם טויט פון יוסף נשיא (1579) האבען די ארומיגע פעלאחען, ווי געזאגט, צושטערט אלע ארבייטען, און פון דער גאנצער אונטערנעהמונג איז געבליבען אלס זכר — בלויז דער קליינער אידישער ישוב אין דער שטאדט טבריה — ביז די 70־ער יאהרען פון 17טען יאהר־הונדערט.

שווערע צייטען זיינען אנגעקומען אויף דעם ישוב אין ענדע פון דעם 16טען יאהרהונדערט און אין אנהויב פון'ם 17טען. צפת האט געליטען פון פריואדישע מגפות, פון הונגער און פון ווילדע איבערפאלען פון די אראבער און דרוזען פון'ם לבנון. דער אידישער ישוב אין דער שטאדט איז איינפאך געשטאנען אין געפאהר רואינירט צו ווערען. ארום 1584 יאהר — אזוי דערצעהלט אן עדות פון יענער צייט — זיינען צוליעב דעם יקרות און הונגער ביז 1000 נפשות אויסגעוואנדערט פון דער שטאדט. עס איז נור צו פערדאנקען דער אויסערגעוועהנליכער ענערגיע און מסירות נפש פון די צפת'ער אידען, וועלכע האבען ניט געוואלט בשום אופן איינגאנצען פערלאזען די הייליגע שטאדט און די קברים פון זייערע עלטערן, וואס די געמיינדע איז ניט רואינירט געווארען און פארטגעזעצט איהר עקזיסטענץ ביז אונזער צייט. די וואס זיינען אוועקגעפאהרען האבען עמיגרירט קיין דמשק, טיילווייז אויך קיין ירושלים, חברון, עזה און קלענערע פונקטען. צו דיעזער צייט געפינען מיר א אי־דישען ערד־ ארבייטער ישוב אין דער אומגעגענד פון צ י ד ו ן און א גרויסען אידישען ישוב אין די דערפער ארום צפת, אין פ ק י ע י ן, אין כ פ ר ־ ע נ ן. אין ע י ן ־ ז י ת ו ן און אין ב י ר י א ה. אין די לעצטע צוויי זיינען אפילו געוועזען פון צייט צו צייט אידישע ד ר ו ק ע ר י י ע ן. אין כפר־ענן (כפר חנניה) ווי אין די אנדערע זיינען געוועזען שולען מיט ארגאניזירטע קהלות. א טייל פון די אידען אין די דערפער, אין פקיעין און אין אנדערע, האט זיך, ווי עס שיינט, שוין פון דאן אן בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט.

דער ישוב אין צפת איז ניט אבגעשטארבען. נאך די שווערע צייטען האט זיך די געמיינדע ווידער פערגרעסערט הגם זי האט שוין מעהר ניט דערגרייכט צו דער שטופע אויף וועלכער זי איז געשטאנען אין איהר גלאנץ־פעריאדע, אין 16טען יאהר־הונדערט.

ו' י' פארוד"ס יפות. שווערע צייטען האט איבערגעלעבט אויך ירושלים. דער פאנאטיזם פון דער שטאדטיישער מוסולמענישער מאסע און דער דרוק פון די קליינע זעלבסטהערשער זיינען געוועזען אונערטרעגליך. איינער פון די קליינע טיראנען איז געוועזען דער נאיב אבו־סאייפון, וועלכער האט אין יאהר 1570 פערפאלגט די אידען מיט שווערע שטייערן. אין יאהר 1586 האט מען אוועקגערויבט ביי די אידען זייער אלטע (און צו יענער צייט איינציגע) אידישע ישול. וועלכע איז געוועזען געבויט נאך פון

דעם רמב״ן. נאָך דער קורצער עפּאָכע פון מחמוד־פּאַשאַ, ווען אידען האָבען זיך גע־פיהלט פרייער, געקויפט פעלדער און געבויט הייזער אין ירושלם (צו דיעזער צייט איז געבויט געווארען די קליינע געביידע אויף רחל׳ס קבר) זיינען אָנגעקומען רדיפות (1625) פון דעם אראבישען שטאטהאלטער אבן־פּארוך און פון זיין שוואגער עתמאן־אגא. פערכאפּענדיג די הערשאפט איבער דער שטאָדט האָט ער ארויסגעטריבען דעם טערקישען יאַניטשארען־גארניזאָן פון דער פעסטונג (מגדל דוד) און איז געווארען א פּאַלשטענדיגער בעל־הבית. מיט אינקוויזיציאָנע מיטלען האָט ער געפּרעסט געלד ביי דער בעפעלקערונג. בעזונדערס האָבען אָבער געליטען די אידען, וועלכע זיינען געצוואונגען יעדעס מאָל זיך אויסצוקויפען פון די נייע גזרות. ווען עס איז שוין ניט געווען מעהר קיין געלד, האָבען די אידען געמוזט אָנקומען צו די שכנים און לייהען געלד אויף גרויסע צינזען. סוף כל סוף האָט ער געוואלט אויפהענגען די אידישע פארשטעהער און האָט זיי געפיהרט מיט שטריק אויפ׳ן האלז איבער׳ן שטאָדט. אן ענדע צו זיין הערשאפט איז געקומען ערשט אין יאָהר 1627, ווען ער איז ארונטערגעזעצט און געטויטעט געווארען פון דער טערקישער רעגירונג, צוליעב זיינע ווילדע מעשים. זיין נאָמען איז אָבער געבליבען נאָך לאנג צו פלוך, אלס א נאָמען פון א טעראריסטישען דעספּאָט, וועלכער האָט כמעט איינגאנצען רואינירט די אידישע געמיינדע.

באמת, צוליעב די שרעקליכע פערפאלגונגען און יסורים, איז א גרויסער טייל פון די אידען צולאָפען אין טויט־שרעק, און עס איז געבליבען בלויז איין דריטעל פון דער אידישער בעפעלקערונג. די ישיבות און די בתי־דינים זיינען פערמאכט געווא־רען. אלס א רעזולטאט איז די אשכנזישע געמיינדע פון ירושלם, וואס האָט עקזיסטירט העכער 150 יאָהר, בטל געווארען נאָכדעם ווען דער של״ה (ישעיה הלוי הורוויץ, מחבר פון „שני־לוחות הברית״) האָט געמוזט אנטלויפען פון אבן־פּארוך׳ס פערפאלגונגען. די אנטלאָפענע זיינען אוועק קיין חברון, צפת, עזה, טבריה און אנדערע ערטער. אויף דער געמיינדע איז געבליבען א חוב פון 50.000 פּיאסטער (אין יענע צייטען האָט דער פּיאסטער געהאט אין 4 מאָל א גרעסערען ווערטה, ווי היינט). די אידישע גע־מיינדע האָט געמוזט ארויסשיקען א בעזונדער שליח אין אייראפּא צו זאמלען געלד, כדי קענען אויסצוקויפען זיך פון די אונגעהויערע חובות, וועלכע האָבען געדריקט די אידען נאָך דער תקופה פון דיעזע רדיפות.*)

אזוי טרעפען מיר דעם ישוב אין מיטען פונ׳ם 17טען יאָהרהונדערט אין א גרויי־סער ירידה. די בלוטיגע מאסאקרען פון חמעלניצקי אין דעם יאָהר 1648 (גזרת ת״ח)

---

*) זעהר כאראקטעריסטיש ווערט געשילדערט די גאנצע תקופה אין דעם בוך „חרבות־ירושלם״, וועלכע איז צו דער צייט ערשיענען אין איטאליען. דער מחבר דערצעהלט די אורזאכען פון דעם חורבן (די איטאליענישע אידען האָבען עס דאָן גערופען: „דער דריטער חורבן״). ער דערצעהלט, אז פאר די רדיפות איז די מאטעריעלע לאגע געווען זעהר גוט. פיעלע אידען פון פערשיעדענע לענדער האָבען זיך שוין גענומען זאמלען אין ארץ ישראל, „מען האָט געקויפט פעלדער און געבויט הייזער״, און עס האָט ווירקליך געשיינט, אז די גאולה איז גאר נאָהענט. פּלוצלונג זיינען אָנגעקומען די שווערע פערפאלגונגען. אנטלויפען האָט מען ניט געקאנט — און נ י ט ג ע ו ו א ל ט:: ווען די רייכע זאָלען אנטלויפען, וואס וואָלטען געטהון די ארעמע? ווען אפילו אלע זאָלע אוועק — וואָלטען די אראבער פערכאפּט די הייזער, פערחומריינינגט די שולען, די קברים און דעם כתל־מערבי — און דער אידישער ישוב מיט די אידישע האפנונגען וואָלטען איינגאנצען אויסגעלאשען געווארען. צום סוף ווענדעט זיך דער מחבר צו די אידען פון חו״ל מיט דעם אלטען ווארט: „אין א״י נקנית, אלא ע״י יסורים״ — „מיינט ניט, אז מען קאן ערלאבערן דאס לאנד אָהן קרבנות און יסורים״...

אין פוילען און אוקריינא האבען זיך שווער אבגערופען אויך אויף א"י, ווארום די אויסלענדישע געמיינדען פון די לענדער, וועלכע פלעגען פריהער (אין דער צייט פון דעם בעל השל"ה) שטיצען די אידען אין א"י — זיינען יעצט אליין געוועזען אין גרויס נויט אדער זאגאר רואינירט. א שווערע לאגע האט איבערגעלעבט די געמיינדע פון ירושלם אין יאהר 1663, ווען ש ב ת י צ ב י איז אהינצו געקומען און זיך אנגעטהאן סגופים און תעניתים; די ירושלמ'ער אידען האבען געמוזט אנ־ שבתי צבי.
קומען צו זיין פערמיטלונג, כדי בעקומען א שטיצע פון זיין פריינד און חסיד דעם רייכען רפאל טשעלבי פון מצרים; דיעזע שטיצע האט צוגעגעבען א גרויסען פרעס־טיזש שבתי צבי'ען, וועלכער האט געוואוסט ווי עס אויסצונוצען. זי האט אבער ניט פערשאפט קיין כבוד דער אידישער געמיינדע אין ירושלם. פון די צופעליגע הכנסות האט זיך די לאגע אבער ניט פערפעסטיגט, און עס איז בעקאנט, אז ווען די בעלי־חובות האבען אנגעפאנגען שטרענג צו מאהנען, האבען זעהר פיעלע אידען געמוזט פערלאזען די שטאדט. דער איינציגער מיטעל איז געוועזען — צו שיקען מענשען אין אייראפא נאך הילף. די אידישע געמיינדען אין אייראפא זיינען געקו־מען צו הילף, בעזונדערס די דריי געמיינדען פון ליוואָרנא, ווענעציא און אמסטערדאם. און נור א דאנק דעם איז געלונגען די אידען אין ארץ ישראל ווי עס איז ארויסקריכען פון די חובות.*)

נאך דעם ווי אבן־פארוך איז ארונטערגעזעצט געווארען, האבען זיך אויך די אשכנזים טיילווייז צוריק אומגעקעהרט. אבער במשך פון דעם גאנצען 17טען יאהר־הונדערט האבען זיי קיין געמיינדע דארט ניט געבילדעט. ערשט אין די יאהרע׳ ת"ס־תס"א (1700־1701) איז פארגעקומען א וויכטיגע פאסירונג וועלכע האט פאר־דאפעלט די אשכנזי'ישע בעפעלקערונג. דאס איז געוועזען די אימיגראציע פון דער פוילישער חסידים־גרופע (ניט צו פערמישען מיט די שפעטערדיגע חסידים פון בעש"ט), מיט ר' י ה ו ד ה ה ח ס י ד און ח י י ם מ ל א ך אין דער שפיצע. דיעזע בעוועגונג איז פון איהר זייט ענטשטאנען א דאנק דער שבתי־צבי־ ר' יהודה חסיד.
איישער מ'שיח'שער בעוועגונג, וועלכע האט אויפגערודערט די גאנצע אידישע וועלט. א גרופע פון גאנצע 1300 נפשות, פרויען, מענער און קינדער, האט פערלאזען זייער היים, און דורך מעהרען, אונגארן און ווענעציע געקומען קיין ארץ־ישראל. (אן אנדער טייל איז געפאהרען דורך קאנסטאנטינאפאל). ביז 500 נפשות זיינען געשטארבען אויף'ן וועג, די איבעריגע זיינען געקומען אין ירושלם כדי זיך דארט צו בעזעצען. אין ערווארטונג פון דער גיכער גאולה. אזא גרויסע פלוצלומדיגע אימיגראציע, וועלכע איז דערצו ניט געוועזען בעזארגט און ארגאניזירט, האט ארויסגערופען א שרעקליכע ענטוישונג. א טייל זיינען געשטארבען פון הונגער און קראנקהייטען, ר' יהודה איז אויך באלד געשטארבען, אייניגע זיינען אריינגעפאלען אין יאוש און אנגענומען דעם אסלאם, אנדערע זיינען געפאהרען צוריק קיין אייראפא, אזוי אז אין אלגעמיין האט

*) איינער פון די מיטלען, וועלכע די אידען האבען אנגענומען איז געווען די בעוואוסטע תקנה, אז יעדער מאן וועלכער שטארבט אין ירושלם אהן יורשים מן התורה, וועלכע זיינען אנוועזענד אין א"י, בלייבט זיין גאנצע ירושה צו גונסטען פון דער געמיינדע. דיעזע הכנסה פון די ירושות פלעגט געהן ספעציעל אויף אבצאהלען די רעגירונגס־שטייערען. די גאנצע געמיינדע האט זיך יעהרליך גענויטיגט אין 10.000 פיאסטער, אבער די ארטיגע בע"ב האבען אליין ניט געקאנט אינקאסירען מעהר פאר 2.000 פיאסטער. אין גאנצען האט א"י צו יענער צייט (1700) געצעהלט 1500 — 2000 נפשות, אין ירושלם אליין איז געוועזען נאהענט צו 1000 ארעמע נפשות (שפת אמת).

דיזע בעוועגונג געבראכט פאר'ן ישוב בלויז א שעדליכען רעזולטאט. א קליינע טייל איז אבער דאך פארבליבען. זייענדיג פארבונדען מיט די אידען פון אויסלאנד, האט זי בעקומען פון דארטען א רעגולערע שטיצע. דאס האט זיי געגעבען א מעגליכקייט צו עקזיסטירען אין ירושלם במשך פון קארגע 20 יאהר. זיי זיינען אבער אריינגעפאלען אין אזעלכע געוואלדיגע חובות צו די שכנים־אראבער, אז זיי האבען ניט געקאנט אויסצאהלען אפילו די פראצענטען. זיי האבען זיך געווענדעט נאך שטיצע אין אויסלאנד, פון וואנענט מען איז געקומען צו הילף, — אבער די הילף איז שוין געווען צו שפעט. אין יאהר 1721 איז דער אשכנזי'שער ישוב ווידער אמאל חרב געווארען. די אראבער האבען פארברענט די אשכנזי'שע שול און פערכאפט זייערע הייזער (פאר די חובות) און דאס מאל איז דער אשכנזי'שער ישוב צושטערט געווארען אויף גאנצע 90 יאהר. די אשכנזים האבען געמוזט פערלאזען די שטאדט, אימיגרירען אין חברון און צפת, און די איבערגעבליבענע האבען זיך געמוזט פארשטעלען פאר ספרדים, צוליעב דעם שרעק פאר די אראבער.

א וויכטיגע פאסירונג אין דעם אידישען לעבען אין גליל איז פארבונדען מיט דער הערשאפט פון דעם שייך־דאהיר אין 18־טען יאהרהונדערט. דיעזער שייך, וועלכער האט זיך בעפעסטיגט אין צפת און אין טבריה, האט זיך געטראגען מיט ברייטע עקאנאמישע און פאליטישע פלענער. ער האט איינגעלאדען צו זיך אידען, ווי אויך גריכען פון קיפרוס, און אנדערע צו קאלאניזירען זיך אין זיינע לענדער. אין יאהר 1742 האט ער איינגעלאדען ר' חיים אבולעפיא פון אזמיר „ער זאל קומען ירשנ'ען די לאנד פולן זיינע עלטערן" — טבריה (ר' חיים'ס זיידע איז דארטען געוועזען א רב אין דעם פאריגען יאהרהונדערט). ר' חיים אבולאפייא איז געקומען און האט געגרינדעט אין דער שטאדט, וועלכע איז געווען זייט 70 יאהר פערלאזען פון אידען, — א נייעם אידישען ישוב. ער האט געבויט הייזער און קלייטען, דורכגעלעגט וועגען און אנגעהויבען אנצופיהרען א אידישע קאלאניזאציע אין גליל, נאך א הפסקה פון 170 יאהר, פון יוסף נשיא'ס קאלאניזאציע ארום טבריה. פון דיעזער טעטיגקייט איז געבליבען ווייניג ערינערונגען, אבער אייניגע רעשטען זיינען נאך דא ביז יעצט. דער אידישער אקערבוי־ישוב אין שפרעם איז דורך איהם געגרינדעט. אין דער זעלבער תקופה בעגעגענען מיר אויך די עקזיסטענץ פון פקיעין מיט א אידישער אקערבוי־בעפעלקערונג פון 50 פאמיליעס. אויך אין אנדערע ערטער, ווי אין כפר־יאסיף, טרעפען מיר אידישע איינוואהנער מיט אידישע פעלדער; צו דער זעלבער צייט געפינען מיר א אידישען ישוב אויך אין צידון, אין עכו, אין כפר־ענן, אין חיפה און נאך אין א פאר ערטער. דער ישוב אין דיזע ערטער עקזיסטירט אהן אונטערברעכען ביז אונזער צייט.

ר' חיים אבו־לעפייא.

דער סוף פון 18טען יאהרהונדערט בעצייכענט זיך מיט דעם אויפשוואונג פון דער נייער חסידישער בעוועגונג פון'ם בעש"ט. די חסידות איז געוועזען טיעף פערבונדען מיט אויסלעזונגס־טרוימען. די מאסאקרען פון די הײדאמאקען אין וואהלין און פאדאליען (גזרת תקכ"ח־1768) אין וועלכע עס זיינען אומגעקומען ביז 30.000 אידען האבען פערשטארקט די משיח'שע האפנונגען. עס האט זיך אנגעפאנגען א נייע בעוועגונג נאך ארץ־ישראל — און אין יאהר 1777 זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל 300 נפשות אונטער דער פיהרערשאפט פון ר' מ"מ וויטעבסקער, ר"א קאליסקער און ר"י פאליצקער. אזוי ווי אין ירושלם איז דאן קיין אשכנזישע געמיינדע ניט געווען

נייע חסידים.

(און האט ניט געקאנט זיין צוליעב דעם פריהערדיגען באנקראט) האבען זיך די נייע אימיגראנטען באזעצט אין צפת און אין טבריה. מאטעריעל איז די לאגע פון די אנגעקומענע געוועזען קריטיש, און דאס האט זיי געצוואונגען אנווענדען אלע כחות צו בעקומען שטיצע פון אויסלאנד. דערביי האבען זיך אבער גענויטיגט אין שטיצע ניט בלויז די חכמים און רבנים — נאר די גאנצע געמיינדע. פון דאנענט נעהמט זיך דער אונטערשיעד, וועלכער עקזיסטירט נאך ביז היינט צווישען די ספרדים און די אשכנזים; ביי די ערשטע נעהמען חלוקה בלויז די חכמים און ארימע לייט — און ביי די אשכנזים —— בענוצען זיך מיט דער חלוקה אלע מיטגליעדער פון דער געמיינדע אהן אונטערשיעד.

פרושים. אויסער די חסידים איז נאך געוועזען א פריהערדיגע אשכנזישע בעפעלקערונג. זיי האבען געהייסען, אין אונטערשיעד פון די חסידים — פרושים (ד. ה. אבגעטיילטיי פון חסידות). אזוי האבען אין רושלם גופא געוואוינט (אין יאהר 1768) 50 נפשות. אין טבריה בעגעגענען מיר אשכנזים נאך אין יאהר 1765; אין צפת, חברון און עזה — נאך פריהער. באלד נאך דעם האט זיך אנגעפאנגען א נייע אימיגראציע — פון פ ר ו ש י ם , תלמידים פון דעם ווילנער גאון (ר׳ אליהו), אונטער דער פיהרערשאפט פון ר׳ מנחם מענדיל און ר׳ ישראל שקלאווער (1805). אזוי ווי די עקאנאמישע לאגע פון די פרושים איז געוועזען ניט בעסער ווי פון די חסידים האבען זיי אויך געמוזט שיקען ספעציעלע שלוחים קיין רוסלאנד און פוילען אום צו פארזיכערען די זאמלונג פאר ארץ ישראל און מאכען עס פאר א שטענדיגען אנשטאלט. אין יאהר 1812 האבען די אשכנזים אויפגעבויט דעם אזוי־גערופענעם אשכנזישען „דיר“ (חצור), און געגרינדעט א בעזונדערע ישיבה.

ירושלים און חברון. די אשכנזישע געמיינדע האט זיך אבער אליץ ניט געקאנט פיהלען זיכער אין ירושלים, כל זמן עס איז איבער איהר קאפ געהאנגען דער דאמאקלעס־שווערד — דער אלטער חוב פון זייערע עלטעד־זיידעס מיט נײנציג יאהר צוריק. ערשט איז יאהר 1837 איז די אשכנזים אין ירושלם געלונגען ארויסצוקריגען א פירמאן פון דער עגיפטיישער רעגירונג וועלכער האט בעפרייט די נייע געמיינדע פון די אמאליגע חובות. דאן איז די געמיינדע אפיציעל בענייט געווארען. עס איז אויפגעבויט געווארען די נייע שול אויף דעם ארט וואו עס זיינען געוועזען די רואינען פון ר׳ יהודה החסיד׳ס שול, — דאס איז די יעצטיגע גרעסטע אשכנזישע שול „מנחם ציון“, „חורבת רבי יהודה החסיד“ אדער ווי דאס פאלק רופט זי אן „די חורבה“. פון דענסטמאל אן האט זיך די אשכנזישע געמיינדע געשטעלט אויף א פעסטע פוס און שנעל פראגרעסירט. ערשט אין יאהר 1816 האבען די אשכנזים געצעהלט 20 נפשות און אין 1827 — 160 נפשות. אין צוואנציג יאהר ארום טרעפען מיר שוין א בעפעלקערונג פון 1.000 אשכנזים. צו דער זעלבער צייט איז די אלגעמיינע אידישע בעפעלקערונג אויסגעוואקסען ביז 4.000 נפשות (אין יאהר 1845). די חברונער געמיינדע איז אויך שטארק פערגרעסערט געווארען — ביז 500 נפשות.

דער וואוקס פון די ירושלם׳עס און חברונ׳ער געמיינדע אין אנהויב פון 18טען יאהרהונדערט איז אבער פארגעקומען ניט צוליעב אימיגראציע פון אויסלאנד, נאר ניכער צוליעב דער אינערליכער איינוואנדערונג פון גליל, וואו די ערשטע יאהרצעהנדליגער פון 19טען יאהרהונדערט האבען געבראכט צו די אידען גרויסע צרות. בעזונדערס האבען געליטען די אידען פון צפת. די פערפאלגונגען פון עבדאללה־

צפת און טבריה.

פאשא האבען אריינגעטריבען די צפת'ער געמיינדע אין גרויסע חובות (ביז 400.000 פיאסטער) און זיי האבען שרעקליך געליטען פון זייערע בעלי־חובות. דאס איז אבער געוועזען גארנישט אין פערגלייך מיט די צרות וועלכע די צפת'ער אידען אין אויסגעקומען אויסצושטעהן אין דעם פאלגענדען יאהר־צעהנדליג. אין יאהר 1834 איז פארגעקומען א דרוזען־אויפשטאנד; די ווילדע דרוזען האבען צוראבירט די צפת'ער אידען, און געמאכט א שרעקליכען פאגראם. די אידען האבען ניט געהאט קיין פערטיידיגער. פיעלע זיינען דער'הרג'עט און צוקאליעטשעט געווארען. ערשט שפעטער, ווען די מרידה איז איינגעשטילט געווארען זיינען 13 פון די מורדים אויפגעהאנגען געווארען (דורך דער עגיפטישער רעגירונג). דער מאטעריעלער פערלוסט פון די אידען אין צפת איז אבגעשאצט געווארען אין זעקס מיליאן פיאסטער אבער נור א קליינע טייל דערפון איז זיי אומגעקעהרט געווארען.

דער דרוזען־פאגראם האט זיך איבערגע'חזר'ט אין פיער יאהר ארום אין דער זעלבער שטאדט, מיט די זעלביגע פרטים: שולען זיינען פערברענט, ספר־תורות פעראומרייניגט, מענער און פרויען געטויטעט און געשענדעט געווארען. אבער אויסער דיעזע פאגראמען האט די צפת'ער בעפעלקערונג געליטען פון אן אנדער אומגליק, וועלכער האט חרב געמאכט די גאנצע שטאדט: דאס איז די גרויסע ערד־ציטערניש אין יאהר 1837. די ערדציטערניש האט ניט געמאכט קיין אונטערשיעד צווישען אידען און גויים. אויסער צפת האבען נאך 30 דערפער אין דער אומגעגענד געליטען פון דער ערדציטערניש. בעזונדערס האט אבער אויך דער אומגליק געטראפען די אידען, וועלכע האבען געוואהנט געדיכט אויף דעם שפוע (אבהאנג) פון בארג. מעהר פון העלפט אידישער בעפעלקערונג איז אומגעקומען אונטער די רואינען פון צפת (ביז 2000 נפשות) אויסער די פערוואונדעטע און צוקאליעטשעטע וועלכע עס איז געלונגען צו רעטען. אין טבריה האט זיך דער אומגליק אבגעשפיעלט שוואכער, דאך זיינען דארטען אויך אומגעקומען ביז 700 נפשות. פון שרעק און פערצווייפלונג זיינען די איבעריגע אידען צולאפען — מעהרסטענטיילס האבען זיי זיך בעזעצט אין ירושלים און אין חברון, און נור איינצעלנע זיינען געבליבען אין די אלטע ערטער, אין צפת און אין טבריה, וועלכע האבען אנגעווארען די צענטראלע בעדייטונג וואס זיי האבען געשפיעלט די לעצטע עטליכע הונדערט יאהר אין ארץ ישראל.

אין די פערציגער יאהרען טרעפען מיר אין צפת בלויז 250 פאמיליעס, ד. ה. א 1200־1300 נפשות און אין טבריה 130 פאמיליעס, ד. ה. נאהענט צו 700 נפשות. דאגעגען טרעפען מיר אין ירושלים 4000 און אין חברון 500 נפשות. אין יפו (אין וועלכער אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט איז געוועזען בלויז 2 אידען) — 30 נפשות. נאך 200 פאמיליעס האבען געוואהנט אין שכם, פקיעין, הצבייה און דר־אל־קאמר, צוזאמען אלזא א בעפעלקערונג פון 7500 נפשות, ד. ה. אונגעפעהר אזוי פיעל וויפיעל ר' בנימן מטודילה האט געטראפען מיט קארגע זיבען הונדערט יאהר צוריק, אין 12טען יאהרהונדערט.

צווייטע העלפט פון 19טען יאהרהונדערט.

דעסטא בולט'ער מערקט זיך דער שנעלער פראגרעס פון דער אידישער בעפעלקערונג אין א"י אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19טען יאהרהונדערט. דער געדאנק פון אידישער קאלאניזאציע (וועגען וועלכער מיר וועלען ברייטער רעדען אויף איהר פלאץ) איז געבוירען געווארען ביי איינינע אידען אין ארץ ישראל גופא, ווי אויך ביי משה מנטפיורי נאך מיט 80 יאהר צוריק. אבער די לעצטע טערקיש־

עגיפּטיישע מלחמה און שפּעטער די דמשק'ער עלילת־דם, האָבּען זיינע פּלענער אויף א געוויסע צייט צושטערט*).

שפּעטער האָט ער זיך אָבּער צוריק צו דעם געדאַנק אומגעקעהרט. אין 1856 האָט מאָנטעפיאָרע געמאַכט דעם ערשטען שריט, אויסאַרבּייטענדיג קאָנקרעטע פּלע־נער און קויפענדיג דעם ערשטען פּרדס לעבען יפו. אין 13 יאָהר אַרום איז געגרינ־דעט געוואָרען די ערשטע אידישע אַקערבּוי־שולע אין מ ק ו ה י ש ר א ל (1869), און מיט 8 יאָהר שפּעטער איז שוין געלעגט געוואָרען דער ערשטער יסוד פאַר דער ערשטער אידישער קאָלאָניע פ ת ח ־ ת ק ו ה (1878). אין אָנהויב פון די 80ער יאָהרען איז ענטשטאַנען די ביל"ו בּעוועגונג. עס האָבּען זיך געגרינדעט די ערשטע אידישע קאָלאָניען־גרופּען אַרום יפו, חיפה און צפת. שפּעטער האָט זיך די אידישע קאָלאָניזאַציע פערשפּרייט איבּער גאַנץ יהודה, גליל התחתון און עמק יזרעאל, און בּאַרענס זיינען געקויפט געוואָרען אפילו אין עבר הירדן. יעצט צעהלען מיר שוין ביז פופציג אידישע קאָלאָניעס און פאַרמס; כמעט א העלפט פון זיי אין יהודה, 8 אין שמרון און די איבּריגע אין גליל העליון און אין גליל התחתון; דער לעצטער (גליל טבריה) איז געוואָרען אויף העלפט א אידישע טעריטאָריע, סיי לויט דער צאָהל פון די קאָלאָניעס (לגבי די איבּעריגע דערפער) סיי לויט דער צאָהל פון דער בּעפעל־קערונג און פון דעם בּעאַרבּייטען בּאָדען (גענויער אין דעם קאַפּיטעל וועגען קאָלאָ־ניזאַציאָן, אין צווייטען בּאַנד).

דער שטאָדטישער ישוב האָט זיך פאַר דעם האַלבּען יאָהרהונדערט זעהר שנעל ענטוויקעלט. ערשט אין יאָהר 1845 האָט ער געצעהלט 7500 נפשות. מיט צוועלף יאָהר שפּעטער — שוין 10.000 נפשות; אין 20 יאָהר אַרום (1870) האָט ער זיך פערדאָפּעלט (21.000 נפשות). אין נײַנצעהן יאָהר שפּעטער (1895) מעהר ווי פער־דאָפּעלט (ביז 45.000 נפשות אין שטאָדט און 2500 אין די קאָלאָניעס). די לעצטע 19 יאָהר האָבּען ווידער געבּראַכט א פערדאָפּלונג פון דער אידישער בּעפעלקערונג, וועלכע צעהלט יעצט נאָהענט צו הונדערט טויזענד נפשות, אין דער צאָהל אַריינגע־רעכענט א פערצעהנטויזענדיגע בּעפעלקערונג אין די אידישע פאַרמס און קאָלאָניעס.

דיעזע ענטוויקלונג געהערט, אָבּער, שוין צו דער געגענוואַרט, און וועט בּעהאַנ־דעלט ווערען פון אונז בּעזונדער.

---

*) אין יאָהר 1840 איז פּאַרגעקומען אין דמשק א שרעקליכער בּלבול אויף אידען, אז זיי האָבּען דער'הרג'עט א געוויסען קריסטליכען גלח טהאָמאַס צוליעב ריטועלע צוועקען. דער פראַנצויזישער קאָנסול האָט אונטערשטיצט דיעזע בּלוטיגע בּעשולדיגונג. די אָנגעזעהענסטע מענשען פון דער אידישער געמיינדע אין דמשק זיינען אַרעסטירט געוואָרען און מערדערליך געפּייניגט, כדי זיי זאָלען זיך מודה זיין אין דעם מאָרד. 4 פּערזאָנען זיינען געשטאָרבּען אונטער די הענד פון די אינקוויזיטאָ־רען, און עס האָבּען געזאָלט פּאַרקומען מאַסאַקרען געגען די אידען. דיעזער בּלוט־בּלבול האָט אַרויס־גערופען א גרויסע אויפרעגונג בּיי אַלע אידען אין אייראָפּאַ. אויף ספּעציעלע קאָנפערענצען איז בּע־שלאָסען געוואָרען קומען צו הילף די אידען פון דעם ענין אין דמשק וועלכער האָט אַן אַלגעמיינע נאַ־ציאָנאַלע בּעדייטונג. משה מאָנטעפיורי, יצחק כרמיה און שלמה מונק זיינען צו דעם צוועק געפאָהרען אין עגיפּטען, און זיי איז געלונגען אַראָבּצונעהמען דעם פלעק פון'ם בּלבול, און אויך צו בּעפרייען די געפאַנגענע. שפּעטער האָט די טערקישע רעגירונג אַרויסגעגעבּען א בּעזונדער פירמאַן, וועלכער האָט פערווערט אויף ווייטער ריטועלע בּלוט־בּעשולדיגונגען געגען אידען. דיעזער אינצידענט האָט געגעבּען א שטויס צו דעם געדאַנק פון „אַלוועלטליכען אידישען פערבּאַנד" („אַליאַנס איזראַעליט אוניווערזעיל"), אָדער כל ישראל חברים (כי"ח), וועלכער האָט זיך, אָבּער, פערווירקליכט (דורך דער איניציאַטיווע פון די זעלבּע פּערזאָנען, וואָס זיינען געוועזען אין זייער צייט פּעראינטערעסירט אין דעם דמשק'ער פּראָצעס) ערשט אין צוואַנציג יאָהר אַרום.

שלום.

דערמיט קענען מיר שליסען אונזער היסטארישען איבערבליק. די וויכטיגסטע געשעהענישען געהערען אייגענטליך צו דער ענטשטעהונג און צו דער ענטוויקלונג פון דעם נייעם ישוב.

פאר דעם שלוס ווילען מיר אבער זאגען א פאר ווערטער וועגען דעם לעצטען טייל פון דער אידישער געשיכטע אין א"י — פון נאך דעם חורבן.

דיעזע תקופה ווערט צופאלען, ווי מיר האבען געזעהן, אויף צוויי ניט קיין גלייכע חלקים: דער ערשטער טייל ציהט זיך פון דעם חורבן ביז דעם אנהויב פון אראבישער הערשאפט און פערנעהמט א דריטעל פון דער גלות־פעריאדע; דער צווייטער טייל דויערט שוין עלף־צוועלף הונדערט יאהר.

אין דעם ערשטען טייל בעגעגנען מיר די אידען אין א"י אין קאמפאקטע מאסען אלס אקערבויער אזוי גוט ווי שטאדטישע איינוואהנער. הויפטזעכליך בעשעפטיגען זיך אבער די אידען ביז דעם 8טען יאהרהונדערט אלץ מיט לאנדווירטשאפט. אין דיעזער תקופה זעהען מיר נאך ארויס די אידישע **אקטיוויטעט**. אידען **ליידען** פון דעם רוימיש־ביזאנטישען דרוק, — דערפאר אבער מאכען זיי אויך **אויפשטאנדען** און פיהרען אן אפענעם קאמף אין לאנד פאר זייערע רעכטע און פאר א נאציאנאלער צוקונפט. די אידישע און שומרונישע **אויפשטאנדען** **סאמע** ביז דער אראבישער תקופה זיינען דערצו דער בעסטער בעווייז.

דער צווייטער טייל פון דער נאך־אידישער פעריאדע טראגט א גאנץ אנדערען כאראקטער. דער אידישער ישוב אלס גאנצעס איז **פולווערייזירט** און צעשטרייט געווארען. קיין קאמפאקטע אקערבוי־בעפעלקערונג אין ארץ ישראל גופא בעגעגענען מיר שוין ניט, נאר אויף די גרעניצען פון ארץ־ישראל טרעפען מיר פון צייט צו צייט רעשטען פון אידישער לאנד־בעפעלקערונג. די אראבישע היסטאריקער דערצעהלען אונז בלויז פון א אידישען שטאדטישען ישוב, און די זעלבע גערוסען הערען מיר אויך פון די אידישע רייזענדע פון יענער צייט. די אידישע געשיכטע אין לאנד ווערט במילא א געשיכטע פון **איינצעלנע שטאדטישע געמיינדען**, פון דער גרעסטער אין לאנד הייליגער געמיינדע, פון ירושלם, און פון קלענערע הייליגע געמיינדען, פון צפת, חברון, טבריה א. א. וו. עס איז שוין נישט מעהר קיין געשיכטע פון אידישע אקטיווע ארויסטרעטונגען און אונטערנעהמונגען אויף דעם עקאנאמישען אדער פאליטישען, אדער אנדערען געזעלשאפטליכען געביעט: עס איז די געשיכטע פון אונמענשליכע ליידען און פון פערצווייפעלטען קאמף פאר א ביטערער עקזיסטענץ. צווערשט, אין 8טען און אפילו אין 12טען יאהרהונדערט בעגעגנען מיר נאך א גרויסע בעוועגונג אין די אנדערע לענדער פון איסלאם פאר א"י. שפעטער טרעפען מיר דאס אויך נישט.

און אין רעזולטאט פון דיזען יאהרהונדערטער דויערנדען שווערען קאמף טרעפען מיר אין דעם מיטען פון 19טען יאהרהונדערט די אידען פון א"י אין אזא קליינער צאהל, און אזוי שוואך און ארעם, פונקט ווי מיט זיעבען הונדערט יאהר בעפאר.

און דאך שטעלט מיט זיך פאר דיעזער אונגלייכער קאמף פון דעם פאלעסטינער יודענטום א הערואישע בילד. דאס לאנד, וועלכע ליעגט אויף דעם מיטען פון פעל־

קער־וואנדערונגען כאפט איין קלאפ נאכ'ן צווייטען. מעכטיגע פעלקער ווערען אב־געמעקט — און עס בלייבט פון זיי קיין זכר ניט אונטער די הימלען פון ארץ ישראל. נאר די אידען, וועלכע ליידען מעהר פאר אלעמען — בלייבען. די אראבישע ערא־בערונג, די אינוואזיאנען פון די מאנגאלישע הארדען וואס האבען פערפלייצט אין זייער צייט גאנץ אזיען און מזרח־אייראפא, פון די קארמאטיאן, פון די קאראזעמיאן, פון הולאגו, פון טימור־לענק, די בלוטיגע מאסאקרען פון די דרוזען און פון די בעדו־אינער, די טיראניע פון די אבן־פארוך'ס, הונגער און פעסט, ערדציטערניש און טעראר — קיין זאך איז ניט געווען אימשטאנד אבצושרעקען און אויסצוראטען דעם אידישען ישוב. אויסערליך שוואך און נידערשלאגען, האט ער אין זיך ארויסגעוויזען א וואונדערבארע לעבענס־קראפט און ענטשלאסענהייט אונטער אלע מעגליכע און אונמעגליכע אומשטענדען.

דער אלטער אידישער ישוב האט ריזיקירט מיט זיין לעבען און מקריב געווען אפט די מענשליכע ווירדע — דאס האט ער געטהון נישט בלויז אלס „שומרי־החומות“, נישט בלויז אלס „אבלי־ירושלים“. צוזאמען מיט דעם זכר פון עבר, האט אין זיי גע־גליהט די האפנונג אויף דער גאולה, און זיי האבען זיך בעטראכט אלס דער ערשטער אוואנגארד פון דער אויסלעזונג. זיי האבען גוט געוואוסט אז „אין ארץ ישראל נקנית אלא על ידי יסורים“ (מען קאן נישט ערווערבען ארץ ישראל אהן קרבנות, אהן יסורים) — און זיי זיינען געגאנגען פרייוויליג אויף די אלע מעגליכע קרבנות, אבי נור העלפען דער ערווארבונג פון ארץ ישראל. נאטירליך האבען זיי דערביי געגלויבט אז די ישועה קאן קומען נור דורך תפלה, תשובה און צדקה — און די מיטלען האבען זיי אנגעווענדעט אלס די פאסענדסטע, און וועלכע עס האבען ענטשפראכען צו זייער וועלט־אנשויאונג.

ווי קומט עס, אבער, אז א סענטימענט זאל אנהאלטען גאנצע צוויי טויזענד יאהר, נאכדעם ווי דאס פאלק האט בעשיינפערליך אנגעווארען יעדע פארבינדונג מיט זיין לאנד? פון וואנענט נעהמט זיך דער שטארקער געפיהל פאר ארץ ישראל ביי אי־דען אזוי לאנג נאכדעם, ווי זיי זיינען פון איהר אבגעריסען געווארען?

דער מקור פון דעם געפיהל ליגט, נאטירליך, אין די טיפענישען פון דער פאלקס־פסיכאלאגיע וועלכע איז אורשפרינגליך אויסגעהאקט געווארען און שפעטער נאהענט צו צוויי טויזענד יאהר זיך געשפייזט פון יענעם סכום איינדריקע און ערפאהרונגען וואס נעהמען זייער קוואל פון ארץ ישראל. עס איז אבער געווען, אויסער דעם געשיכטליכער ווירקונג פון לאנד, נאך א לעבעדיגער פאקטאר, וועלכער האט געווירקט, אויך שפעטער נאכדעם ווי עס איז פערניכטעט געווארען די אידישע לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג אין ארץ ישראל: דער רעשט אידישער ישוב און ארץ ישראל, ווי קליין און שוואך ער איז ניט געווען, האט ער מיט זיך פארגעשטעלט א לעבעדיגע, רעאלע פערבינדונג צווישען דעם פאלק, וועלכעס איז געבליבען אהן זיין לאנד, און צווישען דעם לאנד וואס האט אנגע־ווארען איהר פאלק. די פערבינדונג איז געגליכען צו א קליינעם שרייפעל אדער צו א מעכאנישען רינג, וועלכער פעראייניגט די לעבעדיגע ענערגיע פון פאלק מיט זיין אלטען פאטערלאנד. זי איז עהנליך צו א ברענענדען פונק אונטער א בארג אש: כל זמן דער פונק גליהט, קאן ער נאך פאנאנדערפלאקערען אין א מעכטיגען פלאם: ווערט ער אבער פערלאשען, דאן בעדארף מען האבען שוין נישט נור נייעם ברענ־

מאטעריאל נאר אויף א נייעם פייער — דער פריהערדיגער, אמאליגער פייער האט שוין מעהר קיין ווערטה נישט. דיעזען פונק האט די נאציאן ביז אונזער צייט אב־געהיט מיט דעם גרעסטען אייפער.

ארץ ישראל איז ווירקליך, אונטער אלע אומשטענדען, געוועזען דער ברענפונקט פון יעדער נייער בעפרייאונגס־בעוועגונג, און יעדע אידישע וועלט־אקטאסטראפע האט געגעבען א פרישען שטויס צו די פערשלאפענע ערלעזונגס־האפנונגען — אין דער אל־טער היימאטה. די קרייצציגע מיט די עלילת־דם אין 12טען יאהרהונדערט, דער גירוש־אנגליה אין 13טען, דער גירוש־צרפת און די שווארצע פעסט אין דייטשלאנד פון 14טען, דער גירוש־ספרד אין 15טען, פונקט אזוי ווי די גזרות אוקריינא אין 17טען, די היי־דאמאטשינא אין 18טען און די רוסישע פאגראמען אין 19טען יאהרהונדערט — האבען אימער ארויסגערופען א גרעסערע אדער קלענערע בעוועגונג און אימיגראציע נאך א"י. די פלענער צו ווידער־אויפבויאונג דעם מזבח, רעסטאווירען די סמיכה און די סנהדרין האבען ניט אויפגעהערט, אנפאנגענדיג פון ר' סעדיה גאון ביז ר' יחיאל מפאריש און פון ר' יעקב בירב ביז דעם רצ"ה קאלישער. די פאליטישע פלענער פון דוד הראובני, פונקט ווי די פאנטאסטישע טרוימען פון שלמה מלכו און דעם אר"י, די שגעונות פון שבתי צבי און די דמיונות פון די חסידים — אלץ האט זיך פער־בונדען מיט א"י, וועלכע האט געדיענט אלס אויסגאנגס־און צוגאנגס־פלאץ.

אבער נישט נור רעליגיעזע פלענער און פאנטאזיעס צייגט אונז די געשיכטע פון ארץ ישראל. מיר בעגעגנען דארט אויך גאנץ רעאלע פערזוכען אומצוקעה־רען זיך צום באדען נאך אין דער צייט ווען די אידען אין אייראפא האבען נאך ניט געטרוימט וועגען דעם. די פערזוכען פון יוסף נשיא אין 16טען יאהרהונדערט און פון ר"ח אבולעפייא אין 18טע יאהרהונדערט, ווי איבער־הויפט די אידישע קאלאניזירונג אין די דערפער פון גליל העליון און התחתון, וועלכע מיר בעגעגנען פאר די לעצטע יאהרהונדערטער און דער ביז יעצט פערבליבענער הונ־דערט־יעהריגער אקערבויאישער ישוב אין פקיעין זיינען דער בעסטער בעוויז, אז נאך אין דער צייט, ווען דאס גאנצע אייראפעאישע יודענטום וועלכע האט געלעבט אויף „דעם ברייטען שליאך פון דער ציוויליזירטער געשיכטע", אויף דער גרויסער היסטארישער וועלט־ארענע, איז נאך געוועזען געשמידט אין קייטען פון רעליגעזען קאנסערוואטיזם און פון מיסטישע אבערגלויבענס — האט זיך ביי די פלשתיטא'ר אידען שוין דערוועקט דער חוש פאר אויסלעזונג דורך נאטירליכע וועגען און דורך רעאלע מיטלען פון זעלבסטבעפרייאונג.

ביבליאגראפישע פערצייכנים צו דער היסטאָרישער אבטיילונג.

אין העברעאיש:

כתובים אחרונים (מועתקים מיונית על ידי רי"ז פרנקל).
פרופ' צבי גראטץ: דברי ימי ישראל, מתורגם עברית מאת שאול פנחס ראבינאוויץ, תשעה חלקים, ווארשא תרנ"א — תרס"ט.
דר. י. קלוזנר: הסטוריה ישראלית ח"א, אודיסא תרס"ט.
ש. רפאלי: מטבעות היהודים, ירושלם תרע"ג.
קירכענהיים: רפאל בן שמשון, כרמי שמרון, פתיחה למסכת כותים, פרנקפורט תרי"א.
„התולידה" השמרונית, בעתון הצרפתי: Journal asiatique, 1869.
רבי בנימן מטודילא: „ספר המסעות" הוצאת מרדכי בר נתן אדלר, לונדון תרס"ו.
ר' פתחיה מרגנשבורג: סבוב פתחיה, הוצאת מרגולין.
ר' שמואל בר שמשון (ד' אלפים ע'), מסעותיו על קברי אבות, („אוצר טוב" — 1876).
ר' יהודה אלחריזי: ספר התחכמוני.
ר' יצחק חילו: שבילי ירושלם, אין פראנצויזישער איבערזעצונג פון כרמולי.
ר' אשתורי הפרחי: כפתור ופרח, הוצ' לוניז, ירושלם תרנ"ט.
ר' משה בר נחמן (הרמב"ן) „דברי הרמב"ן" בסוף ביאורו על התורה (חמשה חומשי תורה עם תרגום ופירוש רש"י „ופירוש רמב"ן, ויניציאה ש"ח).
ר' משה בר נחמן מכתב, בסוף „שער הגמול", ווארשא תרל"ז.
ר' משולם בן מנחם מוולטירא: מסע לארץ ישראל, בשנת ה'רמ"א — „ירושלם" לא. לוניז, שנה א'.
ר' עובדיה מברטנורא: מכתבים לבניו, נדפסו ב„יאהרבוך פיר דיע געשיכטע דער יודען אונד דאס יודענטומס", לייפציג 1863.
ר' אליהו מפיראר ה: אגרת כתב מש' קצ"ד („דברי חכמים", מיץ תר"ט).
שלמה רוזאנוס: דברי ימי ישראל בתוגרמה, ג' חלקים, הוסיאטין.
נוסע אלמוני (שבתי ירושלם).
דוד הראובני (זכרונותיו) נדפסו במקורם ע"י נייבויער בס' Medievel Jewish Chronicles. אוקספורד תרנ"ג.
ר' יוסף הכהן: עמק הבכא, דפוס ווין 1852.
ס' חרבות ירושלם, ויניציאה שצ"ב.
ר' ישעיהו הורוויץ: שני מכתבים משנת שפ"ב, בעתון „שומר ציון הנאמן".
ר' משה חאגיז: שפת אמת — אמשטרדם תר"ז.
ר' יעקב בירב (הצעיר): זמרת הארץ, תק"ד ובלוח א"י ללוניז.
ס' זכרון ירושלם תונס תרס"ד.
ר„ יוסף סופר: עדות ביהוסף.

משה מנטפיורי: ספר הזכרונות.
ד״ר לוי: מכתב ב„דביר״.
ס׳ יהודית: ספר הזכרונות לגב׳ יהודית, מנטפיורי.
ד״ר פראנקל: ירושלימה! ספר הזכרונות, וויען תרי״ט.
ר׳ יוסף שווארץ: תבואות הארץ, הוצ׳ לונץ.
א. מ. לונץ: „ירושלם״ עשרה כרכים, ירושלם.
א. מ. לונץ: לוחות ארץ־ישראל, ירושלם.
גרשון בן אליעזר מפראג: גלילות הארץ, אמשטרדם 1634-5.
אין אידיש: „קארצי בשרייבונג פון ארץ ישראל״ — אמשטרדם תפ״ג.

אין טערקיש:

اسماعيل صبحى ومحمد فؤاد • سالنامهٔ ثروت فنون استانبول ١٣٢٦

سالنامهٔ ولاية بيروت ١٣٢٦

אין גריכיש:

„עווסעבעיאו, טו פאמפילו, עפיסקאפו קייסריאס טעס פלשטינעס, פערי טאן טאפיקאן אנאמאטאן טאן ען טע טהעיא גראפע״. — געדרוקט אין „צייטשריפט דעם דויטשען פאלעסטינא פעראיינס״. באנד 26.

פון גריכישען אריגינאל זיינען איבערזעצט יוסף פלאוויוס׳עס בעריהמטע ווערק, וועלכע מיר האבען בענוצט צוליעב דיעזען פרק, הויפטזעכליך לויט דער ענגלישער איבערזעצונג. עס עקזיסטירט אויך א העברעאישע איבערזעצונג פון קלמן שולמן („קדמוניות היהודים״, און „מלחמות היהודים״).

אין ענגליש:

Essay about the Sects and Nationalities in Palestine, by Post Quart. St of the P. E. F., 1890.

I. Al. Montgomery. The Samaritans, Philadelphia, Pa., 1907.

Wil. Muir. The Chaliphate, Oxford, 1912.

Guy le Strange. Palestine Under the Moslems.

C. R. Conder. The Latin Kingdom of Jerusalem, London, 1897.

R. Benjamin. The Itinerary of., translated and edit by A. Asher, 1841.

Volney. Travels through Syria and Egypte, 1805, London.

Macalister, R. A. A history of the doings of the fellahin during the first half of the XIX cent., Quart. Stat. of the P. E. F. w. XXXVII and XXXVIIIV.

Atlas of the historical geogr. of the holy land by G. A. Smith, London, 1915.

אין פראנצויזיש:

S. Munk: Palestine Description geographique historique et archeologique, Paris, 1845.

אין דייטש:

Ed. Meyer. Geschichte des Altertums 1-ter Bd. 2-te Haelfte, Stutgart u. Berlin, 1913.

Ed. Meyer. Die Israeliten und ihre Nachbarstammen, Halle am S., 1906.

Dr. Benzinger. Hebraeische Archeologie,, Tuebingen, 1907.

Dr. Benzinger. Geschichte Israels, Leipzig, 1908.

A. Von Kremer. Mittel Syrien und Damascus, 1853.

C. Ritter von Sax. Geschichte des Machtverfalls der Tuerken.

Hoelscher. Die Geschichte der Iuden in Palaestina, Leipzig, 1903.

אין רוסיש:

Н. А. Мѣдниковъ. Палестина отъ завоеванія ея арабами до крестовыхъ походовъ. СПБ. 1897—1902.

К. М. Базили. Сирія и Палестина подъ турецкимъ владычествомъ.

Кацъ. Іосифъ Наси. Будущность, I, II. 1901.

דריטע אבטיילונג.

רעכטליכע אינסטיטוטען.

טערקישע הערשאפט אין ארץ ישראל.

§ 1. ארץ ישראל איז געווארען א טערקישע פראווינץ אין יאהר 1517. סלים דער ערשטער (1512—1520), באוואוסט אין דער טערקישער געשיכטע מיט'ן נאמען יאוואוז (דער פורכטזאמער) האט, דורך א רייהע זיעגרייכע מלחמות, אין פערלויף פון זיין 8־יעהריגער הערשאפט כמעט פארדאפעלט דעם שטח פון דער שוין אזוי אויך אונגעהויער גרויסער אטאמאנישער אימפעריע. אין 1517 האט ער אויך באזיגט די מאמולעקען פון מצרים און ערָאבערט סוריה און א"י, וואס האבען זיך ביז דאן געפונען אונטער דער מצרי'שער הערשאפט. פון דאן אן ביז דעם היינטיגען טאג, א משך פון גאנצע 400 יאהר, איז א"י אונטערווארפען דער טערקישער רעגי־רונג. דער פארזוך פון נאפאלעאן דעם ערשטען צו ערָאבערען א"י און איינשליסען זי אין דער אָריענטאלישער אימפעריע. וואס ער האט געהאט בדעה צו גרינדען. האט זיך געענדיגט מיט א דורכפאל ביי דער אונגעלונגענער בעלאגערונג פון עכו (1799), א דאנק דער שטערונג פון ענגלאנד. מעהר גליק איידער דער גרויסער פראנ־צויזישער קיסר האט אין דרייסיג יאהר ארום געהאט דער מצרי'שער גענעראל איברהים פאשא דער אדאפטירטער זוהן פון מחמד עלי — דעם גרינדער פון דער איצטיגער הערשענדער דינאסטיע אין מצרים. נאך א גרויסען זיג איבער דעם טערקישע מיליטער האט איברהים פאשא ערָאבערט סוריה און א"י (1832) און פאראייניגט זיי מיט דער ניי־געגרינדעטער מצר'ישער מלוכה פון זיין פאטער מחמד עלי. אבער די מצרי'שע הערשאפט אין א"י האט געדויערט ניט מעהר ווי 8 יאהר; נאך זעם ווי דער פאראייניגטער פלאט פון ענגלאנד און עסטרייך האט באמבאר־דירט עכו, זיינען די מצרים פארטריבען געווארען פון סוריה און א"י, און די צוויי לענדער זיינען צוריקגעקערט געווארען צו דער טערקישער רעגירונג.

§ 2. שוין 400 יאהר ווי די טערקען הערשען אין א"י, אבער בלויז אין די לעצטע 60—70 יאהר איז דער אויטאריטעט און איינפלוס פון דער טערקישער

רעגירונג געווארען ווירקזאם און פיהלבאר אין לאנד. מחמת דער ווייטקייט פון צענטער דעם מאנגעל אין פארקערס־מיטלען, דער מיליטערישער שוואכקייט און פעאדאלער פארוואלטונגס־סיסטעם (וואס האט געהערשט אין טערקיי ביז 1864), איז די קאנטראל פון דער צענטראלער קאנסטאנטינאפאלער רעגירונג איבער׳ן לאנד יעווען זעהר א שוואכע, כמעט א פיקטיווע. די לאקאלע פערוואלטער, די פאשאס פון עכו, עזה און ירושלם האבען זיך אפטמאל געפיהלט אין גאנצען אונאבהענגיג פון דער קאנסטאנטינאפאלער רעגירונג, און ניט איין מאל האבען זיי טאקע אפענערהיי רעוואלטירט און ערקלערט זייער פולע זעלבסטשטענדיגקייט. די טערקישע געזעצען און געריכטען האבען געהאט א קנאפע שליטה איבער די ארטיגע פארהעלטניסע; און די לאקאלע מנהגים און ארדנונגען, ריכטיגער אונארדנונגען, האבען פארנומען דעם פלאץ פון טערקישען געזעץ.

איהר שוואכקייט.

§ 3. אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט האט די טערקישע רעגירונג ביסלעכווייז אנגעהויבען אבצושאפען די אלטע פעאדאלע פארוואלטונגס־סיסטעם און איינפיהרען רעפארמען אויפ׳ן אייראפעאישען שטייגער. די יאניטשארען — דאס אלט מאדיישע געדונגענע מיליטער וואס האט גע׳בעל־הבית׳עוועט איבער׳ן לאנד — זיינען פארניכטעט געווארען (1826), די פריהערדיגע פראווינציעלע שטאטהאלטער זיינען אבגעשאפט געווארען, א נייע צענטראליזירטע אדמיניסטראטיווע ארדנונג, לויט׳ן מוסטער פון פראנקרייך, איז איינגעפיהרט געווארען (1864), און די לאקאלע בעאמטע און פערוואלטער — די וואלים, מוטעסאריפס און קאימאקאמס, זיינען געשטעלט געווארען אונטער דער נאהענטער קאנטראל און דירעקטער אבהענגיגקייט פון דער צענטראלער רעגירונג. דער איינפלוס פון דער רעגירונג האט זיך צוערשט פארשטארקט בלויז אין מערב א״י — א דאנק איהר נאהענטקייט צום ים און דעם שיפס־פארקעהר. אין עבר הירדן, א דאנק זיין ווילדער בעדואינישער באפעלקערונג, איז די מאכט פון דער רעגירונג געבליבען זעהר בעשרענקט ביז׳ן אנהויב פון 20טען יאהרהונדערט, ווען מ׳האט אנגעהויבען דורכפיהרען די חעדזשאסבאהן פון דמשק ביז מכה (מעקקאה) (1901). מיט דער גרינדונג פון די צוויי נייע קאימאקאמיעס אין דעם עקסטרעם דרום פון לאנד — אין באר־שבע (1902) און אלחפיר (1908) — האט זיך די קאנטראל פון דער רעגירונג פאקטיש פארשפרייט איבער׳ן גאנצען לאנד „פון דן ביז באר־שבע“ און פון ים התיכון ביז די בערג פון חורן.

רעפארמען און פערשטארקונג.

אין ארץ ישראל אלס טערקישע פראווינץ הערשען טערקישע געזעצען, טערקישע אדמיניסטראציע און געריכטען. און וויל מען פארשטעהן די געזעלשאפטליכע לעבענס־בעדינגונגען און אויסשטענדען פון לאנד, דאן מוז מען ווארפען כאטש א שנעלען בליק אויף די פונדאמענטאלע רעכטליכע אינסטיטוטען פון טערקיי אין אלגעמיין, באזונדערס אויף די וואס האבען א ספעציעלע באדייטונג פאר א״י און פאר דער רעכטליכער לאגע פון די אידען אין טערקיי בכלל און אין ארץ ישראל בפרט.

א. אטאמאנישע רעכטס־סיסטעמען.

טערקישע קאנסטי־טוציע.

§ 4. טערקיי איז א קאנסטיטוציאנעל־פארלאמענטארישע מלוכה. די געזעצגעבענדע מאכט געהערט דעם סולטאן און דעם פארלאמענט. די אויספיהרענדע מאכט ליעגט אין די הענט פון מיניסטארען־קאבינעט (היאת־וכלא — הייעטי־

וואַקעיאַ), וואס איז פאראנטווארטליך פאר'ן פארלאמענט. דער פארלאמענט באשטעהט פון צוויי הייזער — דאס רעפרעזענטאנטעו הויז (מג'לס־מבעותאן — מידזשעליסי־מאבוסאן), וואס ווערט ערוועהלט פון פאלק אלע פיער יאהר, און פון סענאט (מג'לס־אעיאן — מידזשעליסי־אאיאן), וואס ווערט באשטימט פון דער רעגירונג. יעדער אטאמאנישער בירגער (עתמאנלי) האט דאס וואהל־רעכט, אהן אונטערשיעד פון רעליגיע און נאציאן, מיט דער אויסנאם פון פרויען. אין אלגעמיין איז די קאנסטיטוציע (קאנוני־אסאסי) פון טערקיי עהנליך צו די גרונד־געזעצע פון די מערב אייראפעאישע פארלאמענטארישע מאנארכיעס.

דער קאנסטיטוציאנעלער רעזשים איז צוערשט איינגעפיהרט געווארען אין טערקיי אין יאהר 1877 דורך דעם ליבעראלען גרויס־וויזיר מידחאת פאשא, אבער באלד האט דער סולטאן עבדאל חמיד פארמאכט דעם פארלאמענט נאך א קורצער סעסיע, אבגעשאפען די קאנסטיטוציע, און געהערשט 32 יאהר ווילקירליך און דעספאטיש, ביז די יונג־טערקען האבען דורך א געלונגענער רעוואלוציע אין 1908 צוריק איינגעפיהרט דעם קאנסטיטוציאנעלען רעזשים אויף מעהר דעמאקראטישע יסודות.

§ 5. טראָץ די עהנליכקייט פון די טערקישע גרונד־געזעצען צו די מערב אייראפעאישע קאנסטיטוציעס, איז די טערקישע מלוכה איז תוך אריין נאך אלץ פערבליבען גאנץ פארשיעדען פון די מאדערנע מלוכות. ניט קוקענדיג אויף די פיעלע רעפארמעס און מאדערנע איינריכטונגען פון דער טערקישער געזעצגעבונג אין פערלויף פון 19טען און 20טען יאהרהונדערט, איז טערקיי נאך עד היום פערבליבען א טעאקראטישע מלוכה: דער טערקישער סולטאן איז גלייכצייטיג אי דער פאדישאה (הערשער) פון די אטאמאנישע בירגער אי חליף (נאכפאלגער) פון נביא מחמד און דער „אימאם", דער אוניווערסאלער הויפט, פון אלע „גלויביגע" (מוסלימער) אין דער וועלט. טעאקראטיע.

דער איסלאם — די אפיציעלע רעליגיע פון טערקיי, — איז ניט בלויז א שטאטס־רעליגיע נאר א רעליגיאנס־שטאט. די געזעצע פון איסלאם — דער שריעת (שעריאט), — זיינען ניט בלויז רעליגיעזע פארשריפטען נאר אויך פאליטישע, סאציאלע, יורידישע כללים, וואס רעגולירען אלע געגענזייטיגע בעציהונגען פון יחיד, פון צבור און אויך פון שטאט — אפילו די וואס האבען ניט קיין דירעקטע אדער אונדירעקטע שייכות צו דער רעליגיע. אין דעם זין איז דער איסלאם פולשטענדיג גלייך צום אידענטום.

די רעכטליכע סיסטעם פון דער טערקישער מלוכה בעשטעהט דעריבער פון צוויי פערשיעדענע טיילען: פון איין זייט די פארשריפטען פון שריעת, (אחכיאם־שרעיה), וואס טערקיי האט גע'ירש'נט פון די אראבישע מלוכה צוזאמען מיט'ן איסלאם, פון דער אנדערע זייט די געזעצען (קאנון) און תקנות (ניזאם) וואס די טערקישע רעגירונג האט זעלבסטשטענדיג געשאפען אין פערשיעדענע צייטען לויט די בעדערפנישען פון מאמענט, און וועלכע זיינען מייסטענס קאפירט פון דער פראנצויזישער געזעצגעבונג.

§ 6. דאס מוסלימישע רעכט — דער שריעת — שטאמט לויט דעם מוסלימישען בליק פון גאט אליין, און קאן דעריבער ניט געענדערט ווערען דורך דער מלוכה, נאר עס מוז אנגעווענדעט ווערען אזוי ווי ס'איז איינמאל פאר אלע מאל פארמולירט געווארען דורך די אנערקענטע מוסלימישע אויטאריטעטען. דאס דאזיגע רעכט האט פיער פערשיעדענע קוואלען אדער „בעווייזע" (אדלה־ארבעה — עדילעי ארבא). רעליגיעזע רעכט

יסודות פון שריעת.

1) דער ערשטער און וויכטיגסטער קוואל איז „דאס בוך" — כתאב, דאס הייסט דער קאראן. דאס איז דער „יסוד היסודות" („אצל־אלאצול"). „דער הייליגער געבאט וואס איז אראב צום „שליח" (צו מחמד'ן) פון הימעל און איז איבערגעגאנגען פון איין דור צום צווייטען". דאס איז די תורה שבכתב פון איסלאם, „כתאב אלהי" — „דאס געטליכע בוך".

2) דער צווייטער קוואל, וואס איז כמעט אזוי וויכטיג ווי דער ערשטער איז די מסורה, די טראדיציע („סונת") פון נביא מוחמד — זיינע ווערטער, „קול" (קאוול) און מעשים (אפעאל). אלעס וואס דער נביא האט געזאגט (חדית), וואס איז אבער ניט אריין אין קאראן, און אלעס וואס ער האט געטון אבזיכטליך (אפעאל קצדיה) — האט די קראפט פון געבאט און ווערט אבגעהיט צוגלייך מיט די בעפעהלען וואס שטעהען בפירוש אין קאראן. דאס איז די תורה שבעל־פה פון איסלאם.

3) דער דריטער קוואל איז — די אויסטייטשונגען און מיינונגען פון די ערשטע מפרשים („אג'מאע אמת" — אידזשמאי־אומעט), די אזוי גערופענע מוג'תהדין (מודזשטעהידין). אזוי ווי דער קאראן און אויך דער סונת האבען ניט אנגעוויזען קיין וועג פאר אלע מעגליכע פאלען, און אזוי ווי די פארשריפטען פון קאראן האבען זיך אפט סותר געווען אדער געווען אונקלאר איז נויטיג געווען אן „אנשטרענגונג" (אג'תהאד) פון די געלערנטע, אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען מיין און פשט. די פירושים און מיינונגען פון די געלערנטע (די תנאים און אמוראים פון איסלאם) בילדען דעם דריטען און לויט דעם כמות — דעם וויכטיגסטען טייל פון שריעת. ס'פערשטעהט זיך, אז ניט אלע מאל האבען די מפרשים געהאט די זעלביגע מיינונג. צוליעב די פערשיעדענע חלוקי דעות האבען זיך געבילדעט פיער פערשיעדענע שיטות („מזאהיב) וועלכע זיינען בעקאנט לויט די נעמען פון זייערע גרינדער: אבו־חניפא בן סביט, וועלכען די טערקען רופען אז „דער גרויסער לעהרער" (אימאם אעזאם), און פסק'ענען אין אלע שאלות דעם דין לויט זיין מיינונג, מאליק אבן ענאס, מחמד אבן אידרים שעפי, און אחמד אבן חנבל. זיי ווערען פעררעכענט פאר די תנאים פון איסלאם, און זיי האבען מפרש געווען דעם קוראן אליין, אין דער צייט וואס זייערע תלמידים — די אמוראים פון איסלאם — האבען געמעגט מפרש זיין בלויז די מיינונג פון זייערע רביים.

4) דער פיערטער קוואל איז דער היקש („קיאס") ד. ה. פסק'ענען א שאלה לויט דער עהנליכקייט צו אן אנדער פאל וואס איז שוין דערמאנט געווארען אין „בוך", אדער אין דער „טראדיציע" פון נביא אדער אין די פירושים פון די ערשטע פוסקים און תנאים. א דאנק דעם „היקש" איז דאס מוסלימישע רעכט ניט אין גאנצען פערגליווערט געווארען, נור געוויסער מאסען זיך ענטוויקעלט אין הסכם מיט די פאדערונגען פון דער צייט.

בכלל איז די ענטוויקלונג פון מוסלימישען רעכט זעהר עהנליך צו דער ענטוויקלונג פון דער אידישער תורה שבעל פה און די די אידישע מפרשים און פוסקים.

קאמפעטענץ פון שריעת

§ 7. דאס מוסלימישע רעכט. ווי ס'האט זיך אויסגעארבייט אין פערלויף פון דער צייט גילט נאך עד היום אין א גרוסער מאס אין טערקיי. בעזונדערס אין ציווילע און פערזענליכע אנגעלעגענהייטען. פאמיליען, ירושות, צוואות, גרונד אייגענטום א. ז. וו.

ביז צו די געריכטליכע רעפארמען פון 19טען יאהרהונדערט האט איבעראל בלויז עקזיסטירט דאס רעליגיעזע געריכט (מחאכם שרעיה — מעחאקימי־שעריע)

און האט געהאט די אויסשליסליכע יוריסדיקציע איבער אלע רעכטס־פראגען אין טערקיי. אבער אויך נאך דער איינפיהרונג פון די וועלטליכע געריכטען (מחאכם־ניזאמיה) און יוסטיץ מיניסטערום אן יאהר 1879, זיינען פערבליבען די פריהערדיגע רעלי־גיעזע געריכטען (מחאכם־שרעה), מיט דער אויסשליסליכער יוריסדיקציע איבער אלע פראגען פון קדושין און גטין, ירושות, צואות, מזונות, (פון פרויען, עלטערען און קינדער) און דגל.

דער שייך אל איסלאם (שייך אול־איסלאם) דער פארשטעהער פון סולטאן און זיין איינגענשאפט אלס חליף, איז פונקט ווי דער פרעמיער מיניסטער (אדער ווי די טערקען רופען איהם בלשון מליצה — די גרויסע ברוסט („סאדרי־אעזאם"), די אנגע־זעהענסטע פערזאן אין מיניסטארען־קאבינעט. און יעדער וויכטיגער געזעצגעבעריי־שער אקט מוז האבען די הסכמה פון שייך אל איסלאם, אלס דעם גרעסטען יוריסקאנ־סולט (מורה הלכה) פון איסלאם, אז דער געזעץ איז אין איינקלאנג מיט די פאר־שריפטען פון שריעת. די דאזיגע הסכמה ווערט ארויסגעגעבען אין א „פתוא" (פעטווא) — א געשריבענער פסק־דין לויט די בעשטימטע פארמולען פון איסלאם.

וועלטליכע רע־ פארמען און גע־ זעצגעבונג

§ 8. די טערקישע מלוכה האט זיך אבער ניט געקענט בענוגענען מיט די רעכטליכע כללים פון איסלאם, וואס שטאמען פון וייטע צייטען, און פאסען זיך מעהר פאר די פרימיטיווע לעבענס בעדינגונגען פון די אראבער אין דער מיטעל־עלטער, איידער פאר די קאמפליצירטע נויטען פון דער נייער צייט. און דעריבער האבען די סולטאנען, בעזונדערס דער סולטאן סלימאן קאנוני (דער געזעצגעבער) און זיינע נאכפאלגער, פון צייט צו צייט ארויסגעגעבען פערשיעדענע פארשריפטען, וואס האבען געטראגען דעם נאמען „קאנון" (רבים: קואנין) — (וועלטליכער געזעץ) — א געזעץ וואס שטיצט זיך בלויז אויף דער אויטאריטעט און קראפט פון דער רעגיערונג און האט גאר ניט צו טון מיט'ן שריעת. די דאזיגע געזעצען (קואנין) האבען זיך בעזונדערס געמעהרט נאך די אזוי גערופענע „תאנזימאט חייריע" (גליקזעליגע רע־פארמען") פון 19טען יאהרהונדערט אונטער דעם דרוק פון די אייראפעאישע מלוכות. די וויכטיגסטע געזעצען וואס זיינען דאן ערשיענען זיינען פאלגענדע:

אין יאהר 1858 — דער שטראף־געזעץ בוך (קאנוני ג'זא), נאכ'ן מוסטער פון די פראנצויזישע געזעצען, און דער אגרארער געזעץ־בוך (אראזי קאנון נאמעסי).

אין יאהר 1862 — א קאדעקס פון קאמערציעלע פראצעדורע.

אין 1864 — ים האנדעל געזעץ־בוך (ביידע לויט די פראנצויזישע געזעצען)

אין 1865 — א געזעץ וועגען וועלטליכע געריכטען (מחאכם־ניזאמיה) און שטאדטישע זעלבסטפערוואלטונג (בלדיה—בעלאדיע).

אין 1877—1869 — ציוויל געזעץ־בוך (מג'לה) — (א קאדיפיקאציע פון רע־ליגיעזען ציוויל־רעכט).

אין 1870 — האנדעלס געזעץ־בוך (לויט די פראנצויזישע געזעצען).

אין 1871 — א געזעץ וועגען א נייער אדמיניסטראטיווער פערוואלטונג, לויט'ן פראנצויזישען מוסטער.

אין 1877 — דער גרונד געזעץ (די טערקישע קאנסטיטוציע).

די געזעצגעבערישע טעטיגקייט האט זיך שטארק פארברייטעט נאך דער רע־וואלוציע פון די יונג טערקען. א גאנצע רייהע געזעצען וועגען באדען רעפארם, יורי־דישע פערזאנען, אלגעמיינע בילדונג, פרידענס ריכטער, פראווינציעלע זעלבסט־פרוואלטונג א. ד. ג. זיינען פארעפענטליכט געווארען אין פערלויף פון 1911—1913.

§ 9. אויסער דעם רעליגיעזן רעכט — שריעת — און די רעגירונגס געזעצן — קאנון און ניזאם — ווירקען אין טערקיי נאך צוויי בעזונדערע רעכטליכע סיס־טעמען, וועלכע קענען אנגערופען ווערען דאס ניט־מוסלימישע רעכט פון טערקיי. דאס זיינען: ניט־מוסלימישע רעכט.

א) די רעכט פון די פערשיעדענע ניט מוסלימישע נאציאנאל־רעליגיעזע גרו־פען, וואס געפינען זיך אין טערקיי, ווי אידען, גריכען, ארמעניער א. ז. וו.

ב) די רעכט פון פרעמדע, אויסלענדישע אונטערטהאנער — די אזוי גערופענע קאפיטוליאציאנס־רעכט, וואס זיינען נאך דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אב־געשאפען געווארען (18 סעפטעמבער 1914).

די רעכט פון די ניט־מוסלימישע פעלקער אין טערקיי און בעזונדערס די רעכט פון אידען — וועלען בעהאנדעלט ווערען אין א בעזונדער קאפיטעל. דא וועלען מיר זיך אבשטעלען בלויז אויף די קאפיטוליאציאנס־רעכט וואס האבען געשפיעלט אזא בעדייטענדע ראלע אין לעבען פון טערקיי כמעט 400 יאהר, און האבען געהאט אויף א גרויסע ווירקונג אויף דעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל.

§ 10. די בעזונדערע רעכט און פריווילעגיעס פון וועלכע די אויסלענדישע איינוואוינער אין טערקיי געניסען אויפ'ן סמך פון „אלטע אבמאכען" (עהוד עתיקא) שטאמען גראד פון דער צייט ווען טערקיי איז געווען די מעכטיגסטע מדינה אין דער וועלט — פון די צייטען פון סולטאן סולימאן קאנוני (1520—1566). אין דעם קאמערציעלען און מיליטערישען אבמאך וואס סולימאן האט געשלאסען מיט דעם פראנצויזישען קעניג פראנסוא דעם ערשטען (1535) האט ער געשאנקען די פראנ־צויזישע אונטערטאנען, און בעזונדערס די פראנצויזישע סוחרים, וואס וועלען זיך בעזעצען אין טערקיי, די פריווילעגיע צו זיין אויסגענומען פון דער ווירקונג פון אטאמאנישע רעכט און געריכטען, און צו בלייבען אונטערגעווארפען אונטער די פראנצויזישע געזעצען און דעם געריכט פון די פראנצויזישע קאנסולען — פונקט ווי זיי וואלטען געבליבען אין זייער אייגען לאנד. ביסלעכווייז האבען אויך די אנדערע אייראפעאישע מלוכות אויסגעווירקט די זעלבע רעכט פאר זייערע אונטער־טאנען. די דאזיגע רעכט האבען זיך דאן געשטיצט, פון איין זייט אויף דעם רעכט־ליכען פרינציפ פון עקסטעריטאריאליזם, וואס האט געהערשט איבעראל (א פרינציפ לויט וועלכען די לאנדעס געזעצען זיינען חל אויף די אונטערטאנען פון לאנד, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען, סיי אין לאנד, סיי אין אויסלאנד, און פערקעהרט זיינען ניט חל אויף פרעמדע אונטערטאנען אפילו ווען זיי געפינען זיך אין לאנד), און פון דער צווייטער זייט אויף דעם ספעציעלען רעליגיעזען רעכטס - ארדנונג, וואס האט געהערשט אין טערקיי. די טערקיישע געזעצען, וואס זיינען מייסטענס געווען רעלי־גיאנס־געזעצען, האבען ניט געקאנט חל זיין אויף די פרעמדע וואס האבען געהערט צו אן אנדער רעליגיע. קאפיטוליאציעס

§ 11. ווען טערקיי איז שפעטער מיליטעריש אבגעשוואכט געווארען, זיינען די פריווילעגיעס פון די פרעמדע (אמתיאזאת אג'נביה — אימטיאזאת עדזשנעביע) פערוואנדעלט געווארען אין א קוואל פון פערשקלאפונג פאר דער טערקיישער אימ־פעריע. וואס ווייטער האבען די אייראפעאישע מלוכות אלס מעהר געצוואונגען די טערקיי אויסצובראייטען די רעכט און פריווילעגיעס פון זייערע אונטערטאנען און קאנ־סולען אין טערקיי, און דורך דעם פערשפרייטען זייער פאליטישע, עקאנאמישע, פי־נאנציעלע און רעכטליכע אפוטרופסות און קאנטראל איבער דער טערקישער מלוכה. פריווילעגיעס פון פרעמדע.

די אייראפעאישע מלוכות, וואס האבען קיינמאל ניט געוואלט פערטראגען די עקזיס־טעניז פון דער איינציגער מוסלימישער מלוכה אין אייראפא, האבען זיך בענוצט מיט די רעכט און פריווילעגיעס וואס טערקיי האט זיי געשאנקען, צוערשט פרייוויליג און דערנאך איבער געוואלט. — אליז מעהר און מעהר ארייגצומישען זיך אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון טערקיי און צו פערשמעלערען און אבשוואכען די פרייהייט און אונאבהענגיגקייט פון דער טערקישער רעגירונג אין איהר אייגען לאנד. טערקיי האט שוין מעהר ניט געקאנט בעשטימען די אבצאהלונגען און צינזען פון אויסלענדישע סחורות, פערפאסען די געזעצען וואס האבען א שייכות צו פרעמדע אונטערטאנען אין איהר לאנד, איינריכטען די געריכטען און די אדמיניסטראציע — אהן דער צושטימונג און ערלויבנים פון די פרעמדע רעגירונגען, אהן דער אריינמישונג פון די פרעמדע אמבאסאדארען און קאנסולען. אין דער האנדעלס־פאליטיק איז טערקיי געווען געבונדען מיט די אבמאכען, וואס מ'האט אויף איהר ארויפגעצוואונגען, ניט צו העכערען דעם איינגאנגסצאהל אויף פרעמדע סחורות ביז א געוויסען פראצ.—און דאדורך האט זיך אין טערקיי ניט געקאנט ענטוויקלען דער אינערליכער האנדעל און אינדוסטריע. די טערקישע פראדוקציאן איז ניט געווען אימשטאנד צו קאנקורירען מיט אויסלענדישע אימפארטירטע סחורות, און די טערקישע סוחרים האבען ניט געקאנט קאנקורירען מיט די אויסלענדישע סוחרים וואס האבען זיך בעזעצט אין טערקיי, ווייל די לעצטע זיינען געווען בעפרייט פון די אבצאהלונגען וואס האבען בעלעסטיגט די טערקישע אונטערטאנען. זייענדיג אין גאנצען פריי פון דער מאכט פון דער טערקישער געזעצגעבונג, אדמיניסטראציע און געריכט האבען די אויסלענדער פערנומען אין טערקיי א פריווילעגירטע פאזיציע, און פיעלע טערקישע אונטערטאנען האבען בעמיהט זיך צו שטעלען אונטער דער שוץ פון אויסלענדישע רעגירונגען, אדער גאר איבערצוגעהן צו א פרעמדער אונטערטאנשאפט — וואס האט נאך מעהר פערשטארקט דעם איינפלוס פון די פרעמדע מלוכות אין טערקיי. זייענדיג בעגרענעצט אין דער צאהל־ און שטייערן־געזעצגעבונג אויפ'ן געביעט פון האנדעל און אינדוסטריע — האט די טערקיי געמוזט ארויפלעגען די גאנצע לאסט פון מלוכה־בודזשעט אויף די אקער־בויערישע בעפעלקערונג און לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען, און דאדורך שטערען דעם וואוקס פון דער לאנדווירטשאפט, וואס איז כמעט דער הויפט־קוואל פון פאלקס־רייכטום אין טערקיי.

די קאפיטולאציעס און דער אידישער ישוב.

§ 12. די אידען אין ארץ ישראל, וואס זיינען בעשטאנען פון איינגעוואנדערטע עלעמענטען, זיינען אין זעהר א גרויסער צאהל, בעיקר די שטאדטישע בעפעלקערונג, פערבליבען ביז דער לעצטער צייט פרעמדע אונטערטאנען און צוזאמען מיט אלע אויסלענדער האבען זיי גענאסען פון די רעכט און פריווילעגיעס פון קאפיטולאציאנס־רעזשים. א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל איז די לאגע פון פרעמדען אונטערטאן געווען א בעסערע פון דעם טערקישען בירגער, ווייל ער איז געווען פריי פון מיליטער פליכטען און פיעלע אבצאהלונגען, וואס זיינען חל בלויז אויף אטאמאנישע בירגער. אויך די סאציאלע לאגע פון א פרעמדען, וואס האט אונטער זיך די שוץ פון אייראפעאישען קאנסול, איז בעסער פון דעם טערקישען אונטערטאן וואס איז אפטמאל אונטערגעוואר־פען דעם ווילקיר און באקשיש־אפעטיטען פון די לאקאלע בעאמטע.

א ל ס כ ל ל אבער האט דער אידישער ישוב געליטען דורך דעם וואס א גרויסע טייל אידישע איינוואוינער זיינען געווען ניט קיין בירגער, ווי אויך פון דעם קאפיטולאציאנס־רעזשים אין אלגעמיין. בלייבענדיג פרעמדע אונטערטאנען, האבען די אידען

ניט געקאנט געניסען פון די פאליטישע רעכט — וואהל־רעכט אין פארלאמענט, שטאדטישע און פראווינציאנאלע זעלבסט־פערוואלטונג—און זיינען דאדורך געבליבען כמעט אויסגעשלאסען פון אלגעמיין־פאליטישען לעבען פון לאנד. אויך די אלגעמיינע נעגאטיווע פאלגען פון די קאפיטולאציעס — די גרויסע לאנדווירטשאפטליכע שטייערען און די שטערונג פאר דער לאקאלער אינדוסטריע און פאבריקאציע, האבען זיך שלעכט אבגערופען אויף דער ענטוויקלונג פון אידישען ישוב אין א"י. אלס פרעמדע בירגער האבען די אידען זיך אויך אנגעשטויסען אן פיעלע שטערונגען ביי דער קאלאניזאציאנס־ארבייט און לאנד־ ערווערבונג און זייער אנזעהן ביי דער ארטיגער ניט־אידישער בעפעלקערונג און אויך ביי דער רעגירונג האט דערפון שטארק געליטען. דער קליינער נוצען פון די איינצעלנע פערזאנען, פאר וועמען די לאגע פון אויסלענדער איז געווען בעקוועמער, האט זיך ניט געדעקט מיט דעם גרויסען שאדען פאר דעם גאנצען ישוב, וועלכער האט געליטען פאליטיש, עקאנאמיש און געזעלשאפטליך פון דער ניט־בירגערליכקייט פון זיינע פיעלע מיטגליעדער, צווישען וועלכע זיינען געווען מאנכע פון זיינע וויכטיגסטע עלעמענטען.

§ 13. נאך דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האט די טערקישע רעגירונג ארויסגעגעבען א דעקרעט פון 18 אלול 1330 (18 סעפטעמבער 1914) אבצושאפען אלע עקזיסטירענדע אויסנאהם־רעכט און פריווילעגיעס פון פרעמדע אונטערטאנען און קאנסולען: לויט דיעזען דעקרעט זיינען די טערקישע געזעצען חל אהן אויסנאהם אויף אלע איינוואוינער פון טערקיי, אהן אונטערשיעד פון אונטערטאנשאפט, אין איינקלאנג מיט די אנגענומענע פרינציפען פון פעלקער־רעכט. לויט וועלכע יעדע פרייע אונאבהענגיגע מלוכה האט די אויסשליסליכע יוריסדיקציע איבער אלע איינוואוינער פון איהר לאנד. צוליעב דעם מלחמה־צושטאנד האבען די קריעגספיהרענדע און נייטראלע מלוכות, וועמען די זאך איז נוגע, און מיט וועלכע די טערקיי האט געהאט געשלאסען די קאפיטולאציאנס־אבמאכען, ניט גענומען נאך קיין שטעלונג צו דעם דאזיגען שריט פון דער טערקישער רעגירונג, און דער גורל פון דער קאפיטולאציאן פונקט ווי דער גורל פון גאנץ טערקיי און די אנדערע קריעגס־פיהרענדע מלוכות, איז אבהענגיג פון דעם אויסגאנג פון דער וועלט־מלחמה און די פרידענס־בעדינגונגען וואס וועלען נאכפאלגען. קאפיטולאציעס אבגעשאפט.

ב. אטאמאנישע בירגערטום.

§ 14. דער שריעת צוטיילט די וועלט אין צוויי געביעטען: דער געביעט וואס איז אונטערטווארפען דעם איסלאם (דאר אל איסלאם), און דער געביעט וואס איז דעם איסלאם ניט אונטערגעווארפען (דער אל חרבי — דער געביעט פון קריעג).

פרינציפיעל אנערקענט דער איסלאם נאר איין מוסלימישע מלוכה, מיט איין אויבערהאר — דער חליף, — מיט איין און דעם זעלבען רעכטס־סיסטעם — די לעהרע פון שריעת, — כאטש פאקטיש זיינען די מוסלימישע לענדער מייסטענס געווען צוטיילט אין פערשיעדענע מלוכות, מיט בעזונדערע אונאבהענגיגע הערשער. דעסטגלייכען אנערקענט דער שריעת, אז אלע „גלויביגע" (מוסלימער), אפילו די וואס וואוינען אין „דאר אל חרבי", ד. ה. אין ניט מוסלימישע מלוכות, זיינען א טייל פון דאר אל איסלאם, און ממילא זיינען זיי מוסלימישע אונטערטאנען. אבער די „אונגלויביגע" (די כאפיר'ם — כופרים) ווערען צוטיילט אין „כאפיר־זימיי" — געשיצטע כופרים. מאמינים און כופרים.

און „כאפיר־חרבי“ — פיינדליכע כופרים, לויט זייער וואוינונגס־אָרט: אין דאר־אל איסלאם אָדער אין דאר אל חרבי.

איןפּרינציפּ דאַרף די מוסלימישע מלוכה קעמפּפען געגען אַלע אונגלויביגע ביז זיי וועלען אננעהמען דעם איסלאם אָדער אונטערוואַרפען זיך דער מוסלימישער מלוכה און צאָהלען ג׳זיה (דזשעזיע) אָדער כרגא (כאראדזש) — אַ ספּעציעלער שטייער וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף די ניט־מוסלימישע אונטערטאנען פון איסלאם, דערפאר וואס די מלוכה דולדעט זיי און שיצט זייער לעבען און אייגענטום. ניט אַלע „אונגלויביגע“ זיינען אין דער הינזיכט גלייך. דעם איסלאם אונטערשיידעט צווישען די וואס האָבען אַ „בוך“ (די ביבל) אהל כתאב — די אידען און קריסטען, און די וואס האָבען ניט קיין בוך, די געצענדינער (משרכ — מושריק). די לעצטע ווערען אין קיין פאל ניט געדולדעט ביז זיי בעקעהרען זיך צום איסלאם.

§ 15. די דאָזיגע בעגריפען פון איסלאם האָבען אויך געהערשט אין דער טערקישע מלוכה ביז נאָך דער קרימער מלחמה (1856), ווען טערקיי איז אריינגענומען געוואָרען אין קאָנצערט פון די אייראָפּעאישע מלוכות און האָט זיך געפיהלט פערפליכטעט אָנצונעהמען די מאָדערנע בעגריפען פון אונטערטאנשאפט, און אין 1869 איז פערעפענטליכט געוואָרען דער ביז יעצט עקזיסטירענדער געזעץ וועגען אטאמאנישער בירגערטום.

אטאמאנישע אונטערטאנשאפט.

יעדער איינער וואס איז געבוירען פון אטאמאנישע עלטערען אָדער בלויז פון אַ אטאמאַנישען פאטער ווערט גערעכענט פאַר אַן אטאמאַנישען אונטערטאַן (תבעה עתמאני — טאַבאַא־אַסמאַני). אַ פרעמדער קען זיך נאַטוראַליזירען, נאָך דעם ווי ער האָט 5 יאָהר נאָכאַנאַנד געוואוינט אין טערקיי. די רעגירונג קען אָבער, אויב זי ווילֿ, בעפרייען פון דער 5־יאָהר בעדינגונג. (ווען ס׳האָט אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה און טערקיי איז אויך אריין אין קריעג, האָט די רעגירונג אויפ׳ן סמך פון דיעזען פונקט ערלויבט אַלע אידען צו ווערען אטאמאנישע בירגער, אפילו די וואס האָבען זיך אין טערקיי געפונען נאָר אַ קורצע צייט).

דער בעליידיגענדער טערמין פון כאפיר (אָדער ווי די טערקען זאָגען דאס ארויס גיאַור) אָדער רעיאַ, מיט וועלכע מ׳פלעגט אין טערקיי בעצייכענען די ניט־מוסלימער, איז אָבגעשאפט געוואָרען נאָך פריהער, דורך דעם חט־הומאון (מאניפעסט) פון 1856, אנשטאט דעם ווערט יעצט בענוצט דער אויסדרוק „תבעה גיר מוסלימה“ (טאַבאַי־גיירי־מוסלימע) — ניט מוסלימישע אונטערטאנען.

די טערקישע קאָנסטיטוציע האָט אין גאנצען אויסגעגליכט די יורידישע לאגע פון אַלע אונטערטאנען, אָהן אונטערשיעד פון רעליגיע. אַלע אונטערטאנען ווערען בעצייכענט מיט׳ן נאָמען אסמאנלי (אטאמאן) און זיינען גלייכבערעכטיגט (פונקט 17 פון דער קאָנסטיטוציע).

§ 16. די וויכטיגסטע רעכט און פליכטען פון יעדען אטאמאנישען בירגער זיינען די פאָלגענדע:

בירגער־רעכטען.

א) פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט און פּערזענליכע פרייהייט. יעדער אטאמאנישער בירגער וואס צאהלט אירגענד וועלכען שטייער האָט דאָס רעכט צו בעטייליגען זיך אין די וואהלען צום פּארלאמענט. דאס פּאסיווע וואהלרעכט (דאס רעכט ערוועהלט צו ווערען) האָט נור דער וואס קען לעזען און שרייבען טערקיש.

אַלע אטאמאנער האָבען דאס רעכט אָנצוקומען אין די רעגירונגס שולען און צו פערנעהמען רעגירונגס עמטער אָהן בעגרענצונג און אונטערשיעד.

די פרייהייט פון פערזאמלונגען און פעראיינען זיינען בעגרענעצט אין איין פונקט: דאס געזעץ פון פעראיינען ערלויבט ניט צו גרינדען קיין נאציאנאלע פארטייען מיט פאליטישע צוועקען. קיין פאליטישע פארטיי טאר ניט זיין נאציאנאל, ד. ה. בעשטעהענד בלויז פון איינע פון די פיעלע נאציאנען וואס וואוינען אין טערקיי. די ר ע ל י ג י ע ז ע פ ר י י ה י י ט ווערט גאראנטירט דורך דעם 11טען פונקט פון דער קאנסטיטוציע. „דער איסלאם, לויט דיעזען פונקט, איז די רעליגיע פון דער אטאמאנישער אימפעריע. אבהיטענדיג דיזען פרינציפ שיצט די מלוכה גלייכצייטיג דעם פרייען געברויך פון אלע אנדערע רעליגיעס, וואס זיינען אנערקענט אין דער טערקיי. אויך די אלע פריווילעגיעס וואס זיינען פון פריהערדיגע צייטען געשאנקען געוואָרען די פערשיעדענע געמיינדעס, געפינען זיך אונטער דער שוץ פון דער מלוכה“.

דאס רעכט פון אייגענטום און בעשעפטיגונג. — יעדער אטאמאנער האט דאס רעכט צו ערהווערבען בעוועגליכעס און אונבעוועגליכעס אייגענטום און בעזעצען זיך אין אלע טיילען פון טערקיי, מיט דער אויסנאהם פון חג'ז (חעדזשאז) — די פראווינצען וואו ס'געפינען זיך די צוויי הייליגע צענטרען פון איסלאם : מכה און מדינה. דארט טאר קיין ניט־מוסלימער ניט אריינקומען.

די פליכטען פון אן „אטאמאנער“. — יעדער אטאמאנישער בירגער איז פערפליכטעט צו מיליטער דינסט. ביז 1908 זיינען די ניט־מוסלימער ניט גענומען געווארען אין מיליטער־דיענסט. אנשטאט דעם האבען זיי געצאהלט א ספעציעלען שטייער — ברל־עסכריה (בעדעלי־אסקעריע). נאך דער רעוואלוציע פון די יונג־טערקען איז דער שטייער אבגעשאפט געווארען, און אויך אידען און קריסטען זיינען פערפליכטעט צו דיענען אין מיליטער, צוגלייך מיט די מוסלימער. יעדער האט אבער דאס רעכט אויסצוקויפען זיך פון מיליטער־דיענסט פאר א בעשטימטע סומע געלד (ארום 1000 פראנק, אדער 200 דאלאר).

די פליכט פון אלגעמיינע עלעמענטארע בילדונג וואס דער געזעץ פון 1286 (1869) האט איינגעפיהרט איז ביז היינט געבליבען א טויטער בוכשטאב. די איבערוויגענדע מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג, בעזונדערס פון דער מוסלימיישער בעפעלקערונג אין טערקיי און אויך אין ארץ ישראל, בעקומט ניט קיין בילדונג. אין די מעהרסטע דארפיישע יישובים עקזיסטירט נאך אלץ ניט קיין איין איינציגע עלעמענטאר שולע.

די פליכט צו צאהלען שטייערן, וואס איז לויט דער לעהרע פון שריעת פערשיעדען פאר א „גלויביגען“ און א „אונגלויביגען“, איז זייט דעם מאניפעסט פון גיול־האנה (1839) גלייך פאר אלע אטאמאנישע אונטערטאנען, אהן אונטערשיעד פון רעליגיע. שטייערן.

די שטייערן אין טערקיי זיינען דירעקטע און אונדירעקטע.

די לעצטע בעשטעהען פון אבצאהלונגען אויף פרעמדע סחורות, מארקען (שטייער פון אפיציעלע פאפירען און דאקומענטען) און איינקונפט פון זאלץ און טאבאק מאנאפאל.

די דירעקטע שטייערן זיינען :

1)עשר (אושר) — מעשר פון די תבואות און אלערליי ערד פראדוקטען.

2) ווערגו — שטייער אויף אונבעוועגליכעס אייגענטום.

3) אבצאהלונגען פון בהמות (שאף, גמלים, באפלען און חזירים).

(די דאזיגע שטייערן וועלכע סיי אטאמאנער סיי פרעמדע מוזען צאהלען, וועלען פערהאנדעלט ווערען אין א בעזונדער קאפיטעל).

4) תמתע (טעמעטו) — פאטענט־שטייער פון אינטעליגענטע פראפעסיעס, בעלי מלאכות און סוחרים. ביז דער אבשאפונג פון די קאפיטולאציעס זיינען אויסלענדישע סוחרים און בעלי מלאכות געווען פריי פון דעם שטייער.

5) דרביה (דארביע) — וועגן־שטייער.

פריהער (אין 1869) איז יעדער אטאמאנישער אונטערטאן אין עלטער פון 16 ביז 60 יאהר, געווען פערפליכטעט אבצוגעבן 20 טעג אלע פינף יאהר אויף צו בויען אדער פערריכטען וועגען אין זיין געגענד. אין 1889 האט מען שוין ערלויבט יעדען איינעם וואס האט פערזענליך ניט געוואלט ארבייטען דינגען אן אנדערען אויף זיין פלאין אדער גאר אויסקויפען זיך מיט געלד. נאך דער איינפיהרונג פון דער קאנסטיטוציע איז די פערזענליכע ארבייט אין גאנצען אבגעשאפט געווארען, אנשטאט דעם איז איינגע־פיהרט געווארען אן אבצאהל אין ווערטה פון דעם ארבייטס־לוין פון 4 טעג אין יאהר — לויט די בעזונדערע אומשטענדען פון יעדער פראווינץ.

אין ארץ ישראל (ירושלים׳ער סאנדזשאק, בירות׳ער און דמשק׳ער ווילאיעטס) רעכענטס זיך דאס 20 גרוש — פיער ארבייטס־טעג. (א גרויש — פיאסטער איז 4 סענט אדער 20 סאנטים).

דער שטייער איז חל אויף יעדען איינעם אין עלטער פון 20 ביז 60 יאהר.

ג. אגרארע געזעצגעבונג און שטייערען.

§ 17. אין די ערשטע צייטען פון איסלאם, ווען די אראבישע שבטים אונטער דער פיהרערשאפט פון מחמד׳ען און זיינע נאכפאלגער האבען זיך אוועקגעלאזט פון דעם אראבישען האלב אינזעל עראבערען לענדער און פערשפרייטען דעם נייעם גלויבען, האבען זיי צוטיילט די באדענס פון ניט מוסלימער און די איינגענומענע לענדער צווישען די זיעגער (ע׳זאת־גוזאט) אלס מלחמה־רויב (ענימה־גאנימע). די וואס האבען פרייוויליג אנגענומען דעם איסלאם — האט מען זיי איבערגעלאזט זייערע באדענס אלס פולער אייגענטום. אזוי האט מחמד אליין געטון. די אראבישע איינ־וואוינער פון מדינה, וואס האבען אנגענומען זיין גלויבען, זיינען געבליבען בעלי־הבתים איבער זייער גאנצען פערמעגען. פערקעהרט, די אידישע שבטים, וואס האבען ניט געוואלט אנערקענען מחמד׳ען פאר א נביא — האט מען פון זיי מיט געוואלט אוועקגערויבט זייער לאנד און עס צוטיילט צווישען די גלויביגע. באדען־רעזשים פון איסלאם.

ווען דער חליף עמר האט עראבערט סוריה און ארץ ישראל האט ער ניט אלע באדענס צוגענומען פון דער ניט־מוסלימישע בעפעלקערונג. די אלע וואס האבען זיך אונטערגעווארפען דער הערשאפט פון איסלאם און איינגעוויליגט צו צאהלען כרג׳ (א שטייער פון ניט־מוסלימער) זיינען פערבליבען ביי זייערע נחלאות. דער באדען פון די מוסלימער האט געהייסען אראצי־עשריה (ארארי אושריע), ד. ה. באדען וואס צאהלט מעשר, א צעהנטעל פון די פראדוקטען, ווייל יעדער מוסלימער איז געווען פער־פליכטעט צו צאהלען מעשר פון די פראדוקטען פון זיין באדען; דער באדען פון די ניט־מוסלימער האט זיך גערופען אראצי כרג׳יה (ארארי הארארזשיע) — באדען וואס צאהלט כרג׳ (הארארזש) — באדען־שטייער, וואס איז בעשטאנען פון 15 ביז 50 פראצענט פון׳ם איינטראג, און א חוץ דעם נאך א בעשטימטען שטייער, אונ־אבהענגיג פון די גרויס פון דער הכנסה.

די צוויי סארטען באדענס, סיי עשריה סיי כרג'יה, זיינען געווען מלכ (מולק) און אבסאלוטער פולער אייגענטום פון זייערע בעזיצער. ווען די אראבישע מלוכה איז אויסגעוואקסען און די הוצאות, בעזונדערס די מיליטערישע אויסגאבען, האבען געפאדערט אלץ גרעסערע סומען, האט די מלוכה א טייל פון די עראבערטע באדען פערהאלטען אלס שטאטס־אייגענטום (אראצי־בית אלמאל — אראדי בייט אולמאל), אויך אלע באדענס פון וועלכע די זיגער האבען זיך ענטזאגט, אבער זיינען געבליבען נאך זייער טויט אהן יורשים — זיינען געווארען דאס אייגענטום פון דעם מלוכה־שאץ (בית אל־מאל). די מלוכה האט אבער זעלטען ווען אליין בעארבייט די באדענס. אם מעהרסטענס האט זי איבערגעלאזט פאר זיך ניט מעהר ווי דאס אייגענטהום־רעכט (רקבה־ראקאבא), און דאס נוץ־רעכט (תצרף־טאסארוף) האט זי אוועקגעגעבען פריוואטע פערזאנען.

באדען־רעזשים פון טערקיי

§18. ווען די טערקען האבען עראבערט ארץ ישראל און סוריה, פראווינצען וואס זיינען שוין פריהער געווען אונטערגעווארפען די אראביש־מוסלימישע מלוכה און געווען א טייל פון „דאר־אל־אסלאם“, וואו ס'האבען געהערשט די געזעצען פון שריעת, האבען זיי שוין דארט געפונען דעם באדען־רעזשים, וואס די אראבישע חליפים האבען איינגעפיהרט. דער גרעסטער טייל באדען אין ארץ ישראל איז בעשטאנען פון שטייער־באדען, (אראצי כרג'יה) און שטאטס־באדען — א חוץ די שטרעקעס וואס זיינען געוועזען „מואת“ — „טויטער“ באדען.

מיט דער צייט איז וואס מעהר באדען געווארען שטאטס־באדען — צו דורך דעם וואס די אייגענטימער זיינען געשטארבען אהן יורשים, צו דורך קאנפיסקאציעס און עקספראפריאציעס, אזוי אז מיט דער צייט איז כמעט ניט געבליבען קיין זכר פון „אראצי עשריה“ אדער „כרג'יה“ — די באדענס וואס זיינען דער פולער און אבסאלוטער אייגענטום פון זייערע בעזיצער.

איצט ווערען אלע באדענס אין ארץ ישראל ווי אויך אין גאנץ טערקיי איינגעטיילט אין פינף (5) קאטעגאריעס:

קלאסיפיקאציע פון באדען

1) באדענס וואס ווערען געהאלטען אין פולען און אבסאלוטען פריוואט־אייגענטום — אראצ'י ממלוכה (אראזי מעמלוקע) אדער מלכ (מולק).

2) באדענס וואס בעלאנגען צו דער מלוכה — אראצ'י מיריה (אראזי־מיריע), אדער פשוט „מירי“.

3) הקדש־באדען אדער וקף (וואקוף) דאס מיינט חרם אין דער ביבלישער טערמינאלאגיע אדער דער שפעטערדיגער הקדש.

4) אלגעמיינע קהל'שע באדענס — אראצי מתרוכה (אראזי מעטרוקע), וואס מיינט בוכשטעבליך „פערלאזענע באדענס“.

5) „טויטע“ באדענס — אראצי מואת (אראזי מעוואט).

§19. מלכ (מולק) אדער אראצי ממלוכה איז דאס פולע און אבסאלוטע פריוואט אייגענטום, וועמעס אייגענטימער איז בערעכטיגט צו טון דערמיט וואס ער וויל — פערקויפען, אוועקשענקען, פער'משכנ'ען, פערפלאנצען און פערבויען אדער אוועקגעבען אויף הקדש.

מולק אדער אבסאלוטעס אייגענטום

מלכ באדען בעשטעהט: א) פון באדענס, וואס געפינען זיך אין שטעדט און דערפער און ארום זיי, ניט מעהר ווי א האלבער דונאם; ב) שטאטס־באדען (מירי) וואס ווערט אוועקגעגעבען פון דער רעגירונג אלס מלכ, לויט די געזעצען פון שריעת; ג) אראצי עשריה און ד) כרג'יה (§ 17). פאקטיש זיינען די דריי לעצטע סארטען פון מלכ כמעט ווי ניט בנמצא, און מלכ באדען אין ארץ ישראל

איז בכלל זעהר ווענינ: בלויז דער באָדען אינערהאלב שטעדט און דערפער אויף וועלכע די הייזער שטעהען און וואס איז הארט ארום זיי איז מלכ.

בנוגע מלכ־באָדען זיינען נאָך עד היום גילטיג אויסשליסליך די געזעצען פון שריעת, און דער טערקישער אגרארער געזעץ־בוך (פון 1858) האָט צו טון בלויז מיט באָדענס וואס זיינען ניט מלכ.

מתרוכה (מעטרוקע) איז אזא באָדען וואָס קען ניט ווערען קיין פּריוואט אייגענ־טום, נאָר ריענט אלגעמיינע בעדערפנישע, ווי צום ביישפּיעל, וועגען, שייערס, שתפות׳ע פּאשע וועלדער. אזא באָדען טאָר ניט פערקויפט ווערען און מ׳מעג זיך בלויז מיט איהם בענוצען פאר בעשטימטע צוועקען, לויט דער נאטור פון באָדען.

הפקר־באָדען.
מ ו א ת (מעוואט) — איז אונקולטיווירטער באָדען, וואָס בעלאנגט ניט צו קיינעם און איז אויך ניט קיין מתרוכה (קהל׳ישער באָדען), און ליגט אזוי ווייט פון א ישוב, אז דאס געשריי פון א מאן מיט א הויכער שטימע קען צו איהם ניט דערגרייכען.

לויט דער תורה שבעל פה פון מחמד׳ן, איז יעדער וואס קולטיווירט אזא באָדען ווערט שוין דערמיט אליין דער בעל־הבית איבער איהם. צווישען די מפרשים איז פאראן א מיינונגס פערשיעדענהייט, צו מען דארף האָבען דארויף פריהער אן ער־לויבניש פון דער רעגירונג אָדער ניט. דער טערקישער געזעץ פּסק׳ענט די הלכה ווי אבו־חניפה, אז מען ווערט נאָר דאן דער אייגענטימער פון באָדען, ווען „מ׳לעבט" („מחיה") איהם אויף מיט דער ערלויבניש פון דער רעגירונג. ווען איינער לעבט אויף אזא באָדען אָהן א פריהערדיגער ערלויבניש — קאָן ער בלייבען דער אייגענטימער נור ווען ער צאָהלט איין די ווערט־פּרייז (תמן־מתל — סעמני מיס) פון „אויפגעלעבטען" באָדען.

אין ארץ ישראל איז אויך נאָך פאראן פיעלע אזעלכע „טויטע באָדע׳נס" (מואת). דאָס זאמדיגע לאנד אויף׳ן ברעג ים צווישען קיסריה און עזה, אין א ברייט פון 4—6 מייל, פיעלע בערגיגע לענדערייען אין יהודה און גרויסע שטרעקעס אין עבר הירדן. בזונדערס אין דרום זייט — זיינען נאָך אזעלכע אונקולטיווירטע הפקר באָדענס וואס קאָנען לויט׳ן געזעץ ערוואָרבען ווערען דורך קולטיווירונג און „אויפלעבונג".

הקדש (וואַקף).
ו ק פ (וואקף) — איז באָדען וואס איז אוועקגעגעבען געוואָרען אויף וואהל־טעטיגע אָדער רעליגיעזע צוועקען (אין אָריענט זיינען די ביידע כמעט דאס זעלבע). „ריכטיגער" וקפ (צחיחה — סאחיחא) — איז נור אזא הקדש וואָס בעשטעהט פון באָדען מלכ — פולער און אבסאָלוטער אייגענטום. אזא הקדש איז זעהר ווענינ פאראן ווייל מלכ־באָדען איז א זעלטענע זאך אין טערקיי. די גרעססטע צאָהל פון „אוקאף" (עווקאפ — רבים פון וקפ) איז דער אזוי גערופענער „ניט ריכטיגער" וקפ (עיר צחיחה —גיירי סאחיחא), ד. ה. אזא באָדען וועמעס גרונדאייגענטום (רקבה) בעלאנגט צו דער רעגירונג, און בלויז דער נוץ־אייגענטום (תצרפ) געהערט צום פאקטישען בעל הבית.

וקפ־באָדען טאָר ניט פערקויפט ווערען, סיידען מ׳בייט איהם אויס אויף אנאנדער באָדען וואָס איז עהנליך אין קוואליטעט און הכנסה. געוועהנליך ווערט אזא באָדען „פערדונגען" (פאקטיש פערקויפט) פאר דאָפּעלטע „שכירות" (אג׳ארתין — אי־דזשארטין), ד. ה. איין רענט, איין מאָל פאר אלעמאָל, וואס איז גלייך צו דעם ווערט פון באָדען (אג׳ארה מועג׳לה), און נאָך זעהר א קליינע יעהרליכע רענט (אג׳ארה מואג׳לה), כדי אויפצוהאלטען דעם כאראקטער פון שכירות־קאָנטראקט.

די רעליגיעזע אנשטאלטען אין ארץ ישראל, סיי די מוסלימישע סיי די קריסט־ליכע, האבען א סך וקף באדענס. דער רייכסטער אייגענטימער פון וקף איז דער „ח ר ם“ פון חברון — די מערת־המכפלה. אויך די בעריהמטע גמיע (מוסלימישער טעמפעל) פון עמר, וואס שטעהט אויף'ן הר־הבית, האט א סך וקף. פון די קריסטליכע קירכעס איז די רייכסטע אין וקף — די גריכיש־ארטאדאקסישע, צו וועלכער עס בע־לאנגען די וויינגערטנער אין מר אליאס, צווישען ירושלם און בית לחם, אין בית לחם גופא, אין דארף בית ג'לה (דעד אמאליגער גלה) און ירושלם. אויסער די גריכישע האבען אויך די לאטייניישע און ארמענישע קירכען אייגענעם באדען וואס איז וקף־הקדש.

אידישע וקף איז פארהאן בלויז אין די שעטדט — ירושלם, חברון, צפת און טבריה.

§ 20. כמעט אלע אקערבוי־לענדערייען אין ארץ ישראל, ווי אויך אין גאנץ טערקיי, געהערען צו דער קאטעגאריע וואס רופט זיך אראצי אמיריה (אראזי־עמיריע) אדער בקצור „מירי“ ד. ה. שטאאטס־באדען. דער גרונד־אייגענטום, וואס ווערט בעצייכענט מיט דעם ווארט רקבה (ראקאבא) בעלאנגט צו דער מלוכה, די פאקטישע בעלי־הבתים פון באדען פערמאגען בלויז דעם נוין־אייגענטום — דאס אזוי גערופענע רעכט פון תצרף (תאסארוף), דאס רעכט אויסצונוצען דעם באדען, לויט די בעדינ־גונגען וואס דער געזעץ שרייבט פאר: דאס דאזיגע רעכט געהט איבער בירושה און קאן פערקויפט ווערען צו אנדערע. שטאאטס־באדען (מירי).

דער אינסטיטוט פון מירי באדען, ווי ער האט עקזיסטירט ביז יעצט אין טערקיי, האט זיך פארמירט נאך אין די צייטען פון סולימאן קנוני (1520־1566), לויט די מיינונגען פון דעם בעריהמטען יוריסט (מופתי) אבו־סיוד. דיעזע אלע מיינונ־גען מיט געוויסע ענדערונגען און הוספות זיינען קאדיפיצירט געווארען אין דעם אגרארען געזעץ־בוך (אראזי קאנון־נאמעסי), וואס איז פערעפענטליכט געווארען דעם 7 ראמאזאן, 1274 (1858) און אין איניגע שפעטערע געזעצען. אין די אגרארע רע־פארמען פון 1913 איז געמאכט געווארען א וויכטיגער שריט צו דער פולער מאדערני־זירונג פון דער אגרארער געזעצגעבונג אין טערקיי, לויט'ן מוסטער פון די אייראפעאישע מלוכות. די רעכט פון די „נוין־אייגענטימער“ זיינען אזוי אויסגעברייטעט געווארען אין די לעצטע געזעצען, אז ס'איז כמעט ניט געבליבען קיין פראקטיש־וויכטיגער אונטערשיעד צווישען מירי און מלך — אויך וויפיעל דאס איז נוגע די רעכט פון זייערע פאקטישע בעזיצער, — אויסער דער יורידישער פיקציע, אז די מלוכה איז נאך אלין די אייגענטימערין פון דעם גרונד.

§ 21. די וויכטיגע יורידישע אונטערשיעדען צווישען די רעכט פון מירי און די רעכט פון מלך זיינען פאלגענדע:

מלך באדען איז אונטערווארפען די געזעצען פון שריעת, מירי — די געזעצען פון דער טערקישער מלוכה, דאס הייסט דעם „קאנון“. דיעזער אונטערשיעד איז זעהר גרויס בנוגע דעם אופן פון דער צוטיילונג פון ירושה. לויט דעם שריעת ווערען די הרים פון די געזעצליכע יורשים (זיהן, טעכטער, פאטער, מוטער, מאן און פרוי א. ז. וו.) בעשטימט לויט געוויסע, זעהר קאמפליצירטע, פראפארציעס. איניגע פון די יורשים, יורשים ווי קינדער, עלטערען, מאן און ווייב, האבען שטענדיג, אונטער אלע אומשטענדען, א טייל אין דער ירושה, אנדערע ווידער, ווי ברידער, שוועסטער, אייניקלעך, אורעל־טערען, קוזינס א. ז. וו. ירש'נען נור ביי געוויסע בעדינגונגען. א יורש'טע בעקומט

לרוב נור א העלפט פון א יורש א. ד. ג. (דער סיסטעם פון ירושה לויט'ן שריעת איז אזוי פערוויקעלט, אז עס האט זיך געבילדעט א בעזונדערע לעהרע וואס רופט זיך „עלם פראיז" — די לעהרע פון טיילען). לויט דעם טערקישען געזעץ, וואס ווערט אנגעווענדעט בלויז אין מירי באדען, ירש'נען אלע קינדער גלייך, סיי מענער סיי פרויען, און ווען ס'איז ניטא קיין קינדער אדער איניקלעך ירש'נען די עלטערען, אויך לויט א גלייכער פראפארציע, אהן אונטערשיעד פון געשלעכט.

סיי לויט'ן שריעת און סיי לויט'ן קאנון קען קיין מוסלימער ניט ירש'נען דעם באדען פון א ניט מוסלימער, און פערקעהרט. אזוי אויך קען קיין אויסלענדער ניט ירש'נען דעם באדען פון א אטאמאנישען אונטערטאן, אבער א אטאמאן קען ירש'נען אן אויסלענדער.

רעכטען פון אייגענטימער.

§ 22. א צווייטער אונטערשיעד צווישען מלכ און מירי — איז די רעכט פון די אייגענטימער בנוגע דער עקספלואטאציע פון באדען. דער בעל־הבית פון מלכ, אלס אבסאלוטער אייגענטימער, מעג טהון מיט זיין באדען וואס ער וויל, ניט דארפענדיג קיין ערלויבניש פון דער רעגירונג. ער קען אקערן, פלאנצען, בויען אדער גאר ניט ארבייטען, אויב ער וויל נאר. דער אייגענטימער פון מירי איז קודם כל פערפליכטעט צו בעארבייטען זיין באדען, כדי די מלוכה זאל דערפון האבען א הכנסה (דורך דעם „עשר"). ווען דריי יאהר נאכאנאנד ווערט דער באדען ניט בעארבייט אהן א גענייגענדער סבה — פערלירט דער אייגענטימער זיין זכות אויפ'ן באדען, און די ערד קעהרט זיך אום צו דער מלוכה, דאס הייסט דער באדען ווערט „מחלול" — „לויז". (די נייערע געזעצען פערברייטערען אין דעם זין די רעכט פון אייגענטימער).

דער בעל הבית פון מירי האט ניט קיין רעכט דורכצופיהרען אין זיין באדען אזעלכע אפעראציעס, וואס פערמינדערען דעם ווערט פון באדען אדער פערענדערען זיין יורידישען מהות — אהן ערלויבניש פון דער רעגירונג. צום ביישפיעל, דער מירי־אייגענטימער טאר ניט אהן ערלויבניש מאכען קייציגעל פון די ערד פון באדען, אדער בעגראבען דארט א טויטען, ווייל דאס פערמינדערט דעם ווערטה פון באדען, וואס בעלאנגט יורידייש צו דער מלוכה. דאס גלייכען טאר מען ניט פלאנצען קיין בוימער אדער בויען הייזער אויף מירי־באדען אהן אן ערלויבניש, ווייל די הייזער און די בוימער זיינען דאס פולע און אבסאלוטע אייגענטום (מלכ) פון זייער בעל הבית, און געהען אריבער בירושה לויט די געזעצען פון שריעת, און צוליעב זיי מוז אויך דער באדען צוטיילט ווערען לויט די זעלבע געזעצען, פונקט ווי מלכ באדען. דאדורך ווערט אלזא פערענדערט דער יורידישער מהות פון באדען, און דעריבער טאר מען דאס ניט טהון אהן דער ערלויבניש פון דער באדען־פערוואלטונג פון דער מלוכה.

אויך די רעכט פון טראנספערירען (פערקויפען, שענקען, פער'משכנ'ען) זיינען ביי מירי־באדען מעהר בעשרענקט ווי ביי מלכ־באדען, און יעדער אקט פון טראנספערירען מירי־באדען מוז האבען די צושטימונג פון דער באדען־פערוואלטונג, אלס די אייגענטליכע בעלי־הבתים פון לאנד.

§ 23. דער שריעת אנערקענט ניט קיין יורידישע פערזאן (א חוץ די מלוכה אדער בית אל־מאל), און דעריבער קען באדען בעלאנגען בלויז צו ווירקליכע פיזישע פערזאנען. די געזעלשאפטליכע אדער רעליגיעזע אנשטאלטען וואס האבען געהאט באדען אין א"י (ווי אויך אין טערקיי) האבען דאס געמוזט פערשרייבען אויפ'ן נאמען פון זייער א פערטרויענסווערטען פערזאן.

זינט מען האט אנגעהויבען צו בויען באהנען אין טערקיי און ארץ ישראל — האט די רעגיערונג עדלויבט צו פערשרייבען די באדענס וואס אייזענבאהנען האבען עקס־פראפריאירט אויף'ן נאמען פון דער אייזענבאהן געזעלשאפט. די רעגירונג האט גע־האט איהר פערזענליכען אינטערעס דערינען, ווייל נאך דעם ווי דער טערמין פון דער קאצעסיע ענדיגט זיך געהען די באהנען מיט זייער גאנצען פערמעגען אריבער צו דער מלוכה. אנדערע געזעלשאפטען אבער האבען ניט געהאט דאס רעכט אליין צו בעזיצען באדען, און דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאר דער ענט־וויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט אין טערקיי, ווייל ס'איז געווען אונמעגליך צו גרינדען אגראר־בענק ווי אין אנדערע לענדער ארויסצוהעלפען די לאנד אייגענטימער דורך קליין פראצענטיגע אנלייהען אויף לאנגע טערמינען — און דעריבער זיינען די נויטבעדערפטיגע פויערים געווען געצוואונגען אנצוקומען צו פריוואטע וואוכערער, וואס האבען גענומען שרעקליך הויכע פראצענטען און האבען פערשקלאפט דעם קלאס פון קליין־גוט־בעזיצער און סיסטעמאטיש בערויבט זיי פון זייער באדען.

יורידישע פערזאנען.

אין די לעצטע אגראר־רעפארמען פון 1913 האט דער געזעץ ענדליך בעשאפען דעם אינסטיטוט פון יורידישע פערזאנען מיט'ן רעכט צו בעזיצען בעוועגליכעס און אונבעוועגליכעס אייגענטום. אלע געזעלשאפטען און קערפערשאפטען וואס האבען פאקטיש אייגענעם באדען, פערשריבען אויף פרעמדע נעמען, איז געגעבען געווארען די מעגליכקייט אין פערלויף פון 6 חדשים איבערצושרייבען דאס אייגענטום אויפ'ן אייגענעם נאמען. דער געזעץ ענטהאלט נאך אבער אזוי פיעל בעשרענקונגען, ספעציעל פאר אויסלענדישע אקציען־געזעלשאפטען, אז ס'איז נאך אלץ אונמעגליך צו גרינדען אגראר־בענק און עהנליכע אינסטיטוטען פאר דער ענטוויקלונג פון דער לאנדווירט־שאפט אויף ברייטע מאדערנע יסודות. די טערקישע רעגירונג האט אליין אנערקענט די אונפאלקאמענהייט פון די לעצטע רעפארמען, און האט פאר דער מלחמה צוגעגרייט וויכטיגע געזעץ־פראיעקטען, פאר דער ווייטערדיגער מאדערניזאציע פון אגראר'זר געזעצגעבונג און דער אויסברייטונג פון די רעכט פון געזעלשאפטען און קארפארא־ציעס און צוזאמענהאנג מיט דעם בעזיץ פון ערד אייגענטום. לויט דעם געזעץ פון 15 פעברואר 1913 קאנען, אויסער פיזיישע פערזאנען, ערווערבען אונבעוועגליבעס אייגענטום אויך —

1) יורידישע פערזאנען פון עפענטליכען רעכט.

2) אינדוסטריעלע און קאמערציעלע א ט א מ א נ י ש ע געזעלשאפטען נור פאר'ן צוועק פון זייער בעטריעב.

3) לאנדווירטשאפטליכע א ט א מ א נ י ש ע געזעלשאפטען, וועמענס אקציעס בעלאנגען אויסשליסליך צו א ט א מ א נ ע ר, אבער נור אויסערהאלב דערפער, בעפעסטיגטע פלעצער און מיליטעריש וויכטיגע ערטער.

גרונדשטייערען.

שטייערען פון איכלאס.

§ 24. דער פונדאמענט פון דעם אטאמאנישען מלוכה־בודזשעט, דער וויכ־טיגסטער קוואל פון איינקונפט פאר דער רעגירונג, אין דער שטייער וואס בעלעס־טיגט די לאנדווירטשאפט — דער אזוי גערופענער עשר (אושר), א שטייער וואס ווערט אויפגעמאכט, מעהרסטענס אין נאטור, פון לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען. דיזער שטייער, פונקט ווי דער אידיישער מעשר, האט א רעליגיעזע אבשטאמונג. אין דער

אראביש־מוסלימישער מלוכה איז דער עשר געווען א רעליגיעזער חוב, איינער פון די פינף הויפט־פליכטען וואס דער איסלאם לייגט ארויף אויף יעדען „מאמין“ — דער פליכט פון “זכאת“ (זעקאט) אדער „צדקה“ (סאדאקא) — ד. ה. אבליגאטארישע צדקה וואס יעדער מוסלימער איז מחויב צו געבען פראפארציאנעל צו זיינע איינקונפ־טען (אויסער די פערזענליכע זכאת — זכאת־אל ראס. ד. ה. קאפ צדקה). די סומע פון עשר איז געווען 10 פראצ. פון די פראדוקטען וואס וואקסען אהן בעוועסערונג, און 5 פראצ. פון די פראדוקטען וואס ווערען קינסטליך בעוואסערט. די סיסטעם האט זיך געשטיצט אויף חדית (חאדים) — א פסוק שבעל פה וואס שטאמט לויט דער טראדיציע פון נביא מחמד: „אלעס וואס ווערט בעוואסערט פון הימעל איז אונטער־געווארפען מעשר, אלעס וואס ווערט בעוואסערט דורך קינסטליכע מיטלען — גיט א העלפט מעשר“.

אלס א ריין רעליגיעזער חוב — האבען בלויז מוסלימער געדארפט צאהלען מעשר. ניט־מוסלימער זיינען געווען אונטערגעווארפען שטייער וואס האט זיך גערופען כרג׳ (חאראדזש) און זייער באדען האט דעריבער געהייסען אראצי כרג׳יה (§ 17). דער כרג׳ פון באדען איז געוועהנליך געווען העכער ווי דער עשר. אנשטאט 5—10 פראצ. האבען די ניט־מוסלימער געצאהלט 10—50 פראצ. פון דעם איינקונפט פון באדען. דעם זעלבען שטייער האט אויך געמוזט צאהלען א מוסלימער, וואס האט ערווארבען אראצי כרג׳יה (חאראדזש באדען).

פון אונבעוועגליכען אייגענטום איז בלויז באדען געווען אונטערגעווארפען שטייע־רען. בנינים זיינען, לויט דעם בעפעהל פון חליף עמר (דער צווייטער נאכפאלגער פון מחמד׳ען) געווען אין גאנצען פריי פון צינזען.

שטייערען פון טערקיי. § 25. דער באדען־שטייער סיסטעם פון שריעת איז אויף פערבליבען, מיט גע־וויסע ענדערונגען, אין דער טערקישער מלוכה. די טערקען האבען אבער איינגעפיהרט אן אייגענעם מאדום פון קלייבען די שטייערען געבויט אויף פעאדאלע יסודות; אזוי ווי אלע עראבערטע לענדער אין אנאטאליע און רומעלי זיינען ערקלערט געווארען דאס אייגענטום פון דער מלוכה (מירי) — האט די רעגירונג געמעגט טהון מיט׳ן באדען וואס זי האט געוואלט. די שטייערען זיינען ניט דירעקט איינגעמאנט געווארען דורך דער רעגירונג, נאר אוועקגעגעבען געווארען אלס פ י ע ף (ארענדע) צו די הויכע מילי־טערישע און ציווילע בעאמטע, מיט דעם תנאי זיי זאלען פאר דער הכנסה פון באדען אויפהאלטען אויף זייערע קאסטען מיליטער, גרייט צו קעמפען פאר דער רעגירונג אין נויטיגען מאמענט.

אין א״י און סוריה האט דאס רוב פון דער בעפעלקערונג גאר ניט געצאהלט קיין שטייערען צו דער רעגירונג. בעוואוינט פון א פרעמדער ראסע מיט א פרעמדער שפראך האבען די אראביש־שפרעכענדע פראווינצען פון טערקיי אין גאר א קליינער מאס זיך פאקטיש אונטערגעווארפען דער הערשאפט פון די פרעמדע טערקישע בעאמטע. די וואנדערענדע שבטים און בערג־איינוואוינער האבען אין גאנצען ניט אנערקענט דעם אויטאריטעט פון טערקיי, א חוץ דעם אויטאריטעט פון זייערע אייגענע „עלטסטע“.

בלויז אין די מעהר צוגענגליכע טאלען און געגענדען וואס זיינען נעהענטער צום ים, וואו די טערקישע בעאמטע האבען אויסגעאיבט מעהר־וויניגער זייער קאנטראל איבער דער איינגעזעסענער בעפעלקערונג אין שטאדט און דערפער, איז דער רעגירונג געלונגען איינצומאהנען שטייערען. אויך דא האט די דארף־בעפעלקערונג ניט גע־צאהלט די שטייערען דירעקט צו דער רעגירונג — נור צו די שייכען (עלטסטע) פון

דארף, און די שייכען האבען, דערפאר, איינגעצאהלט א געוויסע סומע צו די טערקי־שע פאשאס.

שטייער־רעפארמען.

§ 26. אין 1839, ווען ס'איז פערעפענטליכט געווארען דער מאניפעסט פון גיול־האנע, זיינען דורכגעפיהרט געווארען צוזאמען מיט אנדערע רעפארמען אויך ענדע־רונגען אין דעם סיסטעם פון באדען־שטייערען. אין 1840 איז אבגעשאפט געווארען דער אונטערשיעד צווישען אראצי כארג'ה און אראצי עשריה, און ביידע קאטעגאריעס באדען זיינען אונטערגעווארפען געווארען אונטער איין און דעם זעלבען שטייער. אויך איז דאן געלעגט געווארען שטייער אויף געביידעס, און איצט ווערט דער אונבעוועג־ליכער אייגענטום אין טערקיי בעלעסטיגט מיט צוויי שטייערען: ע ש ר און ווערגו.

עשר (מעשר)

1) ע ש ר. פון אלע בעארבייטעטע באדענס אין טערקיי ווערט יעהרליך אויפ־געמאהנט א שטייער אונטער דעם נאמען עשר: הגם עשר בעדייט א צענטעל — איז דער עשר פאקטיש מעהר ווי א צעהנטעל. געזעצליך נעהמט מען פון די ערד פראדוקטען ניט 10 פראצענט, נאר 12 און א האלב פראצענט, ד. ה. אן אכטעל פוי דער גאנצער איננאהמע. פון דעם געהט 10 און א האלב פראצענט פאר דעם אלגע־מיינעם בודזשעט, 1 פראצענט פאר אלגעמיינע בילדונג, א האלב פראצענט פאר מי־ליטערישע צוועקען, און א האלב פראצענט פאר דער אגראר־באנק פון דער מלוכה. בעפרייט פון עשר זיינען בלויז די ערד־פראדוקטען וואס וואקסען ארום די הייזער, אין דארף און שטאדט אדער נאהענט צום וואנט אדער פלויט פון הויז און גארטען אויף א שטח ניט מעהר ווי 919 פיק (אן אלטער דונאם).

דער עשר, וואס ווערט פון די מייסטע פראדוקטען גענומען אין נאטור, ווערט ניט דירעקט אויפגעמאהנט דורך דער רעגירונג, נאר דורך פערמיטלער, וואס קויפען אב דעם עשר ביי דער רעגירונג. דער אדמיניסטראטיווער ראטה (מג'לס אדארה) פון יעדען געגענד (קאדא, סאנדזשאק און ווילאיעט) שאצט יעהרליך אב די סומע עשר וואס יעדער דארף דארף בעצאהלען, און מ'גיט צו וויסען די שייכען און מוכטארען (עלטסטע) פון דארף. אין א בעשטימטער צייט ווערט דער עשר פערקויפט פער אקציאן צו דעם וואס צאהלט מעהר. דערביי האט דער דארף גופא דאס רעכט פון פארצוג. מעהרסטענס קויפען דעם עשר אב די רייכע תבואה־סוחרים, וואס מאכען יד אחת מיט די בעאמטע.

אזוי ווי די פויערים טארען ניט אהיים נעהמען זייער תבואה פון שייער, כל זמן די בעלי עשר האבען ניט צוגענומען זייער חלק, האבען די לעצטע דורך פערשיעדענע אויסריידען און דריידלעך א מעגליכקייט צו דריקען די פויערים און צווינגען זיי צו געבען זיי א סך מעהר ווי דער געזעץ פאדערט. א חוץ דעם ווערען די פויערים דורך די זעלבע מיטלען אפטמאל געצוואונגען צו פערקויפען זייער תבואה פאר א זעהר א נידריגען פרייז. אין א"י פאסירט ניט זעלטען, אז די עפענדים (די רייכע גוטבעזיצער און תבואה סוחרים) וואס דינגען אב דעם עשר ביי דער רעגירונג, זאלען אוועקנעהמען ביי די פלחין (ארבייטע פויערים) ניט 12 און א האלב פראצענט, נאר 25, 30 פרא־צענט — וואס איז כמעט דער גאנצער ריינער איינקונפט פון דער פויערישער ווירטשאפט.

דער דאזיגער סיסטעם פון עשר, און בעזונדערס דער מעטאד פון פערדינגען און איינמאהנען איהם, איז איינע פון די הויפט סבות פון דער אלגעמיינער

ארימקייט און אבגעשטאנענקייט פון דער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג אין טערקיי בכלל און א"י בפרט.

אין 1910 האט די רעגירונג צוגעגרייט א געזעץ־פראיעקט צו מאדיפיצירען די עקזיסטירענדע געזעצען בנוגע עשר און די סיסטעם פון זיין פערדינגונג, מיט דיזם צוועק צו בעווארענען די רעכט פון די פויערים אנטקעגען די מיסברויכען פון די בעלי־עשר. דערוויל הערשט נאך די אלטע פראקטיק.

די איינקונפט פון עשר אין גאנץ טערקיי וואס איז אין 1850 געווען בלויז צוויי און א האלב מיליאן טערקישע פונט — האט אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט דערגרייכט א סומע פון פיער און א האלב מיליאן פונט. אין 1912־11 האט זיך די סומע אויפגעהויבען ביז קנאפע 7 מיליאן פונט (6,986.668), אין דעם זעלבען יאהר איז די אלגעמיינע איינקינפטע פון דירעקטע שטייערען צוזאמען גענומען געווען אין גאנצען 14.145.181 פונט, און די אלגעמיינע הכנסה פון דעם מלוכה־בודזשעט — 28.612.978 פונט. ד. ה. אז דער עשר ברענגט אריין דער מלוכה ארום 65 פראצ. פון די דירעקטע שטייערען און בערך 25 פראצ. פון דער גאנצער הכנסה.

לויט די אנגאבען פון די וויטאל קונע איז די איינקונפט פון עשר אין ארץ ישראל (בלויז אין מערב־טייל) 12.036.433 גרוש:

ירושלם'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — — — 5.032.997

שכם'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — — — 3.783.748

עכו'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — — — 3.239.688

12.056.433

אדער 2.411.286 פראנק (ארום 120.000 טערקישע לירעס).

(די דאזיגע ציפערען בעציהען זיך צום יאהר 1896).

2) ווערגו. אויסער דעם שטייער פראפארציאנעל צו דער יעהרליכער הכנסה, זיינען אלע פערבויטע, ווי ניט פערבויטע פלעצער בעלעסטיגט מיט אן אנדער ווערגו
שטייער, פראפארציאנעל צום ווערט פון אייגענטום, וואס דארף אלע פינף יאהר פון ס'ניי געשאצט ווערען (פאקטיש אבער קומט די אבשאצונג זעלטען פאר). דער שטייער רופט זיך ווערגו (אדער אמלאך ווערגוסו).

די גרויס פון דיזען שטייער (ווערגו) איז פאלגענדער:

לענדערייען וואס צאהלען עשר אדער א שטייער במקום עשר — צאהלען יעהרליך א פערטעל פראצ. פון זייער ווערט (ד. ה. פיער פון 1000). באדענס וועלכע צאהלען ניט קיין עשר און ניט קיין במקום עשר — צאהלען 1 פראצ. פון זייער ווערט.

געביידעס צאהלען פון 4 ביז 10 טיילען פון טויזענד (וואס גרעסער די הכנסה פון די געביידעס און וואס העכער זייער ווערט אלץ גרעסער איז דער שטייער). געזעלשאפטליכע געביידעס וואס ברענגען קיין הכנסה, געביידעס וואס געהערען צו פערשידענע רעליגיעזע אינסטיטוטען אדער וואס דיענען פאר בילדונגס־צוועקן און דעסטגלייכען זיינען אין גאנצען בעפרייט פון ווערגו.

וויטאל קינע גיט אַן די פאָלגענדע ציפערען בנוגע דעם איינקונפט פון ווערגו אין ארץ ישראל (1896):

ירושלים'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — — — —	3.868.576
שכם'ער סאנדזשאק*) — — — — — — — — — — —	1.704.278
עכו'ער סאנדזשאק*) — — — — — — — — — — —	1.979.224
סך הכל — — — — — — — — — — — — —	7.552.078 גרויש

(בערך אנדערטהאַלב, מיליאָן פראנק).

§ 27. צו די לאַנדווירטשאַפטליכע שטייערען קען אויך צוגערעכענט ווערען די טאקסע אויף בהמות: שאָף, גמלים, בופעלאָקסען און חזרים. (ארבייטס בהמות, ווי פערד, פרדות, אָקסען און קיה, זיינען פריי פון שטייערען). דער גרויס פון דער טאַקסע איז ניט גלייך אין אַלע טיילען פון טערקיי. אין ארץ ישראל צאָהלט מען 4 גרויש א יאָהר פון שאָף, 10 גרויש פון גמל (ארבייטס־גמלים זיינען בעפרייט), דריי און א האלב גרויש פון א חזיר. בופלאָקסען אין ארץ ישראל זיינען פריי פון שטייערען. אבצאָהלונגען פון בהמות.

לויט די אנגאבען פון וויטאל קינע (1896) איז דער איינקונפט פון דעם שטייער אין ארץ־ישראל פאָלגענדער:

ירושלם'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — —	1.038.475 גרויש
שכם'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — —	544.235
עכו'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — —	578.613
חורנ'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — —	4.196.000
קעראקער סאנדזשאק — — — — — — — — — —	555.000
	6.912.323 גרויש

אדער בערך 1.382.464 פראנק.

לויט די אָפיציעלע אנגאבען האָט ירושלם'ער סאנדזשאק אריינגעבאַכט אין 1909־1910 די פאָלגענדע סומען פון דירעקטע שטייערען:

עשר — — — — — — — — — — — —	90.815 טערקישע פונט
ווערגו — — — — — — — — — — — —	54.841 "
שאָף — — — — — — — — — — — —	15.649 "
פאַטענט — — — — — — — — — — — —	4.342 "
דרביה (וועג־שטייער) — — — — — — — — —	2.335 "
מיליטער־שטייער — — — — — — — — —	17.150 "
סך הכל — — — — — — — — — —	185.132 טערקישע פונט

אדער בערך 4.200.000 פראנק.

די אנדערע טיילען פון ארץ ישראל זיינען אריינגענומען געוואָרען אין דעם חשבון פון בירות'ער און דמשק'ער ווילאיעט, צו וועלכען זיי בעלאנגען אדמיניסט־ראטיוו.

*) אין דעם איז שוין איינגעשלאָסען אויך דער איינקונפט פון פאַטענטע.

די אלגעמיינע הכנסה פון די צוויי ווילאיעטען איז אין דעם זעלבען יאהר גע־וועזען פאלגענדע:

	בירות	דמשק
עשר	208.849 ט. פ.	267.119 ט. פ.
ווערגו	84.788 "	114.975 "
שאף	34.716 "	79.193 "
פאטענט	20.433 "	8.245 "
דרביה	23.064 "	24.811 "
מיליטער־שטייער	19.384 "	32.138 "
	391.234 ט. פ.	516.471 ט. פ.

ביידע ווילאיעטען צוזאמען 901,705 טערקיישע פונט אדער בערך 20.700.000 פ.

ד. לאקאלע און פראווינציעלע זעלבסט-פערוואלטונג.

§ 28. אויסער דעם מלוכה־ארגאניזם מיט זיינע צענטראלע ארגאנען — דער סולטאן, דער פארלאמענט און מיניסטארען־קאבינעט, וואס האבען די העכסטע און אלגעמיינע יוריסדיקציע איבער דער גאנצער אימפעריע און איהרע איינצעלנע בע־שטאנד־טיילען, עקזיסטירען אין טערקיי, אינערהאלב די מלוכה, שטאטליך־אנערקענ־טע קאלעקטיווען, אלס בעזונדערע יורידישע פערזאנען מיט אייגענע ארגאנען פון זעלבסט־פערוואלטונג און מיט א בעגרענעצטער יוריסדיקציע איבער זייער מיטגליעדער־שאפט. אזעלכע קאלעקטיוועז זיינען פאראן אין טערקיי צוויי ערליי: טעריטאריעלע און פערסאנאלע. *(אויטאנאמע קאלעקטיווען.)*

צו די טעריטארעלע קאלעקטיוועז געהערען די זעלבסטפערוואלטונגען פון די מו־ניציפאליטעטען, ווילאיעטען און „זעלבסטשטענדיגע" סאנדזשאקען. די פערסאנעלע קאלעקטיוועז זיינען די נאציאנאל־רעליגיעזע זעלבסטפערוואלטונגען פון די ניט־מוס־לימישע פעלקער אין טערקיי, אידען און קריסטען.

§ 29. ביז דעם 19טען יאהרהונדערט האט אין טערקיי געהערשט אן אייגענאר־טיגער פעאדאל־מיליטערישער אדמיניסטראטיווער סיסטעם. די פערוואלטונג איז ניט געווען דעצענטראליזירט — איבערגעלאזט צו דער ארטיגער בעפעלקע־רונג פון די פערשיעדענע געגענדען פון דער גרויסער אימפעריע, נאר דעקאנ־צענטרירט: אנשטאט איין פערוואלטונג אין צענטער מיט אן אלגעמיינער קאנט־ראל איבער'ן גאנצען לאנד, האט יעדע פראווינץ — איאלת (איאלעט) — געהאט א בעזונדערען הערשער, מיט א צענטראלער מאכט, וועלכער איז קאנטראלירט געווארען, אמוועניגסטען פארמעל (אין דער פראקטיק זיינען די לאקאלע הערשער אפטמאל געוועזען כמעט אין גאנצען זעלבסטשטענדיג און אונאבהענגיג פון דער צענטראלער מאכט אין קאנסטאנטינאפאל, בעזונדערס אין די ווייטערע פראווינצען, ווי סוריה, ארץ ישראל, אראביען, מצרים א. ז. וו.) פון דער רעגירונג אין קאנסטאנטי־נאפאל. אין 1856 איז איינגעפיהרט געווארען א נייע אדמיניסטראטיווע ארדנונג: דאס גאנצע לאנד איז צוטיילט געווארען אין ווילאיעטען (ולאית), מיט א וואלי אן דער שפיץ. דער וואלי איז שוין ניט קיין וואסאלער הערשער, ווי די פריהערדיגע פאשאס פון איאלעטען וואס האבען צווישען זיך געפיהרט מלחמות, נאר אן אונטערגעארדנעטער אדמיניסטראטיווער בעאמטער פון דער צענטראלער רעגירונג. דער גאנצער פערוואל־טונגס־סיסטעם איז אויף אזא אופן שטארק צענטראליזירט געווארען. פון איין *(פעאדאלע דעקאנ־צענטראציע.)*

עקסטרעם — פון צו גרויסע דעקאנצענטראציע, וואס האט שיער געבראכט צו אן אלגעמיינער צוברעקלונג פון דער מלוכה — האט זיך טערקיי אריינגעווארפען אין א צווייטען עקסטרעם — א שטרענגע צענטראליזאציע וואס האט גאר ניט גענומען אין אכט די בעזונדערע אומשטענדען, בעדינגונגען, בעדערפנישען און געוואוינהייטען פון יעדער פראווינץ פון דער גרויסער פערשיעדענארטיגער, פיעלפארביגער מלוכה. די דאזיגע אָרדנונג איז פערבליבען ביז נאך דער רעוואלוציע פון די יונג־טערקען אין 1908.

דארפישע זעלבסט־פערוואלטונג.

§ 30. אבער שוין אויף דער אלטער רעזשים, ווען די בעפעלקערונג איז אין גאנצען געווען בערויבט פון יעדען רעכט צו בעטייליגען זיך אין דער פיהרונג פון דער מלוכה, האט געמאכט אן אויסנאהם פאר די לאקאלע געמיינדעס. די דערפער און שטעדט האבען שוין פון אנהויב אן, ווי ס'איז נור איינגעפיהרט געווארען די נייע אדמינסטראטיווע ארדנונג, בעקומען א זעלבסטפערוואלטונג מיט אייגענע ערוועהלטע לאקאלע פארשטעהער און בעאמטע, אין דער פארם ווי זיי עקזיסטירען עד היום.

יעדע קריה (קאריא—דארף) ווערט פערוואלטעט פון א מוכתר (מוכטאר), ער־וועהלט פון אלע פארשטעהער פון דארף. א דארף וואס האט א געמישטע בעפעלקע־רונג, פון פערשיעדענע נאציאנאליטעטען און רעליגיעס, האט עטליכע מוכתר'ס, פון יעדער גרופע בעזונדער. צום מוכתר ווערט צוגעגעבען א ראט פון עלטסטע — מג'לס אחתיאריה (מידזשעליסי איכטיאריע), וואס איז דער פערמיטלער צווישען דעם דארף און דער רעגירונג. זיי פערטיילען און מאהנען אויף די שטייערען, משפט'ן די איינ־וואוינער פון דארף אין געלד־זאכען. ווען די צדדים זיינען אויף דערויף מרוצה, און פערוואלטען אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דארף.

דער מוכתר און די מיטגליעדער פון מג'לס ווערען ערוועהלט אלע יאהר פון דער גאנצער דארפיישער בעפעלקערונג. בלויז די וואס האבען אונבעוועגליך אייגענטום אדער בעארבייטען דעם באדען פון דארף און צאהלען שטייערען האבען א שטימע אין די וואהלען.

שטאדטישע זעלבסטפערוואלטונג

§ 31. די שטעדט — שהר (שעהיר) אדער קצבה (קאסאבא) האבען א מוני־ציפאלע זעלבסטפערוואלטונג — אדארה־בלדיה (אידארעי בעלעדיע) אדער בקצור — בלדיה: די פערוואלטונג בעשטעהט פון א רייס בלדיה (רייסי־בעלעדיע) — שטאדט־פרעזידענט און א מג'לס בלדיה (מידזשעלים־בעלעדיע) — שטאדט־ראט פון 6־12 מיטגלעדער (לויט דער גרויס פון שטאדט), וואס ווערען ערוועהלט אלע פיער יאהר. אקטיווע רעכט אין שטאדטישע וואהלען האבען בלויז מענער, אטאמאנישע בירגער פון 25 יאהר און העכער, וועלכע צאהלען אם וויינינגסטען 50 גרוש א יאהר שטייער פון זייער אונבעוועגליכען אייגענטום. פאסיווע וואהל רעכט האבען נור די וואס צאהלען אם וויינינגסטען 100 גרוש א יאהר, פון 30 יאהר און העכער.

ארגאניזאציע.

דער רייס־בלדיה (שטאדט־פרעזידענט) ווערט בעשטימט דורך דער רעגירונג פון צווישען די מיטגלעדער פון שטאדט־ראט.

פונקציעס.

די דאזיגע אדמיניסראציע פערוואלטעט די שטאר־פאליציי — צ'בטא בלדיה (זאביטאי־בעלעדיע), וואס גיט אכטונג אויף דער פרייער בעוועגונג, רוהיגקייט, געזונד און געזעלשאפטליכע זיכערהייט פון שטאדט; זי בעזארגט די אלגעמיינע שטאדטישע בעדערפנישען, ווי בעלייכטונג, קאנאליזאציע, וואסער־לייטונג, ריינקייט, די בריקירונג פון די גאסען א. ד. ג. און פערוואלטעט די געזעלשאפטליכע וואהלטעטיגע אינסטיטו־טען, ווי שפיטאלען, מושב־זקנים א. ז. וו. אום צו ערפילען איהרע פונקציעס האט די בלדיה דאס רעכט ארויפצולעגען שטייערען און טעקסעס אויף די איינוואוינער פאר

לאקאלע בעדערפנישען: ווי זבחיה (זאבחיע) א טאקסע אויף געקוילעטע בהמות, קנטריה (קאנטאריע) טאקסעס פון מאסען און וואגען, תגויראת רסמי (טאגוויראט רעסמי) — בעלייכטונגס־שטייער, טאקסעס פון קאנטראקטען א. ז. וו.

אויסער די שטייערען און טאקסעס האט די שטאדט פערוואלטונג הכנסות פון שטאדטישע פערמעגענס.

אין די שטעדט פון ארץ ישראל, מיט דער אויסנאהם פון יענע לאקאליטעטען, וועלכע ווערען פערוואלטעט דורכאויס פון אידען (תל אביב אין יפו) אדער וואו די אידען פערנעהמען א מעהר ווייניגער חשוב'ען ארט, ווי אין ירושלם און יפו — עקזיסטירען די מוניציפאלע זעלבסטפערוואלטונגען בלויז אויף'ן פאפיר. צוליעב מאנגעל אין פינאנציעלע מיטלען, און נאך מעהר צוליעב מאנגעל אין קולטור. איניציאטיווע און ערפאהרונג ווי אויך צוליעב דער אבוועזענהייט פון א בעדערפניש אין העכערע און בעסערע לעבענס־בעדינגונגען ביי דער ארטיגער בעפעלקערונג אין די דאזיגע שטעדט ווערען די פונקציעס פון דער שטאדט־פערוואלטונג פאלשטענדיג פערנאכלעסיגט. די גאסען ווערען ניט בריקירט, ניט בעלויכטען, ניט גערייניגט, קיין וואסערלייטונג און קאלאניזאציע ווערט אין ערגיץ ניט דורכגעפיהרט. די גאסען זיינען שמוציג און ענג און עס הערשען די זעלבע אונארדנונגען ווי אין די אלטע גוטע צייטען פון פאר פופציג יאהרען צוריק, איידער די שטאדטישע זעלבסטפערוואלטונג איז איינגעפיהרט געווארען.

§ 32. דער עקסטרעמער צענטראליזם פון אבסאלוטיסטישען רעזשים אין טערקיי האט נאך דער איינפיהרונג פון דער קאנסטיטוציאנעלער ארדנונג אבגעטראטען זיין פלאץ צו א מעסיגער דעצענטראליזאציע אין דער פערוואלטונג פון די ווילאיעטען. די יונג־טערקען, די העלדען פון דער רעוואלוציע, זיינען אפילו אליין שטארק גענייגט צו צענטראליזאציע מיינענדיג דערמיט טורקיזאציע, און די ערשטע יאהרען פון זייער הערשאפט האבען זיי טאקי געפיהרט א צענטראליסטישע פאליטיק מיט אויסגעשפראכענע שאוויניסטישע טענדענצען. זייער אידעאל איז געוועזען די אסימילירונג פון די פערשיעדענע פעלקער פון טערקיי אין איין „אטאמאנישער נאציאן". די געגנערישע פארטייען, פערקעהרט, זיינען געשטאנען פאר א פולער דעצענטראליזאציע און א ברייטער אויטאנאמיע פאר די פערשיעדענע פראווינצען וואס זיינען בעוואוינט פון אנדערע פעלקער און ראסען. דער 108טער פאראגראף פון דער קאנסטיטוציע פאדערט בפירוש אז די פערוואלטונג פון די ווילאיעטען זאל זיך שטיצען אויף'ן פרינציפ פון זעלבסטפערוואלטונג און אויטאנאמיע פון דער ווילאיעט־בעפעלקערונג.

צענטראליסטישע פאליטיק.

דער הויפט־קאמפף צווישען די פארטייען אין פארלאמענט האט זיך געדרעהט אליץ ארום דעם פונקט. די יונגע טערקען, אלס די הערשענדע פארטיי, האבען זיך אליץ געהאלטען ביי זייער צענטראליזם און ניט געוואלט נאכגעבען די פאדערונגען פון די פארשטעהער פון די ניט טערקישע פעלקער. ביז ס'האט ווי ביי אלטען רעזשים אויסגעבראכען אן אויפשטאנד פון די אלבאנעזער, נאך וועלכען עס איז באלד געקומען דער באלקאנישער קריעג, און די יונג־טערקישע רעגירונג איז געפאלען. ווען די דאזיגע פארטיי האט אם ענדע פון קריעג צוריק בעקומען די מאכט, האט זי זיך געאיילט און ארויסגעגעבען א געזעץ וועגען זעלבסטפערוואלטונג אין די ווילאיעטען — דער געזעץ פון 13טען מארט 1229 (1913).

§ 33. לויט דיזען געזעץ איז יעדער ווילאיעט (און דעסטגלייכען יעדער „זעלבסטשטענדיגער סאנדזשאק", ווי למשל ירושלם וואס האט דעם זעלבען דין פון א ווילאיעט)

געוואָר־ען א יורידיישע פּערזאָן, מיט אַן אייגענעם בודזשעט און ערוועהלטע אָרגאַנען פאַר זעלבסטפערוואַלטונג מיט א בעשטימטער קאָמפּעטענץ אין די גרעניצען וואָס דער געזעץ האָט פעסטגעשטעלט. אין אַלגעמיין־שטאַטליכע אנגעלעגענהייטען, ווי מי־ליטער, געריכט, העכערע בילדונג, פּאָסט, טעלעגראַף א. ד. ג. ווערט דער ווילאַיעט, ווי פריהער, פערוואַלטעט דורך דער צענטראַלער רעגירונג און איהרע לאָקאַלע אַגענטען, ווי דער וואַלי (גענעראַל גובערנאַטאָר), מוטעסאַריף (גובערנאַטאָר) און קאימאַקאַם (בעצירק־פערוואַלטער).

דיזע הויפט בעאַמטע האָבען ביי זיך אַן א ד מ י נ י ס ט ר א ט י װ ע ן ־ ר א ט — מג'לס אדארה (מידזשעליסי־אידארע), וואָס בעשטעהט פון א געוויסע צאָהל אונטערגעאָרדנעטע בעאַמטע, פון פאָרשטעהער פון אַלע אנערקענטע רעליגיעזע גע־
אדמיניסטראַציאָנס־ראַטה. מיינדעס, מוסלימיישע און ניט־מוסלימיישע, און ענדליך פון פיער ערוועהלטע מיטגליע־דער, צוויי מוסלימער און צוויי ניט־מוסלימער (אין די געגענדען וואו די בעפעלקערונג איז א געמישטע, ווי למשל אין ארץ ישראל). די פונקציע פון דעם ראַט איז אויסצו־הערען די קלאַגעס פון דער בעפעלקערונג געגען אונגעזעצליכע מעשים פון די בעאַמטע און צו מישפּט'ען די דאָזיגע בעאַמטע, צו קאָנטראָלירען און רעגולירען אַלע רעגירונגס־קאָנטראַקטען און עפענטליכע אקציאָנען ביים פערקויפען דעם עשר און אַנדערע שטייערען א. ד. ג.

ווילאַיעטס־פערוואַלטונג וואָס אַנבעלאַנגט אָבער די ריין־לאָקאַלע אַנגעלעגענהייטען פון ווילאַיעט, ווי בויען וועגען, אויסטרוקענען זומפּען, דורכפיהרען בעוואַסערונגס־סיסטעמען פאַר אַגריקולטור־רעלע ציעלען און קאַנאַליזאַציע אין די שטעדט, געבען קאָנצעסיעס פאַר בעלייכטונג און עלעקטרישע טראַמווייען אין שטעדט, די גרינדונג פון עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס און מוסטער פערמעס פאַר דער ענטוויקלונג פון ערד ארבייט און פיהצוכט, פּלאַנצען וועלדער אין פּאַסיגע ערטער, עפענען קונסט־ און געווערב־שולען, אינדוסטריע־
פונקציעס. לע און קאָמערציעלע קאַמערען און אויסשטעלונגען, בערזעס, גרינדען עלעמענטאַרע און מיטעלע שולען, היגיענישע און וואָהלטעטיגע אינסטיטוטען — אַלעס וואָס האָט צו טהון מיט דער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און גייסטיגער ענטוויקלונג פון דער בעפעל־קערונג אין ווילאַיעט, ווערט דאָס איבערגעלאָזט צו די ערוועהלטע אָרגאַנען פון דער ווילאַיעטישער זעלבסטפערוואַלטונג.

דער העכסטער אָרגאַן פון דיזער זעלבסטפערוואַלטונג איז דער אַזוי־גערופענער
אָרגאַניזאַציע מג'לס עמומי (מידזשעליסי אומומי) — דער אַלגעמיינער ראַט פון ווילאַיעט, וואָס ווערט ערוועהלט אַלע פיער יאָהר. יעדע קצ'א (קאַזאַ) — בעצירק — שיקט איהר פאָרשטעהער לויט דער צאָהל פון דער בעפעלקערונג, צו איין פאָרשטעהער פון יעדע 12.000 בעפעלקערונג. די וואַהלען זיינען אונדירעקטע, פונקט ווי די וואַהלען צום פּאַרלאַמענט, אָבער יעדער אָטאָמאַנישער בירגער האָט וואַהל־רעכט. דער צענז (די פּאָדערונגען) פאַר פּאַסיווער וואָהל רעכט איז אויך דער זעלבער ווי צום פּאַרלאַמענט. דער ראַט האָט א יעהרליכע זיצונג פון 40 טעג (ווען נויטיג פון 55 טעג), אונטער דעם פּאָרזיץ פון וואַלי. ווען די זיצונג ענדיגט זיך ווערט ערוועהלט א שטענדיגע קאָמיסיע פון 2 ביז 4 מיטגליעדער — אנג'מן ולאית (ענדזשומעני ווילאַיעט), וועלכע צוזאַמען מיט'ן וואַלי פיהרט אויס די בעשלוסען פון מידזשעליס.

די הוצאות פאַר די נויטיגע ארבייטען ווערען גענומען טיילווייז פון די אַלגעמיינע מלוכה שטייערען (פון עשר, 1 פּראָצענט פאַר בילדונג און א האַלב פּראָצענט פאַר'ן אגראַר באַנק), און וועג שטייערען (דאַרביע), טיילווייז פון ספּעציעלע טאַקסעס

וואס דער מידזשעלים בעשטימט פאר זיינע אויסגאבען, אלס הוספה צו די דירעקטע שטייערען, און טיילווייז פון די איינקונפט פון די גיטער וואס געהערען דעם ווילאיעט.

דער ווילאיעט האָט אויך דאס רעכט צו מאכען הלואות צוליעב געזעלשאפטליכע ארבייטען, בילדונגס אינסטיטוטען און סאניטארע אונטערנעהמונגען.

פון אלע טיילען אין א"י האָט בלויז ירושלם, אלס א זעלבסטשטענדיגער סאנ־דזשאק, וואס געהערט ניט צו קיין ווילאיעט, אזא פּראָווינציעלע זעלבסטפערוואלטונג. שכם און עכו, אלס טיילען פון בירות'ער ווילאיעט, שיקען זייערע פאָרשטעהער אין דעם מידזשעלים פון בירות; חורן און קעראק אין עבר הירדן בעטייליגען זיך אין מידזשעלים פון דמשק'ער ווילאיעט צו וועלכען זיי בעלאנגען.*)

ביז איצט האָט די פּראָווינצעלע זעלבסטפערוואלטונג אין ירושלם, צוליעב די זעלבע אורזאכען וואס זיינען אָנגעוויזען ביי דער אונטעטיגקייט פון די שטאָדטישע זעלבסטפערוואלטונגען, זעהר ווייניג אויפגעטהאָן. די איינציגע בעדייטענדע ארבייט וואס זי האָט בעשלאָסען און אונטערגענומען פאר דער מלחמה איז געווען — דורכפיה־רען א שאָסע־וועג צווישען יפו און עזה, פארביי די אידישע קאָלאָניעס אין יהודה. די ראָלע אָבער פון דעם מידזשעלים אין דיזער אונטערנעהמונג איז הויפּטזעכליך בע־שטאנען דעריין, וואָס ער האָט פאר דער זאך בעוויליגט זיין הסכמה. דאָס געלד און די ארבייט ווערט בעיקר צוגעשטעלט פון די אידישע קאָלאָניעס, דורך וועלכע דער וועג געהט דורך.

אויטאָנאָמע פּראָווינצען § 34. די זעלבסטפערוואלטונג פון די דערפער, שטעדט און ווילאיעטען, אלס א אונמיטעלבארער און דירעקטער פּראָדוקט פון דער טערקישער געזעצגעבונג, איז איין און דער זעלבער אין אלע טיילען פון דער אָטאָמאנישער אימפּעריע. די רעגולירונג, רעגלאַמענטאציע און קאָנטראָל פון דער דערמאנטער לאָקאלער זעלבסטפערוואלטונג שטעהט אונטער דער אויסשליסליכער יוריסדיקציע פון דער צענטראלער מאכט — פּארלאַמענט און רעגירונג פון קאָנסטאנטינאָפּאָל. עס איז אָבער פאראן אין טערקיי נאָך אנ'אנדער סארט לאָקאלע אויטאָנאָמיעס, מיט א סך ברייטערער קאמפּעטעניץ, אי־בער וועלכע די צענטראלע מאכט האָט נור א בעגרענעצטע, אין איינינגע פעלען זעהר א בעשרענקטע, כמעט פיקטיווע קאָנטראָל. דאָס זיינען די האלב־אונאבהענגיגע פּראָ־ווינצען פון טערקיי. אין דער פריהערדיגער צייט זיינען אַזעלכע פּראָווינצען געווען מעהר צאָהלרייך ווי איצט. דער אינזעל קריד, מצרים, די אראבישע פּראָווינצען סאמאס — האָבען בעלאנגט צו דיזער קאטעגאָריע. קריד איז אין באלקאנישען קריעג אנעק־סירט געווארען צו גריכענלאנד, סאמאס האָבען פערכאפּט די איטאליענער און מצרים איז נאָך דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה ערקלערט געווארען אלס א זעלבסט־שטענדיגע מלוכה אונטער דעם פּראָטעקטאָראט פון ענגלאנד.

פון די פערבליבענע אויטאָנאָמע פּראָווינצען האָט א בעזונדערע וויכטיגע בעדיי־טונג פאר א"י — די פּראָווינץ ל ב נ ו ן, דאס דירעקטע נאכבאר־לאנד אויפ'ן נאָרד־ליכען גרענעץ פון ארץ ישראל.

ה. די אויטאָנאָמיע פון לבנון.

§ 35. פונקט ווי א"י, בעזונדערס אין דעם נאָרדליכען טייל פון לאנד, גליל, אזוי האָט אויך דער לבנון זעהר א געמישטע בעפעלקערונג. אויף דעם פערהעלטניסמעסיג

*) אין דעם לעצטען מג'לס עמומי אין ירושלם זיינען געווען אויך צוויי אידישע מיטגליעדער. די צאהל פון דער מיטגליעדערשאפט איז 7.

קליינעם שטח פון דער פראווינץ (3.200 ק. ק.) וואוינען פינף פערשיעדענע גרופען: מאראניטען, דרוזען, גריכען (ריכטיגער — אראביש שפרעכענדע קריסטען), מוסלי־

געמישטע בעפעל־קערונג.

מער־סוניטען און מוטעוועלער (מוסלימער־שיעיטען פון א קורדיש־פערסישער אבשטא־מונג), אויסער איינינגע קלענערע גרופען ווי אידען, ארמעניער און ז. וו. דער לבנון איז אלזא, פונקט ווי א״י און סוריה, א „נאציאנאליטעטען־שטאט״ אין א קליינעם מאסשטאב. פון די פינף דערמאנטע גרופען, האבען די ערשטע צוויי — די מאראניטען און די דרוזען — געשפיעלט די הופט־ראלע אין דער געשיכטע פון לבנון, און דער קאמף צווישען זיי, וואס האט זיך שטארק צופלאקערט אין 1860, האט געבראכט צו דער עטאבלירונג פון דער לבנון׳ער אויטאנאמיע, אונטער דעם שוץ פון די פינף אייראפעאישע גרויסמעכטע אין יענער צייט: פראנקרייך, ענגלאנד, רוסלאנד, עסט־רייך און פרייסען (שפעטער אין יאהר 1868, איז אויך איטאליע געווארען איינע פון די פראטעקטירענדע מלוכות).

מעהר ווי אלע אנדערע טיילען פון סוריה און א״י, האט דער לבנון אבגעהיט זיין אונאבהענגיגקייט, און בעקעמפפט מיט גרוס עקשנות און מוטה די צאהלרייכע עראבע־

קאמף פאר זעלבסטשטענדיג־קייט.

רער וואס האבען זיך אין פערשיעדענע צייטען אריינגעריסען אין סוריה. אויך אונטער דער טערקישער אויבערהערשאפט האבען די איינוואוינער פון לבנון מעהר־ווייניגער אבגעהיט זייער זעלבסטשטענדיגקייט. די אונצוגענגליכע בערג פון לבנון האבען פיעל געהאלפען די קאמפפס־לוסטיגע בערג־לייט צו בעשיצען זיך אנטקעגען פרעמדער הערשאפט. פארמעל זיינען די חכימ׳ען (ארטיגע פערוואלטער) פון לבנון געווען אונטערגעארדענט אונטער דער טערקישער צענטראלער מאכט, פאקטיש אבער זיינען זיי אפטמאל געווען זעלבסטשענדיגע, אונאבהענגיגע הערשער, וואס האבען געפיהרט מלחמות מיט די ארומיגע טערקישע פאשאס פון דמשק, צידון און עכו. בעזונדערס האבען זיך די דרוזען אויסגעצייכענט מיט זייער אונאבהענגיגקייטס־גייסט, און זייער עמיר, דער בעריהמטער פחר א־דין (1584—1633) האט זאגאר פערשפרייט זיין ממשלה איבער א גרויסען טייל פון ארץ ישראל.

דער לעצטער מוסלימישער עמיר פון לבנון, בשיר־שהאב (בעשיר שעהאב), וואס האט געהערשט אין לבנון פון 1786 ביז 1840, האט פיעל מיטגעהאלפען מחמד

אינערליכע קעמפפע

עלי׳ן און זיין זוהן איברהים פאשא פון מצרים געגען די טערקען אין דער עראבערונג און בעהערשונג פון סוריה און א״י. ווען א דאנק די אריינמישונג פון אייראפא, האט זיך מחמד עלי געמוזט צוריקציהען פון סוריה (1840), האט דער טערקישער סולטאן, וואס איז דאן געווארען דער פאקטישער בעל הבית פון לבנון, בעשטימט אלס חכים פון לבנון א מאראניט (א קריסט), דעם עמיר בשיר אל קאסם. די דרוזען, די טראדי־ציאנעלע פיינד פון די מאראניטען, האבען זיך גלייך אנגעהויבען צו בונטעווען, האבען בעלאגערט דעם פאלאץ פון עמיר אין זיין רעזידענץ שטאדט דייר־אל־קאמאר, און אויסגעקוילעט א מאסע מאראניטען. אויף דעם פערלאנג פון די פינף אייראפעאישע גרויס־מעכטע האט טערקיי איינגעפיהרט איינינגע רעפארמען אין לבנון, מיט דעם ציעל אויפצוהאלטען שלום צווישען די פיינדליכע פעלקער. דער לבנון איז צוטיילט געווארען אויף צוויי טיילען, די נארדליכע טייל מיט א מאראניטישער מעהרהייט, האט בעקומען א מאראניטישען קאימאקאם (וויצע־גובערנאטאר), און די זידליכע טייל, וואו די דרוזען זיינען געווען דער רוב, — א דרוזישען קאימאקאם. ביידע קאימאקאמען זיינען געווען אונטערווארפען דעם וואלי פון בירות. נאך עטליכע יאהר פון פריעדען האבען זיך די שטרייטיגקייטען ווידער בעגייט (1859). נאך א יעהרליכע קריעגס־

פארבערייטונג איז פארגעקומען א בלוטיגע שלאכט צווישען די מאראניטען און די דרוזען, און די ערשטע האבען געליטען א מפלה (1860). די דרוזען, כאטש אין צאהל זיינען זיי געווען פיעל וויניגער פאר זייערע געגנער, האבען געמאכט א גרויסע שחיטה צווישען די מאראניטען. די אונרוהען האבען זיך פערשפרייט אויף אין סוריה, בעזונדערס אין דמשק; פראנקרייך האט גלייך געשיקט א מיליטערישע עקספעדיציע אין בירות „צו בעשיצען די סורישע קריסטען“.

אויטאנאמע רעגירונג.

§ 36. דעם 5טען אקטאבער 1860 האבען זיך אין בירות פערזאמעלט די פארשטעהער פון טערקיי, פראנקרייך, עסטרייך, ענגלאנד רוסלאנד און פרייסען און אויסגעארבייט א פראיעקט פאר דער אויטאנאמער פערוואלטונג פון לבנון אויף'ן יסוד פון פראפארציאנעלער פערטרעטערשאפט פון אלע גרופען. אין 1864 איז אנגענומען געווארען עטוואס א מאדיפיצירטער סטאטוט, וואס איז פערבליבען אין קראפט עד היום, פאר דער אויטאנאמיע פון לבנון אונטער דער אויבערהערשאפט פון טערקיי און דעם פריינדליכען פראטעקטאראט פון די אייראפעאישע גרויס-מעכטע*).

לויט דיזען ענדגילטיגען סטאטוט האט דער לבנון בעקומען א קריסטליכען מוטעסאריף (גובערנאטאר), וואס ווערט אלע 5 יאהר בעשטימט פון טערקיי מיט דער צושטימונג פון די פראטעקטירענדע מלוכות. דער גובערנאטאר פון לבנון האט דעם ראנג „ויזיר“ — דער העכסטער ציווילער טיטול אין טערקיי. כדי צו פערמיידען די געגענזייטיגע קנאה פון די ארטיגע פעלקער ווערט שטענדיג בעשטימט אלס גובערנאטאר ניט קיין לבנון'ער געבוירענער.

דיזער גובערנאטאר וואס קען ניט ארונטערגעזעצט ווערען אין פערלויף פון פינף יאהר, סיידען דורכ'ן געריכט, האט די גאנצע אויספיהרענדע מאכט אין אלע אנגעלעגענהייטען פון דער פראווינץ.

ציווילע, מיליטערישע, פינאנציעלע ארגאניזאציע.

די געזעצגעבערישע מאכט פון לבנון אין רייז לאקאלע ענינים איז איבערגעגעבען דעם צענטראלען מג'לס (נידזשעלים) וואס בעשטעהט פון 12 ערוועהלטע מיטגליעדער: 4 מאראניטען, 3 דרוזען, 2 ראטאדאקסיישע גריכען, 1 קאטוילישער גריך 1 מוסלים-סוניט, 1 מוטעוועלער (7 קריסטען געגען 5 מוסלימער). די הויפט-פונקציע פון מג'לס איז צו בעשטימען און פערטיילען די שטייערען, בעשטעטיגען דעם בודזשעט און צו קאנטראלירען די הכנסות און הוצאות פון דער פראווינץ — און אויך פערהאנדלען אלע פראגען וואס דער גובערנאטאר ברענגט פאר. די לאקאלע בעאמטע ווערען ערוועהלט אין יעדען ארט פון דער גרופע וואס בילדעט דארט די מאיארטעט, אויך די ריכטער ווערען בעשטימט פון גובערנאטאר אויף דעם זעלבען אופן.

די פראווינץ האט אן אייגענע מיליץ פון בערך 1000 מאן, אונטער דער קאמאנדע פון א קריסטליכען מיר-אליי (קאלאנעל). די איבריגע אפיצירען ווערען גענומען פראפארציאנעל פון אלע גרופען. די דאזיגע מיליץ טאר אפילו אין צייט פון קריעג ניט בענוצט ווערען אויסערהאלב דעם לבנון.

די שטייערען פון לבנון, אין א סומע פון 805.000 פראנק, מוזען קודם כל בענוצט ווערען פאר לאקאלע אויסגאבען, און נור וואס עס בלייבט איבער געהט צו דער מלוכה. דיזע סומע ווערט צוזאמענגעשטעלט פון באדען-שטייער (ווערגו) און קאפ-שטייער. די בעפעלקערונג פון לבנון צאהלט ניט קיין עשר און קיין תמתע (פאטענט-שטייער)

*) אין יאנואר 1917 האט די טערקישע רעגירונג צוגעשיקט א נאטע צו איהרע פערבינדעטע מלוכות, אין וועלכער זי ערקלערט, אז די אויטאנאמיע פון לבנון ווערט אבגעשאפט.

אין אַלע אנדערע שטייערן וואס בעלעסטיגען די בעפעלקערונג פון אנדערע טיילען אין טערקיי. אויך די מאָנאָפּאָלען וואס עקזיסטירען אין טערקיי — מאָנאָפּאָל אויף זאַלץ און טאַבאַק — זיינען אין לבנון ניטאָ.

א דאנק דעם אויטאָנאָמען רעזשים און בעפרייאונג פון די שווערע שטייערן, בעזונדערס פון עשר, האָט זיך דער לבנון שטארק ענטוויקעלט זינט 1864, און שטעלט איצט מיט זיך פאָר די רייכסטע פראָווינץ אין סוריה. ניט קוקענדיג אויף דער עמיגראציע פון די בערג אין די פּאָרט-שטעדט פון סוריה און אויך אין אויסלאנד, איז דער צואוואוקס פון דער בעפעלקערונג פון 1864 — ווען ס'איז דורכגעפיהרט געווארען די ערשטע פאָלקס-צעהלונג אין לבנון — ביז 1900 — די לעצטע צעהלונג — איבער הונדערט טויזענד מאַן. (300.000 מאַן אין 1864 : 402.000 — אין 1900*).

ו. נאַציאָנאַל-רעליגיעזע אויטאָנאָמיע פון ניט-מוסלימישע פעלקער.

§ 37. די טעריטאָריעלע קאָלעקטיוון, ווי דערפער, שטעדט, ווילאיעטען וואס זיינען שטאַטליך אנערקענט אלס יורידיישע פּערזאָנען מיט אייגענע רעפּרעזענטאטיווע אָרגאנען און מיט א בעגרענצטער זעלבסטפערוואלטונג, זיינען, ווי מיר האָבען געזעהען אין די פריהערדיגע פּאַראַגראַפען, א פּראָדוקט פון דער רעפאָרמיסטישער געזעצגעבונג אין טערקיי אין די לעצטע פופציג יאָהר, און פאַרלויפיג שפּיעלען זיי גאָר אַן אונבעדייטענדע ראָלע אין דעם פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכען לעבען פון טערקיי. א סך א גרעסערע היסטאָרישע בעדייטונג און פּאָליטישע וויכטיגקייט האָבען די פּערסאָנאַלע קאָלעקטיוון פון די ניט-מוסלימישע פעלקער, וועלכע געניסען שוין מעהר ווי 450 יאָהר דאָס רעכט פון נאַציאָנאַל-רעליגיעזער זעלבסטבעשטימונג און זעלבסט-פערוואלטונג, א דאנק דער ווייטבליקענדער פּאָליטיק און קלוגער געזעצגעבונג פון דעם גרויסען טערקיישען הערשער, דעם סולטאַן מחמד דער צווייטער (1451—1481).

נאַציאָנאַלע פראַגע אין טערקיי.

נאָך דעם ווי טערקיי איז אויך א מערקווירדיגען אופן אויסגעוואקסען פון א קליינעם נאָמאַדען-שבט אין א ווינקעל אין קליין אזיע צו א גרויסער וועלט-אימפּעריע, בעזונדערס נאָך דעם ווי מחמד דער צווייטער האָט אין 1453 איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און גע'יריש'נט די גאנצע ביזאנטיישע אימפּעריע — זיינען די טערקישע הערישער אויפגעשטעלט געוואָרען פאַר א שווערער קאָמפּליצירטער פּראָבלעם פון פערוואַלטען די פיעל-פאַרביגע און צאָהלרייכע בעפעלקערונג, וואס זיינען געווען גענצליך פערשיעדען פון דער הערשענדער ראַסע אין זייער רעליגיע, שפּראַך, נאַציאָנאַליטעט, מנהגים, זיטען, קולטור. די טערקען, אין געגענזאַץ צו זייערע אראבישע פאָרגענגער, וואס האָבען לרב זעהר שנעל אסימילירט די אונטערגעוואָרפענע פעלקער, — האָבען קולטורעל און גייסטיג גאָר אין א קליינער מאָס בעאיינפלוסט די בעזיגטע. די טערקישע קולטור און שפּראַך, האָטש אפיציעל די הערשענדע, האָט זיך אין א גאנץ אונבעדייטענדער מאָס פערשפּרייט צווישען די ניט-טערקישע פעלקער. די טערקיישע איבערמאַכט איז אין אַלע צייטען געווען און געבליבען עד היום נור א פּאָליטישע, במעט בלויז א מיליטערישע. און ניט קוקענדיג אויף דער זעקס הונדערט יעהריגער

*) לויט די רעליגיע און נאַציאָנאַליטעטען צוטיילט זיך די בעפעלקערונג פון לבנון אויפ'ן פאָלגענדעם אופן: (אפיציעלע אבשאצונג אין 1900).

מאַראָניטען — 230.000; דרוזען — 50.000; גריכען-ארטאָדאָקסען — 54.000; גריכען-קאַטאָליקען — 32.000; מוטעוועלער — 17.000; מוסלימער — 17.000; פּראָטעסטאַנטען — 1.600; אידען — 200; ארמעניער און סיריער — 200; צוזאַמען — 402.000.

הערשאפט איז די טערקען אלין ניט געלונגען צו ווערען די דאָמינירענדע קראפט אויף׳ן עקאָנאָמישען און קולטורעלען געביט אין טערקיי, נאָך מעהר, — זיי האָבען זיך אפילו ניט דערהויבען צו דער קולטור־מדרגה פון איינינגע מעהר־ענטוויקעלטע אונטערוואָרפענע פעלקער — ווי ארמענער, אידען און גריכען, און דער איינציגער געביט אויף וועלכען זיי זיינען געווען ערפאָלגרייך און זיך אויסגעצייכענט — בעזונדערס אין די פריהערדיגע צייטען — איז געווען דער מיליטעריש־פּאָליטישער.

און אזוי איז טערקיי פערבליבען א „נאַציאָנאַליטעטען־שטאַט" — א לאנד פון א גרויסען פעלקער־געמיש, אונטער איין פּאָליטישע מאכט, אָבער אָהן אינערליכער פערבינדונג און אָרגאנישען צוזאמענהאנג, אנ׳ערב־רב פון אלערליי רעליגיעס און סעקטעס, מוסלימישע, אידישע און קריסטליכע, פון צאָהלרייכע פעלקער, ראסען, שטאמען, שפראכען, וואָס זיצען זייט ביי זייט און אויסגעמישט אָבהיטענדיג יעדערער זיין בעזונדערע לעבענס־ארט, זיין אייגענע שפראך, היסטאָרישע טראדיציע, נאציאָנאַלע קולטור, אייגענארטיגע מנהגים, ספּעציעלע קליידונג און סאָציאַלע אייגענשאפטען.

טערקישע טאָלעראַנץ.

§ 38. צום קרעדיט פון די טערקען דארף מען אָבער צוגעבען — אז זייערע הערשער זיינען זיך בעגאנגען מיט זייערע בעזיגטע פעלקער מיט טאָלעראַנץ און גרויסמוט, וואָס האָט ניט זיין גלייכען אין דער געשיכטע פון די קריסטליכע פעלקער אין יענער צייט. די זיגרייכע טערקען האָבען אפילו ניט געפּרואווט אריינצומישען זיך איי דעם אינערליכען לעבען פון די אונטערגעוואָרפענע פעלקער און ארויפצווינגען אויף זיי זייער רעליגיע אָדער שפראך, נאָר זיי האָבען זיי געגעבען פולע פרייהייט פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג. באלד נאָכדעם ווי מחמד פאתח האָט איינגענומען קאָנסטאנטינאָפּאָל — האָט ער געשאָנקען דעם גריכישען פּאָלק, וואָס האָט נאָר־וואָס פערלוירען זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, א ברייטע נאציאָנאַל־רעליגיעזע אויטאָנאָמיע, און אין א קורצער צייט ארום האָט ער די זעלבע רעכט אויך געגעבען די ארמעניער און אידען, און דערמיט געלעגט דעם פונדאמענט פון די רעכט פון די ניט־מוסלימישע פעלקער, וואָס איז פון דאן געבליבען אונבעריהרט ביז׳ן היינטיגען טאָג.

אלס יסוד פון דער דאָזיגער רעכט ליגט דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע איז די לעצטע צייט ענטוויקעלט געוואָרען דורך די עסטרייכישע טעאָרעטיקער רודאָלף שפּרינגער און אָטאָ בויער און איז אָנגענומען געוואָרען אין 1899 אויף דעם עסטרייכישען סאָציאַל־דעמאָקראטישען צוזאמענפאָהר אין ברין.

פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

דאָס איז דער פּרינציפּ פון א נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע וואָס איז געבויט ניט אויף טעריטאָריעלע יסודות, נאָר פּערסאָנעלע, ד. ה. אז אלע מיטגליעדער פון דער נאַציאָן, אָהן אונטערשיעד פון זייער וואוינאָרט, בילדען איין פערבאנד, וואָס ווערט שטאַטליך אנערקענט אלס יורידישע פּערזאָן מיט געוויסע מלוכה־רעכט פאר דער בעפרידיגונג פון די אלגעמיינע נאַציאָנאַלע בעדערפנישען פון די מיטגליעדער.

קולטורעל־רעליגיעזע זעלבסט־בעשטימונג.

אזא מין סאָרט אויטאָנאָמיע האָבען זייט 450 יאָהר די ניט־מוסלימישע פעלקער אין טערקיי; נור אזוי ווי די טערקישע מלוכה, ווי מיר האָבען געזעהן, איז אין גרונד א טעאָקראטיע, וואו רעליגיע און שטאַאט, רעליגיע און נאַציאָן זיינען איינס און דאָס זעלבע, אזוי איז אויך די אויטאָנאָמיע פון די פעלקער גלייכצייטיג א נאציאָנאלע און רעליגיעזע אָרגאניזאציע, און די רעכט און פּריווילעגיעס וועלכע די פעלקער געניסען, שליסען אין זיך איין סיי רעליגיעזע סיי נאַציאָנאַלע פונקציעס און אינטערעסען, און די לייטענדע אָרגאנען פון דער זעלבסטפערוואלטונג זיינען דעריבער צוזאמענגעשטעלט

פון גייסטליכע און וועלטליכע עלעמענטען. ביי די גריכען, וואס זיינען מעהר קאנ־סערוואטיוו און רעליגיעזע, האבען די גייסטליכע עלעמענטען די איבערוויגענדע מאכט, ביי די ארמעניער, אין געגענטייל, וואס זיינען מעהר דעמאקראטיש און פראגרעסיוו, שפיעלען די וועלטליכע רייז נאציאנאלע עלעמענטען די הויפט ראלע.

דער רעליגיעזער כאראקטער פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע ערקלערט אויך יענע זאנדערבארע ערשיינונג, וואס גראד די פעלקער פון דער הערשענדער רעליגיע — די מוסלימער, ווי אראבער, קורדען, טשערקעסען, א. ד. גל. — האבען ניט קיין בעזונדע־רע ארגאניזאציעס, ווייל לויט דער לעהרע פון איסלאם בילדען אלע מוסלימער איין נא־ציאן — „מלת־ואחדה“ (מילעטי־ואחידע). אלע „מאמינים“ זיינען פעראייניגט אין איין געזעלשאפט, אין איין אלוועלטליכע ארגאניזאציע, פון וועלכע דער חליף איז דער הויפט, דער פיהרער און דער פארשטעהער. אין דער דאזיגער געזעלשאפט איז ניטא קיין אונטערשיעד פון שפראך אדער נאציאנאליטעט — „אלע מוסלימער זיינען ברי־דער“ — דאס איז איינע פון די יסודות פון איסלאם.

§ 39. אין געגענטייל די „אונגלויביגע“, די „רעיא“ צוטיילען זיך לויט זייער רע־ליגיע און נאציאנאליטעט און נור זיי האבען די רעכט צו ארגאניזירען זיך בעזונדער אין אן אפיציעלער געמיינדע, וואס ווערט אין טערקישען שטאאט־רעכט אנערקענט און בעצייכענט מיט'ןווארט „מלת“*) (מילעט) ד. ה. „נאציאן“.

אנערקענטע „נאציאנען“.

צווישען די אנערקענטע „נאציאנען“ פערנעהמען דעם ערשטען פלאץ די גריכען, „רום מלתי“ (רום מילעטי — „די גריכישע נאציע“), נאכהער קומען די ארמעניער — „ארמני מלתי“ („ארמעני מלעטי“) און די אידען — „יהודי מלתי“ (יאהודי מילעטי) אדער „מלת מוסויה“ (מילעטי־מוסאוויע).

רעכטען פון „נאציאנען“.

דאס זיינען די דריי הויפט־פעלקער וואס געניסען אויטאנאמע רעכט נאך פון 15טען יאהרהונדערט. די איינצעלהייטען פון די פרוויליגיעס און ארגאניזאציאנס־פארמען פון די דריי פעלקער זיינען ניט אין גאנצען אידענטיש, אבער אין פרינציפ זיינען אלע גלייך. יעדעס „מלת“ האט די רעכט פון זעלבסט־פערוואלטונג אין אלע נאציאנאל־קולטורעלע און רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, האט אייגענע צענטראלע ערוועהלטע פארשטעהער, שטאטליך אנערקענטע, וואס פערטרעטען די „נאציאן“ ביי דער רעגירונג און פער־וואלטען די אינסטיטוטען פון „מלת“: יעדעס „מלת“ איז בערעכטיגט צו גרינ־דען אייגענע שולען און אונטעררריכטען אין דער

*) „מלת“ איז אן אראביש ווארט, זיין אורשפרינגליכע בעדייטונג איז געווען „רעליגיעזע גע־מיינדע“, אין דער טערקישער שפראך אבער ווערט דאס ווארט בענוצט אין'ם זין פון נאציאן. צו בעצייכענען א רעליגיעזע געמיינדע ווערט אין טערקיש בענוצט דאס אראבישע ווארט „אמת“ (אומעט), וואס מיינט אין אראביש פאלק, נאציאן, פונקט ווי דער העברעאישער ווארט „אומה“; אזוי אז די צוויי ווערטער ווערען בענוצט אין טערקיש פונקט פערקעהרט ווי אין אראביש. און דערפאר זאגט דער טערק: אמת־אסלאמיה (אומעטי איסלאמיע) — די מוסלימישע געמיינדע, קירכע, און „מלת־עתמאניה“ (מילעטי אסמאניע) — דאס אטאמאנישע פאלק, די אטאמאנישע נאציע. אזוי ווערט אויך דער טערמין „מלת“ איבערגעזעצט אין אלע אפיציעלע דאקומענטען פון דער טערקישער מלוכה און בענוצט ביי די אייראפעאישע און אטאמאנישע פובליציסטען און יוריסטען. „געמיינדע“ הייסט אין טערקיש „ג'מאעת“ (דזשעמאאט) — אן אראביש ווארט מיט דער זעלבער בעדייטונג, און אין דער לעצטער צייט בעמיהען זיך די טערקען, וואו זיי איז נור מעגליך, צו פערבייטען איין די נעזעצען וואס האבען צו טון מיט די רעכט פון די ניט־מוסלימישע פעלקער דעם טערמין „מלת“ מיט דעם וויינינער בעדייטענדעם טערמין „ג'מאעת“.

א י י ג ע נ ע ר נ א צ י אַ נ א ל ע ר ש פּ ר א ך. און די שולען האָבען די זעלבע רעכט ווי די רעגירונגס־שולען; עס האָט אויך דאָס רעכט ארויפצולייגען שטייערען אויף אלע מיטגליעדער פון דער געמיינדע כדי אויסצוהאלטען די צענטראלע און לאָקאלע אינסטיטוטען, און מעג בעזיצען און פערוואלטען געזעלשאפטליכע פערמיגען; יעדע געמיינדע האָט דאָס רעכט צו בעטייליגען זיך דורך אייגענע פאָרשטעהער אין די אלגעמיינע אדמיניסטראטיווע ראטהען — די אזוי גערופענע „מג'ליש אדראהה" (מי־דזשעלים־אידארע) פון ווילאיעט, סאנדזשאק און קאזא, און ענדליך האָט עס דאָס רעכט צו משפט'ען זיך אין פאמילען־אנגעלעגענהייטען און טיילווייז אויך אין דיני־ממונות לויט די אייגענע געזעצען פון „מלת". אין פאל וועןביידע צדדים געהערען צו איין און דעם זעלבען פאָלק. אם מעהרסטענס געניסט פון דער לעצטער פריווילעגיע די „גריכישע נאציאָן".

§ 40. ניט בלויז די דריי דערמאָנטע פעלקער געניסען די רעכטען פון א „מלת". אויך אלע אנדערע ניט־מוסלימער זיינען אָרגאניזירט אין בעזונדערע גרופּעס וואָס זיינען שטאטליך אנערקענט. זיי אונטערשיידען זיך אָבער אין נאָמען. אויסער גריכען, אַרמעניער און אידען, האָט קיין אנדער גרופּע ניט דעם נאָמען „מלת" (נאציאָן), נור "ג'מעאת" (דזשעמאט), ד. ה. געמיינדע. אין די ערשטע צייטען, ווען דער נאציאָנאלער בעוואוסטזיין פון די פערשיעדענע פעלקער אין טערקיי איז נאָך ניט גוועזן ענט־וויקעלט, האָבען זיך אלע קריסטען גרופּירט בלויז לויט זייער רעליגיאָן, און דערפאַר זיינען אלע אָרטאָדאָקסען (פּראַוואָסלאַוונע) געווען אָנגעשלאָסען אין „רום מלתי" (אין דער „גריכישער נאציאָן"), חאָטש נאציאָנאל זיינען זיי געווען גאַנץ פערשיעדען (ווי גריכען, סערבען, בולגארען, קוצא־וואלאכען). ווען די נאציאָנאלע בעוועגונג פון די באלקאנישע פעלקער אין נייןצעהנטען יאָהרהונדערט איז שטארק אויסגעוואַק־סען, און איינע נאָך די אנדערע האָבען זיי זיך אָבגעטיילט פון טערקיי, האָבען אויך יענע טיילען פון זיי, וואָס זיינען געבליבען אונטער דער טערקישער הערשאַפט, אָנגע־הויבען צו קעמפען פאר א בעזונדערער אָרגאניזאציע אויסערהאלב די גריכישע גייסטיגע העגעמאניע, און האָבען זיך אָבגעטיילט פון דער „גריכישער נאציאָן": די בולגארען אין 1870, און די סערבען און רומענער אין 1878. די טערקישע רעגירונג האָט אנער־קענט די נייע גרופּען און זיי געשענקט אַן אייגענע זעלבסטפערוואלטונג; נאָר אזוי ווי די פאנאנדערטיילונג איז אויסגעפאלען אין דער צייט, ווען די טערקיי האָט גע־שטרעבט צו פערמינדערען די פּריווילעגיעס פון די פעלקער, האָט די רעגירונג זיי ניט אַנערקענט אלס „מלת" (נאציאָן), נאָר אלס „ג'מעאת" — געמיינדע. אין תוך אָבער האָבען זיי אויך בעקומען די זעלבע פּריווילעגיעס וואָס זיינען פון פריהער געשאָנקען געוואָרען די דריי דערמאָנטע „מילעטען".

§ 41. אלס א בעזונדערע „ג'מאעת" (דזשעמאאט) איז אויך לעצטענס אנער־קענט געוואָרען די קראים'ישע גרופּע. הגם, זייער צאהל אין טערקיי איז קליין, בלויז אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָבען זיי א בעדייטענדע און אין ירושלם א גאַנץ קליינע געמיינדע. אין 1840 האָט דער סולטאן עבד־אל־עזיז (אבדול־אזיז) זיי געגעבען די רעכט צו האָבען אַנ'אָפיציעלע חתימה, אין 1900 האָט דער סולטאן עבד־אל־חמיד אנערקענט אין א ספּעציעלען פירמאן דעם פאָרשטעהער פון קראים אלס „ג'מעאת־באשי" (דזשעמאאט־באשי) — ד. ה. ראש־העדה, פון אלע קראים אין טערקיי; (דער אידישען פאָרשטעהער — דער חכם־באשי, ווערט בעצייכענט מיט'ן נאָמען „מלת־באשי" — ד. ה. ראש העם).

אנערקענונג פון „געמיינדעס".

קראים

שומרונים

א צווייטע אידישע סעקטע — די שומרונים, וואס געפינען זיך אויס־שליסליך אין ארץ ישראל (אין גאנצען קנאפע 200 נפשות), איז פארמעל ניט אנערקענט אלס בעזונדערע גרופע. אייניגע מאל זיינען זיי צוגערעכענט געווארען צו די אידען, און אלס אזעלכע געשיצט געווארען פון געזעץ. זייער בעזונדערער קולט און בעזונדערע ארגאניזאציע אונטער דער לייטונג פון זייער כהן גדול — ווערט פאקטיש גערולדעט פון דער טערקישער רעגירונג, הגם אהן אפיצעלער אנערקענונג.

בעשרענקונגען

§ 42. די רעכט פון ניט־מוסלימער צו זיין ארגאניזירט אין א „מלת“ מיט אנערקענטע פארשטעהער אן דער שפיץ שטאמט ווי מיר האבען שוין דערמאנט, פון די צייטען פון מחמד פאתח, אין 14—15טען יאהרהונדערט. די שפעטערע טערקישע הערשער אין 16טען און 17טען יאהרהונדערט, האבען אייניגע מאל געפרופט מאכען צו נישט די געשאנקענע פריוועלעגיעס, בעזונדערס האבען דערצו געשטרעבט די סולטאנען פון 19טען יאהרהונדערט, וואס האבען בעטראכט די „מילעטען“ אלס א מין „מלוכה אין דער מלוכה“, און די ספעציעלע יורידיקציע פון די נאציאנאלע פערטרעטער — אלס א שטערונג פאר די מאדערנע רעפארמען און דער יורידישער איינהייטליכקייט און גלייכבערעכטיגונג פון אלע אטאמאנישע אונטערטאנען. הויפטזעכליך האט זיך די „הויכע פארטע“ בעמיהט אוועקצונעהמען פון די גריכען זייערע ווייט־געהענדע פריוויליגיעס אויף'ן געביט פון ציווילער יורידיקציע, וואס איז זיי געשאנקען געווארען אין א גרעסערע מאס ווי צו אנדערע מילעטען. ס'האט זיך אבער ניט איינגעגעבען. דער גריכישער פאטריארך, מיט דער שטיצע פון אויסלאנד, בעיקר פון רוסלאנד, האט מיט גרויס עקשנות בעקעמפפט יעדען פערזוך צו פערקלענערען מיט עפעס וואס זיין יורידיקציע און קאמפעטענץ, און ס'איז איהם אלע מאל געלונגען אבצוהיטען די רעכט און פריוויליגיעס פון דער „גריכישער נאציאן“ אין זייער גאנצען אומפאנג, אזוי ווי זיי זיינען בעשטימט געווארען דורך מחמד'ען דעם צווייטען, און זיינען אויפ'ס ניי בעשטעטיגט געווארען אין די „בעראט“ען פון די שפעטערע סולטאנען.

נאציאנאלע קאנסטיטוציעס.

אין די זיבעציגער יאהרען פון 19טען יאהרהונדערט זיינען די אלע רעכט און פריוויליגיעס פון די פעלקער, ווי אויך דער מאדוס פון ערוועהלען די פארשטעהער פון „מלת“ און זייערע פליכטען און רעכטען קאדיפיצירט געווארען אין א סיסטעמאטישע קאנסטיטוציע — „נט'אם נאמה“ (ניזאם־נאמע) פאר יעדען „מלת“ בעזונדער. די קאנסטיטוציע איז אויסגעארבייט געווארען דורך א ספעציעלער קאמיסיע פון בעטרעפענדען „מילעט“, בעשטעטיגט געווארען פון רעגירונג און פערעפענטליכט געווארען אין „דסתור“ (דאסטור) — דעם אפיצעלען געזעץ בוך פון דער טערקישער אימפעריע.

די גריכישע קאנסטיטוציע איז בעשטימט געווארען אין 1860, די ארמענישע אין 1863 און די אידישע אין 1865.

די קאנסטיטוציעס האבען די קראפט פון געזעץ, און קאנען אנדערש ניט געענדערט ווערען ווי אויף'ן געזעצגעבערישען אופן, ד. ה. דורך'ן פארלאמענט.

פאליטיק פון יונג־טערקען.

דער עלפטער פאראגראף פון דער טערקישער קאנסטיטוציע גאראנטירט די אבהיטונג פון די דאזיגע פריוויליגיעס וואס זיינען געשאנקען געווארען די פעריש־ידענע „געמיינדעס“ — דאסווארט „מלת“ ווערט ניט דערמאנט. אין דער פאליטיק פון דער הערשענדער פארטיי — „אתחאד ותרקי“ (איטעחאד וועטערעקי) — די פארטי פון „איניגקייט אין פראגרעס“ מערקט זיך א שטארקע טענדענץ צו פערשמעלערען די

בעזונדערע רעכט פון די נאציאָנאַליטעטען ווי ווייט מעגליך, בעזונדערס אויף'ן געביט פון ערציהונג. „אום צו געבען דער ערציהונג פון דער אָטאָמאַנישער בעפעלקערונג — אזוי לויטעט דער 18טער פאראגראף פון זייער פראָגראַם — אַנ'איינהייטליכקייט, וועלען די פּריוואַטע שולען און די יעניגע וואָס געהערען צו די פערשיעדענע נאציאָנאַליטעטען פון לאַנד, אונטערגעוואָרפען ווערען אונטער דער קאָנטראָל און אינספּעקציאָן פון דער רעגירונג“. זיי גיבען אָבער צו אין דעם זעלבען פּאַראַגראַף: „אָבער מיט אַכטונג צום פּרינציפּ פון ניט־אַריינמישען זיך אין דעם אונטערריכט פון דער מוטערשפּראַך, גלויבען און ליטעראַטור פון יעדער נאַציאָנאַליטעט“.

דעם קאָנקרעטען אינהאַלט און די פאָרמען פון דער רעליגיעזער און נאציאָנאַל־קולטורעלער זעלבסט פערוואַלטונג פון די פעלקער וועלען מיר זעהן אין דעם פאָלגענדען איבערזיכט איבער דער רעכטליכער לאַגע פון די אידען אין טערקיי.

ז. די „אידישע נאַציאָן“ (יהודי־מלתי).

§ 43. די רעכטליכע לאַגע פון די אידען אין טערקיי איז במשך פון הונדערטער יאָהרען געווען אַן אויסנאַהם פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. די אָטאָמאַנישע מלוכה איז געווען די איין און איינציגע אין דער אַלטער וועלט וואָס האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין ספּעציעלע בעגרענצונגען פאַר אידען און האָט זיי צוליעב זייער רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט ניט פערפאָלגט. פיעל הונדערטער יאָהרען פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבען די אידען אין טערקיי גענאָסען פון פולע רעליגיעזע (און אויך נאַציאָנאַלע) פרייהייט. מעהר ווי אַלע אַנדערע מוסלימישע מלוכות האָט זיך די טערקישע רעגירונג געהאַלטען ביי דעם כלל פון שריעת: „לאַ אכראַה פי דין“ (קיין צוואַנג אין רעליגיאָן), און האָט געלאָזט אַלע פרעמד־גלויביגע פעלקער אָנגעהן מיט זייער אמונה אָהן אירגענד וועלכע שטערונגען און שוועריגקייטען. פון דער דאָזיגער פרייהייט האָבען אידען גענאָסען אין פולער מאָס.

אידישע רעכט איי טערקיי

ביז דער איינפיהרונג פון קאָנסטיטוציאָנעלען רעזשים זיינען די אידען בירגערליך ניט געווען אין גאַנצען גלייכבערעכטיגט; זיי האָבען ניט געהאַט אַלע ציווילע רעכט, ווי די מוסלימער, און בנוגע שטייערען האָבען זיי געטראָגען גרעסערע פליכטען ווי די „גלויביגע“. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין ספּעציעל אידישער אויסנאַהם. אַלע ניט־מוסלימער, די אזוי־גערופענע רעיא (ראַיאַ), זיינען געווען פערדעכענט אַלס בירגער פון דער צווייטער מדרגה, לויט די אַנשויאונגען פון איסלאַם וואָס האָבען געהערשט אין אָטאָמאַנישען רעכט, ווי מיר האָבען געזעהען פריהער.

די בעזונדערע קאָפּ־שטייערען (האַראַדזש), געוויסע געריכטליכע בעגרענצונגען, ספּעציעלע פעראָרדנונגען ווי צו קליידען זיך א. ד. ג., וואָס זיינען געווען איז קראַפט ביז די לעצטע רעפאָרמען, זיינען ניט געווען געריכטעט ספּעציעל געגען אידען, נאָר געגען אַלע ניט־מוסלימישע פעלקער אין טערקיי. די אידען, אין געגענטייל, האָבען א לאַנגע צייט, פון דעם סולטאַן אָרחאַן גאזי (1326—1359) ביז מוראד דעם דריטען (1574—1595) — ד. ה. די גאַנצע תקופה פון וואוקס, עראָבערונג און פערברייטערונג פון דער אטאמאַנישער אימפּעריע — פערנומען א פריווילעגירטע פּאָזיציע צווישען די ניט מוסלימישע פעלקער און זייער לאַגע איז געווען פיעל בעסער פון ־־ קריסטען.

§ 44. צום ערשטען מאָל האָבען זיך די אידען בענעגענט מיט דער טערקישער הערשאַפט אין די צייטען פון אָרחאַן גאַזי, דעם צווייטען אָטאָמאַנישען סולטאַן. נאָך דעם ווי די טערקישע זיעגרייכע אַרמעע האָט גענומען די שטאָדט ברוסאַ אין קליין אזיען (1326), און געמאַכט זי פאַר די הויפּטשטאָדט פון דער יונגער טערקישער מלוכה. אום כדי צו ענטוויקלען די נייע הויפּט־שטאָדט האָט אָרחאַן איינגעלאַדען די אידען פון אזיע און ביזאַנטיע צו קומען בעזעצען זיך אין ברוסה. האָט זיי געשאַנקען אַ בעזונדערען קוואַרטאַל צו וואוינען און אין אַ ספּעציעלען פירמאַן האָט ער זיי געגעבען די רעכט צו ערווערבען הייזער און באָדען אין שטאָדט און דאָרף, און בעשעפטיגען זיך אומעטום מיט האַנדעל און מלאכה; דערפאַר האָבען זיי נור געדאַרפט צאָהלען כרג׳, קאָפּ־שטייער לויט דער פערמעגען נאָך: די רייכע 40 דירהעם א יאָהר, די מיטעלע 20 און די אָרעמע 10 דירהעם (א דירהעם איז געווען א צעהנטעל פיאַסטער). די שטייערען זיינען אויפגעמאַנט געוואָרען דורך די פאָרשטעהער פון דער אידישער קהלה, וואָס האָבען געמוזט שווערען, אז זיי וועלען ניט אָבנאַרען די רעגירונג. דער רב (חכם באַשי), דער שוחט, דער מלמד און די 5 בעאַמטע פון חכם באַשי זיינען געווען בעפרייט פון שטייערען. סולטאַן אָרחאַן.

ווען אָרחאַן און זיינע נאָכפאָלגער האָבען שנעל ערעבערט די באַלקאַנישע און ביזאַנטישע פּראָווינצען — האָבען זיי איבעראַל געטראָפען אידישע קהלות וואָס האָבען אייפגענומען די טערקישע זיעגער מיט פרייד. די אָטאָמאַנישע ערעבערונגען זיינען פאַר די מזרח׳ישע אידען געווען דאָס זעלבע וואָס נאַפּאָלעאָן׳ס נצחונות פאַר די מערב אייראָפּעאישע אידען. אומעטום וואו די זיעגרייכע טערקען זיינען אריין, זיינען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון די שרעקליכע גזרות און פערפאָלגונגען, פון וועלכע זיי האָבען זייט הונדערטער יאָהרען געליטען אין ביזאַנטיע און אַנדערע קריסטליכע מדינות פון יענער צייט. די טערקען האָבען פערשטאַנען ווי אָבצושאַצען די טרייהאַפט און נוצליכקייט פון די אידען פאַר דער נייער מלוכה. אויסגעצייכענטע קעמפּפער און קאָמאַנדירען — זיינען אָבער די טערקען צו דער זעלבער צייט געווען אונפעהיג אויפ׳ן עקאָנאָמישען און בירגערליכען טעטיגקייטס־געביט. אין האָבען זיך גענויטיגט אין אַ מעהר קולטורעלען און פלייסיגען עלעמענט וואָס זאָל מיטהעלפען די ענטוויקלונג פון די נייע־איינגענומענע פּראָווינצען. צו די קריסטען האָבען די טערקען געהאַט ווייניג צוטרוי. דער איינציגער עלעמענט, אויף וועלכען זיי האָבען זיך געקענט פערלאָזען, זיינען געווען די אידען. און די אידען האָבען טאַקע פערנומען דעם אויבען־אָן אין אינדוסטריע, האַנדעל און ליבעראַלע פּראָפעסיעס. א דען אין טערקיי.

§ 45. דער חכם באַשי פון אַדריאַנאָפּאָל, וואָס איז געוואָרען די טערקישע הויפּטשטאָדט אין די צייטען פון מוראַד דעם ערשטען (1359—1380), האָט געקראָגען פולע קראַפט איבער אַלע אידישע געמיינדעס אין אייראָפּעאישער טערקיי, צו גרינדען איבעראַל אידישע בתי־דינים, אויפצופאַסען די אידישע שטייערען און פערוואַלטען מיט אַלע אידישע ענינים. מוראַד דער צווייטער (1421—1451) האָט געגרינדעט א „פּ ר ע מ ד ע ן ל ע ג י א ן" און די אידען וואָס האָבען ניט געקאָנט צאָהלען קיין שטייער זיינען אַנגענומען געוואָרען אין דעם לעגיאָן, וואו זיי האָבען זיך שטאַרק אויסגעצייכענט.

ווען מחמד דער צווייטער האָט איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער זיך געווענדעט צו די אידען אין אזיען און פּערגעשלאָגען זיי „הייזער, פעלדער און וויינ־ מחמד דער צווייט.

גערטנער" אום זיי זאלען קומען בעזעצען זיך זיך אין דער נייער טערקישער הויפט־שטאָדט.

חכים־יעקב, א בעריהמטער אידישער דאקטאר, איז געווארען זיין פינאנץ־מיניסטער און משה המון, א פּאָרטוגעזישער איד, זיין לייב־דאָקטאָר. ר' משה קאפּסאלי א גריכישער איד, איז דאן געווען רב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ווען מחמד דער צווייטער האט בעשטימט דעם גריכישען פּאַטריארך צו פערנעהמען די שטעלע פון גריכישען „מלת־באשי" (הויפּט פון נאציאָן), האט ער אויך בעשטימט משה קאפּסאלי אלס דעם הויפּט פון „יהודי מלתי" („דער אידישער נאציאָן") און האָט איהם געגעבען א פּלאַץ אין דיוואן (העכסטען מלוכה־ראט) צוגלייך מיט'ן שייך און איסלאם און גריכישען פּאַטריארך. פון יענער צייט שטאַמט די אָפּיציעלע אנערקענונג פון דער אידישער נאציאָנאליטעט (מלת) אין טערקיי, פונקט ווי די גריכישע און ארמעַנישע.

ערשטער חכם־באשי

קיין אָפּיציעלע דאָקומענטען בנוגע דער בעשטימונג זיינען פון יענער צייט ניט געבליבען, נאָר פון די שריפטליכע עדות פון צייט־גענאָסען, בעזונדערס פון די שריפטען פון אליהו קאפּסאלי, א קרוב פון רבי משה קפסאלי, ווייסט מען, אז מחמד דער צווייטער האט צוגעטיילט גרויס כבוד דעם פארשטעהער פון „דער אידישער נאציע", וועלכען „ער האט אדרעסירט מיט'ן טיטעל „חאַדזשא" (לעהרער; רבי אין טערקיש) און האָט איהם געאכטעט און געלאזט איהם רייטען אויפ'ן קעניגליכען פערד און געשיקט זיינע מיניסטאָרען איהם צו בעגלייטען ביז'ן ארויסגאנג פון הויז און געשיקט די אידען צו משפּט'ן זיך פאר איהם אין דיני נפשות און דיני ממונות"..*)

§ 46. די גינסטיגע און פרייע לעבענס בעדינגונגען פון די אידען אין טערקיי האָבען צוגעצויגען אידען פון אנדערע לענדער. פון דייטשלאנד האָבען די אידען אין די יאָהרען 1450—1500 עמיגרירט מאסענווייז קיין טערקיי. איינער פון די איינגעוואנדערטע רבנים, ר' יצחק צרפתי האט זיך געווענדעט אין א בריעף „צו די אידישע געמיינדעס וואס געפינען זיך אין דייטשלאנד, אין די שטעדט פון שוואבען, ריינום, שטייערמאַק, מעהרין און אונגארן", וואו ער דערצעהלט וועגען דעם רוהיגען און זיכערען לעבען פון די אידען אונטער דער אטאמאַנישער רעגירונג און רופט די אידען צו קומען און בעזעצען זיך אין לאנד פון תוגר (טערק).

אין 1492 זיינען די אידען ארויסגעטריבען געווארען פון שפּאניען. ב א י א ז י ד דער צווייטער (1481—1512) האט ארויסגעגעבען א בעפעהל צו אלע זיינע בעאַמטע אין אלע טיילען פון טערקיי אויפצונעהמען פריינדליך די פערטריבענע אידען, און טויט־שטראף האָט געדראהט יעדען איינעם וואס וועט זיי שלעכט בעהאנדלען. פיעלע ספרד'ישע אידען האָבען זיך דאן בעזעצט אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, אדריאנאָפּאָל, סאלאָניק, ברוסה, א. ז. וו., און א דאנק זייער רייכטום און הויכע קולטור האָבען זיי באלד פערנומען א פּראָמינענטען פּלאַץ אין עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון טערקיי. כמעט אלע אמטער פון דאקטוירים, דראגאמאנען און

גירוש ספרד און באיאזיד דער צווייטער

*) „ויצו המלך ויביאוהו לפנים ויבוא (ר' משה קפשאלי) ויעמוד לפני המלך וקראו בלשון רבי ובלשון תוגרמה כוז'ה וידבר אליו טובות אהבו וכבדו, ויצו וירכבוהו על סוסו ושלח משרתיו ופרתמיו היושבים בשער המלך ולווהו עד פתח ביתו — וישא חן וחסד לפניו וכמה פעמים שלח המלך דיני היהודים לפניו לדונם על עסקי נפשות ועל עסקי ממון"... („לקוטים מס' דבי אליהו" פאדובא תרכ"ט.

ארטילעריסטען האבען זיך געפונען אין זייערע הענד. זיי האבען דאס אויסגעלערנט די טערקען מאכען פולווער און גיסען קאנאנען און מיט זייער הילף האבען די טערקען אויפגעשטעלט אמוניציאנס און פולווער פאבריקען.

זייער איינפלוס איז געווען אזוי גרויס צווישען די ארטיגע (ביזאנטישע) און דייטשע אידען, אז במשך פון א קורצער צייט האט זייער קאסטילאנישע שפראך פערנומען דעם ארט פון גריכיש און דייטש, וועלכע די אנדערע אידישע קהלות האבען ביז דאן געברויכט, און עד היום ווערט די שפראך, אונטער'ן נאמען פון אידיש־שפאניאליש, געברויכט צווישען די אידען אין אייראפעאישער טערקיי (און אויך בולגאריע, סערביע, סאלאניק, באסניע־הערצאגווינע און דאברוזשא) און קליין אזיע, און טיילווייז אויך אין ארץ ישראל און סוריה.

ווען ר' משה קפסאלי איז געשטארבען (1495) האט באיאזיד בעשטעטיגט דעם נייעם חכם באשי ר' אליהו מזרחי הפרנס אלס הויפט פון דער אידישער נאציאן, און ער האט אויך בעקומען א זיץ אין קייזערליכען דיוואן (ראט) ווי זיין ערשטער פארגענגער.

§ 47. אין די צייטען פון סוליימאן קאנוני (1520—1566) איז געשאפען גע־
ווארען א נייער אמט פון „קעהאליק" — א ריין ציווילער פאליטישער פארשטעהער
פון דער „אידישער נאציאן" אין הויף פון סולטאן, אין געגענטייל צום חכם באשי, סוליימאן קאנוני
וואס איז געווען דער גייסטיגער פארשטעהער פון אידען. ווי ס'ווייזט אויס זיינען קעהאליק.
פארגעקומען סכסוכים און רייבונגען צווישען די צוויי עמטער, און די פארשטעהער
פון די קאנסטאנטינאפאלער קהלות האבען בעשלאסען אראבצוזעצען דעם „קעהיא"
ר' שאלתיאל פון זיין אמט. ר' שאלתיאל איז אבער געווען זעהר אנגעזעהן אין קיי־
זערליכען הויף, און אין צוויי יאהר ארום האט מען איהם ווידער בעשטימט אלס
„קעהיא". אין שפעטערע צייטען איז דער „קעהיאליק" געווארען אונטערגעווארפען
דעם אמט פון חכם־באשי, און דער קעהיא איז שוין געווען מעהר ניט, ווי אן אונטער־
געארדענטער שליח פון חכם באשי.

צו יענער צייט איז צום ערשטען מאל פארגעקומען אן עלילת־דם אין טערקיי. די גריכען פון אמאסיע (אין קליין אזיען) האבען געמאכט א בלבול אויף די אידען, אז זיי האבען גע'הרג'עט א גריך צוליעב ריטועלע ציעלען. פיעל אידען האבען דערפון שרעקליך געליטען, און איניגע זיינען אויך אונשולדיגערהייד אומגעקומען. דער גריך וואס אידען האבען געזאלט נוצען זיין בלוט האט זיך שפעטער געפונען. די זאך איז פארגעבראכט געווארען געווארען פאר'ן סולטאן סוליימאן, און ער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אויף ווייטער זאלען די ארטיגע שופטים מעהר ניט משפט'ן אליין אזעלכע פעלע, נאר אבשיקען דאס דירעקט צום הויף־געריכט, וואו דער סולטאן אליין וועט זיך דערין בעטייליגען.

ריין אידישע אנגעלעגענהייטען זיינען דאן גע'משפט געווארען אין אידישע בתי־דינים, און זייער פסק־דין איז אויסגעפיהרט געווארען מיט דער קראפט פון דער רעגירונג.

§ 48. די צייט פון סלים דעם צווייטען (1566—1574), וואס איז געווען דער קולמינאציאנס־פונקט פון דער טערקישער שטארקייט, גרויס און מאכט — איז אויך געווען די גאלדענע צייט פון אטאמאנישען אידענטום. די אידען האבען ז'אן פערנומען די העכסטע פאליטישע פאזיציעס, געהאט א גרויסען אנזעהן אין גאנץ טערקיי און אפילו אויסגעאיבט א בעדייטענעם איינפלוס אויף דער אינטערנאציאנא־

סלים דער צווייטער און דון יוסף הנשיא.

לער פּאָליטיק פון דער טערקישער מלוכה. דון י ו ס ף ה נ ש י א, פון די ספרדי־שע אנוסים, איז געווען דער נאָהענטסטער פריינד פון סוליימאַן קאַנוני און זיין זוהן סלים דער צווייטער, וואס האָט איהם געמאַכט פאַר הערצאָג פון נאַקסאָס; אַן אנדער איד, ש ל מ ה א ש כ נ ז י איז געווען טערקישער אַמבאַסאַדאָר אין וועניציע. דער גרויס־האַנדעל אויף דער יבשה און אויפ׳ן ים, די אַבצאָהלונגען פון דער מלוכה האָבען זיך געפונען גענצליך אין אידישע הענד.

די טערקישע רעגירונג האָט זיך ניט בענוגענט מיט די פריינדליכע בעציהונגען צו די אידען אין טערקיי, נאָר זי האָט אויך אָפטמאָל געשיצט די אידען אין אויסלאַנד. ווען דער פּאַפּסט פּאַול דער פיערטער האָט אין יאָהר 1555 בעפוילען אריינצו־וואַרפען אין תפיסה די אידען פון אַנקאָנאַ און צו קאָנפיסקירען זייער פערמעגען, האָט דער סולטאַן סוליימאַן קאַנוני איהם געדראָהט צו פערטיליגען די קריסטליכע אונטערטאַנער, אויב די אידען וואס געפינען זיך אונטער זיין שוץ וועלען ניט בע־פרייט ווערען. און בשעת די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיך ענטזאָגט צו בעצאָהלען א חוב פון 150.000 דוקאַטען, וואס זי איז געווען שולדיג דון יוסף הנשיא — ווייל דער לעצטער איז געוואָרען פון א קריסט א איד — האָט דער סולטאַן סלים דער צווייטער פערכאַפּט די פראַנצויזישע שיפען וואס האָבען זיך געפונען אין טערקישע פּאָרטען, און דערמיט געצוואונגען דעם פראַנצויזישען קעניג צו בעצאָהלען דעם חוב.

מוראד דער דריטער.

§ 49. אין זיבעצענטען יאָהרהונדערט האָט זיך די אידישע לאַגע פערערגערט. שוין דער סולטאַן מוראַד דער דריטער (1595—1574) האָט ארויסגעגעבען די ערש־טע גזרות געגען אידען — זיי זאָלען ניט ארויסגעהן אין גאַס אין זיידענע קליידער און זאָלען ניט טראָגען אויפ׳ן קאָפּ קיין טורבאַן. דער לוקסוס מיט וועלכען אידען האָבען זיך דאַן געצירט האָט דערוועקט צו זיי די קנאה און שנאה פון די מוסלימער.

די אָפּטע הויף רעוואָלוציעס פון אָנהויב פון זיבעצענטען יאָהרהונדערט האָבען געשאַפען א צושטאַנד פון אַנאַרכיע אין לאַנד און די אידען האָבען דערפון שטאַרק געליטען.

אידישע לאגע ערגער.

אויך די בעוועגונג פון שבתי צבי און די אַלגעמיינע פערווירונג וואס זי האָט אריינגעבראַכט אין די מוחות האָט פיעל געשאַדעט די אידען סיי פּאָליטיש סיי עקאָ־נאָמיש. דער געשטיגענער פאַנאַטיזם האָט אבגעטויטעט דעם אידישען אונטערנעה־מונגס־גייסט און ענערגיע, די אידען האָבען פערנאַכלעסיגט זייערע געשעפטען און די קריסטען האָבען גלייך פערנומען זייער אָרט. די מוסלימער זיינען געווען אויפ־גערעגט פון די אידישע פערדעכטיגע בעוועגונגען און פערזאַמלונגען, און האָבען גע־מאַכט אויף זיי אָנפאַלען. די אידישע לאַגע איז אַלץ געוואָרען ערגער. דער סולטאַן מוצטפא (מוסטאַפאַ) דער דריטער (1774—1757) האָט פערשטאַרקט די גזרות וועגען די בעזונדערע מלבושים און נאָך מעהר בעגרענצט דעם געברויך פון לוקסוס זאַכען. אָבער אויך דיזע בעשרענקונגען זיינען ניט געווען ספּעציעל געגען אידען, נאָר געגען אַלע רעיא׳ס (ניט־מוסלימער). און אפילו אין דיזער צייט האָט די טערקישע רעגי־רונג געשיצט די אידישע רעכט. אין די שלום־אָבמאַכען פון טערקיי מיט עסטרייך (פון 1718 און 1739) האָט די טערקישע רעגירונג אריינגעשטעלט א תנאי, אַז אַלע טערקישע אידען, פּונקט ווי אַלע אָטאָמאַנישע אונטערטאַנען, זאָלען מעגען פריי וואָהנען אין עסטרייך, און ס׳איז דערפאַר אויסגעקומען, אַז בשעת עכטע עסטרייכישע אידען האָבען ניט געטאָרט וואָהנען אין ווין סיידען מיט א ספּעציעלער ערלויבניש וואס מ׳האָט געמוזט ארויסקריגען אַלע צוויי יאָהר — האָבען זיך אָטאָמאַנישע אידען

דארט בעזעצט פראנק און פריי, און ס'איז געוועזען א סך פעלע, אז עסטרייכישע אידען האבען זיך בעמיהט ארויסצוקריגען טערקישע פאספארטען, כדי זיי זאלען קאנען אלס אטאמאנישע אונטערטאנען פריי בעזעצען זיך אין וויען.

רעפארמען. § 50. אין אלגעמיין אבער איז די אידישע לאגע געוועזען דאן ערגער פון דער לאגע פון אנדערע ניט־מוסלימיישע פעלקער, און צוליעב די פערפאלגונגען פון די יאניטשארען איז זי טיילמאל געוועזען אונערטרעגליך. די דאזיגע מיליטער, וואס האט פערכאפט דעם רודער פון דער טערקישער מלוכה און געהאלטען און זיין האנד דעם אטאמאנישען טראן, האט בעזונדערס פערפאלגט די שוצלאזע אידען.

אזוי האט זיך דאס געצויגען ביז'ן ניינצענטען יאהרהונדערט, ווען טערקיי איז ארויף אויף'ן וועג פון רעפארמען. דעם 18טען יוני, 1826, איז פארגעקומען דער פאל וואס ווערט בעצייכענט אין דער טערקישער געשיכטע מיט'ן נאמען „וואקאי־חייריע" — „די גליקזעליגע געשעהעניש", ד. ה. די בלוטיגע פערניכטונג פון די יאניטשארען. מיט דיזער געשעהעניש הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער טערקישער געשיכטע — די עפאכע פון „תנזימאת" (טאנזימאט־רעפארמען), און אויך די אידישער לאגע, ווי די לאגע פון די רעיא בכלל, האט זיך אנגעהויבען צו פערבעסערען. מחמד דער צווייטער (1808־1839) האט נאך דער פערניכטונג פון די יאניטשארען, וואס האבען זיך פריהער אנטקעגען געשטעלט יעדען פערזוך פון פאליטישע ענדערונגען און רע־פארמען, אנגעהויבען איינפיהרען א נייעם ארדנונג אין מיליטער, אדמיניסטראציע און רעכטס־אינסטיטוטען אויף'ן אייראפעאישען שטייגער, און די „רעיא" זיינען ביס־לעכווייז אויסגעגליכען געווארען אין זייערע רעכט מיט די מוסלימער. די אידען האבען אויך פראפיטירט פון דער נייער ארדנונג, חאטש זיי האבען זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט צו דער אלטער פריווילעגירטער לאגע פון 15טען און 16טען יאהר־הונדערט. דער נאכפאלגער פון מחמוד'ן — דער סולטאן עבד־אל־מג'יד (אבדול־מעדזשיד 1839־1861) האט שוין פאלשטענדיג אויסגעגליכען די רעכטליכע לאגע פון „יאהודי מילעטי" (די אידישע נאציאן) מיט דער לאגע פון אנדערע פריווילעגירטע קריסטליכע נאציעס.

אלבערט כהן, דער ממונה איבער צדקה ביי ראטשילדען האט אין 1854 אויסגעאר־

אידישע גלייכ־בערעכטיגונג. בייט מיט'ן טערקישען גרויסוויזיר רעשיד־פאשא די פאלגענדע פארמולע בנוגע דער רעכטליכער לאגע פון אידען אין טערקיי: „א ל ע ר ע כ ט, פ ר י ו ו י ל ע־ג י ע ס א ו ן ה נ ח ו ת, ו ו א ס ז י י נ ע ן ג ע ג ע ב ע ן ג ע ו ו א ר ע ן א ד ע ר ו ו ע ל ע ן ג ע ג ע ב ע ן ו ו ע ר ע ן א י ר ג ע נ ד ו ו ע ל כ ע ר ק ר י ס ט ל י כ ע ר ג ע מ י י נ ד ע — ו ו ע ר ע ן ד ע ר מ י ט א ו י ך ג ע ג ע ב ע ן ד י א י ד ע ן". דער סולטאן האט די פארמולע בעשטעטיגט און איינגעפיהרט. שוין אין מאניפעסט (חאטי־שעריף) פון גיול־חאנע (1839) האט אבדול מעדזשיד אין דער אנוועזענהייט פון די אויסלענדישע אמבאסאדארען, פארשטעהער פון די קריסטליכע פעלקער און חכם באשי משה פרעסקו, ערקלערט זיין ווילען איינ־צופיהרען גלייכהייט צווישען אלע אונטערטאנען. נאך דעם עלילת דם אין דמשק (1840) האט דער סולטאן ארויסגעגעבען א פירמאן, וואו ס'ווערט ענטשידען אב־געלייקענט דער שרעקליכער בלוט־בלבול וואס די אידישע שונאים האבען אויסגע־טראכט. און אלע טערקישע בעאמטע ווערען בעפוילען צו שיצען אויף וועיטער די אי־דען געגען אזעלכע פאלשע בעשולדיגונגען.

§ 51. אין 1856 איז פערפעפנטליכט געווארען א צווייטער מאניפעסט, דער בע־וואוסטער „חט־המיון“ (חאטי־הומאיון), וואו ס'ווערען גענצליך אבגעשאפט די בע־זונדערע שטייערען פון די רעיא, און אלע אונטערטאנען אהן אונטערשיעד ווערט פער־זיכערט גלייכהייט פאר'ן געזעץ און געריכט. אין דעם צווייטען פונקט פון דיזען מאני־פעסט ווערען ווידער אמאל בעשטעטיגט אלע פריווילעגיעס און הנחות וואס זיינען אין פריהערדיגע צייטען געגעבען געווארען די ניט־מוסלימישע געמיינדעס. גלייכצייטיג ווערט יעדע געמיינדע אויפגעפאדערט צו שאפען א ספעציעלע קאמיסיע וואס זאל עק־זאמינירען אונטער דער אויפזיכט פון „דער הויכער פארטע“ איהרע אלטע פריווילעגיעס און צושטעלען א פראיעקט פון רעפארמען וואס זיינען נויטיג אז די רעכטע זאלען געבראכט ווערען אין הארמאניע מיט די מאדערנע לעבענס־בעדינגונגען.

אויף דיזער אויפפאדערונג האבען צוערשט די גריכען און דערנאך די ארמעניער אויסגעארבייט א נאציאנאלע קאנסטיטוציע, וואס איז בעשטעטיגט געווארען פון דער טערקישער רעגירונג.

אונארדנונג אין דער קהלה.

אין דער אידישער געמיינדע האט צו יענער צייט געהערשט א גרויסער אונארדנונג. אן דער שפיץ פון דער אידישער קהלה זיינען געשטאנען צוויי רבנים: א חכם־באשי, אלס וועלטליכער פארשטעהער און מנהיג, און א רב הכולל, אלס גייסטליכער פיהרער. קיין פעסטגעשטעלטען ארדנונג און פלאן פון נאציאנאלער פערוואלטונג האבען די אידען ניט געהאט, און דאס האט געבראכט צו פיעל אינער־ליכע רייסערייען און סכסוכים. צווישען די צוויי פיהרער און זייערע אנהענגער זיינען פארגעקומען גרויסע שטרייטיגקייטען. דער חכם באשי יעקב אביגדור און דער פרעזי־דענט פון ועד הגשמי אברהם קאמאנדא האבען געשטרעבט איינצופיהרען נייע ארד־נונגען און פערבעסערונגען אין דער פערוואלטונג פון דער געמיינדע, אבער דער רב הכולל און די ארטאדאקסען האבען זיך ענערגיש געגענגעשטעלט יעדער רעפארמע. דער קאמפף צווישען די צוויי עלעמענטען האט זיך שטארק צופלאקערט און איז ענדליך פארגעבראכט געווארען פאר דער רעגירונג. בשעת דער סולטאן איז צוגעפאהרען אין זיין שיף צו חאסקוי (א אידישער קווארטאל אין קאנסטאנטינאפאל) האבען זיך א מאסע אידען אויסגעשטעלט אויף'ן ברעג פון „גאלדענעם הארן“ און געשיקט א דעפוטאציע צום סולטאן אויפצוקלערען איהם וועגען די שטרייטיגקייטען. דער גרויס־וויזיר פואד־פאשא האט דאן צוזאמענגערופען א בעראטונג פון דריי גרויסע רבנים, זיי זאלען אויסגלייכען די סכסוכים. די קאמיסיע האט געגעבען רעכט דעם חכם־באשי און זיין פארטיי. אבער אין א קורצע צייט ארום האבען זיך די סכסוכים ווידער בעגייט. דאן (1863) האט די „הויכע פארטע“ מודיע געווען דעם אדריאנאפא־לער חכם־באשי יעקב גירון, אז די רעגירונג האלט פאר נויטיג איז די אידען זאלען. פונקט ווי די קריסטען, האבען א נאציאנאלע קאנסטיטוציע וואס זאל בעשטעטיגט ווערען דורך דער רעגירונג, און צוויי וועדים, איינער א וועלטליכער און איינער א גייסטליכער, זאלען ערוועהלט ווערען צו פערוואלטען די קהל'שע ענינים. דעם 25טען תמוז, 1279 (2טען יולי, 1863), האט דער סולטאן בעפוילען אין א ספעציעלע איראדע

קאנסטיטוציע פון „אידישער נאציאן“.

אז א קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון אידישע נאטאבלען, וועלטליכע און גייסט־ליכע, זאל אויסארבייטען א קאנסטיטוציע, לויט וועלכער ס'זאל שפעטער ערוועהלט ווערען א חכם־באשי. יעקב גירון וואס האט פארלויפיג פערנומען דעם פאסט פון דעם אראפגעזעצטען חכם־באשי האט בעשטימט א קאמיסיע צו פערפאסען די קאנסטיטוציע. די אויסגעארבייטעטע קאנסטיטוציע איז איבערגעגעבען געווארען די „הויכע פארטע“

און מיט איינִיגע ענדערונגען איז זי בעשטעטיגט געווארען פון סולטאן עבד־אל־עזיז (5 מאי, 1865), און אונטער'ן נאמען פון „חכם־חאנע ניזאם נאמעסי" איז זי אלס געזעץ פערעפענטליכט געווארען אין ערשטען באנד פון דסתור (אפיציעלע זאמלונג פון די טערקיִשע געזעצען). אין דער קאנסטיטוציע איז פעסטגעשטעלט געווארען די פער־וואלטונגס־סיסטעם פון דער „אידיישען נאציאן", און די פונקציעס פון איהרע ארגא־נען: דער חכם־באשי, דער אלגעמיינער נאציאנאלער רעאטה און די צוויי ועדים. ועד גשמי און ועד רוחני.

§ 52. לויט דיזער קאנסטיטוציע, וואס איז פערבליבען אין קראפט ביז היינטי־גען טאג אהן ענדערונגען, איז „דער חכם באשי דער שעף פון דער אידיישער נאציאן אין טערקיי" (אזוי לויטעט דער ערשטער פאראגראף פון דעם „ניזאם נאמע").

אמט פון חכם־באשי. דער חכם באשי איז ניט קיין רב וואס פסק'ענט שאלות, נאר דער פארשטעהער פון דער „אידיישער נאציאן" און דער פערמיטלער צווישען די אידען און דער „הויכער פארטע". ער פיהרט דורך אלע בעפעהלען פון דער רעגירונג וואס האבען צו טון ספעציעל מיט אידען און רעפרעזענטירט די ריין אידישע אינטערעסען ביי דער רע־גירונג. דער חכם באשי טאר אבער אליין, אהן דער צושטימונג פון די נאציאנאלע ועדים, ניט בעשליסען קיין זאך און ער האט אויך ניט דאס רעכט אבצוהאלטען א בע־שלוס פון די דאזיגע ועדים, סיידען דער בעשלוס איז געגען דעם געזעץ. בלויז אין א נויט־פאל, ווען ס'איז אונמעגליך צוזאמענצורופען דעם בעטרעפענדען ועד און די זאך איז דרינגענד, מעג דער חכם באשי האנדלען אויף זיינע אייגענע אחריות, אבער אויך דאן איז ער פערפליכטעט פארצוברענגען די זאך פאר דער ערשטער זיצונג פון ועד גשמי וואס דארף גוטהייסען זיין האנדלונג.

ערוועלונג. דער חכם באשי ווערט ערוועהלט דורך דעם נאציאנאלען ראטה (מידזשעליסי אומומי), וואס בעשטעהט פון 80 שטענדיגע מיטגליעדער פון קאנסטאנטינאפאל און 40 פארשטעהער פון די אידיישע קהלות אין אדריאנאפאל, סאלאניק, אזמיר (סמירנא), ברוסה, בגדד, אלכסנדריה, קאהירו, יפו, ירושלם (די דאזיגע 40 מיטגליעדער ווערען צוגעזעצט צום ראטה נור צוליעב די וואהלען).

אלס חכם באשי קען ערוועהלט ווערען נור א געבוירענער פון אטאמאנישע על־טערען. די ערוועהלונג פון חכם באשי דארף בעשטעטיגט ווערען פון דער הויכער פארטע.

בעשטעטיגונג. דער רעזולטאט פון די וואהלען ווערט פער'חתמ'עט איבערגעגעבען דער הויכער פארטע און דער ניי ערוועהלטער חכם באשי ווערט איינגעלאדען אין „חכם־האנה" (אזוי ווערט אנגערופען דאס הויז וואו דער אמט פון חכם־באשי געפינט זיך), וואו ער גיט אב עפענטליך א שבועה צו זיין געטריי צו דער אטאמאנישער רעגירונג, דער אידיישער נאציע און דער נאציאנאלער קאנסטיטוציע. דערנאך ווערט דער חכם באשי איינגעלאדען דורך דער הויכער פארטע צום סולטאן. א „בעראט" (א סולטאני־שער בריעף) ווערט פערעפענטליכט און פארגעלעזען אין דער הויכער פארטע אין דער אנוועזענהייט פון חכם באשי, די מיניסטארען און אידיישע נאטאבלען. אין „בע־ראט" ווערען אויסגערעכענט די רעכטע פון חכם באשי און ער ווערט בעשטעטיגט דורך'ן סולטאן אין זיין אמט: דאן ווערט דער חכם באשי אויפגענומען אין א ספע־ציעלער אודיענציע ביים סולטאן מיט פייערליכע צערעמאניעס, פונקט ווי ביי דער אנערקענונג פון א נייעם אמבאסאדאר פון א פרעמדער מלוכה.

מג'לס עמומי.

§ 53. דער חכם באשי איז בלויז דער רעפּרעזענטאַטיווער און אויספיהרענדער אָרגאַן פון דער „נאַציאָן". אַלע בעשלוסען און בעשטימונגען ווערען אָנגענומען דורך דריי פערשיעדענע ועדים, פון וועלכע דער העכסטער איז דער אַזוי־גערופענער מג'לס עמומי (מידזשעליסי אמומי) — גענעראַל־ראַטה. דער דאָזיגער מידזשעליס בעשטעהט פון 80 מיטגליעדער; 60 פּאַרשטעהער וואָס ווערען ערוועהלט פון די אידען אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל און אומגעבונג, און 20 רבנים וואָס ווערען בעשטימט דורך די 60 ערוועהלטע פאַרשטעהער. ביין אַלטען רעזשים האָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל געהערשט איבער'ן גאַנצען לאַנד, און די בעפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָדט האָט געהאַט ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס און הנחות. די קאָנסטיטוציע פון דער „אידישער נאַציאָן", וואָס איז דאַמאָלס פערפאַסט געוואָרען, האָט דעריבער איבערגעגעבען דעם גאַנצען מידזשע־ליס צו די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אידען, חאָטש דער גענעראַל־ראַטה פערוואַלטעט ניט בלויז די אינטערעסען פון דער אָרטיגער קהלה, נאָר די ענינים פון גאַנצען אָטאָ־מאַנישען אידענטום. די קהלות אין דער פּראָווינץ בעטייליגען זיך אין דעם „מג'לס־עמומי", ווי מיר האָבען געזעהן, נור ביי די וואַהלען פון אַ נייעם חכם באשי. און אַפילו דאַן — נור מיט אַ העלפט דעלעגאַטען — 40 פון גאַנצען לאַנד אַנטקעגען 80 פון דער הויפּטשטאָדט.

ווען נאָך דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע איז ערוועהלט געוואָרען דער יעצטיגער חכם באשי, חיים נחום, האָט ער פערשפּראָכען צו פערריכטען דעם אונרעכט און צו־פּאַסען די תקנות פון „דער נאַציאָן" צו די פאָדערונגען פון דעמאָקראַטיע. אין אייניגע יאָהר ארום איז אויסגעארבייט געוואָרען אַ מעהר דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציאָנס־פּראָיעקט, וואָס האָט געזאָלט פאַרגעבראַכט ווערען פאַר דער רעגירונג. דערווייל אָבער זיינען די פערבעסערונגען ניט בעשטעטיגט געוואָרען און ס'פיהרט זיך נאָך אַלץ לויט דער ערשטער קאָנסטיטוציע.

דער „מג'לס עמומי" פערזאַמעלט זיך איין מאָל אין יאָהר אונטער'ן פאָרזיץ פון חכם באשי אויסצואַרבייטען דעם נאַציאָנאַלען בודזשעט, בעשטימען די ארבייט פון „חכם חאַנע" און אויסצוהערען אַ דין וחשבון פון די צוויי שטענדיגע ועדים — ועד גשמי און ועד רוחני.

ועד גשמי.

דער ועד גשמי — אין טערקיש „מג'לס ג'סמאַני" (מידזשעליסי־דזשיסמאַני) בע־שטעהט פון 9 מיטגליעדער וואָס ווערען ערוועהלט דורך'ן מג'לס עמומי פון צווישען די 60 וועלטליכע מיטגליעדער אויף צוויי יאָהר. די ערוועהלטע דאַרפען בעשטעטיגט ווערען פון דער הויכער פּאָרטע. מיטגליעדער פון ועד גשמי מוזען קענען טערקיש און העברעאיש. „דער ועד גשמי פערוואַלטעט אַלע וועלטליכע און מאַטעריעלע אַנגעלעגענ־הייטען פון דער אידישער נאַציאָן": ער מאָנט אויף די נאַציאָנאַלע שטייערען, היט אָב די תקנות פון "חכם חאַנע ניזאַמנאַמעסי", קאָנטראָלירט די הכנסות און הוצאות פון נאַציאָנאַלען בודזשעט, טוט אכטונג אויף די פּראָווינציעלע קהלות, שיצט די פּער־מעגענס פון אידישע יתומים און הקדש. ער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן „מג'לס עמומי", און יעדעס יאָהר מוז ער איהם אָבגעבען אַ בעריכט פון זיין טעטיגקייט און פון די פינאַנסען.

ועד רוחני.

דער ועד רוחני — אין טערקיש „מג'לס רוחני" (מידזשעליסי רוחאַני), בעשטעהט פון 7 רבנים וואָס ווערען ערוועהלט פון צווישען די 20 רבנים וואָס בעטייליגען זיך אין „מג'לס עמומי". דער דאָזיגער ועד גיט אכטונג אויף די אידישע רעליגיעזע אַנגעלעגענ־הייטען, פּסק'ענט שאלות און משפּט אידישע בעלי־דינים לויט דעם אידישען דין אין

פראגען פון קדושין, מזונות, ירושה, צוואות און ד. ג. אין די אלע פראגען וואס געהען אריין אין דער קאמפעטענץ פון ועד רוחני — ווערט זיין פסק דין אויסגעפיהרט דורך די בעאמטע פון דער רעגירונג. אין קרימינעלע ענינים טאר זיך דער ועד רוחני ניט מישען, דער איינציגער שטראף וואס ער קען ארויסגעבען איז א ריין־רעליגיעזער — דער חרם. יעדער דאקומענט וואס ווערט ארויסגעגעבען מיט דער חתימה פון ועד רוחני בנוגע דעם ציווילען סטאטוס פון א אידען — ווערט אנערקענט אין אלע טערקישע גע־ריכטען אלס אפיציעלער דאקומענט.

§ 54. אין דער קאנסטיטוציע פון „חכם־חאנע“ איז ניטא קיין בעזונדערע פונק־טען וועגען דעם ארדנונג און פערוואלטונג פון די לאקאלע קהלות — אבער אין די מעהרסטע אידישע קהלות הערשט די זעלבע סיסטעם ווי אין דער פערוואלטונג פון „מילעט“. אן דער שפיץ פון דער קהלה שטעהט א חכם־באשי, וואס ווערט ערוועהלט פון די ארטיגע אטאמאנישע אידען און בעשטעטיגט פון דער רעגירונג און פון קאנ־סטאנטינאפאלער חכם־באשי, און ביי יעדען חכם באשי געפינען זיך צוויי וועדים. א ועד גשמי פון 7 מיטגליעדער און א ועד רוחני פון 3 רבנים. דער חכם־באשי רעפרעזענ־טירט די ארטיגע אידען פאר דער לאקאלער רעגירונג און בעטייליגט זיך (דירעקט אדער דורך א פערטרעטער) אין נאמען פון זיין געמיינדע אין דעם אדמיניסטראטיווען ראטה — אין דעם אזוי גערופענעם „מידזשעלים אידארע“ (§ 33) פון זיין שטאט.

אחוץ דעם האט יעדער אידשער קווארטאל (אין די גרעסערע שטעדט צו עטליכע, אין די קלענערע נור איינעם) א אידישען „מוחטאר“ מיט אנ׳אפיציעלען זיגעל, וואס גיט ארויס יעדען, ווען נויטיג, א צייגנים וועגען זיין אידענטיטעט, ציווילען סטאטוס, א. ד. גל. אין די שטעדט וואו אידען האבען עטליכע קהלות, אשכנזישע, ספרדישע, תימנ׳ישע, מערב׳ישע, א. ז. וו. (ווי דער פאל איז אין ירושלם) האט יעדע קהלה אנ׳אייגענעם מוחטאר.

די קהלה, סיי די צענטראלע, סיי די לאקאלע, האט אויך דאס רעכט איינצומאהנען שטייערען פון די מיטגליעדער און פערוואלטען מיט קהל׳שען פערמעגען.

לאקאלע קהלות.

דער הויפט שטייער איז די „נאציאנאלע אבצאהלונג“ — אין טערקיש „אעאנה־מליה“ (איאנעי־מיליע) — וואס געהט פאר דער אויסהאלטונג פון דער ביורא פון חכם באשי און די וועדים און אנדערע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען. די גרויס פון דעם שטייער איז פון איין פערטעל ביז דריי טערקישע לירעס א יאהר. דאס איז דער איינציגער דירעקטער שטייער פאר דער נאציאנאלער פערוואלטונג. אויסער דעם זיינען פאראן איניגע אונדירעקטע שטייערען: א טאקסע פון יעדען אפיציעלען דאקומענט בנוגע חתונה, געבורט, אידענטיטעט, א. ד. ג. וואס מ׳נעהמט ארויס פון דער ביורא פון חכם באשי פארצושטעלען אין די געהעריגע רעגירונגס אנשטאלטען, טאקסעס פון ווייז און קעז און פלייש, וואס רופט זיך „גאבעלא“.

נאציאנאלער שטייער.

§ 55. ווי מיר האבען געזעהן פון די פריהערדיגע פאראגראפען ווערען די אי־דען אין טערקיי פארמעל אנערקענט אלס א נאציאן, אדער ווי דאס טערקישע שטאאטס־רעכט רופט זיי אן „יהודי־מלתי“ (יאהודי־מילעטי) אדער „מלת־מוסויה“ (מילעטי־מוסאוויע) — „אידישע נאציאן“. אחוץ די רעכט פון האבען א צענטראלע נאציאנאל־רעליגיעזע זעלבסט־פערוואלטונג, האבען זיי אויך, פונקט ווי די אנדערע ניט־מוסלימישע פעלקער, דאס רעכט צו ערציהען און אונטעררריכטען זייערע קינ־דער אין דער נאציאנאלער שפראך. די אפיציעלע שפראך פון דער אטאמאנישער מלוכה איז, זעלבסטפערשטענדליך, טערקיש. אין דער שפראך ווערען

נאציאנאלע שפראך.

געפיהרט אלע פערהאנדלונגען אין פארלאמענט, רעגירונגס־אנשטאלטען און אויך דער אונטערריכט אין אלע שולען, וואס ווערען דירעקט אויסגעהאלטען פון דער רעגירונג, מיט דער אויסנאהם פון אראביש און פרסיש — די צוויי שפראכען וואס פערנעהמען אין טערקיי דעם ארט פון גריכיש און לאטייניש אין מערב אייראפא — און פראנ־צויזיש, וואס איז אין גאנצען אריענט די שפראך פון דער אינטעליגענץ און האנדעל — ווערען אין די רעגירונגס־שולען ניט געלערענט קיין אנדערע ארטיגע שפראכען. יעדעס פאלק האט אבער דאס רעכט צו גרינדען אויף׳ן אייגענעם חשבון עלעמענטארע און מיטעלע שולען מיט׳ן אונטערריכט אין דער אייגענער שפראך. און ווען די שולען האבען נור די זעלבע פראגראם פון די רעגירונגס־שולען און רעגיסטרירען זיך אין מיניסטעריום פון בילדונג — האבען זיי די זעלבע רעכט און פריווילעגיעס פון די לעצטע.

דאס טערקישע רעכט ערקלערט ניט העברעאיש פאר די נאציאנאלע שפראך פון די אידען אין טערקיי, פונקט ווי ס׳ערקלערט ניט וואס איז די אנערקענטע נאציאנאלע שפראך פון אנ׳אנדער נאציאן. יעדעס פאלק איז זיך אין דעם הינזיכט פריי אויסצו־קלייבען וואסערע שפראך עס וויל. בלויז אין איין פאל דערמאנט דאס טערקישע געזעץ בפירוש די העברעאישע שפראך אין צוזאמענהאנג מיט נאציאנאל אידישע ענינים, דער פאראגראף 43 פון דער אידישער קאנסטיטוציע („חכם חאנה ניזאם־נאמעסי“), פאדערט אז די מיטגליעדער פון ועד גשמי (מג׳לס ג׳סמני) מוזען זיין אנגעמבאר צו דער הויכער פארטע, בעליעבט ביי דער אידישער נאציע און א טייל פון זיי מוזען קאנען טערקיש און העברעאיש. דער פאראגראף 19 פון דער זעלבער קאנסטיטוציע פאדערט פון אלע קאנדידאטען פאר׳ן אמט פון מג׳לס עמומי (נאציאנאלען ראטה) — צו קאנען לעזען און שרייבען אין דער „שפראך פון די אידען“ („יהודי לסאני“) — ניט זאגענדיג אויסדריקליך וואסערע שפראך עס ווערט דערביי געמיינט.

העברעאישע שולען

די נאציאנאל־אידישע מיטעל שולען אין ארץ ישראל, וואו דער גאנצער למוד ווערט געפיהרט אין העברעאיש, ווי דער יפו׳ר גימנאזיום און דער בית־המדרש למורים (לעהרער־סעמינאר) אין ירושלם — האבען אלע רעכטען פון א טערקישע מיטעל־שולע, און זייערע תלמידים ווערען אנגענומען אין טערקישען אוניווערסיטעט צוגלייך מיט די תלמידים פון „אידאדיע“ אדער „סולטאניע“ (א טערקישע גימנאזיע).

ביבליאגראפיע צו דער דריטער אבטיילונג.

אין העברעאיש:

דברי ימי ישראל מאת צבי גראטץ, מתורגם עברית מאת שאול פנחס ראבינאוויטץ, כרך ששי ושביעי.

דברי ימי ישראל בתוגרמה — מאת אברהם רוזאנוס, ג׳ חלקים.

לקוטים שונים מספר „דבי אליהו“ מאת אליהו קפשלי ז״ל, (הוצאת אברהם לאטיש, פאדובא תרכ״ט).

ההנהגה העצמית בוליות מאת ד. בן־גוריון. (הוצאת „אחדות“, תרע״ז, ירושלם).

אין טערקיש:

موسوى خاخام باشيسى خايم ناخوم افندينك ماموريتنى متضمن بران عالى (دستورجديدجلد اول ٣٥١)

خاخام خانه نظامنامه سى (دستور جلد ثانى ٩٦٢)

مجموعهٔ لاحقهٔ قوانين

اراضى قانون نامه سى (دستور اول)

سالنامه ثروت فنون ١٣٢٦

אין פראנצויזיש:

Savvas Pacha: Etude sur la theorie du droit musulman. Paris 1892-1898.

Georg Young: Corps de droit ottoman. 7 vol. Oxford 1905-6.

A. Heidborn: Manuel de droit public et administratif de l'Empire Ottoman. Vienne-Leipzig 1908.

A. Heidborn: Les finances ottomans. 1912.

F. van den Steen de Jehay: De la situation legale des cujets ottomans non-musulmans. Bruxelles 1906.

V. Padel et L. Steeg: De la legislation fonciere ottoman. Paris 1904.

Isidor Loeb: La situation des Israelits en Turquie, en Serbie et en Roumanie. Paris 1877.

M. Franco: Historie des Israelits de l'Empire Ottoman. Paris 1897.

דריטע אַבטיילונג

געאָגראַפּיע.

א. די פאָרמען פון דער אויבערפלעכע.

לויט איהר געאָגראַפישען כאראקטער שטעלט ארץ ישראל מיט זיך פאָר די נאַ־
געאָגראַפישער כאראקטער.
טירליכע פאָרטזעצונג פון סיריען, מיט וועלכער זי גרענעצט זיך אין איהר גאַנצען צפון־טייל. ארץ ישראל האָט אָבער אויך איהרע בעזונדערע נאַטור־שטריכען, וועלכע אונטערשיידען זי פון די שכנ'ישע לענדער, און גיבען איהר צו אַן אייגענאַרטיגען כאראקטער.

אין די אור־אַלטע פאַר־היסטאָרישע צייטען, מיט צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען צוריק, איז דער באָדען פון ארץ ישראל און פון סיריען צושפּאָלטען און דורכגעבויערט געוואָרען, דורך וואולקאַנישע אויסברוכען, אין אונטעראירדישע היילען און טיעפע אַבגרונדען, סימנים פון די אַמאָליגע געאָלאָגישע קאַטאַסטראָפען.

די הויכע בערג פון לאַנד זיינען דורכגעשניטען מיט ברייטע טאָלען, וועלכע צו־טיילען זיי אויף בערג־גרופּען און הויכע עבענס (בערג־פלאַטאָ). דער גרויסער ס י־ר י ש ע ר ג ר א ב ע ן שניידט דורך דאָס גאַנצע לאַנד פון צפון ביז דרום. אין זיין נאָרד־טייל פליסען די טייכען אָראָנטעס (נהר אל עצי — על אדי), אין סיריען, און דער נהר־ליטאַני־קאַסימיע, וואָס טיילט אָפּ ארץ ישראל פון סיריען; אין זיין דרום־טייל, אין ארץ ישראל, לויפט אויף דעם גרונט פונ'ם סירישען גראַבען, אין דעם אַזוי־גערופענעם „עור“ (גהאָר) — דער ירדן, און צו דרום זייט פון איהם ציהט זיך די ערבה. דיעזער טאָל צוטיילט דאָס גאַנצע לאַנד אין דער לענג, פון צפון ביז דרום, אויף מערב־ארץ ישראל (פון דעם מיטעל־מעער ביז דעם ירדן) און אויף מזרח־ארץ ישראל (פון דעם ירדן ביז דעם סירישען מדבר), אָדער ווי מען רופט עס פערקירצט — עבר הירדן (טראַנס־יאָרדאַן־לאַנד).

די ביידע טיילען פון לאַנד זיינען פערשיעדען לויט זייער נאַטור און לויט דער פאָרם פון זייער אויבערפלעכע.

אין דעם מערב־טייל ציהען זיך בערג־קייטען איינע איבער דער צווייטער, מיט הפסקות, איבער דער גאַנצער לענג פון לאַנד. פון צפון ביז דרום און פון לבנון ביז די בערג פון מדבר־סיני. די העכסטע רוקענס פון די בערג, וועלכע רופען זיך „דער וואַ־סערשייד“ (דערפאַר ווייל זיי בילדען דעם גרענעץ צווישען די באַסיינען פון די טייכען, וואָס גיעסען זיך פון זייערע ביידע זייטען) ציהען זיך נישט אין רעכטען מיטען פון לאַנד, נאָר נעהענטער צו דעם ירדן־טאָל אַזוי, אַז קרוב צו דריי חלקים פון די בערג ליעגען צו מערב זייט, און נור איין פערטעל — צו מזרח־זייט פון דעם וואַסערשייד. דערפון נעהמט זיך, וואָס צו מערב־זייט לאָזען זיך די בערג אַראָפּ לאַנגזאַם און בהדרגה צום ים־צו, און בילדען דערביי ברייטע טאָלען. אין דער זעלבער צייט אָבער איז די אַראָפּנידערונג צו מזרח־זייט, און אויך צו דרום־זייט, גאַנץ משופּע און אָפּגעריסען, און שטעלט מיט זיך אָפּטמאָל פאָר טיעפע אַפּגרונדען.

דאס איז דאס אלגעמיינע בילד פון מערב־לאנד. דער מזרח־זייט פון ירדן שטעלט מיט זיך, דאגעגען, פאר א מעהר־איינארטיגען גרויסען בערג־פלאטא, אדער הויך־עבענע, וועלכע געהט איבער אין איהר מזרח־טייל אין א זאמדיגען מדבר, אדער פעלזיגע סטעפע. פון דיעזען פלאטא הויבען זיך ארויס הויכע בערג־שפיצען און קראטערס פון פערלאשענע ווולקאנען.

בשעת ווען פאליטיש און ארמיניסטראטיוו איז דאס לאנד צוטיילט אין דער ברייט, ד. ה. פון צפון צו דרום, געהט די געאגראפישע צוטיילונג פון ארץ ישראל, פערקעהרט, אין דער לענג, אדער פון מערב צו מזרח. דערביי שטעלט מיט זיך דאס לאנד פאר פיער פערשיעדענע טיילען: א) דעם פאס ביי דעם ברעג ים. ב) דעם בערג־געביעט אין מיטעל־לאנד, ג) דעם גרויסען ירדן־טאל און ד) די בערג פון עבר־הירדן מיט זייער פערענדיגונג אין דער סירישער סטעפע.

געאגראפישע צוטיילונג.

א) דער טאל ביי דעם ברעג ים ציהט זיך איבער דער גאנצער לענג פון לאנד, אנפאנגענדיג פון דעם געביעט פון פיניקיען אין צפון זייט, ביז דעם עקסטרעמען דרום. אין צפון איז דער פאס גאנץ שמאל, אונגעפעהר איין מייל די ברייט. אזוי ציהט ער זיך אויף 13 מייל, פון דעם מויל פון קאסימיע ביז דעם ראש־הלבן, אדער ראס־אל־ אביין (ראס־על־אביאד). א מערקווירדיגען פונקט שטעלט מיט זיך פאר דער האלב־אינזעל פון דער בעריהמטער אלטער פיניקישער קרוינשטאדט צור, וועלכער רייסט זיך ארײַן אויף א מייל אין ים אריין און איז מיט א שמאלען האלז פעראייניגט מיט דער יבשה. צו דרום־זייט לאזען זיך אראפ די „טערראסען (טרעפ) פון צור“ (סולמת־צור).

נאך א קלײנער הפסקה צווישען ראס־אל־אביאד און ראס־אל־נקורא, ברייט זיך דער טאל אויס ביז 4 מייל (6.4 קילאמעטר) אין דער ברייט און 12 מייל (19,3 קילאמעטר) אין דער לענג, צווישען ראס־אלנקורא און דער שטאדט עכו. די געגענד איז פערפלאנצט מיט פערשיעדענע ביימער און פרדסים. צווישען עכו און חיפה ציהט זיך דער עמק־עכו, 9 מייל די לענג (14,5 קילאמעטר). זיין ברייט גרייכט ביז 8 מייל. דורכשניטליך דארף מען אבער רעכנען 5—6 מייל (8—10 קילאמעטר).

נאך א קלײנער הפסקה לעבען חיפה, וואו די כרמל־בערג גרייכען אויף 200 יארד נאהענט צום ים, ברייט זיך דער טאל ווידער אויס צו דרום־צו, באלד נאך עתלית (אטליט), ביז 2 מייל (3,2 קיל.), איון די דאזיגע ברייט האלט ער אן ביז נהר־זרקא, ד. ה. אויף א שטרעקע פון 12 מייל. דא, ביי דיעזען טייך ענדיגט זיך די בערג־קייט פון כרמל, וועלכע האט זיך געצויגען גאנצע 21 מייל, און עס עפענט זיך פאנאנדער דער ברייטער טאל פון שרון, וועלכער ציהט זיך פון דאנען צו דרום, ביז דעם נהר־רובין, אויף גאנצע 44 מייל, אדער 70.8 קילאמעטער אין דער לענג. די ברייט פון דעם שרון איז פערשיעדען: פון אנהויב, ארום קסריה איז ער 8 מייל (12,8 קילאמעטר), זעקס מייל צו דרום־צו ברייט ער זיך אויס ביז 10 מייל און לעבען יפו האלט ער שוין 11—12 מייל (19 קילאמעטר). דיעזער טאל איז אבער ניט אימער פלאך. צוויי שורות בערג־לאך שניידען איהם איבער, צווישען די באסיינען פון דעם נהר־אסכנדרונה און ירקון, און צווישען דעם ירקון און דעם נהר־רובין (די רמלה׳ר בערגלאך).

די לעצטע רייהע בערגלאך בילדעט מיט זיך דעם גרעניץ צווישען דעם שרון און דעם עמק־פלשתים, אדער שפלה. דער ברעג פון ים ארום דיעזען עמק ציהט זיך פון לעבען נהר־רובין ביז דעם עגיפטיישען גרעניץ אין ראפיא אויף 52 מייל (85 קיל.).

די שפלה בעשטעהט פון איינצעלנע עבענעס, דורכגעשניטען מיט נידעריגע בערגלאַך, וועלכע וועקסלען זיך ווידער מיט טאָלען.

וואדי'ס

דער ברעג־פאַס האָט א גוטען פרוכטבאַרען באָדען (גענויער וועגען דעם אין קומענדיגען קאַפּיטעל). צו מזרח זייט פון דעם פאַס ציהען זיך הויכע בערג און בערג־עבענעס, פון וועלכע עס לאָזען זיך אראָפּ טייכען און „וואדים“ וואס שניידען דורך די טאָלען ביים ברעג ים און בעוואַסערען זיי רייך. מיט דעם נאָמען „וואדי“ (וועלכער ענטשפּרעכט דעם העברעאישען „נחל“) הייסען אין אראביש די טיעפע טייך־גרונטען וואס ווערען ווינטער־צייט אַנגעפילט מיט וואַסער־שטראָמען, און בילדען שטורמיגע ווינטער־טייכען; זומער־צייט ווערט דאָס וואַסער אין די וואדי'ס בעדייטענד קלענער און אייניגע וואדי'ס ווערען אין גאַנצען אויסגעטריקענט, בעזונדערס אין זייערע אויבערשטע טיילען, אין די בערג. דער עמק איז אָבער רייך מיט וואַסער דור'ן יאָהר, אפילו אין די גרעסטע היצען.

טייכלעך

דאָ וועלען מיר אויסרעכענען בלויז די נעמען פון די וויכטיגסטע טייכען און וואדי'ס, וועלכע בעוואַסערען דעם עמק (גענויער וועגען זיי — אין דעם פאָלגענדען קאַפּיטעל). אויף דעם צפון־גרענעץ פליסט דער נ ה ר ־ א ל ־ ל י ט א נ י וועלכער טראָגט אויך דעם נאָמען נ ה ר ־ א ל ־ ק א ס י מ י ע: עטליכע וואדי'ס שניידען דורך דעם פיניקישען טאָל, און צווישען עכו און חיפה לויפען דער ש י ח ו ר ־ ל ב נ ת און דער היסטאָרישער נ ח ל ־ ק י ש ו ן. די וויכטיגסטע טייכלעך צווישען די בערג פון כרמל און יפו זיינען: דער נהר־אלזרקא אָדער נ ה ר ־ ה ת נ י נ י ם, וואדי דיפלה*) און נהר־אל־מופדזשיר; דאָ געפינט זיך איינע פון די גרעסטע און בעדייטענדסטע אידישע קאָלאָניעס, חדרה, ווי אויך די נייע פאַרם כרכור. דאַן געהען דער נהר אסכנדרונה, דער נהר־אל־עוג'ה (אַאודזשע) אָדער דער ירקון, וועלכער בעוואַסערט די גרעסטע פרדסים אין דער אומגעגענד. צו דרום זייט פון דעם טייך ליעגט די גרעסטע און עלטסטע אידישע קאָלאָניע, די „מוטער“ פון די קאָלאָניעס — פתח תקוה. מיר האָבען שוין דערמאָנט דעם וואדי־רובין, אויפ'ן דרום פון שרון. דאַן געהט דער נהר־סוכרייר און וואדי־עזה אין דעם עמק פלשתים, אָדער שפלה. אין דער געגענד פון שרון און שפלה געפינען זיך אַלע וויכטיגסטע קאָלאָניעס פון יהודה: ראשון־לציון און רחובות, וואדי־חאנין און גדרה, עקרון און קאסטיניה, די פאַרם מקוה־ישראל און די נאַציאָנאַל־פאָנד־פאַרם „בן־שמן“ ביי דער אַלטער לוד, די פאַרב רוחמה אין נגב, ווי אויך די נייע ארבייטער ־דערפלעך ארום די אלטע קאָלאָניעס.

ב) ד ע ר צ ע נ ט ר א ל ע ר ב ע ר ג ־ ג ע ב י ע ט פאַנגט זיך אָן פון דעם ל ב נ ו ן (ליבאַן, דזשעבל־ליבנאַן) און דעם מ ו ל ־ ל ב נ ו ן (אַנטי ליבאַן; דזשעבל־שערקי). די העכסטע שפּיצען פון לבנון, וועלכע דערגרייכען ביז צעהן טויזענד פוס, געהערען אייגענטליך צו סיריען, ניט צו ארץ ישראל. אין דעם דרום טייל פון לבנון, וואו ער גרענעצט זיך מיט א"י, איז ער נידעריגער, און זיינע העכסטע שפּיצען דערהויבען זיך בלויז ביז 1700—1850 מעטער (5600—6100 פוס). דער מול־הלבנון איז, פערקעהרט, אין דרום־זייט העכער ווי אין צפון. דאָ געפינט זיך זיין אבצווייגונג און פאָרטזעצונג — דער ח ר מ ו ן (וועלכער טראָגט נאָך אייניגע נעמען: שניר, שיאון), מיט זיין אייביגען שניי־שפּיץ (9050 פוס די הויך), צוליעב וועלכען ער הייסט אויף

*) צו צפון פון דיפלה ליעגט טאנטורה, דאס איז די אלטע דור, מיט נייע רואינען פון באַר, ראטשילדס אונגעלונגענעם פערזוך צו גרינדען א גלאָז־פאַבריק.

טור־תלגא, און אין אראביש „דזשעבל־אל־שייך“ (ד. ה. דער בארג, וואס איז עהנליך צו
א גרוי־ווייסען שייך, זקן). די ביידע בערג־קייטען, דער לבנון מיט דעם מול־הלבנון. בקעת הלבנון
זיינען פאנאנדערגעטיילט דורך א פרוכטבארער עבענע, בקעת־הלבנון,
וועלכע איז בעקאנט אין דער געשיכטע אלס „קעלעסיריען“*). אויף דעם גרונד
פון דיזער „בקעה“ פליסט דער טייך ליטאני־קאסימיה, וועלכען מיר האבען שוין אויבען
דערמאנט. אין איהר דרום טייל געהט די בקעת־הלבנון אריבער אין דעם פלאטא
עמק־עיון וועלכער ציהט זיך פון די בערג גבל־אלטהר (דזשעבל־עד־דאהאר) עמק עיון
צווישען די טייכען ליטאני און חצבני (חאסבאני), און ווערט ברייטער צו דרום זייט.
דער בארען פון דער עבענע עמק עיון (אין אראביש: מערדזש־עיון) איז פון א וואולקא־
נישער אבשטאמונג און צייכענט זיך דעריבער אויס מיט זיין פרוכטבארקייט. דא גע־
פינט זיך די נארדליכסטע אידישע קאלאניע מטולה. צו מערב־זייט לאזט זיך די עבענע



בילד 11.

דער בארג חרמון, ווי ער זעהט אויס פון דעם דארף ראשיה.

אראפ משופע’דיג. עטליכע וואדים לאזען זיך ארונטער צו צפון זייט און בילדען איי־
ניגע עבענעס, וועלכע זיינען געדיכט בעארבייט און בעפלאנצט. צו מזרח זייט ער־
הויבט זיך דער חרמון. פון זיינע זייטען שלאגען ארויס די קוואלען פון ירדן, לעבען גליל העליון
חצביא, ווי אויך די מערות־פמייס אדער באניאס (אויף דער הויך פון 1080 פוס איבער
דער ים־פלעכע).

אין דרום־מזרח זייט לאזט זיך דער עמק־עיון אראפ צו דעם ירדן און צו דעם טאל
חולה, און אין דרום־מערב זייט געהט ער אריבער אין די בערג פון נפתלי (הרי נפתלי).

* אין גריכיש: קאילה סוריא, ד. ה. די דורכגעבויערטע, ליידיגע סיריען.

וועלכע שטעלען מיט זיך פאר הויכע פלאטא׳ס מיט איינציגע שפיצען. דער העכסטער פון זיי איז דער עצמון (דזשעבל־דזשערמאק), צו צפון־מערב פון צפת (1199 מעטער — 3934 פוס). פיעלע עבענעס צווישען די בערג זיינען בעדעקט מיט פרוכט־בוימער און פעראקערט. בכלל זיינען די בערג אין מערב־טייל און אין צענטער בעססער בעארבייט ווי אין מזרח טייל. פערשיעדענע וואדיס פאנגען זיך אן פון דיעזע בערג, א טייל פון די וואדיס לאזען זיך אראפ צו מערב, די וויכטיגסטע אבער ציהען זיך צו מזרח, צו דעם טאל חולה, מי־מרום און כנרת (ווי צ. ב. ש. וואדי עאובה—הינדאדזש, וואדי־מועדמיה און וואדי טאוואחין). צווישען די וואדיס צו מזרח זייט שפרייטען זיך אויס צוויי טעראסען: די בקעת קדש און די חולה.

מיט די הרי־נפתלי הויבט זיך אן דער גליל, וועלכער ווערט איינגעטיילט אויף צוויי טייל: דער גליל־העליון (אויבערשטער גליל) און דער גליל־התחתון (אונטערשטער גליל). דער גרענעץ צווישען די ביידע טיילען פון גליל געהט לויט א ליניע, דורכגעפיהרט צווישען דעם צפון־זייט פון ים־טבריה, פארביי כפר־חנניה און דעם דארף כבול ביז עכו. צו דרום זייט פון דער ליניע פאנגען זיך אן די בערג פון גליל־התחתון, גליל התחתון וועלכע זיינען נידעריגער פון דעם גליל־העליון, מעהר צושפרייט און דורכגעשניטען מיט ברייטע טאלען און עבענעס. דא געפינט זיך, למשל, די בקעת בית־נטופה (סאהל אל באטוף) אדער דער עמק־זבלון, וואס האלט 9 מייל די לענג אויף צוויי מייל ברייט און איז בעריהמט מיט זיין פרוכטבארקייט. צו דרום זייט געפינט זיך א קלענערער, אבער ניט וויניגער פרוכטבארער פלאטא פון תרען (טוראן), ניט ווייט פון דער אידישער קאלאניע און פארם סעדזשערא. דער עמק־זבלון איז דורכגעשניטען מיט דעם וואדי חמאם, וואס לאזט זיך אראפ אין ים־כנרת. צו מערב־זייט פון דעם עמק הויבען זיך אויף די בערג פון שפרעם (שפא־עמר), צו מזרח זייט ליעגט איינע פון די פרוכטבארסטע געגענדען אין ארץ ישראל — די סאהל־אל־אחמא, וועלכער איז דורכגעשניטען מיט׳ן וואדי פעדזשאס. ניט קוקענדיג אויף איהר פרוכטבארקייט איז די געגענד ביז ניט לאנג געווען פערלאזען. א בעדואינישער שבט פלעגט בלויז בענוצען עס פאר זייען גערשטען. נאר מיט עטליכע יאהר צוריק איז דא ענטשטאנען א ישוב. זינט יק״א האט געגרינדעט די קאלאניעס פון גליל־התחתון. (יעמא, בית־גן, און ניט ווייט דערפון אויך מסחה און מלחמיה).

פיעל שפעטער האט דער אידישער נאציאנאל פאנד דא געגרינדעט זיינע פארמס און די ארבייטער־גרופען, און די אמעריקאנער „אחזות" האבען אויך אנגעהויבען קאלאניזירען דיעזע געגענד.

די עבענע פון שפרעם דערנעהנט זיך צום כרמל; ניט דערגעהענדיג צו איהם בקעת שפרעם טרעט זי אפ דעם וועג פאר דעם וואדי אלמלך און נחל קישון, וועלכע פעראייניגען, אויף אזא אופן, דעם עמק עכו מיט דעם עמק יזרעאל. די אומגעגענד איז בעדעקט מיט א געדיכטען וואלד, וועלכער ציהט זיך אויף גאנצע פערציג מייל, די איבערזיגע פעלדער צווישען די וואדיס זיינען דורכאויס בעארבייט.

דער כרמל שטעלט מיט זיך פאר אן איינזאמע בערג־קייט, אפגעריסען פון דער כרמל די איבעריגע בערג פון גליל; זיין הויפט־רוקען ציהט זיך פון דרום־מזרח צו צפון־מערב אויף אונגעפעהר 12 און א האלב מייל. איינער פון זיינע העכסטע פונקטען איז די מחרקה (1.400 פוס), ד. ה. דער ארט פון ברענען, דאס איז דער ארט וואו אליהו הנביא האט, לויט דער ביבלישער לעגענדע, פערברענט זיין קרבן אויף א פייער פון הימעל. די „מחרקה" איז א זעלטענער פונקט, פון דאנען קאן מען זעהן דאס גאנצע

לאנד, פון דעם חרמון, פון צפון זייט, ביז די ווייטסטע טיילען פון שרון. אין א קלארען טאג זעהט מען די מחרקה אזש פון יפו.

אויף די אפצווייגונגען פון כרמל געפינט זיך איינע פון די עלטסטע און גרעסטע אידישע קאלאניעס — זכרון יעקב, מיט איהרע קלענערע „טעכטער“ — שפיה, אם־אל־ג'מאל, שוני און עתלית.

עמק יזרעאל

דער עמק יזרעאל, אדער „מערדזש אבן אמר“ (דער טאל פון דעם זוהן פון „אמר“, ד. ה. עמרי מלך ישראל) איז איינער פון די מערקווירדיגסטע טאלען אין ארץ ישראל. ער האט די פארם פון א אונרעגעלמעסיגען דריי־עק צווישען די בערג תבור, גלבוע, שמרון און כרמל. תבור (דזשעבל טור) דערהויבט זיך איינזאם מיט זיין רונדען שפיץ אין צפון זייט פון דעם עמק (562 מעטער — 1843 פוס). אין דער



בילד 12

יזרעאל, דער בארג גלבע און בית־שאן.

בדייט ציהט זיך דער עמק אויף 9 מייל אדער 14,5 קילאמעטער (פון מגדו ביז דעם דארף יזרעאל), און אין דער לענג גאנצע 14 מייל, אדער 22,5 קילאמעטער (פון ג'נין ביז ג'ג'גאר, דזשינדזשאר). דער באדען איז פון וואולקאנישער אבשטאמונג, און האט גענוג וואסער. ווינטער בילדען זיך אין איהם זאגאר זומפען, זומער אבער גיסען זיך אפ די וואסערען דורך פיעלע וואדים ווי צ. ב. דורך דעם קישון אין מערב־זייט און נהר־ג'לוד (דזשאלוד) צו מזרח זייט. אין די אמאליגע צייטען איז דער עמק יזרעאל געוועזען גוט בעארבייט און גערינט בעזעצט. מיט דער צייט איז ער אבער פערלאזען געווארען. די פעלאחען פלעגען איהם בעארבייטען נור טיילווייז, ארום די בערג, און זיין גרעסטען טייל איז אבער דער עמק געבליבען אלס פאשע פאר די וואנדערענדע בעדואינער שבטים. נאך די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאהר ווען די זיכערהייט אין

געווארען שטארקער, האט מען איהם ווידער גענומען בעארבייטען. אידען האבען זיך אבער אנגעהויבען ערשט בעזעצען אין עמק גאר די לעצטע צייט. (די קאלאניע מרחביה און די ארבייטער־קבוצה תל־עדש).

פון מזרח זייט ציהט זיך א בערג־עבענע מיט איינינע וואדי'ס (וואדי אל בירה, וואדי אל ג'אלוד), וועלכע פאלען אריין אין ירדן, און צו דרום זייט פון דעם לעצטען וואדי פאנגט זיך אן דער עמק פון ב י ת ־ ש א ן. צו מערב פון בית שאן געהען די בערג ג ל ב ו ע (פוקועא), וועלכע זיינען בעריהמט מיט דעם העלדישען טויט פון שאול'ן און יהונתן, דאן קומט דער שפיץ ג'בל ד א ה י , אדער קליין־חרמון. צו מערב זייט פון יזרעאל ציהען זיך די עבענעס פון ערבה, בילאד רוחא און שייך אסכאנדר, וועלכע זיינען רייך מיט פלאנצונגען און מיט וואסער.

דאס איז שוין דער אמאליגער געביעט פון א האלבען שבט מנשה און פון אפרים, די שפעטערדיגע בערג פון שמרון. די וויכטיגסטע פון די בערג געפינען זיך זידליכער, דאס זיינען די בערג פון ברכה און פון קללה, ג ר ז י ם (דזשעבל עט־טור) און ע י ב ל (דזשעבל עסלאמיע); דער לעצטער, דער נארדליכער, איז העכער — (3077 פוס אדער 938 מעטר), דער ערשטער — נידעריגער (2849 פוס, אדער 868 מעטר). דער הר עיבל איז נאקעט פון בוימער, דער הר־גרזים האט אבער ארום דעם קוואל „ראס אל עין", אויף די אבהאנגען פון בארג, שעהנע גערטנער. צווישען דיביידע בערג איז א לאנגע, אבער שמאלע עבענע, די ב ק ע ת ס ו כ ר (וואדי־אסקער), אדער דער עמק פון שכם, וואו עס ליעגט די אלטע היסטארישע שטאדט. דער עמק איז גוט בעוואסערט. די שטאדט שכם צעהלט ביז 32 וואסער־קוואלען, — און אלע סארטען פון די א"י'דיגע בוימער וואקסען אין דער געגענד. די מערב־בערג לאזען זיך אראפ צום עמק הירדן און פערשיעדענע וואדי'ס שניידען זיי דורך (וו. אל־שובאש, וואדי אל־מאליח, וו. אל־פארעא, וו. אל־מלחא). צווישען דיעזע בערג, צו צפון, געפינט זיך א געשלאסענער טאל „מ ע ר ד ז ש א ל ־ ח ו ר ו ק", וועלכער האט קיין אויסגאנג ניט פאר זיינע וואסערען, דערפאר פערוואנדעלט ער זיך ווינטער־צייט אין א גרויסען זומפיגען באך (אזערא). דער אבהאנג צו מזרח־צו צום ירדן איז משופע'דיג, אין מאנכע פלעצער לאזט ער זיך אראפ פון 2600 פוס הויך אויף א שטרעקע פון 6 מייל (צ. ב. ש. ראס אבזיק — ב ז ק).

שמרון א לאנגער, פערצווייגטער וואדי — ו ו א ד י ד י ר ־ ב א ל ו ט — דרעהט זיך צווישען די בערג פון ש מ ר ו ן און פון י ה ו ד ה, און טיילט אפ די ביידע געביעטען. צו דרום זייט פון דעם וואדי הויבען זיך אן די ה ר י ־ י ה ו ד ה (די בערג פון יהודה). די בערג ווערען העכער, שטיילער, די טאלען טיעפער, ווילדער. פאר וויסענשאפטליכע אויסמעסטונגען שטעלט דיזע געגענד פאר די גרעסטע שוועריג־קייטען. אין איינינע ערטער זיינען די בערג אזוי שטייל, אז מען קאן זיי ניט בעאר־בייטען; אין אנדערע ערטער זיינען ווידער געמאכט געווארען טעראסען, וואו עס וואקסען אליווען, פייגען, טרויבען און אנדערע פלאנצונגען. דאס צייגט, אז ביי ראַ־ציאנאלער בעארבייטונג קאנען אלע בערג פערפלאנצט ווערען מיט פרוכט בוימער. קיין שטענדיגע פליסענדע טייכען זיינען ניטא, אבער איינינע ערטער צווישען די בערג זיינען רייך מיט קוואלען, ווי צ. ב. ש. אין דער אומגעגענד פון חאן־לובאן.

דער העכסטער פונקט פון די הרי־יהודה איז ת ל ־ ע צ ו ר אדער בעל־חצור (3316 פוס אדער 1011 מעטר). פון דאנען ציהט זיך די וואסערשייד־ליניע דורך ביריע (2920 פוס) ביז משארף, ביי איין מייל פון ירושלים (2700—2600 פוס די הויך). פון

די בערג לאזען זיך אראפּ צום ירדן פיעלע וואדי'ס, די וויכטיגסטע פון וועלכע עס זיינען וואדי אל־ אאודזשע (ניט צונויפמיישען מיט דער אודזשע־ירקון ארום יפו!), דער וואדי פּארא (אין העברעאייש: נחל־פּרת) און דער וואדי קלת (קעלט), וועלכער איז, וואהרשיינליך, דער זעלבער וואס נחל־כרית, וואו אליהו הנביא האט זיך אויס־בעהאלטען פון איזבל'ן, און די פויגלען פון הימעל האבען איהם, נאך דער לעגענדע, געקארמעט מיט פלייש.



בילד 1[illegible]

דער וואדי־קעלט, צו מזרח זייט פון ירושלם, אין דער ריכטונג פון יריחו.

ירושלים איז ארומגערינגעלט מיט בערג און מיט וואדים. די צפון און מערב־בערג ערהייבען זיך אויף 2680 פוס — 817 מיטער (מצפה — אויף גאנצע 2939 פוס — 896 מיטער). די דרום־בערג (לעבען מאנטעפיארעס הייזער) אויף 2440 פוס (744 מעטר), די מזרח־בערג (הר־הזתים) — 2.623 פוס — 800 מעטר. פון מערב־זייט הרי יהודה

שטאָרט לויפט פאַרביי דער ודי־בית־חנינא, פון מזרח — דער „ע מ ק ־ י ה ו ש פ ט“ אָדער דער נ ח ל ק ד ר ו ן (ואדי אל־נאר) וועלכע ציהט זיך דורך בית־לחם צום ים המלח. אין דרום זייט ליגעט דער ע מ ק ־ ר פ א י ם אָדער אל־בוקיעה, צוויי מייל די לענג און איין מייל די ברייט. דאַן, צו דרום זייט פאַנגען זיך אָן די הויכע בערג פון חברון, פון וועלכע טיעפע וואדי'ס לאָזען זיך אראָפּ צום ים המלח.

א גאַנצע סיסטעם פון גרעסערע, פערצווייגטע וואדים ציהט זיך צו מערב זייט פון דעם וואסערשייד. דער וואדי בית חנינא פערוואַנדעלט זיך אין א ברייטען טאָל נאָכדעם ווי ער געהט פאַרביי ליפתא (מי־נפתוח), דאַן — פאַרביי דער אידישער קאָלאָניע מ ו צ א, און דעם דאָרף עין־כרם. דאָ פאַרקערט זיך דער וואדי צו מערב זייט און בעקומט דעם נאָמען נ ח ל ־ ש ו ר ק, וועלכען מיר האָבען שוין אויבען בעגעגענט. צווישען די בערג פון יהודה טרעפען זיך נאָך איינ[יג]ע קלענערע עבענעס, ווי ביתוניה, גוב, (דזשיב), אל־רם (עררא[ם]). וואסער־קוואלען זיינען דאָ זעהר ווענ[יג] און די בעפעלקערונג מוז זיך בענוצען הויפּטזעכליך מיט די ווינטערדיגע רעגענוואסער, וועלכע זי קאָנסערווירט אין בורות און ציסטערנען. דער באָדען פון די בערג איז אָבער כמעט דורכאויס גינסטיג פאַר אָליווען און אנדערע פרוכטבוימער וואס פאָדערן ניט קיין בעוואסערונג, בעזונדערס אין דער אומגעגענד פון ערקוב און ארום חברון. דער פּלאַטאָ פון יהודה לאָזט זיך אראָפּ צו מערב זייט, צו דעם שרון און שפלה, גאַנץ שטייל אויף א שטרעקע פון 9 מייל.

דער הויפּט־דורכגאַנג פון די בערג אין די טאָלען געפינט זיך צו צפון זייט פון דער אייזענבאהן־ליניע יפו־ירושלם, דאס איז דער ב א ב ־ א ל ־ ו ו א ד (דער טויער פון די טאָלען), דורך וועלכען עס לויפט דער שאָסעע־וועג. אויף די בערגלעך פון יהודה צווישען דעם שאָסעע און צווישען דעם אייזענבאהן געפינען זיך די אידישע קאָלאָניעס ארטוף, כפר־אוריה און די אידישע נאַציאָנאַל־פאָנד פאַרם חולדה.

חברונ'ער בערג

די העכערע שפּיצען פון די חברונער בערג דערגרייכען ביז 3.343 פוס לעבען ח ל ח ו ל. דאָ, אין חלחול, פאַנגען זיך אָן צוויי גרויסע וואדים: דער וואדי סיעיר (סיאַ'איר) ציהט זיך צו מזרח־צו, דער אנדערער — צו מערב זייט, און דרעהט זיך איבער'ן גאַנצען נגב. דיעזער וואדי טראָגט אין פערשיעדענע ערטער פערשיעדענע נעמען, ווי צ. ב. ש. וואדי חוליל (נחל־חברון) און וואדי סבע (נחל־שבע). זיין גאַנצער קורס ציהט זיך אויף 65 מייל, מיט א ירידה פון 3000 פוס. צו דרום זייט פון חברון געפינט זיך אויך דער נ ח ל ־ א ש כ ו ל, וועלכער איז נאָך גוט בעקאַנט פון דער תורה. די גאַנצע אומגעגענד איז זעהר פרוכטבאר, בעזונדערס דער ע מ ק ה א ל ה (וואדי אסלונט), וואָס לאָזט זיך אראָפּ צום עמק פּלשתים.

צו מזרח־זייט זיינען די בערג־זייטען גוט פאַר פּאַשע און פאַר תבואה, אונטען אָבער, ביי דעם ברעג פון ים־המלח פאַנגט זיך אָן א וויסטע סטעפּע, דער י ש י מ ו ן, וועלכע ווערט דורכגעשניטען מיט איי[נ]יגע וואדים (וואדי אלתעמרה, וואדי דראַג'ה). צו דרום זייט הויבט זיך אָן דער נגב, וואס עס הייסט א ט ר ו ק ע נ ע ר ג ע ג ע נ ד, און נאָך זידליכער — דער אמאָליגער געביעט פון א ד ו ם .

דער נגב און אדים

דער געגענד צווישען באר־שבע און עזה ווערט בעארבייט דורך די בעדואינער, הויפּטזעכליך מיט גערשטען. זידליכער דערפון פאַנגט זיך שוין אָן דער מדבר, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר א פּלאַטאָ, דורכגעשניטען מיט וואדים. זעלטען וואו עס גיט זיך אויס א פּאַסענדער פּלאַץ פאַר ווייען, וואו מען זאָל קאָנען האָפען אויף א ערנטע (צ. ב. ש. לעבען חאַלאַסא און רוחייבא — דער אלטער רחובות פון יצחק'ן). דערפאַר

אבער געפינט מען איבעראל דייטליכע סימנים פון אמאליגער קולטור. אין די אלע וואדים און טאלען זיינען געבליבען ווענט פון אמאליגע טעראסען, אפטמאל פארקענס פון גערטנער און אפילו רואינען פון גאנצע דערפער. אזעלכע רואינען געפינט מען אויף דער גאנצער לענג פון טערקיש־עגיפטישען גרענעץ אויף דעם וועג פון רפיח (ראפיא) ביז עקבה (אקאבא): אין וואדי אל־חפיר, אין וואדי אל עין, וואדי אביאץ (אביאד) און וואדי חאראיסא. מר. לאורענס, וועלכער האט דעם געגענד גרינדליך אויסגעפארשט אין יאהר 1914, דענקט אז די קלימאטישע בעדינגונגען האבען זיך פון אמאל ביז היינט בשום אופן ניט פערענדערט צום שלעכטען. אמאל איז אבער די גאנצע געגענד געוועזען א פלאץ פאר דעם גרויסען וועלט־האנדעל, וועלכער איז אנגעגאנגען פון איירָאפא מיט כינא, אינדיען און פערסיען — דורך דיביידע ימים פון ארץ ישראל: דעם מיטעלמעער און דעם ים־סוף. פונקט ווי אין די צייטען פון שלמה־המלך און פון יהושפט מיט אחאב'ען, אזוי איז אויך געוועזען שפעטער, אין דער רוימישער תקופה. צוליעב האנדעלס־צוועקען זיינען אויף דער גאנצער לענג פון דיעזען וועג, פון עזה ביז אילת און עציון גבר, אויפגעשטעלט געווארען מיליטערישע פאסטען, אויפגעבויט געווארען סטאנציעס פאר די רייזענדע און עס איז בכילא געשאפען געווארען א געדיכטער ישוב, וועלכער האט אויסגענוצט אלע מיטלען צו בעפעסטיגען מיט טעראסען און בעבויען די וואדים דורך רעזערווירונג פון וואסער. אויסער דעם זיינען אויף דעם גאנצען געביעט געבויט געווארען פיעלע קלויסטערס מיט מאנאסטירען. דער גאנצער חסרון פון דער וויסטע בעשטעהט אין דעם וואס די וואסערען פון קורצען ווינטער ווערען שנעל איינגעזונקען אדער אויסגעוועפט, און אזוי ווי נאך מערין איז שוין אין דער וויסטע מעהר קיין רעגענס נישטא, קאן די תבואה כמעט קיינמאל ניט צייטיג ווערען (אויסער די פאר ערטער, וואו עס זיינען דא שטענדיגע קוואלען). ווי נור די ביזאנטיישע מלוכה איז אפגעשוואכט געווארען, האט זיך עס באלד אפגערופען אויף דעם טראנזיט־מסחר דורך ארץ ישראל, און ווען דאס לאנד איז איינגענומען געווארען דורך די אראבער האט מיט דעם גאנצען האנדעל צווישען איירָאפא און אינדיען דורך ארץ ישראל — גענומען א סוף. די גריכיש־קריסטליכע בעפעלקערונג האט זיך שנעל אראביזירט, און אנשטאט דער פריהערדיגער פערהעלטניסמעסיג־הויכער אגריקולטור האט מען זיך אנגעהויבען אפגעבען מיט פאשע, דער הויפט־בעשעפטיגונג פון די וואנדערענדע אראבער. די קולטור פון דורות איז פערלאזען געווארען און צו גרונד געגאנגען, און פון די אמאליגע אידישע און קריסטליך־ביזאנטישע שטעדט און דערפער זיינען געבליבען מיזעראבלע חורבות.

און אזוי איז דאס געבליבען ביז אונזער צייט. נור אין די לעצטע יאהרען זאט די טערקישע רעגירונג גענומען שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט אט דעם זידליכען געביעט, גרינדענדיג די נייע קאימאקאמיעם פון באר־שבע און פון אל־חאפיר (מיט דעם צענטער אין אעוג'ה — אאודזשע), און אנפאנגענדיג זיך עטוואס צו פערפעסטיגען אין עקבה־האפען. דערוויילע איז אבער נאך כמעט ווי גאר נישט געמאכט געווארען פאר דער אויפלעבונג פון דעם געגענד. דער גאנצער נגב איז נאך היינט פוסט און וויסט, און ווארט אויף פלייסיגע, ענערגישע הענד, וועלכע זאלען איהם אומקעהרען צו דעם אמאליגען קולטורעלען צושטאנד.

ג) דער ירדן־טאל איז איינער פון די מערקווירדיגסטע טאלען אויף דער וועלט א דאנק דער טיעפער לאגע, וועלכע ער פערנעהמט, פון זיעבען ביז דרייצעהן הונדערט פוס נידעריגער פאר דער ים־פלעכע. פראנצויזישע געאגראפען בע־

טראכטען איהם אלס פּאַרטזעצונג פון דעם גרויסען סירישען גראבען, וואס הויבט זיך אָן צווישען די בערג פון לבנון און מול־הלבנון. דער ירדן־טאָל האָט אָבער עטוואס אן אנדער ריכטונג, ניט צו דרום־מערב צו, ווי די בקעת־הלבנון, נור דירעקט פון צפון צו דרום, איבער דער גאנצער לענג פון לאַנד.

דער עמק הירדן

דיזער טאָל שטעלט מיט זיך פאָר די נאטירליכע בעט פאר דעם גרעסטען און וויכטיגסטען טייך פון ארץ־ ישראל, פאר דעם ירדן און פאר די דריי געשלאָסענע אזערעס־ימים, וועלכע ער שניידט דורך אויף זיין וועג. דער טאָל ווערט אלץ טיע־פער פון צפון צו דרום, און דערגרייכט זיין גרעסטע טיעף אין דעם ים־המלח (1292



ביל̈ד 14

א טראנספּאָרט פון א טשערעדע שאָף איבער'ן ירדן ביי נידעריגער וואסער. ארום די ברעגען וואקסען געדיכטע טאמאריסקען־בוימער.

פוס). דער גרונד פון דעם טאָל איז פון דריי מדרגות (טעראַסען). צוערשט געהט „עור“ (כּאַר). זיין זידליכער טייל איז בעקאנט מיט דעם העברעאישען נאָמען דער ברייטער עמק־הירדן (טאָל פון ירדן), וועלכער טראָגט דעם אראבישען נאָמען ערבת הירדן. אין דער מיטען פון דעם „כּאַר“ איז דאָ א טיעפערער גראבען, וועלכער הייסט דער „זאָר“. וואהרשיינליך האָט דער „זאָר“ פארגעשטעלט מיט זיך אין די אוראלטע צייטען די נאטירליכע בעט פון ירדן. יעצט אָבער פילט דער ירדן ניט אָן דעם גאַנצען „זאָר“; דער טייך פליסט אין א טיעפערען גרונד, און נאָר ווינטער אין די גרויסע רעגענס הויבט ער זיך אויף און פערפלייצט דעם „זאָר“. די אויבערשטע

טעראסע, דער „כאר" ווערט אבער פון די ירדן־וואסערען ניט דערגרייכט. דער עמק־הירדן האט אין זיינע פערשיעדענע טיילען א פערשיעדענעם כאראקטער.

פון צפון זייט ציהט זיך דער פרוכטבארער טאל פון חולה, וועלכער האלט ביז 16 מייל די ברייט (פון מזרח צו מערב) און א 4—5 מייל אין דער לענג פון צפון צו דרום. א גרויסער טייל פון דעם טאל איז בעדעקט מיט א שטענדיגער זומפ, וועלכע איז בעוואקסען מיט א געדיכטען וואלד פון פאפירוס־רעהרען און קאמיש. די זומפ איז ביז 12 פוס טיעף און איז נאך ביז היינט ניט ערפארשט געווארען. די זומפ האלט 6 מייל אויף אנדערהאלבען מייל, און האט א סך ווילדע פויגלאך און חיה'לאך. די אראבער נוצען דעם קאמיש פאר פלעכטען ראגאזשעס, וועלכע ווערען פערקויפט איבער'ן גאנצען לאנד.

מי מרום די זומפ האט איהר אויסגוס אין דעם ים־חולה אדער מ י ־ מ ר ו ם, וועלכער ציהט זיך אין דרום זייט, אין דער פארם פון א דריי־עק. צווישען דעם מי־מרום און כנרת איז דער בארען געווענען פערלאזען און פערוויסטעט, בלויז אראבישע שבטים האבען דארט געפאשעט זייערע סטאדעס. דער אנהויב פון דער אידישער קאלאניזאציע אין די אכציגער יאהרען האט שוין צוגעצויגען אהערצו די ערשטע קאלאניסטען, פון רומעניען און פון רוסלאנד, און אין דעם ראיאן זיינען געגרינדעט געווארען די עלטסטע קאלאניעס פון גליל העליון, ראש פנה מיט מחנים, יסוד־המעלה און משמר־הירדן. צו מערב און דרום זייט פון דעם ים־כנרת האט זיך אנגעהויבען די אידישע קאלאניזאציע נור אין דער לעצטער צייט, אזוי אז יעצט איז דער ים ארומגערינגעלט פון דריי זייטען מיט אידישע ישובים, פארמס און קאלאניעס.

דער ירדן־טאל איז אין איינינע ערטער זעהר ברייט, ביז 6 מייל. דער בארען און דער טראפישער קלימאט מאכען מעגליך א רייכע קולטור פון אינדיגא, מאיס, בוים־וואהל (קאטאן) און אנדערע טראפישע פלאנצונגען. די מעגליכקייטען זיינען אבער נאך כמעט ניט אויסגענוצט ביז יעצט.

בעזונדערס איז וויכטיג דער עמק פון בית־שאן, וואו עס וואקסען טייטלען, טאמאריסקען, טערעבינטען, אלעאנדרען און אנדערע בוימער. דער צווייטער בעדייטענדסטער טאל ארום ירדן איז דער טאל פון יריחו (ערבות ירחו), וועלכער ציהט זיך פון 5 און א האלב ביז 6 און א האלב מייל אין דער ברייט און ביז 8 מייל אין דער לענג.

צו דרום־זייט פון דעם ים המלח ציהט זיך דער טאל ערבה (אראבא), וועלכער איז אין זיין מיטען צוטיילט מיט א ברייטער הויך־עבענע אויף אזא אופן, אז דער צפון־טייל פונ'ם נחל הערבה איז אנגעבויגען צו דעם ים־המלח, און דער דרום־טייל, אויף יענער זייט פון דעם בארג איז, פערקעהרט, אפגעלענקט צו דער זייט פון עקבה (אקאבא) אויף דעם ברעג פון ים־סוף.

דער טאל פון ערבה איז נאך ניט גענוג אויסגעפארשט. זיין דרום־טייל איז בעסער בעקאנט ווי זיין צפון־טייל. ביי עקבה איז די געגענד וויסט, צו צפון־זייט פון עין דאפיה זיינען אבער שוין פאראן פאלמען און אנדערע בוימער, אזוי אז דער אומגעגענד צווישען עין־דאפיה און עין־גאדיאן*) איז עהנליך צו א גארטען. צו צפון דערהויבט זיך דער הייבער דזשעבל הארון (דער בארג פון אהרן הכהן), וועמעס אבהאנגען זיינען אין איינינע ערטער בעארבייט און בעוואקסען מיט בוימער. אין אלגעמיין איז דיעזע געגענד, וועלכע בילדעט דעם געביעט פון אמאליגען אדום, און דעם נאטירליכען

*) איינינע אידענטיפיצירען דעם פונקט מיט „עציון־גבר".

גרענעץ צווישען דעם נגב־יהודה און דעם לאנד פון מואב — זעהר ווילד און ארעם מיט וואסער. אבער אויך אין דיעזען ווילדסטען טייל פון ארץ ישראל געפינען זיך פיעלע רואינען — רעשטען פון א פארצייטיגען ישוב וועלכע זיינען, נאטירליך, צו דער, זעלבער צייט אויך פיעל פערשפרעכענדע סימנים פאר דער צוקונפט.



בילד 15

ע ר ב ת ־ י ר ח ו. די סטעפּע פון ירחו, מיט אן אויסזיכט פון מואב.

ד. ע ב ר ה י ר ד ן.

צו־פוסען פון דעם בארג חרמון פערשפרייט זיך דער ריעזיגער עבר־הירדן פלאטא. לאנגע וואדים מיט גרויסע שטורמיגע טייכען שניידען איהם דורך, טראגענדיג זייערע וואסערען אין דעם עמק־הירדן.

דער עבר־הירדן־פלאטא ווערט איינגעטיילט דורך זיינע פיער הויפט טייכען ירמוך, יבוק, ארנון און נחל זרד, אויף פינף גרויסע חלקים.

א) צו צפון און צו מזרח זייט פון ירמוך געפינט זיך דער היינטיגער אדמיני־סטראטיווער סאנדזשאק חורן (אויסער עגלון). וועלכער איז געאגראפיש איינגעטיילט אויף גאנץ פערשיעדענע טיילען. אהערצו געהערט דער גולן, די בערג פון חורן אדער די דרוזען־בערג, דער ארגב אדער לעדזשאא, און דער אייגענטליכער חורן אדער בשן (אין אראביש: נ ו ק ר א).

די הויך־עבענע פון גולן (דזשאלאן) לאזט זיך אראפּ פון צפון צו דרום. דער העכסטער שפּיץ אין צפון דערגרייכט ביז 3625 פוס און אין דרום בלויז ביז 974 פוס. די דורכשניטליכע הויך פון דער עבענע איז אלזא 2950 פוס. דער באדען פון דעם גולן איז אן אויסגעצייכענטער צוליעב זיין וואולקאנישען אורשפּרונג. עטליכע שפּיצען

גולן און בשן

פון פערלאשענע וואולקאנען זיינען דא פאראן ביז היינט. דער פלאטא איז דורכגעשניטען מיט אייניגע וואדים און מיט גרויסע טייכען, די בעדייטענדסטע פון וועלכע עס זיינען וואדי אל־צאפא, אלדאליה, נהר־אלרקאד און נהר אל־אעלאן, וועלכער בילדעט דעם מיזרח־גרענעץ פון ג׳ולן. צו צפון־מזרח זייט ערהויבט זיך דער פלאטא פון ג׳יהור — דער אמאליגער געביעט פון גשור (וואוהין אבשלום בן דוד איז אנטלאפען פון זיין פאטער).

דער געביעט פון ג׳ולן איז רייך מיט רואינען פון אלטע צייטען, צווישען זיי זיינען אויך דא צאהלרייכע אידיישע חורבות, וועלכע בעשטעטיגען דעם היסטארישען פאקט, אז די אידיישע נאציאן איז געוועזען די הערשערין אין גולן פאר און נאך דעם חורבן. אין דארף נוה אין גולן געפינט מען סימנים אז דארט האט נאך אין 11טען יאהרהונדערט עקזיסטירט א אידישער ישוב.

דער אייגענטליכער חורן איז עס דער אמאליגער בשן, אדער אין רוימיש „באטאנעא“ — דער קעניגרייך פון דעם ביבלישען עוג (מלך הבשן), וועמעס לאנד דער האלבער שבט פון מנשה (יאיר בן מנשה) האט עראבערט. שפעטער איז דער נאמען בשן געבליבען בלויז פאר דעם צפון־טייל פון דעם פרוכטבארען טאל. בנוגע צו דעם דרום־טייל איז דער נאמען פערגעסען געווארען. יעצט הייסט דער טאל פון חורן מיט׳ן נאמען נ ו ק ר א ; ער איז ביז היינט בעריהמט מיט זיין אונגעהויערער פרוכטבארקייט. ער איז פון וואולקאנישער אורשפרונג און פערנעהמט א גרויסען שטח פון אונגעפעהר 3000 קוואדראט קילאמעטר.

ארגב

צו צפון־זייט פון דעם פרוכטבארען טאל געפינען זיך די בערג פון א ר ג ב אדער לעדזשאה. אין דער סירישער און רוימישער עפאכע האבען זיי געטראגען דעם נאמען טראכאניטיס. דער ארגב שטעלט מיט זיך פאר א וואולקאנישע געגענד, 80 קילאמעטר אין דער לענג אויף 40 קילאמעטר אין דער ברייט. פון די אוראלטע צייטען איז לעדזשאא געווען בעוואוינט מיט רויבער־שבטים, וועלכע פלעגען פון דאנען מאכען זייערע אויספלוגען אויף דער בעפעלקערונג פון דער אומגעגענד. אין דער תורה ווערט די געגענד געשילדערט אלס א טייל פון עוג׳ס מלוכה. דוד המלך האט דאס לאנד אויף א קורצע צייט איינגענומען. צום צווייטען מאל איז ארגב אונטערגעפאלען אונטער אידיישער הערשאפט אין די צייטען פון הורדוס׳ן, וועלכען ס׳איז געלונגען צום ערשטען מאל איינצופיהרען דא א רוהיגערע ארדנונג. הורדוס האט קאלאניזירט אין ארגב א גארניזאן פון 3000 אדומים. שפעטער האבען געהערשט זיינע יורשים ביז א יאהר דרייסיג נאך דעם חורבן, ווען די געגענד איז אריבער צו רוימישע בעאמטע. היינט זיינען דיעזע בערג בעפעלקערט מיט דרוזען און זיינען אונצוגענגליך כמעט ווי אין די אלטע צייטען. דערפאר הייסען זיי, אייגענטליך אל־לעדזשאא, וואס עס הייסט — א „מקום־מקלט“. צו צפון־מזרח זייט פון ארגב ציהען זיך די וואולקאנישע בערגלאף פון דירת־אל־תלול (דירעט־עט־טולול).

חורן

א צווייטע בערג־גרופע דערהויפט זיך אין דעם מזרח־טייל פון חורן — דאס זיינען די הרי־הורן (דזשעבל־האוראן) אדער די דרוזען־בערג (דזשעבל־דרוז), וועלכע דערגרייכען ביז 1839 מעטער (6032 פוס) איבער דער ים־פלעכע. די בערג זיינען בעפעלקערט הויפטזעכליך מיט דרוזען, וועמעס נאמען זיי טראגען. צו מיזרח־זייט לאזען זיך די בערג אראפ צו דער סירישער וויסטע חררא, אין העברעאיש — חררים. דער בעריהמטער אויספארשער פון חורן וועצשטיין זעהט אין די חורן׳ער בערג דעם ביבלישען

צלמון. דיעזער אויספארשער רעכענט אין דעם געביעט פון די בערג ביז 20 פערלא־שענע וואולקאנען.

צו דרום־זייט געהט דער חורן אריבער בהדרגה אין דער סטעפע ח א מ מ א ד. אין דרום־מערב טייל גרענעצט ער זיך מיט די ז ו מ מ א ל ־ היגלען. וואס שיידען אפּ די נוקרא פון עגלון (אדזשלון). דער וויכטיגסטער וואסער־באסיין פון חורן איז דער ירמוך מיט זיינע וואדים, אויף וועלכע מיר וועלען זיך געוויס אפּשטעלען אין דעם קומענדיגען פּרק.

עגלון אדער גלעד

ב) צווישען דעם ירמוך און דעם יבוק ליעגט דער צווייטער טייל פון עבר־הירדן־פּלאטא, וועלכער טראגט דעם נאָמען ע ג ל ו ן (אדזשלון) און ענטשפּרעכט דעם צפון טייל פון דעם אמאָליגען ג ל ע ד. דיעזער פּלאַטאָ איז פיעל שמעלער אין דער ברייט



בילד 16

א לאנדשאפט אין די ב ע ר ג פ ו ן ח ו ר ן.

(פון מערב צו מזרח) אין פערגלייך מיט דעם גאָרדליכען טייל פון חורן, און איז אָבגע־גרעניצט מיט א רייהע בערגלאך, די אויבענדערמאָנטע גבל־אל־זמל, (דזשעבל־זוממאל) פון דעם מזרח־דרום טייל פון חורן. דיעזער טייל ענטשפּרעכט דעם אמאָליגען געביעט פון מכיר בן מנשה, וועלכען ער האָט עראבערט פון עוג, מלך הבשן. אין פיעלע ערטער הייסט דעריבער מכיר דער פ א ט ע ר פ ו ן ג ל ע ד.

ג) צו דרום־זייט פון נחל־יבוק, צווישען דעם לעצטען און דעם נחל־ארנון געפינט זיך דער געביט פון דער אמאָליגער מלוכה פון אמורי (סיחון מלך האמורי) און טיילווייז פון די בני־עמון. שפּעטער איז דאס לאנד עראבערט געווארען פון די שבטים גד און ראובן. דער פּלאטאָ, וועלכער טראגט אויך דעם נאָמען בעלקא, איז אייגענטליך די פארטזעצונג פון גלעד. צו מזרח צו געפינען זיך די העכערע שפּיצען פון דיעזען פּלאטאָ — דער דזשעבל־כפכפא, דער דזשעבל־חאקארעט (1085 מעטר — 3559 פוס) און די

ג׳בל־ג׳לעוד (דזשעבל־דזשאל׳עוד) מיט דעם הויכען שפּיץ ג׳בל־הושע (1096 מעטר — 5395 פוס). פיעלע וואדיס, גרעסערע און קלענערע, שניידען דורך דעם פּלאטאָ און פאלען אריין אין ירדן און אין דעם ים־המלח, ווי דער וואדי־נמרין, וואדי־חשבון, וואדי זרקא־מעין און אנדערע. דער וויכטיגסטער צופלוס פון ארנון איז דער וואדי אל־וואלה, וועלכער ענטשפּרעכט דעם אמאָליגען „נחליאל“.

דאָס לאַנד פון עמון

דער גאנצער בעלקא־פּלאטאָ איז צוטיילט אויף צווייען: אין צפון־זייט איז ער בערגיג און אין דרום זייט בעשטעהט ער פון א הויכעבענע, מיט איינינע שפּיצען. די עבענע איז אנגעבויגען פון צפון צו דרום־צו און פון מערב זייט צו מזרח־צו. די בערג פון עמון זיינען עס די הרי־העברים מיט דעם שפּיץ הר־נבו, וועלכער דערהויבט זיך אויף גאנצע 3674 פוס איבער דער פלעכע פון ים־המלח. מיט דעם בארג זיינען פערבונדען די ערינערונגען איבער די לעצטע שטונדען פון משה רבנו, וועל־כער האָט פון דאנען געקאנט זעהן, פאר זיין טויט, דעם גאנצען עמק־הירדן און א גרויסען טייל פון מערב ארץ־ישראל.

[...]ער געביט פון [...]מואב

ד) צו דרום זייט פון דעם נחל־ארנון ליעגט דער געביעט פון מואב, וועלכער טראגט היינט דעם נאָמען קעראק, לויט דער הויפּט שטאָדט פונ׳ם סאנדזשאק כרך (קעראק), דעם אמאָליגען קיר־מואב. דיעזע געגענד שטעלט מיט זיך פאָר די וויי־טערדיגע פארטזעצונג פון דער בעלקא (אָפטמאָל טראגט ער טאקע דעם זעלבען נאָמען אויך); ער אונטערשיידעט זיך אבער פון דעם צפון־פּלאטאָ דערמיט וואס ער איז אָנ־געבויגען ניט צו דרום־זייט, נאָר פערקעהרט, פון דרום זייט צו צפון־זייט. די וויכ־טיגסטע בערג־שפּיצען, וועלכע גיבען זיך פון איהם ארויס זיינען: דער ג׳בל־סיחון (דזשעבל־סייכון — דער בארג פון סיחון), 848 מעטר אָדער 2781 פוס הויך; דער בארג פון קעראק אויף 1026 מעטר (3365 פוס) און דער בארג ג׳עפר (דזשאאפאר) — 1254 מעטר (4313 פוס) הויך. די וויכטיגסטע וואדיס פון מואב זיינען דער וואדי אל־כרכ, וואדי אל־זייאתין, מי־נמרים און דער וואדי קרחי (קעראחי), אָדער אל־הסא, דאס איז דער נהל־זרד, וועלכער בילדעט זיין דרום־גרענעץ, און טיילט איהם אָפּ פון דעם לאנד שעיר, אָדער דעם אלטען געביעט פון אדום.

[...]שעיר אדער אדום

ה) צו דרום זייט פון נחל זרד פאנגט זיך אָן דער פּלאטאָ פון שעיר אָדער אדום, וועלכער ווערט איינגעטיילט מיט די בערג דאנא אויף צוויי ניט קיין גלייכע טיילען. דער קלענערער טייל, צו צפון פון די בערג דאנא הייסט אל־ג׳באל (בערג, א בערגיגער געגענד) און איז אנגעבויגען צו מזרח, צו דער זייט פון אראבישער וויסטע, וועלכע דרינגט אין דעם געגענד אריין ווייט צו מערב פון דער חעדזשאזער אייזענבאן־ליניע. די וויכטיגסטע וואדיס זיינען דער וואדי טאפּילה און וואדי גאראנדל, וועלכע פאלען אריין אין דעם ים המלח.

צו דרום זייט פון די דערמאנטע דאנא־בערג ציהט זיך א הויך־עבענע ביז די בערג פון אודרוה (אָדרו) — 1280 מעטר (1498 פוס). דאס איז א וויסטער מדבר (אויסער איהר מערב טייל, וואו עס געפינען זיך רואינען), אָהן שום וואסער־וואדיס. איהר דרום גרענעץ בילדען די בערג שארא ת, וואס עס מיינט א גראָדע שטראס. דיעזע בערג־קייט לאָזט זיך אראָפּ, צו מערב זייט צו דעם עמק־הערבה, און אויף איהר מיטעלער טעראסע ליעגען די גלענצענדע רואינען פון דער אמאָליגער הויפּטשטאָדט פון אדום (שעיר) — סלע אָדער פעטרא. די עבענע ווערט דורכגעשני־טען מיט דעם וואדי מוסא (נחל־מישה), אין וועלכען עס גיסען זיך אריין די עיון־מוסא (מישה׳ס קוואלען). דער העכסטער בארג־שפּיץ אין דער געגענד איז דער הור־

ה ה ר, וועלכער הייסט אין אראביש דזשעבל-הארון (דער בארג פון אהרן). אויף דעם שפּיץ פון בארג שטעהט א קאַלירטע געביידע, וועלכע די אראבער זיינען מיחס צו דעם טראַדיציאָנעלען קבר פון אהרן הכהן אויף דיעזען בארג. די לופט איז אזוי קלאָר, אז די געביידע פון דעם קבר זעהט זיך ארויס אויף 50 מייל פון דער ווייטענס.

די שטאָדט סלע שטעלט מיט זיך פאָר רייכע רואינען און קברים פון דער רוי־מישער און פון דער נאבאטייאישער עפּאכע (נאבאטייאישע שריפט און שפּראך זיינען זעהר ענליך צו אלט־העברעאיש און אראמיש).

די אבצווייגונגען פון די בערג פון שעיר ציהען זיך איבער׳ן גאנצען געגענד ביז די צפון-ברעגען פון דעם ים־סוף (רויטער מעער), מיט דער שטאָדט עקבה (אקאבא), דעם איינציגען האפען פון ארץ ישראל אויף דיעזען ים.

ב. דער באָדען און די בעוואסערונג.

דער באדען פון סיריען איז א פּראדוקט פון קרייד, וועלכע איז שיכטענווייז פּער־שפּרייט איבער׳ן לאנד, און אין פיעלע ערטער בעדעקט פון אויבען מיט וואולקאנישע אויסגוסען, ווי באזאלט אָדער דאָלאָריט. אויף די בערג געפינען זיך געוויסע קאלך־שיכטען, אין די טהאָלען — דילואוויאל*), ד. ה. אנגעטראָגענע ים־שיכטען, און אין די טיעפע אָבגרונדען — אללואוויאל (ד. ה. זאמדיגע לייםענע שיכטען). נעאָלאָגישע סטרוקטור.

א ראנק דעם וויכען קריידען־שיכט, און דער פרישער לאווא (וואולקאנישער אויסגוס), האָבען זיך די וואסער־קוואלען טיעף אין באָדען איינגעגראבען און געביל־דעט פון ביידע זייטען שטיילע ווענד. אין פיעלע ערטער ווערט די רעגענוואסער אזוי איינגעזאפּט פון די קרייד־שיכטען, אז די קוואלען ווערען צווישען די בערג פלוצלונג פערשוואונדען. דערפאר אָבער שטראָמען זיי מיט שפע ארויס צו־פוסען פון די בערג, און בילדען דאָרט קלענערע אָדער גרעסערע טייכען. אויף דעם אופן הויבט זיך אָן די אָדזשע אָדער דער ירקון (לעבען פתח־תקוה), פון די קוואלען, וואס שטראמען פון אונטער די אפרים־בערג. דער ירמוך האָט זיין אורשפּרונג אין די בערג פון חורן. די גרעסטע טייכען, אָבער, נעהמען זיך פון די בערג פון צענטראל סיריען, פון לבנון, מול־לבנון און פון חרמון.

האלטענדיג זיך אָן דער פריהערדיגער צוטיילונג פון לאנד, וועלען מיר בעטראכ־טען דעם באָדען און די בעוואסערונג אין ארץ ישראל, לויט איהרע פערשיעדענע טיילען.

א) דער באָדען פון דעם פּ א ס ב י י ד ע ם ב ר ע ג י ם איז רייך מיט קאַלך און איז זעהר פּ ר ו כ ט ב א ר. אין יענע ערטער וואו די אויבערשטע שיכטען זיינען זאמדיג איז דער באָדען, נאטירליך, מאָגערער. און פון דעססטוועגען וואקסען אויך אויף דיעזען לייםיגען און זאמדיגען באָדען פערשיעדענע פרוכט־בוימער אָהן קיין שום בעוואסערונג, ווי צ. ב. ש. אפריקאָסען, וויינטרויבען און מאנדלען. צום ווייצען טויג אזא באָדען נישט, דערפאר אָבער געראָטען אויף איהם גערשטען, קארטאפעל(פּאָטייטאס), ארבוזען (וואדער־מעלאנס), לופינען (תרמוס) א. ד. ג.

וואס נעהנטער צו די בערג איז דער באָדען אַלץ מעהר פעלזיג און קאלכיג.

**) ווייכער פּוכקער שיכט, וואס ענטהאלט ארגאנישע רעשטען פון מאלוסקען, ראקאווינעס און אנדערע ים־חיות.

אנדערע פעלדער זיינען הויכאוים בעדעקט מיט קליינע שארפע שטיינדלאך און פעלזען־ברוך. ביים ברעג ים, בעזונדערס אין דרום זייט פון לאנד, פארמירען זיך שמאלע זאמד־דיונען. פערשפרייטענדיג זיך אויף די ארומיגע פעלדער, רויבען זיי אוועק ביי דעם מענשען דעם מקור פון זיין חיונה — דעם פרוכטבארען באדען. אין בירות און אין די אידיישע קאלאניעס האט מען שוין געפרובט איינפיהרען אזא סארט בוים, וועלכער האלט איין די זאמדען, און לאזט זיי ניט פערשפרייטען זיך. דארטען, אבער, וואו די פויערן־בעפעלקערונג נעהמט קיינע קאמפפס־מיטלען ניט אן, דערגרייכען די זאמדען ביז די הייזער פון דארף. אפט מאל געפינט מען, גראבענדיג אין די זאמדען, פערשאטענע געביידעס, אלטע בורות (וואסער־ציסטערנען) און אויך גוטע זריעה־באדען.

אין יענע ערטער, וואו דער זאמד־שיכט איז ניט אזוי טיעף, איז דער באדען גאנץ גוט אויך פאר פרדסים־ביארעס (ד. ה. אזעלכע גערטנער, וואס דארפען זומער־צייט קינסטליך בעוואסערט ווערען, ווי צ. ב. ש. אראנזשען־גערטנער). דער אויבערשטער זאמד־שיכט האט א ניצליכע ווירקונג, אפטויטענדיג די שעדליכע גראזען, און אין דעם אונטערשטען פרוכטבארען שיכט געפינען פאר זיך די ווארצלען פון די בוימער גענוג פייכטקייט און גוטען נאהרונגס־שטאף.

אין איינינגע ערטער ווערט דער זאמד פערהארטעוועט פון אויבען, און איז אונ־פרוכטבאר. אבער אויך אין אזעלכע פעלען האט מען געפרובט (צ. ב. ש. די דייטשען אין סאראנא) פערפלאנצען קיפאריסען, און מיט ערפאלג.

דער טאל ביי דעם ים־ברעג האט נאך די מעלה, אז אויסער די פיעלע טייכען, וועלכע בעוואסערען איהם פון אויבען ענטהאלט ער אין זיך, אין יעדען פונקט, רייכע גרונד־וואסער (אויף דער טיעף פון 65 ביז 200 פוס). עטליכע מעטער אפגעטראָ־טען פון ים קאן דער וועג־געהער איבעראל געפינען אביסעל וואסער צו שטילען זיין דורשט ווען ער זאל נור אויסגראבען א קליין גריבעל אין זאמד, בעזונדערס לעבען א גרויסען שטיין.

פאלגענדע טייכען און וואדיס בעוואסערען דעם ים־טאל, פון צפון ביז דרום:

י טייכען פון
ם־טאל

דער נ ה ר ־ א ל ־ ל י ט א נ י (אדער לעאנטעס) האט אמאל געהייסען „דער טייך פון צור". ער פאנגט זיך אן ארום בעל־בעק, אויף א הויך פון 1170 מעטער. ער פליסט פון צפון צו דרום זייט אויף א שטרעקע פון 100 קילאמעטער (62 מייל) און דערנרייכט נאהענט צו דער צפון־קאלאניע מטולה. דא, אבער, פערקערעוועט דער טייך פלוצלונג צו מערב זייט, און לעגט זיך דורך א וועג צום ים, אונטער א נייעם נאמען „נהר אל־קאסמיה" (דער טייך, וועלכער צוטיילט), וואו ער פאלט אריין צווישען דער אלטער צרפת און צור. נהר־אל־ ליטאני איז זעהר א שנעלער, און האט אין זיין אונטערשטען טייל פון 40 ביז 50 מעטער (131—164 פוס) אין דער ברייט. לעבען מטולה איז דער טייך אימשטאנד צו געבען, לויט די חשבונות פון דעם אגראנאם ווילבושעוויטש, פון צוויי ביז דריי טויזענד פערד־קראפט. דער טייך איז איינער פון די גרעסטע אין א"י, און זיינע ברעגען זיינען רייך מיט תבואה־פעלדער און מיט פרוכטבוימער, וועלכע ציהען זיך ביז צור.

דער גאנצער געגענד צו דרום־זייט איז גוט בעארבייט מיט פערשיעדענע גרינסען און פרוכטביימער, בעזונדערס זיינען בעריהמט די פרדסים פון בחיה (באכיע) אין דעם אומגעגענד פון עכו. פערשיעדענע קלענערע וואדיס שניידען דורך דעם פיניקישען

טאל. וואדי־אל־קורן איז דער וויכטיגסטער פון זיי. אויסער דעם געפי־נען זיך דא נאך אקוואדוקטען (וואסער־לייטונגען) צו בעוואסערען די פעלדער.

דער עמק עכו איז דורכגעשניטען מיט צוויי טייכען: נהר־אל־נעמן, אדער שיחור־לבנת און דער נחל־קישון (אין אראביש: וואדי־אל־מוקאטע). דער לעצטער פליסט פון מערב־זייט צו דעם בארג תבור און ציהט זיך אויף 23 מייל (37 קיל.) און נעהמט אין זיך אריין די וואסער פון מגדו (אל־לעדזשון) און די קוואלען פון אל־ווארד. פון מגדו ביז קישון איז די לענג פון דעם הילפס־שטראם 19 מייל (30,5 קיל.), און זיין פאלען בעטרעפט 280 פוס. דער נחל קישון פערבינדעט דעם עמק יזרעאל מיט דעם עמק עכו, און ציהט אפ די רעגען־וואסער פון דעם טאל יזרעאל אין ים אריין. דער אויבענדערמאנטער נהר־נעמן, וועלכער הייסט אויך בעלוס, נעהמט אין זיך אריין די וואסערען פון פערשיעדענע קוואלען און זומפען, און איז בעוואקסען ארום מיט קאמיש און רעהרען אויף דער שטרעקע פון פינף מייל. דער גאנצער עמק עכו ארום די ביידע טייכען איז בעארבייט מיט תבואה. צווישען די טייכען נעמן און קישון געהט דורך דער ודי־אל־ מלכ. ביי דעם מויל פון דעם טייך בעלוס געפינען זיך זאמדען, פון וועלכע די פיניקיער, — די ערשטע ערפינדער פון גלאז — האבען געמאכט זייער גרויסע ערפינדונג. נאך אן ערפינדונג איז געמאכט געווארען פון די זעלבע פיניקער אין דעם ארט: די פורפור־פארב, וועלכע זיי האבען פראדוצירט פון א געוויסען סארט ראקאווינעס אויף דעם ברעג פון דעם ים־התיכון.

דער נהר־אל־זרקא, וועלכער הייסט אויך נהר־התנינים (קראקאדילען־טייך) גרענצט אפ דעם שרון פון די עבענעס; זיינע ברעגען זיינען בעדעקט מיט רעה־רען, תמריסקען, פאפירוס און אנדערע בוימער. ביים אריינפאלען האלט ער פון 5 ביז 10 יארד די ברייט און ענטהאלט גוטע וואסער.

דער נהר־דופלה און וואדי־אל־מופדזשיר, אדער וואדי־חציירה (חדירה*) זיינען קלענער פאר איהם און בעוואקסען מיט שטרויך־בוימער ארום. פון דרום־זייט ציהען זיך גרויסע זומפען; אמאל, פארצייטענס, פלעגט מען די זומפען קינסטליך דרענאזשירען מיט קאנאלען (אזא קינסטליכען קאנאל שטעלט מיט זיך פאר צ. ב. ש. דער נהר־אל־פאלק, צו דרום זייט). דאס צייגט אונז, אז די קולטור פון די אמאליגע איינוואוינער פון דעם לאנד איז געשטאנען א סך העכער. ווי פון דער היינטיגער בעפעלקערונג, וועלכע האט פערנאכלעסיגט די מיטלען פון קולטור, און דער געגענד איז פערפלייצט געווארען מיט שטענדיגע שטעהענדיגע זומפען. ערשט די אידען האבען אנגענומען מאדערנע מיטלען די זומפען צו פערניכ־טען דורך דרענאזש און דורך פערפלאנצען אייקאליפטוס־בוימער. יעצט שטעלען מיט זיך פאר די אידישע אייקאליפטוס־בוימער גאנצע וועלדלאך ארום חדרה.

נאך די קליינע טייכלעך נהר־אסכנדרונה (איסקאנדערונע) און דעם דערמאנטען נהר־פאלק קומט דער בעדייטענדסטער טייך פון יהודה, די עוג'ה (אדזשע) אדער מי־הירקון, וועלכע פאנגט זיך אן פון א קוואל לעבען אנטיפטרס, פינף קילא־מעטער פון פתח־תקוה, און פאלט אריין אין ים אונג. 5 קילאמעטער (3,2 מייל) צו צפון זייט פון יפו. אין גאנצען האלט דער ירקון 15 מייל, אדער 24 קילאמעטער אין לענג. און איז אין איינינגע ערטער ביז 15 מעטער די ברייט. ער פאלט אראפ בסך הכל אויף

*) וועמעס נאמען עס טראגט די גרויסע אידישע קאלאניע חדרה, וואס געפינט זיך אין דעם געגענד.

50 מעטר (164 פוס) און בעוועגט אייניגע אראבישע מיהלען. ביי איינער פון די מיהלען גיט דער ירקון 8 קובישע מעטר וואסער אין איין סעקונדע, ביי דער אידישער ביארע „בחריה" (פאראחיה) — 7 קוביק מעטער. לויט דעם חשבון פון פראפ. באלאר קאן מען מיט דער וואסער־קראפט פון ירקון בעוואסערען 66.000 העקטאר באדען ארום, ד. ה. ניט נור אלע עקזיסטירענדע גערטנער און ביארעס אין דעם יפו'ר אומגעגענד, נאר א גרויסע טייל פונ'ם גאנצען שרון. דערווייל ווערט פאקטיש אויס־גענוצט די וואסער־קראפט פון ירקון בלויז טיילווייז, אויסער די דערמאנטע מיהלען — דורך אידישע פלאנטאציעס, וואס געהערען צו פתח־תקוה.

צו דרום זייט פון יפו זיינען פאראן נאך אייניגע וואדיס. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען די פאלגענדע: דער נ ה ר ־ ר ו ב י ן מיט דעם וואדי־צרר (סאראר), וועלכער פאנגט זיך אן ווייט אין די בערג פון יהודה, און איז בעקאנט אין דער אידישער געשיכטע מיט דעם נאמען „נ ח ל ־ ש ו ר ק". דאן געהען דער וו א ד י ס כ ר י י ר (סוקרייד) און דער וו א ד י ־ א ל ־ ח א ס י (לכיש), דאן צו דרום זייט פון עזה — דער וו א ד י ע ז ה און דער וו א ד י ־ ס ב ע (שבע) מיט דעם היסטארישען נ ח ל ־ ב ש ו ר.

די וואדיס פון דרום ווערען זומערצייט מעהרסטענטיילס אויסגעטריקענט. דער גאנצער טאל פון שרון און די שפלה, וועלכע ענטהאלטען גוטען באדען פאר תבואה און פלאנטאציעס ווערען אייפריג בעארבייט. די אומגעגענד פון קסריה ביז עזה איז אינטענסיוו קולטיווירט מיט אליוען, וויינטרויבען, פרדסים, ווי אויך מיט ווייץ און אנדערע תבואות. דער געגענד ארום עזה איז רייך מיט תמרים (טייטעל־פאלמען). צו דרום זייט זעען די בעדואינער מעהרסטענס גערשטען; זעלבסטפערשטענדליך פיהרען זיי אן זייער ווירטשאפט אויף גאנץ פרימיטיווע מעטאדען, און אין נגב איז נאך דא פלאץ פאר א ברייטען ישוב אויף ראציאנאלע יסודות.

ב) דער באדען פון די ב ע ר ג איז מעהרסטענס פון קאלך. צווישען אנדערע מינעראלען, האט דער דייטשער געאלאג בלאנקענהארן אויסגעפונען די פאלגענדע סארטען: גרויער אדער דונקעל־רויטער קאלך־שטיין, מארמאר, מארגעל פון פער־שיעדענע קאלירען און הארטער קיזעלשטיין. דער אראבישער פלח (פויער) אונטער־שיעדעט דריי מינים באדען: רויטען, ווייסען און שווארצען. דער רויטער (אין אראביש: „המרא") האט זיין קאליר פון אייזען־עקסיד, דער שווארצער (אין אראביש: „סמרא") — פון הומוס, אדער רעשטען פון טויטע ארגאניזמען. דער גרויער באדען איז דער בעסטער. ער נעהמט זיך פון אלטע חרוב־געווארענע שטעדט, וועלכע זיינען מיט דער צייט אין גאנצען פערשאטען געווארען און פעראקערט געווארען פון אויבען. קיין אנדער זכר איז שוין פון זיי ניט געבליבען, אויסער דעם גרויען שטויב, איבער־געמישט מיט צאהללאזע שערבלאך. דיעזער סארט באדען איז רייך מיט קאלי און מיט פאספאר־זויער. אזעלכע בערגלאך מיט חורבות ווערען אין אראביש אנגערופען „תל", פון דעם זעלבען שורש, און פון דער זעלבער בעדייטונג, ווי אין העברעאיש.*)


קיין וואסער קאן זיך דא אויבען ניט אנהאלטען, ווייל די פוכקע שטיינער לאזען דורך זיך דורך די וואסער־טראפענס. אין פיעלע ערטער, אבער, שטראמען וואסער־קוואלען צופוסענס פון די „תל"ס.

פיעלע קוואלען פליסען צווישען די בערג. אייניגע פון זיי ווערען אבער זומער־צייט אויסגעטריקענט. די צאהל פון די שטענדיגע יעהרליכע וואסער־קוואלען איז

*) דערפון נעהמט זיך אויך דער אידישער אויסדריק: „מאכען א תל".

די קוואלען

פאנאנדערגעטיילט ניט גלייכמעסיג. אזוי האט די ענגלישע וויסענשאפטליכע אויספארשונגס־עקספעדיציע פון דעם "פאלעסטינא עקספלאריישאן פאנד" אויסגעפונען 4,2 יעהרליכע קוואלען אויף יעדע צעהן סקוועער מייל; אין דעם געגענד פון מערדזשעיון — 5,4 קוואלען און אין גליל העליון — 3,3 קוואלען אויף יעדע צעהן סקוועער מייל. דורכשניטליך מאכט עס אויס אויף דעם גליל 26,3 קוואלען אויף יעדע הונדערט קוואדראט מייל (אונגעפעהר 10 קוואלען אויף יעדע 100 קוואדראט קילאמעטר); אין שמרון — 13,2 און אין יהודה בסך הכל 7,8 קוואלען אויף יעדע הונדערט קוואדראט מייל. איינצעלנע ערטער זיינען אויך אין יהודה און אין שמרון רייך מיט וואסער קוואלען ווי למשל די אומגעגענד פון שכם (22וואסער־קוואלען) און די אומגעגענד פון חברון (56 קוואלען). אין דעם געגענד צווישען תל־אבו־קודם (קדש) און תל־קימון פליסען פון 50 ביז 60 וואסער־קוואלען. פיעלע קוואלען זיינען אויך דא אין דער



בילד 17

ברכות שלמה. — אלטע וואסער ציסטערנען, אויף דעם וועג צווישען ירושלים און חברון.

אומגעגענד פון חאן־לובאן. בכלל זיינען אבער די בערג רייך מיט אונטערערדישע וואסערען, וועלכע קאנען לייכט דערגרייכט ווערען אין די טאלען און אין די נידעריגערע בערג־עבענעס.


ברכות און וואסער־רעזערוועז

אויסער די נאטירליכע וואסער קוואלען זיינען נאך פארבליבען אין איינינגע ערטער אלטע קאנאלען און ברכות (וואסער־דיסטערנען). פון די שענסטע ברכות אין יהודה זיינען די ברכות־שלמה, צווישען ירושלים און חברון, וועלכע ווערען צוגעשריבען צו שלמה המלך.

אין די פריהערדיגע צייטען איז דער וואסער־רעזערוו אין לאנד געוועזען פיעל בעדייטענדער ווי יעצט. די אורזאכע ליעגט נישט אין די אומענדערונגען פון נאטור. די רעגענוואסער האט זיך ניט פערמינדערט, און עד היום פערמאגט ארץ ישראל

דורך׳ן יאהר מעהר וואסען־נידערונגען איידער צ. ב. ש. דייטשלאנד. (זעה נעקסטען פאראגראף).

אמאל האט זיך די רעגענוואסער פיעל בעסער איינגעהאלטען אין באָדען א דאנק די רייכע פלאנצונגען און די טעראסען, וועלכע האבען ארומגעצוימט די זייטען פון די בערג און געווען בעדעקט מיט אייכען, וויינשטאק, באקסערן און טערעבינטען. היינט איז אבער נור דריי פראצענט פון דעם באָדען פון ארץ ישראל בעדעקט מיט וועלדער. די איבעריגע בוימער זיינען פערנאכלעסיגט און איינפאך פערניכטעט געווארען דורך דער בעפעלקערונג. די ארטיגע בעפעלקערונג בעגניגענט זיך ניט מיט אויסשניידען בוימער צום געברויך, נאר מען רייסט זיי אפטמאלס ארויס צוזאמען מיט די טיעפע ווארצלען, וועלכע ווערען געברויכט אויך צום הייצען. דערמיט מאכט מען חרוב ניט נור די בוימער, נאר אויך דעם באָדען גופא. ווארום ווען די בוימער ווערען אויסגעווארצעלט, ווערט דער באָדען צושטויבט און ארונטערגעשווייכט דורך די רעגענס אין אבגרונד אריין. די גוטע באָדען־שיכטען פאלען אפ, און עס בלייבען די טרוקענע שטיינער — די בלויזע פעלזען, נאקעט און פרוכטלאז.



בילד 18

דער בוי פון דעם באָדען אין די בערג.

1) פוכקער באָדען — די אויבערפלעכע. 2) נארי־שיכט מיט פארען און שפאלטען, דורך וועלכע די וואסערען זופען זיך דורך. 3) פרוכטבארער באָדען־שיכט. 4) פעסטער פעלז, אדער דער באָדען־גרונט.

פלח׳ישע בעלי־הבית׳ישקייט

ביי אזא סארט בעל־הבתי׳שקייט במשך פון דורות־לאנג זיינען אויסגעריסען געווארען די בוימער פון די בערג, און צוזאמען מיט זיי איז אויך פערקלענערט געווארען דער שטח פונ׳ם באָדען, וועלכער טויג צו בעארבייטונג. די רעגענוואסער, וועלכע ווערט שוין ניט מעהר פערהאלטען דורך בוימער און שטרויכען, שטראמט מיט אימפעט אין אבגרונד צושווינקענדיג די אלטע בערג־טעראסען. דער באָדען איז שוין אונפעהיג דאס וואסער צו פערהאלטען אין זיך. דעריבער זיינען די קוואלען גופא געווארען ארעמער און ווייניגער אין צאהל. פון דער אנדער זייט, ווערען די וואסער־שטראמען פערשטאפט מיט זאמד, וועלכער שיט זיך אראפ פון די בערג, וואו עס זאמלען זיך גרויסע זומפען און שטעהענדיגע בלאטעס, נעסטען פון פיבער און

פון קראנקהייטען. אזוי ווערט די ערד אויף די בערג פערטריקענט און פערוויסט, און אין די טאלען — צוליעב דיזעלבע אורזאכען פערזומפט און פערפעסטעט.

א גרויסער טייל פון די סירישע בערג בעשטעהט פון דריי שיכטען באדען, וועלכע ליעגען איינער איבער'ן צווייטען. דער אונטערשטער, פעלזיגער גרונד איז בעדעקט מיט פרוכטבארען באדען. איבער איהם הויבט זיך אן א הארטער אונפרוכטבארער שיכט, וועלכער הייסט אין אראביש נארי, דאס איז אזא מין קלעפיגע ליים. דער נארי איז פון אויבען פערהארטעוועט, אזוי ווי א קיזעלשטיין (קרעמען). אינוויינינג, אבער, איז ער אליין ווייכער, וואס נעהענטער צום אונטערשטען פרוכטבארען באדען־שיכט. דער נוצען פון דער פערהארטעוועטרע אויבערפלעכע איז א דאפעלטער. ערשטענס, פערטיידיגט זי, ווי מיט א שילד, דעם גוטען, פרוכטבארען באדען, און לאזט איהם ניט צושטויבט ווערען. צווייטענס, ווערט, אויף אזא אופן, די רעגען־וואסער בעסער רעזערווירט און פערהיט פון אויסוועפונג. די ליחות (פייכטקייט), וואס זאמעלט זיך אן אונטען, אונטער דעם שיידעל פון הארטען נארי, בעוואסערט די ווארצלען פון די אליוועז, מאנדלען, וויינשטאק א. א. וו., וועלכע קענען, א דאנק דעם, אויסקומען אהן קינסטליכער בעוואסערונג.

די בוימער אויף די בערג געפינען, אלזא, זייער נאהרונג אין דעם דערמאנטען פרוכטבארען אונטער־שיכט. אבער די תבואה קען מיט איהרע ווארצלען אזוי טיעף ניט דערגרייכען. דער נארי־שיכט טויג, דעריבער, פאר קיין תבואה ניט. אין די שפאלטען פון די פעלזען־בערג געפינט זיך אבער גאנץ אפט דער בעסטער פעטער באדען, וועלכער ציהט זיך, פונקט ווי אדערן, אין דעם פרוכטלאזען נארי־שיכט.


ג) ד ע ר ע מ ק ־ ה י ּר ד ן ווערט בעטראכט אלס א בעט פון אן אור־אלטען ים, וועלכער האט זיך אמאל ברייט פערשפרייט צווישען דעם לבנון און דעם ים־סוף. אויף דעם זאגט עדות דער ווייכער, זומפיגער מארגעל־גרונד פונ'ם עמק הירדן, אהן שום שטיינער און פעלזען־בראך. מיר האבען שוין אנגעוויזען אז דיעזער באדען קען זעהר ברייט אויסגענוצט ווערען פאר טראפישע פלאנצונגען, הגם ביז יעצט זיינען געמאכט געווארען בלויז קליינע פערזוכען אויף דעם געביעט אין בעל־בך, חמת, חמין און לעבען יריחו.

דער ירדן און זיינע צו־פלוסען.

אויף דעם גרונד פון דיעזען גראבען פליסט דער ירדן, וועלכער בעקומט אויף רייכע צופלוסע פוןביידע זייטען. די הויפט־קוועלען פון דעם ירדן הויבען זיך אן פון די נידערונגען פון דעם העכסטען בארג אין לאנד, פון דעם גרייז־גרויען חרמון. דער וויכטיגסטער פון זיי איז חצבני, וועלכער פליסט אין דער בקעת־מצפה, אדער וואדי־אל־תים. ער פאנגט זיך אן לעבען דער שטאדט חצביה (חספיה) און האט 35—40 קילאמעטער אין דער לענג (22—24 מייל), און פאלט, אויף דיעזען שטח, אויף גאנצע 475 מעטער אדער 1558 פוס, ד. ה. 65 פוס אויף א מייל. צו מזרח־צו פון איהם פליסט דער צווייטער ירדן־קוואל, דער לדן, וועלכער הויבט זיך אן ביי דעם תל־אל־קאצי (טעל־על־קאדי, ד. ה. ּדי בערגעל פון דעם דיין). די ביידע נעמען דערמאנען אן דעם שבט דן, וועלכער האט זיך בעזעצט אין דעם געגענד, נאכדעם ווי ער האט איהם איינגענומען ביי די צידונים, ווי עס דערצעהלט אונז די געשיכטע אין ספר שופטים. לדן האלט בס"ה 8 קילאמעטער (5 מייל) אין דער לענג, ער פאלט אבער עטוואס שנעלער פאר דעם חצבני — דהיינו אויף 360 פוס. דער דריטער קוואל איז — באניאס, אדער די מערות־פמיים: ער ציהט זיך אויף גאנצע 40 קילאמעטער (25 מייל), און פאלט אויף 834 פוס (285 מעטער).

ערשט פעראייניגענדיג זיך צוזאמען, בילדען די דריי צופלוסען ד ע ם י ר ד ן. (אין אראביש הייסט ער אל־אורדון אדער אל־שריעת אלכביר, ד. ה. דער גרויסער טייך). צוערשט שניידט ער דורך דעם אויבענדערמאנטען פרוכטבארען און זומפיגען טאל פון חולה (ארץ־אל־חולה) און פאלט אריין אין דעם י ם ־ ח ו ל ה אדער מ י ־ מ ר ו ם (אין תלמוד הייסט ער ים־סומכי, און די אראבער רופען איהם: בחרת אל־חולה). דער ים איז ניט גרויס, ער איז אבער רייך מיט פיש און מיט פערשיעדענע וואסער־פויגלען. זיין פארם איז א דריי־עקיגע: ער האלט 4 מייל (6,4 קילאמעטר) אין דער לענג (זיינע מזרח־ברעגען זיינען ניט אויסגעמאסטען) און געפינט זיך אויף זעקס מיט א האלבען פוס איבער דער ים־פלעכע.

ערשט ארויסגעהענדיג פון דעם מי־מרום, בעקומט דער ירדן זיין אמת'ע בעדייטונג, אויף דעם שטח פון א צעהן מייל, פון מי מרום ביז ים־כנרת, פאלט ער



בילד 19

דער ים־כנרת און די „חמי־טבריה" (ווארעמע בעדער פון טבריה).

אויף גאנצע 210 מעטער (689 פוס) און פערמאגט, לויט אינזש. ווילבושעוויטשעס אויסמעסטונגען. 31.500 פערד־קראפט.

דער י ם ־ כ נ ר ת (ער הייסט אויך ים־גינוסר אדער ים־טבריה, אין אראביש: בחר־טבריה) האט אן אויבערליכען אויסזעהן פון א הארפע, — דערפון האט זיך וואהרשיינליך גענומען זיין נאמען. זיינע וואסערען זיינען רייך מיט פיש און גוט צום טרינקען. דער ים־כנרת פערנעהמט אין דער לענג ביז 13 מייל (21 קילאמעטר) און אין דער ברייט ביז 6 מייל (קרוב צו צעהן קילאמעטר). זיין שטח איז אלזא 70 קוואדראט מייל אדער 181 קוו. קילאמעטר. ים־כנרת

פון כנרת ביז דעם ים המלח שלענגעלט זיך דער ירדן אזוי, אז ער איז פונקט דריי מאל לענגער פון א דירעקטער ליניע, וועלכע מען קען דורכפיהרען אין דער לופטען צווישען דיעזע ימים. די לענג פון דעם ירדן אויף דיעזער שטרעקע איז 185

מייל (300 קילאמעטר), און זיין פאלען איז אויף גאנצע 610 פוס, ד. ה. דורכשניט־ליך 3,3 פוס (העכער א מעטער) אויף איין מייל, אזוי אז אין יעדען פונקט קען לייכט רעאליזירט און אויסגענוצט ווערען א כח פון טויזענד פערד־קראפט.

די קראפט פון ירדן ווערט פערשטארקט א דאנק די צאהלרייכע טייכען, וואדים און קוואלען, וועלכע בערייכערען איהם מיט די וואסערען פון די בערג, וואס זיי ברענגען אראפ פון ביידע זיינע זייטען. די פערשיעדענע וואדים פון די מערב־בערג האבען מיר שוין אויבען דערמאהנט. יעצט וועלען מיר זיך אפשטעלען גענויער אויף די וויכטיגסטע פון זיי.

צווישען מי־מרום און דעם דרום־בערג פון כנרת פאלען אין איהם אריין דער ו א ד י ־ ע א ו ב ה (אאובע) אדער וואדי־הינדאדזש, דאז ו א ד י מ ו ע ד מ י ה (מואדעמיע), ו א ד י ־ א ל ־ ע מ ו ד, ו א ד י א ל ־ ח מ א ם און ו א ד י ־ פ ע ד ז ש א ס. צו דרום זייט פאלט אריין דער נהר־ג׳אלוד („דער טייך פון גלית“), וועלכער ציהט זיך אין א ברייטען טאל אויף דעם שטח פון גאנצע 12 מייל. ער פאלט אראפ אויף 960 פוס און בילדעט בעדייטענדע וואסערפאלען, וועלכע קענען נאטירליך, ברייט אויסגענוצט ווערען. צו דרום זייט פון דעם טייך פאנגט זיך אן דער בעריהמטער עמק פון ב י ת ־ ש א ן, וועלכער איז זעהר רייך מיט וואסער (65 קוואלען) און מיט געוויקס. אלעאנדרען און אנדערע בוימער בילדען א גאנצען וואלד לעבען בית־שאן און וואקסען געדיכט אויך אויף די ברעגען פון דעם צווייטען בעדייטענדען וואדי, דעם ו א ד י ־ א ל ־ ב י ר ה, וועלכער לאזט זיך אראפ פון דעם צפון־פלאטא, צווישען דעם כנרת און דעם וואי־ג׳אלוד.

דאן געהען די ו א ד י ־ ש ו ב א ש און וואדי א ל ־ מ א ל י ח, וועלכער בילדעט די דרום גרעניץ פון דעם עמק בית־שאן. דער וואדי איז אינטערעסאנט מיט די ג ע ז א ל צ ע נ ע מינעראלע וואסערען, וועלכע ער נעהמט אין זיך אריין, און פון וועלכע ער האט בעקומען זיין נאמען. ווייטער נעהמט אריין דער ירדן די צוויי וואדים ו א ד י ־ א ל ־ ב ו ק י י ע ה און ו א ד י ־ א ל ־ פ ר ע ה (פאר׳־עא). דער ערשטער ציהט זיך אויף 7 מייל אין דער לענג און 1 און א האלב מייל אין דער ברייט. דער צווייטער איז א סך לענגער (12 מייל) און פיעל רייכער מיט וואסער. פון די איבעריגע בעדייטענדסטע וואדים זיינען: ו א ד י פ צ א ל (אדער וואדי פזאל), אויף א זומפיגען געגענד, און מיט פיעלע ז א ל ץ ־ ק ו ו א ־ ל ע ן ציהט זיך אויף 3 מייל; וואדי אל אאודזשע און ו א ד י א ל ־ ק ע ל ט. דער לעצטער שטעלט מיט זיך פאר א טיפען גראבען, מיט שטיילע פעלזיגע ווענט, מיט א קאלכיגען באדען. דער וואדי אל קעלט איז שמאל, אבער זעהר שטראמיג און אין דער רעגענצייט רייך מיט וואסער. יעדע סעקונדע ברענגט ער 0,3 קוביק מעטער וואסער. דער „וואדי קעלט“ ציהט זיך אויף 6 און א האלב מייל; ער נהעמט אבער אין זיך אריין אויפ׳ן וועג אייניגע קלענערע קוואלען. דער וויכטיגסטער פון וועלכע איז דער וואדי פארא, אדער נ ח ל ־ פ ר ת. צווישען דעם וואדי קעלט און יריחו וואקסען פערשיעדענע בוימער, טאמאריסקען, אקאציעס, סידרעס און אנדערע מינים. דיעזער עמק, וועלכער איז איינער פון די פרוכטבארסטע אין דער וועלט, איז פאסיג פאר טראפישער קולטור, און קען רייך קולטיווירט ווערען מיט פער־שיעדענע פלאנצונגען פון דעם טראפישען מין.

דירעקט אין ים־המלח פאלען אריין קלענערע וואדים, וועלכע זיינען ארעמער מיט וואסער. אהערצו געהערט דער נ ח ל ־ ק ד ר ו ן (אין אראביש: וואדי־

אלנאר) און וואדי אל־דראג'ה (דעראדזשע). דער וואדי אל ערוב איז רייכער מיט וואסער־קוואלען. אין אייניגע ערטער ביים ברעג ים געפינען זיך מינע־ראלע שוועבעל־קוואלען (צו צפון־זייט פון ראס־מרשד).

אבער די וויכטיגסטע וואסער־אוצרות בעקומען דער ירדן, מיט'ן ים המלח, דוקא פון מזרח־זייט. די בעדייטענדסטע פון די מזרח־טייכען זיינען: דער ירמוך, יבוק, ארנון און נחל־זרד.

דער ירמוך (שריעת אל־מנראהיר) איז דער בעדייטענדסטער טייך אין עבר הירדן, וועלכער ברייננגט אריין אין ירדן נאך א מאל אזוי פיעל וואסער, וויפיעל דער ירדן פערמאגט אין דעם פונקט וואו זיי בעגעגענען זיך. אויף זיין וועג צום ירדן נעהמט דער ירמוך אריין גרויסע טייכען און וואסער־שטראמען. אויף א שטח פון 55—60 קילאמעטער (ביז 38 מייל) פאלט דער ירמוך אויף גאנצע 700 מעטער (2300 פוס), אזוי, אז ווען ספּעציעלע סטאנציעס זאלען איינגעריכטעט ווערען צו אוטיליזירען די קראפט פון דעם וואסער־פאל, וואלט אין יעדען פונקט לייכט געקענט דערגרייכט ווערען א כח פון 450 ביז 700 פערד־קראפט.

נחל יבוק (אין אראביש: וואדי־זרקא) פאנגט זיך אן אין דעם מזרח זייט פון די בערג פון גלעד. לעבען דער אמאליגער הויפּט־שטאדט פון רבת־עמון (פילאדעלפיא). צוערשט פליסט ער פון דרום צו צפון ביז תל־אל־אמראמה, און נעהמט אריין אין זיך עטליכע צופלוסען: ביי דעם דערמאנטען פונקט פערקערעוועט ער צו מערב זייט און פאלט אריין אין ירדן אין דעם ארט וואס הייסט ערב־אל־מישאלה. זיינע ברעגען זיינען געדיכט בעוואקסען מיט אלעאנדרען און אנדערע שטרויכען. נהר ארבעין, נחל־יבש (וואדי־יאבים) און נחל־הבתרון (וואדי־ארדשלון) זיינען די וויכטיגסטע וואדים פון גלעד. וואדי־נמרין, וואדי־כפרן, נחל־חשבון (וואדי־חסבאן), וואדי־עיון מוסא און וואדי זרקא־מעין — די בעדייטענדסטע וואדים פון דער בעלקא.

נחל־ארנון (וואדי אל־מורזשיב) נעהמט אין זיך אריין די וואסערען פון א ברייטען 2000 קילאמעטער־שטח, פון דעם גאנצען געביעט פון מואב. דער זידליכער צופלוס פון דעם ים־המלח איז נחל־זרד, אדער וואדי אל חעסא, דער גרענעץ פון מואב.

דער ירדן גופא איז נישט ברייט. זומער־צייט האלט ער בלויז 100 פוס, און נאר ווינטער צוגיסט ער זיך ווייט איבער זיינע ברעגען. דערפאר איז אבער דער ירדן זעהר שטראמיג. לויט דער אויסרעכנונג פון אייניגע פאך־לייטע שליידערט דער ירדן אריין אין דעם ים־המלח זעקס מילאן טאן וואסער א טאג. מיט דיזער קראפט וואלט מען געקענט ניט נור בעוואסערען א גרויסען טייל פון ארץ־ישראל, נאר אויך בעלייכטען דאס גאנצע לאנד מיט עלעקטריע און זעצען אין בעוועגונג די גרעסטע מאשינען און אייזענבאנען.

דער ים־המלח, הייסט אויך דער אספאלט־ים, דער ים פון סדום, אדער „דער טויטער ים", אין אראביש: בחר־לוט — באכר־לוט— לוט'ס ים. דאס איז דער גרעסטער פערמאכטע באסיין אין א"י, און איינער פון די מערקווירדיגסטע געשלאסענע ימים אין דער וועלט. ער האלט 47 מייל אין דער לענג און 10 מייל אין דער ברייט, ד. ה. א שטח פון 370 קוו. מייל, אדער פון 960 קוו. קילאמעטער. די אויבערפלעכע פון דעם ים איז מיט 399 מעטער (1292 פוס) נידעריגער פאר דעם מיטעלמעער, און זיין טיעף דערגרייכט אין אייניגע פלעצער ביז 1330 פוס. דער גאנצער אומפאנג

פון דעם יב־המלח האלט אונפעהער 120 מילארד קובישע יארד וואסער, ד. ה. צוויי מאל גרעסער פאר דעם אומפאנג פון גענפער באד. די וואסערען פון ים־המלח פערמאגען פאלגענדע מערקווירדיגע אייגענשאפטען: אין דער צייט וואס אלע ימים ענטהאלטען בלויז 3,5 פראצענט זאלץ און מינעראלען, האט דער ים המלח איז זיך גאנצע 22—28 פראצענט פערשיעדענע מינעראלען, שויז ארייגערעכענט 7 פראצענט טיש־זאלץ. דעריבער איז דער געוויכט פון דער וואסער איז ים־המלח פיעל שווערער ווי געוועהנליכע, און א מענשליכער קערפער שווימט אויף דעם ים־המלח אהן מינדסטער אנשטרענגונג און ווערט ניט געזונקען. אויסער זאלץ ענטהאלטען זיינע וואסערען נאך די פאלגענדע מינעראלען: בראם, חלאר, מאגנעזיום, נאטריום און קאלציום, ווי אויך א היבשע דאזע פון אספאלט, אזוי אז דער ים האט בעקומען דעם נאמען „אספאלט־מעער“.



בילד 20

ע י ן ־ ג ד י. דער אורשפרונג פון קוואל. לינקס און רעכטס — זיזיפוס־בוימער (אטד, אין אראביש: „סידרעס“). הינטען אין דער מיטען סעדזשאל־אקאציע.

אין דעם ים־המלח איז ניטא קיין פיש, ווארום קיין לעבעדיגער וועזען קען ניט עקזיסטירען אין די שארפע שניידענדע וואסערען פון דעם ים, און די פיש, וואס דער שטארקער ירדן־שטראם פערשלעפט, ווערען אין איהם דערשטיקט.

פון די פערשיעדענע ארגאנישע שטאפען בילדעט זיך דער אויבענדערמאנטער אספאלט, וועלכער זאמעלט זיך מאסענווייז אויף די בערגלעך ארום די דרום־ברעגען פון דעם ים. א חוץ דעם זאמלען זיך אין פערשיעדענע ערטער ז א ל ץ ־ ב ע ר ג ל ע ך, וועלכע ווערען עקספלואטירט (אויף א פרימיטיווען אופן) פון דער רעגירונג און פון דער ארומיגער בעפעלקערונג (אין אראביש הייסען אזעלכע זאלץ־פאנען: „סבכא“), די דרום בערגלעך טראגען דעם נאמען „ ג ב ל ־ א ו ס ד ו ם “, ד. ה. די בערג פון סדום. מיט דעם ארט פערבינדט די פאלקס־לעגענדע די ביבלישע געשיכטע

זוענען דער אמאליגער קאטאסטראפע, אין סדום און עמורה, און די אומוואנדלונג פון לוט׳ס פרוי אין א שטיק זאלץ־סלופ (נציב מלח).

פיעל וויכטיגער און אינטערעסאנטער איז דער היסטארישער פלאץ פון מסדה (מאסאדא), יענע אידישע פעסטונג וואס די לעצטע קנאים האבען פערטיידיגט מיט דער גרעסטער העלדישקייט שוין נאך דעם ווי דער בית־המקדש איז געפאלען. קיין איינציגער פון די פערטיידיגער פון מסדה האט זיך ניט אונטערגעגעבען: אלע זיינען זיי געפאלען, ניט פון דער רוימישער פייל, נאר פון דעם אייגענעם שווערד און געפונען א קבר אין די רואינען פון דעם מסדה־פעלז, וועלכער דערהויבט זיך, ווי אן אדלער־נעסט הויך איבער די כוואליעס פון ים־המלח.

א מין אאזיס אין די מדבר־פעלזען ארום ים־המלח שטעלט מיט זיך פאר ע י ן ־ ג ד י, וועלכער איז בעריהמט געוועזען מיט זיינע וויינגערטנער. ארום דעם קוואל (בילד 20) וואקסען נאך היינט פערשיעדענע בוימער.

דער באדען פון עבר־הירדן

ד) ד ע ר ע ב ר ה י ר ד ן האט א באדען פון לעהם־שטיין, און אין פיעלע ערטער — פון וואולקאנישער לאווא, וועלכע איז זעהר פרוכטבאר. בעזונדערס פערמאגען א פרוכטבארען באדען דער ג ו ל ן און די נ ו ק ר א אין חורן, ווי אויך אנדערע טיילען פון חורן.

דער באדען פון גולן איז גוט ניט נור פאר פאשע (פיטערן די פיה), נאר אויך פאר אלע מינים פון תבואה און פרוכטבוימער. דער גולן אזי רייך מיט קוואלען. ארום וועלכע א גאנץ יאהר וואקסט גרינס־צייג. ווינטער־צייט איז די גראז אין גולן אזוי הויך ווי א מענשליכער וואוקס: זומער צייט אבער ווערט דאס גראז, צוליעב די היצען, אויסגעברענט. עס זיינען פאראן דייטליכע סימנים, אז אין די אמאליגע צייטען זיינען אין גולן געוועזען גרויסע וועלדער. רעשטען פון וועלכע עס געפינען זיך נאך אויף די הרי הבשן (תלול־אל־חיש).

די נוקרא

דער צפון טייל פון גולן איז אויך רייך בעוואקסען. אבער זיין באדען איז א הארטער לאווא־פעלז און איז בעסער פאר פאשע איידער פאר אקערבוי.. בעזונדערס אבער איז דער באדען פון גולן פרוכטבאר אין זיין דרום־טייל, וואו ער איז ריין פון פעלזען־ברוכע, און בעשטעהט פון ווייכע דונקעלע לאווא־שיכט. וואס פערמאגט א זעלטענע פרוכטבארקייט. גרויסע שטרעקען פון דעם גולן־באדען זיינען נאך עד היום ניט אויסגענוצט. די טיילען, וועלכע זיינען שוין פערנומען, ווערען בעארבייט אויף א העכסט פרימיטיווען אופן.

די נייע אויספארשער פון חורן בעשטעטיגען פאלקאם די בעריכטען פון די פריי־הערדיגע רייזענדע. אז דער באדען פון נ ו ק ר א איז מערקווירדיג פרוכטבאר. דער גרויסער טאל, וועלכער האלט ביז 3500 קוו. קילאמעטער, גיט א גערעטעניש ביז 40—50 מאל, און דאס אלץ, טראץ די פרימיטיווסטע מיטלען און אלטפרענקישע מעטאדען פון אגריקולטור. אלערליי תבואה וואקסען אין דעם ראיאן, איבערהויפט ווייץ (הדריי־פערטעל באדען איז בעארבייט מיט ווייץ), לופין, גערשטען, מאיס, פערד־באהנען, האבער, א. ד. ג. אבער אויך פרוכט־בוימער האבען דא א גוטען באדען. אין די אלטע יאהרען האט מען זיי קולטיווירט, שפעטער איז די קולטור פערנאכלעסיגט געווארען. אבער די לעצטע צייט האט מען זיך ווידער גענומען צו טרויבען און אליוועןפלאנצען. אין די אידישע פארמס ג ׳ י ל י ן (דזשילין), ס א ח ׳ ם ־ ג ׳ו ל ן און אנדערע, וואס דער באראן ראטשילד האט געקויפט, זיינען אין די אכציגער יאהרען פערפלאנצט געווארען נאהענט צו פיער הונדערט טויזענד

בוימער. איבערהויפּט טרויבען און אַליוועז. דער חורן, וועלכער איז איין דער רוי־מישער תקופה געוועזען איינער פון די תבואה־אַמבּאַרען פון דער רוימישער אימפּעריע, הויבט שוין אָן צו שפּיעלען אַזאַ גרויסע ראָלע אויך אין אונזער צייט*). נאָך מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז דער חורן געוועזען האַלב וויסט: בלויז די ווילדע בעדוי־אינער פלעגען איין איהם פּאַשען זייערע סטאַדעס. די פעלאַכען זיינען געזעסען נור אַרום די בערג, זייענדיג איין געפאַהר פון די מדבר־שבטים, צו וועלכע זיי פלעגען מוזען צאָהלען אַ יעהרליכען „ברודער־שטייער“, (חוה־חובע) כדי יענע זאָלען זיי נעהמען אונטער זייער שוץ. זינט אָבער די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר האַט זיך דער איינפלוס פון דער רעגירונג, און צוזאַמען דערמיט די זיכערהייט פון לעבען און אייגענטום — אַזוי פערשטאַרקט, אַז די בעדואינער וואַגען שוין נישט אָנצופאַלען אויף אַ גאַנצען דאָרף און צו ראַבעווען, ווי זיי פלעגען עס טהאָן ביז גאַר ניט לאַנג. די פעלאַכען און די טשערקעסען האָבען זיך בעזעצט איבער'ן גאַנצען חורן, אַזוי אַז יעצט איז אַ גרויסער טייל באַדען פערנומען. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די אַרבייט איז נאָך זעהר פּרימיטיוו, און די יעצטיגע בעפעלקערונג קען לייכט פערמעהרט ווערען אין עטליכע מאָל. (איז דער רוימישער צייט איז די בע־פעלקערונג פון חורן געוועזען מינימום 400.000 נפשות, ד. ה. דריי מאָל אַזוי גרויס ווי היינט). אַנדערע אויטאָרען שעצען זי אין מיליאָנען (באַרטאָן און דראַקע אין זייער „אונעקספּלאָורעד סיראַא“).

אַ מערקווירדיגען בילד שטעלט מיט זיך פאָר דער געגענד פון אַרגב (לעדזשאַא), וועלכער מאַכט אָן איינדרוק פון אַ געוואַלדיגען לאַוואַ־ים. וואַס איז פלוצלונג פערגליווערט געוואָרען אין אַ כאַאָטישער אונאָרדנונג. דער גאַנצער באָ־דען איז בעדעקט מיט לאַוואַ־אויסגוס, מיט דעם שוואַרצען באַזאַלט־שטיין, וועלכער האָט אייגענטליך געקראָגען זיין נאָמען, אויף אַלע שפּראַכען, פון דעם העב־רעאישען אייגען־נאָמען בשן, דעם צפון־טייל פון חורן, וועלכער קומט צו נאָהענט צו דער לעדזשאַא. (באַזאַלט איז אין גריכיש: „באַסאַניטעס ליטהאָס“, ד. ה. דער שטיין פון בשן). דיעזער באָדען פון ארגב איז ניט פּאַסענד פאַר אַגריקולטור. ער־טערווייז אָבער ענטהאַלטען אין זיך אויף די בערג פון לעדזשאַא פרוכטבאַרע טאָלען און עבענעס, וועלכע קאָנען בעאַרבייט ווערען. ארגב

דער דייטשער געאָלאָג פּראָפ. מאַקס בלאַנקענהאָרן האָט ענטדעקט אין די יאָהרען 1894 און 1904 וויכטיגע פאָספאַט רעזערוועז פון אַספאַלט צו מזרח־זייט פון דער שטאָדט סאַלט און אין מערב־זייט פון א"י, אַרום די ברעגען פון ים המלח. דער אוצר פון אַספאַלט אַרום סאַלט ציהט זיך אויף 2 קילאָמעטער און ענטהאַלט, לויט זיינע שאַצונגען ביז 144 טויזענד טאָן מיט דעם ווערטה פון קרוב צו 6 מיליאָן מאַרק. דער זעלבער פּראָפעסאָר האָט ענטדעקט ערד־אויל, און אַנדערע מינעראַלען. די ערשטע פּראָבען זיינען געמאַכט געוואָרען, און אַ געוויסע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט זאָגאַר בעקומען ביי דער טערקישער רעגירונג אַן ערלויבנים די נאַטירליכע אוצרות צו עקספּלואַטירען.

דער געביעט פון מואב און עמון איז טיילווייז געאייגנעט פאַר פּלאַנטאַציעס, (אַזוי צ. ב. ש. פּראָדוצירט דער אומגעגענד פון סאַלט דעם בעסטען סאָרט ראָזינקעס).

---

*) די תבואה פון חורן ווערט אַרויסגעפיהרט דורך די פּאָרטען חיפה, בירות און עכו פאַר גאַנץ סיריען און ארץ ישראל און אויך פאַר אויסלאַנד, אַ חוץ דעם געברויך אין דמשק און אומגעגענד.

טיילווייז פאר פאשע און פיה־צוכט. דער געגענד צווישען חשבון און וואדי־אל־וואלע פראדוצירט ו ו י י צ ע ן. צו צפון־זייט פון כרך פאשען זיך שאף.

די בעוואסערטע ברעגען פון ארנון, וואדי־אל־וואלע, א. א. וו. קענען, נאטירליך, אויסגענוצט ווערען מעהר ראציאנאל פאר פלאנטאציעס און גרינס, ווען מען וועט אנפאנגען בענוצען מאדערנע וויסענשאפטליכע מעטאדען.

דער עבר הירדן האט די רייכסטע טייכען און גרעסטע טייכען און וואדיס אין לאנד.

צו צפון זייט פליסען אין דעם עמק בטיחא די דריי וואדיס: וואדי אלצפא (וואדי עכסאפא), וואדי אל־דאליה און וואדי־אלסנאם (עס־סונאם). וואדי אלצפא האט שטענדיגע וואסער און איז 16 מייל די לענג. פון די איבעריגע וויכטיגסטע טייכען פון גולן זיינען: א) דער נ ה ר ־ א ל ס ע א ר (נהר־עססעאר), וועלכער פאנגט זיך אן אין חרמון און פאלט, אויף דער שטרעקע פון 9 מייל, אויף 2362 פוס. ב)



בילד 21.


דער טייך י ר מ ו ך אין זיין אונטערשטען טייל. איבער איהם — אן אייזענבאהן־בריק פון דעם חג'אז־באהן. אין דער מיטען געהט א טערראסע פון לאוואַ־שטראם.

נ ה ר ־ א ל ר ק א ד (עררוקאד), מיט איניגע וואסער־פאלען, איז איינער פון די גרעסטע צופלוסען פון ירמוך. ער האלט גאנצע 38 מייל לענג און פאלט אויף 3.544 פוס. זיינע וואסערען זיינען רייך מיט פיש און זיינע ברעגען — בעדעקט מיט אלעאנדרען, פייגען־בוימער און אנדערע מינים. ג) נ ה ר א ל ע ל א ן בילדעט דעם מזרח־גרעניץ פון גולן און ציהט זיך, ביז זיין אריינפאלען אין ירמוך, אויף 12 מייל: ער פאלט אויף 1268 פוס.

דער וויכטיגסטער וואסער־באסיין פון עבר הירדן איז דער י ר מ ו ך אדער שעריעת־אל־מנאדאהיר. דער ירמוך ווערט צוזאמענגעשטעלט פון עטליכע צופלוסען, וועלכע קומען אן פון פערשיעדענע זייטען. די צופלוסען פון צפון זייט האבען מיר

שוין געזעהן. פון מזרח איז די וויכטיגסטע קוועלע דער וואדי אל באדזשע, וועלכע שטראָמט ארוים פון דעם באך פון מזיריב, און רעכענט זיך פאר דעם אור־קוואַל פון דעם ירמוך. אויף דעם שטח פון55—60 קילאָמעטער (35—38 מייל) פון מזיריב ביז׳ן ירדן, פאלט דער ירמוך אראָפּ אויף 700 מעטער (2216 פוס) אזוי אז אויב ספּעציעלע סטאנציעס זאָלען איינגעאָרדענט ווערען, כדי אויסצונוצען די קראַפט פון׳ם וואסער־פאל, וואָלט מען אין יעדען פונקט לייכט געקאָנט דערגרייכען א כח פון 450—700 פערד־קראפט.

דער באך „מזיריב" גופא איז ניט גרויס; ער האָט א שטח פון בלויז 27 אקר (11 העקטאר) און איז פון 16 ביז 20 פוס די טיעף און בעוואקסען מיט



בילד 22.

טויטע טאמאריסקען אין וואסער פון דעם ים־המלח, ביי דעם מויל פון נ׳חל־ארנון (וואדי־אל־מאדזשיב).

שילפרעהרען (טשערעט). ער איז אָבער פערלאָזען און פערוויסטעט, צוליעב די מיק־ראָבען, מיט וועלכע ער איז איבערפילט.

פון די איבריגע מזרח־טייכלעך איז דער וויכטיגסטער דער וואדי־אלאחריר, 11 מייל אין דער לענג. דער דערמאנטער וואדי אל־אעלאן פליסט אין איהם אריין.. ער פאלט אראָפּ ס"ה אויף 1301 פוס. דאן קומט פון דרום זייט דער רייכער שטראם וואדי אל־שלאלע, מיט די קלענערע וואדיס וואס ער נעהמט אין זיך אריין.

דער נ ח ל ־ א ר נ ו ן האט א ברייטע באסיין, וועלכער ציהט אפ די וואסער פון א שטח פון צוויי טויזענד קוו. קיל. אין צפון־זייט פאלט אין איהם אריין דער גרויסער וואדי אל־וואלע (מעגליך — נחליאל) און פון דרום זייט — דער וואדי אל־מוהרס (מוכערעס), וועלכער אין זיין רייהע נעהמט אריין א גאנצע מענגע מיט קלע־נערע וואדיס, וואס לויפען אלע פון דרום זייט צו צפון זייט. איינער פון די לעצטע איז דער וואדי־אל־סולטאנה. דער צווייטער בעדייטענדסטע וואדי, וואס פאלט אריין אין וואדי־מוהרס, איז וואדי אל גובר, וועלכער קומט אראפ פון די בערג פון כרך. דער דריטער איז — מי־נמרים.

אין דרום זייט פון מואב זיינען די בעדייטענדסטע וואדיס — דער וואדי אלכרכ וואדי אל־זייאתין און וואדי א ל ח א ס א. דער לעצטער פאנגט זיך אן צו מזרח־זייט פון דעם חערזשאזער אייזענבאהן, און נעהמט אין זיך אריין א מאסע קוואלען און טייכלעך. אין זיין אונטערשטער טייל הייסט ער ו ו א ד י א ל ק ו ר א ח י, און ער ענטשפרעכט צו דעם ביבלישען נ ח ל ז ר ד, דעם גרענעץ צווישען מואב און שעיר (אדום). ביי זיין ארייננפאלען אין ים המלח געפינען זיך די חורבות „בורדזש“, וועלכע מען האלט פאר רעשטען פון דער ביבלישער „צוער“.

צו צפון־זייט פון די בערג דאנא זיינען נור צוויי בעדייטענדע וואדיס: וואדי־טפילה (תפל) און וואדי גאראנדאל, צו דרום זייט — דער וואדי אלעובר (כובר), וועלכער צווייגט זיך פאנאנדער און פאלט אריין אין דעם ברייטען ו ו א ד י א ל ־ ע ר ב ה. דער וויכטיגסטער דרום וואדי פון שעיר איז דער וואדי־מוסא מיט די עיון־מוסא, וועלכע פליסען אין איהם. דיעזער וואדי פאלט אויך אריין אין ערבה.

אלטע ציסטערנען און קאנאלען.

די גרונד־וואסער פון עבר־הירדן איז גאנץ טיעף, און דארט וואו ס'איז ניטא קיינע פליסענדע טייכען און קוואלען איז אונמעגליך צו געברויכען ברונעמער, ווי עס איז דער פאל ביי דעם ברעג ים. די ארטיגע בעפעלקערונג נוצט דעריבער, פון די עלטסטע צייטען ביז היינט „בורות“, ד. ה. אין שטיין אויסגעהאקטע ציסטערנען מיט א שמאלע עפענונג פון אויבען. אין דיזע דירות ווערט דער רעגען־וואסער פון ווינטער רעזערווירט פאר א גאנץ יאהר.

אין אייניגע ערטער זיינען דא אזעלכע נאטירליכע ברכות („מאטח“), וואו עס זאמעלט זיך דאס וואסער. אין אנדערע ערטער זיינען געמאכט געווארען קינסטליכע ציסטערנען. אזוי איז דא אין ב צ ר ה א ציסטערנע אויסגעהאקט אין שטיין מיט אן אויבערפלעכע פון 390 קוואדראט פוס. א צווייטע ציסטערן איז נאך גרעסער: 530 פוס אויף 420 פוס און 20 פוס די טיעף (ד. ה. כמעט פ י ע ר מ י ט א ה א ל ב ע ן מ י ל י א ן קובישע פוס). דאס זיינען אלץ רעשטען פון די אמאליגע בנינים, פון די חסאנידען, רוימער און אידען, רעשטען פון א י ד י ש ע בנינים און ציסטערנען געפינען זיך ספעציעל אין גולן און אין לעדזשאא.

פיעל וואונדערבארער פאר די גרויסע ציסטערנען זיינען די מיילען־לאנגע וואַ־סער קאנאלען און אקוואדוקטען, וועלכע האבען מעגליך געמאכט די ווייטסטע און טרוקענסטע געגענדען צו באפעלקערען. איינער פון אט די אלטע וואסער־קאנאלען איז בעקאנט מיט'ן נאמען „פאלמא“ לויט דעם רוימיישען קאמאנדיר, קארנעליוס פאלמא, וואס האט איהם געבויט. ער ציהט זיך אויף גאנצע 20 קילאמעטער. אן אנדער קאנאל איז בעשטימט געוועזען צו בעוואסערען דעם מזרח טייל פון לעדזשאא. און האט זיך געצויגען אויף גאנצע 35 קילאמעטער. א דריטער קאנאל לו־ווא האט געפיהרט וואסער פון די בערג פון חורן אין דער סטעפע חאררא. דער גרעסטער

קאנאל איז אבער דער, וועלכער איז געבליבען ביז היינט — דאס איז די קנת־פרעון (קאננאט־פיראאון), וואס ציהט זיך אין דער לענג פון דעם חאדזש־וועג אויף גאנצע 80 קילאמעטער. די אראבער זיינען זי מיחס צו דעם חסאנידען־קעניג ח ר ת ת (ארעטאס) דעם ערשטען.

אויסער די קאנאלען און וואסער־ציסטערנען זיינען געליבען איבער דעם גאנצען שטח פון חורן רואינען פון גרויסע שטעדט און פארצייטיגע מויערן. חורבות פון פראכטפאלע שלעסער — רעשטען פון דער אמאליגער ציוויליזאציאן זיינען אויך גע־בליבען אין בעלקא (ווי צ. ב. ש. דער בעריהמטער שלאס פון משיטא־מ׳שעטא) אידי־שע קברים און רואינען זיינען פערבליבען בעזונדערס איז גולן („קבור בני־ישראל״). אין נאוה, פיק און חאן־בענדעק; אבער אויך אין אנדערע פלעצער, ווי צ. ב. ש. אין דער אלטער אידישער פעסטונג פון הורקנוס בן יוסף, אין עראק־אל־אמיר, אין מידבא, א. א. וו.

די גרויסארטיגע רעשטען פון די אמאליגע גראנדיעזע בנינים זאגען עדות אויף די אלטע בעסערע צייטען, ווען דער געגענד פון עבר־הירדן איז געווען בעפעלקערט מיט א געדיכטען בליהענדען ישוב.

מינעראלע נאך וואסערע: די נאטירליכע רייכטימער פון ארץ ישראל זיינען נאך ווענינ אויסגעפארשט און נאך ווייניגער אויסגענוצט. פיעלע מ י נ ע ר א ל ע ו ו א ס ע ר ע ן זיינען בע־קאנט אין לאנד. די ח מ י ט ב ר י ה (הייסע בעדער פון טבריה) צ. ב. ש. זיינען בעריהמט מיט זייערע גוטע אייגענשאפטען צו היילען רעוומאטיזמוס־קראנקהייטען. (זיי האבען א טעמפעראטור פון 55 ביז 61 גראד צעלזיוס, אדער 132,2—142,2 פאהרענהייט). דא אויף דעם ברעג פון כנרת וואלט זיך געקאנט ענטוויקלען א גרויסער קורארט פלאץ. דערוייל אבער שטעהען דא בלויז א פאר געביידעס מיט זעהר פרימיטיווע איינריכטונגען. נאך מינעראלע־וואסערען זיינען דא אין אנדערע ערטער, למשל די שוועבעל־קוואלען פון גדר (גאדארא, אדער אום־קיים) (מיט א טעמפעראטור פון 49 גראד צעלזיוס אדער 110 גראד פאהרענהייט), די ווארעמע קוואלען זיינען אויך דא אין ו ו א ד י ־ מ א ל י ח און אין וואדי פ צ א ל; שווע־בעל־קוואלען פון ז ר ק א ־ מ ע י ן (61 גראד צעלזיוס אדער 141,8 גראד פאה־רענהייט), וועלכע זיינען בעקאנט אלס גוטע הייל־וואסער נאך פון דעם אלטערטום. רייכע זאלץ־קוואלען לעבען ראס־מרשד, ביים ים־המלח, און אויך אין דער אומגעגענד פון יריחו.

מינעראלען פון די איבעריגע מינעראלען זיינען בעקאנט: א ס פ א ל ט אין דעם ים־המלח און אויף די דרום־ברעגען פון דעם ים, ווי אויך אין חצביה (חספיה), צו־פוסענס פון דעם לבנון. סימנים פון ק ו פ ע ר־ערץ און אדערען פון רויטען קופער־ערץ האט מען געפונען אין די בערג צו מזרח פון ערבה, און אין טאל פון ערבה מיט 40,48 פראצענט פון דעם מינעראל. אויך האט שומאכער געפונען סימנים פון אייזען־ערץ אין דרום עגלון (גלעד).

אייזען־מינען געפינען זיך אויך אין אייניגע ערטער אין סיריען און אין לבנון. לויט דעם פראפ. ווארבורג׳ס אנגאבען געפינט זיך אין סיריען אויף אמבראצ, אנטימאן, באראדיט, חראם־מינעראלען, קופער, ניקעל בליי און אפילו גאלד־און זילבער־אדערן

(אין מאראַיש). לעבען אנטיוכיה, סיריען, האָט מען זאָגאר געפונען ק ו י ה ל ע ן מינען (ווי אויך אין איאָס און עגלון, עבר־הירדן). פ ע ט ר א ל ע א ו ם (נפט, קעראסין) האָט מען ענטדעקט אין צוויי ערטער, אין עגלון און צווישען חברון און ים המלח, און די אמעריקאַנישע סטענדארד אָיל קאָמפּאַני האָט שוין אפילו ארויסבעקומען אַן ערלויבניס דיעזע פּעטראָל־קוועלען צו עקספּלואטירען, נאָר די מלחמה האָט געשטערט דער אונטערנעהמונג. גיפּס, פּאָכפּאַט, קאַלי־זאַלץ, בראָם, מאגנעזיום, קאַלך, ליים, מארמאר, געפינען זיך אין פערשיעדענע פּלעצער איבער'ן לאַנד.

צוליעב דער אונטעטיגקייט פון דער רעגירונג און צוליעב דער אבגעשטאַנענהייט פון דער בעפעלקערונג, ווי אויך צוליעב מאַנגעל אין פערקעהרס־מיטלען זיינען די פערשיעדענע נאַטור־רייכטימער ביז יעצט ניט אויסגענוצט געוואָרען. צוליעב די זעלבע סבות איז נאָך גאָר ניט בענוצט געוואָרען די געוואַלדיגע קראַפט פון ירדן און פון די אנדערע נאַטירליכע וואסער־שטראָמען, וועלכע דאָס לאַנד פערמאָגט אין אזא גרויסער מאָס, און וועלכע קענען מיט זייער קראַפט אויסקויפען דעם חסרון אין מינעראַל קוילען און נאַטירליכען הייץ־מאַטעריאַל.

די נאַטור פון לאַנד בלייבט במשך פון יאָהרטויזענדער, אָבער די געזעלשאפטליכע בעדינגונגען בייטען זיך. ביי גינסטיגערע פּאָליטישע בעדינגונגען און ביי אַ מעהר ענערגישער און בעגאַבטער בעפעלקערונג וועט די נאַטור פון ארץ ישראל עפענען איהרע פערבאָרגענע אוצרות, און דיעזע לענדער וועלען צו אַ נייעם לעבען ערוואַכען. אזא ארבייט וועט פערלאַנגען נאַטירליך פיעל קרעפטען, גרויסע קאַפּיטאַלען און דער עיקר — מענשליכע כחות; אָהן דעם קען קיין לאַנד נישט אויפבליהען, און בפרט דאָרט וואו חאָאָס האָבען הונדערטער יאָהרען געהערשט. די ווידער־אויפלעבונג פון לאַנד איז בלויז אַ פראַגע פון צ י י ט און פון ע נ ע ר ג י ש ע ר מ ע נ ש ל י כ ע ר ט ע ט י ג ק י י ט.

די נאָכבאַר־לענדער.

סוריה.

די נאָהענטסטע נאָכבאַר־לענדער פון ארץ ישראל זיינען סיריען אין צפון זייט און סיני אין דרום זייט. די ביידע לענדער זיינען פערבונדען מיט ארץ ישראל און מיט איהר בעפעלקערונג סיי געאָגראַפיש, סיי היסטאָריש.

סיריען אָדער ס ו ר י ה (אין אראביש: אל־שאַם—עששאַם, ד. ה. דאָס צפון לאַנד, אין געגענזאַץ צו ימן־יעמען, דעם דרום־לאַנד) פאַנגט זיך אָן מיט דעם בערג־קייט אקמאַ־דאַג אָדער אמנה (אמאַנוס), אויף דעם גרענעץ פון אנאַטאָליען און נעהמט ארום דעם גאַנצען א ר א נ ט ע ס באַסיין. דעם צפון גרענעץ פון סיריע, ליעגט אויף דער ליניע צווישען אלעקסאַנדריעטאַ־גאָלף און די צופלוסען פון פרת, ביי דער '36.5 ליניע פון צפון ברייט. איהר דרום גרענעץ איז דער צפון גרענעץ פון ארץ ישראל, ד. ה. די דרום־נידערונגען פון לבנון און פון מול־הלבנון. דער גאַנצער שטח פון סיריען איז אונגעפעהר 78.000 קוואדראַט מייל אָדער 200.000 קוואדראַט קילאָמעטער, נישט רעכנענדיג ארץ ישראל גופא.

אין איהר מזרח־טייל שטעלט מיט זיך סיריען פאָר אַ' סטעפּען־עבענע, 1100 פוס דורכשניטליכער הויך. די עבענע דערגרייכט ביז דעם טייך פרת. אין איהר מערב טייל איז סיריען בערגיג, און ביי דעם ברעג ים אויך זאַמדיג.

די אַמאַנוס־בערג האָבען דעם זעלבען כאַראַקטער און דיזעלבע ריכטונג וואָס די טאַוורוס און אַנטי־טאַוורוס אין קיליקיען (אנאַטאָליען). צו צפון־זייט פון אלעקסאַנדרעטאַ געפינט זיך יונה'ס

טויער אויף דעם נאמען פונ׳ם נביא, ווען דער פיש האט, לויט דער לעגענדע, אין דעם ארט ארויסגעוואָרפען. צו דרום זייט פון גאלף דערהויבען זיך די ג׳בל־מוסא און דער דורכגאנג פון ביילאן, וועלכער ברענגט אריין אין דער אנטיוכיא־עבענע. צו דרום זייט פון אנטיוכיא געפינען זיך די אנסאריא בערג מיט דעם העכסטען שפּיץ גבל־עקרא אדער קאסיוס (5900 פוס), וועלכער איז געוועזען הייליג ביי די כנענים און ביי די גריכען, ווי א צווייטער אלימפּוס. נ ה ר ־ א ל ־ כ ב י ר בילדעט דעם גרענעץ צווישען צפון און צווישען דרום סיריען.

דרום סיריען איז אנגעפילט מיט די בערג פון לבנון און מול הלבנון. די לבנון בערג־קייט ציהט זיך אויף גאנצע 30 מייל אדער 48 קילאמעטר. צווישען דעם לבנון און דעם דורכאויס פּאראלעלען מול־הלבנון געפינט זיך די גרויסע בקעת־הלבנון, אדער „קעלעסיריא“. דריי פון די העכסטע לבנון־שפּיצען דערהויבען זיך אויף העכער 10.000 פוס, אבער די העכסטע שפּיצען פון מול־הלבנון זיינען אויף 1000 פוס נידעריגער. דער מול־הלבנון איז א סך רייכער מיט וועלדער איידער דער לבנון, — דאס איז דער וואלדר־רייכסטער פּלאץ אין גאנץ סיריען. בכלל איז דער לבנון זעהר רייך קולטיווירט מיט בוימער און מיט תבואה, וועלכע וואקסען ביז 4000 פוס איבער דער ים־פלעכע. דער לבנון איז זעהר געדיכט בעפעלקערט. אבער אויך אויסער דעם לבנון פערמאָגט סיריען גאנץ גרויסע צענטרען מיט א געדיכטען ארומיגען ישוב, ווי צ. ב. ש. חלב אדער אלעפּפּא (אידען רופען עס: ארם־צובא, אדער אחלב), חמץ (עמעססא), חמת (חאממא), דמשק, בירות, אנטיוכיה א. א. וו.

די הויפּט וואסער־באסיינען זיינען: א ו ר ו נ ט ס (אראנטעס) אדער נהר אל עצי (נהר־על־אדי), וועלכער פאנגט זיך אן צו צפון־זייט פון בעל־בך; דאן געהט א רייהע פערמאכטע באכען (אזערעס) און טייכען צווישען דעם אראנטעס און דעם טייך פרת, ווי דער קאוויק, דער נהר־אלדהב (עד־דאהאב) מיט דער געזאלצענער „סבכא“ א. ד. ג. א מערקווירדיגער טייך פאלט אריין אין דעם נהר־אל־כביר — דאס איז דער נ ה ר ־ ש ב ת י אדער שבתאי, וועלכער ענטשפּרעכט דעם לעגענדארען ס מ ב ט י ו ן. אמת דיעזער טייך שבתאי רוהט נישט גראדע שבת ווי די לעגענדע וויל, נאר פערקעהרט, ער איז טעטיג בלויז איינמאל אין דריי מעת־לעת. די איבעריגע צייט ווערט ער אויסגעטריקענט, אדער איינגעשלונגען. די ערשיינונג ערקלערט זיך מיט דער ווירקונג פון די אונטעראירדישע וואסערען. אויסער דיעזע גרעסערע טייכען איז כדאי צו בעצייכנען נאך דעם נ ה ר ־ ק ד י ש א און דעם נהר אבראהים (אדונים) און נ ה ר א ל כ ל ב — צו צפון זייט פון בירות.

ס י נ י.

דער האלב־אינזעל סיני איז פון צוויי זייטען ארומגערינגעלט מיט דעם ים־סוף (רויטער מעער) און מיט דעם סועץ קאנאל, פון דער דריטער זייט מיט דעם ים־התיכון און פון דער פערטער — (צפון־מזרח) גיסט ער זיך צונויף מיט דעם „נגב“.

דער גאנצער שטח פון סיני (אריינגערעכענט דעם צפון געביעט צווישען וואדי אל־עריש און רפיא, וועלכער געהערט אייגענטליך צו ארץ ישראל) איז עטוואס קלענער פאר א״י גופא, דהיינו — 23.000 סקווער מייל אדער 60.000 קווואדראט קילאמיטר. דער צפון־טייל פון סיני שטעלט מיט זיך פאר א ריעזיגע מדבר־עבענע, וועלכע שפּארט זיך אן אן די בערג טיה. דיעזע בערג גרענצען אפּ דעם סיני־פּלאטא פון דעם ים, אזוי ווי צוויי זייטען פון א משולש (דרייעק, טריאנגל) סיי צו מזרח, סיי צו מערב זייט. די הויך פון די בערג טיה איז ביי 3000 פוס. צו מזרח־צפון זייט איז דער געביעט פון שעיר אפּגעטיילט מיט א גאנצע רייהע פון וואדי׳ס, וועלכע פאלען אריין אין דעם וואדי א ל ־ ע ק ב ה.

דער האלב־אינזעל סיני איז א וויסטער זאמדיגער מדבר, אהן וואסער און אהן שום גרינס — מיט דער אויסנאהם פון איינצעלנע בליהענדע אאזען. נור פריהלינג צייט ווערט דער מדבר טיילווייז בעדעקט מיט א געוויסער גראז. אין דעם מדבר סיני, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר די ארענע פון די אידישע פערציג־יעהריגע וואנדערונג, אויף דעם וועג פון מצרים, וואנדערען יעצט קליינע אראבישע נאמאדען־שבטים, וועמעס צאהל שטייגט נישט אריבער 17.000 נפשות. בערדעקער צעהלט בלויז 6-5 טויזענד. ווי אלע נאמאדען זיינען זיי לויט זייער גלויבען — מוסולמענער, אבער פאקטיש וויסען זיי זעהר ווייניג פון איסלאם און פייערען מיט ימים־טובים און קרבנות דעם אנדענקען פון זייערע „נאציאנאלע“ נביאים מ ו ס א (מ ש ה ר ב נ ו) און צ א ל י ח.

דער פּלאץ פון דעם בארג חורב, אויף וועלכען עס איז געגעבען געווארען די תורה איז*)

*) אין איינינע אויסגאבען איז דיעזע לעצטע שורה על פּי טעות אריינגעשטעלט אונטער׳ן בילד 23 (זייטע 160).

:ים פעסטגעשטעלט געווארען מיט זיכערהייט. אין די אלטע צייטען האט מען געהאלטען פון דעם ג ב ל - ס ר ב ל (דזשעבל סערבאל), יעצט אבער, גלויבען די קריסטען, אז דער העכסטער שפּיץ פון סיני דער דזשעבל-קאטערין איז עס דער ביבלישער בארג סיני, און דער שפּיץ „אום-אלוי" איז עס דער הר־האלוהים (שמות ג"א; שם כ"ד, י"ד). ג ב ל ־ ק א ט ע ר י ן איז אויך געאמעטריש דער מיטעלפּונקט פון סיני. די קריסטליכע מאנאכען, וועלכע האבען דארט א קלויסטער, גלויבען, אז דער דערבייאיגער ג'בל מוסא ענטשפּרעכט דעם ביבלישען הר־חורב, און אויך פיעלע מוסולמענער



ביל 23

דער פּלאץ פון דעם בארג ח ו ר ב, אויף וועלכען עס איז גענעבען געווארען די תורה, איז ר פ י ד י ם. אן אאזיס אין מדבר סיני.

:לויבען אין דעם. די בערג צו מערב זייט פון טיה זיינען פון קאלך. אין איינינע ערטער, בעזונדערס אינ'ם טאל מאגארא (דפקה) זיינען דא זעהר אלטע קופּער־מינען, מיט די עלטסטע אין דער וועלט אויפשריפטען פון פאר 5100 יאהר צוריק. דיעזע ק ו פ ע ר - מ י נ ע ן וואלטען נאך אויך יעצט געקענט עקספּלואטירט ווערען ביי גוטע וועגען און הייץ מאטעריאלען.

ג. דער קלימאַט.

אין סיריען און אין די בערגיגע טיילען פון ארץ ישראל פאַלט אויס דער שנעע כמעט יעדען ווינטער, אָבער זעלטען ווען ער בלייבט ליגען לענגער פון א מעת־לעת. זומער בלאָזט א שטענדיגער ים־ווינטעל, וועלכער קיהלט די לופט און דערפרישט אַלע לעבעדיגע בריות. דער הייסער טרוקענער מזרח־ווינד, וואָס קומט פון מדבר און איז בעקאַנט מיט דעם נאָמען סיראָקאָ (פון „ש א ר ק" וואָס בעדייט אין אראביש "מזרח", פון וואַנען ער בלאָזט), דויערט בלויז עטליכע טעג. אָבער אפילו אין דער צייט איז ניט הייסער ווי אין די זומערהיצען אין אייראָפּאַ און אמעריקא.

א בעזונדער אייגענשאַפט פערמאָגט דער סירישער קלימאַט, און דאָס איז — די ר ע ג ע ל מ ע ס י ג ק י י ט פון דעם וועטער, וועלכער בייט זיך ניט אזוי האַסטיג, ווי אין פיעלע אַנדערע לענדער.

דער דייטשער אַגראָנאָם הובערט אויהאַגען, וועלכער האָט א לענגערע צייט בעאָבאַכטעט דאָס לאַנד און איהר נאַטור, בעשרייבט אויף א פאָלגענדען אופן דעם קלימאַט אין א געוויסען אָרט לעבען ברעג ים, זומערצייט:

אין דער פריה, ווי נור די זון וואַרעמט אָן מיט איהרע שטראַהלען די אויבער־פלעכע פון דער ערד, הויבט זיך אויף די אָנגעוואַרעמטע לופט אויבען. פון ים הויבט אָן צו בלאָזען א פרישער קיהלער ווינטעל. און וואָס מעהר די זון וואַרעמט, ווערט דער ווינטעל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פון נאָך דריי אזייגער, ווען ער דער־גרייכט זיין קולמינאַציאָנס־פּונקט, פאַנגט דער ווינטעל אָן אראָפּצופאַלען, און אזוי ביז סאַמע פאַר נאַכט. ביינאַכט איז די אָרדנונג א פערקעהרטע. די וואַרעמקייט, וואָס די ערד האָט דורכ'ן טאָג איינגעזאַפּט, ווערט שנעל אויסגעוועפּט, די לופט ווערט אָפּגעקיהלט, און באַלד נאָך האַלבע נאַכט פאַנגט אָן א יבשה־ווינד צו בלאָזען אין דער אומגעקעהרטער ריכטונג. די גרעסטע היץ איז בשעת דעם שטילשטאַנד, דאָס איז פון 6 ביז 8 אין דער פריה און אויך פאַר האַלבע נאַכט.

די טעמפּעראַטור ביים ברעג ים איז איינע און דיזעלבע דורכ'ן מעת־לעת, כמעט אָהן שום אונטערשיעד. יולי צייט, למשל, צייגט דער טערמאָמעטער, ביי אָן אָפּענעם פענסטער, 26 גראַד צעלזיוס (78,8 גראַד פאַרענהייט) בייטאָג, אזוי גוט ווי שפּעט ביי נאַכט. נאָר אין דרויסען איז ביינאַכט מיט א פּאָר גראַד נידעריגער. אָט די רעגעלמעסיגקייט פון טעמפּעראַטור שטאַמט פון דער נאָהענטקייט צו דעם ים.

דער לענגסטער זומערטאָג איז פון 5 אין דער פריה ביז 7 אבענד, אזוי אז אין פערגלייך מיט אַנדערע לענדער זיינען זומערדיגע טעג קירצער און די נעכט לענגער, און דאָס דערלייכטערט אריבערצוטראָגען די היצען פון זומער, בעזונדערס ביי דער פעלד־אַרבייט.

יעהרליכער וועטער אין די זומערדיגע נעכט פאַלט אויס א שטאַרקער ט ו י, וועמעס בעדייטונג פאַר די געוויקסען איז העכסט וויכטיג: ער איז אייגענטליך דער איינציגער קוואַל צו שטילען דעם דורשט פון דער תבואה אין דעם לאַנגען, רעגענלאָזען זומער־סעזאָן.

פון מאָנאַט יוני ביז סעפּטעמבער בלייבט דער וועטער כמעט אָהן ענדערונג. די היצען זיינען ענדע זומער עטוואָס שטאַרקער, אָבער דער גאַנצער חילוק איז בלויז אין א פּאָר גראַד. די נעכט ווערען לענגער און קיהלער. דער ווינד ווערט שטאַרקער

און בערעקט מיט דיקען שטויב יעדען בוים, יעדע גרעזעל. אין סעפּטעמבער ווייזען זיך שוין אויפ'ן הימעל וואלקענס. פון עגיפּטען קומען זיי אן, פון דעם נילוס, און זיינען די ערשטע אנזאגער פון דעם נאהענטען ווינטער. אבער די אזוי לאנג ערוואר־טעטע רעגענס און קעלט קומען נאך ניט אזוי שנעל. צוערשט קומען אן שווערע הייסע טעג — די טעג פון די טרוקענע מזרח־ווינטען סיראקא. די היץ פיהלט זיך יעצט שטארקער און צוליעב דעם וואס דער ים־ווינד הערט אויף, און די טעמפּעראטור דערגרייכט ביז 30—36 צעלזיוס (86—96 פארענהייט), די גרויסע היצען האלטען אבער ניט לענגער פון 5—8 טעג. באלד ווייזען זיך שוין לייכטע וואלקענס, שוואכע בליצען מיט דונערן זאגען אן די נאהענטקייט פון דעם רעגען. געוועהנליך קומט אן דער ערשטער רעגען יורה, אדער דער פריה־רעדען, אין ענדע אקטאבער. א מאל גיט ער א גאס מיט גרויס קראפט און אימפּעט, אן אנדערש מאל בענעצט ער נור לייכט די אויבערפלעכע פון דער ערד. דאס איז דער קריטיישסטער מאמענט פאר דעם אקער־בויער. ער איז אין סכנה, עס זאלען צוריק ניט קומען די היצען און אפּטויטען די יונגע זריעה, אויב נור די ווייטערדיגע רעגענס וועלען פערשפּעטיגען צו קומען. געוועהנליך, ענטשליסט זיך דער בויער צו זעען, און מעהרסטענטיילס נארט איהם זיין האפנונג ניט אפּ.

נאך דעם פריה־רעגען שפּראצט ארויס די פרישע גראז, די בוימער און די פעלדער ווערען בערעקט מיט בלומען און מיט בלעטער. אין די מאנאטען נאוועמבער און דעצעמבער בליהט שוין אלץ אויף. נאך האלב דעצעמבער פאנגען זיך אן די ווינטער־דיגע האסטיגע רעגענס, מיט די שטורם־ווינטען. אפטמאל פאלט ארויס אין איין טאג ביז 80 מילימעטער*) (3,14 אינטשעס) רעגען. אין יאהר 1892 איז איין מאל אין א דעצעמבער טאג אויסגעפאלען אין ירושלם 119 מילימעטער (4,68 אינטשעס) רעגען. עס איז לייכט זיך פארצושטעלען די פערוויסטונג וואס אזא שטורם־רעגען מאכט אן אויף די וועגען און אויף די בערג־טעראסען. אויב דער פויער איז ניט ענערגיש גענוג צו פערריכטען אין צייט די קאנאלען, דאן ריזיקירט ער מיט א גרויסען טייל פון זיין יעהרליכער הארוואניע. דער שטורם־רעגען דויערט אבער נישט לאנג. ער ווערט אונטערבראכען, די זון שיינט ארויס, און אין עטליכע טעג ווערט שוין אלץ טרוקען. דער רעגען קעהרט זיך אום עטליכע מאל, פון צייט צו צייט פאלט אויס אויף די הויכע בערג א שנעע אדער א האגעל, אין די טאלען טרעפט זיך דאס זעלטענער. דאס איז די ערגסטע צייט פאר די פיה, וועלכע קאנען זיך אין די שטורם־רעגענס אין פעלד ניט פיטערן. די פעריאדע פון די רעגענס דויערט ביז מערץ און אפּריל, מעהרסטענטיילס. אבער, זיינען די רעגענס צו דער צייט שוין שוואכער, אזוי אז ענדע פעברואר הויבט זיך שוין אייגענטליך אן דער פריהלינג. די ווארעמע טעג פאנגען זיך אן, די ערד בערעקט זיך מיט בלומען, די מאנדעל־בוימער

*) איין מילימעטער איז 0,0393 אינטשעס.

זיינען פערפוצט אין שנעע־ווייסע מאנטלען, און באלד הויבען שוין אן צו בליהען די ציטראן (לימאָן־בוים) און די אראנזשען. שטונדען לאנג איידער די שיף קומט אן קיין יפו טראגט זיך איבער'ן ים דער שארפער ריח פון די אראנזשען־גערטנער און בעגריסט פון דער ווייטענס די רייזענדע.

צווישען פסח און שבועות ערשיינט דער ווילדער גאסט פון מדבר, דער טרו־קענסטער פון אלע ווינטען — דער „חאמסין". אין דער לופטען ווערט שטיל און טרוקען, אזוי אז די אויבערשטע ערד־שיכטען ווערען פערטריקענט און פיעלע צמחים — פערוועלקט און פערדארבען. דער „חאמסין" דויערט א טאג פיער־פינף.

נאָך פסח ווערט צייטיג די ווינטער־תבואה, מען שניידט שוין דאס גערשטען, און אין איינינע פלעצער הויבט מען שוין אן צו שניידען ווייץ. דער אקער־בויער מארקירט אויס נאָך פון אָנהויב ווינטער צו זעען אזוי, אז די תבואה זאָל פארטיג ווערען, איידער דער חאמסין קומט אָן.

דער חאמסין בעדייטעט דער סוף פון ווינטער און דער אָנהויב פון זומער־סעזאָן. דער לעצטער רעגען, אָדער דער מלקוש, קומט ערשט אין אדר־ניסן (אפריל) און מאכט פארטיג די תבואה. דער חאמסין גופא ברענגט א דאָפּעלטען נוצען. ער העלפט מיט דעם געזונטען וואוקס פון דער תבואה און פערניכטעט אלערליי קראנקהייטס־מיקראבען פון דעם וויינשטאָק. נאָך ל"ג־בעומר (האלב מאי) איז דער רעגען שוין א זעלטענע ערשיינונג. ער איז שוין אויך איבעריג, און וואלט זאגאר געוועזען שעדליך סיי פאר דעם שניט פון דער ווינטער־תבואה, סיי פאר דעם וואוקס פון דער זומער־תבואה. סוף מאי ענדיגט זיך דער מזרח־ווינד, און דער יעהרליכער ציקל (מחזור) הויבט זיך אָן פון דאָס ניי.

דער קלימאט אין פערשידענע געגענדען.

יעצט וועלען מיר בעטראכטען דעם אונטערשיעד פון קלימאט אין די פערשיע־דענע טיילען פון לאנד.

א) אין דעם ים־פאס איז דער קלימאט דערזעלבער, וואס אין אנדערע לענדער, וועלכע ליגען ארום דעם ים־התיכון (מיטעלמעער). קעלט זיינען דאָ א זעלטענהייט, און דער כמות (קוואנטיטעט) פון רעגענס דורכ'ן יאָהר איז דאָ 600—900 מילימעטר (23,6—35,3 אינטשעס). די דורכשניטליכע צאָהל פון רעגענטעג אין יאָהר איז 62, פון דער צאָהל פאלט אויס אויף די דריי ווינטער־חדשים, דעצעמבער, יאנואר און פעברואר, סך הכל 34 רעגענטעג.

ב) די טעמפעראטור אין די בערג ענדערט זיך, לויט זייער הויך נאָך. די דורכשניטליכע טעמפעראטור אין די ירושלים'ער בערג איז בס"ה 17 גראד צעלזיוס (62 גראד פארענהייט), אין דער צייט, וואס אין בירות איז די טעמפערא־טור העכער, דהיינו 66 גראד פארענהייט. דער אונטערשיעד צווישען דער בייטאגיגער און בייגאכטיגער טעמפעראטור איז אין די בערג גרעסער ווי דער אונטערשיעד אין דעם פאס ביים ים. דער כמות פון די רעגענס איז עטוואס קלענער ווי ביי דעם ים, דהיינו: אין ירושלם 690 מילימעטר (27 אינטשעס) און אין נצרת 640 מילימעטר (25 אינטשעס). די צאָהל פון די רעגענטעג איז דורך'ן יאָהר 51.

פאלגענדע טאבעלע צייגט די טעמפעראטור און די צאהל פון די רעגנטעג אין ירושלם, לויט די בעזונדערע מאנאטען פון יאהר:

מאנאטען	דורכשניטליכע טעמפעראטור פאהרענהייט	צעלזיוס	די צאהל פון די רעגנטעג
יאנואר	47,3	8,5	11
פעברואר	48,6	9,2	10
מערץ	53,2	11,8	8
אפריל	61,5	16,4	5
מאי	68,0	20,0	1
יוני	73,0	22,8	0
יולי	75,0	24,1	0
אויגוסט	76,0	24,4	0
סעפטעמבער	74,0	23,3	0
אקטאבער	68,5	20,3	1
נאוועמבער	60,4	15,8	6
דעצעמבער	51,8	11,0	9

ג) דער גרויסער סירישער גראבען. אין זיין צפון־טייל, אין בעל־בך (1170 מעטער, אדער 3840 פוס) איז דער קלימאט קיהל אפילו זומער און אין דרום־טייל פון דעם ים־המלח איז די היץ פאר אן אייראפעער אונערטרעגליך. אזוי ווי דיעזער טאל איז בעשיצט מיט בערג און מיט פעלזען, קענען אהערצו קיינע ווינטען פון מזרח אדער מערב ניט צוקומען, און די שווערע היצען ווערען מיט קיין זאך ניט געמעסיגט. די טעמפעראטור פון דעם עמק הירדן איז דעריבער זעהר הויך, דורכשניט־ליך 24 גראד צעלזיוס (75 גראד פאהרענהייט). די כמות פון רעגען איז, דאגעגען, גאנץ קליין (אין טבריה, למשל, 433 מילימעטער — 17 אינטשעס, און אין יריחו — נאך וועניגער). קעלט איז דא כמעט אן אונבעקאנטע ערשיינונג, אזוי אז אין דער צייט פון די ווינטערדיגע שלאק־רעגענס און קעלט איז גענוג אבצופאהרען א דריי שטונדען פון ירושלם צו יריחו, און דער מענש געפינט זיך שוין אין א נייער וועלט, אין א וועלט פון אייביגען פריהלינג און אייביג־לויטערען הימעל.

ד) ידער קלימאט פון די בערג אויף יענער זייט ירדן איז, דאגעגען, קאנטינענטאל (קאנטינענט הייסט יבשה, אין אונטערשיעד פון ים). דער זומער איז דארט הייסער ווי אין מערב ארץ־ישראל, און דער ווינטער איז קיהלער. הגם דער חורן שטעלט מיט זיך פאר א הויכע בערג־לאנד, איז ער דאך דערגרייכבאר צו דעם פרייטען ים־ווינד, וועלכער האט אבער דא שוין א קלענערע שליטה. שטארקע רעגענס טרעפען זיך אויך דא, אבער וואס נעהענטער מען קומט צו דער סטעפע, ווערען די רעגענס אלץ וויינינגער.

אין אלגעמיין איז דער קלימאט און די לופט פון גאנץ סיריען און פון ארץ ישראל איבער די דערמאהנטע מדבר־ווינטען — אזוי גוט און געזונד פונקט ווי דער קלימאט פון אייראפא. אלס בעווייז קען דיענען די בעפעלקערונג פון סיריען, וועלכע איז על פי רוב קערפערליך שטארק געבויט און הויך געוואקסען, ניט קוקענדיג אויף זייערע שלעכטע נאהרונגס־מיטלען און אונהיגיעניישע לעבענס־בעדינגונגען. דער סירישער קלימאט ווירקט ניט אויף דעם מענשען צום שלעכטען, ווי דער טראפישער, און שוואכט

ניט אפ זיין ענערגיע. פערקעהרט, ער פערשטארקט דעם מענשליכען קערפער און גייסט. עס איז אויך פאקטיש בעוויזען געווארען, אז די פיזישע ארבייט אין סיריען ווירקט גינסטיג אויך אויף אייראפעער.

עס זיינען דא אין לאנד געוויסע קראנקהייטען. טיפוס און פאקען בעזוכען גאנץ אפט די אראבישע ד א ר פ י ש ע ב ע פ ע ל ק ע ר ו נ ג, און אויגען־קראנקהייטען די געזונדהייט
זיינען שטארק פערשפרייט. דאס איז אבער ניט צוליעב דעם שלעכטען קלימאט פון לאנד, נאר צוליעב דער שמוץ און מאנגעל פון עלעמענטארע היגיענישע מיטלען. קיינער קימערט זיך נישט וועגען געזונדהייט און סאניטארע מיטלען. די רעגי־רונג און ארטיגע אדמיניסטראציע זארגט זיך נישט דעריבער, און די בעפעלקערונג — אודאי ניט. דער שרעקליכער פיינד פון דער סירישער בעפעלקערונג איז — די מ א ל א ר י ע, אדער פיבער. דער פיבער שטאמט ניט פון דער לופט, וועלכע איז דורכאויס א געזונטע, נאר פון דער פערוויסטונג און פון דער פערנאכלעסיגונג. דאס וואסער וואס זאמעלט זיך אין די טיעפערע טאלען קלייבט זיך אין שטעהענדיגע זומפען, וועלכע דיענען אלס נעסט פאר אזא סארט מאסקיטא, מיט'ן נאמען אנאפלים, וואס פערשפרייט דיעזע קראנקהייט, וועלכע פיהרט צו דער פערניכטונג פון דער בעפעלקערונג אין גאנצע געגענדען.

צו צפון זייט פון יפו געפינט זיך אן אראביש דארף אל־דזשעליל (ג'ליל) לעבען א שרעקליכען זומפ. אין די אלטע צייטען פלעגט דאס וואסער אפגעצויגען ווערען מיט א בעזונדערן אונטער־אירדישען קאנאל. דער אגראנאם אויהאגען האט זיך אין דעם קאנאל אראפגעלאזען ביז 50 מעטער (164,5 פוס) טיעף. ווי עס שיינט פלעגט מען אמאל אויף דיעזען אופן אפפיהרען און רייניגען די זומפען. אבער צוליעב דער גרויסער פערוויסטונג זיינען די אלטע קאנאלען חרב געווארען, און די זומפען האבען זיך אנ־געזאמעלט ווידער און פערוויסטען גרויסע ערד־פלעכען, ווי מיר האבען אויבען געזעהן. ארום ירקון (לעבען פתח־תקוה), ארום חדרה, לעבען קישון (ביי חיפה), אין עמק־יזרעאל א. א. וו.

די אידישע קאלאניזאציע גיט אפ זעהר פיעל מיה צו בעקעמפפען די מאלאריע און געזונד צו מאכען די געגענדען. לעבען די קאלאניעס זיינען שוין פיעלע זומפען אויס־געטריקענט געווארען און בעפלאנצט מיט אייקאליפטוס־בוימער און מיט אנדערע פלאנצונגען, וואס ציהען ארויס די ליחות פון די זומפען. אין די שטעדט זיינען גע־גרינדעט געווארען דורך אידען ספעציעלע געזונדהייטס־סטאנציאנען, ווי צ. ב. ש. די ירושלים'ער סאניטארע סטאציאן, וועלכע בעקעמפפט די אויגען־קראנקהייטען און דעם פיבער דורך מעדיצינישע און סאניטארע מיטלען. דיעזע ארבייט, וועלכע איז פריהער פון אלץ נויטיג פאר דער אידישער קאלאניזאציע גופא, ברענגט צו דער זעלבער צייט דעם גרעסטען נוצען פאר דעם אלגעמיינעם געזונדהייטס־צושטאנד פון דער גאנצער בעפעלקערונג, פאר דער קולטור און פאר דעם פראגרעס פון לאנד.

ד. די פלאַרא און די פאונא (די געוויקס און די בעלי־חיים)

אין פערגלייך מיט יערען אנדער לאַנד פון דעם זעלבען שטח און פון עהנליכע נאַטירליכע בעדינגונגען, איז ארץ־ישראל פיליכט דאָס רייכסטע לויט דער פערשיע־דענאַרטיגקייט פון איהר פלאַרא (צמחים,געוויקס) און פון איהר פאונא (בעלי־חיים, לעבעדיגע ברואים). ארץ ישראל צייכענט זיך אויס ניט נור מיט דער צאָהל פון פער־שיעדענע מינים (ספּעציעס) פון געוויקס, וועלכע זי פערמאַגט, נאָר אויך דערמיט וואָס זי האָט ביי זיך אזעלכע סאָרטען וועלכע ס'איז זעהר זעלטען צו טרעפען אין איין אָרט צוזאַמען, אָדער אפילו אזעלכע מינים, וואָס געפינען זיך נישט אין קיין שום אנדער לאַנד אין דער וועלט.

די געוויקס פון ברעג ים געהערט צו דער מיטעל־לענדישער פלאַראַ, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט אייביג־גרינע בוימער. אין צפון סיריען זיינען אָבער דאָ אויך נאָרד־בוימער און אין דרום ארץ־ישראל — אינדישע און עטהיאָפּישע פלאַנצען. אין דעם עבר הירדן טראָגט די געוויקס, פערקעהרט, א סטעפּען־כאַראַקטער.

אין די לבנון בערג און אויך ביי די דייטשע קאָלאָניסטען איז ארץ ישראל בעגע־גענען מיר די סאָסנע (ארן, אצטרבול). אָבער פון די אמאַליגע ארזים־ (צעדער־בוימער) וועלדער פון לבנון זיינען יעצט פערבליבען נור עטליכע הונדערט בוימער. דער הויכער קיפּאַריס (ברוש) טרעפט זיך זעלטען צווישען די פעלזען, אָבער דער נידעריגער סאָרט קיפּאַריס וואַקסט לרוב. דער דעמב (אלון) פון ארץ ישראל איז פון פערשיע־דענע מינים; פון זיינע פירות מאַכט מען א סאָרט קאַווע, ווי אויך פאַרב און מאַסטיק. אין די בערג וואַקסט דער באַקסער (חרוב) און אין די טאָלען — דער אַלעאַנדער (הרדוף), דער סטאַראַקס (אבהר), דער זשאַסמין, די אקאַציע, די ווערבע (ערבה) און אַנדערע. ארום די אידישע קאָלאָניעס און אין די שטעדט וואַקסט א שטאַרקער, דיקער בוים מיט'ן נאָמען זאַנזאַלאַכט (אזדרכת).

דער א י י ק א ל י פּ ט ו ס־בוים צייכענט זיך אויס מיט זיין שנעלען הויכען וואוקס. מיט זיינע לאַנגע פעסטע וואָרצלען ציהט ער אויס די פייכקייט פון די זומפען און פערטרייבט דעם פיבער. די אראַבער רופען איהם „שעדזעשער אל־יהוד“, ד. ה. דער אידיישער בוים, מחמת די אידען האָבען איהם די ערשטע אין לאַנד געבראַכט און פערשפּרייט.

בונטע בלומען און צאָהלרייכע גראָזען בעדעקען די ערד מיט פּראַכטפאָלע טעפּיכער: די ווייסע טיולפּע, די היאַצינט, די בלוט־רויטע דמומית (בלוט־טראָפּען), די נאַרציס, די אַלפּענפיילכען א. א. וו. אייניגע בלומען דיענען אלס פּאַשע פאַר די פיה, אנדערע גיבען ארויס פון זיך א סאָרט זאַפט, וועלכער ווערט עקספּלואַטירט. עס זיינען אויך דאָ בלומען, שעדליכע פאַר דער תבואה.

אין אַלגעמיין ווערען די פלאַנצונגען צוטיילט אויף צוויי מינים: די וועלכע זאַמלען אין זיך דעם אזאָט (שטיק־שטאָף) און די וועלכע טיילען איהם פון זיך ארויס. דער אזאָט ווערט געזאַמעלט, אייגענטליך, דורך געוויסע מיקראָבען, וואָס וואוינען אין די וואָרצלען, און גיבען איהם איבער צוריק צו דעם באָדען. דערמיט ווערט פערבעסערט די קוואַליטעט פונ'ם באָדען. און פערקעהרט, יענע פלאַנצונגען, וועלכע שעפּען דעם אזאָט פון באָדען, מאָגערן איהם אויס דערמיט. אלע „הילזען־פרוכט“ (אָדער באָבען־אויבסט) געהערען צו יענע, וועלכע זאַמלען דעם אזאָט און בערייכערען דעם באָדען.

די ראָלע פון די פלאַנצונגעדמינים.

עס איז גאנץ אינטערעסאנט צו בעאבאכטען, ווי אזוי דיזע צוויי מינים, די „אויסברענגער“ מיט די „זאמלער“ פון אזאט פארען זיך צוזאמען. אזוי צ. ב. ש. קענט איהר טרעפען זייט ביי זייט מיט דעם באקסער־בוים — וועלכער געהערט צו די „זאמלער“ — א בינטעל טיולפען (הבצלת), וועלכע האבען א גרינגע פרנסה ארום זייער פלייסיגען שכן. די קלענערע הילזען־פרוכט האבען זייערע קליינינקע פאראזיטען, וואס לעבען אויף זייער חשבון. די מינים וואס עקספלואטירען דעם באדען, האבען ליעב פייכטקייט און אין א רעגען־יאהר פערמעהרען זיי זיך אונגעהויער און שטויסען ארויס אנדערע געוויקסען. דעם קומענדיגען יאהר ווען עס איז ווייניגער רעגען און ווייניגער אזאט אין באדען, דאן פערקלענערט זיך דער מין, און אויף זיין ארט פערשפרייטען זיך די געוויקסען וואס זאמלען אזאט פון דער לופט און קעהרען איהם אום צום באדען, און אזוי ארום קומט פאר די נאטירליכע אומוועקסלונג פון די געוויקסען.

צו די שעדליכע צמחים, וואס פילען אן אלע פעלדער געהערט דער א י נ ז ש י ל (יבלית) און דער סעד (סעידה). מיט זייערע צאהללאזע פעדימלעך־ווארצלען ציהען זיי ארויס די גאנצע ליחות פון דעם באדען, און זיי פערלאנגען גרויסע הוצאות, כדי זיי אויסצוואווארצלען. אין אנדערע אונבעארבייטע פעלדער וואקסט די ח י ל פ א, וועלכע ווערט געברויכט אלס הייץ־מאטעריאל, אדער אויסצושפרייטען אין די שטאלען פאר די בהמות. אויף איהרע ווייכע קעפלאך פיטערן זיך די בהמות מיט די שאף. אויסער דעם זיינען דא ווילדע דערנער, די „סידרע“ (אטר). אויב דער אקערבויער פאסט ניט אויף צו דער צייט קענען זיי זיך פערשפרייטען און פיעל שאדען ברענגען.

פאלגענדע מינים תבואה ווערען קולטיווירט אין לאנד. קולטור־פלאנצונגען.

1. ווינטער־תבואות, ד. ה. תבואות וואס ווערען פערזעעט אין דעם רעגען־סעזאן פון די ווינטערדיגע חדשים:

א) ו ו י י ץ וואקסט אויף באזאלט־באדען, אויסגעמישט מיט קאלך. אויף א באדען, וועלכער איז דורכאויס פון קאלך וואקסט אן ערגערער סארט. אזוי ווי דער גוטער מין ווייץ פאדערט זיך פאר אויסלאנד, צוליעב מאקאראנען־פראדוקציאן, האט מען אנגעהויבען אין דער לעצטער צייט, זינט דער פערקעהר מיט אויסלאנד האט זיך פערשטארקט, צו זעען ווייץ אין אזעלכע פלעצער, וועלכע האבען פריהער געדיענט בלויז פאר פאשע.

ב) ג ע ר ש ט ע ן וואקסט שנעל און פאדערט ניט אונבעדינגט דעם בעסערען באדען. און דעריבער זעעט מען איהם אין טריקענערע געגענדען: ארום עזה און באר־שבע פראדוצירט מען אויסשליסליך גערשטען. מען פערקויפט איהם קיין אויס־לאנד, און זיין פרייז איז א העלפט פון ווייץ.

ג) פ ו ל (אין אראביש: פול) — אזא מין גרויסער באב, וואס ווערט בענוצט הויפטזעכליך פאר די ארבייט־בהמות; ס'ווערט אויך געברויכט צום עסען ביי דער ארימערער בעפעלקערונג.

ד) לינזען (עדשים, אין אראביש: עדס) און כ ר ש ו נ ה (אזא מין סארט ארבעס, מיט וועלכען מען קארמעט די בהמות).

2. די זומער־תבואה, וועלכע מען פערזעעט אם ענדע פון דעם רעגען־סעזאן און אין פריהלינגס־צייט:

א) ח ו מ צ ה (אין אראביש: חומוצ') — ווייסע ארביסען.

ב) שומשמין (סעזאם, אין אראביש: סומסום)—פון וועלכע מען מאכט סעזאם־אויל.

ג) דורה, ענליך צו מאיס, אדער טערקישען ווייץ.

דער קאטאן אדער בוימוואהל (כתן, צמר־גפן) ווערט דא געפלאנצט דערווייל נאך זעהר ווענינ, אלס זומער תבואה. אין מקוה־ישראל און אין פתח־תקוה האט מען געמאכט אזא פערזוך, וועלכער איז געלונגען. אין אנדערע ערטער האבען אידען פער־זוכט צו פלאנצען קאטאן אונטער'ן וואסער. עקספערימענטען זיינען געמאכט גע־ווארען אויך מיט טאבאק, מיט צוקער־ריבען און אזוי ווייטער.

צו די ירקות געהערען: וואסער־מעלאנס, מעלאנס, קירבעס (דלעת), באמיא (גריכענהארן), קוסעס, אוגערקעס, טאמאטעס, רעטאך, ריבען א. א. וו.

די וויכטיגסטע פרוכטבוימער, וועלכע ווערען קולטיווירט אין לאנד, זיינען פאלגענדע:

אליווען־בוים (זית). אמאל איז דאס לאנד געוועזען רייך מיט אליווען אדער עלבערט־בוימער. אבער די פעלאכען פערניכטען דיעזען רייכטום מיט זייערע אייגענע הענט, כדי פטור צו ווערען פון די שווערע אבצאהלונגען, וועלכע ליעגען אויף די עלעברט־בוימער. שפעט הויבט אן דער בוים צו ברענגען פרוכט, ערשט אויף זיין 8טען אדער 10טען יאהר. דערפאר,אבער, לעבט דער זית זעהר לאנג, און פאדערט ניט קיינע גרויסע הוצאות.

די פרוכט פון דעם בוים, די עלבערטען, ווערען פרעזערווירט, אדער געפרעסט צוליעב בוימעל־אויל. ביז ניט לאנג פלעגט מען דעם סירישען אויל פערקויפען קיין אויסלאנד, וואו ער האט גע'שב'ט מיט זיינע גוטע אייגענשאפטען. פאר דער לעצטער צייט אבער, פיהרט מען בוימעל־אויל ניט ארויס, נאר מען ברויכט נאך צו ברענגען אויל פון חוץ־לארץ. אין דער לעצטער צייט האבען אידען אנגעהויבען איינצופיהרען אויל־פאבריקען מיט מאדערנע פרעסען און מאשינען.

פייגען, טייטלען און אפריקאסען־בוימער גיבען פרוכט, מייסטענס, פאר'ן אינערליכען געברויך. דער זיידען־בוים (תות) ברענגט נוצען הויפט־זעכליך מיט זיינע בלעטער, מיט וועלכע עס שפייזט זיך דער זייד־ווערימעל. זיידען־צוכט ווערט געטריבען אין צפון־סיריען, ארום צידון, בירות און אין לבנון. אויך אין גליל־העליון זיינען דורך אידען געמאכט געווארען פערזוכען צו קולטיווירען זיידען־בוימער און צו פאבריצירען זיידענס. (אין דער קאלאניע ראש־פנה). די פארזוכען זיינען אבגעשטעלט געווארען צוליעב זייטיגע סבות, וועלכע קעהרען זיך ניט אן מיט די אלגעמיינע בעדינגונגען פון זיידען־צוכט אין דעם לאנד.

דער סאבר (צבר) אדער קאקטוס דיענט אלס צוים פאר גערטנער און פעלדער. אויף איהם וואקסט א געשמאקער פרוכט, מיט וועלכען ארעמע פעלאכען ערנעהרען זיך אין די זומערדיגע מאנאטען.

דער מאנדעלבוים פערנעהמט א וויכטיגען פלאץ ספעציעל אין דער אידיישער ווירטשאפט, ביי די אראבער אין יהודה און גליל איז זיין קולטור געוועזען גאר ניט בעקאנט, הגם די דמשק'ער געגענד גיט ארויס די בעסטע מאנדלען און פיסטאציען. דיעזע פלאנצונגען פערלאנגען א קלענערען קאפיטאל, און האבען די מעלה, אז זייערע פראדוקטען קענען לייכט פרעזערווירט ווערען און האבען א גוטען אפגאנגס־מארק אין די מיטעלמעער לענדער.

דער ו ו י י נ ש ט אָ ק וואקסט אויף גאנץ פערשיעדענע באָדענס, און אפילו אויף הויכע (ביז 4,500 פוס) בערג. אין מאנכע פלעצער וואקסט ער אין א ווילדען צו־שטאנד, אָבער די אידען האָבען אריינגעבראכט זיינע בעסטע סאָרטען און קולטיווירען זיי. הויפטזעכליך ווערען די טרויבען בענוצט פאר וויין; און דיעזע פראָדוקציאָן האָבען אידען ניט נור איינגעפיהרט נאָר אויך הויך ענטוויקעלט, אזוי אז העכער ניינציג פראָצענט פון דעם וויין, וואס ארץ ישראל פיהרט ארויס אויף דעם וועלט־מארק איז פון די אידישע קאָלאָניעס. מען טרייבט פון די טרויבען אויך ספירט: אראבער טריקענען די טרויבען פאר ראָזינקעס און אנדערע זיסיגקייטען.

אנדערע פרוכטבוימער ווערען קולטיווירט אין ספעציעלע גערטנער מיט קינסט־ליכער בעוואסערונג, וועלכע טראָגען דעם נאָמען ב י א ר ע ס , און אין העברעאיש פ ר ד ס י ם. צו זיי געהערען פאָלגענדע מינים:

א) א ר א נ ז ש ע ן ב ו י מ ע ר (תפוחי־זהב), די בעסטע אראנזשען אָדער מאראנצען (די אראבער רופען זיי: פאָרטוגאלען) זיינען אין דער אומגעגענד פון יפו. זיי צייכנען זיך אויס מיט א גראָבער פעלכעל, וואס גיט די מעגליכקייט צו פרעזערווירען זיי אויף א לענגערע צייט, און ארויסצושיקען ניט נור אין די נאָהענטע פאָרטען, אין עגיפטען, קאָנסטאנטינאָפאָל און אָדעס, נאָר אויך אזוי ווייט ווי ענגלאנד און אויסטראליען.

ב) ל י מ אָ נ ע ן (ציטראָנען). דער מין ווערט פראָדוצירט וועניגער, ווארום זיי קענען אויף דעם וועלט־מארק ניט קאָנקורירען מיט דעם איטאליענישען און שפאנישען מין.

ג) דורך אידען ווערט נאָך קולטיווירט אין א קליינער מאָס דער א ת ר ו ג. אויסער א ברכה צו מאכען, איז דער אתרוג אויך גוט פאר איינגעמאכץ.

ד) א פ ר י ק א ס ע ן, אָדער משמש, ווערען געברויכט אין רויהער פאָרם און אויך געקאָכטערהייד.

ה) די באנאנע (אָדער מוז) וואקסט אין א קליינער צאָהל אין די גערטנער פון יפו, חיפה און צידון. די אראבער פלאנצען פיעל טייטעל־בוימער (דאטעל־פאלמען, תמרים). אין די אידישע פרדסים האָט מען אָנגעהויבען פלאנצען אויך עפעל, בארען, פלוימען, מילגראמען, — אלץ אזעלכע פירות, וואס ווערען פערקויפט אין לאנד גופא צום עסען.

ווילדע בעלי חיים.

די פ א ו נ א , אָדער די וועלט פון לעבעדיגע ברואים, איז כמעט אזוי רייך ווי די פלאָרא. די פאָלגענדע מינים פון בעלי־חיים האָבען א שייכות צו דער לאנד־ווירטשאפט:

ה י ר ש ע ן און ה י נ ד ע ן (איל, יחמור, צבי) פיהרען זיך איבער'ן גאנצען לאנד, און בעזונדערס — אין די בערג פון כרמל. אמאָל לויפען זיי איינציג־ווייז, און אנדערש מאָל טרעפט מען זיי סטאדעס־ווייז. אנדערע פאנגען זיי און מאכען זיי היימיש. אין חרמון פיהרען זיך שנעע־מייז, און די געוועהנליכע פעלד־מייז בעזוכען אָפט די פעלדער און ברענגען דעם אקערבויער גרויסען היזק.

אן אנדער מחבל איז פאראן — דער „ה א מ ס ט ע ר", א גרויסער חצוף, וואס שרעקט זיך אפילו פאר קיין מענשען ניט אָפ, ראבעוועט קאָרן און בעהאלט עס אין זיינע לעכער. נאָך א סאָרט שריז, וועלכער הייסט אין דייטש דער „זיעבענשלע־

פער“ גנב׳עט פרוכט פון די בוימער און צו׳מזיק׳ט די גארטענס. אנדערע מיני מזיקים זיינען דוקא בעלנים אויף עופות.

דער ב ע ר געפינט זיך זעלטען, בלויז אין צפון סיריען און אין חרמון. דעם ל י י ב טרעפט מען שוין היינט גארניט, אמאל, אבער, אין די אלטע צייטען זיינען אט דיעזע חיות געוועזען שטארק פערשפרייט אין לאנד, ווי מיר זעהען פון די גע־שיכטעס מיט שמשון הגבור, דוד המלך, אלישע הנביא און די גרי־אריות. זעלטען ווען עס בעגעגענט זיך נאך דער ל ע א פ א ר ד. אין די בערג טרעפט מען אבער דעם ו ו א ל ף און די פ א נ ט ע ר, מיט איהר ווערטפולער פעל.

צו די ווילדע חיות געהערט דער ש ט י י נ ב א ק (יעל), מיט זיינע שעהנע גרויסע פערצווייגטע הערנער. דער ווילדער ח ז י ר פיהרט זיך אין די בעוואקסענע בלאטעס, אבער בלויז די קריסטליכע אראבער יאגען זיך נאך זיין פלייש. דער ש א ק א ל פיהרט זיך איבעראל, און ברענגט שאדען די כרמים און די גרינס־גערטנער. די ה י ע נ א אדער, ווי די אראבער רופען זי „ד ע ב ע“ (צבוע) איז א שעדליכע חיה. די אראבישע פעלאכען ציטערן פאר דער דעבע און דערצעהלען זיך אז ווענען איהר שרעקליכע פאנטאסטישע מעשיות. די פעל פון א היענע איז שעהן, און ווערט פערקויפט פאר גוטע געלד. צו די קליינע שעדליכע בעשעפעניסען געהערט דער שטאכעלשוויין (קפוד). דאגעגען ברענגט דער חולד, אדער מוילוואורף, פיעל נוצען צופרעסענדיג די קליינע רמשים, דאס זעלבע אויך מיט דעם איגעל (יאזש), וועלכער קויפט אויס דעם היזק, מיט׳ן נוצען, וואס ער ברענגט.

פויגלען

פאלגענדע סארטען פויגלען האבען א שייכות צו דער לאנדווירטשאפט:

דער ג י י ע ר (רחם), דער ש פ ע ר ב ע ר (נץ) און אנדערע פון דעם מין פרעסען אויף די עופות ביי דעם פויער. די רייכע אראבישע שייכען און פריצים האדעווען דעם פ א ל ק (פרס)צוליעב פויגעל־יאגד. ק ר א ה ע ן (עורב) פיהרען זיך מכל המינים, דער ש ט א א ר (זרזיר) קומט צופליהען גראד בשעת מען בעט איהם ניט, אין דער צייט פון זריעה, און נאשט פון די זאמען. א שטיקעל נוצען ברענגט ער כאטש דערמיט, וואס ער צופיקעט די שעדליכע רמשים פון די פעלדער. אמאל איז, צ. ב. ש., געקומען א היישעריק, און דער שטאאר, וועלכער איז צו דיעזער צייט אנגעפלויגען, האט איהם צופיקט און פערניכטעט.

די „ח ו ב ע“ איז א שעהנע זינגעריז. אבער דער פויער וואלט איהר מיט פערגעניגען מוחל געווען איהרע זמירות, אבי זי זאל איהם ניט אבפרעסען די זריעה זיינע. דער ש פ ע ר ל י נ ג (אנקער) איז אויך א בעלן אויף פרעמדע תבואה.

די א ר י א ל ע האט גאלדענע פעדערען מיט שווארצע פליגלען. דער ב י ה נ ע נ פ ר ע ס ע ר, וועלכער פערצוקט די ביהנען אין דער לופטען, האט וואונ־דערבארע בונטע פארבען. דער ק ק ו א (קארמאראן) מיט דער ר ו ח מ ה (פעליקאן) מאכען אפטמאל א מארנעם סארט שותפות. דער ערשטער איז פלינק צו כאפען פיש פון אונטער׳ן וואסער, דער פעליקאן, אבער, איז שטארקער פאר איהם און ווי נור דער קקוא כאפט א פיש אונטער׳ן וואסער און גיט איהם א שליידער אין דער לופטען, וואקסט אויס דער פעליקאן ווי פון אונטער דער ערד. ער רייסט ארויס ביי דעם פלינקען יענער זיין רוים פון מויל, און מאכט נישט מיט איהם אפילו קיין „יחלוקו“. אין פיעלע פעלדער פיהרט זיך דער שליו, אדער ו ו א כ ט ע ל (פערעפעל), און אין מאנכע ערטער יאגט מען זיך נאך איהם.

די שלענג וואס פיהרען זיך אין סיריען זיינען לרוב ניט קיין גיפטיגע. אין די ימים ביים לאנד פיהרען זיך שילדקרעטען (טשערעפאכעס), פון א היבשער גרויס, אזוי אז אמאל פאנגען די פישערס א טשערעפאכע פון א 30 קילאגראם (65 ענג־לישע פונט). אויסער דעם בעגעגענען זיך פערשיעדענע מינים אײדעקסען, וועלכע דערגרייכען ביז 80 סענטימעטער (35 אינטשעס) די לענג, און בעדואינער עסען זיי: דער כאמעלעאן, וועלכער קלעטערט אויף די ביימער, און בייט זיינע פארבען לויט די אומשטענדען. קראקאדילען טרעפען זיך זעהר זעלטען — אין די וואסערען פון דעם קראקאדילען־טייך נהר־אל־זרקא (לעבען חדרה).

די ביהן בעגעגענט זיך אפט און ווערט ערצויגען עקסטרא צוליעב איהר האניג ביי די אראבער און ביי איניגע קאלאניסטען, בעזונדערס אין וואדי־חנין.

דער היישעריק איז א גרויסער פלאג פאר׳ן לאנד. ער פרעסט אפ דאס גאנצע גרינס פון די פעלדער און פון די גערטנער און לאזט נאך זיך איבער אייעלעך, פון וועלכע עס שעהלט זיך אויס א יונגער דור, וועלכער איז נאך שעדליכער פאר דעם אלטען, ווארום ער פערניכטעט יעדע גרעזעלע, יעדעס גרינס, וואס איז נאך געבליבען פון דעם אלטען היישעריק. דער היישעריק קומט פון מצרים דורך דעם מדבר. קיין ראדיקאלע מיטלען זיינען געגען איהם פארלויפיג ניטא. מיט ארגאניזיר־טע, געזעלשאפטליכע מעטאדען קען מען אבער געגען איהם קעמפפען. צום גליק קומט דער היישעריק גאנץ זעלטען.

די „צעקע“ איז אזא מין פליעג וועלכע מוטשעט שטארק די בהמות. דערפאר אבער פערטיליגט זי אויך די פעלד־מייז. מיט עטליכע יאהר צוריק האבען זיך פערפיהרט פעלד־מייז, וועלכע האבען צו׳פטר׳ט די תבואה, און מען האט געגען זיי קיינע מיטלען ניט געפונען. דערווייל איז אנגעקומען די „צעקע“, און האט צופיקט זיי די אויגען און אויסגעראמט אין גאנצען.

אין דער הויזווירטשאפט ווערען געברויכט פאלגענדע מינים:

רינדער ווערען ערצויגען ביי דעם פעלאך ניט צוליעב מילך, נאר אויס־שליסליך צוליעב זייער ארבייט. אויסער היי (אויסגעדראשענע שטרוי) גיט דער אראבישער פויער זיינע בהמות ניט כמעט קיין שום אנדערען שפייז. דעריבער זיינען ביי איהם די בהמות אזוי דאר און מאגער. אבער ווען מען פרובט די סירישע בהמות פיטערן, ווערען זיי דיק און שעהן. די אקסען פון לבנון זיינען פון שטארקערען מיז. און די קיה גיבען א סך מילך; כאטש די פאשע איז דארטען אויך ניט פון די בעסטע. נאשען אבער די בהמות די לבנון—תות־בלעטער. אפטמאל פארט מען צוזאמען די לבנון׳ער בהמות מיט דעם גוטען עגיפטישען מין. אין דעם עמק הירדן, אין חולה און אין די זומפען ארום חדרה בעגעגענט זיך אויך, אין א ווילדען צושטאנד, דער באפפאל־אקס (כוי). צוליעב פיהרען משאות נוצט מען דעם גמל (קעמעל) מיט איין הויקער. די בעדואינער פאשען זיי גאנצע טאבונעס. דער געוועהנליכער פערד שטאמט פון אנאטאליען אדער פון סיריען, נאר מען פערבעסערט דעם מין מיט דעם מיוחס׳דיגען אראבישען פערד. די בעדואינער האבען בעזונדערע סימנים פאר די ריין־בלוטיגע פערד (אצילה) מיט גאנצע יחוס־בריעף. א געוועהנליכער פעלא־כישער פערד איז ווערטה פון 100 ביז 1,000 פר., לויט זיין ארבייטס־פעהיגקייט. דער מויל־עזעל (פרד אדער פרדה) איז מעהר ארבייטס־פעהיג פאר א פערד, און זיין דורכשניטליכע פרייז איז דעריבער העכער — ביז 600 פראנק. אין צידון און איבערהויפט אין צפון ערציהט מען דעם מין עקסטרא צום פערקויף.

אבער דער בעסטער סארט מויל־עזעל ווערט געבראכט פון בגדד. דער ע ז ע ל ווערט געווענהליך בענוצט פאר שלעפען משאות און צום רייטען — פון דער ארימער שטאדטישער אדער דארפישער בעפעלקערונג, זיין דורכשניטליכער פרייז איז 200 פראנק.

צוליעב מילכווירטשאפט בענוצען די פעלאכען אויסשליסליך קליינע פיה; ווי שאף און ציעגען. צו דעם בעסטען סארט געהערט די אנגארער ציעג. פון מילך שלאגען די אראבער אויס פוטער, זויערמילך און פערשיעדענע אנדערע מאכלים.

עס איז פערשפרייט א מיינונג, אז סיריען און ארץ ישראל זיינען ניט גאר פאסענד פאר מילך־ווירטשאפט אין אייראפעאישען זין. אלס אורזאכע ווערען אנ־געגעבען די היצען און די מאנגעל אין פאשא דורך'ן זומער. דיעזע מיינונג איז, אבער, נישט קיין בעגרינדעטע. לויט דער בעהויפטונג פון ספעציאליסטען קאן די נאטירליכע פאשע פערביטען ווערען דורך דעם איינפיהרען פון פ ו ט ע ר ־ פ ל א נ צ ו נ ־ ג ע ן פאר די בהמות. ווינטער־צייט קען מען דיעזען פוטער לייכט קולטיווירען אי־בעראל. אלס אזעלכע קענען דיענען פערשיעדענע לעגומינאזען, ווי צ. ב. ש. די לו־צערנע, קלעע, וויקען, קירבעס, רונקעל־ריבען, האפער מאאיס, א. א. וו. די דייטשע קאלאניסטען האבען עס שוין טאקע בעוויזען צו טהאן, און זיי האבען אויסגעצייכענטע סטאדעס מיט בהמות. פאר די לעצטע עטליכע יאהרען האבען שוין די אידען אויך אנגעהויבען איינצופיהרען ראציאנאלע מילך־ווירטשאפט אין די נאציאנאל־פאנד פארמס, אין מרחביה און בן שמן, און פריוואטע קאלאניסטען אין איינינע קאלאניעס (ווי עקרון) האבען שוין אויך געמאכט אן אנהויב. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז די מילך־פראדוקטען האבען זעהר א גוטען מארק אין די ארומיגע שטעדט און קאלאניעס.

פערשיעדענע סארטען ג ע פ ל י ג ע ל ט ע פיהרען זיך אין לאנד, און ע ו פ ו ת ־ צ ו כ ט האט א גוטען באדען אין דער לאנדווירטשאפט. אין פיעלע ערטער אין סי־ריען ווערען יעהרליך עקספארטירט קיין אויסלאנד אייער־געלכלאך און ווייסלאך. אין פיעלע מקומות פיהרען זיך ענטען און גענז. אין איינינע אידישע קאלאניעס האט מען אפילו איינגעפיהרט מעכאנישע אויוועגס (אינקיובייטאר'ס) אויסצוווארעמען עופות. אין אנדערע ערטער האט מען געמאכט א פערזוך צו ערציהען ש ט ר ו י ס ע ן, צוליעב זייערע ווערטפולע פעדערען.

עופות

* * *

פון דעם וואס איז ביז יעצט געזאגט געווארען איבער דער פיזישער געאגראפיע פון ארץ ישראל קומען מיר, אלזא, צו דעם פאלגענדען רעזיומע:

די אויבערפלעכע פון לאנד בעשטעהט פון טאלען, בערג און ברייטע הויך־עבענעס מיט גרויסע שטרעקעס פון העכסט־פרוכטבארען באדען, פון ליים, קאלך, אדער פון לאווא־שיכטען. בעזונדערס צייכנען זיך אויס מיט זייער פרוכטבארקייט די ברייטע טאלען ביים ברעג ים, דער עמק־יזרעאל, דער עמק הירדן און דער ריעזיגער עבר־הירדן־פלאטא. דער גרעסטער טייל פון דיזע טאלען און עבענעס קען אויסגענוצט ווערען פאר ווייצען, גערשטען, מאיס, דורא און אנדערע ווינטער און זומער־תבואות.

רעזיומע

טײלװײז קענען זײ אױסגענוצט װערן פאַר פאַרשידענע בעװאַסערטע און טרוקענע פּלאַנטאַציעס. פאַר פּלאַנטאַציעס קענען אױסגענוצט װערן, אין זײער גרעסטן טײל, די בערג פון גליל, שמרון, יהודה און אַ טײל פון דעם נגב, װעלכע דאַרפן צוליעב דעם בעאַרבײט װערן אין טעראַסן. די איבעריגע טײלן פון די בערג קענען אױך אױסגענוצט װערן פאַר פּאַשע, פאַר פיה און פאַר שאָף־װירטשאַפט. דער פּלאַטאָ פון עבר הירדן קען טײלװײז בעװעלדערט װערן געדיכט און די בערג פון מואב בעדעקט װערן מיט פעלדער פאַר תבואה און פאַר פּאַשע. בײ אַזאַ בעאַרבײטונג װעט די לאַנדװירטשאַפט אַלײן לײכט קענען דינען אַלס יסוד פאַר אַ בעפעלקערונג, װעלכע איז אין 6—10 מאָל גרעסער פון די הײנטיגע און איז צװײ־דרײ מאָל גרעסער פאַר דער אַמאָליגער בעפעלקערונג אין צײט פון בית־שני.

װעניג לענדער זײנען אַזױ רײך מיט װ אַ ס ע ר װי ארץ ישראל. אױב דאָס רײכטום װערט ניט אױסגענוצט, איז עס צוליעב צװײ אורזאַכען: ערשטענס, װײל דאָס װאַסער איז ניט גלײכמעסיג פאַנאַנדערגעטײלט און אַ גרױסער טײל פון דעם רעגענװאַסער װערט פערלאָרען אומזיסט, אַראָפּרינענדיג מיט די װאַדיס אין ים אַרײן; און צװײטענס, זעהט זיך דאָס װאַסער אַזױ נישט אָן פון אױבען מחמת די אונטער־ערדישע הײלען, און די נאַטירליכע ציסטערנען װאָס ענטהאַלטען אין זיך געװאַלטיגע אוצרות מיט װאַסער, װעלכע שטראָמט אַרױס אין דער פאָרם פון קװאַלען, ברונעמער און פאָנטאַנען, במשך פון אַ גאַנצען יאָהר. מיט קינסטליכע בורות, ברכות (ציסטער־נען) קאַנאַלען און טעראַסען װאָלט מען געקענט די רעגענװאַסער אַזױ רעזערװירען און פאַנאַנדערטײלען, אַז קײן אײן טראָפּען װאַסער זאָל ניט געהן לאָבוד; די גרעסטע טײל פון דעם ביז יעצט ניט בעאַרבײטען בערג־באָדען זאָל גוט בעאַרבײט און בעבױט װערן, שאַפענדיג אַ מקור צום לעבען פאַר מיליאָנען נפשות.

די קראַפט פון די װאַסער־שטראָמען און טײכען קען בײ גינסטיגע בעדינגונגען ברײט אױסגענוצט װערען צוליעב עלעקטרישער בעלײכטונג, הײצונג און בעװעגונג, דאָס װעט עפענען גרױסע מעגליכקײטען פאַר אַ גרױסער אינדוסטריע און האַנדעל. בעזונדערס װעט עס אױפלעבען די פערבינדונג צװישען די צװײ ימים — דעם מיטעל־מער און דעם ים־סוף. די װאַסער־קראַפט װעט פאַרשטענדיג קענען פערבײטען דעם מאַנגעל אין קױהלען און אַנדערע מינעראַלען, מיט װעלכע דאָס לאַנד איז ניט אַזױ רײך.

די רײכע פ ל אָ ר אַ און פ אַ ו נ אַ זײנען זעהר גינסטיג פאַר דעם װאוקס פון דער בעפעלקערונג און זײ מאַכען נוצליך פאַר דעם מענשען אַלץ װאָס דער באָדען און דער קלימאַט ברענגען אַרױס.

דער קלימאַט גופא איז מיטעלמעסיג װאַרעם און געזונד. זײענדיג גענוג הײס, כדי צו פאַרקלענערן די הוצאות פאַר װינטערדיגער קלײדונג און בעהײצונג פון די קאַלטע לענדער, איז דער קלימאַט אָבער ניט טראָפּיש, שװאַכט ניט אָפּ די מענשליכע ענערגיע, װי עס איז דער פאַל אין די עקװאַטאָריעלע לענדער. דער קלימאַט איז אַלזאָ דער פּאַסענדסטער פאַר דעם װאוקס פון אַ גרױסען מענשליכען ישוב.

דער גאנצער כאראקטער פון לאנד ערקלערט אונז די ערשיינונג, וואס נאך אלע געוואלטיגע מלחמות און חורבנות וואס ארץ ישראל איז אויסגעשטאנען פון די עלטסטע צייטען ביז אונזער דור, איז דאס לאנד ניט לגמרי פערוויסטעט געווארען, ווי צ. ב. יש. מעסאפאטאמיען, פרס אדער נארד־אפריקא, נאר — פערקעהרט: איהר בע־פעלקערונג פלעגט זיך ביי דער ערשטער געלעגענהייט צוריק אומקעהרען א היים, אויב ניט אין גאנצען איז טיילוויז, סיי פון די בערג־שפאלטען, וואו זיי פלעגען זיך בע־האלטען אין עת־צרה, סיי פון די ארומיגע לענדער, וואו זיי האבען זיך ערווארבען א צייט־ווייליגען צופלוכטס־ארט.

דעם איבערבליק ווילען מיר פערענדיגען מיט א ציטאטע פון דעם בעריהמטען ענגלישען פארשער פון אריענט קאפיטאן בוירטאן, וועלכער שרייבט אין זיין „אונ־עקספלאורד סיריא": בעזארגט מיט אייזענבאהנען און טראמווייען וועט דאס הייליגע לאנד פארשטעלען מיט זיך א גליקליכסטע קאמבינאציע פון דער אלטער מיט דער נייער וועלט. זי וועט ווערען א צווייטער עגיפטען מיט דעם אונטערשיעד, וואס זי האט א העכערען קלימאט און א נאבעלערע מענשען־ראסע. סיריע און פאלעסטינא — איך קען עס מיט זיכערהייט פאראויסזאגען — ערווארט די שטונדע, ווען, ווע־רענדיג א הייב פון א פרייען, ערפאהרענען און ענערגישען פאלק, וועט זי ווידער ארויס־געבען קארן און אויל, ווידער פליסען מיט מילך און מיט האניג און וועט ברענגען מיט איהר אייגענער ענטוויקלונג, כמעט אלע יענע גוטע זאכען וועלכע זי האט געגעבען צו מענשען".

ביבליאגראפיע.

צו דער פיערטער אבטיילונג.

העברעאיש.

א. ספיר: הארץ, הוצאת „קהלת" יפו, התרע"א.

ה. אוהגן, אגרונום: ארץ ישראל וסוריה, מתורגם עברית ע"י א. ספיר, הוצאת „לעם" יפו, התרע"א.

תבואות הארץ מאת ר' יוסף שווארץ, הוצאת לונץ, ירושלם, תר"ס.

מפת ארץ ישראל, ערוכה ע"י א. ספיר וא. קרוזה ע"פ מפת קיפרט, הוצאת ועד הפועל הציוני, ברלין, התרע"ג.

טערקיש.

علی جواد • ممالك عثمانيه نك تاريخ وجغرافيا لغاتى در سعادت ١٣١٣

سالنامهء ولاية بيروت ١٣٢٦

ענגליש.

K. Baedecker: Palestine and Syria, Handbook for travellers. Leipzig, New York, London, 1912.

Post: Essay about the Sects and Nationalities in Palestine, Quart. statement of the P. E. F., 1890.

L. Oliphant: The land of Gilead, 1880.

The Survey of Western Palestine. Memoirs of the topography, orographie, hydrographie and archeology, by **Lieut. C. R. Conder, R. E.** and **Lieut. H. H. Kitchener, R. E.** Vol. I.—Galilee, Vol. II.—Samaria, Vol. III.—Judaea, and Spec. name-lists Vol., London, 1881-3.

The Survey of Eastern Palestine.

Leonard Woolley and T. E. Lawrence: The Wilderness of Zin, P. E. F., Annual 1914-1915.

G. Schumacher: The Jaulan, London, 1886.

G. Schumacher: Northern Ajlun, 1890.

Trelawney Saunders: An introduction to the Survey of Western Palestine.

Atlas. of the historical Geographie of the Holy Land by **G. A. Smith,** London, 1915.

Elisee Reclus: The Universal Geography, Vol. IX, Chap. IX, Syria, Palestine, Sinay, edited by A. H. Keane, London.

דייטש.

Prof. Otto Warburg: Ueber die Kulturpflanzen Palaestinas, Die Welt 1910.

Dr. V. Schwoebel: Die Verkehrswege und Ansiedlungen Galilaeas in ihrer Abhaengigkeit von den natuerlichen Bedingungen ZDPV XVII, Leipzig, 1904.

Hubert Auhagen, Agronom : Beitrage zur Kaenntnis der Landesnatur und der Landwirtschaft Syriens und Palestinas, Berlin, 1907.

Dr. Benzinger: Hebraeische Archeologie Tuebingen, 1907.

Dr. G. Rindfleisch: Die Landschaft Hauran in Roemischer Zeit und in Gegenwart ZDPV, Bd. XXI (1898).

G. Schumacher: Das Suedliche Basan ZDPV, XX, 1897.

Prof. Dr. Max Blankenhorn: Naturwissenschaftliche Studien am Toten Meer und in Jordantal, Berlin, 1912.

Hans Fischer's: Das Syrisch-Aegyptische Grenzgebiet ZDPV. 1910.

Karte des Ostjordanlandes, Haifa 1895-6, von Dr. G. Schumacher.

רוסיש

И. Белькиндъ. Современная Палестина. Одесса, 1913.

Инж. **Н. Вильбушевичъ:** Водяныя Силы Палестины. Евр. Жизнь, I, 1905.

פינפטע אבטיילונג

אלגעמיינער ישוב.

ווירטשאפטליכע, רעליגיעזע, נאציאנאלע פערהעלטניסע.

איינלייטונג.

פערשידענארטיגקייט פון לאנד און איהר ווירקונג אויף דער בעפעלקערונג.

די איינוואוינערשאפט פון א"י צייכענט זיך אויס מיט דער אויסערארדענטליכער פערשיעדענארטיגקייט און פיעלגעשטאלטיקייט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער פיזישער נאטור פון לאנד, פאר איהר קלימאט, פאונע און פלארע. דאס לאנד וואו ס'איז געשאפען געווארען דאס אוניווערסאלסטע בוך פון דער וועלט־ליטעראטור איז אליין אן אוניווערס אין מיניאטור. קיין אנדער בעוואוסטער געגענד אין דער וועלט קאמבינירט ניט אויף אזא קליינעם שטח אזוי פיעל נאטירליכע קאנטראסטען, פערשיעדענע קלימאטען, אבוועקסלונגס־רייכע נאטור־געשטאלטען — ווי ארץ ישראל*). „פאלעסטינא האט אלערליי קלימאטען, פון דעם סוב־טראפישען אין איין ענד פון ירדן־טאל, ביז דעם סוב־אלפינישען אין צווייטען ענד. אין יריחו וואקסען פאלמען און אין לבנון — סאסנעס. אין גהאר (ירדן טאל) איז זומער די טעמפעראטור איבער 100 גראד פארענהייט, און דאך זעהט מען פון דארטען די גלאנציגע שנעע־פעלדער פון חרמון. און אלע צווישענדיגע מדרגות פון אט די עקסטרעמען קאן דאס אויג כאפען אין איין בליק פון כרמל: די זאמדען און פאלמען פון ברעג, די ווייץ־פעלדער פון יזרעאל, די דעמבעס און סיקאמארען פון גליל, די סאסנעס און שנייאיגע שפיצען פון אנטי־לבנון — און ווי נאהענט דאס אלעס ליעגט ביינאנדער! שניידט דורך א שטרעקע אין יהודה: די פאלמעס און ברונעמס פון פלשתים־טאל וואלטען געקאנט זיין א טייל פון דער מצרישער דעלטא. אבער די בערגלעך פון דער שפלה דערמאנען די לאנדשאפט פון דרום־אייראפא. איבער זיי הויבען זיך די הרי יהודה וואס זיינען עהנליך צו דער ענטבלויזטער הויכלאנד פון צענטראל־דייטשלאנד — די פאסטוכער טראגען דא שאפענע פעלצלעך און וואהנען אונטער שטיינערנע דעכער. טיילמאל ליעגט זיך דא א דיקער שניי. עטליכע מייל ווייטער אין מזרח — און איהר קומט אראפ אין מדבר וואו די בעדואינער זיצען אין הארענע געצעלטען. נאך עטליכע מייל ווייטער — און איהר פאלט אראב אין די גליהענדע היץ פון עמק הירדן.

---

*) די דאזיגע חאראקטעריסטישע אייגענשאפט פון א"י איז שוין בעמערקט געווארען אין א דרש פון ר' שמעון בר יוחאי: „תבל" זו א"י, שנאמר „משחקת בתבל ארצו", ולמה נקרא שמה תבל? שהיא מתובלת בכל; שכל הארצות יש בזו מה שאין בזו, אבל א"י — אינה חסרה כלום, שנאמר: „לא תחסר כל בה" (ספרי).

פון דאנען הויבט זיך ארויף נאך עטליכע מייל ווייטער — און איהר געפינט זיך אין דער הויכעבענע פון מואב, וואו די אראבער זאגען „די קעלט איז שטענדיג אין דער היים". און ביי אלעם דעם איז פון פלשת ביז מואב קוים זיבעציג מייל" (ג. א. סמיטה).

די דאזיגע פערשיעדענארטיגקייט פון דער פאלעסטינער נאטור האט מעגליך געמאכט פאר די צאהלרייכע שטאמען, פעלקער און ראסען, וואס האבען זיך אין פערלויף פון טויזענדער יאהר בעזעצט אין לאנד, אבצוהיטען זייער אייגענארטיגען כאראקטער, קולטור, סאציאל-עקאנאמישע ארגאניזאציע. יעדעס פאלק האט דא געפונען א היימישע סביבה. יעדע גרופע האט דא געקענט לעבען אבגעזונדערט, איזאלירט פון די ארומיגע שכנים. די אונצוגענגליכע בערג און די שווער דורכגאנגבארע מדבריות האבען געדיענט אלס נאטירליכע מחיצות צווישען שבט און שבט, צווישען פאלק און פאלק, צווישען רעליגיע און רעליגיע. די איינגעבוירענע פעלקער האבען דא געקענט פיהרען א זעלבסטשטענדיג לעבען, ניט אויסמישענדיג זיך איינער מיט'ן צווייטען. פערשיעדענע ענטגעגענגעזעצטע קולטורען האבען דא געקאנט עקזיסטירען אונאבהענגיג, די גרעסטע ווירטשאפטליכע און סאציאלע עקסטרעמען האבען דא געקאנט צוזאמענלעבען אין דער נאהענטסטער געאגראפישער שכנות, כמעט אהן געגענזייטיגער בעריהרונג. מיט דעם ערקלעהרט זיך די זאנדערבארע ערשיינונג, וואס מיר געפינען שוין אין דער אוראלטער געשיכטע פון א"י, אזוי גוט ווי אין דער געגענווארט: די שכנות'דיגע עקזיסטענץ פון אזעלכע סאציאל עקאנאמישע הפכים ווי די פרימיטיווע פאטריארכאלע וואנדערענדע שבטים, וואס לעבען פון פאשע, געיעג און רויב און די הויך ענטוויקעלטע, אינדוסטריעלע שטאדטישע פעניקיאנער, וואס פיהרען א וועלט-האנדעל און גרינדען קאלאניעס אין אלע עקען וועלט. דערמיט ערקלערט זיך אויך ווי אזוי די אידען וואס זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט א גאנצער רייהע פעלקער — זיינען דאך געבליבען אן „עם לבדד ישכון"*).

אין דער צייט וואס די נאטור-קאנטראסטען, די בערג און ווינטען, האבען מיטגעהאלפען די איינוואוינער פון לאנד אבצוהיטען זייער זעלבסטשטענדיגקייט, אייגענארטיגקייט און אבגעזונדערהייט, האבען די טאלען אין לענג און ברייט פון לאנד — די שפלה, דער שרון, דער עמק יזרעאל, דער מרג' עיון, די נוקרא — און די אפענע פארטען פון די פלאכע ברעגעס פערלייכטערט די נייע איינוואנדערונגען און אינוואזיאנען, און א דאנק דער צענטראלער פאזיציע פון א"י צווישען די דריי וועלט-טיילען, האבען זיך אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען כמעט אלע פעלקער און ראסען פון אזיע, אפריקא און אייראפא דא בעגעגענט און צוזאמענגעשטויסט. פון דרום דורך די שפלה, פון צפון דורך די בקעה און פון מזרח דורך די נוקרא און עמק יזרעאל האבען איינגעשטראמט אין לאנד פרעמדע פעלקער און שטאמען, און עס איז דא ענטשטאנען אן אויסערגעוועהנליכער מיש-מאש פון פערשיעדענסטע נאציאנאלע, רעליגיעזע און קולטור-געשיכטליכע געזעלשאפטען, און די איצטיגע בעפעלקערונג פון א"י שטעלט מיט זיך פאר א לעבעדיגען מוזעאום פון אלערליי ראסען, פעלקער, שטאמען, רעליגיעס, סעקטען, קולטור-מדרגות, ווירטשאפטליכע פארמען, סאציאלע ארדנונגען און געזעלשאפטליכע זיטען.

*) פון דער אנדערער זייט האט דער בעזאנדערער כאראקטער פון א"י אהן צווייפעל מיטגעהאלפען אויסארבייטען אין אידישען פאלק די אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען צוצופאסען זיך מיט א בעזונדערער לייכטקייט צו די פערשיעדענסטע געאגראפישע סביבות פון דעם ערד-קוגעל, איבער וועלכען זיי זיינען שפעטער פערשפרייט געווארען.

1) אינרליכע גרופירונג.

איינגעזעסענע און וואנדערער.

די איינוואוינערשאפט פון א"י — אדער ווי מ'רופט זיי אין אראביש די מקדסי (מאקאדסי), ד. ה. די איינוואוינער פון הייליגען לאנד — ווערט איינגעטיילט אין צוויי הויפט־טיילען: ח צ ' ר (חאדאר) — איינגעזעסענע און ב י ד ו י (בעדראווי) — נאמאדען, מדבר־איינוואוינער, בעדואינער. די לעצטע, הגם זיי צופאלען זיך אין צאהלרייכע זעלבסטשטענדיגע שבטים, וואס פיהרען אפטמאל מלחמות צווישען זיך, זיינען דאך לויט זייער אבשטאמונג, אויסזעהן, לעבענס־ארט און רעליגיע אן איינ־הייטליכער עלעמענט. די חאדאר (איינגעזעסענע) פערקעהרט, בעשטעהען פון די פערשיעדענסטע עלעמענטען, וואס אונטערשיידען זיך איינער פון צווייטען לויט זייער אורשפרונג, ראסע, שפראך, גלויבען, מנהגים, קולטור.

שטאדטישע און דארפישע.

ו ו י ר ט ש א פ ט ל י ך צוטיילען זיך די חאדאר אויף מ ד נ י ה (מעדעניע) — שטאדט־איינוואוינער און פ ל ח י ן (פעלאכין) — אקערבוי, דארפישע איינוואוינער. די שטאדטישע איינוואוינער אונטערשיידען זיך פון די דארפישע ניט נור מיט זייער בעשעפטיגונג און ארט־לעבען, נאר אויך מיט זייער קליידונג און אויסערליכען אויסזעהן. הגם פיעלע פון זיי פערנעהמען זיך מיט אקערבוי און פלאנטאציעס אקוראט ווי די פלחין. א מעדעני בעציהט זיך מיט דער טיעפסטער פעראכטונג צו א פלח, און די איינוואוינער פון די גרעסערע דערפער פרעטענדירען אויך צו זיין מדני.

עטנאגראפישע און רעליגיעזע אונטערשידען.

ע ט נ א ג ר א פ י ש בעשטעהען די חאדאר פון גאנץ פערשיעדענע עלעמענטען: סוריער, אראבער, אידען, טשערקעסען, טערקען, טורקמענער, ארמעניער, פרס'ען, קור־דען, נעגרען, אבעסיניער, קאפטען, ציגיינער און פערשיעדענע פראנקען (אייראפעער). נאך א גרעסערען מיש־מאש שטעלט מיט זיך פאר די חאדאר ר ע ל י ג י ע ז. ניט נור זיינען דא פערטראטען די דריי־הויפט־רעליגיעס, וואס זיינען ענטשטאנען אין דעם לאנד, נור מ'געפינט דא אויך אלע זייערע שפעטערע אבצווייגונגען, און איניגע אזעלכע וואס עקזיסטירען מעהר אין ערגיץ ניט אויסער א"י און סוריה, ווי שומרונים, מוחידין (מוואחידין, ד. ה. בעלי־היחוד, דרוזען), נוציירים. די הערשענדע און אם מעהרסטען פערשפרייטע רעליגיע איז דער איסלאם. א חוץ מוסלימער־סוניטען (וואס גלויבען אין דער תורה שבעל פה פון איסלאם — אין סונת) זיינען דא פאראן אויך מוסלימער־שיעיטען (וואס האלטען נור פון תורה שבכתב ד. ה. פון קוראן, א סארט מוסלימישע קראים), און האלב מוסלימישע סעקטעס ווי דרוזען, יעזידען, ישמעאליטען, נוציירים. צו דער אורשפרינגליכער רעליגיע פון לאנד — דער אידישער — געהערען דא א חוץ אידען (רבנישע) אויך שומרונים און קראים. אם רייכסטען אין סעקטעס זיינען די קריסטען: צוערשט — לויט דער צאהל — קומען די גריכען־ארטאדאקסען, דאן די קאטאליקען און יוניטען (מאראניטען, סיריאקען, מלכ'יטען, לא־טיינער, כלדיים און אנדערע), מאנאפיסיטען (ארמעניער־גרעגאריאנער, יעקביטען, קאפטען, אביסיניער, נעסטאריאנער) און פראטעסטאנטען מכל המינים.

יעדע רעליגיעזע סעקטע האלט זיך פאר א בעזונדער פאלק, האט א בעזונדערע ארגאניזאציע, בעזונדערע אפיציעלע פארשטעהער, געפינט זיך אונטער אן אנדער פאליטישער השפעה, פערנעהמט א פערשיעדענע געזעלשאפטליכע לאגע. די רעליגיעזע אונטערשיעדען שפיעלען אין מזרח פאקטיש די זעלבע ראלע ווי די ריין נאציאנאלע

אין מערב. אין בעוואוסטזיין פון דער אריענטאלישער בעפעלקערונג זיינען די צוויי בעגריפען — רעליגיע און פאלק — כמעט אונטערענבאר. די איינגעבוירענע איינוואוי־נער פון א"י בעצייכנען זיך זעלבסט אויסשליסליך לויט דער אנגעהעריגקייט צו דער אדער יענער קירכע. ווען מ'פרעגט דא איינעם, וואס ער איז, וועט ער שטענדיג ענט־פערען: א מוסלים, א קריסט (נאצראני) א. ד. ג.

נאציאנאלע אינ־ איינהייטליכ־ קייט.

צווישען די פיעלפארביגע און פערשיעדענארטיגע מאססע קאן מען הערען אלערליי שפראכען און דיאלעקטען. די מעהרהייט אבער — בערך 90 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג אין א"י — רעדט אראביש. עס איז אבער א גרויסער טעות צו דענקען, אז די אלע אראביש־שפראכענדע עלעמענטען בילדען איין נאציאן; דאס דרוזישער בערג־פאלק און די חורנ'ער בעדואינער האבען וועניגער געמיינזאמעס אין נאציאנאלען זין איידער די מעקסיקאנער און שפאניער. די אראביש־שפראכענדע מאראניטען פון לבנון און זייערע מוטעוועלישע שכנים אין דרום האבען ניט מעהר שיכות מיט דער אראבישער נאציאן אלס די ענגליש־שפראכענדע נעגרען פון זיד אמעריקא אדער די אירלענדער האבען מיט דער ענגלישער. אין דער אראבישער שפראך גופא ווערט מיט דעם ווארט „ערב" בעצייכענט נור א בעדואינער, און די בעדואינער זיינען ווירקליך דער איינציגער עלעמענט אין א"י וואס קאן זיך בעריהמען מיט א ריין אראבישער אבשטאמונג און אונמיטעלמארער געהעריגקייט צו דער איי־גענטליכער אראבישער נאציאן.

אין דעם אויסערגעוועהנליכען מישמאש פון פעלקער, ראסען, שטאמען און רעלי־גיאנען, וואס שטעלט מיט זיך פאר די בעפעלקערונג פון א"י און סוריה, איז ניט לייכט צו בעשטימען אויף וויפיעל די אדער יענע גרופע בילדעט א בעזונדער נאציאנאליטעט אדער איז ניט מעהר ווי א רעליגיעזע געמיינדע. איין זאך איז אבער קלאר: די דא־זיגע פערשיעדענארטיגע, צוזאמענגעשטעלטע מאסע, אפילו די יעניגע וואס איז פערבונדען מיט איין שפראך, שטעלט מיט זיך ניט פאר, סיי סוביעקטיוו, סיי אביעק־טיוו אן איינהייטליכע נאציאן און ס'איז א גרויסער ספק צו וועלען זיי זיך אמאל פער־שמעלצען אין איין נאציאנאלען ארגאניזם.

שוין וואלני, אין אכטצעהנטען יאהרהונדערט, האט אויפמערקזאם געמאכט אויף דער נאציאנאלער אונאיינהייטליכקייט פון דער סורישער בעפעלקערונג. אין זיין אינטערעסאנטער און בעלעהרענדער רייזע בעשרייבונג פון 85־1783 אין סוריה און א"י ווייזט ער אן, אז „מ'דארף ניט בעטראכטען די איינוואוינער פון סוריה ווי איין פאלק, נאר ווי א געמיש פון פעלקער", און דער סורישער פובליציסט חייר־אללה, א הייסער אנהענגער פון א סורישער אויטאנאמיע, שטעלט אוועק די פראגע, צו וועלען זיך די צאהלרייכע סורישע פעלקער, וואס אונטערשיידען זיך אין זייער אורשפרונג, געשיכטע, רעליגיאן, מנהגים, זיטען, שפראך — פעראייניגען אין איין געזעלשאפט־ליכעם גאנצעם? און ער ענטפערט דערויף: נאך דעם ווי הונדערטער יאהרען פון צוזאמענדיגען לעבען האבען דאס ניט דערוויזען — ערוועקט זיך במילא אויף א ספק בנוגע דער צוקונפט.

2. בעפעלקערונגס־סטאטיסטיק.

אין טערקיי, און דערונטער אויך אין א"י איז נאך ניט איינגעפיהרט געווארען קיין רעגעלמעסיגע פאלקסצעהלונג, און עס איז דעריבער ניטא קיין גענויע, פינקטליכע סטאטיסטיק פון דער בעפעלקערונג. ווען מען פערגלייכט די צאהלרייכע אנגאבען פון פערשיעדענע קוועלען (אפיציעלע מיטטיילונגען, קאנסול־בעריכטען, וויסענשאפט־ליכע אויספארשונגען און שאצונגען, לאקאלע ידיעות א. ז. וו.) בעקומט זיך א מינימום פון 750.000 און א מאקסימום פון 1.050.000. אויפ'ן גרונד פון אויספיהרליכע ידיעות פון יעדער שטאדט און כמעט יעדען איינצעלנעם דארף אין ירושלמ'ער, עכו'ר, חורנ'ער סאנדזשאקען און נאך איניגע קאדאס אין מערב און מזרח א"י — שיינט אונז די מאקסימאלע צאהל צו זיין די ריכטיגסטע.

בערך 70 פראצענט פון דער בעפעלקערונג געפינט זיך אין מערב א"י, און 30 פראצענט — אין מזרח (אין עבר הירדן).

דער מיליאן איינוואוינער פון א"י בעשטעהט פון בערך 500.000 פלחין (פעלאכען) וואס וואוינען אין 1300 דערפער, קנאפע 400.000 מדניה, וואס זיינען קאנצענטרירט אין א 25 שטעדט און שטעדטלעך און עטוואס מעהר פאר 100.000 בעדואינער אהן א בעשטענדיגען וואוינונגס־ארט. די גרעסטע טייל פון זיי וואנדערען ארום אין נגב, צווישען עזה, באר שבע, חברון אין צפון און דער מדבר סיני און גאלף פון עקבה אין דרום.

לויט די אפיציעלע אנגאבען פון 1915*) צעהלט א"י 1.079.204 איינוואוינער. פון זיי זיינען 759.659 אין מערב א"י, און 319.545 אין מזרח א"י.

אין די איינצעלנע קאדאס (בעצירקען) איז די בעפעלקערונג לויט די דערמאהנטע אנגאבען ווי פאלגט:

א. מערב א"י.

1) ירושלמ'ער סאנדזשאק:

קאדא ירושלים — — — — — — — — — — 123.017
" יפו — — — — — — — — — — — 81.490
" חברון — — — — — — — — — — 56.241
" עזה — — — — — — — — — — — 82.614
" באר שבע — — — — — — — — — 55.000 (בעדואינער)

398.362

2) שכמ'ער סאנדזשאק:

קאדא שכם — — — — — — — — — — 76.426
" גנין (עין גנים) — — — — — — — 41.422
" בני צעב — — — — — — — — — — 35.901

153.749

*) פערעפענטליכט אין דר. רופינ'ס נייעם בוך „סוריען אלס ווירטשאפטס-געביעט“, בערלין 1917.

3) עכו'ער סאנדזשאק :

קאדא עכו	40.897
" חיפה	30.629
" נצרת	20.801
" טבריה	13.102
" צפת	31.735
	137.164

4) אין בירות'ער סאנדזשאק :

קאדא צור	39.274
" מרג' עיון	31.110
	70.384

ב. מזרח א"י.

5) אין דמשק'ער סאנדזשאק :

קאדא קנייטרא	35.267
" חצביה	15.204
" וואדי אלעג'ם	15.680
	66.151

6) חורנ'ער סאנדזשאק :

קאדא חורן	27.691
" עגלון	61.500
" בצר אלחריר	26.448
" סוויידה (ג'בל דרוז)	24.260
" אזרוע	29.382
" מאסמיע	13.825
	183.106

7) כרכ'ער סאנדזשאק :

קאדא סאלט	37.235
" כרך	19.551
" תפל	7.750
" מען	5.752
	70.288

די בעפעלקערונג פון גאנץ סוריה איז לויט די זעלבע קוועלע 3.423.626 ; אויף א"י קומט אלזא אויס 31,5 פראצענט פון גאנצען סורישען ישוב.

די סורישע בעפעלקערונג איז פערטיילט אין די פאלגענדע ווילאיעטען און זעלבסט־שטענדיגע סאנדזשאקען:

חלב׳ער ווילאיעט (57.000 קוואדראט קילאמעטער)	869.402
דמשק׳ער ווילאיעט (90.000 ק. ק.)	924.805
בירות׳ער ווילאיעט (30.000 ק. ק.)	823.307
לבנונ׳ער סאנדזשאק (3.200 ק. ק.)	407.750
ירושלים׳ער סאנדזשאק (20.000 ק. ק.)	398.362

די בעפעלקערונגס דיכטע איז אלזא: אין חלב 15,2 נפשות אויף א קוואדראט קילאמעטער, אין דמשק — 10.3, אין בירות — 27.4, אין לבנון — 127.3, אין ירושלים — 20 נפשות.

אין די אפיציעלע אנגאבען איז ניט אנגעוויזען די צאהל פון די בעזונדערע נאציאנאל־רעליגיעזע גרופען. אויפ׳ן גרונד פון די אנגאבען פון סירישען שרייבער חייר־אלה אין 1912 און נדרא מוטראן אין 1916, און אנדערע, קאן מען איינטיילען די סורישע בעפעלקערונג אונגעפעהר אויפ׳ן פאלגענדען אופן*).

א) מוסלימער־סוניטען:

1)	פערשיעדענע בעדואינען־שבטים (אראבער)	130.000—200.000
2)	איינגעזעסענע סוריער און אראבער	1.350.000—1.660.000
3)	טשערקעסען	40.000
4)	קורדען	40.000
5)	טורקמענער	35.000—40.000

ב) מוסלימער־שיעיטען:

1)	מוטעוועלער	80.000—120.000
2)	פרס׳ען	6.000

ג) האלב־מוסלימישע סעקטען און פעלקער:

1)	דרוזען	150.000—200.000
2)	נוציירים	130.000—170.000
3)	ישמעאליטען	20.000—25.000
4)	יעזידען	10.000—15.000

*) בנוגע דעם נאציאנאל־רעליגיעזען בעשטאנד פון דער בעפעלקערונג אין א״י אליין איז קיין גענויע סטאטיסטיק ניטא. די אנגאבען פון וויטאל קינע אין זיין ווערק איבער „סוריה, לבנון און פלשתינא“, וועלכע זיינען אויך ציטירט אין בעדעקער׳ס „סוריה און פלשתינא“, זיינען פול מיט טעותים, איבערטרייבונגען און אונטערשעצונגען. שטארק איבערטריבען איז ביי איהם די צאהל פון די קריסטליכע גרופען, בעזונדערס די קאטוילישע. דאגעגען אנדערע גרופען זיינען שטארק אונטערשעצט. דערצו איז שוין דער גאנצער מאטעריאל (קינע׳ס) עטוואס פערעלטערט. אין דעם ווייטערדיגען קאפיטעל ווענען די נאציאנאליטעטען און סעקטען גיבען מיר א מעהר בעגרינדעטע סטאטיסטישע אבשאצונג פון די פערשיעדענע עלעמענטען.

ד) אידען — — — — — — — — — — — — — 130.000
(דערונטער 185 שומרונים).

ה) קריסטען :

I. קאטאליקען :

1) מאראניטען — — — — — — — — — —		350.000
2) גריכען־מלכ׳יטען — — — — — — —	160.000	140.000—
3) כלדיים — — — — — — — — — —	20.000	6.000—
4) לאטיינער — — — — — — — — —	20.000	18.000—
5) ארמענישע קאטאליקען — — — — — —		10.000

II. ניט־קאטאליקען :

1) גריכען־ארטאדאקסען — — — — — —	250.000	200.000—
2) ארמענער־גרעגאריאנער — — — — — —		25.000
3) פראטעסטאנטען — — — — — — —		20.000
4) נעסטאריאנער — — — — — — — —		6.000
5) יעקביטען — — — — — — — — —		10.000

ו) פערשיעדענע עלעמענטען (ציגיינער און פרענקען) 40.000

ערשטער קאפּיטעל

די שטעדט.

געשיכטע, ווירטשאַפט, ישוב.

א. שטאָדטישע בעפעלקערונג.

וואוקס פון שטאָדטישען ישוב.

אין אָנהויב פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט איז ירושלם געווען די איינציגע שטאָדט אין ארץ ישראל, וואס האָט געהאַט א בעפעלקערונג פון איבער 10.000, און אַלע שטעדט צוזאַמען האָבען נאָך דאַן ניט געהאַט די צאָהל איינוואוינער וואס ירושלם האָט איצט אַליין — בערך 80.000. נאָך אין 1875 האָבען ניט מעהר ווי פיער שטעדט — ירושלם, עזה, חברון, שכם — געהאַט אַן איינוואוינערשאַפט פון העכער 10.000. מיט 40 יאָהר שפּעטער — אין 1915 — האָבען שוין עלף שטעדט ניט ווייניגער ווי צו 10.000 איינוואוינער, און די גאַנצע שטאָדטישע בעפעלקערונג (פון 22 שטעדט) בעטרעפט אונגעפעהר 375.000, בערך 38 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג אין לאַנד. פון זיי זיינען איבער צוויי־דריטעל קאָנצענטרירט אין זיבען שטעדט — ירושלם, יפו, עזה, שכם, חברון, צפת, חיפה — און איין־דריטעל איז פערשפּרייט אין די איבריגע 16 קלענערע שטעדט און שטעדטלאך. די איבערוויגענדע מעהרהייט פון שטאָדטישען ישוב (בערך 85 פּראָצענט) געפינט זיך אין מערב א"י. דעם ערשטען אָרט פערנעמט יהודה (8 שטעדט מיט בערך 200.000 איינוואוינער), נאָכהער קומט גליל (6 שטעדט מיט עטוואס מעהר פון 80.000) און צום לעצט שומרון (3 שטעדט מיט 38.000). דער ווייניג בעפעלקערטער און אונענטוויקעלטער עבר הירדן האָט אין גאַנצען 5 קלענערע שטעדט, מיט א בעפעלקערונג פון בערך 45.000 נפשות.

לויט די רעליגיעס בעשטעהט די שטאָדטישע בעפעלקערונג פון בערך 130.000 מוסלימער, 85.000—82 אידען און 60.000—57 קריסטען. אידען בילדען א מאַיאָ־ריטעט אין די שטעדט: ירושלים, טבריה, צפת. קריסטען — אין בית לחם, נצרת, חצביה. אין אַלע אנדערע שטעדט איז די מעהרהייט א מוסלימישע.

דער ישוב אין די איינצעלנע שטעדט איז אונגעפעהר (קיין פּינקטליכע סטאַ־טיסטיק איז ניט פאַרהאַן) ווי פאָלגט:

ירושלם	80.000	(יהודה)
יפו	45.000	(יהודה)
עזה	35.000	(יהודה)
שכם	30.000	(שומרון)
חברון	22.000	(יהודה)
חיפה	20.000	(גליל)
צפת	20.000	(גליל)
נצרת	15.000	(גליל)
סאלט	15.000	(עבר הירדן)
עכו	12.000	(גליל)
בית לחם	11.000	(יהודה)
כרך (קיר מואב)	10.000	(עבר הירדן)

טאפילה (תפל) — — — — — — 9.000 (עבר הירדן)
טבריה — — — — — — — — 8.000 (גליל)
לוד — — — — — — — — — 7.000 (יהודה)
רמלה — — — — — — — — 7.000 (יהודה)
צור — — — — — — — — — 7.000 (גליל)
חצביה — — — — — — — — 7.000 (עבר הירדן)
מען (מאאן) — — — — — — 5.000 (עבר הירדן)
טול־כרם — — — — — — — 5.000 (שומרון)
דזשענין (עין גנים) — — — — 3.000 (שומרון)
באר שבע — — — — — — — 3.000 (יהודה)


מ׳קאן אויך צוגעבן איניגע לאקאליטעטן, וואס זיינען האלבע דערפער, האלבע שטעדט, ווי סווײדה (דער צענטער פון ג׳בל דרוז) 4.500 איינוואוינער, ג׳דיידה (צענטער פון מרג׳ עיון) 5.000, אדרעי (צענטער פון חורן) 5.000, קנייטרה (צענטער פון ג׳ולן) 1.500, שפרעם (אין עכו׳ער קאדא) 2.700. — צוזאמען אונגעפעהר 20.000 איינוואוינער.

דער אויפשוואונג פון שטאדטישען ישוב פאלט צוזאמען אין צייט מיט דעם ענטשטעהן פון נייעם אידישען ישוב אין א״י — און דאס איז ניט קיין צופאל. די אידישע איינוואנדערונג און קאלאניזאציע האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דעם וואוקס פון די שטעדט, סיי דירעקט דורך דעם צופלוס פון די נייע אנגעקומענע, סיי אינדירעקט דורך דעם ווירטהשאפטליך־פראגרעסיווען איינפלוס פון נייעם ישוב; דאס איז אבער ניט דער איינציגער פאקטאר. די גרינדונג פון אייראפעאישע קאנסולאטען, האנדעלס־ און באנק־אינסטיטוטען אין די וויכטיגסטע שטעדט, ווי ירושלם, יפו, חיפה, עזה, די טעטיגקייט פון די קריסטליכע מיסיאנען וואס האבען אויסגעשפרייט א נעץ פון שולען, שפיטאלען און וואהלטעטיגע אנשטאלטען אין אלע ווינקלען פון לאנד, די שטענדיגע צאהל פון אויסלענדישע טוריסטען און פילגרימען, די אייזענבאהנען וואס זיינען אויסגעבויט געווארען אין די לעצטע 25 יאהר צווישען יפו—ירושלם און חיפה—דמשק, — די אלע פאקטארען האבען געגעבען א שטארקען אנשטויס דעם וואוקס און פאנאנדערבליהונג פון די שטעדט. געוויסער מאסען האט זיך דער שטאדטישער ישוב פערגרעסערט אויפ׳ן חשבון פון דארפישען. די איבערפאלען מצד די בעדואינער אויף די אונבעהאלפענע ישוצלאזע דערפער, דער שווערער לאסט פון לאנד־שטייערען, דער שטייגענדער וואוקס פון גרויס־גרונד־בעזיץ, דער מאנגעל פון אגראר־קרעדיט און עהנליכע סבות האבען געצוואונגען פיעלע דארף־איינוואוינער צו פערלאזען זייערע דערפער און איבערקלייבען זיך אין די שטעדט.

דער איבערגאנג פון דארף אין שטאדט מיינט ניט אונבעדינגט אן איבערגאנג פון פעלד־ארבייט צו אינדוסטריעלער אדער קאמערציעלער טעטיגקייט. א בעדייטענדער טייל פון דער שטאדטישער בעפעלקערונג לעבט פון לאנדווירטשאפט, הויפטזעכליך פלאנטאציעס. די מייסטע שטעדט זיינען ארומגערינגעלט מיט גרויסע אליווענוועלדער (שכם, עזה, לוד, רמלה), כרמים (חברון, סאלט) און אראנזש־גערטנער (יפו, צידון, צור), וואס געהערען די שטאדט־איינוואוינער. אין עבר הירדן זיינען די שטעדט אייגענטליך ניט מעהר ווי גרויסע דערפער, וואו דער ישוב לעבט הויפטזעכליך פון ערד־ארבייט און פיהצוכט. די מעהר זידליכע שטעדט — כרך, תפל, מען, און טיילווייז אויך סאלט — שטעלען מיט זיך פאר בעדואינען־צענטען, און די דארטיגע איינוואוי־

נער אונטערשיידען זיך כמעט מיט גאר ניט אב פון זייערע נאמאדען־ברידער וואס וואוינען אין געצעלטען.

מיט דער אויסנאהם פון יפו, חיפה און ירושלם, וואו דער אייראפעאישער איינפלוס און די ווירקונג פון נייעם אידישען ישוב איז בעזונדערס גרויס, טראגען נאך אלע שטעדט אין א"י א ריין־אריענטאלישען כאראקטער. די גאסען זיינען ענג און קרום, און ניט אומעטום קאן א וואגען דורכפאהרען, די הייזער זיינען מייסטענס איינגארענדיגע, זעלטען מעהר ווי צוויי, מיט פלאטשיגע דעכער און קליינע פענסטערלעך פערשטעלט מיט הילצערנע אדער אייזערנע גראטען. די ארימערע קווארטאלען, געוועהנליך אין די עקען פון שטאדט, זיינען זעהר עהנליך צו די פלחישע הייזער. פיעלע געסלעך זיינען איבערגעדעקט מיט קופאלארטיגע דעכער וואס ציהען זיך איבער גאנ־ אויסזעהן פון די שטעדט.



בילד 24.

אראבישע שטאדט-וואוינונג.

צע קווארטאלען, און די גאסען זעהען גיכער אויס ווי ענגע קארידארען צווישען לאנגע רייהען הייזער, וואס זיינען אנגעקלעפט איינע אן די צווייטע. אין אזעלכע קארידארען־געסלעך געפינען זיך מייסטענס די שטאדט־באזארען, וואס זיינען די וויכטיגסטע און לעבעדיגסטע פלעצער אין די אריענטאלישע שטעדט.

דער אויבען־אן צווישען די שטאדט־איינוואוינער פערנעמען די אזוי־גערופענע ע פ ע נ ד י׳ ס — די גרויסע לאנד־בעזיצער, די אייגענטימער פון די גערטנער, פארמס, דערפער ארום דער שטאדט און איבער׳ן לאנד. דאס איז דער געבילדעסטער און איינפלוסרייכסטער קלאס פון דער ארטיגער בעפעלקערונג. זיי צייכנען זיך אויס

שטאדטישע אריסטאקראטיע.

מיט זייער פיינעם ליטעראַרישען רעדענס־אַרט: אפילו אין געוועהנליכען שמועס בענוצען זיי א הויך־ליטעראַרישען אראביש און זיינען שטארק מדקדק אויף דער שעהנ־קייט פון סטיל און ריכטיגקייט פון אויסשפראך. איינער דעם צווייטען אדרעסירען זיי מיט הויכע טיטולען און מליצה'דיגע קאמפּלימענטען. זיי האבען געוועהנליך די גאנצע דעה ביי דער רעגירונג און אין עפענטליכען לעבען. א חוץ די גרויסע לענ־דעריען, וואס ברענגען זיי אריין רייכע הכנסות, געפינט זיך אויך אין זייער האנד דער גאנצער תבואה האנדעל און די אויפמאהנונג פון עשר. דאס פויערטום איז פאקטיש אבהענגיג פון די עפענדים, ווארום זיי לייען זיי אויס געלד — געוועהנליך אויף זעהר הויכע פראצענטען, אפטמאל 20, 30 פראצענט און מעהר — און קויפען ביי זיי אב די גערעטענייש אויף פון פריהער אויס בעשטימטע נידריגע פרייזען. הגם עקאנאמיש זיינען זיי מעהר פערבונדען מיט'ן דארף — לעבען זיי אבער דורכאויס אין שטאדט, און פערנעמען דא אלע וויכטיגסטע פאליטישע און געזעלשאפטליכע עמטער — אין מידזשעלים אידארע (אדמיניסטראציאנס־ראטה), און בעלדיע (מוניציפּאליטעט) א. ד. ג.

קלענער אין רייכטום און געזעלשאפטליכען איינפלוס, אבער גרעסער אין צאהל זיינען די אנדערע צוויי קלאסען פון דער שטאדט בעפעלקערונג: קרעמער און האנד־ווערקער.

קרעמער.

דער שטאדטישער אראבער האט א בעזונדערע נייגונג און פעהיגקייט צום האנ־דעל, און זיצען אין א קלייט איז ביי איהם איינער פון די אנגענעהמסטע צייט־פערטריי־בען. און פיעלע האלטען קלייטלעך בלויז אויס ליעבשאפט צו דער זאך, הגם זיי פער־דינען גאר ניט פון זייערע קלייטלעך אדער נויטיגען זיך ניט אין די דאזיגע פערדינסטען. קרעמעריי איז דעריבער די פערשפרייטעסטע בעשעפטיגונג און אין יעדער שטאדט און שטעדטעל טרעפט מען פיעל מעהר קראמען ווי ס'וואלט געדארף זיין פראפּארציאנעל לויט דער צאהל בעפעלקערונג.

אין יפו, חיפה און ירושלים איז שוין פאראן מאדערנע, גרויסע האנדעלס־געשעפ־טען אויפ'ן אייראפּעאישען שטייגער, אין די אנדערע שטעדט אבער, ווי שכם, עזה, טבריה א. ז. וו. און אויך אין די מוסלימיישע קווארטאלען פון די פריהערדיגע שטעדט — טראגען די קראמען אן אייגענארטיגען כאראקטער. דער האנדעל קומט פאר ניט אין קראם, נאר אויפ'ן גאס, ווארום דאס קרעמעל איז צו קליין, אז דער קונה זאל קענען אריינגעהן. די סחורה איז אויסגעשטעלט אין קוישלעך און פושקעלעך, טיילווייז אין גאס, טיילווייז אין קראם גופא, אין ביידע זייטען פון קרעמער, אזוי אז ער אליין קאן זיך קוים א ריהר טהאן. ער בעוועגט זיך טאקע ניט פון ארט די גאנצע צייט, דער קונה קלייבט זיך אליין אויס וואס ער וויל, און דער קרעמער מעסט און וועגט און נעמט די געלד, אלץ זיצענדיג אויף די פיס, אויפ'ן אריענטאלישען שטייגער.

זעהר פערשפּרייט אין אלע שטעדט זיינען די בשמים־קרעמלעך: זיי זיינען גע־וועהנליך קאנצענטרירט אין א בעזונדער גאס — וואס רופט זיך „שוק אל עטארין" (בשמים־גאס). דא ווערען פערקויפט אלערליי אריענטאלישע געווירצען און פערפומען. דערביי קאן מען דא אויך קריגען זאכען וואס האבען א קנאפּע שיכות מיט בשמים — ווי זאטלען, שיך, פולווער, אלערליי זריעות, רייט־זעקלעך, „אנגאלען" (אזעלכע וואלענע ביינעל וואס מען טוט אן אויפ'ן קאפּ־טוך), גארטלען א. ד. ג. דאס אלעס העגנט אין דרויסען אויפ'ן וואנד און פערשטעפּט די דורכגעהער. מען מוז דעריבער בעוועגען

זיך אין די געסלעך זעהר פאמעלעך, און די קרעמער נוצען דאס אויס צו לויבען און רעקלאמירען זייער סחורה.

קאפע-הייזער. אין יעדער גאס, אם מעהרסטען אבער ביי די "חאנס" (איינפוהר-הייזער) און אויף די ראגען פון די גאסען און ביי די טויערען פון שטאדט קאן מען געפינען קאפע-הייזער. זייער צאהל איז גרויס אין יעדער שטאדט, און זיי פערנעמען ביי דער ארטיגער בע-פעלקערונג דעם פלאץ פון א בירזשע, א ביבליאטעק און א טעאטער. ביי א גלעזעל



בילד 25.

אראבישער קלייט וואו מ'פערקויפט עסענוואַרג.

קאפע וואס ווערט געטרונקען מייסטענס ניט אין קאפע-הויז, וואס איז צו קליין, נאר אין דרויסען אויף קליינינקע פוס-בענקעלעך, טרעפען זיך דא פריינד און בעקאנטע צוליעב געשעפט, האנדעל, פאליטיק און גלאט אזוי צייט-פערטרייב. א קאפע-הויז איז דער אריענטאלישער קלוב.

בעלי - מלאכות.

פון בעלי מלאכות זיינען דא זעהר פערשפרייט קופער־ און גאלד־שמידען, ווארום די ארטיגע פרויען און אויך די מענער האבען א שטארקע נייגונג צו אלערליי צירונג און תכשיטים און קופערנע געציר, און כמעט יעדע שטאדט האט א בעזונדער גאס פון קופער שמידען, וואס רופען זיך אין אראביש נאחאס (העברעאיש — נחשת).

גארבערס געפינען זיך נור אין די גרעסערע שטעדט, וואו ס'איז פאראן גענוג קונים פאר זייערע פראדוקטען — לאגעל מאכער, שוסטער, זאטלער. די פריוואטע גארבעריי געפינט זיך אויסשליסליך אין די מוסלימישע הענד, פערקעהרט די מאדערנע — אין אידישע און דייטשע (די ערשטע מאדערנע גארבעריי איז געגרינדעט געווארען דורך דער „אליאנס“ אין מקוה ישראל). דאס זעלבע איז אויך מיט שלע־



בילד 26.
אראבישע קאפע-הויז — דער קלוב פון די ארטיגע אראבער.

סער. די ארטיגע שלעסער בעשעפטיגען זיך נור מיט די איינפאכסטע, פרימיטיווע ארבייטען. מעכאניקער און גוטע שלעסערס געפינען זיך נור צווישען אידען און דייטשען.

איינציגע פאכען —ווי שניידעריי, שוסטעריי, בלעכעריי און שמידעריי — געפינען זיך הויפטזעכליך ביי די אידען פון אלטען ישוב אין די הענד. די אראבישע שוסטער מאכען מייסטענס נור בעדואינישע און פעלאכישע שיך פון נעפארבטע לעדער. פארבער, וואס פארבען קליידער און מאטראצען, זיינען לרב מיטלימער, און פערנעמען געוועהנליך א בעזונדערע גאס. (פריהערדיגע צייטען איז פארבעריי געווען א אידישער מאנאפאל. א גרויסע טייל אידען, וואס ר׳ בנימין מטודילא האט געפונען אין א"י, זיינען געווען פארבער).

אן אנגעזעהענעם פלאץ צווישען די בעלי־מלאכות פערנעהמען די „חאלאקין“ — בארבירער, וואס א הויז גאלען און שערען בעשעפטיגען זיך דא אויך מיט בלוט־לאזען.

פיאוּקעס־שטעלען און עהנליכע מעדיצינישע אפעראציעס. דאס גאַלען אליין שפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין אראַבישען לעבען. דאס ראזירען זיך — ניט פון דער באָרד, נאָר פון קאפּ — רעכענט זיך פאר א בעפּוצונג, און דאס ראזירען ווערט דעריבער בעצייכענט מיט'ן נאָמען „תזיין" (טאזיאין), ד. ה. פערפּוצען.

כמעט אין אלע שטעדט זיינען פאראן „מ ו ק ע ר י"ס — ד. ה. אייזעל און מויל־טיער טרייבער. מחמת מאנגעל פון גוטע וועגען און מאָדערנע פערקעהרס־ און טראנספּארט־מיטלען זיינען די מוקערים אונבעדינגט נויטווענדיג פאר רייזענדע און אויף פאר'ן האנדעל. אין אזעלכע שטעדט ווי צפת, חברון, סאלט, עזה א. ד. ג. זיינען די מוקערים דער איינציגער מיטעל צו טראנספּארטירען סחורות, און אפילו אין ירושלם, יפו, לוד, רמלה, וואס האבען שוין אן אייזענבאהן, ווערען די מוקערים געברויכט אין טראנספּארטירען פּרוכט, גרינסען א. ד. ג. אין עבר הירדן, אין דרום זייט פון חברון און אין צפת וואס האבען נאָך ניט קיין שאָסע ווערען די מוקערים אויך גענוצט צוליעב רייזע ציעלען.

פאר'ן טראנספּאָרט אינערהאַלב די שטעדט ווערען בענוצט „עטאלען" — ד. ה. טרעגער. אין די ענגע געסלעך, וואו א וואגען קאן ניט דורכגעהן, וואָלט געווען אונמעגליך איבערצופיהרען משאות אָהן דער הילף פון די דאָזיגע טרעגער, וואס זיינען בעריהמט אלס די שטארקסטע מענשען, ניט נור פון א"י נור פון גאנצען אָריענט. די שווערע מישא, וואס דער פּאלעסטינער „עטאל" שלעפּט אויף זיין פּלייצע, אָפּטמאָל זעהר א לאַנגע שטרעקע, און אויף א בארג ארויף, וואָלט א טרעגער אין אן אנדער לאנד ניט אומשטאנד געוועזן צו טראָגען. בעזונדערס זיינען בעריהמט מיט זייער גבורה די טרעגער פון די האפען־שטעדט — יפו און חיפה. די אונגעהויערע משאות לאָדען זיי זיך אויף א זאַטעל, וואס זיי טראגען שטענדיג אויפ'ן רוקען, און פערבונדען עס מיט א שטריק צום שטערן.

א בעזונדער קלאס טרעגער זיינען די „סאקא" — וואסער טרעגער — וואס פיהרען אויפ'ן רוקען וואסער אין לעדערנע לאַגלען פון ציגענע פעל. זיי ווערען, ווי די פּאר־צייטיגע שואבי מים (דברים כ"ט 11), ביי דער בעפעלקערונג זעהר פעראַכטעט.

אין די פּאָרט־שטעדט שפּיעלען א גרויסע ראָלע די באַחאריה (שיפלער). אין א"י איז נאָך ניטאָ קיין איין איינגעריכטעטער האפען, און די שיפען מוזען זיך אָב־שטעלען אין מיטען ים, איין און א האַלב מייל פון ברעג. די סחורות און פּאסאַזשירען ווערען דעריבער איבערגעפיהרט פון און צום ברעג אויף קליינע שיפלעך.

א חוץ די האַנדווערקער, וואס געפינען זיך כמעט אין יעדער שטאָדט, זיינען נאָך פאראן איניגע פּראָפעסיעס וואס בעגעגענען זיך נור אין איינער אָדער נור עטליכע שטעדט, ווי וועבער, טעפּער, (עזה, מג'דל), זייפענזידערייי (שכם, רמלה און אנדערע). גלאָז און לאַגלען מאַכער (חברון), שטיינטעשער און מויערער, פּערלמוטער ארבייטער (בית־לחם, ירושלים) א .ד. ג. (וועגען דיזע פּאַכען זעה אין די בעטרעפענדע שטעדט).


ב. אינדוסטריע און געווערבען.

אינדוסטריעלע אבגעשטאנענ־קייט.

די אינדוסטריע אין א"י איז נאָך זעהר ווענינ ענטוויקעלט. דער נידעריגער איינפוהר־צאָהל — פריהער 8 פּראָצענט און לעצטענס 11 פּראָצענט — וואס האט געהערשט אין טערקיי ביז איצט צוליעב די קאַפּיטולאַציעס (זעה זייט 87), האט אונמעגליך געמאַכט די קאָנקורענץ מיט אויסלענדישע פּראָדוקטען. דערצו קומט נאָך צו דער מאנגעל אין פּערקעהרס־מיטלען און הויפּטזעכליך די אונוויסענהייט.

אבגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג. די איינגעבויי־רענע פון א"י האָבען ניט די מאַטעריעלע און קולטורעלע מיטלען, דעם אונטערנעה־מונגס גייסט און אָרגאַניזאַציאָנס־פעהיגקייטען, וואָס זיינען נויטיג פאר דער אויפ־בויאונג פון אַ מאָדערנער אינדוסטריע.

די אַלטע אינדוסטריעס, וואָס ווערען בעטריבען פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג, האָבען דעם כאַראַקטער פון הויז־אינדוסטריע. די ארבייט ווערט געטהאָן מיט דער הילף פון דער אייגענער פאַמיליע, קיין געדונגענע ארבייטער ווערען כמעט ניט בע־נוצט. וואו מ'קאן אָהן פרעמדע ארבייט ניט אויסקומען — ווי צ. ב. ש. אין דער זייפען־זידעריי — בעקומט דער ארבייטער זיין געהאַלט ניט מיט געלד, נאָר מיט אַ טייל פון די פאַבריצירטע פּראָדוקטען. די ארבייטס־מעהאָדען זיינען זעהר פּרימי־טיווע, פערעלטערטע, און קיין מאַשינען און מאָדערנע אינסטרומענטען ווערען ניט בענוצט.



בילד 27.
פרימיטיווער אראבישער אויל־פּרעס.

די גרויס־בעטריבען, וואו ס'ווערען געברויכט מאַשינען און געדונגענע ארבייט, בעלאַנגען אויסשליסליך צו די נייע איינגעוואַנדערטע עלעמענטען — הויפּטזעכליך אידען און טיילווייז אויך דייטשען. אַ חוץ די אידישע וויין קעלערען אין ראשון לציון איז ניטאָ קיין אונטערנעהמונג אין לאַנד, וואָס בעשעפטיגט מעהר פאר 60—65 ארבייטער. בכלל קאָן מען אָנצעהלען 5—6 פאַבריקען, וואו ס'ארבייטען ניט וועניגער פאר 15 ארבייטער.

די וויכטיגסטע און פערשפּרייטעסטע אינדוסטריען אין א"י זיינען די, וואָס בעארבייטען די רויהע מאַטעריאַלען פון לאַנד גופא.

אין דער ערשטער רייהע קומען אויל־פאַבריקאַציע, זייפען־זידעריי און מילנעריי.

אויל־פאַברי־קאַציע.

די אויל אין א"י ווערט געצויגען פון אַליוועס און סעזאַם. אין דער פאַבריקאַציע ווערען נאָך אַלץ בענוצט די פּרימיטיווסטע אויל־מיהלען, ביי וועלכע פיעל אויל געהט

לאבוד. לויט די אנגאבען פון ענגלישען קאנסול האט די פראדוקציע פון אלייווין־אויל אין די געגענדען פון שכם, עכו, צפת און יפו אין יאהר 1909 בעטראפען 5,5 מיליאן אקא (בערך 4.300.000 קילאגראם). די דאזיגע אויל ווערט פערברויכט כמעט געגצליך אין לאנד גופא. נאר זעהר א קליינער טייל ווערט עקספארטירט. אין 1913 איז פון יפו עקספארטירט געווארען אליוועןּ און סעזאם־אויל אין דער ווערטה פון 156.750 פראנק. אין די פריהערדיגע יאהרען איז דער עקספארט פון אויל געוועןּ א סך א גרעסערער, אין 1885 — 25.266 פונט שטערלינג, אין 1890 — 75.080, אין 1907 שוין ניט מעהר ווי 4990 פ. ש. דאגעגען, אין די לעצטע צייט, פערגרעסערט זיך אלץ דער אימפארט פון אויסלענדישען אויל. אין 1907 איז אימפארטירט געווארען 829 טאן אליווען־אויל אין דער ווערטה פון 26.600 פ. ש., און אין 1913 — 2,440 טאן אין דער ווערטה פון 48.800 פ. ש. דערביי איז אינטערעסאנט, וואס זעהר פיעל סעזאם ווערט עקספארטירט פון לאנד אונבעארבייטערהייט. פון חיפה אליין ווערט יעהרליך ארויסגעפיהרט איבער 10.000.000 מעסטלעך סעזאם, און דער סעזאם עקספארט פון יפו האט אין פערלויף פון 1909—1913 בעטראפען יעהרליך די סומע פון 1.235.000 פראנק. דאס בעווייזט, אויף וויפיעל די פראדוקציאן אין לאנד בעפריעדיגט נאך אפילו ניט דעם אינערליכען געברויך, הגם דאס לאנד פערמאגט נאך פיעלע רויה־מאטעריאלען.

זייפענזידעריי. זייף־זידערייען געפינען זיך אין לאנד ארום 50—40. דער צענטער פון דער פראדוקציע איז שכם. צו מאכען זייף ווערט גענוצט דער געמיינערער אויל, וואס טויג ניט צום עסען. אלס הייץ־מאטעריאל ווערט געברויכט דער „דזשיפט" (גפת) דער אבפאל פון אויסגעפרעסטע אליווען. די אויל ווערט געליפערט פון די בעזיצער פון אליווען־גערטנער, וואס לאזען אפטמאל די אויל זידען אויפ'ן אייגענעם רעכנונג און בעצאהלען דעם פאבריקאנט מיט א פראצענט פון זייף. די נויטיגע קאלי ווערט צוגעשטעלט דורך בעדואינער, וואס קלייבען דאס מייסטענס אין עבר הירדן. די בעסטע זייף ווערט געמאכט אין שכם. קיין אייראפעאישע פרעסען ווערען כמעט ניט בענוצט. פון די דריי אייראפעאישע פאבריקען זיינען 2 אידישע און 1 דייטשע. די ארבייט ווערט מייסטענס געטהאן דורך א גרופע ארבייטער, אונטער דער אנפיהרונג פון א „רייס" (מאסטער), וואס וואנדערען פון איין זייף פאבריק צו דער צווייטער, און בעקומען אלס לוין ניט קיין געלד, נאר א פראצענט פון דעם זייף, וועלכען זיי דארפען אליין פערקויפען. די ארבייט קומט פאר אין די ווינטער־חדשים, און געוועהנליך ארבייט מען ניט מעהר ווי 4—3 חדשים אין יאהר. פון אלע ארטיקלען, וואס ווערען פאבריצירט אין א"י, פערנעהמט זייף דעם ערשטען פלאץ אין דער ליסטע פון עקספארט. דער הויפט־מארק איז מצרים. זינט 1885 האט זיך עקספארט פון זייף פערגרעסערט מעהר ווי אויף 12 מאל. אין 1885 איז ארויסגעפיהרט געווארען 431 טאן זייף אין דער ווערטה פון 343.030 פראנק, און אין 1913 — 6.250 טאן אין ווערטה פון 5.000.000 פראנק. דער דורכשניטליכער עקספארט אין פערלויף פון 1909—1913 איז געוועןּ 4 און האלב מיליאן יעהרליך.

מיהלען־אינדוסטריע. די איינגעבוירענע איינוואוינער פון א"י האבען זיך פריהער בענוצט מיט האנד־מיהלען, וואס רופען זיך „רחי" (אין העברעאיש רחים). נאך איצט מאהלען אין פיעלע ערטער די פעלאכישע פרויען די ווייץ מיט די אייגענע הענט. אין די ערטער, וואו ס'איז פאראן טייכען, וואסער־פאלען און גרויסע קוואלען, האט מען געבויט וואסער־מיהלען. קיין ווינד־מיהלען ווערען ניט געברויכט. די וואסער־מיהלען ווערען גע־

טריבען דורך הילצערנע טורבינעס פון אראבישע ארבייט, און געבען ארויס א גראבען, טונקעלען סארט מעהל. די איינציגע וואסער־מיהל מיט אן אייראפּעאישע טורבינע, וואס געפינט זיך אין וואדי קעלט, איז אויפגעשטעלט געווארען דורך א אידישען מעכאניקער. אראבישע וואסער־מיהלען געפינען זיך ביי דער עוגה, נעבען פּתח־תקוה, ביי דער זערקא (נהר התנינים), אין לעדזשון (מי־מגדו), אין בית־שאן ביים קוואל פון גלית׳ען (עין ג׳לוד), אויפ׳ן טייך נעמן (בעלוס) נעבען עכו און נאך איינינע ערטער. די אידען האבען די ערשטע איינגעפיהרט דאמפף און מאטאר־מיהלען. נאכהער זיינען אויך געקומען די דייטשען, וואס האבען דעם פאך פערפאלקאמט. כמעט אין יעדער אידישער קאלאניע איז פאראן א מעכאנישע מיהל, וואס מאהלט די מעהל פון די אומיגע אראבישע דערפער*). אין פיעלע שטעדט איז נאך פאראן פרימיטיווע מיהלען, וואס ווערען אנגעטריבען מיט דער קראפט פון פערד און פרדות, זיי געפינען זיך מייסטענס אין די פינסטערע געסלעך טיעף אין דער ערד.

דער פאלעסטינער ווייץ איז הארט, גלאזיג און געלבליך און גיט ארויס עטוואס א טונקעלען סארט מעהל. די אידען אין ראש פנה און אויך די דייטשען אין יפו האבען שוין גע׳פטר׳ט א סך מיה און געלד אויף די נויטיגע אויסבעסערונגען, כדי צו בעקומען ווייסע מעהל, ביזהער האט זיך אבער דאס נאך ניט איינגעגעבען.

טראץ דעם, וואס די צאהל מיהלען פערגרעסערט זיך פון יאהר צו יאהר, — פערנעהמט נאך אלץ דער איינפוהר פון מעהל דעם צווייטען ארט אין דער ליסטע פון אימפּארטירטע ארטיקלען. דורך יפו און חיפה ווערט יעהרליך אריינגעפיהרט מעהל בערך אויף 3.000.000 פראנק; אין דער זעלבער צייט ווערט עקספּארטירט יעהרליך פון א״י א״ום 30.000.000 קילאגראם ווייץ.

די ענטוויקעלסטע (אין טעכנישען זין) אינדוסטריע אין א״י איז די וויין־פאבריקאציאן, וואס ווערט בעטריבען הויפּטזעכליך דורך אידען (85—90 פּראצענט). די אידישע ווינקעלערען אין ראשון לציון זיינען די פון די גרעסטע און פאלקאמענסטע אין דער גאנצער וועלט. דאס איז דער איינציגער אינדוסטריעלער בעטריב אין א״י וואס געברויכט עלעקטרישע קראפט. די יעהרליכע פּראדוקציע ווערט געשאצט אין 50-55.000 העקטאליטער, פון זיי ליפערען די אידישע קעלערען אליין (ראשון לציון, זכרון יעקב, פּתח־תקוה, מקוה ישראל און אנדערע) ארום 45.000 העקט., די איבעריגע 5.000 קומען פון דער דייטשער קאלאניע שרונה (סאראנא), פון ירושלים און הברון און דער איטאליעניש־מאנאכישער פארם אין לאטרון. עס ווערען דא פאבריצירט וויין, קאניאק און אראק (ספּירט, בראנפען). די ערשטע צוויי זיינען בעשטימט הויפּטזעכליך פאר׳ן אויסלענדישען מארק, די לעצטע — פאר׳ן אינערליכען געברויך. פון 1885 האט דער עקספּארט פון וויין פערגרעסערט זיך מעהר ווי אין 12 מאל. אין 1885

וויין־פאבריקאציע.

---

*) לויט דער אויסרעכנונג פון אינזשענער ווילבושעוויטש קאסט איינריכטען א מאטאר־מיהל צו מאהלען איינפאכע מעהל 8.500 פראנק (געשטעל 1.200 פראנק, פעטראלעאום מאטאר און קיהל־באסיין 2.800 פראנק, מיהל־געביידע 3.000 פראנק, טראנספּארטירען און איינשטעלען די מאשין 500 פראנק, אונפאראויסגעזעהענע אויסגאבען 1.000 פראנק). ביי 10 ארבייטס־שטונדען און 250 ארבייטס־טעג א יאהר קאן זי בעארבייטען יעהרליך 375.000 קילאגראם ווייץ (150 קילאגראם א שעה), רעכענענדיג 1.42 פר. פער 100 קילאגראם — מאכט דאס אויס א יעהרליכע הכנסה פון 5.300 פראנק. די יעהרליכע הוצאה פון פעטראלעאום, שמיר־מאטעריאל, אמארטיזאציע, ארבייטס לוין א. ד. ג. איז 3.600 פראנק. דער ריינער איינקונפט בעטרעפט אלזא די סומע פון 1.700 פראנק וואס מאכט אויס 20 פּראצענט פון אריינגעלעגטען קאפּיטאל. (זעה „די מיהלען־אינדוסטריע אין פאלעסטינא“ פון נ. ווילבושעוויטש, „אלט ניי לאנד“ 1904, זייט 353).

האט דער ארויספיהר פון וויין בעטראפען 124.000 פר., אין 1913 — 1.513.250 פר. דער וויין־עקספארט פערנעמט איצט דעם דריטען ארט אין דער עקספארט־ליסטע. עס איז אבער אינטערעסאנט, וואס טראץ דעם וואס א"י פראדוצירט וויין און ספירט פאר אויסלאנד, הערט פונדעסטוועגען ניט אויף דער אימפארט פון די דאזיגע ארטיקלען פון אויסלאנד. אין פערלויף פון 1909־1913 האט דער יעהרליכער אימפארט פון וויין און ספירט בעטראפען אין דורכשניט די סומע פון 360.000 פראנק.

אליווענהאלץ און פערלמו־טער אינדוסט־ריע.

די אליווענהאלץ און פערלמוטער אינדוסטריע איז כמעט אין גאנצען אויסגע־רעכענט פאר'ן אויסלענדישען געברויך, אדער פאר די טוריסטען און פילגרימען וואס בעזוכען דאס לאנד. דער צענטר פון אינדוסטריע איז ירושלם און בית־לחם. דא ווערען אויסגעארבייט פערשיעדענע סואווענירען און רעליגיעזע ארטיקלען, וואס האבען געוויסער מאסען א קינסטלערישען ווערט. די גרעסטע אונטערנעהמונג פון דעם סארט איז די בצלאל־שולע, וואס בעשעפטיגט ביי דיזער ארבייט איבער 30 ארבייטער. פון 1902 ביז 1913 האט זיך דער עקספארט פון די דאזיגע ארטיקלען פערגרעסערט אין 4 מאל: 121.250 פר. אין 1902, ביז 514.000 פר. אין 1913. דער יעהרליכער ארויספיהר אין פערלויף פון 1909—1913 איז געווען דורכשניטליך 414.000 פראנק. אין דער ליסטע פון עקספארט־ארטיקלען פערנעמט די אינדוסטריע דעם 6טען פלאץ. צו דיזער קאטעגאריע געהערט די שפיצען־אינדוסטריע וואס די אידען האבען אנגע־הויבען צו ענטוויקלען די לעצטע צייט אין ירושלם, יפו און אין די קאלאניעס.

די ערשטע וואס האבען אנגעהויבען צו ענטוויקלען די אליווענהאלץ אינדוסטריע זיינען געווען ירושלמ'ער אידען. די פערלמוטער־ארבייט שטאמט פון די בית־לחמ'ער קריסטען.

טעקסטיל אינ־דוסטריע.

די טעקסטיל אינדוסטריע געפינט זיך נאך גאר אין אנפאנגס־שטאדיע. די איינציגע אונטערנעהמונג וואס איז כדאי דערמאנט צו ווערען איז די אידישע טוך־פאבריק ביי דער אליאנס שולע אין ירושלם. מען ארבייט נור פאר'ן אינערליכען גע־ברויך, בעיקר פון פלחין און בעדואינער. פרימיטיווע וועבערייען געפינען זיך אויך אין מג'דל און עזה (זעה „עזה"). די נויטיגע פארבען ווערען געבראכט פון דייטש־לאנד. די וואל קומט פון לאנד גופא. עס ווערט אבער נאך ניט בעארבייט דער גאנצער רוי־מאטעריאל פון לאנד. דער איבערפלוס פון וואל ווערט אימפארטירט.

טוכווארג און אויך גרייטע קליידער פאר דער שטאדטישער בעפעלקערונג און אייראפעאישע קאלאניסטען ווערט אימפארטירט מייסטענס פון עסטרייך, בוימ־וואל־וואארען פון ענגלאנד. דער דורכשניטליכער ארייגפיהר פון די ארטיקלען בע־טרעפט יעהרליך די סומע פון איבער 7.000.000 פראנק.

לעדער־אינ־דוסטריע.

די לעדער־אינדוסטריע האט זיך די לעצטע צייט אנגעהויבען צו ענטוויקלען דורך די אידען אין יפו און די דייטשען אין חיפה. עס איז נאך דערווייל געמאכט געווארען בלויז אן אנפאנג. עס ווערט נאך אלץ ארויסגעפיהרט פון לאנד רויע פעל און אימפארטירט פון אויסלאנד אויסגעארבייטעטע לעדער. (דער יעהרליכער עקספארט פון פעל בלויז דורך יפו'ר פארט אין פערלויף פון 1909—1913 איז געווען דורכשניט־ליך 305.595 פר., און דער אימפארט — 424.775 פר.).

קאנסערווען־פאבריקאציע

מ'קאן נאך דערמאנען די פרימיטיווע קאנסערווען־פאבריקאציאן פון אראבער — חאלווא, דיבס (א מין סיראפ פון טרויבען) און אנדערע זיסקייטען, און באנבאנען־פאבריקען, די פאבריקאציע פון פערפיומען, באנבאנעס (אידייטע) און מאקאראנעס (דייטשע). די קאנסערווען אינדוסטריע, וואס האט אזא גרויסע צוקונפט אין א"י —

א לאנד, וואס פראדוצירט די רייכסטע און פעריש׳עדענסטע פרוכטען, גרינסען און בלומען — געפינט זיך אבער נאך אלץ אין דער פרימיטיווסטער אנפאנגס־שטאדיע.

מ׳דארף אויך נאך דערמאנען די פאבריקען פון קינסטליך אייז און סאדע פאבריקען וואס געפינען זיך אין אלע גרעסערע שטעדט.

צו די וויכטיגסטע אינדוסטריען אין ארץ ישראל, וואס בעציהען זייערע רוי־מאטעריאלען פון אויסלאנד — בעלאנגען מאשינען - פאבריקען און מעכאנישע ווערקשטאטען, דרוקערייען, די פאבריקאציע פון פעסער (פאר וויין) און קעסטלעך (צו פאקען אראנזשען) און צעמענט און אנדערע פאכען פון האלץ און בוי-אינדוסטריע. די דאזיגע אונטערנעמונגען זיינען מייסטענס אידישע.

מעכאנישע ווערקשטאטען. די מאשינען־פאבריקען פראדוצירען ניט זעלבסטשטענדיג מאשינען; זייער הויפט ארבייט איז נור צוזאמענשטעלען לאנדווירטשאפטליכע מאשינען און איינריכטען מאטארען און פאמפעס, וואס מ׳ברענגט אין־איינצעלנע טיילען פון אויסלאנד, אין גרעסטען טייל פון אמעריקא און ענגלאנד. די דאזיגע אינדוסטריע עקזיסטירט הויפטזעכליך אויף דעם געברויך פון די אידישע קאלאניעס, און בעשעפטיגט ביי דער ארבייט מייסטענס אידישע ארבייטער, אפילו אין דער דייטשער פאבריק אין יפו ארבייטען אידען. די צוויי אייזענבאהן ליניעס (אין יפו און חיפה) האבען ווערקשטאטען פאר דעם אייגענעם בעדארף.

דרוקערייען דער צענטער פון דרוקערייען (אידישע, אראבישע, אייראפעאישע) איז ירושלם, און די גרעסטע צאהל דרוקען זיינען אידישע. די 2 גרעסטע דרוקערייען אבער בעלאנגען צו א דייטשער מיסיאן (שנעלער) און צום לאטייניישען פאטריארכאט. עס איז אויך פאראן 2 אידישע און איין אראבישע דרוקערייען אין יפו, און איין אראבישע אין חיפה. די ערשטע דרוקעריי אין לאנד איז געווען א אידישע.


האלץ - אינדוסטריע. די פראדוקציאן פון קעסטלעך און פעסער איז דירעקט פערבונדען מיט׳ן עקספארט פון אראנזשען און וויין און געפינט זיך אין גאנצען אין יפו, פון וואנען די דאזיגע ארטיקלען ווערען ארויסגעפיהרט. די האלץ ווערט געבראכט פון אויסלאנד. אין דער לעצטער צייט האבען די אידען אנגעהויבען צו פראדוצירען האלץ (ברעטער, סלופעס א. ד. ג.) פון די אידישע אייקאליפטוס־וועלדער אין חדרה.

בוי - אינדוסטריע. הייזער ווערען אין א״י געבויט פון שטיינער, וואס געפינען זיך אויפ׳ן ארט אדער אין דער נאהענט. אויך די קאלך ווערט געליפערט פון לאנד גופא. דאס קאלך־ברענען געפינט זיך בעיקר אין פעלאכיישע הענד, וואס טוען דאס אויף זעהר א פרימיטיווע אופן. שטיינטעשער זיינען מייסטענס אידען (פון ירושלם) און קריסטען (פון בית לחם און בית ג׳לה). די אנדערע נויטיגע בוי־מאטעריאלען — אייזען, ציגעל, צעמענט, האלץ א. ד. ג. — ווערען געבראכט פון אויסלאנד. אין דער לעצטער צייט האט מען שוין אנגעהויבען צו פראדוצירען אין לאנד גופא צעמענט־ציגעל, פלאטען און עהנליכע בוי־מאטעריאלען (אידישע פאבריקען אין יפו און נעבען טבריה). בכלל האלט די בוי אינדוסטריע אין איין וואקסען, הויפטזעכליך א דאנק דער אידישער איינוואנדערונג, און דער אימפארט פון בוי־מאטעריאלען ווערט גרעסער פון יאהר צו יאהר (פון 1900 האט דער אימפארט דורך יפו׳ר פארט פון אייזענווארג, ציגעל, האלץ, צעמענט בעטראפען בערך 200.000 פר. און אין 1913 — 4.750.000 פראנק, ד. ה. 22 מאל אזוי פיעל).

ג. פערקעהרס-מיטלען.

פריהערדיגע פערקעהרס-מיטלען.

ביז די זעכציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָט מען אין ארץ ישראל נאָך ניט געוואוסט וואָס איז אזוינס א וואָגען אויף רעדער. אלץ איז געפיהרט געוואָרען אויפ'ן רוקען פון בהמות — גמלים, פרדות, פערד, אייזלען, ס'איז נאָך ניט געווען קיין אויסגעלעגטע וועגען, שאָסעען צווישען שטאָדט און שטאָדט, איבער די מעהרהייט טייכען און וואדים איז ניט געווען קיין בריקען. דערצו נאָך זיינען די וועגען געווען שטענדיג בחזקת סכנה. רייזען פלעגט מען נאָר אין קאראוואנען, ווייל איינער אליין איז קיינמאָל ניט געווען זיכער מיט'ן לעבען און מיט זיין האָב און גוטס. ווען איינער האָט געראַפט



בילד 28.
רואינעס פון אַן אַלטע בריק איבער'ן ירדן.

אין ערגעץ, האָט ער געמוזט ווארטען ביז א גרעסערע צאָהל מענשען וועלען געהן אין דעם זעלבען אָרט. אפילו די וועגען פאַר רייטער און פוס-געעהר זיינען געווען זעהר שלעכטע: די רעגיערונג האָט אויף זיי ניט אַכטונג געגעבען און די בעפעלקערונג, אנשטאט צו פערבעסערען, האָט זיי מיט א כיון פערערגערט, כדי שווער צו מאַכען פאַר דער רעגיערונג צו ברענגען מיליטער און קאַנאָנען.

נייע וועגען.

פאַר די לעצטע 40—50 יאָהר איז פיעלעס אויסגעבעסערט געוואָרען. די פערשטאַרקונג פון די רעגירונגס-מאַכט און אויטאָריטעט האָט אריינגעטראָגען מעהר זיכערהייט אין לאַנד, הגם נאָך איצט זיינען די רייזענדע ניט פאַלקאָם בעשיצט פון רויבעריישע איבערפאַלען, בעזונדערס אין עבר הירדן. ס'זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען איינינגע פאַהרבאַרע וועגען און שאָסעען: צווישען יפו-ירושלים (65 קילאָמעטער), יפו-שכם

(68 קיל.) — דער זעלבער וועג ציהט זיך פון טול־כרם דורך זכרון־יעקב און חיפה. ירושלם־שכם (70 קיל.), ירושלם־חברון (30 קיל.), חיפה־טבריה דורך נצרת (64 קיל.). דמשק־חורן (100 קיל.), לויפט א שטרעקע פאראלעל מיט דער דמשק־חורן אייזענבאהן און ווערט פארטגעזעצט זידליך דורך די אזווי־גערופענע „דארב־אל־חארזש", ד. ה. דער וועג פון די עולי־רגל וואס געהען אין מעקא.

די וועגען ווערען אבער זעהר שלעכט אנגעלעגט און נאך ערגער אבגעהיט, און פיעלע פון זיי זיינען כמעט ניט פאהרבאר, בעזונדערס אין ווינטער. דער וואגען־טראנספארט איז דעריבער זעהר טייער.

פיעל שטעדט האבען נאך אין גאנצען ניט קיין שאסע־פערבינדונג (צפת, סאלט, עכו, כרך און אנדערע). לעצטענס האט מען אנגעהויבען בויען א שאסע צווישען יפו־עזה דורך די אידישע קאלאניעס אין יהודה (65 קיל.). אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האט די אדמיניסטראציע פון די אידישע קאלאניעס אין גליל דורכגע־פיהרט א שאסע צווישען צפת און טבריה (ארום 20 קיל.), און די רעגיערונג האט אנגעהויבען בויען א ברייטען מיליטערישען שאסע פון עכו ביז דמשק דורך צפת—ראש פנה און דעם עמק חולה. א דאנק די מיליטערישע בעדערפנישען זיינען פיעלע פון די פריהערדיגע וועגען אין דער צייט פון דער מלחמה געבראכט געווארען אין ארדנונג.

די ערשטע אייזענבאהן אין ארץ ישראל איז אונטערנומען געווארען דורך א ירושלם'ער איד יוסף נבון עפענדי, וואס האט אין 1888 ארויסבעקומען פון דער טערקי־שער רעגיערונג א קאנצעסיע אויף 71 יאהר צו בויען און ענגזייטיגע אייזענבאהן צווי־שען יפו און ירושלם (87 קילאמעטער). אין 1892 איז די באהן פארטיג געווארען דורך א פראנצויזישע געזעלשאפט וואס האט אבגעקויפט די קאנצעסיע פאר א מיליאן פראנק פון יוסף נבון. די קאנצעסיע האט אויך ענטהאלטען דאס רעכט צו בויען אין פערלויף פון 4 יאהר איין צווייג אין שכם (50 קילאמ.) און א צווייטען אין עזה (75 קילאמ.). דאס רעכט איז אבער אין דער בעדינגטער צייט ניט אויסגענוצט געווארען. *יפו־ירושלם אייזענבאהן.*

ביז 1908 איז טעגליך געגאנגען נור איין צוג צווישען יפו און ירושלם, פון 1908 און ווייטער געהען שוין צוויי צוגען א טאג, אין דער פריה און נאך מיטאג (די רייזע דויערט פון דריי און א האלב ביז פיער שעה). פאר די לעצטע צעהן יאהר (1904—1913) איז דער פערקעהר אויף דער באהן פערגרעסערט געווארען כמעט אין צווייען.

אין דעם יאהר 1904 האט די באהן געפיהרט 75.608 פערזאנען און 26.309 טאן פראכט, און אין דעם יאהר 1913 — 182.700 פערזאנען און 47.800 טאן פראכט. דער יעהרליכער איינקונפט פון דער באהן האט אין די לעצ־טע יאהרען דערגרייכט די סומע פון בערך 1 און א פערטעל מיליאן פראנק, און דער ריינער ריוח — אונגעפעהר 875.000 פראנק, נאך דעם ווי אין די ערשטע יאהרען פון איהר עקזיסטענץ האט די באהן־געזעלשאפט געהאט א שטענדיגען דעפיציט. און זי איז געווען גרייט צו פערקויפען די באהן, נאר האט ניט געפונען קיין קונים. *פערזאנען און פראכט־פערקעהר.*

אפעראציאנען פון יפו־ירושלם אייזענבאהן אין 1904—1913.

יאהר	פערזאנען פערקעהר	פראכט (טאן) פערקעהר	ריוח פ. ש.	יאהר	פערזאנען פערקעהר	פראכט (טאן) פערקעהר	ריוח פ. ש.
1904	75.608	26.309		1909	149.200	37.300	34,000
1905	92.576	24.573	21.362	1910	168.200	42.000	33.200
1906	101.000	34.000	24.200	1911	168.700	46.400	34.200
1907	101.183	36.000	29.800	1912	169.400	37.750	31.120
1908	122.500	36.000	30.000	1913	182.700	47.800	36.800

טוריסטען־ און פּילגרים־בע־וועגונג.

א וויכטיגע בעדייטונג פאר דעם באהן־פערקעהר האָבען די טוריסטען און פּילגרימען וואס קומען דורך יפו בעזוכען דאס „היילִיגע לאנד“. צווישען די טוריסטען פערנעהמען דעם ערשטען אָרט אמעריקאנער, דאַן קומען ענגלענדער, פראנצויזען, דייטשען, איטאליענער, אידען און אנדערע. די גרעסטע צאהל פּילגרימען קומען פון רוסלאנד. אויך גריכען, קאפטען, ארמעניער קומען אין בעדייטענדע צאהלען.

טוריסטען און פּילגרים בעוועגונג אויף יפו־ירושלם אייזענבאהן:

יאהר	טוריסטען	פּילגרימען
1907	4.464	18.000
1908	5.521	15.100
1909	5.595	17.720
1910	7.196	33.000
1911	5.759	33.500
1912	5.320	24.140
1913	3.238	20.450

העדזשאז־באהן.

אַ צווייטע באַהן האָט זיך אָנגעהויבען צו בויען דורך א פּריוואַטע געזעלשאַפט אין חיפה אין 1892. די געזעלשאַפט האָט אָבער ניט אויסגעבויט מעהר ווי איינִיגע קילאָמעטער, און האָט צוליעב פּאָליטישע און פינאנציעלע שוועריגקייטען די ארבייט אָבגעשטעלט. אין 1902 האָט די רעגירונג אָבגעקויפט דעם אויסגעבויטען טייל מיט אלע קאָנצעסיעס און האָט אליין אונטערגענומען די ארבייט, אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויפבוי פון דער חעדזשאז־באהן (דמישק־מכה), וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין סעפּטעמבער 1900. די דורכפיהרונג פון דער באהן איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם מיליטערישען מיניסטעריום אונטער דער פּערזענליכער השגחה פון סולטאַן עבד־אל־חמיד, וואָס האָט זיך אין דער אונטערנעהמונג שטארק פעראינטערעסירט מחמת רעליגיעזע און סטראַטעגישע צוועקען. די באַהן האָט געדארפט פערבינדען טערקיי דורך דמשק און חיפה מיט די הייליגע צענטרען פון איסלאם (מדינה און מכה). פון דער גאַנצער מוסלימישער וועלט האָט מען געקליבען נדבות פאר דער „הייליגער באַהן“, און די ארבייט איז אויסגעפיהרט מיט אַן אונגעוועהנליכער פאר דער טערקישער רעגירונג ענערגיע און שנעלקייט. אין 1903 האָט שוין די באהן דערגרייכט ביז דרעא (203 קילאָמעטער פון דמשק) אין 1904 ביז מען (460 קילאָמעטער פון דמשק), אין 1908 ביז מדינה (1303 קיל.). די ליניע צווישען חיפה און דרעא (162 קיל.) איז פערענדיגט געוואָרען אין יאָהר 1906.

דורך דער באהן איז דער חיפה׳ר פּאָרט פערבונדען געוואָרען מיט דעם וויכטיגסטען תבואה־צענטער פון ארץ ישראל — דעם פרוכטבארען חורן, מיט דמשק און דעם גאנצען עבר הירדן*).

נייע צווייגען.

אין 1912 איז דורכגעפיהרט געווארען א צווייג־ליניע צווישען חיפה און עכו (18 קיל.) און אין 1913 איז די באַהן צוגעצויגען געוואָרען פון דער סטאַנציע עפולה (נעבען מרחביה) ביז ג׳נין (עין־גנים). פון דאַנען האָט געדארפט דורכגעפיהרט ווערען א ליניע דורך שכם ביז ירושלם. די ארבייט איז געגאנגען פּאמעלעך — ביז ס׳האָט

---

*) ווען די באגדאדער באהן וועט פערענדיגט ווערען, וועט חיפה האָבען א דירעקטע באהן־פערבינדונג פון איין זייט מיט באגדאד און גאנץ מעסאפאטאמיע, פון דער אנדערער זייט מיט קאָנסטאנטינאָפּאָל, און דורך איהר מיט אלע אייראפּעאישע צענטרען. די ווירקונג וואס דאס וועט האָבען אויף דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון א״י איז גאָר ניט אבצושאצען. חיפה וועט אָהן ספק דאַן ווערען דער וויכטיגסטער פּאָרט ניט נאָר פון א״י, נאָר פון גאנץ סוריה.

אויבגעבראכען דער קריעג. די מיליטערישע בעדערפנישען האבען פערשנעלערט די ענטוויקלונג פון באהנבוי. פאר דער צייט פון מלחמה איז אויסגעבויט געווארען א נייע ליניע פון שכם קיין טול־כרם, און פון דאנען — דורך סג׳ד (נעבען די נאציאנאל פאנד פארם חולדה) — קיין באר שבע און נאך ווייטער אין דרום ביז אל־חפיר. די באהן שניידט איצט אלזא דורך די שפלה, די הרי־אפרים, דעם פרוכטבארען עמק־יזרעאל, דעם עמק הירדן, חורן, און פעראייניגט דעם עקסטרעמען דרום (ארום באר שבע) אין מערב א״י מיט דעם עקסטרעמען צפון אין מזרח א״י (ארום דמשק).

רעליגיעזע, פאריטישע און עקאנאמישע בעדייטונג פון חעדזשאז־באהן.

צווישען חיפה—דמשק געהט טעגליך נור איין צוג (די רייזע דויערט 12 שעה). דער פערזאנען פערקעהר בעשטעהט אין א גרויסער מאס פון די „חאדזיש" — די מוסלימישע פילגרימען וואס געהען בעזוכען מעקא. לויט דעם בעריכט פון ענגלישען קאנסול האט די באהן איבערגעפיהרט אין 1911טען יאהר 10.000 פיליגרימען פון דמשק נאך מדינה, 25.000 פון מדינה נאך דמשק, 11.000 פון דמשק נאך חיפה, און 2.000 פון חיפה נאך דמשק.

דער ריינער ריוח פון דער באהן אין דעם זעלבען יאהר איז געווען איבער 2.500.000 פראנק (דער אלגעמיינער איינקונפט איז געווען 5.350.000 פר.).

די באהן נוצט זעהר פיעל די רעגירונג צוליעב מיליטערישע צוועקען, אפילו אין פרידליכע צייטען*): איבערצופיהרען סאלדאטען אין די אונזיכערע געגענדען פון עבר הירדן און אראביען. אזוי, למשל, האט די רעגירונג איבערגעפיהרט אין 1910 פיעל מיליטער אין חורן אונטערצודריקען דעם דרוזינישען אויפשטאנד.

די בעדואינישע איינוואוינער פון עבר הירדן, וואו די באהן געהט דורך, בעציהען זיך דעריבער זעהר פיינדליך צו דער מאדערנער איינריכטונג און מאכען אפטע איבערפאלען אויף דער באהן, זיי צוברעכען די טעלעגראף סלופעס, צושטערען די רעלסען, בערויבען די רייזענדע. אין 1908 האט מען אנגעצעהלט אזעלכע 128 אנגרייפען מצד די בעדואינער. בשעת דעם בעדואינישען אויפשטאנד אין כרך, וואס האט נאכגעפאלגט דעם אויפשטאנד פון די דרוזען, איז דער באהן־פערקעהר צייטווייליג איבערגעריסען געווארען. די באהן האט אבער געהאט אן אונגעהויערע ווירקונג אויף דער פערשטארקונג פון דער רעגירונגס־מאכט און פערפעסטיגונג פון ארדנונג אין דעם האלב־ווילדען עבר הירדן.

אויסער די רעליגיעזע און פאליטיש מיליטערישע בעדייטונג האט די באהן שוין איצט א גרויסען ווירטשאפטליכען ווערט, בעזונדערס פאר׳ן חורן — „דעם שפייכלער פון סוריה". די חורנ׳ער ווייץ וואס איז פריהער מיט גרויסע שוועריגקייטען און גרויסע הוצאות טראנספארטירט געווארען אויף גמלים — ווערט איצט צוטראגען מיט דער באהן אין אלע וויכטיגע צענטרען פון סוריה און א״י — דמשק, בירות, חיפה, עכו. די באהן האט אויך אבגעצויגען א טייל פון בירות׳ער האנדעל קיין חיפה. די גרויסע שטאדט דמשק, וואס האט פריהער אימפארטירט נאר דורך בירות הויבט זיך אן, א דאנק די חעדזשאזער באהן, אלץ מעהר צו בענוצען זיך מיט חיפה׳ר פארט.

יאפא־ וועגן.

אין איינערליכע וואסער־וועגען איז א״י ניט רייך. די טייכען פון א״י זיינען ניט ברייט און טיעף, און אין זייער איצטיגען צושטאנד זיינען זיי אונשיפבאר. ביי א געוויסער אויסבעסערונג און רעגולירונג איז דאך מעגליך צו

*) ד. ה. פרידליכע צייטען אין אינטערנאציאנאלען זין. אינערליך, צווישען די פערשיעדענע שבטים, קומען פאר מלחמות כמעט אהן אויפהער, בעזונדערס אין דעם ראיאן וואו די באהן געהט דורך.

מאכען די גרעסערע טייכען — דעם ירדן און זיינע נעבענפליסען ירמוך און יבוק, די עוג'ה, דעם קישון — נוצליך און דיענסטבאר פאר'ן טראנספארט.

א גרעסערע בעדייטונג פאר'ן פערקעהר האבען די צוויי אזערעס—דער ים כנרת און דער ים המלח. אין די לעצטע צייט אויף זיי אנגעהויבען צו קורסירען צוויי קליינע דאמפפערס.

ים פערקעהר.

וואס אנבעלאנגט דעם וואסער־פערקעהר מיט דער אויסער־ליכער וועלט געפינט זיך א"י אין זעהר א גינסטיגער לאגע. די מערב גרעניץ פון א"י איז דער מיטעללענדישער מעער, און אויף די ברעגעס פון ים ליעגען א גאנצע רייהע פארט־שטעדט: עזה, יפו, קיסריה, חיפה, עכו, צור, צידון. א"י איז געוועזען דאס געבורטס־לאנד פון אינטערנאציאנאלען שיפס־פערקעהר און האנדעל, און די פעניקישע האפען שטעדט צור און צידון האבען מיט 3—4 טויזענד יאהר צוריק געשפיעלט די זעלבע ראלע אין וועלט־האנדעל, וואס היינט שפיעלט לאנדאן און ניו־יארק. איצט געפינען זיך די פארטען אין א"י אין א צושטאנד פון אבגעלאזענקייט. קיין איין שטאדט האט ניט קיין איינגעארדנעטען האפען, און די שיפען קענען ניט לאנדען און מוזען זיך אבשטעלען אין מיטען ים. די וויכטיגסטע פארט־שטעדט, וואס האבען א רעגעלמעסיגען שיפס־פערקעהר, זיינען יפו און חיפה. אויך אין עכו פערקעהרען פון צייט צו צייט דאמפף־שיפען, אין עזה — זעהר זעלטען. די אנדערע פארטען ווערען איצט נאר בעזוכט פון זעגעל־שיפען.

א חוץ דעם ים התיכון אין מערב האט א"י א וואסער־וועג אויך אין דרום — דער גאלף פון עקבה, וואס פערבינדעט א"י דירעקט מיט'ן אינדישען אקעאן. דורך דעם וועג האט שלמה המלך שוין מיט דריי טויזענד יאהר צוריק געשיקט שיפען אין אופיר. איצט איז דער ים־וועג אין גאנצען פערלאזען און האט פארלויפיג פאר'ן לאנד ניט קייןווירטשאפטליכע בעדייטונג.

שיפסבעוועגונג

אין די דריי וויכטיגסטע פארטען פון א"י זיינען אין דעם לעצטען יאהר פאר דער מלחמה — 1913 — אריינגעקומען 1.187 דאמפף־שיפען מיט אן אינהאלט פון 1.986.387 טאן און 2.478 זעגעל־שיפען מיט אן אינהאלט פון ארום 40.000 טאן. פון דעם קומט אויס אויף יפו עטוואס ווייניגער פאר 60 פראצענט, חיפה — ארום 40 פראצענט און עכו קוים 1 פראצענט. פאר די לעצטע צעהן יאהר איז דער טאנען־אינהאלט פון די אריינגעקומענע דאמפף־שיפען כמעט פערדאפעלט געווארען. (אין 1904 האט דער אינהאלט פון אלע אריינגעקומענע שיפען בעטראפען 1.081.212 טאן). דער וואוקס איז אבער ניט גלייכמעסיג צוטיילט צווישען די דריי פארטען. דעם גרעס־טען צוואוואוקס, סיי אבסאלוט, סיי רעלאטיוו, האט געהאט חיפה (263 שיפען מיט 296.855 טאן אין 1904 און 486 שיפען מיט 808.763 טאן אין 1913). נאכהער קומט יפו (489 שיפען מיט 704.936 טאן אין 1904 און 665 שיפען מיט 1.160.513 טאן אין 1913). עכו, פערקעהרט, איז שטארק צוריקגעגאנגען. אנשטאט 121 שיפען מיט 79.421 טאן אין 1904, האט זי אין 1913 ניט געהאט מעהר ווי 36 שיפען מיט 17.309 טאן.

ד. עקספּאָרט און אימפּאָרט.

קיין אפיציעלע סטאטיסטיק פון אימפּארט און עקספּארט איז ניטא. נאר אויף׳ן גרונד פון די קאנסול־בעריכטען ווערט דער אויסווערטיגער האנדעל פון ארץ ישראל געשאצט אין א סומע פון 120 מיליאן פר. יעהרליך. בערך א דריטעל דערפון געהט דורך דעם סורישען הויפּט־פּארט (בירות), די איבריגע צוויי דריטעל — דורך די פּארטען פון ארץ ישראל גופא: יפו חיפה, עכו, עזה, קיסריה, טאנטורה, צור, אמייסטענס דורך די ערשטע צוויי — יפו און חיפה. דער אנטייל פון די איבריגע דערמאנטע פּארטען אין דעם אויסווערטיגען האנדעל פון ארץ ישראל איז נאך דערווייל א אונבעדייטענדער.

דורך יפו ווערען ארויסגעפיהרט די אגרארע און אינדוסטריעלע ארטיקלען פון יהודה, שומרון און עבר הירדן, וואס זיינען בעשטימט פאר אויסלאנד. די הויפּט ארטיקלען וואס ווערען עקספּארטירט זיינען: אראנזשען, זייף, וויין, גרינסען, רעליגיעזע ארטיקלען (אליוועןהאלץ־ און פּערלמוטער־ארבייטען פון ירושלם און בית־לחם), ראזינקעס, מאנדלען, פּעלען, דורא, סעזאם, אויל א. ד. ג. די וויכטיגסטע ארטיקלען וואס ווערען אימפּארטירט זיינען: בוימוואל ווארע, מעהל, האלץ, לעדער, פּעטראלעאום, רייז, צוקער, טאבאק, אייזען, שטאל, קופּער, לאנדווירטשאפטליכע מאשינען און מאטארען פאר די ברונעמס, קליידער־שטאף און גרייטע קליידער, קאפע, שטיינקוילען, גלאזווארג, מעדיקאמענטען, פּאפּיער א. ד. ג. פאר די לעצטע 30 יאהר איז דער אויסלענדיישער האנדעל פון יפו פערפינפפאכט געווארען. אין 1885 איז דער אימפּארט פון יפו ווערט געווען 287.740 ענגלישע פונט (7.193.000 פראנק) און דער עקספּארט — 132.579 ע. פ. (3.314.000 פראנק). אין 1913 האט שוין דער אימפּארט בעטראפען די סומע פון 1.312.659 פונט (אדער 32.816.000 פראנק), און דער עקספּארט — 745.413 פונט (18.135.000 פראנק).

די ענטוויקלונג פון יפו׳ר אויסלענדישען האנדעל אין פערלויף פון 1894—1813 (אין פונט־שטערלינג).

יאהר	עקספּארט	אימפּארט
1894	285.604	
1895	282.906	275.990
1896	373.447	256.090
1897	309.389	306.630
1898	306.780	322.430
1899	316.158	390.260
1900	264.950	382.405
1901	277.635	426.310
1902	203.390	405.550
1903	322.335	439.775
1904	295.300	473.320
1905	370.000	460.000
1906	500.000	660.000
1907	484.340	809.000
1908	556.370	803.400
1909	560.935	973.143
1910	636.145	1.002.450
1911	710.660	1.169.910
1912	774.162	1.090.019
1913	745.413	1.312.695

אינפלוס פון אידישען ישוב.

זעהר א גרויסען טייל אין דער אויפשוואונג פון אימפּארט און עקספּארט האט די נייע אידישע איינוואנדערונג אין יפו און ירושלם און די ענטוויקלונג פון די אידישע קאלאניעס אין יהודה. פון איין זייט האט דער צופלוס פון די נייע עלעמענטען, מיט העכערע בעדערפנישען און א גרעסערע קויף־קראפט אין א גרויסער מאס פערגרעסערט דעם אריינפיהר פון פיעלע אויסלענדיישע קאנסום־ארטיקלען, ווי אייראפּעאישע מעהל, גאלאנטעריי־ווארען, גלאזווארג, מעבעל, קליידער־שטאף, קליידער א. ד. ג. פון דער צווייטער זייט האבען די העכערע ווירטשאפטס־פארמען, די נייע אינדוסט־

ריעלע צווייגען, בוי־טעטיגקייט פון די נייע איינוואנדערער אין די שטעדט און אין די קאלאניעס ארויסגערופען די נויטווענדיגקייט אין פיעלע רויה־מאטעריאלען און פראדוקציאנס־מיטלען וואס ווערען ניט פראדוצירט אין לאנד און וועלכע די ארטיגע אבגעשטאנענע ווירטשאפט האט פריהער זעהר וויניג אדער גאר ניט גענוצט, ווי מאטארען, לאנדווירטשאפטליכע מאשינען, כעמישע מיסט, ציגעל, צעמענט, שטיינ־קוילען, האלץ, שטאבאייזען א. ד. ג.

דער אנטייל פון נייעם ישוב אין דער פערגרעסערונג פון עקספארט איז אויך א בעדייטענדער. אראנזשען פערנעמען דעם ערשטען ארט אין דער ליסטע פון עקס־פארט־ארטיקלען (זעה זייט 204). פון דער אלגעמיינער סומע פון 745.413 פונט שטערלינג וואס דער יפו'ר עקספארט האט בעטראפען אין 1913, פאלט אויס אויף אראנזשען אליין 297.700 פ. ד. ה. אונגעפעהר 40 פראצענט פון גאנצען עקספארט. צו דיזער סומע האבען די אידישע קאלאניעס ארום יפו בייגעטראגען בערך 25—20 פראצענט. דער עקספארט פון וויין, וואס פערנעמט דעם דריטען ארט אויף דער ליסטע, איז 90 פראצענט אידישער. די אידישע קאלאניעס האבען אויך א בעדיי־טענדעם חלק אין דעם עקספארט פון מאנדלען און אנדערע לאנדווירט'שאפטליכע ארטיקלען.

חיפה'ר פארט דער אויסווערטיגער האנדעל פון חיפה בעשטעהט פון עקספארט פון ווייץ, גערשט, סעזאם, אויל, זייף, און וויין, און אימפארט פון צוקער, פעטראלעאום, רייז, קאפע, בוימוואלווארע, שטיינקוילען, קליידער, גלאז, אייזענווערק, מעהר, האלץ, מעבעל — די אלע זאכען וואס ווערען ניט פראדוצירט און פאבריצירט אין לאנד.

חיפה בעזארגט מיט אויסלענדישע פראדוקטען דעם גאנצען גליל און דעם חורן, טיילווייז אויך דמשק. דער האנדעל וואס איז פריהער געפיהרט געווארען אין עכו — געהט אלץ מעהר אריבער אין חיפה. אלס צענטראלער פארט פון ארץ ישראל וואס האט די בעסטע פערקעהרס־וועגען מיט דעם גרעסטען טייל פון לאנד, האט חיפה די לעצטע צייט אנגעהויבען צו קאנקורירען אפילו מיט יפו. דער האנדעל פון שכם און שומרון, וואס איז פריהער אין גאנצען געווען אנגעוויזען אויף'ן יפו'ר פארט, הויבט אן אלץ מעהר און מעהר צו בענוצען זיך מיט חיפה.

דער עקספארט פון חיפה איז נאך אבשיידענער, ווייל די אגרארע פראדוקטען פון חיפה'ער ווירטשאפטליכען איינפלוסזאנע — גליל און נארדליכען שומרון — ווע־רען מייסטענס פערברויכט אין לאנד גופא. דערפאר אבער איז דער אימפארט א גאנץ היבשער, און פאר די לעצטע צעהן יאהר (ביז דער וועלט־מלחמה) איז ער בעדייטענד אויסגעוואקסען. לויט די אנגאבען פון דייט'שען קאנסול האט דער אימפארט פון חיפה במשך 9 יאהר (1911—1903) פערגרעסערט זיך אויף 770 פראצענט, און דער עקס־פארט — אויף 200.

די ענטוויקלונג פון חיפה'ר אויסווערטיגען האנדעל אין פערלויף פון 1903—1911 (לויט א בעריכט פון דייטשען קאנסול). די ווערט פון די סחורות איז אנגעוויזען אין דייטשע מארק.

יאהר	עקספארט	אימפארט	יאהר	עקספארט	אימפארט
1903	1,750.000	1.500.000	1908	4.500.000	3.200.000
1904	2.375.000	2.357.000	1909	3.750.000	11.480.000
1905	2.340.000	3.140.000	1910	3.200.000	12.320.000
1906	4.000.000	3.150.000	1911	3.500.000	11.500.000

עקספּאָרטירטע ארטיקלען פון יפו אין פערלויף פון 1911—1913.

ארטיקעל	מענגע (טאָן, קילאָ, קעסטלעך, א. דג.) 1911	1912	1913	ווערט (אין ענגלישע פונט) 1911	1912	1913
אראנזשעס (קעסטלעך) — — — —	869.850	1.418.000	1.608.570	217.500	283.600	297.700
זייף (טאָן) — — — — — — — —	4.380	7.790	6.250	144.300	254.000	200.000
וויין און ספּיריטס — — — — — —				77.600	60.400	60.530
וואסער מעלאָנען און פרוכטען — — —				42.000	25.000	34.000
סעזאם (טאָן) — — — — — — —	4.800	1.508	1.535	98.000	30.160	31.300
רעליגיעזע ארטיקלען (פּעק) — —	1.018	1.500	1.300	19.150	22.000	20.800
קופּינען (פּערטעל) — — — — —	12.100	8.500	11.000	13.180	10.620	12.560
פעל — — — — — — — — — —				17.150	7.400	10.530
ראזינען (טאָן) — — — — — —	380	630	580	8.675	11.088	10.400
מאאיז (פּערטעל) — — — — — —	8.600	15.000	6.400	11.900	20.250	9.500
אָליווען און סעזאם אויל (מעסטלעך)				14.980	4.000	6.200
רינד פיה — — — — — — — — —				5.100	4.500	5.200
גערשט — — — — — — — — —					1.250	3.400
מאנדלען (קילאָס) — — — — — —	37.200	144.000	240.000	1.370	5.700	9.000
קאלאקינטען — — — — — — —				6.525	4.000	2.350
קנאָבען (טאָן) — — — — — — —	490	160	171	1.470	560	573
ארבסען — — — — — — — — —					354	390
פוטער פאר פיה (פּערטעל) — — —	195	120	150	1.030	700	870
פערשיעדענע ארטיקלען — — — —				30.730	28.580	30.040
סך הכל — — — — —				710.660	774.162	745.413

אימפּאָרטירטע ארטיקלען פון יפו אין פערלויף פון 1911—1913.

ארטיקעל	מענגע (טאָן, קילאָ, קעסטלעך, א. דג.) 1911	1912	1913	ווערט (אין ענגלישע פונט) 1911	1912	1913
בוימוואָל ווארען (פּעק) — — — —	7.430	6.077	5.937	262.340	243.080	240.800
מעהל (טאָן) — — — — — — — —	111.545	37.325	.116.450	122.700	47.776	150.625
האָלץ (קוביק מעטער) — — — — —	21.274	25.150	26.210	80.400	100.000	107.000

[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	46.440	63.430
צוקער (טאָן) — — — — — — —	3.452	2.600	3.351	64.840	41.600	53.600
קאפע (טאָן) — — — — — — — —	344	336	865	22.060	30.000	51.900
גאלאנטערי ווארעז (קעסטלעך) —	1.510	1.775	1.560	24.060	35.000	32.800
שטיין קוילעז (טאָן) — — — — —	7.671	12.390	10.671	11.730	24.780	20.340
שטאב אייזען, רוירען, טרעגער (טאָן)	2.770	2.500	3.456	23.200	20.000	24.192
רינד פיה — — — — — — — —				40.600	36.000	28.000
גלאָזווארג (טאָן) — — — — — —	492	420	499	13.700	12.600	13.250
מאשין אויל (טאָן) — — — — — —	325	350	422	7.960	10.000	11.000
מאשינען (טאָן) — — — — — —	170	220	255	14.650	20.000	15.320
פעל און לעדער (טאָן) — — — — —	249	220	279	19.740	14.700	15.800
אייזענווארג (קעסטלעך) — — — —	3.623	5.068	4.415	25.200	36.500	32.200
מעבעל (טאָן) — — — — — — —	326	260	256	7.300	10.000	9.280
לערע זעק (טאָן) — — — — — —	438	440	470	12.360	13.200	13.523
קליידערשטאָף (קעסטלעך) — — — —	160	221	269	14.200	14.870	15.000
צינק קופער קליינאייזען ווארעז (טאָן)	950	540	987	28.400	15.000	19.000
אליוועגאויל (טאָן) — — — — — —	725	1.110	2.440	31.740	30.000	48.800
מאטארען (טאָן) — — — — — —	111	180	165	7.380	14.000	12.750
ציגעל און באקשטיינער (שטיק) —	1.557.000	1.000.000	1.830.528	7.140	5.000	7.800
וויין און ספּיריט (קילא) — — — —	950	540	987	28.400	15.000	19.000
קאָנסערוועז (טאָן) — — — — — —	410	610	695	21.650	30.000	33.200
פארב (טאָן) — — — — — — — —	214	180	507	6.240	6.000	10.000
געטריקענטע פיש (טאָן) — — — —	263	320	409	6.120	9.600	9.800
שרייב־און פּאַק־פּאַפּיער (טאָן) —	740	350	410	20.960	7.000	9.000
זאלץ (טאָן) — — — — — — — — —	870	1.350	973	5.130	8.100	7.250
בעט שטעלען (פּעק) — — — — —	2.334	845	1.650	3.200	1.780	3.250
זויערען (טאָן) — — — — — — —	361	320	334	4.500	2.200	3.670
קויסטישע סאָדע (טאָן) — — — —	1.227	1.000	1.150	13.900	12.000	12.700
צעמענט (טאָן) — — — — — — —	2.207	3.000	2.810	8.330	8.100	7.850
כעמישע מיסט (טאָן) — — — — —	275	1.000	814	9.000	14.680	10.580
אנדערע ארטיקלען — — — — — —				33.110	65.500	55.580
סך הכל — — —				1.169.910	1.090.019	1.312.695

אימפּאָרט אין חיפה אין פערלויף פון 1904—1913 :

	1904	1905	1906	1907	1908	1909	1910	1911	1912	1913
אלקאהאל (קילאם) — — — — — —					8.800	5.400	5.300	4.700	7.300	37.000
קליידערשטאף (פעק) — — — —	326	250	350	470	625	904	1.386	310	220	893
שטיינקוילען (טאָן) — — — — —	550	4.300	13.000	23.000	33.000	15.000	21.516	15.900	33.000	26.500
קאווע (זעק) — — — — — — —	1.400	1.600	2.000	1.192	1.880	2.290	1.893	857	2.507	2.113
בוימוואָהל און וואָלענע גוטס (פעק)	1.333	1.800	2.500	1.315	1.758	1.417	1.925	2.937	3.598	2.953
מעדיקאמענטען (קעסטלעך) — — —	278	260	300	450	597	1.411	1.510	640	1.211	1.181
מעהל (זעק) — — — — — — —	7.218	2.000	2.650	3.805	6.000	4.203	19.886	21.670	6.667	15.600
גלאז און פארצעלאן (קעסטלעך) —	620	600	1.000	1.450	1.070	1.400	1.250	1.187	1.395	4.250
אייזענווארע (קעסטלעך) — — —	3.200	8.500	15.000	8.000	1.500	1.800	1.160	1.073	3.039	5.787
אייזען און שטאָל (טאָן) — — — —	7.300	3.500	18.000	23.500	709	1.607	1.543	1.792	1.413	1.731
פאק־און שרייבפאפיר (טאָן) — —	40	50	50	40	55	80	75	83	230	449
פארב־און־ליין־אייל (פעסלעך) — —					1.054	2.000	2.400	2.000	1.733	2.712
פעטראָלעאום (פעסלעך) — — — —	25.000	18.000	55.000	51.900	35.000	79.560	80.500	85.170	60.146	101.360
צעמענט (זעק און פעסלעך) — — —							10.410	16.630	15.966	30.900
רייז (זעק) — — — — — — —	10.000	9.500	15.000	26.500	18.700	23.077	36.158	27.960	17.130	37.657
ספּירטואָזען, וויין, ביער (פעסלעך)	1.600	1.200	1.800	2.300	2.350	3.400	4.567	5.830	5.195	5.084
צוקער (זעק) — — — — — — —	7.500	1.000	6.000	7.100	12.000	35.250	41.540	51.610	23.107	85.386
זעק (פעק) — — — — — — — —					730	1.450	565	350	564	500
האָלץ (טאָן) — — — — — — —						2.100	2.560	3.050	1.155	3.500
נארן (פעק) — — — — — — —						968	940	611	592	698
קאנסערווען (פעסלעך) — — — —	2.000	2.800	3.500	3.900	2.874	3.178	3.343	2.678	3.928	3.664

עקספּאָרט אין חיפה אין פערלויף פון 1904—1913 :

	1904	1905	1906	1907	1908	1909	1910	1911	1912	1913
גערשט (טאָן) — — — — — — —	800	400	1.500	1.120	2.950	2.531	790	478	270	1.129
לינזען, באָהנען (פעסלעך) — — —	4.300	6.500	10.000	10.200	14.000	12.323	5.370	3.525	6.550	2.200
סעזאם (טויזענדער מעסטלעך) — —	9.000	20.000	18.000	9.000	8.870	11.647	11.620	15.264	18.209	6.980
וויין (פערטלעך) — — — — — —	48.000	75.000	54.000	58.000	92.600	85.325	33.540	24.800	70.820	32.450

ה. געשיכטע און איצטיגע לאגע פון די שטעדט.

י פ ו.


די פאלעסטינישע ברעגעס פון מיטעללענדישען מעער זיינען אויסגעזעצט מיט א
גאנצער רייהע שטעדט, וואס האבען אין פערלויף פון דער פיער־טויזענד־יעהריגער
עריינניספאלער געשיכטע פון א"י זעהר אפט געביטען זיך מיט דער ראלע פון הויפט־
פארטען און האנדעלס־צענטרען פון לאנד. איינינע פון די שטעדט — ווי צידון, צור,
עכו — האבען אין זייער צייט גערינט אלס צענטרען פון וועלט־האנדעל און אינטער־
נאציאנאלען פערקעהר, און זייער ווירטשאפטליכע בעדייטונג און איינפלוס האט זיך
פערשפרייט א סך ווייטער פון די גרעניצען פון לאנד. מעהרערע שטעדט האבען אבער
געהאט נור א לאקאלע בעדייטונג, און נור אין בעשטימטע פעריאדען. דער אויפ־
שוואונג און אונטערגאנג אדער ריקגאנג פון די פערשיעדענע פארטען איז געווען מייס־
טענס אבהענגיג פון דעם וועקסעל פון הערשער און עראבערער און פון דעם איינ־
פלוס און קראפט פון די יעניגע פעלקער וואס האבען פערנומען די געגענד ארום דער
פארט־שטאדט. די גרויסקייט פון צור און צידון איז פערבונדען מיט דער בליהונגס־
פעריאדע פון די פעניקיאנער, און מיט זייער אונטערגאנג האבען די אמאל וועלט־
בעריהמטע האנדעלס־שטעדט פערלארען זייער בעדייטונג עד היום. קסריה האט אויפ־
געבליהט אין דערצייט פון דער רוימישער אויבערהערשאפט אין א"י, און צוזאמען
מיט איהר אונטערגעגאנגען. עכו איז געווארען רייך און מעכטיג אונטער דער הער־
שאפט פון די נוסעי הצלב, און מיט דער פערניכטונג פון דער לאטיינישער מלוכה האט
זי פערלארען איהר וויכטיגקייט. די האפען־שטאדט וואס איז אויף א מערקווירדיגען
אופן פערבונדען מיט דער אידישער געשיכטע אין ארץ ישראל — איז די שטאדט יפו,
דער פארט פון ירושלם. דאס איז געווען דער ערשטער אידישער האפען אויפ'ן ים־
התיכון, סיי ביים בית ראשון, סיי ביים בית שני. פון נאכ'ן חורבן בית שני ביז דער
מאדערנער אידישער קאלאניזאציע אין א"י, איז דער יפו'ר פארט געווען אהן בעזונדע־
רער וויכטיגקייט אין לאנד. און אין די לעצטע פערציג יאהר, זינט עס האט זיך אנ־
געהויבען די אידישע איינוואנדערונג און הויפטזעכליך א דאנק דער דאזיגער איינ־
וואנדערונג, איז יפו געווארען דער וויכטיגסטער פארט און האנדעלס צענטר פון א"י.

יפו פאר אידישער איינוואנדערונג.

יפו איז איינע פון די עלטעסטע שטעדט אין דער וועלט, אייניגע דענקען — די
עלטסטע שטאדט. לויט אנ'אלטער לעגענדע, וואס ווערט שוין געבראכט ביי די פאר־
צייטיגע לאטיינישע געאגראפען (פאמפאניוס מעלא און פליניוס) איז יפו אויפגעבויט
געווארען נאך פאר'ן מבול. אנדערע שרייבען צו די אויפבויאונג פון יפו צו יפת
בן נח. יוסף פלאוויוס דערצעהלט (מלחמות היהודים 3, 9, 3) אז אין די פעלזען וואס
שטארען ארוים פון יפו'ר ים דערקענט מען נאך די צייכען פון די קייטען מיט וועלכע
די עטיאפישע פרינצעסין אנדראמעדא איז, לויט'ן גריכישען מיטה, געווען געבונדען
ביז פערסעאוס האט זי בעפרייט. דער ערשטער ה י ס ט א ר י ש ע ר דאקומענט
וועגען יפו געפינט זיך אין מצרים, אין דעם אויפשריפט פון טעמפעל אין קארנאק,
צווישען די רשימה פון שטעדט וואס טאטמעס דער דריטער פון מצרים האט ערא־
בערט אין לאנד כנען (16טען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).
יפו ווערט אויך אייניגע מאל דערמאנט אין די שריפטען פון־אמרנא (15טען יאהרהונ־
דערט), און יאביטירי, א מצרישער גובערנאטאר, האט פערוואלטעט מיט יפו און עזה

אין נאמען פון פרעה מלך מצרים. פונקט ווי היינט איז יפו געווען דאמאלס בעריהמט מיט איהרע גערטנער, וואס ווערען דערמאנט אין „די רייזען פון א מאהאר“, א מצרישע רייזע־בעשרייבונג פון א"י פון די צייטען פון רעמסס דעם צווייטען (14טען יאהר־הונדערט). דער נאמען פון יפו אין די בריעף פון תל־אמרנא שרייבט זיך יאפו.

יפו ווערט אין דער תורה ניט דערמאנט. אין תנ"ך טרעפט זיך דער נאמען ערשט אין יהושע (י"ט 46), ביי די גרעניץ פון שבט דנ'ס טעריטאריע. יפו ווערט ניט איינ־גערעכענט צווישען די שטעדט וואס זיינען אויסגעפאלען אויף'ן גורל פון שבט דן, און צו יענער צייט האט זי ווארשיינליך נאך ניט בעלאנגט צו די אידען. עס איז ניט בע־וואוסט געניי, ווער איז דאמאלס געזעסען אין יפו. די פלשתים וואס האבען זיך גע־פונען אין דער שפלה, זידליך פון יפו, האבען די שטאדט ניט בעזעסען. מעגליך אז יפו איז געווען דאן א פיניקישע קאלאניע. אין שלמה'ס צייטען איז יפו געווארען דער פארט פון ירושלם, און חירם מלך צור האט דורך יפו געשיקט האלץ פון לבנון



בילד 29

יפו פון דער זייט פון די גערטנער.

פאר'ן בית המקדש (דברי הימים ב', ב' 15). עס ווייזט אויס אז יפו האט שוין דא־מאלס בעלאנגט צו אידען. לויט אן אלטער אידיישער טראדיציע האבען זיך אין יפו געפונען די ווייגהעלער פון שלמה המלך (פסוקתא דרב כהנא פ' רני עקרה). נאך דער צושפאלטונג פון דער אידיישער מלוכה איז יפו ווארשיינליך אוועקגענומען געווארען פון די אידען. אין דער צייט פון ירבעם דעם צווייטען זיינען די האפען שטעדט און צווישען זיי אויך יפו, אונטערגעפאלען די הערשאפט פון אשור אונטער רימאן־ניראַרי דעם דריטען (783—812). צו יענער צייט איז פארגעקומען דאס אנטלויפען פון יונה אין א שיף פון יפו (יונה א' 3). און אין יפו'ר ים, וואס איז אפט מאל אזוי שטור־רעמדיג, אז נאך היינט קאן א מאל א שיף ניט צוקומען צום ברעג, האבען די מאטרא־סען אריינגעווארפען דעם אידיישען נביא. נאך דעם ווי זיי האבען אומזיסט געפרופט

דערנעהנטערען זיך צו דער יבשה אין גרויסען שטורם. דער מלך חזקיה בן אחז, וואס האט זיך בעפרייט פון דער אשור׳ישער הערשאפט האט צוריק איינגענומען די פלישת׳י־שע שטעדט ביז עזה (מלכים ב׳ י״ח 8), און צווישען זיי אויך יפו. אין דער ביבלי־שער ערצעהלונג ווערט יפו ניט דערמאנט, אבער אן אויפשריפט פון סנחריב מלך אשור דערצעהלט אז די שטעדט בית דגן, בני ברק, חצור און יפו*) פון מלך חזקיה האבען רעוואלטירט געגען אשור, און דערפאר איז סנחריב געקומען מיט זיין ארמעע (701) אין יהודה בעשטראפען דעם אידישען קעניג (זעה מלכים ב׳ י״ח 13).

בית שני. צום צווייטען בית המקדש האבען די צידונים און צורים (פעניקיאנער) ווידער אמאל געבראכט האלץ פון לבנון קיין יפו, מיט דער ערלויבניש פון כורש מלך פרס (עזרא ג׳ 7)). יפו איז דאן צום צווייטען מאל געווארען דער פארט פון ירושלם; זי האט אבער ניט בעלאנגט צו די אידען ביז די חשמונאים. נאך דעם ווי אלכסנדר מוקדון האט אין 333 בעלאגערט און איינגענומען יפו — איז די שטאדט אין פערלויף פון 200 יאהר איבערגעגאנגען פון האנד צו האנד: די מצרישע און סורישע גריכען (פטאלעמאידען און סעלעווקידען) האבען געפיהרט אן אונאויפהערליען קאמפף פאר דער הערשאפט איבער יפו און די אנדערע פארט־שטעדט פון ארץ ישראל און סוריה. אין דער עפאכע פון די מכבים איז די בעפעלקערונג פון יפו געווען א העלעניסטישע אדער העלעניזירטע. אבער עס האבען זיך שוין דארט געפונען אויך אידען. אין דער צייט פון אנטיוכוס עפיפאנוס דעם פערטען האבען די גריכען אין יפו אויף א פער־רעטערישען אופן דערטרונקען 200 אידען אין יפו. יהודה המכבי איז באלד געקומען צו נעהמען נקמה פאר זיינע ברידער און האט פערברענט זייערע שיפען (חשמונאים י״ב). שפעטער (148) האט יונתן החשמונאי איינגענומען יפו, וואס איז דאן געווען בעפעסטיגט. די איינוואוינער האבען צוערשט ארויסגעוויזען א ווידערשטאנד, נור ווען יונתן האט גענומען שטורמען די מויערען פון יפו, האבען זיך די איינוואוינער דערשראקען און געעפענט פאר איהם די טויערען (חשמונאים א׳, י׳ 82־84). שפע־טער (144) ווען שמעון האט געהערט אז די יפו׳ר גריכען קלייבען זיך צו רעוואלטירען, האט ער אוועקגעשטעלט דארט א אידישען גארניזאן (ח״א, י״ב 39), און ווען ארץ ישראל איז שוין אין גאנצען בעפרייט געווארען פון פרעמדער הערשאפט, האט ער בעפעסטיגט יפו (141) און איינגעארדענט דארט א האפען פאר׳ן שיפס־פערקעהר און אויסלענדישען האנדעל פון דער אידישער מלוכה (ח״א, י״ד 5). אידען פון אנדערע געגענדען זיינען דאן געקומען בעזעצען זיך אין דער האפען־שטאדט (ח״א, י״ד 38), און יפו איז געווארען די אידישסטע שטאדט אויפ׳ן ברעג ים, אין דער צייט וואס אין אנדערע פארט־שטעדט, ווי עזה, קסריה (סטראטאס טורעם), עכו, דור א. ז. וו. איז א גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג געווען העלעניזירט און פיינדליך צו אידען.

פארט־שטאדט פון חשמונאים.

אין דעם ערשטען יאהר פון יוחנן הורקנוס (135) האט אנטיוכוס פערכאפט יפו, אבער דער רוימישער סענאט, מיט וועלכען יוחנן האט בענייט דעם פריינדס־בונד, האט בעפוילען אומצוקעהרען יפו און איהר פארט צו די אידען (קדמוניות 13, 9, 2).

*) בית דגן און בני ברק זיינען איצט צוויי דערפער איז דער אומגעבונג פון יפו: בית דגן נעבען ראשון לציון, בני ברק ניט ווייט פון פתח־תקוה. חצור דענקט מען איז אידענטיש מיט דעם דארף „יזור" וואס איז נעבען יפו און מקוה ישראל.

אלכסנדר ינאי (יוחנן דער צווייטער) האָט בעפעסטיגט די אומגעגענד פון יפו געגען דעם אנגריף פון אנטיוכוס דעם צוועלפטען, וואָס איז דורכגעגאנגען יהודה אויף זיין וועג אין אראביען (קדמוניות 7,15,13).

אין יאָהר 63 האָט פּאָמפּעיוס צוגענומען יפו פון די אידען, געמאַכט זי פאַר א פרייע שטאָדט און פעראייניגט זי מיט דער סורישער פּראָווינץ (קדמוניות 14, 4, 4). אָבער יוליוס קיסר (צעזאר), וואָס האָט בעקעמפּפט פּאָמפּעיוס'ען האָט בעפוילען, אז אַלעס וואָס האָט פריהער בעלאַנגט צו די אידען זאָל זיי אומגעקערט ווערען. און יפו איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם כהן גדול הורקנוס דעם צווייטען (47). אין דעם קאַמפּף צווישען הורדוס און מתתיהו דעם צווייטען (אנטיגונוס) איז יפו געשטאַנען אויף דער זייט פון לעצטען חשמונאי, און ווען הורדוס האָט זיך אומגעקעהרט פון רוים צו ווערען דער קעניג פון יהודה האָט ער געמוזט נעהמען יפו מיט כח (מלחמות 1, 15, 3).

ביז דאַן איז יפו געווען דער הויפּט פּאָרט פון א"י, אָבער זינט הורדוס האָט אויפגעבויט קסריה (אויף'ן אָרט פון סטראַטאָ'ס טורעם) מיט א גרויסען און גרוימען האַפען איז יפו אראָב פון איהר גדולה. זי איז אָבער נאָך אַלץ פערבליבען א בעדייטענדער צענטר, און ביז'ן חורבן איז זי געווען פון די צוועלף וויכטיגסטע שטעדט אין יהודה, א חוץ ירושלם די הויפּט־שטאָדט (מלחמות 5,3,3). להיפך פון אַנדערע האַפען־שטעדט, וואָס האָבען געהאַט א שטאַרקע ניט־אידישע בעפעלקערונג און א גריכיש־רוימיישען אויסזעהען, איז יפו געווען א ריין אידישע שטאָדט מיט א שטרענג נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. שטעהענדיג אין נאָהענטע בעציהונגען מיט ירושלם, האָט אין יפו געהערשט דער זעלבער נאַציאָנאַלער גייסט וואָס אין דער הויפּט־שטאָדט. די גריכישע קולטור וואָס הורדוס האָט פערשפּרייט אין די אַנדערע שטעדט האָט ניט געהאַט קיין צוטרי צו יפו, און בשעת ס'האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַמף געגען די רוימיישע הערשאַפט, אין די האַלב־אַסימילירטע שטעדט מיט א געמישטער בעפעלקערונג אויפ'ן ברעג ים, האָבען זיך צוטיילט אין צוויי פיינדליכע לאַגערען פאַר און געגען די רוימער און האָבען ביטער געקעמפּפט צווישען זיך, איז יפו געבליבען איינינג און פאַטריאָטיש, און האָט הערואיש געקעמפּפט געגען די פערמדע אונטערדריקער. ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען אין 66, און קעסטיוס גאלוס איז געגאַנגען מיט אַן אַרמעע אויף ירושלם, איז ער קודם כל אָנגעפאַלען אויף יפו. ווען זי איז ניט געווען פּאַרבערייטעט צום קריעג, און דער'הרג'עט 8400 מאַן, ראַבירט און פערברענט די שטאָדט (מלחמות 2, 18, 10). אידישסטער־ פּאַרט פון א"י.

יפו איז אָבער באַלד צו זיך געקומען. בשעת אספּסינוס'עס ליגאָנען האָבען זיך צוגערוקט צו יהודה און חרב געמאַכט די גאַנצע געגענד, זיינען מאַסען אידען נעקומען פון די רואינירטע פּלעצער און פערזאַמעלט זיך אין יפו, און ווייל די גאַנצע סביבה איז געווען פערוויסטעט און האָט זיי ניט געקענט ערנעהרען, האָבען זיי אויסגעבויט שיפען און געמאַכט איבערפאַלען אויף די סורישע, פעניקישע און מצרישע ברעגעס (מלה' 3, 9, 2). אספּסינוס האָט דאַן געשיקט א שטאַרקע אַרמעע קיין יפו און די אידען זיינען אַרויף אויף זייערע שיפען און האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין ים. צום אונגליק האָט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער שטורעם, און די ברויזענדע כוואַליעס האָבען צושמעטערט די שיפען אַן די פעלזען וואָס שטאַרען אַרויס פון ים און מאַכען דעם יפו'ר האַפען פאַר דעם געפעהרליכסטען אָרט אויפ'ן גאַנצען פּאַלעסטיני־שען ברעג. פיעלע שיפען האָבען זיך אַנגעשטויסען איינע אין די צווייטע, פיעלע

זיינען פערטראגען געווארען ווייט אין ים און דארטען דערטרונקען געווארען. אום ניט אריינצופאלען אין די הענד פון שונא האבען פיעלע אידען אויף די צושעדיגטע שיפען זיך אליין דער'הרג'עט מיט די שווערדען, און דער יפו'ר ים איז געווארען אויף א גרויסען שטח רויט פון בלוט; די, וועלכע די כוואליעס פון ים האבען צוגעשלעפט צו דער יבשה, זיינען דורך די רוימער גרויזאם ערמארדעט געווארען. דער ברעג איז פערפלייצט געווארען מיט טויטע קערפערס. די רוימער האבען דאן איינגענומען יפו און זי צושטערט (מלחמות 3, 9, 3). אספסינוס האט דא איבערגעלאזט אן ארמעע וואס האט נאך מעהר חרב געמאכט די גאנצע געגענד (מלחמות 3, 9, 4).

נאך'ן חורבן נאכ'ן חורבן איז יפו צוריק אויפגעבויט געווארען און אין צייט פון תלמוד זיינען אידען נאך דא געזעסען, און פון זיי זיינען ארויסגעקומען איניגע חכמים, ווי ר' אדא (מגילה ט"ז), ר' חנינא (ירושלמי מו"ק), ר' תנחים (פסיקתא רבתי י"ז), ר' אחא (פ"ר י"ז), ר' נחמן (בראשית י"ג), ר' פנחס (ירושלמי פסחים פ"א), ר' יוחנן (פסיקתא דרב כהנא). דאס קריסטענטום האט דא געפונען א גינסטיגען באדען, און ביז דער אראבישער עראבערונג אין 636 איז יפו געווען די רעזידענץ פון א בישאף. אונטער דער אראבישער הערשאפט איז יפו געווען א קליין אונוויכטיג שטעדטעל.

די געשיכטע פון יפו אין די שטורמדיגע צייטען פון נוסעי־הצלב איז פול מיט בלוטיגע שלאכטען, איבערקערענישען און פערוויסטונגען. אלס נאהענטסטע פארט־שטאדט פון ירושלם, וואס איז געווען דער הויפט ציעל פון די קריסטען, און אלס מיטעל־פונקט אויפ'ן וועג צווישען סוריה און מצרים, פון וואנען די קריסטליכע און מוסלימי־שע ארמעען האבען געמארשירט איינע געגען די אנדערע, האט יפו געהאט א גרויסע סטראטעגישע בעדייטונג פארביידע שטרייטענדע צדדים און ארום איהר זיינען פארגעקומען אפטע שלאכטען, און די שטאדט איז פיעל מאל איבערגעגאנגען פון איין צד צום צווייטען, פיעל מאל צושטערט און צוריק אויפגעבויט געווארען. אין 1099 איז זי צום ערשטען מאל אריינגעפאלען אין די הענד פון די נוסעי הצלב. באלדווין דער ערשטער האט זי בעבויט און בעפעסטיגט. די סעלדזשוקען פון אשקלון האבען זי געשטורעמט (אין 1115 און 1122), אבער ניט געקענט זי בייקומען. אונטער דער קריסטליכער הערשאפט האבען זיך דא געפונען וויניג אידען. רבי בנימין פון טודילא האט אין 1163 געפונען אין יפו ניט מעהר ווי איין איד, א פארבער. אין 1187 האט צלח־א־דין איינגענומען יפו צוזאמען מיט די אנדערע פארט־שטעדט. זי איז אבער ניט לאנג פערבליבען ביי די מוסלימער. אין 1191 האט דער ענגלישער קעניג ריטשארד איינגענומען די שטאדט. מיט 6 יאהר שפעטער איז אהער געקומען מאלך עדיל, צלח־א־דין'ס ברודער, מיט א גרויסער ארמעע. ער האט גענומען די פעסטונגען מיט שטורעם און אויסגע'הרג'עט אלע קריסטען און חרב געמאכט די שטאדט. נאך איהם זיינען געקומען די דייטשען (1198), זיי זיינען אבער באלד פערטריבען געווארען. אין 1204 האבען די קריסטען נאך אמאל איינגענומען יפו, ביז דער מצרישער סולטאן ביבארס האט זיי ענדליך פערטריבען אין 1268. ער האט צושטערט די געביידעס און אוועקגע־שיקט די מארמארנע שטיינער און די האלץ נאך קאהירו. מיט 50 יאהר שפעטער געפינט מען שוין יפו צוריק אויפגעבויט. אבו־ל־פודא (אין 1321) טיילט מיט, אז יפו איז ניט בעפעסטיגט. אבער איהר האפען ווערט בעזוכט פון אלע שיפען וואס קומען אין פאלעסטינא, און הגם די שטאדט איז קליין, האט זי א בעדייטענדען האנדעל און א גוט בעזוכטען מארק. פון דער בעשרייבונג פון רבי יצחק חילו מיט 13 יאהר שפע־טער זעהט מען, אז די שטאדט האט געהאלטען אין וואקסען, ווארום ער טיילט מיט

אז די בעפעלקערונג פון יפו איז רייך און גרויס, און איז טעטיג אין האנדעל פון אויל, בוימוואל, זייף, גלאזווארג, פרוכטען, א. ד. ג. יפו האט דאן געהאט א אידישע קהלה מיט אן אייגענע שול, שולע און א ביבליאטעק.

דער דאזיגער גינסטיגער צושטאנד האט אבער ניט לאנג אנגעהאלטען. אין 1432 האט דער פראנצויזישער רייזענדער בערטראנד דע לא בראקיער געפונען אין יפו ניט מעהר ווי עטליכע געצעלטען בעדעקטע מיט סכך — די שטאדט איז געווען גענצליך צושטערט. דער פאלשטענדיגער חורבן פון יפו האט געדויערט עטליכע הונדערט יאהר. נאך אין 1573 האט רויוואלף ניט געפונען אפילו איין הויז אין יפו, און ער האט ניט געקאנט גלויבען, אז דא איז אמאל געשטאנען א גרויסע און א רייכע שטאדט. אין 17טען יאהרהונדערט האט די רעגירונג דא אויסגעבויט א קליינע פעסטונג פאר א מיליטערישער וואך, און עס האט זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען צו שאפען א ישוב אין יפו. ניבור (אין 1766) האט שוין געטראפען דא 4—5 הונדערט הייזער און גערטנער ארום דער שטאדט. וואלני (1783) טיילט מיט, אז פאר דעם אנפאל פון די מצרישע מאמלוקען אין 1778 איז די אומגעגענד פון יפו געווען בעדעקט מיט א וואלד פון אראנזשען, ציטראנען, פאלמען און אליווען, אבער די מאמלוקען האבען דאס אלץ פערניכטעט. זיי האבען אויסגעהאקט די בוימער פאר ברען־מאטעריאל. די הכנסה פון יפו און איהר ראיאן האט דאן בעלאנגט צו דעם סולטאנס מוטער (די וואלידה), וואס האט דאס אוועקגעגעבען אין ארענדא צו דעם אגא פאר 6.000 פיאסטער. דערפאר האט דער אגא דערהאלטען פאר זיך אלע טאקסעס פון באדען און איינקונפט פון גומרוק (האפען). יפו איז שוין דאן ווידער געווארען דער האפען פון ירושלם, און די פראדוקטען פון לאנד, הויפטזעכליך בוימוואל, זיינען עקספארטירט געווארען דורך איהר פארט.

אם ענדע פון 18טען יאהרהונדערט איז יפו ווידער אמאל צושטערט געווארען. דעם 3טען מארט 1799 איז נאפאלעאן געקומען מיט זיין ארמעע פון עזה נאך יפו. די שטאדט איז געווען בעפעסטיגט מיט א מויער און טורעמס, און האט געהאט א גארניזאן פון 4000 מאן. די פראנצויזען האבען אטאקירט יפו און גענומען זי מיט שטורעם. דער גאנצער גארניזאן האט זיך אונטערגעגעבען. נאפאלעאן האט די געפאנגענע ניט געוואלט אוועקשיקען אין מצרים, אום ניט צו דארפען מיט זיי שיקען א טייל פון זיינע אייגענע סאלדאטען. ער האט זיי אויך ניט געוואלט פריי לאזען, זיי זאלען ניט פעראייניגען זיך מיט'ן פיינד — און ער האט בעשלאסען צו טון א שוידערליכע זאך. ער האט בעפוילען אויסצוקוילענען אלע געפאנגענע. אומקערענדיג זיך קיין מצרים נאך זיין מפלה ביי עכו, האט נאפאלעאן פאלשטענדיג חרב געמאכט יפו.

די פרידליכע ענטוויקלונג פון דער מאדערנער יפו הויבט זיך אן אין 19טען יאהרהונדערט. נאך דער צושטערונג פון נאפאלעאן האט דער אגא (וויצע־גובערנאטאר) פון יפו, מוחמד אבו נאבות, א מאמעלוק פון ג'זאר פאשא, רעסטאווירט די מויערן, וואס רינגלען נאך איצט ארום די אלטע שטאדט, אויסגעבויט א פארט, א באזאר און זעהר פיעל געטאן פאר דער זיכערהייט און ארדנונג פון שטאדט. די גערטנער, וואס די פראנצויזען האבען פערניכטעט, זיינען פון דאס ניי פערפלאנצט געווארען, און אין א קורצער צייט זיינען די זאמדען ארום יפו בעדעקט געווארען מיט

כרמים און פרדסים פון אראנזשען, מאנדלען, ציטראנען, אבריקאסען, גראנאטען א. ד. ג. אין די ערשטע דריי פערטעל פון 19טען יאָהרהונדערט איז יפו געוואקסען זעהר פּאַ־ מעליך. אין 1810 האָט זי געצעהלט ארום 3.000 איינוואוינער, אין 1843 — 5.000, אין 1876 — 8.000. אין די לעצטע פערציג יאָהר, זינט ס'האָט זיך אנגעהויבען די נייע אידישע איינוואנדערונג און ס'זיינען געגרינדעט געוואָרען נעבען יפו די ערשטע

וואוקס פון יישוב.



בילד 30
אראבישער באזאר אין יפו.

קאָלאָניעס, האָט די שטאָדט אנגעהויבען זעהר שנעל צו וואקסען און די בעפעלקערונג האָט זיך פערגרעסערט אויף 4—5 מאָל. אין 1880 האָט יפו געצעהלט אונגעפעהר 10.000 איינוואוינער, אין 1895 (לונץ—לוח א"י) — 18.000, און אין 1913 — 40.000 — 45.000 (10.000 אידען, 10.000 קריסטען, די איבריגע מוסלימער).

מאדערנע יפו.

די איצטיגע יפו קאן איינגעטיילט ווערען אין צוויי הויפט־טיילען: די אלטע שטאדט אין זידען, נעבען דעם „גומרוק“ (טאמאזשניע), וואס איז אויסגעבויט אויף א פעלזיג בערגעל ביים ברעג ים, מיט ענגע, קרומע און שמוציגע געסלעך אויפ'ן אריענטאלישען שטייגער, און די נייע שטאדט אין צפון און מזרח, מיט מעהר ברייטע און גלייכע גאסען. מיט דער אויסנאהם פון ירושלם, וואו א דאנק דער וואקסענדער אידישער איינוואנדערונג און דעם גרויסען שטראם פון חלוקה־געלדער און אנדערע וואהלטעטיגע פאנדען ווערען אויסגעבויט נייע שבונות (שטאדט־פערטלען) איינע נאך די אנדערע, האט יפו צו פערצייכנען די אינטענסיווסטע בוי־טעטיגקייט אין לאנד און די שנעלסטע אויסברייטונג פון דעם שטאדישען שטח. די דייטשע קאלאניע, וואס איז בשעת איהר גרינדונג (1869) געווען אויסער דער שטאדט, איז שוין איצט א אינגערליכער טייל פון יפו, און די אידישע קווארטאלען נוה־שלום, נוה־צדק און די נייע מוסטערהאפטע פארשטאדט תל־אביב — די שענסטע ניט נור אין יפו, נאר אין גאנצען לאנד — פערשפרייטען זיך דארט, וואו מיט איניגע צעהנדליג יאהר צוריק איז געווען ניט מעהר ווי א זאמדיגע וויסטעניש.

ארום דער שטאדט, אויף א שטח פון עטליכע מייל ציהען זיך די אראנזש־גערטנער וואס זיינען בעריהמט מיט זייערע פרוכטען אין אלע וועלט־טיילען. הגם דער ארומיגער באדען איז א זאמדיגער צייכענט ער זיך אויס מיט אן אויסערגעוועהנליכער פרוכטבארקייט, א דאנק די רייכקייט פון וואסער וואס פליסט דא אויף טריט און שריט. אפילו הארט נעבען ים געפינט זיך דא זיסע וואסער נאהענט צו דער אויבערפלעכע, און דער בעוואסערטער באדען גיט ארויס ביי די קלענסטע אנשטרענגונג די רייכסטע פרוכטען און גרינסען.

די דאזיגע גערטנער און דער האפען — זיינען די הויפט קוואלען פון יפו'ס רייכטום. דער יפו'ר פארט בעדיענט איצט ניט בלויז ירושלם, ווי אין שלמה'ס צייטען, נאר דאס גאנצע לאנד, פון ביידע זייטען ירדן, און דער גרעסטער טייל פון פאלעסטינער עקספארט און אימפארט געהט דורך יפו. דא שטייגען אויס די טויזענדער טוריסטען און פילגרימען וואס קומען יעהרליך בעזוכען דאס לאנד, און אויף די אידישע איינוואנדערער געהען מייסטענס אראפ אין יפו. און דער שיפס, פערזאנען און האנדעלס־פערקעהר פון יפו פערנעהמט דעריבער דעם ערשטען פלאץ צווישען די פאלעסטינישע פארטען.

אין יפו קומען אריין האנדעלס־ און פאסאזשיר־שיפען פון ענגלאנד, רוסלאנד, עסטרייך, פראנקרייך, איטאליע, דייטשלאנד, גריכענלאנד און מצרים. די שיפס־בעוועגונג איז פאר די לעצטע צעהן יאהר כמעט פערדאפעלט געווארען.

שיפסבעוועגונג אין יפו.

יאהר	דאמפשיפען	טאן	זעגעלשיפען	טאן	יאהר	דאמפשיפען	טאן	זעגעלשיפען	טאן
1902	330	503.926	285	11.161	1908	672	1.014.557	531	21.815
1903	425	576.820	340	12.429	1909	744	1.154.771	482	15.648
1904	489	704.936	409	13.711	1910	707	1.115.391	807	21.379
1905	545	803.325	426	15.653	1911	633	1.025.461	756	23.630
1906	602	907.680	522	18.277	1912	587	1.014.084	565	12.079
1907	611	912.076	398	16.885	1913	665	1.160.315	676	16.166

דער ריקגאנג פון 1911—1912 איז פעראורזאכט געווארען דורך דעם טריפאלי־טאנישען קריעג, וואס האט געשטערט די איטאליענישע שיפען צו בעזוכען די טערקי־שע פארטען. די איינטיילונג פון די שיפען לויט די לענדער פון וואנען זיי קומען איז אין 1913 געווען ווי פאלגט:

	שיפען	טאן		שיפען	טאן
ענגלאנד — — —	170	270.361	דייטשלאנד — —	48	78.656
עסטרייך — — —	118	228.456	אמעריקא — — —	28	19.064
רוסלאנד — — —	130	212.469	טערקיי — — —	3	1.065
פראנקרייך — —	77	213.202	פערשידענע — —	30	32.777
איטאליע — — —	61	104.265	סך הכל — — —	665	1.160.315

דער וואוקס פון דער שיפס־בעוועגונג אין יפו איז א רעזולטאט פון דעם וואק־סענדען אימפארט און עקספארט פון לאנד און פון שטייגענדען שטראם פון אימיגראנ־טען (הויפטזעכליך אידישע), טוריסטען און פילגרימען.

(וועגען דעם אויסווערטיגען האנדעל פון יפו זעה „עקספארט און אימפארט", זייט 202—206).

א וויכטיגער פאקטאר אין דער עקאנאמישער אויפבליהונג פון יפו איז געווען די יפו־ירושלם אייזענבאהן (87 קילאמעטער), וואס איז אויסגעבויט געווארען אין 1892 דורך א פראנצויזישער קאמפאניע. די באהן־ליניע פערבינדעט יפו מיט לוד, רמלה און ירושלם, אויך די וויכטיגסטע אידישע קאלאניעס אין יהודה: מקוה ישראל, ראשון לציון, רחובות, בן שמן, חולדה, כפר אוריה, ארטוף, מוצא, געפינען זיך אין דער נאכבארשאפט פון דער ליניע.

די אנדערע שטעדט וואס בענוצען דעם יפו'ר פארט — עזה, חברון, בית לחם, שכם, סאלט, כרך — ליידען נאך אלץ פון מאנגעל אין פערקעהרס־מיטלען. נאר צווישען יפו—שכם איז פאראן א שאסע, און אויך דער געפינט זיך אין אזא צושטאנד, אז די וואגענס מוזען מעהר פאהרען איבער די פעלדער, אום אויסצומיידען די גריבער און לעכער פון שאסע. דער טראנספארט צווישען יפו און די איבריגע שטעדט (חברון, עזה, סאלט, כרך) קומט הויפטזעכליך פאר אויף גמלים, וואס קאסט נאטירליך זעהר טייער און דויערט לאנג.

דער מאנגעל פון פערקעהרס־ און טראנספארט־מיטלען שטעלט אין געפאהר די ווייטערע ענטוויקלונג פון יפו אלס צענטראלער פארט פון לאנד. אין די לעצטע יאהרען האט חיפה אנגעהויבען שטארק צו קאנקורירען מיט יפו אין דעם הינזיכט, א דאנק איהר מעהר ענטוויקעלטע און ברייטע אייזענבאהן ליניע וואס פערבינדעט זי מיט עבר הירדן (זעה „חיפה"). דערצו איז דער חיפה'ר האפען פון דער נאטור בעסער פאר דעם יפו'ר. ווי אין די אוראלטע צייטען ציהט זיך ביי דעם ברעג פון יפו א רייהע פון גרויסע פעלזען וואס שטארען ארויס פון ים און פערשטעלען דעם צוגאנג צו דער יבשה. די פעלזען זיינען זעהר נאהענט איינער צום צווייטען, און נור אין איינינע ערטער קאן א קליין שיפעל דורכגעהן מיט גרויס מיה. די ברויזענדע כוואליעס וואס שמייסען אונאויפהערליך די פעלזען מאכען די נאוויגאציע אין דעם ארט זעהר גע־פעהרליך: שיפען מוזען זיך אבשטעלען אויף א היבשען שטח פון דער ווייטענס, און אין שטורמדיגען וועטער, בעזונדערס אין די רעגען־צייט (וואס פאלט דא אויס

אין ווינטער) קאנען אפטמאל די שיפען וואכען לאנג ניט אראבלאזען דעם אנקער ביי די ברעגעס פון יפו*).

און ווען טראץ די שוועריגקייטען און שלעכטען צושטאנד פון פארט, איז יפו נאך אלץ דער וויכטיגסטער האנדעלס־צענטער אין לאנד — איז דאס א דאנק די צאהלרייכע אראנזשען־גערטנער ארום דער שטאדט און די אידישע קאלאניעס אין יהודה, וואס פראדוצירען הויפטזעכליך פאר'ן אויסלענדישען מארק און עקספארטירען זייער גוטס — די פרוכטען און פראדוקטען פון די פרוכטען. אראנזשען, וויין, מאנדלען, אויל און זייף—דורך יפו, וואס איז פאר זיי דער נעהנסטער פארט. דעסטגלייכען ירושלים וואס נעהמט צו בערך 60 פראצ. פון דעם גאנצען אימפארט פון יפו, וועט וואהרשיינליך אויך אין דער צוקונפט זיך בענוצען מיט יפו, וואס איז איהר אם נאהענסטען. דאס גאראנטירט די צוקונפט פון יפו'ר פארט, און הגם חיפה האט מעהר שאנסען צוליעב איהר צענטראלע לאגע און פון נאטור בעשיצטען האפען צו ווערען מיט דער צייט דער הויפט־פארט פון לאנד, וועט יפו אויך ווייטער אהן צווייפעל שפיעלען א וויכטיגע ראלע אלס דער פארט פון דער הויפט־שטאדט און פון גאנץ דרום ארץ ישראל.

אויסער דעם האנדעל האט יפו צו פערצייכענען אויך די גרעסטע אינדוסטריעלע טעטיגקייט אין לאנד. דא געפינען זיך 2 מאשינען־פאבריקען, א אידישע און א דייטשע, וואס בעשעפטיגען זיך הויפטזעכליך מיט איינשטעלען מאטארען און איינריכטען ברונעמס אין די „ביארעס" (אראנזש־גערטנער), צוויי צעמענט שטיינפאבריקען, וואס פראדוצירען בוי־מאטעריאלען פאר הייזער, 4 מעכאנישע ווערקשטאטען [אינדוסטריע]
(אידישע), 12 זייף פאבריקען, 10 דאמפף מיהלען (4 אידישע, 4 דייטשע), 1 ביער־ברויעריי (דייטשע), וואס פראדוצירט נור פאר'ן ארטיגען געברויך, 1 מאקארענען פאבריק, 1 קראכמאל פאבריק, 2 אייז פאבריקען, 1 מעכאנישע טישלעריי (אידישע) וואס פאבריצירט קעסטלעך צו פאקען אראנזשען און 1 באנבאנען־פאבריק (אידישע). א חוץ דעם זיינען דא פערטראטען אלערליי האנדווערקער אין א גרעסערע צאהל (קיין גענויע סטאטיסטיק איז ניטא) — טישלער, שמידען, שניידער, בוך־בינדער, שוסטער, גארבערס, שטיינטעשער, מויערער. די בוי־אינדוסטריע און דער פארט בעשעפטיגען א גרויסע צאהל אונקוואליפיצירטע ארבייטער: אלס טרעגער (אטאלען) און זאמד־ארבייטער, ד. ה. ארבייטער וואס גלייכען אויס די זאמדיגע טאלען און בערגלעך ארום דער שטאדט, וואו ס'ווערען דורכגעלעגט נייע גאסען.

פונקט ווי יפו איז קאמערציעל און אינדוסטריעל די ענטוויקעלסטע שטאדט אין לאנד, אזוי איז דער יפו'ר דיסטריקט דער רייכסטער און קולטיווירטסטער געגענד אין גאנץ ארץ ישראל. יפו איז ארמיניסטראטיוו דער צענטער פון איינע פון די זעקס קאדא'ס פון ירושלים'ער סאנדזשאק. דער יפו'ר דיסטריקט פערנעמט א שטח פון

*) די פראגע פון בויען א האפען אין יפו איז פיעל מאל אויפגעהויבען געווארען סיי ביי דער רעגירונג, סיי ביי אויסלענדישע קאפיטאליסטען. לעצטענס (אין 1912) האט די געזעלשאפט, צו וועלכער עס געהערט די יפו־ירושלים אייזענבאהן, פערהאנדעלט מיט דער רעגירונג וועגען א קאנצעסיע צו בויען א האפען. דערביי האט זי פערלאנגט געוויסע בעדינגונגען בנוגע דער צובויאונג פון נייע אייזענבאהן ליניען וואס זאלען פערבינדען דעם יפו'ר פארט מיט די וויכטיגע פונקטען אין לאנד. די רעגירונג אבער איז מעהר גענייגט צו געבען דעם פארצוג פון הויפט־פארט אין לאנד די מעהר נאטירליכע חיפה, וואס דיענט אלס אויסגאנגס־פונקט פאר דער טערקישער חעדזשאס־באהן, און די פערהאנדלונגען האבען זיך מיט גאר ניט געענדיגט. דער האפענבוי אין יפו איז נאך אלץ געבליבען א זאך פון דער צוקונפט.

אונגעפעהר 1,000 קוואדראט קילאמעטער, אויף וועלכע ס'געפינען זיך 55 אראבייטע דערפער, 14 אידישע און 3 דייטשע קאלאניעס.

צו יפו'ער קאדע געהערען אויך די צוויי שטעדט לוד און רמלה. די לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג פון דער קאדא איז אונגעפעהר 30.000, דערונטער 7,000 אידען און 460 דייטשען. דער באדען פון דעם ראיאן געהערט צו די וואסער־רייכסטע און פרוכטבארסטע אין גאנץ ארץ ישראל און די בעסטע פרוכטגערטנער פון לאנד — אראנזשען, מאנדלען, זיתים, וויינשטאק — זיינען דא קאנצענטרירט. ארום יפו אליין זיינען פערפלאנצט בערך 1.000 ביארעס (אראנזשען־גערטנער), ארום לוד און רמלה געפינען זיך גרויסע אליוועז־גערטנער, און די פלאנטאציעס פון די אידישע קאלאניעס — די כרמים און פרדסים פון פתח־תקוה, ראשון לציון, רחובות, נס־ציונה, מקוה־ישראל, בן־שמן, חולדה, באר־יעקב, עין גנים און אנדערע, — זיינען די בעסטע אין גאנץ ארץ ישראל.

דא געפינען זיך אויך די גרויסע אידישע וויין־קעלערען מיט דעם צענטער אין ראשון לציון וועלכע פראדוצירען 90 פראצענט פון דעם גאנצען וויין וואס ווערט עקספארטירט אין אויסלאנד. דער יעהרליכער עקספארט אין אראנזשען, וויין און מאנדלען פון יפו'ר דיסטריקט בעטרעפט די סומע פון אכט מיט א האלבען מיליאן פראנק, אין דעם בעטייליגען זיך די אידישע קאלאניעס מיט בערך דריי מיליאן פראנק.

אבער אויך אין דעם נאטור־רייכען און אין פערגלייך מיט אנדערע ערטער אין לאנד, ענטוויקעלטסטען געגענד פון ארץ ישראל, ווערט פארלויפיג נור זעהר א קלייגער טייל פון די נאטירליכע אוצרות אויסגענוצט און צוועקמעסיג עקספלואטירט. דער יפו'ר ראיאן וואס בעשטעהט פון זידליכע שרון־טאל איז כמעט דורכאויס פלאכלאנד, און קאן לייכט אין גאנצען בעוואסערט ווערען. א חוץ דער רייכקייט פון אונטערערדישע וואסער, וואס געפינט זיך דא אין די אויבערפלעכליכע שיכטען פון באדען, פערמאגט דיזער דיסטריקט א גרויסען אוצר פון טייך־וואסער; 10 קילאמעטער נארדליך פון יפו פאלט ארייז אין ים דער טייך עוג'ה (מי־הירקון), דער צווייטער טייך אין ארץ ישראל לויט זיין גרויס, וואס קען בעזארגען די שטאדט מיט עלעקטרישע קראפט און בעוואסערען די גאנצע אומגעבונג. לויט די אויסרעכנונג פון פאך־מענער איז די עוג'ה אומשטאנד צו בעוואסערען איבער 600.000 דונאם לאנד — ד. ה. 20 מאל אזוי פיעל ווי דער שטח ביארעס וואס ווערט איצט בעוואסערט אין יפו'ר דיסטריקט.

א אידישע בעוואסערונגס־געזעלשאפט האט מיט עטליכע יאהר צוריק איינגעריכטעט נעבען די קוואלען פון דער עוג'ה א פאמפע וואס ווערט בעטריבען מיט א זויג־גאז־מאטאר פון 80 פערד־קראפט, און האט דורכגעלעגט אויף א שטרעקע פון עטליכע קילאמעטער רעהרען צו בעוואסערען די אידישע פרדסים אין פתח־תקוה; דערמיט ווערען פערשפארט די גרויסע הוצאות פון איינצעלנע ברונימס. די ווייטערע פערברייטונג פון אזעלכע אונטערנעמונגען וועלען געבען א געוואלדיגען אנשטויס דער ענטוויקלונג פון אינטענסיווער פלאנצונגס־ווירטשאפט אין דעם גאנצען געגענד. דערווייל אבער ווערען די אונשאצבארע קרעפטען פון דער עוג'ה פערנאכלעסיגקייט מחמת פאליטישע שטערונגען.

א פראיעקט וואס איז פארגעשלאגען געווארען דער רעגיערונג פאר א ברייטע עקספלואטאציע פון דעם טייך צוליעב עלעקטרישע קראפט־בעזארגונג און פלאנמעסיגע

אירינאציע פון דעם גאנצען ראיאן — איז צוריקגעוויזען געווארען, און די וואסערען פון דער עוג'ה פליסען נוצלאז אין ים ווי מיט טויזענדער יאהרען צוריק.

אין דרום זייט פון יפו ציהען זיך אויף א לאנגע שטרעקע גרויסע זאמד־דיונעס, וואס דערגרייכען אין איינינע ערטער 3—4 מיילען אין דער ברייט. אין פערלויף פון דער הונדערטיעהריגער פערנאכלעסיגונג האבען זיך די זאמדען פון ים פראנק און פריי אלין ווייטער און ווייטער אריינגערוקט אין לאנד און פערשאטען די רייכע, פרוכטבארע באדענס פון ברעג. אין די גאר אלטע צייטען זיינען די זאמדען דא ניט געווען, און דער גאנצער ברעג איז געווען הויך קולטיווירט. די געגענד ארום יבנה (ניט ווייט פון די אידישע קאלאניעס ראשון לציון און רחובות) איז לויט דער עדות פון גריכישען געאגראף כטראבא, וואס האט געלעבט אין לעצטען יאהרהונדערט פאר'ן חורבן בית שני, געווען אזוי געדיכט בעפעלקערט, אז דער ארט אליין האט געקאנט ארויכשטעלען 40.000 כאלדאטען, וואס מיינט א יישוב פון 3—400.000 מאן. איצט איז דארט קוים פאראן א דרייסיגסטעל דערפון.

אין דער אלגעמיינער אבגעשטאנענקייט פון לאנד האט יפו מיט איהר סביבה צו פערצייכענען פאר די לעצטע 40 יאהרען א גרויסען פראגרעס אויף אלע געביטען: אין האנדעל, אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט. די נייע איינגעוואנדערטע עלעמענטען, הויפטזעכליך אידען, צו טייל אויך דייטשען, מיט זייער קאפיטאל, אונטערנעמונגס־גייסט און מאדערנע ארבייטס־מעטאדען האבען דעם פראגרעס געשאפען. עס איז אבער נאך מעהר ווי אן אנהויב ניט געמאכט געווארען. פאר דער פולער ענטוויקלונג און רעאליזירונג פון די עקאנאמישע מעגליכקייטען וואס ליגען דא פארבארגען זיינען נאך נויטיג נייע קרעפטען און נייע מיטלען. די אויפבויאונג פון א האפען אין יפו, די אויסברייטונג פון דער אייזענבאהן ליניע, די עקספלואטאציע פון די וואסער קרעפטען צוליעב אינדוסטריעלע און אגרארע אונטערנעהמונגען, די בעפלאנצונג פון די דיונעס מיט וועלדער און די ווייטערע אינטערנסיווירונג פון דער לאנדווירטשאפט — דאס זיינען זאכען וואס דארפען נאך דורכגעפיהרט ווערען אין דער צוקונפט, און וואס וועלען פאדערען פיעל נייע ארבייט־מיה און קאפיטאלען.

לוד.

צווישען רייכע אליווען־גערטנער אין זידליכען שרון, צו מזרח זייט פון יפו, אין צענטער פון די אידישע קאלאניעס פון יהודה, ליעגט דאס שטעדטעל לוד, די ביבלישע לד.

לויט די ביבלישע ערצעהלונג, איז לוד אויפגעבויט געווארען דורך אלפעל פון שבט בנימין, און הגם זי האט זיך געפונען אין דער נחלה פון שבט דן, האט זי בעלאנגט צום שבט בנימין (דברי־הימים א' ח' 12). זי ווערט ניט דערמאהנט צווישען די שטעדט, וואס יהושע האט איינגענומען און פערטיילט, אבער לויט א תלמודישער טראדיציע האט זי שוין עקזיסטירט אין יענער צייט, און צוזאמען מיט אונו און גיא־החרשים איז זי בעפעסטיגט געווארען דורך יהושע, נאר אין דער מלחמה פון פלגש־בגבעה איז זי צושטערט געווארען, און אלפעל האט זי ווידער אויפגעבויט, און שפעטער האט זי אסא מלך יהודה בעפעסטיגט (מגילה ד'). די מאדערנע ארכעאלאגישע פארשונגען האבען געוויסערמאכען בעשטעטיגט די דאזיגע טראדיציע פון תלמוד. אין דעם אויפשריפט פון קארנאק אין מצרים ווערען דערמאהנט לוד און אונו צווישען די שטעדט, וואס טאטמעס דער דריטער (אין 16־טען יאהר־הונדערט פאר'ן איראפעאישען צייט־ אורשפרונג.

רעכענונג, ד. ה. העכער הונדערט יאָהר פאר דער אידישער איינוואַנדערונג) האָט איינ־גענומען אין א"י. פון דעם איז אַלזאָ קלאָהר, אַז לוד האָט שוין עקזיסטירט אין יהושע בן נון'ס צייטען.

אין צייט פון בית שני.

נאָך גלות־בבל האָבען 725 מאַן פון שבט בנימין*) צוריק אומגעקעהרט אין זרבבל'ס צייטען אין זייערע היימען אין לוד, חדיד און אונו (עזרא ב' 33, נחמיה י"א 35). אין די צייטען פון די חשמונאים האָט דעמעטריוס ניקאַטאָר אָבגעריסען לוד פון שומרון און איבערגעגעבען זי, אַלס טייל פון יהודה, אין רשות פון יונתן החשמונאי. ווי עס ווערט דערצעהלט אין א בריעף פון דעמעטריוס צו לאַסטענעס (חשמונאים א' י"א 34, קדמוניות 13, 4, 9).

נאָך דעם טויט פון יוליוס קיסר (צעזאר — 44 פאר קריסטוס) איז קאַסיוס, איינער פון די קאָנספּיראַטאָרס און רוצחים פון צעזאַרען, געקומען פון רום אין סוריה און האָט אָנגעהויבען אונטערדריקען יהודה, פאָדערענדיג גרויסע טאַקסעס. די שטעדט, וואָס האָבען ניט געקענט בעצאָהלען די שווערע שטייערען, זיינען פערשקלאַפט געוואָרען. דאָס האָט געטראָפען מיט די צוויי גרויסע שטעדט גופנא און עמוס און די צוויי קלענערע לוד און תמנה (קדמוניות 14, 11, 2). ווען אַנטאָניוס האָט בעזיעגט קאַסיוס'ען, האָט ער בעפרייט די אידען פון לוד און די אנדערע שטעדט, און האָט זיי אומגעקעהרט צו זייערע היימען (קדמוניות 14, 12, 2). ווען דער רוימישער פּראָ־קאָנסול געסטיוס גאַלוס האָט געמאַרשירט פון קיסריה געגען ירושלים, איז ער פון אנטיפאטרים אריין אין לוד. די גרעסטע טייל איינוואוינער זיינען דאַן געווען אין ירושלים אלס עולי־רגל צו יום טוב. גאַלוס האָט אויסגע'הרג'עט די וואָס זיינען געבליבען און האָט פערברענט די שטאָדט (מלחמות 2, 19, 1). פון דאָרט איז ער אַוועק אין ירושלים. די שטאָדט איז אָבער צוריק אויפ־געבויט געוואָרען, און אין די צייטען פון חורבן איז לוד געווען פון די עלף הויפּט־שטעדט פון יהודה (מלחמות 3, 3, 5). פאר דער בעלאַגערונג פון ירושלים איז לוד צוזאַמען מיט אנדערע שטעדט פון יהודה אריינגעפאַלען אין די הענט פון אספּסינוס (מלחמות 4, 8, 1).

נאכ'ן חורבן.

נאָך דעם פאַל פון ירושלים און דעם חורבן פון בית־המקדש איז לוד געוואָרען פון די וויכטיגסטע אידישע צענטרען אין א"י. נאָך פאר'ן חורבן זיינען אין לוד געווען אידישע חכמים (ירושלמי סנהדרין), אָבער אַ גרויסער צענטער פון תורה איז זי ערשט געוואָרען אין די צייטען פון רבי אליעזר בן הורקנוס, דעם תלמיד פון רבי יוחנן בן זכאי. דער בית־מדרש פון רבי אליעזר האָט זיך געפונען אויף דעם אָרט, וואו ס'איז געווען די אַרענא פאר פערד־רייטער, און רבי יהושע האָט געקושט דעם שטיין, אויף וועלכען רבי אליעזר איז געזעסען און געלערענט תורה, און האָט געזאָגט : דער שטיין איז גלייך צום בארג סיני, און דער וואָס זיצט אויף איהם—צום ארון הברית (מדרש רבא, שיר השירים א'). די וויכטיגקייט פון לוד איז דאַמאָלסט געווען אזוי גרויס, אז די שטאָדט האָט זיך ביי אידען גערעכענט אַלס די צווייטע צו ירושלים (פּסיקתא רבתי ח'). דער בית־דין פון רבי אליעזר אין לוד איז פערעכענט געוואָרען צווישען די בעסטע בתי־דינים פון אידען (סנהדרין ל"ב). אַ חוץ רבי אליעזר האָבען זיך געפונען אין לוד אנדערע גרויסע חכמים, ווי רבי טרפון, און אויך רבי עקיבא האָט דאָרט געוואוינט פון צייט צו צייט. ווען די חכמים האָבען אריינגעלעגט רבי אליעזר אין חרם צוליעב

*) 721 לויט נחמיה ז' 37.

צענטר פון תורה.

זיין עקשנות און האלטען זיך ביי זיין מיינונג געגען אלע אנדערע חכמים, האט ער מיט טרעהרען אין די אויגען מקבל געווען די גזרה פון זיינע חברים. ער האט פערלאזט זיין בית המדרש אין לוד און איז אוועק אין קסריה, אין גליל העליון. בשעת די גזרות און רדיפות פון אדרינוס קיסר, נאכ'ן חורבן פון ביתר (135), האבע די חכמים אנגענומען אין לוד די וויכטיגע תקנה, אז אויף אלע עברות פון דער תורה מעג מען עובר זיין, אום ניט גע'הרג'עט צו ווערען, א חוץ עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכות דמים, פאר וועלכע מ'דארף זיך מוסר נפש זיין. די תקנה איז אנגענומען געווארען אין דער „עליה" פון בית־נתזה אין לוד, אין דער אנוועזענהייט פון רבי עקיבא, רבי טרפון, רבי יוסי הגלילי און אנדערע (קדושין מ', סנהדרין ע"ד, ירושלמי, שביעית ד'). אין די פערפאלגונגען פון די רוימער געגען די אידען אין א"י נאכ'ן חורבן, בעזונדערס אין די צייטען פון בר־כוכבא, האט לוד אויך געליטען, און צווישען די הרוגי מלכות זיינען געווען אויך די הרוגי לוד. צווישען די לעצטע זיינען בעריהמט צוויי ברידער, וואס האבען זיך מוסר נפש געווען, כדי צו ראטעווען די אידישע קהלה אין לוד, וועלכע מ'האט חושד געווען אין דער הריגה פון א רוימישע פרינצעסין, און די צוויי ברידער האבען גענומען די שולד אויף זיך און זיינען דערפאר אומגעקומען (תענית י"ח, בבא בתרא י').

ווען די סנהדרין איז אריבער פון יהודה אין גליל, האט לוד א סך פערלארען פון איהר וויכטיגקייט; די צענטרען פון די חכמים זיינען געווען אין צפורי, אושא, שפרעם און טבריה, אבער נאך אפילו אין די שפעטערדיגע צייטען—נאך דעם טויט פון רבי יהודה הנשיא — האט זיך אין לוד געפונען א וויכטיגע ישיבה אונטער דער פיה־דערשאפט פון רבי יהושע בן לוי, דער גרעסטער געלערנטער אין זיין צייט, לויט וועמענס מיינונג ווערט גע'פסק'ענט די הלכה אפילו ווען דאס איז געגען די מיינונג פון אזעלכע חכמים ווי רבי יוחנן און ריש לקיש. אין אלגעמיין אבער האט שוין לוד געהאלטען אין אונטערגעהן אלס אידישער צענטער, און די איינוואוינער פון לוד האבען געהאט א שלעכטען נאמען ביי די גליל'ער, וואס האבען זיי גערופען „גסי־רוח ומעוטי תורה".

ירידה.

צוליעב די רדיפות האט לוד דערגראדירט ניט נאר קולטורעל, נאר אויך מאטעריעל. פריהער איז לוד בעריהמט געווען מיט איהר האנדעל („תגרי לוד" ווערען אפט דער־מאהנט אין תלמוד) און מיט פרוכטבארע אומגעבונג. רבי יעקב בן דוסתאי דערצעהלט, אז ווען ער איז געגאנגען פון לוד אין אונו האבען זיינע פיס א גאנצען וועג געזונקען אין האניג פון פייגען, ד. ה. אז ארום לוד האבען זיך געפונען גרויסע פייגען־גערטנער. שפעטער אבער איז די שטאדט פערארעמט געווארען און מ'האט געזאגט, אז פון די צעהן מאס ארעמקייט, וואס זיינען אראב אויף דער וועלט, האט לוד גענומען ניין (מדרש אסתר א'). אין פיערטען יאהר־הונדערט, אונטער דעם רוימישען קיסר קאנ־סטאנציוס (350) זיינען די פערפאלגונגען געגען אידען אין א"י געווארען אזוי אונ־ערטרעגליך, אז זיי האבען זיך ווידער אמאל געמוזט נעהמען פאר'ן געוועהר. דער צענטער פון נייעם אויפשטאנד איז געווען אין צפורי (גליל התחתון), אבער אויך לוד האט זיך דערינען בעטייליגט. די אידען האבען זיך נוקם געווען אין זייערע פיינד, אבער די נייע לעגיאנען, וואס זיינען געקומען פון רוים, האבען דערשטיקט דעם אויפ־שטאנד. צפורי איז חרוב געווארען און לוד און אנדערע שטעדט האבען אויך שטארק געליטען.

די צאהל פון די אידען אין לוד איז געווארען אלץ ווייניגער, און פערקעהרט, די צאהל פון די קריסטען, וואס האבען זיך דא בעזעצט אין דריטען יאהר־הונדערט, אלץ מעהר. אין פיערטען יאהרהונדערט איז שוין לוד געווארען די רעזידענץ פון א קריסטליכען בישאף, און דאס קריסטענטהום האט פערנומען דאס פלאץ פון אידענטהום אין לוד, אום אין דריי הונדערט יאהר שפעטער ארויסגעשטויסען צו ווערען דורך דעם איסלאם. פון לוד איז געווארען דיאספאליס (ד. ה. די שטאדט פון גאט). ווי די גריכען, רוימער און קריסטען האבען גערופען די שטאדט. דער דאזיגער נאמען געפינט זיך אויף מטבעות, וואס זיינען געגאסען געווארען אין די צייטען פון סעפטימוס סעווערוס (193—211) און קאראקאלא (211—217*). אויך אייסעביוס און הערא־ניר מוס דערמאהנען שוין דעם נאמען דיאספאלים. ביי דער בעפעלקערונג איז אבער פערבליבען דער אלטער נאמען, דער אידישער, און נאך דעם, ווי די שטאדט איז אריינגעפאלען צו די מוסלימער, איז דער גריכישער נאמען פערגעסען געווארען, און עד היום רופט זיך די שטאדט ביים נאמען לוד (ווי אין תלמוד, און ניט לד ווי אין תנ"ך).

ביי די קריסטען איז לוד בעריהמט אלס דער לעגענדארישער געבורטס־ארט פון היילינען געארג, וועלכער האט געליטען מארטירערטהום אם ענדע פון דריטען יאהר־הונדערט אונטער די קיסרים דיאקלעציאן און מאקסימיאן. לכבוד דעם היילינען האבען די קריסטען אין זעקסטען יאהר־הונדערט אויפגעבויט אין לוד א קירכע, וואס איז שפעטער צושטערט געווארען דורך די פרסים. די קירכע איז אייניגע מאל צוריק אויפגעבויט געווארען און דערנאך צושטערט געווארען דורך די מוסלימער. די איצטיגע קירכע פון היילינען געארג בעלאנגט צו די גריכען. לויט דער מוסלימישער טראדיציע האט מחמד ערקלערהט, אז אין דעם „לעצטען טאג“ וועט קריסטוס דערהרג'ענען דעם אנטי־קריסט אין לוד, ביי די טויערען פון געארג'ס קירכע (די טראדיציע ווערט שוין געבראכט ביי מוקדסי אין צעהנטען יאהר־הונדערט).

ווען די אראבער האבען עראבערט א"י, איז לוד געוועזן די הויפט־שטאדט פון זידליכען דיסטריקט, וועלכען זיי האבען גערופען „פיליסטין“. לוד איז דאן געוועזן א בעדייטענדע שטאדט, אבער נאך דעם ווי רמלה איז אויפגעבויט געווארען (716) און דער צענטער איז אריבער אין דער נייער שטאדט — האט לוד אנגעהויבען אונטערציגעהן אלץ מעהר און מעהר. די בעפעלקערונג פון לוד איז אריבער אין רמלה. אין די צייטען פון די נוסעי הצלב האט לוד געליטען דעם זעלבען גורל פון איהר נאהענטע שכנה — רמלה. נאך דעם שלאכט פון חטין איז לוד צוזאמען מיט רמלה אריינגעפאלען אין די הענט פון צלח־אל־דין. אין 1271 האבען די מאנגאלען, וואס האבען געהאלפען דעם ענגלישען פרינץ עדווארד געגען די מוסלימער, חרוב געמאכט די שטאדט.

ווען רבי יצחק חילו איז געוועזן אין א"י (1334), איז לוד געוועזן ניט מעהר ווי א דארף. פון דעמאלסט אן און ווייטער ווערט לוד כמעט ניט דערמאהנט ביי די רייזענדע. ווען וואלני האט בעזוכט א"י, איז לוד געוועזן „א דארף, וואס זעהט אויס ווי ס'וואלט נאר וואס חרוב געווארען דורך שווערד און פייער. פון די הייזקעס פון די איינוואוינער ביז דעם סעראי פון אגא איז אלץ א בארג פון שטויב און חורבות“. ס'איז שוין אבער דעמאלסט געוועזן א וועכענטליכער מארק אין לוד, וואוהין די ארומיגע

---

*) דער נאמען דיאספאלים איז שוין פארהאן ביי יוסף פלאוויוס (מלחמות 1, 6, 4). אבער ווי ראבינסאן האט שוין בעמערקט (ביבלישע פארשונגען 2, 245), בענוצט יוסיפון אויך אן אנדער ארט (קדמוניות 14, 3, 3) פאר דעם זעלבען אינצידענט דעם נאמען דעליוס, און ניט דיאספאלים.

פויערים האבען געבראכט צו פערקויפען אויסגעארבייטע בוימוואהל, וואס איז דעמאלסט קולטיווירט געווארען אין א"י.

ראבינסאן (1838) שרייבט, אז לוד איז א היבש דארף מיט קליינע הייזלעך, עס צייכענט זיך אבער מיט גאר ניט אויס פון אנדערע מוסלימישע דערפער. אין 1851 האט לוד געצעהלט, לויט אפיציעלע אנגאבען, 1.345 מענער, דאס מאכט אויס ארום 4.000 נפשות, אין די דערפער פון לוד — 4.400 מענער אדער 13.200 נפשות. לויט די אנגאבען פון לעווין אין 1869, איז די בעפעלקערונג פון לוד בעשטאנען פון 4.850 מוסלימער, 1.940 גריכען, 55 קאטאליקען, 5 פראטעסטאנטען — בס"ה 6.850 נפשות. אויב די געבראכטע אנגאבען זיינען ריכטיג, הייסט דאס, אז די בעפעלקערונג איז אין פערלויף פון די 18 יאהר פערגרעסערט געווארען מיט 2.850 נפשות, אדער ניט בערך 150 א יאהר (3,75 פראצענט יעהרליך). דער וואוקס האט זיך אבער כמעט גענצליך אבגעשטעלט. אין 1913 האט זיך די איינוואוינערשאפט פון לוד גערעכענט ניט מעהר ווי 7.000, כמעט אזוי פיעל ווי אין 1869.

געגענווארט.



בילד 31

לוד

אויסער קרעמערייי און אלגעמיינע שטאדטישע פראפעסיעס, בעשעפטיגט זיך לוד אויך מיט גערטנעריי, בעזונדערס מיט אליווען פלאנצונגען. די שטאדט האט איניגע פרימיטיווע פאבריקען, וואס פראדוצירען אויל. פון דעם בוימוואהל האנדעל, וואס האט דא עקזיסטירט אין 18-טען יאהר-הונדערט, איז ניט פערבליבען קיין צייכען, זינט די קאטאן פלאנצונג האט אויפגעהערט אין לאנד. די יפו-ירושלים אייזענבאהן געהט פארביי די שטאדט, און לוד איז די ערשטע באהן-סטאנציאן נאך יפו.

1.500 יאהר, נאך דעם ווי דער אידישער ישוב אין לוד איז צושטערט געווארען, זיינען ווידער אמאל אויסגעוואקסען ארום די אמאליגע שטאדט פון בנימין — נייע אידישע ישובים, און אין 1906 איז נעבען לוד געגרינדעט געווארען א פארם פון אידי־

שען נאַציאָנאַל־פאָנד, בן־שמן, מיט אַ מאָדערנע זייף־פאַבריק, און די צאָהל אידען, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט אין דער נייער צייט אין די געגענד פון לוד, איז שוין גרעסער פון די צאָהל אידען, וואָס האָבען זיך אַהין אומגעקעהרט אין די צייטען פון עזרא און נחמיה. און לוד מיט איהר אומגעבונג שטעלט מיט זיך איצט פאָר אַן אונגעוועהנליך בילד פאַר אידען אין אנדערע לענדער: אין שטאָדט גופא וואוינען ניט קיין אידען, נאָר אין דער סביבה זיינען פאַרהאַן הונדערטער אידישע קאָלאָניסטען און ערד־ארבייטער, וואָס קומען פון צייט צו צייט אין שטאָדט צוליעב פערשיעדענע צוועקען, און די ניט־אידישע שטאָדטישע בעפעלקערונג ציהט אַ גרויסען טייל פון איהר חיונה פון די ארומיגע אידישע דערפער.

רמלה.

ניט ווייט פון לוד, עטוואס מעהר זידליך, אויפ׳ן וועג פון יפו נאָך ירושלם שטעהט די מיטעלאָלטערליכע הויפּט־שטאָדט פון א״י — רמלה. דער נאָמען פון דער שטאָדט („רמלה" בעדייט אין אראַביש זאמד) ווי אויך איהר אבשטאמונג זיינען ריין אראבישע. די טראַדיציע אז רמלה איז רמתים צופים (שמואל א׳ א׳ 1) האָט ניט קיין גרונד. אין פערגלייך מיט אנדערע שטעדט אין א״י איז רמלה זעהר א יונגע שטאָדט — זי איז אַלט אין גאַנצען ארום 1200 יאָהר. דער אראבישער היסטאָריקער און געאָגראַף יעקובי, וואָס האָט געלעבט אין 9טען יאָהרהונדערט, דערצעהלט, אז רמלה איז אויפגעבויט געוואָרען דורך חליף סולימאַן, דער זוהן פון עבד אל מליך (ארום 716). פריהער איז לוד געווען די הויפּט־שטאָדט פון דער פּראָווינץ פּילסטין (וואָס ענטשפּרעכט דעם געגענד פון יהודה) אָבער נאָך דעם ווי לוד איז געגאַנגען צו גרונדע זיינען די איינוואוינער אריבער אין רמלה, וואָס איז דאַן געוואָרען די הויפּט־שטאָדט פון פּילסטין. די בעפעלקערונג פון רמלה איז געווען דאַן געמישט פון אַראַבער, גריכען און שומרונים. אויף דעם אָרט וואו די שטאָדט איז געבויט געוואָרען איז פריהער געווען ניט מעהר ווי זאַמדען, און דערפאַר האָט מען די שטאָדט אַ נאָמען געגעבען רמלה.

פון דעם שטח פון די ארומיגע חורבות און פון דער גרויסער צאָהל ציסטערנעס איז קלאָר, אז אין פריהערדיגע צייטען איז רמלה געווען אַ סך גרעסער ווי איצט. און לויט די ערצעהלונגען פון די אראַבישע שרייבער פון 9טען און 10טען יאָהרהונדערט איז די נייע רמלה געווען דאַן אַ רייכע און בליהענדע שטאָדט. „רמלה — זאָגט מקדסי אין 10טען יאָהרהונדערט — איז אַ שעהנע שטאָדט און גוט געבויט. איהר וואַסער איז גוט און פיעל, איהרע פרוכטען זיינען רייכליך. דער האנדעל איז דאָ בליהענד און די מארקעטס זיינען אויסגעצייכענט. די דאָזיגע הויפּטשטאָדט שטעהט צווישען פרוכטבארע פעלדער, און זי בעזיצט פּראַכטפולע גאסטהייזער און פיינע בעדער, געשמאַקע שפּייז און פערשיעדענע געווירצען, געראָומע הייזער, שעהנע מאָשעען און ברייטע וועגען. דאָ וואַקסען פייגען און פּאַלמען, די פעלדער נויטיגען זיך דאָ ניט אין בעוואַסערונג און זיינען פון דער נאַטור רייך און פרוכטבאַר. די הויפּט מאָשעע פון רמלה וואָס הייסט אל אביאד (דער ווייסער) איז אפילו שעהנער און בחנ׳עוודיגער פון דעם מאָשעע אין דמשק". די שטאָדט איז געווען ארומגערינגעלט מיט אַ מויער, און האָט געהאַט 12 טויערען, פון וועלכע מוקדסי רעכענט אויס אכט ביים נאָמען. דער פּרס׳ישער רייזענדער גאַצירי כוזרו האָט בעזוכט רמלה אין 1047 און ער שרייבט אין זיין טאָג בוך: „רמלה איז אַ גרויסע שטאָדט מיט אַ הויכע און דיקע שטיינערנע מויער און מיט אייזערנע טויערען. די שטאָדט פערמאָגט פיעל מאַרמאָר,

גרינדונג.

פריהערדיגע גרויסקייט.

אין די מעהרסטע הייזער און געביידעס זיינען מארמארנע. אין 1033 איז דא פאר־
געקומען א שטארקע ערד־ציטערנייש, און א סך געביידעס זיינען צושטערט געווארען".
עדריסי אין 1150 שרייבט, אז רמלה און ירושלם זיינען די וויכטיגסטע שטעדט אין
ארץ ישראל, און די ערשטע האט א גרויסען האנדעל און הכנסה. ווען די נוסעי־הצלב
זיינען אין 1099 געקומען, אין זייער מארש פון אנטיוכיה אין ירושלם נאך לוד, זיינען
500 ריטערס אונטער דער קאמאנדע פון גראף ראבערט פון פלאנדריע געשיקט געווארען
צו רעקאגנאסצירען די געגענד פון רמלה, און זיי האבען געפונען די טויערען אפען און
די שטאדט פערלאזען פון איהרע איינוואוינער, וועלבע זיינען אנטלאפען נאך אשקלון.
די קריסטליכע ארמעע איז גלייך אנגעקומען אין רמלה און נאך דעם ווי זיי האבען
דארט פערבראכט דריי טעג, און געגרינדעט א בישאפטום, זיינען זיי אויפ'ן פערטען
טאג אוועק נאך ירושלם.

אין 1177 איז די שטאדט אונטערגעצונדען געווארען און האט דערפון שטארק
געליטען. צלח אל־דין האט אין 1178 געליטען א מפלה נעבען רמלה פון דעם קריסט־
ליכען קעניג באלדווין דעם פערטען, אבער נאך דעם ענטשיידענעם קאמפף פון חטין
אין 1187 איז די גאנצע געגענד פון רמלה מיט יפו, אשקלון און ירושלם אריינגעפאלען
אין זיינע הענד. ווען דער ענגלישער ריטשארד (לייב־הארץ) האט זיך אין 1191 דער־
נעהנטערט צו א"י האט צלח־אל־דין בעפוילען צו צושטערען די פעסטונג פון רמלה.
מיט דעם אבמאך וואס איז געשלאסען געווארען אין א יאהר ארום צווישען צלח־אל־דין
און ריטשארדען—איז דאס גאנצע ברעג־לאנד פון צור ביז יפו, און דערונטער א העלפט
פון לוד און רמלה, פערבליבען ביי די קריסטען. אין 1204 האבען זיי איבערגענומען
גאנץ רמלה, און ביז 1266 איז זי פערבליבען אין זייערע הענד. אין דעם לעצטען יאהר
איז די שטאדט ענדליך אבגענומען געווארען פון די פראנקען דורך דעם מצרישען סולטאן
בייבארס. ווען אבן באטוטא האט בעזוכט רמלה (1355) איז זי נאך אלץ געווען א
גרויסע שטאדט. רבי יצחק חילו, דער מחבר פון „שבילי דירושלם„ (1334) שרייבט,
אז רמלה איז היבש בעפעלקערט און האט א בעדייטענדע צאהל אידען, וואס בעשעפ־
טיגען זיך מיט אלערליי מלאכות; איינינגע פון זיי זיינען זעהר רייך, און האבען בוימ־
וואל פאבריקען. אין די לעצטע צוויי יאהרהונדערטען פון דער אראבישער הערשאפט אונטערגאנג.
איז רמלה אלץ מעהר און מעהר געזונקען; אין 1547 האט בעלאן געפונען כמעט א
וויסטע שטאדט. ניט מעהר ווי צוועלף הייזער זיינען נאך געווען בעוואוינט, און די
פעלדער ארום דער שטאדט זיינען כמעט ניט בעארבייט געווארען.

וואלני (1785) בעשרייבט רמלה אזוי: „די שטאדט איז רואינירט כמעט אזוי
ווי לוד, אלץ האלט אין איינפאלען, אפילו דער סעראי פון אגא (גובערנאטאר). ווען
איך האב געפרעגט דעם געהילף פון אגא, פארוואס מען פעררי̈כט ניט דעם סעראי,
האט ער געענטפערט: פעררי̈כטען איז גוט, ווען אבער אין א יאהר ארום וועט א
צווייטער פערנעמען זיין פלאץ — טא ווער וועט איהם אומקעהרען די הוצאות?"
די גערטנער פון איילבירטען ארום דער שטאדט ווערען רואינירט דורך די אונאויפ־
הערליכע מלחמות צווישען די צוויי פארטייען. אין שטאדט וואוינען קוים 200
משפחות. דאס ביסעל בעארבייטע בארדען געהער אין גאנצען צו איינינגע פערזאנען.
די איבריגע בעשעפטיגען זיך מיט שפינען בוימוואל, וואס ווערט פערקויפט צו די
צוויי פראנצויזישע פאבריקאנטען אין רמלה. (ווי מיר האבען געזעהן האט שוין רבי
יצחק חילו אין 14טען יאהרהונדערט דערמאנט די בוימוואל פאבריקען, וואס האבען
דאן בעלאנגט צו אידען). ס'איז אויך פאראן אין רמלה א פאבריק פון זייף, וואס

ווערט עקספארטירט אין מצרים. אין 1784 האָט דער אגאַ דאָ אויפגעשטעלט א ווינדמיל — די איינציגע אין גאנץ סוריה און מצרים.

בעפעלקערונג. ווען ראבינסאָן האָט בעזוכט רמלה (1838) האָט די שטאָדט געצעהלט בערך 3000 נפשות. ביז די אכטציגער יאָהרען האָט זיך די בעפעלקערונג ניט פערגרעסערט. לויט די אנגאבען פון טוירוויט דרייק אין 1872 האָט רמלה געצעהלט 2000 מוסלימער, 500 גריכען, 40 קאטוילִיקען, 30 גלחים, 12 ארמעניער, 2 אידען — בסך הכל 2584 נפשות. לויט די אנגאבען פון ליעווין האָבען זיך דאָן געפונען 3000 מוסלימער, 400 גריכען, 60 קאטויליקען — בס"ה 3460 נפשות. פראָפ. סאָצין גיט אָן די קיילעכדיגע ציפער פון 3000, פון זיי 2000 מוסלימער און 1000 קריסטען. אין דער לעצטער צייט איז די בעפעלקערונג פון רמלה פערהעלטניסמעסיג שטארק אויסגעוואקסען — אין 1912 האָט זיך די בעפעלקערונג פון רמלה גערעכענט בערך 7000 נפשות. די אורזאכען פון דעם



בילד 32


ר מ ל ה

דאָזיגען וואוקס זיינען ערשטענס די יפו־ירושלים אייזענבאהן וואס געהט פערביי רמלה; צווייטענס די אידישע קאָלאָניזאציע. רמלה געפינט זיך אין נאָהענטער שכנות מיט ראשון לציון, רחובות, עקרון, נס ציונה, באר יעקב און בן־שמן.

איצטיגער צושטאנד. דאס רייכטום פון דער איצטיגער רמלה בעשטעהט אין די פראכטפולע גערטנער (פון זיתים) ארום דער שטאָדט. דער באָדען איז זעהר רייך און פרוכטבאר און די גערעטניש איז אויסערגעוועהנליך גוט. אין דער שטאָדט גופא איז ניט פערבליבען קיין שפור פון אמאָליגער גרויסקייט און רייכטום. די בוימוואָל אינדוסטריע פון 14טען און 17טען יאָהרהונדערט עקזיסטירט שוין מעהר ניט, און דער אמאָליגער גרויסער האנדעל פון דער אראביש־פאלעסטינישער הויפטשטאָדט האָט ניט איבערגעלעבט די אראבישע הערשאפט. די איינציגע אינדוסטריע וואס איז פאראן אין רמלה — איז די פרימיטיווע זייפענזידעריי. בכלל בעשעפטיגט זיך די בעפעלקערונג מיט קליין

האנדעל, פערשיעדענע מלאכות און מיט גערטנערײ. א גרויסען טייל פון איהרע הכנסות ציהט די שטאדט פון די רייזענדער, טוריסטען און פילגרימען, וואס פאהרען פערביי רמלה אין זייער וועג פון יפו נאך ירושלם און צוריק.

רמלה איז די רעזידענץ פון א מודיר וואס איז אונטערגעווארפען דעם קיימאקאם אין יפו.



בילד [illegible]

דער טורעם אין רמלה, איז אויפגעבויט אין אנהויב פון 14טען יאהרהונדערט.

דער אינטערעסאנטסטער מאנומענט פון שטאדט איז דער בעוואוסטער „טורם פון רמלה”, אדער ווי די אראבער רופען איהם „מקם אל ארבעין מע'זי” (מאגאזי) — „דער קבר פון די פערציג גבורים”. די הויך פון טורם איז בערך 100 פוס, און דער ארויפגאנג איז אויף 126 שטיינערנע טרעפ. דער טורם שטעהט אין מערב זייט פון רמלה, בערך 10 מינוט גאנג פון שטאדט, אין מיטען די רואינעס פון א פיער קאנטיגער מויער און גרויסע אונטערערדישע קעלערס. אויף דעם פלאץ האט זיך געפונען די „ווייסע

מאַיטעע", וואס דער גרינדער פון רמלה, דער חליף סוליימאן, האָט אויסגעבויט. פון די ג'מיע איז ניט מעהר פערבליבען ווי דער טורם, וואס האָט געדיענט אלס מינארעט. אן אראבישע אויפשריפט אויף דער טהיר פון טורם ענטהאלט דעם דאטום פון 710 נאָך דער הג'ירה, דאס הייסט 1310 לויט דעם אייראָפּעאישען רעכנונג. דער דאטום בעשטעטיגט די ערצעהלונג פון מג'ר א־דין (1495), דער היסטאָריקער פון ירושלם, אז דער טורם איז אויפגעבויט געווארען דורך דעם מצרישען חליף נאסיר מוחמד אבן קאלאוואון (1310).

פון שפּיץ פון טורם ענטפלעקט זיך פאַר'ן צושויער א הערליך בילד. דער גאנצער עמק השרון, פון די הרי יהודה און שומרון ביז'ן ים התיכון, און פון די פיס פון כרמל ביז די דיונעס פון פלשת, מיט די אלע שטעדט און דערפער און אידישע קאָלאָניעס פון יהודה, שפּרייטען זיך אויס אין א פיעל־פארביגע פּאַנאָראַמע: די בלויע בערג, די גרינע פעלדער, די אראנזשען גערטנער פון יפו, די אליווענוועלדער פון לוד און רמלה, די כרמים און פרדסים פון די אידישע קאָלאָניעס און דער אונענדליכער טיעף בלויער ים.

עזה.

צוועלף ענגלישע מייל צו צפון זייט פון דער מצרישער גרעניץ איז ראפא, ניט ווייט פון ברעג ים (בערך א שעה גאנג אָדער 2 ענגלישע מייל), אויף א בערגעל וואס קוקט אריבער איבער דעם פרוכטבארען געגענד פון די אמאָליגע פלשתים, איינגעטונקען אין גערטנער און פרדסים און כרמים שטעהט די אלטע שטאָדט עזה*) („די שטאַרקע") — איינע פון די עלטסטע שטעדט אין ארץ ישראל און אין דער גאנצער וועלט. פון די בעריהמטע פינף פלשתים־שטעדט — אשדוד, אשקלון, גת, עזה און עקרון — איז עזה די איינציגע וועלכער ס'איז געלונגען אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען, טראָץ די צאהלרייכע איבערקערענישען, מלחמות, חורבנות און פערניכטונגען, איינצו־האלטען איהר וויכטיגקייט און בעדייטונג אין לאנד. און נאָך א לאנגער געשיכטע פון גרויסקייט און אונטערגאנג, גלאנץ און פערוויסטונג — פערנעמט איצט עזה לויט איהר עקאָנאָמישער בעדייטונג און דער גרויס פון איהר בעפעלקערונג דעם דריטען אָרט צווישען די שטעדט אין ארץ ישראל**).

עזה איז די ערשטע שטאָדט פון א"י וואס ווערט דערמאנט אין דער תורה (בראשית י' 19); אין די אוראלטע מצרישע שריפטען ווערט זי בעצייכענט מיט'ן נאָמען גאַדאַטאַ, און אין די בריעף פון תל אמרנא (פון 1450 פאַר'ן אייראָפּעאישען צייט־רעכנונג) מיט'ן נאָמען עזתי, אין אשוריש חזיתו. די אוראלטע איינוואוינער פון עזה, די עוים, זיינען ארויסגעשטויסען געווארען דורך די פלשתים וואס זיינען געקומען פון כפתור (דברים ב' 23). די פלשתים זיינען לויט דער מיינונג פון פיעלע געלערנטע, ניט קיין סעמיטען, נור זיי האָבען זיך סעמיטיזירט אין א"י און איבערגע־נומען די שפּראַך און דעם קולט פון כנען. זייער איינוואנדערונג נאָך א"י איז פאַר־

---

*) אין אראביש ווערט די „עין" פון עזה אויסגעשפּראכען העלפּט ווי א "חית" און העלפט ווי א „ריש" אָדער „גימל", און דעריבער הייסט די שטאָדט אין די אייראָפּעאישע שפּראכען „גאזא".

**) פון די אנדערע פיער פלשתים שטעדט איז גת אין גאנצען פערשוואונדען געווארען, און מ'ווייס יעצט אפילו ניט מיט זיכערהייט דעם אָרט וואו זי האָט זיך געפונען, און די איבריגע דריי — אשדוד, אשקלון און עקרון — זיינען איצט ניט מעהר ווי מיזעראבעלע פלה'יישע דערפער. אויף דעם באָדען פון דער לעצטער, וואס רופט זיך אין אראביש עקיר געפינט זיך די אידישע קאָלאָניע עקרון (אָדער ווי זי ווערט אָפיציעל גערופען „מזכרת בתיה").

געקומען ארום דעם יאָהר 1100 פאַר דער אייראָפּעאישער צייטרעכנונג. און עזה איז געוואָרען איינע פון די הויפּט שטעדט פון די דאָזיגע איינוואַנדערער, וואָס האָבען יאָהרען לאַנג געפיהרט א ביטערען קאַמפּף מיט די אידישע איינוואַנדערער, וועלכע זיינען אריינגעקומען אין לאַנד פון מזרח זייט. עזה איז אויסגעפאַלען אויף דעם גורל פון שבט יהודה, אבער דיזער שבט „האָט ניט געקאָנט עראָבערען די איינוואוינער פון טאָל, ווייל זיי האָבען אייזערנע רייט־וועגען" (שופטים א' 19).*)

פּלישתים.

די פינף סרני הפלשתים פון אשדוד, אשקלון, גת, עקרון און עזה האָבען צוריקגעהאַלטען דעם שטראָם פון די אידישע ערהאָבערער, און אָפטמאָל אויך ארויפגעלעגט זייער יאָך אויף די אידען, ווי צ. ב. ש. אין די צייטען פון שמשון. נאָך 40 יאָהר פון אונטערדריקונג איז ערשינען דער גבור פון צרעה, און עזה איז געוועזען דער אָרט וואו דער אידישער העלד האָט בעוויזען זיינע גבורות און וואו ער איז ענדליך אריינגעפאַלען אין די הענד פון זיינע פלשתי'שע פיינד, דורך דעם פעררעט און אינטריגעס פון זיין געליעבטע. אין טעמפּעל דגון אין עזה איז שמשון געפאַלען, נאָך דעם ווי ער האָט אליין געשטירצט די זיילען פון דער געביידע מיט די אונשטערבליכע ווערטער: תמות נפשי עם פלשתים" (שופטים ט"ז). נאָך לאַנגע און ביטערע קעמפּפע מיט די שופטים און די ערשטע צוויי מלכים זיינען די פלשתים ענדליך בעזיעגט געוואָרען דורך דוד'ן, און עזה איז געוואָרען די גרעניץ שטאָדט פון שלמה'ס קעניגרייך (מלכים א', ה' 4). די קומענדע מלכים האָבען אבער ווידער געמוזט קעמפּפען מיט די פלשתים, און עזה וואָס איז ארויס פון אידישען רשות, האָט אנגעטאָן די אידען פיעל צרות און פערקויפט די געפאַנגענע פון יהודה אלס קנעכט צו אדום (עמוס א' 6). דערמיט האָט עזה ארויסגערופען א טיעפען האַס און גרויס ביטערקייט מצד די אידישע נביאים עמוס, צפניה און זכריה, וועלכע האָבען פערשאָלטען די שטאָדט פון די פלשתים**) און נביאות געזאָגט אויף איהר חורבן און פערוויסטונג. פון די אידישע מלכים נאָך שלמה איז נור חזקיה'ן געלונגען צו בעזיעגען די פלשתים ביז נאָך עזה (מל"ב י"ח 8).

געאָגראַפישע לאַגע און סטראַטעגישע וויכטיקייט.

די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון עזה אויף דער גרעניץ פון מצרים און א"י — האָט צוגעגעבען דער שטאָדט פון די פלשתים א בעזונדערע סטראַטעגישע וויכטיגקייט. און אלע מיליטערישע עקספּעדיציעס אויפ'ן וועג פון מצרים אין פאָדער־אזיען און פון פאָדער־אזיען נאָך מצרים האָבען זיך אנגעשטויסען אויף די וויכטיגע גרעניץ שטאָדט צווישען אפריקא און אזיע, און דעריבער איז עזה כסדר איבערגעגאַנגען פון הענד צו הענד. „דער אכט־טאָגיגער מאַרש דורך די זאַמדען פון דער דעלטאַ, פאָדערט, ווען אַן ארמעע געהט מיט דעם וועג קיין סוריה, אז עזה, דער ערשטער אברוה פון דער מדבר, זאָל זיך געפינען אין פריינדליכע הענד, און דערפון שטאַמט די כסדר'דיגע אנשטרענגונג פון מצרים צו בעהערשען די שטאָדט. סיי אין די צייטען פון די פרעה'ס פון 16טען און 14טען יאָהרהונדערטער, סיי אין דער תקופה פון די פּטאָלעמאַידען פון 3טען און 2טען יאָהרהונדערט, געפינען מיר עזה פערנומען אָדער ביטער בעקעמפּפט פון מצרישע מיליטער. אלכסנדר מוקדון און זיין מאַרש נאָך מצרים און נאַפּאָלעאָן אין זיין מאַרש נאָך סוריה, האָבען ביידע געמוזט איינגעהמען צוערשט עזה — די פאָרפּאָסט פון אפריקא, די טהיר פון אזיע" (ג. א. סמיט).

*) מיט א פסוק פריהער ווערט אפילו בעהויפּטעט, אז יהודה האָט יא איינגענומען עזה, („וילכד יהודה את עזה" שופטים א' 18), דאָס שיינט אבער צו זיין א טעות. אין תרגום השבעים („סעפּטואַגינטא") לעזט זיך דער פסוק „און יהודה האָט נ י ט איינגענומען עזה".

**) עמוס א' 6—7: צפניה ב' 4, זכריה ט' 5.

זוי עס דערצעהלט די אויפשריפט אויפ'ן טעמפעל אין קארנאק איז איינער פון די פרעה'ס פון דער 18טער דינאסטיע, דעהוט־מאזיס (טאָמטעס) דער דריטער (1515)
אונטער מצרים
אריינגעדרונגען אין א"י און גלייך אָהן שווערינקייטען איינגענומען עזה, און פון דארט איז ער אוועק ווייטער ביז'ן עמק יזרעאל און האָט נעבען מגדו צושלאָגען די פעראייניגטע כנען'ישע מלכים. זיין נאָכפאָלגער, אמענאפוס דער צווייטער האָט אין עזה אויפגעבויט א טעמפעל צו די געטין „מוט", ווי ס'צייגט א היעראגליפישער אויפשריפט וואס איז ענטדעקט געווארען אין עזה. דער נאָמען פון עזה ווערט איינינע מאָל דערמאָנט אין די בריעף פון עבד־חיבי, דער גובערנאטאָר פון אורוסאלים (ירושלם) צו פרעה מלך מצרים. אין די צייטען פון אמענהאטעפ דעם 3טען איז עזה פערוואלטעט געוואָרען פון מצרישען גובערנאטאָר יאביטירי, און צווישען די שריפטען פון תל אמרנא געפינען זיך בריעף, וואו יאביטירי בעט דעם קעניג בעפרייען איהם פון זיין אמט אין עזה און יפו. און דער גאנצער צייט פון דער 18טער און 19טער דינאסטיעס האָבען די מצרים געהערשט אויף גרויסע טיילען פון א"י, און עזה איז געווען זייער גרעניץ פעסטונג, און נאָך אין די צייטען פון מענעפטא, דער זוהן פון רעמסס דעם צווייטען (דער פרעה פון יציאת מצרים) איז א מצרישער גארניזאָן געשטאנען אין עזה. מעגליך אז די רייהע פעסטונגען וואס סעטי דער ערשטער (פון דער 19טער דינאסטיע) האָט אויפגעבויט „אויפ'ן וועג פון די פלשתים"—אויפ'ן מיטעללענדישען ברעג פון מצרים ביז עזה — איז געווען די סבה פאר וואס די אידען האָבען אויסגעמידען דעם דאזיגען וועג ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים.

אין פינפטען יאָהר פון רחבעם שלמה'ס זוהן, איז פרעה שישק (פון דער 22טער דינאסטיע, 925) אריינגעדרונגען אין א"י (מלכים א', י"ד 25). די געשיכטע פון זיין צוג איז אויסגעקריצט אויפ'ן טעמפעל פון קארנאק, נעבען דער אויפשריפט פון א פריי־הערדיגען פרעה, און צווישען די איינגענומענע שטעדט ווערט אויך דערמאָנט עזה
אונטער אשור.
(גזטו). שפעטער איז עזה אריינגעפאלען אין די הענד פון תגלת־פלאסר דער מלך פון גינוה (734). דאָס איז געווען דאן, ווען אחז בן יותם, דער מלך פון יהודה, האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צום מלך פון אשור געגען רצין מלך ארם (מלכים ב', ט"ז 1). תגלת פלאסר האָט דאן איינגענומען דמשק און א סך שטעדט פון ישראל (מלכים ב', ט"ו 29) און איז אוועק אין דרום, אין לאנד פון די פלשתים. שפעטער האָט זיך עזה פעראייניגט מיט מצרים געגען אשור, אָבער סרגון האָט בעזיעגט די שטאָדט. עזה איז געווען אונטערטעניג צו אשור אין די צייטען פון סנחרים (705—681), זיין זוהן אסר־חדון און זיין אייניקעל אסור־בני־בעל. פון די אשור'ישע שריפטען זיינען בעקאנט די נעמען פון די מלכים ח נ ו ן און פון צ ל ־ ב ע ל, וועלכע האָבען געהערשט אין עזה אין די צייטען פון אחז, חזקיהו און מנשה.

אין די צייטען פון ירמיהו איז עזה אריינגעפאלען אין די הענד פון פרעה נכה (ירמיה מ"ז 1). ווען כמביזס, דער פרס'ישער קעניג, איז געגאנגען געגען מצרים, איז
אונטער פרס און יון.
עזה געווען די איינציגע שטאָדט וואָס האָט געוואגט זיך אנטקעגען צו שטעלען. די שטאָדט איז בעלאגערט געוואָרען (529) און איז אריינגעפאלען צו די פרסים, און ביז אלכסנדר מוקדון איז זי געבליבען אין זייער האנד. ווען אלכסנדר האָט געמארשירט פון סוריה נאָך מצרים האָט עזה אין פערלויף פון פינף חדשים פערהאלטען דעם וועלט עראָבערער ביי איהרע פערמאכטע טויערען (332). ווען די שטאָדט איז ענדליך געפאלען האָט זיך אלכסנדר גרויזאם נוקם געווען: ער האָט אויסגעקוילעט די איינוואוינער, פערקויפט די פרויען און קינדער פאר שקלאפען און צושטערט די שטאָדט. ווען

עזה איז מיט דער ערלויבעניש פון אלכסנדר'ן צוריק אויפגעבויט געווארען איז זי בעזעצט געווארען מיט גריכישע איינוואוינער. עזה האט אויפגעהערט צו זיין א פלשתישע שטאדט. דא איז געווארען א נייער גריכישער צענטער.

מלחמות מיט חשמונאים

נאכ'ן טויט פון אלכסנדר האבען איבער עזה געקעמפפט די קאנקורירענדע סע־לעווקידען פון סוריה און פטאלאמיעער פון מצרים. אין די צייטען פון די חשמונאים האט באלאגערט דער סורישער בעפעסטיגט עזה געגען די אידען, אבער יונתן החשמונאי איז אין 145 געקומען מיט זיין ארמעע פאר די טויערען פון עזה און פערברענט איהרע פארשטעדט. די בעפעלקערונג פון עזה האט דאן געבעטען שלום און פער־שפראכען איהם זייער הילף. יונתן האט געשלאסען א בונד מיט עזה און גענומען פון איהר מענשען־משכנות און אוועקגעשיקט זיי נאך ירושלם (יוסיפון, קדמוניות 13, 5, 5). דער בונד האט ניט לאנג געדויערט און דער נאכפאלגער פון יונתן, זיין ברודער שמעון, האט בעקעמפפט די שטאדט. שפעטער האט אלכסנדר ינאי (96) נאך א גאנץ יאהריגע בעלאגערונג איינגענומען די שטאדט — די איינוואוינער פון עזה האבען דאן אליין פערברענט זייערע הייזער און געקוילעט זייערע קינדער, אום ניט ארייננ־צופאלען אין די הענד פון הונדערט יעהריגען שונא. די גאנצע שטאדט איז חרב גע־ווארען (קדמוניות 13, 13, 3).

אונטער רוים

אין יאהר 62 האט דער רוימישער גענעראל פאמפעיוס אוועקגענומען עזה פון די אידען און געמאכט זי פאר א פרייע שטאדט. שפעטער האט גאביניוס (57) אויפ־געבויט די שטאדט נעהענטער צום ים. אויגוסטוס צעזאר (30) האט אוועקגעשאנקען די „האפען שטאדט“ עזה צו הורדוס'ען, אבער נאך זיין טויט איז עזה ווידער צוגענומען געווארען פון די אידען און פעראייניגט מיט סוריה.

אין דעם אויפשטאנד געגען די רוימער, אין דער צייט פון פראקוראטאר געסטיוס פלארוס, האבען די אידען צושטערט עזה ווי אויך אנדערע רוימיישע העלענישע שטעדט (65). (מלחמות 2, 18, 1). אבער נאכ'ן חורבן איז עזה ווידער אמאל אויפגע־בויט געווארען אלס פרייע, פריווילעגירטע רוימישע שטאדט מיט איי־גענע מטבעות און אן אייגענע צייט־רעכנונג. עזה איז דאן געווען א רייכע און א בליהענדע שטאדט אין סוריה, און די לאטיינישע שרייבער ריידען וועגען איהר אלס „די פרעכטיגע, גלענצענדע, בעריהמטע שטאדט, וואס איז גרויס מיט איהר האנדעל און איבערפליסט מיט רייכטום“. העראנימוס (אין 4טען יאהרהונדערט) רעדט נאך אלץ וועגען עזה אלס א גרויסע שטאדט. ביז'ן זעקסטען יאהרהונדערט איז עזה נאך אלץ געווען א צענטער פון הייִדענטום, און הגם דאס רוב איינוואוינער זיינען געווען געצענדינער האבען די אידישע חכמים ערלויבט אידען וואוינען אין עזה. דער אבגאט פון עזה איז געווען דער אלטער פלשתי'שער גאט מרנא — דער גאט פון רעגען*).

אונטער אראַבישער הער־שאַפט

אין 634 איז עזה אריינגעפאלען אין די הענד פון עמר אבן אל טסי, איינער פון די אראבישע גענעראלען, וואס זיינען געקומען פון אראבישען האלב־אינזעל צו פער־שפרייטען די נייע תורה פון מהמד'ן. פון דאן אן איז עזה א מוסלימישע שטאדט. אין עזה איז געשטארבען דער זיידע פון מוסלימישען נביא, האשים אבן עבד מאנאף, וועלכער האט נאך אין די צייטען פון „ג'האלת“ („אונוויסענהייט“) — ד. ה. פאר דער

---

*) די סטאטוע פון מרנא („אונזער הערר“ אין ארמייש) איז אין 1880 געפונען געווארען אין תל עג'ול, ניט ווייט פון עזה, און איז אריבערגעפיהרט געווארען אין קאנסטאנטינאפאלער מוזעאום.

ענטשטעהונג פון איסלאם געפיהרט א האנדעל צווישען אראביען און עזה. אין עזה איז אויך געבוירען געווארען איינער פון די פיער גרינדער פון מוסלימישער טעאָלאָגיע און יוריספרודענץ — מ ו ח מ ד א ב ן א י ד ר י ס ש ע פ י. אין דעם בירגער־קריעג, וואס האט אין 8טען יאהרהונדערט געהערשט צווישען די אראבער אין א״י איז עזה ווי אויך אנדערע שטעדט צושטערט געווארען (796). זי איז אָבער ווי אלע מאָל ווידער אויפגעבויט געווארען, און הגם זי איז שוין ניט געוועזען אזוי גרויס און רייך ווי פריהער, איז זי נאָך אלץ געוועזען א בעדייטענדער פלאַץ. דער אראבישער געאגראף פון 10טען יאהרהונדערט אל מוקאדאסי, וואס האט פערפאסט זיין געאגראפיע פון א״י אין 985, שרייבט וועגען עזה אלס „א גרויסע שטאדט וואס ליגט אויפ׳ן וועג נאָך מצרים״. ווי ס׳ווייזט אויס האט עזה שטארק געליטען פון מלחמות צווישען די מוסלימישע הערשער פון סוריה און מצרים פאר דעם אנקומען פון די נוסעי הצלב, ווייל ווען די ערשטע נוסעי הצלב זיינען אין 1099 געקומען נאָך א״י האבען זיי געפונען עזה כמעט אין גאנצען אין רואינען. די שטאדט איז אָבער באלד אויפגעשטאנען צו תחית־המתים, און דער שפאניש־אראבישער געאגראף, אידריסי, וואס האט געשריבען אין 1154, בעריכטעט וועגען עזה, אז „זי איז שטארק בעפעלקערט און געפינט זיך אין די הענד פון די גריכען״ (די נוסעי הצלב). עזה האט דאן געהאט א פארט מיט׳ן נאמען טידא*). דער קריסטליכער קעניג באלדווין דער צווייטער האט אויפגעבויט א פעסטונג אין עזה, וועלכע צלח א־דין איובי (אדער ווי די אייראפעער רופען איהם סאלאדין) האט שפעטער (1170) אומזיסט געפרובט צו צושטערען. אָבער נאָך דעם ענטשיידענעם זיעג פון חאטין (1187) איבער די קריסטען, איז עזה צוזאמען מיט דעם גאנצען געגענד אריינגעפאלען אין די הענד פון צלח־א־דין. אין 13טען יאהרהונדערט האבען די שפעטערע נוסעי הצלב פערלארען צוויי מלחמות נעבען עזה (אין 1239 און אין 1244). די שטאדט איז שוין מעהר ניט ארויס פון דער מוסלימישער הערשאפט ביז׳ן מארש פון נאפאלעאנען אין 1799.

אין 14טען יאהרהונדערט איז עזה לויט דער ערצעהלונג פון רייזענדער יוהאן מאנדעוויל (1322) „א לוסטיגע און רייכע שטאדט, זעהר א שעהנע און פול מיט מענשען״. אויך דער אראבישער רייזענדער אבן באטוטא (1355) דערצעהלט, אז עזה איז א גרויסע און זעהר בעפעלקערטע שטאדט. ארום דער שטאדט זיינען שוין דאן געוועזען וויינגערטנער, פאלמען און אנדערע פרוכט־בוימער, און פיעלע פון זיי האבען בעלאנגט צו אידען. ווען דער אידישער רייזענדער ר׳ משולם פון וואלטערא איז געוועזען אין עזה (1481), האבען זיך דארט די אידען בעשעפטיגט מיט גערטנערייי און וויין־פאבריקאציאן. א חוץ רבנישע אידען זיינען אין עזה אויך געוועזען קראים און שומרונים, און נאָך אין 17טען יאהרהונדערט האט דער קראי שמואל בן דוד געפונען אין עזה א קראימישע שול. בליהונגס־צייט.

ווי ר׳ משולם דערצעהלט האט עזה געהאט דאמאלס א בעפעלקערונג „ווי די זאמד אויפ׳ן ברעג ים״. דאס איז נאטירליך א גוזמא. אָבער אויך אן אנדער שרייבער פון יענער צייט (פראטרוס פאברי וואס האט געשריבען אין 1483) דערצעהלט, אז עזה איז צוויי מאָל אזוי גרויס און בעפעלקערט ווי ירושלם און זעהר רייך און

*) רבי בנימין פון טודילא, וואס האט בעזוכט א״י כמעט אין דער זעלבער צייט (ארום 1160) דערמאנט גאר ניט וועגען עזה, הגם ער בעשרייבט גענוי די נאהענטע אשקלון אלס א גרויסע און שעהנע שטאדט צו וועלכער ס׳קומען סוחרים פון אלע זייטען, א דאנק איהר גוטע פאזיציע אויפ׳ן גרעניץ פון מצרים.

פערמאגט א גרויסען האנדעל. אין 17טען יאהרהונדערט האט עזה דערגרייכט איהר העכסטע שטופע פון גרויסקייט אונטער דער מוסלימישער הערשאפט. זי איז דאן געוועזען די הויפט־שטאדט פון „פילסטין", און דער פאשא פון עזה איז געוועזען אונאבּ־העננגיג פון דער טערקישער רעגירונג. דער פראנצויזישער רייזענדער ד'ארוויע (1658) און אנדערע האבען איבערגעלאזט שילדערונגען פון דעם פראכט, רייכטום און שעהנקייט פון עזה פון זייער צייט. אין 18טען יאהרהונדערט איז עזה אראב פון איהר גדולה. די אלגעמיינע אונארדנונג אין לאנד, די אונאויפהערליכע אינערליכע מלחמות, די אונזיכערהייט פון לעבען און פערמעגען, די אינוואזיאנען פון די בעדואי־נער א. ז. וו. האבען דעגראדירט דאס גאנצע לאנד און דערונטער אויך עזה. ווען וואלני איז געווען אין א"י (1783) איז עזה שוין ניט געווען מעהר ווי א דארף — הגם זי איז נאך אלץ געווען דער זיצפלאץ פון אגא (גובערנאטאר) פון „פילסטין". ירידה

די בעפעלקערונג, אין גאנצען ארום 2000 מאן, האט זיך בעשעפטיגט מיט קאטאן און זייף פראדוקציאן און האנדעל מיט די קאראוואנען וואס געהען צווישען סוריה און מצרים. עזה איז אויך געווען דער צענטער וואוהין די בעדואינער האבען געבראכט צו פערקויפען די זאכען וואס זיי האבען געפלעגט צו רויבען ביי די רייזענדע קארא־וואנען און עולי־רגל קיין מכה. בעפעלקערונג. פונעם יאר־הונדערט.

אין 1799 איז עזה אריינגעפאלען אין די הענד פון נאפאלעאנען אין זיין מארש פון מצרים נאך א"י. אונטער דער מצריישער הערשאפט (1832-40) איז עזה געווארען א וויכטיגער צענטער. דער מוטעסעלים (גובערנאטאר) פון עזה האט פערוואלטעט מיט גאנץ דרום א"י ביז פעטרא. די בעפעלקערונג פון שטאדט איז שנעל געוואקסען. ווערענד אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט האט עזה געצעהלט נור 5000 נפשות (לויט די אנ־גאבען פון עלי ביי), האט די בעפעלקערונג אין 1838 (ווען ראבינסאן האט זי בעזוכט) שוין געשטייגט ביז 16.000. דאמאלס איז עזה געווען די גרעסטע שטאדט אין א"י — ווארום אפילו ירושלים האט קוים געהאט 15.000 איינוואוינער. אין פערלויף פון 49 יאהר איז די שטאדט כמעט גאר ניט געוואקסען; אין די אכציגער יאהרען האט עזה געצעהלט ארום 18.000 איינוואוינער. פון דאן אן אבער האט זיך די בעפעלקערונג פערדאפעלט. אין 1900 האט שוין עזה גערעכענט 35.000, און אין 1910 — 40.000 איינוואוינער. אין די לעצטע פאר יאהר האבען פיעלע אויסגעוואנדערט פון עזה אין יפו, חיפה, מצרים און נאך, און דער ישוב איז פערקלענערט געווארען. איצט צעהלט עזה בערך 35.000 איינוואוינער.

די איצטיגע עזה געפינט זיך אויף דעם זעלבען ארט וואו ס'איז אמאל געשטאנען די „שטארקע" שטאדט פון די עוים און פלשתים. הגם ניט ווייט פון ים איז עזה דאך ניט קיין האפען שטאדט, און די זאמדיגע בערגלעך וואס געפינען זיך צווישען דער שטאדט און דעם ברעג פערשטעלען פאר עזה דעם אנזעהן פון ים, וואס ליגט אין גאנצען ארום 3-2 מייל פון שטאדט. עזה האט שוין מעהר ניט קיין שפור פון איהר אמאליגער גרויסקייט, זי פערנעמט אבער נאך אלץ א וויכטיגען ארט אין לאנד. די מויער מיט וועלכע די שטאדט איז געווען ארומגערינגעלט, עקזיסטירט שוין איצט ניט. דער פארצייטיגער פארט מאיומא איז אין גאנצען פערשוואונדען, נור צייכענס אין באדען ארום דער שטאדט דערמאנען אן דער אמאליגער שטאדט מויער, פון וועלכע ס'איז ניכר אז די אלטע שטאדט איז געווען א סך גרעסער פאר די מאדערנע. מאדערנע שטאדט.

עזה בעשטעהט פון צוויי טיילען: די אויבערשטע, אויף א העכערען פלאטא, און די אונטערשטע. די גאסען, ווי אין אלע אריענטאליש־מוסלימישע שטעדט, זיינען ענג און שמוציג. די הייזער נידריג און כמעט אהן מאדערנע פענסטער. די נייערע הייזער זיינען געבויט פון די מאטעריאלען פון די פארצייטיגע געביידעס.

די שטאדט צוטיילט זיך אין פיער קווארטאלען אדער, ווי מ'רופט דאס אין אראביש „חארת“:

1) חארט ע־דיראדזש — אויפ'ן שפיץ בערגעל אין דעם מערב'דיגען שפוע.
2) חארט ע־תפאח (טופאך), אין צפון זייט.
3) חארט ע־סעדזשעריע, אין דער נידער, אין מזרח זייט.
4) חארט ע־זייטון, אין דרום.

אין דער מזרח זייט, נעבען „באב־אל כאליל“ (דער חברונ'ער טויער) צייגען די



בילד 34

.עזה

אראבער אויפ'ן קבר פון שמשון הגבור, אדער ווי די אראבער רופען איהם „אבו־ל־עזם“ — „דער פאטער פון קראפט“.

גרויסע גערטנער, כרמים און פרדסים רינגלען ארום די שטאדט פון אלע זייטען, אין צפון און דרום — אויף א שטח פון 4 מייל, און אין מערב ארום 3 מייל. אויפ'ן נארדליכען וועג געפינט זיך א פיער־מייליגע אלעע פון אלטע בוימער. לויט דער לע־גענדע זיינען די זיתים (אליוועז) פון עזה געפלאנצט געווארען דורך אלכסנדר מוקדון, און עס ווערט בעהויפטעט, אז זינט דער אראבישער עראבערונג איז קיין איין נייער אליווענבוים דא ניט פערפלאנצט געווארען. (אומגעגענד פון עזה.)

אין די לעצטע יאהרען האט מען אנגעהויבען צו פלאנצען פרדסים (אראנזשען גערטנער) ארום עזה, און לויט די בעריכטען פון ענגלישען קאנסול, זיינען די עזה'ר אראנזשען בעסער פאר די יפו'ר, סיי אין גרויס, סיי אין טעם. דער באדען איז זעהר

גינסטיג פאר דער דאזיגער פלאנטאציע, וואסער איז פאראן פיעל, און ניט זעהר טיעף, און די אראנזשען פלאנצונגען האבען א גרויסע צוקונפט אין עזה און אין דער אומ־געבונג. אין דער שטאדט גופא געפינען זיך ארום 20 ברונעמס פון גוטע טרינק וואסער.

די היינטיגע עזה פיהרט שוין מעהר ניט קיין האנדעל מיט מצרישע און סינישע קאראוואנען, דאך טראגט די שטאדט א האלב־מצרישען כאראקטער. די נאהענטקייט פון מצרים פיהלט זיך אין עזה מעהר ווי אין אלע אנדערע דרום שטעדט פון א״י. די מוסלימישע פרויען אין עזה בעדעקען זייער פנים אויפ׳ן מצרישען שטייגער, און אויך דער באזאר אין עזה טראגט א מצרישען כאראקטער.

לאנדווירט־שאפט.

ע״ה איז יעצט די רעזידענץ פון א קאימאקאם וואס פערוואלטעט מיט איינער פון די זעקס קאימאקאמיעס (בעצירקען) פון ירושלב׳ער סאנדזשאק. דער שטח פון עזה׳ר קאימאקאמיע איז בערך 5.000 קוואדראט קילאמעטער און שליסט איין כמעט דעם גאנצען געגענד פון די אמאליגע פלשתים. אויף דעם שטח געפינען זיך 60 דערפער מיט א בעפעלקערונג פון בערך 40.000 נפשות. דארונטער 3 אידישע קאלאניעס (קאכטינגע, רוחמה, גדרה) און דריי גרויסע דערפער — מגדל, פאלוג׳ה און חאן יונים. אין וועלכע ס׳זיצען מודיר׳ס. די פראדוקציע פון עזה׳ר געגענד בעשטעהט פון ווייץ, דורא, סעזאם, ערבסען, לופין, אלערליי גרינסען, עפעל, מאנדלען, טייטלען, לימאנען, פייגען, טרויבען, אראנזשען, א־ער די הויפט קולטור בעשטעהט פון גערשטען. דער באדען איז זעהר פרוכטבאר און בעזונדערס גינציג פאר גערשטען, וועלכע ברענ־גען נאך היינט, פונקט ווי אין יצחק׳ס צייטען א גרויסען ערטראג, הגם די ארבייטס־מעטאדען פון די פלחים און בעדואינער וואס בעשעפטיגען זיך מיט דער גערשטען־קולטור איז זעהר א פרימיטיווע.

פיהצוכט.

א חוץ אקערבוי בעשעפטיגט זיך די בעפעלקערונג אויך מיט פיהצוכט. אין ע״ה און אין דער אומגעבונג געפינען זיך בערך 7—6 טויזענד גמלים, 170.000 שאף און ציגען, 10.000 קיה. פערד, פרדות און אייזלען זיינען־דארט ווענינ. די גמלים ווערען בענוצט אלס דער איינציגער טראנספארט־ און פערקעהרס־מיטעל. פון קיין וואגענס ווייס די איצטיגע בעפעלקערונג פון עזה און פלשתים־לאנד ניט, הגם די פארצייטיגע איינוואוינער פון דעם געגענד האבען שוין געהאט אייזערנע רייט־וועגען, וועלכע דער שבט יהודה האט ניט געקאנט בייקומען.

האנדעל.

דער האנדעל פון עזה בעשטעהט הויפטזעכליך פון די לאנדווירטשאפטליכע פרא־דוקטען פון דעם ארומיגען געגענד, און בעיקר פון גערשטען, וואס ווערט געבראכט אין אנהויב זומער קיין עזה אויף גמלים, און ווערט פון דארט עקספארטירט נאך אויסלאנד, מייסטענס נאך ענגלאנד.

די זאכען וואס ווערען אימפארטירט נאך עזה (וואל, טאבאק, נאפט, צוקער, האלץ, קאפע, רייז, אייזען, פארבען, ספירט, קליידער א. ד. ג.) ווערען ניט געבראכט דירעקט פון אויסלאנד, נור פון יפו און בירות. דאס זעלבע איז אויך מיט׳ן עקספארט. די סחורות וואס עזה פיהרט ארויס — ווי טעפ, בעדואינישע מלבושים, זייף און לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען (תבואה, גרינסען, פרוכטען) ווערען ניט ארויסגע־פיהרט דורכ׳ן ים, נור מיט דער יבשה אויף גמלים אין אנדערע שטעדט און פארטען פון א״י. נור גערשטען ווערט עקספארטירט דירעקט פון עזה מיט׳ן ים, מייסטענס קיין ענגלאנד אין ענגלישע שיפען.

דער דורכשניטליכער יעהרליכער עקספּאָרט פון גערשטען פון עזה'ר געגענד איז בערך 6—5 מיליאָן פראַנק (1־1,2 מיליאָן דאָלאַר). קיין פּאָרט איז אין עזה ניטאָ. און דער אַרויספיהר קומט פאָר אויף אַן אייגענאַרטיגען אופן: די גערשטען ווערען אוועקגעפיהרט אין זעק אויף גמלים צום ים, אַ מהלך פון 2 שעה פון דער שטאָדט. דאָרט ווערט די תבואה אויסגעשאָטען אויפ'ן ברעג ים. גאַנצע בערג פון גערשטען ווערען אויף אַזאַ אופן אָנגעזאַמעלט, און ספּעציעלע וועכטער ווערען אוועקגעשטעלט צו היטען פאַר גנבים. די תבואה ליגט אַזוי לאַנג ביז ס'קומען אָן די ענגלישע שיפען און נעמען זי צו. פאַר רעגען האָט מען ניט קיין מורא, ווייל זומער רעגענט דאָרט קיינמאָל ניט. אָן די ב ע ר ג ג ע ר ש ט ע ן דערקענען די שיפס קאַפּיטאַנען דעם עזה'ר „פּאָרט", ווייל קיין אַנדער צייכען פון אַ פּאָרט געפינט זיך דאָרט ניט. עזה פיהרט אויך אַ האַנדעל מיט די בעדואינער פון דרום א"י — זיי געפינען זיך דאָרט אין אַ צאָהל פון 80.000—60.000. דער סעזאָן פון גערשטען — מאַי, יוני, יולי — איז די לעבעדיגסטע צייט אין עזה. די שטאָדט איז דאַן פול מיט לעבען. די איבריגע ניין חדשים איז די שטאָדט פערשלאָפען.

דער אימפּאָרט פון עזה איז אין די לעצטע דריי יאָהר (פאַר דער וועלט־מלחמה) שטאַרק געשטיגען. פון 53.250 ענגלישע פונט אין יאָהר 1911 איז ער אין 1912 געשטיגען ביז 96.495, און אין 1913 ביז 108.230 פונט שטערלינג. דער עקספּאָרט איז נאָך מעהר געוואַקסען. פון 77.150 ענג. פונט אין 1911 איז ער אין 1913 גע־שטיגען צו דער סומע פון 161.120 ענג. פ. (בערך 800.000 דאָלאַר, אָדער 4.000.000 פראַנק).

די אימפּאָרטירטע סחורות קומען לרוב פון ענגלאַנד, דאַסגלייכען דער עקספּאָרט (בעיקר גערשטען) געהט מייסטענס נאָך ענגלאַנד. אויסער ענגלאַנד האַנדעלט עזה מיט מצרים, טערקיי, עסטרייך, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקאַ.

עזה'ר עקספּאָרט און אימפּאָרט אין די לעצטע דריי יאָהרען.

(ס'זיינען אָנגעגעבען בלויז די וויכטיגסטע אַרטיקלען. די ווערט איז אָנגעוויזי־ אין ענגלישע פונט־שטערלינג).

	1911	1912	1913
עקספּאָרט:			
גערשטען	48.000	47.632	143.820
וויין	12.000	738	
וואָל	2.500	3.000	2.500
מאַנדלען	150	1.000	800
אַראַנזשען	800	300	1.000
אַרבוזען	2.000	1.900	400
אייער	1.000	500	1.000
אימפּאָרט:			
זאַלץ	1.000	800	1.000
צוקער	1.600	4.800	5.000
האָלץ	4.000	2.000	1.500
צינק, קופּער		500	500
טאַבאַק	8.000	7.000	10.000
וואָלענע סחורות	5.000	3.000	3.500
גאָרען	8.000	7.000	6.000
וויין, ספּירט	600	500	1.000
טייטלען			3.000

עזה איז אויך דער צענטער פון האנדעל מיט גמלים. יעהרליך געהען דורך עזה ארום 60.000 גמלים וואס ווערען פערקויפט אין מצרים. א חוץ די וואס פערקויפען זיך אין עזה.

דער שיפס פערקעהר פון עזה געפינט זיך נאך אין עמבריאנעלען צושטאנד. בלויז אין די זומער חדשים קומען איניגע ענגלישע שיפען ספעציעל צוצונעהמען די גערשטען פון עזה'ר געגענד. אין די לעצטע יאהרען איז די צאהל שיפען געווען זעהר א קליינע.

1911 — — — —	5 שיפען מיט א טאנאזש פון	9.434	
1912 — — — —	4 "	"	6.730
1913 — — — —	6 "	"	8.007

אויסער דעם מאנגעל פון א פארט ווערט דער האנדעל און אין אלגעמיין די ענט־וויקלונג פון עזה אויך געשטערט דורך דעם מאנגעל פון וועגען. הגם די רעגירונג מאנט אויף א ספעציעלען וועג־שטייער (דרביה) — ווערען אבער קיין וועגען ניט געמאכט. אין 1902 האט די רעגירונג אפילו דורכגעלעגט א וועג פון דער שטאדט צום ים צו — ער איז אבער אין פערלויף פון איניגע יאהר פערשאטען געווארען.

קיין שאסע צווישע עזה און די ארומיגע שטעדט — יפו, חברון, באר־שבע איז ניטא, און ווינטער, אין רעגען סעזאן, ווען די פרימיטיווע וועגען ווערען קאליע, איז כמעט אונמעגליך צוצוקומען קיין עזה פון דרויסען. ערשט אין 1910 האט דער מג'לס עמומי (פראווינציעלער ראט) פון ירושלם בעשלאסען צו בויען א שאסע פון יפו נאך עזה וואס זאל דורכגעהן די אידישע קאלאניעס פון יהודה. דער וועג וואס ווערט גע־מאכט הויפטזעכליך מיט אידישע געלד און ארבייט איז נאך ניט פארטיג.

א חוץ האנדעל און קרעמעריי בעשעפטיגט זיך די עזה'ר בעפעלקערונג אויך מיט האנד־ארבייט און אינדוסטריע, אויף זעהר א פרימיטיווען אופן. די וויכטיגסטע פרימיטיווע
צווייגען זיינען טעפעריי, וועבעריי און זייפענזידעריי — פון די גרויסע זיידען פראָ־ אינדוסטריען.
דוקציאן וועלכע האט געבליהט אין עזה אין זיבענצענטען יאהרהונדערט, איז ניט געבליבען קיין זכר.

די וועבעריי עקזיסטירט שוין אין עזה א לאנגע צייט. ווען וואלני האט בעזוכט א"י (אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאהרהונדערט) האבען זיך שוין אין עזה געפונען 500 וועב־שטולען. פון דאן אן האט די דאזיגע אינדוסטריע ניט וועבער.
ענטוויקעלט זיך ווייטער. די ארבייט ווערט געטון אויף דעם זעלבען פרימיטיווען שטייגער ווי 150 יאהר צוריק. די צאהל פון די וועב־שטולען איז געווארען ווייניגער, און יעצט געפינט זיך שוין ניט מעהר ווי ארום 100 ווערקשטאטען מיט 200—300 שטולען. (דער צענטער פון וועבעריי איז אריבער אין מג'דל, א דארף צווישען עזה און יפו, וואו ס'געפינען זיך איצט ארום 500 וועב־שטולען).

דער גאנצער פאך איז קאנצענטרירט אין איין געגענד, ווי דער מנהג איז אין אלע אריענטאלישע שטעדט. די מעהרסטע וועבערייען געפינען זיך אין דער אויבערש־טער שטאדט, אין חארת בני עמר, און אין דער אונטערשטער שטאדט איז דא א גאס דורכאויס פון וועבער. די ארבייט איז נאך זעהר פרימיטיוו, פון קיין מאדערנע מא־שינען ווייס מען נאך ניט. אין יעדען ווערקשטאט געפינען זיך עטליכע שטולען. מ'וועבט ליינוואנד, וואל און בוימוואל. די וואל ווערט געליפערט פון עזה'ר געגענד גופא. דער בוימוואל און די לייוואנד ווערט אימפארטירט פון אויסלאנד, מייסטענס

פון מצרים. די הויפּט פּראָדוקציע איז די אויסארבייטונג פון די „אבא"עס — די געשטרייפּעלטע מאנטלען וואס די בעדואינער און פלחים טראָגען. די וואָלשפּינערייוועט בעזארגט דורך די עזה׳ר פרויען מיט די אלטמאָדישע שפּינדלען, וועלכע די פרויען טראָגען אָפּטמאָל אויפ׳ן קאָפּ, אַרבייטענדיג דערביי מיט די הענד און נאָך מעהר מיט׳ן מויל. די פאבריקאציאָן ווערט בעטריבען פאמיליענווייז. דער וועבער האָלט ניט קיין געזעלען און גערונגענע ארבייטער, נאָר ארבייט מיט זיין אייגענע בני־בית. זעלבסטפערשטענדליך אז אונטער אזעלכע אומשטענדען קאָן קיין גרויס־בעטריב זיך ניט ענטוויקלען. און הגם די ארבייטס־קאָסטען זיינען דערביי זעהר קליינע איז דער פערדיענסט פון וועבער אונבעדייטענד, און דער גאנצער פאך געפינט זיך אין א דערשלאָגענעם צושטאנד. גרעסערע קאפּיטאלען, מאָדערנע ארבייטס־מעטאָדען און די קולטיווירונג פון פלאקס און בוימוואָל אין א"י וואָלטען אָהן צווייפעל געגעבען א נייעם אויפשוואונג דער דאָזיגער אינדוסטריע און וואָלטען מיטגעהאָלפען דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג פון עזה און דער אומגעגענד.

א גרעסערע בעדייטונג פאר דער וועבעריי האָט די טעפּערײ אין עזה.

טעפּער.

פונקט ווי די וועבער האָבען אויך די טעפּער אן אייגענעם צענטר אין ווערטליכען אָבהאָנג פון דער אויבערשטער שטאָדט. די צאָהל פון די ווערקשטאָטען איז ארום 20 — צו 4־3 אויבענס אין א ווערקשטאָט. אויך דאָ ווערט די ארבייט בעטריבען פאָמיליענווייז. די קינדער טראָגען דאס ליים און שטעלען די אויסגעארבייטע געשיר צום טרוקענען. די עלטערע מיטגליעדער פון דער משפּחה ארבייטען ביים ראָד און אויווען. די ארבייטס סיסטעם איז א פּרימיטיווע. דאס גלאָזירען פערשטעהען די עזה׳ר טעפּער נאָך ניט. די געשיר וואס ווערט פאבריצירט — קליינע טרינק־קריגלעך („שערבע"), וואסער־קריגען („דזשארא") וואס די פרויען טראָגען אויפ׳ן קאָפּ, שיסלען („לעקען"), ליימערנע לעמפּלעך („סיראָדזש"), קאנאל־רעהרען א. ד. ג. — ווערט מעהרסטענס געברויכט אין לאנד גופא, ביי די בעדואינער און פלחים פון יהודה. א טייל ווערט אויך געליפערט אויף גמלים אין ירושלם, שכם און עכו.

די שוועריגקייטען פון פערקעהר צוליעב מאנגעל אין וועגען שטערען דעם וואוקס פון דעם פאך, וועלכער האָט זאָנסט אלע מעגליכקייטען צו ענטוויקלען זיך, ווייל די טעפּעריי אין א"י און אין מזרח בכלל האָט א גרעסערע וויכטיגקייט ווי אין די אייראָפּעאישע לענדער. לויט די ארטיגע בעדינגונגען איז די ערדענע געפעס מעהר געברויכליך אויפצונעהמען אלערליי פליסיגקייטען (וואסער, אויל, מילך, וויין א. ד. ג.), ווי אנדערע מאטעריאלען. דער מאנגעל פון האָלץ און דער וואָרימער קלימאט שליסען כמעט אוים הילצערנע און מעטאלענע כלים פון געברויך. די ערדענע כלי האלט לענגער איין די קאלטע טעמפּעראטור, און איז דעריבער ביי אזא קלימאט ווי אין א"י אונבעדינגט נויטווענדיג. די פּראָדוקציאָן האָט דעריבער א זיכערען אבגאָנג אין לאנד. אויך די נויטיגע רויהע מאטעריאלען דערצו — ליים און וואסער — געפינען זיך איבעראל און אָהן גרויסע מיה און קאָסטען.

אין די צוויי דערמאָנטע אינדוסטריען — וועבעריי און טעפּעריי — פערנעמט עזה צוזאמען מיט דעם נאָהענטען דאָרף מג׳דל, דעם ערשטען פּלאַץ צווישען אלע שטעדט אין ארץ ישראל. וואס אנבעלאנגט אָבער די זייפענפאבריקאציאָן — וואס איז די הויפּט אינדוסטריע פון לאנד — פערנעמט עזה ניט קיין וויכטיגען פּלאַץ. אין גאנצען געפינען זיך אין עזה 3 זייפען פאבריקען, וואס בעארבייט דעם אויל פון עזה׳ר געגענד אויף א פּרימיטיווען אופן. אין עזה ווערט פאבריצירט נור א פּראָסטער,

אָרדינערער כאַרט זייך, וואָס ווערט טיילווייז פערברויכט אין לאַנד גופא, מייסטענס אָבער ווערט ער עקספּאָרטירט נאָך מצרים דורך יפו.

די בעפעלקערונג פון עזה איז געמישט — האַלב סוריש, האַלב מצריש. דאָס רוב זיינען מוסלימער, אַרום 1000 קריסטען און בערך 150 אידען. די צאָהל פון די איינוואוינער, וואָס האָט אין 1910 דערגרייכט ביז 40.000 איז אין די לעצטע יאָהרען, ווי געזאָגט, פערקלענערט געוואָרען אויף עטליכע טויזענד, צוליעב דער איבוואַנדערונג פון פיעלע מחמת די שלעכטע גרעטעניסען פון גערשטען אין דער עזה'ר געגענד אין 1910. ווען ניט דער אויסגעצייכענטער קלימאַט פון עזה — אַזוי שרייבט דער ענגלישער קאָנסול פון דער דאָזיגער שטאָדט אין זיין אָפיציעלען בע־ריכט — וואָלט די בעפעלקערונג נאָך מעהר פערקלענערט געוואָרען, פונקט ווי זי ווערט פערקלענערט אין די דערפער, צוליעב די היגיענישע אַבגעלאָזענקייט, שלעכ־טע לעבענס בעדינגונגען, אונריינקייט א. ד. ג. די שלעכטע גרעטעניסען שטאַ־מען ניט נור פון מאַנגעל אין רעגען, נאָר פון די אַבגעשטאַנענע אַרבּייטס מעטאָ־דען*). אויך דער שווערער שטייער פון עשר ווירקט שלעכט אויף דער בעפעלקע־רונג, און פיעלע פלחים פערלאָזען מיט א כיוון זייער באָדען, כדי פּטור צו ווערען פון עשר. טיילמאָל האַקען זיי אויך אויס די אַליוועז בוימער צוליעב דעם זעלבען טעם. און דאָס ווירקט שלעכט אויף'ן גאַנג פון רעגען. און דאָס אַלין, צוזאַמען מיט די אַנדע־רע שטערונגען — א מאַנגעל פון א פּאָרט, שאָסעען, מאָדערנע האַנדעלס איינריכטונ־גען, ביליגער קרעדיט — פערהאַלטען דעם וואוקס פון עזה און די אויפבליהונג פון דער גאַנצער געגענד וואָס איז פון דער נאַטור בעשאָנקען געוואָרען מיט אַלע נויטיגע בעדינ־גונגען פאַר הויכער ענטוויקלונג.

א געזונטער קלימאַט, פרוכטבאַרער באָדען, רייכע בעוואַסערונג; די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון דער שטאָדט — נעבען ים, און ביי דער גרעניץ פון מצרים — אַלעס פערשפּרעכט די אַמאָליגע „פּרעכטיגע, גלענצענדע שטאָדט וואָס איז גרויס מיט איהר האַנדעל און איבערפליסט מיט רייכטום“ ניט קיין ווייניגער גלענצענדע צוקונפט.

באר שבע

אויף'ן גרעניץ פון דעם וואַסער־רייכען, פרוכטבאַרען פּליַשת־טאָל (שפלה) אין צפון און דעם טרוקענעם, סטעפּענאַרטיגען נגב אין דרום, האַלב־וועגס צווישען ים המלח און ים התיכון, ביים וואַדי סבע (סאָבאַ), וואָס ציהט זיך פון מיטעללענדישען מעער אין דרום זייט פון עזה (מיט'ן נאָמען וואַדי גאַזע) און פערבייגט זיך אין מזרח צו די בערג פון חברון (מיט'ן נאָמע וואַדי חאַליל) ליגט די פאַרצייטיג־מאָדערנע שטאָדט באר שבע, וועמענס נאָמען איז פערבונדען מיט אוראַלטע פאַרהיסטאָרישע האַלב־לעגענדאַרע זכרונות פון די אבות אברהם, יצחק און יעקב און וועלכע עקזיסטירט איצט קוים א צעהנדליג יאָהרען. די פיער טויזענד יאָהר וואָס זיינען דורכגעלאָפען זינט באר־שבע איז צום ערשטען מאָל דערמאָנט געוואָרען אין דעם פרידענס־בונד צווישען אברהם אבינו און אבימלך האָבען ניט אויסגעביטען דעם נאָמען פון דעם אָרט (די אַראַבער רופען דעם אָרט "ביר סבע"—די ברונעם פון זיבען) — הגם די שטאָדט

*) אלס בעווייז ברענגט דער קאָנסול די דריי אידישע קאָלאָניעס וואָס געפינען זיך אין עזה'ר געגענד, וועלכע האָבען א דאַנק זייערע מאָדערנע אַרבייטס־מעטאָדען א בעסערע גרעטעניש אלס די אָרטיגע פּויערים.

האַט פיעלע הונדערטער יאָהרען שוין ניט עקזיסטירט, און דער איינציגער סימן וואָס איז פערבליבען פון דער אלטער באר שבע זיינען די ב ר ו נ ע מ ס, אויף וועלכע די בעדואינער, וואס קומען אהין אנטרונקען זייערע שאָף און גמלים, צייגען נאָך היינט מיט א טיעפען ראַסען־שטאָלץ אלס די ברונעמס פון זייער אוראַלטען פאַטער „אברהים אל חליל“ (אברהם דער בעליבטער)*). די שטאָדט גופא איז צוריק אויפגעבויט געוואָרען ערשט מיט 16 יאָהר צוריק. אין דער נייער באר שבע הערט מען שוין דעם פייפען פון לאָקאָמאָטיוו, און אייזערנע רעלסען שניידען דורך דעם געגענד, וואו ביז מיט מיט צוויי יאָהר צוריק האָבען נור בעדואינער ארומגעוואנדערט אויף זייערע גמלים אקוראט ווי אין אברהם אבינו'ס צייטען. נאָך האָבען זיך די זיטען מנהגים, קליידונג, בעשעפטיגונג פון די נאמאדישע שבטים ארום באר שבע אויף א האָר ניט אומגעביטען און פערענדערט געוואָרען אין פערלויף פון די 40 יאָהרהונדערטען. די



בילד 35

די ברונעם פון באר־שבע.

טראַדיציעס וועגען דעם לעבען פון די אבות אין באר שבע, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונז אין דעם אונשטערבליכען תנ"ך, זיינען נאָך עד היום פערקערפערט אין דער ווירקליכקייט און אין דעם לעבען פון איינוואוינער ארום דעם זעלבען אָרט. צוגלייך

*) פריהער זיינען דא געווען ז י ב ע ן ב ר ו נ ע מ ס. פיער פון זיי זיינען מיט דער צייט פערשטאָפּט געוואָרען, און מ'קאָן זיי שוין איצט קוים דערקענען. דריי עקזיסטירען נאָך עד היום. איינע איז טרוקען, צוויי זיינען פול מיט וואסער. דער גרעסערער איז 12 און א האלב פוס, דער קלענערער 5 פוס אין דיאמעטער.ביידע זיינען קיילעכדיג און אויסגעלייגט מיט גרויסע שטיינער, וואָס טראָגען אויף זיך דעם צייכען פון טיעפער אלטערטום. די וואסער אין די ברונעמס איז ריין און געשמאַק. ארום ביידע ברונעמס איז פאַראַן שטיינערנע טרינק קאָריטעס פאַר שאָף און גמלים, זיכער ענליך צו די קאָריטעס וואָס זיינען בענוצט געוואָרען אין די צייטען פון אונזערע אבות.

בער צייט שפּראָצט דאָ ארויס א נייעס לעבען און עס בויט זיך א יונגע, מאָדערנע שטאָדט, וואו ס'רוישען שוין די רעדער פון אייזענבאהן. אין קיין אנדער אָרט פון דעם אַלט־נייעם לאַנד האָבען זיך ניט אזוי נאָהענט בעגעגענט דאס אוראַלטע פּאַטרי־ארכאַלע לעבען פון תנ"ך מיט די מאָדערנע קולטור פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט ווי אין דער יונגסטער שטאָדט פון א"י — אין דער ביבלישער באר שבע.

לויט דעם תנ"ך האָט די שטאָדט געקראָגען איהר נאָמען פון די שבועה וואס אברהם און אבימלך האָבען געשוואוירען איינער צום צווייטען אין דעם פרידענס בונד וואס זיי האָבען געשלאָסען נאָך דעם סכסוך צוליעב אברהם'ס ברונעם (בראשית כ"א 31). אלס עדות אז די ברונעם בעלאַנגט צו איהם, האָט אברהם אוועקגעשטעלט זיבען שאָף און געגעבען אבימלך'ן*). די „שבע" בעדייטעט דאָ אלזאָ אי זיבען אי שבועה. ביי יצחק'ן (בראשית כ"ו 33) ווערט אויסדריקליך ערקלערט די מיינונג זיבען. דא האָט אברהם געפלאַנצט אַן אשל (טאמאריסק) אינ'ם נאָמען פון גאָט, און אהער האָט ער זיך אומגעקעהרט נאָך דער עקדה פון יצחק'ן. די ברונעמס וואָס ער האָט דאָ אויסגעגראָבען האָבען די מענשען פון אבימלך'ן שפּעטער פערשטאָפּט, און יצחק האָט זיי צוריק אויפגעגראָבען און בענייט מיט א שבועה דעם בונד מיט אבימלך'ן (בראשית כ"ו 32). פון דאנען איז יעקב אין זיין יוגענד אוועק אין חרן, מעסאָפּאָטאַ־מיען (בראשית כ"ח 23), און אויף זיין עלטער, דערהערענדיג אז יוסף לעבט, איז ער פון דאנען אוועקגעפאָהרען אויף פרעה'ס וואָגענס נאָך מצרים (בראשית מ"ו 5).

פּאַטריאַרכאַ'ע זכרונות.

ווען די אידען האָבען עראָבערט כנען איז באר שבע אויסגעפאַלען אויפ'ן גורל פון שבט יהודה (יהושע ט"ו 28). אָבער בעזעצט האָט זיך אין איהר דער שבט שמעון, וועמענס נחלה איז אויסגעפאַלען צווישען די נחלה פון יהודה (יהושע י"ט 2). באר שבע איז געווען די גרעניץ שטאָדט אין דרום, נעבען אדום, פונקט ווי דן איז געווען די גרעניץ שטאָדט אין צפון, און דערפון נעהמט זיך דער אויסדרוק „מדן ועד באר שבע".

שוין אין די צייטען פון די שופטים איז אין באר שבע און די אומגעגענד געווען א אידיישער ישוב, און שמואל'ס זיהן, יואל און אביה, האָבען דאָרט גע'משפט די אידען (שמואל א' ח' 2). אין דעם „מפקד־העם" (פאָלקס־צעהלונג) וואס דוד האָט אונטער־נעמען זיינען די צענזוס־בעאַמטע געקומען אין דרום יהודה ביז באר שבע (שמואל ב' כד 7). אין יהושפט'ס צייט (914) איז די מלוכה פון יהודה געווען פון באר שבע ביז'ן הר אפרים (דברי הימים ב' י"ט 4). אין באר שבע האָט אליהו הנביא אי־בערגעלאָזט זיין בעגלייטער ווען ער איז אנטלאָפען פון איזבל, אחאב'ס פרוי, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגע'הרג'ט די נביאים פון בעל, און איז אוועק אין מדבר, א טאָג רייזע פון דער שטאָדט (מלכים א' י"ט 4). פון דאנען האָט געשטאַמט צביה די מוטער פון יהואש בן אחזיה מלך יהודה (מלכים 2 י"ב 2). אין עמוס'עס צייטען (750) איז באר שבע געווען א צענטער פון געצענדינערייי צוזאַמען מיט בית אל און גלגל און פון די צפונ'דיגע מלוכה פון ישראל זיינען אידען געקומען דינען די אבגעטער אין באר שבע, און דער נביא פון תקוע האָט דערפאַר געשטראָפט די איינוואוינער פון שומרון (עמוס ה' 5, ח' 14). יאשיה בן אמון מלך יהודה האָט שפּעטער (610) צושטערט די במות און די אבגעטער פון באר שבע און אלע אנדערע ערטער אין יהודה (מלכים

אין דער צייט פון בית ראשון.

*) דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָטוס דערצעהלט עטוואס עהנליכעס וועגען די אראבער: זיי פלעגען אלס צייכען פון בונד און גענענזייטיגע אבמאַך אוועקלעגען צווישען די צוויי צדדים ז י ב ע ן שטיינער און בעשמירען זיי מיט בלוט.

כ"ג 8). נאָכ'ן גלות בבל איז באר שבע נאָך אמאָל בעזעצט געווארען פון אידען, און די עולים פון די בני יהודה האָבען זיך אומגעקעהרט אין זייערע שטעדט אין דרום א"י, דארונטער אויך באר שבע (נחמיה י"א 27, 30). אין דער גאנצער געשיכטע פון בית שני ווערט שוין מעהר באר שבע אין ערגיץ ניט דערמאנט. צווישען די שטעדט וואס יוסף בן מתתיהו (פלאוויוס) האָט בעפעסטיגט אין די צייטען פון חורבן — ווערט דערמאנט אויך א באר שבע (בערסאַבע), אָבער דאָס איז גאָר אן אנדער שטאָדט, אין גליל (מלחמות 2, 20, 6).

נאָכ'ן חורבן בית שני.

אונטער דער רוימישער הערשאפט, אין 4טען יאָהרהונדערט פון דער נייער ערא, איז באר שבע געווען א גרויס דאָרף, וואו עס איז געשטאַנען א רוימישער גארניזאָן. עס איז שפּעטער געוואָרען א קריסטליכער צענטער און א רעזידענץ פון א בישאָף. די נוסעי הצלב האָבען ניט דערגרייכט אזוי ווייט זידליך ווי באר שבע, און זיי האָבען על פי טעות אנגענומען די איצטיגע בית גוברין (א דאָרף אין דעם געגענד פון חברון) פאר דעם פלאַץ פון באר שבע. די אראבישע געאָגראפען פון 10טען ביז'ן 14טען יאָהרהונדערט דערצעהלען זעהר ווייניג פון באר שבע. סער דזשאָן מאנדוויל אין 1322 שרייבט אין זיין רייזע פון סיני ביז ירושלם, אז באר שבע איז געווען פריהער א גרויסע און שעהנע קריסטליכע שטאָדט, אָבער בלויז איינינגע קירכען זיינען איבערגעבליבען. קיין בעשטענדיגער ישוב איז שוין דאָ ניט געווען. אין דעם געגענד ארום וואוינען נור בעדואינער, ניט אין הייזער נאָר אין געצעלטען, וואס זיי מאכען פון דער פעל פון גמלים און אנדערע בהמות. זיי בעארבייטען ניט דעם באָדען און עסען ניט קיין ברויט, נאָר פלייש און פיש וואס זיי בראָטען אויף די שטיינער אן דער זון. זייער איינציגע בעשעפטיגונג איז געיעג, און זיי זיינען שטארק און קריגעריש; זיי שרעקען זיך ניט פאר'ן טויט און האָבען דעריבער ניט קיין מורא פאר'ן סולטאן און פאר קיין אנדער הערשער. אָפּטמאָל האַלטען זיי אפילו מלחמות מיט'ן סולטאן, ווי דאס האָט זיך געטראָפען גערארע אין דער צייט פון זיין רייזע. זייער איינציגע געוועהר איז א פיקע און א שילד, און זיי זיינען פערברעכעריש און שלעכט מיט א פערשאָלטענער נאטור. די שילדערונג דערמאנט ניט ווילענדיג אין דעם לעגענדארישען פאטער פון די בעדואינער וואס האָט מיט זיין מוטער הגר ארומגעוואנדערט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק אין דער מדבר פון באר שבע.

פערוויסטונג

די זעקס הונדערט יאָהר וואס זיינען פון דאן פערלאָפען איז באר שבע געבליבען א אונבעוואוינטעס אָרט. אין פערלויף פון 500 יאָהר האָבען די רייזענדער אפילו ניט בעזוכט דעם פלאַץ, און נור די וואנדערענדע קינדער פון מדבר האָבען אבגעהיט דעם אלטען נאָמען פון „די ברונעם פון די שבועה" (אָדער „פון זיבען"). דער ערשטער ערפארשער וואס האָט בעזוכט באר שבע איז געווען דער בעריהמטער עדוארד ראבינסאָן אין 1838. אויסער די ברונעמס האָט ער דאָ גאָר ניט געפונען. בלויז אויף די נאָרדליכע בערגלעך אין צפון זייט פון די ברונעמס האָט ער דערקענט די חורבות פון די אלטע וואוינונגען, וועמענס פונדאמענטען האָבען זיך קלאָר אנגעזעהן, הגם עס איז שוין מעהר ניט געבליבען א שטיין אויף א שטיין. דער איינציגער סימן פון לעבען איז געווען נור ביי די ברונעמס וואו די בעדואינער האָבען געשעפּט וואסער אין לעדערנע לאגלען, אקוראט ווי ס'האָט געטון מיט פיער טויזענד יאָהר צוריק זייער מוטער הגר.

ביז דעם אבשלום פון 19טען יאהרהונדערט איז באר שבע געבליבען א וויס־טער פּלאַץ.

די איצטיגע באר שבע האָט זיך אָנגעהויבען צו בויען אין 1901. מיט דעם ציעל צו פערשטאַרקען איהר אויטאָריטעט צווישען די בעדואינער פון דרום א"י, און צו בעפעסטיגען זיך אויף דער מצרישער גרענעץ, האָט די טערקישע רעגירונג בעשלאָסען צו גרינדען א נייע קאימאקאמיע אין נגב און אויפבויען די אלטע שטאָדט באר־שבע אלס איהר צענטר. דאס איז געווען די איינציגע שטאָדט אין א"י, וואס איז אויסגעבויט געווארען מיט דער איניציאטיווע פון דער רעגירונג. אין 1905 זיינען שוין דא געווען 50 הייזער. די רעגירונג האָט איינגעלאַדען די ארומיגע איינוואוינער צו בעזעצען זיך און בויען הייזער אין דער נייער שטאָדט. פון חברון איז דורכגעלעגט געווארען א וואָגען־וועג, און פון איינע פון די אלטע ברונעמס איז אריינגעפיהרט געווארען וואסער אין שטאָדט. אין 1908 זיינען געווען אויסגעבויט 130 הייזער, א מאָשעע און א שטאָדטליכער גאָרטען. די רעגירונג האָט אויך גע־פּלאַנעוועט אויפצובויען דא אן אגראנאָמישע שולע, צו פערשפּרייטען לאנדווירט־שאפטליכע ידיעות צווישען די ארומיגע בעדואינער — דער פּלאַן איז אָבער נאָך ניט פערווירקליכט געווארען. די וועלט־מלחמה האָט אויך אן אונערוואַרטעטען אופן מיטגעהאָלפען די ענטוויקלונג פון דער יונגער שטאָדט. צוליעב מיליטעריש־סטראטעגישע נויטען האָט די רעגירונג מיט אן אונגעוועהנליכער שנעלקייט פער־ברייטעט די באהן ליניע פון מערב ארץ ישראל. אין 1915 איז באר שבע פערבונ־דאן געווארען מיט די הערדזשאזער אייזענבאהן. די חיפה דמשק'ער ליניע איז דורך שכם און טול־כרם פעראייניגט געווארען מיט די יפו־ירושלמ'ער אייז־זענבאהן, און פון דאנען איז די ליניע פאָרטגעזעצט געווארען ביז באר שבע און נאָך ווייטער אין דרום. און אויף אזא אופן איז דער צענטר אין דרום פערבונדען מיט אלע וויכטיגע שטעדט אין א"י: ירושלם, יפו, שכם, חיפה.

די בעפעלקערונג פון באר שבע האָט זיך פאר דער צייט בעדייטענד פערגרע־סערט. פאר דער מלחמה איז דער ישוב פון באר שבע בעשטאַנען פון ארום טויזענד נפשות. א דאנק דער אייזענבאהן האָבען זיך דא בעזעצט פערשיעדענע עלעמענ־טען פון גאנצען לאנד — אינזשענירען, האנדווערקער, סוחרים, קרעמער. און די נייע שטאָדט האָלט אין וואקסען. אין 1915 האָט שוין באר שבע געצעהלט 3000 איינוואוינער. קיין אידען האָבען ביז דער מלחמה דאָ ניט געוואוינט; אָבער ביי די ארבייטען פון דער באהן האָבען פיעלע אידישע קאָלאָניסטען און ארבייטער פון די יהודה'ר קאָלאָניעס און פערשיעדענע בעלי מלאכות פון יפו געפונען ארבייט, און גראדע אין דער צייט פון מלחמה האָט זיך געשאַפען א נייער אידישער ישוב אין דער נייעסטער שטאָדט פון ארץ ישראל.

דער דיסטריקט (קאזא) פון באר־שבע איז פון די גרעסטע דיסטריקטען אין ירושלמ'ער סאנדזשאַק — ער ענטהאלט העכער 3000 קוואדראט קילאָמעטער, כמעט אזוי גרויס ווי די אויטאָנאָמע פּראָווינץ פון לבנון וואס צעהלט 900 דערפער און 400.000 איינוואוינער. אויף דעם גאנצען שטח געפינט זיך ניט, אויסער באר־שבע גופא, קיין איין בעשטענדיגער ישוב. די גאנצע בעפעל־קערונג פון דיסטריקט בעשטעהט פון בעדואינישע שבטים — אזאזימא, תיאהא, טעראבין, קאדייראת און זולאם, וואס בעשעפטיגען זיך מיט פיהצוכט און אין א קליינער מאס אויך מיט אקערבוי. זיי בויען ניט קיין הייזער און זיצען ניט אויף

ענטוויקלונג.

אדמיניסטראטיווע
סביבה.

איין אָרט, נאָר טראָגען זיך ארום מיט זייערע געצעלטען און מיט זייערע טשערעדעס שאָף און גמלים. די איינציגע זאך וואס ווערט דאָ קולטיווירט איז גערשט און ווייץ. אין פריהערדיגע צייטען זיינען דא געוועזען דערפער און שטעדט. פּראָפעסאר פאלמער האָט ווייט זידליך פון באר־שבע, אין דער מדבר פון א־תיה, געפונען אלטע בנינים, הייזער, טעמפּלען, קירכען, ברונעמס, גערטנער — איינצעגע גאנצערהייט, אייניגע רואינירט. דער גאנצער געגנעד איז געווען פריהער בעוואוינט. זיבעציג מייל אין דרום פון באר שבע געפינט מען נאך איצט צאהלרייכע רעשטעס פון שטיינערנע הייזער. די בערג זיינען געווען טעראסירט, איינצוהאלטען די רעגענס און די פייכקייט, ווי עס זאגען עדות די שטיינערנע צוימען פון די טעראסען. וואס מען זעהט איצט אויף די וויסטע בערג און בערגלעך פון נגב. איינע פון די וואדים, וואס איז איצט וויסט, טראגט נאך דעם נאָמען „וואדי חאניין“, ד. ה. דער וואדי פון בלומען־גארטענס. די פיעלע ברונעמס און טעראסען וואס זיינען אויסגעבויט אין דער לענג פון וואדי, ציינען אז דער דאָזיגער נאָמען האָט אין פריהערדיגע צייטען ענטשפּראָכען די ווירקליכקייט. 25 מייל זידליך פון באר שבע געפינען זיך די חורבות פון סבייטא (די צ פ ת פון נגב וואס שמעון און יהודה האָבען צוגענומען פון דעם כנעני — שופטים א׳ 77). די רואינען בעדעקען א שטח פון 500 יארד אין דער לענג און 2.300 יארד אין דער ברייט. נעבען יעדען הויז איז פאראן א ברונעם, אויך געפינען זיך דארט צוויי גרויסע רעזערוואוארען פאר וואסער. אין די שטיינערנע געביידעס איז אָבער ניטאָ קיין צייכען פון לעבען. אזעלכע חורבות טרעפען זיך איבעראל. די נבואה פון ירמיה איז מקוים געווארען: „די שטעדט פון נגב וועלען פערהאקט ווערען און עס איז ניט דא ווער זאל עפענען“ (ירמיה י״ג 19).

די אויפבויאונג פון באר שבע און בעזונדערס די אייזענבאהן וועט אָבער זיכער פיעל מיטהעלפען די אויפלעבונג פון דעם נגב. און ווען די לענדערייען פון דעם נייעם דיסטריקט וועלען מעהר קולטיווירט ווערען וועט באר שבע פון איהר זייט ווערען א וויכטיגער צענטר אויף דעם דרום גרעניץ פון ארץ ישראל.

עקבה (אילת, עציון גבר)

קיין אָרט אין ארץ־ישראל, מיט דער אויסנאהם אפשר פון יפו און איהר אומגעבונג, קאָן זיך ניט פארגלייכען איצט מיט דעם אמאָליגען בליהענדען צושטאנד פון פאר צוויי און דריי טויזענד יאָהר צוריק. איבעראל, איבער׳ן גאנצען לאנד דערקענט מען קלאָר די טרויעריגע צייכענס פון פערוויסטונג און דעגראדירונג. אין ערגיץ אָבער איז דער חרבן פון לאנד ניט אזוי גרויס ווי אין דעם עקסטרעמען דרום — אין דעם אזוי גערופענעם נגב — פון חברון און באר שבע ביז דעם מדבר תיה, נעבען נאָרדליכען סיני און דעם גאָלף פון עקבה — א שטח פון העכער 10.000 קוואדראט קילאָמעטער. דער גאנצער געגענד שיינט איצט צו זיין א טרויעריגע, האָפנונגסלאָזע, אונבעזעסענע וויסטע. פון די אמאָליגע גרויסע שטעדט חלוצה, רחובות, עבדה, בוריין, סעבייטא (צפת) און אנדערע איז מעהר ניט פערבליבען ווי חורבות. די אויפשריפטען פון די אלטע רואינען ציינען אז דער נגב האָט זיך נאָך אין פינפטען יאָהרהונדערט געפונען אין א בליהענדען צושטאנד. אין פיעלע ערטער זיינען נאך ביז היינט פארבליבען די סימנים פון דערפער, ברונעמס, פעלדער, טעראסען און גערטנער.

וואס ציינען אויף א אינטענסיווער לאנדווירטשאפט און רייכע פלאנטאציעס — איצט געפינען זיך דא קוים צוויי טויזענד בעדואינער וואס בעארבייטען צוביסלעך און אויף א זארגלאפען אופן דעם באדען. און אויף דעם אמאליגען גרויסען האנדעלס־פארט פון אילת און עציון גבר, אויפ'ן ברעג פון ים־סוף, דורך וועלכען ארץ ישראל האט געפיהרט א גרויסען האנדעל מיט אינדיען — געפינט זיך נור א מיזעראבל דער־פעל עקבה, וואס צעהלט קוים טויזענד ארעמע איינוואוינער.

ביבלישע תקופה

אין דער ביבלישער געשיכטע ווערט עציון גבר בעגעגענט אין דריי פערשידענע עפאכען. ווען די אידען האבען פאר'ן אריינגעהן אין ארץ־ישראל ארומגעוואנדערט אין דער מדבר — איז עציון גבר געווען איינע פון די סטאנציעס וואו זיי האבען גערוהט



בילד 36
דער גאלף פון עקבה (אקאבא)

(במדבר ל"ג 35, דברים ב' 8). דער וואדי וואס ציהט זיך פון עציון גבר (דעם גאלף פון עקבה) ביז דעם דרום־ענד פון ים־המלח האט אין משה'ס צייטען געטראגען אין העברעאיש עם זעלבען נאמען וואס הייסט אין אראביש — ערבה (אין אראביש ערבה, לעז: אראבא) (דברים ב' 8). דאס לאנד ארום דעם ארט האט דאן בעלאנגט צו די בני עשו אדער אדום.

שפעטער אין שלמה'ס צייטען איז עציון גבר געווען דער פארט פון ארץ־ישראל. דא האט שלמה אויפגעבויט א פלאט (מלכים א' ט' 26) און די מאטראזען פון חירם מלך צור צוזאמען מיט שלמה'ס מענשען זיינען איין מאל אין דריי יאהר געפאהרען

אין אופיר, ווארשיינליך אן אָרט אין אינדיען, צו ברענגען גאָלד, זילבער, העלפאַנטען, מאַלפּעס און פּאַפּוגייען (מלכים א׳ י׳ 22).

אויך יהושפט מלך יהודה האָט געבויט שיפען אין עציון גבר צו שיקען נאָך גאָלד אין אופיר — אָבער די שיפען זיינען געשעדיגט געוואָרען נאָך פאַר׳ן אוועקגעהען, און די ים־עקספּעדיציע האָט זיך ניט איינגעגעבען (מלכים א׳ כב 49, דברי־הימים ב׳ כ׳ 36). אום צו קענען בויען שיפען אין עציון גבר האָט אדום געמוזט זיין דאן אונטער געוואָרפען די מלוכה פון יהודה. אין דער צייט פון יהושפט האָט טאַקי אדום ניט געהאט קיין אייגענעם מלך (מלכים א׳ כב 48). נאָך יהושפט׳ס טויט האָט אדום רעוואָלטירט געגען יהודה (דברי הימים ב׳ כ״א 8) און דער פּאָרט פון ים־סוף איז אָבגעריסען געוואָרען פון ארץ ישראל, און נאָר נאָכדעם ווי זיין אוראייניקעל אמציה בן יהואש האָט צושלאָגען די אדומים און פערכאַפּט זייער הויפּט־שטאָדט סלע (איצטיגע פּעטרא) (מלכים ב׳ י״ג 7), איז געלונגען עזריה (עזיה), דעם זוהן פון אמציה צו פערפעסטיגען זיך אויף ברעג פון ים סוף און אומקעהרען אילת צו יהודה (מלכים ב׳ י״ד 22, דברי הימים ב׳ כ״ו 2). די זידליכע פּאָרט שטאָדט איז אָבער ניט לאַנג פערבליבען אין רשות פון יהודה. אין די צייטען פון אחז בן יותם מלך יהודה, עזריה׳ס אייניקעל, האָט רצין דער מלך פון ארם פערדרענגט די אידען פון אילת, און די אדומים האָבען זיך צוריק דאָרט באַזעצט „ביז דעם היינטיגען טאָג“ (מלכים ב׳ ט״ז 6). מעהר ווערט שוין דער אָרט ניט דערמאָנט אין דער אידישער געשיכטע. יוסף פלאוויוס דערצעהלט בלויז אז עציון גבר הייסט איצט (ד. ה. אין זיין צייט) בערעניקע, און דאָס איז ניט ווייט פון דער שטאָדט אילת (קדמוניות ז׳ 6, 4). אז די ביידע שטעדט זיינען געווען נאָהענט איינע צו די צווייטע איז קלאָר אויך פון פסוק אין מלכים א׳ (ט׳ 26): ואני עשה המלך שלמה בעציון גבר אשר את אלות על שפת ים סוף בארץ אדום.

פון דאן אָן ווערט עציון גבר שוין אין ערגיץ ניט דערמאָנט, און פון שלמה׳ס פּאָרט שטאָדט איז ניט פערבליבען מעהר קיין זכר אָדער סימן אויף׳ן אָרט. לויט דער מיינונג פון עדוארד ראָבינסאָן איז עציון גבר אידענטיש מיט׳ן וואדי עצ׳יאן (גאַדיאן) וואָס עפענט זיך פון די וועסטליכע בערג אין צפון זייט פון עקבה אין דעם טאָל פון ערבה.

אילת אין מיטעלאַלטער

אילת (אָדער אילות) האָט אויף אַ לאַנגע צייט איבערגעלעבט איהר שכנ׳טע עציון גבר. נאָך אין פיערטען יאָהרהונדערט נאָך׳ן חורבן בית שני איז אילת געווען אַ גרויסער האַנדעלס־צענטער. אַ רוימישער לעגיאָן איז דאָ געשטאַנען און פון אילת׳ער האַפען זיינען שיפען געגאַנגען אין אינדיען. ווי אין שלמה׳ס צייטען איז ארץ־ישראל געווען פערבונדען מיט הודו דורך דעם ים־סוף. די האַפען שטאָדט אילת האָט נאָך געהאַט אַ אידישען ישוב אין דעם זעקסטען יאָהרהונערט, און די בעציהונגען צווישען די אידען און קריסטען אין אילת, לויט די עדות פון פּראָקאָפּיוס, דעם כראָניקער פון די פּרס׳ישע מלחמות אין 6טען יאָהרהונדערט, זיינען געווען זעהר פריינדליך, און אויך שפּעטער, אונטער דער מוסלימישער הערשאַפט האָבען די צוויי גרופּען פּאָרטגעזעצט צו לעבען בייגאַנדער אין פריינדשאַפט. נאָך אין עלפטען און צוועלפטען יאָהרהונדערט אין די צייטען פון די נוסער הצלב, האָבען אידען געוואוינט אין אילת.

אלס דער נאָהענטסטער אָרט אין ארץ־ישראל צו אַראַבישען האַלב אינזעל, איז אילת פריהער פאַר אַנדערע טיילען פון ארץ־ישראל אונטערגעפאַלען די מוסלימישע מאַכט, נאָך ביים לעבען פון מוחמד׳ען (אין 630). מוקדסי (אין יאָהר 985) שרייבט

אז ווילה (אילת) איז א גרויס־בעפעלקערטע און שעהנע שטאדט מיט פיעלע פאלמען, א גרויסער פארט פון ארץ־ישראל און דער עמפאריום (גרויסער האנדעלס־צענטר) פון חעדזשאז. אין 1116 האט באלדוין דער ערשטער, דער קריסטליכער קעניג פון ירושלים, איבערפאלען אילה און האט זי געפונען אין גאנצען פערלאזען. די איינוואוינער זיינען זיך פאר שרעק צולאפען. אין 1167 האט צלח־א־דין אבגענומען אילה פון די קריסטען, און מעהר איז זי שוין ניט ארויס פון מוסלימישען רשות. אבער די מלחמות אין לאנד צווישען קריסטען און מחמדאנער האבען וואהרשיינליך אבגערופען



בילד 37

די איצטיגע עקבה (אקאבא)

זיך אויף דער זידליכער פארט שטאדט און צושטערט איהר האנדעל. אין אידריסי'ס צייטען (אין 1154) איז אילת געווען שוין ניט מעהר ווי א קליין אונבעדייטענד שטעדטעל. אין אבו־ל־פידא'ס צייטען, אין אנהויב פון פיערצעהנטען יאהרהונדערט איז אילה געווען שוין כמעט אין גאנצען פערוויסטעט. ניט מעהר ווי א קליינע פעסטונג, דער רעזידענץ פון מצרי'שען גובערנאטאר, איז געבליבען אויף'ן פלאץ פון פריהערדיגען עמפאריום.

איצטיגע עקבה

די איצטיגע עקבה („עקבה" אין אראביש מיינט אן אבהאנג פון א בארג, א דורכגאנג), אויפ'ן גאלף וואס טראגט דעם זעלבען נאמען, איז ניט ווייט פון דעם ארט, וואו ס'איז פריהער געווען אילת. פון דער אלטער שטאדט איז מעהר קיין צייכען ניט געבליבען. אין דער גאנצער אומגעבונג איז ניטא קיין שפור פון אמאליגען ישוב. בלויז א קליינע שטיינערנע פעסטונג, וואו ס'שטעהט דער טערקישער גארניזאן, דערמאנט עטוואס אין די עלטערע צייטען. די געגענד איז בעוואוינט נור מיט בעדואינער, און אין עקבה גופא זיצען אין גאנצען ארום טויזענד נפשות. אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט איז עקבה נאך געווען א וויכטיגע סטאציאן פון די מוסלימיישע חאדזש־ (עולי־רגל) קאראוואנען, וואס זיינען געגאנגען פון מצרים קיין מכה דורך דעם סינישען האלב אינזעל. אויפ'ן גאנצען וועג איז געווען אויסגעבויט א רייהע פעסטונגען מיט ברונעמס וואסער און פראוויזיאן פאר די פילגרימען, און די בעדואינישע שבטים פון סיני און נגב האבען בעקומען א בעשטענדיגען געהאלט פון דער רעגירונג פאר דער שוץ און זיכערהייט פון די עולי־רגל אין די גרעניצען פון די בעשטימטע טעריטאריעס אויף וועלכע יעדער שבט האט געהאט א חזקה. נאך דעם פאלען פון דער מצרישער הערשאפט אין א"י און סוריה (1840) האט זיך די לאגע געביטען. די דירעקטע פערבינדונג צווישען מצרים און א"י דורך דער יבשה איז אבגעריסען געווארען און עקבה האט אנגעווארען איהר לעצטע וויכטיגקייט אלס „דורכגאנג". ניט האבענדיג קיין בעוואוינטעס „הינטערלאנד" האט איצט דער פארט פון עקבה ניט קיין קאמערציעלע בעדייטונג. דער שיפס־פערקעהר מיט אינדיען, וואס האט דא אנגעהאלטען אין פעריטיעדענע צייטען אין פערלויף פון צוויי טויזענד יאהר — אנפאנגענדיג פון דעם צעהנטען יאהרהונדערט פאר'ן אנהויב פון קריסטליכען צייטרעכנונג (אין שלמה'ס צייטען) ביז דעם צעהנטען יאהרהונדערט נאך איהם (אין דער צייט פון נוסעי הצלב) האט פאר די לעצטע 900 יאהר גענצליך אויפגעהערט .ווי אין די צייטען פון יציאת מצרים איז דא איצט בלויז אן ארט פאר וואנדערנדע בעדואינישע שבטים. עס איז אבער זיכער, אז ווען דאס הינטערלאנד פון עקבה — דער זידליכער טייל פון א"י — זאל צוריק ווערען קולטיווירט און בעזעסען, און עקבה זאל ווערען פערבונדען מיט דער אייזענבאהן פון באר שבע און ירושלים אין מערב, און מיט דער חעדזשאזער באהן שטראסע אין מזרח — וועט דא צוריק ווערען א וויכטיגער האפען און האנדעלס צענטער, און א"י וועט ווידער אמאל פערבונדען ווערען דורך א דירעקטען שיפס־פערקעהר פון עקבה'ר גאלף מיט דעם אינדישען אקעאן. עקבה וועט דאן זיין פאר דרום און מזרח א"י, דאס וואס יפו און חיפה זיינען פאר מערב ארץ ישראל.

חיפה.

אין דעם זידליכען ווינקעל פון דער עכו'ר בוכטע. ביי די פיס און אויפ'ן רוקען פון די כרמל־בערג אין זייער נארד־וועסטליכען אבהאנג ביים ים התיכון, ניט ווייט פון דעם ארט וואו דער נחל קישון פאלט אריין אין ים — ליגט חיפה, די וויכטיגסטע האפען־שטאדט פון גליל. דאס וואס יפו איז פאר ירושלים און יהודה, איז חיפה פאר גליל און חורן: דער הויפט־פארט פון איינפיהר און אויספיהר, דער צענטער פון שיפס־פערקעהר, האנדעל און אינדוסטריע.

אין צפון זייט פון חיפה, ניט ווייט פון נחל קישון, עפענט זיך אויף דער עמק עכו מיט א וועלדעל פאלמען, וואס ווערט שוין דערמאנט אין 11טען יאהרהונדערט. אין דרום, אין שמאלען פאס צווישען ים און כרמל, אויפ'ן וועג צום עמק השרון, ליגט די

שעהנע קאלאניע פון די דייטשע טעמפלער. אין מזרח זייט הויבען זיך אויף די כרמל בערג און שפיעגלען זיך אב אין די בלויע וואסערען פון ים.

אורשפרונג

חיפה ווערט אין תנ"ך און אויך אין די אפאקריפען ניט דערמאנט*), הגם די אומגעגענד פון חיפה, בעזונדערס דער כרמל קומט אפט פאר אין דער ביבלישער געשיכטע און פאעזיע**). מעהר פון אלין איז דער ארט פערבונדען מיט די זכרונות פון אליהו הנביא (מלכים א' י"ח) און זיין נאכפאלגער אלישע (מלכים ב' ב' 25, ד' 25). די אראבער רופען דעריבער דעם כרמל — דזשעבעל מר אליאס — דער בארג פון אליהו. ניט ווייט פון חיפה, אין דרום זייט, ביים וועג קיין יפו, געפינט זיך אויפ'ן רוקען פון בארג א הייל, וואס ווערט געהאלטען ביי אידען, מוסלימער און קריסטען פאר אליהו הנביא'ס הייל. ירמיה דערמאנט דעם „כרמל וואס קומט צו צום ים" (ירמיה מ"ו 18). דאס איז נעבען חיפה. מ'געפינט אבער ניט אין ערגיץ קיין זכר פון חיפה ביז נאכ'ן חורבן בית שני. רבי בנימין פון טודילא האט אנגענומען חיפה פאר



בילד 38
חיפה, ביי די פיס פון כרמל.

„גת החפר". לויט דער מיינונג פון ראבינסאן איז חיפה די אלטע שטאדט שקמונה (סיקאמינום) וואס ווערט דערמאנט אין תלמוד און ביי די קלאסישע שרייבער.

---

*) דער נאמען חיפה שטאמט, לויט איינעגע, פון שורש „חפה", וואס מיינט אין העברעאיש בעדעקען, שיצען, און „חיפה" בעדייטעט אלזא א בעשיצטער ארט. עס איז אויך פאראן אן השערה אז אין פסוק „אשר ישב לחוף ימים" (שופטים ה' 17) בעציהט זיך דערווארט לחוף צו חיפה. חיפה געפינט זיך טאקי אין דער טעריטאריע וואס איז בעשטימט געווארען פאר'ן שבט אשר.

**) מען דארף ניט צוזאמענמישען די בערג כרמל, וואס ליגען אין גליל, דרומית־מערבית פון עמק יזרעאל, מיט דער ביבלישער שטאדט כרמל אין יהודה, דרום זייט פון חברון, א שטאדט וואס האט בעלאנגט צום שבט יהודה (יהושע ט"ו 55) און וואו שמואל איז פאנאנדערגעגאנגען זיך מיט שאול'ן צוליעב עמלק'ן (שמו"א ט"ו 12) און שפעטער איז דארט פארגעקומען דער אינצידענט צווישען דוד'ן און נבל הכרמלי (שמו"א כ"ה, 2, 5, 7, 40).

(אויף יוסף פלאוויוס דערמאַנט זי אין זיינע קדמוניות היהודים, 12, 13, 3). אהין איז געקומען פטאלאמעאוס פון מצרים מיט אַנ׳ארמיע פון 30.000 צו העלפען עכו געגען אלכסנדר ינאי. אייסעביוס, אַ געבוירענער פון קיסריה, נעבען חיפה, וואָס האָט געלעבט אין פיערטען יאָהרהונדערט, רעדט וועגען סיקאמינום, וואס רופט זיך „עפא“.

נאַכ׳ן חורבן איז אין חיפה געווען א אידישער ישוב, און די שטאָדט ווערט פיעלע מאָל דערמאנט אין תלמוד. די חיפה׳ר אידען זיינען בעוואוסט מיט זייער שלעכטער העברעאישער אויסשפּראכע; זיי האָבען ניט ריכטיג אויסגעשפּראכען דעם אלף אין דעם עין און פערביטען די דאָזיגע פערשיעדען קלינגענדע אותיות (מגילה כ״ד, ירושלמי ברכות י״ב). חיפה איז אין די פריהערע צייטען געווען פון די ערטער, וואו מ׳האָט געפישט די הלזון־שנעקעס (שבת כ״ו). דאָ איז אין דער עפּאָכע פון תלמוד געווען א צענטר פון אידיישען לערנען, און פיעלע חכמים שטאַמען פון דיזער שטאָדט: ר׳ אבא (שבת מ״ה), ר׳ חלפתא (גטין פ״ו), ר׳ אבדימי (קדושין ל״ג, בבא בתרא י״ב). איינער פון די נאָהענטסטע מענשען פון רבי יהודה הנשיא, וואס האָבען איהם בעדיענט ביים לעבען און ביים טויט, איז געווען יוסף חפני פון חיפה (כתובות ק״ג).

נאָך פיעל הונדערטער יאָהרען שפּעטער געפינט מען אידען אין חיפה. אין 11טען יאָהרהונדערט האָט די שטאָדט אין גאנצען בעלאנגט צו אידען. דער באַגדאדער חליף האָט זיי אוועקגעגעבען חיפה פאר א בעשטימטען יעהרליכען אָבצאָהל. חיפה איז דאַן געווען אַ צענטער פון שיפּבוי (דער פּרס׳ישער רייזענדער נאצרי־כוזרו דערצעהלט אין 1047 אז אין חיפה ווערען געמאכט זעהר גרויסע שיפען) און די שיפּבויער זיינען וואָרשיינליך געווען אידען. נאָך מיט הונדערט יאָהר שפּעטער געפינט מען אין דער שכנות׳דיגער שטאָדט צור פיעל אידיישע שיפּבעזיצער. די אידיישע קהלה אין חיפה האָט דאַן געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין געזעלשאפטליכען לעבען פון אידענטום אין א״י, און דער גאון רבי אליהו בן שלמה הכהן, וואָס האָט געהאט זיין רעזידענץ אין צור, איז פאר׳ן טויט (1084) געקומען „מקדש זיין דאָס יאָהר (ד. ה. בעשטימען דעם עבור) און בענייען די גאונות און די סמיכה אין בית־הועד אין חיפה.“ באלד אָבער האָט זיך אָנגעריקט אַן אומגליק אויף דער אידיישער חיפה. אין 1099 איז ירושלים אריינגעפאלען אין די הענד פון די נוסע הצלב. טאנקרעד, וואָס איז בעשטימט געוואָרען אלס הער־שער פון גליל, איז אין 1100 איבערגעפאלען חיפה מיט א שטארקער קראפט. די אי־דען האָבען העלדיש פערטיידיגט זייער שטאָדט — די כחות זיינען אָבער ניט געווען גלייך. צו טאנקרעדס הילף איז געקומען דער פלאָט פון ווענעציע, און נאָך א 15־טאָ־גיגער בעלאגערונג פון ים און יבשה איז חיפה געפאלען. די קריסטען האָבען אין גאנ־צען פערניכטעט דעם אידישען ישוב און רבי בנימין מטולידא וואָס איז דאָ געווען מיט עטליכע און זעכציג יאָהר שפּעטער, האָט שוין דאָ ניט געפונען קיין איין איד. ער דערמאָנט בלויז די אידישע קברים הינטער די כרמל בערג נעבען דער שטאָדט. אין 1177 האָט צלח־א־דין צוריקגענומען די שטאָדט פון די קריסטען. אונטער דער מוס־לימישער הערשאפט האָבען זיך אידען צוריק בעזעצט אין חיפה, און ר׳ יצחק חילו (1334) האָט אין חיפה געפונען א אידישע קהלה וואָס האָט זיך געריהמט מיט איהר חסידות.

די רייזענדע פון 15טען, 16טען און 17טען יאָהרהונדערט דערמאנען זעהר ווייניג חיפה. וואָלני (1783) בעגנוגענט זיך בלויז מיט דער קורצער מיטטיילונג, אז דאס ד א ר ף חיפה איז ניט ווייט פון עכו. דער שייך דאהער אל־עמר פון עכו

נאָד׳ן חורבן

אידישער צענטר.

האט פארגעשלאגען די קאנסטאנטינאפאלער רעגירונג צו בעפעסטיגען חיפה. די רעגירונג האט צוגעשטימט און איינגעבויט דא א פעסטונג און אוועקגעשטעלט א קאנאן. דאן האט דאהער צושטערט די פעסטונג און אריבערגעפיהרט דעם קאנאן צו זיך אין עכו.

ב. די נייער שטאדט.

נאך אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט איז חיפה געווען אן אונבעדייטענדער ארט. לויט די אנגאבען פון קאנסול ראדזישערס אין 1859 האט חיפה געצעהלט ניט מעהר ווי 3.000 איינוואוינער. ביז די אכציגער יאהרען איז די שטאדט וועניג געוואקסען. אין 1877 איז די בעפעלקערונג בעשטאנען פון 1140 מוסלימער, 1 000 אידען, 1000 גריכען, 600 קאטאליקען, 30 מאראניטען, 170 לאטיינער — צו־זאמען 3.040 נפשות. (לויט דעם בעריכט פון ענגלישען קאנסול יאגא איז שוין אין 1873 דא געווען 5.000 איינוואוינער). פון דאן אן האט דער ישוב אנגעהויבען שנעל צו פראגרעסירען. אין 1890 געפינען מיר שוין 7.250 איינוואוינער (לויט אפי־ציעלען פאלגאמיע), אין 1898 — 12.000 (בעדעקער) אין 1913 — 20.000 : העבער 10.000 מוסלימער, 5.000 אידען און די איבריגע קריסטען, צווישען זיי 650 דייטשען. (כמעט אלע איינוואוינער פון דער דייטשער קאלאניע). אין פערלויף פון פערציג יאהר האט זיך די בעפעלקערונג פון חיפה אלזא כמעט פערפינפפאכט.

די הויפט־פאקטארען אין דעם שנעלען וואוקס פון חיפה זיינען געווען: די גרינדונג פון דער טעמפלער־קאלאניע נעבען חיפה אין 1868, די אידישע קאלאניזאציע אין שומרון (זכרון יעקב אין 1882, חדרה אין 1891, עתלית אין 1896) און גליל (די קאלאניעס אין טבריה'ר ראיאן (1899-1914) און די אויפבויאונג פון די חערזשאזער איי.ענבאהן אין 1906*). חיפה האט זיך געוויסערמאסען ענטוויקעלט אויפ'ן חשבון פון דער שכנות'דיגער עכו, וואס איז בעשרענקט אלס מיליטעריש בעפעס־טיגטע שטאדט; אויך צוליעב די שוין וואס די כרמל בערג גיבען דעם חיפה'ר האפען. אין דער צייט וואס דער עכו'ר פארט איז אפען און אונבעשיצט, איז דער שיפס־פערקעהר און האנדעלס־צענטער פון עכו ביסלעכווייז אריבערגעטראגען געווארען אין חיפה, די בויאונג פון אידישען טעכניקום אין חיפה, וואס איז איבער דער מלחמה אבגעשטעלט געווארען, האט פיעל מיטגעהאלפען די ענטוויקלונג און וואוקס פון דער שטאדט.

דורך די חערזשאז־באהן איז חיפה פערבונדען מיט טבריה (דורך בית שאן), דמשק, דרעא און חורן און זידליכען עבר הירדן ביז מ ע ז (מאאן), ג'נין און שכם אין שומרון, און א דאנק די נייע צווייג וואס איז אין דער מלחמה צייט צוגע־בויט געווארען, אויך מיט טול־כרם, ירושלם—יפו (ביי דער באהן סטאנציאן פון בערזשעד, נעבען דער אידיישער פארם חולדה) און באר שבע און אל־חפיר אין דרום א"י. א קליינע צווייג פעראייניגט אויך חיפה מיט עכו. די אויסלענדישע שיפס־געזעלשאפטען פערבונדען חיפה מיט פרעמדע לענדער. דער עסטרייכישער ללויד, די רוסישע האנדעלס און דאמפף־שיף געזעלשאפט, די ענגליש־מצרישע כעדיוויאל־

*) דער דייטשער קאנסול אין חיפה אין זיין אפיציעלען בעריכט פאר 1905 שרייבט וועגען דעם פאלגענדעס: „דער פיהלבארער אויפשוואונג פון גליל דארף צוגעשריבען ווערען ניט נור דעם בוי פון חיפה—דמשק אייזענבאהן, נאר מעהר־ווייניגער אויך דער פארטגע־עצטער גינסטיגער ווייטער־ענטוויקלונג פון די אידישע קאלאניעס (צווישען וועלכע זכרון־יעקב, בערך 4 שעה פון חיפה, איז די בעדייטענדסטע) און די אידישע צואוואנדערונג". (זעה: דייטשעס האנדעל ארכיוו, ארויסגעגעבען אין רייכסאמט דעם אינערן, 1906, זייטע 988).

מייל שיקען רעגעלמעסיג זייערע שיפען אלע אכט טאָג אין חיפה, אויפ'ן וועג צווישען קליין־אזיען און מצרים. אויך דייטשע, פראַנצויזישע און איטאַליענישע שיפען פער־ קעהרען אָפט אין חיפה. פון 1897 ביז 1913 איז דער שיפס־פערקעהר כמעט פער־ פיערפאַכט געוואָרען. שיפס בעוועגונג

שיפס בעוועגונג אין חיפה אין די לעצטע 10 יאָהר (1904—1913).

יאהר	דאמפשיפען	טאָן	זעגעלשיפען	טאָן
1904	263	296.855	947	13.248
1905	221	241.669	371	4.575
1906	407	487.615	582	6.093
1907	481	609.564	775	8.750
1908	606	776.936	725	9.527
1909	626	810.938	790	12.148
1910	555	771.444	759	6.664
1911	516	750.260	778	15.308
1912	440	689.358	470	11.684
1913	486	808.763	1.111	14.311

ווי מיר זעהען פון דער טאבעלע האָט זיך די שיפס בעוועגונג פערדאָפּעלט אין דעם זעלבען יאָהר וואָס די חערזשאַס באהן איז געעפענט געוואָרען (1906). דער אויפשוואונג פון 1909 איז געקומען נאָך דער טערקישער קאָנסטיטוציע, און דער ריק־ גאנג אין 1910־1911 אין פעראורזאכט געוואָרען דורך דעם באַלקאַנישען און איטאַ־ ליענישען קריעג.

ווי אין יפו, אזוי אויך אין חיפה, איז דער שיפס־פערקעהר געוואקסען צוזאַמען מיט'ן אויסווערטיגען האנדעל, ווי מיר האָבען געזעהען ביי דעם עקספּאָרט און אימ־ פּאָרט פון חיפה'ר האפען (זייט 203).

אויך דער אינערליכער האנדעל פון חיפה וואַקסט זעהר שנעל, און לויט די אַנ־ גאבען פון אפיציעלען סאלנאמע פון 1326 (1910) צעהלט חיפה 928 קלייטען און 423 גרעסערע מאגאזינען.

די אינדוסטריעלע טעטיגקייט פון חיפה איז נאָך גאַנץ בעשרענקט. אבער דער וואוקס פון דער אידישער קאָלאָניזאציע אין גליל און שומרון האָט שוין פיעל מיט־ געהאָלפען דער געווערקשאַפטליכער ענטוויקלונג פון חיפה. בעמערקונגסווערטען פּאָרט־ שריט האָט געמאכט דאס שלאָסעריי און שמיד־ און וואגען־געשעפט. חיפה פערמאָגט 10 שמיד־און שלאָסער־ווערקשטאטען, 22 טישלערייען און 4 זאָטלערייען, 3 זייף פאַב־ ריקען (2 פרימיטיווע, אראבישע, און 1 מאָדערנע, א אידישע), 2 אויל־פּרעסען, אן אייז־פאבריק, א ברויעריי (דייטשע) וואָס ארבייט נור פאר דעם אָרטיגען געברויך, 3 גארבערייען און 1 מאשינען פאבריק („עתיד" וואָס האָט זיך צוליעב געלד מאנגעל לעצטענס געשלאָסען), אויסער די ווערקשטאטען פון חערזשאַז־באהן. אינדוסטריען

א בעדייטענדע ראָלע אין ווירטשאפטליכען לעבען פון חיפה שפּילען די דייטשען, וואָס האָבען דאָ אן אייגענע קאָלאָניע אויפ'ן וועג קיין יפו. לויט די אַנגאבען פון דייטשען קאָנסול אין 1905 צעהלט די קאָלאָניע 545 נפשות, און איהר גאַנצער בעזיץ בעטרעפט 2 און האלבען מיליאָן מארק. די איינוואהנער בעשטעהען פון 23 וויינ־ גערטנער, 2 אקערבויער, 2 זייפען־פאבריקאנטען, 10 קויפלייט, 1 אַרצט, 1 ביער־ברויער, 2 בעקער, 3 גאסטווירטען, 1 גערטנער, 2 אינזשענירען, 3 קאָנסולען, 3 לעהרער, 2 לעה־ רערין, 40 פערשיעדענע האנדווערקער, 4 מילנער, 3 פּאַסטאָר און געהילפען, 1 פּאָסט־ בעאמטער.

חיפה'ר ראַיאָן

חיפה איז אדמיניסטראַטיוו א צענטער פון א קאַזאַ פון עכו'ר סאַנדזשאַק. דער דיסטריקט פון חיפה וואָס שליסט איין דעם כרמל און דעם נאָרדליכען טייל פון שרון צעהלט 43 אַראַבישע דערפער און 10 אידישע קאָלאָניעס: זכרון יעקב, שפיה, בת־שלמה, בורג', מאַראַת, חדרה, חפצי־בה, עתלית (אַטליט), כרכור, שוני. דער שטח פון דעם דיסטריקט איז בערך 750 קוואַדראַט קילאָמעטער, און די איינוואוינערשאַפט אונגעפעהר 15.000. אויסער די אידישע קאָלאָניעס ווערט דאָ הויפּטזעכליך בעטריבען אַקערבוי־ווירטשאַפט. לויט די אַנגאַבען פון דייטשען קאָנסול אין 1903 איז דער שטח פון בעאַרבייטעטען אַקער לאַנד 329.400 דונאַם. דער איינטראַג פון דעם דיסטריקט איז, לויט אָפיציעלע אַנגאַבען פון 1910 — 100.000 קיילה ווייץ, 100.000 קיילה גערשטען, 10.000 קיילה אַרבסען, 8.000 קיילה סעזאַם, 1.000.000 אָקאַ ווייַנטרויבען, 117.000 אָקאַ אָליוועס, 1.000.000 אָראַנזשען א. ד. ג. דער אַלגעמיינער איינטראַג איז אונגעפעהר 20.000 טאָן, „צו ווייניג אין פערהעלטניס צום גרויס און פרוכטבאַרקייט פון לאַנד", ווי עס בעמערקט דערויף דער דייטשער קאָנסול אין זיין בעריכט. די אורזאַכען זיינען דאָ, ווי אין גאַנצען לאַנד, די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אַרבייט און די פערלאַזענקייט פון א סך באָדענס. דער כרמל, וואָס איז אַמאָל געווען בעדעקט מיט וועלדער און וויינגערטנער, ווי עס צייגט דער נאָמען זיינער, איז איצט כמעט אין גאַנצען ענטבלויזט און אונבעוואַקסען, מיט דער אויסנאַהם פון דעם וועסטליכען אָבהאַנג נעבען חיפה, וואָס איז פערפלאַנצט מיט וויינגערטנער.

די ענטוויקלונג פון די אידישע קאָלאָניעס אין דעם ראַיאָן און דערוואוקס פון חיפה אין די לעצטע דרייסיג יאָהר עפענען פאַר דעם גאַנצען געגענד ברייטע האָריזאָנטען. די פערצווייגונג פון דער חיפה'ר באַהן אויפ'ן נאָרדליכען און זידליכען ברעג צו בירות און יפו, די אויפבויאונג פון א גוט־איינגעאָרדענטען האַפען אין חיפה, די פערענדיגונג פון אידישען טעכניקום און די ווייטערע קאָלאָניזירונג פון כרמל און שרון — דאָס זיינען די הויפּט־אויפגאַבען פון דער נאָהענטסטער צוקונפט פאַר דער ווייטערער ענטוויקלונג פון חיפה און חיפה'ר ראַיאָן.


עכו.

אין דעם נאָרדליכען ווינקעל פון דער בוכטע וואָס שניידט זיך אריין ווי א האַלבער קרייז אין די גליל'ער ברעגעס פון ים התיכון, נעבען דעם טייכעל נעמן (בעלוס) שטעהט די אַלט־פעניקישע שטאָדט עכו (אין אַראַביש עכאַ) *). די איינציגע בעפעסטיגטע האַפען־שטאָדט פון א"י. עכו איז אויפגעבויט אויף א קליין ווינקעלדיג בערגעל, וואָס שטאַרט אַרויס אין ים, און איז אַרומגערינגעלט מיט א פעסטער מויער. אַלס דער נאָהענטסטער פּאָרט צום היסטאָרישען שלאַכט־פעלד פון א"י — דעם עמק יזרעאל — האָט עכו אַלע מאָל געהאַט א גרויסע סטראַטעגישע בעדייטונג און האָט זיך גערעכענט פאַר'ן שליסעל פון גאַנץ סוריה. און א דאַנק איהר גרויסען און זיכערען האַפען האָט זי א לאַנגע צייט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין האַנדעל פון לאַנד. דורך דעם עכו'ר האַפען זיינען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען פרעמדע אַרמעען, פּילגרימען, סוחרים אריינגעקומען אין לאַנד, און עכו האָט גע'ישמ'ט מיט איהר האַנדעל.

*) עס איז אינטערעסאַנט, דאָס דער אוראַלטער נאָמען פון דער שטאָדט, ווי ער ווערט געבראַכט אין די שריפטען פון תל אמרנא ד. ה. נאָך פאַר דער אידישער איינוואַנדערונג אין לאַנד, איז אויך געווען עכאַ, מיט אן אלף, און ניט עכו מיט א „ו" ווי אין תנ"ך.

רייכטום, גלאנץ און מאכט. אבער דער גורל פון צור און צידון האט אויך ניט אויסגעמידען עכו, און פון דעם גאנצען גלאנץ און פראכט פון דער פיניקישער שטאדט איז ניט פערבליבען קיין זכר, הגם עכו האט געהאט א בעסער מזל ווי איהרע גרעסערע און מעהר בעריהמטע שוועסטער, און האט א לענגערע צייט אלס זיי פערנומען א וויכטיגען ארט אין פאליטישען און עקאנאמישען לעבען פון לאנד.

פעניקישע תקופה. עכו ווערט שוין דערמאנט אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג. איהר נאמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון שטעדט וואס טאטמעס דער דריטער האט איינגענומען אין א"י. אין די שריפטען פון תל־אמרנא ווערט אנגעגעבען דער נאמען פון מצרישען גובערנאטאר זוראטא וואס האט רעגיערט אין עכו אין נאמען פון פרעה. אויך ס ע ט י דער ערשטער, וואס האט אויפגעבויט א רייהע פעסטונגען „אויפ'ן וועג פון די פלשתים" האט איינגענומען און בעהערשט עכו.



בילד 39
עכו.

אין תנ"ך ווערט עכו דערמאנט נור איין מאל*) (שופטים א' 31). די שטאדט איז אויסגעפאלען אין דער נחלה פון שבט אשר, אבער דער דאזיגער שבט האט ניט געקאנט פערטרייבען די איינוואוינער פון די האפען־שטעדט, און עכו איז פערבליבען א פיניקישע שטאדט ווי געוועז. ווען שלמנאסר דער פינפטער (722—727) האט בעלאגערט צור האט עכו זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון די צורים. סנחריב האט נאך זיין קאמפף געגען מרודך בלאדן פון בבל אריינגעדרונגען אין סוריה (אין די צייטען פון חזקיה מלך יהודה) און האט איינגענומען עכו צוזאמען מיט די אנדערע פעניקישע שטעדט: צידון, צרפת, אכזיב און נאך. ווען אחשורוש דער צווייטער

*) לויט דער מיינונג פון רעלאנד ווערט עכו דערמאנט אין מיכה (א' 10), אין פסוק „בגת אל תגידו בכו אל תבכו". אנשטאט בכו דארף מען לעזען בעכו אל תבכו.

(350–405) האט געפיהרט א קאמפף געגען מצרים, האט דער פארט פון עכו געדיענט אלס באזיס פאר דעם פרס'ישען פלאט, ווייל קיין אנדער האפען אויף דעם סורישען ברעג איז ניט געווען גרויס גענוג אריינצונעמען דעם גרויסען פלאט פון אחשורוש (קסערקסעס).

אונטער די גריכען.

מיט די אידען האט עכו אין דער צייט פון בית ראשון גאר ניט געהאט צו טון, און איהר נאמען ווערט פערבונדען מיט דער אידישער געשיכטע ערשט נור ביים בית שני און נאכ'ן צווייטען חורבן. די שטאדט האט שוין דאן געענדערט איהר נאמען אויף פטאלעמאיס און א גריכישע קאלאניע האט זיך דארט בעזעצט. עכו איז געווארען העלעניש דורך די עראבערונג פון אלקסנדר מוקדון (332), און דעם נייעם נאמען האט איהר געגעבען איינער פון די מצרישע פטאלעמאידען, וואס האט בעהערשט די שטאדט אין קאמפף געגען די סורישע בעלעווקידען. עס איז ניט בעוואוסט ווער פון די פטאלעמאידען דאס איז געווען. עכו איז דאן שוין געווארען דער וויכטיגסטער האנדעלס־פארט פון גאנץ סוריה, און די יורשים פון אלכסנדר מוקדון האבען זיך שטארק ארומגעריסען צוליעב איהר בעזיץ. ווען יהודה המכבי האט צושלאגען די סוריער און האט מחדש געווען דעם מזבח אין ירושלם האט ער געשיקט זיין ברודער שמעון מיט 3000 מאן אין גליל געגען דעם פיינד. שמעון האט בעזיעגט דעם שונא און פערטריבען איהם ביז די טויערען פון עכו (חשמונאים א', ה' 55). ער האט אבער די שטאדט ניט געקאנט איינצונעמען. שפעטער, ווען אלכסנדר באלאס איז געווארען קעניג אין עכו (150) האט זיין געגנער דימיטריוס דער 1טער פערשפראכען די שטאדט עכו מיט אלע איהרע פארשטעדט צו יונתן החשמונאי, אלס אייגענטום פון בית המקדש אין ירושלם (ח"א י' 42). אין דער שטאדט איז יונתן אויף א פעררעטערישען אופן אריינגעפאלען אין די הענד פון זיין פיינד. דער סורישער גענעראל טריפאן, מורא האבענדיג פאר דער מאכט פון יונתן, האט איהם געשיקט א פריינדליכע איינלאדונג צו קומען פריינדליך אין עכו. יונתן, ניט האבענדיג קיין פערדאכט, האט איבערגעלאזט זיין גרויסע ארמעע אין בית שאן און איז געקומען אין עכו בלויז מיט 1000 מאן. טריפאן האט דאן גלייך איינגע'הרג'עט יונתן'ס בעגלייטער און איהם אליין גענומען אין געפאנגענשאפט (ח"א. י"ב 49 : קדמוניות 13, 6, 2). דערנאך האט ער איהם געטויטעט. אלכסנדר ינאי (יונתן דער צווייטער) וואס האט פערברייטערט די אידישע גרעניצען מעהר ווי אלע פריהערדיגע חשמונאים, האט בעלאגערט עכו. די איינציגע האפען שטאדט איז א"י א חוץ עזה וואס איז נאך פערבליבען איינצונעהמען (ניט רעכענענדיג דור און סטראטאס טורם — שפעטער קסריה — וואס האבען בעלאנגט צו דעם טיראן זוילים). די עכו'ר האבען געבעטען הילף ביי פטאלאמעאום לאטירוס, וואס האט געשיקט זיי אן ארמעע פון 30.000. דאן איז אלכסנדר געווען געצוואונגען אוועקצוגעהן פון עכו (קדמוניות 13, 12, 3-2). באלד נאך דעם איז די שטאדט אריינגעפאלען אין די הענד פון קלעאפאטרא, די מצרישע קעניגען. הורדוס דער גרויסער האט אויפגעבויט אין עכו גימנאזיומס. מעגליך אז דאמאלס האבען זיך אידען אנגעהויבען בעזעצען אין עכו, יעדענפאלס איז בעוואוסט, אז אונטער דער רוימיישער איבערהערשאפט איז אין עכו געווען א אידישער ישוב, און פאר'ן חורבן, אין דער צייט פון רוימישען גובערנאטאר פלארוס וואס האט ארגאניזירט א אידישען מאסאקר אין קסריה, (62—64) זיינען 2000 אידען דער'הרג'עט געווארען אין עכו (מלחמות היהודים .(5 .18 .2

דער רוימישער קיסר קלאודיוס (41—54) האט געמאכט עכו פאר א פרייער רוימישע קאלאניע, און די שטאדט האט געהאט איהרע אייגענע מטבעות. 4 יאהר פאר'ן חורבן האבען זיך דא פערזאמעלט די רוימיישע לעגיאנען, וואס האבען צושטערט די אידישע זעלבסטשטענדיגקייט. אהער איז אנגעקומען אספסינוס מיט זיין ארמעע פון אנטיוכה, און טיטוס מיט א צווייטע ארמעע פון אלכסנדריה, און פון דאנען זיינען זיי אוועק אין גליל און שפעטער אין ירושלים.

נאכ'ן חורבן זיינען אידען נאך פערבליבען אין עכו, הגם זי האט זיך אין א געוויסען רעליגיעזען זין (בנוגע תרומות און מעשר) גערעכענט אלס חוץ לארץ. אין אנדערע אנגעלעגענהייטען, ווי צום ביישפיעל גטין, האט עכו זיך גערעכענט פאר ארץ ישראל (גטין ב'). אין דער צייט פון תלמוד זיינען דא געזעסען פיעלע אידישע חכמים, ווי רבי יוסי בן חלפתא, רבי יהודה, רבי שמעון בן גמליאל דיבנה, רבי אבא, רבן גמליאל דער דריטער, און נאך. עכו איז דאן געווען דער הויפט־פארט פון א"י (יומא ל"ח) און די אידען אין עכו האבען זיך בעשעפטיגט מיט פישעריי (מועד קטן י"ג). דער עכו'ער „שער הדגים" (פיש־מארק) איז געווען א שם דבר (מדרש צפניה). צווישען עכו און יפו איז דאן געווען א לעבעדיגען שיפס פערקעהר, און די רייזע צווישען די צוויי שטעדט האט געדויערט נאר איין טאג (נדרים ל'). ווען אדרינוס האט געגעבען אן ערלויבניש צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש, האבען זיך א סך אידען אומגעקעהרט קיין א"י דורך עכו, און די צוויי בעריהמטע ברידער פפוס און לוליאנוס פון לודקיא, וואס האבען פריהער געקעמפפט געגען דעם רוימישען טיראן קיטאס, האבען אויפגעשטעלט פון עכו ביז אנטיוכא וועקסעל־טישען צו צושטעלען גאלד און זילבער פאר די עולי־גולה (וואס קעהרען זיך פון גלות אין א"י). נאך די נידערלאגע פון בר־כוכבא האט זיך דער ניט־אידישער עלעמענט אין עכו פערגרעסערט, און די שטאדט איז גערעכענט געווארען פאר איינע פון די צענטרען פון געצענדיענסט (עבודה זרה מ"א). אין דעם שטאדט־מרחץ איז געשטאנען די סטאטוע פון ווענוס (ע"ז מ"ב). די ליעבשאפט צו א"י איז געווען דאן אזוי גרויס, אז די חכמים האבען ניט געפלעגט צו געהן ווייטער פון עכו, כדי ניט ארויסצוגעהן פון א"י אין חוץ לארץ (גטין ע"ו). און רבי יוסי בר חנינא האט געקושט די ערד אין עכו, זאגענדיג, אז א"י דערגרייכט ביז אהער (ירושלמי שקלים ד'), און רבי אבא האט געקושט די פעלזען פון עכו (כתובות קי"ב).

אידען אין עכו.

אונטער דער ביזאנטישער הערשאפט איז עכו געווארען די רעזידענץ פון א קריסטליכען בישאף. דער העלעניזם, וואס האט פערנומען דעם ארט פון דער סעמיטישפעניקישער קולטור, האט אבגעטראטען זיין פלאץ דעם קריסטענטהום, און דאס לעצטע האט אין איניגע הונדערט יאהר שפעטער געמוזט אבטרעטען פאר'ן איסלאם. אין 367 האט דער האליף עמר איינגענומען ירושלים, און אין 638 איז געפאלען קסריה. די אנדערע שטעדט, און דארונטער אויך עכו, האבען זיך דאן אונטערגעגעבען אהן ווידערשטאנד. לויט די מיטטיילונג פון מוקדסי איז עכו ניט געווען בעפעסטיגט ביז דער אונאבהענגיגער רעגיערער פון מצרים, אחמד איבן טולון (878), האט בעהערשט סוריה, און זעהענדיג די שטארקע מויערען פון צור האט ער בעשלאסען צו בעפעסטיגען אויך עכו, כדי צו בעשיצען דעם האפען פון אן אנפאל, און האט איבערגעגעבען די ארבייט צום ירושלים'ער ארכיטעקטאר, דעם זיידען פון מוקדסי. בעשיצט פון די נייע פעסטונגען, איז עכו געווארען דער זיכערסטער האפען אין א"י, און ווען די נוסעי הצלב זיינען אנגעקומען אין א"י, האבען זיי מייסטענס בענוצט דעם עכו'ער פארט.

נוסעי הצלב און גרויסקייט פון עכו.

אוילענדיג איינצונעהמען קודם כל ירושלים, האבען די ערשטע פּיליגרימען אין 1099 איבערגעלאזט עכו אין די מוסלימישע הענד. אין 1103 איז באלדווין דער ערשטער געקומען פון ירושלים מיט אן ארמעע פאר די טויערען פון עכו, ער האט אבער געמוזט אבטרעטען נאך דעם ווי צור און טריפּאלי האבען געשיקט א פלאט צו העלפען דעם עכו'ער גאריזאן. אין א יאהר ארום האט ער בענייט די בעלאגערונג פון עכו מיט די הילף פון א גענועד פלאט, און נאך צוואנציג טעג איז עכו אריינגעפאלען אין די קריסטליכע הענט (1104).

עכו איז באלד געווארען די וויכטיגסטע שטאדט פון ארץ ישראל, א חוץ ירושלים. קריסטליכע שיפען פון פּיזא, גענוא, ווענעציע און אנדערע שטעדט, אנגעלאדען מיט פּיליגרימען, געוועהר, סחורות, האבען זיך אונאויפהערליך קאנצענטרירט אין עכו'ער האפען. אין שטאדט זיינען שנעל אויסגעבויט געווארען הערליכע פּאלאצען, גראנדיעזע מאגאזינען, ארסענאלען, האספּיטעלער און אונגעהויערע רייכטהימער פון גאנץ אייראפּא האבען זיך דא אנגעזאמעלט.

אין עכו האט זיך דעמאלסט געפונען א אידישער ישוב, מעגליך פון נאכ'ן חורבן. רבי בנימין פון טודילא האט דא געפונען 200 אידישע פאמיליעס (1163) : און אין 1165 איז דער רמב"ם מיט זיין פאמיליע אנגעקומען אין עכו פון פעס און האט דא פערבראכט א האלב יאהר ביז ער איז אוועק אין ירושלים, און פון דארט אין מצרים.

צוויי טעג נאך דעם שלאכט פון חטין (1187) איז צלח־אל־דין צוגעקומען צו עכו, און די שטאדט האט זיך אונטערגעגעבען אהן ווידערשטאנד. אונשעצבארע רייכטהימער זיינען אריינגעפאלען אין די הענט פון די מוסלימער. אבער עכו, אלס דער שליסעל פון גאנץ א"י, איז געווען צו וויכטיג, אז די קריסטען זאלען זי איבערלאזעןביים פיינד, און אין 1191 איז קעניג גווידא פון יבשה און א פיזער פלאט פון ים געקומען בעלאגערען די שטאדט. צוויי יאהר נאכאנאנד האבען די מוסלימער אין עכו זיך אנטקעגענגעשטעלט די קריסטען, ביז ס'זיינען אנגעקומען פרישע קרעפטען, דער פראנצויזישער קעניג פיליפּ אויגוסט און דער ענגלישער ריטשארד מיט זייערע ארמעען, און עכו מיט אלע איהרע אוצרות פון גאלד און זילבער, שפּייז און געוועהר, שיפען און וואַרע, זיינען אריינגעפאלען צום צווייטען מאל אין די קריסטליכע הענט (12טען יולי, 1191).

הונדערט יאהר נאכאנאנד איז עכו פערבליבען ביי די נוסעי הצלב. אין 1202 האט זי שטארק געליטען פון אנ'ערד־ציטערניש, אבער דאס האט ניט געשטערט איהר וואוקס. אין 1229, נאך דעם פאל פון ירושלם, איז זי געווארען די הויפּטשטאדט פון דער קריסטליכער מלוכה אין א"י און די רעזידענץ פון די פערשידענע ריטערישע ארדענס. נאך איינעם פון די ארדענס, סענט זשאהן, האבען די קריסטען אנגעהויבען רופען די שטאדט סענט זשאהן ד'אקר. עכו איז געווארען א צענטער פון רייכטום, לוקסוס און גלאנץ. די רייכע אריסטאקראטען, פּרינצען און באראנען פון סיריה און אייראפּא האבען זיך דא בעזעצט און אויפגעבויט הערליכע פּאלאצען, און סוחרים פון אלע לענדער האבען דא געעפענט מאגאזינען און געשעפטען און געבראכט אהער די פּראדוקטען פון אלע געגענדען און קלימאטען. אין די גאסען פון עכו האבען זיך געהערט די שפּראכען פון אלע נאציאנען.

צו דער זעלבער צייט איז עכו געווארען דער צענטער פון ביטערע קעמפּפע, אינטריגעס, קריעגערייען און בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען פערשידענע עלעמענטען פון די נוסעי־הצלב. די כלומר'שטע רעליגיעזע ציעלען זיינען אין גאנצען פער־

געסען געוואָרען און די פּערזענליכע אמביציעס און זעלבסטזיכטיגע אינטערסען פון די פיהרער און זייערע נאָכפאָלגער האָבען אַרויסגערופען אונאויפהערליכע ״שנאה־קנאה״ וואס האָט ניט איין מאָל געענדיגט זיך מיט בלוט־פערגיסונג. בכלל האָבען די קריסטען פון עכו גע׳שמ׳ט מיט זייער פערדאָרבענקייט, פאלשקייט, בעטריגעריי און פערר̈עטערישע האנדלונגען. די שטאָדט איז פערזונקען געוואָרען אין רייכטום, לוקסוס און פערברעכען.

אונטערגאנג

אין דעם צושטאנד איז די קריסטליכע עכו איבערגעפאלען געוואָרען פון דעם מצרישען סולטאן מלך אל־אשראף אבן קאלוואן מיט א גרויסער אראבּישער ארמעע, און נאָך א שטורעמדיגע שלאכט פון 6 וואָכען איז עכו געפאלען (18 מאי 1291). מאסען קריסטען זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען און די גאנצע שטאָדט איז פערברענט געוואָרען. די מויערען און פעסטונגען זיינען צושטערט געוואָרען און עכו איז אויס־געגלייכט געוואָרען מיט׳ן גרונד. דערמיט האָט זיך געענדיגט די הערשאפט פון די נוסעי הצלב אין א״י. דער אראבישער רייזענדער אבן באטוטא האָט אין 1355 געפונען עכו אין רואינען*). די שטאָדט איז געווען פוסט און אונבעוואוינט, נור 60 אראבער זיינען דארט געזעסען און געהיט דעם פּארט און די חורבות. מעהר ווי פיער הונדערט יאָהר האָט עכו ניט געקאָנט קומען צו זיך נאָך דעם חורבן. העינרי מאָנדרעל, וואס האָט בעזוכט דעם פלאַץ אין 1697, האָט דאָ געפונען ניט מעהר ווי א גרויסען חאן, א מאָשעע און א פּאר ארימע הייזלעך. די בעפעלקערונג איז בעשטאַנען אין גאנצען פון 400—300 מאן.

אויפשוואונג אונטער שייך דאהער.

אין 1749 האָט עכו ווידער אמאָל אָנגעהויבען אויפצובליהען. אין דיזען יאָהר האָט א בעדואינישער שייך דאהער אל עמר פון שבט זיידאַן פון צפת׳ער געגענד פערכאפּט עכו, פערטריבען דעם טערקישען אַגאַ, און אונטערקויפענדיג דעם פּאשא פון צידון, האָט ער זיך געמאכט פאר דעם הערשער פון שטאָדט און דער אומגעבונג, אויף׳ן פלאַץ פון אגא. דאהער איז געווען א העכסט בעגאבטער און ענערגישער אדמיניסטראטאָר, א אויסערגעוועהנליך פעהיגער געשעפטס מאַן, א מוטיגער סאָל־דאַט און אַ אויסערגעצייכענטער סטראטעגיקער. אין א קורצער צייט איז איהם געלונגען צו פערוואנדלען דאס רואינירטע, מיזעראבעלע דערפעל — אזוי איז עכו געווען אין זיין צייט — אין א בעפעסטיגטע, קאָמערציעלע, לעבעדיגע שטאָדט. ניט נור די שטאָדט, נאָר די גאנצע געגענד ארום האָט מיט אמאָל אויפגעוואכט צו א נייע לעבען. דאַהער האָט אבגערייניגט דאס לאנד, איינגעשטעלט זיכערהייט, געמאכט איבעראל אָרדנונג, און די פלאחין (פּויערים) פון די ארומיגע פּראָווינצען, וואס האָבען געליטען אי פון דער טיראַניי פון די פּאשאס אי פון די איבערפאלען און רויבערייען פון די בעדואינער, האָבען זיך אוועקגעלאזט צו דאהער׳ן, וואו זיי האָבען געפונען שוץ, זיכערהייט און טאָלעראנטע בעהאנדלונג, און האָבען געגרינדעט נייע דערפער און אויפגעלעבט פערוויסטעטע ישטרעקעס באָדען. אויסלענדישע סוחרים האָבען אין עכו געפונען א מארק פאר זייערע סחורות, און זיי האָבען זיך דאָ בעזעצט

*) די מיטיילונג פון רבי יצחק חילו, דער מחבר פון שבילי ירושלם, אין 1334 אז „עכו איז א בע־ריהמטער האפען מיט א גרויסען האנדעל און א רייכע און צאהלרייכע בעפעלקערונג״ שטימט ניט מיט די בעוואוסטע היסטארישע פאקטען פון יענער צייט. מעגליך אז דאס איז איינע פון די פעלשונגען, אין וועלכע צונץ האָט חושד געווען דעם איבערזעצער און ארויסגעבער פון חילו׳ס רייזע בוך, אליקום כרמולה.

און פערגרעסערט דעם האנדעל און שיפס פערקעהר. דאהער האט געשלאסען א בונד מיט די גרויסע בעדואינישע שבטים פון עבר הירדן, ענזה, סאקר, סארדיה, און האט זיך מיט זיי מתחתן געווען, און דערמיט האט ער געקראגען א שטארקע מאכט אין א נויטפאל געגען דער טערקישער רעגירונג. דעסטגלייכען האט ער זיך אנגענומען פאר די מוטעוועלער, וואס האבען זיך ענטזאגט צו צאהלען שטייערען די פאשאס פון צידון און דמשק; ער האט פאר זיי בעצאהלט די שטייערען און אויסגעגליכט צווישען זיי און דער רעגירונג, און דערמיט געוואונען אויף זיין זייט א מאכט פון צעהן טויזענד רייטער, וואס די מוטעוועלער האבען געקאנט ארויסשטעלען אין קריעג. מיט אזעלכע מיטלען איז דאהער ביסלעכווייז געווארען א געוואלדיגע מאכט אין לאנד, און עכו איז געווארען דער צענטער פון א נייער, כמעט אונאבהענגיגער פירשטענ־טום וואס האט געהאלטען אין איין וואקסען. די ממשלה פון דאהער'ן האט זיך פערשפרייט פון צפת ביז עזה. די טערקישע רעגירונג האט מיט פערדאכט און שרעק צוגעקוקט צו דעם וואוקס פון דער נייער מאכט אין עכו, זי האט אבער ניט געוואגט אפען ארויסצוטרעטען געגען דאהער'ען. דערווייל איז די שטאדט געוואקסען, די בעפעלקערונג האט זיך פערגרעסערט, דער האנדעל האט זיך ענטוויקעלט, דער אימ־פארט און עקספארט האט זיך שנעל געהויבען. איינער פון די וויכטיגסטע עקספארט ארטיקלען איז געווען קאטאן (בוימוואל) וואס איז אין א גרויסער צאהל פראדוצירט געווארען אין עכו'ר געגענד.

אין 1775 איז שייך דאהער אין עלטער פון 90 יאהר דער'הרג'עט געווארען דורך אגענטען פון דער קאנסטאנטינאפאלער רעגירונג, און א מצרישער ממלוך (שקלאוו) אחמד, וועלכען מען האט צוליעב זיין אכזירות געקרוינט מיט'ן נאמען ג'זאר (קצב), איז בעשטימט געווארען אלס דער הערשער פון עכו. אחמד ג'זאר, וואס האט זיך אויפגעהאלטען פריהער פינף יאהר צייט אין דאהער'ס הויז אלס אנטלאפענער פון מצרים, האט דער'הרג'עט אלע זיהן דאהער'ס (אויסער איינעם, וואס איז א דאנק זיינע גרויסע פאעטיישע פעהיגקייטען געשאנעוועט געווארען און אבגעשיקט אין קאנסטאנטינאפאל), און צוגענומען זייער טעריטאריע. אין זיין צייט איז עכו נאך מעהר אויסגעוואקסען. אחמד ג'זאר האט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט זיין ליעבשאפט צו בויען. ער האט געלאזט ברענגען פון אלע ארומיגע שטעדט די מאטעריאלען פון אלטע פאלאצען און רואינעס, און האט בעשיינט עכו מיט גרויס־ארטיגע געביידעס; ער האט אויסגעבויט דא א הערליכען מאשעע, א געדעקטען באזאר און א וואסערלייטונג מיט פיינע פאנטאנען.

דעם 20 מארטש 1799 איז נאפאלעאן באנאפארט געקומען מיט א פראנצויזישער ארמעע פאר די טויערען פון עכו, און מיט צוויי טעג פריהער איז דער ענגלישער אדמיראל סידני סמיט געקומען מיט צוויי קריעגס־שיפען העלפען ג'זאר'ן געגען די פראנצויזען. 60 טעג איז עכו געווען בעלאגערט. אכט מאל זיינען די פראנצויזען צוריקגעשטויסען געווארען פון ג'זאר'ס סאלדאטען. ענדליך האבען זיך די פראנ־צויזען געמוזט צוריקציהען, און נאפאלעאן דער גרויסער האט פערלוירען די שלאכט ביי דעם נעוועזענעם ממלוך אחמד ג'זאר פאשא פון עכו*).

---

*) ג'זאר איז געשטארבען אין 1804. זיין נאמען איז א לאנגע צייט געבליבען לעבען אין לאנד, ניט אזוי אלס דער בעזיעגער פון נאפאלעאנען, ווי אלס גרויזאמער און מאנסטריעזער טיראן. יאהרען לאנג נאך זיין טויט האט מען נאך געקענט טרעפען אין עכו מענשען מיט צוקאליעטשעטע נעזער, אויס־

אין 27 נאָוועמבער 1831 איז איברהים פּאשא געקומען מיט א מצרישע ארמעע און האָט בעלאגערט עכו. דער הערשער פון עכו איז דאן געווען עבד אלה פּאשא, א בלוטיגער דעספּאט, וואס האָט אין 1820 פערנומען דעם פּלאַץ פון אחמד ג׳זאר׳ס נאָכפאלגער, דער פרידליכער סוליימאן פּאשא. 6 חדשים האָט זיך די בעלאגערונג געצויגען, אָבער אברהים פּאשא איז געווען ערפאָלגרייכער פאר נאפּאָלעאָן באנא־פּארט. נאָך א שטארקער באָמבאַדירונג איז עכו גענומען געווארען מיט שטורם (27 מאי 1832). די שטאָדט איז צושטערט געווארען, פון עכו איז ניט מעהר גע־בליבען ווי א פּאַרמלאָזע מאסע רואינען.

אונטער דער גוט אָרגאניזירטער הערשאפט פון מוחמד עלי און איברהים פּאשא איז עכו שנעל צוריקגעקומען צו זיך. די הייזער זיינען צוריק אויפגעבויט געווארען, די מויערען זיינען בענייט געווארען און דער האנדעל האָט צוריק אויפגעלעבט. אָבער אין 1840 איז די שטאָדט ווידער אמאָל באָמבארדירט געווארען, דאס מאָל פון ים, דורך דעם פעראייניגטען פלאָט פון ענגלאנד, עסטרייך און טערקיי. אן עקס־פּלאָזיאָן פון א פּולווער מאגאזין האָט אומגעבראכט מעהר פון 2000 מצריישע סאָל־דאַטען (3 נאָוועמבער 1840), און די נעקסטע נאַכט האָבען זיך די איבערגעבליבענע מצרישע רעגימענטען געמוזט צוריקציהען פון עכו. פון דאן אָן איז די שטאָדט פער־בליבען אונטער דער טערקישער הערשאפט.

נאָך אזוי פיעל איבערקעהרענישען איז נאטירליך וואס אין עכו איז ניט פער־בליבען קיין צייכען פון איהרע אלטערטימער און פון די פערשיעדענע עפּאָכען וואס די שטאָדט האָט איבערגעלעבט: די אלט פעניקישע, גריכיש־אידישע, רוימיש־אי־רישע, ביזאנטיש־קריסטליכע, אראביש־מוסלימישע, פרענקיש־קריסטליכע (נוסעי הצלב), און ווידער אמאָל מוסלימישע אונטער די קאהירער און קאָנסטאנטינאָפּאָלער חאליפען.

א טייל פון די מויער וואס רינגעלט איצט ארום עכו שטאַמט נאָך פון די נוסעי הצלב, דאָס איז דער טייל נעבען ים אין דרום זייט. די אנדערע טיילען פון די אינ־וויניגסטע מויער זיינען ווידער אויפגעבויט געוואָרען דורך שייך דאהער, ווי עס צייגט אן אויפשריפט וואס געפינט זיך אויף די אָסטליכע וואנד. נאָך דעם צוריק־טריט פון נאפּאָלעאָנען האָט ג׳זאר פּאשא און זיין נאָכפאָלגער עבד־אלא פּאשא פערגרעסערט די שטאָדטישע בעפעסטיגונגען מצד דער יבשה, און צוגעבויט א צוויי־טע מויער, 400 פוס ווייט פון די אינוויינגסטע מויער פון שייך דאהער. דער שטח פון עכו אינערהאלב די אויסענוויינגסטע מויער איז ארום 50 אקער. אין געגענזאץ צו ירושלם, וואס איז אין די לעצטע 50 יאָהר זעהר שטאַרק אויסגעוואקסען מחוץ די אלטע מויערען, איז עכו עד היום פערבליבען בעשרענקט מיט די מויער, ווייל די רעגירונג האָט צוליעב סטראטעגישע סבות ניט ערלויבט בויען הייזער אויסער די שטאָדט־וואנד.

נעשטאָכענע אויגען, אבגעשניטענע אויערען, אבגעהאקטע הענד. דאס זיינען געוועזן די קרבנות פון ג׳זאר פּאשא. זיין אידישער פינאנס מיניסטער ה י י ם פ ר ח י איז געווען איינער פון די קרבנות. ג׳זאר האָט איהם אויסגעשטאָכען איין אויג און אבגעהאקט די שפּיץ נאָז. אין איין פאל האָט ער געטויטעט זיבען פון זיינע ווייבער מיט זיינע אייגענע הענד.

עכו איז איינגעטיילט אין צעהן קווארטאלען (חארת). אין זיבען וואוינען נור מוסלימער, אין דריי איז די בעפעלקערונג א געמישטע: אין חארת שייך עבד־אלה וואוינען אידען, קריסטען, מוסלימער, אין חארת אל שעחום און חארת אל מודזשא־דעלע (אל מג'אדלה) — מוסלימער און קריסטען.

די בעפעלקערונג פון עכו, האט אין פערגלייך מיט אנדערע שטעדט, זעהר וועניג געוואקסען אין די לעצטע יאהרצעהנדליגע. לויט ראבינסאנ'ס אנגאבען אין 1852 האט עכו געצעהלט 5.000 נפשות (די אפיציעלע אנגאבען פון יענער צייט זיינען העכער. 2378 מוסלימער און 793 אידען און קריסטען — צוזאמען 3171, רעכענענדיג נור מענער). אין 1886 האט אינזשעניר שומאכער דורכגעפיהרט א פינקטליכע סטא־טיסטיק פון עכו'ר סאנדזשאק. די שטאדט עכו האט דאן געצעהלט 9,800 נפשות (7.230 מוסלימער, 2570 קריסטען, 140 אידען. ווילסאן אין 1843 האט דא געפור־נען 150—125 אידען).

לויט די אנגאבען פון וויטאל קינע אין 1900, האט עכו געצעהלט 10.400 איינ־וואוינער (די אפיציעלע אנגאבען פון 1910 זיינען ניט מעהר ווי 9.279), און לויט די אפיציעלע אנגאבען פון 1915 — 12.000. ד. ה. אז פאר די לעצטע 30 יאהר האט זיך די בעפעלקערונג פערגרעסערט אין גאנצען אויף בערך 2000 מאן.

דעם פלאץ פון עכו אלס הויפט־פארט פון א"י האט אין די לעצטע 40—30 יאהר פערנומען יפו; אין די לעצטע צייט האט מיט עכו שטארק אנגעהויבען צו קאנקורי־רען איהר נאהענטע שכנ'טע חיפה (זעה „חיפה" זייט 250), בעזונדערס זינט עס איז אויסגעבויט געווארען די חיפה—דמשק'ער אייזענבאהן (1906). פיעלע איינ־וואוינער פון עכו האבען זיך איבערגעצויגען קיין חיפה.

פריהער איז עכו געווען דער צענטר פון תבואה־עקספארט. ביז 1890 האט דער חורן ארויסגעפיהרט זיין ווייץ און גערשטען אין אויסלאנד דורך עכו. איצט געהט די תבואה מייסטענס דורך חיפה. דער שיפס־פערקעהר פון עכו'ר האפען ווערט אלץ מעהר פערקלענערט, אין דער צייט וואס אין חיפה האלט ער אין איין וואקסען: אין 1904 זיינען אנגעקומען אין עכו'ר האפען 121 דאמפפשיפען מיט אן אלגעמיי־נעם טאנאזש פון 79.421, און 1078 זעגלשיפען מיט א טאנאזש פון 17.037, צוזא־מען 96.458 טאן. אין 1913 — ניט מעהר ווי 36 דאמפפשיפען (17.309 טאן). 691 זעגלשיפען (9109 טאן) צוזאמען א טאנאזש פון 26.418.

אין 1913 איז עכו פערבונדען געווארען דורך א צווייג־ליניע פון 17 קילאמעטר מיט דער העדזשאז באהן אין חיפה. דאס וועט זיכער מיטהעלפען די ווייטערע ענט־וויקלונג פון שטאדט; אבער זי וועט אויך ווייטער שפיעלען א סך קלענערע ראלע, ווי איהר יונגערע שוועסטער, די שטאדט חיפה, וואס האט זיך פאר דער לעצטער צייט אזוי שנעל ענטוויקעלט, און האט אלע שאנסען צו ווערען דער וויכטיגסטער האפען פון גאנץ ארץ ישראל. שיפס בעוועגונג

די פאלגענדע טאבעלע ווייזט די שיפס־בעוועגונג פון עכו פאר די לעצטע צעהן יאהר בעפאר דער וועלט־מלחמה.

יאהר	דאמפשיפען	טאן	זעגלשיפען	טאן	יאהר	דאמפשיפען	טאן	זעגלשיפען	טאן
1904	121	79.421	1078	17.037	1909	123	80.684	608	9.366
1905	61	60.843	793	10.071	1910	93	49.619	—	—
1906	136	68.324	855	9.284	1911	90	44.755	1049	11.598
1907	138	49.202	391	10.703	1912	65	45.543	769	11.441
1908	140	88.421	1134	13.332	1913	36	17.309	691	9.109

ווי מיר זעהען פון די אויביגע אנגאבען האט דער שיפספערקעהר דערגרייכט דעם העכסטען פונקט אין די יאהרען 1908—1909. די סבה דערפון איז די טער־קישע קאנסטיטוציע פון 1908. דער נייער ארדנונג האט ארויסגערופען א לעבטהאפ־טערע ווירטשאפטליכע טעטיגקייט אין גאנצען לאנד. די בעשרענקונגען פון אלטען רעזשים פאר'ן אויסלענדישען פערקעהר זיינען בעזייטיגט געווארען און דער האנדעל איז דעריבער בעלעבט געווארען. די ערווארטונגען פון נייעם רעזשים האבען זיך אבער ניט ערפילט, און אין 1910 האט זיך ווידער אנגעהויבען א ריקגאנג.

א חוץ די אלגעמיינע געווערבען אזו האנדווערקעריי זיינען אין עכו פערטראטען די פאלגענדע אינדוסטריעס: אייל־פאבריקאציאן, גארבעריי און מיהלעריי. עכו פערמאגט 3 אויל־פרעסען, 4 גארבערייען, 1 גרויסע מעהל פאבריק צוזאמען מיט אן אייז־פאבריק. נעבען עכו, אויפ'ן טייך נעמן (בעלום) איז אויך פארהאן א וואסער־מיהל (טחונת אל חג' סליח). א טייל פון דער בעפעלקערונג בעשעפטיגט זיך אויך מיט לאנדווירטשאפט. דאס זיינען מייסטענס עפענדים וואס בעזיצען גערטנער און אקער־לאנד ארום עכו און בעארבייטען עס דורך פעכטער. (אינדוסטריע און האנדער)

דעם וויכטיגסטען ארט אין האנדעל פון עכו פערנעמט דער מסחר מיט תבואה. א גרויסער טייל פון דער ערנטע (גערעטעניש) אין גליל און חורן ווערט געבראכט אויפ'ן עכו'ר מארק. דער דאזיגער האנדעל איז קאנצענטרירט אין די הענד פון די עפענדים — די רייכע גוטבעזיצער. דער איינצעל־האנדעל און קרעמעריי איז אויך דא שטארק פערטראטען. לויט די אפיציעלע אנגאבען פון 1326 (1910) געפינען זיך אין עכו 166 מאגאזינען און 415 קראמען.


עכו איז די רעזידענץ פון מוטעסאריף פון עכו'ר סאנדזשאק און א צענטער פון א קאדא. זי איז אויך א וויכטיגער מיליטערישער פונקט, אלס די איינציגע בעפעס־טיגטע שטאדט אויפ'ן ברעג ים.

דער עכו'ר דיסטריקט (קאדא) פערנעמט א שטח פון אונגעפעהר 800 קוואדראט קילאמעטער און ענטהאלט 53 דערפער מיט א בעפעלקערונג פון 25.000 (לויט די אפיציעלע אנגאבען פון 1910). דער באדען איז זעהר פרוכטבאר און רייך מיט וואַ־סער, און בעדייטענדע שטרעקעס זיינען בעפלאנצט מיט אלערליי פרוכט־בוימער: אליוון, אראנזשען, וויינשטאק, פייגען, אבריקאסען א. ד. ג. און גרינסען. די גרעסטע טייל אבער פון בעארבייטעטען באדען געפינט זיך אונטער אקערבוי. לויט די אפיציעלע אנגאבען פון 1316 (1910) איז דער יעהרליכער איינטראג פון עכו'ר קאדא 400.000 כיילה ווייץ, 150.000 כ. גערשטען, 170.000 דורא, 15.000 ארבעסען, 50.000 סעזאם און 20.000 כיילה אנדערע תבואות. 5.000.000 אקא ארבוז, 150.000 אקא געטריקענטע פייגען, 50.000 אקא פייגען, 20.000 בארנעס, 10.000 אקא מאנדלען, 60.000 אקא אבריקאסען, 20.000 אקא וויינטרויבען, 6.000.000 שטיק אראנזשען, 2.000.000 לימאנען, 1.000.000 זיסע לימאנען, 500.000 אתרוגים און א 2.000 אקא פערשיעדענע פרוכטען. (עכו'ר ראיאן)

די דאזיגע געגענד איז שוין אין די אוראלטע צייטען געווען בעריהמט מיט איהר אויסערגעוועהנליכע פרוכטבארקייט, בעזונדערס מיט דעם גערעטעניש פון אליוון. אשר, וואס די טעריטאריע איז אויסגעפאלען אויף זיין חלק, ווערט געבענשט מיט פעטקייט און אויל. „אשר'ס ברויט איז פעט" ווערט געזאגט אין יעקב ברכה צו זיינע זיהן (בראשית מ"ט 20). „אשר וואשט זיינע פים אין אויל", לויטעט די ברכה פון משה'ן (דברים ל"ג 24).

די דאָזיגע געגענד איז געווען בעריהמט ניט נור מיט די פּראָדוקטען פון דער ערד, נאָר אויך מיט איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען. לויט די ערצעהלונגען פון די אַלטע גריכען האָבען איניגע מאַטראָסען צופעליג ערפונדען די פאבריקאַציע פון גלאָז אויפ׳ן ברעג פון טייך בעלוס (נעמן). וואָס איז נעבען עכו.

אין פריהערדיגע צייטען האָט מען דאָ אויך קולטיווירט קאטאָן (בוימוואָל). אין דער עפּאָכע פון שייך דאהער אַל עמר (18טען יאָהרהונדערט) איז קאטאָן געווען פון די וויכטיגסטע פּראָדוקטען וואָס מ׳האָט עקספּאָרטירט נאָך אויסלאַנד. וואָלני (1783—85) לויבט די גערעטעניש פון בוימוואָל אין עמק עכו. לויט זיין מיטטיילונג, זיינען תבואה און בוימוואָל געווען דער באזיס פון עכו׳ר האנדעל, וואס האָט זיך דאַן געפונען אין א זעהר בליהענדען צושטאנד. איצט איז פון דעם קיין זכר ניט געבליבען.



בילד 40.
ש פ ר ע ם .

אין דער קאדא פון עכו געפינט זיך דאס שטעדטעל שפרעם (שפא־עמר). וואס איז געווען נאָכ׳ן חורבן בית שני די צייטווייליגע רעזידענץ פון סנהדרין (ראש השנה ל״א). איצט איז דא דער צענטר פון א מודיריע. אין דער צייט פון שייך דאהער אל־עמר (ארום 1745) איז דא געגרינדעט געוואָרען דורך רבי חיים אבולעפייא א אידישער ל א נ ד ו ו י ר ט ש א פ ט ל י כ ע ר ישוב. אין די פיפציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען זיך דאָ אויך בעזעצט מאַראָקאַנער אידען אלס ערד־ארבייטער. דער אידישער ישוב עקזיסטירט נאָך דאָ עד היום, ער איז אָבער פאר דער צייט, צוליעב די אונאָרדנונגען און שווערע שטייערען, שטאַרק פעראָרימט גע־וואָרען און פערמאָגט שוין איצט זעהר ווייניג באדען. ער צעהלט איצט ארום 50 נפשות. די גאַנצע בעפעלקערונג רעכענט זיך ארום 2,700, פון זיי 1,100 קאטאָליקען, 700 מוסלימער, 500 דרוזען, 175 מאראניטען, 140 פּראָטעסטאַנטען.

נצרת.

די פיהרענדע ראָלע וואָס ארץ ישראל האָט, טראָץ איהר פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אונוויכטיגקייט, געשפּיעלט אין דער וועלט־געשיכטע און די גרויסע ירושה וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלאָזען פאַר דער מענשהייט פון די צייטען פון זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט — האָבען אריינגעפלאָכטען די זכרונות פון לאַנד און פון איהרע איינצעלנע ערטער אין דעם אַלמענשליכען בעוואוסטזיין און האָבען פיעלע שטעדט, וואָס לויט זייער גרויס קאָנען זיך קוים פערגלייכען מיט מעהר־וויניגער גרויסע דערפער, צוגעגעבען אַן אַלוועלטליכע בעריהמטקייט. צו די דאָזיגע שטעדט געהערט די גליל'ער שטאָדט נצרת (אין אראַביש אַנ־נאַצירה, און אין די אייראָפּעאישע שפּראַכען נאַזאַרעט). וואָס מכה (מעקקאַ) איז פאַר'ן איסלאַם — איז נצרת פאַר דער קריסטליכער וועלט. דאָס איז, לויט דער טראַדיציע פון די עוואַנגעליומס, די שטאָדט וואו ישו הנוצרי האָט פערבראַכט זיין יוגענד און אין וועמעס אומגעבונג ער האָט געפּרעדיגט זיין תורה.

די שטאָדט ליגט אויף דער וועסטליכער זייט פון אַ לאַנגען און שמאָלען באַסיין־אַרטיגען טאָל, וואָס איז בעהאַלטען צווישען די זידליכע בערג־רייהען פון גליל התחתון, ביי דער נאָרדליכער זייט פון עמק יזרעאל. פון דער שטאָדט גופא איז דער טאָל אונזיכטבאַר, אָבער ווען מען קריכט אַרויף אויף'ן שפּיץ פון די בערג וואָנד ענטפּלעקט זיך פאַר'ן צושויער איינע פון די הערליכסטע און מערקווירדיגסטע פּאַנאָראַמעס אין דער וועלט—דער היסטאָרישער שלאַכט־פעלד פון פעלקער, דער עמק יזרעאל, איינגערינגעלט אין די בערג פון כרמל, שומרון, גלבוע און דער איינזאַמער תבור. קיין אַנדער געגענד אין א"י איז ניט אַזוי רייך מיט אַלוועלטליך־היסטאָרישע און בעזונדערס מיט אידישנאַציאָנאַלע זכרונות ווי דער גליל התחתון און דער עמק אין דער נאָהענטקייט פון נצרת; פון דעסטוועגען ווערט נצרת קיין איינמאָל ניט דערמאָנט אין תנ"ך און אויך ניט אין די ווערק פון יוסף פלאַוויוס. פיעל ערטער אַרום נצרת ווערען שוין אין די צייטען פון ערשטען בית דערמאָנט אין דער אידישער געשיכטע, און נאָך מעהר, אין די צייטען פון בית שני און נאָך'ן חורבן, ווי עין־דור, וואוהין שאול איז געקומען צו די בעלת־אוב פאַר זיין טראַגישען טויט אין קאַמפף מיט די פלשתים אין עמק יזרעאל (שמואל א' כח), וואָס עקזיסטירט עד היום מיט דעם זעלבען נאָמען אין דרום זייט פון נצרת, יפיע, אַ שטאָדט וואָס האָט בעלאַנגט צום שבט זבולון (יהושע י"ט 12), און יעצט אַ דאָרף אין מערב זייט פון נצרת מיט'ן נאָמען יאַפאַ, גת החפר, אַ שטאָדט אין זבולון (יהושע י"ט 13) פון וואַנען עס האָט געשטאַמט דער נביא יונה בן אמתי (מלכים ב' י"ד 25) איצט אַ דאָרף אויפ'ן וועג פון נצרת קיין טבריה, מיט'ן נאָמען אַל־משהד; צפורי, די הויפּט־שטאָדט פון גליל פאַר'ן חורבן בית שני און די רעזידענץ פון רבי יהודה הנשיא און דעם סנהדרין, איצט אַ דאָרף אין צפון זייט פון נצרת מיט'ן נאָמען צאַפּוריאַ, און נאָך פיעל אַנדערע. יוסף פלאַוויוס האָט אַ לאַנגע צייט פערבראַכט אין דעם געגענד פון נצרת אַלס פערוואַלטער און אויבער קאָמאַנדיר פון די אידישע קרעפטען אין גליל, און אין זיינע ווערק: זיין אויטאָביאָגראַפיע, אידישע מלחמות און אידישע קדמוניות דערמאָנט ער אַ גרויסע צאָהל פון ערטער אין גליל, שטעדט און דערפער, וואָס געפינען זיך זעהר נאָהענט צו נצרת, ער פערשווייגט אָבער אין גאַנצען דעם אָרט וואָס איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט. דערפון איז קלאָר אַז נצרת איז דאַן געוועזען ניט מעהר ווי אַ קליין אונבעדייטענד דערפעל,

אונבעדייטענד דאָרף אין ישו'ס צייטען.

וואס האט ניט געשפיעלט קיין ראלע אין געזעלשאפטליכען, פאליטישען און קולטורעלען לעבען פון די אידען אין גליל. „צי קאן פון נצרת ארויסקומען עפעס גוטעס?“ איז געווען די פראגע וואס מ'האט געפרעגט וועגען דעם נייעם נביא (יוחנן, 1, 46). און נאך אין פערטען יאהרהונדערט איז נצרת געווען ניט מעהר ווי א דארף, ווי מיר ווייסען פון די עדות פון אייסעביוס. אן אנדער שרייבער פון דער זעלבער צייט, עפיפאניוס, דערצעהלט אז ביז דעם קיסר קאנסטאנטין (333—337) איז נצרת געווען בעוואוינט אויסשליסליך מיט אידען. אונטער דעם קריסטליכען קיסר ווייזט אויס האכען די קריסטען אנגעהויבען צו בעזעצען זיך אין דער שטאדט פון זייער משיח, אבער אידען זיינען נאך אלץ פערבליבען דארט אפילו אין 6טען יאהרהונדערט: אנטאניוס מארטיר (570) דערצעהלט נאך וועגען דער אידישער שול, אין וועלכער ישו הנוצרי האט געלערנט אלף בית. ער לויבט אויך די אידישע פרויען פון נצרת מיט זייער שעהנקייט, וואס האט ניט קיין גלייכען אין גאנצען לאנד. פון זיינע שבחים צו די

געשיכטע פון נצרת.



בילד 41.

נצרת.

אידען אין נצרת וואס בעציהען זיך גוט צו די קריסטען, ניט ווי די אידען אין אנדערע ערטער, קאן מען דרינגען אז נאך דעמאלס איז אין נצרת געווען מעהר אידען ווי קריסטען.

ער לויבט אויך זעהר שטארק די פרוכטבארקייט און נאטירליכע רייכקייט פון דעם געגענד און פערגלייכט דעם פלאץ צו א גן עדן התחתון. צוליעב די גרויסע שפע אין פרוכטען, וויין, האניג, אויל און תבואה.

דער קריסטליכער ישוב האט זיך ווייזט אויס פערגרעסערט אין 7טען יאהרהונדערט. אין דער בישאף ארקולפוס וואס האט בעזוכט די שטאדט (ארום 700) האט שוין געפונען אין נצרת צוויי גרויסע קירכעס, נאך דעם ווי מיט הונדערט יאהר פריהער איז דארט געווען נור איין קירכע און איין אידישע שול. פאר דעם אנקומען פון די נוסעי

הצלב האָבען די מוסלימער צושטערט נצרת. נאָך דעם ווי די קריסטען האָבען איינגענומען ירושלים (1099) איז טאנקרעד בעשטימט געווארען אלס גובערנאטאָר פון גליל און ער האָט צוריקאויפגעבויט די פערוויסטעטע נצרת, וועלכע איז געווארען א וויכטיגער קריסטליכער צענטר. נאָך דעם שלאכט פון חטין (1187) איז די געבורטס שטאָדט פון קריסטענטום ווידער אמאָל אריינגעפאלען צו די מוסלימער: די שטאָדט איז פערארימט געווארען. דער גרויסער אראבישער געאגראף יאקוט (1225) בעשרייבט „אן־נאצרא" אלס א דאָרף. אן אנדער געאגראף דמשקי (1300) דערצעהלט וועגען די אינערליכע קעמפפע פון די צוויי פּארטייען — קיים און יעמען — וואס איז אָנגעגאנגען אין גליל. די נצרת'ער אראבער האָבען בעלאנגט צו די ימנ'ישע פּארטיי, און די איינוואוינער פון כפר קנא צו די קייסים. נצרת איז דאן געווען א פּלאץ פון קריסטליכע פּילגרימען. אין 15טען יאָהרהונדערט איז נצרת געווען א גרויס דאָרף, די בעפעלקערונג איז געווען א מוסלימישע. די קריסטליכע קירכע, וואס דער מצרישער סולטאן ביבארס (1260) האָט צושטערט איז נאָך אלץ געלעגען אין רואינען („די רייזען פון בערטראנד דע לא בראקיער", 1432). אין 16טען יאָהרהונדערט זיינען דאָ געזעסען בלויז מוסלימער. דער רייזענדער קאטאוויקוס, אם ענדע פון 16טען יאָהרהונדערט האָט ניט געפונען אין נצרת מעהר ווי 2—3 קריסטען, צו וועלכע די מוסלימער האָבען זיך בעצויגען מיט פיינדשאפט און אונטאלעראנץ. ווען דער גליל איז אונטערגעפאלען דער אויבערהערשאפט פון דרוזישען פרינץ פחר־א־דין (1633—1584) פון לבנון, וואס האָט זיך געפונען אין גוטע בעציהונגען מיט די קריסטען, האָבען די פראנציסקאנער בעקומען אן ערלויבניש צוריק אויפצובויען די קריסטליכע קירכע מיט א פראנציסקאנער מאָנאַסטיר. די בעפעלקערונג איז נאָך אלץ געווען א ריין מוסלימישע. און העגרי מאנדרעל האָט אין 1697 געפונען אין נצרת, דאן א אונבעדייטענד דאָרף, ניט מעהר ווי אכט קאטוילישע גלחים, וואס האָבען כסדר געציטערט פאר זייער לעבען פון מורא פאר די ארומיגע פיינדליכע אראבער. אין 18טען יאָהרהונדערט האָבען זיך די קריסטען פערמעהרט אין נצרת. שוין אין וואלני'ס צייטען (1783) האָבען די מוסלימער אויסגעמאכט ניט מעהר ווי א דריטעל פון דער בעפעלקערונג אין נצרת, צוויי־דריטעל זיינען געווען קאטוילישע גריכען. דער הערשער פון גליל איז דאן געווען דער שייך דאהער אל עמר אין עכו, און די נצרת'ער איינוואוינער זיינען געווען פערפליכטעט צו שיקען מתנות צו יעדער נייער פרוי וואס דער שייך האָט גענומען — א זאך וואס איז פארגעקומען יעדע וואָך.

אין 1799 האָט די ארמעע פון נאפּאלעאן באנאפּארט בעלאגערט עכו, און צייטווייליג איינגענומען א טייל פון גליל התחתון ארום נצרת. הינטער די בערג פון נצרת, אין דעם דאָרף פולע, וואו ס'געפינט זיך איצט די אידישע קאָלאָניע מרחביה, איז פארגעקומען די בעריהמטע שלאכט אין וועלכער די קליינע ארמעע פון קלעבערען האָט צושלאָגען די צעהן מאָל גרעסערע ארמעע פון די טערקען. באנאפּארט האָט אָבער געליטען א מפּלה ביי עכו און האָט זיך געמוזט צוריקציהען פון א"י. אחמד דזשעזאר פּאשא, וואס האָט בעזיגט דעם פראנצויזישען העלד, האָט געוואלט דאן אויסקוילענען אלע קריסטען פון גליל, נור דער ענגלישער אדמיראל, סידני סמיט, וואס האָט איהם געהאָלפען געגען נאפּאלעאנען, האָט איהם דערפון אָבגעהאלטען.

אין 19טען יאָהרהונדערט איז די בעפעלקערונג און די עקאָנאָמישע בעדייטונג פון נצרת אויסגעוואקסען בהדרגה.

ווען דאס לאנד האט זיך געפונען אונטער דער מצרי'שער הערשאפט (1832—40) האט די רעגירונג דורכגעפיהרט א צענזוס פון דער שטייערפליכטיגער מענערישער בע־פעלקערונג. לויט דיזען צענזוס האט נצרת געצעהלט, לויט די אנגאבען פון ראבינסאן אין 1838 — 260 גריכען, 170 מוסלימער, 130 קאטוילישע גריכען, 120 לאטיינער, 100 מאראניטען — צוזאמען 780 שטייער־פליכטיגע מענער, ד. ה. בערך 3.000 נפשות. אין 1859 האט די בעפעלקערונג — לויט די אנגאבען פון קאנסול ראדזישערס — גע־צעהלט 4.000 נפשות. אין 1886 האט דער אינזשעניער שומאכער פון חיפה דורכ־געפיהרט א סטאטיסטיק אין עכו'ר סאנדזשאק. נצרת האט דאמאלס געהאט א בע־פעלקערונג פון 6.575 נפשות. לויט די אנגאבען פון דעם זעלבען שומאכער אין 1890, איז די צאהל געשטיגען ביז 7.500, דארונטער 2.870 גריכען, 1.825 מוסלי־מער, 1.310 לאטיינער, 950 גריכישע קאטוילען, 252 מאראניטען.

אין די לעצטע 20 יאהר איז די בעפעלקערונג נאך מעהר אויסגעוואקסען. לויט די אנגאבען פון בערעקער'ן אין 1898 — האט נצרת געצעהלט 10.000 נפשות, און אין 1912 — 15.000, פון זיי א דריטעל (בערך 5.000) מוסלימער, און צוויי־דריטעל קריסטען (5.000 גריכען, 2.000 לאטיינער, 1.000 קאטוילישע גריכען, 250 פראָ־טעסטאנטען, 200 מאראניטען).

אורזאכען. דער פערהעלטניסמעסיג גרויסער וואוקס פון נצרת איז געוויסער מאסען פער־אורזאכט געווארען דורך די אנגריפען און איבערפאלען פון די אסט'ירדנ'ישע בעדואי־נער, וואס האבען געצוואונגען די איינוואוינער פון די ירדן־טאלען און עמק יזרעאל פון פערלאזען זייערע אומזיכערע היימען אין די אסטליכע געגענדען און זוכען שוץ אין נצרת און אנדערע שטעדט נעהנטער צום מערב און צום ברעג־ים, וואו די קאנטראל פון דער רעגירונג איז אלע מאל געוועזן שטארק. אויף אזא אופן זיינען פיעלע ערטער ביים ירדן פערלאזען געווארען און די איינוואוינער האבען זיך איבערגעצויגען אין שטאדט.

א צווייטע אורזאכע פון דעם וואוקס פון נצרת איז — די אנציהונגס קראפט וואס די געבורטס שטאדט פון קריסטענטום האט פאר די קריסטען. נצרת צוזאמען מיט ירושלים און בית לחם זיינען די הייליגסטע שטעדט פון דער קריסטליכער וועלט און זינט די וועלטליכע רעפארמען אין טערקיי פון די 50־גער יאהרען, וואס האבען פעסט־געשטעלט די פרינציפען פון רעליגיעזער פרייהייט און גלייכהייט אין טערקיי — זיינען פיעלע אייראָפּעאישע קריסטליכע אינסטיטוטען — שולען, קירכען, מאנאסטירען, האספיטעלער א. ד. ג. געגרינדעט געווארען אין נצרת. די ארטיגע קריסטען, וואס זיינען געווען צושפרייט אין די גליל'ער דערפער, האבען זיך אנגעהויבען צו קאנצענט־רירען אין שטאדט, וואו זיי האבען געפונען מאטעריעלע און גייסטיגע אונטערשטי־צונג ביי זייערע אייראָפּעאישע גלויבענס־גענאסען. און דאדורך איז נצרת, וואס האט איבער טויזענד יאהר געהאט נור א מוסלימישען ישוב, געווארען אין די לעצטע הונ־דערט יאהר די קריסטליכסטע שטאדט אין א"י, מיט דער אויסנאהם פון בית לחם.

די איצטיגע נצרת איז די הויפט־שטאדט פון א קאימאקאמיע (קאדא). איינע פון די 5 קאימאקאמיעס פון עכו'ר סאנדזשאק, און גליל התחתון, אין דער אמאליגער טעריטאריע פון שבט זבולון. אין דעם ראיאן געפינען זיך 25 דערפער (דארונטער 2 אידישע קאלאניעס — מרחביה און תל עדס) מיט א בעפעלקערונג פון 8.000, וואס איז בעשעפטיגט הויפטזעכליך מיט אקערבוי און פיה־צוכט, און אין א קלענערע מאס מיט פלאנטאציעס (אליוועס). פיעלע פון די שטאדטישע איינוואוינער בעשעפטיגען

זיך פונקט ווי די פלחין מיט אקערבוי און פיהצוכט, אבער א בעדייטענדע צאהל איז פערנומען מיט האנדעל און פערשיעדענע פראפעסיעס און קליינע אינדוסטריעלע בע־טריבען. פון די קלענערע שטעדט אין א"י, וואס געפינען זיך ניט ביים ברעג ים, קאן זיך נור בית לחם פערגלייכען צו נצרת אין איהר עקאנאמישער אקטיווּיטעט, אבער די לעצטע איז פיעל רייכער פאר די ערשטע.

לויט די אנגאבען פון אינזשיניער שומאכער זיינען די נצרת'ער בעשעפטיגט מיט די פאלגענדע פראפעסיעס:

בערך 300 זיינען פערנומען מיט אקערבוי און פיה־צוכט, 140 הענדלער און קרעמער, 24 גרויסע גוטבעזיצער און תבואה־הענדלער, 45 נאגעל־, מעסער־, קופער־ בעשעפטיגונגען. און פערד־שמידען, 15 טישלער, 8 סטעל־מאכער (וואס מאכען אראבישע אקערם), 12 גארבערס, 10 פארבער, 40 שוסטער, 9 זאטעל־מאכער, 10 וועבער, 6 שניידער, 8 בלעכער, 8 פעלין־מאכער, 8 סעקלער, 9 מילנער (צווישען זיי 5 דאמפפמיהלען), 8 ביקסענמאכער, 6 גאלד־שמידען, 16 מויערער, 53 שטיינהויער (דאקאקא), 22 שטיינ־העקער (האדזשארא), 6 קאלכברענער, 15 גיפסער, 24 גערטנער, 16 בארבירעס, 10 מוקערים (פערד־ און אייזעל־טרייבער) און נאך איינינע קליינע פראפעסיעס.

די וויכטיגסטע רעליגיעזע געמיינדען האבען איינענע קווארטאלען — די גריכען אין נארדליכען טייל פון שטאדט, „חארת אל־רום“, די מוסלימער אין צענטער, „חארת אל איסלאם“, די לאטיינער אין דרום „חארת אל לאטין“. אין איינינע קווארטאלען וואוינט א געמישטע בעפעלקערונג. קיין אידען זיינען אין נצרת ניטא*) און די אר־טיגע קריסטען וואס צייכנען זיך אוים מיט זייער פאנאטיזם, בעציהען זיך מייסטענס פיינדליך צו אידען. די אידישע קאלאניזאציע אין גליל התחתון האט זיך פריהער בעגרענעצט בלויז מיט'ן טבריה'ר ראיאן, אבער אין די לעצטע יאהרען האבען זיך אנ־געהויבען גרינדען אידישע קאלאניעס אונטער די בערג פון דער געבורטס־שטאדט פון קריסטענטום, און מיט'ן ווייטערען וואוקס און פערשטארקונג פון דער אידישער קא־לאניזאציע אין עמק יזרעאל וועט אויך מעגליך ווערען די ענטשטעהונג פון א אידישען ישוב אין נצרת.

בית לחם

אויף צוויי קליינע בערג וואס זיינען צוטיילט דורך אנ'ענגען דורכגאנג, בערך צוויי שעה גאנג פון ירושלם (ארום 5 מייל) צו דרום אויף'ן וועג פון חברון, אין מיטען פון דער פרוכטבארסטער אמאליגער טעריטאריע פון שבט יהודה ליגט די געבורט־שטאדט פון דעם גרויסען קעניגליכען פאעט פון אידישען פאלק — ב י ת ל ח ם (אדער בית לחם יהודה ווי זי ווערט עטליכע מאל בעצייכענט אין תנך כדי ניט צו פערמישען מיט אנאנדער בית־לחם נעבען עמק יזרעאל וואס האט בעלאנגט צום שבט זבולון — זעה יהושע י"ט 15). די שטאדט האט אויך געהייסען אפרת (אפרתה), און די איינוואוינער פון בית־לחם האבען זיך גערופען אפרתים**). דיביידע נעמען פון דער שטאדט פאסען זיך מיט דער אונגעהויערער פרוכטבארקייט פון דער אומגע־

*) נאר די אדמיניסטראציע פון יק"א האט דא א הויז פאר איהרע בעאמטע.

** אין איינינע ערטער אין תנ"ך (שופטים י"ב 5, שמואל א' א' 1, מלכים א' י"א 26) מיינט אפרתי א מיטגליעד פון אפרים.

בונג (אפרת שטאמט פון פרה — זיין פרוכטבאר, און בית־לחם מיינט „הויז פון ברויט)*).

בית־לחם איז פון די שטעדט אין ארץ־ישראל וואס האבען אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען, פון יעקב אבינו ביז היינט, ניט געביטען איהר נאמען, און עד היום רופען זי די אראבער „בית־לחם“.

דעם נאמען פון בית־לחם בעגעגענען מיר שוין אין די צייטען פון יעקב אבינו. אויף׳ן וועג פון פדן ארם ניט ווייט פון אפרת וואס איז בית לחם איז געשטארבען רחל (בראשית ל״ה 19). און דארט, צווישען בית־לחם און ירושלם, שטעהט נאך עד היום די קופאלארטיגע מצבה וואס טראגט דעם נאמען פון רחל׳ס קבר. ביבלישע תקופה

אויך די פעלדער פון בית־לחם האט זיך אין די צייטען פון די שופטים אבגע־שפיעלט די איינפאכע און הערליכע געשיכטע פון אידישען לעבען, די וואונדערבארע



בילד 42.

בית־לחם.

אידיליע פון רות און בועז. דער נאמען פון בית־לחם איז אויך פערבונדען מיט איינעם פון די מערקווירדיגסטע עפיזאדען פון יענער תקופה — מיט דעם בירגער קריעג צווישען גאנצען פאלק און שבט בנימין צוליעב דער „פילגש בגבעה“. (שופטים י״ט 2). פון בית־לחם איז אויך געקומען איינער פון די שופטים, אבצן, וואס האט גע׳משפט די אידען נאך׳ן טויט פון יפתח הגלעדי (שופטים י״ב 8). אבער א וויכ־טיגען פלאץ אין דער אידיישער געשיכטע האט בית־לחם פערנומען ערשט שפעטער, מיט דעם אויפטריט פון דוד בן ישי, דער פאסטוך פון זיין פאטערס שאף, צו דער

*) עס איז אויך פאראן א השערה אז בית־לחם שטאמט פון לחמו, א נאמען פון א כלדעאישען גאט פון פרוכטבארקייט, און דער נאמען בית לחם בעדייטעט „דער טעמפעל פון לחמו“.

גרויסער ראָלע וואָס ער האָט געשפּיעלט אין דעם לעבען פון זיין פאָלק. אהין, קיין בית־לחם, איז שמואל געגאַנגען זוכען א נייעם מלך פאר'ן אידישען פאָלק, נאָך דעם ווי ער איז זיך פאנאנדערגעגאַנגען מיט דעם ערשטען מלך וואָס ער אליין האָט ער־וועהלט. דאָ האָט שמואל געזאַלבט אין געהיים דוד'ן פאר א מלך אויף שאול'ס אָרט.

שפּעטער ווען דוד איז גענומען געוואָרען צו שאול'ן צו פערטרייבען מיט זיין האַרפע די מרה שחורה פון פערביטערטען קעניג האָט זיך דער יונגער פּאַסטוך־מנגן נאָך געפלעגט אומצוקעהרען קיין בית לחם, צו די שאָף פון זיין פאָטער (שמואל א' י"ז 15). פון בית לחם האָבען אויך געשטאַמט די העלדישע מיטהעלפער פון דוד'ן, די דריי זיהן פון צרויה מיט יואב'ן בראש. נעבען בית לחם איז פאָרגעקומען די ריהרענ־דע סצענע מיט'ן וואַסער וואָס די דריי גבורים האָבען געבראַכט דעם דורשטיגען קעניג פון דעם לאַגער פון די פלשתים אין בית לחם, און דוד האָט די וואַסער אויסגע־גאָסען, ניט וועלענדיג טרינקען „די בלוט פון די מענשען וואָס האָבען איינגעשטעלט זייער לעבען אין געפאַהר" (שמואל ב' כ"ג 17).

בית לחם איז געווען פון די שטעדט וואָס רחבעם האָט פערפעסטיגט אין יהודה (דברי הימים ב' י"א 6). נעבען בית לחם האָבען זיך אין דער צייט פון ערשטען חורבן פערזאַמעלט יוחנן בן קרח מיט דעם „שארית העם" צו געהן נאָך מצרים און ירמיה הנביא האָט זיי אין א פייערדיגער שפּראַך געוואָרענט געגען דעם.

צווישען די אידען וואָס זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל אין דער „עליה" אונ־טער זרבבל'ן זיינען געווען אויך הונדערט און דריי און צוואַנציג פון בית־לחם וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט אויפבויען זייער געבורטס שטאָדט (עזרא ב' 12).

אין די וויטערע היסטאָרישע געשעהענישען פון בית שני ווערט בית־לחם שוין ניט דערמאָנט.

נאָך'ן חורבן. נאָך דעם צווייטען חורבן איז בית־לחם בעריהמט געוואָרען צווישען די קריס־טען אלס דער געבורטספלאַץ פון ישו הנוצרי. אויף דעם אָרט וואו קריסטוס איז לויט דער לעגענדע געבוירען געוואָרען שטעהט די בעוואוסטע „געבורטסקירכע", וואָס רעכענט זיך פון די גרעסטע קריסטליכע הייליגטימער.

אויף להכעיס די קריסטען האָט אדריאַנוס (117—138) בעפוילען אנפלאַנצען אויף דעם פּלאַץ א גאָרטען געווידמעט צום סורישען גאָט אדאָניס.

קריסטליכער צענטער. אין פערטען יאָהרהונדערט האָט דער בעריהמטער געלערנטער טעאָלאָג הערא־נימוס (331—420) — איינער פון די פאָטערס פון דער קריסטליכער קירכע — בעזעצט זיך אויף דיזען פּלאַץ, און לערנענדיג העברעאיש און תנ"ך אין אָריגינאַל ביי די אידישע חכמים, האָט ער אין בית לחם פערפאַסט זיין לאַטיינישע איבערזעצונג פון ביבל (די אזוי־גערופענע „וואולגאַטא") און אנדערע טעאָלאָגישע ווערק. די קירכע פון דער הייליגער מרים אָדער „געבורטס־קירכע" אין בית לחם — וועלכע איז אוי־סער דער קירכע אויף ישו'ס קבר אין ירושלם דאָס גרעסטע קריסטליכע הייליגטום אין דער וועלט, שיינט צו עקזיסטירען נאָך פון 4טען יאָהרהונדערט, און זי איז דעריבער די עלטעסטע קירכע אין דער גאַנצער וועלט. ווען די מוסלימער האָבען אין 7טען יאָהר־הונדערט עראָבערט דאָס לאַנד האָבען זיי די אלטע קירכע ניט אנגעריהרט. שוין פון גאָר אלטע צייטען איז בית לחם געווען בעוואוינט דורכאויס מיט קריסטען, און ווען די נוסעי הצלב האָבען זיך דערנעהנטערט צו ירושלם, האָבען זיי צוערשט איינגענומען בית־לחם, מיט דער הילף פון די קריסטליכע איינוואוינער. ווי סיוואולף, א קריסטליכער פּילגרים, וואָס האָט איבערגעלאָזט א בעשרייבונג פון א"י גלייך נאָך די ערשטע נוסעי

הצלב, דערצעהלט, האבען די אראבער פריהער געהאט צושטערט די גאנצע שטאדט און ניט מעהר איבערגעלאזט ווי די קירכע פון דער הייליגער מרים (אדער „געבורטס־קירכע"). רבי בנימין פון טודילא (1163) האט געפונען אין בית־לחם 12 אידישע איינוואוינער, ריכטיגער 12 משפחות, אלע האבען זיך בעשעפטיגט מיט פארבעריי—די אידישע מלאכה פאר עקסעלענץ פון יענער צייט. אין 1244 איז בית לחם צוגלייך מיט ירושלים חרוב געווארען דורך די ארדוס פון די קארא־זעמיאנער, וואס זיינען אין 1240 אריינגעדרונגען פון מיטעל־אזיע אין סוריה. ווען דזשאהן מאנדעוויל האט בעזוכט א"י (1322) איז בית לחם געווען א קליין שטעדטעל, ארומגערינגעלט מיט א מויער. די גאנצע בעפעלקערונג איז געווען א קריסטליכע. אין דער אומגעגענד איז געווען צאהלרייכע וויינגערטנער. אין 1489 איז בית לחם ווידער אמאל חרב געווארען.

א לאנגע צייט האבען נור קריסטען געוואוינט אין בית לחם. די ערשטע קריסטען זיינען געווען גריכען און סיריער. אין 17טען יאהרהונדערט האבען אויף רוימישע קאטאליקען אנגעהויבען בעזעצען זיך דארט, און נאך דעם אנהויב פון 18טען יאהרהונדערט האבען אריינגעוואנדערט אויך ארמענער.

בעפעלקערונג.

אין וואלני'ס צייט (1783) האט בית לחם געצעהלט 600 מאן וואס טראגען וואפען, וואס מאכט אויס א בעפעלקערונג פון בערך 3000 נפשות. די בית־לחם'ער זיינען געווען בעריהמט מיט זייער העלדישקייט און האבען זעהר אפט בענוצט זייער געוועהר — אמאל געגען דעם טערקישען פאשא, אמאל געגען אנדערע דערפער און אמאל צווישען זיך אליין. אין דער מלחמה פון די צוויי פארטייען וואס האבען במשך פון הונדערטער יאהרען (ביז פאר 60 יאהר בערך) אנגעפיהרט אין א"י אן אונאויפהערליכען בירגער־קריעג, די קייסים און יאמאנים, איז בית לחם געווען אויף דער זייט פון יאמאן, און האבען דעריבער געקעמפפט געגען די איינוואוינער פון חברון, וואס האבען בעלאנגט צו די קייסים. אין דעם אויפשטאנד פון די פלחים געגען דער הערשאפט פון מוחמד עלי און איברהים פאשא אין 1834 האבען די בית־לחמ'ער גענומען אן אקטיווען אנטייל. בעזונדערס האבען זיך אויסגעצייכענט די מוסלימער פון בית לחם, די פאנאטירע וואס האבען זיך דא בעזעצט אין 18טען יאהרהונדערט ווען דער אויפשטאנד איז דערשטיקט געווארען האט איברהים פאשא ענטוואפענט אלע בית־לחמ'ער, חרוב געמאכט דעם מוסלימישען קווארטאל און ארויסגעטריבען אלע מוסלימער פון שטאדט. אבער נאך דעם ווי די מצרים זיינען פערטריבען געווארען פון א"י (1840) און דאס לאנד איז אריבער צוריק צו טערקיי האבען זיך די מוסלימער ביסלעכווייז אומגעקעהרט אין בית לחם, נאך דעם ווי זיי האבען זיך א לאנגע צייט בעהאלטען אין די אומגעבונג פון חברון.

די בעפעלקערונג פון בית לחם וואס איז אין 1840 געווען בערך 3.000 נפשות האט אין 1890 געצעהלט שוין 8000, און אין 1910 ארום 10.000 נפשות. איצט רעכענט זיך בערך 12.000—11 איינוואוינער.

די מאדערנע בית לחם איז אויסגעבויט אהן צווייפעל אויף דעם זעלבען פלאץ, וואו ס'האט זיך געפונען די געבורטס־שטאדט פון דוד בן ישי מיט 3000 יאהר צוריק. די הויך פון דער שטאדט איבער'ן ים איז 775 — 825 מעטר. ארום דער שטאדט, אויף די בערג ברייטען זיך אויס וויינגערטנער און אקער פעלדער.

דער טעראסען־בוי פון דער אומגעבונג גיט דעם גאנצען ארט א מאלערישען אמפיטעאטרישען אנזעהן. דער באדען פון דער שטאדט און דער סביבה איז זעהר פרוכטבאר און איילבירטען, מאנדלען, פייגען און וויינטרויבען גראטען דארט

אויסערגעוועהנליך גוט. דער קלימאט איז עהנליך צום ירושלם'ער קלימאט, נור עט־וואס מילדער. מיט וואסער איז בית לחם גוט פערזארגט. אין נאָרדליכען אריינגאנג פון שטאָדט געפינען זיך די גרויסע ציסטערנעס וואס די אראבער רופען „ביאר דאוד" — דוד'ס ברונעם. דאס רעכענט מען זיינען די ברונעמס, וואו דוד'ס העלדען האָבען אָנגעשעפּט וואסער פאר זייער פיהרער אין דער צייט ווען די פלשתים זיינען געווען אין בית לחם. אין שטאָדט גופא האָבען די איינוואוינער פיעל פּריוואטע ציסטערנעס. א חוץ דעם האָט די שטאָדט אַן אַלטע וואסער־לייטונג, וואס איז רעפּארירט געווארען אין 1845. טראָץ די רייכקייט פון וואסער בעשעפטיגט זיך קיינער ניט מיט געמיזע, און אלע גרינסען ווערען אריינגעבראכט פון אנדערע ערטער. אפילו די קולטור פון פּלאנטאציעס געפינט זיך אין א שפל'ע מדרגה, און זי קאָן ניט פערגליכען ווערען צו דעם אמאָליגען וואוילשטאנד פון דעם געגענד.

כמעט די גאנצע בעפעלקערונג איז א קריסטליכע. אידען זיינען דאָ נור איינינגע, און מוסלימער בערך 300. די קריסטען צוטיילען זיך אויף גריכען (ארום 4000), לאַ־טיינער־קאטויליקען (ארום 3000), ארמעניער, קאפּטען, סוריער, פּראָטעסטאנטען. א טייל פון דער בעפעלקערונג שטאמען אָב פון די נוסעי הצלב. זיי רעדען נאָך איטאַ־ליעניש און רופען זיך ווענעציאנער. די פאמיליען־נעמען זייערע זיינען אויך איירא־פּעאישע. דאס איז פיליכט דער איינציגער לעבעדיגער סימן וואס איז פערבליבען אין לאנד פון די הונדערטער־טויזענדער אייראָפּעאישע קריסטען, וואס האָבען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען געשטראָמט אין א"י פון אלע עקען פון אייראפּא, אום כדי צו שאפען א קריסטליכע מלוכה אין דעם געבורטס לאנד פון ישו הנוצרי...

א חוץ אקערבוי, פּלאנטאציעס, פיהצוכט און האנדעל בעשעפטיגט זיך די בית לחם'ער בעפעלקערונג מיט הייליגע בילדער און ראזענקראנץ אינדוסטריע, ווי אויך מיט פּערלמוטער־ארבייט. די דאָזיגע אינדוסטריע געווינט אלץ א גרעסערע בעדייטונג. א חוץ די פּראָדוקטען וואס ווערען עקספּארטירט נאָך אויסלאנד ווער'ן זעהר פיעל זאכען פערקויפט אויף'ן פּלאץ צו די קריסטליכע טוריסטען און פּיל־גרימען וואס בעזוכען אין טויזענדער די שטאָדט. פון דעם אספּאלט וואס געפינט זיך אין דער נאָהנטקייט פון ים המלח אָדער דער שטיין וואס די אראבער רופען „חאג'אר נבי מוסה" (משה רבינו'ס שטיין) ווערען אויסגעארבייט אין בית לחם טרינקשאלען און אנדערע כלים, וואָס ווערען פערקויפט אלס אנדענק פון „הייליגען לאנד" צו די אויסלענדישע טוריסטען. לויט די אנגאבען פון פ. פאלמער געפינען זיך אין בית לחם 90 פּערלמוטער און ראזענקראנץ ארבייטער, 30 וואס ארבייטען אויס פערשיע־דענע כלים פון עצי זית (איילבירט האָלץ), עטליכע ארבייטער פון משה'ס שטיינער. דאָס זיינען די בעשטענדיגע בעלי מלאכות. א חוץ זיי בעשעפטיגען זיך מיט די דאָזי־גע טוריסטען־געווערבען אין דעם סעזאָן פון טוריסטען, ארום פּסח־צייט, אויך פיעלע אנדערע, וואס א גאנץ יאָהר זיינען זיי פערנומען מיט אנדערע פּראָפעסיעס, ווי צום ביישפּיעל די שטיינטעשער און מויערער, וועלכע קאָנען זיך ניט פערנעמען אין ווינ־טער, אין רעגען צייט, מיט זייער אייגענעם פאך.

אויך דיזער פאך, מויעריי און שטיינטעשעריי, איז אין בית־לחם זעהר פערשפּרייט, און מיט דער אויסנאהמע פון ירושלם, האָט בית לחם די גרעסטע צאהל שטיינטעשער און מויעדער פון אלע פּאלעסטינער שטעדט. לויט די אנגאבען פון דעם דערמאנטען פ. פּאלמער איז פאראן אין בית לחם בערך 250 שטיינהויערס, 30 מויערער און 50 שטיינהעקער. דער גרעסטער טייל פון זיי ארבייט געוועהנליך אין ירושלם און אומ־

בעשעפטיגונגען.

געבונג. פון אנדערע פראפעסיעס געפינען זיך אין בית־לחם ארום 50 גמלים־טרייבער, 40 מילנערס (פערד־מיהלען און אויך איין דאמפף מיהל), 4 וועבער, 3 שלויכען מאכער, 6 שמיעדען, 5 בארבערס, 6 גיפסער, 6 געוועהר ארבייטער, 5 טישלערס, 3 גאלדשמידס, 15 שוסטער און נאך איניגע קליינע פאכען, 140 קרעמעד און הענדלער און ארום 300 בעשעפטיגען זיך מיט אקערבוי, גערטנעריי און פיהצוכט.

די שטאדט איז איינגעטיילט אין 8 קווארטאלען אדער „חארת"ס. די מוסלימער זיצען אין א בעזונדער קווארטאל וואס רופט זיך אויף זייער נאמען חארת אל פואע'רה (הארט על פאוואגארע), און זייער בעשעפטיגונג איז אקערבוי, פיהצוכט און גמלים־טרייבעריי (מוקערי'ס).

יעדער קווארטאל האט א בעזונדערען מוכטאר (אפיציעלען פארשטעהער), און וואו ס'זיצען צוזאמען אין קווארטאל עטליכע סעקטעס, האט יעדע סעקטע אן אייגענעם מוכטאר. אויף אזא אופן האט בית לחם 14 מוכטארס: 5 קאטוילישע, 5 גריכישע, 2 מוסלימישע, 1 ארמענער, 1 פראטעסטאנט. די מוסלימער און קריסטען לעבען צווישען זיך פריינדליך, דערפאר אבער הערשט א גרויסע אונפריינדשאפט צווישען די קריסטליכע סעקטעס, צוליעב די רעליגיעזע שטרייטיגקייטען און שנאה־קנאה בנוגע די „הייליגע פלעצער". די רייסערייען ענטשטעהען אפט אין דער געבורטס־קירכע וואס געפינט זיך אונטער דעם רשות פון די דריי קאנפעסיאטען: גריכען, קאטויליקען און ארמעניער.

בית־לחם איז די רעזידענץ פון א מודיר, וואס שטעהט אן דער שפיצע פון א קליינעם טערקישען רעגימענט פון 25 סאלדטען. אין די קריסטליכע ימים טובים ווערט זייער צאהל פערגרעסערט כדי אכטונג צו געבען אויפ'ן ארדנונג און פרידען אין דער געבורטס־קירכע, וואו ס'ברעכען ניט זעלטען אויס בלוטיגע קריגערייען צווישען די אייפערזיכטיגע אנהענגער פון גאט פון ליעבע.

הברון.

חברון, די ערשטע קרוין־שטאדט פון דוד המלך ליגט אין א שמאלען פרוכט־בארען טאל — אין „טאל פון ממרא" — אין דער בערגיגער געגענד פון דרום יהודה, קנאפע צוואנציג מייל אין דרום זייט פון ירושלם, צווישען צאהלרייכע וויינגערטנער, אליוועז, מאנדלען און רייכע וואסער קוואלען. די הייזער זיינען אויסגעבויט טיילווייז אין טאל, טיילווייז אויפ'ן אבהאנג פון בארג. חברון איז די העכסטע שטאדט אין מערב ארץ ישראל, זי שטעהט 3040 פוס איבער די הויך פון ים, 500 פוס העכער פאר ירושלם און קנאפע 300 פוס העכער פאר צפת, און פערמאגט, דעריבער זעהר א גע־זונטען קלימאט. צווישען די ברכים, ניט ווייט פון שטאדט, פליסען גוטע קוואלען, דער בעסטער פון זיי איז „עין סארה", דער ביבלישער בור־הסירה (שמואל ב' ג' 26). אין דרום זייט פון שטאדט געפינט זיך א גרויסער פיערעקדיגער באסיין (ברכת אל סולטאן), פון 133 פוס אין קווארדאט און 21 פוס אין טיעף, ארומגעמויערט מיט געטעשעטע שטיינער.

לויט דער ארטיגער טראדיציע האט דוד המלך אויף דעם באסיין אויפגעהאנגען רכב און בענה, די רוצחים פון איש בשת (שמואל ב' ד' 12). אין צפון זייט פון שטאדט איז פארהאן א צווייטער באסיין (ברכת אל קאזאזין) א קלענערער (85 פוס אין לענג, 55 אין ברייט און 18 אין טיעף). די אנגעזעהענסטע און פראמינענסטע זאך פון

שטאָדט איז די פעסטונגארטיגער „חרם“ (מוסלימישע קירכע) וואָס איז אויסגעבויט אין צענטער פון שטאָדט, אויף'ן אָסטליכען אָבהאַנג פון בארג, איבער דער טראַדיציאָ־נעלער „מ ע ר ת ־ ה מ כ פ ל ה“, וואו ס'זיינען בעגראָבען געוואָרען די אבות אברהם, יצחק און יעקב. צוליעב דיזען אָרט איז די שטאָדט גלייך הייליג ביי אידען און מוסלימער, און אויפ'ן נאָמען פון אברהם'ן „דער פריינד פון גאָט“ (אלחאַליל־אללה) רופען די אראבער חברון „אלחאליל“.

חברון איז פילייכט די עלטסטע שטאָדט אין דער וועלט וואָס עקזיסטירט נאָך טערטום.



בילד 43.

די ברכה (באסיין) וואו דוד האט געהאנגען די רוצחים פון איש-בשת.

עד היום. דער ביבלישער שרייבער, בעטאָנענדיג די אלטקייט פון דער שטאָדט, דערצעהלט, אז חברון איז געבויט זיבען יאָהר פאַר צוען אין מצרים, די רעזידענץ שטאָדט טאַנים פון די היקסאָס־דינאַסטיע (במדבר י"ג 22, קדמוניות 1, 8, 3). יוסף פלאַוויוס טיילט מיט, אז אין זיין צייט האָבען די איינוואוינער פון לאַנד גערעכענט חברון ניט נור פאַר די עלטסטע שטאָדט אין ארץ ישראל, נור אפילו עלטער פאַר

מעמפיס אין מצרים, און שוין דאמאלס איז זי אלט געווען 2300 יאהר (מלחמות 4, 9, 7). אין די פאטריארכאלישע צייטען פון אברהם אבינו (בערך 2350 פאר'ן קריסטליכען צייטרעכנונג) האבען אין דער געגענד פון חברון געלעבט חתים און אמורים.

חברון האט דאן געהייסען קרית־ארבע, די שטאדט פון ארבע*). דער הויפט פון אמורישען שבט ענקים וואס האבען דא געוואוינט (בראשית כ"ג 2, במדבר י"ג 22), און צווישען די בוימער פון ממרא, נעבען חברון, האט דער ערשטער העברעאישער איינוואנדערער אויפגעשטעלט זיין געצעלט (בראשית י"ג 18). דא איז געשטארבען זיין פרוי שרה, און אברהם האט אבגעקויפט פון עפרון החתי דאס פעלד פון מכפלה און די הייל צו בעגראבען זיין ווייב (בראשית כ"ג). דא איז אויך געזעסען שפעטער יצחק (בראשית ל"ה 27), און פון דאנען האט יעקב אוועקגעשיקט יוסף'ן צו זעהן וואס מאכען די ברידער וואס האבען געפאשעט די שאף אין אומגעגענד פון שכם (דארט ל"ז 14).

ביבלישע תקופה.

ווען די מרגלים זיינען געגאנגען אויסזעהן דאס לאנד זיינען זיי „ארויפגעגאנגען" אין דרום ביז חברון, ווענענס אומגעגענד איז דאמאלס פונקט ווי היינט געווען רייך מיט וויינטרויבען, גראנאטען און פייגען, און האבען פון דארט געבראכט צו ווייזען „די פרוכט פון לאנד" (במדבר י"ג 22־26). ווען די אידען זיינען אריבער דעם ירדן און גבעון האט זיי זיך פרייוויליג אונטערגעגעבען, איז הוהם, דער אמורישער מלך פון חברון צוגעשטאנען צו ארוני־צדק דעם מלך פון ירושלים און זיינע פערבינדעטע, צו נוקם זיין זיך אן די גבעונים (יהושע י' 5), אבער יהושע איז געקומען צו הילף די גבעונים און איז שפעטער בעפאלען חברון און האט אויסגעראטען די ענקים פון שטאדט און פון די ארומיגע בערג (יהושע י"א 21). דער עראבערער פון חברון איז געווען כלב בן יפונה, פון שבט יהודה, און צו איהם איז די שטאדט ארייגעפאלען אלס נחלה (יהושע י"ד 14, ט"ו 13, שופטים א' 20).

חברון איז בעשטימט געווארען אלס איינע פון די דריי ערי המקלט אין מערב א"י (יהושע כ' 7, כ"א 13) און די לויים האבען זיך אין איהר בעזעצט. צו זיי האבען בעלאנגט די שטאדט און די ארומיגע פלעצער, און צו כלב'ן די פעלדער און די דערפער (יהושע כ"א 11, דברי הימים א' ו' 40).

אין דער ווילדער אומגעבונג פון חברון האט זיך דוד אויסבעהאלטען פאר שאול המלך און אהין האבען זיך צו איהם פערזאמעלט אלע פערביטערטע און אונצופריע־דענע, און נאך שאול'ס טויט איז ער מיט זיי אוועק אין חברון און געלאזט זיך זאלבען פאר א קעניג פון יהודה (שמו"ב ב' 3), און פאר זיבען און א האלב יאהר איז חברון געווען די קרוין־שטאדט פון יהודה. אהער איז אבנר געקומען פארשלאגען דוד'ן די מלוכה פון ישראל און האט דא געפונען דעם טויט פון יואב'ס הענד (שמו"ב ג' 27). נאך דער ערמארדונג פון איש בשת, שאול'ס זוהן, זיינען פארשטעהער פון אלע אידישע שבטים געקומען אין חברון זאלבען דוד'ן פאר מלך איבער'ן גאנצען פאלק (שמו"ב ה', דברי הימים א' י"ב).

אין חברון האט אבשלום ארגאניזירט דעם אויפשטאנד געגען זיין פאטער (שמו"ב ט"ו 10) און רחבעם האט צווישען אנדערע שטעדט אין יהודה בעפעסטיגט אויך

*) לויט'ן תלמוד האט חברון געהייסען קרית ארבע ווייל אין איהר זיינען בעגראבען די פיער זוגות: אדם און חוה, אברהם און שרה, יצחק און רבקה, יעקב און לאה (עירובין י"ג).

חברון (דברי הימים ב׳ י״א 10). נאך גלות בבל האבען זיך די בני יהודה צוריק בעזעצט אין חברון און איהרע דערפער (נחמיה י״א 25).

בית שני.

אין דער צייט פון די חשמונאים האט זיך חברון געפונען אונטער דער הערשאפט פון די אדומים, וועלכע האבען זיך אונטער דעם דרוק פון די זידליכע אראבער פער־שפרייט אין דרום זייט פון א״י און פערנומען איינינע אידישע שטעדט. יהודה המכבי האט בעפרייט חברון און האט צושטערט די פעסטונגען און פערברענט די טורעמס וואס די אדמים האבען דארט אויסגעבויט (חשמונאים א׳ ה׳ 62, קדמוניות 12, 8, 6). פאר׳ן צווייטען חורבן איז שמעון בר גיורא בעפאלען חברון און האט פערכאפט דארט א סך רויב און פירות, באלד אבער איז אספסינוס אנגעקומען מיט זיין ארמעע פון קסריה און איינער פון זיינע אפיצירען, צערעאליס, איז אנגעפאלען אויף חברון מיט א גרויסער קראפט און האט זי איינגענומען. אלע איינוואוינער זיינען אויסגעקוילעט געווארען און די שטאדט גופא איז פערברענט געווארען (מלחמות 1, 9, 7; 4, 9, 9).

נאכ׳ן חורבן.

נאכ׳ן חורבן איז חברון געוועזען פערוויסט און פערלאזען. ארקולף, אם פון זיבע־טען יאהרהונדערט דערצעהלט אז אויף דעם ארט פון חברון זעהט מען נור די רואינעס פון די אלטע שטאדט. אבער אונטער דער אראביישער הערשאפט האט זיך „די שטאדט פון פריינד״ צוריק אויפגעבויט. פון די בעשרייבונגען פון די אראבישע געאגראפען אין צעהנטען יאהרהונדערט זעהט מען אז חברון האט דאן אויסגעזעהן פונקט ווי איצט. ארום דער שטאדט זיינען געווען פיעל גערטנער — אליוועז, פייגען, וויינשטאק און אנדערע. ווען די נוסעי הצלב זיינען אנגעקומען איז חברון געוועזען צושטערט, וואהר־שיינליך דורך די מאנגאלען. רבי בנימין מטודילא האט דא געפונען נאר איין אידען. נאך דעם ווי צלח־א־דין האט פערטריבען די קריסטען פון חברון (1187) האט זיך דער אידישער ישוב דא פערגרעסערט און האט פון דאן אן ניט אויפגעהערט צו עק־זיסטירען ביז היינט. אין פערצענטען יאהרהונדערט האט ר׳ יצחק חילו שוין גע־טראפען אין חברון א סך אידען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט פאבריקאציע און האנדעל פון בוימוואהל און גלאז. די גלאז אינדוסטריע, וואס עקזיסטירט נאך איצט אין חברון, איז דא איינגעפיהרט געווארען אין צוועלפטען יאהרהונדערט דורך אידען פון ווענעציע.

צענטער פון פאנאטיזם.

קיין קריסטען זיינען אין חברון קיינמאל ניט געזעסען, אויסער די קורצע צייט פון דער הערשאפט פון די נוסעי הצלב. די מוסלימישע איינוואוינער פון חברון הא־בען זיך פון שטענדיג אן אויסגעצייכענט מיט זייער עקסטרעמען פאנאטיזם (שוין דזשאהן מאנדעוויל אין 1322 בעקלאגט זיך דערויף) און זיי האבען ניט דערלאזט, אז קריסטען זאלען זיך צווישען זיי בעזעצען. אפילו רייזענדער זיינען ניט געווען זיכער מיט זייער לעבען אין חברון. נור דער אידישער גערולד און מסורות־נפש׳ידיגע צו־געבונדענקייט צום „לאנד פון די אבות״ האט געקאנט גובר זיין די אונטאלעראנץ און דרוק פון מוסלימישען פאנאטיזם.

די חברונ׳ער איינוואוינער האבען בעלאנגט צו די קייסיטישע פארטיי, און זיי האבען געפיהרט אן אונאויפהערליכע מלחמה מיט די איינוואוינער פון בית לחם, וואס זיינען געווען יאמאניטען. אין וואלני׳ס צייט (1785) האט חברון געקאנט ארויס־שטעלען 8־900 בעוואפענטע מענער, און האט זיך גערעכענט פאר דעם שטארקסטען ארט אין גאנצען געגענד.

אין דעם אויפשטאנד פון די פלחין (אין 1834) געגען דער מצרישער הערשאפט האט חברון געגומען א גרויסען אנטייל, און זי האט לענגער פאר אנדערע ערטער זיך אנטקעגענגעשטעלט די ארמעע פון איברהים פאשא. נעבען די ברכות־שלמה,

צווישען בית־לחם און חברון, איז פארגעקומען די שלאכט צווישען די פיינדליכע כחות, און די חברון'ער האבען געליטען א מפלה. זיי האבען זיך צוריקגעצויגען און בעפעסטיגט אין חברון, אבער איברהים פאשא האט גענומען די שטאדט מיט שטורם און האט געלאזט זיינע סאלדאטען זי ראבעווען און פלינדערען. פיעלע זיינען גע'הרג'עט געווארען, די איבריגע זיינען אנטלאפען אין עבר הירדן, אין כרך. די אידען ,וואס זיינען פערבליבען, פערלאזענדיג זיך אויף איברהים'ס צוזאג, אז מ'וועט זיי ניט טשעפען, האבען שטארק געליטען; איברהים פאשא האט זייןווארט ניט געהאלטען. יאהרען לאנג האט די שטאדט ניט געקאנט קומען צו זיך נאך דעם חורבן.

ווען דאס לאנד הא זיך אומגעקערט אונטער דער טערקישער הערשאפט (אין 1840) האט חברון א לאנגע צייט געליטען פון אן ארטיגען רויבער, א שייך פון א נאהענט דארף דורא (אדורים) מיט'ן נאמען עבד אל־רחמן, וואס האט יאהרען לאנג אנגעווארפען א שרעק אויף די גאנצע געגענד און געוועלטיגט אין חברון אונאבהענגיג פון דער טערקישער רעגירונג.

בעפעלקערונג.

אנהויבענדיג פון 1875 האט זיך די שטאדט צואוואקסען, בעזונדערס האט זיך פערגרעסערט דער אידישער קווארטאל.

אין 1838 האט ראבינסאן גערעכענט די בעפעלקערונג פון חברון ארום 10.000 נפשות, אין 1875 האט דער קאימאקאם פון חברון געשאצט די איינוואוינערשאפט אין 17.600 נפשות, אין 1915 האט זיך גערעכענט 25.000—22.000 איינוואוינער, פון זיי ארום 2,000 אידען, און אלע איבריגע מוסלימער.

די שטאדט איז איינגעטיילט אין 7 קווארטאלען, דער הויפט קווארטאל איז „הארת אל חאראם“, וואו עס געפינט זיך די מערת־המכפלה („חאראם“). די אידען וואוינען אין „הארת אל קאזזין“ („דער קווארטאל פון די גלאז־מאכער“), צפונית־מערבית פון הארם. די שטאדט איז ניט ארומגערינגעלט מיט א וואנד, נאר יעדע גאס האט א טויער וואס פערשליסט זיך ביינאכט. די גאסען, ווי געוועהנליך, זיינען זעהר ענג, קרום און שמוציג, און פיעלע זיינען בעדעקט מיט שטיינערנע באלקענס.

האנדעל.

די שטאדט פיהרט א האנדעל מיט די בעדואינער פון דרום א"י און עבר הירדן, און פאבריצירט צוויי ארטיקלען וואס ווערען ניט געמאכט אין קיין אנדער ארט פון א"י א חוץ חברון: לעדערנע לאגלען און גלאזווארג. די ציגענע פעלען פון וועלכע די לאגלען ווערען געמאכט, ליפערען די בעדואינער און די ארומיגע פלחין, און די

אינדוסטריע.


לאגלען, וואס ווערען בענוצט ווי אין די ביבלישע צייטען אויף צו טראגען וואסער, האבען אן אבגאנג אין לאנד גופא, אין סוריה און אראביען. פריהערדיגע צייטען האט מען ארויסגעפיהרט א סך לאגלען אין מצרים, אבער זייט מ'האט דארט דורכגעפיהרט אויף א ברייטען מאסשטאב די וואסער־לייטונגען איבער'ן לאנד, האט דער ארויספיהר אויפגעהערט, און די פראדוקציע האט אנגעהויבען צו פאלען. אין א"י גופא ווערען נאך די לאגלען בענוצט ביי דער איינגעבוירענער ניט־אידישער בעפעלקערונג פון די שטעדט.

די גלאז אינדוסטריע, ווי מיר האבען שוין דערמאנט, שטאמט נאך פון 12טען יאהרהונדערט און ווערט נאך איצט בעטריבען מיט די זעלבע מעטאדען און מיטלען ווי מיט 700 יאהר צוריק. ס'ווערען דא געמאכט פלעשלעך, גלעזלעך, גלעזערנע בראסלעטען, פונגערלעך און אנדערע צירונגען, ניט אריגינעל פון זאמד, נור פון שטיקלעך גלאז וואס מ'קלויבט צוזאמען אין חברון און אנדערע ערטער אין לאנד. דער הויפט מארקעט פאר די זאכען — איז ירושלים. פריהער האט מען דא געמאכט אויך גלעזערנע

לעמפלעך וואס זיינען מאסען־ווייז פערקויפט געווארען אין מצרים, אבער די לעצטע צייט האט אויך דער עקספארט אויפגעהערט.

א חוץ די צוויי הויפט אינדוסטריעס געפינען זיך דא אויך, ווי אין עזה, ערדענע טעפערייען און פרימיטיווע וועבערייען. א גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג לעבט פון די וויינגערטנער וואס בעדעקען די גאנצע אומגעגענד פון חברון.

חברונער ראיאן די חברונ'ער טראבען און ראזינקעס האבען א שם אין גאנצען לאנד. אין צייט פון בציר (טרויבען־שניט) פערלאזען די בעלי כרמים די שטאדט און בעזעצען זיך אין די גערטנער. די בעלי כרמים, וואס זיינען אלע מוסלימער, מאכען ניט פון די טרויבען קיין וויין, נאר פערקויפען זיי פרישערהייד, צום גרעסטען טייל אין ירושלם, אדער מאכען פון זיי ראזינקעס, סיראפ (דיבס) און אזא מין מארמעלאד וואס רופט זיך אין אראביש „מלבן" (מאלבען). נאר די אידען אין חברון פערנעמען זיך מיט וויין־פראדוקציאן.



בילד 44.
חברון

דער דיסטריקט (קאדא) פון חברון איז זעהר גרויס. לויט וויטאל קינע פערנעמט ער א שטח פון 5.800 קוואדראט קילאמעטער. אבער א טייל דערפון, אין דרום, און וויסט, דער בעוואוינטער שטח אליין איז אונגעפעהר 2.300 קוואד. קיל. אויף דעם שטח געפינען זיך 55 דערפער מיט א בעפעלקערונג פון בערך 28.000—30 נפשות (אויסער די שטאדט). לויט די אפיציעלע אנגאבען פון 1851, וואס דער ענגלישער קאנסול פין ציטירט אין זיין בעריכט, האט דער חברונ'ער דיסטריקט (ניט רעכענענדיג די שטאדט) געצעהלט דאמאלס 78.000 נפשות. אויב די ציפערען זיינען ריכטיג הייסט דאס אז פאר דער צייט איז די דארפישע בעפעלקערונג פערקלענערט געווארען מעהר ווי א העלפט.

קיין אידישער ישוב (אויסער חברון גופא) איז אין דעם געגענד נאך ניטא.

נאך ירושלם איז חברון די רייכסטע שטאדט אין יהודה און אלעטרטימער, אמת'ע און לעגענדארישע. ניט ווייט פון שטאדט, אויפ'ן וועג קיין ירושלם, איז פארהאן א בארג מיט רואינעס פון דער אוראלטער שטאדט, וועלכע מ'רופט נאך היינט „אל חברה“, צווישען די חורבות איז דא א טיעפע הייל, וועלכע ווערט געהאלטען פאר דעם קבר פון ישי, דוד המלך'ס פאטער. עטוואס ווייטער, אין א כרם, שטעהט א קליין הויז מיט א הייל פון אונטען וואס האט אכט נישעס (כוכים), וואו לויט דער טראדיציע זיינען בעגראבען עתניאל בן קנז און זיינע זיהן. לויט אן אלטער לעגענדע (וואס האט שוין צירקולירט אין 14טען יאהרהונדערט) האבען זיך אדם און חוה, נאך דעם ווי זיי זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון גן־עדן, בעהאלטען אין איינעם פון די כרמים פון חברון, און אין דער געגענד האט קין גע'הרג'עט הבל'ן. אין מערב זייט פון שטאדט שטעהט אן אלטער ריזיגער בוים, איינער פון די שענסטע און גרעסטע בוימער אין א"י. דער היקף פון זיין שטאם איז בערך 23 פוס. דעם בוים האלטען די קריסטען פאר אלון ממרא, וואו אברהם האט אוועקגעשטעלט זיין געצעלט. די אידען אבער ציינען אויף אן אנדער ארט, ניט ווייט פון ירושלימ'ער וועג, וואו ס'געפינט זיך א פונדאמענט פון אן אלטער געביידע מיט'ן נאמען „רמת אל חליל“, אלס דעם ביבלישען אלון־ממרא. אויף דעם ארט האט אדרינוס פערקויפט די אידישע געפאנגענע פאר שקלאפען אין צווייטען יאהרהונדערט (נאך בר־כוכבא'ס אויפשטאנד).


מערת המכפלה. אבער דער וויכטיגסטער מאנומענט, ניט בלויז פון חברון, נאר פון גאנץ א"י, איז אהן צווייפעל די מ ע ר ת ־ ה מ כ פ ל ה. די וואנד ארום דער הייל האלט 197 פוס אין דער לענג און 111 אין דער ברייט, און איז געבויט פון גרויסע, געטעשעטע שטיינער (דער גרעסטער שטיין האלט 24 פוס אין דער לענג און 3 פוס אין דער הויך), וואס זיינען עהנליך אין סטיל און אויסזעהן צו די שטיינער פון דעם אלטען פונדאמענט פון די מויער ארום דעם בית המקדש אין ירושלם.

דער הויף פון חרם, אינערהאלב די וואנד, איז 15 פוס העכער פאר דער דרויסענדיגער גאס. דער חרם וואס שטעהט איבער די הייל געפינט זיך אין דרום זייט פון הויף. די מוסלימער פערהייליגען אזוי שטארק דעם פלאץ, אז זיי לאזען קיין „אונגלויביגען“ ניט אריין געהן, ניט נאר אינווייניג אין חרם, נאר אפילו ניט אין הויף; עס איז ערלויבט ארויפצוגעהן ניט מעהר ווי ביז דעם זיבעטען טרעפ פון דעם אריינגאנג אין הויף.

משה מאנטיפיארע, אין זיין צווייטען וויזיט אין א"י (אין 1839) האט אומזיסט געפרופט אריבערטרעטען די פערבאטענע שוועל פון חרם. דער ערשטער ניט־מוסלימער, פאר וועמען מ'האט געעפענט די טויערען פון מערת המכפלה, איז געווען דער ענגלישען פרינץ — שפעטער קעניג — עדוארד, אין 1862. דערנאך האבען נאך איינינע איראפעאישע פרינצען און זייערע בעגלייטער בעקומען אן ערלויבניש צו בעזוכען דאס אבגעהיטע הייליגטום. אבער אויך זיי איז נור געלונגען אריינצוגעהן אין דעם אינערליכען טייל פון חרם וואס איז אויסגעבויט איבער דער הייל, און וואו ס'געפינען זיך נור די שטיינערנע מצבות אויפ'ן נאמען פון די אבות. די אונטערשטע הייל גופא, וואו לויט דער לעגענדע געפינט זיך דער קבר פון די אבות, ווערט קיין מאל ניט געעפענט, און אפילו די מוסלימער אליין וואגען ניט אהין אריינצוגעהן.

א טייל פון דער אויסערער געביידע איז א שפעטערע הוספה, טיילווייז קריסטליכע און טיילווייז אראבישע, צו דעם אריגינעלען מאנומענט, וואס שטאמט אהן שום ספק פון דער אידישער תקופה. שוין יוסף פלאוויוס בעהויפטעט, אז אברהם און זיינע

יורשים האָבען זיך געבויט קברים אָדער מאָנומענטען אויף דעם אָרט פון מערת המכפלה, און אין דער געשיכטע פון די אידישע מלחמות דערצעהלט ער בפירוש, אז דער דאָזיגער מאָנומענט ווערט נאָך איצט (ד. ה. אין צייט פון חורבן בית שני) געוויזען אין חברון, און דער מאָנומענט איז געמאכט פון אויסגעצייכענטען מארמאָר און זעהר אן עלעגאנטען פאַסאָן (מלחמות 4, 9, 7). לויט דער מיינונג פון פערגוסאָן און קאנדער איז דאס די ארבייט פון הורדוס'ן. זייער הויפט ארגומענט איז, וואס דער סטיל איז עהנליך צו דער וואַנד פון בית המקדש אין ירושלם, וועלכע שטאַמט פון יענער תקופה. סטענלי, וועלכער האָט אויך צוזאמען מיט'ן ענגלישען פרינץ בעזוכט פערזענליך דעם חרם, איז מיט דער מיינונג, אז די געביידע איז פון א סך א פריהערדי-



בילד 45
מערת-המכפלה.

גער צייט: פון יוסיפונ'ס ווערטער איז קלאָר געדרינגען, אז דער מאָנומענט איז געבויט געוואָרען פון פריהער, פאר זיין אייגענע צייט; ער דערמאנט ניט, אַז הורדוס איז געוועזן דער בויער — דער איינציגער וואס וואָלט דאס דאן געקאנט טון. און אויב ניט הורדוס איז אונדענקבאר, אז איינער פון די פריהערדיגע הערשער אין דער אונרוהיגער צייט פון בית שני זאָל האָבען געבויט אזא קאסטבאַרע געביידע, און מ'מוז דעריבער צוריקגעהן צו די מלכים פון בית ראשון, און מעגליך אז דער בויער איז געוועזן דִוד אָדער שלֹמה המלךְ.

שכם (נאבלום).

שכם ליגט אין דעם קליינעם טאל — ארום 1600 פוס די ברייט — צווישען די צווילינג־בערג עיבל און גרזים, וועלכע די אראבער רופען נאך איצט דער בארג פון קללה (ג׳בל לענת) און בארג פון ברכה (ג׳בל ברכת). ווייניג ערטער אין א"י זיינען אזוי רייך אין וואסער און גערטנער ווי די הויפטשטאדט פון אפרים. די שטאדט איז איינגעטונקען אין א ים פון גרינסען און פרוכטבוימער, דער באדען איז ניט אויסערגעוועהנליך פרוכטבאר, נאר די וואסער איז זעהר רייך; אין יעדער זייט פליסען פריישע קוואלען און די שטראמען הערען ניט אויף צו רוישען אפילו ענדע זומער. דער גרעסטער קוואל „ראס אל עין" פליסט אין דרום זייט. איינינע קוואלען געפינען זיך אין די הויפען פון די ג׳מיעס, אנדערע אין די גערטנער ארום דער שטאדט. נעבען איינינע גרויסע קוואלען ווערען אויך געטריבען מיהלען.



בילד 46

ש כ ם, צווישען די בערג עיבל און גרזים.

צענטר פון לאנד.

שכם ליגט כמעט אין סאמע מיטעל־פונקט פון א"י — האלב־וועגס צווישען דן און באר שבע, אקוראט ארום דעם ארט וואו דער לויף פון די וואסערען שיידען זיך: די קוואלען און טייכען אין מערב זייט פון שטאדט פליסען צום ים התיכון, און אין מזרח זייט — לויפען אראב צום ירדן. קיין אנדער שטאדט אין א"י האט ניט אזא נאהענטע און דירעקטע פערבינדונג מיט אלע טיילען פון לאנד — אין מזרח און מערב, צפון און דרום. די וועגען פון גליל אין יהודה, פון עבר הירדן אין מערב א"י לויפען פערביי שכם. די ביבלישע ערצעהלונג, אז שכם איז געווען דער ערשטער ארט אין א"י, וועלכען אברהם האט בעזוכט אנקומענדיג פון אור־כשדים (בראשית י"ב 6), און דאס זעלבע אויך יעקב אין זיין וועג פון פדן ארם (בראשית ל"ג 18) —

שטימט פולשטענדיג מיט דער געאָגראַפישער פּאָזיציע פון שכם. עס איז אויך נאַטירליך וואס גראדע דאָ איז ענטשטאנען א בעזונדערע אידישע סעקטע — די שומרונים — וועמענס הויפּט אונטערשיעד פון אידענטום בעשטעהט אין דעם, וואס ניט דער הר המוריה נעבען ירושלם, נאָר דער הר גריזים נעבען שכם ווערט גערעכענט פאר דעם הייליגען בארג וואו מ׳דארף מקריב זיין צו גאָט*).

לויט איהר שעהנקייט, פרוכטבארקייט און געאָגראַפישער לאַגע איז שכם ווירקליך דער נאַטירליכער צענטר פון לאנד. דאָ האָבען זיך טאקי צום ערשטען מאָל נאָכ׳ן אריבערגעהן דעם ירדן צוזאמענגענומען אלע אידישע שבטים, א העלפט אויפ׳ן בארג גרזים און א העלפט אויפ׳ן בארג עיבל, און יהושע האָט פאָרגעלעזען די ברכה און די קללה ווי משה האָט געהייסען (יהושע ח׳ 30־35). שכם האָט אָבער א גרויסען חסרון אלס הויפּט־שטאָדט, און דאס איז איהר אָפענקייט און שוצלאָזיגקייט. דער צוטריט צו דער שטאָדט איז זעהר לייכט פון אלע זייטען פון לאנד, פון ים און פון עבר הירדן, פון יהודה און פון גליל, אין דער צייט וואס ירושלם, ארומגערינגעלט מיט הויכע בערג, איז פון דער נאטור שטארק בעשיצט און איז כמעט אונצוגענגליך פאר א פיינדליכע אַרמעע.

שכם איז דער איינציגער וויכטיגער אָרט אין א״י, וואו די אָרטיגע בעפעלקערונג האָט ניט אבגעהיט דעם אלטען העברעאישען נאָמען, נאָר געברויכט (פערגרייזטערהייט) דעם שפּעטערען נאָמען וואס די רוימער האָבען די שטאָדט געגעבען: נעאַפאַליס („די נייע שטאָדט“), פון וועלכע די אראבער האָבען געמאכט נאבלוס**). אָבער שוין די אידען נאָכ׳ן חורבן האָבען בענוצט דעם נאָמען „ניפולים“ אָדער „נבוליז“ (ירושלמי עבודה זרה פ״ה, ה״ד, במדרש רבה פ, כ״ג) — מעגליך אויס פיינדשאפט צו שכם, דער צענטר פון די שומרונים.

ביבלישע תקופה.

לויט דער מיינונג פון דייטשען געלערנטען מאקס מיללער ווערט שכם דערמאָנט אין דער רייזע פון מצרישען מאָהאר (אין 14טען יאָהרהונדערט פאר׳ן אייראפעאישען צייטרעכנונג) אין דער פאָרם פון סכם (סַאכאַמאַ). לויט דער ערצעהלונג פון דער תורה האָט נאָך שכם א ל ס א ש ט אָ ד ט ניט עקזיסטירט אין אברהם׳ס צייטען (בראשית י״ג 6) און נור ביי יעקב׳ן ווערט שוין דערמאָנט די ש ט אָ ד ט שכם (בראשית ל״ג 18). דער אָרט שלם, וואוהין יעקב איז געקומען נעבען שכם ענטשפּרעכט דעם איצטיגען דאָרף סאלים, אָסטליך פון שכם. אויף דעם פעלד, וואָס יעקב האָט לויט דעם תנ״ך אָבגעקויפט פון חמור שכם׳ס פאטער, געפינט זיך נאָך איצט א ברונעם „ביר יעקוב“ (יעקב׳ס ברונעם) וועלכע טראגט אויף זיך צייכען פון גרויס עלטער. די אָרטיגע טראדיציע ווייזט אויך אָן אויף „קבר יוסף“ (יוסף׳ס קבר) וואס געפינט אויף דעם זעלבען פעלד (יהושע כ״ד 32) ביי דער צוטיילונג פון לאנד איז שכם אויסגעפאלען אויפ׳ן גורל פון מנשה, (יהושע י״ז 7), דא איז געווען איינע פון די דריי ערי המקלט אין מערב א״י (יהושע ז׳ 7) און די שטאָדט איז אוועקגעגעבען געוואָרען צו די לויים (כ״א 21). אהער האָט יהושע פאר זיין

*) די שומרונים פּרעטענדירען אויך, אז דער הר־גרזים און ניט הר־המוריה איז געווען דער אָרט וואו אברהם האָט געזאָלט מקריב זיין יצחק׳ן אויף דער עקדה. א. פּ. סטאנלי שטיצט אונטער די מיינונג אויפ׳ן גרונד וואס דעם הר גרזים קאָן מען זעהן פון דערווייטענס, און הר־המוריה — ניט, און לויט דער ערצעהלונג פון דער תורה האָט אברהם געזעהן דאס אָרט פון ד ע ר ו ו י י ט ע נ ס: „וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק“ (בראשית כ״ב 4).

**) אין אראביש איז ניטא קיין פּ׳, און אנשטאט פּ׳ זאגט דער אראבער ב׳.

טויט פערזאמעלט די אידען און געגעבען זיי די געזעצע און געבאטען (יהושע כ"ד). נאך גדעון'ס טויט האט אבימלך פערכאפט די ממשלה און געהערשט אין שכם (שופטים ט'), און אויפ'ן בארג גרזים, צווישען די רייכע גערטנער פון שכם האט יותם געהאלטען זיין שעהנעם משל וועגען די בוימער. ער האט פאר זיך אהן צווייפעל געזעהן ארום שכם די אלע בוימער וואס ער האט ארויסגעבראכט אין זיין משל. ווען די איינוואוינער פון שכם האבען פערראטען אבימלך'ן האט ער צושטערט די שטאדט. קיין שכם זיינען צום צווייטען מאל געקומען אלע אידען, צו מאכען רחבעם'ן פאר קעניג, און דא האט זיך געשפאלטען די אידישע מלוכה אין צווייען. און שכם איז געווארען די ערשטע הויפט־שטאדט פון מלכות ישראל (מלכים א', נ"ב). נאך דעם ווי תרצה און דערנאך שומרון זיינען אויפגעבויט געווארען דורך די שפעטערע מלכים פון ישראל האט שכם פערלארען איהר וויכטיגקייט און ווערט שוין כמעט ניט דערמאנט, זי איז אבער נאך געווען בעוואוינט אפילו אין דער צייט פון ערשטען חורבן (ירמיה מ"א 5).

צענטער פון שומרונים.

איז דער צייט פון בית שני איז שכם געווארען דער רעליגיעזער צענטער פון די שומרונים — א עלעמענעט וואס איז לויט דער ערצעהלונג פון תנ"ך (מלכים ב', י"ז, 24-30, עזרא ד' 12) געבראכט געווארען פון כות אין שמרון דורך דעם מלך פון אשור, — וועלכע האבען געפיהלט א האס צו די אידען וואס האבען ניט געוואלט צוזאמען מיט זיי בויען דעם בית המקדש. ווי יוסף פלאוויוס דערצעהלט (קדמוניות 11, 8, 2-4) האט מנשה, דער ברודער פון כהן גדול ידוע, וועלכען דאס פאלק האט ארויס־געטריבען פון בית המקדש, ווייל ער האט גענומען א פרעמדע פרוי, די טאכטער פון סנבלט החורני, — אויפגעבויט דעם שומרונישען בית המקדש אויף'ן בארג גרזים, מיט דער ערלויבניש, וואס זיין שווער סנבלט האט בעקומען פון אלכסנדר מוקדון פאר די הילף וואס ער האט איהם געגעבען בשעת דער בעלאגערונג פון צור (ארום 330). שכם האט אנגעהויבען צום צווייטען מאל צו קאנקורירען מיט ירושלם, און דער הר גרזים איז פון די שומרונים געגענגעשטעלט געווארען דעם הר המוריה. פון דאמאלס אן זיינען אלע, וועלכע מ'האט אין ירושלם בעשולדיגט אין ברעכען די אידישע גע־באטען, אנטלאפען אין שכם, אין דער מעטראפאליע פון דער נייער סעקטע (קדמוניות 11, 8, 7). ארום 200 יאהר איז דער שומרונישער טעמפעל געשטאנען אויפ'ן הר גרזים ביז יוחנן הורקנוס החשמונאי האט איהם צושטערט (ארום 129). די שומרונים האבען ניט אויפגעהערט צו בעטראכטען דעם בארג אלס זייער הייליגטום ביז'ן היינטיגען טאג.

אין קאמפף געגען די רוימער האבען זיך די שומרונים בעטייליגט אזוי גוט ווי די אידען פון גליל און יהודה, און א גרויסע מאסע האט זיך פערזאמעלט אויפ'ן בארג גרזים. געגען זיי איז געשיקט געווארען דער רוימישער גענעראל צערעאליס, וועלכער איז זיי בעפאלען אין א הייסען טאג אין סיון און האט פון זיי אויסגע'הרג'עט עלף טויזענד און זעקס הונדערט מאן (מלחמות 3, 7, 32). שכם איז דאן מעגליך חרוב געווארען און די נייע שטאדט וואס איז צוריק אויפגעבויט געווארען נאך דער מלחמה האט מען א נאמען געגעבען נעאפאלים אדער פלאוויא נעאפאלים, לכבוד דעם רוימישען קיסר. אויף די מטבעות פון שכם וואס זיינען געגאסען געווארען אין דער צייט פון אנטאניוס פיוס (138—161) איז אויפגעמאלט א טעמפעל אויפ'ן בארג גרזים, וואוהין עס פיהרט א לייטער אויסגעהאקט אויפ'ן רוקען פון בארג.

דאָס קריסטענטום האָט זיך פריה אָנגעהויבן צו פערשפּרייטען אין שכם צווישען די שומרונים און דאָ איז געגרינדעט געוואָרען א קריסטליכע בישאָפּטום. אם ענדע פון צווייטען יאָהרהונדערט, בשעת דעם קאַמפּף צווישען פּיסצינוס ניגער און סעפּטימוס סעווערוס פאַר דער רוימישער הערשאַפט, האָבען זיך די שכמ׳ער שומרונים געשטעלט אויף דער זייט פון ערשטען. ווען סעווערוס האָט בעזיעגט זיין געגנער און איז געוואָרען רוימישער קיסר האָט ער זיך אָבגערעכענט מיט זיינע פיינד. ער האָט ארויסגעגעבען שטרענגע געזעצען געגען די שומרונים און האָט ביי זיי צוגענומען די רעכט פון רוימישע בירגער, פון וועלכע זיי האָבען ביז דאַן גענאָסען.

שומרונישע מלחמות. די קריסטליכע פערפאָלגונגען האָבען אויך ביי די שומרונים, ווי ביי די אידען, ארויסגערופען בעוואָפענדע אויפשטענדע. אם ענדע פון פינפטען יאָהרהונדערט אין דער צייט פון קיסר זענא (ארום 490) זיינען די שכמ׳ער שומרונים בעפאַלען זייערע קריסטליכע אונטערדריקער און האָבען פיעלע פון זיי דער׳הרג׳עט. דערפאַר האָט מען די שומרונים פערטריבען פון זייער הייליגען בארג גרזים און די קריסטען האָבען דאָרט אויפגעשטעלט א קירכע. די שומרונים האָבען נאָך א לאַנגע צייט ניט אויפגעגעבען דעם קאַמפּף, און אין די צייטען פון די שפּעטערע ביזאַנטישע קסרים האָבען אויסגעבראָכען בלוטיגע שטרייטיגקייטען צווישען די שומרונים און די קריסטען. אין 529, אין דריטען יאָהר פון קיסר יוסטיניאַן, האָט דער קאַמפּף אָנגענומען זעהר א שאַרפען כאַראַקטער. די זיעגרייכע שומרונים, אונטער דער פיהרערשאַפט פון יוליאַן האָבען זיך גרויזאַם נוקם געווען אַן זייערע פיינד, זיי האָבען פערברענט און צושטערט די קריסטליכע קירכעס אין שכם און די אומגעבונג, דער׳הרג׳עט דעם בישאָף פון שכם און געקרוינט זייער פיהרער יוליאַן פאַר מלך. דער ביזאַנטישער קיסר האָט געשיקט געגען זיי א שטאַרקע קראַפט, און יוליאַן מיט א גרויסע צאָהל שומרונים זיינען געפאַלען אין שלאַכט. די שולען פון די שומרונים זיינען צושטערט געוואָרען און די שומרונים האָבען אָנגעוואָרען זייערע בירגערליכע רעכט. די פערפאָלגונגען געגען די שומרונים זיינען דאַן געוואָרען אזוי שרעקליך, אז פיעלע פון זיי האָבען געמוזט אנטלויפען אין פרס און פיעלע זיינען געצוואונגען געווען אָנצונעמען דאָס קריסטענטום. זיי זיינען אָבער ניט פערניכטעט געוואָרען אין גאַנצען, ניט קוקענדיג אויף אלע רדיפות, און נאָך היינט געפינט מען די געטרייע און פער׳עקשנ׳טע פערעהרער פון הר גרזים ביי די פיס פון זייער הייליגען בארג אָבהיטענדיג אין זייער אלטער געבורטס־שטאָדט די מנהגים און דעם קולט פון פאַר צוויי מיט א האַלבען טויזענד יאָהר צוריק.

פון זייט דער אראַבישער ערָאָבערונג האָט שכם געטיילט דעם אלגעמיינעם גורל פון לאַנד. די אראַבישע געאָגראַפען פון 8טען ביז׳ן 13טען יאָהרהונדערט בעצייכענען געוועהנליך שכם אלס די שטאָדט פון די שומרונים; שוין דאַמאָלס איז שכם געווען בעריהמט מיט איהרע גערטנער און בעזונדערס זיתים, און מוקדסי רופט זי אזש „די קליינע דמשק“ — דער גרעסטער שבח וואָס אַן אראַבישער שרייבער קאָן געבען א שטאָדט. „די שטאָדט — זאָגט דימאַשקי — שטעהט ווי א פּאַלאַץ צווישען גערטנער, און האָט זעהר פיעל בוימער. די אויל פון איהרע אָליווען ווערט צוטראָגען אין אלע לענדער פון מצרים, סוריה, חעדזשאַז און אראַביען. פון די אויל מאַכען זיי אויך זעהר פיינע זייף, וואָס ווערט עקספּאָרטירט אין אלע לענדער און אינזלען פון מיטעללענדישען מעער“. נאָך איצט איז שכם דער וויכטיגסטער צענטער פון זייף־פאַבריקאַציע אין א״י.

די נוסעי הצלב האבען עטליכע מאל בעהעדשט שכם, צום ערשט פון 1099 ביז 1187 און שפעטער פון 1242 ביז 1244. פון דאן אן איז די שטאדט שוין מעהר ניט ארויס פון די מוסלימישע הענד.

אינערליכע בע־פעלקערונג.

די בעפעלקערונג פון שכם האט זיך אלע מאל אויסגעצייכענט מיט איהר אונרוהיגען, קריעגערישען כאראקטער. פון די אוראלטע צייטען, אנהויבענדיג פון דער געשיכטע מיט דינה יעקב'ס טאכטער ביז דער צווייטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, איז שכם געווען א פלאץ פון גוואלדטהאטען און מארד. בלוטיגע שטרייטיגקייטען האבען דא כמעט קיינמאל ניט אויפגעהערט*). צום ערשט צווישען אידען אליין — ווי אין די צייטען פון אבימלך, גדעון'ס זוהן, דערנאך צווישען די אידען און די שומרונים, די שומרונים און רוימער, שומרונים און קריסטען, און לעצטענס צווישען די מוסלימיישע איינוואוינער געגען די אראבייטע און אטאמאנישע הערשער, און ענדליך צווישען די צוויי ארטיגע פארטייען קיים און יאמאן. דער בירגער־קריעג וואס האט הונדערטער יאהרען נאכאנאנד אנגעהאלטען אין גאנצען לאנד, האט מיט א בעזונדערער שטארקייט געפלאקערט אין שכם און איהר אומגעבונג. די שלאכטען דא צווישען די צוויי פיינדליכע פראקציעס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט בלוטיגער גרויזאמקייט. דער אויטאריטעט פון דער רעגירונג איז דא געווען שטענדיג שוואכער ווי אין אנדערע טיילען פון מערב א"י. אפילו דעם בלוטיגען ג'זאר פאשא פון עכו איז ניט געלונגען אין גאנצען איינצושטילען און אונטערדריקען די מארדערנע אונרוהיגע אפרתים. די שכם'ער זיינען אויך געווען די ערשטע אויפצושטעהן געגען דעד אייזערנער האנד פון איברהים פאשא. און ביז 60—50 יאהר צוריק איז די געגענד פון שכם געווען דער געפעהרליכסטער ארט אין מערב א"י.

איצט זיינען די איינוואוינער פון שכם פיעל רוהיגער און פרידליכער ווי אין אמאליגע צייטען, און דער אויטאריטעט פון דער רעגירונג איז דא פעסט איינגעשטעלט, ניט ווייניגער ווי אין ירושלם און יפו.

איצטיגער צושטאנד.

לויט דער גרויס פון איהר ישוב פעדנעמט איצט שכם דעם פערטען פלאץ אין א"י. — זי צעהלט בערך 27.000—30.000 איינוואוינער. אין 1838 האט ראבינסאן געשאצט איהר בעפעלקערונג אין 8000 נפשות; אין 1875 האט מען גערעכענט ארום 15.000 און אין 1895 — בערך 20.000 איינוואוינער. כמעט די גאנצע בעפלקערונג איז א מוסלימישע. אידען געפינען זיך דא נור איניגע, קריסטען ארום 700, שומרונים — 170.

די שומרונים וואוינען אלע צוזאמען אין א בעזונדער קווארטאל, וואס רופט זיך הארת א־סאמארא, נעבען דעם וועג וואס פיהרט ארויף צום הייליגען ארט אויפ'ן הר גרזים.

אין פערגלייך מיט אנדערע אראבישע שטעדט מאכט שכם א גוטען איינדרוק מיט איהרע פערהעלטניסמעסיג ריינע און גערוימע גאסען. די שטאדט האט ניט קיין מויער, נאר ווי אין חברון שליסען זיך די גאסען מיט טויערען. דער באזאר אין שכם רעכענט זיך פאר דעם שענסטען אין א"י און איינער פון די לעבעדיגסטע אין סוריה.

---

*) דער תלמוד האט שוין בעמערקט אז שכם איז אנ'ארט פאר פורעניות: אין שכם האט מען געפייניגט דינה'ן, אין שכם האבען די ברידער פערקויפט יוסף'ן און אין שכם איז געשפאלטען געווארען די אידישע מלוכה (סנהדרין ק"ב).

די דערפער און די אומגעגענד פון שכם, בורקא, ביתא, סאלם, בית־פוריק, בית־דגן, סאבאסטיה, אזמוט, תלפית און אנדערע האבען גרויסע אליוועןפלאנטא־ צינעס, און שכם איז דער גרעסטער צענטער פון אויל און זייפענאינדוסטריע אין לאנד. (אויל און זייף צענטער.) דא ווערען יעהרליך בעארבייט ארום דריי מיליאן אקא אליוועןּ. אין 1910 האט די שטאדט געצעהלט 10 אויל פרעסען און 22 זייף־פאבריקען. די זייף־פאבריקאציע איז שוין דא זעהר אנ׳אלטע — זי האט שוין דא עקזיסטירט אין דרייצעהנטען יאהר־ הונדערט. זי ווערט נאך אבער בעטריבען מיט די פרימיטיווע מיטלען ווי אמאל. די מאדערנע טעכנישע און כעמישע איינריכטונגען זיינען נאך אונבעקאנט.

א דאנק איהר נאהענטקייט צום עבר הירדן — פון שכם ביז׳ן ירדן איז בערך 18 מייל — פיהרט שכם א גרויסען האנדעל מיט מזרח א״י, בעזונדערס אין וואל און בוימוואל. דא איז אויך דער צענטער פון תבואה האנדעל פאר גאנץ צענטראל א״י.

פונקט ווי פארצייטענס איז שכם געווען דער מיטעלפונקט פון די וויכטיגסטע האנדעלס וועגען אין לאנד, אזוי איז זי איצט געווארען דער פערבינדונגס־צענטער צווישען אלע באהן־ליניען אין מערב און מזרח א״י. אין 1915—1916 איז שכם פעראייניגט געווארען דורך דער חעדזשאז באהן אין צפון מיט ג׳נין (עין גנים) חיפה פון איין זייט (מערב), און בית שאן, אדרעי, דמשק פון דער צווייטער (מזרח). אין דרום איז זי פעראייניגט מיט לוד און במילא אויך מיט יפו־ירושלם, און ווייטער מיט באר שבע און אל חפיר.

שכם איז די רעזידענץ פון מוטעסאריף (גובערנאטאר) וואס פערוואלטעט מיט׳ן שכמ׳ער סאנדזשאק — די אמאליגע שומרון, א שטח פון אונגעפעהר 4.100 קוואדראט קילאמעטער. (שכמ׳ער ראיאן) אין דעם שטח זיינען איינגעשלאסען די דריי קאדאס: שכם (1.500 ק. ק.), עין־גנים (ג׳נין) — 1.700 ק. ק. און בני צעב — 900 ק. ק. פונקט ווי אין שכם גופא בעשטעהט אויך די בעפעלקערונג פון גאנצען סאנדזשאק כמעט דורכאוים פון מוסלימער. אויסער שכם געפינען זיך ניט־מוסלימער נור אין ג׳נין און אין די פאלגענדע דערפער: בורקין, כפר קוד, נאין, זרעין (קאדא ג׳נין), זאבאבדה, רפידיא, בית־אמרין, ג׳ניסיניא, נוסג׳נדין (קאדא שכם), פרעון און די אידישע קאלאניע כפר סבא (קאדא בני צעב). לויט די אפיציעלע סטאטיסטיק פון 1326 (1910) האבען זיך גערעכענט אין גאנצען סאנדזשאק 2.670 ניט־מוסלימער, פון זיי 1464 גריכען־ארטא־ דאקסען, 486 פראטעסטאנטען, 507 קאטאליקען, 35 אידען און 178 שומרונים.

די קאדא פון שכם אליין שליסט איין 82 דערפער מיט א בעפעלקערונג פון 46.000. דער יעהרליכער איינקונפט פון דער קאדא — לויט די אפיציעלע אנגא־ בען פון 1910 — בעשטעהט פון 100.000 כיילה ווייץ, 40.000 כיילה האבער, 10.000 כיילה דורא, 5.000 כיילה סעזאם, 5.000 — לינזען, 4.000 — ארבסען, 2.000.000 אליוון, 300.000 אקא טרויבען. דאס איז איינע פון די קולטיווירטעסטע און אם געדיכטעסטען בעזעסענע געגענדען אין א״י. דאך אפילו דא ווערט נור בעאר־ בייט ארום א צעהנטעל פון גאנצען באדען. לויט האלב־אפיציעלע אנגאבען ווערען נור 400.000 דונאם קולטיווירט אין שכמ׳ער סאנדזשאק, וואס מאכט אוים קנאפע 9 פראצענט פון אלגעמיינעם שטח (אונגעפעהר 4.500.000 דונאם). פריהער, ביז די זעכציגער יאהרען פון פערגאנגענעם יאהרהונדערט האבען מען דא קולטיווירט אויך בוימוואל, וואס האט זיך גערעכענט פאר דעם בעסטען אין גאנץ טערקיי. לויט אן ענגלישען בעריכט פון 1840 האט מען אין 1838 עקספארטירט פון שכם 7.500 פעק

בוימוואהל אין אויסלאנד. זייט פופציג יאהר איז די קולטור פערשווינדען פון דעם געגענד.

ג׳ניו (עין גנים) די קאדא פון ג׳ניו, וואס איז מיט 200 קוואד. קיל. גרעסער פאר שכם, שליסט איין 87 דערפער, פון וועלכע 20 ווערען פערוואלטעט דורך דער אדמיניסטראציע פון בית־שאנ׳ער טשיפטליק (סולטאנס־באדען). די איבריגע 67 שטעהען דירעקט אונטער דעם רשות פון קאימאקאם פון ג׳ניו. דא געפינען זיך די בעסטע און רייכסטע לענדערייען פון א"י — די באדענס פון בית־שאן און עמק יזרעאל. די קאדא פראדוצירט יעהרליך 400.000 כיילה ווייץ, 100.000 כ. גערשט, 10.000 כ. דורא, 10.000 כ. לינזען, 10.000 כ. ארבסען און באב, 5.250.000 כ. סעזאם, 500.000 אקא אליווען, 100.000 אקא פייגען, 154.000 אקא מאנדלען און 50.000 אקא אפריקאסען.

ג׳ניו*) גופא, דער צענטער פון די קאדא, איז ניט מעהר ווי א קליין שטעדטעל, כמעט א דארף, פון 3000—4000 איינוואוינער. די הויפט־בעשעפטיגונג פון דער בעפעלקערונג איז ערד־ארבייט. די נאטור פון פלאץ שטימט פאלשטענדיג מיט זיין



בילד 47

עין גנים (ג׳ניו).

העברעאישען נאמען עין־גנים. דאס איז ווירקליך א „קוואל פון גערטנער". א רייכער קוואל פליסט אין מיטען שטאדט און טרינקט אן די ארומיגע גערטנער פון אראנזשען, אליווען, טייטלען, אמאריסקען און אלערליי גרינסען.

*) לויט אלע ווארשיינליכקייטען איז ג׳ניו אידענטיש מיט דער ביבלישער עין־גנים (יהושע י"ט 21, כ"א 29), א שטאדט אין דער טעריטאריע פון שבט יששכר וואס איז אוועקגעגעבען געווארען די לויים. יוסף פלאוויוס דערמאנט זי אונטער׳ן נאמען גיניאה. זי איז געלעגען ביי דער גרעניץ צווישען גליל און שומרון (מלחמות 3, 3, 4) און האט בעלאנגט צו די לעצטע. א גרופע גליל׳ער עולי־רגל וואס זיינען דא פערבייגעגאנגען אין זייער וועג נאך ירושלם, זיינען אמאל אנגעגריפען און ערמארדעט געווארען פון די שומרונים (קדמוניות 20, 6 1).

א. כפיר אידענטיפיצירט עין־גנים מיט דער שטאדט גינא וואס ווערט דערמאנט אין די בריעף פון תל־אמרנא, דאס איז א טעות. אין דער קארעספאנדענץ פון ת"א רעדט זיך וועגען א שטאדט אין יהודה.

צור.

פון אלע פּאָרט־שטעדט אין ארץ ישראל האָט קיין איינע ניט געהאט אזא רייכע און גלענצענדע פערגאנגענהייט, קיין איינע האָט ניט געשפּיעלט אזא מערקווירדיגע ראלע אין דער געשיכטע, ניט בלויז פון לאנד, נאָר פון דער גאנצער וועלט — ווי צור, די אַמאָליגע מעטראָפּאָליע פון פעניקיע, אויף דער נאָרדליכער גרעניץ פון ארץ ישראל. דאס וואס ירושלם איז געווען פאר רעליגיע און מאָראל, אתונא — פאר קונסט און פילאָזאָפיע, רוים — פאר רעכט און שטאַטספערוואלטונג איז צור געווען פאר'ן וועלט־האנדעל און שיפפאהרט.

ראל פון פעניקיע אין דער וועלט־געשיכטע.

די איינוואוינער פון צור און די שכנות'דיגע פּאָרט־שטעדט אויפ'ן ברעג פון כנען — צידון, עכו, ארוד, בירות און אנדערע — וועלכע די גריכען האָבען גערופען פעניקיאנער — זיינען די ערשטע פּיאָנירען פון אינטערנאַציאָנאַלען שיפספערקעהר. זיי האָבען געמאכט די ערשטע רייזעס צווישען די אינזלען פון ים־התיכון, און 2000 יאָהר פאר בארטאָלאָמעי דיאַז און וואסקאָ דע גאַמאַ האָבען זיי ארומגערייזט אפריקא אין זייערע שיפען. זייערע מאטראסען האָבען דערגרייכט דעם אטלאַנטישען און אינדישען אָקעאַן, און געפיהרט זייערע סחורות אין בריטאניען, אראביען און אינדיען, פון וואנען זיי האָבען געבראכט מעטאַלען, טייערע שטיינער און לוקסוס ארטיקלען. זיי האָבען געגרינדעט קאָלאָניען אויף די אינזלען פון מיטעללענדישען מעער און אויפ'ן קאָנטינענט — אין קליינאזיען, גריכענלאנד, איטאליען, שפּאניען, צפון־אפריקא. שטעהענדיג אין האנדעלס־פערבינדונגען מיט ציוויליזירטע און בארבארישע פעלקער האָבען זיי איבערגענומען די הויכע קולטור פון די ערשטע און פערשפּרייט זי צווישען די לעצטע. זיי האָבען אויך אליין ערפונדען און ענטוויקעלט פערשיעדענע אינדוסטריען, ווי גלאז, פורפּעל, מעטאל. פון זיי האָבען די מאָדערנע קולטור פעלקער גע'ירש'ענט איינעם פון די גרעסטע וואפען פון מענשליכען פראָגרעס — די סיסטעם פון אלף־בית.

דיזעס מערקווירדיגעס פאָלק וואס האָט אזוי פיעל מיטגעהאָלפען די מענשליכע ציוויליזאציע, איז געווען גאָר נאָהענט צום אידישען פאָלק לויט זיין ראסע, און האָט גערעדט א העברעאישען דיאלעקט, וואס האָט זיך זעהר ווייניג אבגעשיידט פון ביבלישען העברעאיש. זיי האָבען אורשפּרינגליך פערנומען דעם שמאָלען פּאס לאנד צווישען כרמל און לבנון, וועלכען די גריכען האָבען גערופען פעניקיע, און די איינוואוינער האָט מען דעריבער גערופען פעניקיאנער. אין תנ"ך ווערען זיי בעצייכענט מיט'ן נאָמען כנענים, הגם דער נאָמען כנענים איז א סך ברייטער און נעמט אריין אויך אנדערע פעלקער וואס האָבען ווייניג געמיינזאַמעס מיט די פעניקיאנער. זיי ווערען אויך אָפּטמאָל אָנגערופען אויפ'ן נאָמען פון זייערע שטעדט ווי צידונים, צורים, גבלים א. ז. וו.

דער שמאָלער פּאס פון ברעג ים איז געווען צו קליין אז די איינוואוינער זאָלען קאָנען עקזיסטירען פון לאנדארבייט, און זיי האָבען להיפך פון זייערע אידישע קרובים און שכנים פריה זיך גענומען צום ים. לכתחלה אלס פישער און דערנאָך אלס הענדלער און שיפער. כמעט פון זינט זיי זיינען ערשיענען אויף דער היסטאָרישער ארענא ביז זייער אונטערגאנג זיינען זיי געווען א שטאָדט־פאָלק, וואס לעבט פון האנדעל.

אין דעם איז געלעגען זייער גרויסקייט, דאס איז אויך געווען זייער שוואכקייט פון וועלכען זיי זיינען ענדליך אונטערגעגאנגען.

לויט העראדאטוס זיינען די פעניקיער אהער געקומען פון פרס'ישען גאלף בערך 3000 יאהר פאר'ן אייראפעאישען צייטרעכנונג. אויך וויפיעל דאס איז ריכטיג איז נאך א פראגע. מיט דער צייט האבען זיי אויסגעבויט אויפ'ן ברעג א גאנצע רייהע שטעדט: צידון, צור, עכו, אפק, אכזיב, גבל, בירות, צרפת, ערקא, ארוד און אנדערע. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען געווען די ערשטע צוויי.

סאנחאניאטאן, דער אוראלטער געשיכטס־שרייבער פון פעניקיע, וואס האט גע־לעבט מיט איבער דריי טויזענד יאהר צוריק, דערצעהלט אז צור איז אויפגעבויט גע־ווארען נאך צידון. אין דער פעלקער־ליסטע פון בראשית (י' 15) ווערט צור גאר ניט דערמאנט און צידון ווערט בעצייכענט אלס דער בכור פון כנען. הגם די פעניקישע שטעדט זיינען אלע געווען אויטאנאם און האבען געהאט יעדע אן אייגענעם מלך,



בילד 48

צ ו ר.

האט אבער צידון א לאנגע צייט געהאט די העגעמאניע אויפ'ן פעניקישען ברעג. האמער אין זיינע ליעדער רופט אן די פעניקישע סוחרים — צידונים. אויך שלמה המלך אין זיין בריעף צו חורם מלך צור (מלכים א' ה' 20), בענוצט דעם נאמען צידונים, הגם ער מיינט דערביי ניט נור די איינוואוינער פון צידון.

גרינדונג פון צור.

ווען צור איז אויפגעבויט געווארען איז ניט גענוי בעקאנט. סיי די גריכישע, סיי די פיניקישע טראדיציע שרייבט איהר צו א גרויסע עלטער. די בעהויפטונג פון יוסף פלאוויוס אז צור איז אויפגעבויט געווארען 240 פאר דער גרינדונג פון בית המקדש אין ירושלים (קדמוניות 8, 3, 1), ד. ה. אין דרייצעהנטען יאהרהונדערט, איז ניט ריכטיג, ווארום אין דער קארעספאנדענץ פון תל־אמרנא מיט 200 יאהר פריהער (אין 15טען יאהרהונדערט) ווערט שוין צור דערמאנט. דער גריכישער היס־

טאַריקער העראדאטוס, וואס האָט געלעבט אין דער צייט פון עזרא און נחמיה (אין 5טען יאָהרהונדערט) האָט זייענדיג אין צור געהערט פון די כהנים פון מעלקארט'ס*) טעמפּעל, אז דער טעמפּעל צוזאמען מיט דער שטאָדט זיינען אויפגעבויט געווארען מיט 2,300 יאָהר צוריק, ד. ה. העכער 2700 יאָהר פאר דער קריסטליכער ערא. אויף וויפיל דאס איז ריכטיג איז אונמעגליך פעסטצושטעלען.

דער פּלאַץ אויף וועלכען עס שטעהט איצט צור איז אורשפּרינגליך געווען א פעלזיגער אינזעל, וועלכער איז קינסטליך פעראייניגט געוואָרען מיט דער יבשה (דורך אלכסנדר מוקדון). דער פּאס וואס פעראייניגט דעם אינזעל מיט'ן ברעג בעשטעהט פון זאמדיגען באָדען און האלט אין דער לענג ארום דריי־פערטעל קילאָמעטר. ביים ברעג איז ער ברייטער, ארום צוויי קילאמעטר, און ביים אינזעל שמעלער, ארום 600 מעטער. וואו דער אוראלטער ישוב האָט זיך צום ערשט בעזעצט — אויפ'ן ברעג אָדער אויפ'ן אינזעל — איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געווארען. די גריכישע שריי־



בילד 49
צידון.

בער רופען אָן די שטאָדט אויפ'ן ברעג „אלט צור“ (פּאלעיטיראָס), פון דעם איז אָבער נאָך ניט געדרונגען, אז דא איז געווען דער ערשטער ישוב. ישעיה (כ"ג 1) רופט די איינוואוינער פון צור — „יושבי־אי“ (אינזעל־איינוואוינער) און יחזקאל זאגט, אז צור זיצט אין מיטען ים (יחז' כ"ח 2).

מצרישע הערשאפט.

אין די ערשטע צייט, פון וועלכע מיר האָבען היסטאָרישע ידיעות פון צור, די עפּאָכע פון די תל־אמרנא בדיעף געפינט פעניקיע זיך אונטער דער אויבערהערשאפט פון מצרים. דער פערוואלטער פון צור רופט זיך מיט'ן ביבלישען נאָמען אבימלך (אבי־

---

*) מלקרת (מעלקארט) ד. ה. מלך־קרת (דער מלך פון שטאָדט) איז געווען דער הויפּט־גאָט פון צור.

מלכי) און זיין שליח וואס ער שיקט צו זיין אויבערהאר פרעה אין מצרים — הייסט אלימלך (אלו־מלכי). גאנץ פעניקיע האט זיך דאן געפונען אין אן אונרוהיגען צושטאנד, און די הערשער פון די פערשיעדענע שטעדט, הגם אונטער דער מצריישער הערשאפט, רייסען זיך ארום. אין זייערע בריעף צו פרעה'ן ווארפען זיי די שולד איינער אויף'ן אנ־דערען און בעטען הילף ביי זייער אויבערהאר. אבימלך פון צור איז דאן געשטאנען אין קאמפף מיט זמרי־די פון צידון. פון די אלע בריעף איז צו זעהען, אז די מצרישע הערשאפט איז געווען זעהר א לייכטע, און די רעגירער פון די פעניקישע שטעדט זיינען געווען האלב־זעלבסטשטענדיג. נאך דעם ווי מצרים איז אבגעשוואכט געווא־רען און צור איז געווארען אונאבהענגיג האט זי זיך שנעל צוואוקסען דורך די אי־מיגראציע פון אנדערע פעניקישע שטעדט און איהר עקאנאמישע און פאליטישע מאכט האט אונגעהויער געשטיגען.

פריהער איז צור געווען פילייכט ניט מעהר ווי א קאלאניע פון צידון. ישעיה רופט אן צור „די טאכטער פון צידון" (ישעיה כ"ד, 12). מיט דער צייט האט אבער די טאכטער אריבערגעיאגט די מוטערשטאדט און האט פערנומען איהר פלאץ אן דער שפיץ פון די פעניקישע שטעדט. אנהויבענדיג פון צוועלפטען יאהרהונדערט ווערט צור דער צענטר פון וועלט־האנדעל און אינדוסטריע. איהרע שיפען דערגרייכען וויטע ימים און איהרע האנדעלס־פערבינדונגען פערשפרייטען זיך ארום דעם גאנצען מי־טעללענדישען מעער, אין אזיע, אייראפא און אפריקא. דער האנדעל האט רייך געמאכט די פעניקישע שטעדט און „צור האט אנגעזאמעלט זילבער ווי שטויב אין די גאסען" (זכריה ט' 3). יחזקאל האט איבערגעלאזט א קלאר און פארבענרייך בילד פון צור'ס גרויסקייט, פראכט, האנדעל און רייכטום (יחזקאל כ"ז). צו איהר האבען די פעלקער פון מצרים, פרס, שפאניען (תרשיש), גריכענלאנד (יון), ארמעניע (תוגרמה), סוריה (ארם), ישראל און יהודה, אראביען, מעסאפאטאמיע און אנדערע געבראכט זייערע פראדוקטען. מארמאר, פורפעל, זילבער, גאלד, צין, בליי, אייזען, קופער, העלפאנט ביין, טייערע שטיינער, האניג, אויל, ווייץ, וויין, וואהל, שאף און רינדער, בשמים, טייערע געוועבען, א. ז. וו.

העגעמאניע פון צור אין פע־ניקיע.

די צורים בעשעפטיגען זיך ניט בלויז מיט האנדעל נאר אויך מיט אינדוסטריע. די הויפטפאבריקאציע, וואס האט זיי געמאכט א גרוסען נאמען און איינגעבראכט פיעלע רייכטימער איז געווען פורפעל און בלויע פארבען. זיי זיינען אויך געווען קינסטלער אין האלץ, שטיין, גלאז און מעטאל ארבייטען. ווען דוד המלך האט געוואלט אויפשטעלען א הויז פאר זיך האט איהם זיין פריינד חירם מלך צור, דער זוהן פון אביבעל, געשיקט האלץ און שטיין ארבייטער פון צור (שמואל ב' ה' 11).

בעציהונגען מיט אידען.

מיט די אידען האבען די צורים געלעבט אין פריינדשאפט. צור איז אפילו אויס־געפאלען אויף'ן גורל פון אשר (יהושע י"ט 29), אבער די פעניקיאנער זיינען געווען צו מעכטיג און רייך, אז די אידען זאלען זיי קענען פארטרייבען, און „אשר האט זיך באזעצט צווישען דעם כנעני, ווייל ער האט איהם ניט געערבט" (שופטים א' 33). די פריינדליכע בעציהונגען צווישען די אידען און די צורים האבען זיך געשטיצט אויף געגענזייטיגע עקאנאמישע אינטערעסען. דער שמאלער פאס לאנד פון פעניקיע איז ניט געווען גענוג אויסצוהאלטען די גרויסע שטאדטישע בעפעלקערונג, און זיי האבען זיך דעריבער געגרייטיגט אין שפייז פון הינטערלאנד. און די אידען האבען זיי צוגעשטעלט „ווייץ, האניג, אויל און באלזאם" (יחזקאל כ"ז 17). פון דער צווייטער זייט האבען די פעניקיאנער ווארשיינליך צוגעשטעלט די אידען בוי־מאטעריאלען און

לוקסוס־ארטיקלען. מיט דער הילף פון א צורישען קינסטלער און פון די מאטעריאלען וואס חירם מלך צור האט איהם צוגעשיקט האט שלמה אויפגעבויט דעם בית המקדש (מלכים א׳ ה׳ 27, ז׳ 14). דערפאר האט שלמה צוגעשטעלט חורמ׳ן א בעשטימטע צאהל ווייץ און אויל יעהרליך (מל״א ה׳ 25). צורישע מאטראזען זיינען אויך געפאהרען אין שלמה׳ס האנדעלס־פלאט פון עציון־גבר אין אופיר נאך גאלד און טייערע זאכען. בכלל האט געהערשט א גרויסע פריינדשאפט צווישען דעם קעניג פון צור און די ערשטע מלכים פון יהודה. מעגליך אז די פריינדשאפט האט געהאט נאך א אורזאכע. דוד האט בעזיעגט די פלשתים וואס האבען פריהער געדריקט די אידען. די זעלבע פלשתים, וואס זיינען געווען פיראטען האבען אויך אנגעטון פיעל צרות די צורים אין זייער שיפס־בעוועגונג און האנדעל איף׳ן ים. מיט דער אונטערדריקונג פון די פלשתים האט דוד אלזא געטון א גרויסע טובה אויף דאס צורישע פאלק.

ווען די אידישע מלוכה האט זיך צושפאלטען אין צווייען, האבען מעגליך אויפגעהערט די פערבינדונגען צווישען צור און יהודה, אבער מיט די מלכות ישראל, מיט וועלכע צור האט זיך געגרענצט אין צפון, האבען אויך ווייטער געהערשט נאהענטע בעציהונגען. דער קולט פון פעניקיע — דער בעל און די עשתרת — האט געהערשט אויך אין דער אידישער נארדליכער מלוכה, און איינער פון די מלכי ישראל, אחאב בן עמרי האט זיך זאגאר מישדך געווען מיט דעם מלך פון צור*). די נאהענטע בעציהונגען האבען אויך אהן ספק מיטגעהאלפען די אידען וואס זיינען געזעסען אין צור. שוין אין דער צייט פון דוד המלך געפינט מען אידען אין דער פעניקישער מעטראפאליע, ווי מיר זעהען דערפון וואס בישעת דער פאלקסצעהלונג וואס דוד האט דורכגעפיהרט זיינען יואב׳ס צענזוס־בעאמטע אויך אנגעקומען אין צור איבערצוצעהלען די דארטיגע אידען (שמואל ב׳ כ״ד 7).

שפעטער האט צור ארויסגערופען געגען זיך דעם האס פון די אידישע נביאים. ישעיה, עמוס, יואל, ירמיה, יחזקאל רעדען וועגען צור מיט גרויס פערביטערונג און שנאה און זאגען נביאות אויף איהר ערנידריגונג און אונטערגאנג**). ווי מיר זעהען פון אייניגע אויסדריקען פון עמוס (א׳ 9—10) און יואל (ד׳ 6) האט די פיינדשאפט געשטאמט דערפון, וואס די צור׳ער סוחרים האבען געהאנדעלט מיט אידישע געפאנגענע און האבען זיי פערקויפט אלס שקלאפען צו די גריכען („בני היונים”) און אדומים. פון קיין מיליטערישע צוזאמענשטויסען צווישען די פעניקיאנער און די אידען — איז ניטא קיין שום היסטארישער צייכען, און עס ווייזט אויס אז די צוויי העברעאישע פעלקער האבען געלעבט תמיד בשלום צווישען זיך.

די צורים, ווי די פעניקיאנער בכלל, זיינען ניט געווען קיין קריגערישעס פאלק. זייער ציעל איז ניט געווען ווי ביי רוים עראבערען לענדער און איינשלינגען די גאנצע וועלט — נור פריעדליכע האנדעלס פערבינדונגען מיט די נאהענטע און ווייטע פעלקער. אין אלע מלחמות וואס זיי איז אויסגעקומען צופיהרען זיינען געווען פערטיידיגונגס־מלחמות.

---

*) אין פסוק (מלאכים א׳ ט״ז 31) ווערט אתבעל אפילו אנגערופען דער מלך פון צידונים, דאס מיינט אבער ניט דער מלך פון צידון. א דאנק די בכורה פון צידון האט מען אלע פעניקיאנער טיילמאל גערופען צידונים, אזוי ווי דאס האט אויך געטון האמער. יוסיפון (קדמוניות 8, 12, 2) זאגט בפירוש אז איזבל אחאב׳ס פרוי איז געווען די טאכטער פון אתבעל מלך צור.

**) ישעיה כ״ג 1—17; עמוס א׳ 9—10; יואל ד׳ 4—6; ירמיה מ״ז 4; יחזקאל כ״ו, כ״ז, כ״ח, זכריה ט׳ 3—4.

מלחמות מיט אשור.

די גרויסע אשורישע וועלט־מאַכט וואָס איז אויפגעשטאַנען אין מערב אַזיע איז געוואָרען אַ שטענדיגע סכנה פאַר פעניקיע, פונקט ווי פאַר ישראל און יהודה. דאָס רייכטום פון צור האָט אַרויסגערופען די קנאה פון די הערשער פון אשור. אסור־בניפאל (וועלכער די גריכען האָבען גערופען — סאַרדאַנאַפאַל), האָט אין 9טען יאָהרהונדערט געמאַכט אַן עקספּעדיציע געגען צור. אין אַ אויפשריפט וועגען זיינע נצחונות און גבורות, בעריהמט זיך דער מלך פון אשור, אַז נאָך דעם ווי ער האָט בעלאַגערט צור פון ים און יבשה האָט בעל, דער מלך פון צור, געמוזט שיקען צו איהם זיין זוהן יהימלך אום אויסצודריקען זיין אונטערטעניגקייט. די צורים האָבען אָבער אויך געקענט אַנטקעגען שטעלען זיך דעם שונא מיט קראַפט. שלמנאסר, וואָס האָט חרוב געמאַכט די מלוכת־ישראל איז איבערפאַלען אויף פעניקיע און איהר מעטראָ־פּאָליע צור. די שכנות'דיגע שטעדט עכו, צידון און אַלט־צור (פּאַלעטיראָס) האָבען רעוואָלטירט געגען צור און זיך אונטערגעגעבען דעם מלך פון אשור. זיי האָבען נאָך געהאָלפען מיט 60 שיפען צו בעקעמפפען צור. די אינזעל־לייט זיינען דאַן בעפאַלען מיט 12 שיפען דעם שונא און האָבען איהם פאַרטריבען און גענומען אַ סך גע־פאַנגענע. נאָך דעם האָט שלמנאסר זיך אומגעקערט און בעלאַגערט צור פון יבשה 5 יאָהר נאָכאַנאַנד — און צור האָט די בעלאַגערונג אויסגעהאַלטען (קדמוניות 9, 14, 2)*). געגען נבוכדנאצר'ן, וואָס האָט חרוב געמאַכט ירושלים, האָט צור בייגעשטאַנען נאָך אַ לענגערע בעלאַגערונג, פון דרייצעהן יאָהר — און האָט זיך ניט אונטערגעגע־בען. די קראַפט פון צור איז געלעגען אין איהר איזאָלירטער פּאָזיציע אויף'ן אינזעל און אין איהר פלאָט.

איבערהער־שאַפט פון פרס.

אונטער דער נייער וועלט מאַכט פון פרס וועלכע האָט אויך איינגעשלאָסען פּע־ניקיע האָט צור פונדעסטוועגען אָבגעהיט איהר אינערליכע זעלבסטשטענדיגקייט. ווען קאַמביזוס האָט אונטערגענומען אַן עקספּעדיציע געגען קאַרטאַגאָ און האָט בעפוילען די פעניקיאַנער זיי זאָלען איהם צושטעלען שיפען פאַר'ן קאַמפּף, האָבען זיך די לעצטע ענטזאָגט צו ערפילען זיין פערלאַנג; ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט קעמפּ־פען געגען זייערע אייגענע קינדער, און דער פרס'ישער קעניג האָט זיי דערצו ניט געצוואונגען, הגם ער האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון דער גאַנצער אונטערנעהמונג, ווייל אָהן דעם פלאָט פון צור האָט ער ניט געהאַט גענוג כח אַרויסצוטרעטען געגען דער שטאַרקער ים־מאַכט פון דער טאָכטער־שטאָדט פון צור אין אַפריקאַ.

ווען די אידען האָבען געבויט דעם צווייטען בית המקדש האָבען די פעניקיאַנער ווידער אַמאָל געבראַכט פאַר זיי האָלץ פון לבנון, מיט דער ערלויבניש פון כורש'ן (עזרא ג' 7). צו יענער צייט געפינט מען אויך צורים אין ירושלים בעשעפטיגען זיך מיט האַנדעל צווישען די צוריקגעקומענע אידען (נחמיה י"ג 16).

אין 332 איז אַ נייער וועלט ערָאָבערער, אלכסנדר מוקדון, געקומען פאַר די טויערען פון צור. גאַנץ פעניקיע האָט זיך איהם שוין געהאַט אונטערגעגעבען, נאָר די שטאָלצע צור האָט זיך אַנטקעגען געשטעלט. וויסענדיג אַז די קראַפט פון צור בעשטעהט אין איהר פלאָט און איהר פּאָזיציע אַלס אינזעל אין ים, האָט אלכסנדר צוזאַמענגעקלי־בען שיפען פון די שכנות'דיגע פעניקישע שטעדט צידון, ארוד, גבל און די גריכישע

---

*) אייניגע מאָדערנע היסטאָריקער דענקען אַז די פינפיעהריגע בעלאַגערונג איז ניט פאַרגעקומען נאָכאַנאַנד, נאָר יוסיפון האָט דאָ צוזאַמענגעמישט אינאיינעם עטליכע בעלאַגערונגען פון סנחריב, אסרהדון און אסורבניפאל.

פאל פון פעניקישען צור.

אינזלען און איז איבערגעפאלען די אינזעל־שטאדט אום זי אבצושניידען פון ים; די צורים זיינען דאן געווען געצוואונגען צו דערטרינקען זייערע אייגענע שיפען אום צו פערשטעלען דעם אריינגאנג אין האפען. אלכסנדר האט דאן צושטערט די קאנטינענטאלע צור (פאלעטיראס) און פון'ם מאטעריאל האט ער אויסגעלעגט א בריק צום אינזעל. צור האט אויפגעהערט צו זיין אן אינזעל־שטאדט — און דערמיט איז איהר גורל פערחתם'עט געווארען. אלכסנדר האט צוגעבראכט פון דער יבשה זיין מיליטער צו די ווענט פון צור און נאך א בעלאגערונג פון זיבען חדשים איז די מעטראפאליע פון פעניקיע געפאלען. דער גריכישער זיעגער האט זיך דאן גרויזאם אבגערעכענט מיט די שטאדט וואס האט געוואגט אנטגעגעצושטעלען זיך. 8000 איינוואוינער פון צור זיינען אויסגעקוילעט געווארען און 30.000 זיינען פערקויפט געווארען אלס שקלאפען. צור איז געווארען א גריכישע קאלאניע. די אלטע סעמיטישע קולטור איז אבגעווישט געווארען.

צור אונטער יון און רוים.

נאך אלכסנדר'ס טויט איז צור איבערגעגאנגען צו די סעלעווקידען, וועלכע האבען איהר געשאנקען אויטאנאמיע רעכט. פון יענער צייט זיינען פערבליבען צורישע מטבעות מיט גריכישע און פעניקישע אויפשריפטען. נייע עמיגראנטען האבען זיך דא באזעצט און די שטאדט איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך נאך דעם חורבן פון אלכסנדר'ן און איז ווידער געווארען א גרויסער האנדעלס־צענטער, הגם זי האט פיעל געליטען פון דער קאנקורענץ פון דער יונגער אלכסנדריה (אין מצרים).

אין יאהר 64 (פאר'ן קריסטליכען צייטרעכנונג) איז צור אינאיינעם מיט גאנץ סוריה אונטערגעפאלען דער רוימישער הערשאפט. פאמפעיוס האט באשטעטיגט די אויטאנאמיע פון וועלכע צור האט גענאסען אונטער דעם גריכישען רעזשים. הורדוס דער ערשטער האט דא ווי אין פיעל אנדערע שטעדט אויסגעבויט גרויסארטיגע טעמפלען, פערגעניגענס־און האנדעלס־פלעצער. די שטאדט האט זיך דאן געריהמט מיט איהר פראדוקציאן פון פורפעל. זי האט געהאט צוויי פארטען, א מצרישען אין דרום, און א „צידונישען“ אין צפון זייט פון שטאדט. צווישען איהרע איינוואוינער האבען זיך געפונען אויך אידען, אבער די בעציהונג פון דער העלעניזירטער בעפעלקערונג פון צור צו די אידען איז געווען א פיינדליכע („געגען אפיון“ 1, 13), און פאר'ן חורבן, ווען פלארוס (62־64) האט ארגאניזירט דעם מאסאקער אויף די אידען אין קיסריה, וועלכען עס האט נאכגעפאלגט א בלוטיגער קאמפף צווישען די אידען און די גריכען אין די שטעדט מיט א געמישטער בעפעלקערונג, האבען די צורים אויסגעהרג'עט א גרויסע צאהל פון זייערע אידישע מיטבירגער און נאך א גרעסערע צאהל האבען זיי אריינגעווארפען אין געפענגעניש (מלחמות 2, 15, 5).

נאך דעם ענטשטעהען פון קריסטענטום איז צור געווען פון די ערשטע שטעדט וואו די נייע רעליגיע האט זיך פערשפרייט, און שוין אם ענדע פון צווייטען יאהרהונדערט געפינט מען דא א קריסטליכען בישאף. דער אידישער ישוב אין צור האט אבער ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, און פיעלע אידישע חכמים האבען געשטאמט פון צור אדער געוואוינט אין צור, ווי רבי מני (סנהדרין ה'), ר' שמעון בן יעקב (ברכות ל"ג), ר' יעקב בר אידי (בבא מציעא מ"ג), ר' חנינה (ירושלמי שביעית פ"ו, ה"ב), ר' יונה (מועד קטן פ"ג, ח"ו), ר' אבא הושעיה. צור האט זיך דאמאלס געפונען אין א בליהענדען צושטאנד. דער תלמוד רופט זי אן „כרך גדול שול צור“, און העראנימוס (אין פיערטען יאהרהונדערט) זאגט עדות אז אין זיין צייט איז צור די שענסטע און נאבעלסטע שטאדט אין פעניקיע און פערמאגט א גרויסען האנדעל.

מילחמה מיט אידען.

די פֿערפֿאָלגונגען פֿון די אידען אין א"י מצד דעם טריאומפֿירענדען קריסטענ־טום האָט אויך פֿערשאַרפֿט די בעציהונגען צווישען די אידען און קריסטען אין צור. די פֿערפֿאָלגטע אידען האָבען נור געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט זיך אָבצורעכענען מיט זייערע שונאים. די געלעגענהייט איז געקומען, בשעת די גליל'ער אידען האָבען געבילדעט אַן אַרמעע צו העלפֿען די פּרס'ען אין זייער קאַמף געגען ביזאַנטיום (614). די אידען פֿון צור האָבען זיך דאַן געווענדעט צו זייערע ברידער זיי זאָלען קומען אי־בערפֿאַלען די שטאָדט. אויף דעם רוף האָבען אידען פֿון טבריה, ירושלים, דמשק און קיפּרים צוזאַמענגעשטעלט אַן'אַרמעע פֿון אַרום 20.000 מאַן וואָס איז געגאַנגען אָנ־גרייפֿען צור. די קריסטען האָבען זיך אָבער פֿון פֿריהער דערוואוסט, אַז די אידען קלייבען זיך זיי איבערצופֿאַלען און זיי האָבען געכאַפּט אַלע צור'ער אידען און אַריינ־געוואָרפֿען זיי אין תפיסה. די אידישע אַרמעע האָט בעלאַגערט די שטאָדט, און צושטערט אַלע קריסטליכע קלויסטערס און מאָנאַסטירען פֿון דער אומ־געגנד. די בעלאַגערטע קריסטען האָבען דאַן אַרויסגעשלעפּט די געפֿאַנגענע אידען אויף די מויער פֿון צור און דער'הרג'עט זיי אין די אויגען פֿון די דערויסענדיגע אידען און זייערע קעפּ האָבען זיי אַראָבגעוואָרפֿען אין אידישער לאַגער. אַרום 2.000 אידען זיי־נען אויף אַזאַ אופֿן אומגעקומען. די אידישע אַרמעע האָט דאַן אָבגעלאָזט די שטאָדט און אַראָבגענומען די בעלאַגערונג.

די טעג פֿון דער קריסטליכער הערשאַפֿט אין צור זיינען שוין אָבער געווען געצ־עהלטע. אין 638 איז די שטאָדט אַריינגעפֿאַלען אין די הענד פֿון חליף עמר'ס זיעג־רייכע אַרמעען.

אונטער אַראַבי־שער הערשאַפֿט.

אונטער דער אַראַבישער הערשאַפֿט איז צור נאָך אַלץ געווען אַ בליהענדע שטאָדט. אין צור'ער האַפֿען האָט די אַראַבישע רעגיערונג געהאַלטען איהר קריעגס־פֿלאָט. די שטאָדט איז געווען שטאַרק בעפֿעסטיגט און נאָך מעהר דער האַפֿען, וועלכער איז יעדע נאַכט געשלאָסען געוואָרען מיט אַן אייזערנע קייט. די באַזאַרען האָבען זיך געריהמט מיט זייער רייכטום און שעהנקייט. די בעפֿעלקערונג איז בעשטאַנען פֿון פֿערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען, צווישען זיי אויך אידען. אין עלפֿטען יאָהרהונדערט איז צור געוואָרען די מעטראָפּאָליע פֿון פּאַלעסטינער אידענטום. דער גאון פֿון ארץ ישראל, אליהו בן שלמה הכהן (1062-1082), וועלכער האָט געמוזט פֿערלאָזען ירושלים צוליעב די איבערפֿאַלען פֿון די סעלדזשוקען אונטער מלך־שאה (1071), האָט זיך בע־זעצט אין צור, און דאָ איז פֿאָרגעקומען דער גרויסער צוזאַמענקונפֿט פֿון אַלע אידישע קהלות אין גליל, אויף וועלכען דער גאון האָט פֿאַר זיין טויט בעשטעטיגט זיין עלט־סטען זוהן אביתר אַלס גאון אויף זיין פּלאַץ און זיין צווייטען זוהן אַלס אב בית־דין. נאָך מיט הונדערט יאָהר שפּעטער, ווען צור איז שוין געשטאַנען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די נוסעי־הצלב, וואָס איז אין אַלגעמיין געווען אונגינסטיג פֿאַר די אי־דען, האָט ר' בנימין מטודילאַ געפֿונען דאָ די גרעסטע אידישע קהלה פֿון ארץ ישראל — בעשטעהענדיג פֿון 400 פֿאַמיליעס, פֿיעלע פֿון זיי שיפֿס־אייגענטימער און גלאָז־פֿאַבריקאַנטען.

אידישער צענטר.

צור איז געווען אַזוי שטאַרק בעפֿעסטיגט, אַז די נוסעי־הצלב האָבען אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט צוקומען צו איהר. אין 1111 האָט באַלדווין דער ערשטער אָהן ער־פֿאָלג זי בעלאַגערט 4 חדשים, און ערשט 25 יאָהר נאָכדעם ווי ירושלים איז שוין געווען ביי די קריסטען איז צור געפֿאַלען. די נוסעי־הצלב זיינען איבערגעפֿאַלען די שטאָדט פֿון ביידע זייטען: באַלדווינ'ס אַרמעע פֿון דער יבשה און אַ ווענעציאַנער

פלאַט פון ים. נאָך א בעלאַגערונג פון פיער מיט א האַלבען חדש האָבען זיך די מוס־לימער אונטערגעגעבען (27 יוני, 1124) מיט דעם תנאי מ'זאָל זיי אַלעמען אָבלאָזען פריי מיט זייערע פערמעגענס. אריינגעהענדיג אין שטאָדט זיינען די קריסטליכע זיע־גער איבערראַשט געוואָרען פון דער הויך און גרויסאַרטיגקייט פון די הייזער, פון דער פעסטקייט און גרויסקייט פון די טורעמס און מויערען, פון דער שעהנהייט פון פאָרט מיט זיין גוט־בעשיצטען אריינגאַנג.

צור איז פערבליבען ביי די קריסטען ביז נאָך דעם ענדגילטיגען פאַל פון דער לאַטיינישער מלוכה אין ארץ ישראל אין 1291, ד. ה. איבער 160 יאָהר. צלח־א־דין, וואָס האָט אין 1187 בעפרייט דאָס גאַנצע לאַנד פון דער קריסטליכער הערשאַפט האָט דריי חדשים בעלאַגערט צור און ניט געקאָנט זי בייקומען. דאָס איז געווען דער איינציגער וויכטיגער פּלאַץ אין ארץ ישראל וועלכען ס'איז געלונגען בייצושטע־הען דעם גרויסען העלד.

ערשט ווען מלך אל־אשראף האָט אין 1291 גענומען עכו מיט שטורם — האָט זיך צור שוין מעהר ניט געקאָנט האַלטען. ווי זיי האָבען נור געהערט אז עכו איז געפאַלען זיינען די קריסטען פון צור אַנטלאָפען אויף זייערע שיפען און איבערגע־לאָזט די שטאָדט אויף הפקר. די מוסלימער זיינען צומאַרגענס אריין אין צור און האָבען פערניכטעט אַלע בעפעסטיגונגען און דערביי אויך חרוב געמאַכט די שטאָדט. אבן־באַטיטא האָט אין 1355 געפונען אין צור ניט מעהר ווי א באַרג רואינען. די אַלטע וועלט־שטאָדט איז געפאַלען — און האָט שוין מעהר קיין תקומה ניט געהאַט. די רייזענדע פון 14טען, 15טען און 16טען יאָהרהונדערט דערצעהלען נור וועגען די חורבות פון צור. דער דרוזישער פּרינץ פחר־א־דין האָט אין אנהויב פון 17טען יאָהר־הונדערט אפילו געפּרובט צוריק אויפלעבען די אַלטע שטאָדט, און ער האָט דאָרט אויסגעבויט א פּאַלאַץ מיט פערשיעדענע האַנדעלס־הייזער. די געביידעס זיינען אָבער געבליבען לעער. — אַם ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט האָט העָנרי מאַנדרעל שוין ניט געפונען קיין איין גאַנץ הויז אין שטאָדט, אויסער אַן אַלטען טערקישען שלאָס, און האַסעלקוויט האָט אין 1741 דאָ געטראָפען ניט מעהר ווי א צעהנדליג איינ־וואוינער, וואָס האָבען געכאַפּט פיש ארום דעם אַמאָל בערימטען אינזעל. אזוי טיעף איז געפאַלען די אַמאָליגע הערשערין פון וועלט־האַנדעל... ווי עס וואָלט מקוים גע־וואָרען די נביאות פון יחזקאל'ן: „איך וועל דיך מאַכען פאַר א טרוקענעם פעלז, אַן אָרט פאַר פישער אויסצושפּרייטען זייערע נעצען“.*)

די נייע צור איז צוריק אויפגעשטעלט דורך די מוטעוועלער (מוסלימער־שיעי־טען פון פּרס'ישער אָבשטאַמונג), וואָס זיינען געזעסען אויף דער צפון גרעניץ פון ארץ ישראל, ביי די פיס פון לבנון. אין 1766 האָבען זיי פערנומען די רואינירטע צור, אויסגעבויט א מויער ארום דער שטאָדט און דערמיט געלעגט א פונדאַמענט פאַר איהר אויפלעבונג (אין ערדציטערניש פון 1837 איז די מויער צושטערט געוואָרען). מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער האָט וואָלני שוין דאָ געפונען 50—60 פאַמיליעס, באַשעפ־טיגט מיט ערדאַרבייט און פישעריי. „זייערע וואוינונגען זיינען ניט בעשטאַנען, ווי אין סטראַבאָ'ס צייטען, פון דריי־ און פיער־שטאָקיגע הייזער, נאָר פון מיזעראַבלע בודקעס וואָס זיינען גרייט צו צופאַלען יעדע מינוט.“ דער גאַנצער האַנדעל פון שטאָדט איז בעשטאַנען פון ארויספיהרען דעם טאַבאַק, וואָס איז געוואַקסען אין די

חורבן צור

מאָדערנע שטאָדט.

*) „ונתתיך לצחיח סלע, משטח חרמים תהיה“... (יחזקאל כ“ו, 14).

בערגיגע אומגעבונג, נאָך מצרים. צוביסלעך האָט זיך דער ישוב פאַרגרעסערט. ראָ־בינסאָן אין 1838, האָט דאָ גערעכענט 400 שטייערפליכטיגע מוסלימער און 300 קריס־טען, וואָס מאַכט אויס אַנ׳איינוואוינערשאַפט פון ארום 3000 נפשות. ווילסאָן אין 1843 האָט געשאַצט די בעפעלקערונג אין 5000 נפשות (2500 קריסטען, 2430 מוטע־וועלער און 70 אראבער). אין די ניינציגער יאָהרען פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט צור געצעהלט ארום 6.000 איינוואוינער, און אין 1915 — 7.000—8.000, מייסטענס מוטעוועלער, א קליינע צאָהל מוסלימער־סוניטען און ארום 2.800 קריסטען.

די איצטיגע צור צייכענט זיך מיט גאָר ניט אויס פון אנדערע קליינע אראבישע שטעדטלעך. אויסער דעם נאָמען (אויך איצט רופט זיך די שטאָדט צור) איז קיין זאַך ניט פערבליבען וואָס זאָל דערמאָנען אין אמאָליגען רייכטום און גלאַנץ. בלויז מאַסען שטיקער גלאָז וואָס האָבען זיך אָבגעלעגט אין די זאַמדען פון האַלבען־אינזעל און זיינען מיט דער צייט פאַרהאַרטעוועט געוואָרען אין איין שטיק, דיענען אלס צייכען פון דער גלאָז־אינדוסטריע וואָס האָט דאָ געבליהט פון אוראַלטע צייטען ביז׳ן צוועלפ־טען יאָהרהונדערט. דער האַפען, פון וואַנען פעניקישע שיפען האָבען מיט דריי טוי־זענד יאָהר צוריק צונויפגעבראַכט די רייכטימער פון אַלע פעלקער אין אַלע בעוואוסטע לענ־דער — איז איצט כמעט אין גאַנצען פוסט. דער האַנדעל פון הינטער־לאַנד פון צור געהט איצט דורך די פּאָרטען פון בירות, חיפה און צידון. קיינע אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען זיינען דאָ ניט פאַרהאַן, אויסער עטליכע מיהלען, אויל־פּרעסען, א גאַר־בעריי און צוויי פרימיטיווע זייף פאַבריקען. די זעגעל שיפען וואָס פערקעהרען אין צור בענוצען זיך מיט דעם „צידונישען״ ד. ה. נאָרדליכען האַפען, וואו מ׳דערקענט נאָך די צייכענס פון אַלטע האַפען־סטרוקטור. דער „מצרישער״ האַפען, אין דרום זייט, איז איצט כמעט אין גאַנצען פערשטאָפּט.


אדמיניסטראַטיוו איז צור א טייל פון בירות׳ער סאַנדזשאַק און א צענטר פון א קאַדא וואָס ענטהאַלט אויף א שטח פון 900 קוואַדראַט קילאָמעטר 121 דערפער מיט א בעפעלקערונג פון בערך 30.000 נפשות, מעהר ווי א העלפט פון זיי מוטעוועלער.

דער יעהרליכער פּראָדוקט פון דער קאַדא איז לויט אָפיציעלע אנגאַבען פון 1910 190.000 כיילה ווייץ, 130.000 כיילה גערשט, 50.000 כיילה ארבסען, 10.000 כיילה לינזען און 30.000 כיילה אנדערע תבואות, 500.000 אָקא טרויבען, 150.000 אָקא פייגען, 70.000 אָקא טוטען, 50.000 אָקא אַליווען־אויל און 500.000 אָקא אנדערע פרוכטען.

אין דעם דיסטריקט פון צור ווי אויך אויף דעם גאַנצען פעניקישען ברעג איז קיין נייער אידישער ישוב ניטאָ. נאָר איינצעלנע אידען געפינען זיך אין מאַנכע דער־פער. די סבות אָבער וואָס האָבען געשטערט די אידען אין יהושע בן נון׳ס צייטען צו באַזעצען זיך אין צור און "עכו, צידון, אחלב, אכזיב, חלבה, אפיק, רחב״ — די גע־דיכטקייט פון דער אָבאָריגינעלער בעפעלקערונג, איהר הויכע קולטור, רייכטום און מאַכט — עקזיסטירען איצט ניט. פאַרקעהרט, די פּאַראַרימטע געגענד נויטיגט זיך אין א צופלוס פון אַן ענערגיישער, קולטורעלער, קאַפּיטאַל־קרעפטיגער און אונטערנעה־מונגס־פעהיגער בעפעלקערונג, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד ווידער־צובעשאַפען די הויכע און רייכע קולטור פון די אמאָליגע פעניקיאַנער.

די שטעדט פון עבר הירדן.

פון די צאהלרייכע שטערט וואס האבען עקזיסטירט אין די פאר־אידישע, אידישע און רוימיש־ביזאנטישע עפאכען אין עבר־הירדן — אין גולן, בשן, גלעד, עמון, מואב —



בילד 50.

די „חאזנא" — אנ׳אלטער פאלאץ אין סלע (פעטרא) פון בר־כוכבא׳ס צייטען.

זיינען היינט פערבליבען נאר 3—2, וואס זיינען באמת נאך ראוי גערופען צו ווערען מיט׳ן נאמען שטאדט. א גרויסע צאהל זיינען אין גאנצען אבגעווישט געווארען פון

די פערוויסטונג פון עבר הירדן דורך די בעדו־אינער.

דער ערד, און מ'וויים אפילו ניט געגוי זייער ארט. פון אנדערע זיינען קוים פער־בליבען קלענערע און גרעסערע רואינען וואס זאגען עדות מיט זייער שטומען, אבער וואהרהאפטען לשון אויף די גליקליכע צייטען פון דעם אמאל בליהענדען לאנד. א גרויסע צאהל זיינען, ווידער, פערבליבען אין דעם פארם פון קליינע, מיזעראבעלע פלאחין־ און בעדואינען־דערפער. דער עבר הירדן האט מעהר פון מערב ארץ ישראל גע־ליטען פון די אונאויפהערליכע מלחמות און שלאכטען, פון די בארבארישע אינוואזיא־נען און פאליטישע און אדמיניסטראטיווע דעסארגאנזאציע, וואס האבען אונטער־געגראבען דעם עקזיסטענץ פון די פערבליבענע ישובים.

די ווירקונג פון די צושטערענדע פאקטארען איז געוועזען פיעל שטארקער און גרעסער אין מזרח זייט פון ירדן, צוליעב די נאהענטקייט צום מדבר און דעם רואיני־רענדען איינפלוס פון די קינדער פון מדבר — די בעדואינער, וואס האבען פון צייט צו צייט אריינגעדרונגען אין די בעזעסענע טיילען פון לאנד, אויפגעגעסען און צושטערט די תבואות אויף די פעלדער, ארויפגעלעגט שווערע שטייערען אויף די בעפעלקערונג און פערשפרייט איבעראל אונזיכערהייט און שרעק. ביז די לעצטע צעהנדליג יאהרען האט די רעגיערונג ניט געהאט גענוג כח, ענערגיע און מיטלען איינצוצוימען די ווילדע קינדער פון וויסטע און צו בעשיצען די בעפעלקערונג פון זייער אנגריפף און אונטער־דריקונג. די באדענס זיינען דעריבער כמעט ניט בעארבייטעט געווארען, און ביי אן אונבעדייטענע לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג האבען זיך דא ניט געקאנט אויס־בילדען אפילו אזעלכע קליינע שטעדט ווי אין מערב א"י.

די דורכפיהרונג פון דער חעדזשאזער אייזענבאהן און די פאלגליכע פערשטאר־קונג פון דער רעגיערונגס־מאכט האבען פיעל מיטגעהאלפען דער לאנדווירטשאפטלי־כער ענטוויקלונג פון עבר הירדן. די בעדואינער זיינען צוריקגעשטויסען געווארען אין מדבר, א טייל פון זיי איז געצוואונגען געווארען צו בעזעצען זיך אויף אן ארט און אונטערוואארפען זיך דער קאנטראלע פון דער רעגיערונג, און א דאנק דעם איז דאס לעבען און פערמעגען פון די איינגעזעסענע בעוואוינער אין עבר הירדן געווארען זי־כערער. פיעלע איינוואוינער פון מערב א"י האבען זיך בעזעצט אין די פריהער רואי־נירטע דערפער אין עבר הירדן און האבען פערגרעסערט דעם שטח פון בעארבייטעטע באדענס. סוחרים און קרעמער און בעלי מלאכות פון טבריה, שכם, חברון און ירושלם האבען זיך בעזעצט אין אייניגע גרעסערע דערפער; מיט דער אויסנאהם, אבער, פון צוויי ערטער — סאלט אין גלעד און כרך אין מואב — בעשטעהט דער עבר הירדן פון דורכאויס לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג. אפילו אין די גרעסערע ארט־שאפטען, ווי אדרעי, תפל, מען, קנייטרא, סווידה איז דער פראצענט פון בעלי מלאכות און הענדלער זעהר קליין.

סאלט.

דער גרעסטער צענטר אין עבר הירדן, סיי לויט דעם גרויס פון ישוב, סיי לויט דער עקאנאמישער וויכטיגקייט, איז די ראזינען־שטאדט סאלט*). ארומגערינגעלט מיט

*) אייניגע רייזענדע און פארשער האבען געדענקט, אז סאלט איז די אלטע ראמות גלעד, א שטאדט פון שבט גד, איינע פון די דריי ערי המקלט אין עבר הירדן (דברים ד' 43, יהושע כ' 8, כ"א 36), וואו יהושפט מלך יהודה און אחאב מלך ישראל האבען אהן ערפאלג געקעמפפט געגען ארם (מלכים א' כ"ב, דברי הימים א' י"ח) און שפעטער האבען אויפ'ן זעלבען ארט אחזיה בן יהורם פון יהודה און יורם בן אחאב פון ישראל געליטען א מפלה פון חזאל מלך ארם (מלכים ב' ח' 28, דברי

הויכע בערג און טיעפע טאָלען, קאָן מען די שטאָדט ניט זעהן ביז מ'קומט ניט צו זעהר נאָהענט. זי ליעגט טיילוויז אין א טיעף איינגעשניטענעם בערג קעסעל, טיילוויז אויף דעם אָבהאנג פון א שטיילען און איזאָלירטען בארג, וואָס איז געקרוינט אין דער הויך מיט א פעסטונג ("קלעה"), וואָס שטאַמט פון די נוסעי הצלב, און איז נאָך דער מאָנגאָלישער צושטערונג צוריק אויפגעבויט געוואָרען דורך'ן מצרי'שען סולטאַן ביבארם (בערך 1265). די אומגעבונג פון דער שטאָדט, ווי אויך די גאנצע געגענד פון גלעד, איז אבוועקסלונגסרייך און מאלעריש. א שעה גאַנג נאָרדליך פון סאַלט ליעגט דער הויכער בארג הושע (3.995 פוס). אויף'ן שפּיץ בארג שטעהט א קבר, וואָס איז לויט דער אראבישער טראַדיציע דער קבר פון נביא הושע בן בארי, פון וועלכען ס'ענטפלעקט זיך א פּרעכטיג בילד פון א גרויסער טייל א"י: דער עמק הירדן, דער הר הזיתים נעבען ירושלם, די בערג עיבל און גריזים נעבען שכם, דער תבור און די גליל'ער בערג ארום ים כנרת און אין ווייטען צפון דער שנעע־בעדעקטער חרמון.

דער נאָמען סאַלט שטאַמט וואַהרשיינליך פון לאַטיינישען וואָרט סאַלטוס — וואַלדיגער און בערגיגער געגענד, וואָס ענטשפּרעכט פאָלשטענדיג דעם כאַראַקטער פון דער שטאָדט, וועלכע ליגט צווישען בערג און טאָלען, כרמים און אָליווען־גערט־נער. סאַלט איז פונקט ווי שכם זעהר רייך מיט וואסער און קוואלען. אין מיטע שטאָדט פליסט אַ רייכער קוואַל, און ניט ווייט פון שטאָדט א צווייטער. א דאַנק דעם איבערפלוס פון וואסער איז די גאנצע שטאָדט איינגעטונקען אין פרוכט־און געמיז־גערטנער. דער באָדען איז נאָך פרוכטבאָרער ווי אין שכם, און די בוימער זיינען דאָ מעהר ענטוויקעלט. דער ג'דור טאָל, נעבען שטאָדט, וואו ס'פליסט א שטארקער קוואַל, איז בעפלאַנצט מיט די פערשיעדענסטע פרוכט־בוימער: גרויסאַרטיגע נוס און מויל־בערים, שעהנע פייגען און בארנעס. דאָס גרעסטע רייכטום פון סאלט זיינען אָבער די צאָהלרייכע טרויבען פלאַנצונגען אויף די זאָרגפול טעראסירטע בערג ארום דער שטאָדט, פון וועלכע ס'ווערען געצויגען די געטריקענטע ראזינען וואָס זיינען בעריהמט אין גאנצען לאַנד. אויך ווערען דאָ געטריבען איינִיגע וואַסער־מיהלען אויף די פערשיע־דענע וואסער־פאָלען, וואָס בילדען זיך אויף'ן שטראָם פון ג'דור.

ביז ניט לאַנג צוריק איז סאלט געוועזן א פרייע, אונאבהענגיגע שטאָדט, הגם נאָמינעל האָט זי זיך געפונען אונטער דער טערקישער הערשאַפט. דער פּאַשאַ פון דמשק, וואָס האָט רעגיערט איבער גאַניץ עבר הירדן, האָט אומזיסט געפּרובט פיעל מאָל צו דערשטיקען די זעלבסטשטענדיגקייט פון סאַלט. ווען איברהים פּאשא פון מצרים

הימים ב' כ"ב 5). דער אָמעריקאנער פארשער סעלא מעריל און אנדערע האָבען אָבער דערוויזען, אז ראמות גלעד האָט ניט געקאָנט זיין אויף'ן פלאץ פון איצטיגען סאַלט, נאָר א סך ווייטער צו צפון, אין דער צווייטער (נאָרדליכער) זייט פון טייך יבוק. ראמות גלעד איז געווען די רעזידענץ פון בן גבר, איינער פון די 12 נציבים (קאָמיסאַרען) פון שלמה המלך (מלכים א' ד' 13), וואָס האָט פערוואַל־טעט מיט דעם דיסטריקט (חבל) פון ארגב (היינטיגע לעדזשאָ) און בשן און מיט די חוות (דערפער) פון יאיר בן מנשה אין גלעד; סאַלט איז אָבער צו ווייט פון די דערמאָהנטע געגענדען. לויט דעם תלמוד זיינען די דריי ערי המקלט אין עבר הירדן אויסגעקומען אקוראַט געגענאיבער די דריי ערי המקלט אין מערב א"י, ווי צוויי שורות אין א וויינגאָרטען: חברון אין יהודה געגען בצר אין מדבר, שכם אין הר אפרים געגען ראמות אין גלעד, קדש אין הר נפתלי געגען גולן אין בשן (בבלי מכות דף ט' עמוד 2). די פּאָזיציע פון סאלט, וואָס איז א סך מעהר אין דרום ווי שכם, שטימט ניט מיט דער דאָזיגער טראדיציע. עס איז דעריבער קלאָהר, אז דאָס איז ניט ראמות, די שטאָדט פון גד. ראמות גלעד איז לויט קאנדער'ס מיינונג — דאָס איצטיגע דאָרף רימון, אין דער קאַדא עג'לון פון צפון זייט צום טייך יבוק (זערקא). סעלא מעריל דענקט, אז ג'רש (דזשעראש) — עטוואָס אָסטליכער פון רימון — איז דער אָרט פון דער אַמאָליגער עיר המקלט.

האט איינגענומען ארץ ישראל (1832) האט ער אפילו בעשטימט אן אראבישען שייך אלס גובערנאטאר פון סאלט און האט איהם אוועקגעזעצט אין די פעסטונג וואס אויפ'ן שפיץ בארג. די סאלט'ער האבען זיך אבער ניט אונטערגעגעבען און אבהאקענדיג דעם קאפ פון שייך האבען זיי איהם אוועקגעשיקט צום פאשא אלס צייכען פון זייער אונאבהענגיגקייט. ווען דאס לאנד איז ווידער אריבערגעגאנגען צו דער קאנסטאנטינאפאלער רעגיערונג, איז סאלט געווען א לאנגע צייט די זידליכע גרעניץ פון דער פאקטישער טערקישער הערשאפט, אבער אין די זיעבעציגער יאהרען איז טערקיי ענדליך געלונגען צו בעפעסטיגען איהר מאכט אין אוועקזעצען א קאימאקאם אין סאלט. ביז דאן האבען רעגיערט די שייכען -- די עלטסטע פון די פערשיעדענע שבטים, וואס האבען באוואוינט די שטאדט. אפטמאל האבען די דאזיגע שייכען געפיהרט מלחמות צווישען זיך און די בעפעלקערונג איז געווען צוטיילט אין צוויי פיינדליכע פראקציעס. די



בילד 51.

סאלט.

פערשטארקונג פון רעגיערונגס אויטאריטעט האט אבגעשאפען די אינערליכע קריעגעריען און א דאנק די זיכערהייט וואס איז דערפון ענטשטאנען, האט די שטאדט זיך שטארק ענטוויקעלט און די בעפעלקערונג איז שנעל אויסגעוואקסען. בורקהארדט אין 1812 האט דא געפונען ניט מעהר ווי 500 פאמיליעס, אדער 3.000 נפשות, אליפאנט אין 1880 האט שוין געטראפען דא ארום 6.000 איינוואוינער, מיט 11 יאהר שפעטער (1891) האט שומאכער גערעכענט 10.000. (די אידישע אגראנאמען אהרנכאן און סאסקין, וואס האבען בעזוכט סאלט אין 1904, גיבען אן ניט מעהר ווי 8.000 איינוואוינער), און אין 1912, לויט די אנגאבען פון בערעקער'ן, האט די בעפעלקערונג דערגרייכט די צאהל פון 15.000, בערך 11.000 מוסלימער און 4.000 פערשיעדענע

וואוקס פון ישוב.

קריסטליכע סעקטען, מייסטענס גריכען, ד. ה. אין משך פון הונדערט יאהר איז די בעפעלקערונג פערפינפאכט געווארען.

פונקט ווי די איינוואוינער פון כרך זיינען אויך די סאלט'ער זעהר עהנליך אין זייער שפראך, קליידונג און אויסערליכען אויסזעהן צו די בעדואינער, וואס וואנדערען אין די אומגעגענדען פון סאלט. לויט זייער בעשעפטיגונג זיינען דאס מייסטענס אקערבויער און סוחרים. פון געווערבען איז נאר די פאבריקאציע פון איינפאכע טעפיכען פון ציגען־האר כדאי דערמאהנט צו ווערען. דער מארק פערקעהר פון קליידערשטאפען, מאנטלען (אבאיעס), צוקער, קאפע, רייז, איז דא זעהר א לעבהאפטער, ווייל דא איז דער איינציגער קאמערציעלער צענטר אין עבר הירדן, וואו די בעדואינישע שבטים פון מואב און גלעד קויפען איין זייערע בעדערפנישע און טוישען אויס זייערע פראדוקטען: שאף, מילך, ווייץ, גערשט, שטראוס־פעדערען, א. ד. ג. די סאלט'ער בעשעפטיגען זיך אויך מיט צוזאמענקלייבען אויף די ארומיגע בערג די סומאק־בלעטער וואס ווערען געברויכט אין פארבעריי. דער וויכטיגסטער ארטיקעל אבער פון סאלט, ווי ס'איז שוין פריהער דערמאהנט געווארען, זיינען די ר א ז י נ ע ן. לויט די אנגאבען פון אהרנסאן און סאסקין איז דער שטח לאנד וואס געפינט זיך אונטער דער קולטור פון וויינטרויבען ארום סאלט — בערך 2.000 העקטאר. דער דאזיגער שטח ווערט מייסטענס בעארבייט ניט דירעקט דורך די ערד בעזיצער, נאר דורך פעכטער. דאס לאנד ווערט צוטיילט אין קליינע חלקים פון 2—1 העקטאר, און יעדער חלק בעזונדער ווערט איבערגעגעבען א פעכטער צו בעארבייטען. דער פעכטער מיט זיין פאמיליע בעזארגט די גאנצע ארבייט און בעקומט דערפאר א פערטעל פון דער אייננאהמע. די טרויבען ווערען טיילווייז פערקויפט אויפ'ן פלאץ אדער אין די ארומיגע דערפער און אין די ווייטערע געגענדען פון חורן און ג'ולן. די גרעסטע טייל אבער ווערט אויסגעטריקענט אלס ראזינען און טראנספארטירט דורך יפו אין אויסלאנד. סאלט פערמאגט אן אייגענע גאטונג פון טרויבען, קליינע און אהן קערענדלעך (זיי רופען זיך „בנאת א־שם"), וואס ווערען זעהר הויך געשאצט אין מארק. דער איינטראג פון די טרויבען וואס ווערען דא פערוואנדעלט אין ראזינען איז א סך גרעסער ווי די הכנסה פון די טרויבען אין די אידישע און דייטשע קאלאניעס פון וועלכע מען מאכט וויין. לויט דער אויסרעכנונג פון די צוויי דערמאהנטע אגראנאמען ברענגט אריין א העקטאר (אויף א העקטאר ווערט אין סאלט פערפלאנצט בערך 1.000 וויינשטאק, יעדעס בוימעל ווערט געפלאנצט אויף א דיסטאנץ פון 8—6 מעטר) דורכשניטליך 10.000 קילאגראם טרויבען. צוליעב די ווייטקייט פון בוים צו בוים איז די פראדוקטיוויטעט זעהר גרויס און מאנכע ברענגען צו 50 קילאגראם טרויבען. ווערענד פאר איין קילאגראם ראזינען זיינען נויטיג 5—4 קילאגראם טרויבען, קאן מען רעכענען דעם איינטראג פון ראזינען פער העקטאר 2.500—2.000 קילאגראם. א קאנטאר ראזינען (250 קילאגראם) פערקויפט זיך פאר 60—50 פראנק, און דאס הייסט איז די ברוטא איינקונפט פון א העקטאר איז 500—400 פראנק*). ליידער אבער ווערט די הכנסה שטארק

האנדעל און אינדוסטריע.

ראזינען־צענטר.

*) לויט דער מיינונג פון די צוויי קאמפעטענטע אגראנאמען צייגען די דאזיגע ציפערן אויף די גוטע לאנדווירטשאפטליכע און עקאנאמישע אויסזיכטען פון א"י. די געבירגע פון סאלט צייכנען זיך ניט אויס מיט א ב ע ז ו נ ד ע ר ע ר פרוכטבארקייט. ווען זיי זאלען איבערגעלאזט ווערען צו זיך אליין, וואלטען זיי מיט ווילדע וועגעטאציאנען בעדעקט געווארען און פונקט ווי די בערג פון שומרון און גליל פערוויסטעט און אונפראדוקטיוו געבליבען. זיי וואלטען דאן אפילו א הונדערטסטעל פון זייער איצטיגע איינגאהמען ניט אומשטאנד געווען צו ברענגען. א דאנק דעם איינפאכען

פערקלענערט צוליעב מאנגעל אין מאדערנע טראנספארט־ און פערקעהר־מיטלען. סאלט איז ניט פערבונדען מיט יפו ניט דורך א באהן און ניט אפילו מיט א געוועהנ־ליכען שאסעע. די סחורה מוז דעריבער טראנספארטירט ווערען אויף פרדות פון סאלט אין שכם און פון שכם אין יפו. א חוץ דעם וואס ביי אזא סיסטעם פון איבער־פיהרען ווערט זעהר פיעל קאליע אויף'ן וועג, מאכען אויס די קאסטען פון טראנספארט ביז דעם האפען אין יפו 20—15 פראנק אויף יעדען קאנטאר — בערך 30 פראצענט פון די ווערטה פון די סחורה אויפ'ן ארט.

סאלטער ראיאן.

סאלט איז דער צענטר פון א גרויסע קאדא (דיסטריקט), וואס איז פריהער געווען פערבונדען מיט חורן, און איצט מיט'ן סאנדזשאק פון כרך. הגם דער שטח פון דיסט־ריקט איז זעהר גרויס (ער שליסט איין די גאנצע געגענד צווישען יבוק און ארנון, וואס פערנעהמט ארום 5.000.000 דונאם) און דער באדען איז אין אלגעמיין פרוכט־באר, געפינט זיך אין דער קאדא א קליינע צאהל בעוואוינטע ערטער. א חוץ סאלט איז דא פארהאן אין גאנצען 11 בעזעסענע דערפער — פון טשערקעסען, טורקמענער, מיכלימיישע און קריסטליכע אראבער. קיין אידישער ישוב איז נאך אין דעם געגענד ניטא, אויסער עטליכע אידען, וואס זיצען אין סאלט.

אין 1880 איז ניט מעהר ווי 5 פראצענט פון גאנצען שטח פון סאלט'ער דיסט־ריקט געווען בעארבייט. פון דאמאלס אן האט זיך נאר די שטאדט און די נאהענט־סטע אומגעבונג עטוואס מעהר ענטוויקעלט, די גאנצע געגענד אבער איז נאך אלץ פערבליבען אונקולטיווירט און אונבעוואוינט.


כרך (קיר־מואב).

פיער קילאמעטער צו מזרח זייט פון ים המלח און 30 קילאמעטר צום דרום זייט פון טייך ארנון, אויף דער הויכעבענע פון מואב, ליעגט די אלטע פעסטונג־שטאדט כרך, די העכסטע שטאדט פון א"י.

כרך איז אויסגעבויט אויף א שטיילען בארג, 3720 פוס איבער דעם הויך פון ים. צוויי טיעפע וואדים פון 1000 ביז 1350 פוס טיעף, ציהען זיך פוןביידע זייטען פון שטאדט, אין צפון וואדי כרך, אין דרום וואדי חמד, און פעראייניגען זיך אין מערב. אין דעם טאל ארום דער שטאדט, זיינען פארהאן צאהלרייכע קוואלען. דער ארומיגער באדען איז זעהר פרוכטבאר, און די בעפעלקערונג קולטיווירט דארט גרינסען און אליווען.

פלייס פון די זאגסט ניט בעזונדערס פלייסיגע איינוואוינער פון סאלט, זיינען די בערג אין רייכע פלאנצונגען פערוואנדעלט געווארען, און די גאנצע געגענד איז צו א וואהלשטאנד געבראכט געווארען. מיט עטוואס פלייס וואלטען אלע געבירגע פון ארץ ישראל דעם זעלבען וואונדער געקענט ארויסברענגען. שוין איצט עקס־פארטירט סאלט, דיזער אונבעדייטענדער טייל פון א"י, 5—4 מיליאנען קילאגראם ראזינען יעהרליך, אויסער א גרויסע טייל וואס ווערט פערברויכט אויפ'ן ארט, ווערענד קאלפיארניע, א שטח פון 403.000 קילאמעטער, מיט איהרע פיעל פערשריגענע וואונדערבארע וויין־בערג און פאבעל־האפטע ערטראגען, עקספארטירט יעהרליך ניט מעהר אלס 40 מיליאן קילאגראם ראזינען. (זעה: א. אהרונסאן אונד דר. ס. סאסקין: די וויינפראנגע און די רעבענקולטור אין פאלעסטינא, „די וועלט" 1901 נומער 32).

די שטאָדט איז ארומגערינגעלט מיט אַ מויער, וואָס איז אין אייניגע ערטער שוין צושטערט געוואָרען. אין דרום זייט פון שטאָדט געפינט זיך א בעפעסטיגטער שלאָס פון די צייטען פון די נוסעי הצלב; צאָהלרייכע אלטע ציסטערנעס זיינען אויסגעהאַקט אין די פעלזען פון דער שטאָדט, מייסטענס נעבען די טורעמס פון די מויער. טיעפע אונטערערדישע טונעלען ציהען זיך פון שטאָדט אין עטליכע ריכטונגען. איהר נאַטיר־ליכע פעסטע פאָזיציע און די דאָזיגע אלטע איינריכטונגען האָט די שטאָדט צו פער־דאנקען איהר עקזיסטענץ. אין די מויער מיט איהרע טורעמס, דער שלאָס, די אינערליכע ציסטערנען און אונטערערדישע טונעלען האָבען די איינוואוינער פון כרך געפונען שוין געגען די פרעמדע אינוואזיאָנען און בעדואינישע אנגריפען, וואָס האָבען חרוב געמאכט די אנדערע ישובים פון עבר הירדן.




בילד 52.

קיר־מואב (כרך)

כרך איז די אוראַלטע שטאָדט פון די מואבים, וואָס איז בעוואוסט אין תנ"ך מיט'ן נאָמען פון „קיר מואב" (ישעיה ט"ו 1), אָדער „קיר חרשת" (מלכים ב' ג' 25, ישעי הט"ז 1), און אויך „קיר חרש" (ישעיה ט"ז 11, ירמיה מ"ח 31, 36). כרך איז אראמיש מיינט דאָס זעלבע וואָס קיר אין העברעאיש—א וואנד, א מויער, א בעפעסטיג־טע שטאָדט. דער נאָמען כרך געפינט זיך שוין אין תרגום יונתן און אין כלד'עאישע אפאקריפען (כרכא דמואב). די נוסעי הצלב, וואָס האָבען על פי טעות געדענקט, אז כרך איז די הויפט־שטאָדט פון אַראַביא פעטרא, האָבען די שטאָדט גערופען פעטרא דעזערטי. אָבער ווי אלע אנדערע נעמען וואָס די קריסטען האָבען געגעבען די שטעדט אין ארץ ישראל, איז אויך דער נאָמען פערגעסען געוואָרען, און די בעפעלקערונג האָט אָבגעהיט דעם אַלטען נאָמען כרך ביז היינט.

ארום קיר חרשת איז בארגעקומען דער קאמפף פון די דריי פערבינדעטע מלכים, יהורם מלך ישראל, יהושפט מלך יהודה און דער מלך פון אדום, געגען מישע מלך מואב, וואס האט רעוואלטירט געגען ישראל נאך דעם טויט פון אחאב'ן (מלכים ב' ג'). אין 1868 האט מען צווישען די רואינעס פון דיבון, די אמאליגע הויפט־שטאדט פון מואב, אין צפון זייט פון כרך, געפונען א שטיין, אויף וועלכען „מישע דער זוהן פון כמוש־מלך, דער מלך פון מואב אין דיבון", האט אויסגעקריצט די געשיכטע פון זיין בעפרייאונג



בילד 53.
די מצבה פון מישע מלך מואב, פון בערך 890 פאר'ן איירא־פעאישען צייטרעכנונג.

פון דעם יאָך פון ישראל און די שטעדט וואָס ער האָט אויפגעבויט אין מואב און די גבורות וואָס ער האָט בעוויזען מיט דער הילף פון מואב'ישען גאָט כמוש.
דאָס לאַנד פון מואב איז דאַן געווען בעריהמט מיט איהרע רייכע פּאַשע און בלי־הענדע ווייגגערטנער (ישעיה ט"ז). פון די פיעלע מואב'ישע שטעדט, וואָס ווערען דערמאָהנט אין דעם שטיין פון מישע מלך מואב (דיבון, קרחה, מידבא, בעל מעון,

---

דער אויפשריפט אויף מישע'ס שטיין.

אנכ משע בן כמש מלך מאב הד
יבני. אבי מלך על מאב שלשן שת ואנכ מלכ
תי אחר אבי. ואעש הבמת זאת לכמש בקרחה. במשע מ
שע כי השעני מכל המלכן וכי הראני בכל שנאי. עמר
י מלך ישראל ויענו את מאב ימן רבן כי יאנף כמש באר
צה. ויחלפה בנה ויאמר גם הוא אענו את מאב. בימי אמר כ
עבר וארא בה ובבתה וישראל אבד עלם. וירש עמרי את כל אר
ץ מהדבא וישב בה ימה וחצי ימה בנה ארבען שת. ויש
בה כמש בימי. ואבן את בעל מען ואעש בה האשוח ואבן
את קריתן. ואש גד ישב בארץ עטרת מעלם ויבן לה מלך י
שראל את עטרת. ואלתחם בקר ואחזה. ואהרג את כל העם מ
הקר ריח לכמש ולמאב. ואשב משם את אראל דודה ואס
חבה לפני כמש בקרית. ואשב בה את אש שרן ואת אנשי
מהרת. ויאמר לי כמש לך אחז את נבה על ישראל וא
הלך בללה ואלתחם בה מבקע השחרת עד הצהרים. ואח
זה ואהרג כלם שבעת אלף מגברן ומבגן וגברת ובנ
ת ורחמית. כי לעשתר כמש החרמתי ואקח משם ארא
לי יהוה ואסחביהם לפני כמש. ומלך ישראל בנה
יהץ וישב בה בהלתחמה בי. ויגרשה כמש מפני
אקח ממאב מאתם אש כל רשה. ואשאה ביהץ ואחזה...
לספת על דיבן. אנכ בנתי קרחה חמת היער וחמת
העפל. ואנכי בנתי שעריה ואנכ בנתי מגדלתה. וא
נכ בנת בת מלך ואנכ עשתי כלאי להאש... מן בקרב
הקר. ובר אן בקרב הקר בקרחה ואמר לכל העם עשו
לכם אש בר בביתה. ואנכ כרתי המכרתת לקרחה באשר
ן מישראל. אנכ בנתי ערער ואנכ עשתי המסלת בארנן.
ואנכ בנתי בת במת כי הרס הא. אנכ בנתי בצר כי עין
...ש דיבן חמשן כי כל דיבן משמעת. ואנכ מלכ
ת מאת בקרן אשר יספתי על הארץ. ואנכ בנת
י (מה)ד(ב)א ובת(ד)בלתן. ובת בעל מען ואשא שם את נק
צאן הארץ. וחורנן ישב בה...
אמר לי כמש רד הלתחם בחורנן. וארד ואלת...
(חם בחורנן) ישבה כמש בימי ועל דה משם עשת
...שדק ואנ...

קריתים, עטרות, קריות, נבו, יהץ, בית־במות, ערוער, בצר, בית־דבלתים, חורונים). און גלייכצייטיג אין תנ"ך און נאך איינינע וואס ווערען ־בעגעגענט בלויז אין תנ"ך — איז קלאר, אז דאס לאנד פון מואב איז דאמאלס געווען שטארק קולטיווירט און געדיכט בעוואוינט; וועהרענד היינט געפינען זיך דא נאר די חורבות פון די אלטע שטעדט, און דאס לאנד איז כמעט פוסט און ניט בעארבייט. מואב, וואס איז געווען אין בלום און שפראך זעהר נאהענט צו אידען, איז פערשוואונדען אין דער צייט פון בית־שני. קיר מואב אדער כרכא דמואב ווערט א לאנגע צייט ניט דערמאהנט*). ווען די נוכעי הצלב זיינען געקומען אין א"י האבען זיי געפונען כרך א צושטערטע און א פערלאזענע. פולקא, דער קריכטליכער קעניג, האט דא אין 1136 געלאזט אויסבויען א מעכטיגע פעסטונג, און א סך איינוואוינער האבען זיך דא בעזעצט. אבו־ל־פידא אין 14־טען יאהר־הונדערט לויבט די פעסטונג פון כרך אלס איינע פון די שטארקסטע און אונצוגענגליכסטע אין גאנץ סוריה. צוליעב איהר בעפעסטיגטע פאזיציע איז כרך געווען זעהר אפט דער שטרייט־פונקט צווישען די פערש־יעדענע הערשער און עראבער. טראץ דעם האט זיך די שטאדט געפונען אין א בליהענדען צושטאנד, און ארום איהר זיינען געווען צאהלרייכע גערטנער מיט אויסגעצייכענטע פרוכטען.

בעדואינישע הערשאפט.

נאך דעם ווי א"י איז אונטערגעפאלען דער טערקיישער הערשאפט (1517), האט כרך אנגעהויבען צו זינקען. די טערקיישע רעגיערונג האט דא געהאט א קנאפע דעה, און די אמת'ע בעלי־בתים פון „לאנד פון מואב" זיינען געווארען די בעדואינער. כרך איז לענגער ווי אלע אנדערע טיילען פון עבר הירדן געבליבען אונאבהענגיג. אין 18־טען יאהר־הונדערט האט זיך כרך געפונען אונטער דער הערשאפט פון בעדואינישען שבט בני־אמר, וואס זיינען געזעסען אין געצעלטען ארום דער שטאדט און האבען ארויפגעלעגט שווערע שטייערען אויף איהרע איינוואוינער, ביז דער שייך פון כרך האט זיך פעראייניגט מיט א בעדואינישען שבט חאוויטאט פון זיד א"י (דאס אמאליגע אדום) און האט מיט זיין הילף בעפרייט די שטאדט פון דעם יאך פון די בני־אמר. די פערטריבענע בני־אמר האבען יאהרען לאנג ארומגעוואנדערט ארום די ברעגעס פון ים המלח, אבער די איבערפעלע פון זייערע אלטע פיינד, די בעדואינער פון שבט טעראבין, האבען זיי געצוואונגען צוריקצוקעהרען זיך אין אנהויב פון 19־טען יאהר־הונדערט צו כרך און איבערגעבען זיך אין די הענט פון שייך פון שטאדט, וואס זיי האבען פריהער בעהערשט. דער שייך פון כרך האט זיי אויפגענומען מיט'ן תנאי, זיי זאלען זיך אין גאנצען אונטערוואַרפען זיין ממשלה, און מיט זייער הילף האט די שטאדט אנגעווארפען א פחד אויף די איבעריגע בעדואינישע שכנות'דיגע שבטים, און דערמיט האט כרך פערזיכערט איהר פאלקאמענע זעלבסטשטענדיגקייט, און איהר איינפלוס אין דעם גאנצען געגענד פון דער בעלקא האט זיך שטארק פערגרעסערט.

אונאבהענגיג־קייט פון כרך.

דער אויפשטאנד פון די וואהאביסטען (א נייע מוסלימישע סעקטע, וואס האט אנגעפיהרט א קאמפף געגען דער טערקיישער הערשאפט און דעם אפיציעלען איסלאם, עהנליך צו דעם קאמפף, וואס די רעפארמאציע האט אין 16־טען יאהר־הונדערט אנגעפיהרט געגען דעם רוימישען פויפסט און אפיציעלען קאטאליציזם) האט גאנץ אראביען און זיד א"י געבראכט אונטער דער הערשאפט פון די נייע מוסלימיש־פראטעסטאנטישע סעקטע און כרך האט זיך נאמינעל אויך גערעכענט פאר א וואהאביסטישע

*) אין חשמונאים ב' (י"ב 17) ווערט דערצעהלט אז יהודה המכבי איז געקומען אין א שטאדט כ א ר א ק א, וואו די אידען האבען זיך גערופען טוביים. דאס איז פיליכט כרך.

פראווינץ (1808). פאקטיש אבער זיינען די כרכ'ער געבליבען אונאבהענגיג אויך פון דער נייער אראבישער רעגיערונג, פונקט ווי זיי זיינען פריהער געווען פריי פון דער טערקישער. ווען די שטייער־אויפמאהנער פון מדינה (די רעזידענץ פון וואהאביסטישען אנפיהרער אבן סעיד) זיינען געקומען אין כרך, האבען זיי געקראגען א גאנץ פריינדליכע אויפנאהמע, זיי האבען אבער געמוזט אוועקגעהן מיט ליידיגע הענט. די איינוואוינער פון כרך האבען קיינעם קיין שטייערען ניט געצאהלט, אין געגענטייל, זיי האבען ארויפגעלעגט שטייערען אויף די קליינע ארומיגע בעדואינישע שבטים און פלאחין, וואס האבען בעארבייט די ברעגעס פון ים המלח.

אפילו מחמד עלי און איברהים פאשא פון מצרים, וואס האבען בעזיעגט די וואהאביסטען און עראבערט א"י און סוריה און מיט אן אייזערנע האנד געוועלטיגט אין לאנד ארום 8 יאהר, זיינען ניט געווען ביכלת אונטערצודריקען די זעלבסטשטענדיגקייט פון כרך, הגם א מצרי'שער גארניזאן האט א געוויסע צייט פערנומען די פעסטונג פון כרך און איברהים האט צושטערט א טייל פון כרך'ס מויערען.

נאך דעם אוועקגעהן פון איברהים פאשא אין 1840 איז כרך נאמינעל ווידער אמאל אונטערגעפאלען דער טערקיי; די איינוואוינער האבען אבער נאך א לאנגע צייט ניט געוואלט אנערקענען דעם אויטאריטעט פון די קאנסטאנטינאפאלער רעגיערונג. אין 1893 האט די טערקישע רעגיערונג געשיקט א גרויסע ארמעע געגען כרך, און ערשט דאן האבען די איינוואוינער פון דער פעסטונג־שטאדט זיך אונטערגעגעבען. די רעגיערונג האט געמאכט כרך פאר'ן צענטער פון א נייעם סאנדזשאק אין דמשק'ער ווילאיעט און האט דא אוועקגעזעצט א מוטעסאריף (גובערנאטאר). אין דעם נייעם סאנדזשאק איז איינגעשלאסען געווארען דער גאנצער דרום טייל פון עבר־הירדן, פון טייך יבוק ביז'ן גאלף פון עקבה — דאס אמאליגע לאנד פון גד, ראובן, מואב און אדום. דער הויפט צוועק פון שאפען א נייעם סאנדזשאק איז געווען צו בעפעסטיגען די טערקישע מאכט צווישען די מאדערנע איינוואוינער פון מואב. מיט דער הילף פון דער חערזשאז־באהן איז ענדליך געלונגען די רעגיערונג צו צווינגען די פרייע קינדער פון מדבר אונטערצוווארפען זיך איהר אויטאריטעט.

דער לעצטער אויפשטאנד פון כרך אין 1910 האט זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגען זיעג פון דער רעגיערונג.

אויפשטאנד אין 1910.

ווען מ'האט געבויט די באהן, האט די רעגיערונג געצאהלט א יעהרליכען געהאלט די בעדואינישע שייכען, זיי זאלען ניט שטערען די דורכפיהרונג פון נייעם וועג. ווען די באהן איז טיילווייז פערענדיגט געווארען, האט די רעגיערונג זיך שוין געפיהלט גענוג שטארק ניט צו צאהלען מעהר קיין געהאלט. דאס האט נאטירליך שטארק אויפגערעגט די בעדואינער. די רעגיערונג האט דאן בעשלאסען זיי צו ענטוואפענען מיט געוואלד (1910). דער מוטעסאריף פון כרך האט צוזאמענגערופען אלע שייכען פון כרכ'ער געגענד און פערלאנגט, זייערע שבטים זאלען איבערגעבען זייער געוועהר צו דער רעגיערונג. אין א שארפען דיספוט האט איינער פון די שייכען געצויגען זיין שווערד אויפ'ן מוטעסאריף, אבער דער לעצטער האט איהם גלייך דערשאסען מיט זיין רעוואלווער. דאס האט באלד ארויסגערופען אן אויפשטאנד. א גרויסע ארמעע פון בעדואינער זיינען בעפאלען די רעגיערונגס בעאמטע אין כרך און פיעלע אויסגעהרג'עט. דער פאשא מיט א ביסעל מיליטער האבען זיך צוריקגעצויגען אין די פעסטונג, און די גאנצע שטאדט איז אריינגעפאלען אין די הענט פון די רעוואלטירענדע בעדואינער. אלע רעגיערונגס־געביידען זיינען צושטערט געווארען און מחנות בע־

דואינער האבען זיך פערשפרייט אין גאנצען געגענד און חרב געמאכט די טעלעגראַ־פען און אייזענבאהנען סטאנציאָנען אויף א גרויסען שטח פון עבר הירדן און איבעראל אויסגע׳הרג׳עט די טערקישע בעאמטע און סאלדאטען. צו די בעדואינער זיינען צוגעשטאנען די אנטלאפענע דרוזען, וואס האבען מיט א קורצע צייט צוריק געמאכט אן אויפשטאנד אין חורן. א שרעק איז אנגעפאלען אויפ׳ן גאנצען לאנד, און מ׳האט מורא געהאט, אז די רעוואלטירענדע זאלען ניט אריבערגעהן דעם ירדן און אנ־פאלען אויך אויף חברון, עזה, באר שבע אין מערב א״י. באלד אבער האט די רע־גיערונג געשיקט א גרויסע ארמעע פון דמשק און ירושלים. סעמי פאשא, וואס האט אונטערגעדריקט דעם דרוזישען אויפשטאנד, איז אן דער שפיצע פון אן ארמעע פון 20.000 מאן אנגעקומען מיט דער באהן קיין קעטראנע, און פון דארט אין כרך. די בעדואינישע מחנות האבען זיך גלייך צושפרייט און אנטלאפען אין מדבר. דער פאשא פון כרך, וואס איז 10 טעג געווען פערשפארט אין פעסטונג, איז ארויס מיט זיין מילי־טער, און דער געגענד האט זיך איינגעשטילט.

ווען דער בעריהמטער רייזענדער בורקהארדט האט בעזוכט כרך (1812), האבען
בעפעלקערונג. זיך דארט געפונען ארום 550 פאמיליען, 400 מוסלימישע, 150 קריסטליכע. (דער
אמעריקאנער לינטש האט געפונען דא אין 1848 נאר 300 פאמיליעס, דאס רוב קריס־טען). די דאזיגע בעפעלקערונג איז מייסטענס בעשטאנען פון אויסוואנדערער פון מערב א״י — מוסלימער פון די בערג פון שכם און חברון און קריסטען פון ירושלם און בית לחם. די הויפט בעשעפטיגונג איז געווען פיה־צוכט, אקערבוי און האנדעל. די בעפעלקערונג, הגם בעשטענדיגע איינוואוינער פון שטאדט, האבען אין אלעם — אין שפראך, קליידונג און זיטען — אויסגעזעהן ווי בעדואינער. ווי די לעצטע זיינען זיי געווען צוטיילט אין קלענערע שבטים אדער קלאנען — אין אראביש: חמולה — מיט א שייך אן דער שפיצע. דער דאזיגער בעדואינישער כאראקטער פון כרך איז פער־בליבען ביז היינט. אויך איצט בעשעפטיגט זיך די בעפעלקערונג הויפטזעכליך מיט פיה־צוכט און פעלד־ארבייט. דער האנדעל פון שטאדט ווערט געפיהרט מיט חברון און ירושלם און מיט בעדואינישע שבטים פון דער בעלקא.


די מעהרסטע קריסטליכע איינוואוינער פון כרך (ארום 1.500 מאן) האבען פער־לאזען אין 1880 די שטאדט און בעזעצט זיך אין מירבא. איצט איז כמעט די גאנצע בעפעלקערונג — ארום 10.000 מאן — א מוסלימישע.

די אומגעבונג פון כרך איז, א חוץ דעם פערוויסטען נגב, די אם וועניגסטען
כרכ׳ער געגענד. בעפעלקערטע געגענד פון א״י. דער שטח פון כרך׳ער סאנדזשאק איז לויט קינע
20.000 קילאמעטער. לויט די אפיציעלע אנגאבען פון 1915 זיצען דא אין גאנצען ארום 70.000 נפשות, די גרעסטע טייל בעדואינער, וואס בעשעפטיגען זיך הויפטזעכ־ליך מיט פאשע. די צאהל פון בעשטענדיגע ישובים איז זעהר קליין. אין די קאדא פון כרך זיינען פאראן אין גאנצען פינף דערפער, און אין גאנצען סאנדזשאק — 30.

דיזער געגענד מאכט איצט ביי זיין שיטערער און האלב־ווילדער בעפעלקערונג אן איינדרוק פון א מדבר. אין דער ווירקליכקייט איז ער פון דער נאטור בעשאנקען געווארען מיט א הויכער פראדוקטיווער קראפט, און דורך געניגענדע און ראציאנעלע ארבייט וואלט ער לייכט געקאנט געבראכט ווערען צו א בליהענדען צושטאנד. די קול־טורען פון אלע לענדער און אלע קלימאטען קאנען זיך דא ענטוויקלען און טראגען פריכט. אין טאל, נעבען דעם ירדן און ים־המלח, וואס איז דער טיפסטער ארט אין דער וועלט (ארום 1.300 פוס אונטער דער אויבערפלעכע פון ים) איז דער קלימאט

א הייסער, א סוב־טראָפּישער ווי אין מצרים. דאָגעגען די עבענע פון מואב ליגט 4000 פוס איבער די הויך פון ים, אָדער 5000 פוס איבער דעם ירדן־טאָל. דער רעזולטאט דערפון איז, אז דאָ איז מעגליך צו דערגרייכען אזא פערשיעדענארטיגקייט פון אַג־ריקולטורעלע פּראָדוקטען ווי אין קיין אנדער אָרט אויף דער וועלט ביי אזא בע־שרענקטען שטח. אין טאָל קאָן מען קולטיווירען קאטאָן, צוקער־רוירען, רייז, קאפּע, באמבוק, אינדיגא, פּאלמען. עטוואָס העכער איז דאָס לאנד צוגעפּאסט צו דער קול־טור פון טאבאק, מאיז, פלאקס, סעזאם, אראנזשען, גראנאטען, פייגען. נאָך העכער אין דער עבענע, וואקסען ווייץ, גערשט, לינזען, טרויבען, אָליוען, זייד, אבריקאסען, מאנדלען און אנדערע פרוכטען.

די צאָהלרייכע חורבות און רעשטען פון גרויסארטיגע געביידען, פּאלאצען, טעמפּ־לען און גאנצע שטעדט וועלכע מ׳געפינט נאָך איצט אין פערשיעדענע טיילען פון



בילד 54.

א פערצייטיגע ציסטערנע אין זיזא וואָס האלט 138,000 קוואדראט פוס.

כרך׳ער סאנדזשאק — אין ג׳רש (דזשעראש), סלע (פּעטרא), רבת־עמון, ערק־אל־אמיר, משיתא און אנדערע ערטער — זאָגען עדות אויף דער הויכער קולטור און גע־דיכטער בעפעלקערונג פון אמאָליגע צייטען. בעזונדערס אינטערעסאנט זיינען די גרויסע ברכות (ציסטערנעס) וואָס זיינען פערבליבען פון אמאָל. די דאָזיגע וואסער־באסיינען זיינען אויסגעהאקט אין פעלזען אָנצוזאמלען די רעגען וואסער, און האָבען געדיענט פריהער פאר איריגאנציאָנס־צוועקען. נעבען זיזא געפינט זיך די גראנ־דיעזע ציסטערנע וואָס האלט 420 פוס אין דער לענג און 330 פוס אין דער ברייט און ענטהאלט 70.000 קוביק מעטר וואסער, א צווייטער באסיין נעבען קאטראנע ענטהאלט 36.000 קוביק מעטער. קלענערע ציסטערנעס זיינען פארשפרייט אין מיס־בייטא, אוב־דאסאס, מידבא און אנדערע ערטער.

עס איז כאראקטעריסטיש וואס אפילו איינע פון די הונדערטער ציסטערנעס, וואס זיינען פעריטפרייט אין זידליכען עבר הירדן, איז ניט געמאכט געווארען פון די איצטי־גע איינוואוינער פון לאנד. די האלב־ווילדע בעדואינער פערשטעהען זאגאר ניט דעם גרויסען ווערטה פון די דאזיגע איריגאציאנס־מיטלען, א דאנק וועלכע דאס לאנד איז געווען פריהער אזוי פרוכטבאר און רייך, און קאנען זיך מיט זיי ניט בענוצען. פיעלע פון די באסיינען־ווערען דעריבער רואינירט. עס פאדערט זיך אבער ניט קיין סך מיה צוריקצוברענגען די גרויסע וואסער־רעזערוואוארען אין א נוצליכען צושטאנד, און צו בעוואסערען מיט זיי די גרויסע שטרעקעס אונבעארבייטעטע באדענס פון מואב און גלעד, און דערמיט ווידער בעשאפען דעם פריהערדיגען וואוילשטאנד און געדיכטען יישוב, אויף וועלכען עס צייגען די גרויסארטיגע רואינעס פון די פיעלפאכע שטעדט.

א גרויסע בעדייטונג פאר דער עקאנאמישער צוקונפט פון „לאנד פון מואב“ האבען די אונערשעפליכע אוצרות פון כעמישע און מינעראלאגישע רייכטימער פון ים המלח, וואס זיינען ביז איצט כמעט נאך ניט בעריהרט געווארען. צוזאמען מיט די רייכע פאספאט גרובען וואס זיינען לעצטענס ענטדעקט געווארען אין דער אומגעגענד פון סאלט און די נאפט־קוואלען פון גלעד אין דער נאהענטקייט פון ים המלח, ווי אויך די הייסע הייל־בעדער און שוועבעל־קוואלען פון זערקא־מעין אדער קאליראהי, די בעדער וואס זיינען געווען בעריהמט אין דער גאנצער רוימישער אימפעריע — שאפען זיי א מעגליכקייט פאר דער ענטוויקלונג פון גרויסע אינדוסטריעלע אונטער־נעהמונגען אין דעם אויפשוואונג פון א שטאדטישען יישוב, וואס וועט אהן צווייפעל איבערשטייגען אפילו דעם יישוב פון די בליהענדסטע צייטען אין דער פערגאנגענהייט פון לאנד.

די אייזענבאהן שניידט איצט דורך די גאנצע לענג פון עבר הירדן, און איז פערבונדען מיט די צוויי הויפט־פארטען פון לאנד — חיפה און יפו. פון מ ע ן — דער ווייטסטער פונקט אין זידליכען עבר־הירדן, פון וואנען די העדזשאז־באהן געהט אוועק אין מדינה — ביז'ן גאלף פון עקבה איז איינגאנצען 125 קילאמעטער, און ביי דער דורכפיהרונג פון א נייעם צווייג איבער דיזען פערהעלטניסמעסיג קליינעם שטח ביז עקבה, — בעקומט דער עבר־הירדן א דירעקטען אויסגאנג דורכ'ן ים צום אינ־דישען אקעאן, ווי אין שלמה'ס צייטען. וואסערע גלענצענדע פערספעקטיווען דאס וועט עפענען פאר'ן לאנד — איז זיך איצט אפילו שווער פארצושטעלען.

אונאויפהערליכע מלחמות, פאליטישע אנארכיע און די הערשאפט פון די קולטור־פיינדליכע בעדואינער האבן פערוויסטעט די רייכע פראווינץ און פערניכטעט די גרויסע שטעדט פון עבר הירדן. איצט האט זיך די קאנטראל פון דער רעגיערונג דא פערשטארקט, די שליטה פון די בעדואינער איז שוין כמעט אבגעשאפט, די זיכערהייט איז שוין ניט פיעל וויינינגער ווי אין מערב א"י — און די הויפט־זאך וואס פעהלט פאר דער אויפלעבונג פון דעם נאך אלץ האלב-וויסטען געגענד — איז א קולטורעלער עלעמענט, וואס זאל זיין אומשטאנד צו פערווירקליכען די עקאנאמישע מעגליכקייטען, וואס זיינען דא פערבארגען. געוויס קאן מען דאס ניט ערווארטען פון די וואנדערענדע איינוואוינער, פון די האלב ווילדע בעדואינער. די מעהר פערשטענדליכע בעדואינישע אנפיהרער פערשטעהען שוין אליין, אז דאס לאנד שטעהט פאר גרויסע ענדערונגען, בעזונדערס זייט די אייזענבאהן איז דא דורכגעפיהרט געווארען, און זיי קאנען שוין מעהר ניט בלייבען די הערשער פון מדבר — ווייל די מדבר איז גרייט צוריק פערוואנדעלט צו ווערען אין א קולטור־לאנד.

דער דייטשער אינזשענער און פאלעסטינא־פארשער גאטליב שומאכער, וועלכען די טערקישע רעגיערונג האט געשיקט אין עבר הירדן צו מאכען די נויטיגע פארבעריטונגען פאר דער דורכפיהרונג פון דער אייזענבאהן דערצעהלט וועגען א שמועס, וואס ער האט געהאט מיט דעם הויפט־שייך פון וליד־עלי פון שבט ענזה, דער מעכטיגסטער שבט צווישען די בעדואינער פון עבר־הירדן, מכח די געפלאנעוועטע אייזענבאהן.

„איך זעה זעהר גוט — האט געזאגט מוחמד אבן א־סמייר, דער שייך פון וליד־עלי, וועלכען די בעדואינער רופען „סולטאן אל־באר" (סולטאן פון לאנד), — אז מיט דעם גרויסען אייזען־וועג וועלען מיר ניט קאנען בלייבען אין חורן. אבער מיר ווייסען, אז דאס לאנד וועט זא־ווי־זא ניט בלייבען אונזערס אויף אייביג, ווארום מיר האבען געהערט, אז די קינדער פון די יעניגע וועמענס ביינער ליגען אונטער די רואינעס פון לאנד, זיינען גרייט צו קומען צוריק, אום ווידעראויפצובויען איהרע שטעדט, אזוי ווי זיי זיינען געווען אין די צייטען פון זייערע אורעלטערען"...

ביבליאגראפיע צו דער פינפטער אבטיילונג, ערשטער קאפיטעל.

אלגעמיינעס.

תבואות הארץ מאת הרב יוסף שווארץ. ירושלם, תר"ס.
כפתור ופרח מאת ר' אשתורי הפרחי. הוצאת לונץ, ירושלם, תרנ"ט.
הארץ מאת א. ספיר (הוצאת „קהלת") יפו א"י, ה' תרע"א.
לוח ארץ ישראל הוצאת א. מ. לונץ, ירושלם תרע"ו-תרע"ד.
سالنامهٔ ولاية بيروت ١٣٢٦
على جواد · ممالك عثمانيه نك تاريخ وجغرافيا لغاتى در سعادت ١٣١٣
Carl Ritter: Vergleichende Erdkunde der Sinai-Halbinsel, von Palaestina und Syrien. 4Bde. Berlin. 1848-55.
C. R. Conder: Tent Work in Palestine. 2 vol. London. 1878.
Memoirs of the Survey of Western Palestine. Vol. 1, 1881. Vol. 2, 1882. Vol. 3, 1884.
W. Thomson: The Land and the Book. 3 vol. Hartford, Conn. 1907.
H. S. Osborn: Palestine, Past and Present. 1859.
A. P. Stanley: Sinai and Palestine. 1889.
H. B. Tristram: Land of Israel. London. 1866.
H. B. Tristram: Land of Moab. 1873.
H .Stebbig: The Christians in Palestine.
V. Guerin: Description geographique, historique et archeolgigue de la Pal. 7 vol. Paris. 1868-1880.
Laurence Oliphant: The Land of Gilead. New York. 1881.
Laurence Oliphant: Haifa or Life in Modern Palestine. New York. 1887.
E. H .Palmer: Desert of the Exodus. 1872.
Selah Merrill: East of the Jordan. New York. 1881.
M. Lorter: La Syrie d'Aujourd'hui. Paris. 1884.
Vital Cuinet: Syrie, Liban et Palestine. Paris. 1896-1901.
C. Geike: The Holy Land and the Bible. 2 vol. New York.
Karl Baedeker: Palestine and Syria. Leipzig. 1912.
Herman Guthe: Palaestina. Leipzig. 1908.
G. E. Post: Essays on the Sects and Nationalities of Syria and Palestine. Q. S. P. E. F. 1890, p. 98.
D. Tritsch: Palaestina Handbuch. 1912.
M. K. T. Khairallah: La Syrie. (Revue du Mond Musulman, vol. 19. 1912.)
Nadra Moutran: La Syrie de demain. Paris. 1916.

געשיכטליכעס:

כתובים אחרונים, מועתקים מיונית ע"י רי"ז פרנקל.
משא ארץ ישראל ע"פ חכמי המשנה והתלמוד ליוסף דרנבורג, תרגום מבש"ז. תרנ"ו.
דברי ימי ישראל מאת צבי גראטץ, מתורגם עברית מאת

שאול פנחס ראבינאוויטץ, תשעה חלקים, ווארשו תרנא-תרס"ט.
דור דור ודורשיו מאת א. ה. וויים.
דברי ימי ישראל בתוגרמה מאת אברהם רוזאנום ג' חלקים הוסיאטין.
שלשת בעלי המסעות לבית ישראל (אלדד הדני, ר' בנימין מטודילא ור' פתחיה מרעגענסבורג) מאת פ. מרגלין. ס"ט פטרבורג, תרמ"א.
מסע לא"י מאת ר' משולם בן מנחם מוולטירא בשנת ה' רמ"א („ירושלם", כרך א').

A. H. Sayce: Patriarchal Palestine. 1895.
L. B. Paton: The Early History of Syria and Palestine. 1901.
C. R. Conder: The Tell-Amarna Tablets. London. 1893. ·
W. M. Petrie: Syria and Egypt from the Tell-el-Amarna lettres. New York. 1898.
Records of the Past,being English translation of the Assyrian and Egyptian monuments, published under the sanction of the Society of Biblical Archaeology. 11 vol.
E. Robinson: Biblical Researches in Palestine. 3 vol. Boston. 1856.
H. Reland: Palaestina ex monumentis veteribus illustrata. 1714.
F. Buhl: Geographie des Alten Palaest. 1896.
G. A. Smith: The Historical Geography of the Holy Land. 17th Edition.
H. O. Harper: The Bible and Modern Discoveries. 1891.
The Works of Flavius Josephus, by Whiston. 1891.
J. A. Montgomery: The Samaritans. Philadelphia. 1907.
C. R. Conder: The Latin Kingdom of Jerusalem. London. 1897.
Adolph Neubauer: Le Geographie du Talmud. Paris. 1868.
Description of Syria including Palestine by Mukaddasi. Translated by Guy le Strange. 1892. P. P. T. S.
Dr. G. Hoelscher: Die Geschichte der Juden in Pal. seit dem Jahre 70 nach Chr. Leipzig. 1909.
Guy le Strange: Palestine under the Moslems. 1890.
Das Gaonat in Pal. The Jewish Quarterly Review, vol. XV.
T. Wright : Early Travels in Palestine. 1848. Contests :
The Travels of Bishop Arculf.................................... 700
The Travels of Willibald.....................................721-727
The Voyage of Bernard the Wise................................ 867
The Travels of Seawulf.....................................1102-1103
The Saga of Sigurd the Crusader.............................1107-1111
The Travels of Rabbi Benjamin of Tudela.....................1160-1173
The Book of Sir John Maundeville............................1322-1356
The Travels of Bertrandon de la Broquiere...................1432-1433
The Journey of Henry Maundeville...............................1697
Intineraires de la Terre Sainte des XIII, XIV, XV, XVI et XVII siecles. Traduis de l'Hebreu par E. Carmoly. Bruxelles. 1847.

הליכות א"י.
אינהאלט: ספר הכוזרים. מסע דפלסטיני מאת שמואל בר שמשון (1210), סימני הקברים מאת יעקב דפרים (1253), שבילי דירושלם מאת ר' יצחק חילו (1334), אהבת ציון מאת אליהו דפירארה (1438), יחוס הצדיקים מאת גרשון דסקארמולה (1561), יחוס האבות מאת אורי דקיעל (1564), מסעות של שלמה יעמסל (1641).

L. d'Arvieux: Voyage dans la Palestine (1658-65). Paris. 1717.
C. F. Volney: Voyage en Egypte et en Syrie pendant les annees 1783, 1784 et 1785. Paris. 1787.
Travels of Lady Hester Stanhope. 3 vol. 1846.
J. L. Burckhardt: Travels in Syria. London. 1822.
Narrative of a Mission of Inquiry to the Jews in 1939. 2 vol. Edinburgh. 1848.
J. Wilson: The Lands of the Bible. Edinburgh. 1847.
Diaries of Sir Moses and Lady Montefiore. Edited by Dr. L. Loewe in 2 vol. London. 1890.
L .A. Frankel: Nach Jerusalem. Leipzig. 1858.
S. Munk: Palestine. Paris. 1843.
The City and the Land. 1892. P. E. F.

ווירטשאפטליכעס.

Dr. A. Ruppin: Syria als Wirtschaftsgebiet. Berlin. 1917.
P. Palmer: Das jetzige Bethlehem. Z. D. P. V. XVII. 1894.
Das jetzige Nazareth von G. Schumacher. Z. D. P. V. XIII. 1890. s. 235.
G. Schumacher: Es-Salt. (Z. D. P. V. XVIII. 1895.)
A. Aaronson, Dr. S .Soskin: Die Rosinenstadt Es-Salt. (Altneuland. 1904. s. 13.)
Ph. G. Baldensperger: The Immovable East. Q. S. P. E. F. 1903.
G. Schumacher: Population of Akka. Q. S. P. E. F. 1887.
D. Tritsch: Die Industrien Palaestinas. (Palaestina. 1907. s. 149.)
Curt Nawratzki: Die Judische Kolonisation Palaestinas. Munchen. 1914.
G. Gatt: Industrielles aus Gaza. Z. D. P. V, VIII. 1885.
N. Wilbuschewitch: Die Muehlenindustrie in Palaestina. (Altneuland. 1904. s. 353.)
Die Verkehrswege Palaestinas, von A. Aaronson und Dr.S. Soskin. (Pal. II. 1903. s. 7.)
Ernest Weakly: Report upon the Conditions and Prospects of British Trade with Syria. London. 1911.
Annual Series Diplomatic and Consular Reports on the Trade of the District of Jerusalem for the years 1885-1913; of the District of Syria (Beirut) for the years 1893-1913; of Damascus for the years 1901-1911.
Monthly Consular and Trade Reports. Washington. 1907. July. No. 322.
Berichte ueber Handel und Industrie. Band XIII. Berlin. 19 November. 1909. Heft. 6.
Handel und wirtschaftliche Verhaeltnisse im Bezirk des Kaiserl. Konsulats von Jerusalem. s. 226.
Deutsches Handels Archiv. Berlin. 1914:
Schiffahrrsbericht des Kais. Vizekonsuls fuer das Jahr 1913. Haifa. s.. 757.
H. A.: 1913. s. 798. Jaffa Handelsbericht des Kais. Vizekons. fuer 1912.
H. A. 1903. s. 855: Jaffa Handelsbericht fuer das Jahr 1902.
H. A.: 1905. Haifa. s. 889.
1906. Jaffa. s. 789.
1906. Jaffa. s. 1198.

צווייטער קאפיטעל.

לאנדווירטשאפטליכער ישוב.

ד י פ ל א ח י ן (פעלאכין). זייער געשיכטע און סאציאל־עקאנאמישע פערהעלטניסע.

א. דארפישע בעפעלקערונג.

ארץ ישראל איז אן אגריקולטורעלעס לאנד. ניט וועניגער פון 70 פראצענט פון גאנצען ישוב בעשעפטיגט זיך מיט לאנדווירטשאפט — ערד־ארבייט און פיה־צופט. בערך א זיבעטעל פון זיי — קנאפע 100.000, וואוינען אין די שטעדט און בילדען 25 פראצענט פון שטאדטישען ישוב. אנ'אנדער זיבעטעל בעשטעהט פון וואנדערנדע געצעלט־איינוואוינער, בעדואינער. זיי בעשעפטיגען זיך הויפטזעכליך מיט פיהצוכט, און נאר אין זעהר א קליינער מאס מיט ערדארבייט. די איבעריגע פינף זיבטעל — ד. ה. די גרעסטע העלפט פון דעם גאנצען ישוב אין ארץ ישראל — זיינען דאס די אייגענטליכע אקערבויערישע אדער דארפישע בעפעלקערונג, די אזוי־גערופענע פלאחין (פעלאכין).

(פלאחין איז דער רבים פון פלאח, וואס בעדייטעט אין אראביש אקערבויער, פון שורש פלח — אקערען).

אין ארץ ישראל זיינען ניט פארהאן קיין איינצעלנע איזאלירטע פארמס, ווי צוםביישפיעל אין אמעריקא. די פויערים וואוינען צוזאמען אין דערפער, אין קלענערע און גרעסערע געמיינדעס, דורכשניטליך צו 400 נפשות אין א דארף. איינינגע דערפער (ווי תרשיחא און גליל העליון, לוביה און כפר כנא אין גליל התחתון, בית דג'ן, מגדל אין יהודה, סלפית, ג'מעין אין שומרון און נאך איינינגע), צעהלען גאר פון 2000 ביז 3000 איינוואוינער.

סטאטיסטיק פון דערפער און לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג.

בערך צוויי דריטעל פון דער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג געפינט זיך אין מערב ארץ ישראל און איין דריטעל — אין עבר הירדן. די צאהל דערפער אין ביידע טיילען לאנד איז עטוואס מעהר פאר 1300, פון זיי 850 אין מערב זייט פון ירדן, די איבריגע אין מזרח זייט. די פאלגענדע ליסטע צייגט די צאהל דערפער און זייערע איינוואוינער אין איטליכער קאדא פון ביידע זייטען ירדן. ביין צוזאמענשטעלען די ליסטע האבען מיר געהאט פאר זיך (רעכענענדיג בלויז די וויכטיגסטע קוואלען) די אפיציעלע אנגאבען פון „סאלנאמעי־דעוולעטי־אליע" (אפיציעל טערקישער יאהרבוך), פון סאלנאמע (יאהרבוך) פון דמשק'ער ווילאיעט, וואס ענטהאלט אנ'אויספיהרליכע רשימה פון אלע דערפער אין עבר הירדן, הארטמאנ'ר ליסטע פון אלע דערפער אין ירושלים'ער סאנדזשאק פון 1871, אנ'אפיציעלע רשימה פון אלע דערפער פון שכמ'ער סאנדזשאק, אינזשעניער שומאכער'ס דעטאלירטע סטאטיסטיק פון יעדען איינצעלנעם ארט אין עכו'ר סאנדזשאק (אין 1886), די אפיציעלע אנגאבען פון סאלנאמע פון בירות'ער ווילאיעט (אין 1910), אינזשעניער שומאכער'ס סטאטיסטישע מאטעריאלען פון גולן, בשן, גלעד (עגלון) און די אויספארשונגען פון „פאלעסטיין עקספלאריישאן פאנד", וואס האט בעשריבען יעדעס דארף אין מערב א"י.

די פאלגענדע רשימה איז פינקטליך ווי מעגליך אויף וויפיעל דאס איז נוגע די צאהל דערפער, וואס אנבעלאנגט אבער די דארפישע בעפעלקערונג איז אזא פינקטליכקייט נאטירליך אויסגעשלאסען. די ציפערען זיינען געשטיצט אויף פערשיעדענע סטאטיסטישע אנגאבען פון 1895 ביז 1910.

א. מערב ארץ ישראל

קאדא	דערפער	איינוואוינער
יפו — — — —	55	30.000
ירושלים — — —	116	45.000
עזה — — — —	60	40.000
חברון — — — —	55	28.000
ס"ה אין ירושלם'ער סאנדזשאק — —	286	143.000
שכם — — — —	82	46.000
ג'נין (עין נגב) —	87	37.000
בני־צעב — — —	59	30.000
ס"ה אין שכם'ער — סאנדזשאק — —	228	113.000
עכו — — — —	53	25.000
חיפה — — — —	43	15.000
נצרת — — — —	23	8.000
טבריה — — —	17	6.000
צפת — — — —	34	12.000
ס"ה אין עכו'ער — סאנדזשאק — —	170	66.000
צור — — — —	121	31.000
מרג עיון — — —	45	25.000
ס"ה אין בירות'ער סאנדזשאק— —	170	56.000
ס"ה אין מערב א"י	850	378.000

ב. עבר הירדן.

קאדא	דערפער	איינוואוינער
חצביה — — —	18	8.000
קנייטרה (גולן) —	53	25.000
וואדי אלעג'ם — —	74	———
שייך סעד — — —	51	22.000
אדרעי — — —	31	15.000
בצר אל חריר —	34	14.000
עג'לון — — — —	105	37.000
ג'בל דרוז — — —	95	20.000
כרכ'ער סאנדזשאק	31	20.000
ס"ה אין עבר הירדן	492	161.000

צוזאמען אלזא 1342 דערפער מיט בערך 540.000 איינוואוינער.

די דאָרפּישע ישובים זיינען ניט פאַנאַנדערגעטיילט גלייכמעסיג איבער'ן לאַנד. אין אייניגע טיילען זיינען די דערפער מעהר און די בעפעלקערונג געדיכטער, אין אַנדערע פערקעהרט. די ברעג־עבענע, מיט דער אויסנאַהם פון די זומפּיגע געגענד פון טול־כרמ'ער קאַדאַ, דער אויבערשטער גליל און שומרון האָבען פּראָפּאָרציאָנעל די גרעסטע צאָהל דערפער און איינוואוינער. דער עקסטרעמער דרום, דער ירדן־טאָל און די נאָהענטע בערג פון מערב־זייט האָבען די קלענסטע צאָהל ישובים. דאָס אַלץ איז אין מַערב ארץ ישראל. אין עבר הירדן איז די וועסט־נאָרדליכע טייל פיעל מעהר קולטיווירט און האָט מעהר דאָרפּישע ישובים ווי דער זיד־אָסטליכער טייל. ווען מיר זאָלען איינטיילען דאָס לאַנד אין גלייכע סעקציעס פון 10 קילאָמעטער אין דער לענג און 10 קיל. אין דער ברייט און אויסרעכענען פּראָפּאָרציאָנעל די צאָהל דערפער און איינוואוינער וואָס קומט אויס אויף יעדער סעקציע אין פערשיעדענע טיילען פון לאַנד — וועלען מיר בעקומען די פאָלגענדע רעזולטאַטען:

סאנדזשאק	אלגעמיינער שטח (אין קוואד. ק.)	אויף יעדע 100 ק. ק.: דערפער	נפשות
ירושלים	18.900	1.5	756
שכם	4.140	5.5	2.729
עכו	3.000	5.6	2.200
צור און מרג' עיון (בירות'ער סאנדזשאק)	1.160	14.3	4.827
ס"ה אין וועסט־ירדן־לאנד	27.200	3	1.389

דער שטח פון עבר הירדן בכלל און פון זיינע בעזונדערע טיילען בפרט איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען. בלויז וועגען אייניגע קאַדאַ'ס האָבען מיר מעהר־ווייניגער פּינקטליכע אנגאבען בנוגע זייער גרויס. מיר וועלען דעריבער מוזען זיך בעגרענוצען נור מיט זיי.

די קאַדאַ א ד ר ע י (דרעא) פערנעמט א שטח פון 2.060. אויף יעדע הונדערט ק. ק. קומט דאָ אויס 1.5 דערפער און 728 איינוואוינער. דער שטח פון עג'לון (גלעד) איז אונגעפעהר 3.000 ק. קל. דאָס מאַכט אַלזאָ אויס 3.5 דערפער און 1.233 איינוואוינער אויף יעדע 100 ק. ק. די גרויס פון קנייטרה (גולן) איז בערך 1.800 ק. ק. אויף א סעקציע פון 100 ק. ק. קומט דאָ אויס 3 דערפער און 1.389 איינוואוינער. דער שטח פון גבל־דרוז איז אונגעפעהר 3.600 ק. ק. אויף יעדע 100 ק. ק. קומט אַלזאָ אויס 2.6 ישובים און 555 נפשות.

שאַצונגסווייזע קאָן מען אָננעהמען אז דער גאַנצער עבר־הירדן וואָס האַלט בערך 25—30.000 ק. ק. האָט דורכשניטליך אויף יעדע 100 ק. ק. 1.5—1.9 דערפער מיט 536—644 איינוואוינער, וואָס מאַכט אויס כמעט א העלפט פון דעם אַלגעמיינעם דורכשניט אין מערב ארץ ישראל.

אין דער שכנות'דיגער פּראָווינץ אויף'ן צפון גרעניץ פון ארץ ישראל, אין אויטאָנאָמען לבנון, געפינט מען אויף א שטח וואָס איז עטוואָס גרעסער פאַר'ן עכו'ער סאנדזשאק (3.200 ק. ק.), 930 דערפער מיט א בעפעלקערונג פון 375,000 נפשות, ד. ה. אונגעפעהר אזוי פיעל ווי אין גאַנץ מערב ארץ ישראל, וואָס איז 8 און א האַלב מאָל גרעסער פאַר'ן לבנון. אויף יעדע 100 ק. ק. קומט דאָ אויס 29 דערפער מיט 11.656 נפשות.

ב. די אבשטאמונג פון די פלאחין.

נאַציאָנאַל־רעליגיעזע־בעשטאנד.

ווי די פּאַלעסטינער בעפעלקערונג בכלל אזוי איז אויך אויך דער דאָרפישער ישוב זעהר פערשיעדענאַרטיג לויט זיין אבשטאמונג, רעליגיאָן און נאַציאָנאַליטעט, בעזונדערס אין די נאָרדליכע טיילען פון לאַנד, אויף דער גרעניץ צווישען ארץ ישראל און סוריה (אין גליל, גולן און די אומגעבונג פון חרמון). אין די דערפער פון איין און דער זעלבער קאַדאַ קאָן מען געפינען 3—4 פערשיעדענע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע גרופּען, וואָס וואוינען אין בעזונדערע דערפער פאַר זיך אָדער גאָר אויסגעמישט מיט אנדערע אין איין און דעם זעלבען דאָרף. אזוי צום ביישפּיעל געפינט מען אין דער קאַדאַ חצביה, וואָס צעהלט 18 דערפער, 3 דרוזישע, 2 קריסטליכע, 1 מוסלימישע און 12 געמישטע דערפער. אין איינינגע וואוינען דרוזען צוזאמען מיט קריסטען, אין אנדערע קריסטען מיט מוסלימער. פון 121 דערפער פון קאַדאַ צור האָבען 58 א מוטעוועלישע בעפעלקערונג, 46 — א מוסלימישע, 8 — א קריסטליכע, 2 — א דרוזישע און 7 — א געמישטע — מוסלימער מיט קריסטען, מוטעוועלער מיט דרוזען א. ד. ג. אין גאַנץ גליל, אין אונטערשטען און אויבערשטען, איז ניטאָ איין קאַדאַ וואָס זאָל האָבען אַן איינהייטליכע דאָרפישע בעפעלקערונג, און אין איינינגע דערפער וואוינען 3—4 פערשיעדענע עלעמענטען מיט א מאָל. אין דאָרף פקיעין (אָדער בקיעין, אין אראַביש בוקיע), ניט ווייט פון צפת וואוינען צוזאמען מוסלימער, דרוזען, אידען*) און קריסטען. אין שפרעם, נעבען עכו, געפינט מען מוסלימער, דרוזען, אידען, מאַראָניטען, פּראָטעסטאַנטען און אנדערע קריסטליכע סעקטען. אין שומרון און יהודה איז די לאַנדווירטשאַפטליכע בעפעלקערונג מעהר איינאַרטיג, אָבער ניט דורכאויס. די בערך קליינע שטרעקע פון נאָרדליכען שרון, צווישען חיפה און קסריה, ווערט בעארבייט דורך פאַרשטעהער פון 8 פערשיעדענע ראַסען: סוריער, אידען, טשערקעסען, אראַבער, סלאַווען (באָסניאַקען), טורקמענער, דייטשען, נעגרען. אין חורן'ער סאַנדזשאַק קאָן מען באַגעגנען דערפער פון נעגרען, טורקמענער, נוציירים, טשערקעסען, בעדואינער, מאַראָניטען.

אין אלגעמיין אָבער איז די בעפעלקערונג אין מעהרסטע דערפער אַן איינהייטליכע. פון די 850 דערפער (ניט רעכענדיג די 50 אידישע און 7 דייטשע קאָלאָניעס) אין מערב א"י זיינען בערך 680 בעוואוינט אויסשליסליך מיט אראַביש־שפּרעכענדע מוסלימישע פלאחין, און נור קנאַפּע 170 ענטהאַלטען אנדערע גרופּען (81 מוטעוועלער, 20 קריסטליכע, 11 דרוזישע, 3 טשערקעסישע, 1 באָסניאַקישע, די איבריגע האָבען א געמישטע בעפעלקערונג).

די איבערוויגענדע מעהרהייט פלאחין זיינען אלזא איינהייטליך אין זייער שפּראַך און רעליגיע. די אייראָפּעער, בעזונדערס די וואָס זיינען נור אויבערפלעכליך בעקאַנט מיט א"י, רופען געוועהנליך די פלאחין אראַבער. אין דער אמת'ען אָבער האָבען די פלאחין מיט די אראַבער זעהר ווייניג געמיינזאַמעס אין נאַציאָנאַלען זין.

---

*) אונטער אידען ווערען דאָ פערשטאַנען ניט די נייע איינגעוואַנדערטע קאָלאָניסטען וואָס האָבען זיך בעזעצט אין לאַנד אין די לעצטע צעהנדליג יאָהרען, נאָר אידישע פ ל א ח י ן, וואָס זיצען אין לאַנד און בעארבייטען דעם באָדען זייט הונדערטער יאָהרען, און שיידען זיך מיט גאָר ניט אָב אין זייער אויסזעהן, קליידונג, שפּראַך, געזעלשאַפטליכע זיטען, וואוינונג און ארבייטס־מעטאָדע פון זייערע ניט־אידישע שכנים.

פלאחין שטאמען ניט פון אראבער.

די אבשטאמונג פון די פלאחין איז נאך ווייניג אויסגעפארשט, און זייער אורשפרונג איז פארלויפיג נאך וויסענשאפטליך ניט פעסטגעשטעלט געווארען מיט פולער זיכערהייט. איין זאך איז אבער קלאר — די פלאחין שטאמען ניט פון די אראבישע עראבערער, וואס האבען אין זיבעטען יאהרהונדערט בעהערשט א"י און סוריה. די אראבישע זיעגער האבען ניט פערניכטעט די לאנדווירטשאפטליכע בעפעלקערונג וואס זיי האבען געפונען אין לאנד. זיי האבען נור פערטריבען די פרעמדע ביזאנטישע הערשער, אבער דעם ארטיגען ישוב האבען זיי ניט אנגעריהרט. די אראבער האבען זיך אויך ניט בעשעפטיגט מיט קאלאניזאציע. די קינדער פון אראביען האבען זיך פריהער אין זייער היים אויך ניט פערנומען מיט ערד־ארבייט. פונקט ווי די איצטיגע בעדואינער זיינען זיי געווען בעיקר פאסטוכער, קריעגער און סוחרים. אין די עראבערטע לענדער האבען זיי ניט געזוכט קיין נייעם קאלאניזאציאנס־געביעט פאר זייער אקערבויערישען קלאס, וואס איז ביי זיי כמעט ניט געווען בנמצא. זייער גאנצער אינטערעס אין די נייע לענדער איז געווען א פאליטישער, רעליגיעזער און פינאנציעלער: הערשען, פערשפרייטען דעם איסלאם, נעהמען שטייערן. די אראבישע אויסוואנדערער האבען גאר ניט געהאט קיין חשק צו נעהמען זיך צו לאנדווירטשאפט. נאך איצט זעהען מיר ווי שווער דער בעדואינער — דער אמת'ער אראבער — געהט אריבער צו ערד־ארבייט טראָץ אלע בעמיהונגען פון דער רעגירונג, וואס שטרעבט צוצובינדען די פרייע קינדער פון מדבר צום באדען. די זיגרייכע אראבער וואס האבען זיך אבגעשטעלט אין עראבערטען א"י האבען זיך בעזעצט מייסטענס אין די שטעדט און בעגנוגענט זיך מיט ארויפלייגען שטייערען אויף דער ארטיגער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג, וואס איז אונטערגעפאלען זייער יאך. און עד היום הערשט א געגענזייטיגע שנאה און פעראכטונג צווישען די פלאחין און די בעדואינער — אדער די ערב (אראב), ווי די פלאחין רופען זיי (זיך אליין בעצייכנען זיי אויסשליסליך מיט'ן נאמען פלאח) — און זעלטען ווען זיי זיינען זיך משדך. בעזונדערס איז גרויס די פעראכטונג מצד די וואנדערענדע פאסטוכער צו די איינגעזעסענע פויערים, און די בעדואינער האבען א ווערטעל: „בידוי סולטאן א־דוניא, פלאח חמאר א־דוניא", ד. ה. דער בעדואינער איז דער סולטאן (הערשער) פון דער וועלט, דער פלאח — דאס אייזעל פון דער וועלט.

עס קאן קיין ספק ניט זיין, אז די פלאחין שטאמען פון דעם פויערישען ישוב, וואס די אראבער האבען געטראפען אין לאנד אין זיבעטען יאהרהונדערט. פון וועמען איז דער ישוב דאמאלס בעשטאנען?

די פויערישע מאסען אין ארץ ישראל, פאר דעם אנקומען פון די אראבער זיינען זיכער ניט געווען קיין גריכען אדער רוימער. די גריכיש־רוימישע ישובים אין ארץ ישראל זיינען געווען הויפטזעכליך שטאדטישע קאלאניעס, לרב אין די פארט־שטעדט און אויף די וויכטיגסטע האנדעלס וועגען אין לאנד. די בעפעלקערונג אין ארץ ישראל — ווי עס זאגט עדות העראנימוס אין פערטען יאהרהונדערט — האט גערעדט ניט גריכיש און ניט רוימיש — נאר אראמעאיש (ארמית), די שפראך פון די אידישע פאלקס־מאסען אין די צייט פון חורבן, א שפראך וואס איז זעהר פיעל געברויכט אין דער תלמודישער און רבני'ישער ליטעראטור.

השערה וועגן כנעני׳ישער אבשטאמונג.

דער פראנצויזישער ארכעאלאג קלערמאן גאנא בעהויפטעט, אז דער דאמאלסדי־ גער ישוב איז בעשטאנען פון די אוראלטע כנענים, וועלכע די אידען האבען געטראפען אין ארץ ישראל אין די צייטען פון יהושע בן נון, דאס הייסט די כנענים חתים, יבוסים, אמורים, פלשתים, אדומים, א. ז. וו. ער בעגרינדעט זיין בעהויפטונג דערמיט וואס מען געפינט נאך היינט צווישען די פלאחין געוויסע מנהגים וואס דערמאנען אן דעם אלטען פאלימעאיסטישען קולט פון די כנענים, ווי די פערהייליגונג פון איינזאמע ביימער (כנענישע אשרות), די אויפשטעלונג פון הייליגע מצבות אויף בערגלעך (כנענישע במות), די האלבע פערגעטערונג פון די „מקמ"ס. ווארום הגם אפיציעל זיינען בערך 75 פראצענט פון די פלאחין מוסלימער, האבען אבער פיעלע פון זיי פאקטיש א קנאפע שייכות מיט'ן איסלאם, אויסער געוויסע אויסערליכע צע־ רעמאניעס און אויסדריקע. מ'קאן זעהען צעהנדליגע מוסלימישע דערפער וואס האבען ניט קיין ג'מיע (געבעט־הויז) און וואו מ'הערט קיינמאל ניט דעם מועזין (חזן וואס רופט צום דאווגען) אויסרופען דעם בעקאנטען פסוק „לא אללה אילא אללה, וסידנא מחמד רסול אללה" (ניטא קיין גאט אויסער אללה, און מוחמד איז דער שליח פון גאט). דערפאר אבער טרעפט מען אין פיעלע דערפער לאקאלע הייליגטימער — קליינע פיערעקעווידיגע געביידעס מיט ווייסע קופאלען, וואס ווערען געוועהנליך אויפגע־ בויט אויף אנגעזעהענע בערגלעך, נעבען גרויסע, שעהנע ביימער. די געביידעס זיינען געווידמעט דעם אנדענקען פון הייליגע — די אידישע אבות, מלכים, נביאים, בע־ ריהמטע שייכען א. ד. ג. — וואס ווערען געהאלטען פאר בעשיצער און פערטיידיגער פון ארט. די דאזיגע בנינים רופען זיך „ולי" (וועלי) אדער „מקם" (מאקאם, העב־ רעאיש מקום*). די דאזיגע מקמ'ס ווערען ביי די פלאחין פיעל מעהר געאכטעט אלס די אפיציעלע ג'מיעס.

לויט גאנא'ס מיינונג איז דער גאנצער אידישער ישוב אומגעקומען אין די מלחמות מיט אספסינוס, טיטוס און אדרינוס. די אידען, הייסט דאס, האבען שוין ניט עקזיסטירט (אין א"י) א האלב טויזענד יאהר פאר דעם אנקומען פון די אראבער. און ווי באלד די פויערים אין א"י זיינען געווען ניט קיין אידען און ניט קיין גריכען — האבען זיי דאך געמוזט זיין כנענים.

די השערה פון פראנצויזישען ארכעאלאג האלט אבער ניט אויס קיין ערנסטע קריטיק, און זיינע היסטארישע פאראויסזעצונגען זיינען ניט אין גאנצען ריכטיג.

דאס אידענטום אין ארץ ישראל איז ניט פערניכטעט געווארען פאלשטענדיג נאך די מלחמות מיט אספסינוס, טיטוס, אדרינוס, ווי עס דענקט קלערמאן גאנא. דער גרויסער אידישער אויפשטאנד געגען די פערפאלגונגען און גזירות פון קאנ־ סטאנציום אין פערטען יאהרהונדערט, אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט די אי־ דישע מאסען פון יהודה און גליל, צייגט אז נאך דאמאלס האט ארץ ישראל געהאט א גרויסען אידישען ישוב. אין צענטראל פאלעסטינא איז די צאהל פון די שומרונים אין 5טען און 6טען יאהרהונדערט נאך געווען גענוג גרוס צו פיהרען א קאמף מיט זייערע קריסטליכע פיינד. און נאך אין אנהויב זיבעטען יאהרהונדערט זיינען די אידען אין ארץ ישראל געווען אימשטאנד ארויסצושטעלען א גרויסע ארמעע צו קעמפ־ פען איניינעם מיט די פרסים געגען דער ביזאנטישער הערשאפט און די ארטיגע

---

*) דאס זיינען די „ערטער" צו וועלכע די כנענים האבען געדיענט. זעה דעם פסוק: „אבד תאבדון את כל המקומות אשר עבדו שם הגוים" (דברים י"ב, 2).

קריסטען. די אידישע מיליטערישע מאכט אז דאן געווען נאך אזוי גרויס, אז העראק־ליוס, דער ביזאנטישען קיסר, האט געפונען פאר נויטיג צו שליסען א בונד מיט די זעלבע אידען נאך זיין זיעג איבער די פרסים. די קריסטליכע געמיינדעס וואס האבען זיך שטארק געמעהרט אין ארץ ישראל, אנהויבענדיג פון פיערטען יאהרהונדערט און ווייטער, זיינען אויך בעשטאנען הויפטזעכליך פון ארטיגע אידען; די אונוויסענדע, ארימע, פערגרעבטע מאסען, בעזונדערס די צוגעבונדענע צום לאנד פויערים האבען אונטער דעם דרוק פון די שרעקליכע גזירות און פערפאלגונגען אנגענומען דעם נייעם גלויבען וואס האט זיי פון אלעם בעפרייט און פיעלעס פערשפראכען. אויף וויפיעל די „בעקערונג" איז געווען בעוואוסטזיניג און גרינדליך קאן מען זעהען דערפון וואס



בילד 55.
ולי (וועלי) נבי ימין, נעבען כפר כבא.

נאך די אראבישע עראבערונגען האבען די זעלבע מאסען מיט אזא לייכטקייט און שנעלקייט פערביטען דעם נביא פון נצרת אויף דעם נביא פון מעקקא.

די אידישע בעפעלקערונג אין ארץ ישראל האט זיך הויפטזעכליך בעשעפטיגט מיט לאנדווירטשאפט. אזוי איז דאס געווען פאר'ן חורבן און אזוי איז עס אויך געבלי־בען נאך'ן חורבן. דאס פויערטום איז געווען דער רוקען־ביין פון דער אידישער געזעל־שאפט. די אונצעהליגע אנווייזונגען, פערהאנדלונגען, מסיח לפי תומו'דיגע בעמער־קונגען אין דער תלמודישער ליטעראטור לאזען אין דעם ניט איבער דעם מינדעסטען צווייפעל. ניט נור איז אונז פון תלמוד בעקאנט דער אלגעמיינער פאקט פון דער עק־זיסטענץ פון א אידיש פויערטום אויך נאך'ן חורבן, נאר עס איז מעגליך אויף'ן גרונד

עקזיסטענץ פון אידישען פויער־טום.

פון דער רייכער תלמודישער ליטעראטור, וואס האט דירעקט און אונדירעקט א שיכות מיט דעם ענין — פעסטצושטעלען מיט אלע איינצעלהייטען א קלאר און אלזייטיג בילד וועגען דעם צושטאנד און מעטאדען פון דער אידישער לאנדווירטשאפט. בע־הויפטען אז מיט'ן פאל פון ירושלים אונטער טיטוס'ען און מיט דער נידערלאגע פון בר־כוכבא האבען די אידען גענצליך אויפגעהערט צו בעארבייטען דעם באָדען פון א"י — הייסט ארויסווייזען א פולשטענדיגע אונוויסענהייט מכח דער אידישער גע־שיכטע און ליטעראטור פון יענער צייט.

די צעהנדליגע און הונדערטער טויזענדער אידען וואס האבען געקעמפט פאר זייער נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט געגען די רוימער אין דער צייט פון רבי יוחנן בן זכאי און שפעטער רבי עקיבא זיינען בעשטאנען מייסטענס פון פויערים. צווייפלען אין דעם אויב דאס זיינען געווען אידען — הייסט אייגענטליך צווייפלען אין דעם צו עס זיינען בכלל געווען אידען אין ארץ ישראל. אז אין ארץ ישראל'דיגען אידענטום האט זיך צונויפגעשמיישט א קלענערע אדער גרעסערע מאס פון כנען'יש בלוט איז זעהר מעגליך, אבער בעהויפטען, אז דוקא דאס איבערגעבליבענע פויערטום איז בעשטאנען פון כנענים, און אידען זיינען געווען נאר די וואס זיינען אומגעקומען אין די מלחמות אדער עמיגרירט אין אנדערע לענדער — הייסט בעהויפטען אן אבסורד.

די צוגעבונדענ־קייט פון פויער צום באָדען.

דער לאנדווירטשאפטליכער ישוב איז געווען א אידישער. נאך לאנג נאך'ן חורבן בית שני, און אפילו נאך דער נידערלאגע פון בר־כוכבא — וואס דארף איי־גענטליך געדעכענט ווערען מעהר ווי דער חורבן פון בית המקדש פאר דעם סוף פון דער אידישער פ א ל י ט י ש ע ר זעלבסטשטענדיגקייט — זיינען אידען נאך געזע־סען אין גרויסע מאסען אויפ'ן באָדען. אין די מלחמות און אויפשטאנדען זיינען פיעלע שטעדט חרב געוואָרען און גאנצע קהלות פערניכטעט געווארען, אבער די פויערישע בעפעלקערונג האט ניט געקענט אזוי לייכט אבגעווישט ווערען פון לאנד. אונטער דעם פרעמדען דרוק און די גזרות און פערפאלגונגען האבען די שטאָדט־איינ־וואוינער, די פערמעגליכערע און געבילדעטע קלאסען, אויסגעקליבען בעסער צו פער־לאזען זייער היים און אויסוואנדערען אין מעהר פרייע לענדער, ווי צום ביישפיעל בבל. אבער דער אידישער פויער, ווי בכלל יעדער פויער, האט ניט אזוי שנעל זיך אבגעריסען פון זיין באָדען, וואס איז בעגאסען געוואָרען מיט זיין שוויים און מיט'ן שוויים פון זיינע עלטערען. אין דער שפעטערער געשיכטע פון א"י זעהען מיר די זעלבע ערשיינונג. אין די מלחמות פון די נוסעי הצלב און די מוסלימער, אין די שטרייטיגקייטען צווישען די מצרישע און סורישע סולטאנען, אין די אינערליכע רייסעריייען צווישען די פערשיעדענע פאשאס זיינען פיעלע שטעדט גענצליך חרב געוואָרען, און דער בעשטאנד פון שטאָדטישען ישוב האט זיך טיילמאל פולשטענדיג איבערגעביטען מיט דעם בייטען זיך פון הערשער, אין דער צייט וואס די פויערישע בעפעלקערונג, טראָץ אלע אונטערדריקונגען און ליידען, איז געבליבען די זעלבע. איינצעלנע דערפער זיינען נאטירליך אויך חרב געוואָרען אדער אומגעקומען, אבער דאס פויערטום אלס א כלל האט זיך ניט געביטען, נאר טיילמאל זיינען נייע עלעמענ־טען צוגעקומען פון צייט צו צייט פון דרויסען, ווי דאס האט איינינע מאל פאסירט אין נייגצעהנטען יאהרהונדערט (מצרישע צואוואנדערונג אין דער צייט פון מוחמד עלי און איברהים פאשא, די אימיגראציע פון אלזשירער אין די פופציגער יאהרען

צוזאמען מיט'ן עמיר עבד־אל־קדר, די טשערקעסישע קאלאניזאציע אין לעצטען פערטעל פון פערגאנגענעם יאהרהונדערט).

ווען דאס אידישע פאלק האט ענדליך פערלוירען זיין פ א ל י ט י ש ע זעלבסטשטענדיגקייט — איז דאס אידישע פויערטום ניט אומגעקומען הגם עס האט זיכער פיעל געליטען פון דער גרויסער נאציאנאלער קאטאסטראפע. גענצליך זיינען נור רואינירט געווארען די הויפט־ש ט ע ד ט וואס האבען געדיענט אלס צענטרען פון קאמפף און אויפשטאנד, ווי גמלא, יודפת, בית ירח (טאריכעא), יפו און בעזונדערס ירושלם בשעת דעם חורבן פון בית המקדש, און ביתר בשעת דעם קאמפף פון בר כוכבא. פיעלע שטעדט זיינען פונדעסטוועגען געבליבען גאנץ נאך די שרעקליכע מפלות. א פשיטא שוין די דערפער, פון וועלכע זעהר פיעל זיינען גאר ניט געלעגען אויף'ן וועג פון די צושטערענדע רוימישע לעגיאנען, און האבען דירעקט פון די מלחמות ניט געליטען. עס איז אויך זיכער אז די אידען וואס האבען נאך'ן חורבן צוליעב די אונערטרעגליכע פערפאלגונגען און גזירות פערלאזט זייער היים און אויסגעוואנדערט אין בבל און אנדערע לענדער — זיינען געווען מייסטענס שטאדט־איינוואוינער, ד. ה. די מעהר בעוועגליכע, מעהר פערמעגליכע און מעהר געבילדעטע און רעליגיעזע (צו יענער צייט זיינען דאך די ח כ מ י ם געווען די טרעגער פון א מ ו נ ה). וועלכע האבען ניט געוואלט זיך אונטערווארפען די גזירות געגען זייער רעליגיע און וועלכע עס איז געווען מאטעריעל און פסיכאלאגיש ל י י כ ט ע ר צו פערלאזען זייער לאנד און זוכען שוין און רעליגיעזע פרייהייט אין מערב (בבל). די אידישע פויערים, די מעהר אונוויסענדע און פערגרעבטע, אבער מעהר צוגעבונדענע צו זייער באדען, האבען זיך ניט אבגעריסען פון זייער לאנד אפילו אין די פינסטערסטע צייטען.

נִיט אלע פוערים זיינען אומגעקומען.

דאס אלעס פיהרט צו דעם שלוס אז די פויערישע בעפעלקערונג וואס די אראבישע עראבערער האבען געפונען אין א"י, איז געווען אין א גרויסער מאס א אידישע. א סך פון זיי האבען שוין פון פריהער געהאט אנגענומען אויסערליך די קריסטליכע אמונה, אבער נאך פיעלע האבען זיך געהאלטען ביי זייער אלטען גלויבען און פון צייט צו צייט געמאכט אויפשטענדע און געקעמפפט געגען די קריסטליכע פערפאלגער און אונטערדריקער.

די אראביזאציע פון אידישען פויערטום איז פארגעקומען אויף דעם זעלבען אופן ווי די אראביזאציע פון דער גאנצער סורישער בעפעלקערונג. די ארמ'ישע אומגאנגס־שפראך איז ביסלעכווייז פערביטען געווארען אויף דער הערשענדער און נעהענטער אראביש. ווי דר. געארג קאמפפמייער האט דערוויזען אויף'ן גרונד פון א היסטאריש־פילאלאגישען אנאליז איבער די „אלטע נעמען אין היינטיגען פאלעסטינא און סוריה" האט די בעפעלקערונג אין ארץ ישראל אין פערלויף פון א געוויסע צייט גערעדט ביידע שפראכען — ארמ'יש און אראביש, ביז ענדליך די ערשטע איז ארויסגעשטויסען געווארען דורך די לעצטע, אבער נאך עד־היום זיינען ניט אינגאנצען אבגעמעקט געווארען די ארמ'ישע בעזונדערע סימנים פון פלאחישען דיאלעקט. די נייע רעליגיע, דער איסלאם, האט זיך פערשפרייט צוגלייך מיט דער אראבישער שפראך, און וואהרשיינליך נאך שנעלער. דער שווערער שטייערלאסט וואס דער זיעגרייכער איסלאם האט ארויפגעלעגט אויף די „בעשיצטע אונגלויביגע", די אזוי גערופענע „זימי" — קאפ־טעקסעס און באדען־שטייערען („חאראדזש" און „דזשעזיע") פון וועלכע די „מאמינים" זיינען געווען גענצליך פריי, האט בעוואויגען די ניט־מוסלימישע בעפעלקערונג אנצונעהמען די נייע רעליגיע. די געפאהר אין גאנצען בערויבט צו

די אראביזירונג פון דער א"י בעפעלקערונג.

ווערען פון באדען האט פיעל מיטגעהאלפען דער פערשפרייטונג פון דער נייער רע־ליגיע צווישען דער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג. דער באדען אין די בעזיגטע לענדער איז געווענליך פערטיילט געווארען אלס „ע׳נימה" (מלחמה־רויב) צווישען די „ע׳זאת" (זיגער), און דאס אומקעהרען זיך צום איסלאם איז געווען א גוטע שמירה געגען די רויבערישע אפעטיטען פון די פיהרער פון די מוסלימישע ארמעען.

בעזונדערס לייכט איז פארגעקומען די פערשפרייטונג פון איסלאם צווישען די טיילען פון דער אידישער בעפעלקערונג וואס האבען שוין פריהער אנגענומען אויפערליך דאס קריסטענטום. די לעהרע פון נביא פון מכה (מעקקא) איז געווען פיעל נעהענטער די אידישע מאסע ווי די לעהרען פון דעם נביא פון נצרת.

אנציהונגס־קראפט פון איסלאם.

אחוץ דעם וואס די עיקרים פון דער נייער אמונה זיינען געווען פיעל נעהענטער צום אידענטום אלס די נוצרישע תורה, האבען זיך די נייע הערשער געהאלטען פיעל מעהר דעמאקראטיש אלס די ביזאנטיש־קריסטליכע הערשער. אננעהמענדיג דעם קריסטליכען גלויבען איז דער ארטיגער געבוירענער אלץ געבליבען פעראכטעט און ערנידריגט אין די אויגען פון די ביזאנטינער. דאס אננעהמען דעם גלויבען פון „ליעבע און ברודערשאפט" האט אויך א האר ניט אבגעשוואכט די סאציאלע און פאליטישע אנטאגאניזמען און אונטערשיעדען צווישען די הערשער און בעהערשטע. גאנץ אנדעריש איז געווען מיט׳ן איסלאם. עס איז געווען גענוג איינמאל צו אנערקענען עפענטליך, אז „ניטא קיין גאט אויסער אללא און מוחמד איז דער שליח פון אללא" — אנגענומען צו ווערען אלס גלייך־און פול־בערעכטיגטער מיטגליעד אין דער הערשענדער געזעלשאפט. דער כלל פון איסלאם אז „אלע מוסלימער זיינען ברידער" איז ניט געבליבען א טויטער בוכשטאב ווי די ליעבע און ברודערשאפט פון קריסטענטום. ניט נאר זיינען פאר די וואס האבען אנגענומען דעם איסלאם אבגעשאפען געווארען אלע פאליטישע און ציווילע בעגרענצונגען און אויסנאהמען, נאר אויך די סאציאלע אונטערשיעדען זיינען כמעט גענצליך אבגעווישט געווארען; דיזער דעמאקראטיזם פון איסלאם האט זעהר שטארק געווירקט בעזונדערס אויף׳ן פויערטום וואס איז אזוי לאנג אונטערדריקט געווארען דורך רוים און ביצאנץ.

ניט אלע פלאחין שטאמען פון דעם אבאריגינעלען לאנדווירטשאפטליכען ישוב.

בעדייטענדע ניט־אידישע צומישען אין עבר הירדן.

וואס די אראבישע עראבערער האבען געפונען אין לאנד. אין עבר־הירדן איז דער זעסהאפטער ישוב בערך א גאנץ נייער. דער ג׳בל דרוז איז כמעט אין גאנצען בעוואוינט מיט דרוזען וואס האבען אהער איינגעוואנדערט פון לבנון אין די לעצטע צוויי הונדערט יאהר, בעזונדערס נאך די געשעהענישען פון לבנון אין 1860. אויך די קריסטליכע פלאחין שטאמען פון צפון — פון די אומגעגענד פון חרמון און לבנון. די מוסלימישע פלאחין בעשטעהען אין א גרויסען טייל פון האלב־בעדואינער וואס האבען זיך ביסלעכווייז איינגעזעצט אויף׳ן באדען. די נאהענטקייט פון דער מדבר — אין מזרח און דרום, האט אלע מאל געמאכט דעם עבר הירדן פאר דער בעליבטער נעסט פון די בעדואינישע שבטים. שוין הורדוס דער גרויסער האט געפונען פאר נויטיג צו באזעצען דעם עבר־הירדן מיט קריגערישע אידישע ערד־ארבייטער פון בבל, כדי זיי זאלען זיין א שוץ קעגען די רויבערישע איבערפאלען פון די בעדואינער, אהוראט ווי די טערקישע רעגירונג האט אין לעצטען פערטעל פון 19טען יאהרהונדערט קאלאניזירט קאווקאזישע און בולגארישע טשערקעסען אין גולן און מואב מיט דער זעלבער כונה. דער ריין אראבישער עלעמענט איז דא בעזונדערס גרויס, איצט אזוי גוט ווי אין די פריהערדיגע צייטען.

ניט־אידישע עלעמענטען אין מערב א״י.

אין מערב ארץ ישראל זיינען די שפּעטערע, אויסוועׂרטיגע צומישען צו דער אַב־אָריגינעלער בעפעלקערונג נאָך מעהר פערשיעדענאַרטיג, הגם, פיליייכט ניט אזוי צאָהלרייך. אויסער דעם אונצוואוויפעלדיגען צופלוס פון ריין אַראַבישע עלעמענטען וואָס האָבען זיך מיט דער צייט אסימילירט מיט דער אָרטיגער בעפעלקערונג, האָבען אין פערלויף פון די לעצטע פופצען הונדערט יאָהר אין ארץ ישראל אונאויפהערליך אַריינגעשטראָמט די פערשיעדענסטע פעלקער פון אַלע וועלט טיילען — פּרסים, מאנגאָלען, טשערקעסען, פראַנקען, מצרים פון וועלכע געוויסע טיילען האָבען זיך אָב־געשטעלט אין לאַנד און ביסלעכווייז צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם אָרטיגען ישוב. דער צופלוס פון פּרסים איז געווען בעזונדערס גרויס אין דער צייט פון צלח־אדין (12טען יאָהרהונדערט) און זייער איינפלוס איז נאָך עד־היום קענטיג אין צפון ארץ ישראל — אין אויבערשטען גליל. פון זיי שטאַמען אָהן צווייפעל די מוטעוועלער וואָס בילדען די מעהרהייט אין צור׳ער קאדא. לויט די אָרטיגע טראַדיציעס האָבען זיך טשערקע־סען בעזעצט מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק אין די יהודה׳ער בערג, און פון זיי זאָלען שטאַמען די איינוואוינער פון קרית אל־ענב (אויך „אבו־גאש״), די אמאָליגע קרית יערים. די שטראָמען פון די נוסעי הצלב האָבען זיכער איבערגעלאָזט צייכענס אין דער אָרטיגער לאַנד בעפעלקערונג. אין מאַנכע דערפער, בעזונדערס ארום דעם כרמל, בעגעגענט מען טיילמאָל רויט און בלאָנד האָריגע פלאַחין וואָס שטאַמען פיליייכט פון נאָרד אייראָפּעאישע עלטערען. נעבען ירושלים איז פאַראַן א דאָרף מלחא, וועמעס איינוואוינער שטאַמען פון גרוזינישע קאָלאָניסטען וואָס האָבען זיך באַזעצט אין ארץ ישראל מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. זיי האָבען שוין פערגעסען די שפּראַך און די רעליגיע פון זייערע עלטערען, אָבער זיי געדענקען נאָך זייער נאָרדליכע אָבשטאַמונג און רופען זיך מיט׳ן נאָמען גרודזשי. זיי אונטערשיידען זיך עטוואָס אין זייערע זיטען און אויך אין קליידונג פון די ארומיגע פלאַחין. אויך זייערע שכנים קוקען אויף זיי אלס איינגעוואַנדערטע. עס איז אונבעוואוסט ווען זיי האָבען זיך בעזעצט אין ארץ ישראל, אָבער לויט די עדות פון פריהערדיגע רייזענדער איז זייער צאָהל אמאָל געווען א סך גרעסער. אין דער צייט פון דער מצרישער הערשאַפט (1832־1840) האָט איברהים פּאשא קאָלאָניזירט איניגע ערטער אין ארץ ישראל מיט מצרישע פלאַחין: בית־שאן, כפר מצר אין ג׳נין׳ער קאדא, און די דערפער קבייבה, זרנוקה, עקרון אין יהודה און נאָך. אין גליל התחתון האָבען זיך אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט געגרינדעט אלזשירער קאָלאָניעס. כפר צמח, מעדר, עולם, חדתא, כפר סבת און אנדערע זיינען נאָך ביז איצט בעזעצט הויפּטזעכליך מיט אויסוואַנדערער פון אלזשיר. דער עמק הירדן איז בעזעצט מיט א האַלב בעדואינישער בעפעלקערונג, און אויך די איינוואוינער פון עמק יזרעאל שטאַמען מייסטענס פון אַראַבער. זיי בעזיצען נאָך קלאָרע טראַדיציאָנען פון זייער איינוואַנדערונג. זיי רופען זיך — און אזוי רופען זיי אויך אנדערע — חורני (חאַווארני), וואָס צייגט, אז זיי זיינען געקומען פון עבר הירדן, פון חורן. זיי שטימען אויך אין זייער אויסשפּראַך מיט די חורנ׳ער און בעדו־

אינער. זעהר געמישט, ווי עס איז העכער בעמערקט געווארען, איז די בעפעלקרונג פון גליל, וואס פערדינט נאך היינט פונקט ווי אמאל דעם נאמען „גליל הגויים“.

אבגעזעהען פון די צאהלרייכע צומישען איז דאך דער „רוב מנין ורוב בנין“ פון די פלאחין פון מערב ארץ ישראל איינהייטליך אין זייער אויסזעהן און אבשטאמונג. און אין זיירע אדערען פליסט אהן ספק זעהר פיעל אידישעס בלוט—פון יענע אידישע פויערים וואס האבען אין צייטען פון שרעקליכע רדיפות און אונטערדריקונגען זיך אבגעזאגט פון זייער אידישע רעליגיע און פאלק אבי צו קאנען בלייבען טריי און צוגעבונדען צום אידישען לאנד.

ג. אידישע טראדיציעס צווישען די פלאחין.

אין דער שפראך, זיטען, מנהגים, רעליגיע, טראדיציעס פון די מאדערנע פלאחין געפינט מען זעהר פיעלער וואס זאגט עדות אויף זייער אידישע אבשטאמונג. דער דיאלעקט פון די פלאחין אין ארץ ישראל אונטערשיידעט זיך זעהר שטארק סיי פון די שפראך פון די שטאדט איינוואוינער, סיי פון די שפראך פון די בעדואינער. די שפראכליכע אייגענטימליכקייטען פון די פלאחין טראגען אויף זיך לויט דער מיינונג פון קאנדער'ן דעם שטעמפעל פון ארמיש; נאך מעהר, אלע ווערטער און טערמינען וואס ווערען געברויכט אין תנ"ך צו בעצייכנען נאטור-זאכען און סימנים, ווי פעלזען, קוואלען, שטראמען, א. ד. ג. ווערען געברויכט ביי די פלאחין — און נור ביי די פלאחין — אין דער אלגעמיינער נאמענקלאטור פון לאנד. איינינגע פון די ווערטער ווי רמה, טירה האבען שוין פערלארען זייער אריגינעלע בעדייטונג, און די פלאחין פערשטעהען ניט זייער טייטש. בכלל, זעהר פיעלע העברעאישע און ארמיישע ווערטער — וואס זיינען גאר ניטא אין דער אראבישער שפראך, אדער ווערען אין איהר איצט ניט געברויכט — קומען אפט פאר אין דער פלאחישער שפראך, און זייער אריגינעלע מיינונג ווערט גוט פערשטאנען.

אידישע אייגענטימליכקייטען פון פלאחישען דיאלעקט.

א דאנק דער גראנדיעזער וויסענשאפטליכער ארבייט פון „פאלעסטיין עקספלארײשאן פאנד“, וואס האט אויסגעפארשט יעדען ארט, כמעט יעדען שטיין אין מערב ארץ ישראל און האט צוזאמענגעקליבען 10.000 נעמען פון אלע דערפער, טייכען, קוואלען, בערג, הורבות, טאלען, בערג און בערגלעך, „פון דן ביז באר שבע“, איז פעסטגעשטעלט געווארען דער פאקט, אויף וועלכען קאנדער האט שוין געמאכט אויפמערקזאם, אז **די גאנצע ביבלישע נאמענקלאטור פון ארץ ישראל לעבט נאך אונגעענדערט אין דעם מויל פון דער פלאחישער בעפעלקערונג**. קאנדער, אונטער וועמעס אויפזיכט איז אנגעפיהרט די גאנצע ארבייט פון „פאנד“, האט בעמערקט, אז אין די געגענדען וואס זיינען בעוואוינט מיט **בעדואינער** איז די אלטע נאמענקלאטור פערשוואונדען געווארען. און נור די פלאחין האבען אבגעהיט און איינגעהאלטען די אלטע ביבלישע נעמען. א סך ערטער, וואס זיינען פארצייכענט אויף דער גרויסער מפה פון „פאלעסטיין עקספלארײשאן פאנד“, זיינען אין תנ"ך גאר ניט דערמאנט געווארען, און דאך רופען זיי די פלאחין מיט אזעלכע נעמען וואס געפינען זיך ניט אין אראבישען ווערטערבוך און נור אין העברעאיש האבען זיי א טאפאגראפישע מיינונג.

ביבלישע נאמענקלאטור.

העברעאישע נע־מען פון דער־פער.

נאָך מעהר כאראקטעריסטיש זיינען די נעמען פון די פלאחישע דערפער. בערך א פערטעל פון אלע עקזיסטירענדע דערפער אין מערב ארץ ישראל טראָגען נאָך איצט די זעלבע העברעאישע נעמען וואָס זיי האָבען געהאט אין די צייטען פון יהושע בן־נון, דוד המלך, עזרא הסופר, יוסף בן מתתיהו הכהן און רבי יהודה הנשיא. פון די 850 דערפער אין מערב טייל פון לאנד ווערען ניט ווייניגער פאר 210 גערופען מיט ביבלישע און תלמודישע נעמען. פיעלע פון די אלטע נעמען זיינען דערגאנגען ביז היינט כמעט אָהן אירגענד וועלכע ענדערונגען, אויסער אזעלכע שנויים וואָס קומען געוועהנליך פאָר צווישען די צוויי שוועסטער שפּראכען העברעאיש און אראביש, ווי דאס פערבייטען פון געוויסע אותיות (א־ע, ל־נ, ד־ט, ג־ק, ש־ס). אין מאנכע דאָפּעלטע נעמען ווערט אויסגעלאָזען דער פאָרנאָמען וואָס הויבט זיך אָן מיט בית (ווי אין בית־תפוח), עין (אין עין־גנים), כפר (אין כפר יתמה), און אמאָל פערקעהרט — דיזעלביגע פאָרנעמען ווערען אין די מאָדערנע דערפער טיילמאָל צוגעגעבען צו דעם אָריגינעלען נאָמען. גאָר א גרויסע צאָהל דערפער האָבען לחלוטין ניט געענדערט איין אות פון דעם נאָמען וואָס זיי האָבען געטראָגען מיט צוויי און דריי טויזענד יאָהר צוריק. צעהנדליגע איבערקערענישען און טויזענדער יאהרען האָבען ניט געקענט אבמעקען פון לאנד דעם העברעאישען שטעמפּעל וואס דאָס אידישע פאָלק האָט אויף איהר ארויפגעלעגט, און די אראביזירטע פלאחין האָבען אונבעוואוסטזיניג פאר זיך אליין אָבגעהיט און אי־בערגעגעבען פון דור צו דור די סימנים פון זייער אידישער אָבשטאמונג. וואָלט דאָס פויערטום ניט בעשטאנען אין א גרויסער מאָס פון דער אָריגינעלער אידישער בע־פעלקערונג, וואָלט גאָר א נייער און פרעמדער עלעמענט בעזעצט זיך אויף'ן באָדען — וואָלט ער זיכער ניט אָבגעהיט אזא גרויסע צאהל פון פרעמדע נעמען. אין מזרח ארץ ישראל, וואו דער ישוב בעשטעהט אין א גרויסער מאָס פון בעדואינער געפינען זיך נור 25 דערפער (פון דער אלגעמיינער צאָהל 490) וועלכע ווערען נאָך גערופען מיט די אלטע העברעאישע נעמען.

די פאָלגענדע רשימה ענטהאלט אלע דערפער פון א"י וואָס רופען זיך נאָך איצט ביי די ביבלישע און תלמודישע נעמען — אונגעענדערט אָדער מיט ליכטע שנויים (די געענדערטע נעמען זיינען אָנגעוויזען אין קלאמערען). מיר האָבען דער־ביי אויסגעלאָזט אלע דערפער, וועמענס נעמען ווייכען שטארק אָב פון העברעאישען אָריגינאל.

אין יפו'ר קאדא:

אנו 1) (כפר עאנה), בית דגון 2) (בית־דג'ן), בית שמש 3) (עין־שמס), בני ברק 4), גמזו 5), חדיד 6) (חדיתה), יבנה 7), יהוד 8) (יהודיה), יתלה 9), כפר ספוריא 10) (צפוריא), מודיעין 11) (מדיא), נבו 13) בית נובא), נעמה 13) (נעני), סלמה 14), עמוס 15), עקרון 16 (עקר), צרעה 17), תמנה 18) (תבנה).

---

1) דברי הימים א' ח' 12, 2) יהושע ט"ו 41, 3) יהושע ט"ו 10. אין די שריפטען פון תל אמרנא ווערט דיזער אָרט אָנגערופען „עין שמש", און דאס איז אויך דער איצטיגער נאָמען פון דאָרף. 4) יהושע י"ט 45, 5) דברי הימים ב' כ"ח 18. 6) נחמיה ז' 37. 7) דברי הימים ב' כ"ו 6. 8) יהושע י"ט 45, 9) יהושע י"ט 42, אין תרגום־השבעים איז דער נאָמען איבערזעצט „סילתא", דער איצטיגער נאָמען אין „שילתא". 10) ירושלמי, קרושין ג'. 11) חשמונאים א' ב'. 12) נחמיה ז' 33. 13) יהושע ט"ו 41. 14) חשמונאים א' ז'. 15) מכות י"ד. 16) יהושע י"ג 3. 17) שופטים י"ג 2. 18) בראשית

אין ירושלמ'ער קאדא:

ברזית 19), בית און 20) (בית אוניא), בית חגלה 21) (עין חג'לא), בית הכרם 22) (עין כרם), בית כוחרה 23) (בית סחור), בית לבן 24) (לובן), ביתר 25) (ביתיר), גבע 26) (ג'בע), גדרה 27) (א־ג'דירה), גלגל 28) (ג'לג'וליא), גלה 29) (בית ג'אלה), גפנה 30), כבלון 31) (כסלא), כפר עקביא 32) (כפר עקיב), מכמש 33) (מכמס), מצפה 34) (נבי סמואיל), נטופה 35) (בית נטיף), עטרות אדר 36) (עטרה), ענתות 37) (ענתא), צרדה 38), קרית יערים 39) (קרית ענב), קטונית 40) (קטנה). רמה 41) (א־רם), רמון 42).



בילד 56.

יבנה, די רעזידענץ פון סנהדרין נאך'ן חורבן. איצט א דארף, נעבען יפו.

אין עזה'ר קאדא.

אשדוד 43) (אסדוד), אשקלון 44) (עסקלאן), דכרין 45) (דקרין), גדרות 46) (קטרה), יגור 47) (עגור), מגדל גד 48) (מג'דל), סנסנה 49) (סמסם), שוכה 50) (שייכה), תרמסא 51) (תל תרמס).

אין חברונ'ער קאדא:

אדורים 52) (דורא), אשתמוע 53) (א־שמוע), בית אל 54) (בית אולא), בית

ד"ה 12. 19) דברי הימים א' ז' 31. 20) יהושע ז' 2. 21) יהושע ט"ו 6. 22) נחמיה ג' 14. 23) חשמונאים א' ו'. 24) מנחות ז' 6. 25) גטין נ"ז. 26) שמואל א' י"ג 3. 27) דבה"יא י"ב 4. 28) שמו"א י"א 15. 29) שמו"ב ט"ו 12. 30) מלחמות 1, 11, 2. 31) יהושע ט"ו 10. 32) ירושלמי, נזיר ט'. 33) שמו"א י"ג 2. 34) שופטים י' 17. 35) שמו"ב כ"ג 28. 36) יהושע י"ח 13. 37) יהושע כ"א 18. 38) מלכים א' י"א 26. 39) יהושע ט' 17. 40) סוטה ט'. 41) יהושע י"ט 25. 42) שופטים כ' 45. 43) יהושע י"א 22. 44) שופטים א' 18. 45) גטין נ"ז. 46) יהושע ט"ו 41. 47) תוספתא, אהלות י"ח. 48) יהושע ט"ו 37. 49) יהושע ט"ו 31. 50) יהושע ט"ו 35 51) ירושלמי

גדר 55) (ג׳דור), בית גוברין 56) (בית ג׳ברין), בית צור 57), בית תפוח 58) (תפוח). בית זכריה 59) (בית זכריא), גבעה 60) (ג׳בעה), דומה 61) (א־דוימה), דיבון 62) (דיר דיבן), חלחול 63), חרשא 64 (חרס), יטה 65), כפר טבי 66) (א־טיבה), ענב 67) (בית ענב), ציעור 68) (צעיר), שוכה 69) (שויכה).



בילד 57.
דער פעלזענדורכגאנג פון מכמש.

אין שכמ׳ער קאדא:

בית אל 70) (ביתין), בית רמה 71) (בית רימא), גבע 72) (ג׳בעה), חרם 73) (חארם), ינוחה 74) (יענון), כפר יתמה 75) (יתמה), כפר קסם 76), עקרבה 77).

ברכות ב׳. 52) דברהי״ב י״א 9. 53) יהושע כ״א 14. 54) שמו״א ל׳ 27. 55) דבהי״א ב׳ 51. 56) ירושלמי, דמאי ב׳. 57) יהושע ט״ו 58. 58) יהושע ט״ו 53. 59) קדמוניות 12, 9, 4. 60) יהושע ט״ו 57. 61) יהושע ט״ו 52. 62) נחמיה י״א 25. 63) יהושע ט״ו 58. 64) עזרא ב׳ 52. 65) יהושע ט״ו 55. 66) מלחמות 2, 8, 1. 67) יהושע י״א 21. 68) יהושע ט״ו 54. 69) יהושע ט״ו 48. 70) בראשית י״ב 8. 71) מנחות ט׳. 72) משנה, כלים י״ז. 73) שופטים ב׳ 9. 74) יהושע ט״ו 6.

פנדק 78) (פרעתא), פרעתון 79) (פרעתא), רבית 80) (רבה), שלה 81) (סילון), שלם 82) (סאלם), תבץ 83) (תובאץ).

אין קאדא פון ג'נין:

אנחרת 84) (א־נעורה), ארומה 85) (אל ערמה), בית השטה 86) (שטא), ברקה 87) (בורקין), הדד־רמון 88) (רמנה), יזרעאל 89) (זרעין), כפרה 90), נעין 91) (נאין), עין־דור 92) (אנדור), ערבה 93), קשיון 94) (קשין), שונם 95) (שולם).

אין קאדא פון בני־צעב (טול־כרם):

גלגל 96) (ג'לג'ליא), גת רמון 97) (ג'ת), טיבה 98) (א־טיבה), כפר סבא 99).

אין קאדא פון נצרת:

אובלין 100) (עבלין), גבתא 101) (ג'באתא), דברת 102) (דבוריה), יפיע 103) (יאפא), כסלות 104) (א־כסאל), נהלל 105) (מעלול), כפר מנדי 106) (כפר מנדא), סכנין 107), צפורי 108) (צפוריה), ראני 109) (ריני), רומא 110), רמון 111) (רמאנה).

אין טבריה'ר קאדא:

אולם 112) (עולם), כפר ימא 113), כפר גון 114) (אם ג'וניא), כפר חטיה 115) (חטין), כפר צמח 116) (צמח), כפר שובתי 117) (כפר שבת), מגדלא 118) (מג'דל), נמרה 119) (נמרין).

אין עכו'ער קאדא:

אכזיב 120) (אזיב), באינה 121) (בעינה), בית העמק 122) (עמקא), בצת 123) (א־בצה), ינוח 124), כבול 125), כפר סאסא 126) (סעסע), ערב 127) (עראבה), שאב 128) (שעיב), שפרעם 129) (שפא־עמר).

אין חיפה'ר קאדא:

בית לחם 130), גבע 131), חפרים 132) (כפרין), טבעון 133), טריה 134) (טירה), קסריה 135).

אין צפת'ער קאדא:

בירי 136) (בריא), גברה 137) (כאברה), גוש־חלב 138) (א ג'יש), חקוק 139) (יקוק), יראון 140) (יארון), כפר חנניה 141) (כפר ענן), כפר סימאי 142) (כפר

---

75) משנה, ערלה ב'. 76) תוספתא ע"ז ו'. 77) מלחמות 4, 9, 9. 78) ירושלמי, דמאי ב'. 79) שופטים י"ב 15. 80) יהושע י"ט 20. 81) יהושע י"ח 1. 82) בראשית ל"ג 18. 83) שופטים ט' 51. 84) יהושע י"ט 19. 85) שופטים ט' 41. 86) שופטים ז' 22. 87) פסחים נ"ז. 88) זכריה י"ב 11. 89) מלכים א' כ"א 1. 90) ירושלמי, פאה ה'. 91) בראשית רבה, צ"ח. 92) יהושע י"ז 11. 93) יהודית ו'. 94) יהושע י"ט 20. 95) יהושע י"ט 18. 96) יהושע י"ב 23. 97) יהושע י"ט 45. 98) ירושלמי, ד'אי ב. 99) נדה ס"א. 100) תוספתא, שביעית ז'. 101) קדמוניות 13, 1, 4. 102) יהושע י"ט 12. 103) יהושע י"ט 12. 104) יהושע י"ט 12. 105) יהושע י"ט 15. 106) תוספתא, יבמות י'. 107) סנהדרין ל"ב. 108) קדמוניות 5,12,13. 109) תוספתא, עבודה זרה ז'. 110) עירובין נ"א. 111) יהושע י"ט 13. 112) ירושלמי, סנהדרין י. 113) נדרים נ"ז. 114) ירושלמי, בבא בתרא ה'. 115) חגיגה ה'. 116) קדמוניות 13, 9, 1. 117) בראשית רבה פ'. 118) קהלת רבה א'. 119) ירושלמי, תענית ד'. 120) יהושע י"ט 29. 121) ירושלמי ערלה. 122) יהושע י"ט 27. 123) ירושלמי שביעית ו'. 124) מלכים א' ט"ו 29. 125) יהושע י"ט 27. 126) תוספתא, גטין א'. 127) שבת ק"א. 128) ויקרא רבה כ'. 129) ראש השנה כ"א. 130) יהושע י"ט 15. 131) מלחמות 3, 3, 1. 132) יהושע י"ט 19. 133) תוספתא, נדה ד'. 134) נדרים נ"ז. 135) מגילה ו'. 136) בבא מציעא פ"ד. 137) יוסיפוס'ס אויטאביאגראפיע 10. 138) מנחות פ"ה. 139) יהושע י"ט 34. 140) יהושע י"ט 35. 141) שבת ק"כ. 142) גטין ו'. 143) ירושלמי תענית ד'. 144) ירושלמי, תרומות ח'. 145) מלחמות

סמיע), מרון 143) (מירון), ספסופה 144) (ספסאף), עכבר 145) (עכברא), עמוקה 146), פקיעין 147) (בקיע), רמה 148) (רמיה).

אין קאדא צור:

חניתא 149) (חנויה), יתיר 150) (יטיר), מרות 151), עין בול 152) (עין אבל), עיתה 153), עיתלו 154) (עיתרון), קדש נפתלי 155) (קדס), קנה 156) (קאנא).

אין קאדא מרג׳ עיון.

אבל מים 157) (אבל א־סאקי. סאקי אין אראביש מיינט אנטרינקען, דאס איז אן איבערזעצונג פון מים).

אין עבר הירדן:

אבילה 158) (כפר אביל), אלעלה 159) (אלעאל), אדרעי 160) (דרעא), אפקה 161) (פיק), בעון 162), בצרה (בצר אלחרירי) 164), גלעד 165), גרש 166), זיזון 167), חשבון 168) (חסבאן), חספון 169), כפר חריבה 170) (חפר חריב), מידבא 171) (מאדבא), נוה 172) (נוא), קנת 173) (קנואת), רגב 174).

אלט־אידישע טראדיציעס.

די אונוויסענדע פלאחין וואס האבען ניט קיין אהנונג פון דער אידישער ליטעראטור, האבען ניט נור אבגעהיט אין הונדערטער ערטער די נעמען פון תנ״ך, אפאקריפען, יוסיפון, תלמוד און מדרשים, נאר אויך די טראדיציעס וועגען די מענער, וואס זיינען פערבונדען מיט די פערשיעדענע ערטער. אזוי צום ביישפיעל, די אלטע בנימין׳ישע שטאדט מצפה וואו שמואל הנביא האט פערזאמעלט די אידען צו קעמפפען געגען די פלשתים (שמו״א ז׳ 5), רופען איצט די פלאחין „נבי סמואיל“. אין דעם געגענד פון שמשון הגבור הערט מען נאך איצט די נעמען שמשון אל ג׳בר (שאמשון אל דזשבאר), שייך אבו אל ג׳חם (דזשאחם) — דער פאטער פון לייב און נאך אזעלכע.

„אברהם׳ס גע־זעצען“.

פריהער, בשעת די ממשלה פון די שייכען איז געווען גרעסער, און זיי האבען געהאט קראפט אליין צו מישפט׳ען די פלאחין, האבען זיי זיך געפיהרט לויט אייגענע טראדיציאנעלע געזעצען, וואס זיינען געווען אין גאנצען אנדערש פון דעם אפיציעלען געזעץ פון איסלאם וואס איז אנגענומען אין רעגירונגס־געריכט. די אונגעשריבענע פלאחין־געזעצען אדער רעכטס־מנהגים האבען זיך גערופען שריעת אל חליל (שעריאט אל חאליל) — דאס געזעץ פון אברהם אבינו, אין געגענזאץ צו שריעת מחמד (שעריאט מוחמאד) — דאס געזעץ פון מוחאמעד׳ען, דעם נביא פון די אראבער. די פלאחין האבען זעהר שטארק געאכטעט „אברהם׳ס געזעצען“ —

2, 20, 6. 146) נאך תלמודישע ליטעראטור. 147) סנהדרין ל״ב. ווענען דעם ארט זיינען פאראהאן חלוקי דעות. לויט דער מיינונג פון אשתורי הפרחי האט זיך דער פקיעין פון תלמוד געפונען אין יהודה. די איצטיגע „בקיע“ ווערט אויך אידענטיפיצירט מיט תקוע, שבת ק״ז, וואו ר׳ שמעון בן יוחאי איז געזעסען. 148) יהושע י״ט 36. 149) תוספתא, שביעית ד׳. 150) ירושלמי, שביעית ו. 151) מלחמות 2, 20, 6. 152) חולין נ״ז. 153) תוספתא, שביעית ד׳. 154) ירושלמי נדה א׳. 155) יהושע כ׳ 7. 156) יהושע י״ט 28. 157) דברי הימים ב׳ ט״ז 4.

158) קדמוניות 12, 3, 3. 159) במדבר ל״ב 3. 160) במדבר כ״א 33. 161) מלכים א׳ כ׳ 26. 162) במדבר ל״ב 3. 163) חשמונאים א׳ 5. 164 ירושלמי כלאים ט׳. 165) הושע ו׳ 8. 166) מלחמות 1, 4, 8. 167) ירושלמי דמאי ב׳. 168) במדבר כ״א 26. 169) קדמוניות 12, 8, 3. 170) ירושלמי, תענית ד׳. 171) במדבר כ״א 30. 172) שבת ל׳. 173) במדבר ל״ב 43. 174) קדמוניות 13, 15, 5.

ד. ה. די לאקאלע אוראלטע מנהגים פון זייערע עלטערען, אין דער צייט וואס מוחמד'ס געזעץ — די אראבישע רעכטליכע טראדיציעס זיינען זיי געוועזן פרעמד.

אידישע פלאחין

איינע פון די מערקווירדיגסטע פאקטען וואס האבען א שיכות מיט דער פלאחין פראגע איז די עקזיסטענץ פון אידישע פלאחין אין פקיעין, ארום צעהן ענגלישע מייל אין מערב זייט פון צפת. אויסערליך שיידען זיך די אידישע פלאחין אויף א האר ניט אב פון זייערע דרוזישע און קריסטליכע שכנים. זייער שפראך איז אראביש פונקט ווי ביי אלע אנדערע פלאחין. אין אויסזעהן איז אויך כמעט ניטא קיין אונטערטיעד. לויט זייער אייגענער טראדיציע זיצען זיי אויף'ן לאנד נאך פון די צייטען פון יהושע בן נון. דאס איז נאטירליך ניט מעהר ווי א לעגענדע. אויב זיי זיינען ווירקליך אנ'אי־



בילד 58.
אידישע פלאחין פון פקיעין.

בערבלייבעניש פון דעם אידישען ישוב פון נאך'ן חורבן איז זעהר שווער צו בעשטימען. א טייל פון זיי האבען זיך דא בעזעצט אין בערך א פרישער צייט. דער עיקר ישוב אבער איז שוין אלט הונדערטער יאהרען. דער רייזענדער סטיפאן שוליץ, וואס האט בעזוכט גליל אין 1754, דערצעהלט שוין וועגען דרוזישען דארף, וואס ענטהאלט אידישע אקערבויערישע פאמיליען וואס בעארבייטען דעם באדען אקוראט ווי די פלאחין. ר' שמחה ב"ר יהושע וואס איז געקומען קיין גליל אין תקכ"ה (1765), שרייבט אין זיין ספר „אהבת ציון": ובפקיעין יושבים יהודים נ'בעלי־בתים עובדי שדות וכרמים ונקראים פלחין". ווי לאנג זיי זיינען שוין דאמאלס דא געזעסען איז אונבעקאנט, אבער דערפון וואס זיי האבען זיך שוין דאמאלס גערופען פלאחין קאן מען אורטיילען, אז זייער ישוב איז שוין דאן געוועזן זעהר אלט. וועגען אידישע לאנד־

ווירטשאפטליכע ישובים אין גליל און אויף אין יהודה דערצעהלען אונז שוין פיעל פרהערדיגע אידישע רייזענדער. דאס בעווייזט ניט נור אז אידען האבען זיך אלע מאל, ווען די אויסערליכע בעדינגונגען פון לאנד האבען דאס נור ערלויבט, (און די אויסערליכע בעדינגונגען פון ארץ ישראל זיינען זעלטען געווען זעהר גינסטיג דערפאר) אומגעקעהרט צו פעלד ארבייט אין זייער היסטארישער היים, נאר אויך אז דער אלטער לאנדווירטשאפטליכער ישוב איז פערבליבען פיעל לענגער ווי מען דענקט געוועגליך. אויב אפילו דער אידיש־פלאחישער ישוב פון פקיעין זאל ניט שטאמען דירעקט פון אוראלטען לאנדווירטשאפטליכען אידישען ישוב, איז כמעט קיין ספק ניטא, אז פריהער זיינען אזעלכע ישובים יא געווען. די עקזיסטענץ פון א פעראיינצעלטען אידישען ישוב אין דעם אונרוהיגען גליל אמוויינינגסטען אין די לעצטע דריי הונדערט יאהר, וואס צייכענען זיך אויס מיט זייער שטורעמדיגע און צאהלרייכע איבערקערעניש



בילד 59.

אידישע פלאחינען פון פקיעין.

ניסען, מלחמות, אויפשטאנדען און בירגער־קריגען — צייגט אויף די וואהרשיינליכקייט פון א דויערענדען עקזיסטענץ פון פיעלע אנדערע אידישע ישובים הונדערטער יאהרען נאך'ן חורבן. מיט דער צייט זיינען די דאזיגע ישובים פערשלונגען געלארען אין דער ארומיגער סביבה, אזוי ווי עס האט כמעט פאסירט מיט'ן ישוב פון פקיעין, ווען ניט די נייע איינוואנדערונג און קאלאניזאציע אין צפת און אנדערע ערטער אין גליל.

די אינטערעסאנטסטע ערשיינונג וואס צייגט אויף דעם שיכות פון די פלאחין מיט דעם אמאליגען אידישען ישוב — איז אהן ספק די מערקווירדיגע עהנליכקייט און אפטמאל אידענטיטעט פון טאג־טעגליכען לעבען פון די היינטיגע פלאחין מיט די בילדער און שילדערונגען פון דעם אמאליגען אידישען לעבען, ווי עס שפיגעלט

זיך אב אין דער אלט־אידישער ליטעראטור — תנ"ך און תלמוד. ארויסברענגענ אלע אנאלאגיעס פון דער היינטיגער פלאחישער ווירקליכקייט מיט די ביבלישע און תלמודישע שילדערונגען וואלט זיך געפאדערט דערויף א ספעציעלעס גרויסעס ווערק. אין לויף פון דער ווייטערער אבהאנדלונג וועגען דער פלאחישער ווירטשאפט וועלען מיר זיך געלעגענטליך אבשטעלען אויף די מעהר כאראקטעריסטישע פערגלייכונגען צווישען די געברויכען פון די היינטיגע פלאחין און פון די פארצייטיגע אידען.

ד. געזעלשאפטליכע געשיכטע פון די פלאחין.

פון נאך דעם אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה איז די בעפעלקערונג אין א"י ניט געוועזען מעהר זעלבסט רעגירענד. א"י האט אויפגעהערט צו זיין א זעלבסטשטענדיגע מדינה; אלס טייל פון גרויסע אימפעריעס איז דאס לאנד געווען אונטערווארפען דעם גורל פון יענע מלוכות צו וועלכע עס האט בעלאנגט, און די איינוואוינער פון לאנד האבען ניט געבילדעט קיין געשלאסענע, איינהייטליכע געזעלשאפט מיט א געמיינשאפטליכען ווילען, מיט אנ'אייגענער ארגאניזאציע.

צוויי פיינדליכע פארטייען.

נאך דער אראבישער עראבערונג האט זיך די בעפעלקערונג פון א"י צוטיילט אין צוויי פיינדליכע, קעמפפענדע פארטייען, וואס האבען אונאויפהערליך געפיהרט צווישען זיך מלחמות. די בלוטיגע פארטיי שטרייטיגקייטען זיינען געווען בעזונדערס גרויס צווישען די פלאחין. די צוויי פיינדליכע פארטייען האבען זיך גערופען קייס און יאמאן. די פלאחין גופא האבען ניט געוואוסט דעם אורשפרונג פון דער צוטיילונג און האבען ניט געקענט ערקלערען די אורזאכע פון אונאויפהערליכען בירגער־קריעג. לויט אנ'ארטיגער טראדיציע האבען אמאל געלעבט צוויי איינפלוסרייכע ברידער, מיט'ן נאמען קייס און יאמאן, וואס זאלען האבען זיך איינמאל שטארק צוקריגט. דערפון זאל שטאמען דער קריעג פון די צוויי פראקציעס. ווארשיינליך שטאמט די צושפאלטונג פון צוויי אראבישע פיינדליכע שבטים, וואס האבען אריינגעוואנדערט אין א"י, און האבען אריינגעצויגען די גאנצע בעפעלקערונג אין זייער דורות־לאנגען ברידער־קריעג. די אראבישע געאגראפען און היסטאריקער דערצעהלען וועגען שלאכטען צווישען די קייסיטען און יאמאניטען נאך אין ערשטען יאהרהונדערט פון דער אראבישער עראבערונג. די שטרייטיגקייטען האבען ניט אויפגעהערט ביז דער צווייטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט.

בירגער־קריעג.

ניט בלויז די מוסלימער, נאר אויך די קריסטען אין א"י און אפילו די דרוזען פון לבנון האבען זיך פריהער געפונען אין די צוויי קעמפפענדע פראקציעס. נאך אין 1711 איז אין לבנון, נעבען עין־דארא פארגעקומען א בלוטיגע שלאכט צווישען די קייסיטישע און יאמאניטישע דרוזען, אין וועלכע די לעצטע האבען געליטען א גרויסע מפלה און זיינען געצוואונגען געווארען אויסצואוואנדערען אין חורן (ג'בל דרוז). מיט דעם קאמפף איז געשלאסען געווארען דער סכסוך פון די צוויי פארטייען אין לבנון. אין א"י אבער האבען די מלחמות אנגעהאלטען פיעל לענגער, ביז פאר פופציג יאהר, און דער אנטאגאניזם אין פיעלע ערטער האט נאך ניט אויפגעהערט עד היום. הגם מיט דער בערישטארקונג פון טערקישען אויטאריטעט אין דער לעצטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט האט דער בירגער־קריעג אויפגעהערט, אבער נאך היינט קומען פאר בלוטפערגיסונגען אין מאנכע דערפער צווישען די פיינדליכע צדדים און משפחות.

דער ברידער־קריעג צווישען די פלאחין האט זיך בעזונדערס פערשטארקט אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט, נאך דעם אבטרעטען פון דער פראנצויזישער ארמיע פון א"י. דאס גאנצע לאנד, (ד. ה. צו מערב טייל, פון ים התיכון ביז'ן ירדן, ווארום דער עבר הירדן איז נאך דאן געווען באזעצט הויפטזעכליך מיט בעדואינער) איז געווען איינגעטיילט אין 18 געגענדען, און איבער יעדען געגענד האט געהערשט א שייך — דער הויפט פון א גרויסער איינפלוסרייכער, מעכטיגער פאמיליע. די שייכען זיינען געווען פעראנטוואָרטליך פאר די שטייערען פון זייערע דערפער צו דער רעגירונג. איין מאל אין יאהר איז דער וואלי פון דמשק ארויסגעפאהרען אויפמאהנען די שטייערען, און ניט אלע מאל איז איהם דאס געלונגען. ווען דער וואלי האט געשיקט סאלדאטען אין א דארף וואס האט זיך ענטזאגט צו צאהלען שטייערען — זיינען זיך די איינוואוינער צולאפען אדער בעהאלטען זיך אין די ארומיגע היילען, אדער גאר אנטלאפען צו די בעדואינען, וואס האבען אין גאנצען ניט אנערקענט דעם אויטאָריטעט פון דער רעגירונג. די שייכען פלעגען אבווארטען דעם פאשא און איהם אונטערקויפען ער זאל העלפען מיט זיינע סאלדאטען בעקעמפפען זייערע געגנער און פיינד.

שייכען הערשאפט.

די רעגירונג האט זיך עפענטליך אין די שטרייטען ניט געמישט. אפטמאל האבען די פאשאס און זייערע אגאס (געהילף־גובערנאטארס) שטילערהייד אליין אויפגעהעצט איין טייל פון דער בעפעלקערונג געגען דער צווייטער, און געשטיצט אמאל דעם צד און אמאל דעם צווייטען. אין אזא צושטאנד פון אנארכיע איז דאס לעבען און פערמעגענס קיינמאל ניט געווען זיכער. פיעלע באדענס זיינען ניט בעארבייט געווארען. בעציהונגען צווישען איין טייל לאנד און צווייטען זיינען געווען אונמעגליך. די אנגעהעריגע פון איין פארטיי האבען געציטערט אריבערצוטרעטען די טעריטאָריע פון דער צווייטער פארטיי.

אנארכיע.

אין דער צייט וואס די גאנצע בעפעלקערונג איז געווען צושפאלטען אין קיים און יאמאן, זיינען די דערפער געווען צוטיילט אין שבטים. יעדער שבט האט פערנומען עטליכע דערפער. די שבטים זיינען בעצייכענט געווארען מיט'ן ווארט „בני", בני חסן (די דערפער מלחה, עין־כרם, בית־ג'לה, סובא, ולג'ה און אנדערע, דרומית מערבית פון ירושלים), בני מלך (די דערפער קרית־אל־ענב, בית עָנב, ליפתא, בית־ליקיה, בית חורון עליון — בית־אור פוקא, בית חורון תחתון—בית־אור תחתא, ילו און אנדערע, צפונית מערבית פון ירושלים). בני חרית (דערפער דיר אבזיה, ספה, עין עריך, עין קניא, גפנא, ברזית, מזרעה, בית אלו, צפון זייט פון ירושלים), בני זיד, בני מורה, בני צעב און אנדערע. געוועהנליך האט דער גאנצער געגענד בעלאנגט צו איין און דער זעלבער פארטיי — קיים אדער יאמאן, עס זיינען אבער אויך געווען אויסנאהמען. עטליכע דערפער פון איין שבט האבען זיך בעטייליגט אין איין פראקציע, און אנדערע — אין דער אנדערער.

שבטים צוטיילונג.

אינערהאלב יעדען דארף זיינען די איינוואוינער געווען, און אזוי זיינען נאך איצט אין די מייסטע דערפער, צוטיילט אין פאמיליען־פערבאנדען וואס רופען זיך אין אראביש חמולה, (חאמולא) מעהרהייט חמאיל. די סאלידאריטעט פון אלע מיטגליעדער פון דער חמולה, סיי אין ציווילע סיי אין קרימינעלע אנגעלעגענהייטען איז זעהר גרויס. ליידעט איינער פון דער חמולה אנ'עולה — נעמען זיך אלע פאר איהם אן, דארף איינער בעצאהלען שטראף זיינען אלע פעראנטוואָרטליך. איז איינער גע'הרג'ט געווארען האט די גאנצע „חמולה" געדארפט זיך נוקם זיין, און ווען מ'האט ניט געקענט געפינען דעם רוצח — האט מען געדארפט הרג'נען אנ'אנדערען פון זיין

פאמיליען־פערבאנדען.

פאמיליעס אויף זיין ארט. די אנטאגאניסטישע משפחה האט דאן געזוכט גאולת־הדם, און די בלוט־ראכע האט זיך אזוי געצויגען אהן א סוף, איבערגעהענדיג פון איין דור צום צווייטען, סיידען די צוויי צדדים האבען געמאכט שלום דורך בעצאהלען כפר־נפש (אראביש דיעה). דער מנהג פון בלוט־ראכע, וואס איז אויך געווען בעקאנט די אידען מיט'ן נאמען גאולת־הדם, איז נאך פערבליבען ביז'ן היינטיגען טאג, טראץ די בעמיהונגען פון דער רעגירונג אין די לעצטע פופציג יאהר אבצושאפען די אנארכיע און זעלבסט־געריכט אין לאנד.

פאמיליען־סאלידאריטעט.

די מאכט פון די חמולה'ס איז געווען פראפארציאנעל צו זייער צאהל מיט־גליעדער. וואס צאהלרייכער א חמולה איז אלץ מעהר איינפלוס און מאכט פערמאגט זי. צו דער חמולה האבען בעלאנגט ניט בלויז בלוט־געזוואנדטע; אויך פרעמדע האבען זיך מיט דער צושטימונג פון די אנפיהרער געקענט אין איהר אנשליסען. די שטארקערע חמולה'ס האבען בעשטימט די שייכען פון דארף. הגם די שייכען האבען געדארפט קריגען די אנערקענונג פון די איינוואוינער פון דארף — איז דיזער אמט געווענליך איבערגעגאנגען בירושה פון פאטער צו קינדער.

צו דער חמולה האט אויך בעלאנגט בשותפות דער גאנצער באדען וואס האט זיך געפונען אין רשות פון זיינע מיטגליעדער (אין פיעלע דערפער איז דער געמיין־אייגענטום פון די פאמיליען־פערבאנדען נאך פערבליבען ביז היינט). טיילמאל האבען די חמולה'ס געהאט צווישען זיך בשתפות א טייל פון דארפישען באדען.

די בעציהונגען פון איין חמולה צו דער צווייטער איז געווען ווי די בעציהונגען פון איין דארף צום צווייטען — בעציהונגען פון פרעמדע און אפט פון פיינד.

די שייכען פון איין דארף, וואס האבען געקעמפפט צוזאמען אונטער דעם הויפט שייך מיט דער געגנערישער פארטיי, ווען עס האט אויסגעבראכען א שלאכט צווישען קייסיטען און יאמאניטען, האבען אפטמאל געקעמפט צווישען זיך, הגם זיי האבען בעלאנגט צו איין און דערזעלבער פארטיי. די מלחמות האבען אויסגעבראכען לויט'ן קאפריז פון די שייכען און זייערע מקורבים, וואס זיינען צו קיינעם ניט געווען פער־אנטווארטליך. להרב האבען די מלחמות געטראגען א לאקאלען חאראקטער. זעלטען ווען דאס גאנצע לאנד אדער אפילו זעהר א גרויסע צאהל דערפער האבען אריינ־געטראטען אין א געמיינזאמען קאמפף*).

ווען איברהים פאשא פון מצרים האט ערא בערט א"י האט ער איינגעפיהרט מיט אנ'אייזערנער האנט א שטרענגען ארדנונג אין לאנד און הארט בעשטראפט די אונ־רוהיגע שייכען וואס האבען פארטגעזעצט די אינערליכע מלחמות. נאך הונדערטער יאהרען פון בירגער־קריעג האט זיך דאס לאנד איינגעשטילט. ניט נור די פלאחין, נאר אפילו די בעדואינער האבען ניט געוואגט מעהר איבערצופאלען און אנצוגרייפען פרעמדע און פיינד. די וועגען זיינען געווארען זיכער און די גרעניצען פון די פער־שיעדענע שבטים, וואס זיינען פריהער געווען אונדורכגאנגבאר — זיינען אבגעווישט

*) א פלאח פון ברזית, וואס האט זיך אליין בעטייליגט אין פיעלע פון די פארטיי־קעמפפען האט איבערגעלאזט א געשיכטע פון די פלאחין־מלחמות. די געשיכטע איז פערעפענטליכט געווארען אין א ענגלישע איבערזעצונג אין „קווארטערלי סטייטמענט“ פון פאלעסטיין עקספלארעישאן פאנד פאר די יאהרען 1904—1906. די בעשרייבונג פון די דאזיגע שייכען־מלחמות דערמאנט ניט ווילענדיג אן די מלחמות פון די „מלכים“ פון יריחו, עי, חברון, לכיש, גזר, א. ז. וו. — די 31 מלכים וואס האבען געקעמפפט מיט דריי טויזענד יאהר צוריק געגען יהושע בן נון אין די זעלבע פלעצער, פיעלע נאך איצט מיט די זעלבע נעמען.

געווארען. אנטשטאט די אלמעכטיגע שייכען, וואס האבען זיך מיט די פערטרעטער פון דער טערקישער רעגירונג זעהר ווענינ גערעכענט, האט ער בעשטימט אין יעדען דארף נאטור׳ס, ד. ה. היטער, וואס זיינען געווען אונטערגעווארפען זיינע „מוטעסעלים“ (גובערנאטארען) פון ירושלים, עזה, יפו, שכם, עכו, א. ד. גל.

פלאחישער אויפשטאנד.

די פלאחין, און בעזונדערס די פריהערדיגע שייכען האבען ניט געקענט פערטראגען דעם נייעם ארדנונג. דער מיליטערישער צוואנגסדינסט און שווערע שטייערען וואס די מצרישע רעגירונג האט איינגעפיהרט האבען געהאלפען אויפצורייצען די בעפעלקערונג, און אין 1834 האט אויסגעבראכען א גרויסער פלאחישער אויפשטאנד, וואס האט ארומגענומען דאס גאנצע לאנד, און האט זיך געענדיגט מיט דער צייטווייליגער עראבערונג פון ירושלים דורך די פלאחין. איברהים פאשא האט אבער גלייך דערשטיקט דעם אויפשטאנד און אונברחמנות׳דיג בעשטראפט די אנפיהרער. דערנאך איז דאס לאנד געווען שטיל ביז איברהים פאשא האט אין 1840 געמוזט אבטרעטען פון ארץ ישראל. דער פאל פון דער מצרישער הערשאפט איז געווען א סיגנאל פאר נייעם בירגער־קריעג אונטער שייכען־הערשאפט. די טערקישע רעגירונג האט פערזוכט אבצושטעלען די אנארכיע — אבער עס האט זיך איהר א לאנגע צייט ניט איינגעגעבען. די איינפלוסרייכע שייכען פלעגען אבקויפען די טערקישע בעאמטע און גובערנאטארען וואס זיינען אינסטרואירט געווארען זיי צו פערהאלטען, און אנשטאט שטראף פאר זייערע אונגעזעצליכע מעשים פלעגען זיי נאך טיילמאל בעקומען הילף צו בעקעמפפען זייערע שונאים*).

אבשאפונג פון שייכען־הערשאפט.

נאך דער קרימער מלחמה, וואס האט זעהר פיעל אויפגעהויבען דעם פרעסטיזש פון דער טערקיי איבעראל, האט זיך דער אויטאריטעט פון דער רעגירונג אויך פערשטארקט אין א״י. אויף׳ן בעפעהל פון סולטאן עבד־אל־עזיז אין די זעכציגער יאהרען זיינען אבגעשאפען געווארען די עמטער פון שייכען און אויף זייער פלאץ זיינען אוועקגעשטעלט געווארען טערקישע בעאמטע. די שטייערען, וואס זיינען ביז דאן אויפגעמאנט געווארען דורך די שייכען, האט מען אנגעהויבען פאדערען דירעקט אין דער רעגירונגס קאסע, און דערמיט האט זיך געענדיגט די ממשלה פון די שייכען און די אינערליכע שטרייטיגקייטען האבען אויפגעהערט.

דאך טרעפען זיך נאך היינט מלחמות צווישען איין דארף און צווייטען, און אמאל אויך צווישען צוויי פיינדליכע חמולה׳ס פון איין און דעמזעלבען דארף; בעזונדערס אין די דערפער וואס זיינען עטוואס דערווייטערט פון די אדמיניסטראטיווע צענטרען, וואו די רעגירונגס מאכט פיהלט זיך נאך ווענינ. די שטרייטיגקייטען קומען פאר צוליעב גרעניץ סכסוכים, הויפטזעכליך אבער צוליעב בלוט־ראכע. צווישען די בעדואינער קומען די מלחמות פאר פיעל אפטער, אבער ביי די פלאחין ווערען זיי אלץ ווייניגער. די טעלעגראפען, אייזענבאהנען און שאסען וואס זיינען די לעצטע צייט אויסגעבויט

*) עדווארד ראבינסאן דערצעהלט וועגען די קעמפפען פון די צוויי פארטייען אין שכם׳ער געגענד אין 1852. דער פיהרער פון די קייסיטען, מחמוד עבד אל־האדי, האט גובר געווען זיינע געגנער, די יאמאניטישע בני־טוקאן, און איז געווארען הערשער אין שכם. ער האט דאן אנגעהויבען אונטערצודריקען די אנהעננער פון דער געגנערישער פארטיי. די ליידענדע האבען אוועקגעשיקט א דעלעגאציע אין בירות צו בעקלאגען זיך אויף די אונטערדריקונגען. מחמוד האט זיך אבער מקדים געווען און האט אוועקגעשיקט אין בירות 40.000 פיאסטער חאבאר. ווען די דעלעגאציע איז אנגעקומען אין בירות מיט זייערע קלאגעס — האט מען זיי אריינגעווארפען אין תפיסה אויף 25 טעג, דערנאך האט מען זיי צוריקגעשיקט מיט דער פערזיכערונג, אז מחמוד עבד אל־האדי אליין וועט שוין אויסהערען זייערע טענות.

געוואָרען אין לאַנד — האָבען פערלייכטערט און פערפעסטיגט דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונג.

די הונדערטיעהריגע קעמפּפען און קריגערייען האָבען ארויפגעלעגט זייער חתימה אויפ'ן געזעלשאַפטליכען האראַקטער פון דער פלאַחישער בעפעלקערונג. דער מאַנגעל פון נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, די אונפעהיגקייט צו פעראייניגען זיך פאַר געמיינשאַפטליכע ציעלען, מיט וועלכע די פלאַחין צייכנען זיך אויס, זיינען אהן ספק א פּראָדוקט פון די היסטאָרישע אומשטענדען אין וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו לעבען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען.

רעזולטאַטען פון בייגער־רונג.

עס איז זעהר האַראַקטעריסטיש פאַר דער אַלגעמיינער געגענזייטיגער אבגעריסענקייט און פיינדליכקייט פון די פלאַחין דער אַרט פון זייער געהן אין וועג. דער פלאַח ווען ער פערלאָזט זיין דאָרף האַלט ער זיך ווי ער געהט ארויס אין שלאַכט. אין וועג געהט ער ארויס בעוואָפענט, ווייל ער איז אין סכנה. דער וועג הייסט ניט פשוט וועג, נאָר „חטר" (האַטאַר) — וואָס מיינט בוכשטעבליך געפאַהר. ווארום דער פלאַח איז שטענדיג אין קריעגס צושטאַנד, און ווי נאָר ער געהט ארויס פון די גרענעצען פון זיין דאָרף געפינט ער זיך אין פיינדליכע טעריטאָריע. ער געטרויט דאָן קיינעם ניט. ער זאָגט קיינעם ניט וואוהין ער געהט, כדי צו זיין מעהר בעשיצט און בעוואָרענט. ווען איינער טרעפט איהם אין וועג און פרעגט איהם: פאין יא מאַסהאַל? (וואוהין געהסטו?) — ענטפערט ער: „עלא באב אללה" — צום טויער פון גאָט.

ע. פין, וואָס האָט א לאַנגע צייט געלעבט צווישען די פלאַחין און בעאָבאַכטעט זייערע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען בעמערקט פאָלגענדעס וועגען זייער נאַציאָנאַלען האַראַקטער:

נאַציאָנאַלע צייכענקייט.

„זיי רעדען אַן אַלגעמיינע שפּראַך, זיי האָבען אַן אַלגעמיינע רעליגיע, זייערע מנהגים און מדות זיינען בכלל איינע און די זעלבע איבער'ן גאַנצען לאַנד. דאָך האָבען זיי אבסאָלוט ניט אין זיך קיין נאַציאָנאַלע איינגקייט. זיי פערבונדען זיך קיינמאָל ניט פאַר אַנ'אַלגעמיינעם ציעל, אויסער ווען דער צופאַל פעראייניגט אייניגע קלאַנען צו העלפען איינער דעם צווייטען אין זייערע גרופּען־קעמפּפען. זיי זיינען אמת אַלע קלאַסיפיצירט אונטער די צוויי גרויסע אבטיילונגען פון קיים און יאַמאַן, אָבער אפילו דאַן האָבען זיי גאָר ניט אַזעלכעס וואָס זאָל דערמאָנען די צוזאַמענווירקונג פון פּאַטריאָטען, אַלס איין נאַציאָן, וואָס זיינען גרייט און ווילינג צו געהן האַנד ביי האַנד פאַר דעם מוטערלאַנד. דיזער צושטאַנד איז גענוג צו ערקלערען אין א גרויסער מאָס די אָבגעשטאָנענקייט פון דער ברייטער בעפעלקערונג. זיי האָבען ניט קיין נאַציאָנאַלען לעבען. יעדער דיסטריקט לעבט בעזונדער פאַר זיך, און פיהרט זיינע אייגענע קעמפּפען מיט די שכנים, האָט אָבער ניט קיין געמיינשאַפטליכען אינטערעס און אויפגאַבען מיט די אַנדערע. די איינוואוינער פון די פערשיעדענע דיסטריקטען אונטערשיידען זיך אין א געוויסער מאָס אין זייער אויסערליכען אויסזעהן, אין האַראַקטער און אַרט רעדען. זיי זיינען עהנליך איינער צום צווייטען אַזוי פיעל, אַנצוצייגען אויף א געמיינשאַפטליכער אָבשטאַמונג. זיי אונטערשיידען זיך ווי פראַגמענטען פון א נאַציאָן, וואָס איז צוברעקעלט געוואָרען מיט א לאַנגע צייט צוריק אין פערשיעדענע און פיינדליכע קלאַנען. אַלע זיינען פלאַחין, דאָך איז יעדער א טייל פאַר זיך, אָבגעריסען, און פיינדליך איינער צום צווייטען".

ה. באדענאייגענטום־פערהעלטניסע.

פריהערדיגע פערהעלטניסע.

אין פריהערדיגע צייטען האבען די פלאחין גערעכענט זיך פאר בעלי־בתים פון די באדענס וואס זיי האבען בעארבייט. קיין פעסטגעשטעלטע פארם פון באדענאייגענטום האט נאך בכלל ניט עקזיסטירט. די לענדערייען זיינען ניט געווען רעגיסטרירט. קיין שריפטליכע צייגניסע האט קיינער ניט פערמאגט אויף זיין נחלה. מ'האט זיך פערלאזט אויף דער חזקה און דער טראדיציע. אין פאל פון א סכסוך האבען געגילט מינדליכע עדות. דערביי האט נאטירליך געשפיעלט א גרויסע ראלע דער פרינציפ פון „כל דאלים גבר“ (מאכט איז רעכט) — די מעהר שטארקע און גרעסערע דערפער האבען פערכאפט די באדענס פון די שוואכערע און קלענערע דערפער און האבען פערניכטעט זייערע איינוואוינער אין בלוטיגע קריעגערייען. דער באדען פון יעדען דארף איז געהאלטען געווארען בשותפות צווישען אלע איינוואוינער. וואו די שייכען פון דארף זיינען געווען בעזונדערס שטארק און איינפלוסרייך, זיינען זיי פאקטיש געווען די אמת'ע בעלי בתים פון גאנצען באדען. די שייכען האבען זיך בעמיהט צוצוציהען וואס מעהר אקערבויער אין זייערע דערפער, כדי צו קאנען ביישטעהן די איבערפאלען פון די בעדואינער און זיי האבען פערטיילט באדענס און הייזער צו פאמיליעס וואס זיינען געווען גרייט צו בעזעצען זיך ביי זיי אין דארף מיט'ן בעדינג זיי זאלען בעארבייטען דעם באדען און פערטיידיגען דאס דארף אין פאל פון איבערפאל. די שייכען האבען זאגאר צוגענומען דעם באדען פון די אלטע איינוואוינער פון דארף, וואס האבען צוליעב אירגענד װעלכער סבה פערלארען זייערע ארבייטס־בהמות, און עס אוועקגעגעבען צו נייע אנזידלער אויב זיי האבען נור געהאט אקסען פאר דער ארבייט. ביי דער שיטערקייט פון בעפעלקערונג און די פיעלע אונקולטיווירטע לענדערייען האט בכלל דער באדען ניט געשפיעלט אזא ראלע, און די הויפט זאך איז געווען די ארבייטס־פיה.*)

שפעטער האט די רעגירונג ארויסגעגעבען א געזעץ וועגען „טאבו“ — ד. ה. גרונד אייגענטום צייגניסע. די שטרעבונג פון דער רעגירונג איז געווען, אז דאס

---

*) באלדענספערגער דערצעהלט דעם פאלגענדען כאראקטעריסטישען אנעקדאט, וואס זאל האבען פארגעקומען אין דארף קבייבה (צווישען יבנה און יפו), וועלכער אילוסטרירט די דארפישע בעציהונגען אין דעם הינזיכט אין פריהערדיגע צייטען: אין קבייבה איז געקומען א מאן מיט א פאר אקסען או האט געבעטען מ'זאל איהם געבען א הויז און באדען, כדי ער זאל זיך דא אוועקשטעלען ארבייטען און בעטייליגען זיך אין אלע פליכטען פון דארף. דער שייך האט גלייך ארויסגעשיקט א פלאח, וואס איז געווען אהן אקסען, פון זיין הויז, און דער פרעמדער האט זיך דארט בעזעצט. דער פערטריבענער האט נאטירליך פראטעסטירט וואס מען רויבט ביי איהם דאס הויז וואס ער אליין האט אויפגעבויט, אבער די עלטסטע פון דארף האבען זיך דערמיט ניט גערעכענט. זיי האבען פון דעסטוועגען פערשפראכען צו ערלויבען איהם ווייטער וואוינען אין דארף, אויב ער וועט זיין אומשטאנד אין א געוויסער צייט צו ווערען צוריק א ריכטיגער דארפסמאן ווי ס'געהער צו זיין — ד. ה. ערווערבען א פאר אקסען. דער פרעמדער האט בעקומען א טייל אין באדען און האט זיך אויפגעבויט א הויז מיט דער הילף פון גאנצען דארף. דערווייל איז דער פערטריבענער אוועק אין רמלה און האט געקויפט א פאר אקסען און האט זיי געבראכט אין קבייבה. בעפאר ער איז אריין אין דארף האט ער אראפגענומען דעם טארבוש פון קאפ און האט עס אנגעטאן אויף די הערנער פון אן אקס. ווען מען האט איהם געפרעגט וואס דאס בעדייט, האט ער געענטפערט, אז לויט ווי ער האט געזעהן איז דער אקס אין קבייבה מעהר יחסן פאר'ן דארפסמאן, ווייל אהן אן אקס איז זיין אייגען הויז ניט זיינס, און עס איז דעריבער ניט מעהר ווי רעכט צו געבען כבוד דעם וואס האט עס פערדיענט.

געמיינאייגענטום וואס האט ביז דאן געהערשט זאל איבערגע׳ביטעז ווערען אויף אינדיווידועלעם אייגענטום, וואו יעדער פלאח זאל האבען זיין בעשטימטען שטיק באָדען, אויך אז יעדער זאל האבען א שריפטליכען אפיציעלען דאקומענט (טאבו סענעדי) אויף זיין נחלה.

אלס רעזולטאט פון דאזיגען געזעץ זיינען פיעלע לענדערייען אוועקגענומען געווארען פון זייערע פריהערדיגע בעלי־בתים און איינגעפאלען צו די רייכע עפענדים.

רעזולטאטען פון קאראקטער רעפארם.

צוערשט האבען דערפון געליטען די בעדואינער פון עבר הירדן וואס האבען זיך יאהרענלאנג געדרעכענט פאר בעלי־בתים פון גרויסע שטרעקעס לאנד אין מערב ארץ ישראל, בעזונדערס אין עמק יזרעאל. די בעדואינישע שבטים וואס האבען קיינמאל ניט אנערקענט דעם אויטאריטעט פון דער רעגירונג, האבען נאטירליך ניט געהאט קיין גילטיגע בעזיצטיטלען אויף זייער באדען, און זיי האבען אזעלכעס גאר ניט געוואלט ארויסנעמען ביי דער רעגירונג אום ניט אונטערצופאלען איהר הערשאפט. די רעגירונג האט דאן פערקויפט א טייל פון די לענדערייען אלס פרייע באדענס צו פריוואטע קאפיטאליסטען און א טייל האט זי פערהאפט אלס פריוואטע רעגיערונגס־לאנד, ד. ה. אלס קרוין־לאנד. די רעפארמע האט זיך אבער אויך שטארק אבגערופען אויף׳ן לאנד־בעזיץ פון די פלאחין.

באדען־פערלוסט בין בעדואינער.

די אונוויסענדע פלאחין האבען ניט געקאנט בעגרייפען דעם זין פון דער נייער רעפארמע און האבען זי בעטראכט אלס א גזרה פון דער פערהאסטער „דולה“ (רעגירונג), וועלכע מ׳דארף אויסמיידען ווי ווייט מעגליך. די ארימערע פלאחין האבען מיט א כיון פערלייקענט זייער אייגענטום, אום פטור צו ווערען פון דעם שטייער, וואס איז געווען פערבונדען מיט׳ן ארויסנעהמען פון „טאבו סענעדי“ (די צייגניס אויפ׳ן באדען), און האבען אויף אזא אופן פערלארען זייער באדען. אנדערע האבען אבגעטראטען זייערע נחלות פאר א שפאט־ביליגען פרייז צו די רייכע עפענדים, אבי נאר ניט צו האבען צו טון מיט דער רעגירונג, צו וועלכער דער פלאח בעציהט זיך נאך היינט מיט פערדאכט און מורא. דאס גרויסע דארף בית דגן (נעבען ראשון לציון) האט אויף אזא אופן פערקויפט א דריטעל פון זיינע באדענס צו רייכע עפענדים פון יפו. אין פיעלע ערטער האבען די תקיפ׳ע שייכען און רייכע שטאדטישע איינוואוינער, וואס האבען געהאט א צד ביי דער רעגירונג, דורך שווינדלערייען און פאלשקייטען פערשריבען אסך לענדערייען אויף זייערע נעמען. פון דאן אן זיינען גרויסע שטרעקעס באדען פערבליבען אין די הענד פון איינצעלנע אייגענטימער.

באדען־פערלוסט פון פלאחין.

און איצט איז דער גרעסטער טייל פון קולטיווירטען באדען אין ארץ ישראל ניט דאס אייגענטום פון די וואס בעארבייטען איהם — די פלאחין — נאר פון גרויסע גוטבעזיצער, די אזוי גערופענע עפענדים. דערצו האבען געבראכט, אויסער די שוין דערמאנטע אורזאכען, נאך צוויי סבות. דער טערקישער געזעץ, אז יעדער קולטור־פעהיגער באדען וואס ווערט ניט בעארבייט דריי יאהר נאכאנאנד ווערט דאס אייגענטום פון דער רעגירונג האט אין א גרויסער מאס ביטגעהאלפען דער קאנצענטראציע פון באדען אין די הענד פון איניגע קאפיטאליסטען. צוליעב דער שיטערקייט פון בעפעלקערונג אין א״י און די שווערע שטייערען און קליינע איינקינפטע פון באדען זיינען פיעלע לענדערייען ניט בעארבייט געווארען און אומגעקעהרט זיך לויט׳ן געזעץ צו דער רעגירונג, וועלכע האט זיי פערקויפט פאר זעהר קליינע פרייזען צו די רייכע עפענדים. אזוי האט א קריסטליכער באנקיר פון בירות (סורסיק) ערווארבען אין

קאנצענטראציע פון באדען.

1872 דעם נארדליכען טייל פון עמק יזרעאל מיט 20 דערפער — א שטח פון איבער 180 קוואדראט קילאמעטער (אונגעפעהר 200.000 דונאם) — פאר די אונבעדייטענדע סומע פון 500.000 פראנק. בלויז דער יעהרליכער איינקונפט פון דעם באדען איז ניט וויינינגער פאר 300.000 פר. — מעהר ווי א העלפט פון דעם גאנצען פרייז.

מעהר פאר אלץ אבער ווירקט אין דעם הינזיכט די שטענדיגע נויט פון פלאח וואס פאלט געווענליך א קרבן צו דעם שטאדטישען וואוכערער — מייסטענס א קריסטליכער ארעבער. זעהר וועניג פלאחין זיינען גענוג פערמעגליך צו קענען עקזיס־טירען עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג און ניט אנצוקומען צו פרעמדע הלואות. די גרעסטע מעהרהייט פון לאנדבעפעלקערונג קאן ניט אויסקומען דורך'ן יאהר אן אנלייהע ביז'ן שניט. ביי מייסטע פויערים קלעקט דאס גערעטעניש קוים אויף אויסצו־צאהלען די חובות, און איהם אליין בלייבט אויסער אביסעל שפייז, קיין זאך ניט. דערוי־בער קאן זיך דער פלאח ניט בעגעהן אהן דעם וואוכערער. די פראצענטען זיינען שרעק־ליך גרויסע — 2־3 פראצענט א חודש, און ענדליך ווערט דער פלאח וועמענס חובות וואקסען אלץ גרעסער און גרעסער גענצליך רואינירט. ווען ער איז שוין מעהר ניט אומשטאנד צו צאהלען די פראצענטען — מוז ער אבטרעטען זיין באדען צום בעל־חוב. גאנצע דערפער געהען אויף אזא אופן אריבער אין רשות פון איינצעלנע קאפיטאליסטען. דמשק'ער, עכו'ר, חיפה און יפו'ר קאפיטאליסטען־וואוכערער האבען אזוי ערווארבען די בעסטע לענדערייען אין עבר הירדן, גליל און יהודה, און איצט בעלאנגט דער גרעסטער טייל באדען אין ארץ ישראל ניט צו די פלאחין — נור צו די גרויס־גרונד איינענטימער.

קיין פינקטליכע סטאטיסטיק בנוגע דער פערטיילונג פון באדען צווישען די פערשיעדענע קלאסען איז ניטא. לויט דעם דייטשען אגראנאם אויהאגען בעלאנגען צו די פלאחין 15 פראצענט פון די באדענס אין עבר הירדן, 20 פראצענט — אין גליל און 50 פראצענט אין יהודה. דר. רופין טיילט מיט אן אפיציעלען בעריכט פון דמשק'ער ווילאיעט (וואס שליסט איין דעם גאנצען עבר־הירדן), לויט וועלכען 60 פראצענט פון באדען געפינט זיך אין גרויסבעזיץ, 15 פראצענט — אין מיטעלען און 25 פראצענט אין קליינבעזיץ. צו די עפענדים בעלאנגען אויך די גרעסטע טייל גערטנער ארום צידון, עכו, יפו, צפת און עזה. כמעט דער גאנצער עמק יזרעאל איז דאס אייגענטום פון איין קאפיטאליסט — א בירות'ער קריסט.

די רעגירונג גופא איז פון די גרעסטע גוט־בעזיצער אין ארץ ישראל און סנריה. אין דער ליסטע פון טשיפטליקס*), וואס איז פערעפענטליכט געווארען אין 1913, בשעת די רעגירונג האט געדענקט, מחמת דוחק אין געלד נאך די באלקאנישע און טריפאליטאנישע קריג, צו פערקויפען איהרע באדענס אין סוריה און מעסאפאטאמיע (בערך 28 מיליאן דונאם), — געפינען זיך 390.000 דונאם אין עמק־הירדן (בית־שאנ־ער טשיפליק), איבער 100.000 דונאם אין חורן און 11.335.000 דונאם אין אנדערע טיילען פון דמשק'ער ווילאיעט. די רעגירונג בעזיצט אויך גרויסע שטרעקעס באדען אין צפון און דרום ארץ ישראל — אין דער חולה און אין דער געגענד פון עזה.

---

*) די לענדערייען וואס בעלאנגען דירעקט צו דער רעגירונג רופט מען אין א"י מיט'ן טערקישען נאמען „טשיפטליק", הגם די אמת'ע בעדייטונג פון טשיפטליק איז א פארם, א גוט בכלל, אהן אונטער־שיעד צי עס בעלאנגט צו דער רעגירונג אדער צו א פריוואט־פערזאן.

די באַדענס וואָס בעלאַנגען צו די פלאחין זיינען טיילווייז אינדיווידועלע, טיילווייז קאָמונאַלעס אייגענטום. ביי די זעכציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט זיינען

געמיין־אייגנטום („מושא").

אַלע פלאַחישע לענדערייען געווען „מושא" (משע) — ד. ה. געמיינשאַפטליכע אייגענטום. זינט די רעגירונג האָט איינגעפיהרט דעם „טאבו" האָט זי געצוואונגען די פלאחין זיי זאָלען צוטיילען צווישען זיך דעם באָדען. אין סוריה זיינען פון דאַן די מעהרסטע באָדענס פאַנאַנדער געטיילט געוואָרען צווישען די איינצעלנע אייגענטימער, אין ארץ ישראל זיינען נאָך אָבער די גרעסטע טייל באָדען פערבליבען „מושא"-געמיינשאַפטליכעס אייגענטום. אין די דערפער אויף די בערג הערשט געוועהנליך די פאָרם פון אינדיווידועלען אייגענטום. אין די טאָלען ווידער, בעזונדערס אין עמק השרון און די שפלה, איז דער אקערבאָדען דאָס שותפ'טע אייגענטום („מושא") פון גאַנצען דאָרף, ד. ה. יעדער פלאח האָט א רעכט אויף א בעשטימטען חלק, למשל דריי הונדערטסטעל, פינף הונדערטסטעל פון גאַנצען אקערבאָדען, דער חלק אָבער איז ניט אויסגעטיילט אויף דעם אָדער יענעם שטיק לאַנד. פון צייט צו צייט (געוועהנליך אַלע צוויי יאָהר) ווערט דער „מושא"־באָדען פון דאָס ניי פאַנאַנדערגעטיילט על פי גורל צווישען די אייגענטימער און די שאדאדין — שאדאד ווערט אָנגערופען א פלאח וואָס האָט א טייל אין מושא, שאדאדין איז דער רבים פון שאדאד — בעקומען נאַטירליכערווייזע זייער טייל באָדען יעדעס מאָל אויף אַנאַנדער פלאַץ.

פאנאנדערטיילונג פון „מושא"־באדען.

דער באָדען ווערט צוטיילט לויט די צאָהל „פעדאנ"ען וואָס געפינען זיך אין דאָרף. א „פעדאַן" (פדאן) אין אראביש מיינט בוכשטעבליך א פּאָר אָקסען, עס ווערט אָבער בענוצט אין זין פון שטח באָדען, וואָס א פּאָר אָקסען קאָנען אויפאַקערען אין פערלויף פון ארבייט־סעזאָן*). מערסטע פלאחין האָבען נור צו איין פעדאַן. ס'איז אָבער פאַרהאַן אויך אַזעלכע וואָס האָבען צו עטליכע פעדאַנס, אויך וואָס האָבען נור א האַלבען פעדאַן — ד. ה. איין אָקס (אין אַזאַ פאַל מאַכט ער שותפות מיט א צווייטען וואָס האָט אויך ניט מעהר ווי איין אָקס און בעארבייטען צוזאַמען זייער באָדען.

דער באָדען ווערט פאַנאַנדערגעטיילט אויף פאָלגענדען אופן:

צוערשט ווערט דאָס לאַנד איינגעטיילט אין גוטען, מיטעלען און ערגערען סאָרט, דאַן אויסגעמאָסטען מיט א שטריק ווי אין די צייטען פון עמוס**) און צוטיילט לויט די צאָהל פעדאַנ'ס וואָס איז פאַרהאַן אין דאָרף. יעדער שאדאד בעקומט זיין חלק על פי גורל. דער גורל (אין אראביש: „ג'אראל") ווערט געצויגען דורך צוויי קליינע קינדער אין דער אַנוועזענהייט פון אַלע שאדאדין, וועלכע שרייען אויס יעדעס מאָל ווען ס'ווערט ארויסגעצויגען א נייער גורל: אללה יקום בג'רלי (אלא יאקום בידזשא ראלי, ד. ה. גאָט זאָל אָבהיטען מיין גורל!)***).

דאָס שטיקעל באָדען וואָס פאַלט אויס יעדען שאדאד ווערט ניט זיין אייגענטום, נור בלייבט אין זיין רשות ביז נאָך'ן שניט; נאָך דעם געהט עס איבער אין אַנאַנדער־

---

*) פעדאן אין אראביש איז דאס זעלבע וואס צמד אין העברעאיש. אין ערשטען זין ווערט בענוצט דער אויסדרוק „צמד בקר" (שמואל א' י"א 7), אין צווייטען זין „צמד שדה" (שמו"א י"ד 14).

**) ואמדתך בחבל תחולק (עמוס ז' 17).

***) עטוואס עהנליכעס איז ווארשיינליך אויך פארגעקומען אמאל ביי די אידען, ווי מ'קאן זעהן פון דעם פסוק אין תהלים (ט"ז 5—6): „אתה תומיך ג ו ר ל י, ח ב ל י ם נָפלו לי בנעמים, אף נ ח ל ת שפרה עלי".

רענם רשות. ביי אזא סיסטעם האָט דער פלאח נאַטירליך ניט קיין שום אינטערעס אין דער פערבעסערונג פון באָדען: מיסטיגען די פעלדער, אַברייניגען די שטיינער, פערניכטען די ווילדע גראָזען און געוויקסען וואָס צערען אויס דעם באָדען א. ד. ג. זיין איינציגע זאָרג איז נור וואָס מעהר עקספּלואַטירען דאָס לאַנד פאַר דעם יאָהר אָדער צוויי וואָס עס געפינט זיך אין זיין רשות. פון אינטענסיווערווירטשאַפט, וואָס איז אויסגערעכענט אויף א לאַנגע רייהע יאָהרען, ווי פּלאַנטאַציעס, קאָן דאָ גאָר קיין רייד ניט זיין. די איינציגע זאַך וואָס איז איהם נוגע איז די גערעטעניש פון דעם לויפענדען יאָהר. דאָס איז איינע פון די הויפּט־סבות פון דער שרעקליכער פערלאָזענקייט און אָבגעשטאַנענקייט פון דער פלאח'ישער ווירטשאַפט.

פעכטער און פאַכט־בעדינגונגען.

די גרויסע גוטבעזיצער בעווירטשאַפטען זעלטען אליין זייער באָדען, אזוי, אז טראָץ דער הערשענדער פאָרם פון גרויסגרונדאייגענטום איז דער לאַנדווירטשאַפטליכער גרויסבעטרייב אין לאַנד כמעט ניט בנמצא, אויסער אין איינצעלנע ערטער. אין צפון זייט פון מידבא (אין עבר הירדן) איז דאָ א גרויסער גוטבעזיצער מיט'ן נאָמען אבו גאביר וואָס אקערט מיט 40 פּאָר אָקסען אין א מאָל. ער דינגט ארבייטער אין דעם גאַנצען אומגעגענד און צאָהלט זיי אויסער אלע קאָסטען א פערטעל פון דער ערנטע. אזעלכע פאַלען זיינען זעהר ווייניג. געוועהנליך פערדינגט דער גרויסער גרונד אייגענטימער זיין באָדען צו פלאחין־פּעכטער וואָס רופען זיך דאַן מוזרע (מוזארי) אָדער חאראת. די בעדינגונגען פון פאַכט זיינען פערשיעדען. דער פּעכטער צאָהלט געוועהנליך א פינפטעל (חומס) פון איינטראַג אין פאַל ווען ער בעקומט פון אייגענטימער נאָר דעם באָדען און א הויז צום וואוינען, אלעס איבריגער — ארבייטס־בהמות, זריעה און אנדערע קאָסטען — גיט ער, דער פּעכטער, אליין. טיילמאָל ליפערט דער בעל הבית פון באָדען אויך די זריעה. דער פּעכטער אקערט, זייעט, שניידט און דרעשט און נעמט דערפאַר א דריטעל אָדער א העלפט פון דער ערנטע, וואָס בלייבט נאָך דעם אָבצאָהל פון „עושר". די גאָר אָרעמע פלאחין וואָס פערמאָגען ניט קיין אייגענעם אינווענטאר (ארבייטס־בהמות און ווערקצייג) ארבייטען אלס לוין ארבייטער אין א פרעמדער ווירטשאַפט און ערהאלטען אלס זייער לוין א „חצה" (חיסא), ד. ה. א „טייל" פון דער ערנטע, געוועהנליך א „חומס", ד. ה. א פינפטעל.

די פּעכטער וואָס בעארבייטען דעם "טשיפטליק„—ד. ה. קרוין־לאַנד—זיינען אין אלגעמיין גינסטיגער אוועקגעשטעלט איידער די פּריוואַט פּעכטער. זיי צאָהלען די רעגירונג א פינפטעל פון ערטראַג אלס ארענדע, און זיינען שוין דערמיט בעפרייט פון „עושר" און אנדערע שוועריגקייטען וואָס זיינען פערבונדען מיט שטייערען.

פיעלע לענדערייען אין עמק הירדן בעלאַנגען צו בעדואינער פון עבר הירדן. די בעדואינער בעארבייטען אויך ניט אליין זייערע פעלדער, נאָר די פלאחין פון מערב ארץ ישראל. די פלאחין געבען די זריעה, אקערען און זייען און קעהרען זיך אום אין זייערע דערפער. די בעדואינער בלייבען איבער צו היטען די פערזייטע פעלדער. אין צייט פון שניט קומען ווידער די פלאחין און שניידען און דרעשען. ווען די ארבייט איז געענדיגט נעמען די בעדואינער א דריטעל פון ערטראַג, די פלאחין א דריטעל, און א דריטעל געהט אוועק אויף בעטרייבס־קאָסטען.


די גאָר גרויסע גרונד־אייגענטימער פערדינגען ניט זייער באָדען דירעקט צו די פלאחין, נאָר צו אונטערנעמער, פערמיטלער וואָס פערטיילען שוין דאָס לאַנד צו די

„מוזרעין“. די עקספּלואטאציע פון פּעכטער־פלאח ביי אזא סיסטעם איז געוועגליך א גרעסערע.

אויך ביים פּאכט הערשט די סיסטעם פון „מושא“־באָדען. דער פּעכטער, אפילו ווען ער דינגט לאנד ביי דעם זעלבען עפענדי צענדליג יאָהרען נאָכאנאנד, בעקומט אלע צוויי יאָהר אויסגעטיילט זיין באָדען פון דאָס נייע אויף אנ׳אנדער אָרט. אזא פּעכטער האָט נאטירליך נאָך ווייניגער אינטערעס אלס א שותּפות׳ער אייגענטימער צו פערבעסערען דעם באָדען.

ז. וואוינונג און קליידונג.

די דערפער מאכען אן אונאנגענעהמען, מאָנאָטאָנעם איינדרוק. די הייזער ווערען געבויט פון זעלבען מאטעריאל, פון וועלכען עס בעשטעהט דער ארומיגער באָדען, און פון דערווייטענס גיסען זיי זיך דעריבער צוזאמען מיט׳ן אונטערגרונד אויף וועל־



בילד 58.
פלאחישע הייזער, אין דער הויף פון ליים, הינטען פון שטיין.

כען זיי שטעהען. אין די בערג ליגען די דערפער אויף דעם סאמע שפּיץ אָדער אויבערשטען רוקען פון בארג, אום עס זאָל זיין לייכטער צו פערטיידיגען זיך פון א פיינדליכען איבערפאל. אין די טאלען ווערען די דערפער געבויט געוועהנליך ניט ווייט פון וואסער־קוואל אָדער ברונעם, וואוהין די פלאחישע טעכטער און פרויען געהען טעגליך שעפּען וואסער מיט די קרוגען וואס זיי טראגען, ניט אויפ׳ן אקסעל ווי רבקה, נאָר אויפ׳ן קאָפּ. אין גליל און שומרון זיינען מייסטע דערפער ארומגערינגעלט מיט קליינע פרוכטגערטנער — מייסטענס אָליווען, פייגען, גראנאטען, וויינשטאָק, — אין יהודה און עבר הירדן טרעפט מען אבער פיעלע דערפער וואכ

האָבען ניט ארום זיך קיין איין בוימעל, אויסער פעראיינצעלטע פּאַלמען דאָ און דאָרט.

אין די גרעסערע דערפער זיינען פאַראַן צוויי קהל'שע געביידעס. א גאַסט־הויז — אין אראביש מְדפה (מעדאפּא) אָדער מנזול (מענזול), און געבעט־הויז — ג'מיע (בוכשטעבליך „פערזאמלונגס־הויז"). אין די קריסטליכע דערפער הייסט די לעצטע „כניסה". די קלענערע דערפער בענוגענען זיך בלויז מיט א גאַסט־הויז. דערפאַר אָבער האָבען זעהר פיעלע דערפער לאָקאַלע הייליגטימער, א קבר פון א הייליגען, א „נביא", אלשייך — די ישוין דערמאנטע מקמ'ס אָדער ולי (וועלי'ס), א קליינע קופּאָל־ארטיגע געביידע נעבען א הויכען שאטיגען בוים.

געבוי פון הייזער.

די הייזער ווערען געבויט אָהן פּלאַן און אָרדנונג, מייסטענס איינשטאָקיג מיט פלאַטשיגע דעכער, און פון דערווייטענס זעהען זיי אויס ווי רואינעס אָדער אונפערענדיגטע געביידעס. אין די בערג, וואו שטיינער זיינען פאַראַן לרב, ווערען די הייזער געבויט פון ניט געטעשעטען שטיין. אין די טאָלען, וואו די צופיהרונג פון שטיינער איז שווערליך און פערבונדען מיט הוצאות, בויען די פלאַחין די הייזער פון ליימענע ציגעל, וואס ווערען געטרוקענט אויף דער זון, און אביסעל וואַפנע. קיין האָלץ ווערט אין די געביידעס ניט בענוצט אויסער דעם דאַך, וועלכער ווערט בעלייגט מיט דיקערע צווייגען און אנדערע געוויקסען און ווערט פערשאָטען מיט ערד, ליים און שטרוי. אין רעגען צוואוואקסט זיך אמאָל דער ערדענער דאַך און זעהט אויס ווי א גרין פעלד. עס פערוועלקט אָבער זעהר שנעל (1). אין אייניגע דערפער נעבען די אידישע קאָלאָניעס זעהט מען הייזער בעדעקט מיט רויטע דאכציגעל (קיראמיט).

דאָס הויז פון פלאח בעשטעהט געוועהנליך נור פון איין צימער, וואס ווערט איינגעטיילט אין צוויי איבער איינאנדער ליגענדע טיילען. די נידריגע העלפט ביים אריינגאנג (רופט זיך אין אראביש „קע־אדדאר") דיענט אלס שטאָל. דאָ האַלט דער בעל הבית זיין קוה, קעלבעל, אייזעל און עופות; אין דער אויבערשטער העלפט, וואָס איז מיט א שטאַפּעל העכער (הייסט אין אראביש מִצטבה, העברעאיש אצטבה), זיצט די פאמיליע פון פלאח. פערמאכענדיג ביי נאַכט די טהיר, האָט דער פלאח ביי זיך זיין גאַנץ הויזגעזינד און בעוועגליכען בעזיץ (2). פון דעם אונאנגענעהמען ריח פון די פיער־פיסיגע שכנים ווערט דער פלאח ווייניג נתפעל. די רייכערע פלאַחין האָבען מייסטענס נאָך אַן אויבערשטען ציכער אויפ'ן צווייטען שטאָק, וואָס רופט זיך אין אראביש (ווי אין העברעאיש) „עליה", וואו ער עמפפאנגט זיינע געסט. קיין קוימען איז אין הויז ניטאָ, און דער רויך פון דעם ליימענעם אויווען, אויף וועלכען די פויערטע קאָכט פאר'ן הויזגעזינד, פילט אָן דעם צימער און געהט ארויס דורכ'ן טהיר אָדער דורכ'ן לאָך אין וואנד, וואו ס'איז נאָר פאראַן אזעלכעס אנשטאט א פענסטער. קיין פענסטער אין אייגענטליכען זין פון וואָרט איז אין די מעהרסטע


---

1) דאָס איז דער „חציר גגות" (מלכים ב' י"ט 26) צו וואָס דער נביא פארגלייכט אלע אונשטאנדהאפטע זאכען וואס פארגעהען שנעל.

2) אננעמענדיג אז די זעלבע איינריכטונגען האָבען עקזיסטירט אויך ביי די פארצייטיגע **אידען,** ערקלערט פראָפ. גוטהע דערמיט דעם זאנדערבארען נדר וואס יפתח האט געטאן פאר זיין געהן מלחמה האלטען מיט די בני עמון (שופטים י"א 31): מקריב צו זיין דאָס ערשטע וואס וועט ארויסגעהן פון זיין הויז־טיר איהם אנטקעגען, ווען ער וועט זיך מיט פרידען אומקעהרען אהיים. יפתח זאָל דערביי האָבען געדענקט פון זיין פיה, וואס האָט זיך אויפגעהאלטען אין הויז. צום אונגליק אָבער איז ארויסגעקומען זיין איינציגע טאָכטער.

פלאחישע הייזער ניטא. דער פלאח פארברענגט נאטירליך ניט פיעל אין אזא דומפער וואוינונג. ביי טאג איז ער אין פעלד אדער אין גאס, נור ביי נאכט קומט ער אין הויז. זומער שטעלט ער אויף אויפ'ן דאך א לייכטע ביידעל, וואו ער שלאפט ביינאכט (3).

די גרויסע דערפער ווערען איינגעטיילט אין קווארטאלען („חארת") און רופען זיך אויפ'ן נאמען פון דער „חמולה" (פאמיליענפערבאנד) וואס וואוינט אין איהר. ווען צווישען די „חמולה'ס" פון א דארף הערשט א יאהרלאנגע שנאה — וואס טרעפט ניט זעלטען אין די גרעסע דערפער — טרעטען די מיטגליעדער פון איין חמולה ניט אריבער די טעריטאריע פון דער צווייטער; יעדע האט זיך דאן אן אייגענע „מנזול" (גאסט-הויז) און טייל מאל אויך אן אייגען געבעט הויז. יעדענפאלס וועט קיינער פון דער פיינדליכער חמולה ניט איבערטרעטען די שוועל פון א „ג'מיע" אדער א „כניסה", וואס ליגט אין דער גרעניץ פון א געגנערישען „חארת". אין קריסטליכען דארף טיבה, וואו ס'האט געהערשט אזא שנאה צווישען צוויי קריסטליכע חמולה'ס, האט דער צווייטער צד זיך אויפגעשטעלט א צווייטע „כניסה" און אנגעשטעלט אן



בילד 59.
הייזער אין מגדל מיט זומער וואוינונגען אויפ'ן דאך.

אייגענעם גלח. דערמיט איז דער פערקעהר צווישעןביידע פארטייען גרינדליך אב-געשניטען געווארען.

אויסער דעם הויז און א קליינעם הויף ארומגעצוימט מיט א פלאט פון דערנער, בויט דער פלאח ניט מעהר קיין אנדערע געביידעס, אזעלכע ווי שטאלען, אמבארען א. ד. ג., מיט דעם אויסנאהם פון אן אויוועז (אין אראביש טאבון). די ארימערע פאמיליעס האבען בשותפות איין אויוועז (4). דער פלאח האט ניט קיין וואגען און

---

3) דאס איז פילייכט דער „בית הקיץ" פון די אמאליגע אידען (עמוס ג' 15). אין משנה ווערט עס גערופען אלקטיות (מעשרות 3, 7; אהלות 19, 9).

4) א שותפות'ער אויוועז פאר עטליכע פאמיליעס איז ביי די אידען בעטראכט געווארען אלס אן אומגליק. זעה „ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד" (ויקרא כ"ו 26).

ארבייטס כלים וואס ער זאל דארפען האלטען אין א זיכערען פלאץ: די תבואה בע־האלט ער אין א „מטמורא“ — א צוגעדעקטער גרוב אין דער ערד (5).

טראגלאדיטען

עס זיינען נאך ניט אין גאנצען פערשוואונדען פון לאנד די טראגלאדיטען — איינוואוינער פון היילען. אין גלעד (ג׳בל עגלון) אין פארהאן א גאנץ דארף פון טראגלאדיטען, מיט׳ן נאמען ענב. אירביד (דער אמאליגער ארבאל) — דער צענטר פון ג׳בל עג׳לון בעשטעהט פון האלב אונטערערדישע וואוינונגען. אויך אין דהריה, אין דער אומגעבונג פון חברון, וואוינט מען נאך אין היילען. דהריה געפינט זיך אין דער אמאליגער טעריטאריע פון אדום — די היים פון די פארצייטיגע טראגלאדיטען — „חורים“ (6). אין פעטרא (סלע) און אנדערע ערטער פון אדום געפינט מען נאך איצט הונדערטער היילען וואס שטאמען פילייכט פון די חורים. אין מאנכע דערפער בענוצען די פלאחין איצט די היילען אלס שטאלען פאר די ציגען. א גרויסע צאהל אזעלכע היילען פערמאגען די תעמרה, וואס זיצען ביי די מערב ברעגעס פון ים המלח. ווי אמאל ביי די אידען געברויכען טיילמאל די פלאחין די היילען אלס שוטצארט



בילד 60.
טראגלאדיטען אין גלעד.

געגען פיינד. די פלאחין פון ארטס, ווען זיי פלעגען זיך צוקריגען מיט דער רעגיע־רונג האבען זיך געוועהנליך צוריקגעצויגען אין די אונצוגענגליכע פעלזען־היילען, אזוי ווי עס האבען פריהען געטאן די אדומים (7).

דער היינטיגער פלאח זאמעלט ניט די מיסט פון זיינע בהמות, אום צו מיסטיגען דערמיט זיינע פעלדער, ווי עס האט געטאן דער אידישער פויער מיט צוויי טויזענד

5) ביי די אידען האט דאס געהייסען „מטמון“ (ירמיה מ״א 8).

6) בראשית י״ד 6, ל״ו 20.

7) „זדון לבך השיאך שכני בחגוי־סלע מרום שבתו אמר בלבו מי יורידני ארץ“ (עבדיה א׳ 3), זעה אויך ירמיה כ״א 13, איוב ל׳ 6, מלחמות 1, 16, 4, בבלי שבת ס׳.

יאהר צוריק (8). נאר ער וואַרפט זי ארויס אלס א נוצלאזע זאך אויפ'ן מיסטבארג — אין אראביש מזבלה (העברעאיש „אשפה") — וואס געפינט זיך אין יעדען דארף. אין פערלויף פון צעהנדליגער און הונדערטער יאהרען ווערט דער בארג מיסט אלץ העכער און העכער, און די פלאחין הויבען ענדליך אן צו בויען דערויף זייערע הייזער. דער באדען פון פיעלע דערפער בעשטעהט דעריבער פון אונגעהויער רייכע ערד, וואס די אידישע קאלאניסטען קויפען טיילמאל צו מיסטיגען זייערע כרמים און פרדסים.

אין די דערפער וואו ס'איז ניט פאראן קיין האלץ און האלץ־קוילען צום הייצען, בענוצט דער פלאח צו דעם ציעל די פיה־מיסט, וואס ער קלויבט צוזאמען, קנעט זי אויס מיט שטרוי און מאכט מיסט־קוכענס, וואס רופט זיך אין אראביש ג'ילה (אין העברעאיש גלל, גללים), און נאך דעם ווי עס טריקענט זיך אויס אויף דער זון ווערט עס געברויכט אלס הייץ־מאטעריאל (9). דערפון שטאמט דער ספעציפישער, זעהר אונאנגענעהמער ריח וואס הערט זיך פון די אראבישע דערפער.

די אינערליכע איינריכטונג פון הויז איז זעהר אן ארעמע און איינפאכע. די מעבעל בעשטעהט פון די אונפערמיידליכע אריענטאלישע ראגאזשע („חצירא"), אין רייכע הייזער אויך א קארפעט („חוג'רא"), אויף וועלכע מען זיצט און מ'עסט (פון טיש און שטוהלען ווייס מען נאך ניט), אביסעל בעטגעוואנד („פירשי"), א קאסטען פאר דער פרוי'ס מלבושים, עטליכע שטרויענע קוישלעך און ערדענע און קופערנע כלים צום קאכען און עסען, ליימענע קרוגען צו האלטען וואסער און אנדערע פליסיג־קייטען, א האנדמיל („טאחונה" אדער „רחי") א. ד. ג. דער פלאח איז זעהר שפאר־רעוודיג, און אין דעם זעלבען „דיסט" (א גרויסע פאן) אין וועלכער מ'קאכט עסען פאר די געסט, וואשט מען אויך די וועש פון דער פאמיליע.

די קליידונג („כסוה" אדער „מלבוס") פון פלאח איז לייכט און איינפאך, ווי ס'פאדערט דער קלימאט פון לאנד. אויפ'ן קערפער טראגט ער א ווייסען אדער בלויען „הלק" (האלאק) אדער „טאב" — א גראבען העמדארטיגען קיטעל פון בוימוואהל, וואס דערגרייכט ביז די קניה, — און גארטעלט זיך ארום מיט א ברייטען שנור „זונאר." דער דאזיגער קיטעל דיענט גלייכצייטיג אלס א העמד און א ראק. קיין הויזען טראגט דער פלאח געוועהנליך ניט. איבער דעם „טאב" הענגט דער פלאח אן די „אבאי" — א שווארץ געשטרייפעלטער מאנטעל פון גראבע וואל, וואס בעשטעהט פון צוויי פיער־עקיגע שטיקער, מיט צוויי גרויסע לעכער אין דער פאדערשטער זייט פאר די הענד. די „אבאי", הגם ניט זעהר עלעגאנט, איז זעהר א נוצליכער בגד.

---

8) דער אידישער פויער האט אזוי הויך געשאצט די ווערט פון מיסט, אז ער האט ניט נור בעהאלטען און גענוצט זיין שטאל מיסט (תוספתא, פסחים ב' 18), שטרוי־מיסט (בבא קמא ג' 3) אש (תוספתא, שבת ח' 19) א. ד. ג., נאר ער האט אויך געקויפט די בלוט וואס האט ארויסגערונען פון בית המקדש און נחל קדרון, אום צו מיסטיגען דערמיט זיינע גערטנער (יומא ה' 6) און האט אפטמאל בעצאהלט הויכע פרייזען פאר נאך ניט צוגעגרייטען מיסט (בבא מציעא ה' 7) אום צו זיין זיכער, אז ער וועט בעצייטענס קאנען געבען זיין פעלד דעם נויטיגען מאטעריאל.

9) דעם זעלבען געברויך פון פיה־מיסט האבען געמאכט די אידען אין דער צייט פון יחזקאל הנביא. „ראה נתתי לך את צ פ י ע י ה ב ק ר תחת גללי האדם, ו ע ש י ת א ת ל ח מ ך עליהם" (יחזקאל ד' 15). די היינטיגע פלאחין בענוצען קיינמאל ניט פאר דעם ציעל מענשליכע צואה. דער נביא האט אויך געהאלטען פאר א שטראף די נויט צו באקען ברויט אויף אזא מיסט: ועגת שעורים תאכלנה, ו ה י א ב ג ל ל י צ א ת ה א ד ם תעגנה לעיניהם (יחזקאל ד' 12). אויף אזא ברויט האט דער נביא געזאגט אז ס'איז טמא.

דער פלאח געברויכט זי פאר די פערשיעדענסטע צוועקען. בייטאג שיצט זי איהם פון רעגען און קעלט, ביינאכט דיענט זי איהם אלס א אונטערדעק און א קאלדרע. ער האלט אין איהר ווי אין א זאק גערשט אדער גראז פאר זיין בהמה און שפרייט זי אויס ווי א טעפיך צו דאוונען דערויף ווען ער איז אין וועג (10). מיט שיך איז דער פלאח זעהר שפארזאם. פון קיין זאקען ווייס ער ניט. לרב געהט ער גאר בארוויס, נאר ווען ער גרייט זיך אין א ווייטען וועג אדער געהט איבער א שטעכעדיג פעלד טראגט ער ברייטע לאפטיעס פון רויט אדער געל לעדער. מעהר פערשווענדעריש איז ער מיט די קאפ־בעדעקונג. אויפ'ן גלאט ראזירטען קאפ טראגט ער א קאפעל פון בוימוואהל אריינצונעהמען די שוויים פון קאפ. דערויף א צווייטען קאפעל פון פעלץ — „לעבאדע" — און איבער דעם א רויטען טארבוש ארומגעבונדען מיט



בילד 61.
א פלאח מיט זיין אייזעלע.

א דיקען רויטען, געלען, ווייסען — לויט'ן מנהג פון ארט — טוכעל, וואס רופט זיך לפה (לעפע). די דאזיגע דרייגארענדיגע אומהילונג איז ניט נור א שוץ געגען די הייסע זונענשטראלען, נאר דיענט אויך אלס קישען צוקאפענס בשעת'ן שלאף. מאנכע פלאחין, בעזונדערס די יונגערע, בעדעקען דעם קאפ אויפ'ן בעדואינישען שטייגער — מיט א „קעפיע" — א טיכעל וואס הענגט אריבער איבער'ן אקסעל און איז ארומ־

10) די העברעאיש „שלמה" האט אויך ערפילט די דאפעלטע פונקציע פון א מלבוש ביי טאג און א צודעק ביינאכט, און דעריבער האט די תורה בעפוילען אומצוקעהרען די פער'משכנ'טע „שמלה" פאר'ן זונענאונטערגאנג: "כי היא כ ס ו ת ה לבדה, היא שמלתו לעורו, ב מ ה י ש כ ב"... (שמות כ"ב 26).

געוויקעלט מיט אנ׳„אגאל“ — א שווארצע, דיקע, וואלענע שנור. די רייכערע פלאחין קליידען זיך ווי די שטאדט־איינוואוינער.

די פלאחישע פרוי טראגט אויף א „חלק“ (אדער טאב) און א „אבאי“ — עטוואס עלעגאנטער ווי די מענערשע. אין מאנכע ערטער טראגט זי הויזען. די מוסלימישע פרויען אין דארף פארדעקען ניט דעם פנים, ווי זייערע שטאדטישע שוועסטער, נאר בלויז דעם קאפ..



בילד 62.

א פלאחישע פרוי.

אין אייניגע ערטער, בעזונדערס אין שומרון, טראגען זיי אויףביידע זייטען געזיכט א „צמדה“ (סמאדע) — אזא סארט האלבע־לבנה אויף וועלכע ס׳זיינען אנגעהאנגען א מאסע זילבערנע מטבעות (11). דאס איז ניט בלויז א צירונג, נאר צוגלייך

---

11) דאס זיינען ווארשיינליך די אלטע העברעאישע „כהרונים“ (ישעיה ג׳ 18). מאנכע פון די כטאטועס פון עשתרת, וואס מ׳האט געפונען אין פעניקיע און אינזעל קיפרוס (קפריסין), בי־אגען אקוראט אזעלכע האלבע לבנות.

אויף די געלך קאסע פון דער פרוי. אזא „סמאדע“ טראגען נור פערהייראטע פרויען (זיי טוען דאס צום ערשטען מאל אן ביי דער חתונה), און דערמיט איז לייכט אונטער־צושיידען א פערהייראטע פון אן אונפערהייראטע פרוי. בכלל האבען די פלאחישע פרויען זעהר ליעב צו ציערען זיך, זיי טראגען איבעראל בראסלעטען („אסאווער“), פינגערלעך — חותם (חאוואטעם) פון זילבער און בליי — און אין מאנכע ערטער פוס־רינגען („חולחאל“) (ווארשיינליך די אלט העברעאישע „עכסים“, ישעיה ג׳ 18). קיין אוירינגלעך געברויכען זיי ניט, דערפאר טראגען זיי ערטערווייז נאז־רינגען אין איינעם פון די נאזלעכער (12). ווי די אידישע פרויען אין אלטערטום (13) פארבען זיך די פלאחינען די אויגען מיט „כחל“, א שווארצע שמינקע וואס דיענט גלייכצייטיג אי פאר שעהנקייט אי פאר שטארקען די אויגען, און די פינגער מיט „חנה“, א רויטע פארב. אויך טרעפט מען זעהר אפט דאס טאטואירען, וואס איז געווען פארבאטען צו די אידען (ויקרא י״ט 28).

ז. פלאחין ווירטשאפט.

בעשעפטיגונג פון פלאחין.

די הויפטבאשעפטיגונג פון די פלאחין איז לאנדווירטשאפט. אין מאנכע דערפער פערנעהמען זיך די איינוואוינער אויך מיט פרימיטיווע הויז־אינדוסטריען ווי פלעכ־טען ראגאזשעס און קארבען, וועבעריי און טעפעריי, און אזעלכע ביי־מלאכות ווי קאלך־און קוילען־ברענען, מויערעריי. איניגע זיינען אויך גמלים טרייבער, קרעמער און הענדלער. די איבערוויגענדע מעהרהייט אבער פון דארף, ווי אויך א טייל פון שטאדטישען ישוב, לעבט פון אקערבוי, פלאנטאציעס, גרינסבעטריעב און פיה־צוכט.

1. אלגעמיינע האראקטעריסטיק.

אבגעשטאנענ־קייט פון ווירטשאפט.

דער פלאח צייכענט זיך אוים מיט אויסערגעוועהנליכען קאנסערוואטיזם און קולטורעלער אונבעוועגליכקייט און זיין ווירטשאפט טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון פרימיטיווער איינפאכקייט און אבגעשטאנענקייט. זיין וואוינונג און קליידונג, ארבייטס־מעטאדען און ארבייטס־אינוועטאר האבען זיך ניט געענדערט זייט הונ־דערטער יאהרען, פונקט ווי די צייט וואלט ניט געהאט אויף איהם קיין שליטה. דער אונגעהויערער פראגרעס פון מאדערנער לאנדווירטשאפט, די נייע, ראציאנעלע אר־בייטס־מעטאדען און די אנווענדונג פון וויסענשאפטליכע ערפינדונגען און מאשינען אין לאנדבוי זיינען דעם פלאח נאך איצט אזוי פרעמד ווי מיט טויזענד יאהר צוריק. ניט נור האט ער ניט די מינדעסטע אהנונג פון די פאלקאמענערע כלים און נייע מא־שינען פון מאדערנעם לאנדווירטה, נאר ער וויים נאך אפילו ניט דעם געברויך פון אזעלכע געוועהנליכע פויערישע ווערקצייג ווי א וואגען, א בראנע, א קאסע. ער בע־נוצט איצט די זעלבע כלים וואס עס האבען געברויכט זיינע אורעלטערען, פיליכט

(12) נאז־רינגען — נזמי־אף — זיינען געווען צווישען די צירונגען פון די „בנות־ציון“ (ישעיה י׳ 21).

(13) „חצת כחלת עיניך ועדית עדי“ (יחזקאל כ״ג 40), די פאר־ב האט אויך געהייסען „פוך“: „ואיזבל שמעה ותשם בפוך עיניה“ (מלכים ב׳ ט׳ 30); „כי תקרעי בפוך עיניך — לשוא תתיפי“ (ירמיה ד׳ 30). אויך אין דער צייט פון משנה איז דער „כחל“ בענוצט געווארען פאר שעהנקייט (לקשוט) און געזונד (לרפואה); „אם לרפואה — כדי לכחול עין אחת, אם לקשט — בשתי עינים“ (שבת פ׳).

זינט דער אראבישער עראבערונג פון לאנד, אויב ניט פריהער. זיין גאנצע בעל־הבית'ישקייט, לויט'ן אויסדרוק פון אגראנאם אויהאגען, שטעלט מיט זיך פאר א לעבעדיגען מוזעאום פון אלטערטום, און זיין ווירטשאפט אונטערשיידעט זיך ניט פון דעם ווירטשאפט פון פאר טויזענד יאהר און מעהר, אויסער דעם וואס עס איז איצט מעהר פארארימט.

פערגלייך מיט אלט אידישער לאנדווירטשאפט.

מאנכע שרייבער זעהען אין דער איצטיגער לאנדווירטשאפט פון ארץ ישראל, ווי זי ווערט בעטריבען דורך די פלאחין, א געטריי בילד פון דער אידישער אגריקולטור מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק. דאס איז ניט אין גאנצען ריכטיג. אין פערגלייך מיט דעם צושטאנד פון'ם לאנדבוי ביי אידען אין דער צייט פון זייער נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט און אויך עטליכע הונדערט יאהר נאך'ן חורבן — איז די לאנדווירטשאפט פון די מאדערנע פלאחין זעהר פיעל דעגראדירט און צוריקגעשטאנען, ניט נור אין כמות, נאר אויך — און בעזונדערס — אין איכות. אין שטח פון בעארבייטעטען באדען, אין אינטענסיוויטעט און טעכניק שטעהט דער לאנד־בוי פון די פלאחין אין דער געגענווארט אונפערגלייכליך נידריגער ווי אין דער צייט פון אידישער הערשאפט אין די ערשטע יאהרהונדערטער נאכ'ן חורבן, כל זמן אידען האבען נאך אין קאמפאקטע מאסען בעזעסען און בעארבייט זייער לאנד. דער טעראסען־בוי (1) די קינסטליכע בעוואסערונג (2), בעמיסטיגונג (3) און אמעליאראציע (פערבעסערען און רייניגען) פון באדען (4), וואס אידען האבען פראקטיצירט מיט צוויי מיט א האלבען טויזענד יאהר צוריק, זיינען דעם איצטיגען פלאח אונבעקאנט, מיט דער אויסנאהם פון איניגע געצעהלטע ערטער; גרויסע שטרעקעס לאנד ווערען דעריבער ניט קולטיווירט, דער בעארבייטער באדען גיט ניט אזוי אזוי רייכליך זיין פרוכט ווי אמאל, און ארעמקייט, אבגעלאזענקייט, עלענד און נויט הערשען דארט, וואו מען דערקענט נאך קלאר די סימנים פון אמאליגען וואוילשטאנד, די פרוכט פון אינטענסיווער ווירטשאפט און העכערער קולטור.

1) משנה שביעית ג' 8; משנה כלאים א' 2; ירושלמי שבת ז' 10, תוספתא שביעית ג' 4.

2) קהלת ב' 6, מלחמות 4, 8, 3; מועד קטן י"א, משנה שביעית ב' 4, משנה בבא בתרא א' 6, משנה פאה ה' 3, עירובין ק"ד.

3) משנה יומא ה' 6, תוספתא פסחים ב' 18, משנה שביעית ג' 4; נ§ 2; משנה שבת ח' 5.

4) מגילה י"ד, בבא בתרא נ"ד, משנה שביעית 2, 3; 3, 7; 4, 2.

.2 פעלדארבייט.

יאהרעס צייטען.

לויט דעם טעמפּעראטורגאנג און רעגענפערהעלטניסע אונטערשיידעט דער פויער אין א"י, היינט אזוי גוט ווי פארצייטענס, צוויי הויפּט יאהרעס צייטען — זומער און ווינטער אָדער טרוקענצייט און רעגענצייט (1). דער פריהלינג און הערבסט זיינען ניט מעהר ווי קורצע איבערגאנגס־פּעריאדען צווישען די צוויי הויפּט־סעזאָנען. אויך די פערשיעדענע פרוכטען ווערען, לויט דער צייט פון זייער פארזעען און רייף ווערען, איינגעטיילט אין ווינטער פרוכטען (אראביש — שיתאווי) און זומער־פרוכטען (צייפי). די גרעניץ צווישען די צוויי מינים איז ניט איבעראל פעסטגעשטעלט.

ווינטער און זומער פרוכטען.

ביי פערשיעדענהייט פון קלימאט אין א"י ווערען מאנכע פרוכטען פאררעכענט אין איין אָרט צו דער ערשטער, אין אן אנדער אָרט — צו דער צווייטער קאטעגאָריע. מאנכע תבואות ווערען אויף איין און דעם זעלבען אָרט געזייעט אמאל אלס ווינטערדיגע און אמאל אלס זומערדיגע. די וויכטיגסטע מינים צווישען ווינטער תבואה זיינען ווייץ און גערשט, דאן קומען פּול (באָהנען), לינזען (עדשים) און חומצה (ארבסען). פון זומער־תבואה זיינען די וויכטיגסטע דורא, סעזאם (שומשמין) און מאיז. דערצו ווערען אויך פעררעכענט פערשיעדענע גרינסען ווי וואסער־מעלאָנען, ארבוזען, אוגערקעס.

די הערשענדע סיסטעם פון אקערבוי איז די צ ו ו י י פ ע ל ד ־ ו ו י ר ט ־ ש א פ ט — אויף דעם זעלבען פעלד בעשטעלט מען איין יאהר ווינטער תבואה, און דאס פאָלגענדע יאהר — זומער תבואה. פון דעם מעהר פאָלקאָמענעם פרוכט וועקסעל פון מאָדערנער ראציאָנעלער לאנדווירטשאפט ווייס דער פלאח ניט. ער האלט זיך ביי דער סיסטעם וואס ער האָט גע'ירשנ'ט פון זיינע אורעלטערען פון הונדערטער, טויזענדער יאָהרען צוריק.

נאך דער ארבייט טיילט דער פלאח דאס יאהר אין פיער צייטען:

1) צייט פון אקערען און זייען: נאָוועמבער — ענדע יאנואר.

2) צייט פון שניט און דרעשען: מאי — אויגוסט.

3) טרויבענצייט (בציר): מיטען יולי — מיטען אקטאָבער.


4) צייט פון אליוועגערנטע און אויל־פּערפּערטיגונג: אָקטאָבער — מיטען נאָוועמבער.

דער ארבייטס־קאלענדאר פון היינטיגען פלאח אונטערשיידעט זיך כמעט גאר ניט פון דעם פון העברעאישען פויער פון פאר דריי טויזענד יאָהר, ווי מיר זעהען

---

1) דער אוראלטער העברעער האָט איינגעטיילט דאָס יאָהר נור אין צוויי טיילען — קיץ און חורף. „כל ימי הארץ זרע וקציר, וקר וחם, ו ק י ץ ו ח ר ף, ויום ולילה לא ישבתו" (בראשית ח', 22). שפּעטער, אין דער צייט פון דער משנה האָט מען די צוויי טיילען גערופען „ימות החמה" (זונענטעג) און „ימות הגשמים" (רעגענטעג), אדער „ימי־גריד" (טרוקענצייט) און „ימי רביעה" (פייכטע צייט).

פון דעם העברעאישען אויפשריפט וואס איז געפונען געווארען אין גזר (2). דער אידישער פויער אבער, אמווייניגסטען פון פאר צוויי טויזענד יאהר, ד. ה. אין דער



בילד 63.
דער קאלענדאר פון גזר.

2) אין די אויסגראבונגען פון גזר איז געפונען געווארען אן אלט העברעאישער קאלענדאר אויפשריפט, וואס איז פיללייכט דער עלטעסטער העברעאישער דאקומענט. ער בעשטעהט פון זיבען שורות און לעזט זיך (לויט פראפ. מארק לידזבארסקי) ווי פאלגט:

אריגינאל	איבערזעצונג
1) ירח אסף. ירח ז	1) חודש פון ערנטע· חודש פון ז
2) רע. ירח לקש	2) ייען. חודש פון שפעט-גראז
3) ירח עצד פשת	3) חודש פון פלאקס־שניט
4) ירח קצר שערם	4) חודש פון גערשטען־שניט
5) ירח קצר כל	5) חודש פון אלגעמיינעם שניט
6) ירח זמר	6) חודש פון אבשניידען (וויינשטאק)
7) ירת קץ	7) חודש פון פיינענערנטע

צייט פון משנה האָט געטאָן זיין ארבייט פיעל גרינדליכער און אינטענסיווער און מיט מעהר זאָרגפעלטיגקייט אלס דער היינטיגער פלאח (3).

דער פלאח טוט קיין זאך ניט צו פערבסערען דעם באָדען — דאָס וואָס איז דעם

3) צאהלרייכע אנווייזונגען וועגען דער אינטענסיוויטעט און גרינדליכקייט פון דער אידישער לאנדווירטשאפט אין ארץ ישראל מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק זיינען פערשפרייט אין אלע טיילען פון דער תלמודישער ליטעראטור — משנה, תלמוד, ירושלמי, תוספתא, ספרא, ספרי, מדרשים.




בילד 64.
א פלאח מיט זיין „פדאן".

די אונגעהויערע רייכע העברעאישע טערמינאלאגיע, אין אלע געביעטען פון לאנדווירטשאפט, וועלכע מען טרעפט אין דער משנה און אין אנדערע טיילען פון דער תלמודישער ליטעראטור, צייגע אויף דער הויכער מדרגה אויף וועלכער די לאנדווירטשאפט איז דאמאלס געשטאנען (דאס איז, אגב, אויך א בעווייז אז די לאנדווירט-שאפטליכע בעפעלקערונג האט גערעדט ביז גאר א שפעטע צייט העברעאיש און ניט אראמיש, וואס איז געווען מעהר פערשפרייט צווישען די שטאדט איינוואוינער). פערגלייך, צום ביישפיעל, פאלגענדע שטעלען: „כל דבר שהוא להניית הקרקע חייב משום תורש: ההופר, החוריז, הנועיז, המדייר, המעדר, המזבל, המכבד, המרביין, המפעפע גושים, המברה בחרשים, המצית את האור בחושת קנים ובאגד תמרים, — המסקל, הבונה מדרגות, הממלא את הנקעים שתחת הזיתים והעושה עוגיות לנפנים וכל דבר שהוא להניית הקרקע..." (ירושלמי שבת פ"ז

פארצייטיגען אידישען פויער געוועז בעקאנט מיט'ן נאמען „שבח־קרקעות" (4) און אומצוקעהרען איהם די שטאפען וואס ער ציהט יעהרליך פון איהם ארויס. דער באדען פון א"י האט שוין הונדערטער יאהרען נאכאנאנד ניט געקראגען קיין מיסט (5), און עס איז כמעט אונפערשטענדליך ווי אזוי טראגט דאס לאנד טראץ דעם נאך אלץ פרוכט, אין מאנכע ערטער, ווי אין חורן, אפילו אין א אויסערגעוועהנליך גרויסער מאס. געוועהנליך לאזט דער פלאח אויסרוהען זיין באדען איין מאל אין צוויי יאהר — ד. ה. ער לאזט יעדעס יאהר א העלפט אדער א דריטעל באדען „בור" — אונבעארבייט. דער גלייכגעוויכט פון די נאהרונגס־שטאפען פון באדען ווערט געווייטערמאסען אויפגעהאלטען דורך דעם וועקסעל פון זומער און ווינטער תבואה, וואו עס בייטען זיך שטיקשטאף־זאמלענדע (לינזען און ארבסען) און טיעף־ווארצעל־דיגע פרוכטען (דורא און סעזאם) מיט שטיק־שטאפצערענדע און פלאך־ווארצעלדיגע (ווייץ און גערשט).





בילד 65.

אן אראבישער אקער. אין דער הויך א „מינסאס", העברעאיש מלמד הבקר אדער מרדע.
1) קאבוסא (אראביש). 2) דאקר (אראביש), חרב (העברעאיש). 3) בורך (אראביש), ברך (העברעאיש).
4) אינאטח (אראביש). 5) אל־סאוואדזשיר (אר.), בירית (העב.). 6) וצלה, יצול (אר.), יצול (העב.).
7) סיקא (אר.), סיכתא (אראמיש), קנקן (העב.).

פון די פערשיעדענע פעלד־ארבייטען איז די איינציגע, וועלכע דער פלאח פיהרט דורך אמבעסטען, דאס אקערען, און אויך דאס אויף א זעהר פרימיטיווען אופן.

דער אראבישער אקער איז זעהר א איינפאכער אינסטרומענט, וואס איז עהנליך — אויב ניט אידענטיש — צום אלט אידישען אקער ווי ער ווערט געשילדערט

ה"ב). „הראשונים חרשו, זרעו, ניכשו, כיסחו, עדרו, קצרו, עמרו, דשו, זרו, בררו, טחנו, הרקידו, לישו, קיטפו ואפו" (ירושלמי שקלים פ"ה ה"א). „הקוצר, הבוצר, המוסק, הגודר, התולש והאורה — כלן משום קוצר" (ירושלמי שבת פ"ז ה"ב). „כל דבר שהוא מבחיל את הפירות חייב משום ז ו ר ע : הנוטע, המבריך, המרכיב, המקרסם, המזרד, המפסל, המזהב, המפרק, המאבק, המעשן, המתליע, הקוטע, הסך והמשקה ומנקב, והעושה בתים. וכל דבר שהוא להבחיל את הפירות (דארט).

4) משנה נטין 5, 3.

5) ווי ווייט דער פערצייטיגער אידישער פויער האט אבגעשעצט די וויכטיגקייט פון מיסטינען די פעלדער — זעה בעמערקונג 8, אויף זייט 348, און בעמערקונג 3, אויף זייט 352.

6) משנה כלים 21, 2; תוספתא כלים 1, 7.

אין דער משנה (6). אין גליל איז ער עטוואס פאלקאמענער ווי אין יהודה. דער אייזערנער שפיץ (אין אראביש סיקה, ווי אין אראמיש) וואס איז אנגעטאן אויף א הילצערנעם לייסט (אין אראביש דאקר), דרינגט ניט אריין טיעף אין בארען און קעהרט איהם ניט איבער, נאר צושארט אביסעל די ערד, אויף 15־10 סענטימעטער טיעף, און מאכט זי פעהיג אויפצונעהמען די זאמען. דער פלאח רייניגט ניט אב דאס פעלד פון שטיינער און דערנער און בוימווארצלען, ווי עס האט געטאן דער אידישער פויער (7), נאר ווייכט אוים די שטערונגען מיט זיין לייכטען, שיקליכען אקער.

דער ערשטער שטארקער רעגענגוס פון „יורה" (פריה־רעגען), וואס פאלט גע־



בילד 66.

א פלאח אקערט מי טאנ'אייזעל און א קוהי

וועהנליך ענדע אקטאבער אדער אנפאנג נאוועמבער, בעפייכטעט דאס טרוקענע און דורשטיגע לאנד נאכ'ן לאנגען רעגענלאזען זומער, דאמאלס געהט דער פלאח ארוים צו זיין ארבייט. אין יהודה פערזייעט מען דאס פעלד פאר'ן אקערן. אויף'ן אונ־ אויפגעאקערטען און מיט דערנער בעדעקטען פעלד פערשפרייט דער פויער מיט'ן

7) „סקול" (שטיינרייניגען) — שביעית 2, 3; קוויץ" (דערנעררייניגער) — שביעית 4, 2.

8) געגען דעם האט געווארענט דער נביא פון ענתות, וואס ליגט אין יהודה: „נירו לכם ניר ואל תזרעו אל קוצים" (ירמיה ד', 3).

האנד די זריעה און פעראקערט עס זאפארט (8). אין גליל דאגעגען אקערט מען צוערשט און מען זייעט דערנאך.

אין אקער ווערען געווערנליך געשפאנט א פאר אקסען, טיילמאל אויך קיה, ווי עס האבען געטאן די אידען אין ביבלישע און משנה'שע צייטען (9). די ארעמע־רע פלאחין שפאנען אויך צוזאמען א קוה אדער אן אקס מיט אן אייזעל, א זאך וואס איז ביי אידען געווען פערבאטען (10). זעלטען שפאנט מען איין אין אקער א פערד אדער א פרדה. אין דרום א"י זעהט מען אויך גמלים פיהרען דעם אקער. בערגהיים דערצעהלט, אז ער האט געזעהן איניגע מאל פרויען איינגעשפאנט צוזאמען מיט אן אייזעל אין אקער (11).

ווען דער פלאח געהט אין דער פריה ארויס אין פעלד אקערען, טראגט איהם דאס אייזעל דאס זעקעל זריעה, און אין דער צייט וואס די אקסען אקערען — פאשעט זיך דאס אייזעל דערנעבען, ווי אין איוב'ס צייטען (12). די אקסען ווערען אנגע־טריבען מיט א לאנגען שטעקען, דער אלט העברעאישער „מלמד הבקר", וואס רופט זיך אין אראביש „מינסאס". דער שטעקען האט אין איין עק א שפיציגען נאגעל (אראביש — „נאקאזא") צו שטעכען און אונטערטרייבען די פוילע אקסען, און אין אנדערען עק — א קליין שויפעל („סאבוט") צו רייניגען דאס מעססער פון אקער, אקוראט ווי דער „מרדע" פון משנה (13).

דער ניט טיעפער פרימיטיווער אקער לאזט איבער פיעל אונקרויט אין פעלד, און מען מוז דעריבער דאס פעלד עטליכע מאל רייניגען פון די שעדליכע גראזען, ווען ניט קאן די תבואה גענצליך דערשטיקט ווערען. נאר פאר די זומער תבואה ווערט דאס פעלד מעהרערע מאל געאקערט אום אומצוברענגען די צאהלרייכע אונקרויטען.

צום ערשט ווערט פערזעעט פול און לופין, נאכהער קומט ווייץ און גערשט (דעצעמבער—יאנואר), לינזען און ארבסען ווערען געזייעט צום לעצט, שוין אם ענדע ווינטער (פעברואר—מארט). זומער־תבואה ווערט געזעעט שוין נאך די לעצטע גרויסע רעגענס (מלקוש אפריל—מאי), ווייל זיי נויטיגען זיך שוין ניט אין גרויסע בעפייכטונג (וואס איז פאר זיי זאגאר שעדליך) און בעגנוגענען זיך בלויז מיט דער נעדיכטער טוי וואס פאלט ביינאכט אין פערלויף פון גאנצען זומער.

נאך איידער עס פארענדיגט זיך די פעריאדע פון אקערען און זייען הויבט זיך אן

---

9) שופטים י"ד, 18; מלכים א', י"ט, 19; איוב א', 14; עמוס ו', 12; בבא מציעא 6, 4; שביעית 5, 8.

10) „לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו" (דברים כ"ב, 10). דערפון וואס דאס איז פערבאטען געווארען, קען מען דרינגען, אז עס איז דאמאלס פראקטיצירט געווארען, אמווייניגסטען ביי די כנענים.

11) פ. באלדענספערגער, איינער פון די בעסטע קענער פון די פלאחין אין ארץ ישראל, אין אן ארטיקעל איבער דער פלאחישער פרוי אין „קווארטערלי סטייטמענט" פון פאלעסטיין עקספלא־רייישאן פאנד (פאר 1900, זייט 177), לייקענט ענטשיעדען אב אלע ערצעהלונגען וועגען פלאחישע פרויען וואס ווערען איינגעשפאנט אין אקער. ק. ר. קאנדער אבער בעמערקט דערויף, אז ער האט אליין געזעהן א פרוי שלעפען אן אקער צוזאמען מיט אן אייזעל און ער לייגט דערביי צו די עדות פון איינעם דר. טשאפלין, וואס האט געזעהן אין עמק השרון א פרוי איינגעשפאנט צוזאמען מיט אן אייזעל אין אקער.

12) „הבקר היו חורשות והאתונות רעות על ידיהם" — איוב א' 14.

13) אויף דער אקסען־שטעקען פון אידישען פויער האט געהאט א נאגעל „דרבון", און א קליינעם שויפעל „חרחור" (משנה כלים 25, 2).

דער סעזאָן פון שניידען (14). נאָך דעם לעצטען רעגען, וואָס פאַלט אויס בערך האַלב מאַי ווערט די תבואה שנעל רייף. צום ערשט ווערט געל דער גערשט, נאכהער דער ווייץ. דער גערשטענשניט הויבט זיך אָן אָנהויב מאַי, ווייץ ווערט געשניטען מיט עטליכע וואָכען שפּעטער. ניט אומעטום ווערט די תבואה פאַרטיג אין דער זעלבער צייט. אין ירדן טאָל מיט זיין טראָפּישען קלימאַט הויבט מען אָן שניידען גערשט אין אָנפאַנג אַפּריל, אין עמק השרון און די שפלה — ענדע אַפּריל, אין די בערגיגע געגענד אין מיטען מאַי אָדער נאָך שפּעטער.

שניט. די תבואה ווערט געשניטען מיט'ן פּרימיטיווען סערפּ (אין אַראַביש מינג'ל, העברעאיש מגל). סעזאַם, כרסינה, שפּייז־לינזען ווי אויך גערשטען ווען זיי וואַקסען קורץ, ווערען אָבגעריסען מיט דער בלויזער האַנד. דער געברויך פון א קאַסע איז אונבעקאַנט. די איינצעלנע אַרבייטען פון שניט זיינען די זעלבע, וואָס זיינען אונז



בילד 67.
א זייער.

בעקאַנט פון תנ"ך. די זאַנגען ווערען געבונדען אין קליינע גאַרבען, געלייגט אין א הויפען און מיט די הענד — אָדער ווען דאָס פעלד איז ווייט — אויף'ן רוקען פון אייזעל (זעלטען אויף גמלים און פּרדות) צוגעטראַגען צום דרעש פּלאַץ (אַראַביש „ביידאַר", אין יהודה זאָגט דער פלאַח אָפט ג'רן, ווי אין העברעאיש). דער געברויך פון א וואָגען איז דעם פלאַח גאַנץ אונבעקאַנט, הגם דער אידישער פּויער האָט דאָס שוין בענוצט מיט טויזענדער יאָהר צוריק (15).

לקט און פאה. דער אידישער מנהג פון „לקט" איז נאָך איבעראַל אָנגענומען. פרויען און קינדער, אָהן אונטערשיעד פון אָרעם ביז רייך, געהען נאָך די שניידערס און קלויבען אויף די זאַנגען וואָס די גאַרב־מאַכער לאָזען איבער אין פעלד. דאָס הייסט אין

(14) „ונגש חורש בקוצר" (עמוס ט', 13).
(15) עמוס ב', 14; כלאים 8, 4; שביעית 5, 6; כלים 14, 4.

אראביש „לקטה“ (לוקאטא) אדער ציפת (סעיאפאט). א פלייסיגע „קלויבערין“ קאן צוזאמענקלויבן אין א טאג מעהר וויפיעל זי איז אימשטאנד צו פערדיענען אלס טאג־לוינערין. אין מאנכע דערפער עקזיסטירט נאך דער מנהג פון פאה — איבערצולאזען אונאבגעשניטען א ביסעל תבואה פאר אלמנות און יתומים. דאס הייסט אין אראביש ג׳רועה.

דער דרעש־פלאץ איז דאס שתפות׳ע אייגענטום פון גאנצען דארף. דאס איז געוועהנליך א גלאטער שטיינערנער פלאץ נאהענט צום דארף. אין די בערג איז עס טיילמאל א גרויסער, פלאכער נאטירליכער פעלז. קיין קינסטליכע שייערס איז ניטא. קיין דאך איז ניט נויטיג, ווייל אין צייט פון שניט און דרעש פאלט שוין מעהר ניט קיין רעגען (16). אויפ׳ן אלגעמיינעם שייער האט יעדער פלאח זיין בעשטימטען פלאץ וואו ער לייגט אוועק זיין תבואה אין א בעזונדער הויפען.

דאס דרעשען קומט פאר אויף צוויי אופנים:

דרעשען.

1) מיט בלויזע בהמות. מ׳לייגט אויס די תבואה אין א קרייז אין דער הויך פון א קניע — דאס רופט זיך אין אראביש „טרחא“ (טארחא), און אלע בהמות וואס דער פלאח פערמאגט, אקסען, אייזלען, גמלים טרעטען אזוי לאנג אויף דער תבואה ביז די קערנער טיילען זיך אב פון די זאנגען. צוליעב דעם הייסט דאס דרעשען אין אראביש „דרס“, וואס מיינט אזוי ווי אין העברעאיש טרעטען מיט די פיס. דער ארט דרעשען איז אויך געווען בעקאנט די אוראלטע אידען (17). די דאזיגע סיסטעם ווערט אם מעהרסטען פראקטיצירט אין יהודה.

די פלאחין בעזונדערס די קריסטליכע האלטען ניט דעם אידישען דין פון „לא תחסים שור בדישו“ (18), און זיי פערבינדען אפט דאס מויל פון די אקסען בשעת׳ן דרעשען. די מוסלימער טוען דאס אבער זעלטען.

2) מיט א דרעש־שליטעל, וואס בעשטעהט פון א ברייט, גראב ברעט, פון אונטען בעזעצט מיט שטיינדלעך און שטיקלעך אייזען. דאס ברעט ווערט איינגעשפאנט אין א פאר אקסען, דער פויער שטעלט זיך דערויף ארויף און שליטעלט זיך אזוי לאנג אויף דער „טארחא“ ביז די תבואה ווערט אויסגעדראשען און די שטרוי צוריבען. אזא דרעש־ברעט רופט זיך אין אראביש נורג׳, אבער די פלאחין רופען עס מורג׳, ווי עס האט געהייסען אין העברעאיש (19).

דאס דרעשען מוז זיך אנהויבען גלייכצייטיג אין גאנצען דארף, ווארום מען דארף דערויף בעקומען אן ערלויבעניש פון שטייער־פעכטער, וואס דארף נעהמען זיין „מעשר“. ווען דער פלאח וויל אויסדרעשען א ביסעל תבואה פאר׳ן אלגעמיינעם דרעשען, אהן אן ערלויבעניש. קלאפט ער אויס די זאנגען בגנבה מיט א שטעקען, און אזא סארט דרעשען הייסט ניט „דרס“ נאר „חבט“ אדער „דק“, ווי אין העברעאיש (20). מאנכע פון די זומער תבואה, ווי סעזאם ווערט אויך ניט געדרא־

---

16) „כשלג בקיץ וכמטר בקציר“ (משלי כ״ו, 1), איז געווען א משל פאר אן אונמעגליכע זאך. אויף דער פלאח האט א ווערטעל „זלקת פי תמוז“ — א גאסרעגען אין תמוז, ד. ה. א זאך דער אונמעגליכקייט.

17) מיכה ד׳, 13.

18) דברים כ״ה, 4.

19) שמואל ב׳, כ״ד, 24; דברי־הימים כ״א, 23; ישעיה מ״א, 15.

20) ווען גדעון אהט אויס מורא פאר די מדינים אויסגעדרעשט בגנבה זיין ווייץ אין א ווינקעלער, האט ער אויך דעם ווייץ ניט אויסגעדרעשט נור אויסגעקלאפט, און דער תנ״ך געברויכט דערפאר דעם זעלבען ווארט ווי דער היינטיגער פלאח: „וגדעון

שען, נאַר אויסגעקלאַפּט מיט א שטעקען, ווי אין די צייטען פון ישעיה הנביא (21).

די דרעש־מאַשינען וואס ווערען בענוצט אין אידישע פארמס זיינען די פלאַחין אונבעקאנט.

דאַס דרעשען קומט פאַר ביי־טאָג, ווען די זון וואַרעמט שטארק און מאַכט לויז די קערנער אין די זאנגען. דאַס ווינדשויפלען דאַגעגען קומט פאַר ביינאַכט — ווען עס בלאָזט א לייכטער ווינד. דער פּרימיטיווער ארט דרעשען, סיי מיט בהמות, סיי מיט דרעש־שליטלעך, טיילט ניט אָב בעזונדערס די קערנער פון שטרוי און די פּלעוועס. עס ווערט דעריבער בענוצט צו רייניגען די תבואה א הילצערנער גאָפּעל מיט עטליכע צונגען, וואס רופט זיך אין אראביש מזריה (מיזראיא) — מזרה אין



בילד 68.
א דרעשער.

העברעאיש. די זארנעס און די פּלעווע ווערט געשלײדערט אין דער הויך דורך'ן גאָפּעל, און דער בלאָזענדער ווינד טראָגט אוועק די פּלעווע אין א זייט (22), און די שווערע זארנעס פאַלען צוריק אראָב אויף דער ערד אויפ'ן זעלבען אָרט. עס איז פאַר דער ארבייט נויטיג א מעסיגער ווינד, וואס זאָל זיין גענוג צו פערטראָגען די

בנו ח ב ט חטים בגת ל ה נ י ס מ פ נ י מ ד י ן" (שופטים ו', 11). אויך ביי רות'ן ווערט גע־ברויכט דער וואָרט ח ב ט (רות ב', 17). דעם טערמין „דק" בגעגענען מיר אויך אין תנ"ך: „לחם י ו ד ק, כל לא לנצח א ד ו ש א ד ו ש נ ו" (ישעיה כ"ח, 28).

(21) „כי לא בחרוץ יודש קצח — כי במטה יחבט קצח וכמון ב ש ב ט" (ישעיה כ"ח, 27).

(22) „כמץ יסער מגרן" (הושע י"ג, 3); „כמץ אשר תדפנו רוח" (תהלים א', 4).

לייכטע פלעווע, און צו שוואך מיטצושלעפען די קערנער. מען מוז דעריבער אב־וואַרטען אויף אזא ווינד אום צו קאָנען שוויפלען, און אָפט מאָל מוז דאָס מען דאָס ט.ז.ן ביינאכט ווי בועז האט דאָס געטאָן (23). די ווייטערע מעהר גרינדליכע רייניגונג קומט טיילמאָלס פאַר שוין אין דער היים פון פלאַח. דאָס איז די ארבייט פון דער פרוי, וואס בעשעפטיגט זיך דערמיט אין די זוניגע ווינטער־טעג אויף די דעכער פון די הייזער.

די צייט פון שניט און דרעשען איז די פרעהליכסטע צייט אין יאָהר ביי די פלאַחין ווי אמאל ביי די אידען 24). מענער, פרויען און קינדער געפינען זיך דאַן איז פעלד און שפּעטער אויפ'ן שייער. ווען די תבואה ליגט אויפ'ן שייער, בעזונדערס ווען מ'הויבט שוין אַן צו דרעשען, שטעלט מען געוועהנליך אוועק וועכטער, צו היטען די הויפענס תבואה (25), ווארום די גנבות אויפ'ן שייער זיינען פון אוראַלטע צייטען אַן געווען זעהר פערשפּרייט צווישען די האלב־ווילדע שבטים פון א"י (26).

די „צייט פון שייער" (וואקת־אל־בייראר) איז אָבער פאַר'ן פלאַח אויך ניט אָהן זארגען — ער דאַרף דאַמאָלס בעצאָהלען אלע זיינע חובות.

קדם כל קומט דער בעל־עשר (דער שטייער־פעכטער), דאָס איז איינע פון די גרעסטע פלאָגען וואָס דריקען און רואינירען דעם פלאַח. דער אָרימער פויער ליידעט ניט בלויז פון דער הויכקייט פון שטייער, (געזעצליך 1 2 א ו ן א ה א ל ב פ ר אָ צ ע נ ט פ ו ן ב ר ו ט אָ א י י נ נ א ה מ ע , פאַקטיש נאָך פיעל מעהר, פערגלייך העכער ז. 98) נאָר אויך — און בעזונדערס — פון דער ארט און ווייזע ווי אזוי דער שטייער ווערט אויפגעמאָנט. דער בעל־עשר נעמט זיין חלק אין נאַטור. און די גאַנצע תבואה מוז דעריבער ליגען אויף'ן שייער ביז ער נעמט צו זיין טייל. שוין מאַי ליגט געוועהנליך די תבואה אויף'ן שייער, מ'טאָר אָבער ניט דרעשען כל זמן דער בעל־עשר ערלויבט ניט. דערווייל ליגט די תבואה אוף'ן שייער און שטעהט אין געפאַהר פערדאָרבען אָדער בע'גנב'עט צו ווערען. דער בעל־עשר לעגט מיט א כיוון אָפּ אליין לענגער דאָס דרעשען כדי צו צווינגען די פלאַחין געבען איהם מעהר ווי עס קומט געזעצליך. לויט'ן געזעץ האָבען די אקערבויער אפילו דאָס רעכט צו פאָדערען פון שטייערפעכטער צו קומען אין א בעשטימטע צייט, אָבער די בעאַמטע, וואָס דאַרפען דאָס געזעץ דורכפיהרען זיינען געוועהנליך אויף'ן זייט פון תקיפ'ען שטייער־פעכטער, וואָס איז מייסטענס א רייכער עפענדי און א חשוב ביי דער לאָקאַלער רעגי־רונג. ווען ער קומט שוין ענדליך אין דאַרף אין דער בעגלייטונג פון עטליכע משרתים, פערברענגט ער 4־5 טעג ניט צוטרעטענדיג צו די געשעפטען, מיט פערשיעדענע אויסריידען. דאָס דאָרף דערווייל מוז איהם און זיינען משרתים מיט זייערע פערד אויסהאַלטען די גאַנצע צייט. ענדליך הויבט ער אָן צו מאַכען א רשימה פון אלע „שאַראַדין" (דאָרפס־בעזיצער) מיט זייער „פעדאַנ"ען. ער רופט צוזאַמען די שייכען פון דאָרף און הויבט אָן ריהמען די גרויסע גערעטעניש וואָס אללא האט צוגעשיקט (אפילו ווען ס'איז אין דער אמת'ן זעהר א שלעכט יאָהר), און די פלאַחין אויס העפ־ליכקייט מוזען נאַטירליך צושאָקלען און ענטפערען „חמד אל אללה" (לויב צו גאָט!). דער בעל עשור ווענדעט זיך צו איינעם פון די פלאַחין און פרעגט וויפיעל דענקט ער

---

(23) „הנה הוא ז ו ר ה את גרן השעורים ב ל י ל ה" (רות ג', 2).

(24) ישעיה ט', ב; תהלים קכ"ו, 5—6.

(25) בועז האט אליין געמוזט היטען זיין הויפען אויפ'ן שייער (רות ג'; 7).

(26) „הנה פלשתים — והמה שוסים את הגרנות" (שמואל א', כ"ג, 1).

בעטרעפט זיין איינגאהמע, און איידער דער פלאח בעוויזט נאך צו ענטפערען, בע־צייכענט שוין דער בעל עשור אליין א סומע וואס איז 5-6 מאל אזוי גרויס ווי די ווירקליכע. די פלאחין ערווידערען דארויף נאטירליך, אז הגם, ס׳איז געווען א ברכה קאן דאך אזוי פיעל ניט זיין. דער שפיעל ווערט אזוי פארטגעזעצט ביז איינער פון די צרדים ווערט מיעד און גיט נאך. געוועהנליך געבען זיך די פלאחין די ערשטע אונטער און שטימען איין צו בעצאהלען פיעל מעהר אלס דער גאנצער פאדערט פון זיי, אבי זיי זאלען נור קאנען ענדיגען דאס דרעשען און צונעהמען אהיים וואס עס פער־בלייבט זיי. ווען ס׳קומט ניט צו אן איינסגליך בלייבט דער בעל עשור אדער זיינער א מענש ביז די תבואה ווערט אויסגעדראשען, אויסגעשויפעלט און דאן איינגעטיילט אין אכט טיילען, און דער בעל עשור נעמט זיך אוים איין טייל. ביז דאן פאשען זיך זיינע פערד אויפ׳ן גורן, און דערצו נעמט ער נאך געוועהנליך א צוגאב מיט׳ן אויסרייד, אז די פלאחין בע׳גנב׳ענען אין דער צייט פון דרעשען זייער אייגענע תבואה.

נאך דעם שטייערפעכטער קומט דער וואוכערער. דער געלד־מאנגעל פון די פלאחין איז זעהר גרויס און כמעט יעדער איז פערטאן אין שולדען. דער וואוכערער איז לרב אויך דער תבואה סוחר (אמאל אויך דער בעל עשור), וואס קויפט אב די גערעטעניש פון פלאח נאך פון פריהער אויף זעהר קליינע פרייזען.

נאך דעם ווי דער פלאח צאהלט אב אלע זיינע חובות, בלייבט איהם שוין זעהר ווייניג. קאן ער נאך אלע שולדען בעצאהלען, אז ס׳זאל איהם בלייבען גענוג עסען פאר זיך און פאר זיין פאמיליע — האט ער זעהר א גוט יאהר, ווען ניט — מוז ער ווייטער זיך פערשולדיגען אויף הויכע פראצענטען (20-30 א יאהר), דער שולדענ־לאסט ווערט אלץ גרעסער, ביז ניט בלויז זיין גאנצער איינקונפט, נאר אויך זיין גאנצער בעזיץ געהט אריבער צום פראצענטניק. אין אזעלכע פעלע טרעפט עס אפט, ווי אין דוד המלך׳ס צייטען 27), אז דער פערשולדיגטער פלאח מאכט פליטה, געהט אריבער דעם ירדן און שליסט זיך אן אין א בעדואינען־שבט אדער א רויבער־באנדע — און ווערט אין גאנצען א „פרייער מאן.“

3. טיפען פון פלאחין ווירטשאפט.

מיר האבען ביז איצט בעטראכט די אינסטרומענטען און מעטאדען פון דער פלאחישער פעלדארבייט. מיר ווילען איצט אין עטליכע קאנקרעטע ביישפיע־לען זעהען דעם אינהאלט און צושטאנד פון דער פלאחישער ווירטשאפט. די פאל־גענדע דריי טיפען פון פלאחין־ווירטשאפט זיינען ענטנומען פון דער ווירקליכקייט. די ערשטע צוויי — פון דער אומגעבונג פון לוד (לויט די אנגאבען פון אגראנאם י. ווילקאנסקי, וועלכע דר. רופין האט פערעפענטליכט) און די דריטע — פון דארף זיף, אין דער אומגעבונג פון חברון (לויט די אנגאבען פון דייטשען אגראנאם ה. אויהאגען).

דער ביישפיעל 1 קאן בעטראכט ווערען אלס דורכשניטליכער טיפ פון א ניט־ארע־מען פלאחין־ווירטשאפט אין א״י. דער שטח פון בעארבייטעטען באדען איז 100 דונאם, אדער א געוועהנליכער „פעדאן“. די ארבייטער זיינען דער פלאח און זיין פרוי, קיין פרעמדע ארבייט ווערט ניט בענוצט. די איינציגע ארבייטס־בהמות זיינען א פאר אקסען, פון עטוואס נידריגער אלס מיטעלמעסיגע ווערט, די גאנצע

27) שמואל א׳, כ״ב, 2.

ווירטשאפטס־אינסטרומענטען בעשטעהען פון א הילצערנעם אקער און א דרעש־ברעט. קיין געביידעם אויסער א הייזקע און א „מטמורה" און אן אוויוען איז ניטא. דער ריינער יעהרליכער ריוח פון ווירטשאפט איז ארום 750 פראנק. דאס איז די הכנסה פון באדען און פון עטליכע שאף ביי אייגענער ארבייט. די הכנסה בלייבט אין קעשענע פון פלאח אין פאל ווען ער האט ניט קיין חובות, וואס איז ניט קיין געוועהנליכע ערשיינונג. א פערשולדיגטער פלאח האט קוים א העלפט דערפון און אמאל א העלפט אויך ניט.

ערשטער ביישפיעל.

שטח ארום 100 דונאם, מיטעלער באדען. עס ארבייטען נור דער פלאח און די פרוי.

א) אנלאגע קאפיטאל:

באדען — — — — — — — — — — —	2.500 ביז 4.000 פראנק
געביידעם — — — — — — — — — — —	200 ביז 300 פראנק

לעבעדיגער אינוועטאר: 2 אקסען 300 פראנק. 5 שאף 100 פראנק.
טויטעם אינוועטאר: אקער, דרעשברעט 30 פראנק.

3.130 ביז 4.730 פראנק.

ב) פראדוקטען־וועקסעל:

50 דונאם ווייץ, גערשט, כרסינה.
50 דונאם סעזאם אדער דורא.

ג) ווירטשאפטס־אויסגאבען:

ווינטער זריעה — — — — — — — — — — — — —	160 פראנק
זומער זריעה — — — — — — — — — — — —	25 פראנק
אהיימפיהרען די תבואה אויף א געדונגענעם גמל — — —	75 פראנק
שמירה (וואך) — — — — — — — — — — — — —	20 פראנק
2 קאנטאר „קוסבע" (סעזאם קוכען) פאר די אקסען — — —	60 פראנק
עשר, ווערגו, דארף־שטייערען — — — — — — — — —	500 פראנק
	840 פראנק

ד) ווירטשאפטס איינגאהמען:

35 דונאם ווייץ 120 כלי (3360 ק"ג) — — — — — — —	720 פראנק
10 דונאם גערשט — — — — — — — — — — — —	190 פראנק
5 דונאם כרסינה — — — — — — — — — — — —	100 פראנק
35 דונאם סעזאם — — — — — — — — — — — —	400 פראנק
15 דונאם דורא — — — — — — — — — — — — —	250 פראנק
מילך און צוואוואקס פון שאף נאך דער אברעכנונג פון הוצאות פאר פאשע — — — — — — — — — — — —	30 פראנק
	1.590 פר.

ריינער ריוח — — — 750 פראנק.

צווייטער ביישפיעל.

שטח — ארום 100 דונאם, זעהר גוטער באדען.

אויסער דעם פלאח און זיין פרוי ארבייטען אויך צוויי געדונגענע ארבייטער פאר עטליכע חדשים.

א) אנלאגע קאפיטאל:

באדען — — — — — — — — — — — — — — — 4.000 ביז 6.000 פראנק

געביידען — — — — — — — — — — — — — — — 400 פראנק

לעבעדיגער אינוועטאר:

4 אקסען — — — — — — — — — — — — — 600 פר.

1 אייזעל — — — — — — — — — — — — — 60 פר.

1 קוה אדער 6 שאף — — — — — — — — — — 120 פראנק

780 פראנק

טויטער אינוועטאר.

2 אקערס מיט אן אייזען — — — — — — — — — — 30 פראנק

דרעשברעט — — — — — — — — — — — — 15 פראנק

45 פראנק

5.225 ביז 7.225 פר.

ב) פרוקטוועקסעל ווי אין ערשטען ביישפיעל.

ג)ווירטשאפטס אויסגאבען:

ווינטער זריעה — — — — — — — — — — — — — — 160 פראנק

זומער זריעה — — — — — — — — — — — — — — 25 פראנק

ארבייטער לוין — — — — — — — — — — — — — — 160 פראנק

א געדונגענער גמל אהיימצוברענגען די תבואה — — — — 100 פראנק

א סטאליער — — — — — — — — — — — — — — 20 פראנק

שמירה — — — — — — — — — — — — — — — 20 פראנק

2 קאנטאר קוסבע — — — — — — — — — — — — 60 פראנק

עשר, ווערגו און דארפס אויסגאבען — — — — — — — — 650 פראנק

1195 פר.

ד) ווירטשאפטס איינגאהמען:

35 דונאם ווייץ, 200 כלי (5.600 ק"ג) — — — — — — — 1200 פר.

10 דונאם גערשט, 80 כלי (1.600 ק"ג) — — — — — — — 300 פר.

5 דונאם כרסינה, פול, לינזען — — — — — — — — 200 פר.

35 דונאם סעזאם — — — — — — — — — — — — — 700 פר.

15 דונאם דורא — — — — — — — — — — — — — 250 פר.

איינקונפט פון קוה אדער שאף נאך דער אברעכנונג פון קאסטען
פאר פאשע — — — — — — — — — — — — — — 30 פר.

2.680 פר.

ריינער ריוח — — — 1.485 פראנק.

דער אונטערשיעד צווישען ערשטען און צווייטען ביישפיעל איז נור אין קוואליטעט פון באדען און עטוואס גרעסערע אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט. ביידע ווירטשאפטען בערוהען גענצליך אויף אקערבוי. די פיהצוכט שפיעלט א אונבעדייטענדע ראלע. קיין פלאנצונגען זיינען גענצליך ניטא. דאס זעלבע אויף גרינסען.

דריטער ביישפיעל.

א פיעל מעהר ענטוויקעלטען און קאמפליצירטען טיפ פון ווירטשאפט שטעלט מיט זיך פאר דער דריטער ביישפיעל. א חוץ פלחה איז דא אויך פארהאן אין אברייטער מאס פיהצוכט און פלאנטאציעס. א חוץ אייגענעם באדען בעארבייטען די בעלי־בתים אויך ארענדירטען פרעמדען באדען און געדונגענע ארבייט ווערט אנגעווענדעט אין א גרעסערען מאסשטאב. אויסער די ווירטשאפט־אויסגאבען ווערען אויך אנגעוויזען די פאמיליען אויסגאבען, אזוי אז מיר האבען א קלאר און אלזייטיג בילד פון עקאנאמישען לעבען פון א פ ע ר מ ע ג ל י כ ע פלאחישע פאמיליע (אייגענטליך עטליכע שתפות'ע פאמיליעס).

די ווירטשאפט געהערט צו דריי פערהייראטע ברידער בשתפות: א חוץ צוויי גרויסע זיהן, וואס זיינען בעשטענדיג טעטיג אין ווירטשאפט, זיינען נאך פארהאן 7 קינדער אין עלטער פון 2 — 14 יאהר, פון וועלכע די עלטערען העלפען ביי דער ארבייט ווען ס'מאכט זיך א געלעגענהייט. צו די דריי ברידער בעלאנגען 315 דונאם אייגענער באדען, אויסער דעם נעמען זיי נאך אין ארענדע 60 דונאם פרעמדען באדען, און צאהלען דערפאר א דריטעל פון ערטראג און נאטור צום בעל הבית, די רעשט בלייבט זיי.

א חוץ די 60 דונאם פאכט־לאנד בעטרעפט די ווירטשאפט די פאלגענדע סומען:

א) אונבעוועגליכעס אייגענטום:

300 דונאם אקער־באדען, צו 15 פר. א דונאם — — — — 4.500 פר.
15 דונאם וויינגארטען, צו 200 פר. א דונאם — — — — 3.000 פר.
א בעסער וואוינהויז מיט עטליכע געביידעס — — — — 3.600 פר.

11.100 פר.

ב) לעבעדיגער אינווענטאר:

6 אקסען צו 140 פראנק — — — — — — — — — — — 840 פר.
1 גמל — — — — — — — — — — — — — — 200 פר.
1 אייזעל — — — — — — — — — — — — — — 40 פר.
150 ציגען צו 10 פראנק — — — — — — — — — — 1.500 פר.
50 שאף צו 12 פראנק — — — — — — — — — — — 600 פר.
3 הינער — — — — — — — — — — — — — — 3 פר.

3.183 פר.

ג) טויטער אינווענטאַר:

2 אקערס צו 10 פראנק — — — — — — — — — — — — — — — 20 פר.
2 זיפען צו 2 פראנק — — — — — — — — — — — — — — 4 פר.
2 ווינדשויפלען — — — — — — — — — — — — — — — — 3 פר.
3 העק — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 6 פר.
זאטעל און שטריק פאר א גמל — — — — — — — — — — — 8 פר.

41 פר.
ס"ה פון אנלאגע קאפיטאל 14.324 פר.

ד) איינגאהמע פון פעלד:

אין ביישפיעל יאָהר (1904-5) איז פערזייעט געוואָרען 68 „טאבע" (א טאבע איז 24 קילאגראם) ווייץ, און אבגעערנטעט 57 גמל־לאסטען צו 12 „טאבע" אדער צוזאמען 684 טאבע, וואס מאכט אויס עטוואס מעהר אלס א צעהנפאכיגער ערטראג. דערפון זיינען 7 גמל־לאסטען פערבליבען אלס זריעה, 25 גמל־לאסטען ווערען פערברויכט פאר'ן הויזגעזינד, און 25 גמל־לאסטען, ד. ה. 300 „טאבע" צו 4 פר. ווערט פערקויפט פאר 1200 פר.

גערשט ווערט פערזייעט 36 „טאבע" (צו 22 ק"ג א טאבע), און די ערנטע איז 30 גמל־לאסטען (אקוראט א צעהנפאכיגער ערטראג). דערפון ווערט פערווענדעט 7 לאסטען פאר די ארבייטס־בהמות, 3 לאסטען פאר זריעה און 20 לאסטען צו 20 פר. ווערט פערקויפט פאר 400 פר.

דורא ווערט געזייעט 3 „טאבע", ערנטע 120 טאבע (14־פאכיגער ערטראג). דערפון פערבלייבען 3 פאר זריעה, 57 פאר שפייז אין הויז און 60 ווערען פערקויפט צו 2 פר. — 120 פר.

לינזען — געזייעט 12 טאבע (2412 ק"ג), ערנטע 36 טאבע (א שלעכטע ערנטע, 3־פאכיגער ערטראג), דערפון בלייבען 2 טאבע פאר'ן הויז, 6 פאר זריעה און 28 ווערען פערקויפט צו 4 פר. — 112 פר.

כרסינה — געזייעט 24 טאבע, ערנטע 120 (5־פאכיגער ערטראג), דערפון בלייבען 24 פאר זריעה, 16 פאר'ן גמל און 80 ווערען פערקויפט צו 2.5 פר.—200 פר.

פון ווייננגארטען ווערען פערקויפט 400 ראטעל (צו 25 ק"ג) ראזינען צו 1.10 פר. — 440 פראנק.

ה) איינגאהמע פון פיה:

30 ראטעל פוטער צו 6 פראנק — — — — — — — — — — — 180 פר.
50 ראטעל „לבן" („לעבען") — זויער מילך — צו 1.5 פר. — 75 פר.
20 שעפעלעך, צו 8 פראנק — — — — — — — — — — — 160 פר.
30 ציגען צו 6 פראנק — — — — — — — — — — — — — 180 פר.
איינקונפט פון גמל פאר 10 טראנספארט לאסטען נאך יפו, — 120 פר.
פאר פערדונגען די אקסען — — — — — — — — — — — 140 פר.

780 פר.

ו)ווירטשאפטס־אויסגאבען:

1) שטייערען: ווערגו (גרונדשטייער) פאר'ן הויז 12 פר., פאר'ן כרם 10 פר., פאר 300 דונאם אקערלאנד — 34 פר., צוזאמען 56 פר.

פאר שאף און ציגען, צו 1 פראנק — 200 פר.

גמל, פערד און אייזעל 4.50 פר., פאר וועגען 16.50 פר., פאר שולע 2.75 פר., — צוזאמען שטייערען 279.75 פר. (אויסער דעם עשר, וואס איז שוין אבגערעכענט געווארען פון ערנטע ערטראג).

2) לוין — דער פאסטוך בעקומט יעהרליך 20 יונגע ציגען, דערצו נאך 2 העמדער צו 2 פר. — 4 פר., א מאנטעל — 8 פר., א קאפטוך — 6 פר., א גארטעל פון לעדער 4 פר., 2 פאר שיך צו 2 פר. — 4 פר., — צוזאמען 26 פר.

2 שניידער בעקומען זייער געהאלט אין ווייץ, און דאס איז שוין אראב־גערעכענט פון דער ערנטע.

3) פאר פעררעכטען דעם אינוועטאר ערהאלט דער שמיד 5 טאבע ווייץ און און דער סטאליאר 2 טאבע ווייץ, 2 טאבע דורא און 2 טאבע גערשט — דאס אלץ איז אראבגערעכענט פון דער ערנטע. אויסער דעם קאסטען יעהרליך 5 נייע אקער־מעסערס 10 פר., 1 זאטעל פאר'ן גמל — 5 פר., שטריק פאר'ן אייזעל און בינדפעדעם — 23 פר., צוזאמען 38 פר.

ס"ה פון ווירטשאפט אויסגאבען אין געלד (אויסער די אויסגאבען אין נאטור פאר זריעה, לוין א. ז. וו.) — 343.75 פר.

ז) הויזהאלט אויסגאבען:

1) קליידונג. 5 מענער ערהאלטען יעהרליך צו 2 העמדער (2 פר. א העמד) — 4 פר., 1 מאנטעל — 8 פר., 2 פאר שיך צו 3 פר. — 6 פר., א קאפטוך און קאפעל צום טארבוש — 6 פר., צוזאמען 120 פר.

3 פרויען ערהאלטען יעהרליך צו 1 פאר שיך — 2 פר., 1 העמד — 3 פר., א קאפטוך און א שלייער — 1 פר., צוזאמען 18 פר.

בעקליידונג פאר 7 קינדער צו 4 פר. — 28 פר.

צוזאמען קליידונג פאר דער גאנצער פאמיליע פון 15 נפשות — 166 פר.

2) ערנעהרונג, אויף וויפיעל עס ווערט ניט גענומען דירעקט פון דער ווירטשאפט. פלייש — 40 פר., אויל — 24 פר., אליווען — 6 פר., גרינסען 40 פר. רייז — 16 פר., צוקער 6 פר., זאלץ — 10 פר., קאפע — 6 פר., צוזאמען 148 פר.

3) פערשיעדענעס: איין מאן רויכערט, נעמליך פאר 6 פר., 1 גמל־לאסט האלצקוילען — 8 פר., 1 קעסטעל פעטראלעאום — 3 פר., שוועבעלעך — 1½ פר., נעהען א. ז. וו. — 2 פר., צוזאמען — 20.50 פר.

ס"ה הויזהאלט אויסגאבען א יאהר — 334.50 פר.

אלס אויסערגעוועהנליכע אויסגאבען דארף צוגערעכענט ווערען די חתונה פון א זוהן (דער פרייז פון קויפען א פרוי) און אויסלייזען זיך פון מיליטער־דיענסט. דאס לעצטע קאסט 50 טערקיישע פונט. א פרוי אין חברונ'ער געגענד קאסט אונ־געפעהר 560 פר. דאך דארף מען די לעצטע סומען ניט אריינרעכענען אין די אויס־גאבען, ווייל די טעבטער פון הויז וואס ווערען פערהייראט ברענגען אריין צוריק די זעלבע סומע.

די אויסלייזונג סומע פון מיליטער־דיענסט דארף פערטיילט ווערען אויף 5 יאהר, אזוי אז אויף איין יאהר פאלט אויס ארום 200 פר.

דערצו קומען צו ווירטשאפטס אויסגאבען — — — — — 343.75 פר.

הויזהאלט אויסגאבען — — — — — — — 878.25 פר.

די הכנסה בעטרעפט 3.327.50 פר.

עס בלייבט אלזא א יעהרליכער איבערפלוס פון ריוח 2448.75 פר. דער ריוח ווערט ערהאלטען פון דער ארבייט פון 5 מענער און 3 פרויען און איינינע גרעסערע קינדער. דאס איז אן איינקונפט וואס איבערטרעפט דעם געוועהנליכען דורכשניט און קומט פאַר נור ביי די רייכערע משפחות וואס דארפען ניט אָנקומען צו הלואות.

דער דורכשניטליכער שטח פון א פלאחישער ווירטשאפט וואו עס ווערט בע־טריבען אקערבוי, לויט האלב־אָפיציעלע אנגאבען פון יאָהר 1325 (1909), שוואנקט צווישען 40 און 100 דונאם. די צאָהל פון די אקערבויטרייבענדע פאמיליען און דער דורכשניטליכער גרויס פון די ווירטשאפטען איז לויט די דאָזיגע אנגאבען ווי פאָלגט.

סאנדזשאק	אקערבוי-טרייבענדע פאמיליען	פראָצענט פערהעלטניסע פון די ווירטשאפטען לויט'ן גרויס: אונטער 50 דונאם.	איבער 50 דונאם.	דורכשניטליכע גרויס פון אקערבויאיש בעארבייטעטען בּאָדען אין יעדער ווירטשאפט
ירושלים — — — — —	*3.000)	67	33	53 דונאם
שכם — — — — — —	9.760	63	37	41 "
עכו — — — — — —	4.150	2	98	54 "
בירות — — — — —	7.330	13	87	"
דמשק — — — — —	20.594	69	31	34 "
כרך — — — — — —	7.400	33	67	82 "

*) די ציפער שיינט צו זיין פיער נידריגער פון דער ווירקליכקייט.

ח. פיהצוכט.

„א לאנד וואס פליסט מיט מילך".

די טיערצוכט איז אין אלע צייטען געווען זעהר א וויכטיגער צווייג פון דער פאלקסווירטשאפט אין ארץ ישראל. ניט נור האבען די נאמאדישע שבטים געלעבט פון די גרויסע סטאדעס, ווי מיר זעהן אין די ערצעהלונגען וועגען די אבות, נור אפילו די זיצהאפטע פעלקער, ווי די מואבים 1), וואס האבען קולטיווירט וויין, און אויך די אידען נאך דער עטאבלירונג פון דער מלוכה, האבען זיך בעשעפטיגט מיט האָ־דעווען „שאף אין די פערצוימונגען און רינדער אין די שטעלער" 2). דוד המלך האט געהאט ספּעציעלע עקאנאמען („שרי הרכוש"), וואס האבען אויפגעפאסט אויף די רינדער וואס פאשען אין שרון און אין די טהאלען, און אויף די גמלים און אייזעלינען און די שאף 3). ווי ווייט די פיהצוכט און מילכווירטשאפט איז געווען פערברייטעט אין ארץ ישראל, קען מען זעהן פון דעם בעוואוסטען ביבלישען אויסדרוק צו כאראק־טעריזירען דאס פערשפּראָכענע לאנד: „א לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג". מאנכע קריטיקער דענקען, אז דיעזער אויסדרוק איז ניט מעהר ווי אן איבערטרי־בענע התפעלות פון מדבר וואנדערער, וואס האבען פאר זיך צום ערשטען מאל דערזעהן א קולטיווירט לאנד, און אין זייערע אויגען וואס זיינען געוואוינט געווען צו דער טרויעריגער נאקעטער וויסטע, האט אפילו אן ארעם, אבער בעארבייטעט לאנד אויסגעזעהן ווי א גן עדן. א נעהנטערע בעקאנטשאפט מיט די נאטור בעדינ־גונגען פון לאנד און איהרע ווירטשאפטליכע פערהעלטניסע אין דער פערגאנגענ־הייט, בעשטעטיגט פאלקאם די ריכטיגקייט און טרעפליכקייט פון דער ביבלישער כאראקטעריזירונג פון ארץ ישראל. ביי דעם גרויסען רייכטום פון פיה, בעזונדערס שאף, און פרוכט גערטנער, מיט וועלכע דאס לאנד האט זיך אויסגעצייכענט אין דער פערגאנגענהייט, איז דאס ווירקליך געווען א לאנד וואס טריפט מיט מילך און האניג, דערביי דארף אונטער דעם ווארט האניג (דבש) פערשטאנען ווערען ניט ביהנען האניג, וואס איז אין די ביבלישע צייטען געווען ניט פיעל אין ארץ ישראל, נור פרוכט האניג (האניג פון טייטלען, פייגען און פילייכט אויך פון טרויבען, ווי דער פלאחישער טרויבען־האניג וואס רופט זיך נאך איצט „דבס"—רבש), וואס איז זאגאר עקספּארטירט געוואָרען נאך אויסלאנד 4). „שמאנט פון רינדער און מילך פון שאף, מיט פעטס פון שעפּסען און ווידערס פון סטאדעס פון בשן און בעק" האבען זיך גערעכענט צווישען די רייכטהימער פון לאנד צוגלייך מיט די תבואות פון פעל־דער, פרוכטען־האניג און בוימאייל פון צווישען די פעלזען, פעטע ווייצען און רויטע טרויבען וויין 5).

מיט דער דעגראדירונג פון דער לאנדווירטשאפט און בעזונדערס מיט דעם פערשווינדען פון די וועלדער, איז אויך די פיהצוכט אין ארץ ישראל פיעל צוריקגע־שטאנען אין פערגלייך מיט דעם אמאליגען בליהענדען צושטאנד. דאך איז נאך אלץ דיעזער ווירטשאפטס צווייג פערהעלטניסמעסיג זעהר פערברייטעט אין לאנד.

1) מלכים ב' ג' 4.
2) חבקוק ג' 17.
3) דברי הימים א' כ"ז 29.
4) יחזקאל כ"ז 17.
5) דברים ל"ב 14.

און הגם דאס אמאליגע גארטען־לאנד וואס טריפט מיט האניג איז איצט כמעט בוימלעער, זיינען נאך מאנכע געגענדען פון ארץ ישראל, בעזונדערס אין עבר הירדן, אזוי רייך מיט פיה, בעזונדערס מיט שאף, אז מען קען נאך איצטריידען וועגען א פלוס פון מילך, ווען מען זאל דערביי פערשטעהן נור מילך פון שאף און ציעגען.

אויף וויפיעל עס אנבעלאנגט דער מילך ווירטשאפט האבען ביי דעם פלאח א בעדייטונג נור קליינפיה — שאף און בעזונדערס ציעגען. דאס זיינען די פער־



בילד 69.

א פלאחישע פרוי מאכט פוטער אין לאגעל.

שפרייטסטע בהמות אין לאנד. דער פלאח, ווי אויך דער בעדואינער, האדעוועט זיי אין גרעסערע צאהלען, ווייל זיי ליעפערען איהם פלייש צום עסען, וואהל און לעדער צום קליידען און מילך צום טרינקען. די שאף (אראביש—חארוף) אין ארץ ישראל געהערט דורכאוים צו דער מארינאסען־ראסע מיט ברייטע, פעטע עקען. די ציעגען (אראביש—ענזה) זיינען מיטעל־גרויסע מיט זעהר לאנגע, אראפהענ־גענדע אויערען, וואס בעריהרען אפט דעם באדען. זיי בעקומען מייסטענס ניט קיין מילך ווירט־שאפט.

אנדערע נאהרונג אויכער די פאשע אין פעלד. דער קליינער אייגענטימער פאשעט זיי־
נע בהמות אין די אונמיטעלבארע אומגעבונג פון זיין וואוינארט, דאגעגען דער בע־
זיצער פון גרויסע סטאדעס פיהרט זיי אוועק ווייט אין לאנד, ווינטער אין די וואַ־
רעמערע טיילען אין טאל, וואו עס איז נור פערהאנגען פאשע, און זומער — אין
די בערג וואו די גראז בלייבט לענגער גרין און וואו עס איז שוין פיעלע ערטער
פערהאנגען קלענערע און גרעסערע וועלדלעך, וועמענס בלעטער עס דיענען די פי־
רינדפיה. ערפיסיגע מזיקים אלס נאהרונג, ווי באלד עס מאכט זיך נור א מאנגעל אין גראז.
ביי דער אלגעמיינער נאכלעסיגקייט פון דער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג
און אדמיניסטראטיווער מיספערוואלטונג איז דאס איינע פון די הויפט סבות פון דער
בוימער ארעמקייט פון לאנד. די שאף און ציעגען פערדארבען אונאויפהערליך דאס
ביסעל וועלדער וואס איז נאך פערבליעבען פון פריהעריגע צייטען: בעזונדערס
שעדליך איז די ציעג וואס דראפעט זיך אויף די בוימער און מאכט אז א חורבן
אין די צווייגען. אויך די זארגלאזע פאסטוכער העלפען דערביי צו פערניכטען די
בוימער. דערמיט וואס זיי פערברענגען אפט די געוויקסען כדי צו פערבעסערן די לאנ־
קעס דורך האלץ־אש אדער צו בעשיצען די אייטערס פון די בהמות פון דערנער און
שטעכעכץ וואס וואקסען צווישען די בוימער.

די מילך טרינקען און פערקויפען די פלאחין פרישערהייט, אדער מאכען דער־
פון „לאבאן“, א מין זויער־מילך. די פרישע מילך ווערט געקאכט גלייך נאכ'ן מעל־
קען, דערנאך וועט זי אבגעקיהלט ביז זי ווערט לעבליך, דאן לאזט מען אריין א
פאר טראפען פון אבגעשטאנענע, זויערע מילך און מען פערבינדט דאס ביז עס ווערט
אין פערלויף פון א טאג פערגליווערט. די פלאחין מאכען פון די מילך קעז און פו־
טער, וועלכעס זיי פערקויפען אין שטאדט. די פוטער ווערט צונויפגעקלאפט פון מילך
וואס מען גיסט אריין אין א לעדערנעם לאגעל. דער לאגעל, וואס הענגט אויף א
שטריק, ווערט אזוי לאנג געשאקעלט ביז די שמאנט פון די מילך ווערט פערוואנדעלט
אין פוטער.

לויט האלב־אפיציעלע אנגאבען פון 1325 (1909), צעהלט דער ירושלים'ער
סאנדזשאק 166,311 שאף און 83,692 ציעגען. אין דעם איז ניט אריינגערעכענט
די קאדא פון חברון. דער יעהרליכער ערטראג ווערט, לויט דער זעלבער קוועלע, גע־
רעכענט 3,496,128 אקא מילך, 110,000 אקא קעז, 61,156 אקא פוטער, 91,159
אקא וואל, 25,795 אקא ציעגען־האר און 143,000 ציעגענע און שאפענע פעלען.

דער בירות'ער ווילאיעט ציילט 221,573 שאף און 480,356 ציעגען מיט א
יעהרליכען ערטראג פון 7,257,508 אקא מילך, 705,978 אקא קעז, 173,558 אקא
פוטער, 196,828 אקא וואל, 105,394 אקא ציעגען־האר, 118,760 ציעגענע און
שאפענע פעל.

דמשק'ער ווילאיעט צעהלט, לויט די אפיציעלע אנגאבען פאר 1330 (1914)
וועלכע דר. רופין האט בעקומען — 2,139,174 שאף און ציעגען מיט א יעהרלי־
כען ערטראג פון 16,135 ,687 אקא מילך, 823,210 אקא קעז, 643,630 אקא פוטער.
588,889 אקא וואל, 275,300 אקא ציעגען־האר און 63,000 ציעגענע און שאפע־
נע פעל.

פון אלע צווייגען פון טיער־צוכט שטעהט די צוכט פון רינדפיה (אין אראביש
—באקאר — בקר — ווי אין העברעאיש) אמניעדריגסטען ביי די פלאחין. זיי
האבען גאר ניט קיין אהנונג וועגען דער בעדייטונג פון רינדער פאר מילך־ווירט־

שאפט. קיה (אין אראביש — בקרה — באקארא) און אָקסען (טור, טיראן), האלטען די מוסלימישע פלאחין נור פאר דער ארבייט. רינדפלייש געברויכען זיי ניט. די רינדער וואָס טויגען שוין ניט פאר דער ארבייט לאָזען זיי פאַשען ביז זיי שטאַר- רינדפיה· בען, אדער זיי פערקויפען זיי צו קריסטען און אידען. די אָרטיגע רינדפיה ראַסע איז זעהר אַ קליינע און אַ מאָגערע און ברענגט זעהר ווייניג מילך. די אָקסען זייַ- נען עטוואָס העכער פאר די קיה, זיי דערגרייכען אָבער קוים די מיטעלגרויס. די קיה קעלבען זיך אין ערשטען חודש נאָך'ן אָנהויב פון דער „רביעה" (גרין פאַשע) — ענדע מערץ און גיבען מילך נור פיער חדשים, לענגסטענס ביז יולי. די פלאַחין לאָזען די קעלבער, ספּעציעל די וואָס ווערען ערצויגען אלס ארבייטס-אָקסען, זעהר לאַנג זויגען, ניט ווייניגער ווי אַכט חדשים, ווייל זיי גלויבען, אז דערפון וואַקסט דער געברויכסווערט פון די אָקסען (אויך זייערע אייגענע קינדער ענטוועהנען די פלאחין זעהר שפּעט, ערשט אין דריטען יאָהר און אמאָל אויך שפּעטער).

גרעסערע און בעסערע רינדער גיבט עס אין דמשק און לבנון: די דמשק'ער קוה ליעפערט יעהרליך 3000—4000 ליטער מילך. די לבנונ'ער קוה האָט ווייניגער מילך, דערפאַר אָבער מעהר פלייש.

די פוטער, מיט וועלכע די בהמות ווערען געפלעגט ביי די פלאחין בעשטעהט אויסשליסליך פון צוריבענע שטרוי וואָס רופט זיך „תבן". נור בשעת'ן אַקערען בע- קומען די אָקסען אַביסעל כרסינה. נאָך די ערשטע רעגענס, ווען עס הויבט זיך אָן די „רביעה" פאַשען זיך די בהמות אין פעלד, די גרינע פאַשע דויערט אָבער ניט לאַנג, וואָרים אין די ערשטע דריי רעגענלאָזע חדשים ווערען די גראָזען פערטרוקענט און פערוועלקט, און די פּלאחין ווייסען ניט פון פאַרבערייטען היי אָדער פון זייען גראָז. די בהמות זיינען דעריבער דאַר, קליין, מאָגער און מילכאָרעם.

אין ירדן-טהאָל, אין דער חולה און אין די זומפּען ארום חדרה און יפו, ווערען געהאָדעוועט בויפאָלען (אין אראביש—ג'אמוס), וואָס צייכנען זיך אויס מיט זייער גרויס, קראַפט און פעטקייט.

לויט די אויבענדערמאָנטע קוועלען, צעהלט דער ירושלים'ער סאַנדזשאַק 13,479 קיה, 23,600 אָקסען, 4,680 שטיערען, 2,000 קעלבער און 225 בויפאַלען. דער בירות'ער ווילאַיעט צעהלט: 33,762 קיה, 66,077 אָקסען, 1,790 שטיערען, 9,851 קעלבער און 1797 בויפאַלען. בנוגע עבר הירדן, זיינען קיין אָפיציעלע אָנגאַ- בען ניטאָ. לויט וויטאל קינע, וועמענס סטאַטיסטיק צייכענט זיך ניט אויס מיט בעזונדערער פינקטליכקייט און איז ניט אַלע מאָל פערטרויענסווערט, צעהלט דעם חורן'ער סאַנדזשאַק 1,400,000 אָקסען און קיה און 50,000 בויפאַלען, און כרכ'ער סאַנדזשאַק 100,000 אָקסען און קיה.

להיפך פון רינדפיהצוכט, וואָס שטעהט ביי דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג פון ארץ ישראל אויף דער ניעדעריגסטער מדרגה — איז דער פ ע ר ד צ ו כ ט, אויך פערדצוכט. וויפיעל ער ווערט פראַקטיצירט אין לאַנד, העכער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. קיין איין פערד ראַסע אין דער וועלט קען זיך ניט פערגלייכען צו דעם וואוויל- בלוטיגען אַראַבישען פערד וואָס אַנבעלאַנגט גראַציעזיטעט, פלינקייט, פערשטאַנד, טרייהייט, אויסדויער, גענוגזאַמקייט און קאַסטבאַרקייט. ניט אַלע פערד אין לאַנד צייכענען זיך אויס מיט די דערמאָנטע מעלות. עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד צווי- שען דעם ארבייטס-פערד, וואָס רופט זיך „קדיש" און ווערט בענוצט ביי פעלד אַרבייט און לאַסט טראָגען, און דעם אמת'ן ראַסען-פערד, וואָס ווערט נור בענוצט

צום רייטען. צו דעם ערשטען מין בעלאנגען די פערד וואס מען ברענגט פון סוריה און אנאטאליע (קליין אזיען). די פערד זיינען שטארק פעהיג צו בערג שטייגען און זייער פרייז איז פון 100 ביז 1,000 פראנק. די צווייטע שטאמען פון אראביען און דער סורישער וויסטע, וואו זיי ווערען ערצויגען מיט דער גרעסטער זארגפעלטיגקייט און ליעבשאפט דורך די בעדואינער און ווערען געשאצט אין זעהר גרויסע סומען ווי 15,000—20,000 פראנק. אזעלכע קאסטבארע ריינע ראסען־פערד זיינען אין ארץ ישראל כמעט ניטא, און די „אצילה"'ס (אזוי רופען די אראבער די וואוילבלוטיגע פערד), וועלכע די שייכען און די עפענדים און רייכע פלאחען פערמאגען, זיינען נור האלב אדער פיערטעל בלוטיגער אראבישער פערד. אפילו אזעלכע פערד ווערען זעלטען געהאלטען אין פולען אייגענטום ביי איין אייגענטימער. געוועהנליך, בעלאנגט אזא פערד צו צוויי אדער נאך מעהר שותפים. איינער פון די שותפים אין אזא פאל האט דעם „רסן" (ראסן—פערד־צוים), ד. ה. אונטערהאלט די שקאפע ביי זיך און בענוצט זיך מיט איהר צום רייטען און די שותפים האבען א טייל אין די ולדות. ווען דער אייגענטימער פערקויפט אזא שקאפע, שטעלט ער געוועהנליך א בעדינגונג אז דער קונה זאל דעם ערשטען אדער אויך צווייטען זשרעבעקעל אבטרעטען איהם און זאל זיי לאזען זויגען אונענטגעלטליך ביי דער שקאפע.

לויט די אויבענדערמאנטע קוועלען, צעהלט ירושלים'ער סאנדזשאק 4751 פערד, שקאפעס און יונגע פערדלעך. בירות'ער ווילאיעט צעהלט 14,251. לויט די אנגאבען פון קינע צעהלט דער חורנ'ער סאנדזשאק — 2.100, און דער כרכ'ער 8.000 פערד.

פרדות.

פיעל זעלטענער ווי פערד געברויכען די פלאחין פרדות (מוילאייזלען, א פראדוקט פון א פערד און אן אייזעל, אין אראביש — באחיל). זיי ווערען הויפטזעכליך בענוצט צום לאסט טראגען ביי די „מוקערים" — וואס בעשעפטיגען זיך מיט טראנספארטירען מענשען און סחורות אויף פערד, אייזלען און פרדות. די פרדות זיינען מעהר לייסטונגספעהיג אלס די פערד אין דער ארבייט און זיי זיינען אויך מעהר גענוגזאם איידער די לעצטע. דערפאר אבער זיינען זיי הינטערשטעליג אין בעצוג צום רייטען. אין אקער ווערען זיי זעלטען איינגעשפאנט, אויסער אין די אידישע (און אויך דייטשע) קאלאניעס. א פרדה קאסט פון 200 ביז 500 פראנק. זיי ווערען מייסטענס געבראכט פון דמשק. אין ארץ ישראל גופא ווערען זיי ניט ערצויגען.


אייזלען

די כאראקטעריסטישע בהמה אין דער פלאחין ווירטשאפט אין דער אייזעל (אין אראביש—חמאר). דער אייזעל איז פיעל וויינינגער לייסטונגספעהיג אלס דער פערד און די פרדה, דער דורכשניטליכער פלאח אבער איז צו ארעם צו פערשאפען זיך א מעהר ארבייטספעהיגע און קאסטבארע בהמה. אויף דעם אייזעל רייט דער פלאח ווען ער דארף זיך אוועקלאזען אין וועג און אויף'ן אייזעלע פיהרט ער איבער זיינע משאות — די זריעה אין פעלד אריין און די אבגעשניטענע תבואות פון פעלד. דער אייזעל ווערט אויך אמאל ביי די ארעמע פלאחין איינגעשפאנט אין אקער צוזאמען מיט א קוה אדער אן אקס; די פרייז זיינע איז פערשיעדען, לויט די גרויס און שטארקייט, פון 40 ביז 200 פראנק.

ירושלים'ער סאנדזשאק צעהלט, לויט די שוין דערמאנטע קוועלען, 2,098 מויל־אייזלען און 17,932 אייזלען, בירות'ער ווילאיעט — 2,612 מויל־אייזלען און 23,463 אייזלען. לויט וו. קינע, צעהלט דער חורנ'ער סאנדזשאק 8,000 פרדות און 10,000 אייזלען און דער כרכ'ער סאנדזשאק — 4,000 פרדות און 5,000 אייזלען.

גמלים.

דער צוכט פון גמלים ווערט אין זעהר א גרויסע מאס פראקטיצירט ביי די בעדואינער אין עבר הירדן. די פלאחין בענוצען די גמלים זעהר זעלטען ביי פעלד־ארבייט, אויסער אין דרום יהודה און אין נגב. הויפטזעכליך ווערט דער גמל בע־נוצט צום לאסט טראגען און רייטען. ער איבערטרעפט אלע אנדערע בהמות אין לייס־טונגספעהיגקייט, גענוגזאמקייט און ווידערשטאנדספעהיגקייט אין בעצוג צו היץ און טרוקעניש. ער בעגעהט זיך א לאנגע צייט אהן וואסער און אין נויט פאל בעגנוגענט ער זיך מיט וויסטע פלאנצען, דארונטער מיט שטעכיגע דערנער, צו וועלכע מען קען זיך ניט צוריהרען מיט די האנד און וועלכע קיין אנדערע בהמה קען ניט עסען. פונקט ווי ביי פערד, אונטערשיידעט מען צווישען א רייט גמל וואס רופט זיך אין אראביש הג'ן (הידזשען, אין העברעאיש—הגן) און צווישען א לאסט גמל וואס רופט זיך אין אראביש איינפאך ג'מל (דזשאמל). א רייט גמל קאסט בערך פיער מאל אזוי



בילד 70.
גמלים אקערען אין נגב.

פיעל ווי א לאסט גמל, און צייכענט זיך אויס מיט זיין אויסערגעווענליכער אר־בייטספעהיגקייט, שנעלקייט און גענוגזאמקייט. ער קען אבלויפען א טאג ביז 120 קילאמעטר און קען זעהר א לאנגע צייט אויסקומען אהן עסען און טרינקען.

די פלאחין פון בית־ג'לה און בית־לחם און אויך די איינוואהנער פון רמלה, לוד פערמאגען א בעדייטענדע צאהל גמלים און בעשעפטיגען זיך מיט טראנספארט פון סחורות פון יפו נאך ירושלים און צוריק.

די גרעסטע צאהל גמלים געפינט זיך אבער אין עבר הירדן און אין דרום ארץ ישראל. לויט די אפיציעלע און האלב־אפיציעלע אנגאבען צעהלט דער ירושלים'ער סאנדזשאק 15,167, בירות'ער ווילאיעט — 8,226 און דמשק'ער ווילאיעט — 109,133 גמלים,

ח. לאנדווירטשאפטליכע פראָדוקציאָן.

לויט איהרע געאלאגישע, מעטעאראלאגישע, געאגראפישע און קלימאטישע פע־העלטניסע איז ארץ ישראל אויסערארדענטלך גינסטיג געאייגנעט פאר'ן בוימ־צוכט, תבואות און גרינסען. די שארפע קלימאטישע געגענזעצען פון לאנד, וואו דאס אויג כאפט אין איין בליק אימער גרינע פעלדער און בוימער און דורך'ן יאהר שנייבעדעקטע בערג, די פיעלפאכע גלידערונג פון דער אויבערפלעכע, וואס פעראייניגט אין זיך אראבהענגענדע טיעפע עבענעס ביז 1200 פוס אונטער דעם ים־שפיגעל און איבער די וואלקענס ארויפשטייגענדע געבירג ביז 10000־9000 פוס אי־בער דעם ים־שפיעגעל, די קאָנטראסטפולע איינפלוסען פון ים און מדבר וואָס שלי־סען איין דאס לאנד פון געגענגעזעצטע זייטען — האבען ערמעגליכט אזא רייכלי־כע פערשיעדענארטיגקייט פון בוימער און פלאנצונגען, וואס טרעפט זיך זעלטען ערגיץ אנדערשוואו אויף איין און דעם זעלבען אָרט.: פאלמען און צעדרען, אראנ־זשען און נוס־בוימער, ציטראנען און פייגען, באנאנעס און מאנדלען, טראפישע און אלפישע געוויקסען בליהען און וואקסען אין נאָהענטער שכנות.

נאטור־פערשיע־דענארטיגקייט פון א"י.

מיט זיבען מינים האָט זיך א"י בעריהמט אין אלטע צייטען — ווייץ און גערשט, וויינשטאָק און פייגען, מילגראמען און איילבירטען און האָניג *), — דאָס זיינען אָבער ניט געווען די איינציגע מינים וואס דאס לאנד האָט פּראָדוצירט.

אין תנ"ך ווערען דערמאנט איבער הונדערט פערשיעדענע בוימער, פלאנצונגען, תבואות, בוימער, געווירצען און אנדערע געוויקסען, און אין משנה בעגעגענט מען ארום 230 פערשידענע צמחים, פון וועלכע געגוי 200 טראגען ריין העברעאישע נעמען. וואס צייגט, אז דיזע אלע געוויקסען זיינען פון לאנג אָן געווען בעקאנט די אידען אין א"י. עס איז קיין ספק ניט, אז ניט אלע פארהאנענע געוויקסען זיינען שוין אין יענע אוראלטע צייטען געווען בעקאנט די איינוואוינער פון לאנד, און ניט אלע צמחים וואָס זיינען געווען בעקאנט זיינען אריין אין תנ"ך און משנה. אָבער אפילו בלויז דאָס וואָס איז יאָ דערמאָנט געוואָרען צייגט אויף דעם רייכטום פון פלאנצונגען און צמחים אין די פריהערדיגע צייטען.

א"י איז באָטאַניש און אגריקולטורעל נאָך ניט גענוג אויסגעפארשט געוואָרען, אָבער שוין די ניט־פולע פארשונגען האָבען פעסטגעשטעלט דעם פאקט, אז קיין אנדער לאנד וואָס איז ניט גרעסער פאר ארץ ישראל האָט ניט אזא רייכע און פערשיע־דענארטיגע פלאָרע.

רייכטום פון פלארא.

„די פלארע פון דיזען לאנד — זאָגט דר. ג. פאסט, ביז איצט דער גרעסטער קענער פון דער פלאָרע פון א"י און סוריה — איז די סאמע רייכסטע, רייכער פון אירגענד וועלכען לאנד מיט איין און דעם זעלבען שטח. דא געפינען זיך איבער 3.000 פערשיעדענע געוויקסען, און א סך פון זיי פערמאָגען א גרויסע צאהל ספּעציעס."

קאליפארניע וואס איז כמעט 20 מאָל אזוי גרויס ווי ארץ ישראל און צייכענט זיך אויס מיט איהר אויסערגעווהנליך רייכער פלאָרע פערמאָגט ניט מעהר מינים

*) דברים ח' 8.

פלאַנצונגען פון ארץ ישראל. אלזשיר וואָס האָט אויך זעהר א פערשיעדענאַרטיגען קלימאַט און באָדען פערמאָגט קוים א העלפט מינים פון א״י, הגם זי איז 15 מאָל אזוי גרויס. דייטשלאַנד, וואָס פערנעמט א שטח פון איבער 540.000 קוואַדראַט קילאָמעטער — צעהלט קוים 1.200 פערשיעדענע מינים.

הויכע קוואַלי־טעט פון א״י פּראָדוקטען.

ניט נור צייכענט זיך ארץ ישראל אויס מיט דער כ מ ו ת פון איהרע פערשיעדענע׳ געוויקסען, נאָר אויך מיט דעם א י כ ו ת פון איהרע פרוכט. דער באָדען און קלימאַט פון ארץ ישראל זיינען פעהיג צו פּראָדוצירען די ערשט־קלאַסיגע פּירות וואָס האָבען ניט עטוואָס בעסערעס אין קיין אנדער לאַנד. די יפו׳ער אראַנזשען זיינען איבעראַל בעריהמט, און די אפּעלסינען פון אנדערע לענדער קאָנען מיט זיי ניט קאָנקורירען אויפ׳ן וועלט־מאַרק. ווען די טאָמאַטעס פון א״י ערשיינען אויפ׳ן מאַרק פון מאַרסייל (פראַנקרייך), הויבען אָן אלע היימישע טאָמאַטעס צו פאַלען אין פּרייז. די גרעסטע פּרייזען ווערען אין האַמבורג און מאַרסייל בעצאָהלט פאַר דעם סעזאַם (שומשמין) פון חיפה — וואָס וואַקסט אויף די פעלדער פון עמק יזרעאל און עמק השרון. דער גערשט פון עזה (דרום א״י) ווערט זעהר הויך געשאַצט אויף׳ן ענגלישען מאַרק, אלס דער בעסטען שטאָף פאַר ביער ברויעריי. און פאַר׳ן גלאָזאַרטיגען חורנ׳ער ווייץ צאָהלט מען זעהר הויכע פּרייזען אין איטאַליע און פראַנקרייך פאַר דער מאַקאַראָנען־פּראָדוקציאָן. א״י איז דאָס היימלאַנד פון אייל־בוים, וואָס וואַקסט ווילדערהייט אין די פעלזיגע בערג און רייכע טאָלען פון מזרח און מערב ארץ ישראל, מעהר פאַר אלץ אבער איז א״י א ווייןלאַנד. די אידישע עקספּערימענטאַלע סטאַנציאָן אין אטליט האָט צונויפגעזאַמעלט מעהר אלס זעכציג היימישע וואַריעטעטען פון ווייןשטאָק. די עקספּערימענטאַלע סטאַנציאָן אין קאַליפאָרניע פון די פעדעראַלע רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַטען האָט אין פערלויף פון צעהן יאָהר אויסגעפּרובירט איבער 1.300 פערשיעדענע וואַריעטעטען פון ווייןשטאָק פון כמעט דער גאַנצער וועלט. צוויי מינים, איינער א שוואַרצער און איינער א ווייסער, זיינען געפונען געוואָרען אלס די בעסטע. די דאָזיגע צוויי וואַריעטעטען זיינען ביידע געוועזען פון צפון ארץ ישראל, און לויט דער מיינונג פון אגראָנאָם אהרונסון, דער דירעקטאָר פון דער אידישער עקספּערימענטאַלער סטאַנציאָן אין אטליט, זיינען דאָס נאָך וואַיט ניט די סאַמע בעסטע מינים פון א״י. די ווערטפולקייט פון די ארץ־ישראל׳דיגע פלאַנצונגען און תבואות זיינען אנערקענט געוואָרען אויך פון אויסלענדישע אָפיציעלע עקספּערטען. אין א פאָררעדע צום בעריכט איבער „אגריקולטורעלע און באָטאַנישע פאָרשונגען אין א״י“ פון אגראָנאָם א. אהרונסון, וואָס דער אגריקולטורעלער דעפּאַרטמענט פון די פעראייניגטע שטאַטען האָט פערעפענטליכט אין 1910, רעקאָמענדירט דער דירעקטאָר פון פלאַנטאַציאָנס־אינדוסטריע אבטיילונג, ג. ה. פּאַועל, „א בעדייטענדע צאָהל פון עקאָנאָמישע פלאַנצונגען, געבוירענע אין א״י, און בעזונדערס תבואות, וואָס זיינען ווערט אקלימאַטיזירט צו ווערען אין די פעראייניגטע שטאַטען, נעמענדיג אין אכט די נאָהענטע עהנליכקייט פון די נאַטור־בעדינגונגען אין א״י צו די יעניגע פון קאַליפאָרניע און די שכנות׳דיגע שטאַטען פון זיד־וועסט“.

1. פלאנטאציעס.

בוים־צוכט אמאל און היינט.

אונטער די אויסערארדענטליך גינסטיגע נאטור־בעדינגונגען פון א"י — באדען, קלימאט און וואסער — האט דער בוימצוכט אלע צייטען פערנומען זעהר א וויכטיגען ארט אין דער ארטיגער לאנדווירטשאפט. בעזונדערס האט דער אנבוי פון פרוכט־בוימער געשפיעלט זעהר א גרויסע ראלע אין דער אידישער לאנדווירטשאפט פון די אוראלטע צייטען, נאך פאר דער גרינדונג פון ערשטען קעניגטום אונטער שאול און דוד'ן, ביז נאכ'ן אבשלום פון דער משנה (1). דער אידעאל פון אידישען לאנדווירט איז געווען א געמישטע ווירטשאפט: א דריטעל אקערבוי, א דריטעל אליוועןנבוי, א דריטעל וויינבוי (2). דערביי האבען אויך ניט געפעהלט פרוכטבוימער מיט וועלכע א"י צייכענט זיך נאך איצט אויס, אויסער אראנזשען וואס זיינען נאך דאן געווען אונבעקאנט אונזער לאנד (3).

סעדער און גערטנער מיט די פערשיעדענסטע און צאהלרייכע פרוכטבוימער האבען בעדעקט גרויסע שטחים לאנד, בעזונדערס די בערג, און א דאנק די טעראסען־קולטור מיט וועלכע די אידען האבען זיך בעשעפטיגט זעהר פלייסיג און ענערגיש (4). זיינען די איצט בוימלאזע און נאקעטע בערג אבהענג געווען בעדעקט מיט פרוכטבארע און פרעכטיגע, וויינגערטנער און אליוועןסעדער, און אין די פעלזען פון די בערג זיי־נען אויסגעהאקט געווען וויינקעלערס און אייל־פרעסען צו „ט ר ע ט ע ן" די טרויבען און פרעסען די איילבירטען. צאהלרייכע רעשטען פון די בערג־טעראסען און פעלזענקעלערס אין די בערג פון יהודה, גליל, שומרון און עבר הירדן בעשטעטיגען מיט זייער שטומע שפראך די ערות פון ליטערארישע דאקומענטען.

און ניט נור זיינען די פערשיעדענארטיגסטע פלאנטאציעס און פרוכט־בוימער געוועזן זעהר פ ע ר ש פ ר י י ט אין אלע טיילען פון לאנד, נאר אויך זעהר א י נ־ט ע נ ס י ו ו ב ע א ר ב י ט ע ט. פונקט ווי אין געמיזע ווירטשאפט און טיילוויז

---

1) שופטים ט' 7-15, שמואל א' ה' 14, דברי הימים א' כ"ז 25-31, ישעיה ה' 1-6, יואל א' 12, יחזקאל י"ז 6-9, קהלת ב' 5-6; חשמונאים א' י"ד 8; בן סירא כ"ד 14-20; מלחמות היהודים 2, 21, 2, 3, 10, 8; 3, 3, 2. משנה־מעשרות 1, 1-4; שביעית 2, 4; מועד קטן 1, 3; עבודה זרה 3, 2; פאה 1, 5; דמאי 1, 1; כלאים 1, 4; ירושלמי שבת פ"ז, ה"ב; בבלי פסחים ח', מגילה ו', בבא קמא קי"ט, כתובות קי"ב.

2) „ברוך אתה בשדה" — שיהיו נכסיך משולשין: שליש בתבואה, שליש בזיתים ושליש בגפנים (בבא מציעא ק"ז).

3) די פאלגענדע צוויי חאראקטעריסטישע שטעלען אין תנ"ך און משנה גיבען א קלאר בילד וועגען דעם צוזאמענשטעל פון דער אידישער לאנדווירטשאפט און די רייכקייט פון פלאנטאציעס:

„כי תאנה לא תפרח ואין יבול בגפנים, כחש מעשה ז י ת ו ש ד מ ו ת לא עשה אכל, גזר ממכלה צאן ואין בקר ברפתים" (חבקוק ג' 17).

„ה ת א נ י ם משהבחילו, ה ע נ ב י ם ו ה א ב ש י ם משהבאישו, ה א ו ג ו ה ת ו ת י ם משיאדימו וכל ה א ד ו מ י ם משיאדימו, ה ר י מ ו נ י ם משימסו, ה ת מ ר י ם משיטילו שאור, ה א פ ר ס ק י ם משיטילו גידים, ה א ג ו ז י ם משיעשו מגורה,—החרובין משינקדו וכל השחורים משינקדו, ה א נ ס י ם ו ה ק ר ו ס ט ו מ ל י ן, ה פ ר ו ש י ן ו ה ע ו ז ר ד י ם משיקרחו, וכל הלבנים משיקרחו, ה ת ל ת ן משתצמח, ה ת ב ו א ה ו ה ז י ת י ם משיכניסו שליש, ובירק: ה ק ש ו א י ם ו ה ד ל ו ע י ם ו ה א ב ט י ח י ם ו ה מ ל פ פ ו נ ו ת (משנה מעשרות, 1, 4).

4) זעה בעמערקונג 1, אויף זייטע 352.

אויף אין אקערבוי איז די קינסטליכע בעוואסערונג אנגעווענדעט געווארען אין בוימצוכט אין זעהר א ברייטער מאָס, שוין פון אוראלטע צייטען ביז נאָכ'ן חורבן (5).

נאָכ'ן אונטערגאנג פון אידישען ישוב, בעזונדערס פון נאָך דער אראבישער עראבערונג, איז דער בוימער־רייכטום פון ארץ ישראל פערניכטעט געוואָרען. א גאנצע רייהע פון אונגיסטיגע היסטאָרישע און סאָציאלע אומשטענדען, אויף וועלכע מיר וועלען זיך נאָך ווייטער אָבשטעלען האָבען פערוואנדעלט א"י אין א בוימלערען לאנד. צוזאמען מיט די אמאָל געדיכטע וועלדער זיינען פארשוואונדען די צאהלרייכע וויין־גערטנער, אָליוועז און אנדערע פרוכטבוימער, און אויף גרויסע שטרעקעס קאן מען איצט ניט געפינען א בוים צו בעשיצען זיך אין זיין שאטען און צו געניסען זיינע פרוכטען. „דערנער אין צאהללאָזע מענגען בעדעקען די שעהנע טאָלען, די גערטנער און אויבס־וועלדלעך זיינען פערשוואונדען, דער וואלד צירונג איז פערניכטעט, די בערג־אבהענגע זיינען נאקעט און לעבענסלאָז, ענטבלויזט פון זייער פרוכט־ערד, דאס לאנד איז בעדעקט מיט רואינעס."

וויפיעל אָבער די צושטערענדע היסטאָרישע בעדינגונגען האָבען ניט פערארימט די פלאנצונג פון א"י, איז זיי דאָך אלץ ניט געלונגען גובר צו זיין די לעבענסקרעפטען פון לאנד, און טראָץ די אָפטע מלחמות און חורבנות, פאָליטישע אונרוהען



בילד 71.
א פארצייטיגער אידישער וויינקעלער (לעבען ארטוף).

און מיספערוואלטונג, רויבערישע איבערפאלען פון בעדואינער און אונוויסענהייט פון דער פלאחישער בעפעלקערונג, די דריקענדע טעקסעס און ווילקיר פון די טעקסזאמלער, וואס האָבען געפיהרט צו דער סיסטעמאטישער פערניכטונג פון דער רייכער. פערברייטער, אינטענסיווער בוימקולטור פון אמאָל, זיינען נאָך פערבליבען בעדייטענדע צאהלען פון וואלד און פרוכט־בוימער, און דער בוימצוכט פערנעמט נאָך אלץ אין איניגע טיילען פון לאנד זעהר א וויכטיגען פלאץ אין דער פלאחישער ווירטשאפט. אין די טאָלען און אויף די בערג, אויף פרוכטבארען און שטייניגען בארען, אין קוואלען־רייכע און וואסעראריםע, געגענדען — איבעראל בעגעגענט מען נאָך פעראיינצעלטע עקזעמפליארען און אויך גאנצע אנלאגען פון די פערשיעדענסטע פרוכט־בוימער. אין פיעלע דערפער ווי אויך אין איניגע שטעדט, ווי סאלט, חברון, לוד, רמלה, שכם, ציהען זייער הויפט חיונה פון די גרויסע פלאנטאציעס אין זייער אומגעבונג.

---

5) ירמיה י"ז 8, קהלת ב' 6; בן סירא כ"ד 31־32; מלחמות 4, 8, 3; מועד קטן 1, 3; שביעית 2, 4.

די פערשפרייטעסטע פרוכט־בוימער אין לאנד זיינען נאך איצט די יעניגע מיט וועלכע א"י האט זיך געריהמט אין משה'ס צייטען — דער אליוועןנבוים, דער וויינ־שטאק, דער פייגענבוים און דער מילגרוים (6). צו זיי איז די לעצטע צייט אויך צוגעקומען דער אראנזש. דער וויכטיגסטער פון זיי אלעמען, איצט אזוי גוט ווי פריהער, איז דער ערשטער.

דער איילבוים.

די בארען פערהעלטניסע און קלימאט פון א"י זיינען בעזונדערס גינסטיג פאר דער קולטור פון אליוועןנבוים — אין אראביש זיתון (זייטון), העברעאיש זית. עס שיינט אז א"י (און סוריה) איז געוועזן די היימאט פון דיזען בוים. דער אליוועןנבוים בליהט דא אין אלע טיילען פון לאנד, און זיין וואוקס דא איז אונז בע־קאנט פון אונדענקליכע צייטען; נאך פאר דער אידיישער איינוואנדערונג איז א"י געוועזן אן אליוועןנרייך לאנד (1). די שטארקייט פון פעסטקייט פון זיין שטאם, זיין אויסערארדענטליכע ווידערשטאנדס־פעהיגקייט און די מערקווירדיגע לעבענסקראפט וואס ער צייגט ארויס אין שלאגען אלע מאל נייע הוארצלען און אין דערגרייכען אן אונגעהויער הויכער עלטער (מ'זאגט אז א זית קאן לעבען 800־7 יאהר און מעהר) צייגען, אז דער בארען פון א"י איז די נאטירליכע היים פון איילבוים. בוימער וואס האבען שוין דורכגעלעבט הונדערטער יאהרען געפינען זיך נאך אין פולער פראדוק־ציאנס קראפט. אין פערשיעדענע געגענדען פון לאנד געפינען זיך פעראיינצעלטע איילבוימער פון זעהר א הויכער עלטער און אויסערגעוועהנליכער שטארקייט. אין קדרון־טאל, נעבען ירושלים, האלט איינער אזא בוים 4 מעטער אין דיאמעטער נעבען וואורצעל. די שענסטע אליוועןנבוימער געפינען זיך אין עבר הירדן, אין וואסער־רייכען געגענד פון גלעד.

אין אלע טיילען פון לאנד געפינט מען ווילדע און האלב־ווילדע איילבוימער, וואס זיינען וואוקספעהיג אין אלערליי בארענס און קלימאטען, אפילו וואו עס איז פאראן ווייניג רעגען.

די אליוועןן ווערען קולטיווירט איבעראל, אין אלע געגענדען פון לאנד, און אי־בעראל געראטען זיי. זיי וואקסען אין ירדן טאל, 650־850 פוס אונטער'ן ים־שפיגעל, און אויפ'ן לבנון און הרמון 4.000־5.000 פוס איבער'ן ים. די מעכטיגע וואורצלען פון איילבוים שלאגען זיך דורך א וועג אפילו אין די פעלזיגע בערג, און דערפון שטאמט דער ביבלישער אויסדרוק „אויל פון א פעלז", א פעלז וואס פליסט מיט שטראמען־אויל (2).

ביי די אמאליגע אידען אין א"י איז דער איילבוים געוועזן זעהר פערשפרייט און זעהר הויך געשעצט, אלס דער סימבאל פון שעהנקייט (3) און פרישקייט (4).

(6) דברים ח' 8, חגי ב' 19.

1) דברים ו' 11, נחמיה ט' 25.

2) „ושמן מחלמיש צור" (דברים ל"ב 13), „וצור יצוק עמדי פלגי־שמן" (איוב כ"ט 6).

3) הושע י"ד 7.

4) תהלים נ"ב 10.

די אומגעגענד פון ירושלם, דער טאָל פון פלשתים און די שפלה (5), דאס לאנד פון אשר (6) — שפעטער גליל העליון — און דער „אויל־טאָל“ פון אפרים (7), וואס איז נאָך איצט זעהר רייך מיט אָליוועז, זיינען שוין אין דער צייט פון ערשטען בית המקדש געווען בעריהמט מיט זייערע אָליווענגערטנער. אייניגע ערטער ווי ברזית (8),



בילד 27.
אן אלטער איילבוים.

הר הזיתים האָבען זיך גערופען אויפ'ן נאָמען פון די פלאַנצונגען, אין דער צייט פון בית שני און דער משנה זיינען געווען בעריהמט מיט זייערע איילבוימער מרון, תקועה.

5) שופטים ט"ו 5, דברי־הימים כ"ז 28.

6) דברים ל"ג 24.

7) ישעיה כ"ח 1.

8) דברי־הימים א' ז' 31, איצט א דארף פון צפון זייט פון ירושלים מיט'ן נאמען ביר־זיית.

רגב, בי־זיתא, גת־שמנין און בעזונדערס גוש־חלב (9). די פיעלע פעלזען־אויל־פּרעסען וואס מען געפינט היינט אין אזעלכע ערטער וואו קיין איילבוימער וואקסען שוין ניט מעהר צייגען, אז אמאל איז דיזער בוים געווען פיעל מעהר פערשפּרייט אין לאנד ווי איצט.

אבער נאך איצט איז דער איילבוים דער פערשפּרייטסטער און חאראקטעריסטישסטער בוים פון א"י.

דער איילבוים איז זעהר גענוגזאם און פאדערט ניט קיין סך פלעגע. אלץ וואס ער דארף האבען איז — א פרייער פלאץ צו ענטוויקלען זיינע ברייטע וואורצלען און אויסצובילדען זיין גרויסע קרוין. יעדער בוים ווערט געפלאנצט אויף א מהלך פון 10 מעטער אבגערוקט פון צווייטען, אזוי, אז ס'קומט אוים אויף א דונאם ניט מעהר אלס 9-10 בוימער.

ניט אומעטום קריגט דער בוים מיסט. די פלאחין גלייכען דעם זית צו א „בידויה" (בעדואינייטע פרוי) וואס וואקסט אין מדבר און איז געזונד און פעסט, טראין אפּטען הונגער און פערנאכלעסיגונג. פילע פלאחין אקערען ארום ויעם בוים נור איין־מאל אין יאהר, מאנכע צוויי מאל, אין דעצעמבער און מארט.

א גוט ענטוויקעלטער, געזונדער און איינִיגערמאסען געפלעגטער בוים ברייננט א ריינע הכנסה פון 5-6 פראנק (פראפ. גוטע רעכענט די דורכשניטליכע הכנסה פון א גוטען בוים אין 10 פר. א יאהר). ביי א בעסערער בעהאנדלונג (רייכליכע בעמיסטיגונג, זארגפעלטיגע באדענבעארבייטונג) איז דער ערטראג העכער. אין אלגעמיין ליפערט דער זית א פולע ערנטע נור איין מאל אין צוויי יאהר, דאס צווייטע יאהר גיט נור א האלבען ערטראג. דאס שטאמט הויפטזעכליך דערפון וואס די פלאחין ק ל א פ ע ן אראפּ די פרוכט מיט שטעקענס, אזוי ווי עס האבען דאס פראקטיצירט די אוראלטע אידען (10). דערביי ווערען די יונגע בליטען וואס דארפען טראגען פרוכט אין א יאהר ארום, ארונטערגעשלאגען. די אידישע און דייטשע קאלאניסטען וואס פליקען אב די אליווען מיט דער האנד און ניט מיט שטעקענס, בעקומען כמעט אלע יאהר א נארמאלען ערטראג. אין מאנכע דערפער פליקען אויך די פלאחין די פרוכט מיט די הענד.

די איילבירטען הויבען אן רייף צו ווערען אין סעפּטעמבער. זיי זיינען נאך דאן גרין, און זיי ווערען איינגעמאכט אין שטארק געזאלצען וואסער אלס שפּייז. די אליווען וואס ווערען בענוצט אויף אויל מאכען בלייבען אויפ'ן בוים ביז אנהויב נאוועמבער, אויף די בערג אויך ביז דעצעמבער, ביז זיי ווערען טונקעל־גרין אדער שווארץ. פון די ערשטע אליווען ווערט אויסגעפּרעסט דאס בעסטע אויל — געוועהנליך פאר'ן אייגענעם געברויך: די פרוכט ווערט געווייקט אין וואסער און געריבען מיט די הענד ביז די אויל שווימט ארויף.

צום פערקויף ווערט די אויל פארבערייטעט דורך מאהלען און פּרעסען. די אליווען ליגען עטליכע חדשים ביז זיי ווערען האלב־פויל, דאן מאהלט מען זיי אין א זעהר פּרימיטיווען אויל־מיהל. די צוריבענע אליווען ווערען דערנאך געפּרעסט אין

(9) פלאוויוס אויטאביאגראפיע 13, מלחמות 4, 8, 1, בבלי מנחות פ"ה, תוספתא מנחות 9, 5.

(10) „כי תחבוט זיתך" (דברים כ"ח מ). שפּעטער, אין דער צייט פון משנה, פלעגט מען שוין אראברייסען די אליווען איינציגווייז מיט גרויס פארזיכטיגקייט (דאס האט געהייסען לקט), אדער איינפאך ארָאבגעפּליקט מיט דער האנד — דאס האט געהייסען מסק. די אליווענערנטע האט דעריבער געהייסען מסיק (שבת י"ז, בבא בתרא ל"ו).

דער „מעצרה" (מאסארא) — אויל־פרעס (זעה בילד 27, זייט 192). דער גאנצער בעשטאנד פון מיהל און פרעס און ארבייטס פראצעס וואס ווערט דערביי בענוצט איז אויף א מערקווירדיגען אופן עהנליך צום אמאליגען אידישען אויל־מיהל (ריחים של זיתים) און אוילפרעס (בית־הבד) ווי זיי ווערען געשילדערט אין דער משנה (11).

די אליוועז, אלס פרוכט און אויל, זיינען פון די הויפט נאהרונגס־מיטלען פון דער ארטיגער בעפעלקערונג. זיי ליפערען אויך מאטעריאל פאר די גרעסטע אינ־דוסטריע פון לאנד — זייפענזידעריי (זעה העכער ז. 192־193).

די אליווענקולטור וואלט אונטער גינסטיגערע אומשטענדען געקאנט ווערען א קוואל פון וואוילשטאנד און פון רייכטום פאר'ן לאנד. כמעט קיין אנדער בוים איז ניט אזוי צוגעפאסט צום באדען און קלימאט פון לאנד ווי ער. דער אבגאנג פון די פרוכטען און פון אויל איז א געזיכערטער. דער ריינער איינקונפט איז בערך א הויכער און די בעהאנדלונג פון בוים פאדערט ניט קיין סך אויסגאבען און מיה.

די הויכע ווערט פון איילבוים ווערט אנערקענט אין לאנד־פערקויף: ווען איינער בעצאהלט פאר אן אליווענבוים האט ער שוין דערמיט צוגלייך געקויפט דעם באדען, אויף וועלכען דער בוים שטעהט. ווען איינער, פארקעהרט, קויפט א שטיק לאנד, וואס איז פערפלאנצט מיט זיתים, בעלאנגען די בוימער צום אלטען בעל־הבית. סיידען עס ווערט אויסדריקליך אנדערש בעשטימט אין קאנטראקט (12). טראץ דעם זעהט מען ניט אין לאנד קיין יונגע אליוועגאנלאגען (אויסער אין די אידישע קאלאניעס). די מייסטע אליווען־וועלדלעך זיינען שוין זעהר אלט, מעהרערע האבען שוין דורכגעלעבט הונדערטער יאהרען. ניט נור ווערען די איילבוים־פלאנצונגען ניט פערגרעסערט, נור פערקעהרט, די פלאחין האקען אויס פיעל אליווענבוימער און פער־קויפען זיי אלס ברענהאלץ אדער פאר די אוילבוים־פראדוקציאן אין ירושלים. דאס קומט פאר ערשטענס דערפאר, וואס דער איילבוים ענטוויקעלט זיך זעהר לאנגזאם און עס דויערט 10־12 יאהר ביז ער ווערט פעליג ערטראגספעהיג (ביי גוטער בע־האנדלונג געשעהט דאס מיט איניגע יאהר פריהער). דער פויער האט דעריבער ניט קיין לוסט איהם צו פלאנצען. צווייטענס דער שווערער לאסט פון שטייערען. דער איילבוים איז בעלעסטיגט מיט א ספעציעלען שטייער, אויסער דעם עשר און די אלגעמיינע באדען שטייערען, וועלכער ווערט אויפגעמאנט אין שלעכטע אזוי גוט ווי אין גוטע יאהרען, און דער פלאח ציהט בעסער אפטמאל פאר אויסצוהאקען אין גאנצען דעם בוים אבי פטור צו ווערען פון די שטייערען.

די פערניכטונג פון די בוימער, בעזונדערס אין ירושלמ'ער געגענד, אויסער די שלעכטע ווירקונג וואס האט אויף'ן קלימאט, רופט זיך אויך אב אויף'ן אלגעמיינעם ווירטשאפטליכען לעבען פון לאנד. ווי עס בעריכטעט דער דייטשער קאנסול פון ירושלם אין 1909, איז די זייפענפאבריקאציאן צוריקגעגאנגען אלס פאלגע פון אויס־האקען די אליווענבוימער, און פון די צאהלרייכע זייפענזידערייען אין ירושלם פון פריהערדיגע יאהרען איז ניט מעהר געבליבען ווי איינע, און די הויפט שטאדט פון א"י, אנשטאט צו עקספארטירען זייף ווי פריהער, מוז זי אריינפיהרען פאר איהר איינענעם געברויך פון שכם און יפו.

11) משנה בבא בתרא 4, 5; זבים 4, 2, טהרות 9, 8, תוספתא ב"ב 3, 2. דער פראצעס פון אויל־פרעסען ווערט געשילדערט אין משנה מנחות 8, 4.

12) דאס שיינט צו זיין זעהר אן אלטער מנהג. ווען אברהם האט דאס פעלד פון מכפלה געקויפט, האט ער בפירוש אויסגערעדט, אז ס'זאל בעלאנגען צו איהם דאס פעלד און יעדער בוים וואס אין פעלד (בראשית כ"ג 17).

פעראייניצעלטע און קלענערע גרופּען אייילבוימער געפינען זיך אין מעהרערע דערפער, בעזונדערס אין גליל העליון, שומרון און די אומגעגענד פון ירושלים, גרעסרע אליוועננאנלאגען זיינען פאראן ארום שכם, לוד, רמלה, חברון, בית לחם, צפת, עכו, חיפה און צור. די דערפער טירה, איג׳זים, עין־גאזאל ביי דעם פוס פון כרמל זיינען בעריהמט אין לאנד מיט זייער גוטען אויל. די אליוועגגערטנער פון דארף רמה, אין גליל העליון, אין א הויך פון 1.300־2.000 פוס איבער׳ן ים, שטייגען איבער אלע אנדערע מיט זייער פּראדוקטיוויטעט און הויכער קוואליטעט פון אויל. אין דארף עבדיה, וואס איז ביים ירדן (צווישען מלחמיה און כנרת), ווי אויך אין יריחו בעוואסערט מען די אליוועז קינסטליך אין פערלויף פון הייסען זומער.

לויט האלב אָפיציעלע אנגאבען פון 1325 (1909) צעהלט דער ירושלים׳ער סאנדזשאק 3.593.566 אליוועגבוימער מיט א פּרוכטענערטראג פאר דעם בעריכט יאהר פון 74.384.900 אקא (אן אקא איז 1.28 קילאגראם). דער בירות׳ער ווילאיעט האט לויט אָפיציעלע אנגאבען, וועלכע דר. א. רופין טיילט מיט, 1.527.000 אייילבוימער מיט א פּרוכטענערטראג פון 19.010.000 אקא. דער דמשק׳ער ווילאיעט — 449.714 אייילבוימער (אויף 23.491 דונאם) מיט אן ערטראג פון 19.010.000 אקא פרישע אליוועז. לויט די אנגאבען פון אָפיציעלען „סלאנאמע“ (יאהרבוך) פון בירות׳ער ווילאיעט פאר׳ן יאהר 1326 (1910) איז דער אליוועגערטראג פון שכמ׳ער סאנדזשאק 2.900.000 אקא (2.000.000 אין שכמ׳ער קאדא, 500.000 — טול־כרם, 400.000 — ג׳נין), וואס בעדייטעט, נעמענדיג אלס מאסשטאב די פּראפּארציע פון דער צאהל בוימער און זייער ערטראג אין גאנצען בירות׳ער ווילאיעט (12.5 אקא פון א בוים) אז דער סאנדזשאק צעהלט אונגעפעהר 237.000 אליוועגבוימער. דער אליוועגערטראג פון גליל, לויט דער זעלבער קוועלע, איז 970.000 אקא אליוועגאויל. פאר אן אקא אויל פאדערען זיך בערך 5 אקא אליוועז. דאס מאכט אלזא אויס אן ערטראג פון 4.850.000 אקא פרישע אליוועז, און רעכענדיג 12.5 אקא פון א בוים, מאכט עס אויס אונגעפעהר 388.000 אליוועגבוימער. אין עבר הירדן איז די צאהל זעהר א קליינע. ווארשיינליך ניט מעהר אלס א דריטעל פון דער אלגעמיינער סומע פון דמשק׳ער ווילאיעט, ד. ה. ארום 150.000 בוימער. דאס גאנצע לאנד צעהלט אלזא ארום 4.318.566 אליוועגבוימער (אויף א שטח פון אונגעפעהר 288.000 דונאם).

ווייגשטאָק.

דער וויינשטאק—אין העברעאיש גפן אדער דלית, אראביש דליה (דאליא)—ווערט אין תנ״ך זעהר אָפט דערמאנט צוזאמען מיט׳ן פייגענבוים (1), און דער הייניגער פלאח פלאנצט זיי געוועהנליך צוזאמען אין איין גארטען. דער קלימאט און באדען פון א״י איז פאר וויינפלאנצונגען נאך מעהר געאייגענט ווי פאר אייילבוימער, און דער וויינשטאק בליהט דא אומעטום, אין די פּרוכטבארע עבענע פון שרון, אין די פעלזענהויכען פון יהודה און גליל, אין מזרח און מערב זייט פון ירדן. אפילו אויף די נאר הויכע און שטיילע בערג־אבהענגע, וואו מ׳ווענדעט נור אן די טעראסענקולטור, ברענגען די וויינגערטנער א גוטען ערטראג. בעזונדערס גוט געראטען די

1) במדבר כ׳ 5, דברים ח׳ 8, יואל ב׳ 22, חגי ב׳ 19, ירמיה ה׳ 17.

ווינפלאנצונגען אויף די זאנפטע אבהענג פון די בערג. דאס גאנצע בערגלאנד פון א"י איז אייגענטליך א געבוירענעם ווינלאנד. דערפון שטאמט דער אפטער ביבלי־שער אויסדרוק „בערג טריפען מיט טרויבענזאפט" (2). ווי רייך און פערשפרייט די ווינפלאנצונגען זיינען אמאל געווען ביי די אידען צייגען די צאהלרייכע פעלזענ־ווינקעלערען, שטיינערנע וועכטער־טורמען און צעפאלענע מויערען פון טעראַ־סענקולטור, וואס מ'זעהט נאך איצט אין די הרי יהודה, אויפ'ן כרמל, אין עבר הירדן. די אידען פלעגען פלאנצען די ווינשטאק מייסטענס אויף די בערג אבהענגע (3). פיעל ווינגערטנער האבען זיך אויך געפונען אין די טאלען (4). מאנכע ערטער האבען זיך גערופען אויפ'ן נאמען פון ווינשטאק אדער ווינגארטען, ווי נחל שורק, אבל־כרמים, בית הכרם א. ד. ג. (5).

בעזונדערס האט זיך יהודה געריהמט מיט איהר ווינקולטור, פונקט ווי גליל מיט איהרע אליוון. אויף יהודה איז געזאגט געווארען אין יעקב'ס ברכה: „ער בינד זיין אייזעלע צום ווינשטאק, און צום ווינצווייג זיין יונגע אייזעלין; ער וואשט אין וויין זיין קלייד און אין טרויבען־בלוט זיין ראק" (6). דער „נחל אשכול" נעבען חברון, פון וואנען די מרגלים האבען געבראכט א ענגעל טרויבען (7), איז נאך איצט בעריהמט מיט רייכע ווינגערטנער. ענגעלטרויבען האבען זיך געפונען אויף די אידישע מטבעות אלס סימבאל פון אידישען פאלק, און די נביאים האבען אפט פערגליכען דאס אידענטום צו א ווינשטאק (8).

ביי דער אנלאגע פון א ווינגארטען (כרם אין העברעאיש און אראביש) ווערט דער באדען אבגערייניגט פון שטיינער, ארומגעצוימט מיט א צוים (ג'דר אדער סינסילה) און אויפ'ן הויכען פלאץ ווערט אויסגעבויט א טורם (אראביש קצר) פון ווייכען שטיין, אויף וועלכען עס ווערט אנגעצויגען אביידעל (ערישה) פון ראגא־זשעס פאר'ן וועכטער — אזוי ווי דאס ווערט געשילדערט אין „ווינגארטען געזאנג" פון ישעיה הנביא (9). נור קיין ווינקעלער ווערט שוין מעהר אין כרם ניט אויסגע־האקט, ווייל די מוסלימישע פלאחין בעשעפטיגען זיך ניט מיט וויין־בעטריעב. דער ווינשטאק ווערט אין אייניגע ערטער (ווי עין כרם, בית־מחסיר, חברון) ארויפגעצוי־גען אויף שטאבעס, אין אנדערע (ווי אין נצרת, סאלט, ראמאלאה) לאזט מען די צווייגען ליגען אויף דער ערד, און זיי שטעלען מיט זיך פאר א נידריגע געוויקס, ווי עס מאהלט דער נביא יחזקאל (10). געוועהנליך ווערען עס־טרויבען געפלאנצט ארויפ־

2) „והטיפו ההרים עסים וכל הגבעות תתמוגגנה", עמוס ט' 13.

3) דברי הימים ב' כ"ו 10, ירמיה ל"א 4, תהלים פ' 10; בית רימה ובית לבן בהרים—מנחות 8, 11.

4) בקעת בית־הכרם נדה 2, 7; בקעת בי־טרפי—שבת ק"ט; שרון—בבא בתרא 6, 2; כפר סיגנא בבקעה—מנחות 11,8.

5) נחל־שורק — שופטים י"ד 5; אבל־כרמים און עבר הירדן — שופטים י"א 33; גפן שבמה — ישעיה ס"ז 8; ירמיה מ"ח 32; בית הכרם — נחמיה ג' 14.

6) „אסרי לגפן עירה ולשרקה בני אתנו, כבס ביין לבשו ובדם ענבים סותה הכלילי עינים מיין" (בראשית מ"ט 11-12).

7) במדבר י"ג 23.

8) תהלים פ' 9, הושע י' 1, חולין צ"ב. בר־כוכבא האט אויף זיינע מטבעות אויסגעגאסען א בילד פון א ווינשטאק אלס סימבאל פון אידישען פאלק (זעה בילד 9, זייט 32).

9) ישעיה ה' 1-2.

10) יחזקאל י"ז 6-9.

געצויגענע, און דאנגען טרויבען פאר ווין — לאזט מען ליגען אויף דער ערד (11).

דער ווינשטאק פאדערט פיעל מעהר זארגפעלטיגע בעהאנדלונג ווי דער אייל־בוים און פייגענבוים; און די פלאחין האבען א ווערטעל: דער איילבוים איז א בעדואינערין, וואס וואקסט אפילו אין מדבר; דער פייגענבוים איז א פלאחישע פרוי, א פערהארטעוועטע פויערטע אויף וועלכע מ׳קוקט זיך ווייניג אום און איז פעסט און שטארק; דער ווינשטאק איז א „סיט“ — א צארטע שטאדטישע דאמע, וואס פערלאנגט בעזונדערע פלעגע און אויפמערקזאמקייט.

נאך די ערשטע רעגענס ווערט דער וויינגארטען געאקערט, אין די הויכע, שטיילע בערג אבהענגע וואו ס׳איז אונמעגליך צו אקערען — ארומגעהאקט מיט א פיאש, און שפעטער, אין פעברואר, ווערט דער שטאק ארומגעשניטען. אין פריהלינג אקערט מען נאך צוויי דריי מאל.

די טרויבען — ענב (אינאב) אין אראביש — ווערען ניט איבעראל צייטיג מיט אמאל. געוועהנליך ווערען זיי אין טאל רייפער מיט א חדש פריהער אלס אין די בערג. די פריהסטע טרויבען — מיטען יוני — זיינען אין יריחו און אין דער פלשתים־עבענע. די שפעטסטע — אין חברון, סאלט און ארום צפת. עס זיינען אויף אזא אופן פארהאן פרישע טרויבען פון יוני ביז ענדע נאוועמבער. דער אנהויב פון בציר (טרויבענערנטע) שליסט זיך אונמיטעלבאר אן אין דרעש־צייט, און דער סוף זיינער — אין דעם זייען פאר דעם נייעם יאהר (12).

די טרויבען, ווי זיי הויבען נור אן אויסצואוואקסען, מוזען שטרענג אבגעהיט ווערען פון די אונגעבעטענע געסט — די קליינע, פיקסעלעך, וואס כאפען זיך אריין ביינאכט איינציגוויז און טרופענוויז אין וויינגארטען און מאכען א חורבן אין ווינשטאק (13). ניט ווייניגער געפעהרליך זיינען די צווייפיסיגע גנבים, וועמעס צאהל אין יעדען דארף איז אזוי גרויס כמעט ווי די צאהל איינוואוינער. און דער בעל־כרם ציהט זיך דעריבער זומער אין גאנצען אריין אין וויינגארטען און פער־ברענגט דארט מיט זיין גאנצע פאמיליע ביז ענדע זומער. אין די וויינגערטנער ווע־רען געוועהנליך פערפלאנצט אויך אנדערע פערשיעדענע פרוכטבוימער — פערסיקעס, גראנאטען, מאנדלען, עפעל, אבריקאסען, בארנעס, מוילבערים און עפטער ווי אלץ — פייגען, און אין די הייסע מיטאג־צייט רוהט דער פלאח אב אונטער זיין ווינ־שטאק און פייגענבוים (14). די עטליכע חדשים וואס דער פויער פערברענגט אין וויינגארטען לעבט ער כמעט אויסשליסליך מיט פרישע טרויבען. דער מוסלימער טאר ניט טרינקען קיין ווין, און ער האלט זיך דעריבער ביי די פרוכט. בכלל איז דער פערברויך פון פרישע פרוכט אין גאנצען לאנד אונגעהויער גרויס, און עס איז א דאנק די דאזיגע ערנעהרונג וואס די פלאחין פערמאגען צו ערהאלטען א גוטע געזונדהייט

11) די צוויי פערשיעדענע אופנים זיינען אויך געווען בעקאנט צו אמאליגע אידישע כורמים. די טרויבענצוויגענע ווינשטאק האט געהייסען דליות, אויף דער ערד ליגענדע — רוגליות. דער גוטער ווין האט זיך בעקומען פון די רוגליות, און פאר׳ן בית המקדש האט מען דעריבער געבראכט נור פון לעצטען וויין און ניט פון ערשטען („אין מביאין מן הדליות, אלא מן הרוגליות, מנחות 8, 6).

12) דער צוזאמענפאל פון דרעש־צייט מיט טרויבענערנטע און מיט דער נייער זריעה ווערט אין תנ״ך בעצייכענט אלס א סימן פון ברכה. „והשיג לכם דיש את בציר ובציר ישיג את זרע“ (ויקרא כ״ו, ה), ונגש חורש בקוצר ודורך ענבים במושך הזרע“ (עמוס ט׳ 13).

13) „שועלים קטנים מחבלים כרמים“ (שיר השירים ב׳ 15).

14) „תחת גפנו ותחת תאנתו“ — מלכים א׳ ה׳ 5, מיכה ד׳ 4.

און א קרעפטיגען קערפער טראָגן די זאנסט אונגינסטיגע לעבענס־בעדינגונגען.

אויסער די גרויסע צאהל טרויבען וואס ווערען קאָנסומירט פרישערהייד, אויפ'ן אָרט און אין דער נעהענטערע און ווייטערע נאכבארשאפט, וואוהין די טרויבען ווערען פאנאנדערגעפיהרט אויף אייזעלעך, — ווערען זעהר פיעל טרויבען געבראכט אין האנדעל אלס ראָזינען („זביב"), טרויבענהאָניג (דיבס) און טרויבענמארמעלאד אָדער טרויבענקוכען (מלבן). די קריסטליכע פלאחין טרעטען אויך אוים אביסעל וויין. די אלטע פעלזען־וויינפרעסען, וועלכע די כנענים און אידען האָבען אמאָל גענוצט און געפינען זיך נאָך אין מאנכע כרמים — ווערען שוין מעהר ניט געברויכט (15).

די פראָדוקציאָן פון ראָזינען איז בעזונדערס גרויס אין סאלטער ראיאָן (זעה זייט 301). א חוץ די מאסען ראָזינען וואס ווערען פערנוצט אין לאנד גופא ווערען יעהרליך עקספּאָרטירט דורך יפו איבער 500 טאָן ראָזינען פאר א פערטעל מיליאָן פראנק. דער טרויבענהאָניג — אראביש דבס, העברעאיש דבש — ווערט פאָרבערייטעט הויפטזעכליך אין ירושלים'ער און חברונ'ער ראיאָנען — פון אויסגעפרעסטען טרויבענזאפט, וואס ווערט נאָך דורכלייטערונג מיט א ווייכע קאלכשטיין מאסע געקאָכט ביז עס בעקומט די געוואונשטע דיק. דער „מלבן" ווערט אויך פאָרבערייטעט פון געמאכטען טרויבענזאפט, געמישט מיט פערשיעדענע זאָמען, וואס ס'ווערט דערנאָך אויפגעשמירט אויף טיכער און אויסגעטריקענט, און אלס דינע פלאָדען פערשפייזט.

לויט אפיציעלע אנגאבען פון 1325 (1909) האָט דער ירושלים'ער סאנדזשאק 37.360 דונאם וויינפלאנצונגען מיט א יעהרליכען איינטראג פון 21.281.000 אקא פרישע טרויבען (אין דעם זיינען שוין אויך איינגעשלאָסען די אידישע כרמים פון די יהודה'ר קאָלאָניעס, וואס פערנעמען א שטח פון 12.000 דונאם, ד. ה. כמעט א דריטעל פון גאנצען וויין־שטח פון סאנדזשאק). פון דעם ווערען פראָדוצירט 2.033.374 אקא וויין (בערך 90 פראָצענט אידישער), 150.000 אקא ראָזינען און 57.404 אקא אראַק. פאר איין אקא וויין ווערען פערברויכט 2־ 3 אקא טרויבען, פאר איין אקא ראָזינען 4־5 אקא פרישע טרויבען, פאר איין אקא אראק 3־4 פרישע טרויבען—מ'קאָן דעריבער רעכענען אז פון גאנצען יעהרליכען טרויבען־ערטראג ווערען בערך 6.000.000 אקא פרישע טרויבען פערווענדעט אין דער פראָדוקציאָן פון וויין (בערך 5.080.000 אקא טרויבען), ראָזינען (אונגעפעהר 675.000 אקא) און אראק (ארום 200.000 אקא). די איבריגע 15.000.000 אקא טרויבען ווערען פערברויכט אין לאנד פרישערהייד אָדער פערווענדעט אויף דער פראָדוקציאָן פון טרויבענהאָניג און מארמעלאד. ירושלים און שכם אליין פערברויכען אונגעפעהר 900.000 קילאָגראם אָדער 704.000 אקא טרויבען יעהרליך.

אויסער די אידישע קאָלאָניעס וואס ליגען אין שרון, האָט חברון די אומפאנגסרייכסטע וויינפלאנצונגען אין מערב א"י. אויך די אומגעגענד פון די דערפער רמאלה און אבו חוש אין די ירושלים'ער בערג האָבען בעדייטענדע וויינגערטנער. אין עבר הירדן איז דער צענטער פון וויינקולטור — סאלט. אויך די דערפער עג'לון, תבנה, ענבה און אנדערע אין גלעד (אָדער ג'בל עג'לון) האָבען גרויסע כרמים אין

15) נעבען דער אידישער קאָלאָניע ארטוף, צווישען צרעה און אשתאול, געפינט זיך איינע פון די ראָזיגע אוראלטע וויינקעלערס. זעה בילד 71, זייט 379.

אומפאנג פון 200־1000 דונאם. די גולנ׳ער בעדואינער זיינען גרויסע ליעבהאבער פון טרויבען, און די פלאחין ווייסען צו ציהען דערפון פראפיט, און זיי פאהרען ארום מיט זייערע טרויבען אויף אייזלען פון איין בעדואינען־לאגער צום צווייטען.

בנוגע די בירות׳ער און דמישק׳ער ווילאיעטען ברענגט רופין די פאלגענדע אפי־ציעלע אנגאבען פון יאהר 1913: דמישק׳ער ווילאיעט — 282.239 דונאם מיט א יעהרליכען ערטראג פון 129.019.100 אקא פרישע טרויבען, בירות׳ער ווילאיעט — 33.428 דונאם מיט א ערטראג פון 4.870.000 אקא. לויט די אפיציעלע אנגא־בען פון די בירות׳ער פאלגאמט, פאר 1326 (1910) איז דער יעהרליכער ערטראג פון טרויבען אין קאדא מרג׳עיון 100.000 אקא, אין קאדא צור — 500.000 אקא, צפת — 1.000.000 אקא, עכו — 20.000, חיפה — 1.000.000, שכם — 300.000 אקא. — צוזאמען אלזא פאר גאנץ גליל און שומרון (אויסער נצרת, וואס פערמאגט זעהר ווייניג כרמים) — 2.920.000 אקא. קיין גענויע ציפערען ווענען דעם שטח וויינפלאנצונגען פון שומרון, גליל און עבר הירדן — זיינען ניטא, אונגעפעהר ווערט עס געשאצט אין 80.000—120.000 דונאם.

לויט די אנגאבען פון די אגראנאמען אהרונסון און סאסקין ברענגט אריין א העקטאר עספטרויבען ארום 500 פראנק ריינעם רווח. דער מיטעלער ערטראג פון א העקטאר איז בערך 6.000 קילאגראם טרויבען, רעכענענדיג 0.15־0.25 פראנק א ק״ג פרישע טרויבען מאכט עס אוים אויף א העקטאר (ביי 6.000 ק״ג פרא העקטאר) אי־בער 1.000 פראנק ברוטא איינקונפט. דערפון דארף מען אראפרעכענען בערך א העלפט פאר די אויסגאבען. דאס איז פיעל מעהר ווי עס ברענגען אריין די טרויבען צוליעב וויין־פראדוקציע אין די אידישע קאלאניעס.

דער פייגענבוים

דער פייגענבוים — אין אראמיש „תין״, העברעאיש תאנה — איז לעבענס־קרעפטיג ווי דער איילבוים און שטייגט איהם נאך איבער אין גענוגזאמקייט. ער בעדארף פיעל ווענינער באדען, און זיינעווארצלען בעגנוגענען זיך אפילו מיט א פעלזענשפאלט. זיין ערטראגס־פעהיגקייט איז אונגעהויער גרויס — ער ברענגט פרוכטען עטליכע מאל אין זומער, און איז פון אוראלטע צייטען געווען א בעשטאנד־טייל פון פויערישען ווירטשאפט אין א״י (1). זיינע ברייט־פערשפרייטע צווייגען ווארפען א געדיכטען שאטען, און דער פייגענבוים איז דעריבער אלע מאל געווען דער בעליעבטער אברוה־ארט פון פויער אין א״י, און דער אויסדרוק „זיצען אונטער׳ן פיי־גענבוים״ בעצייכענט אין תנ״ך א סימן פון רוהיגקייט, פרידען און וואוילשטאנד. די בלעטער פון פייגענבוים זיינען גרעסער פון אלע אנדערע בוימער אין א״י (2) און מ׳מאכט פון זיי, נאך היינט, ווי אין עמוס׳עס צייטען (3), קארבען צו טראגען אין זיי לייכטע פרוכט.

---

1) דברים ח׳ 8, שופטים ט׳ 10, מל״א ה׳ 5, מלכים ב׳ כ׳ 7, מיכה ד׳ 4, חבקוק ג׳ 17, מעשרות 2, 7; בבא בתרא 3, 1; מלחמות היהודים 3, 10, 8.

2) די ערצעהלונג אז אדם און חוה האבען זיך גענעהט א גארטעל פון פ י י נ ע ן - ב ל ע ט ע ר (בראשית ג׳ 7) איז אויך זיכער געשטיצט אויף דעם פאקט.

3) „כלובי־קיץ״ (עמוס ח׳ 1, 2) בעדייטעט אהן צווייפעל א קארב אדער קוישעל פון פייגענ־בלעטער (קיץ איז אין העברעאיש דאס זעלבע וואס תאנה).

דער פייגענבוים איז נאך היינט איבעראל פערשפרייט אין לאנד, הגם ער האט איצט א פיעל קלענערע בעדייטונג אין דער פלאחישער ווירטשאפט. ער געפינט זיך איצט מעהר פעראיינצעלט, אלס אין גאנצע אנלאגען, און וואו אזעלכע זיינען פארהאן זיינען זיי ניט גרויס. בעזונדערס פערשפרייט איז ער אין גליל העליון, וואו מ׳געפינט זעהר פיעל פערשיעדענע מינים—שווארצע, גרינע, געלע און אנדערע. געוועהנליך וואקסען די פייגען אויף איין ארט צוזאמען מיט די וויינטרויבען. א גרויסע פייגען־גארטען געפינט זיך נעבען בית־אל (בתין) אין וואדי־תין („דער טאל פון פייגענבוימער״), אויך ארום בית־לחם, בית־סחור, קדרון־טאל, עין־יברוד זיינען פארהאנען קליינע פייגענגערטנער. נעבען נצרת זעהט מען זעהר שעהנע און הויכע פייגענבוימער אין א גרויסער צאהל.

די פרישע פרוכטען רופען די פלאחין קיט׳ (קייז), וואס איז ווארשיינליך דער העברעאישער קיץ (4). די גרינע פייגען הייסען פג׳ (פאדזש), העברעאיש פג (5). די פייגען הויבען אן רייף צו ווערען זעהר פריה, אין חודש מאי. דאס זיינען פריה־



בילד 75.
פייגענבוים לעבען יפו.

פייגען, די אזוי גערופענע בכורה (6). און האלטען אן מיט זייער ערנטע ביז מיטען ווינטער, ארום דעצעמבער. די פרוכטען ווערען פערצערט פרישערהייד אדער גע־טרוקענט. זיי ווערען אבער פערברויכט נאר אין לאנד, מחמת די פארהאנענע מינים אין א״י פראדוצירען קליינע פרוכטען וואס לוינט ניט צו עקספארטירען.

א בעזונדער מין פייגען, וואס איז בעקאנט מיט׳ן נאמען סיקאמאר־פייגען (העב־רעאיש שקמה, אראביש ג׳מאיז) צייכענט זיך אויס מיט א אויסערגעוועהנליכער ווי־דערשטאנדס־פעהיגקייט אין בעצוג צו טרוקעניש און אונגעהויערער פרוכטבארקייט. די אראבער פערזיכערען, אז ער טראגט זיבען מאל א יאהר פרוכט. די צאהל פירות

4) שמואל ב׳ ט״ז 1; ירמיה מ׳ 10. אין העברעאישען קאלענדאר־אויפשריפט וואס איז אויס־געגראבען געווארען אין גזר, ווערט איין חדש אנגערופען „ירח קיץ״, וואס פראפ. לידזבארסקי פער־טייטשט „דער חדש פון פייגענערנטע״.

5) התאנה חנטה פ ג י ה (שיר השירים ב׳ 13).

6) ישעיה כ״ח 4, מיכה ז׳ 1, ירמיה כ״ד 2.

פון יעדען בוים איז ווירקליך ערשטוינענד. דער בוים וואקסט זעהר שנעל און נעמט אן א ריזיגען געשטאלט — מיט א ברייטען שטאב, מעכטיגע ווארצלען און א גרויסע קרוין. די פרוכט איז ניט זעהר געשמאק, און נאר די ארימסטע שיכטען עסען זי, אבער זי ענטהאלט פיעל צוקער און איז זעהר גוט אלס פוטער פאר פיה.

די סיקאמארען וואקסען אין טאל, און ענטוויקלען זיך זעהר גוט אין דיונעס ביים ברעג־ים. איצט בעגעגענט מען נור פעראיינצעלטע בוימער, אמאל זיינען זיי געווען אזוי צאהלרייך, בעזונדערס אין דער שפלה, אז דוד המלך האט בעשטימט א ספעציעלען אויפזעהר אויף זיי (7), און וועגען שלמה המלך ווערט דערצעהלט, אז ער האט געבראכט אין ירושלם צעדרען „אזוי פיעל ווי די סיקאמארען אין דער שפלה" (8).

אין פערלויף פון די רעגענלאזע צייט ווערען די פייגען אויסגעשפרייט אויפ'ן דאך פון הויז אדער אויף אנ'אנדער פלאכען פלאץ אויסצוטרוקענען, און אזעלכע אויסגעשפרייטע פייגען רופען די פלאחין „מישטח (מיישטאח) תין", אזוי ווי דאס האַ־בען גערופען די אידען אין דער צייט פון משנה (9).

לויט די אפיציעלע אנגאבען פון בירות'ער „סאלנאמע" פון 1910 גיט גליל ארויס יעהרליך 450.000 אקא פייגען, אז ג'ניך און טול־כרם 180.000 אקא. גענויע ציפער־רען וועגען דער צאהל און שטח פון פייגען־פלאנטאציעס איז ניטא.

7) דברי הימים א' כ"ז 28.
8) מלכים א' ז' 27, דברי־הימים ב' א' 15.
9) מכשירין 3, 6; טהרות 9, 6; תוספתא טהרות 11, 8.

מילגרוים.

דער מילגרוים — אין אראביש רמאן, העברעאיש רמון — איז איינער פון די זיבען מינים מיט וועלכע א"י האט זיך געריהמט אין אלטע צייטען (1) און איז געווען בעקאנט די אידען נאך פון מצרים (2). די מילגרוים־בוימער זיינען איצט זעהר פער־שפרייט אין א"י, הגם זייער פרוכט האט א קליינע קאמערציעלע בעדייטונג. און אין יעדען גארטען, מיט אדער אהן בעוואסערונג, געפינט מען א צאהל עקזעמפלארען פון דעם בוים וואס איז זעהר בעליעבט אין מזרח, צוליעב זיין שעהנקייט און פרוכט. די אידען האבען געברויכט דעם מילגרויב אלס א היילינע עמבלעמע אין בית־המקדש און אויף די קליידער פון די כהנים. פון די זאפט פון זיין פרוכט האבען זיי געמאכט וויין (3). די מילגרוים־פלאנצונגען זיינען דאן געווען זעהר צאהלרייך צוגלייך מיט טרויבען, פייגען און אליוון (4) און פיעלע ערטער אין לאנד האבען זיך גערופען רמון, עין רמון, סלע־הרמון, גת־רמון, ווארשיינליך צוליעב די מילגרוים גערטנער וואס זיינען דארט געווען(5). איינער פון די ערטער, אין דער טעריטאריע פון שבט זבולון, איז נאך איצט בעריהמט מיט זיינע מילגרוימען; דאס דארף ריינה, אין צפון זייט פון נצרת.

1) דברים ח' 8.
2) במדבר כ' 5.
3) שיר השירים ח' 2.
4) שמואל א' י"ד 2, יואל א' 12, חגי ב' 19, שיר השירים ד' 13, ו' 11, ז' 13.
5) רמון און יהודה — יהושע ט"ו 32; עין רמון—יהושע י"ט, נחמיה י"א 29; סלע־הרמון—שופטים כ' 45; רמון און זבולון—יהושע י"ט 13; גת־רמון—יהושע כ"א 25.

וואס געפינט זיך ניט ווייט פון אמאליגען רמון אין זבולון, איז אויך בעקאנט מיט'ן נאמען אום־א רמאן, ד. ה. מוטער פון מילגרוימען, צוליעב די צאהלרייכע און פיינע מינים מילגרוימען וואס וואקסען ־דארט.

די מילגרוים־בוימער זיינען זעהר ווידערשטאנדפעהיג אין בעצוג צו טרוקעניש און וואקסען אין די נידעריגערע און הייסערע געגענדען, ווי אין יריחו, און אויך אויף א הויך פון 1.300־1.000 פוס. ס'איז פארהאן צוויי הויפט־מינים : זויערע און זיסע. די פרוכט ענטהאלט אין זיך זעהר פיעל זאפטיגע קערנדלעך, וואס זיינען זעהר בעליעבט ביי דער בעפעלעקרונג. די שאל ווערט בענוצט אין גארבעריי. פון די זאפט מאכט מען איצט ניט קיין וויין ווי אמאל, נאר די זאפט פון זויערע מינים ווערט אפט בענוצט אנשטאט לעמאן־זאפט, אין געקעכטס און געטראנקען.

די פרוכט ווערט רייף אין סעפטעמבער—אקטאבער, און היט זיך אב א לאנגע צייט, איז אויך זעהר בעקוועם צו טראנספארטירען, און קאן דעריבער קולטיווירט ווערען פאר'ן אויסלענדישען מארק.

פאלמע.

די פאלמען אדער טייטעלבוימער — אין אראביש באלאח, העברעאיש תמר — האבען איצט כמעט ניט קיין ווירטשאפטליכע בעדייטונג, הגם מ'זעהט נאך איצט דיזען שלאנקען, הויכען בוים ארום פיעלע דערפער, און בעזונדערס ארום די שטעדט אויפ'ן ברעג ים, אבער ער דיענט איצט הויפטזעכליך אלס א צירונג.

פריהער זיינען די פאלמען געוועזען פיעלפאך מעהר פערשפרייט, און אין דער אידישער לאנדווירטשאפט, פון דער ביבלישער תקופה אזוי גוט ווי אין די צייטען פון דער משנה איז דער טייטעלבוים קולטיווירט געווארען צוזאמען מיט די וויינשטאק, פייגען, מילגרוימען, אליוועז און אנדערע פרוכטען (1).

דאס גאנצע ברעג לאנד פון לבנון ביז יפו האט, א דאנק זיינע פאלמען, געקראגען פון די גריכען דעם נאמען פעניקיע, וואס בעדייטעט „פאלמענלאנד.“ אויך די אידען האבען איינִיגע ערטער גערופען מיט'ן נאמען תמר — ווי חצצון־תמר (2), בעל תמר (3), תמר (4). די פאלמען האבען זיך געפונען אפילו אויף די בערג, און דבורה הנביאה איז געזעסען אונטער א טייטעלבוים אויפ'ן בארג פון אפרים (5). מעהר ווי אומעטום אבער האבען די פאלמען געראטען אין ירדן־טאל, עין־גדי, וואדי פזאל און הויפטזעכליך אין יריחו, וואס האט צוליעב דעם בעקומען דעם נאמען „עיר דתמרים“ (די פאלמען שטאדט) (6).

די טייטעלבוימער פון יריחו, וואס זיינען איצט גענצליך פערשוואונדען, האבען אונטער זיך א געשיכטע פון אריבער צוויי טויזענד יאהר. אין תנ"ך ווערען די פאל־

---

1) יואל א' 12, קדמוניות 18, 2, 2, מלחמות 3, 3, 3 ; 3, 10, 8, פאה 1, 5 ; 4 ; 1 ; דמאי 1, 1 ; כתובות נ"ו, בבא מציעא ל"ט.

2) בראשית י"ד; אין דברי הימים ב' 2, ווערט דאס אידענטיפיצירט מיט עין־גדי, וואס האט זיך געריהמט מיט זיינע וויינגערטנער (שיר השירים א', 14), באלזאם פלאנצונגען און פאלמען וועלדלעך (קדמוניות 9, 1, 2,).

3) שופטים כ', 33.

4) יחזקאל מ"ז, 19, מ"ח, 28.

5) שופטים ד', 5.

6) דברים ל"ד, 3, שופטים א', 16, ג', 13, דברי־הימים ב', כ"ח, 15.

מיען פון יריחו שוין דערמאנט נאך איידער די אידען זיינען אריבערגעגאנגען דעם ירדן, אין אויך פאר דעם ערשטען חורבן. פון פאר'ן צווייטען חורבן דערצעהלט יוסף פלאוויוס, אז ידיחו איז זעהר רייך אין באלזאם און טייטעלבוימער וואס צייכנען זיך אוים מיט זייער פיינקייט (7). נארדליך פון יריחו אין פזאל (פאזאעלים) האט שלומית, הורדוס'עס שוועסטער, געהאט א גרויסע פלאנטאציע פון טייטעלבוימער וואס זי האט איבערגעלאזט נאך אירר טויט צו אויגוסט צעזאר'ס פרוי (8). די יריחו פאלמען האבען דאמאלס געהאט א שם אין דער רוימישער אימפעריע, און דער רוימי־שער נאטוראליסט פליני אין זיין נאטורגעשיכטע (4,13) לויבט די טייטלען פון יריחו אלס די בעסטע אין דער וועלט. אויך דער גריכישער געאגראף סטראבא קאנ־כטאטירט די רייכקייט פון יריחו'ר געגענד אין באלזאם און פאלמען וועלדער. אנדע־רע קלאסישע שרייבער ווי טאציטוס, האראציוס, דיאדארוס, סיצילוס, טראגוס,



בילד 76.
א פאלמען וועלדעל אין חיפה.

פאמפעיוס בעשרייבען אין זייערע ווערק די בעריהמטע פלאנצונגען פון דער פאלמען־שטאדט. „די איינוואוינער פון יריחו זיינען דעם גאנצען טאג (פון ערב פסח) מרכיב טייטעלבוימער, און די חכמים האבען אנטקעגען דעם ניט פראטעסטירט"—דערצעהלט אויך די משנה (9). א גריכישע געאגראפיע פון פערטען יאהרהונדערט לויבט נאך אלץ „די רייכליכע פאלמע פון א געגענד אין פאלעסטינא וואס הייסט יריחו". דער רייזענדער ארקולף, אם ענדע פון זיבעטען יאהרהונדערט, דערצעהלט נאך וועגען „די גרויסע גערטנער פון טייטעלבוימער צווישען יריחו און ירדן" און סיוואולף אין

7) מלחמות 1, 6, 6; 1, 18, 5; 4, 8, 3; קדמוניות 4, 6, 1; 14, 4, 1; 15, 4, 2.
8) קדמוניות 18, 2, 2; מלחמות 9, 9, 1.
9) אנשי יריחו — מרכיבין דקלים כל היום (פסחים 4, 8).

1102 שילדערט יריחו אלס אנ׳ארט בערעקט מיט בוימער „וואס פּראָדוציצירט אלערליי סאָרטען פּאלמען און אנדערע פּרוכטען.“ נאָך אין אָנהויב פון 13טען יאָהרהונדערט האָבען די פּאַלמען דא עקזיסטירט, ווי עס זאגט עדות יאקוט, דער גרעסטער אראַבישער געאָגראַף פון יענער צייט (1225). מיט הונדערט יאָהר שפּעטער זיינען שוין די בעריהמטע בוימער געווען פערניכטעט. דער רייזענדער דזשאָן מאנדעוויל בעשרייבט יריחו אין 1322 „אלס א רואינירטען פּלאַץ, וואס איז שוין ניט מעהר ווי א קליין דערפעל“ און דערמאנט שוין מיט איין וואָרט ניט וועגען די פּאַלמען. אין 1838 האָט עדוארד ראבינסאָן געפונען אין יריחו נור איין איינזאמען בוים — א טרויעריגע איבערבלייבעניש פון די הערליכע פּלאַנצונגען וואס האָבען מעהר פאר צוויי טויזענד יאָהר נאָכאנאנד בעציערט די „פּאַלמען שטאָדט“. איצט איז שוין דער איינציגער בוים אויך פערניכטעט.

די פּאַלמען זיינען פון אוראלטע צייטען געווען דער סימבאָל פון פרייד און פייערליכקייט און די אידען האָבען זיך בענוצט מיט „כפות-תמרים“ (לולבים) צו פייערען דעם יום-טוב פון אָסיף (ערנטע) (10). מיט גאָלדענע פּאַלמען זיינען אויך געווען בעציערט די ווענד פון בית-המקדש און די חשמונאים האָבען אויף זייערע מטבעות אוועקגעשטעלט דאָס בילד פון א פּאַלמע (זעה בילד 6, זייט 27). ווען אספּסינוס האָט עראָבערט ירושלם און חרב געמאכט דעם בית-המקדש האָט ער אויסגעגאָסען א מטבע מיט א בילד פון א וויינענדיגער פרוי זיצענדיג אונטער א טייטעלבוים, וואס שטעלט פאָר מיט זיך די „געפאנגענע יהודה.“

די וויינינגע פּאַלמען-בוימער וואס וואקסען נאָך איצט אין ירדן-טאָל האָבען א קנאַפּע בעדייטונג. נור דאָס דאָרף עבדיה (אבאריע), צווישען די אידישע קאָלאָניעס מלחמיה און ביתניה, ביים ברעג פון ירדן און זיין ארויסגאנג פון ים-כנרת, פערמאָגט נאָך א פּאַלמען-וועלדעל מיט זעהר גוטע פּרוכטען.

דער עבר הירדן, וואו די פּאַלמען זיינען געווען זעהר פיעל לויט דער ערצעהלונג פון יוסף פלאוויוס (11), האָט נאָך איצט אין צוויי ערטער בעדייטענדע פּאַלמען-פלאַנטאַציעס. 1) אין דעם טאָל זערקא-מעין, צו מזרח זייט פון ים-המלח, אויף דעם אָרט פון די אוראלטע בעריהמטע וואַרם-בעדער פון קאַליראָהי, 600-800 פוס אונטער דעם ים-שפּיגעל, וואקסען טויזענדער און טויזענדער ווילדע טייטעלבוימער — אין די טרוקענע, שפּאַלטען פון זאמד-שטיינער און אין די ענגע, ברעגענדיגע געבירגס-דורכגענג. 2) ארויף אין צפון זייט נעבען דעם ירמוך, 600-800 מעטער איבער דעם ים-שפּיגעל, אין א זומפּיגען באָדען וואס בילדעט זיך פון הייסע וואסער קוועלען מיט א טעמפּעראַטור פון 118-133 גראַדוס (פאַרענהייט), בילדען די ווילדע פּאַלמען א ווירקליכען דזשאָנגעל, וואס עטוואס עהנליכעס טרעפט זיך זעהר זעלטען אויפ׳ן ערד-קוגעל.

די פּאַלמען וואקסען אויך ביי די דיונעס אויפ׳ן ברעג ים; אין די בעוואסערטע גערטנער און פּרדסים ווערען זיי איצט מעהר בענוצט אלס צירונג ווי צוליעב זייערע פּרוכט. ווי עס צייגען אָבער די געשיכטליכע עדות פון אידישע און ניט-אידישע שרייבער קאָן די קולטור פון טייטעלבוימער ווערען א לוינענדער צווייג פון דער אגראַרער ווירטשאַפט.

10) ויקרא כ״ג, 40; נחמיה ח׳, 15; חשמונאים א׳, י״ב, 51.

11) מלחמות 3, 3, 3.

די פלאחין פארעהרען אויף דעם טייטעלבוים, ווייל „א פאלמע האט דעם זעלבען לעבענס־זאפט וואס א מענש", און ער ווערט דערפאר גערעכענט פאר א היילינגען בוים. כמעט ארום יעדען „וועלי" אדער „מקום" קאן מען זעהן א שלאנקען טייטעלבוים.

מאנדלען.

דער מאנדעלבוים — אראביש לוז, העברעאיש שקד אדער לוז — ווערט זעהר ווייניג קולטיווירט ביי די ניט־אידישע איינוואוינער פון לאנד און האט אין דער פלאחישער ווירטשאפט כמעט ניט קיין בעדייטונג, ניט קוקענדיג דערויף וואס א"י האט שוין פראדוצירט מאנדלען אין דער טיפער אלטערטום (1) און אין דער פאר־צייטיגער אידישער לאנדווירטשאפט איז דער מאנדעלבוים געוועזן זעהר גוט בע־קאנט (2). בית־אל, צווישען ירושלם און שכם (איצט „בתין") האט פריהער געטרא־גען דעם נאמען לוז (3) —מאנדעלבוים, — ווארשיינליך צוליעב די מאנדלען וואס האבען דארט געוואקסען. דער ארט צייכענט זיך איצט אויס מיט זיין רייכטום פון פרוכט, נאר אנשטאט מאנדלען וואקסען איצט דארט פייגען.

דער ווילדער מאנדעל, אמת ווילד, נאך קיינמאל ניט קולטיווירט, און ניט בלויז פערווילדעט מחמת פערנאכלעסיגונג, איז זעהר פערשפרייט אין לאנד, איבער א בע־דייטענדען שטח, און איז זעהר רייך אין פערשיעדענע ארטען און ראסען. זעהר פיעל וואקסען זיי אויף די באזאלט־בערג פון גולן, וואו די בעדואינישע פרויען קלויבען צוזאמען זייער פרוכט און טראגען זיי אוועק אויפ'ן דמשק'ער מארק. אויף די קרייט־פעלזען פון שומרון זיינען רייך אין ווילדע מאנדלען, און פון שכמ'ער געגענד נעמט מען ווילדלינגען פאר פלאנצונגען. די דאזיגע מינים זיינען זעהר גוט צו ערציהען קולטור־מאנדלען און אבריקאסען וואס וואקסען אויף טרוקענעם וואסער־ארמען באדען. א געוויסער סארט, וואס הייסט אריענטאלער מאנדעל, איז זעהר פערשפרייט אויפ'ן חרמון בארג, 3,300־5000 פוס איבער'ן ים־שפיגעל; ער איז אויסערגעווענלי־ליך ווידערשטאנדספעהיג און געראט אפילו אויפ'ן ערגסטען באדען פון די טרו־קענע געגענדען.

דער מאנדעלבוים איז כמעט דער ערשטער פון אלע ביימער צום בליהען — ער בעדעקט זיך מיט זיינע צאהלרייכע שניי־ווייסע בלימלעך שוין אין יאנואר— פעברואר — און מעגליך דעריבער האט ער בעקומען דעם נאמען שקד, וואס בעדייט אין העברעאיש „פערדערן זיך" אדער איילען זיך. די פרוכט ווערט פארטיג אין יולי־אויגוסט, אז אנהויב פון בציר.

כמעט די גאנצע מאנדעל־פראדוקציאן וואס האט זיך פאר די לעצטע 10־15 יאהר בעדייטענד פארברייטערט אין לאנד, איז א אידיישע. עס ווערען הויפטזעכליך קולטיווירט צוויי מינים: ווייכשאליגע מאנדלען („פרינצעסע") און הארטשאליגע („וויקטאריע"). די ערשטע ווערען ווייניגער אנגעבויט, ווייל זיי ברויכען מעהר צייט ביז זיי טראגען פרוכט (9 יאהר ביז צום ערשטען ערטראג, און 13 יאהר ביז צום פולען פרוכט־טראגונג) און ברענגען א קלענערען ערטראג, דערפאר אבער איז

1) בראשית מ"ג 11.

2) פאה 1, ה: כלאים 1, 4.

3) בְּראשִׁית כ"ה 19, ל"ה 6, יהושֻע י"ח 13, שׁופטים א' 23.

זייער פרוכט ווערטפולער. דער צווייטער מין ווערט שנעלער ערטראגספעהיג (ערש־טער ערטראג אין 5טען יאהר, פולער ערטראג אין 7־9טען יאהר) און גיט מעהר פרוכט.

דער יעהרליכער ערטראג אין גאנצען לאנד ווערט געשאצט אין א מיליאן פראנק. דער גרעסטער טייל ווערט פערברויכט אין לאנד, דאס איבעריגע ווערט עקספארטירט, הויפטזעכליך אין פראנקרייך און מצרים. פאר די לעצטע פינף יאהר (1909־1913) פאר דער מלחמה איז דער עקספארט פערגרעסערט געווארען מעהר ווי אין צוואנציג מאל. לויט די בעריכטען פון ענגלישען קאנסול איז דער ארויספיהר פון מאנדלען דורך יפו פאר די יאהרען 1909־1913 געוועזן ווי פאלגט:

1909 — 10.025 קילאגראם	אין ווערט פון 365	פונט שטערלינג
1910 — 23.000 קילאגראם	אין ווערט פון 810	" "
1911 — 37.000 קילאגראם	אין ווערט פון 1.370	" "
1912 — 144.000 קילאגראם	אין ווערט פון 5.7000	" "
1913 — 240.000 קילאגראם	אין ווערט פון 9.000	" "

דער גאנצער ארויספיהר איז פון די אידישע קאלאניעס. דער שטח פון די אי־דישע מאנדעל־פלאנצונגען איז געוועזן אין 1914 אונגעפעהר 37.000 דונאם. די ניט־אידישע מנאדעל־פלאנטאציעס זיינען אונבעדייטענד.

אראנזשען.

די אראנזשען — אין אראביש „נאראנדזש" און אין וואולגארער שפראך „בורד־קאן" — אונטערשיידען זיך פון אלע פריהערדיגע פרוכט דערמיט וואס זיי זיינען בערך ערשט ניט לאנג אריינגעפיהרט געווארען אין א"י. אין אלטערטום איז דיזער בוים געוועזן דא אונבעקאנט. עס איז אבער ניט ריכטיג די מיינונג פון אייניגע שרייבער (ווי אנדערלינד, אהרונסון און אנדערע) אז די אראנזשען האבען זיך ערשט בעוויזען אין א"י מיט הונדער־צוויי הונדערט יאהר צוריק. שוין דער אראבישער געאגראף מוקאדאסי (פון 10טען יאהרהונדערט) דערמאנט צווישען די פרוכטבוימער פון א"י — אויך דעם אראנזש. דער אראבישער היסטאריקער מסעודי (מאסודי) פון באגדאד, וואס האט פערענדיגט זיין געשיכטע אין 943, שרייבט פאלגענדעס וועגען דער אקלי־מאטיזירונג פון אראנזש און ציטראן בוים:

„דער אראנזש און דער בוים וואס טראגט א קיילעכדיגען ציטראן זיינען גע־בראכט געווארען פון אינדיען אין יאהר 300 (912) און זיינען צום ערשטען פער־פלאנצט געווארען אין עומאן. פון דאמאלס אן האט מען זיי געבראכט דורך קארא־וואנעס פון בצרה נאך איראק און סוריה. די דאזיגע בוימער זיינען איצט געווארען זעהר צאהלרייך אין די הייזער פון די איינוואוינער פון טארסוס און אנדערע סורישע גרעניץ שטעדט, אויך אין אנטיוכה און אין אלע ברעג־שטעדט פון סוריה, פאלעס־טינא און מצרים, וואו זיי זיינען אקארשט געווען אונבעקאנט."

היינט זיינען די יפו'ר אראנזשען בעריהמט אין דער גאנצער וועלט. אין קיין ארט וואקסען ניט אזעלכע גרויסע אפעלסינען ווי דא; שוין אין דער ערשטער העלפט פון 18טען יאהרהונדערט איז יפו געווען ארומגערינגעלט מיט „א וואלד פון אראנזשען און לעמאנען, ציטראנס און פאלמען", ווי עס דערצעהלט דער פראנצויזישער רייזענדער וואלני, אבער די מאמעלוקען פון מצרים האבען דאס אלעס צושטערט און

פערניכטעט. די בוימער זיינען אויסגעהאקט און אלס ברען־האלץ פערברויכט געוואָרען. שוּבערט אין זיין „רייזע, אין מאָרגענלאַנד אין די יאָהרען 1836 און 1837" דערצעהלט, אז ער האָט געפונען אפּעלסינען און ציטראָנען אין די גערטנער פון שכם. און די יפו'ר אראַנזשען־גערטנער, אנטקעגען וועלכע די שכמ'ער פלאַנצונגען זיינען אונבעדייטענד. דערמאַנט ער גאָר ניט. דאָס ווייזט אז די יפו'ר גערטנער זיינען דאַן געוועזען זעהר אונבעדייטענד, הגם, שוין אין די צוואַנציגער יאָהרען האָבען דאָ שוין געוואַקסען אראַנזשען. משה מונטיפיורו דערצעהלט אין זיין ערשטע רייזע נאָך ארץ ישראל (1827), אז דער וועג פון יפו איז פערפּלאַנצט מיט פייגענבוימער, מיל־גרוימען, לימאָנען, קאַקטוסען און שענע אראַנזשען, וואָס ער האָט נאָך ניט געזעהען זייער גלייכען. יעדענפאַלס אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט זיי־נען די יפו'ער אראַנזשען געוועזען בעריהמט אין דער גאַנצער וועלט.


די דאָזיגע גערטנער האָבען צו פערדאַנקען, אויב ניט זייער ענטשטעהן, איז אם ווייניגסטען זייער אויסברייטונג און הויכער קולטור דעם אונמיטעלבאַרען איינפלוס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. די מוסטערהאַפטע אראַנזשען־קולטור פון די אי־דישע קאָלאָניסטען האָט געדיענט אלס ביישפּיעל ניט נור פאַר די אראַבער, נאָר אויך פאַר די דייטשען, און די אידישע פרדסים זיינען נאָך איצט די בעסטע און שענסטע אין גאַנצען לאַנד.

אין געגענזאַץ צו אלע אנדערע פערשפּרייטע פרוכטבוימער אין א"י, וואָס וואַק־סען אהן קינסטליכע בעוואַסערונג, פאָדערט דער אראַנזשען־בוים מ'זאָל איהם בע־וואַסערען אין פערלויף פון רעגענלאָזען סעזאָן. הויפּטזעכליך וואַקסט דער אראַנזש אין ברעג־לאַנד און אין ירדן־טאָל. דער הויפּט בעטריעב געפינט זיך אין די פעטע וואַסער־רייכע זאַמדיגע באָדען, ביי די ברעגעס פון ים, פון עזה ביז צידון, בעיקר ארום יפו (זעה זייט 214). דער וויכטיגסטער און ווערטפולסטער מין וואָס ווערט דאָ (ארום יפו) פּראָדוצירט, איז דער דיק־שאָליגער, ציטראָנענפאָרמיגער גרויסער פרוכט — דער גרעסטער אין דער גאַנצער וועלט — וואָס איז זעהר בעקוועם צו פליקען און פאַקען און איז דערפאַר אויסערגעוועהנליך גוט געאייגנעט פאַר'ן טראַנס־פּאָרט און ווערט היינט געשאַצט אין אויסלענדישען מארק, ספּעציעל אין ענגלאַנד וואוהין די מייסטע פרוכטען ווערען עקספּאָרטירט. דער אמעריקאַנער קאָנסול סעלאה מעריל, אין זיין בעריכט וועגען די פרוכטען־קולטור אין א"י, פערגלייכט די דאָזיגע יפו'ר אראַנזשען מיט די קאַליפאָרניער, ער שרייבט: „אונזער לאַנד (ד. ה. אמעריקא) פּראָדוצירט גאָר ניט עטוואָס ענליכעס צו דעם." דער דאָזיגער סאָרט אראַנזשען־בוים ברענגט גלייכמעסיג יעדעס יאָהר א פולען ערטראַג. דער מין רופט זיך „שאַמוטי".

א צווייטער מין, וואָס וואַקסט ארום צידון, בירות און טריפּאָלי, פּראָדוצירט רונדע, קליינע (ביז מיטעלגרויסע), דינשאָליגע פרוכטען, וואָס זיינען פיעל געשמאַ־קער פאַר די ערשטע, זיי ליידען אבער צוליעב זייער דינער שאָל פון דער בעהאַנד־לונג, וועלכער זיי זיינען אונטערוואָרפען ביים פאַקען און אוועקשיקען, און זיינען ניט דעריבער טראַנספּאָרטירבאַר. זיי ליפערען אויך ניט קיין גלייכמעסיגען ערטראַג יעדעס יאָהר, נאָר בלויז איין מאָל אין צוויי יאָהר ברענגען זיי א פולע ערנטע. דיזער מין רופט זיך „דמוי" (דאַמאַווי), ד. ה. בלוטיגער. די עזה'ר אפּעלסינען, לויט דעם בעריכט פון דאָרטיגען ענגלישען קאָנסול, שטייגען אריבער די יפו'ר סיי אין געשמאַק סיי אין גרויס. די פלאַנטאַציעס זיינען דאָרט דערווייל זעהר ווייניג. אין

1910 האָט מען פון דאָרט ארויסגעפיהרט נור 8.000 קעסטלעך, אָבער די פּרדסים האַלטען אויך דאָרט אין איין פערמעהרען זיך, ווייל פּונקט ווי יפו׳ר באָדען איז אויך דער באָדען ארום עזה זעהר געאייגענט פאַר אראנזשען.

די אראנזשען ווערען בעוואסערט בערך זעקס חדשים נאכאנאנד, פון מאי ביז אָקטאָבער. דערצו ווערט בענוצט די גרונד־וואסער וואס ווערט ארויסגעשעפּט פון ברונעמס 15—30 מעטער די טיעף (אין פּתח־תקוה ווערען איינינע גרויסע פּרדסים בעוואסערט פון די עוג׳ה — מי־הירקון). די אראבער האָבען זיך פריהער אויסשליסליך



בילד 77.
אַן אראבישער ברונעם אין אַ באַיארע.

בענוצט מיט אַ פּרימיטיווע שעפּווערק, וואס רופט זיך אין אראביש נעורה (נאַאורה). דאָס וואסער איז ארויסגעשעפּט געווארען אָהן אויפהער דורך דער בעוועגונג פון צוויי רעדער. די רעדער בעוועגען זיך מיט דער קראַפט פון פּרדות (טיילמאָל אויך גמלים). אינטער׳ן איינפלוס פון די אידישע קאָלאָניסטען וואס געברויכען אויסשליסליך מאַשינען — אויל אדער פּעטראָלעאום — האָבען אויך פיעלע אראבישע פּלאַנצער אָנגע־

היבען אלץ מעהר צו בענוצען זיך מיט די לעצטע, און די צאהל מאטארען וואס ווע־רען אריינגעפיהרט אין יפו וואקסט פון יאהר צו יאהר.

אויסער בעוואסערונג פאדערט דער אראנזש־בוים א פיעל מעהר זארגפעלטיגע פלעגע אין בעהאנדלונג, ווי אלע אנדערע פלאנצונגען. דער באדען מוז פיער מאל אין אהר ג.ט בעהאקט ווערען, די צוויי ערשטע מאל איבער׳ן גאנצען שטח פון פרדס. די צוויי לעצטע מאל — בלויז אויף א געוויסען אומקרייז פון בוים. די פרוכטען ווערען רייף אין אנהויב ווינטער, און דאס פליקען קומט פאר אין די רעגען־חדשים, צווישען נאוועמבער און אפריל. עס הויבט זיך אן ווען כמעט אלע אנדערע פרוכטען און גרינסען זיינען שוין געערנטעט, און ענדיגט זיך ווען די פרוכטען פון נייעם יאהר הויבען אן רייף צו ווערען.

טראץ זייער יונגקייט פערנעמען שוין די אראנזשען זעהר א וויכטיגען ארט אין פאלקסווירטשאפט פון א״י, און זייער בעדייטונג וואקסט פון יאהר צו יאהר. זינט 1900 שטעהען די אראנזשען אויפ׳ן ערשטען ארט אין דער ליסטע פון עקספארט־ארטיקלען, און די צאהל ארויסגעפיהרטע אפעלסינען שטייגט פון איין יאהר צום צווייטען.

א דאנק דער דירעקטער שיפספערבינדונג וואס האט זיך איינגעשטעלט אין יאהר 1892 צווישען יפו און ליווערפול האט די אנפלאנצונג פון אראנזשען ארום יפו זיך שטארק אויסגעברייט. די יפו׳ר אפעלסינען זיינען בעסער פאר די שפאנישע און אויפ׳ן בריטישען מארק ווערען זיי געשעצט פיעל העכער. דאדורך איז שטארק געשטיגען די איינקונפט פון אראנזשען בוימער, און די קולטור האט זיך אנגעהויבען שנעל צו פערשפרייטען.

אין פערלויף פון די לעצטע דרייסיג יאהר איז דער עקספארט פון אראנזשען פערגרעסערט געווארען מעהר ווי אויף 1000 פראצענט. דער וואוקס איז פארגעקו־מען אונאויפהערליך, ווי מיר זעהען פון די פאלגענדע טאבעלע, וואס איז צוזאמענגע־שטעלט אויפ׳ן גרונד פון די ענגלישע קאנסול־בעריכטען פון יפו:

יאהר	עקספארטירט קעסטלעך	ווערט אין ענגל. פונט
1885	106.000	26.500
1890	200.000	83.120
1895	260.000	65.000
1900	251.071	74.215
1905	456.152	114.650
1910	853.767	235.605
1913	1.608.570	297.700

דער הויפט מארק איז ענגלאנד, דאן קומט טערקיי, מצרים, רוסלאנד, עסטרייך, דייטשלאנד און אנדערע לענדער. דער אראנזשען עקספארט פון 1913 איז פער־טיילט געווארען צווישען די פאלגענדע ערטער: 825.455 קעסטלעך אין ליווערפול, 14.348 אין לאנדאן, 10.632 אין מאנטשעסטער, 10.737 אין אנדערע ענגלישע פאר־טען, 291.024 אין טערקיי, 233.291 אין מצרים, 152.932 אין אדעסא, 52.594 אין טריעסט, 13.317 אין האמבורג, 5.087 אין רומעניע און בולגאריע און 3.568 אין מארסעל.

גענוי די גרויס פון אראנזשען־פלאנצונגען אין א״י איז אונבעקאנט. לויט דעם בעריכט פון ענגלישען קאנסול צעהלט דער יפו׳ר ראיאן אליין ארום 1.000 פרדסים.

דער אלגעמיינער שטח פון אראנזשען־פלאנצונגען אין ירושלים'ער סאנדזשאק ווערט געשאצט בערך אין 30.000 דונאם. דערפון בעלאנגען צו די אידישע קאָלאָניעס 7.900 דונאם, ד. ה. איבער 25 פּראָצענט פון אלגעמיינעם שטח. לויט די אָפיציעלע אנגאבען, וועלכע רופין ברענגט האָט דער בירות'ער ווילאיעט 26.430 דונאם אָראנזשען און ציטראָנען מיט א פרוכטענערטראג פון 21.078.000 אקא. כמעט די אלע פלאנטאציעס געפינען זיך אויסער די גרעניצען פון א"י.

פון גאנצען פאלעסטינער טייל פון בירות'ער ווילאיעט האָבען נור עכו און חיפה'ר קאדאס בעדייטענדע אראנזשען־אנלאגען: נעבען עכו די גרויסע ביארע פון עבד־אללה פאשא, און אין חיפה'ר קאדא — די אידישע פרדסים אין זכרון יעקב און חדרה. לויט די אָפיציעלע אנגאבען פון בירות'ער סאלנאמע האָט עכו א יעהרליכען ערטראג פון 6.000.000 שטיק אראנזשען, און חיפה פון 1.000.000.

בנוגע דעם איינטראג (הוצאות, הכנסות און ריוח) פון די וויכטיגסטע בוים־פלאנצונגען ברענגט דר. רופין די פאָלגענדע אנגאבען וואס זיינען בעגרינדעט אויף די מאטעריאלען וואס ער האָט געזאמעלט אין די אידישע פלאנטאציאנס־קאָלאָניעס אין יהודה:

	אראנזשען	מאנדלען	וויינשטאק	אליוון
1) באדען פרייז פרא דונאם *)	150	40	45	40
2) צאהל בוימער פרא דונאם	60	50	250	10
3) צייטדויער פון אנפלאנצונג ביז				
א) צום ערשטען פרוכט־טראגונג	5	5	4	8—7
ב) צום פולען פרוכט־טראגונג	9—7	9—7	6	12
4) אלגעמיינע הוצאות (איינגע־שלאסען 6 פראצ. צינזען ביז'ן פולען פרוכט־טראגונג) צוזא־מען מיט'ן באדען פרייז ביז				
א) צום 1טען פרוכט־טראגונג*)	1000	160	150	180
ב) צום פולען פרוכט־טראגונג (אראברעכענענדיג די הכנסה פון די ערשטע פרוכטען) *)	1200	200	160	230
5) ברוטא ערטראג פרא דונאם אין יאהר פון ערשטען פרוכט־טראגונג				
א) אין פירות (ק"ג)	**20	20	300	80
ב) אין געלד (פראנק)	55	16	19	12
6) ברוטא ערטראג פרא דונאם נאך א פולען פרוכטטראגונג				
א) אין פירות (קילאגראם)	**80	60	600	300
ב) אין געלד (פראנקען)	220	48	38	45
7) יעהרליכע הוצאות (פון אונ־טערהאלטונג און אראבנעמען די פרוכט) אין צייט פון				

*) פראנק.

**) קעסטלעך

	אראנזשען	מאנדלען	וויינשטאָק	אליוון
פולען פרוכט־טראגונג	80	20	15	15
8) באדענשטייער און עשר אין צייט פון פולער פרוכט־טראגונג	25	6	5	5
9) ריינער ריוח אין צייט פון פולער פרוכט־טראגונג פראָ דונאם (אין פראנק)	115	22	18	25
10) פערצינזונג פון אריינגעלעגטען קאפיטאל אין צייט פון פולען פרוכט־טראגונג (פּראָצ.)	10	11	11	11

2. גרינסען.

גרינסען בעטרייבען די פלאחין הויפּטזעכליך אין ערטער וואו עס זיינען פערהאַנען בעוואסערונגס־מיטלען, הגם פיעלע גרינסען וואקסען זעהר גוט אויך אָהן וואסער, אין ארבוזען, וואָס בילדען דעם וויכטיגסטען עקספּאָרט ארטיקעל פון געמיזע ווירטשאפט, פערטראָגען בכלל ניט קיין בעוואסערונג און זיינען אָנגעוויזען נור אויף׳ן טוי.

בעזונדערס גרויס איז די פּראָדוקציאָן פון גרינסען אין די אומגעגענד פון די שטעדט, כפּעציעל ארום ירושלים. פיעל גרינסען ליפערען די דערפער: סילואן, ולג׳ה (וואלאדזשא), ליפתא, ארטס, ביתר, בית עטב, עלר, ארום די הויפט שטאָדט פון ארץ ישראל. די דערפער חמאמה און גורה נעבען אשקלון זיינען די בעסטע גרינס צענטרען אין יהודה. זיי גיבען ארויס די פריהסטע פרוכטען, ווען אין קיין אנדער אָרט איז נאָך ניט צייטיג. פיעל גרינס ווערט געפלאנצט אין די רייכע אומגעגענד פון שכם און אין די אָראנזש גערטנער פון יפו. די אמאָל בעריהמטע גערטנער פון עין־גדי בעלאנגען איצט צו דעם האלב־בעדואינישען שבט תעמרה, וואָס קולטיווירען דאָרט פריהע אוגורקעס. מאנכע דערפער ספּעציאליזירען זיך אין געוויסע מינים. אזוי, צום ביישפּיעל, איז ארטס בעריהמט מיט איהרע טאָמאטאָס (באנדורא), ביתר מיט אייערגעוויקס, פאטור און עלר — מיט ציבעלעס.

די פלאחין אונטערשיידען צווישען בעוואסערטע און אונבעוואסערטע גרינסען. די בעוואסערטע געמיזע הייסט סאָקי (פון לשון השקה—בעוואסערען), דאָס זיינען: קרויט (מאלפוף), ווייסע ריבען (ליפת), געלע ריבען (ג׳סר), רעטיך (פיג׳ל), פעפער (פלפלה—פלעפלע), אוגערקעס (חיאר), ציבעלעס (בצל—באסאל), סאלאט (חאס), אייערגעוויקס (באדינג׳ן) און גריכענהאָרן (באמיה).

טרוקענע, אונבעוואסערטע געמיזע הייסט בעל (באַל[1]), דאָס זיינען: טאָמאטאָס (באנדורה), מארקקירבים (קוסא), שלאנגענאוגערקעס (פאקוס) און וואסער מעלאָנען (באטיח). די מינים ווערען אויסגעזועהט אין די בערג אין אפּריל, אין יוני און אין מערץ אין זייער וואקסען איז אבהענגיג פון גוט אויפגעאקערטען באָדען און רייכליכען טוי וואָס פאלט זומער ביינאכט. אויף בעוואסערטען באָדען קענען די פרוכטען אָנגעפלאנצט ווערען א גאַנץ יאָהר און דריי—פיער מאָל געערנטעט ווערען. דאָס פלאנ־

1) פעלדער וואָס זיינען אויסגעקומען בלויז מיט רעגענוואסער און האָבען זיך ניט גענויטיגט אין קינסטליכע בעוואסערונג האָבען אויך ביי אידען געהייסען „שדה בעל" (בבא בתרא 3, 1; שביעית 2, 9; תרומות 10, 11).

צען פון קארטאפעל איז די פלאחין אונבעקאנט און נור די אידישע און דייטשע קא־לאניסטען פערנעהמען זיך דערמיט, פארלויפיג נאך אין זעהר א קליינער מאס.

די מייסטע גרינסען ווערען פערברויכט אין לאנד גופא, און נור א קליינע טייל ווערט ארויסגעפיהרט. די פרוכט וואס ווערט אם בייסטען עקספארטירט איז דער וואסער מעלאן, וואס וואקסט אין זעהר א גרויסע צאהל אויף די זאמדיגע באָ־דענס פון השרון עבענע, צווישען יפו און זכרון יעקב. דאס דארף מוחליד, צווישען נהר פאליק און נהר אסכנדרונה ביים ברעג פון ים התיכון, איז דער גרעסטער צענטר פון וואסער־מעלאן פראדוקציאן אין ארץ ישראל. הונדערטע גמלים געהן פון דארט ארויס יעדען טאג אין דער צייט פון ערנטע (יוני—סעפטעמבער) אנגעלאדען מיט גרויסע זאפטרייכע מעלאנען צו דעם קליינעם פארט אבו־זאבורה, פון וואנען די פרוכטען ווערען ארויסגעפיהרט נאך בירות, יפו און אויסלאנד. דער יעהרליכער ארויספיהר דורך אבו־זאבורה ווערט געשאצט אין 6—700,000 פראנק. דער הויפט



בילד 78.
וועכטער־ביידעל אין א גרינס־גארטען („מלונה במקשה", ישעיה א' 9).

מארק פון מעלאנען איז קאנסטאנטינאפאל און מצרים. דער עקספארט נאך קאנ־סטאנטינאפאל הויבט זיך אן אין ענדע סעפטעמבער און דויערט ביז סוף נאוועמבער. פאר דיעזער צייט ווערען ארויסגעפיהרט פון יפו נאך קאנסטאנטינאפאל ארום 300,000 מעלאנען. ווען דער קאנסטאנטינאפאלער סעזאן ענדיגט זיך, ווערען די פרוכטען געשיקט נאך מצרים, און דער עקספארט דויערט א גאנצען ווינטער. דער יעהרליכער ארויספיהר פון מעלאנען דורך יפו איז, לויט די ענגלישע קאנסול־בע־ריכטען, פון 700,000 ביז 1,000,000 פראנק.

די עקספארטירטע וואסער מעלאנען, וואס וואקסען אין די זאמדיגע באדענס נע־בען ים התיכון צייכנען זיך אויס מיט זייער גרויס און רופען זיך אין אראביש אבו־טבעה (אבו־טאבא), ד. ה. דער פאטער פון רינג, מחמת זייער דיקע הויט, א צווייטער מין צוקער מעלאן, פיעל קלענערע, אבער געשמאקערע, וואקסט אין די אומגעבונג פון טבריה. זיי טויגען אבער ניט פאר'ן טראנספארט צוליעב זייער איידעלע הויט וואס קאן ניט פערטראגען די שוועריגקייטען פון וועג.

3. בוימוואהל.

די קולטור פון בוימוואהל איז איצט כמעט אין גאנצען אונבעקאנט דער ארטיגער לאנדבעפעלקערונג, אויסער איניגע פערזוכען וואס זיינען אין די לעצטע יאהרען געמאכט געווארען אין די אידישע קאלאניעס און אויך אין אנדערע פלעצער. פריהער אבער איז די קולטור פון דיזען העכסט־וויכטיגען האנדעלסגעוויקס געוועזען זעהר פערשפריט אין לאנד. מעגליך אז בוימוואהל האט שוין געוואקסען אין ארץ ישראל אין דער צייט פון ערשטען בית, ווי מ׳קען זעהען פון איניגע שטעלען אין תנ״ך 1). עס האט זיך דאן גערופען בוץ. יעדענפאלס איז עס א היסטארישער פאקט, דאס אין צענטען יאהרהונדערט האט ארץ ישראל פראדוצירט בוימוואהל. דער אראבישער געאגראף מוקדסי (985), בעשרייבענדיג די פראדוקטען פון „פילסטין" (וואס ענטשפרעכט בערך דעם היינטיגען סאנדזשאק ירושלים) רעכענט צווישען אנדערעס אויך בוימוואהל. אין דער צייט פון די נוסעי־הצלב און די לאטיינישע מלוכה פון ירושלים (1100-1291) „זיינען די בערגלעך פון ארץ ישראל געווען באדעקט מיט וועלדלעך, די טאלען פון קיסריה זיינען געווען געשטרייפט מיט דעמבען, אין די עבענעס האבען געוואקסען ווייץ און גערשט, האבער און אינדישער קארן, דורא און רייז, לינזען און ארבסען, באהנען און סעזאם. און די טיפעבענעס און אין ירדן־טאל האט געוואקסען בוימוואהל און פלאקס און אינדיגא" 2). דער אידישער רייזענדער יחק חילו (1334) דערצעהלט אז אין זיין צייט האט יפו געהאנדעלט צווישען אנדערש אויך מיט געשפונענע בוימוואהל, וואס האט אהן צווייפעל געשטאמט פון די יפו׳ר טאלען — שרון און פלשת, ווארום פיעלע רייזענדער פון יענער צייט און שפעטער טיילען מיט וועגען דעם וואוקס פון בוימוואהל ביי דער גאנצער לענג פון ברעג־ים, פון עזה ביז צידון. סאנדיס אין 1611 זאגט עדות, אז אין זיין צייט האט קאטאן געוואקסען אין לאנד אין גרויס שפע, און דער פראנצויז וואלני, וואס האט איבערגעלאזט די בעסטע פאליטישע, קולטורעלע און עקאנאמישע בעשרייבונג פון א״י און סוריה אין אכטצענטען יאהרהונדערט, שרייבט אז דער הויפט־עקספארט פון סוריה (אין דעם איז שוין ביי איהם איינגעשלאסען אויך א״י) בעשטעהט אין קאטאן, סיי רויהערהייד, סיי געשפונענערהייד. רעדענדיג וועגען די פלאחין בעמערקט ער, אז יעדער איינער בעמיהט זיך צו בעפרידיגען מיט אייגענער ארבייט אלע בעדערפנישען. און יעדע פאמיליע בערייטעט אליין פאר דעם גראבען בוימוואהל מיט וועלכען זיי קליידען זיך. אין אנ׳אנדער שטעלע בעמערקט ער: „די טאלען פון עכו — יזרעאל, חולה און בקעה — זיינען מיט רעכט בעריהמט מיט זייער פרוכטבארקייט. ווייץ, גערשט, מאיז, בוימוואהל, סעזאם ברענגען אריין טראץ דער אונפאלקאמענהייט פון דער ארבייט 20-21 פאכיגען ערטראג. צפת שטעלט צו א גוטען בוימוואהל וואס איז ניט ערגער פאר דעם בוימוואהל פון קיפרים. דער באדען איז פרוכטבאר און קארן און בוימוואהל וואקסען מיט גרויס ערפאלג. די צוויי זיינען דער פונדאמענט פון עכו׳ר האנדעל." די דערפער פון שכם, דערצעהלט ער ווייטער, פראדוצירען

1) דברי־הימים א׳ ד׳ 21.

2) קאנדער: די לאטיינישע מלוכה אין ירושלים (ענגליש), זייט 239

ווייץ, בוימוואהל, אליווען און זייד. אין דארף מגדל, צווישען יפו און עזה, שפינט מען דעם בעסטען בוימוואהל פון א"י. די בוימוואהל אינדוסטריע איז די הויפט הכנסה פון די איינוואוינער פון עזה. זיי פערמאגען ארום 500 בוימוואהל ווערקשטאטען. ענדליך דערצעהלט דער גרעסטער פאלעסטינא־פארשער פון דער ערשטער העלפט פון נייצעהנטען יאהר־הונדערט, דער בעריהמטער עדוארד ראבינסאן, אז „די עבענע פון עכו (די אזוי גערופענע סאחיל־עכו), ווען נור בעארבייטעט, איז רייכליך פרוכטבאר, זי גיט ארויס די בעסטע תבואה און די פיינסטע און געשמאקסטע פירות. אויך קאטאן איז דא לאנג געוועזן קולטיווירט". דער בוימוואהל פון א"י איז ניט נור פערברויכט געווארען אין לאנד גופא, נאר אויך ארויסגעפיהרט געווארען אין ענגלאנד. פון אנ'אפיציעלען בעריכט צום ענגלישען פארלאמענט פון 1840 ווייסען מיר, אז אין 1838 האט מען פון שכמ'ער געגענד אליין עקספארטירט אין אויסלאנד 7.500 פעק בוימוואהל (זעה העכער, זייט 285—286).

ווי אזוי די בוימוואהל־קולטור האט זיך אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט ענטוויקעלט אין א"י און ווי אזוי זי איז שפעטער אונטערגעגאנגען ווערט דערצעהלט אין אפיציעלען בעריכט פון ענגלישען קאנסול פאר 1903 (סעריע 3223).

לויט דער מיטטיילונג פון קאנסול־בעריכט איז בוימוואהל אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט געוואקסען אין נארדליכער סוריה. עס איז געוועזן א גוטער קוואליטעט קאטאן, און איז אפט ארויסגעפיהרט געווארען אין בריטישען מארק, וואו ער איז פערווענדעט געווארען אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אם מייסטען אבער איז עס עקספארטירט געווארען אין איטאליע, פראנקרייך און דייטשלאנד. דעד יעהרליכער עקספארט האט בעטראפען בערך 600־600 קאנטאר (134־160 טאן). אין 1836 איז געוועזן א גרויסע אונגערעטעניש אין צפון־סוריה, און דעריבער האט מען אנגעהויבען צו פראדוצירען פיעל קאטאן אין שכמ'ער געגענד, און די קוואליטעט פון דיזען בוימוואהל האט פיעל איבערגעשטיגען דעם סורישען און איז פערקויפט געווארען פאר העכערע פרייזען. אין א"י גופא האט מען דעם קאטאן פארווענדעט אין פאבריצירען איינפאכען בוימוואהל־גארן, פון וועלכע מ'האט געוועבט די גראבע פלאחישע מלבושים. דער שכמ'ער געגענד האט פראדוצירט ארום 4500־5000 קאנטאר, פון וועלכע דריי פערטעל זיינען עקספארטירט געווארען און איין פערטעל איז פערנוצט געווארען אויפ'ן פלאץ. בוימוואהל האט אויך געוואקסען אין דער אומגעגענד פון עכו און יפו, און מ'האט געשאצט די אלגעמיינע קאטאן פראדוקציאן פון א"י און צפון סוריה אנגעפעהר 30.000־35.000 קאנטאר (ארום 8.700 טאן) אין דער ווערט פון 8.750.000 פראנק (350.000 ענגלישע פונט).

ווען עס האט אויסגעבראכען דער בירגער־קריעג אין אמעריקא (1861) און עס איז דעריבער ענטשטאנען א בוימוואהל־הונגער אין דער וועלט — האט מען אנגעהויבען צו טראכטען וועגען דער מעגליכקייט פון בוימוואהל־קולטור אין א"י און סוריה, און מ'האט דא פערזייעט אונגעפעהר 140.000 פונט אמעריקאנער קאטאן־זריעה. אבער די רעזולטאטען זיינען ניט געוועזן צופרידענשטעלענד, ווייל די אמעריקאנער זריעה האט בעדארפט בעוואסערונג, און מ'האט אויסגעפונען, אז די ארטיגע זריעה וואס נויטיגט זיך ניט אין בעוואסערונג איז בעסער אלס די פרעמדע, וואס האט ווארשיינליך אויך געליטען פון קלימאט. די גערעטעניש אין 1865 איז דערפאר גע־

וועז ניט אין גאנצען גוט. דער רעזולטאט פון 1866 איז געוועזן א בעסערער, נור גראדע דאן איז געקומען א היישעריק וואס האט פערניכטעט אלע תבואות און פלאנצונגען. ביז דאן איז קאטאן פראדוצירט געווארען אויף דער גאנצער לענג פון ברעג ים, פון עזה ביז צור, 100 מייל אין דער לענג און 5-20 מייל אין דער ברייט. נאך דער פערענדיגונג פון אמעריקאנער בירגער־קריג, וואס האט געבראכט א געוואלדיגען אומשטורץ אין בוימוואהל־פרייזען — איז די קאטאן־קולטור אין א"י במעט גענצליך פערשוואונדען. דער קריזיס איז געוועזן אזוי גרויס, אז ער האט מיט אמאל פערניכטעט די גאנצע פראדוקציאן אין לאנד, און פון דאן ביז'ן היינטיגען טאג האט מען זיך שוין דערמיט מעהר ניט בעשעפטיגט. „עס איז אבער ניטא קיין גרונד, בעמערקט דער ענגלישער קאנסול אין זיין בעריכט, פארוואס עס זאל זיין אונמעגליך צוריק אויפצולעבען די קאטאן־פלאנטאציע.“

די פערזוכען וואס זיינען פון דאמאלס אן געמאכט געווארען אין פערשיעדענע געגענדען פון לאנד האבען בעשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דער דאזיגער בעמערקונג.

אין בעריכט פאר 1904 שרייבט דער ענגלישער קאנסול פון ירושלים: די פערזוכען פון 1904 צו זייען קאטאן, קאן מען אננעמען, זיינען צופריעדענשטעלענד. זיי האבען זיך אבער ניט געפיהרט אין א פאסענדער סיסטעם און דערפאר זיינען די רעזולטאטען ניט אזוי גוט ווי זיי האבען געקאנט זיין. לויט דער ערקלערונג פון אויטאריטעטען איז דער ירדן־טאל דער בעסטער פלאץ אין א"י פאר קאטאן, מחמת זיין וואסעררייכטום און ווארעמען קלימאט. אין 1905 האט א ליווערפולער פירמע פערזייעט 200 אקער (ארום 800 דונאם) בוימוואהל אין פערשיעדענע ערטער פון לאנד אלס א פערזוך. דיזער פערזוך וואס איז אונטערגענומען געווארען מיט דער הילף פון די ארטיגע פלאחין האט זיך ניט איינגעגעבען. „דער מיסערפאלג, בעריכטעט וועגען דעם דער ענגלישער קאנסול, שטאמט פון דער אונפעהיגקייט און פוילקייט פון די איינגעבוירענע פויערים, וואס פלעגען ניט און היטען ניט אב ווי מ'דארף די פלאנצונגען.“ און דער קאנסול רעקאמענדירט אייראפעער ספעציאליסטען זאלען זיך דערמיט בעשעפטיגען. ער בעמערקט דערביי, אז „לאנד פאר בוימוואהל־פלאנטאציעס איז אין א"י צעהן מאל ביליגער ווי אין מצרים. דער בארען איז פרוכטבאר און צוגעפאסט פאר דיזען ציעל.“

אין 1906 בעריכטעט דער קאנסול וועגען דעם ערפאלג פון די אידישע פערזוכען. ער שרייבט אין זיין בעריכט פון 1907: „פון די פערזוכען וואס זיינען די לעצטע דריי יאהר געמאכט געווארען האט זיך איינגעגעבען דער פערזוך וואס איז געמאכט געווארען דורך אידען אין א דארף נעבען יפו (ער מיינט פתח־תקוה). פון איין אקער האט מען אראבגענומען 400 קילאגראם בוימוואהל. די ערנטע איז אוועקגעשיקט געווארען אין ליווערפול און נאכ'ן רייניגען האט מען אויסגעפונען, אז זי איז פון אויסגעצייכענטער קוואליטעט. דיזער בוימוואהל איז געוואקסען אהן בעוואסערונג, מ'האט נור דערויף גוט אכטונג געגעבען בשעת'ן וואקסען. אין דער צייט וואס די אנדערע פערזוכען זיינען געמאכט געווארען אהן בעקאנטשאפט און געניטקייט. די קאלאניסטען אין פתח־תקוה האבען פארטגעזעצט זייערע פערזוכען און אין 1909 האבען זיי שוין פערזייעט 50 אקער מיט מצרישע זריעה. לויט דעם ענגלישען בעריכט איז דער ערהאלטענער קאטאן געוועזן עהנליך צו די גוטע מצרישע מינים. דאס מאל האט מען דעם קאטאן בעוואסערט פון מאי ביז האלב נאוועמבער. דיזע און ווייטערע פערזוכען האבען פאלשטענדיג דערוויזען, אז עס איז ניטא קיין

קלימאטישע און אנדערע נאטירליכע שטערונגען, וואס זאלען אבהאלטען די ברייטע ענטוויקלונג פון דעם וויכטיגען לאנדווירטשאפטליכען צווייג אין ארץ ישראל.

4. אקערבוי.

דער ערשטער ארט אין דער לאנדווירטשאפטליכער פראדוקציאן פון לאנד, סיי לויט דעם שטח באדען וואס ווערט דערמיט פערזייעט, סיי לויט דער וויכטיגקייט פון די פראדוקטען אין אינערליכען מארק און אין פאלקס־לעבען, פערנעמט ווי אמאל דער ערשטער פון די „זיבען מינים“ — דער ווייץ, אין אראביש קמח (קאמח) אדער חנטה (חינטא), העברעאיש חטה.

שוין אין די צייטען פון ערשטען בית המקדש האבען די אידען עקספארטירט ווייץ פון יהודה ספעציעל אין פעניקיע צו די צורים (1).

ווייץ ווערט איצט פראדוצירט אין אלע טיילען פון לאנד, בעזונדערס אין די עבענעס: עמק יזרעאל, עמק־עיון און בשן, אין די אזוי גערופענע „נוקרא“ (חורן־עבענע). דער לעצטער געגענד איז דער הויפט פראדוקציאנס־געביעט פון ווייץ ניט נור אין א"י, נאר אויך אין גאנץ סוריה. דא איז אין דער רוימישער עפאכע געווען „דער קארן־שפייכלער פון דער רוימישער אימפעריע“. איצט פערזארגט דער חורן מיט ווייץ ירושלים, דמשק, בירות און לבנון און עקספארטירט אויך א טייל אין אויסלאנד, הויפטזעכליך פראנקרייך און איטאליען, וואו דער הארטער, גלאזארטיגער חורנ'ער ווייץ ווערט פערברויכט אין דער מאקאראנען־אינדוסטריע. לויט די בע־ריכטען פון ענגלישען קאנסול איז אין די לעצטע יאהרען ארויסגעפיהרט געווארען דורכ'ן חיפה'ר האפען: אין 1911 — 4563 טאן ווייץ, אין 1912 — 13.030 טאן, אין 1913 — 5.960 טאן. דאס איז א קליינער טייל פון דער אלגעמיינער ווייץ־פרא־דוקציאן פון לאנד, וואס קאן געשאצט ווערען אונגעפעהר אין 300.000—350.000 טאן יעהרליך. קיין גענויע סטאטיסטיק איז ווי געוועהנליך ניטא. בנוגע גליל און שומרון זיינען פאראן די אפיציעלע אנגאבען פון בירות'ער סאלנאמע (יאהר־בוך) פאר'ן יאהר 1326 (1910). לויט וועלכע צור פראדוצירט יעהרליך 190.000 כלי, מרג'־עיון 510.000, עכו 400.000, חיפה 100.000, טבריה 240.000, צפת 500.000, שכם 100.000, ג'נין 400.000, בני־צעב 20.000, בס"ה 2.460.000 כלי, וואס איז 61.500 טאן. לויט די אנגאבען פון קינע, וואס זיינען ווייט ניט פינקטליך און פער־טרויענסווערט, פראדוצירט חורן 159,567 טאן ווייץ, כרך 20.000 טאן און ירושלים 46.515 טאן.

די פלאחין אונטערשיידען פאלגענדע מינים ווייץ:

נורסי — האט 4 רייהעס קערנער מיט לאנגע אויערען, גיט ארויס גוטע ווייסע מעהל. וואקסט אין עמק יזרעאל.

קמח חורני — חורנ'ער ווייץ, מיט ברוינע, הארטע און שטארקע קערנער.

קמח עזוי (גאזאווי) — עזה'ר ווייץ, טונקעל־ברוינע קערנער.

קמח דיבוני — ברייטע, לאנגע קערנער, וואקסט אין געגענד פון כרך.

טובאסי — מיט זעהר דורכזיכטיגע קערנער.

ווייץ איז דער הויפט נאהרונגס־מיטעל פון דער ארטיגער בעפעלקערונג. א חוץ

1) מלכים א', ה', 25; יחזקאל כ"ז, 17; דברי הימים ב', ב', 9.

מעהל ווערט דערפון פארבערייטעט „בורגול“ — א מין ווייצענגרייז, וואס ווערט זעהר פיעל געגעסען, אנשטאט רייז.

די פלאחין געברויכען די ווייצען אויך געבראטענערהייד; דאס איז די אלט העברעאישע קלי (2). זיי בראטען די נאך ניט רייפע זאנגען און פערשפייזען די קערנער אלס א נאשווארג.

אויסער דעם קולטיווירטען ווייץ געפינט מען אין א"י דעם ווילדען ווייץ, וועלכען פיעלע געלערנטע האלטען פאר דעם פראטאטיפ פון קולטור־ווייץ. לויט דער מיינונג פון באטאניק אהרונסון איז צפון א"י דאס היימלאנד פון ווייץ.

די ווילדע ווייץ וואס קויטשי האט געפונען אין 1855 אין ראשיה, צפונית־מערבית פון בארג חרמון, איז שפעטער פון געלערנטען באטאניק קערניקע ערקלערט געווארען אלס דער ווילדער אורשפרונג פון קולטיווירטען ווייץ. די שפעטערע פארשונגען פון אגראנאם אהרונסון האבען בעפעסטיגט די דאזיגע מיינונג.

דער פאלעסטינישער אידישער באטאניק האט געפונען די ווילדע ווייץ אין די פערשיעדענסטע געגענדען פון לאנד, 325־500 פוס אונטער דעם ים־שפיגעל נעבען דעם טייך יבוק, און איבער 6.000־6.300 פוס איבער'ן ים, אויפ'ן בארג חרמון, און לויט זיין מיינונג שטאמט די קולטיווירונג פון ווייץ — אזוי גוט ווי פון גערשט און האבער — פון דיזע און שכנות'דיגע געגענדען. די ווילדע ווייצען האבען ליעב שטייניגע טרוקענע און שלעכטע באדענס, און וואקסען אהן אירגענד וועלכע קולטיווירונג. און אהרונסון דענקט אז דורך די ווילדע טיפען איז מעגליך צו פערשפרייטען די קולטור פון ווייץ אפילו אין אזעלכע געגענדען וואו מחמת דער ארעמקייט פון באדען און הארטקייט פון קלימאט, ווי אין נגב, איז זי אונמעגליך.

נעקסט צו ווייץ אין וויכטיגקייט און אין כמות פון בעארבייטעטען באדען איז דער צווייטער פון די „זיבען מינים“ — גערשט, אין אראביש שעיר (שאעיר), העברעאיש שעורה. דער הויפט־פראדוקציאנס געביעט איז דרום א"י — די געגענד פון עזה און באר שבע, פון וואנען עס ווערט יעהרליך ארויסגעפיהרט נאך ענגלאנד אויף אונגעפעהר 5.000.000 פראנק גערשט. א חוץ זיין אויסגעצייכענטע קוואליטעט און גוטסקייט פאר דער פאבריקאציאן פון ביער און וויסקי, האט דער עזה'ר גערשט דעם פארצוג וואס ער ווערט רייף מיט איניגע וואכען פריהער ווי ערגיץ אנדערש־וואו — געמיליך ענדע אפריל. פון די 981.000 כלי גערשט, וואס עזה האט אין יאהר 1913 פראדוצירט, זיינען ניט מעהר אלס 59.150 כלי פערברויכט געווארען אין לאנד, די איבעריגע 921.850 כלי זיינען ארויסגעפיהרט געווארען נאך אויסלאנד, הויפטזעכליך נאך ענגלאנד.

די אלגעמיינע פראדוקציאן פון גערשט אין גאנצען לאנד איז אונגעפעהר א העלפט פון ווייץ. דער גערשט ווערט הויפטזעכליך בענוצט אלס פוטער פאר בהמות. אבער די ארימערע פלאחין געברויכען עס אויך אלס שפייז, ווי עס האבען אויך געטאן די ארימערע קלאסען פון די אורא־לטע אידען (3).

די פלאחין אונטערשיעדען די פאלגענדע מינים גערשט:

פאראקאדי — 4 רייהען קערנער אין א זאנג, מיט לאנגע אויערען.

עזווי (גאזאווי) — 2 רייהען מיט א לאנגע שאלעכץ.

(2) „אביב קלוי באש“, ויקרא ב' 14; שמואל א', י"ז, 17; רות ב', 14.

(3) שופטים ז', 13; מלכים ב', ד', 24; יחזקאל ד', 12; בבלי נזיר ל"א.

סבעיני (סאביני) — ד. ה. זיבעציגער, ווערען געזייעט שפּעט אין פעברואר און געשניטען מיט זיבעציג טעג שפּעטער.

די קלימאטישע בעדינגונגען פון א"י זיינען בעזונדערס גינסטיג פאר דער קולטור פון גערשט. דער דורכשניטליכער ערטראג פון א העקטאר גערשט אין דער אומגע־בונג פון יפו איז 2880 קילאגראם אין דער צייט וואס דער דורכשניטס ערטראג אין דייטשלאנד איז נור 2220 קילאגראם.

פון די איבעריגע תבואות זיינען די פערשפּרייטעסטע אין לאנד לינזען, באָהנען (פּול), אַרבסען (חומצה), סעזאַם (שומשמין), דורא, מאַיז.

דער פעלדערטראג איז פערשיעדען אין די פערשיעדענע געגענדען, און אין איין און דעם זעלבען אָרט איז ער אונטערגעוואָרפען גרויסע שוואנקונגען, און ס'איז איהם שווער דערפאר פעסטצושטעלען.

שלעכטע ערנטעס, און אמאָל אויך פולשטענדיגע מיסערנטעס טרעפען זיך, ווען ס'פאַלט אויס ווייניגער רעגען ווי אין נאָרמאַלע יאָהרען — א זאך וואס טרעפט הויפּטזעכליך אין די וואלדלאָזע הרי־יהודה, — ווען ביים אויפגעהן פון די זריעה פון אזעלכע תבואות ווי ווייץ און גערשט, ווערט דער רעגענצייט אונטערבראכען דורך א לענגערע טרוקעניש, ווען דער מלקוש (שפּעטרעגען) וואס איז נויטיג פאר דער ענטוויקלונג פון די קערנער פון ווינטער־תבואה, פערשפּעטיגט זיך אָדער פאלט ניט אויס אין א גענוגענדער מאָס, אָדער ווען דער „חאמסין", דער הייסער מדבר־ווינט וואָס קומט פון מזרח אָדער דרום, בלאָזט עטליכע טעג נאָכאַנאנד גראדע אין דער צייט פון דער אויסבילדונג פון די תבואות. א גרויסען שאדען פאר דער ערנטע קומט פאר ווען דער היישעריק בעפאלט די פעלדער אָדער אנדערע שעדליכע חיה׳לעך, ווי מייז, מוראוועס א. ד. ג., פערמעהרען זיך און פרעסען אויף די זאנגען.

ווען אָבער די אויסערליכע אומשטענדען שטערען ניט דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון געוויקס, זיינען די גערעטענישען זעהר רייכליך, בעזונדערס אין די טאָלען.

אום אָבצושאַצען ריכטיג די בעדייטונג פון די פאָלגענדע אנגאבען בנוגע דער ערטראגספעהיגקייט פון דער פלאחישער לאנדווירטשאפט דאַרף מען אין זינען האָבען דעם מאנגעלהאפטען און אונצייטיגען אָרט פון באַדען־בעארבייטונג, דאָס פעהלען פון מיסט, שלעכטע זאָמען, אונגעניגענדע רייניגונג פון פעלד, מאנגעל פון ענטוואסע־רונג און די צו־וואסערדיגע געגענדען און די אלגעמיינע טרויעריגע ווירטשאפטליכע פערהעלטניסען פון די פלאחין, ווי אויך זייער אפּאטיע און ארבייטס־אונלוסט. און־טער די דאָזיגע אומשטענדען איז ערשטוויינענד דער פערהעלטניסמעסיג הויכער ערטראג פון אקערבוי אין א"י. דאָס ערקלערט זיך בלויז מיט דער נאטירליכער פרוכטבארקייט און וואונדערבארען קלימאט פון לאנד.

אם רייכסטען פאלט די ערנטע אויס אויף דעם לאווא־באדען פון חורן, דער אמאליגער בשן. טראָץ דער פרימיטיווער ארבייטס־סיסטעם ברענגט ווייץ אריין 50-60 פאכיגען ערטראג. מ'דערצעהלט אויך וועגען 80 און 100 פאלטיגע פרוכט. אין עמק יזרעאל און אין דער ברעג־עבענע (שרון און פלשת) ברענגט ווייץ דורכ־שניטליך 8 מאָס, גערשט 10-15. אין זעהר גוטע יאָהרען דערהאלט מען אין דער עבענע א דרייסיג־פאכיגען ערטראג. אין די הרי יהודה קומען אזעלכע גוטע גערע־טענישען ניט פאר. ווייץ טראגט דא דורכשניטליך נור 3-4 מאָס, גערשט 5 מאָס. דאָס געבירג לאנד ארום ירושלם האָט ווייניג גינסטיגען באָדען פאר אקערבוי. ווי דער דייטשער קאָנסול בעריכטעט קאָן דאָ אפילו א ראציאנאלער בעטריעב ניט אי־

בערשטייגען א זעקספאכען ערטראג. פיעל בעסערען באדען פערמאגט די עבענע פון באר־שבע, פון וואנען עס ווערט ארויסגעפיהרט פיעל גערשט.

דער דורכשניטליכער ערטראג פון א פלאחין־ווירטשאפט אויף אונגעמיסטיגטען באדען איז, לויט די אנגאבען פון דר. א. רופין, ו ו י י ץ פון 8 ביז 10 פאכעם; גערשט, פיל (בארנעי), לינזען, חומצא (ארבסען) פון 10 ביז 15 פאכעם; סעזאם 40־50, דורא 60־80.

אין יהודה טראגט א דונאם גוטער באדען 5 כלי ווייץ (א כלי איז 28 קילאגראם), אדער 8 כלי גערשט (א כלי 20 קילאגראם). אויף געמיסטיגטען באדען איז דער ערטראג וועזענטליך העכער. נאך דער מיטטיילונג פון אגראנאם ווילקאנסקי ברענגט דר. א. רופין די פאלגענדע אנגאבען בנוגע דעם ערטראג פרא העקטאר פון א אידישע אדער דייטשע ווירטשאפט מיט א ראציאנעלען פרוכט־וועקסעל און רעגעלמעסיגע ביכטיגונג:

רוי ערטראג

	געזעהט אויף יעדען העקטאר	פיעלפאכער ערטראג.	מאקסימאלע מענגע אין ק"ג	פרייז פרא 100 ק"ג	ווערט אין פראנק.
פיל (אקערבאהנען)	135	15—8	2025	18	364.50
לינזען	180	8—10	1800	13	234.00
כרסינה	144	15—20	2880	15	432.00
גערשט	192	15	2880	16	460.80
ווייץ	180	10—12	2000	21	420.00
חומצה (ארבסען)	90	20	1800	16	280.00
דורא	18	100	1800	12	216.00
סעזאם	13½	40	540	44	237.60

מיט די עטוואס פערעלטערטע אנגאבען פון דר. לעא אנדערלינד (בעציהען זיך צום יאהר 1874), וועלכע אבער ביי דער אונפערענדערליכקייט פון פלאחין־ווירטשאפט קאנען בעטראכט ווערען כמעט אלס צייטמעסיג, זייעט מען אין עמק יזרעאל, אויף אונבעמיסטיגטען באדען און ביי דער פלאחישער בעווירטשאפטונג, אויף א העקטאר 195.2 קילאגראם ווייץ, 215.6 קילאגראם גערשט, 4.9 ק"ג דורא, 3.2 ק"ג סעזאם. דער מאקסימאלער ערטראג פון ווייץ איז דערביי א צעהנפאכיגער, דורכשניטליך 6—7־פאכיג. גערשט העכסטענס 10־פאכיג, דורכשניט 6־פאכיג. דורא — העכסטענס 329־פאכיג, סעזאם העכסטענס 443־פאכיג. דער דורכשניט פון דורא און סעזאם לאזט זיך ניט פעסטשטעלען.

ווי אין אלע אנדערע געביעטען איז ניטא קיין פינקטליכע און סיסטעמאטישע אפיציעלע סטאטיסטיק וועגען דער לאנדווירטשאפטליכער פראדוקציאן, דעם שטח פון בעארבייטעטען באדען, דעם ערנטע ערטראג א. ז. וו. מיר האבען בלויז צעווארפענע מאנגעלהאפטע, אפיציעלע און האלב אפיציעלע אנגאבען, פון וועלכע מ'קאן דאך בע־ריכטען א מעהר־ווייניגער גענוגענדע ידיעה איבער דעם צושטאנד און אומפאנג פון דער לאנדווירטשאפט אין א"י.

בנוגע דעם ירושלים'ער סענדזשאק מיט דער אויסנאהם פון דער חברון'ער קאדא האבען מיר די האלב־אפיציעלע אנגאבען פאר'ן יאהר 1325 (1909) וואס זיינען ער־שיענען אין קאנסטאנטינאפאל אין 1912, ווי פאלגט.

יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון ירושלים'ער סאנדזשאק.	שטח פון בע־ארבייטעטע באָ־דען אין דונא־מען.	געזייט (אין כלי)	ערטראג (אין כלי)	ערטראג (אין ק"ג)
ווייץ	461.000	245.500	1.358.000	33.950.000
גערשט	328.400	209.200	1.038.600	20.772.000
האָבער	18.416	15.420	78.080	
דורא	191.250	24.000	740.000	18.500.000
סעזאם	124.000		*4.455.000	5.902.000
וויקען	25.416	19.416	174.160	4.005.000
לינזען	20.900	368.500	1.845.000	46.125.000
פּול	18.550	334.400	1.680.000	38.640.000
חומצה	650	8.900	59.000	1.357.000
באָהנען	160	450	5.600	
טאבאק און טאמבעקי	56		*1.050	
קארטאָפעל	30		4.550	

דערביי דארף בעמערקט ווערען, אז דאָס יאָהר 1909 איז געווען זעהר א שלעכטעס און האָט געבראכט קוים א העלפט פון דער ערנטע פון א נאָרמאַל יאָהר, אזוי אז מען דארף בערך פערדאָפּלען די אויביגע ציפערן אויב מ'וויל אויסרעכענען דעם דורכשניט־ליכען ערטראג פון א נאָרמאַלען יאָהר.

קיין בעזונדערע אנגאבען בנוגע דעם עבר הירדן, וואָס ענטהאַלט אין זיך איינע פון די פרוכטבארסטע לאַנדשטריכען אין דער וועלט — די בערימטע „נוקרא“ (בשן־עבענע), — האָבען מיר ניט. אין דער שוין דערמאָנטער האלב־אָפיציעלער מיטטיילונג פאר'ן יאָהר 1325 (1909) זיינען פאראן אלגעמיינע אנגאבען וועגען גאנצען דמשק'ער ווילאיעט (א חוץ די קאדא פון דמשק), וואָס בלויז א העלפט פון איהם בעלאנגט איי־גענטליך צו ארץ ישראל. עס איז אונמעגליך פעסטצושטעלען וואָסערע פּראָצענט פון די פאָלגענדע אלגעמיינע אנגאבען בעציהען זיך דירעקט צו ארץ ישראל, לויט די ביי אונז אָנגענומענע גרעניצען; אונגעפעהר קאָן מען אָבער אָננעהמען 50 פּראָצענט פון די אלגעמיינע סומע פון דמשק ווילאיעט. — אויף דעם חשבון פון ארץ ישראל.

יעהרליכע פּראָדוקציאָן אין אמשק'ער ווידאיעט.	דער שטח פון בעארבייטעטען באָדען (אין דונאם).	געזייט (אין קאנסטאנטינאָ־פּאָלער כלי).	ערנטע ערטראג (אין קאנסטאנ־טינאָפּאָלער כלי).	ערנטע ערטראג אין ק"ג.
ווייץ	2.055.872	1.255.935	5.923.330	148.083.000
גערשט	987.470	605.535	4.240.370	84.807.000
האָבער	29.300	24.650	143.600	
מאַיז	98.600	21.389	425.610	8.512.000
דורא	135.990	32.650	464.130	11.603.000
וויקען	60.400	22.050	120.250	2.766.000
פּול	13.070	253.700	1.275.470	29.335.000

*) אין אָקא (אן אָקא — 1.28 קילאָגראם).

חומצה — — — — — —	58.800	569.560	2.665.010	61.295.000
באהנען — — — — — —	250	1.130	8.800	
לינזען — — — — — —	34.350	307.163	1.428.975	35.724.000
קארטאפעל — — — — —	4.950	362.250	3.192.500	
טאבאק און טאמבעקי —	3.060		* 45.030	
ביימוואהל — — — — —	7.000		* 256.000	
סעזאם — — — — — —	2.800		* 42.000	54.000

אויך דא מוז מען אין זינען האבען, אז דאס בעציהט זיך צו א שלעכט יאהר, וואס איז בערך א העלפט פון דעם נארמאלען ערטראג.

עס איז נאך געבליבען שומרון און גליל — ד. ה. שכם'ער און עכו'ער סאנדזשאקען און די צוויי צפונ'דיגע קאדעס צור און מרג'־עיון וואס בעלאנגען צום בירות'ער סאנדזשאק. דר. א. רופין האט ערהאלטען א אפיציעלע מיטטיילונג בנוגע דער לאנדווירטשאפטליכער פראדוקציאן פאר'ן בירות'ער ווילאיעט אלס א גאנצען, פאר דעם יאהר 1330 (1914), וואו די איינצעלנע סאנדזשאקען און קאדעס זיינען ניט אויסגעטיילט. אונגעפעהר אבער קאן מען אננעהמען אז די זידליכע טיילען פון בירות'ער ווילאיעט וואס בעלאנגען אייגענטליך צו ארץ ישראל, בילדען בערך 40 פראצענט פון מערב־סורישען ווילאיעט. פון די פאלגענדע אנגאבען קומען אלזא אויס אונגעפעהר 40 פראצענט־אויף ארץ ישראל.

יעהרליכע פראדוקציאן אין בירות'ער ווילאיעט	דער שטח פון בעארבייטעטען באדען (אין דונאם).	ערנטע ערטראג (אין כלי).	ערנטע ערטראג (אין ק"ג.)
ווייץ — — — — — — — — —	1.530.400	11.201.600	280.040.000
גערשט — — — — — — — — —	1.113.400	8.139.200	162.874.000
מאיז — — — — — — — — —	45.000	225.000	4.500.000
דורא — — — — — — — — —	430.000	1.390.000	34.750.000
יירע — — — — — — — — —	112.350	408.000	9.384.000
פול — — — — — — — — —	53.400	383.200	8.814.000
חומצה — — — — — — — — —	74.460	704.500	16.203.000
לינזען — — — — — — — — —	55.880	263.150	6.579.000
סעזאם — — — — — — — — —	94.500	191.000	4.775.000
טאבאק און טאמבעקי — — — —	57.300	*2.965.000	

* אין אקא.

5) קאלענדאר פון לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען .*)

(א׳ ב׳ ג׳ — בעדייטען ערשטער, צווייטער, דריטער, דריטעל פון חודש).

פראָדוקט	צייט פון זריעה-בליהונג	צייט פון רייף ווערען און שניט
אבריקאָסען	פעברואר	ב׳ ג׳ מאי אין טאָל.
אוגערקעס	אין יריחו און עין גדי ווערען זיי רייף אין מארט, אויף די בערג אין מאי און יוני. נאָך א פויזע גיבט עס ווידער אין סעפטעמבער און אָקטאָבער.	
אָליוועז (זיתים)	ג׳ אפריל (אין טאָל — ג׳ מארט).	א׳ אָקטאָבער—נאָוועמבער
אראנזשען (אפעלסינען)	מארט — אפריל	ג׳ נאָוועמבער — אפריל (הויפט ערנטע האלב יאַנואר — האלב מארט).
אפּעל	א׳ אפריל.	ג׳ מאי און יוני.
אקערבאָהנען (פּול)	נאָך׳ן ערשטען רעגען — נאָוועמבער.	אין טאָל א׳ אפריל, אין בערג א׳ מאי.
באמיע (גריכענהאָרן)	מאי.	יולי — אויגוסט.
באנאנעס		נאָוועמבער.
באנדורא (זעה טאָמאטעס)		
באָקסער	נאָוועמבער.	ענדע זומער.
בארנעס	ב׳—ג׳ מארט.	יוני — אויגוסט.
באָהנע	א׳ מארט.	אפריל.
גערשט	נאָוועמבער.	ג׳ מאי ביז א׳ יוני (אין טאָל מיט א חודש פריהער)
דורא(זומער הירזע)	אפריל.	יולי—אויגוסט.
ווייסדאָרן (זערור)	ג׳ אפריל.	סעפטעמבער.
ווייץ	נאָוועמבער און דעצעמבער	ב׳—ג׳ יוני (אין ירדנטאָל און אין דער עבענע ב׳—ג׳ מאי).
וויקען	דעצעמבער און יאנואר. (אין טאָל מיט א חודש פריהער).	ב׳ מאי (אונמיטעלבאר פאר׳ן גערשטען שניט).
זומער הירז (זעה דורא)		
חומצה (ארבסען)	ב׳ אפריל.	א׳ יולי.
טאמאטעס	א׳ מארט ביז ג׳ אפריל.	זומער ביז הערבסט.
טייטלען	פריהלינג.	אָקטאָבער—נאָוועמבער.
טרויבען	א׳ מאי.	יולי ביז ג׳ נאָוועמבער (אין טאָל ענדע יוני).

*) לויט די בעאבאכטונגען פון ל. בויער.

פריכט	צייט פון זריעה — בליהונג.	צייט פון רייף ווערען און שניט
ליגזען	דעצעמבער און יאנואר (אין טאָג מיט א חודש פריהער).	ב' מאי (אונמיטעלבאר פאר'ן גערשטענשניט.
מאנדלען	פעברואר.	יולי, אויגוסט.
מוילבערים (תות)	זיסע — מארט, ווייערע — אפריל.	זיסע ג' אפריל ביז ב' מאי, ווייערע — מאי, יוני.
מילגראַמען	ג' אפריל ביז ב' מאי.	סעפּטעמבער.
מעלאָנען	מארט—אפריל (שפּעט מעלאָנען־מאי).	ג' יוני — סעפּטעמבער (האלטען זיך ביז יאנואר).
ניס		סעפּטעמבער—אָקטאָבער.
סיקאמארען		ווערען רייף 3—4 מאָל אין זומער.
סאלאט	פון ענדע נאָוועמבער ביז מארט.	
סעזאם	אפּריל.	אויגוסט—סעפּטעמבער.
פּאקום (שלאַנגענ־אונערקעס)		
פּול (זעה באָהנען)		
פייגען	פעברואר.	א' יוני—דעצעמבער.
פייגענבאָהנען (זעה תורמוס)		
פּלאַשענקירבעס	אפּריל.	ענדע זומער.
פלוים	ג' מארט.	יוני.
פערסיקעס	א' מארט.	יולי—אויגוסט.
ציקערדווירען	מארט—אפּריל.	סעפּטעמבער—יאנואר.
ציבעלעס	נאָכ'ן ערשטען רעגען.	אויגוסט.
ציטראָנען און אתרוגים.	ווי אראנזשען, עס גיבט דאָך נאָכבליהענדע ציטראָנען און עס זיינען דעריבער פאראַן א גאַנץ יאָהר רייפע פרוכטען.	
קאקטוס	—	יולי ביז א' סעפּטעמבער.
קוויטען	א' און ב' אפּריל.	ג' אויגוסט—סעפּטעמבער.
קוסא (שפּייזקירבים)		יוני, יולי (אין טאָל מיט א חודש פריהער. פון עזה קו־מען שוין אין אפּריל קליינע קוסעס נאָך ירושלים).
ריבען	געלע — כמעט א גאַנץ־יאָהר. ווייסע — נאָוועמבער־ פעברואר.	
רעטיך	נאָוועמבער — מארט.	
שפּינאַט	נאָוועמבער.	יאנואר.
תורמוס	אָקטאָבער — נאָוועמבער.	א' מאי.

דורכשניטס ערטראַג פון תבואות פּראָ דונאַם אין יפו׳ר געגענד.

בנוגע דעם דורכשניטס־ערטראַג, קאָסטען, ברוטאָ־איינקונפט און ריינעם ריוח פון די פערשיעדענע מינים תבואות און גרינסען ברענגט דר. א. רופּין די פאָלגענדע טאבעלע וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון יפו׳ר אַגראָנאָם א בריל, אויף׳ן גרונד פון די ווירטשאַפטס־אויסקינפטע פון יפו׳ר געגענד.

קולטור	קוואַליטעט פון באָדען	ברוטאָ ערטראַג: אין כלי	ברוטאָ ערטראַג: אין פראַנק	קאָסטען אין פראַנק: פאַר זריעה: אין כלי	קאָסטען אין פראַנק: פאַר זריעה: אין פראַנק	פאַר אַרבייט פון בהמות.	פאַר האַנד־אַרבייט און אַנדערעס.	סך הכּל פון קאָסטען.	ריינער ערטראַג אין פראַנק (פון דעם דאַרף מען נאָך אָראָבערעכענען עשר און ווערגו).
ווייץ — — — — —	1	5	30.	½	3.	6	7	16.	14.
	2	3½	21.	½	3.	5	5	13.	8.
	3	2½	15.	⅓	2.	4	4	10.	5.
גערשט — — — —	1	8	24.	½	1.50	6	6	13.50	10.50
	2	6	18.	⅓	1.	5	5	11.	7.
	3	5	15.	⅓	1.	5	4	10.	5.
באָהנען — — — —	1	6	27.	½	2.25	6	6	14.85	12.75
	2	5	22.50	½	2.25	6	5	13.25	9.25
לופּין — — — — —	1	7	17.50	½	1.25	5	4	10.25	7.25
	2	5	12.50	½	1.25	4	3	8.25	4.25
וויקען — — — —	1	8	28.	½	1.75	5	8	14.75	13.25
	2	6	21.	½	1.75	5	6	12.75	8.25
לינזען — — — —	1	7	28.	½	2.	6	7	15.	13.
	2	5	20.	½	2.	5	5	12.	8.
דורא — — — — —	1	6	21.		2.	5	5	11.	10.
	2	4	14.		0.70	5	3	8.70	5.30
מעלאָנען — — —	1		35.		1.	9	10	20.	15.
	2		25.		1.	9	8	18.	7.
סעזאַם — — — —	1	2½	22.50		1.	8	4	13.	9.50
	2	2	18.		1.	8	3	12.	6.
קאַרטאָפעל — — —	1	*1000	105.	*170	24.	6	35	65.	40.
	2	*700	75.	*130	18.	6	25	49.	26.
גרינע באָהנען און	1	*650	67.50		4.	6	20	30.	37.50
אַרבסען — — —	2	*500	52.50		4.	6	16	26.	26.50
ריבען — — — —	1	*600	50.		1.	5	15	21.	29.
	2	*450	37.50		1.	5	12	18.	19.50
טאַמאַטאַס — — —	1		120.		2.	6	70	78.	42.
	2		80.		2.	6	50	58.	23.

*) קילאָגראַם.

י. פרוכטבארקייט פון לאנד און קאָלאָניזאציאָנס מעגליכקייטען.

ווי גרויס איז דער שטח באָדען וואס געפינט זיך אונטער לאנדווירטשאפט אין ארץ ישראל?

קיין פינקטליכע פעסטגעשטעלטע אפיציעלע סטאטיסטיישע אנגאבען וואָס זאָלען געבען א דירעקטען און גענויעם ענטפער אויף דיזער פראגע זיינען ליידער ניטאָ. אונגעפעהר אבער קאָן מען דאָס לייכט אויסגעפינען אויף'ן גרונד פון די אויבען געבראכטע אפיציעלע און האלב־אפיציעלע בעריכטען פון ירושלים'ער סאנדזשאק און דמשק'ער ווילאיעט פאר'ן יאָהר 1909 און בירות'ער ווילאיעט פאר'ן יאָהר 1914. לויט די דאָזיגע בעריכטען ווערען די פערשידענע אקערבויערישע פראָדוקטען אין די דריי פראָווינצען פערזייהט אויף א שטח באָדען ווי פאָלגט:

שטח פון [illegible]ט־שאפט[illegible] [illegible]יטעטן באדען.

דער שטח פון אקערבויאיש בעארבייטעטען באָדען (אין דונאם) אין:

	ירושלים'ער סאנדזשאק	בירות'ער ווילאיעט	דמשק'ער ווילאיעט	ס"ה פון אקער־בוי־באָדען
ווייץ — — — — — — —	461.000	1.530.400	2.055.872	4.047.272
גער[illegible]ט — — — — — — —	328.400	1.113.400	987.470	2.429.270
האָבער — — — — — — —	18.416	———	29.300	47.716
סעזאם — — — — — — —	124.000	94.500	7.000	225.500
דורא — — — — — —	191.250	430.000	135.990	757.240
וויקען — — — — — — —	25.416	112.350	60.400	198.166
פ[illegible]ל — — — — — — — —	18.550	53.400	13.070	85.020
לינזען — — — — — — —	20.900	55.880	34.350	111.130
חומצה — — — — — — —	650	74.760	58.800	133.910
מאיס — — — — — — —		45.000	98.600	143.600
פערשידענעס — — — —	246	57.300	78.260	135.806
סך הכל — —	1.188.828	3.566.690	3.559.112	8.314.630

פון בירות'ער ווילאיעט בעלאנגען העכער אלס 60 פראָצענט ניט צו ארץ ישראל נאָר צו סוריה, נעמליך די נאָרדליכע סאנדזשאקען טריפאָלי און לאטאקיע און דער נאָרדליכער טייל פון בירות'ער סאנדזשאק גופא, אין צפון זייט פון טייך קאסימיע. פון דמשק'ער ווילאיעט געהערען בערך 50 פראָצענט צו סוריה און ניט צו ארץ ישראל, נעמליך די סאנדזשאקען חמא (חמת) און דמשק (מיט דער אויסנאם פון די קאדאס קונייטרא, הצביה און טיילוויז וואדי אל־עגם). אראבערעכענענדיג פון די צוויי ווילאיעטען דעם פראָצענט וואס געהט אראפ אויף זייערע סורישע טיילען, האָבען מיר אונגעפעהר אלזאָ א סך הכל פון אקערבויאיש בעארבייטעטען באָדען אין:

ירושלים'ער סאנדזשאק — — — — — — — — — —	1.188.828	דונאם
עבר הירדן (50 פראָצ. פון דמשק'ער ווילאיעט) — — — —	1.770.000	"
שומרון און גליל (40 פראָצ. פון בירות'ער סאנדזשאק) — —	1.426.650	"
צוזאמען אונגעפעהר — — — — — — — — —	4.386.000	"

פלאנטאציעס.

דערצו דארף מען צוגעבען בערך א האלבען מיליאן דונאם פלאנטאציעס: ארום א פערטעל מיליאן אליווען, און א פערטעל מיליאן וויינשטאק, אראנזשען, מאנדלען און אנדערע פרוכטבוימער. דער אלגעמיינער שטח פון לאנדווירטשאפטליך בענוצטען באָדען איז אלזא אונגעפעהר 4.900.000—5.000.000 דונאם. דער שטח פון א"י איז אונגעפעהר (רעכענדיג 55.000 קוואד. קיל.) 60.000.000 דונאם. עס ווערט אלזא בעארבייט נור א צוועלפטעל פון פאלעסטינער באָדען (8.33 פראצ.)

אקערבוי.

די פּראצענט פערהעלטניסע פון בעארבייטען צום גענצען שטח זיינען ניט גלייך אין אלע טיילען פון א"י, רעכענדיג בלויז דעם אקערבוי־באָדען (די פלאנטאציעס פערנעמען אין גאנצען ⅚ פראצענט פון אלגעמיינעם שטח) בעקומען מיר אויפ'ן גרונד פון די אויבענגעבראכטע אנגאבען די פאלגענדע רעזולטאטען:

	אלגעמיינער שטח אין קוו. קיל.	אקערבויאיש בענוצטער שטח. אין דונאם	אין קוו. קילאמ.	פראצענט.
ירושלים'ער סאנדזשאק — —	18.900	1.189.000	1092.8	5.25
שומרון און גליל — — — — —	8.300	1.427.000	1311.6	15.6
עבר הירדן — — — — — — —	25.000	1.770.000	1627.3	6.6—7

מ'דארף אבער אננעהמען, אז דער פראצענט פון אקערבויאיש בעווירטשאפטעטען איז פיעל א העכערער, אויס דעם פאלגענדען גרונד: דער באָדען וועלכע דער פלאח בעווירטשאפט, ווערט ניט בעארטייטעט יעדעס יאהר. געזוענליך לאָזט דער פלאח אויסרוהען (ער לאָזט עס איבער „בור", ווי עס הייסט אין העברעאיש און אראביש) יעהרליך כמעט א העלפט פון זיין באָדען. ווען די רעגיערונג רעכענט דעם ערטראג פון באָדען רעכענט זיך נור דער באָדען וואָס ווערט אנגעגעבען אלס בעארבייטעט. מ'דארף דעריבער פערגרעסערן די אויבענגעבראכטע ציפערן כמעט אויף צוויי־דריטעל אום כדי אויסגעפינען מעהר־ווייניג ריכטיג דעם שטח באָדען וואָס געפינט זיך אונטער אקערבוי־ווירטשאפט.

לויט האלב־אפיציעלע אנגאבען פון טערקישען לאנדווירטשאפטס מיניסטעריום איז דער שטח פון ירושלים'ער סאנדזשאק 23.144.580 דונאם (יעדער דונאם איז 919 קוואדראט מעטר), דערפון ווערען לאנדווירטשאפטליך בענוצט נאָר 1.223.188 דונאם, וואס מאכט אויס 5.28 פראצענט פון אלגעמיינעם שטח. ביירות'ער ווילאיעט (אין וועלכען עס איז אנגעשלאָסען שומרון און גליל) צעהלט 31.141.300 דונאם, דערפון ווערען גענוצט 3.236.808 דונאם, ד. ה. 9.76 פראצענט. דמשק'ער ווילאיעט פערמאגט 108.660.000 דונאם, דערפון ווערען בענוצט 3.777.434 דונאם, ד. ה. 3.47 פראצענט פון גאנצען שטח. דער אלגעמיינער שטח פון די דריי פראווינצען ענטהאלט אלזא 162.945.880 דונאם און פון זיי ווערען בענוצט 8.237.430 דונאם וואס מאכט אויס דורכשניטליך 5 פראצענט פון אלגעמיינעם שטח. די ציפערן זיינען, ווי בכלל די טערקישע סטאטיסטישע אנגאבען, ניט אין גאנצען פינקטליך און אבסאלוט ריכטיג. דער שטח פון ווירטשאפטליך בענוצטען באָדען, ווי מיר האָבען שוין אויפמערקזאם געמאכט העכער, איז בעדייטענד גרעסער; מאכענדיג אבער די ברייטעסטע הנחה צו דער נאכלעסיגקייט פון דער טערקישער סטאטיסטיק קאָן מען מיט זיכערהייט אננעהמען, אז דער אומפאנג פון בעארבייטעטען באָדען דערגרייכט ניט גאנצע 10 פראצענט פון אלגעמיינעם שטח פון לאנד. ווי מיר האָבען געזעהן האָט ירושלים 1.189.000 דונאם אקערבאָדען און ארום 275.000

דונאם פלאנטאציעס, צוזאמען 1½ מיליאן דונאם, אונגעפעהר 6,5—7 פראצענט פון אלגעמיינעם שטח.

אין שומרון און גליל איז דער פראצענט פון בענוצטען באדען געוויסערמאסען גרעסער, אין עבר הירדן בערך דער זעלבער וואס אין ירושלים.

בעוואוינהייט פון א״י.

בנוגע דער בעוואוינהייט און קאלאניזאציאנס־מעגליכקייטען פון ארץ ישראל זיינען פערשפרייט צוויי ענטגעגענגעזעצטע מיינונגען. פיעלע דענקען, אז א״י איז א לעער און אונבעזעצטער לאנד, כמעט דורכאויס ווילד, אהן א בעשטענדיגער זעסהאפטער בעפעלקערונג, א חוץ וואנדערענדע אראבער. פיעלע אנדערע ווידער מיינען, אז דאס לאנד איז דורכאויס בעזעצט און פערנומען און עס האט שוין מעהר קיין פלאץ ניט פאר א גרויסער איינוואנדערונג און מאסען קאלאניזאציע.

דיעזעביידע עקסטרעמע מיינונגען זיינען אונבעגרינדעט און פאלש, ווי עס איז צו זעהן פון די ביז־איצטיגע אבהאנדלונג וועגען אלגעמיינעם ישוב.

ארץ ישראל איז ניט לעער און אונבעזעסען. איננערהאלב די גרעניצען וואס מיר האבען פעסטגעשטעלט אין אנהויב פון דיזען בוך — פון חרמון אין צפון ביז׳ן גאלף פון עקבה אין דרום, און פון ים התיכון אין מערב ביז׳ן מדבר סוריה אין מזרח, אויף א שטח פון בערך 55—60 טויזענד קוואדראט קילאמעטער, לעבט א בעפעלקערונג פון בערך א מיליאן נפשות, וואס מאכט אויס אונגעפעהר 18 נפשות אויף א קוו. קיל. דערפון זיינען צוויי דריטעל אין מערב זייט פון ירדן און איין דריטעל אין מזרח זייט.

דער גאנצער אידישער ישוב — בערך הונדערט טויזענד נפשות — איז קאנצענטרירט אין דער מערב טייל. איבער הונדערט טויזענד פון די לאנד איינוואוינער זיינען וואנדערענדע בעדואינישע שבטים. דאס לאנד ענטהאלט אלזא בערך 800.000 ניט־אידישע זעסהאפטע איינוואוינער, פון וועלכע ארום 300.000 זיצען אין די שטעדט און פערנעהמען זיך מיט האנדעל, פערשיעדענע מלאכות, קליין־אינדוסטריע און אויך אגריקולטור, בעזונדערס פלאנטאציאנס־ווירטשאפט (אליווען, אראנזשען און וויינגארטנער). אונגעפעהר א האלבער מיליאן וואוינט אין דערפער — דאס זיינען די בויער און ארבייטער פון לאנד, די אזוי גערופענע פלאחין.

דארפישער עלעמענט און זיין בעדייטונג.

דאס איז דער וויכטיג־סטער ווירטשאפטליכער עלעמענט פון א״י וואס איז פעסט צוגעבונדען צום באדען פון וועלכען ער האט געלאזט טיעפע, אונאויסרייסבארע ווארצלען. פון וועמען און פון וואנען זיי זאלען ניט שטאמען — זיינען זיי די בעשטענדיגע ארבייטס־קינדער פון לאנד. וועמעס עלטערן און עלטערנס עלטערן ליגען בעגראבען אין די פעלדער, וואס זיי האבען בענעצט מיט זייער שוויים און פיעל מאל בעגאסען מיט זייער בלוט. קיין טערריטאריאלע פערוואלטונג און קיין וויטזיכטיגער קאלאניזאטאר וואס שטרעבט צו רעסטאווירען דאס אמאל בליהענדע לאנד און אויפשטעלען איהרע חורבות טאר מיט אויסלאזען פון אויג די רעכטע און אינטערעסען פון דער פלאחישער בעפעלקערונג.

אלס רעזולטאט פון טויזענד יעהריגער אונטערדריקונג און עקספלואטאציע זיינען די פלאחין פערארימט און דעגראדירט געווארען און געזונקען גייסטיג און מאראליש. עס לערט ניט אין זיי קיין נאציאנאלער געפיהל וואס זאל זיי פעראייניגען ווי פארבונדען אין עטוואס נאציאנאל־גאנצעס, אפילו דער פאטריאטישער געפיהל צום ל א נ ד אלס א פאטערלאנד איז ביי זיי גענצליך אטראפירט געווארען — דערפאר אבער פיהלען זיי א שטארקע צוגעבונדענקייט צום ב א ד ע ן, וואס זיי און זייערע עלטערן האבען בעארבייט. די פלאחין פון איין דארף זיינען גאנץ גלייכגיל־

טיג צום שיקזאל פון אלע אנדערע דערפער און פון לאנד אין גאנצען, דערפאר אבער איז דאס שטיקעל ערד וואס בעלאנגט צו זיי אליין, אינדיווידועל אדער בשתפות צו דער גאנצער פאמיליע („חמולה“) אדער צום גאנצען דארף — ביי זיי זעהר טייער און זיי זיינען דערצו צוגעבונדען ווי צום שורש פון זייער קיום. עס איז אן עלעמענט וואס קאן ניט און טאר ניט פערדרענגט ווערען פון לאנד, און יעדע פלאנמעסיגע און צוועקמעסיגע קאלאניזאציע דארף שטרענג אכטען און אבהיטען זייערע פאליטישע און עקאנאמישע אינטערעסען. פון דער אנדערער זייט אבער דארף גאר ניט א נייע מאסען־קאלאניזאציע ארויסשטויסען דעם איינגעווארצעלטען אקערבויערישען עלעמענט פון זיין פערנומענער פאזיציע — ווייל דאס לאנד האט נאך גענוג פרייען פלאץ און גענוג ווירטשאפטליכע מעגליכקייטען פאר א גרויסע אימיגראציע און פאר נייע גאנדווירטשאפטליכע זידלונגען.

קאלאניזאציאנס מעגליכקייטען.

ווי מיר האבען פריהער געזעהן ווערט איצט אין א"י בעארבייטעט קוים א צעהנטעל פון איהר באדען. ניינציג פראצענט פון לאנד ווערט איצט ניט אויסגענוצט. עס איז דערפאר זעהר קלאר, אז ארץ ישראל אלס אגריקולטורעלעס לאנד האט נאך פלאץ פאר אם ווייניגסטען צעהן מאל אזוי פיעל איינוואוינער, ווי זי האט אין איצטיגען מאמענט, וואס קאנען זיין בעשעפטיגט ביי לאנדווירטשאפט. דער גרעסטער פון אלע פאלעסטינא־פארשער, אונטער וועמעס אויפזיכט איז אנגעפיהרט געווארען די גראנדיעזע אויספארשונגס ארבייט פון „פאלעסטין עקספלארישאן פאנד“ אין די אכציגער יאהרען, און וועלכער האט געקענט א"י בעסער ווי אירגענד וועלכער פארשער פון 19טען יאהרהונדערט, און האט נאך ביז היינט ניט געפונען קיין גלייכען צו זיך אין גרינדליכער, אלזייטיגער און אינטימער בעקאנטשאפט מיט דער געשיכטע און געאגראפיע פון „לאנד פון ביבעל“ — דער ענגלענדער קאנדער האט אין רעזולטאט פון זיינע זעקס־יעהריגע מעסטונגען און פארשונגען אין לאנד געשריבען: „ווען פאלעסטינא זאל ווערען דורכאויס קולטיווירט, אפילו לויט'ן ארט פון די ארטיגע פלאחין, איז זי אומשטאנד אויסצוהאלטען צעהן מאל אזוי פיעל פון איהר איצטיגער בעפעלקערונג.“ די געשיכטע פון דער קולטור און בעוואוינהייט פון לאנד בעשטעטיגען פאלקאם די דאזיגע אויספיהרונג. ניט נור זיינען פריהער די איצט ליידיגע און אונבעארבייטע לענדערייען געווען קולטיווירט און דער שטח פון קולטור־לאנד איז געווען פיעל גרעסער, נאר ווי מיר האבען שוין בעמערקט אין די פריהערדיגע קאפיטלעך איז דער צושטאנד פון דער לאנדווירטשאפט געווען פיעל א העכערער. די ארבייט איז געווען פיעל מעהר אינטענסיוו, זארגפול און פאלקאמען. די לאנדעס בעפעלקערונג איז דעריבער געווען פיעלפאך גרעסער.

גרויס פון אמאליגער בעפעלקערונג.

די געשיכטע האט ניט איבערגעלאזט קיין מעהר אדער ווייניגער פינקטליכע סטאטיסטיק פון דער בעפעלקערונג אין ארץ ישראל פאר צוויי און דריי טויזענד יאהר צוריק, אבער עס איז ניטא קיין צווייפעל — צאהלרייכע היסטארישע און ארכעאלאגישע דאקומענטען און בעווייזע בעשטעטיגען דאס — אז די אמאליגע איינוואוינערשאפט פון לאנג איז געווען צעהנפאך גרעסער פאר דער היינטיגער.

אין איינינע שטעלען אין דער תורה ווערט אנגעגעבען די צאהל אידען וואס איז

אריינגעקומען אין ארץ ישראל. 1). די צאהל פון די מענער פון צוואנציג יאהר און ווייטער זאל האבען דערגרייכט 603.550 וואס מאכט אויס א בעפעלקערונג פון איבער צוויי מיליאן. דאס איז נאטירליך ניט קיין אבסאלוט זיכערע סטאטיסטיק. עס איז אבער ניטא קיין אורזאכע צו דענקען, אז די צאהל פון די אידישע שבטים האט ווירקליך ניט דערגרייכט אונגעפעהר דיזע הייך. לויט דער ערשטער פאלקס־צעהלונג וואס יואב האט אונטערנומען אין דוד׳ס צייטען האט ישראל געצעהלט 800.00 און יהודה 500.000 קאמפפעהיגע מענער 2), וואס מאכט אויס א בעפעלקערונג פון 5־6 מיליאן. די ציפערען זיינען ווארשיינליך איבערטריבען, אבער דער ישוב האט דאן אהן צווייפעל דערגרייכט עטליכע מיליאן. אין אייניגע שטעלען וואס בעציהען זיך אויף שפעטערע צייטען ווערען אנגעגעבען נאך גרעסערע ציפערען. אזוי, צום ביי־שפיעל, אין קאמפף צווישען אביה מלך יהודה און ירבעם מלך ישראל האבען, לויט דברי־הימים, אנטייל גענומען פון ביידע זייטען 1.200.000 אידישע סאלדאטען 3). אסא מלך יהודה האט געצעהלט 300.000 סאלדאטען פון שבט יהודה און 280.000 פון שבט בנימין 4). יהושפט׳ס ארמיע זאל האבען דערגרייכט די ריזיגע צאהל פון 1.160.000 מאן 5), און אמציה האט געהאט 300.000 סאלדאטען פון שבט יהודה און 100.000 געדונגענע סאלדאטען פון ישראל 6).

ווי איבערטריבען דיזע אלע ציפערען זאלען ניט זיין — זיינען זיי ניט אין גאנ־צען אהן א גרונד. די אידישע בעפעלקערונג פון יהודה האט ווירקליך דערגרייכט זעהר א גרויסע צאהל. אין אן אשור׳ישען אויפשריפט פון סנחריב, וואס איז אין חזקיה׳ס צייטען בעפאלען יהודה 7), ווערט דערצעהלט ווי אזוי דער מעכטיגער אשור׳ישער קעניג האט אטאקירט און ערָאבערט זעקס און פערציג בעפעסטיגטע שטעדט פון מלך חזקיה און א גרויסע מענגע פון קליינע שטעדטלעך און האט פון דארט אוועקגע־פיהרט 200.150 מאן, גרויס און קליין, מענער און פרויען 8). די אויפשריפטען פון סנחריב צייכנען זיך אויס מיט א בעזונדער פינקטליכקייט און גענויאיגקייט, און עס איז ניטא קיין סבה צו צווייפלען אין די ריכטיגקייט פון דער ערצעהלונג וואס שטימט אויך אין אלגעמיין מיט דער ביבלישער געשיכטע. חזקיה׳ס קעניגרייך האט איינגע־שלאסען נאר א טייל פון איצטיגען ירושלים׳ער סאנדזשאק. אין מערב און אין דרום אין די טיילען וואס בילדען איצט די קאדאס פון באר־שבע, אל־חפיר, עזה און טייל־ווייז אויך יפו, זיינען געזעסען אנדערע פעלקער — פלשתים, אדומים, מואבים און אנדערע וואס זיינען געווען אונאבהענגיג פון יהודה, און געבילדעט זעלבסטשטענדיגע קעניגרייכען. סנחריב דערמאנט עטליכע פון זיי:

יהודה אמאל און איצט.

מתנת דער מלך פון אשדוד, ברואל מלך פון בית־עמון, כמוש־נדב מלך פון מואב, הירמו מלך פון אדוב, צדק מלך פון אשקלון, פדיה מלך פון עקרון — מיט זיי אלעמען

1) שמות ל״ח 36, במדבר א׳ 46. פערגלייך אויך במדבר כ״ו 51.

2) שמואל ב׳ כ״ד 9. אין דברי הימים א׳ כ״א 5 ווערט אנגעגעבן עטוואס אנדערע צאהלען, א גרעסערע פאר ארץ ישראל און א קלענערע פאר יהודה.

3) דברי־הימים י״ג 3.

4) דברי־הימים ב׳ י״ד 7.

5) דברי־הימים י״ז 14־19.

6) דברי־הימים כ״ה 5.

7) מלכים ב׳ י״ח 13־16.

8) "Records of the Past," vol. I, p. 38.

האט סנחריב געקעמפפט און גענומען א גרויסע צאהל געפאנגענע. טראץ דעם ריזי־גען פערלוסט איז יהודה אין סנחריב'ס צייט ניט חרוב געווארען, א סימן, אז די בע־פעלקערונג איז דאן געוועזן פיעלפאך גרעסער אלס די צאהל פון געפאנגענע און אוועקגעפיהרטע. און צורעכענענדיג אויך די אנדערע פעלקער און פעלקערלאך וואס האבען פערנומען די וועסטליכע און זידליכע טיילען פון דעם וואס איז איצט ירושלים־ער סאנדזשאק קאן מען מיט זיכערהייט אננעהמען, אז די דארטיגע בעפעלקערונג האט דאמאלס דערגרייכט איינינע מיליאן, אין דער צייט וואס איצט צעהלט דער ירושלים־ער סאנדזשאק אונגעפעהר 400.000 איינוואוינער. און צורעכענענדיג די בעדואינער — ארום 460.000. דאמאלס האט זיך די בעפעלקערונג פערנומען אויסשליסליך מיט לאנדווירטשאפט און פיהצוכט, אין דער צייט וואס איצט לעבט כמעט א העלפט פון דער בעפעלקערונג פון יהודה אין די שטעדט.

אמאליגע פרוכטבארקייט.

מיר זעהען אלזא, **אז דער באדען פון יהודה, וואס** איז דער אמווייניגסטען **פרוכטבארער טייל פון מערב א"י האט דאמאלס, מיט בערך 2750 יאהר צוריק, ערנערט א בעפעלקערונג וואס איז אמווייניגסטען געוועזן צעהן מאהל אזוי גרויס ווי די איצטיגע בעפעלקערונג.** ווי מיר האבען געזעהען פון האלב־אפיציעלע אנגאבען ווערט אין ירושלים'ער סאנדזשאק איצט בענוצט נור 5.28 פראצענט פון באדען, לויט א מעהר פינקטליכער אבשאצונג ווערען אונגעפעהר 7 פראצענט בענוצט לאנדווירט־שאפטליך. די שיטערקייט פון דער בעפעלקערונג און דער קליינער פראצענט פון בע־ווירטשאפטען באדען זיינען אהן צווייפעל ענג פערבונדען צווישען זיך.

נגב.

ניט אלע באדענס פון יהודה וואס זיינען יעצט פערלאזען זיינען געוועזן אין אלטע צייטען קולטיווירט. אויך דעמאלס זיינען מאנכע טיילען פון יהודה געוועזן וויסט. דער **נגב** האט הויפטזעכליך געדיענט אלס פאשעלאנד, און גרויסע שטחים אין דיזען „טרוקען־לאנד" זיינען געוועזן פערוויסטעט. אבער אפילו אין דיזען אונפרוכטבארסטען טייל פון א"י, וואס איז איצט א טרויעריגע וויסטעניש וואו קוים א טויזענד איינ־געזעסענע און א צוויי טויזענד וואנדערער בעארבייטען צוביסלעך און אויף א זארג־לאזען אופן דעם באדען גפינט מען אין פיעלע ערטער סימנים פון פריהערדיגער אינטענסיווער לאנדווירטשאפט און געדיכטער בעפעלקערונג (זעה זייט 243).

מדבר יהודה און עין־גדי.

א צווייטע שטיק לאנד וואס איז געוועזן אויך פריהער וויסט איז — דער ביב־לישער מדבר יהודה אדער ישימון, דאס וויסטע שטיק לאנד פון מערב זייט ים־המלח וואס איז דורך דער הויכער בערגקייט פון וואסערשייד אבגעשניטען פון די מערב־ווינטען וואס בלאזען פון ים התיכון.

אויף אין דיזער שטייניגער וויסטע וואס ציהט זיך אין א לענג פון בערך 40 מייל אנפאנגענדיג פון דער צפון זייט פון יריחו, ביז מסדה אויף'ן ברעג פון ים־המלח — און א מאקסימום ברייט פון 12 מייל, איז פארהאן א וואונדער־שעהנער און וואסער־רייכער פרוכטבארער פלאץ, וואס האט זיך אין די צייטען פון בית ראשון און בית שני געריהמט מיט זיינע וויינגערטנער און גרויסארטיגע פלאנצונגען פון באלזאם (9) — דער אזיס עין־גדי. נאך איצט צייכענט זיך עין־גדי אויס מיט איהרע פרוכטען וואס די ארטיגע האלב־בעדואינער פון שבט תעמירה פראדוצירען דא. אבער דער קול־

(9) שיר השירים א' 14, קדמוניות 9, 2,1.

טיווירטער שטח פון איצט איז אפילו ניט קיין צעהנטעל פון דעם וואס איז אמאל געווען. טעראסען וואס זיינען פאר צוויי און דריי טויזענד יאהר אנגעלעגט געווארען אויף די אבהענג פון די בערג וואס לאזען זיך אראב צום ים המלח — זיינען נאך עד היום קענטיג, און צייגען אויף דעם שטח לאנד, וואס איז דאמאלס זארגפעלטיג בעארבייט געווארען. אויסער די קוואלען פון עין־גדי האבען די אמאליגע אידען בענוצט אויף די וואסער פון א גרויסען וואדי אין דרום וואס ווערט איצט אין גאנצען פערנאכלעסיגט. און די גרעסטע טייל פון די פריהערדיגע גערטנער טיילען איצט דעם וויסטען שיקזאל פון מדבר יהודה.

מיט דער אויסנאהם אבער פון דעם נגב און מדבר יהודה איז דאס גאנצע איבריגע לאנד פון יהודה געווען איבעראל בעזעסען און קולטיווירט.

די הרי־יהודה.

איבער דער מדבר הויבען זיך אויף די בערג פון יהודה וואס ווערט אין תנ"ך בעצייכענט אפט אלס „די בערג" סתם. דער זידליכער טייל פון די בערג, וואס רופען זיך איצט „ג'בל חליל" — חברונ'ער בערג — זיינען פארצייטענס געווען בעריהמט מיט זייערע וויין־גערטנער (10). דער וויינשטאק בליהט דא אויף א הויך פון 4000 פוס איבער'ן ים שפיגעל. ווי מיר האבען געזעהן איז חברון נאך איצט א וויכטיגער צענטר פון טרויבען־קולטור, אבער די אונצעהליגע שטיינערנע טורעמס און וויינקעלערס אויסגעהאקט אין די פעלזען, וואס זיינען פערבליבען פון אמאל אין די ערטער וואס ווערען איצט ניט בעארבייט — צייגען אז די וויין־קולטור האט זיך דא שטארק פערקלענערט.

אין דיזען בארג־געביעט בעגעגענט מען אויף אין תנ"ך פיעלע נעמען פון וועלדער (11). ארקולף אין יאהר 700 דערצעהלט נאך פון א סאסנע־וואלד צווישען חברון און ירושלים פון וועלכען עס איז איצט פערבליבען ניט מעהר ווי איינער אדער צוויי בוימער.

די מעהר נארדליכע טייל, וואס רופט זיך איצט „ג'בל קודס" — ירושלים'ער בערג — האט זיך אויך אין אלטע צייטען ניט שטארק געריהמט מיט איהר פרוכטבארקייט. לויט דעם תלמוד האט דא די תבואה געבראכט א פינף פאכיגען ערטראג (12), אבער איניגע ערטער זיינען געווען זעהר רייך. מכמיש און זנוח האבען געהאט די בעסטע וויין אין לאנד און דעסטגלייכען אויף עפרין, וואס איז נעהנטער צו שומרון (13). דער לעצטער ארט איז געווען אזוי רייך מיט תבואה, אז מ'פלעגט זאגען „ברענגען שטרוי אין עפרין" („תבן אתה מכנים לעפרין") (14) — פונקט ווי מ'זאגט אין פראנצויזיש: „טראגען וואסער צום טייך".

דיזע בערג זיינען געווען דאס הארץ פון יהודה, דא זיינען געזעסען די מעהרסטע איינוואוינער פון דער זידליכער אידישער מלוכה. די איצט נאקעטע און לעבענסלאזע יהודה'ר בערג האבען דאמאלס ערנערט א מיליאניגע בעפעלקערונג.

סיי פון די צייכענס אין די בערג סיי פון די היסטארישע שריפטען זעהען מיר ווי אזוי די טעראסען־קולטור איז דא געווען אויסערגעוועהנליך ענטוויקעלט. די פעראומערטע הרי־יהודה וואס זיינען איצט אין א גרויסער מאס ענט־

10) במדבר י"ג 23.
11) „יער הרת" — שמואל א' כ"ב 5, „חרשה" — שמואל א' כ"ג 15, „כרמל" — שמואל א' כ"ה 2
12) כתובות קי"ב.
13) משנה מנחות 8, 1.
14) מנחות פ"ה.

בלויזט פון זייער פרוכט־באָדען זיינען דאָן געווען גרין און בעדעקט מיט וועלדער, גערטנער און פעלדער.

פּאַרצייטיגע טעראַסען־קולטור און בעוואַסערונגס־סיסטעם.

די גיגאַנטישע נאַטירליכע טרעפּ אין די בערג זיינען דאָן דורך פּלייס און אַרבייט טיילוויין אויסגעגליכען געוואָרען, טיילוויין אַרומגעמויערט געוואָרען און אין שעהנע קולטור־טעראַסען פערוואַנדעלט געוואָרען. צוזאַמען מיט'ן טעראַסענבוי איז זעהר בּרייט פּראַקטיצירט געוואָרען די אַנלאַגע פון קינסטליכע בעוועסערונגס מיטלען. די האַרטקייט פון די פעלזבענק אין די קאַלכבערג בעגינסטיגט זעהר דעם אויסבוי פון ציסטערנעס, באַסיינען, רעזערוואוּאַרען, וואו די רעגען־וואַסער איז געזאַמעלט געוואָרען צו דערגענצען די קוואַל־וואַסער און דערמיט צו ערמעגליכען אַלס אַ ברייטערע בעוואַסערונג פון די בערג אַבהענג. מיט דער הילף פון די טעראַסען און בעוואַסערונגס־אַנלאַגען האָבען די אידען געקענט אויסנוצען יעדען שטיקעל באָדען און יעדען טראָפּען וואַסער פון זייער בערגיג לאַנד. אויף די טעראַסען האָט מען געזייט תבואה, גרינסען און איבערהויפּט געפּלאַנצט וויינגערטנער (15). דורך די טעראַסען האָבען זיי אַלע מאָל געוואונען נייעם קולטור־באָדען און האָבען צו גלייכער צייט פערהיט, אַז די דינע פרוכטבאַרע ערדשיכט וואָס בעדעקט די בערג זאָל ניט ווערען אַבגעוואַשט פון רעגען. אויך די קינסטליכע בעוואַסערונג סיסטעם איז אַזוי געווען פערפאַלקאָמט, אַז די וואַסער וואָס האָט אַראַבגערונען פון די בעוואַסערטע פעלדער אין דער הויך איז ווייטער געזאַמעלט געוואָרען אין נידריגערע רעזערוואוּאַרען, אויף'ן רוקען באַרג, און האָט נאָך אַמאָל געדיענט צו בעוואַסערען אַנדערע פעלדער (16). מאַנכע פון דיזע וואַסער איינריכטונגען אין די בערג פון יהודה זיינען נאָך פערבליבען ביז היינט — נעבען ירושלם, בית לחם און חברון (זעה בילד 17, זייט 145 און בילד 43, זייט 273). אַזעלכע בעוואַסערטע פעלדער וואָס האָבען זיך גערופען „בית־השלחין" ווערען בעאַרבייט דורכאויס, גאַנצע צוועלף חדשים אין יאָהר און ברענגען אַריין יעהרליך צוויי ערנטעס 17).

די שפלה.

די שפלה, די נידריגע בערגלעך וואָס לאָזען זיך אַראָב פון די הרי יהודה אין מזרח צו דעם פלאַך־לאַנד ביים ברעג ים און מערב, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געדיענט אַלס אָביעקט פון קריגערייען צווישען די אידען פון די בערג און די פלשתים פון טאָל, איז פון די רייכסטע געגענדען אין לאַנד און איז אין די אַלטע צייטען געווען זעהר רייך מיט אליוועז, סיקאַמאָרען און תבואה פעלדער (18). די סיקאַמאָר וואָס איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער בוים פון דער שפלה געפינט זיך דאָ אין אַ סך ערטער, אָבער בלויז פעראיינצעלט. די טערעבינטען (העברעאישע אלה) פון עמק אלה זיינען נאָך איצט אויך די בעסטע אין א"י; די גרויסע מענגע חורבות וואָס געפינען זיך דאָ בעשטעטיגען די ביבלישע ערצעהלונג וועגען די צאָהלרייכע שטעדט וואָס זיינען דאָ געשטאַנען (19).

פלשת.

דאָס פלאַך לאַנד צו מערב צו, דער טאָל פון פלשת איז דאָס פרוכטבאַרסטע לאַנד אין מערב א"י, הגם דאָ זיינען קיין קוואַלען ניטאָ, און וואַסער ווערט בעצווינגען

15) תוספתא פאה 1, 9, תוספתא כלאים 3, 7־8, ירושלמי 3, 17, משנה כלאים 6, 2.
16) בבלי מועד קטן ד'.
17) תוספתא תרומות 2, 6, משנה בבא בתרא 2, ".
18) דברי־הימים א' כ"ז, 28.
19) יהושע ט"ו 33—36, דברי־הימים ב' כ"ח 8.

פון ברונעמס, איצט אזוי גוט ווי אמאל. די וואסער איז אבער נאהענט צו דער אויבערפלעכע און איז זעהר רייכליך. כמעט דיזער גאנצער געגענד קאן זעהר לייכט בעוואסערט ווערען — ווי די אראנזש־גערטנער פון יפו און די ארומיגע אידישע קאָלאָניעס. דער גרויסער שונא פון קולטור אין דעם געגענד זיינען די זאמדען פון די דיונעס וואס רוקען זיך אונגעשטערט אלץ טיעפער אריין אין לאנד. צו דרום זייט פון יפו האבען די זאמדען שוין פערכאפט א ברייט פון פיער מייל, און די אמאל בערימהטע גערטנער פון אשקלון ווערען ביסלעכווייז פערשאטען.

עמק השרון. נאך גרעסערע דעגראדירענדע ענדערונגען זיינען פארגעקומען אין עמק השרון — די שטרעקע צווישען יפו און חיפה. די אלטע וואסער־לייטונג סיסטעם, וועמעס רעשטען זיינען נאך פערבליבען אין פיעל ערטער, ווי אין אנטיפטרוס נעבען פתח־תקוה, אין עתלית, א ז. וו. איז גענצליך צושטערט געווארען, און די דורכגענג וואס זיינען אויסגעהאקט געווארען אין די פעלזען ביים ברעג־ים, אבצוציהען די וואסער פון די געגענדען וואס זיינען צו רייך אין גרונד־וואסער — זיינען פערשטעלט געווארען, און אין פיעלע ערטער האבען זיך געבילדעט שרעקליכע זומפען וואס פערפעסטען די רייכסטע לענדערייען פון שרון עבענע. פון די וועלדער פון השרון, וואס האבען נאך עקזיסטירט אין מיטעלאלטער זיינער פערבליבען נור איינצעלנע בוימער דא און דארט. אויך דא שפארט אין פיעלע ערטער די זאמד פון די דיונעס אריין אין לאנד. קסריה וואס איז פאר'ן חורבן בית שני און ספעציעל דערנאך געווען א גרויסע און א רייכע פארט שטאדט מיט גערטנער ארום איז איצט אין מזרח זייט פערשאטען מיט זאמדען אויך א מהלך פון קנאפע פיער מייל.

אט די אלע לענדערייען וואס פוסטעווען איצט אלס רעזולטאט פון טויזענד־יעהריגער אבגעלאזענקייט און פערנאכלעסיגונג, סיי אין די פרוכטבארע טאלען, סיי אין די שטייניגע געבירג — זיינען פריהער, ווי מיר האבען געזעהען, פלייסיג און אינטענסיוו בעארבייט געווארען, און עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך ווארום די פארצייטיגע בעפעלקערונג פון יהודה איז געוועז פיעלפאך גרעסער פאר דער היינטיגער בעפעלקערונג פון ירושלים'ער סאנדזשאק. מ'קאן אננעהמען, אז א גאנצע העלפט פון איצטיגען ירושלים'ער סאנדזשאק וועמעס שטח איז 18.900 קוואדראט קילאמעטער איז געווען קולטיווירט, וואס מאכט אויס אן ערך פון איבער 9.000.000 דונאם קולטיווירט לאנד, אין דער צייט וואס איצט ווערט אין ירושלים'ער סאנדזשאק ניט מעהר בעארבייט אלס 1½ מיליאן דונאם. יוסף בן מתתיה (פלאוויוס) ציטירט א גריכישען שרייבער העקטאטעאוס (20), א צייטגענאסע פון אלכסנדר מוקדון, וואס בעשרייבט די גרויסע אידישע בעפעלקערהייט פון יהודה און בעריכטעט, אז דאס לאנד וואס די אידען בעוואוינען פערנעמט דריי מיליאן מצריישע אקר, וואס איז בערך 8.200 קוואדראט קילאמעטער אדער ארום 9.000.000 דונאם. די ציפערען בעציהען זיך בלויז אויף יהודה.

יוסף אליין בעשרייבט יהודה פון זיין צייט אלס א לאנד וואס האט פייכטקייט גענוג פאר לאנדווירטשאפט און איז זעהר פרוכטבאר און פול מיט בוימער און פרוכט. א דאנק די פיינע גראז ברענגען די דארטיגע בהמות מעהר מילך ווי אין אנדערע ערטער, און „וואס איז דער גרעסטער צייכען פון רייכטום און שפע איז די הויכע צאהל פון איינוואוינער" (21).

(20 נעגען אפיאן, 1, 22.

(21 מלחמות, 3, 3, 4.

שומרון.

פון ש ו מ ר ו ן ווערט אין דער אידישער אלטער ליטעראטור זעהר ווייניג דערצעהלט, בעזונדערס איז דער תלמוד אָרעם מיט אויסקינפטע וועגען דעם צענטראל לאנד פון ארץ ישראל. דאָס שטאַמט פון דער שנאה וואָס האָט געהערשט צווישען די אידען און די שומרונים. אבער נאָך איצט איז שומרון דער רייכסטער געגענד פון לאנד. שכם גופא, די הויפטשטאדט פון שומרון, איז רייך מיט קוואלען און גערטנער (זעה זייטע 280) און די שומרונער דערפער זיינען גוט געבויט און פערמאָגען פיעל בוימער. אין צפון זייט, צום עמק יזרעאל זיינען די דערפער זעהר גרויס און די פלאחין זיינען פערהעלטניסמעסיג, אין פערגלייך מיט אנדערע געגענדען, פערמעגליך. זעהר פערשפרייט זיינען דאָ אליוון־פלאנצונגען, און אויך תבואות וואקסען זעהר גוט אין „וואדי שעיר" („דער טאָל פון גערשט"). אבער ווי קאַנדער דענקט, איז די באָדען־קולטור אין דער פערגאנגענהייט געווען פיעל רייכער, ווי מ'קאָן זעהען פון די אלטע טעראסען וואס זיינען אויסגעהאקט אין ווייכען קאלך.

דער געבענטש־טער גליל.

פון אלע לאנד טיילען איז ג ל י ל געווען דער בעזענסטער און קולטיווירסטער. דאָס איז געווען דער גארטען פון לאנד. דער תנ"ך און דער תלמוד, יוסף פלאוויוס און רוימישע געאגראפען און היסטאָריקער שטימען אין דעם איין. דער ים כנרת און זיינע וואונדערשעהנע און אונגעהויער פרוכטבארע אומגעבונג איז געווען דער ברען־פונקט פון ארץ ישראל.

ארום דעם ים כנרת.

די ברעגעס ארום דעם ים זיינען געווען פערפלאנצט מיט אלערליי פרוכטבוימער, און אין דעם אונענדליכען גרינעם גארטען האָבען געבליהט רייכע שטעדט און דערפער אזוי נאָהענט איינע צו די צווייטע אז די גאנצע געגענד האָט אויסגעזעהן ווי א ריעזיגע צעווארפענע שטאָדט דורכאויס איינגעטונקען אין גרינע בוימער. קיין איין שטיקעל באָדען איז ניט געבליבען ליידיג. „ווייל די ערד דאָ איז אזוי רייך אומעטום און פרוכטבאר און פול מיט פלאנטאציעס פון אלערליי בוימער, אז ס'בעוועגט אפילו דעם סאמע פוילסטען צו בעמיהען זיך און קולטיווירען דאָס לאנד. אזוי רייכליך איז פרוכטען איז עס, און דעריבער איז גליל דורכאויס קולטיווירט ביי די איינוואוינער און קיין איין טייל דערפון איז ניט פערנאכלעסיגט. נאָך מעהר, די שטעדט זיינען דאָ זעהר געדיכט, און די פיעלע דערפער וואס זיינען דאָ פאראַן זיינען פול מיט מענשען, א דאנק דעם רייכטום פון באָדען, אז די קלענסטע פון זיי ענטהאלט איבער 15.000 איינוואוינער" (22).

אויך אין תלמוד ווערט מיטגעטיילט, אז דער ים פון כנרת איז ארומגערינגעלט מיט שטעדט און שטעדטלעך און דערפער (23). פליניוס דערצעהלט דאָס זעלבע אז דער ים כנרת „איז ארומגעגארטעלט מיט גרויסארטיגע שטעדט" (24).

עמק גינוסר.

מיט אויסערגעוועהנליכען רייכטום האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דער עמק גינוסר, פון צפון זייט פון טבריה. די בעגייסטערטע שילדערונג פון יוסף פלאוויוס מיט די לויבען פון תלמוד שטימען ביידע אין דעם פונקט. די פרוכט פון גינוסר האָט מען אין יום טוב ניט געבראכט אין ירושלם, כדי די עולי רגל זאָלען ניט זאגען, אז צוליעב די פירות אליין איז שוין כדאי געווען צו קומען נאָך ירושלם, וועט די עליה זיין שלא לשמה (25). „די נאטור פון דעם געגענד איז אזוי וואונדערבאר פונקט ווי

22) מלחמות 3, 3, 2.
23) „ימה של טבריא הואיל וויש לה אוגנים ועירות וקרפיפים מקיפות אותה" (עירובין פ"ז).
24) „נאטור געשיכטע" 5, 15.
25) פסחים ח'. זעה אויך ברכות מ"ד.

זיין לאַנדשאַפט. דער באָדען איז אַזוי געבענטשט אַז אַלערליי בוימער געראָטען דאָ, און די איינוואוינער האָבען די פערשיעדענסטע סאָרטען איינגעפּלאַנצט און אַלע וואַקסען אונטער דעם הערליכען קלימאַט, וואָס איז אַזוי געמישט, אַז ער פּאַסט זיך פאַר יעדען כאַרט. נוס־בוימער וואָס ליעבען קעלט בליהען אין גרויס שפע נעבען פּאַלמען וואָס פּיהלען זיך גוט אין הייסען קלימאַט. אויך פייגען און איילבוימער וואָס פערלאַנגען אַ מעסיגען קלימאַט פּעהלען דאָ ניט. מען קאָן דאָס אָרט אָנרופען די אַמביציאָן פון דער נאַטור. ווי אין אַ וועט שטרייט זוכט די נאַטור דאָרט צו פערייניגען די נעגענזעצען אין איין פּונקט. עס איז אַ גליקליכער שטרייט פון די יאָהרעס צייטען וואָס שיינען צו בעקעמפּפען איינע די צווייטע פאַר דעם בעזיץ פון דער געגענד. און אַזוי ליפערט זי די קעניגליכע פּרוכטען, טרויבען און פייגען צעהן חדשים נאָכאַנאַנד אָהן אונטערברעכונג, ווערענד אַלע אַנדערע סאָרטען ווערען רייף אין דער רייהע נאָך אין פערלויף פון אַ גאַנץ יאָהר" (26).

פעלדער פון דריי ערנטעס א יאהר.

אין דעם צפונית־מזרחית'דיגען עק פון ים כנרת פערשפּרייט זיך אַ קליינע עבענע מיט'ן נאָמען אַל־בטיחא וואָס איז 7־5 קילאָמעטער אין דער לענג און 2½ קיל. אין דער ברייט. צאָהלרייכע שטאַרקע קוועלען ענטשפּרונגען אין ראַנד און לאָזען אָבפּליסען זייער וואַסער דורך איהר פּלעכע אין ים כנרת אריין. דער באָדען ווערט דאָ בעאַרבייט דורך האַלב־בעדואינער אויף זעהר אַ פּרימיטיווען און פערנאַכלעסיגען אופן, דאָך ליפערט די עבענע ד ר י י ע ר נ ט ע ס א י א ה ר. ווען די ווינטער תבואה ווערט אין מאַי און יוני געשניטען ווערט דאָס פעלד געאַקערט, בעוואַסערט און פערזייעט מיט וועלשקאָרן. ווי נאָר דאָס ווערט אַראָבגענומען — ווערט דערויף פערפּלאַנצט גרינסען און וואַסער מילאָנען, און אַלע דריי ערנטעס פאַלען אויס זעהר רייכליך, און דורך אַ בעסערע בעהאַנדלונג וואָלט די ערטראַגס־פעהיגקייט פון באָדען נאָך פיעל מעהר פערגרעסערט געוואָרען. די קליינע עבענע דערמאָנט דאָס בילד וואָס יוסף פלאַוויוס האָט אַזוי בעגייסטערט געשילדערט פון עמק גינוסר — אָבער דער טאָל וואָס ער האָט בעזונגען ליגט איצט פערלאָזען און אונבעבויט. פון די פערשיעדענאַרטיגע און צאָהלרייכע בוימער איז קיין זכר ניט געבליבען.

ניט בלויז די נאָכבאַרשאַפט פון ים כנרת, נאָר אַלע טיילען פון גליל, דער אונטערשטער און דער אויבערשטער, פון עמק יזרעאל און כרמל ביז די בערג פון לבנון האָבען זיך דאַמאָלס אויסגעצייכענט מיט זייער הויכער קולטור. דער נאָמען אַליין פון יזרעאל צייגט שוין אויף זיין כאַראַקטער — „גאָט זייעט". דער באָדען איז מייסטענס ברוינע אָבגעשטאַנענע לאַווא. נאָך פעטער איז רייכער איז דער שוואַרצער וואולקאַנישער באָדען פון דער הויכעבענע מזרח זייט פון תבור. אויף דעם געגענד ווערט דערצעהלט אין תלמוד אַז זעכצעהן מייל אַרום צפורי פליסט די ערד מיט מילך און האָניג (27). אין דעם געביעט געפינט זיך אויך בית־שאן, אויף וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען. „אויב דער גן־עדן איז אין ארץ־ישראל — איז בית־שאן זיין טהיר" (28). און רבי מאיר דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהן אַ פעלד אין בית־שאן וואָס האָט פון איין סאה געבראַכט זיבעציג כור (אַ כור איז 30 סאה) (29).

צפורי און בית־שאן.

(26) מלחמות 3, 10, 8.

(27) „אמר ריש לקיש: לדידי חזי לי זבת חלב ודבש דצפורי והויא ששה עשר מיל על ששה עשר מיל„ (כתובות קי"א, מגילה ו').

(28) עירובין י"ט.

(29) כתובות קי"ב.

גליל, בעזונדערס גליל העליון, האָט זיך מעהר פאר אלץ אויסגעצייכענט מיט די גרויסע אָליווענ־פּלאַנטאציעס און אויפּראָדוקציאָן (30). סיי די פעניקיער, סיי די סוריער האָבען געצויגען אויל פון גליל, און דער אויל האנדעל איז געווען דער קוואַל פון וואוילשטאַנד און רייכטום פאר די גליליים. שוין אין דער תורה ווערט אשר, וועמעס נחלה ליגט אין גליל, געבענשט דערמיט וואס ער וואַשט זיינע פיס אין אויל, און אין תלמוד איז פאַרהאַן א שפּריכוואָרט, אז „עס איז לייכטער צו ער־ציהען א לגיון פון אליווען אין גליל איידער א קינד אין א"י (31), „אין לאַנד פון אשר ציהט זיך די אויל ווי פון א קוואַל" (32). אהער זיינען געקומען סוחרים פון צור און סוריה איינקויפען בוימאויל. די גרעסטע אָליווענפּלאַנטאַציעס האָט דאַמאָלס פאַר־מאָגט גוש־חלב, אין גליל העליון (33). אין דער פערטיידיגונג פון יודפת האָבען די אידען בעגאָסען די אנגרייפענדע רוימער מיט קאָכענדיגע אויל וואָס זיי האָבען אראָבגעגאָסען פון די מויערען פון שטאָט (34). אזוי רייך אין אויל זיינען די גליל'ער געווען. א הויך דעם זיינען געווען בעריהמט די גראַנאַטען פון שקמונה (איצט חיפה), האָניג פון ציפּיא (פּיליכט די איצטיגע צפת), וויין פון כפר סיגנא, ווייץ פון דאָרף כרזים (35).

רייכטום פון אליוועז.

זיין הויכע שטופע פון ענטוויקלונג האָט דער גליל דערגרייכט א דאַנק צוויי פאַקטאָרען — די פליסיגקייט פון די איינוואוינער און דער נאַטור פון לאַנד. די ביבלישע כאַראַקטעריסטיק פון ארץ ישראל אלס „א לאַנד פון טייכען, קוועלען און גרונד וואַסער וואָס שטראָמט ארויס אין טאָל און באַרג" (36) איז אם מעהרסטען צוגעפּאַסט צום גליל. דער וואולקאַנישער באָדען פון דיזער פּראָווינץ מיט אויסער־געוועהנליכעס רייכטום פון אונטערערדישע און אויבענאויפיגע וואַסערען, קוואַלען, טייכען און אזערעס איז דורך דער ענערגישער און אַרבייטס־לוסטיגער אידישער פויערטום פון גליל פערוואַנדעלט געוואָרען אין „א גאָרטען אָהן אן ענד", וואו עס האָבען געבליהט ווייִנגערטנער און אָליווען, פייגען און גראַנאַטען, מאַנדלען און ניס, ציטראָנען און פּאַלמען, סיקאַמאָרען און מוילבערים, פערשיעדענסטע תבואות און אונצעהליגע בלומען, אלערליי וואַלד בוימער און אראָמאַטישע פּלאַנצונגען.

בייִ אזא רייכער, אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט האָבען זיך אויך ענטוויקעלט קלענערע און גרעסערע שטעדט פון סוחרים און בעלי מלאכה. בלויז ארום דעם ים כנרת זיינען געשטאַנען ניין־צעהן גרויסע שטעדט, פון וועלכע נור איינע — טבריא — איז פערבליבען ביז היינט. פון איינגע — ווי די גרויסע שיף־בויער שטאָט טאַריכעאַ, די בעפעסטיגטע גמלא, אנקעגען וועלכע אספּסיינוס האָט געמוזט ב־ענגען דריי רוימישע לעגיאָנען, די אַסטליכע בית־צידה וואָס הורדוס האָט פערוואַנדעלט אין א בליהענדע שטאָדט מיט'ן נאָמען יוליאַס, לכבוד אויגוסטוס קייזערס טאָכטער — איז מעהר קיין זכר ניטאָ. איינגע אנדערע ווי מגדלא, כפר נחום זיינען איצט נור אָרעמע, מיזעראַבעלע דערפלעך. פון די גרויסע שטעדט אין אנדערע טיילען פון גליל

אמאליגע שטעדט.

(30) מלחמות 2, 21, 2.
(31) ספרי דברים. זעה אויך בבא קמא קי"ט
(32) מנחות פ"ה.
(33) מלחמות 4, 2, 1; בבלי מנחות פ"ה.
(34) מלחמות 3, 7, 28.
(35) דמאי 1, 1, סוטה מ"ה. מנחות 8, 6. מנחות פ"ה.
(36) דברים ח' 7.

זיינען בעקאנט צפורי, א לאנגע צייט די הויפט שטאָדט פון גליל, בית־שאן (סקיטאָ־פאָליס), די גרעסטע שטאָדט פון דעקאפּאָליס, זבולון, קנא, גברה, יודפת, יפיע (יאפא), קדש, גוש־חלב, גבתא און אנדערע. זבולון איז געווען פון די גרעסטע שטעדט אין צפון און „איהרע הייזער זיינען געווען געבויט ווי צור און צידון (37)". ווי סטראַבאָ טיילט מיט זיינען די הייזער אין צור געווען פון עטליכע עטאזשען, העכער אפילו ווי די הייזער פון רוים.

גליל'ס איינוואוינער לויט יוסף פלאוויוס.

מאנכע פון די שטעדט, ווי טבריא, טאריכעא, בית שאן, האָבען געהאט צו 40.000—50.000 איינוואוינער. יוסף פלאוויוס דערצעהלט, אז גליל האָט פאַרמאָגט 240 שטעדט און דערפער (38), און לויט זיין א מיטטיילונג אין אַן אנדער אָרט (39), האָט יעדעס געהאט ניט ווייניגער אלס 15.000 איינוואוינער, וואס מאכט אויס א בעפעלקערונג פון אם ווייניגסטען דריי מיט א האלבען מיליאָן. דיזע בעהויפּטונג פון אידישען היסטאָריקער ווערט בעטראכטעט אלס א געוואלדיגע גוזמא. עס איז ווירקליך אונגלויבליך אז די דערפער, ווי גרויס זיי זאָלען ניט האָבען געווען, זאָלען ענטהאלטען אזא גרויסע איינוואוינערשאפט. דאס גרעסטע דאָרף אין א"י איצט האָט אפילו ניט קיין העלפט דערפון וואס יוסף שרייבט צו דעם קלענסטען דאָרף אין זיין צייט. אויך די אלגעמיינע צאהל, איבער דריי מיט א האלבען מיליאָן שיינט צו זיין זעהר גרויס ווען מען נעמט אין אכט דעם קליינעם שטח פון גליל. דער אַלטער גליל ענטשפּרעכט בערך דאס וואס איז איצט עכור'ר סאנדזשאק צוזאמען מיט די קאדא פון מרג' עיון און א טייל פון צור אין צפונית־מערבית און ג'נין אין דרומית מזרחית. דאס איז בערך א שטח פון 4000 קוואדראט קילאמעטער.

אננעמענדיג דעם אלגעמיינעם סך־הכל פון יוסף'ן קומט אויס, אז אויף יעדען קוואדראט קילאמעטער זיינען געזעסען ארום טויזענד נפשות. איצט געפינט זיך אין עכו'ר סאנדזשאק אויף יעדען קוואדראט קילאמעטער 45 נפשות, ד. ה. קוים פינף פּראָצענט פון דאמאלסדיגען ישוב. די מייסטע פארשער בעטראכטען דעריבער יוסף'ס ציפערען אלס אונמעגליכע.

בעווייזען פאר אזא גרויסען ישוב.

ווי קריטיש אָבער מ'זאָל זיך ניט בעציהען צו דער מיטטיילונג פון אידישען היסטאָריקער מוז מען דאָך אננעהמען אז די געדיכטקייט פון גליל'ער ישוב אין יענער צייט איז ווירקליך געווען אויסערגעוועהנליך גרויס. דר. סעלאַה מעריל אין זיין „גליל אין דער צייט פון ישו" ברענגט א גאנצע רייהע פון זעהר בעגרינדעטע און איבערצייגענדע ארגומענטען צו דערווייזען אז יוסף פלאוויוס'עס ציפערען זיינען ניט גאָר פאנטאסטיש.

יוסף פלאוויוס איז געווען דער קאָמאנדיר פון די אידישע ארמעען אין גליל און האָט גרינדליך געקענט די פּראָווינץ וואס ער האָט פערוואלטעט. די בעהויפּטונג וועגען דער צאהל איינוואוינער האָט ער געמאכט אין א בריעף צו זיינע געגנער וואס זיינען געשיקט געוואָרען פון סנהדרין אין ירושלם איהם ארונטערצוזעצען, און וואס זיינען פּונקט ווי יוסף אליין געווען גוט בעקאנט מיט דעם געגענד, און יוסף וואלט ניט געשריבען גאָר קיין ליגען וואס מ'קאָן גלייך אויפדעקען.

די ארמעע וואס יוסף האָט צוזאמענגעשטעלט אין גליל איז בעשטאנען פון

37) מלחמות 2, 18, 9.

38) אויטאָביאגראפיע 45.

39) מלחמות 3, 3, 2.

הונדערט טויזענד יונגע מענער, אויסער די גארניזאָנען וואָס זיינען געשטאַנען אין די פערשיעדענע בעפעסטיגטע שטעדט. יוסף אליין האָט בעפעסטיגט ניינצעהן אזעלכע פלעצער. אז גליל איז שוין פון פריהערדיגע צייטען געווען זעהר געדיכט בעוואוינט קאָן מען זעהן דערפון וואס נאָך אין די צייטען פון די שבטים האָט גליל געצעהלט 69 שטעדט, „מיט טעכטער“, און פיעלע פון זיי זיינען געווען בעפעסטיגטע שטעדט (40). און לויט א צענזוס פון יענער צייט האָבען די פיער שבטים — זבולון, יששכר, אשר און נפתלי—וואָס האָבען זיך דאָ בעזעצט, געצעהלט 206.700 קאמפפס־פעהיגע מענער (41).

גרויסע ארמעע.

ווי גרויס דער ישוב אין גליל איז געווען איז אויך צו זעהן פון דער צאהל גע־פאלענע אין דער מלחמה מיט די רוימער. ניט פון אלע שלאכטען זיינען די רעזול־טאטען פערצייכענט געוואָרען, נור בלויז די פערלוסטען פון גליל'ער מלחמות וואס זיינען פערשריבען געוואָרען מאכען אויס איבער 155.000 געפאלענע און געפאַנגענע. ווי גרויס איז געווען די צאהל גע'הרג'עטע אין די מלחמות וואס זיינען ניט פערציי־כענט און די טויזענדער וואס זיינען אומגעקומען פון הונגער און קרענק אין דעם שרעקליכען קריעג איז אונבעוואוסט — זייער צאהל האָט אָבער זיכער דערגרייכט אין די צעהנדליג טויזענדער. טראָץ דעם האָט גליל נאָך אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען געדיענט אלס אידישער צענטער און גרויסע אידישע מאסען זיינען נאָך אלץ געזעסען אויפ'ן לאנד אין גליל ביז דער אראבישער עראבערונג.

געוואלדיגע פערלוסטען אין קריעג.

די ריעזיגע קאָנטריבוציעס און די געוואלדיגע פערלוסטען האָבען ניט רואי־נירט דעם גליל ווירטשאפטליך — אזוי צאהלרייך און איינגעפונדעוועט איז דאמאָלס געווען דער גליל'ער ישוב. נאָך דעם שרעקליכען קאמפף פון די יאָהרען 66—70, אין וועלכען אזוי פיעל זיינען אומגעקומען און פערקויפט געוואָרען אלס שקלאפען — זיינען דאָך אלץ די אידען געווען פעהיג, ניט שפעטער ווי אין 65 יאָהר ארום, ארויסצושטעלען אַן ארמעע פון צוויי הונדערט טויזענד מאַן אונטער דער פאהן פון בר־כוכבא אין א נייעם קאמפף געגען רוים. דער בעסטער רוימיישער גענעראל יוליוס סעווערוס, האָט געמוזט ארויסגעשיקט ווערען געגען די פרייהייטס־קעמפפער, און ווי דער רוימישער גענעראל האָט מיטגעטיילט דעם קיסר, האָבען די מורדים פערכאפט פופציג פעסטונגען און 985 דערפער. אין דעם קאמפף האָבען אידען פערלאָרען ארום א האלבען מיליאָן מענשען. דער קאמפף פון בר כוכבא איז אָנגעגאנגען אין יהודה, אָבער די גרויסע צאהל — 985 — דערפער שוין נאָכ'ן חורבן בעווייזט, אז די צאהל 240 בנוגע גליל פון פאר'ן חורבן, איז ניט אונמעגליך. אין צפון זייט פון גליל זיינען די חורבות אזוי צאהלרייך, אז קאפיטאן בורטאן אין „אונעקספלוירד סוריה“ בעהויפ־טעט דאָס ווען מ'קוקט דערויף פון א בעשטימטען לבנון בארג „זעהט די גאנצע געגענד אויס ווי איין אונאונטערגעבראכענע שטאָדט“. אין די „עלה“, אין הויכלאנד פון סוריה, מזרח זייט פון חמת, איז פאראַן 365 רואינירטע שטעדט. ווי די אראבער זאָגען „האָט א מענש געקאָנט פריהער רייזען א יאָהר צייט אין דעם געגענד און קיינמאָל ניט נעכטיגען אין איין און דעם זעלבען דאָרף“. דאס זעלבע זאָגט שראָדער וועגען פעניקישען ברעג־לאנד: „עס איז אזוי געדיכט געווען בעדעקט מיט שטעדט און דערפער, אז עס האָט אויסגעזעהן ווי איין שטאָדט“. דערצו דאַרף מען אין זינען

מאסען חורבות פון אלטע ישובים.

40) יהושע י"ט 10—39.
41) במדבר א' 28—43.

האבען, אז די פּארציייטיגע שטערט זיינען געווען זעהר ענג געפּאקט מיט איינוואוינער.

אזא געפּאקטע בעפעלקערונג ווי עס האט געלעבט אין גליל מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק געפינט מען נאך היינט אויך, אפילו אין אזעלכע געגענדען וואס האבען ניט קיין אינדוסטריע, און די בעפעלקערונג דערנעהרט זיך בעיקר פון לאנדווירטשאפט. אויפ'ן אינזעל מאלטא, אן אלט פעניקישע קאלאניע אין מיטעללענדישען מעער, האט זיך לויט דער אפיציעלער ענגלישער סטאטיסטיק פון 1907 געפונען א בעפעלקערונג פון 206.690 נפשות, אויף א שטח פון בערך 140 קוואדראט מייל, וואס מאכט אויס 1.478 נפשות אויף א מייל אדער 590 אויף א קוו. קילאמעטער. דער שטח פון בעארבייטעטען באדען איז אין גאנצען 41.534 אקער (ארום 160.000 דונאם) וואס פּראדוצירען ווייץ, גערשט און מאיז. ווי אמאל אין א"י ווערט דא אנגעווענדעט די טעראסען קולטור אויף די בערג. ווען מ'רעכענט אלזא נור דעם קולטיווירטען באדען (ארום 146 קוו. קיל.) קומט אויס מעהר ווי 1400 נפשות אויף א קילאמעטער. דאס אינזעל בארבאדאס, אין די בריטישע וועסט־אינדיען, האט אין 1901 געצעהלט א בעפעלקערונג פון 195.588, וואס מאכט אויס 1178 נפשות אויף א קוואדראט מייל. דערפון געפינען זיך נור ארום 20.000 אין שטאדט — די גאנצע איבריגע בעפעלקערונג לעבט פון לאנדווירטשאפט.

(געדיכט בעפעלקערטע אגרארלענדער. — מאלטא. — בארבאדאס.)

אין עהנליכען ביישפּיעל שטעלט פאר די שכנות'דיגע פּראווינץ פון גליל — דער לבנון. אויף א שטח וואס איז קלענער פאר גליל — 3.200 קוו. קילאמ. — זיצט א בעפעלקערונג פון 405.000 נפשות. 2.200 קוו. קיל. — ד. ה. 70 פּראצענט פון גאנצען שטח, ווערען ניט בעבויט און בענוצט ווירטשאפטליך. 600 קיל. איז פערנומען מיט וועלדער, און נור 400 קיל. זיינען לאנדווירטשאפטליך בענוצט. צורעכענדיג אויך די וועלדער פערמאגט דער לבנון 1000 קילאמעטער קולטור באדען, וואס איז א פערטעל פון גליל. אויף יעדען קולטיווירטען קילאמעטער קומט אלזא אויס איבער 400 נפשות.

(לבנון.)

אין גליל איז אמאל קיין איין שטיקעל באדען ניט געבליבען אונקולטיווירט. די ארבייט איז געפיהרט געווארען אויפ'ן אינטענסיווסטען אופן. אויסער די קינסטליכע איריגאציאנס איינריכטונגען, ווי אין יהודה, האט די נאטור אליין דא געהאלפען דעם פלייסיגען לאנדמאן מיט שטראמענדע קוואלען, אימער פליסענדע טייכען, א חוץ די צוויי גרויסע אזערעס — מי מרום און כנרת. די רעשטען פון אלטע בעוואסערונגס אנלאגען אין בית־שאן, טבריה, עכו א. ד. ג. צייגען ווי זארגפעלטיג די פריהערדיגע איינוואוינער האבען אויסגענוצט די רייכע וואסער אוצרות פון גליל פאר אינטענסיווער לאנדקולטור.

דער עבר הירדן איז איצט דער אמווייניגסטען בעזעסענער טייל פון ארץ־ישראל. אויף א שטח פון בערך 25־30 טויזענד קוואדראט קילאמעטער זיצט א בעפעלקערונג פון אונגעפעהר 320.000 נפשות, וואס מאכט דורכשניטליך אויס 11־12 נפשות אויף א קוואד. קיל. די ישובים זיינען דא שיטערער ווי אין מערב ארץ ישראל, די שטערט ווייניגער און קלענער. ווי מייר האבען געזעהען (זייט 316) צעהלט דער עבר הירדן (ניט אריינרעכענענדיג די קאדא וואדי אל־עג'ם, אויף'ן צפון־גרעניץ פון לאנד) 418 דערפער, אנטקעגען די 850 דערפער (ניט אריינרעכענדיג די 50 אידישע קאלאניעס) פון מערב ארץ ישראל. די דארפישע בעפעלקערונג פון עבר הירדן דערגרייכט אפילו ניט די העלפט פון מערב ארץ ישראל. די דערפער אין מזרח זייט פון ירדן צעהלען אונגעפעהר 160.000 איינוואוינער. אויף יעדע הונדערט קוואדראט קילא־

(ישוב פון עבר הירדן.)

מעטר קומען אפילו ניט אויס 2 גאנצע דערפער (זעה זייט 317) — שריפטליכע דאָ־
קומענטען און די אונגעהויערע גרויסע צאָהל חורבות וואָס בעדעקען די לענדערייען
פון מואב און עמון, גלעד און בשן זאָגען עדות, אז אין פריהערדיגע צייטען איז די
בעפעלקערונג געוועזן מעהר ווי א צעהנפאכע. לויט דער מיינונג פון בווירטאָן און דרייק
זיינען דאָ געזעסען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק ארום צעהן מיליאָן (10.000.000)
מענשען. אז די בעפעלקערונג איז דאָ געוועזן זעהר געדיכט און צאָהלרייך — איז
אָנגענומען ביי אלע פאלעסטינא־פאָרשער וואָס האָבען זיך ספּעציעל אָבגעגעבען מיט
דער אויספאָרשונג פון עבר הירדן.

אלע ערטער פון גרויסער היסטאָרישער און רעליגיעזער וויכטיגקייט זיינען קאָנ־
צענטרירט אין מערב זייט פון ירדן, און די מייסטע רייזענדע, פּילגרימען און טוריס־
טען וואָס קומען בעזוכען ארץ ישראל בעגנוגענען זיך געוועהנליך מיט א שנעלער רייזע
אין די בערימטע היסטאָרישע פּלעצער אין מערב ארץ ישראל און לאָזען אין גאנצען
אויס דעם מזרח טייל פון לאנד, אויף יענער זייט ירדן. דערצו זיינען נאָך די פּאָליטישע
בעדינגונגען אין עבר הירדן אונגינסטיג פאר פרעמדע רייזענדער, און זעלטען ווען א
טוריסט ריזיקירט און נעמט אויף זיך די מיה צו בעזוכען די מעהר פערווילדערוועטע
ערטער פון מזרח ארץ ישראל. עס איז דעריבער פערשפּרייט געוואָרען דורך דער טור־
ריסטען ליטעראַטור די פאַלשע מיינונג, אז דער עבר הירדן איז א ווילדע מדבר און
אנ׳אונקולטיווירבאר לאנד. אין דער אמת׳ען איז דער עבר הירדן ניט אָרימער און
וועניגער פרוכטבאר פאר דער צווייטער מערב זייט פון ירדן, און איינינע טיילען אין
מזרח, ווי חורן און גלעד, זיינען נאָך רייכער מיט נאטירליכע אוצרות און פרוכט־
בארע באָדענס ווי דער מעהר קולטיווירטער און בעזעסענער מערב זייט פון ירדן.

ווירקונג פון בעדואינער.

די איצטיגע טרויעריגע לאגע פון מזרח ארץ ישראל איז פעראורזאכט געוואָרען
דורך דעם פערניכטענדען און צושטערענדען איינפלוס פון די קולטור פיינדליכע קינ־
דער פון מדבר — די וואנדערענדע בעדואינער (פערגלייך זייט 297־311). אלע מאָל
וואָס דאָס לאנד האָט זיך געפונען אונטער א שוואכער און אונפעהיגער פערוואלטונג
האָט זיך דער איינפלוס פון די מדבר־איינוואוינער שטארק געלאָזט פיהלען אין דער
שכנות׳דיגער זעסהאפטער בעפעלקערונג. די וויסטעניש האָט פערשפּרייט איהר
ממשלה איבער דעם קולטור־לאנד. די שטארקע בעדואינישע שבטים וואָס האָבען אליין
ניט אוועקגעזעצט זיך בעשטענדיג אויף איין אָרט און ניט אנערקענט קיין „עול מלכות“
פּלעגען ראבעווען און פּלינדערען די דערפער פון דער זעסהאפטער בעפעלקרונג, פער־
טרייבען זייערע טשערעדעס און אָבשניידען און צוטרעטען און אויפעסען זייערע
תבואות. די אונפעהיגע רעגירונג איז געווען צו שוואך צו בעשיצען די דערפער און זיי־
ערע פערמעגענס פון די רויבערישע וואנדערנדע שבטים, זי האָט זיך אויך וועניג געקי־
מערט וועגען דעם וואוילזיין פון דער בעפעלקערונג. די דערפער האָבען אליין אויך ניט
געקענט בעשיצען זיך געגען די מעכטיגע נאָמאדען־שבטים, וואָס פלעגען זיי בעפאלען
ווי די היישעריקען. און חרוב מאכענדיג אלעס פלעגען זיי זיך צוריקציהען אין זייער
מדבר ווי א שטורמווינד. אום צו זיין מעהר־וויינינגער זיכער מיט זייער האב און גוטס
זיינען די דערפער געווען געצוואונגען צו צאָהלען שוץ־שטייער צו די מעכטיגסטע

בעדואינישע „ברודערשאפט“.

בעדואינען־שבטים זיי זאָלען זיי בעשיצען געגען די איבערפאלען פון אנדערע בע־
דואינער. אזא שטייער האָט זיך גערופען חוה („חוואוא“) ד. ה. ברודערשאפט. יעדער
דאָרף וואָס האָט געצאָהלט שטייער איז געווען „אחת“ (אוחט) ד. ה. א שוועסטער פון
בעשיצענדען שבט. די „חוה“ איז בעשטאנען פון תבואה און פיה. די בעדואינער

האבען ניט געהאט קיין מאב און קיין גרעניין פאר זייערע פארערונגען פון „ברודערשאפט“, און די דערפער וואס האבען ניט געקענט בעצאהלען די אונערטרעגליכע „חוה“ זיינען געבליבען אויף הפקר און בערויבט געווארען. אזא צושטאנד פון אונזיכערהייט און אנארכיע האט געבראכט דערצו, אז די בעפעלקערונג זאל זיך צולויפען און דאס לאנד זאל וויסט ווערען. אין אנהויב פון נייצעהנטען יאהרהונדערט איז כמעט דער גאנצער עבר הירדן געווען אונבעוואוינט און אונבעארבייט, און נור בעדואינישע שבטים מיט זייערע סטאדעס האבען ארומגעוואנדערט צווישען די צאהלרייכע, וואוינטע שטעדט און דערפער און פערלאזענע, אבער פרוכטבארע פעלקער.

אין דער צווייטער העלפט פון נייצעהנטען יאהרהונדערט האט די טערקישע רעגירונג אנגעהויבען אביסעל ענערגישער צו בעקעמפפען די רויבערישע בעדואינער, און דער מנהג פון „חוה“ איז ביסלעכווייז אבגעשאפט געווארען. אין די אלטע פערלאזענע חורבות האבען זיך אנגעהויבען בעזעצען אקערבויאישע עלעמענטען, און פילע לענדעריען וואס זיינען פריהער געוועזען גענצליך פערוויסטעט ווערען שוין איצט בעארבייט, בעזונדערס אין דעם רייכען חורן.

נאך דער אויפבויאונג פון דער חעדזשאז־באהן האבען די בעדואינער כמעט אין גאנצען פערלוירען זייער בייזע שליטה אויף דער זעסהאפטער בעפעלקערונג, די פלאחין זיינען בעפרייט געווארען פון דער געצוואונגענער און געוואלדזאמער „ברודערשאפט“, זיי ווערען אבער אויך איצט רואינירט דורך א מעהר פרידליכע און פאמעליכע אבער מעהר זיכערע רויבערישע סיסטעם — דורך די פראצענטניקעס, בעלי־עשור און תבואה סוחרים; די עקספלואטאציע פון די דאזיגע שטאדטישע סורישע עפענדים האלט ניט ווייניגער אב די ענטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג ווי די רויבערישע איבערפאלען פון די נאמאדען פון דער מדבר. און דאס אונגעהויער רייכע לאנד פון עבר הירדן איז נאך אלץ א אונבעוואוינטער און אונקולטיווירטער געגענד אין פערגלייך אפילו מיט דעם ניט גאר געדיכט בעוואוינטען און הויך קולטיווירטען מערב־לאנד פון דער צווייטער זייט ירדן.

דר. סעלאה מעריל, דער אנפיהרער פון דער וויסענשאפטליכער עקספעדיציע אין עבר הירדן פון דער אמעריקאנער „פאלעסטינא עקספלארייטשאן סאסייעטי“, שרייבט אין זיין בעקאנטען בוך „מזרח זייט פון ירדן“:

פרוכטבארקייט פון עבר־הירדן.

„איך ווייס קוים וואס האט מיך מעהר איבערראשט, צו די אונגעהויערע פרוכטבארקייט פון עבר הירדן אדער די וואונדערבארע רואינען וואס בעדעקען זיין אויבערפלעכע. די דאזיגע טאלען ווערען אויסגעברענט אין זומער און אין דעם זין פאסט זיך פאר זיי די פראזע „מדבר חורן“. ווען אבער מען בענוצט דאסווארט אין אלגעמיין, וועט עס יעדען איינעם, וואס האט אליין ניט בעזוכט די געגענד ארייינברענגען אין א טעות. די בעסטע וויין פון סוריה קומט פון חורן און אין די נארדליכע טיילען וואו עס זיינען פארהאן דערפער, זיינען די פראדוקטען פערשיעדענארטיג און רייכליך. אויף די פעלדער נעבען די פיס פון חרמון, אין די טאלען וואס נעבען דמשק, אין ג׳בל עג׳לון און ארום סאלט איז די גערעטעניש פון ווייצען און ווייטרויבען אנ׳אמת׳ער וואונדער סיי לויט׳ן כמות פון די פראדוקטען און סיי לויט׳ן איכות פון די פרוכטען. ווייטער אין מזרח, ארם בצרה, סלכה און די רוקענס פון די חורן־בערג זיינען פארהאן צייכענס פון אלטע וויינגערטנער וואס זאגען עדות אויף די צוגעפאסטקייט פון גאנץ בישן־לאנד פאר ווייןקולטור. ניט אין איראפא און אויך ניט אין קאליפארניע האב איך ווען עס איז פערזוכט געשמאקערע און פיינער־שמעקענדיגע פרוכטען פון דיזען

מין, דעסגלייכען האָב איך אין ערגיץ ניט געזעהען שטאַנגען פון אזא אונגעהויערער גרויס ווי איך האָב געזעהען און פערזוכט אין אָסטליכער פּאַלעסטינא."

עס איז נאַטירליך, אז אין אזא נאַטורררייכען געגענד האָט ביי גינסטיגע פּאָלי־טישע בעדינגונגען, ווען די איבערפאַלען פון די מדבר־וואַנדערענדע שבטים זיינען פערהיט געוואָרען דורך א שטאַרקע און גוט אָרגאַניזירטע רעגירונגס־מאַכט, געלעבט א גרויסע און געדיכטע בעפעלקערונג און גרויסע שטעדט און צאָהלרייכע דערפער זיינען געשטאַנען אויף די ערטער ווי מ'זעהט איצט נאָר חורבות פון הייזער אָדער געצעלטען פון נאָמאַדען.

ווענען דעם לאַנד פון גלעד, וואָס האָט אין דער צייט פון בית שני געהייסען „פּערעא" שרייבט יוסף פלאַוויוס, אז ס'איז ניט אזוי פרוכטבאַר ווי דער גליל, פון וועלכען עס איז פיעל גרעסער אין שטח, ווארום דער מזרח זייט פון גלעד איז ווילד און איז ניט ווי דער גליל געאייגנעט פאַר דער פּראָדוציר־ונג פון מילדערע פרוכטען, דאָך „האָט עס פייכטען באָדען און עס פּראָדוצירט אַלערליי פרוכטען מיט די פּער־שיעדענסטע בוימער, הויפּטזעכליך אָבער ווערען דאָ קולטיווירט דער אָליווענבוים, דער וויינשטאָק און די פּאַלמע. עס ווערט אויך גענוג בעוואַסערט פון טייכלעך וואָס פליסען אַרויס פון די בערג און פון קוואַלען וואָס הערען קיינמאָל ניט אויף צו שטראָמען (42).

בשן, וואָס ענטשפּרעכט דעם היינטיגען חורן, איז נאָך פאַר דער אידישער ער־אָבערונג געווען א דיק־בעוואוינטער און זעהר רייכער געגענד. אין דער פּראָווינץ פון ארגוב (די איצטיגע לעדזשא), האָבען די אידען, לויט דער ערצעהלונג פון דער תורה, צוגענומען ביי עוג מלך הבשן 60 שטעדט. דאָס זיינען אַלץ געווען בעפעסטיגטע שטעדט מיט הויכע מויערען, טיערען און ריגלען, אויסער זעהר א גרויסע צאָהל פון אָפענע דער־פער (43). צאָהלרייכע חורבות פון גרויסע אַלטע שטעדט עקזיסטירען נאָך איצט אין דער לעדזשא; עס איז אונמעגליך פעסטצושטעלען גענוי צו וועלכער עפּאָכע די רואינעס בעלאַנגען. איניגע פון זיי טראָגען די אַלטע ביבלישע נעמען. זייער עקזיס־טענץ צייגט יעדענפאַלס קלאָר, אז דיזער געגענד איז פריהער ווירקליך געווען זעהר געדיכט בעוואוינט. די דעמבעס, די אָקסען, די פיעלע פעלדער און בארג לאַנד־שאַפט פון בשן ווערען זעהר אָפט געריהמט אין די ביבלישע פּאָעזיע און נבואה (44). די פּעראייניצעלטע מעכטיגע דעמבעס זעהט מען נאָך איצט אויף די בארג־רוקענס פון חורן, און דער באָדען פון די טאָלען און די פעטע פּאַשע פעלדער זיינען נאָך איצט אויסערגעוועהנליך רייך.

שטעדט פון בשן.

מיט דער אויסנאַהם פון די לעצטע 1.200 יאָהר, זייט דער אראבישער עראָבע־רונג, איז דער עבר הירדן געווען אַלע מאָל בעוואוינט מיט א בעפעלקערונג וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אונטערנעהמונגס גייסט און קראַפט אָדער מיט קולטור און רייכטום. פון די קיילענפאָרמיגע שריפטען פון אשור ווייסען מיר, אז די געגענדען פון עבר הירדן זיינען אין די צייטען פון ערשטען בית איבערגעפאַלען געוואָרען דורך די אשור'ישע אַרמעען זעקס אָדער זיבען מאָל, וואָס צייגט, אז דיזע פרוכטבאַרע

42) מלחמות 3, 3, 3.

43) דברים ג' 5־4.

44) יחזקאל כ"ז 6, דברים ל"ב 14, יחזקאל ל"ט 18, תהלים ס"ח 15, מיכה ז' 14.

לענדערייען מיט זייער צאהלרייכע שטעדט און גרויסע בעפעלקערונג זיינען פון די גרויסע וועלט־מאכט פון יענער צייט בעטראכט געווארען אלס זעהר א ווערטפולער געגענד וואס איז כדאי צו עראבערען. די קיילענשריפטען דערצעהלען, אז די אשור׳יישע עראבערער האבען מיט זיך אוועקגענומען פון דאנען אונגעהויער רייכע רויב — זילבער און גאלד, גמלים מיט קאסטבארע זאכען וואס איז אין קריעג ארייגעפאלען אין די הענד פון די זיעגער.

רעשטען פון פארצייטיגע שטעדט.

ווי ווייט דיזער געגענד איז געווען רייך און בעוואוינט צייגען אמבעסטען די אונגעהויער גרויסע מענגע פון רואינען און רעשטען פון שטעדט, טעמפלען, הייזער, באסיינען וואס בעדעקען דאס גאנצע לאנד פון מזרח זייט ירדן ביז די וויסטע פון סוריה. יעדער רייזענדער וואס האט דורכגעשניטען דאס לאנד פון דמשק ביז מואב און די מזרח ברענעס פון ים כנרת ביז די בערג פון חורן איז ערשטוינט געווארען פון דער רייכקייט און הערליכקייט פון די דאזיגע רואינירטע שטערט — בצרה, קנת, מסמיה, עתיל, סולים, סלכה, מ׳שיתא, רבת־עמון, גרש, סווידה, נוה און פיעלע אנדערע.

ארום סווידה זיינען די בערג אבהענג נאך איבעראל טעראסירט און די טאלען אזוי גוט ווי די בערג טראגען אויף זיך צייכענס פון פריהערדיגער אינטענסיווער און זארגפולער קולטיווירונג. די טעראסען זיינען זעהר גוט צוגעפאסט פאר ווינשטאק, אליוועו, פייגען. עהנליכע צייכענס פון פריהערדיגען וואוילשטאנד און רייכטום געפינט מען אויך אין די אנדערע ערטער.

וועטצשיין, דער פרייסישער קאנסול פון דמשק, וועמעס בוך רעכעט זיך אלס איינער פון די גרינדליכסטע ווערק איבער דעם חורן, האט אנגעצעהלט שטעהענדיג אויף׳ן אלטען שלאס פון בצרה ארום דרייסיג רואינירטע שטעדט אין דעם טאל ארום בצרה. פון דער הויך פון פעסטונג אין סלכה האט דר. פארטער אנגעצעהלט ניט וועניגער אלס דרייסיג רואינירטע שטעדט און דערפער וואס מ׳קאן גוט זעהען פון דיזען פונקט. איינינע שעה צו מזרח פון סלכה, פון די רואינעס פון מלח עס־סארה האט וו. רייט, א מיסיאנער פון דמשק אנגעצעהלט פערצעהן רואינירטע שטעדט אין דער אסט־זידליכער ריכטונג, אנטקעגען דער וויסטע.

דר. סעלאה מעריל דערצעהלט, אז זייענדיג אין אהירא (ג׳בל דרוז), האט איהם א דרוז, אויף וועמעס הויז ער איז געשטאנען און באטראכט די געגענד, אנגעוויזען אויף ארום פערציג חרב׳ע שטעהט און שטעדטלעך פון וועלכע ער האט דערביי פילע אנגערופען מיט די נעמען. נעבען קנאוואת, די ביבלישע קנת, זעהט מען חורבות פון א צוועלף ערטער וואס זיינען אין אמאליגע צייטען געווען אהן צווייפעל פערבונדען מיט דער צענטראלער שטאדט: זיי אילוסטרירען אלזא דעם ביבלישען אויסדרוק „קנת און איהרע טעכטער־שטעדט" („קנת ובנותיה"). די דאזיגע פלעצער געפינען זיך אין דרום זייט פון דער לעדזשא (די ביבלישע „ארגוב"); די אנדערע טיילען פון דער לעדזשא, אין צפון און מזרח, זיינען אויף דעם זעלבען אופן רייך אין רואינעס. וועטצשיין זאגט עדות, אז דער מזרח טייל פון דער לעדזשא, און די רוקענס פון די חורן־בערג (ג׳בל הרוז) ענטהאלטען אמווועניגסטען דריי הונדערט (300) רואינירטע שטעדט און שטעדטלאך. יעדע איינע פון די שטעדט ענטהאלט 600־800 און טויזענד הייזער. דר. פארטער האט אויסגעמאכט א ליסטע פון 127 שטעדט און דערפער, אין דעם אלטען גולן, צווישען די לעדזשא און ים כנרת, וואס ליגען, מיט דער אויסנאהם פון 11, אין גאנצען רואינירט און פערלאזען. צו דעם דארף מען ערשט צורעכענען די רואינירטע שטעדט און דערפער פון גלעד, עמון און מואב, וואס מ׳קאן אנצעהלען אין די

הונדערטער. דר. סעלאה מעריל בעהויפטעט, אז יערע האלבע שעה רייזע, אויף׳ן וועג פון צפון און דרום, אדער פון מערב אין מזרח אין עבר הירדן שטויסט זיך דער רייזענדער אן אנ׳אלטער חורבה. דיזער פארשער פון עבר הירדן האט אליין אויסגעמאסטען 12-13 אלטע טעאטערע און צירקען פון דער רוימישער עפאכע, די קלענסטע פון וועלכע האט זיצפלאץ פאר 3.000 מאן, און די גרעסטע, אין רבת־עמון, קאן ארייננעהמען ניט וועניגער פאר 10.000 מאן. ניט אלע אזעלכע געביידעס פון אלטערטום האבען זיך אבגעהיט ביז דער היינטיגער צייט. פיעל מעהר ווי עס איז פערבליבען זיינען אהן צווייפעל געגצליך חרב און פערשוואונדען געווארען אין לויף פון די צוויי־טויזענד יאהר וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע צאהלרייכע איבערקערענישען און מלחמות.

דאך שוין די וועניגע וואס זיינען געראטעט געווארען פון פערניכטונג זיינען גענוג צו צייגען אויף דעם פריהערדיגען רייכטום. אזעלכע גראנדיעזע פערגעניגונגס־געביידען קאנען אויפגעבויט ווערען נור דארט וואו די בעפעלקערונג איז צאהלרייך און הויך קולטיווירט.

אויפשריפטען.

וועגען פריהערדיגען צושטאנד פון דעם טייל ארץ ישראל דערצעהלען אויסער די גרויסע מענגע חורבות, אויך די הונדערטער און טויזענדער אויפשריפטען וואס זיינען געפונען געווארען אין די פערשיעדענסטע טיילען פון עבר הירדן. דיזע אויפשריפטען ענטהאלטען א גאנצען אוצר פון ידיעות און איינצעלהייטען וועגען די גייסטיגע, מאטעריעלע, פאליטישע און עטנאגראפישע פערהעלטניסע פון דער פערשיעדענארטיגער בעפעלקערונג וואס איז דא געזעסען אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען. פון דיזע שריפטליכע היסטארישע דאקומענטען איז קלאר, אז דיזער געגענד איז געווען געדיכט בעוואוינט און די קולטור פון לאנד האט אין פיעלע עפאכען דערגרייכט א הויכע שטופע פון ענטוויקלונג.

פריהערדיגע וועגען.

א פארשטעלונג וועגען די בעדינגונגען פון לאנד אין פריהערדיגע צייטען גיבען אויך די אלטע וועגען פון דער רוימישער צייט וואס מ׳קאן נאך איצט דערקענען. דר. מעריל האט נאך א גענויע אונטערזוכונג אבגעשאצט די לענג פון די אלטע וועגען צווישען פעטרא (סלע) אין מואב און דרום זייט פון דמשק, אין ניט וועניגער פון 500 מייל. די דאזיגע וועגען האבען פערבונדען אלע וויכטיגע שטעדט אין דעם געגענד און האבען געפיהרט ביז צום ברעג ים. די וועגען זיינען דורכגעלעגט געווארען דורך פעהיגע אינזשענערען אויף א פעסטען און דויערהאפטען אופן. בערגלעך זיינען דורכגעהאקט געווארען, טייכען און שטראמען זיינען איבערגעלעגט געווארען מיט בריקען, דער וועג גופא איז פעסט געבויט געווארען פון שטיינדלאך, זאמד און צעמענט. דער פערקעהר אויף דיזע וועגען איז געווען לייכט און בעקוועם און די האנדעלס־בעציהונגען האבען זיך א דאנק דעם ענטוויקעלט און פערמעהרט.

איריגאציאנס־סיסטעם.

ניט פון קלענערע וויכטיגקייט זיינען די אלטע סיסטעמען פון איריגאציע, וואס די פריהערדיגע בעפעלקערונג האט דא בענוצט און פערפאלקאמט. אומעטום געפינט מען נאך איצט רעשטען און אפטמאל אויך אונבעריהרטע און אונבעשעדיגטע איבערבלייבען פון אוראלטע גרויסע רעזערוואארען, וואסערלייטונגען, ברונעמס, וואסער־קאנאלען, ציסטערנעס (פערגלייך זייטע 309-310), וואס צייגען ווי אזוי די אמאליגע איינוואוינער פון לאנד האבען פערשטאנען אויסצונוצען די וואסער־רייכטום פון לאנד פאר אינטענסיווע בעווירטשאפונג פון באדען. א מערקווירדיגער ביישפיעל פון פערשפרייטע איריגאציאנס־בעטריעבען שטעלט מיט זיך פאר דער טאל פון יבוק

וואס איז בערך 70 מייל לאנג און ארום 1½ מיילען ברייט. איצט ווערט דא קולטי־ווירט נאר זעהר א קליינער שטח, אין דער צייט וואס אין אלטערטום איז יעדער מייל באדען געווען דא אינטענסיוו בעארבייט מיט דער הילף פון קינסטליכע בעוואסערונג. די איצטיגע איינוואוינער פון דעם געגענד־גראבען אליין קיינמאל ניט קיין קאנאלען, נאר ווען איינער וויל פערפלאנצען א שטיקעל באדען און בעוואסערען עס — רייניגט ער נור אויס און פעררינכט אביסעל אנ׳אלטען קאנאל. די אראבער זאגען אליין, אז ניט זיי און ניט זייערע עלטערען האבען די דאזיגע קאנאלען דורכגעפיהרט, נור זיי עקזיסטירען שוין דא פון די עלטעסטע צייטען.

פאר׳ן חורבן בית שני זיינען אין דעם געגענד געזעסען אידישע פויערים, און די דאזיגע קאנאלען מיט זייער פיינער קאנסטרוקציאן שטאמען וואהרשיינליך פון אידען. פון יוסף פלאוויוס ווערק און בעזונדערס פון דער משנה איז בעקאנט אז די אידישע לאנדווירטען האבען זיך בעשעפטיגט מיט קינסטליכע בעוועסערונגס־מיטלען און האָ־בען איבעראל דורכגעפיהרט איריגאציאנס־קאנאלען (אמת־המים).

עס קאן דעריבער ניט זיין קיין מעהר פאלשע און אונבעגרינדעטע מיינונג ווי די פערשפרייטע בארשטעלונג, אז דער עבר הירדן איז אונקולטורפעהיג און אז אלע מאל איז עס געווען א ווילדער געגענד. דער דייטשער אגראנאם אויהאגען אין זיין בוך איבער דער לאנדעסנאטור און לאנדווירטשאפט פון סוריה און ארץ ישראל שרייבט דעריבער מיט פול רעכט וועגען עבר הירדן:

„געוועהנליך דענקט מען, אז דאס גאנצע לאנד וואס האט געהייסען „אראביא פעטרא“ און „אראביא דעזערטא“, דאס מיינט די לענדערייען וואס ציהען זיך צפונית מזרחית פון סועץ־קאנאל ביז צפון סוריה, אויף מזרח זייט פון ים־המלח און ירדן — איז א וויסט לאנד וואס פראדוצירט קיין זאך ניט. אין דער אמת׳ען אבער איז דאס א געבענשט און א פרוכטבאר לאנד און די ערד איז א וואונדערבארער אקערבאדען. דאס לאנד וואס ענטהאלט איצט צוזאמען מיט צפון סוריה א בעפעלקערונג פון צוויי מיט א האלבען מיליאן, — האט פארצייטענס, אם ענדע פון בית שני, געהאט א בע־פעלקערונג פון 22 מיליאן נפשות, און עס איז געווען דער תבואה שפייכלער פון דער גאנצער רוימיישער אימפעריע. אין דיזע פלעצער זיינען פערשפרייט די רעשטען פון גרויסארטיגע חורבות, רואינען פון בעוואוסטע שטעדט און פראכטפאלע געביידעס, אבער די יעצטיגע קליינע בעפעלקערונג איז ניט אומשטאנד צו בעארבייטען דעם גרו־טען באדען און די פיעלע רעגענס וואס פאלען דא בשפע — געהען אוועק אין ניוועץ, ווייל עס איז ניטא ווער עס זאל זיי קאנען אויסנוצען. די צאהלרייכע ציסטערנעס און רעזערוואארען וואס געפינען זיך דא ווערען רואינירט און צושטערט — ווייל עס איז ניטא ווער עס זאל אויף זיי אכטונג געבען און פעררינכטען.“

אורזאכען פון דעגראדאציע און פער־ארמונג.

איינינע פארשער דענקען, אז די אורזאכע פון דער פיעלפאכיגער פערמינדערונג פון דער ארץ ישראל׳דיגער בעפעלקערונג דארף מען זוכען אין נאטירליכע ענדערונגען וואס זיינען פארגעקומען אין לאנד. בעזונדערס שטארק ווערט דיזע טעאריע פער־טיידיגט פון אמעריקאנער געאגראף פראפעסאר עלסוואורט האנטינגטאן אין זיין בוך „פאלעסטינא און איהרע טראנספארמאציאנען“. לויט דער השערה פון אמעריקאנעם געאגראף איז דער קלימאט פון ארץ ישראל אין פערלויף פון די לעצטע צוויי טויזענד יאהר אזוי געענדערט געווארען, אז די פריהער הויך קולטיווירטע און בעוואוינטע

געגענדען זיינען איצט אונקולטיווירבאר און אונוואוינבאר. די אורזאכע פון דעם פרי־ערדיגען וואוילשטאנד און גרויסער בעפעלקערונגסדיכטע זאָל האָבען געשטאמט פון א גרעסערער פייכטקייט, מעהר רעגענס און עטוואָס קיהלערעס קלימאט וואָס האָבען דאמאָלס געהערשט אין ארץ ישראל. פאר די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר איז די אָרימקייט, עלענד, פערלאָזענקייט און די פאָלגליכע שיטערקייט פון בעפעלקערונג פער־אורזאכט געוואָרען דורך ענדערונגען וואָס זיינען פארגעקומען אין קלימאט, וואָס מיינט, אז די היצען זיינען גרעסער געוואָרען און רעגענס — וועניגער. די אנהענגער פון דיעזער טעאָריע האָבען ניט קיין דירעקטע בעווייזע, אז דער קלימאט האָט זיך ווירקליך געענדערט. קיין דירעקטע בעווייזע קאָנען אויך ניט זיין. פון די אלטע צייטען זיינען ניט פערבליבען קיין פינקטליכע מעסטונגען פון טעמפעראטור און רעגענפאל און עס איז דערפאר אונמעגליך צו פערגלייכען דעם פריהערדיגען קלימאט מיט'ן היינטיגען. מחמת מאנגעל פון אייגענטליכע מעטעאָראָלאָגישע אנגאבען איז אויך אונמעגליך אָבצופרעגען דיזע טעאָריע און צו דערווייזען אויף אנ'אונמיטעלבארען אופן איהר אונריכטיגקייט. אין אלגעמיין האָט די טעאָריע וועגען קלימאטישע ענדערונגען אין פערלויף פון היסטאָרישע צייטען — פאר די לעצטע 2־3 טויזענד יאָהר — ניט בעקומען די הסכמה פון דער וויסענשאפט, און איז פארלויפיג ניט מעהר ווי א דיס־קוסירטע השערה. ספּעציעל וועגען קלימאט פון ארץ ישראל זיינען פארהאן אין דער אלטער ליטעראטור, תנ"ך און תלמוד פיעלפאכע, הגם ניט דירעקטע אָנווייזונגען, אז דיזעלבע קלימאטישע פערהעלטניסע וואָס הערשען איצט האָבען געהערשט אויך מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק. די אונטערזוכונגען פון קאנדער'ן — דער גרעסטער אויטאָריטעט אין אלעם וואָס אנבעלאנגט צו ארץ ישראל — האָבען איהם געבראכט צו דעם רעזולטאט, אז „דאָס לאנד האָט זיך ניט געביטען אין אירגענד וועלכען הינזיכט, סיי אין קלימאט, סיי אין נאטירליכע פּראָדוקטען, אויסער דעם וואָס די פער־קלענערונג פון ישוב האָט פעראורזאכט א פערמינדערונג פון דעם שטח פון דעם קול־טיווירטען באָדען פון לאנד און אויך, אז די ציגען און פלאחין האָבען אָנגעמאכט א חורבן אין די ביימער".

פאר און געגנז קלימאטישע ענדערונגען.

אז ניט די פערמינדערונג פון רעגען־פאל איז שולדיג אין דער ווירטשאפטלי־כער דעגראדאציע פון ארץ ישראל איז אייגפאך צו זעהען דערפון וואָס די מעטעאָראָ־ליגע מעסטונגען פון פיעלע יאָהרען האָבען פעסטגעשטעלט, אז דער דורכשניטליכער יעהרליכער רעגענמענגע פון ארץ ישראל איז העכער ווי אין עסטרייך, ענגלאנד, דייטשלאנד און פראנקרייך. ווי מ. בלאנקענהארן גיט אָן אין זיין „שטודיען איבער דאס קלימאט דער ירדנטאלעס", איז דער דורכשניטליכער רעגענהויך פון ירושלים 766 מילימעטער א יאָהר, פון חיפה — 706, פון טבריה — 511, אין דער צייט וואָס אין קאָנסטאנטינאָפּאָל איז 700, לאָנדאָן 580, פאריז 500, וויען 440 און אטען 400. אפילו די רעגענארימסטע טיילען פון ארץ ישראל אין דרום און אין עבר הירדן, האָבען אימער 400 מילימעטער רעגען, אזוי פיעל ווי די טרוקענע טיילען פון דייטשלאנד.

רעגענמענגע.

עס איז בכלל א טעות צו דענקען, אז וואסער־אָרעמקייט איז די אורזאכע אָדער אפילו איי־ע פון די אורזאכען פון דעם ווירטשאפטליכען ריקגאנג פון ארץ ישראל. „וויינינ לענ־ע", זאָגט דער ג. פאסט פון בירות, „האָבען א מעהר בעוואונדערענסווערטע פּראָוויזיאָן פאר דער אָנזאמלונג, איינהאלטונג און דיסטריבוציע פון וואסער ווי סוריה און ארץ ישראל. דער קאַלכשטיין, וואָס בילדעט דעם גרעסטען טייל פון די בערג־קייט האָט צאָהלרייכע און זעהר ברייטע אונטערערדישע היילען, וואָס דיענען אלס

נאטירליכע ציסטערנעס פאר דער איינהאלטונג פון דער אויבערפלעכע וואסערען, וואס זינקען איין אין זיי דורך די שפארען פון דעם העכערען שיכט. די פיזיאנאמיע פון די לבנון בערג איז אזוי קאנסטרואירט, אז זיי זאמלען אן א מאסע שנעע. דער שפיץ פון בארג ס ו נ י ן, צום ביישפיעל, איז א גיגאנטישער דעפרעסיאן פון 2500 ביז 1200 פיס אין אלכסון און 100 ביז 250 פוס אין טיף. דאס אלעס ווערט ווינטער אנגעפילט מיט שנעע. אויפ'ן באדען פון דיזע דעפרעסיעס ציהען זיך קאנאלען אין די גרויסע היילען אינערהאלב די בערג, און דורך דיזע קאנאלען שטרוימען די צינאנגענע וואסערען אראפ אינטען, אנצופילען די אונטערערדישע רעזערוואארען, פון וואנען די וואסער פליסט ארויס דורך שטענדיגע קוואלען אויף פערשיעדענע הויבען, ביז אראפ צום ים, און טיילמאהל אויך אונטער דער אויבערפלעכע פון דער ערד. עס זיינען אויך פאראנען פיעלע אונטערערדישע טייכען וואס פליסען אויף גרויסע שטרעקען און בעזארגען מיט וואסער די קוואלען אין דער הויך פון ים־שפיעגעל און אויך הינטער זיין בעט. דערמיט ערקלערט זיך די עקזיסטענץ פון א גרויסע צאהל קוואלען, וואס שטראמען אפילו אין די רעגענלאזע חדשים אויף די רוקענס פון די בערג אין ארץ ישראל. די קאפאציטעט פון די זאמלענדע און פערטיילענדע רעזערוואארען אין די בערג קאן אבגעשאצט ווערען לויט דעם גרויסען כמות וואסער וואס שטראמט אין די צאהלרייכע טייכען און וואדים פון לאנד. א טייל פון דיזע וואסער דיענט פאר בעוועסערונג, אבער נאך אן אונגעהייערע קוואנטיטעט פון וואסער ווערט פערלוירען אומזיסט און ניט אויסגענוצט. ווען מ'זאל דערצו נאך צוגעבען אז אין די עבענעס קאן מען דורכגראבען און אין דער ערד געפינען טרינק וואסער אין דעם אויבערשטען גרונד — וועט מען דאן האבען א קלארען בעגריף וועגען די מעגליכקייטען צו בעפרוכטען דאס לאנד און ערנעהרען א פיעלפאכע בעפעלקערונג.“

וואסער־רייכטום.


אויף וויפיעל דער איצטיגער ווירטשאפטליכער ריקגאנג פון ארץ ישראל האט ניט צו טאן מיט'ן קלימאט בכלל קאן מען אמבעסטען זעהען ווען מען פערגלייכט דעם איצטיגען און פריהערדיגען צושטאנד פון אזעלכע ערטער ווי יריחו און בית־שאן. אידיישע און ניט־אידיישע קוועלען שטימען איין, אז די „פאלמען־שטאדט“ איז געוועזען מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק „דער בליהענדסטער טייל פון יהודה, רייך מיט באלזאם, האניג, פאלמען און אלע אנדערע פרוכטען. א גרויסער קוואל האט בעוואסערט א גרויסען שטח און געשפייזט די דיק־אנגעפלאנצטע גערטנער. אזוי, אז יעדער וואס וועט דאס ערקלערען פאר א געטליכען פלאץ — וועט האבען פול רעכט דערויף, ווארים אזא רייכטום פון בוימער און אזעלכע גרויסארטיגע גערטנער זיינען זעלטען (45).

יריחו אמאל און היינט.

יריחו האט אויך פערמאגט דאמאלס א גרויסען ישוב. הורדוס האט דא אויסגעבויט גרויסארטיגע בנינים, און דער ישוב פון יריחו, ווי עס איז צו זעהען פון תלמוד, איז געוועזען זעהר גרויס (46). די וואסערלייטונג פון הורדוס'עס צייט עקזיסטירט נאך עד היום, אבער דער ישוב און די רייכע קולטור און די פאלקאמענע איריגאציאנס סיסטעם זיינען פערשוואונדען. איצט איז דער „געטליכער פלאץ“ א מיזעראבעלער דערפעל פון א נענערהאפטע, פוילע, דעגענערירטע קליינע בעפעלקערונג. דער קלימאט האט זיך ניט געענדערט. נאך איצט איז דאס וואקסטום דא ווי פריהער אונגעהויער רייך און

45) מלחמות 4, S. 3.
46) ירושלמי, תענית פ"ד, ה"ב.

טראַפיש. וואסער איז פארהאן בשפע, און ניט פון מאנגעל נאָר פערקעהרט פון איבערפלוס פון וואסער ליידעט איצט דער אלטער הייל־פלאץ פון מלך הורדוס. די אורזאכע פון דער דעגראדירונג איז די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין ישוב — און ספּעציעל די פערנאכלעסיגונג און חורבן פון דער איריגאציאָנס־סיסטעם, וואס איז דאָ געוועזן ענטוויקעלט פאר'ן חורבן בית שני. אנשטאט דעם וואָס דער וואסער־רייכטום איז מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק פערנוצט געווארען צו בעוואסערען גערט־



בילד 79.
יריחו, די אמאליגע „פאלמען־שטאדט"
(„עיר־התמרים").

נער און סעדער — ווערט עס איצט, דורך דער צושטערונג פון דער אלטער וואסער־לייטונג און דער פוילקייט פון די איצטיגע איינוואוינער, פערוואורטיילט צו פּראָדוצירען פיעבער און מאלאריע און פערפעסטען דאָס טראָפּיש־רייכע לאנד מיט זומפען. די האלב־נעגרישע איינוויאונער זיינען דאָ אזוי פויל, אז, לויט ווי דרייק דערצעהלט, „דארף מען נעהמען א שטעקען אום זיי אויפצוהויבען און א קורבאדזש — צו מאכען זיי ארבייטען".

עטוואס עהנליכעס איז אויך אין בית־שאן, אדער „די טיער פון גן־עדן", לויט ריש לקיש'ס אויסדרוק. דאָ איז ניט אזא אָבגעלאָזענקייט ווי אין יריחו, אָבער וואָסער מהלך

פון די פריהערדיגע גרעסטע שטאָדט אין דעקאפּאָלים ביז די היינטיגע ביסאן. איבער־ראל זעהט מען רעשטען פון אלטע וואסער לייטונגען, וואס ווערען איצט פערנאכלע־סיגט, הגם די קוואלען פון „נהר ג׳לוד“, און „עין זרעין“ שטראָמען מיט ניט ווייניגער קראפט ווי אמאָל.

צושטערונג פון טעראסען און איבער־ טינג פון וועלדער.

די ווירקליכע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאַנד, די ענדערונגען וואָס פיהלען זיך זעהר שטאַרק אין דער איצטיגער אַגראַר ווירטשאַפט פון ארץ ישראל, זיינען די **פערניכטונג פון וועלדער און צושטערונג פון די בערגטעראַסען** וואָס זיינען מיט אזוי פיעל מיה און פלייס דורך די אַמאָליגע אידישע אַקערבייער אָנגעלעגט געוואָרען אויף די בערג פון יהודה, גליל און עבר הירדן. די האַסטיגע ווינטער־רעגענס, וואס שטראָמען אראָב פון די שטייליע בערג, האָבען דאדורך אראבגעשווענקען די פרוכטבאַרע מינעראל־ערד פון די אָב־הענג, און אויף די רוקענס פון די בערג האָט זיך ארויסגעוויזען דער נאַקעטער שטיין. אָבער דערינען איז ניט שולדיג די נאַטור נאָר דער מענש. די גרעסטע צישטערער פון די וועלדער זיינען געווען די רוימער, וואס האָבען אויסגעהאקט אלע ביימער ארום די שטעדט וואס זיי האָבען בעלאַגערט אין דער צייט פון אידישען בעפרייאונגס־קאמפף. אזוי זיינען פערניכטעט געוואָרען די וועלדער פון גליל און ארום ירושלים ביי דער בעלאַגערונג פון אספּסינוס און טיטוס. די וועלדער וואָס זיינען ניצל געוואָרען פון דער בייזער רוימישער האַנד זיינען דערנאָך ביסלעכווייז צושטערט געוואָרען אין די צאָהלרייכע פרעמדע אינוואזיאָנען פון די אַראַבער, פערסער, מאָנגאָלען, נוסעי־הצלב און טערקען. און די שארית הפליטה וואס איז פערבליבען פון די אונאויפהערליכע מלחמות און חורבנות זיינען סיסטעמאַטיש און אונ׳ברחמנות׳דיג פערניכטעט געוואָרען דורך דער פערבליבענער לאַנד בעפעלקערונג. אין עבר הירדן זיינען נאָך איצט די בערג פון גלעד דרום זייט פון ירמוק בעדעקט אויף גרויסע שטרעקען מיט אורשפּרינגליכע וועלדער. דאָ קאָן מען זעהען פון איין זייט ווי אזוי די בערג אין מערב ארץ ישראל האָבען אויסגעזעהן פאַרצייטענס אין זייער גרינער צירונג, פון דער אַנדער זייט זעהען מיר דאָ, אין דער געגענוואַרט, א טרויעריגען ביישפּיעל פון וואַלד־פערניכטונג, וואס אילוסטרירט פאר אונז ווי אזוי די וועלדער און אַנדערע טיילען פון לאַנד זיינען פריהער אויסגעראָטעט געוואָרען. די צושטערער פון די ביימער זיינען די פלאַחין, ציגיינער און קוילען־ברענער. ווען דער פלאַח געפינט אַז דער בוים שטעהט איהם אין וועג, שאַנעוועט ער גאָר ניט, און טרעט גלייך צו צו פערניכטען די טייערע צירונג. גלייך אויסהאַקען דעם בוים קאָן ער ניט, וואָרים ער האָט ניט די נויטיגע וועקרצייג אום־צולענען דעם מעכטיגען שטאַם, טוט ער דעריבער זיין פערניכטונגס ארבייט צו ביסלעך. ער ברעכט אָב די דינערע צווייגען און לעגט אונטער א פייער אונטער׳ן שטאַם. די באַרבאַרישע אָפּעראַציע ווערט עטליכע מאָהל איבערגע׳חזר׳ט ביז דער בוים ווערט אזוי אָבגעשוואַכט, אז מ׳קאָן איהם אָבברעכען. פּראָפ. הערמאַן גוטע דערצעהלט, אז א סך מאָהל זעהט מען דעם שטאַם רויכערען און ברענען — און די קרוין בליהט און גרינט. „עס טרעפט זיך אז די לעבענס־קראַפט פון א סאָסנע אָדער טערעבינט איז שטאַרקער פאר דער צושטערונגס־קראַפט פון פלאַח; דער זאַפט פון בוים איז בכה טיילבאָרל צו דערשטיקען דאס פייער, דער בוים גרינט אין אונפערענדערטער פריש־

קייט און לאָזט זיך ניט שטערען אין זיין וואוקס; אזוי אונפערוויסטליך איז די נאַטור קראַפט פון דעם לאַנד.“

א צווייטער פיינד פון די בוימער זיינען די מחנות ציגיינער וואס וואַנדערען ארום איבער׳ן לאַנד. איינע פון זייערע פּרנסות איז מאַכען טערפּענטין אויל, דערצו געברויכען זיי די צווייגען פון טערעבינטען, וואס זיי ברעכען אָב אָהן רחמנות. זייער שאָדען איז פערהעלטניססמעסיג ניט גאָר קיין גרויסער, ווייל זיי שטעהען ניט לאַנג אויף אַן אָרט. דערפאַר זיינען זעהר געפעהרליך די קוילענברענער. ווי עס הערען נור



בילד 80.
אנ׳אייכע אין עבר הירדן.

אויף די רעגענס און עס ווערט טרוקען, קומען זיי האַקען די ביימער אין די געדיכ־טעסטע שטעלען פון וואַלד, פאַרצוברייטען האָלצקוילען וואס ווערען געברויכט אין לאַנד אלס הייץ מאַטעריאַל. זיי בלייבען אויפ׳ן אָרט אַזוי לאַנג ביז זייער צושטערונגס־ארבייט ווערט ניט גרינדליך אָבגעטהאָן. די רעגיערונגס־אויפזעהער, וואָס דאַרפען אָבהיטען און בעשיצען די וועלדער בעקומען זייער חלק אום זיי זאָלען פאַר דער צייט

אויפגעבען זייער אויפזיכט. אזוי ווערען שוצלאָז ביי דער אדמיניסטראטיווער מיספערוואלטונג פערניכטעט די וועלדער וואָס זיינען נאָך פערבליבען אין עבר הירדן, א דאנק זיין גרעסערע פערבאָרגענהייט און ווייטקייט פון די היסטאָרישע שלאַכט פעלדער פון לאַנד.

די אויסראָטונג פון די וועלדער האָט דעם זעלבען שעדליכען איינפלוס ווי די צושטערונג פון די טעראַסען. דער באָדען פון די בערג ווערט אָבגעוואשען, און עס בעווייזען זיך נאַקעטע פעלזען.

דערצו דאַרף נאָך צוגעגעבען ווערען די פערנאַכלעסיגונג און צושטערונג פון דער הויך ענטוויקעלטער איריגאַציאָנס־סיסטעם וואס די אידען האָבען געשאַפען און גע־ברויכט אין לאַנד: די וואסערלייטונגען פון ירושלים, טבריה, בית שאָן, יריחו און אנדערע ערטער און די ברכות און אַנדערע בעוועסערונגס־איינריכטונגען וואָס זיינען פערצייטענס בענוצט געוואָרען — און פון וועלכע עס זיינען נאָך פערבליבען פיעלע רעש־טען אין לאַנד.

די געשיכטע פון אַרץ ישראל פאר דעם לעצטען טויזענד יאָהר ציינט אונז א ביישפיעל פון ענדערונגען פון לאַנד, וואס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט קלימאַטישע שנויים. די חראָניקעָס פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, פון דער צייט פון דער לאַטייני־שער מלוכה אין ירושלים, זיינען פול מיט ידיעות וועגען גערטנער פון וויינשטאָק און אָליוועז, סעדער און פעלדער און בעוואסערטע פרדסים. אין צפון איז דאָס לאַנד גע־ווען בעצירט מיט סאָסנעס, דעמבעס און צעדרען. די קאַלך און קרייד שטיינער פון לבנון זיינען געווען בעדעקט מיט גרינע וויינגערטנער געפלאַנצט אויף טעראסען. אָרי חיפה און אין אנדערע פאָרשטעדט האָבען געוואקסען פאַלמען־וועלדלעך. די בערג פון ארץ ישראל זיינען געווען איינגעהילט אין בוימען־מאַנטעל. אין די עבענעס איז געוואקסען ווייץ, גערשט, האָבער, דורא, רייז, ארבסען, סעזאם און באָהנען. בוימוואהל, אינדיגא און פלאַקס איז קולטיווירט געוואָרען אין די טאָלען און בעזונדערס אין ירדן־טאָל. דער פלאַקס פון שכם איז געווען אזוי גוט ווי דער פלאַקס פון מצרים. אין בעוואסערטע גערטנער זיינען געוואקסען אלערליי גרינסען. פייגען, אָליווען, גראַנאַטען, פערסיקעס, אפעלסינעס, באַנאַנעס און מאַנדלען האָבען געבליהט אין די גערטנער. אין פיעלע ערטער האָט מען קולטיווירט צוקער רוירען. די צוקער־מיהלען פון יענער צייט שטעהען נאָך אין רואינען נעבען יריחו מיט'ן נאָמען „טוחאַן־עס־סוקאר". עהנליכע מיהלען זיינען געשטאַנען אין עכו, צור, בצה, ינוח, גבל, עין גדי. דיזער וואוילשטאַנד איז געווען דער פּראָדוקט ניט פון די פּלוצלונגע גליקליכע ענדערונגען פון קלימאט — נאָר פון צייטווייליגע גינסטיגע פּאָליטישע פערהעלט־ניסע. דער אויפשוואונג פון גליל אונטער דער הערשאַפט פון שייך דאהער אל־עמר (זעה זייט 257) איז אַנ'אנדער ביישפיעל פון דער ענטוויקלונג פון באָדען־קולטור ביי בעסערע פּאָליטישע בעדינגונגען.

ניט קלימאַטישע נאָר היסטאָרישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע ענדערונגען האָבען געבראַכט צו דער איצטיגער טרויעריגער לאַגע פון לאַנד. די אונצעהליגע מלחמות אין אינוואַזיאָנען, די איבערפאַלען פון בעדואינער, די הונדערט יעהריגע מיספערוואַלטונג פון אַלטען מצריש־טערקישען רעזשים, די אונטערדריקונג און אויסבויטונג פון די פּאַשאַס און אגאַס, די איענדליכע בירגער קריגען און צוריסענקייט, די מאָראַלישע, קול־טורעלע און סאָציאַלע געפאַלענקייט פון די פויערישע מאַסען, זייער אונוויסענהייט אין אָרעמקייט, וואס איז ענטשטאַנען אלס רעזולטאַט פון שוצלאָזיגקייט, אונזיכערקייט,

ענדערונגען אבהענגיג פון סאָציאַלע בע־דינגונגען.

שווערע שטייערען, די עקספּלואַטאַציע פון די עפּענדים — באָדען־אייגענטימער און פּראָצענטניקעס, די ווילקיר פון די בעאַמטע, דער איינפלוס פון מוסלימישען פּאַטאַליזם, א. ד. ג., אַ גאַנצע רייהע פון אונגינסטיגע סאָציאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אומשטענדען וואס האָבען געהערשט אין לאַנד הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד; ווייניגער בעגינסטיגטע פון דער נאַטור לענדער וואלטען אונטער אזעלכע אומשטענדען פיעל שנעלער און גענצליך חרוב געווארען; און עס איז נאָר צו בעוואונדערען ווי אזוי ארץ ישראל האָט, טראָץ אַלע מענשליכע פערוויסטונגען און הונדער יעהריגער פערנאכלעסיגונג, איינגעהאַלטען איהר פּראָדוקטיווע קראַפט און ביי דער מינימאַלסטער אנשטרענגונג און ארהאישע ארבייטס־מעטאָדען פון די פלאחין בעלוינט זי נאָך אַלץ די מענשליכע מיה און פּראַצע.

נור ביי אזא אויסערגעוועהנליך גינסטיגען קלימאַט און נאַטירליכער פרוכטבאַרקייט פון באָדען איז מעגליך אז דער באָדען וואס איז הונדערטער יאָהרען ניט גענוצט געווארען זאָל יאהר איין יאָהר אויס ברענגען פרוכט, און אז די רייכסטע אָליווען און אַנדערע פרוכט ביימער געראָטען זאָגאר אין אזעלכע שטייניגע בערג וואס מאַכען אויפ'ן ניט געניטען צושויער אן איינדרוק פון א האָפנונגסלאָזען פעלז.

ווען מיר זאָלען אָננעהמען די פערמינדערונג פון דער בעפעלקערונג און פערלאָזענקייט פון פריהער קולטיווירטע באָדענס אלס א רעזולטאַט פון קלימאַטישע ענדערונגען וואָלטען מיר געמוזט קומען צום שלוס, אז דער קלימאַט פון ארץ ישראל פאר די לעצטע דרייסיג־פערציג יאָהר האָט זיך ווידער אמאָל געענדערט — צום גוטען. פיעלע לענדערייען וואָס זיינען געלעגען וויסט האָבען אָנגעהויבען בעארבייט צו ווערען, נאקעטע בערג און זאמדיגע טאָלען זיינען בעדעקט געוואָרען מיט וויינגערטנער, מאנדלען, אוילבוימער און אראנזשען, און אונבעוואוינטע, פערווילדעטע פלעצער זיינען געוואָרען צענטרען פון לעבען און קולטור — דאָס זיינען די אידישע קאָלאָניעס, פון וועלכע א גרויסער טייל איז ענטשטאַנען אין ערטער וואָס זיינען שוין הונדערטער יאָהרען ניט געווען בעארבייט און בעוואוינט. די „אין שענסטען שמוק בליהענדע בוימער, הערליכע וויינגערטנער און גרינענדע, פעלדער פון די אידישע קאָלאָניעס“, לויט'ן אויסדרוק פון אראבישען געלערנטען דר. ת. כנען, האָבען דערוויזען וואָס בעדייטעט מענשליכע ארבייט, פלייס, טיכטיגקייט און קולטור פאר דעם באָדען אין א“י און אז די ענדערונגען אין לאַנד זיינען אבהענגיג פון מענשען און פון מענשליכע קולטור, און פונקט אזוי ווי די פערערגערונג שטאמט פון מענשען, איז אויך די פערבעסערונג מעגליך דורך מענשען.

וואס די אידישע קאָלאָניעס צייגען.

ניט די נאַטור — נאָר מענשליכער בייזער ווילען, מענשליכע צושטערונגסקראַפט, פערנאכלעסיגונג, דומהייט, אונוויסענהייט זיינען שולדיג אין דער איצטיגער טרויעריגער לאַגע פון לאַנד. אָבער דאָס וואס מענשען האָבען צושטערט קאָנען מענשען צוריק אויפבויען. וואס אונוויסענהייט האָט פערנאַכלעסיגט קאָן וויסענשאַפט גוט מאַכען און פיעלפאַך פערבעסערען.

שלום

„עקסנאציאָנאַליטעט" פון א״י.

פון נאָך דעם אידישען חורבן און דער צושטערונג פון אויטאָנאָמען ישוב אין זיין היסטאָריש פאַטערלאַנד — איז ארץ ישראל געוואָרען און פערבליבען, אזוי צו זאָגען, אַן „עקסנאַציאָנאַל לאַנד", אַ לאַנד אָהן אַ פאָלק, אָהן אַן איינהייטליכע, פעראייניגטע, צו דער היסטאָרישער ערד צוגעבונדענע בעפעלקערונג וואָס לעבט אין לאַנד און ליעבט דאָס לאַנד אַלס אַן אייגען לאַנד, אַן אייגענע היים. מיט ארץ ישראל איז פאַרגעקומען אין אַ געוויסען זין דאָס זעלבע וואָס מיט'ן פאָלק ישראל. אָבגעריסען און בערויבט פון זייער היסטאָרישער היים, האָבען די אידען אין פערלויף פון זייער אַכצעהנהונדערט־יעהריגען גלות ניט ערוואָרבען זיך אויסער ארץ ישראל קיין אַנדער נאַציאָנאַלע היים. אין געפיהל און בעוואוסטזיין, אין שטרעבונג און ווילען פון אידישען פאָלק איז א״י פארבליבען ז י י ן לאַנד; דער מהלך פון צייט און רוים האָבען ניט געקאָנט אָבשוואַכען און אויסרייסען פון אידישען פאָלקס־געוויסען דעם אינסטינקטיווען גלויבען אין א״י אַלס די אידישע היים. דערוויייטערט פיזיש פון זיין היסטאָריש לאַנד, האָט דאָס אידישע פאָלק ניט אויפגעהערט צו זיין נאָהענט, אינטים נאָהענט צום לאַנד פון זיין פערגאַנגענהייט, וואו ער האָט אויך געזעהן זיין צוקונפט. אין די טיעפסטע טיעפעניישען פון פאָלקס נשמה איז פערזיגעלט געוואָרען אַ ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט נאָך ז י י ן לאַנד, און איבער דעם לאַנגען דאָרענדיגען גלות־וועג האָט אָבגעקלונגען אין אידישען הארץ די פייערליכע שבועה פון די ערשטע גולים: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". און אין פייער און בלוט האָט דאָס פאָלק דורכגעטראָגען און אָבגעהיט אין פערלויף פון ,אַכצעהן הונדערט יאָהר זיין חלום און גלויבען אין זיין נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט און צוריקקעהר צו זיין אייגענער היים.

און דורך אַ מערקווירדיגען היסטאָרישען צופאַל איז ארץ ישראל פאַר די גאַנצע אַכצעהן הונדערט יאָהר פון אידישען גלות ניט געוואָרען די נאַציאָנאַלע היים פון אירגענד וועלכען עס איז פאָלק. קיין איין נאַציאָן און קיין איין מלוכה איז ניט צוזאמענגעוואקסען און ניט באהעפטעט געווארען מיט'ן אידישען פאטערלאַנד.

נאָך דעם פאַל פון שמעון בר־כוכבא, דעם לעצטען אידישען זעלבסטשטענדיגען הערשער, האָט רוים און ביזאַנץ געהאַלטען א״י פאר גאַנצע 500 יאָהר (פון 136 ביז 636), אָבער ניט די רוימער און ניט די ביזאַנטינער האָבען א״י ניט געמאַכט פאר זייער היים. פאַלעסטינא איז פאַר זיי ניט מעהר געווען ווי אַ קאָלאָניאַלער בעזיץ, אַ פאָליטיש אייגענטום וואָס מען געווינט און פערלירט, וואָס איז אָבער ניט קיין אָרגאַנישער טייל פון נאַציאָנאַלען קיום. דאָס לאַנד האָט אפילו ניט איבערגענומען די הערשענדע רוימישע און גריכישע שפּראַכען, און ביז דער הערשאַפט פון איסלאַם האָט די בעפעלקערונג פון א״י גערעדט אַרמ'יש, די אידישע פאָלקס־שפּראַך, און טיילווייז אויך העברעאיש — די אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

די אַראַביש־מצרישע הערשאַפט אין א״י, וואָס האָט מיט פיעלע אונטערברעכונגען געדויערט בערך 880 יאָהר — פון 637 ביז 1517 — (אין צווישען, פון 1099 ביז 1291, האָבען מאַנכע מאָהל געהערשט די נוסעי הצלב), האָט איבערגעלאָזט אין לאַנד פיעל טיעפערע און דויערענדע סימנים. עד היום הערשען די שפּראַך און רע־

ליגיאָן פון אַראַביען אין לאַנד פון די אידישע נביאים. אַלס נאַציאָן אָבער, האָבען די אַראַבער זיך קיינמאָהל ניט אָרגאַניש פערבונדען מיט דעם עראָבערטען ארץ ישראל, הגם זיי האָבען אַרויפגעצוואונגען אויף דער עראָבערטער בעפעלקערונג זייער שפּראַך און גלויבען. דאָס וויגעלע פון דער אראַבישער נאַציאָנאַליטעט איז נאָך אַלץ פערבליבען אין דער גרויסער וויסטע פון אַראַבישען האַלב־אינזעל, און די צאָהלרייכע אַראַביש־שפּרעכענדע פעלקער פון מערב אַזיען און צפון און מזרח אַפריקע בילדען נאָך אַלץ פערשיעדענע נאַציאָנאַלע איינהייטען וואָס האָבען צווישען זיך ניט קיין אַנדערע געמיינשאַפטליכע פערבינדונג אויסער דער רעליגיע.

אין ארץ ישראל גופא זיינען די קינדער פון די אַראַבישע עראָבערער נאָך ביז היינט געבליבען מייסטענס אָבגעזונדערט פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג און מיט וויינינג אויסנאַהמען האָבען זיי נאָך אַלץ ניט געביטען זייער נאָמאַדישען לעבען אויף מעהר ציווילזירטע, זעסהאַפטע לעבענס פאָרמען. אין מויל פון דער פּאַלעסטינער איינוואוינערשאַפט איז דער וואָרט „אַראַב“ אידענטיש מיט׳ן בעגריף נאָמאַד אָדער בעדואינער. די פלאחין בעטראַכטען נאָך איצט דעם „אַראַב“ אלס אַ פיינד און אַ פרעמדען, און זיי האָבען א ווערטעל: „ערב ג׳רב מא בנקרב“ (אראב דזשאראב מא בינקאראב), ד. ה. דער אַראַבער איז קרעציג, דערנעהנטערט זיך ניט צו איהם. נאָר אַ טייל פון די וואָס שטאַמען פון די אַראַבישע עראָבערער האָבען זיך בעזעצט אין די שטעדט — דאָס זיינען די עפענדיס, אַדעליגע פאַמיליעס וואָס זיינען נאָך איצטווירטשאַפטליך די הערשער פון לאַנד — צו זיי בעלאַנגען די מייסטע גרויסע גיטער, זיי זיינען די בעלי עשור און פראָצענטניקעס וואס האַלטען די פלאַחין אין עקאָנאָמישער און פינאַנציעלער אָבהענגיגקייט און פערשקלאַפונג.

וויניגער פאַר די אַראַבער האָבען די טערקען זיך נאַציאָנאַל איינגעבירגערט אין לאַנד. נאָך אַ פיער הונדערט יעהריגער הערשאַפט פון די אָטאָמאַנישע טערקען איבער׳ן לאַנד (1517—1917), איז די טערקישע קולטור און טערקישע שפּראַך געבליבען אזוי פרעמד און אונבעקאַנט אין א״י, אקוראט ווי זי איז געווען מיט 400 יאָהר צוריק. פון די עטליכע און צוואנציג נאַציאָנאַל רעליגיעזע גרופען, פון וועלכע די פּאַלעסטינישע בעפעלקערונג איז צוזאַמענגעשטעלט, איז די טערקישע די קלענסטע, און עקאָנאָמיש און קולטורעל די אונבעדייטענדסטע. בלויז פּאָליטיש פערנעהמען די טערקען דעם אויבען־אָן, אלס די הערשענדע ראַסע, אָבער אַ חוץ די קליינע צאָהל פון העכערע ציווילע און מיליטערישע בעאַמטע איז אין ארץ ישראל ניטאָ קיין טערקישע איינוואוינער, און מהוץ די אָפיציעלע רעגיערונגס אַנשטאַלטען ווערט די טערקישע שפּראַך וויניגער געברויכט ווי אירגענד וועלכע עס איז איראָפעאישע שפּראַך, שוין ניט רעדענדיג פון אַראַביש און העברעאיש און אַנדערע אידישע דיאַלעקטען.

קיין איינע פון די עראָבערענדע נאַציאָנען האָט זיך אָרגאַניש ניט פערבונדען מיט ארץ ישראל — דאָס לאַנד איז ביז היינט געבליבען אָהן א בעזיצער אין נאַציאָנאַלהיסטאָרישען זין פון דעם וואָרט. דערפאַר איז דאָס לאַנד געבליבען רואינירט און האַלב־פערוויסטעט. אין לאַנד גופא איז ניט געווען קיין איינהיימישע בעפעלקערונג וואָס האָט דעם אינטערעס און דעם ווילען און די פעהיגקייט צו בעבויען און ענטוויקלען דאָס לאַנד, און די פרעמדע רעגיערונגען האָבען זיך אינטערעסירט הויפּטזעכליך אין דער מיליטערישער און פינאַנציעלער עקספּלואַטאַציע פון דער לאַנד־בעפעלקערונג, און האָבען זעהר וויניג געזאָרגט פאַר זייערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע נויטען.

אָט דיזע „עקסנ,אַציאָנאַליטעט“ פון ארץ ישראל האָט געבראַכט דערצו אז ארץ ישראל זאָל ווערען פערוויסט און רואינירט.

דאָס לאַנד פון זון און בלומען, פון אימער גרינע בוימער און פאַרבענרייכע פעלדער, וואו „די בערג טריפען מיט זאַפט“ פון פרוכטען און די „טאָלען זיינען אָנגעלאָדען מיט תבואה“, דאָס וואונדערליכסטע לאַנד פון ערד־קוגעל, א וועלט אין מיניאַטור, לויט דעם שאַרפזיניגען אויסדרוק פון רבי שמעון בן יחאי, „ארץ מתובלת בכל“, א לאַנד וואָס פעראייניגט אין זיך די פערשיעדענאַרטיגסטע נאַטור־געשטאַלטען און נאַטור־קאָנטראַסטען, וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין דער פיעלפאַכער גלידערונג פון דער איבער־פלעכע, אין דעם רייכטום פון פלאַנצונגען אויף אזא בעגרענעצטען שטח, און וואס דער אידישער היסטאָריקער האָט מיט רעכט בעצייכענט אלס „די אמביציאָן פון דער נאַטור וואס זוכט ווי אין א וועט־שטרייט צו פעראייניגען אין איין פונקט די געגענזעצען און צווינגט די געוויקסען וואָס זיינען פון דער נאַטור פיינדליך צווישען זיך, זאָלען לעבען הארמאָניש צוזאַמען“, א לאַנד וואָס בילדעט גלייכזאַם די פערבינדונגס־בריק צווישען אזיען און אפריקא, דעם פּרסי׳שען גאָלף און ים התיכון, און פעראייניגט דעם מזרח מיט׳ן מערב, א לאַנד וואו ס׳טרעפען זיך צוזאַמען אלע קולטורען און פון וואנען דער העכסטער מענשליכער געניוס האָט פערשפּרייט זיין גייסטיגע ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט, דאָס לאַנד וואָס איז פון דער נאַטור און געשיכטע בעשטימט געוואָרען צו זיין דאָס גאָרטען־לאַנד און דער „צבי הארצות“, דער ברען־פונקט פון דער וועלט — איז זינט עס איז פערלאָזען געוואָרען פון די געטרייע, פלייסיגע, איבערגעגעבענע הענד פון איינגענע קינדער, געבליבען צושטערט און פאַרוועלקט, פערעלענדט און פעראָרימט. „דערנער אין צאָהללאָזע מענגען בעדעקען די שעהנע טאָלען, די גערטנער און פרוכט־וועלדער זיינען פערשוואונדען, דער וואַלד צירונג איז פערניכטעט, די בערג־אָבהענג זיינען נאַקעט און לעבענסלאָז, ענטבלויזט פון זייער פרוכט ערד, דאָס לאַנד איז בעדעקט מיט חרבות“.

און דאָס לאַנד וואַרט אויפ׳ן פאָלק, אויף זיין פאָלק, ער זאָל קומען און אויפריכטען און רעסטאַווירען זיין אלטע היים, פערהיילען מיט קינדערשע ליעבע און מוטערליכע איבערגעבענהייט און טרייהייט איהרע וואונדען, אויפשטעלען די טויזענד יעהריגע רואינעס, ווידערשטעלען די בערג־טעראַסען און אָנפלאַנצען די וואַלד־צירונג, צוריק אויפבויען און פערפאָלקאָמענען מיט די אַלע מיטלען פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט, אָגראַנאָמיע און טעכניק, די אַמאָהל שוין עקזיסטירענדע אירגאַניזאַציאָנס־סיסטעם און בעפרוכטען די פערלאָזענע אָבער נאָך אימער פרוכטבאַרע פעלדער פון יהודה און גליל, בשן און גלעד; ער זאָל קומען און מיט זיין איניציאַטיווע און ארבייט, ערפינדונגס־גייסט און אונבעזיעגבארען ווילען ארויסצויבערען פון שויס פון לאַנד איהרע בעהאַלטענע אוצרות און נאַטירליכע רייכטימער; ער זאָל קומען און מיט זיין פּיאָנירען־לוכט און אָפּפערוויליגקייט, ענטוזיאַזם, מוטה און שעפּפערישען געניוס אויפבויען און גרינדען די נייע ארץ ישראל.

וואס א״י דאַרף.

ביבליאָגראַפיע צו דעם צווייטען קאפיטעל וועגען לאנדווירטשאפטליכען ישוב.

אלגעמיינעס

ר׳ אשתורי הפרחי: כפתור ופרח, הוצ׳ לונץ, ירושלם תרנ"ט.
ר׳ אוסף שווארץ: תבואות הארץ, הוצ׳ לונץ, ירושלים תר"ס.
א ספיר: הארץ, הוצאת „קהלת" יפו, התרע"א.
א. מ. לונץ: „ירושלם" עשרה כרכים, ירושלם.
א. מ. לונץ: לוחות ארץ־ישראל, ירושלים תרנ"ו־תרע"ד

علی جواد · ممالك عثمانیه نك تاریخ وجغرافیا لغاتی در سعادت ١٣١٣

סאלנאמע־אי דעוולעט־אי אליע־אי אסמאניע, 1308 (טערקיש).
סאלנאמע־אי ווילאיעט־אי סוריה, 1317 (טערקיש).

سالنامهٔ ولایة بیروت ١٣٢٦

The Survey of Western Palestine: Memoirs of the topography, orography, hydrography, etc.
Vol. I: Galilee. London, 1881.
Vol. II: Samaria. London, 1882.
Vol. III: Judaea. London, 1884.
Trelawney Saunders: An introduction to the Survey of Western Palestine.
C. R. Conder: Tent Work in Palestine. 2 Vol. London, 1878.
Heth and Moab, Explorations in Syria in 1881 and 1882. London, 1883.
V. Guerin: Description Geographique, historique et archeologique de la Palestine. 7 Vol. Paris, 1868-1880.
E. Hull: Mount Seir, Sinai and Western Palestine; being a narrative of a scientific expedition. London, 1889,
K. Baedecker: Palestine and Syria, Handbook for travellers. Leipzig. New York, London, 1912.
Vital Cuinet: Syrie, Lyban et Palestine. Paris, 1896-1901.
Prof. Dr. Herman Guthe: Palaestina. Leipzig, 1908.
G. Schumacher: Der Dscholan. (Z. D. P. V. IX. 1886.)
Das suedliche Basan. (Z. D. P. V. XXI, 1897.)
Across the Jordan. London, 1886.
Northern Ajlun. London, 1890.
L. Oliphant: The Land of Gilead. New York, 1881.
Haifa, or Life in Modern Palestine. New York, 1887
Selah Merill: East of the Jordan. New York, 1887.
S. Munk: Palestine. Paris. 1843.
The City and the Land. 1892. P. E. F.
H. B. Tristram: Land of Israel. (London 1866).
—— Land of Moab. (New York 1873).
K. T. Khairallah: La Syrie. (Paris, 1912).

Nadra Mautran: La Syrie de demain. (Paris 1916).
Burton and Drake: Unexplored Syria. 2 vols. (London, 1882).
Ellsworth Huntington: Palestine and its transformation. (Boston and New York, 1911).
W. Thomson: The Land and the Book 3 vol. (Hartford, Conn. 1907).
Azoury Negib: Le Reveil de la Nation Arabe. (Paris, 1905).
C. F. Volney: Voyage en Egypte et en Syrie pendant les annees 1783, 1784 et 1785. Paris. 1787.
J. L. Burckhardt: Travels in Syria. London. 1822.
J. Wilson: The Lands of the Bible. Edinburgh. 1847.

געשיכטליכעס.

כתובים אחרונים (מועתקים מיונית ע"י רי"ז פרנקל).
פרופ' צבי גראטץ: דברי ימי ישראל, מתורגם עברית מאת שאול פנחס ראבינאוויץ, תשעה חלקים, ווארשא תרנ"א — תרס"ט.
שלמה רוזאנוס: דברי ימי ישראל בתוגרמה, ג' חלקים, הוסיאטין.
משא ארץ ישראל ע"פ חכמי המשנה והתלמוד ליוסף דרנבורג, תרגום מבש"ז. תרנ"ו (הוצאת „המליץ").
Emil Schuerer: A History of the Jewish People in the Time of Jesus Christ. 3 vols.
The Works of Flavius Josephus, translated by William Whiston, 3 vols. New York.
Dr. J. Benzinger: Hebraeische Archaeologie. 2 Auflage. Tuebingen, 1907.
Dr. Samuel Kraus: Talmudische Archaeologie. 3 Baender. Leipzig, 1911.
Dr. Wilhelm Nowack: Lehrbuch der Hebraeischer Archaeologie. Freiburg. 1894.
C. R. Conder: The Jews Under Rome. (Q. S. P. E. F., 1876.)
The Fertility of Ancient Palestine. (Q. S. P. E. F., 1876.)
S. Merill: Galilee in the Time of Christ. Boston, 1881.
E. Robinson: Biblical Researches in Palestine. 3 Vol. Boston, 1856.
Adolph Neubauer: La Geographie du Talmud. Paris, 1868.
Dr. Georg Kampfmeyr: Alte Namen in heutigen Palaestina and Syrien. (Z. D. P. V. XV-XVI, 1892-3.)
Dr. S. Klein: Beitraege zur Geographie und Geschichte Galilaeas. Leipzig. 1909.
Dr. G. Hoelscher: Die Geschichte der Juden in Palaestina seit dem Jahre 80 nach Ch. (Leipzig, 1909).
Gue le Strange: Palestine under the Moslems. (London, 1890).
C. R. Conder: The Latin Kingdom of Jesrusalem. London, 1897.
Edward Wilton: The Negeb, or the South Country," 1863.
Ch. Clermont-Ganneau: La Palestine inconnue. Paris, 1876.

וועגען די פלאחין.

J. Finn: Stirring Times. 2 vols. London 1875.
Henry J. Van-Lennep: Bible Lands; Their Modern Customs and Manners. (New York, 1875).
Leonard Bauer: Volksleben im Lande der Bibel. 2 Auflage. Leipzig, 1903.
F. A. Klein: Mittheilungen ueber Leben, Sitten und Gebraeuche der Fellachen in Palaestina. (Z. D. P. V. III, IV, V.)

L. Bauer: Kleidung und Schmuck der Araber Palaestinas (Z. D. P. V. XXIV, 1901.)

Elihu Grant: The Peasantry of Palestine. 1907.

Mrs. E. Finn: The Fellaheen of Palestine. (Q. S. P. E. F., 1879.)

Ph. G. Baldensperger: The Immovable East. (Q. S. P. E. F. 1903-1916).
Religion of The Fellaheen. (Q. S. P. E. F., 1897.)
Morals of The Fellaheen. (Q. S. P. E. F., 1893.)
Woman in The East. (Q. S. P. E. F., 1900-1901.)

R. A. Stewart Macalister: Occasional Papers on the Modern Inhabitants of Palestine. (Q. S. P. E. F., 1904-1905.)
——History of the doings of the Fellaheen during the first half of the 19th century, from native sources. (Q. . P. E. F. 1905).

W. Christie: Der Dialekt der Landbevoelkerung des mittlern Galilaea. (Z. D. P. V. XXIV.)

C. Schick: Zur Einwohnerzahl des Bezirkes Jerusalem. (Z. D. P. V. XIX, 1896)).

C. R. Conder: Notes on the Language of the native peasantry in Palestine. (Q. S. P. E. F. 1876, pp. 132).

G. M. Mackie: Bible Manners and Customs. London 1903.

לאנדווירטשאפטליכעס.

DR. LEO ANDERLIND: Ackerbau und Tierzucht in Syrien, insbesondere in Palaestina. (Z. D. P. V. IX, 1886.)
Die Fruchtbaume in Syrien, insbesondere in Palaestina. (Z. D. P. V. XI, 1888.)
Die Rebe in Syrien, insbesondere Palaestina. (Z. D. P. V. X, 1887.)
Der Einfluss der Gebirgswaldungen in noerdlichen Palaestina auf die Vermehrung der waesserigen Niederschlaege daselbst. (Z. D. P. V. VIII, 1885.)

FR. Oetkin: Palaestinafahrt eines Landwirts. (Altneuland III, 1906.)

G. Schumacher: Der arabischer Pflug. (Z. D. P. V. XII, 1889.)

Dr. Canaan: Der Ackerbau in Palaestina. (Globus, 1909.)

Hubert Auhagen: Beitraege zur Kenntnis der Landesnatur und der Landwirtschaft Syriens. Berlin, 1907.

Samuel Bergheim: Land Tenure in Palestine. (Q. S. P. E. F., 1894.)

Georg E. Post: Land Tenure, Agriculture, etc., in Syria and Palestine. (Q. S. P. E. F., 1891.)

A. Aaronson und Dr. S. Soskin: Die Weinfrage und die Rebenkultur in Palaestina. (Die Welt, 1901, No. 32.)

Wady Medawar: La Syrie Agricole. Paris, 1903.

Dr. A. Ruppin: Syrien als Wirtschaftsgebiet. Berlin, 1917.

Dr. V. Schwoebel: Die Verkehrswege und Ansiedlungen Galilaeas in ihrer Abhaengigkeit von den natuerlichen Bedingungen. (Z. D. P. V. XXVII, 1904.)

Resume de la Statistique agricole de la turquie d'Asie et d'Afrique pour l' annee. 1325, Constantinople, 1912.

Selah Merril: Fruit Culture in Palestine (United States Consular Reports, No. 45, Washington, 1884.)

C. Schick: Landwirtschaftliches aus Palaestina. (Oesterr. Manatsschrift fuer den Orient, 1879, No. 3.)

Aaron Aaronson: Agricultural and Botanical Explorations in Palestine, (Washington, 1910.)

Dr. G. Rindfleisch: Die Landschaft Hauran in Roemischer Zeit und in Gegenwart ZDPV, Bd. XXI (1898).

Prof. Dr. Max Blankenhorn: Naturwissenschaftliche Studien am Toten Meer und in Jordantal, Berlin, 1912.

Ernest Weakly: Report upon the Conditions and Prospects of British Trade with Syria. London. 1911.

Annual Series Diplomatic and Consular Reports on the Trade of the District of Jerusalem for the years 1885-1913;of the District of Syria (Beirut) for the years 1893-1913; of Damascus for the years 1901-1911.

Berichte ueber Handel und Industrie. Band XIII. Berlin. 19 November, 1909. Heft. 6.

Handel und wirtschaftliche Verhaeltnisse im Bezirk des Kaiserl. Konsulats von Jerusalem. s. 226.

E. W. G. Masterman: Palestine, its resources and suitability for colonization (The Geographical Journal) London, July 1917.

Dr. H. Hildescheid: Die Niederschlags verhaeltnisse Palaestinas in alter und neuer Zeit. (Z. D. P. V. XXV., 1902).

Dr. Hugo Klein: Das Klima Palaestinas auf Grund der alten hebraeischen quellen. (Z. D. P. V., 1917).

J. Treidel und A. Aaronson: Palaestina, ein wasserarmes Land? (Die Welt, 1902, No. 5).

E. Graf von Muelinen: Beitraege zur Kenntnis des Karmels. (Z. D. P. V., XXV., 1907, pp. 117).

H. Vogelstein: Die Landwirtschaft in Palaestina zur Zeit der Mischna. 1894.

F. Goldman: Der Oelbau in Palaestina zur Zeit der Mischna. Presburg, 1907.

Moritz Mainzer: Ueber Jagd, Fishfang und Bienenzucht bei den Juden in der tanneishen zeit. Pressburg, 1910.

T. Loew: Aramaeische Pflanzennamen. Leipzig, 1881.

Dr. M. Duschak: Zur Botanik des Talmud. Pest, 1870.

זעקסטע אבטיילונג.

די פאָרשונג פון לאנד.


די ליטעראטור איבער ארץ ישראל איז אזוי אלט, ווי איהר געשיכטע גופא. צוליעב איהר מערקווירדיגער נאטור, צוליעב דעם אָפענעם כאראקטער פון איהרע טאַלען, ביים ברעג ים, און איינגעשלאָסענעם פארפעסטיגטען כאראקטער פון איהרע בערג אין דעם מיטעללאנד, צוליעב דער מילדקייט פון איהר קלימאט און צוליעב דעם רייכטום פון איהר באָדען, פון איהר פלארא און פאונא, האָט ארץ ישראל פון אייביג אָן צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון אלע ארומיגע פעלקער און שבטים, וועלכע זיינען נור געקומען מיט איהר אין בעריהרונג. און אזוי ווי דאָס לאנד איז במשך פון עטליכע טויזענד יאָהר כמעט אָהן אונטערבראכען געשטאַנען אויף דעם שייד־וועג פון די גרויסע פעלקער צוגען, אין דעם מיטעלפונקט צווישען די מעכטיגסטע וועלט־ציוויליזאציאָנען, איז שוין פארשטענדליך וואָרום האָבען כמעט אלע פעלקער פון דער וועלט געווידמעט אזא גרויסען אינטערעס צו דיעזען קליינעם געאָגראפישען ווינקעל.

דער נאטירליכער אינטערעס צו פ א ל ע ס ט י נ א האָט זיך אָבער אונגעהויער פארשטארקט צו א ר ץ ־ י ש ר א ל: די רעליגיעזע, מאָראלע און קולטורעל־געזעלשאפטליכע ווערטען, וועלכע זיינען אין דיעזען לאנד געשאפען געוואָרען — זיינען א פּראָדוקט פון דעם אידישען געניוס און פון דער אידישער טעטיגקייט. און קיין לאנד האָט נאָך נישט געהאט אזא וועלט־ווירקונג, קיין איינע האָט נאָך נישט געגעבען אזוי פיעל שפייז פאר דער מענשליכער גייסטיגער טעטיגקייט ווי ארץ־ישראל. די רעליגיעזע, עטישע, פילאָזאָפישע און געזעלשאפטליכע אידעען, וועלכע שטאמען דירעקט פון ארץ ישראל אָדער קומען ארויס פון איהר אונדירעקט, דורך דער פערמיטלונג פון פיעלע דורות, וואָס זיינען פון דעם לאנד לאנג אָבגעריסען, טראָגען אָבער אין זיך רעזולטאטען פון איהר אמאָליגער ווירקונג; דיזע אידעען פארנעהמען ביז היינט אן אונגעהויער וויכטיגען פלאץ צווישען די לייטענדע געדאנקען פון אלע ציוויליזירטע פעלקער.

דער אינטערעס פאר א"י.

די אויספאָרשונג פון ארץ ישראל קאָן אייגעטיילט ווערען, ווי די געשיכטע פון דעם לאנד גופא, אין דריי אונגלייכע טיילען. ביז דער אידישע תקופה האָבען מיר בלויז אויסערליכע צופעליגע קוועלען וועגען ארץ ישראל. די אידישע תקופה איז די איינציגע, וועלכע האָט איבערגעלאָזען אָן אָריגינעלע און פאָלשטענדיגע ארץ־ישראל קולטור. די אידישע ליטעראטור האָט אָבגעשפּיגעלט אין זיך דעם גאנצען נאטור־און געזעלשאפטליכען אוניווערזום פון ארץ־ישראל פון אינווענינג. האָבענדיג אין זינען גאָר אנדערע צוועקען — מאָראליש רעליגיעזע, געזעלשאפטליכע, פּאָליטישע, נאציאָנאלע — האָבען די גרעסטע יצירות פון אידישען גייסט — דער תנ"ך, די משנה, דער תלמוד, די פערשיעדענע מדרשים — און טיילווייז אויך די ליטורגישע פּאָעזיע, פעראייביגט פאר די צוקונפטיגע דורות א פאָלשטענדיגע בילד פון דער לאנדס־נאטור און פון גאנצע געזעלשאפטליכען און אינדיווידועלען לעבען פון איהר באפעלקערונג.

די פארשונג אין פערשיע־דענע תקופות.



דאס לאנד כ נ ע ן פאר דער אידישער איינוואנדערונג (לויט די בריעף פון תל־אמרנא).

די דריטע נאָך־אידישע עפּאָכע האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך צווייערליי קוועלען: אינערליכע (אַראבישע, שמרונישע און קריסטליכע חראָניקען) און אויסערליכע בע־שרייבונגען פון פערשיעדענע אידישע, קריסטליכע און מוסולמענישע רייזענדע און עולי־רגל. דיעזע אַלע מאַטעריאַלען, וואָס זיינען ספּעציעל מיט דעם צוועק געשריבען געוואָרען צוליעב אינפאָרמאַציאָן וועגען ארץ־ישראל און איהר צושטאַנד, גיבען איבער נור איינצעלנע, אָבגעריסענע בילדער פון לאַנד, און זיי קאָנען זיך ניט פאַרגליי־כען מיט דער קלאָרער אַלזייטיגער גאַנצער לעבענס־בילד פון די אויבענדערמאָנטע אָריגינעלע יצירות פון דעם אידישען געניוס. ערשט אין אָנהויב פון 19טען יאָהר־הונדערט פאַנגט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער פאָרשונג פון ארץ ישראל. — די תקופה פון וויסענשאַפטליכער אויספאָרשונג, וועלכע האָט זיך כסדר ענטוויקעלט אין משך פון דעם יאָהרהונדערט און געשאַפען די מאָדערנע פּאַלעסטינא־וויסענ־שאַפט.

די ערשטע איינוואָהנער פון ארץ ישראל האָבען אונז קיינע בעריכטען, אין דער פאָרם פון שריפטליכע דאָקומענטען, פון זיך ניט איבערגעלאָזט. נור די אויסגראָ־בונגען פון די לעצטע יאָהרען האָבען ארויסגעבראַכט פאַר דער ליכט פון דער וועלט זאַכליכע ראיות, אין דעם פאָרם פון קברים, רואינען, מערות, מזבחות, כלים און פערשיעדענע אינסטרומענטען. די ערשטע שריפטליכע דאָקומענטען, וועלכע בע־שרייבען ארץ ישראל שטאַמען געראָדע פון חוץ־לארץ — פון מצרים און פון בבל, איבערהויפּט פון מצרים. דער ערשטער טוריסט איז געווען איינער סינו־חיט, אַ יאָהרהונדערט נאָך אברהם אבינו. ער דערמאָנט פיעלע ערטער, וועלכע זיינען אונז (עגיפּטישע קוועלען.) בעקאַנט פון דער תורה, און בעשרייבט דאָס גאַנצע לאַנד כנען, אַלס „אַ לאַנד פון פייגען און וויין... וואו וויין איז מעהר פאַר וואַסער... האָניג מיט אַליווען לרוב. בוימער בעלאָדען מיט אַלערליי פרוכט, פעלדער מיט גערשטען און פּיה אָהן אַ שיעור”... דער טיש איז פול מיט „ברויט, וויין, געקאָכטע פלייש און געבראָטענע עופות, ווילדע יאַגד־חיות פון די בערג און כלים פול מיט מילכיגע מאכלים”.1)

רעהוט־מאזיס (טוטמאָס) דער דריטער האָט איינגענומען ארץ־ישראל אין 16טען יאָהרהונדערט, ד. ה. בשעת די ערשטע אידישע שבטים זיינען געוועזען נאָך אין „גלות־מצרים”. אין אַן אויפשריפט פון יענער צייט, אין קאַרנאַק (מצרים), ווערט דערצעהלט ווי אַזוי עס איז איינגענומען געוואָרען מגדו, עמק־יזרעאל און דאָס גאַנצע לאַנד כנען. די אויפשריפט ענטהאַלט 119 נעמען פון שטעדט און ערטער אין פיעלע פון וועלכע מיר דערקאָנען לייכט נעמען פון דעם תנ"ך.

מיט דרייסיג יאָהר צוריק (1887) האָט מען ענטדעקט נאָך אַ וויכטיגערען קוואַל, דאָס זיינען די בריעף פון תל־אמרנא 2), וועלכע גיבען אונז איבער זעהר אינטערעסאַנטע ידיעות איבער דעם פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען צושטאַנד פון ארץ ישראל און סוריען אין דעם 15טען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער רעכנונג. צווישען די עטליכע הונדערט בריעף פון תל־אמרנא געפינען זיך אויך זעקס בריעף פון אַ געוויסען קעניג אָדער שטאַטהאַלטער פון ירושלם, וועלכער מעלדעט אַז דער עגיפּטישער פּלאַט האָט פאַרלאָזען די גרענען פון לאַנד, אַז

1) זעה „קאַמדען מ. קאָבערן”ס אַרטיקעל אין דער „אינטערנעשאַנאַל בייבל ענציקלאָפּעדיע. שיקאַגאָ 1915, אָדער די „רעקאָרדס אָוו דהי פּאַסט”, באַנד 6.

2) The Tell-Amarna. Tablets, translated by C. Conder.

א סך שטעדט זיינען ישוין איינגענומען געווארען פון דער פאלק „חבירי“ (וועלכע מאנכע געלערנטע אידענטיפיצירען מיט „עברי“), און אז ירושלם גופא שטעהט אין גרויס סכנה איינגענומען צו ווערען, אויב די מצרים וועלען נישט קומען שנעל צו הילף.

אין די בריעף פון תל־אמרנא זיינען אנגערופען ביז 130 נעמען פון ארץ־ישראל־דיגע שטעדט און פונקטען, וועלכע זיינען כמעט אלע אידענטיפיצירט געווארען מיט שטעדט פון תנ"ך, אדער מיט בעקאנטע ערטער, וואס עקזיסטירען ביז היינט.

נאך א חאראקטעריסטיישער דאקומענט איז צו אונז דערגאנגען אין דער פארם פון א עגיפטיישען רייזע־בעריכט פון אנהויב פערצעהנטען יאהרהונדערט. דער עגיפטישער רייזענדער מ א ה ר 3) (מאהאר) בעשרייבט מיט אזעלכע לעבעדיגע פארבען די שלים־מזל'דיגע נסיעה וועלכע ער האט געמאכט אין ארץ־כנען: די שרעקליכע יסורים פון דורשט אונטער די גליהענדע שטראהלען פון דער ארץ ישראל'דיגער זון און דעם אנגענעהמען שאטען פון די פאלמען־גערטנער לעבען יפו, די שעהנקייט פון די איינגעבוירענע פרויען און דעם איבערפאל פון די רויבערישע בעדואינער. אז עס ווילט זיך בשום אופן נישט גלויבען, אז די ערצעהלונג איז געשריבען געווארען נישט אין אונזער עפאכע, נאר — מיט דריי טויזענד און צוויי הונדערט יאהר פאר אונז.

באבילאנישע
און ארמ'יישע
קוועלען.

צו א פיעל שפעטערדיגער עפאכע געהערען די אשורישע דאקומענטען. ש ל מ נ א ס ר דער צווייטער (9טער יאהרהונדערט) רעכענט אויס די שטייערען פון ישראל, און די מאנומענטען פון אנדערע קעניגען פון אשור, פון 8טען יאהר־הונדערט, ווארפען א העלען ליכט אויף די פאליטיישע פערהעלטניסע אין ארץ ישראל און סוריה צו זייער צייט.

שפעטערדיגע דאקומענטען פון בבל און פרס בעלייכטען די לאגע אין א"י פ א ר און נ א ך גלות בבל, און די בעריהמטע א ר מ ' י ש ע פאפירוסען פון י ב (עלעפאנטינא) ווארפען א נייעם ליכט אויף דער אידישער לאגע אין דער תקופה צווישען עזרא און נחמיה, און צווישען אלכסנדר מוקדונ'ס הערשאפט.

די תורה.

אלס דער וויכטיגסטער און אונערשעפליכער קוואל פון ארץ־ישראל וויסענ־שאפט בלייבט אבער אימער אונזער אלטער תנ"ך. אהערצו געהערט פריהער פון אלץ ד י ת ו ר ה . דער גאנצער לעבען פון די ערשטע אבות, אברהם, יצחק, יעקב און פון זיינע זיהן די שבטים, פליסט דורך אין דרום זייט און אין דעם צענטער פון א"י, ארום חברון, שכם און באר־שבע, טיילווייז אין גלעד און אין מדבר. די פאונא און די פלארא פון ס' ויקרא און במדבר זיינען שייך טיילווייז צו דעם מדבר, טיילווייז צו דעם וואדי־ערבה און צו די בערג פון מואב. אלע איבעריגע ספרים פון תנ"ך, די נביאים און די כתובים טראגען אזא אויסדריקליכען שטעמפעל פון ארץ־ישראל נאטור, אז אויב עס וואלט זיך נאר ערוועקט וועלכער ס'איז ספק איבער זייער אבשטאמונגס־ארט, וואלט ער באלד בטל געווארען דורך דעם דאזיגען חאראקטעריסטישען בעוויז. בעזונדערס איז וויכטיג פאר דער געאגראפיע פון לאנד דער ספר י ה ו ש ע .

דער תנ"ך.

פון אלע 600 געאגראפיישע נעמען, וועלכע מיר באגעגענען אין תנ"ך ענטהאלט דער ספר יהושע א העלפט, ד. ה. מעהר פון 300 נעמען. א לאנגע צייט זיינען די אמת'ע פאזיציעס פון דיזע אלטע ערטער געוועזען צווייפעלהאפט. דער תלמוד בעשעפטיגט

3) Travels of an Egyptian. by F. Chabas. Records of the past. V. II. p. 107.

א העברעאישע איבערזעצונג פון דעם מאהאר'ס רייזע איז פארעפענטליכט אין א. מ. לונץ'ס זאמעלבוך „ירושלם“ כרך ט' ע' 91—101.

זיך פיעל מיט דער פעסטשטעלונג פון פיעלע ביבלישע פלעצער און האט אונז איבער־געלאזען אין דער הינזיכט א רייכע טראדיציע. אין דער צייט פון מיטעל־אלטער הא־בען אייניגע אידישע חכמים פון ארץ ישראל אינטערעסירט זיך מיט דער פראגע. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געוועזען ר' אשתורי (אדער איש־תורי) הפרחי, וועל־כער האט אויפמערקזאם געשטודירט דאס לאנד אויף דעם פלאץ. ביז דעם 19טען יאהרהונדערט איז אבער פיליכט בלויז איין פערטעל פון די ביבליש־היסטארישע פלעצער פעסטגעשטעלט געווען. ערשט די פארשער פון דעם 19טען יאהרהונדערט איז געלונגען צו אידענטיפיצירען און פעסטצושטעלען מיט זיכערהייט די גרעסטע טייל פון זיי. דער אמעריקאנער פאלעסטינא־פארשער דר. ראבינסאן האט פעסטגעשטעלט ניט וועניגער פון 160 נעמען. דער פאלעסטינא עקספלאריישאן פאנד האט בעווי־זען צו אידענטיפיצירען נאך א הונדערט און פופציג נעמען*). דער פראנצויז קלערמאנט גאנא, מר. בליסס און אנדערע האבען מוסיף געוועזען נאך אייניגע ערטער, אזוי אז צוזאמען מיט די פריהערדיגע נעמען זיינען יעצט פעסטגעשטעלט געווארען העכער ד ר י י פ ע ר ט ע ל געאגראפישע נעמען פון תנ"ך4).

ס' חשמונאים.

נישט וועניגער וויכטיג איז פאר דער געאגראפיע פון א"י דער ספר חשמונאים א', וועלכער איז געשאפען געווארען אין ארץ ישראל (זיין העברעאישער אריגינעלער נאמען איז געווען: „סרבת סרבני־אל"). דאגעגען איז דער ס' חשמונאים ב' פון א פיעל קלענערער בעדייטונג. אונבעדייטענד זיינען פאר דעם צוועק אויך דער עוואנגעליום און די שפעטערדיגע פסעוודא־עפיגראפען (ספרים גנוזים און ספרים חיצונים). דערפאר איז אבער גאר נישט אבצושאצען די גרויסע ווערטה פון יוסף'ס ווערק (אידישע מלחמות, אידישע געשיכטע, אויטאביאגראפיע און פאלעמיק געגען אפיאנ'ען) פאר דער געשיכטע און געאגראפיע פון לאנד. זעהר א רייכען מאטעריאל פאר דער קענטניס פון ארץ ישראל ענטהאלט די תלמודישע ליטעראטור, וועלכע בע־לייכט א תקופה פון העכער פינף הונדערט יאהר. עס זיינען געבליבען ב ר י י ת ו ת, וואס בעציהען זיך צום צווייטען יאהרהונדערט, און ענטהאלטען געאגראפישען מא־

משנה און גמרא.

טעריאל. די מ ש נ ה און די ת ו ס פ ת א בעשטימען די גרעניצען פון א"י, פון איהרע פערשיעדענע טיילען, ימים, טייכען, בערג און טאלען, וועגען דער בעפעלקערונג און איהר בעשעפטיגונג, וועגען אקערבוי און האנדעל, וועגען נאטור פון לאנד, און גיבען זיך אויך אב מיט איהר ארכעאלאגיע**). אויף דער ת ל מ ו ד י ר ו ש ל מ י, וועלכער איז פערענדיגט געווארען ענדע פיערטען יאהרהונדערט, ענטהאלט פיעלע

---

*) ק א נ ד ע ר ז אליין געהערט דער פערדיענסט פעסטצושטעלען און אידענטיפיצירען גאנצע 142 ערטער אין א"י.

דא מוז אבער בעמערקט ווערען, אז א גרויסע טייל פון אט די אלע אייראפעאישע ענטדעקונגען זיינען געוועזען זייט יאהרהונדערטער פאר דעם בעקאנט ב י י א י ד ע ן. א דאנק דער טראדיציע פון די רעשטען פון דעם אלטגעזעסענעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל, וועלכע האט זיך אפגעשפי־געלט אין תלמוד און דער נאך־תלמודישע א"י ליטעראטור, ווי אויך א דאנק די אידישע אריגינעלע פארשונגען (צ. ב׳ ש. ר' אשתורי הפרחי אין 14טען יאהרהונדערט און אנדערע פארשער), זיינען די אידען במשך פון דעם גאנצען מיטעל־אלטער געוועזען די בעסטע קענער פון ארץ ישראל אין גאנץ אייראפא.

4) Palestine, by major C. R. Conder.

**) זעה דר. ל. צונצ'ס ווערק (אין דייטש): געאגראפישע ליטעראטור דער יודען פאן דען עלטסטען צייטען ביז צום יאהר 1841. דאס ווערק איז ער שיענען אויך אין דער ענגלישער שפראך.

וויכטיגע ידיעות בנוגע דער געאגראפיע פון גאנצען לאנד און פון איהרע טיילען, וואסערען, פרוכטבארקייט פון בארדען און בנוגע איהר בעפעלקערונג. א קלענערע בעדייטונג האט שוין פאר דער א״י־וויסענשאפט דער תלמוד בבלי. צום בעדויערן זיינען אבער די תלמודישע מקורות נאך זעהר און זעהר ווייניג בעארבייט און ערפארשט פון דעם ספעציעלען שטאנדפונקט פון דער פאלעסטינא - וויסענשאפט. נייבויער האט נור א קליינעם טייל פון דעם אונגעהויער רייכען מאטעריאל צוזאמענגעקליבען אין זיין ווערק איבער די געאגראפיע פון תלמוד 5) נאך דעם תלמוד ירושלמי, וועלכער דערגרייכט ביז דער צווייטער העלפט פון׳ם 4טען יאהרהונדערט, און דעם תלמוד בבלי, וועלכער ענדיגט זיך פונקט מיט דעם פינפטען יאהרהונדערט, פאנגט זיך אן די תקופה פון מ ד ר ש י ם, וועלכע זיינען מעהרסטענטיילס געשאפען געווארען אין א״י, און טראגען אויף זיך א בולטען שטעמפעל פון א״י און פון די קאנטעמפארערע ערשיינונגען. אהערצו געהערען אויך די ערשטע אידישע פייטנים, ווי ר׳ א ל י ע ז ר ה ק ל י ר און זיינע פארגעהער אין 8טען יאהרהונדערט. אין איניגע פון זייערע פיוטים זיינען פערבליבען שטריכען פון דער נאהענטער צו זיי תלמודיישער עפאכע, און אויך נעמען פון שטעדט און ערטער, וועלכע האבען א גרויסע בעדייטונג פאר דער געשיכטע פון דיעזער תקופה. 6)

מדרשים און פייטנים.

נאך עם קומען די שריפטען פון די גאונים פון בבל, וועלכע זיינען געשטאנען אין פערבינדונגען מיט ארץ ישראל בעזונדערס זיינען וויכטיג די בריעף און שריפטען פון דעם בעריהמטען רב ס ע ד י ה גאון (אין אנפאנג פון דעם צעהנטען יאהרהונדערט).

די גניזה

אידישע קוועלען, וועלכע זיינען נישט לאנג ענטדעקט געווארען אין דער מצריישער גניזה (פוסטאט)ווארפען א נייע ליכט אויף דער אידיישער לאגע אין א״י אין דעם צעהנטען און עלפטען יאהרהונדערט. די ענטדעקטע מאטעריאלען זיינען פובליקירט געווארען אין ספעציעלע אידישע צייטשריפטען 7) און בעטראכט געווארען דורך פראפעסאר שעכטער און אנדערע. פון א קארעספאנדענץ צווישען בן־מאיר און דעם ריש־גלותא אין בבל איז בעקאנט, אז אין צעהנטען יאהרהונדערט האבען נאך עקזיסטירט אין א״י א סנהדרין גדולה און א סנהדרין קטנה 8). דייטשע אדער פראנקיישע אידען (אנשי ריינוס) האבען זיך זאגאר געווענדעט מיט געוויסע רעליגיעזע אנפראגען צו די אויטאריטעטען אין א״י. א גרויסער אידיישער צענטר האט עקזיסטירט אין לאנד נאך אין 11טען יאהרהונדערט, ביז די נוסעי הצלב. אינטערעסאנטע דאקומענטען פון דער תקופה דערצעהלען אונז וועגען דעם אינסטיטוט פון „גאונות“ אין ארץ ישראל און וועגען דעם קאמפף צווישען צוויי פאמיליען (כהנים און „בני־דוד“ ד. ה. פון דער פאמיליע פון ריש גלותא) פאר העגעמאניע אלס „גאונים“ אין דעם בית־דין פון ארץ ישראל.

אונטער דער קריסטליכער הערשאפט פון די נוסעי הצלב האבען איניגע אידישע רייזענדע בעזוכט ארץ ישראל (אין 12טען יאהרהונדערט). די ציון־לידער

5) La Geographie du Talmud par Adolphe Neubauer, Paris, 1868, livre premier : La Palestine.

6) צ. ב. ש. אין דער קינה „איכה ישבה חבצלת השרון“ אין קינות לתשעה באב. זעה: „בייטראגע צור געאגראפיע אונד געשיכטע גאליליאס“ פון דר. שמואל קליין, לייפציג 1899. (דייטש).

7) אין „רעוויו דע זעטיוד זשואיוו“ און אין „דזשואיש קווארטערלי רעוויו“. זעה „סעדיאנא“.

8) אין דערמאנטען פראנצויזישען „רעוויו“ באנד 42, זייטע 170 און ווייטער.

(„ציונידען“) פון ר׳ יהודה הלוי (אונגעפעהר 1140) זיינען פערבונדען מיט זיין רייזע, און די פאלקס־לעגענדע פערבינדעט זיי מיט זיין טראגישען טויט. ר׳ אברהם אבן עזרא האט בעזוכט א״י צווישען די יאהרען 1140 און 1145, און דעם רמב״ם — אין צוואנציג יאהר ארום. דער רמב״ם זאגט עדות אין צוויי ערטער, אז אין ארץ ישראל עקזיסטירט נאך אין זיין צייט א קאמפעטענטער בית־דין, וועלכער האט אין געוויסע פראגען דעם העכסטען אויטאריטעט אויף פאר חוץ־לארץ. 9).

שמרונישע היסטאריקער.

צו דעם יאהרהונדערט בעלאנגט די עלטסטע און וויכטיגסטע שמרונישע כראניק. די תולידה 10), פון אליעזר בן עמרם (1149), וועלכע גיט א היסטארישען איבערבליק איבער דער שמרונישער געשיכטע ביז זיין צייט.

אידישע רייזענדע.

דער וויכטיגסטער אידישער רייזענדער־פארשער פון מיטעל־אלטער, וועלכער האט אויך געקראגען א וועלט־בערימטקייט איז געוועזן ר׳ בנימין מטודילא 11). פון סאראגאסא איז ער ארויסגעפאהרען אין יאהר 1160 און האט זיך אומגעקעהרט צוריק אין יאהר 1173, בעזוכענדיג גריכענלאנד, ארץ־ישראל, בבל, סיני און מצרים, מעגליך אויך א טייל פון אראביען. ער גיט אונז איבער א גענויעם בעריכט וועגען די אידען אין ארץ ישראל, וועגען זייער עקאנאמישען צושטאנד און וועגען זייער גייסטיגער טעטיגקייט. ער שטעלט זיך אב בעזונדער אויף יעדע שטאדט און דארף, און ברענגט צום ערשטען מאל פיעלע אינטערעסאנטע ידיעות וועגען פערשיעדענע מוס־לימישע סעקטען. פון א פיעל קלענערע בעדייטונג איז דער קורצער רייזע־בעריכט פון ר׳ פתחיה מרגנשבורג 12), אין צוועלף יאהר ארום נאך ר׳ בנימין.

דער זיעג פון צלח־אלדין האט ווידער געעפענט דאס לאנד פאר אידישער אימי־גראציע 13). אין יאהר 1210 זיינען דריי־הונדערט אידען געקומען אין א״י פון פראנקרייך און ענגלאנד. איינינע פון זיי האבען איבערגעלאזען שריפטליכע בעריכ־טען. ר׳ שמואל בר שמשון 14) בעשרייבט גענוי די הייליגע ערטער און אויך די אידישע ישובים בעזונדערס אין גליל העליון (1210). קורצע ידיעות זיינען אויך געבליבען פון די בעריכטען פון ר׳ מנחם בן פרץ החברוני (1210), פון ר׳ יהודה אלחריזי, וועלכער בעשרייבט דעם צושטאנד פון אידישען ישוב נאך צלח־אלדין׳ען, און דערמאנט די מחלקת צווישען די רבנים אין ירושלם (1216) און פון ר׳ יעקב בר נתנאל הכהן (אין מיטען פון 13טען יאהרהונדערט) 15).

אין יאהר 1267 איז דער אידישער ישוב אין ירושלם בענייט געווארען דורך דעם רמב״ן, וועלכער האט איבערגעלאזען פאר אונז א אינטערעסאנטע בעשרייבונג

9) אין „משנה תורה“, הלכות קדוש החדש, סוף פרק ה׳ און אין „ספר־המצוות“, מצות־עשה קנ״ג.

10) דער העברעאישער טעקסט איז פערעפענטליכט אין דעם „זשורנאל אזיאטיק“, דעצעמבער 1869 ביי מ. נייבויער.

11) ר׳בנימין מטודילא — ספר המסעות — די בעסטע אויסגאבע איז מ. אדלער׳ס, לונדון תרע״ז.

12) סבוב פתחיה, פעטערבורג תרמ״א ביי פ. מרגולין (שלשה בעלי המסעות לבית ישראל).

13) זעה ר׳ יהודה אלחריזי: ס׳ התחכמוני, ווארשא, תרנ״ט, הוצ. אחיאסף, ע׳ 244—246.

14) „מסעות על קברי אבות“ אין „אוצר טוב“ שנה ג׳ 1876. אין פראנצויזיש פובליקירט ביי כרמולי, אונטער׳ן נאמען „מסע דפלסטיני“.

15) ר׳ יעקב בר נתנאל כהן: ספור מסעות (ירושלם כרך ז׳ ע׳ 90).

פון די צושטאנדען אין זיין צייט, אין א בריעף פארם (צו זיין זוהן) 16). ענדע פון דיעזען יאהרהונדערט שפיעלט זיך אב דער קאמפף צווישען פילוסופיה און קבלה אויך אין ירושלם און אין גליל (ר' שלמה פטיט און דוד הנגיד). איינער פון די ערשטע און גרעסטע פארשער און קענער פון ארץ ישראל איז געוועזען דער אויבען דערמאנטער ר' אשתורי בן משה הפרחי, (אונגעפעהר אין יאהר 1322). וועלכער האט זיעבען יאהר געפארשט דאס לאנד, און איבערגעיאגט (לויט דעם אויסדריק פון דר. בליסס) מיט זיינע עכט וויסענשאפטליכע ידיעות אלע זיינע קריסטליכע צייט־גענאסען. זיין ווערק 17) בעהאנדעלט די טאפאגראפיע פון לאנד, איהר נאטור, קלימאט און די דינים התלויים בארץ. צו דער זעלבער עפאכע געהערט אויך דער רייזע־בעריכט פון ר' יצחק הילו פון אראגאן (1334). דיעזער רייזענדער בעשרייבט פינף און פערציג שטעדט און דערפער, וועלכע ער האט בעזוכט אין א"י. ער שטעלט זיך, נאטירליך, אב בעזונדערס אויף דעם עקזיסטירענדען צו זיין צייט ישוב, און אויף די הייליגע קברים און רואינען 18). און פרובט אידענטיפיצירען אייניגע היסטארישע פלעצער פון תנ"ך און פון תלמוד.

צו דעם יאהרהונדערט געהערט אויך די שמרונישע כראניק ספר הימים 19) געשריבען פון אבו־אלפתח אבן אבו־אלחסן (1352) אין העבּרעאיש און אין אראביש, וועלכער דערציהט די אויבענדערמאנטע תולידה־כראניק ביז צו זיין צייט.

פון דעם פופצעהנטען יאהרהונדערט האבען מיר אייניגע אידישע בעריכטען. ר' אליהו מפירארה 20) האט איבערגעלאזען א בריעף (1438), וואו עס ווערט בעשריבען דער שרעקליכער צושטאנד אין ירושלם נאך דער גרויסער מגפה.

נאך אייניגע בעריכטען זיינען פון דער צייט געבליבען. די בעדייטענדסטע רייזע־בעשרייבונגען פון דעם יאהרהונדערט זיינען פון ר' משולם בן מנחם מוולטירא (1481) 21) און פון ר' עובדיה מברטנורא (1488) 22).

ר' משולם איז געוועזען א רייכער סוחר מיט ברייטע וועלט־ידיעות, און בעשרייבט גענוי און פינקטליך ניט נור דעם אידישען לעבען, נאר אויך דעם אלגעמיינעם עקאנאמישען צושטאנד, דעם האנדעל און די אראבישע זיטען און מנהגים: ער איז געקומען מיט דעם ים קיין עגיפטען, און פון דארטען מיט דער יבשה קיין א"י. ר' עובדיה'ס בעריכטען זיינען זעהר וויכטיג פאר דער פארשונג פון אידישען

---

16) ר' משה בר נחמן: „דברי הרמ"בן" און אויך א בריעף צום סוף פון „שער הגמול".

17) כפתור ופרח מאת הרב אישתורי הפרחי, בהוצאת א. מ. לונץ, ירושלם תרנ"ט.

18) זיין ווערק איז ערשיענען בלויז אין פראנצויזישער איבערזעצונג פון א. כרמולי, אונטער דעם העברעאישען נאמען „שבילי דירושלם, מאת ר' יצחק חילו". זעה א. כרמולי'ס בוך: „הליכות ארץ ישראל"

(Itineraires de la Terre sainte, Bruxelles, 1847.)

19) פובליקירט ביי מ. ווילמאר אונטער נאמען

Abulfathi Annales Samaritani Gotha 1865.

אויך אין „הײדעלהיים'ס פיערטעליאהרשריפט".

20) „אגרת כתב" מר' אליהו מפירארא, געדרוקט אין „דברי־חכמים", מיץ תר"ט. זעה אויך ביי כרמולי „אהבת־ציון" (אין פראנצויזיש).

21) „מסע לארץ ישראל מאת ר' משולם בן מנחם מוולטירא", אין א. לונץ'ס „ירושלם", 1טער באנד.

22) ר' עובדיה מברטנורא: מכתבם לבניו. געדרוקט אין דעם יאהרבוך פיר געשיכטע דער יודען", לייפציג, 1863.

גייסטיגען און מאטעריעלען לעבען צו יענער צייט. אויסער דעם האבען מיר נאך איינינגע קלענערע בעריכטען פון יענעם דור: פון א אנאנימען רייזענדער פון קאנדיא (1473) 23), פון ר' יוסף מנטבייא (1481) 24), פון אן אנדערען אנאנימען רייזענדען (1495) 25). דער לעצטער איז געקומען פון צפון זייט, דורך בירות, און בעשרייבט די אידישע לאגע אין צפת און אנדערע ערטער אין גליל— באלד נאך דעם גירוש ספרד.

צו דער זעלבער תקופה (אנפאנג 16טען יאהרהונדערט) געהערען נאך איינינגע אנאנימע רייזע־בעשרייבונגען און וויכטיגע בריעף פון ירושלם און חברון 26). פון א בעזונדערער בעדייטונג איז די העכסט אינטערעסאנטע אויטאביאגראפיע פון דוד הראובני 27), וועלכער איז געקומען אלס א פאליטישער שליח פון א פרייעם אידישען שבט אין אראביען. אין יאהר 1523 האט ער בעזוכט די שטעדט עזה, חברון און ירושלם. ניט ווענינגער אינטערעסאנט און וויכטיג זיינען די בריעף און דאקו־מענטען, וועלכע זיינען געבליבען וועגען יוסף נשיא'ס קאלאניזאציאנס־עקספערימענ־טען ארום טבריה 28).

זעהר וויכטיגער מאטעריאל בנוגע דעם 16טען און 17טען יאהרהונדערט געפינט זיך אין די שאלות ותשובות פון יענער צייט. ליידער איז נאך דער מאטעריאל זעהר ווענינג בעארבייט.

קראימישע רייזענדע

פון דעם אנהויב פון זיבצענטען יאהרהונדערט זיינען געבליבען פיעלע בריעף און איינינגע ביכער אין זיי שפיגלען זיך אב די צרות, וועלכע עס איז אויסגעקומען אויס־צושטעהן די אידען אין ירושלם און אין צפת, אין דיזער שווערער צייט 29). ווייטער זיינען געבליבען פון דער צייט איינינגע בעריכטען פון קראים'ישע רייזענדע, ווי שמואל בן דוד (1641—2) משה ירושלמי (1653—4) און אנדערע 30). צו די וויכטיגסטע קוועלען פון 18טען יאהרהונדערט געהערען די ווערק פון ר' משה חאגיז 31) (1707), פון יעקב בירב 32) (1745), און פון יוסף סופר 33) (1758). די תקופה פון דער חסיד'ישער און פרוש'ישער אימיג־ראציע, ענדע 18טען און אנפאנג 19טען יאהרהונדערט, ווערט בעלויכטען דורך די פיעלע בריעף און דאקומענטען, וועלכע זיינען געבליבען פון יענער צייט.

איידער מיר קומען צו צו דער מאדערנער פאלעסטינא־פארשונג פון 19טען יאהרהונדערט, ווילען מיר ווארפען אן איבערבליק איבער די עלטערע ניט־אידישע קוועלען פון ארץ־ישראל־פארשונג.

---

23) אין „ירושלם", ערשטען יאהרגאנג.
24) מכתב מסע („ירושלם" 6 באנד, ע' 336).
25) אין דעם דערמאנטען „יאהרבוך פיר די געשיכטע דער יודען", לייפציג 1863, זייטע 273—284.
26) זעה צ. ב. ש. לונץ'ס ירושלם ג', אויך „לבנון" ה' (1868).
27) נייבויערס אויסגאבע („מעדיאיוועל דזשואיש קראניקעלס") אין אקספארד, תרנ"ג.
28) „דזשואיש קוו. רעוויו", ב.
29) צוויי בריעף פון דעם של"ה (אין „שומר ציון הנאמן" 1853). זעה אויך די אטאנימע הקדמה צום ספר „חרבות ירושלם", וויניציאה, 1636.
30) אין „גנזי סט. פטרסבורג" ביי י. גורלאנד, ליק.
31) משה חאגיז: „שפת אמת", ופרשת אלה מסעי. די לעצטע אויסגאבע איז ירושלם תרמ"ו
32) „זמרת הארץ", איבערגעדרוקט ביי א. לונצען אונטערן נאמען: „נס־טבריה".
33) „עדות ביהוסף", רייזע־בעשרייבונג.

גריכיש־רוימישע קוועלען.

אויסערליכע דאקומענטען בנוגע דער אלטער תקופה פון אידישער זעלבסטשטענדיגקייט זיינען צו אונז דערגאנגען זעהר ווייניג. מען קאן אנרופען דעם אפאקריפישען גריכישען בריעף פון אריסטעאס [34]. איינצעלנע ערטער געפינט מען ביי די רוימישע שרייבער פטאלאמעאוס (אין 2טען יאהרהונדערט), ביי פליניוס (ערשטען יאהרהונדערט) און ביי אנדערע. די קריסטליכע גייסטליכע האבען זיך מיט ארץ ישראל אינטערעסירט פיעל מעהר. פון פיערטען יאהרהונדערט איז אונז געבליבען דער בעריהמטער „אנאמאסטיקאן" [35] (320—324) פון אייזעביוס. דיעזער ווערק איז געשריבען אין גריכיש. ער איז אבער נאך אין דעם זעלבען יאהרהונדערט איבערזעצט און דערגענצט געווארען אין לאטיין דורך א צווייטען קריסטליכען גייסטליכען היעראנימאס. דער צוועק פון אייזעביוס איז געווען צו אידענטיפיצירען אויף ווי ווייט מעגליך די היסטארישע פלעצער פון תנ"ך און פון עוואנגעליום מיט יענע וועלכע זיינען געוועזען בעקאנט אין זיין צייט. דיעזע ארבייט איז דורכגעפיהרט מיט קענטניס. אמת, די אויפגאבע איז זיי נישט גאר געלונגען, ווארום זיי האבען נישט געהאט קיין קריטישע בעציהונג צו די טראדיציעס פון זייער צייט. אבער דער בוך „אנאמאסטיקאן" איז פון דער גרעסטער בעדייטונג פאר דער טאפאגראפיע פון א"י אין 4טען יאהרהונדערט, און האט פון זיין זייט געהאלפען שפעטער צו רעסטאווירען עלטערע היסטארישע פלעצער. הירונימוס איז געוועזען בעזונדערס גוט בעקאנט מיט דעם געגענד ארום ירושלם און בית לחם, אבער אויך עבר הירדן איז ארייגענומען אין זיין ווערק. די דיסטאנצען צווישען פארשיעדענע געאגראפישע פונקטען זיינען אנגעגעבען גאנץ ריכטיג, ווארום די רוימער פלעגען פינקטליך בעצייכענען די וועגען מיט „מייל־שטיינער".

קריסטליכע רייזענדע.

אנפאנג פיערטען יאהרהונדערט האט דער אונבעקאנטער פילגרים פון באררדא (332) און ענדע דעם יאהרהונדערט — די פילגערין פאולא [37] בעזוכט א"י. זייערע רייזע בעשרייבונגען גיבען ווייניג צו צו דער קענטניס פון לאנד. א מפה פון לאנד (פויטינגערס טאבעל) האבען מיר פון יאהר 393. קורצע טראקטאטען איבער ארץ ישראל האבען מיר פון פינפטען יאהרהונדערט ביי אייחעריוס: עפיטאמיע, ווי אויך א בולטע מפה פון דער צייט, די בעריהמטע מפה פון מידבא. אין זעקסטען יאהרהונדערט איז דאס לאנד געוועזען בעדעקט מיט קלויסטערס און מאנאסטירען, וועלכע אינטערעסירען די רייזענדע פון די פאלגענדע יאהרהונדערטער (טעאדארוס, פראקאפיוס און אנד.). פון א גרעסערער בעדייטונג איז די רייזעבעשרייבונג פון אנטאניוס מארטיר (530), וועלכער האט דורכגערייזט דאס גאנצע לאנד, דעם עבר הירדן און געקומען דורך'ן מדבר־סיני קיין עגיפטען. איינגאנצען זיינען בעקאנט פאר דער קריסטליכער צייט, ביז דעם איסלאם — 13 ווערק וועגען ארץ ישראל. פון די שפעטערדיגע פילגער, פון דער צייט פון איסלאם איז כדאי צו דערמאנען דעם פראנצויזישען בישאף ארקולפוס [39], וועלכער האט דאס

---

34) אין חשמונאים ג' און אויך ביי ר' עזריה מן האדומים אין זיין מאור עינים. די מאדערנע קריטיק שרייבט צו דעם ווערק צו דעם ערשטען יאהרהונדערט בעפאר קריסט. רעכנונג.

35) זעה „צייטשריפט דעם דויטשען פאלעסטינא פעאיינס" באנד 26.

36) אין ענגליש ארויסגעגעבען ביי דער „פאלעסטינא פילגרימס טעקסט סאסייעטי". נומ. 5.

37) די זעלבע אויסגאבע, נומער 2.

38) ד. ז. נומער 1.

39) ד. ז. נומער 10.

לאנד בעזוכט ענדע 7טען און ס ט. ו ו י ל י ב א ל ד 40) אין מיטען פון 8טען יאהרהונדערט, וועלכע האבען זיך מייסטענס אינטערעסירט מיט די הייליגע פלעצער. אנפאנג ניינטען יאהרהונדערט טרעפען מיר נאך אלס פילגער דעם מאנאך ב ע ר נ־א ר ד . דער ווייזער מיט זיינע צוויי חברים 41).

ארבישע געאגראפען.

וועגען דער געשיכטע פון לאנד אין די דריי יאהרהונדערטער (9—11), פון עגיפטישער אויבערמאכט האבען מיר קיינע קריסטליכע קוועלען. דערפאר זיינען אבער געבליבען וויכטיגע מוסולמענישע, איבערהויפט אראבישע און איינינע אידישע קוועלען. דער וויכטיגסטער פון די אראבישע געאגראפען און היסטאריקער פון ארץ ישראל איז שמש־אלדין, בעקאנט אונטער'ן נאמען מ ק ד ס י 42) (מוקאדדאסי) ד. ה. ירושלמי. ער גיט א פינקטליכע בעשרייבונג פון גאנץ סיריען, פון די הייליגע פלעצער, פון די שטעדט, פון קלימאט, רעליגיע, האנדעל, מנהגים און לעגענדען פון זיין צייט (ענדע צעהנטען יאהרהונדערט).

א יאהר פופציג נאך מוקדסי, האט דער פערסישער שרייבער אבו־מועין נאסיר אדער נ א ס י ר ־ א י ח ו ז ר א י איבערגעלאזט זעהר א וויכטיגע בעשרייבונג פון ירושלם 43) (1047). דיעזער שרייבער זאגט עדות, אז פיעלע אידישע פילגרימען קומען פון גריכענלאנד און אנדערע (קריסטליכע) לענדער אלס עולי־רגל קיין ירושלם. צו דער שפעטערדיגער עפאכע פון די נוסעי־הצלב געהערען די ווערק פון דעם אראבישען געאגראפער א ד ר י ס י (1154) און פון א ב ן ־ ג ' ו ב א י ר (דזשובאיר) 1185.

קרייץ־ציגער.

די תקופה פון די מסעי־הצלב איז רייך מיט קריסטליכע בעריכטען און כראניקען. און דאס איז זעהר נאטירליך. די וויכטיגסטע קוועלע איז — די גרויסע געשיכטע פון לאטיינישען קעניגרייך געשריעבען פון ו ו י ל ה ע ל ם פ ו ן צ ו ר (5—1182) און אויך די כראניקס פון ריימאנד ד'אגיל און אלבערט ד'עקס, וואס בעלאנגען אלע צום ערשטען קרייץ־צוג.

איינינע רייזענדע, ווי צ. ב. ש. סי וואולף 44) (אין 1102), דער רוסישער איגומען ד נ י א ל 45) (אין 1106), טעאדאריקוס, יאהאן פאן ווירצבורק 46) און אנדערע, האבען איבערגעלאזען בעריכטען וועגען לאנד, אין 12טען יאהרהונדערט. אהערצו געהערט אויך דער טאפאגראפישער בעריכט פון פעטעלוס און אן אבהאנדלונג פון יאהאן פאקאס 47).

א גרויסע בעדייטונג האבען די „ ק א ר ט ו ל א ר י ע ס " פון די גרויסע קריסטליכע ארדענס פון יענער צייט (פון דעם „הייליגען קבר" און פון די ירושלם'ער „אסיזען") פון די נעמען וואס ווערען אין זיי דערמאנט איז קאנדער'ן געלונגען צו אידענטיפיצירען ביז 700 מיט די מאדערנע נעמען פון געאגראפישע געגענדען.

עס ־זיינען דא נאך פיעלע חראניקען. די וויכטיגסטע פון זיי איז די אנאנימע

40) אין ענגליש ארויסגעגעבען אין באהן'ס סעריעס "Early travels in Palestine".
41) די זעלבע אויסגאבע.
42) פאל. פילג. טעקסט סאס. איבערזעצט ביי גאי־לע־סטראנדזש.
43) ד. ז. ביי דעם זעלבען ג. ל. סטראנדזש איבערזעצט פון פ ע ר ס י ש.
44) "Early Travels".
45) אריגינעל ארויסגעגעבען אין סלאוויש, פעטערבורג, 1837 Knozhdenie igumena Daniil.
46) דער לאטיינישער טעקסט ארויסגעגעבען ביי טיטוס טאבלער.
47) פאל. פילג. טעקסט סאסייעטי, 11.

„סיטעז די ירושלם“ 48). וועלכע בעשרייבט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט די גאסען און מויערן פון ירושלם אין 12טען יאהרהונדערט. וועגען די מלחמות פון ריכארד לייבען־הארץ בעריכטעט אונז ד ז ש א פ ר י י ד י ו י נ ס א ף ' ס חראניק. די לעצטע בעשרייבט דעם געגענד ארום ים, צווישען יפו און חיפה, צו מזרח פון אשקלון און ארום דעם עגיפטישען גרעניץ. די וויכטיגסטע א ר א ב י ש ע ווערק פון דער עפאכע איז — פון דעם בעריהמטען געאגראף י א ק ו ט (1225).

צום פיערצעהנטען יאהרהונדערט געהערען אויך די בעשרייבונגען פון דעם וועניציאנער מארינא סאניטא 49) (1321), פון סער בערטראנדאן דע לא־בראקיער, פון יאהאן פאלאנער און פון סער יאהאן מאנדעוויל 44).

פון א גרויסען ווערטה זיינען די אראבישע בעריכטען פון ג'מאל־אלדין און פון מ נ ר ־ א ל ד י ן 50) (מערזשער־עדדין). דער ירושלים'ער קאדי גיט א קורצע אבער ערטערווייז דעטאלירטע טאפאגראפישע בעשרייבונג פון ירושלם אין זיין צייט (אונס אלג'ליל, 1496) פון די קריסטליכע רייזענדע דארף דערמאנט ווערען דער נאמען פון דאמיניקאנער גלח „פ ע ל י ק ס פ א ב ר י “ 51) (4—1483) און בעזונדערס — פון מ א ו נ ד ר ע ל 44), וועלכער האט דער ערשטער אונטערזוכט די אלטערמיטער אין פיניקיען, צו צפון פון בירות. בעזונדערס דארף דא פערצייכענט ווערען דער וויסענשאפטליכער ווערק פון א ד ר י נ ו ס ר ע ל א נ ד "פאלעס־טינא, ביים ליכט פון אלטע מאנומענטען“ (1814), וואו א"י ווערט צום ערשטען מאל בעהאנדעלט אלזייטיג פון געאגראפישען, היסטארישען און ארכעאלאגישען שטאנדפונקטען. רעלאנד האט צוזאמענגעפאסט אלץ, וואס איז בעקאנט געווען וועגען א"י ביז זיין צייט כמעט אין אלע שפראכען 52).

נייערע פארשער.

מיט דעם ווערק האט זיך אייגענטליך אנגעפאנגען א נייע ווענדונג אין דער פארשונג פון ארץ ישראל. די וויכטיגסטע פארשער פון 18טען יאהרהונדערט זיינען געוועזען: ת. ש א ו (1722), וועלכער איז געוועזען א מומחה אין פראגען פון פיזיישער געארגראפיע; דער בישאף פ א ק א ק (1738), וועלכער האט געהאט גרויסע אלגעמיינע ידיעות און האט אידענטיפיצירט פיעלע ערטער אין ארץ ישראל; און ו ו א ל נ ע י 53) (1783). דער לעצטער האט אונז איבערגעלאזען א גלענצענדע און לעבעדיגע שילדערונגען פון די געזעלשאפטליכע אומשטענדען פון סיריען און פון ארץ ישראל און זיין עפאכע.

ס י ט צ ע ן (1803), א דייטש, און ב ו ר ק ה א ר ד ט (1809-16) אן ענגלענדער זיינען געוועזען די טרייע פיאנערען־פארשער פון די רואינען פון מזרח און פון דרום ארץ ישראל, און געמאכט פיעלע ענטדעקונגען אויף דעם געביט פון זאאלאגיע, מעטעאראלאגיע און באטאניק. א וויכטיגען בעריכט איבער זייער נסיעה אין עבר הירדן

48) "La citez de Iherusalem",

פובליקירט ביי קאונט בעאוגנאט, פאריז, 1843, זעה ראבינסאנס „ביבליקאל ריסוירטשעס אין פאלעסטינא“, וואל. 2, אפפענדיקס.

49) כתב יד: „מארינא סאנוטא טארסעללי“.

50) איבערזעצט ביי נאי לעסטראנדזש אין ענגליש. זעה דוד ילין'ס „ירושלים לפני ארבע מאות שנה“, פרדס, ב.

51) Felix Fabri: Wanderings in the Holy Land.

52) Hadriani Relandi, Palestina ex monumentis Veteribus illustrata. 1714.

53) Travels through Syria and Egypt, 1805, London.

האבען איבערגעלאָזען איירבי און מאנגעלס (1817). פון דעמאָלס אָן זיינען די פאָר־שונגס־רייזען געוואָרען אזוי צאָהלרייך, אז עס איז אונמעגליך איבערצורעכענען זיי אין דעם פּלאַץ. די אם בעסטען בעקאנטע נעמען פאר ראבינסאָנען זיינען: באַרלעט, ווילסאָן, טאָבלער, טאמסאָן, לינטש, דע־סאָלסי, וואן־דע־וועלדע, וויליאמס און פּאָרטער.

אינדיווידועלע פאָרשער פון 19טען יאָהר־הונדערט.

די אמת'ע וויסענשאפטליכע פאָרשונג פאַנגט זיך אָבער אָן מיט דעם אמעריקאנער פאָרשער דר. עדוואַרד ראָבינסאָן 54) (1838), וועלכער איז ביז די פאָרשונ־גען פון „פּאַלעסטיין עקספּלורייטאָן פאָנד" געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט איבער פּאַלעסטינא. זיינע צאָהלרייכע אָריגינעלע ענטדעקונגען זיינען כמעט דורכאויס בע־שטעטיגט געוואָרען דורך די לעצטע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון אונזער צייט.

צו דעם זעלבען פּעריאָד געהערט די פראנצויזען ד ע ־ וואָגיו (1854־1862), וועלכער האָט בעשריבען דעם מקום־המקדש, די היינטיגע מאַשעע און די בערג פון צפון־סוריען. וואַדינגטאָן וואס האָט דער ערשטער ארויסגעגעבען א קאָרפּוס פון גריכישע אויפשריפטען אין א"י. אין דער צייט ווען אויף דעם געביט פון העברעאישע און פיניקישע איניפשריפטען איז בעריהמט ערנעסט רענאַן. אַן אנדער פראנצויז, געריַן האָט געפאָרשט דאָס לאַנד במשך פון 23 יאָהר (1852—1875), אין דער לענג און אין דער ברייט. זיינע פאָרשונגען האבען א גרויסען ווערטה אלס מאַטעריאַל צו פאַרגלייכען מיט זיי דעם מאָדערנעם צושטאנד.

די רשימה פון דיעזע גרויסע אינדיווידועלע פאָרשונגען וועט זיין ניט פול, ווען דאָ וועלען ניט דערמאָנט ווערען די נעמען פון טש. ווילסאָן (1864—66), וועלכער האָט דער ערשטער וויסענשאַפטליך פעסטגעשטעלט די טיעף פון ים־המלח און אנדערע וויכטיגע זאכען: דער נאָמען פון דעם בעריהמטען דייטשען פּאַלעסטינא־לאָג טיטוס טאָבלער, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט און בעשריבען אויף א וויסענשאַפטליכען אופן ירושלם און א גרויסען טייל פון יהודה, צווישען יפו און דעם ירדן, און צווישען ירושלים און בית־לחם און האָט זיך קונה שם געווען אלס דער גרעס־טער ביבליאָגראף איבער פּאַלעסטינא: און דער נאָמען פון ס. וואָרען, וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיינע ירושלם־אויסגראָבונגען און אויסמעס־טונגען. וואָררען איז געווען דער מאַן, לויט וועמעס פּראָיעקט דער פּאַלעס־טינא עקספּלאָריישאָן פאָנד האָט אָנגעפאַנגען זיינע בעריהמטע אויסמעסטונגס־אר־בייטען אין ארץ ישראל.

דיעזער „פאָנד", געגרינדעט אין יאָהר 1865, האָט געעפענט א נייע עפּאָכע אין דער פאָרשונג פון ארץ ישראל. די עפּאָכע פון קאָלעקטיווער פאָרשונג. די וויכטיגסטע ארבייט פון דער געזעלשאַפט איז געוועזען די גענויע וויסענשאַפטלי־כע איבערמעסטונגען פון מערב ארץ ישראל און א טייל פון עבר הירדן.

קאָלעקטיווע פאָרשונג.

די ערשטע עקספּעדיציע האָט במשך פון קאָרגע פינף יאָהר (1872—1877) אויס־געמאָסטען יהודה, שמרון און גליל, פון דן ביז באר־שבע און פון ירדן ביז דעם ים־התיכון, אונטער דער פיהרערשאַפט פון קאַפּיטאַן סטיוארט און מאַיאָר קאָנדער, מיט דער בעטייליגונג פון קיטשענערען און אנדערע אינזשענירען, קאָמאַנדירטע פון ענג־לישען „וואָר־אָפּיס". שפּעטער זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרען פון דער זעלבער גע־זעלשאַפט מואב, גלעד און בשן. די אויספאָרשונגס ארבייטען זיינען, אָבער, איבערגעריי־סען געוואָרען אין דער מיטען (1881), צוליעב די חשדים וועלכע זיינען דערוועקט

54) E. Robinson's biblical researches in Palestine.

געווארען ביי דער טערקישער רעגירונג. דאך איז די ארבייט פון וויטערדיגער פאר־שונג פארטגעזעצט געווארען דורך דעם דייטשען אינזשעניער ג. שומאכער פון חיפה, וועלכער האט אנגעצייכענט אן אויסגעצייכענטע מפה פון בשן. ד ר. הולל האט אויסגעפארשט געאלאגיש דעם דרום־געגענד פון ים־המלח, און הערר ק. שיק — די שטאדט ירושלים.

שפעטער אין דעם לעצטען יאהר פאר דער מלחמה איז געלונגען דער זעלבער געזעלשאפט אויסצומעסטען און אויסצופארשען דעם גאנצען נגב און דעם צפון־געביט פון מדבר־סיני, בעזונדערס — דעם היסטארישען מדבר־צין (ל. וואוללי און ט. לאורענס).

רעזולטאטען.

די ערשטע רעזולטאטען פון דעם פאלעסטינא עקספלאריישאן פאנד זיינען ער־שיענען אין זיעבען גרויסע בענדער. די געזעלשאפט האט אבגעטון א קאלאסאלע ארבייט, צוזאמענקלייבענדיג ביז 10,000 פערשיעדענע געאגראפישע נעמען, אידענ־טיפיצירענדיג פון דאס ניי ביז 172 ביבלישע נעמען און ארויסגעבענדיג די פינקט־ליכסטע און גרעסטע מפה פון מערב ארץ ישראל אין 26 סעקציעס. במשך פון וועלכע 15 יאהר (1865—1880) האט די ארץ ישראל וויסענשאפט, א דאנק דער ארבייט פון דעם פאל. עקספלאריישאן פאנד דערגרייכט א סך מעהר, ווי אין די פאריגע פופצעהן יאהרהונדערטער.

די געזעלשאפט פ. ע. פ. גיט ארויס יעהרליכע פיערטעל־יאהר־שריפטען, וועלכע ענטהאלטען די רעזולטאטען פון אלע נייע פארשונגען אויף דעם פאלעסטינא־געביט. אן ענגלישער זשורנאל ווערט ארויסגעגעבען אויך פון דעם דייטשען פאלעסטינא פעראיין (צייטשריפט דעם דייטשען פאלעסטינא פעראיינס). אויך אין אמעריקא ער־שיינען כפעציעלע אויסגאבען וועגען ארץ־ישראל־פארשונג. אנפאנגענדיג פון די ניינ־ציגער יאהרען האט זיך ענטוויקעלט א נייער געביעט פון ארץ־ישראל־פארשונג — דורך אויסגראבונגען. ביז מיט זיעבען און צוואנציג יאהר צוריק האט

אויסגראבונגען.

גאר קיינער נישט הויכ געוועזען, וואס פאר א רייכע אוצרות עס געפינען זיך אונטער דעם שטויב פון די אזוי־גערופענע „תל“ס, וועלכע שטעלען מיט זיך אייגענטליך פאר רואינען־בערגלעך פון אלטע צענטרען. דער ערשטער אויפגעגראבענער תל איז גע־וועזען דער תל־אל־חאסי, אדער לכיש (1890). שפעטער האט בליסס געמאכט אויסגראבונגען אין ירושלים, אין דער שפלה, אין תל־אלצפי, וועלכע איז אידענטיפי־צירט געווארען מיט גת פון די פלשתים, אין תל־סנדחנה (מרשה) א. א. וו. פראַ־פעסאר סעלין האט אויסגעגראבען דעם תל־תענך און יריחו, שומאכער דעם תל־אל־מתסלם (מגדו), מעקאליסטער דעם תל־גזר, פראפ. רייס־נער — די אלטע שמרון, א. א. וו. די אלע אויסגראבונגען האבען געגעבען זעהר א רייכען מאטעריאל צו דער בעלייכטונג פון דער אוראלטער געשיכטע און געזעלשאפטליכער ארדנונג.

אידישע בעטייליגונג

די אידישע באטייליגונג אין דער אריגינעלער פארשונג פון ארץ ישראל אין דעם לעצטען יאהרהונדערט איז אבסאלוט אונבעדייטענד. אויסער דעם נאמען פון הרב יהוסף שווארץ 55) (זיין ווערק תבואות הארץ, איז אויך איבערזעצט אין דייטש און ענגליש), געפינען מיר נישט אין דער גאנצער פלעיאדע פון די פערשיעדענע זעלבסטשטענדיגע פארשער פון 19טען יאהרהונדערט,

55) „תבואות הארץ“ להרב י. שווארץ, הוצ. א. מ. לונץ.

צווישען די פיעלע ענגלישע, דייטשע, אמעריקאנער, פראנצויזישע און זאגאר רוסישע און פוילישע געלערנטע — קיין איין איינציגען אידישען נאמען. א געוויסען ווערטה פאר דער געשיכטע (ספעציעל פאר דער אידישער) האבען בלויז די טאג־ביכער פון סער משה און לעדי יהודה מאנטעפיורי 56), די בריעף פון דר. אל. הלוי 57) און דער רייזע בעריכט פון דר. א. ל. פרענקל 58) (1856). עטוואס מעהר איז אויפגע־טהון געווארען אויף דעם געביעט פון ביבליאגראפישער זאמלונג פון ארץ ישראל אלטערטימער 30) אליקים כרמולי און שלמה מונק 59) אין פראנק־רייך, און יונה גורלאנד האבען געזאמעלט פיעל מאטעריאל פון די אלטע אידישע רייזענדע. א. נייבויער האט געפרובט געבען אז ארץ ישראל געאגראפיע לויט דעם תלמוד און פראפ. קרויזע האט אין זיינע קדמוניות־התלמוד געגעבען אויך א לעבעדיגען בילד פון די ארץ ישראל'דיגע אלטערטימער.

אידישע פארשער אין א״י.

זעהר פיעל אינטערעסאנטען מאטעריאל, וואס האט דעם גרעסטען ווערט פאר דער ארץ־ישראל וויסענשאפט איז צוזאווארפען איבער די פערשיעדענע זשורנאלען און מאגאזינען פאר אידישער וויסענשאפט. אהער־צו געהערען דער פראנצויזישער „רעוויו דעז עטיוד זשוויוו“, דער ענגלישער „דזשואיש קווארטערלי רעוויו“. די נייע „רעוויו“ אין פילאדעלפיא, און פיעלע אנדערע פעריאדישע זאמעלביכער אין דייטש און אנדערע שפראכען — פאר דער אידישער וויסענשאפט, פאר דער פארשונג פון אריענט און פון סעמיטישע שפראכען, נור אין העברעאיש האבען מיר ניט קיין אייגענעם ארגאן, וואו עס זאל געזאמעלט ווערען דער וויכטיגער מאטעריאל פאר דער געשיכטע פון אונזער פאלק און פון אונזער לאנד. א דאנק דיזער פיעל־שפראכיגקייט און א דאנק דעם וואס דער מאטעריאל (וועלכער איז שוין יא פאראן) איז צוזאווארפען איבער פערשיעדענע לענדער במשך פון דעם לעצטען יאהרהונדערט, און איז נור טיילווייז בעקאנט אין זעלטענע אויסגאבען אין אונזער אייגענער שפראך — זיינען די פאר־שונגען פון ארץ ישראל און פון איהר געשיכטע ווייט אפילו פון אונזערע אינטעלי־גענטערע אידישע קרייזען פאר וועלכע ארץ ישראל האט ווייט נישט קיין ריין־ארכעא־לאגישען אינטערעס.

בעזונדערס דארפען דא פערצייכענט ווערען, אויף דעם געביעט פון פאלעסטינא־וויסענשאפט און ביבליאגראפיע גרויסע פערדיענסטען פון די אידישע געלערנטע אין דייטשלאנד און עסטרייך. צוערשט קומט, נאטירליך, דר. לעאפאלד צונץ, איינער פון די ערשטע פאטערס פון דער אידישער קוסטור־פארשונג און געשיכטע שטודיום*), דאן קומט דער גרעסטער אויטאריטעט אויף דעם פאך פון אידישער ביבליאגראפיע — משה שטיינשניידער, דער לעצטער האט צוזאמענגעשטעלט און פער־

56) משה מנטפיורי: ספר הזכרונות.

· ספר יהודית. ס' הזכרונות לגב' יהודית מנטפיורי.

57) דר. אליעזר הלוי. אין מ. א. גינצבורג'ס הדביר, אין מ. מאהר'ס מבשרת ציון און אין די „אלגעמיינע ציימונג דעס יודענטומס".

58) „נאך יערוזאלעם" אין 2 בענדער (דייטש). אין העברעאיש איבערזעצט אונטערן נאמען „ירושלימה", ווינא תרי"ט.

59) S. Munk, Palestine, Paris, 1845.

*) דא קומט בעזונדערס אין בעטראכט זיין ארטיקעל: געאגראפישע ליטעראטור דער יודען פאן דען עלטעסטען צייטען ביז צום יאהר 1841." (זעה זייטע 453).

עפענטליכט די וויכטיגסטע ביבליאגראפישע פערצייכנים פון דער העברעאישער פא־לעסטינא ליטעראטור ביז די אכציגסטע יאהרען. (60).

אינטערעסאנטער מאטעריאל איז געזאמעלט געווארען אין די העברעאישע זשור־נאלען פון ארץ ישראל (הלבנון, פון ברילל, 1863; החבצלת, פרומקין, אנפאנג 1871; יהודה וירושלם, י. מ. סולומון, 1877; האור —הצבי—השקפה,— א. בן־יהודה, 1883). ניט נור וועגען דעם אידישען, נאר אויך וועגען דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון ארץ ישראל און איהר בעפעלקערונג. קיינער אבער האט זיך אזוי נישט אבגעגעבען מיט דער ארץ ישראל פארשונג ווי דער אונערמידליכער א ב ר ה ם מ ש ה ל ו נ ץ. זינט דעם יאהר 1880 גיט ער ארויס זיין זאמעלבוך „ירושלם", און אויך זיין יעהרליכען לוח ארץ ישראל. די צעהן בענדער פון דעם זאמעלבוך ווי אויך דער „המעמר" שטע־לען מיט זיך פאר א רייכען אוצר פון היסטארישען געאגראפישען, נאטורוויסענ־שאפטליכען און ארכעאלאגישען מאטעריאל וועגען דער אמאליגער און דער היינטי־גער ארץ ישראל. דער אלטער לונץ ארבייט אנערמידליך, כמעט אהן שום אויסערלי־כער הילף, און נישט קוקענדיג אויף זיינע יאהרען און בלינדקייט האט ער אנגעפאנגען א גראנדיעזע ווערק — א וויסענשאפטליכע אויסגאבע פון ת ל מ ו ד י ר ו ש ל מ י.

דער וויסענשאפטליכער אינטערעס צו ארץ ישראל האט זיך געהויבען ביי אידען ערשט מיט'ן אנהויב פון ציוניזם. „אלטניילאנד", „פאלעסטינא", „די וועלט", ווי אויך ספעציעלע ארטיקלען און איינִיגע רוסישע צייטונגען (צ. ב. ש. יעווריעיסקאיא זשיזן, בודושטשנאסט, א. דג.) שוין נישט רעדענדיג וועגען די העברעאישע צייטונ־ דייטשע ביבליאגראפען.
גען און זשורנאלען אין רוסלאנד (ווי צ. ב. ש. דער העולם) און א"י (האחדות און הפועל הצעיר) ענטהאלטען פיעל מאטעריאל וועגען א"י. אלס איינצעלנע ווערק קאנען אנגערופען ווערען די „הארץ" און די „כתבים" פון פארשטארבענעם א ל י ה ו ס פ י ר 61), ווי אויך די העברעאישע ארץ ישראל מפה פון קרויזה־ספיר, ארויסגע־געבען פון דעם ציוניסטישען אקציאנס־קאמיטעט, בערלין.

ווי גרויס דער אלגעמיינער אינטערעס פאר ארץ ישראל איז געשטיגען קאן מען זעהן פון דער אונגעהויער רייכער ליטעראטור איבער דעם לאנד. דער דייטשער ביב־ליאגראף ר ע ה ר י כ ט 62) האט צוזאמענגעשטעלט א רשימה פון פאלעסטינא־ביכער, וועלכע זיינען ערשיענען פון יאהר 333 ביז 1878. פאר דיעזע פופצעהן מיט א האלבען יאהרהונדערט האט ער אנגעזאמעלט (בלויז אויף דעם געאגראפישען גע־ביעט) נעמען פון 3515 ווערק און 747 מאפעס און קארטען. פאר די נעכסטע 17 יאהר (1895—1878) געפינען מיר אין די זאמעלביכער פון דער צייטשריפט פון דעם דייטען פאלעסטינא־פעראיין גאנצע 4575 נעמען פון נייע ווערק, וועלכע זיינען פאר דער צייט ערשיענען. מען דארף אבער נישט דענקען, אז דיעזע רשימות זיינען פול־שטענדינע: פיעלע ביכער און שריפטען, בעזונדערס אין העברעאיש פעהלען דארט אויס. אן אנדער דייטשער ביבליאגראף פ ע ט ע ר ט א מ ס א ן 63) האט

60) פערעפענטליכט אין ירושלם, 3טען און 4טען יאהרגאנג.

61) „הארץ", „סוריה וא"י, „כתבי א. ספיר".

62) ביבליאטהעקא געאגראפיקא פאלעסטינאע (כראנאלאגישע פערצייכנים דער אויף די געא־גראפיע דער הייליגען לאנדעס בעציגליכען ליטעראטור פון 333 ביז 1878) פאן ר י י נ ה א ל ד ר ע ה ר י כ ט, בערלין 1890.

63) סיסטעמאטישע ביבליאגראפיע דער פאלעסטינא ליטעראטור, בעארבייט פון פ ע ט ע ר ט א מ ס ע ן, 1טער באנד 1895—1915, 2טער באנד 1905—1909. עס איז שוין אויך ארויס דער דריטער באנד, וועלכען מיר האבען ליידער נישט געקאנט קריגען דא.

במשך פון צעהן יאהר (1895—1904) אנגעזאמעלט נעמען פון גאנצע 2918 ווערק און אין די נעכסטע פינף יאהר (1905—1909) נאך 3755 נעמען. צוזאמען האבען מיר אלזא א רשימה פון 14.769 ביכער און ווערק וועלכע זיינען ערשיענען איבער ארץ ישראל ביז דעם יאהר 1909. די רשימה קאן אבער נישט גערעכענט ווערען פאר א פולשטענדיגע.

די פארשונג פון ארץ ישראל איז נאך ווייט נישט פארענדיגט געווארען. א גרויסע טייל פון מזרח ארץ ישראל איז נאך אפילו נישט אויסגעמאסטען און נישט אויסגע־פארשט. אבער אויך יענע טיילען וועלכע זיינען שוין גרינדליך אויסגעפארשט געווארען פון די אומות העולם האבען פאר אונז א גאנץ בעזונדערן ווערטה, וועלכער האט זיי, די אנדערע פארשער וועניגער אינטערעסירט. מיר מיינען דערמיט — די איינגענ־שאפטען פון לאנד, וועלכע זיינען נויטיג פאר איהר ענטוויקלונג אין קאלאניזאציאנס און אינדוסטריעלען זין און די מעגליכקייט צו שאפען דארט א נאציאנאלען אידישען ישוב. אויף דעם דאזיגען געביעט זיינען ערשיענען בלויז איינצעלנע ווערק, צ. ב. ש. פראפעסאר בלאנקענהארנ'ס ווערק: „נאטורוויסענשאפטליכע שטודיען אם טאדטען מערע און ירדן־טאל“ (בערלין 1912) און אויהאגען'ס בוך וועגען סוריה און פאלעס. טינא. פון א בעזונדערען אינטערעס איז דר. רופין'ס ערשט ערשיענענע „סוריען אלס ווירטשאפטסגעביעט“ (בערלין 1917).

אויסזיכטען. אין אלגעמיין איז אבער דיעזער וויכטיגער פארשונגס־געביעט ביז יעצט כמעט א קרקע־בתולה, וועלכע ווארט אויף איהר ארבייטער און, מעגליך, עס איז גאר קיין צופאל ניט, וואס א"י איז דורך אנדערע פעלקער ערפארשט געווארען בלויז אלס לאנד פון דער פערגאנגענהייט: די פארשונג פון ארץ ישראל אלס צוקונפטס־לאנד דארף ערשט דורכגעפיהרט ווערען, און דאס מוז געטון ווערען פון יענעם פאלק וועלכעס פערבינדעט זיין איינגענע צוקונפט און עקזיסטענץ מיט דער צוקונפט פון דיעזען לאנד.

חראנאלאגיע

	לויט אידישער צייטרעכנונג („לבריאת העולם")	לויט קריסטליכער צייטרעכנונג
סרגון 1, קעניג פון אכד, האלט מלחמה מיט די אמורי	בערך 1010	בערך 2750
פעפי, קעניג פון מצרים, זיין ערשטע מיליטערישע עקספעדיציע נאך ארץ ישראל	בערך 1260	בערך 2500
דעהוט־מאזיס (טוטמאס) דער 3טער נעהמט איין ארץ ישראל	בערך 2200	בערך 1560
רעמסס דער 2טער, מלך מצרים	2479—2412	1281—1348
המורבי אדער אמרפל, קעניג פון שנער, אין דער צייט פון אברהם אבינו	בערך 1510	בערך 2250
אידישע איינוואנדערונג קיין עגיפטען	2260—1960	פון 18 ביז 15 יאהרהונדערט
יציאת מצרים (אונטער דער הערשאפט פון פרעה מערנעפטאה)	2498—2479	1262—1281
גרינדונג פון אידישער מלוכה	2749—2732	1011—1028
דוד המלך	2781—2749	979—1011
די צוטיילונג פון אידישער מלוכה אויף יהודה און ישראל	2827	933
דער גלות פון די עשרת השבטים	3038	722
חורבן פון ערשטען בית המקדש און גלות בבל	3173	587
שיבת ציון אונטער זרבבל בן שאלתיאל	3222	538
עזרא און נחמיה	3336—3315	424 — 445
אלכסנדר מקדון נעמט איין ארץ ישראל	3427	333
דער זיעג פון די סורישע סעלעווקידען (מניו השטרות)	3449	312 — 311
אנטיוכוס פעראומרייניגט דעם מזבח	3592	168
אויפשטאנד פון מתתיהו	3593	167
דער זיעג פון יהודה המכבי און דער יום־טוב פון חנוכה	3595	165
פאמפעיוס נעמט איין ירושלים	3697	63
הורדוס המלך	3756—3723	4 — 37
קריסטליכע ערא	3760	
חורבן פון צווייטען בית המקדש. אידען ווערען אן די זעלבסטשטענדיגקייט	3829	69
אויפשטאנד קעגען טרינוס (טראיאן)	3877	117
אויפשטאנד פון בר־כוכבא	3893	133
חורבן ביתר	3896	136
די צוזאמענשטעלונג פון דער משנה	3970—3960	210 — 200
אויפשטאנד אין צפורי	4111	351
בטול פון דעם סנהדרין און שלום פון'ם תלמוד ירושלמי	4119	359
די דעקלאראציע פון יוליאנוס־קיסר	4121	361
בטול פון דער נשיאות	4185	425
ערשטער אויפשטאנד פון די שמרונים	4244	484
לעצטער אויפשטאנד פון די שמרונים	4312	556
אידישע לעגיאנען צוזאמען מיט פערסישע נעהמען איין ירושלים	4374	614

ארץ ישראל איינגענומען דורך די אראבער	4396	634 — 636
אויפשטאנד פון אבו־עיסא	4514—4507	754 — 747
אפשפאלטונג פון די קראים	4522	762 — 761
לעצטער אידישער סנהדרין אין ירושלם (בערך)	4844—4806	1084—1046
ערשטע תקופה פון די נוסעי־הצלב	4947—4856	1187—1096
אימיגראציע פון 300 רבנים פון ענגלאנד און פראנקרייך	4971	1211
ירושלים אפגענומען ביי די קריסטען	5004	1244
מאנגאלישע אינוואזיאן אונטער הולאגו־כאן	5020	1260
די גרינדונג פון דעם ישוב דורך דעם רמב"ן	5028	1267
ענדליכע מפלה פון די נוסעי הצלב	5051	1291
ר' עובדיה מברטנורא אין ירושלם	5248	1488
אימיגראציע פון די גולי ספרד נאך א"י	5252	1492
עראבערונג פון ארץ ישראל דורך טערקיי	5276	1516
דוד הראובני אין ירושלם	5283	1523
די קאלאניזאציע פון טבריה און אומגעגענד דורך יוסף נשיא	5325—5319	1565—1559
דרוזען־אנפאל אויף צפת	5364—5360	1604—1600
די רדיפות פון אבן־פארוך אין ירושלם	5387—5385	1627—1625
שבתי צבי אין ירושלם	5423	1663
ר' יהודה החסיד מיט אימיגראנטען פון פוילען	5461	1701
חורבן פון אשכנזישער געמיינדע	5481	1721
די קאלאניזאציע פון ר' חיים אבואלעפייא אין גליל	5502	1742
אימיגראציע פון 300 חסידים (תלמידי הבע"שט)	5537	1777
נאפאלעאן אין ארץ ישראל	5559	1799
אימיגראציע פון פרושים	5565	1805
נייע אשכנזישע געמיינדע אין ירושלם	5572	1812
פעלאכישער אויפשטאנד. די מורדים נעהמען איין ירושלם	5584	1824
עגיפטישע הערשאפט איבער ארץ ישראל	5600—5592	1840—1832
צווייטער פעלאכישער אויפשטאנד אין יהודה און דרוזען־אנפאל אויף צפת	5594	1834
די ערד ציטערניש אין צפת	5597	1837
דער צווייטער דרוזען־אנפאל אין צפת	5598	1838
אפיציעלע אנערקענונג פון אשכנזישער געמיינדע	5596	1836
עלילת דם אין דמשק	5600	1840
די קרים־מלחמה	5614	1854
דער מאניפעסט חאטי—הומאיון	5616	1856
דער ערשטער אידישער פרדס לעבען יפו	5616	1856
אויטאנאמיע פון לבנון	5624	1864
ערשטע אידישע פארם מקוה־ישראל	5629	1869
ערעפענונג פון טערקישען פארלאמענט	5637	1877
ערשטע אידישע קאלאניע פתח־תקוה	5638	1878
ביל"ו בעוועגונג	5641	1881
נייע ארבייטער פיאניערען נאך א"י	5665—5666	1905
רעסטאווירונג פון דער טערקישער קאנסטיטוציע	5668	1908
טערקיי'ס אריינטריט אין דער וועלט־מלחמה	5675	1914
ענגלישע דעקלאראציע, וועגען דער ווידעראויפשטעלונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים אין א"י	5678	1917

ביילאגע א.

די אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים אין א"י, אין יאָהר 1914.

נומער	נאָמען	גרינדונגס יאָהר	פלאַכע אין דונמען	צאָהל בעוואוינער	הויפט־קולטורען (לויט דער רייהע פון זייער וויכטיגקייט.)	באַמערקונגען.
	א. אין יהודה.					
1	מקוה ישראל 1)	1870	2.612	100	ווייז, אָראַנדזשען, גרינס, תבואה, מילך.	אקערבוי־שולע פון „כל ישראל חברים" (אליאַנס איזראַעליט.)
2	ראשון לציון 2)	1882	10.625	1.400	וויין, מאַנדלען, אָראַנדזשען.	גרויסע ווייגקעלערס
3	נחלת יהודה	1913	301	65		ארבייטער ישוב ביי ראשון לציון
4	באר יעקב	1908	2.040	150	מאַנדלען	ארבייטער־דאָרף, נאָהענט צו ראשון לציון.
5	ואדי־חנין־נס ציונה	1882	2.390	200	אָראַנדזש. וויין, מאַנדלען	
6	רחובות	1890	14.193	1.100	וויין. אראנדזשען, מאַנדלען, אָליווען.	
7	עקרון (מזכרת בתיה)	1884	13.000	360	תבואה, מילך, אָליווען, מאַנדלען.	
8	גדרה	1885	5.970	180	מאַנדלען, וויין תבואה.	
9	קסטיניה (באר־טוביה)	1896	5.623	170	תבואה. מאַנדלען	
10	רוחמה (ג'ממה)	1911	6.000	30	מאַנדלען.	פריוואַט פארם. צווישען עזה און נייעם אייזענבאהן
11	פתח־תקוה	1878	23.870	3.300	אָראנדזשען. וויין, מאנדלען, אָליווען, אייקאַליפטוס, תבואה.	
	יהוד 3)	1882				
12	עין גנים	1908	762	200	גרינס, אָראַנדזשען, אייקאַליפטוס..	ארבייטער־ישוב.
13	כפר־מלל (עין־חי)	1912	4.220	20	מאַנדלען	אַרבייטער־ישוב צווישען פ"ת און כפר סבא.
14	כפר סבא	1892	7.231	100	מאַנדלען, אָליווען, אייקאַליפטוס.	
15	בן־שמן (בית עריף)	1906	2.329	120	אָליווען, מאנדלען, מילך.	לעבען לוד. נ"פ פארם.
16	חולדה	1909	1.973	30	אָליווען, מאנדלען.	לעבען סעדזשעד נ"פ פארם.
	גזר		6.000			
17	כפר אוריה	1912	4.800	30	מאַנדלען, אָליווען.	פריוואַט־פאַרם.
18	ערתוף					א פריוואט פארם און אַ

נומער	נאָמען	גרינדונגס־יאָהר	גרויס אין דונאַמען	צאָהל באַפעלקערונג	הויפּט־קולטורען (לויט דער רייהע פון זייער וויכטיגקייט.)	באַמערקונגען.
	(הר־טוב)	1896	4.727	150	תבואה, מאַנדלען, מילך.	קאָלאָניע.
19	מוצא	1894	750	40	וויין, אָליוועז.	לעבען ירושלים. דיביידע באָדענס געהען
20	דילב	1913	1.800			צום כ"פ. זיי זיינען נאָך
21	קאלענדיא	1914	1.600			ניט בעאַרבייט.

סך הכל ענטהאַלט יהודה 116,816 דונאַם אידישען באָדען (אויסער דעם נישט־אויסגע־טיילטען באָדען פון ראשון און דעם נישט־קאָלאָניזירטען באָדען פון יק"אַ לעבען גזר). גע־נויערע ידיעות וועגען דער בעפעלקערונג און קולטור פון די יהודה'ר קאָלאָניעס, זעה ביי־לאַגע 2.

ב. אין שמרון.

נומער	נאָמען	גרינדונגס־יאָהר	גרויס אין דונאַמען	צאָהל באַפעלקערונג	הויפּט־קולטורען	באַמערקונגען
22	חדרה	1891	32.500	300	תבואה, אָראַנדזשען, אָלי־ווען, אייקאַליפּטוס, מאַנדלען.	
23	חפצי בה	1905	5.908	20	אָראַנדזשען, מאַנדלען.	געהערט צו א פּריוואַטער געזעלשאַפט.
24	ברכור און רביע	1913	15.500	50	מאַנדלען, אָראַנדזשען, תבואה.	ערוואָרבען דורכ'ן נאַציאָ־נאַל פאָנד.
25	זכרון יעקב	1882	30.668	1.000	וויין, תבואה, מאַנדלען, אָראַנדזשען, אָליוועז.	גרויסע וויין־קעלערס.
26	שויה	1891	6.915	50	תבואה, מאַנדלען, וויין.	
27	אם־אל־גמאל (בת שלמה) שוני 4)	1891	7.642	80	תבואה, מילך, מאַנדלען.	
28	עתלית	1909	6.800	80	תבואה.	קאָלאָניע און עקספּערי־מענט־סטאַציאָן.
	דאר (טאַנ־טורה) 5)					

ס"ה פאר שמרון 105,933 דונאַם באָדען מיט אַ בעפעלקערונג פון 1580 נפשות.

ג. אין דעם עמק יזרעאל.

נומער	נאָמען	גרינדונגס־יאָהר	גרויס אין דונאַמען	צאָהל באַפעלקערונג	הויפּט־קולטורען	באַמערקונגען
29	מרחביה	1911	9.415	100	תבואה, מילך־ווירטשאַפט, מאַנדלען.	כ"פ קאָאָפּ. און קאָלאָניע.
30	תל עדש 6) תל־שמאם 7)	1913	24,000	25	ארבייטער־קאָאָפּעראַטיווע.	

ס"ה פאר דעם עמק יזרעאל 33.415 דונאַם, פון וועלכע 22,000 זיינען נאָך ניט קאָלאָניזירט.

ד. אין גליל התחתון.

נומער	נאָמען	גרינדונגס־יאָהר	גרויס אין דונאַמען	צאָהל באַפעלקערונג	הויפּט־קולטורען	באַמערקונגען
31	סעדזשערא	1899	17.720	200	תבואה, אָליוועז, אייבענ־וואלד.	פּריוואַטע פאַרם און קאָ־לאָניע.
32	מסחה כפר־תבור	1902	10.120	250	תבואה.	

נומער	נאָמען	גרינדונגס־יאָהר	שטח אין דונאַמען	צאָהל נפשות בערך	הויפּט־קולטורען (לויט דער רייהע פון זייער וויכטיגקייט,)	באַמערקונגען.
33	ימה (יבנאל)	1902	23.290	300	תבואה.	
34	בית־גן	1904	5.681	50	תבואה.	
35	פוריה	1911	3.545	50	מאַנדלען, אָליווען, אייקאַ־ליפּטוס.	אמעריקאַנער אחוזה־פּארם.
36	שרונה (רמה)	1913	5.000	30	מאַנדלען, אָליווען.	אמעריקאַנער אחוזה־פּארם.
37	מצפּה	1908	2.941	50	תבואה.	
38	כנרת	1908	9.000	100	תבואה, גרינס, אָראַנדזשען, מאַנדלען.	נ"פ פּארם קאָלאָניע, שולע.
39	דגניה	1909	3,073	30	תבואה, גרינס, מאַנדלען, אָראַנדזשען.	ארבייטער קאָאָפּעראַטיווע.
40	מגדל	1910	6.000	50	תבואה, גרינס, מילך, מאַנדלען, אָראַנדזשען.	פּריוואַטע פּארם.
41	ביתניה	1919	600	30	באַנאַנען, גרינס.	יק"א־פּארם.
42	מלחמיה	1902	8.477	100	תבואה.	

ה. אין גליל העליון.

43	ראש פּנה 8)	1882	41.987	700	תבואה, מאנדלען.	
	מחנים 9)	1900				
44	משמר הירדן	1890	7.569	100	תבואה.	
45	יסוד המעלה	1883	12.228	160	תבואה.	
46	מטלה	1896	16.731	300	תבואה.	
47	עין־זיתים	1891	6.016	30	וויין, אָליווען.	

די קאָלאָניעס פון גליל התחתון בעטרעפען אלזאָ 95,447 דונאם און פון דעם גליל העליון 84,531, צוזאמען איןביידע גלילים 179,978 דונאם.

ו. עבר הירדן 10).

48	בני יהודה	1886	3.500			
49	חורן'ער באָדען 11)	1889	70.000			

ז. אַלטע אידישע ישובים.

50	שפרעם	1750		15	אַקערבוי און מלאכה	אידישע פלח'ן.
51	פּקיעין	16 יאהר הונדערט	50	96	אַקערבוי און מלאכה	אידישע פלח'ן.

דער גאַנצער שטח פון דעם אידישען באָדען אין די אויבענדערמאָהנטע קאָלאָניעס פון יהודה, שמרון און גליל באַטרעפט 414,142 דונאם. אויסער דעם אָבער פאַרמאָגט דער אידישער ישוב גרויסע שטרעקען באָדען, וואָס זיינען נאָך ביז יעצט פון אידען ניט באַזעצט און ניט בעאַרבייט: אין יהודה און גליל אונג. 30,000 דונאָם (אין ראשון, גזר, תל־עדש) און אין עבר

הירדן ביז 70,000 דונאם, אזוי אַז צוזאַמען דארף מען רעכענען קרוב צו א האלבען מיליאָן דונאם, אין זייער ישוב 12-13,000 (אין יאָהר 1914).

די אידישע קאָלאָניעס פון יהודה ענטהאַלטען (אין יאָהר 1914) 7900 דונאם אָראַנזשען, אין ווערט פון 1200 פראַנק אַ דונאַם, ד. ה. 9,480,000 פראַנק; 12,000 דונאַם וויין־שטאָק (200 פראַנק אַ דונאם) אין ווערט פון 2,400,000 פראנק; 27,000 דונאם מאַנדלען (150 פראנק אַ דונאם) אין ווערט פון 4,050,000 פראַנק און 7,200 דונאַם אָליווען און אַנדערע פלאַנצען 50 פראנק אַ דונאם) אין ווערט פון 1,080,000 פראנק. צוזאמען באַטרעפט עס 54,100 דונאם פאר שיידענע פלאַנצונגען אין ווערט פון 17,010,000 פראַנק.

אין די איבעריגע אידישע קאָלאָניעס פון ארץ ישראל געפינען זיך אונגעפעהר פאָלגענדע קולטורען:

אָראַנזשען 1300 דונאם צו 1,000 פר. א דונאַם, ס"ה אויף — — — —	1,000,000 פר.
וויין־שטאָק 2000 דונאַם צו 200 פר. א דונאַם, ס"ה אויף — — — — — —	400,000 "
מאַנדלען 10,000 דונאם צו 150 פר. אַ דונאם, ס"ה אויף — — — — — —	1,500,000 "
אָליווען 2,000 דונאם צו 150 פר. אַ דונאם, ס"ה אויף — — — — — — —	300,000 "
אייקאָליפּטוס 2,000 דונאם צו 100 פר. א דונאם, ס"ה אויף — — — — — —	200,000 "
צוזאמען 17,300 דונאם, ס"ה אויף — — — — — — — — — — — —	3,700,000 פר.
און צוזאַמען מיט יהודה איז עס אונגעפעהר — — — — — — — — — —	21,000,000 "

דער ווערטה פון אונבעפּלאַנצטען באָדען, אונגעפעהר 340,000 דונאַם (צו 50 פראַנק אַ דונאם) איז סך הכל 17,000,000 פראנק. (מיר רעכענען דאָ נישט די 100,000 אונבעזעצטען אידישען באָדען אין יהודה און אין עבר־הירדן). צוזאַמען מיט די געביידעס, וואַסערלייטונגען, וויינקעלערס, לעבעדיגען און טוידטען אינווענטאר באַטרעפט דער ווערטה פון גאַנצען מאַטעריאלען רייכטום פון אלע אידישע קאָלאָניעס פון 60 ביז 70 מיליאָן פראנק.

די יעהרליכע הכנסה פון די קאָלאָניעס באַטרעפט אונגעפעהר 4,720,000 פראַנק.

באַמערקונגען צו דער ביילאַגע א.

1) אונטער דער אויפזיכט פון מקוה־ישראל שטעהט אויך דער „פּרדס־מנטפיורי" — דער עלטסטער אידישער גאָרטען, ערוואָרבען אין יאָהר 1855 דורך ר' משה מאָנטעפיאָרע. דער פּרדס ענטהאַלט 103 דונאם פלאַנצונגען.

2) דאָ זיינען נישט אַריינגערעכענט 3500 דונאם פון דעם נאָך ניט אויסגעטיילטען באָדען.

3) יהוד (יהודיה) איז א קליינער ישוב לעבען פתח־תקוה, געגרינדעט אין יאָהר 1882. ער ענטהאַלט 150 דונאם באָדען, אָבער זינט 1900 איז יהוד אין גאַנצען פאַרלאָזען.

4) א קליינער אַרבייטער־ישוב, בעלאַנגט צו זכרון־יעקב.

5) לעבען זכרון־יעקב, מיט 300 דונאם. דאָרט איז געוועזען א אידישע גלאָז פאַבריק. יעצט איז טנטורה פאַרלאָזען.

6) די יורידישע זייט פון דער קניה איז נאָך נישט גאָר פאַרענדיגט. פאָרלויפיג ווערט דורך אידען בעאַרבייט בלויז 2,000 דונאם פון תל־עדש.

7) דיעזע קניה איז נאָך נישט פאַרענדיגט.

8) שוין איינגעשלאָסען 11,885 דונאַם פון דעם באָדען אויף דעם הר־כנען, וועלכער איז מייסטענס אַ פעלזיגער.

9) די קאָלאָניע מחנים איז געגרינדעט אויף דעם באָדען פון ראש־פּנה אין יאָהר 1900. צוערשט איז זי קאָלאָניזירט געוואָרען פון גאַליציאַנער אידען שפּעטער האָבען זיך דאָרט באַזעצט קאַווקאַזער בערג־אידען. יעצט עקזיסטירט מחנים שוין נישט אַלס א בעזונדער קאָלאָניע. איהר באָדען ווערט בעאַרבייט פון ראשפנה'ער קאָלאָניסטישע קינדער.

10) די לענדערייען פון עבר־הירדן זיינען ביז יעצט נישט קאָלאָניזירט דורך אידען.

11) אָהערצו געהערען די פאָלגענדע באָדענס פון חורן: א) סאחם־גולן מיט 30,000 דונאָם; ב) נפעה — 22,000 דונאם; ג) ג׳ילין — 12,300 דונאָם; ד) בטימא — 6,000 דונאם; ה) בוסטוס — 18,200 דונאם (לויט די אָנגאבען פון מ. לובין אין יאָהר 1895 קומט אַלזא אויס 95,000 דונאם, פון וועלכע 70,000 זיינען אויסגע־מאָסטען; דר. רופין רעכענט אָבער בלויז 56,000 דונאם).

ביילאַגע ב.

די אידישע באַפעלקערונג פון די יהודה'ר קאָלאָניעס.

(מר. מאיראָוויטשעס בעריכט פון מאָנאַט מארט, 1915.)

נאָמען	אשכנזים ארבייטער	תימנים ארבייטער	סך־הכל אַרבייטער (נפשות)	בעלי־מלאכה	אנדערע באַשעפטיגונגען	סך־הכל תושבים נישט־אַרבייטער	קאָלאָניסטען. (נפשות)	ס"ה איינוואוינער. (נפשות)
ראשון לציון	330	288	618	200	150	350	380	1348
פתח תקוה	580	310	890	800	656	1456	933	3279
עין גנים	—	—	—	—	37	37	157	194
כפר מל"ל	30	—	30	—	—	30	—	30
כפר סבא	30	—	30	—	—	—	66	96
נחלת יהודה	—	—	—	12	12	—	41	65
רחבות	140	320	460	150	155	305	303	1068
נס־ציונה	15	16	31	16	20	36	132	199
באר יעקב	30	7	37	3	—	3	105	145
גדרה	40	—	40	13	20	33	109	182
עקרון	—	—	—	40	35	75	285	360
קוסטינא	7	—	7	24	30	54	109	170
רוחמה	34	—	34	—	—	—	—	34
ערתוף	24	—	24	10	—	10	115	149
כפר־אוריה	30	—	30	—	—	—	—	30
בן־שמן	120	—	120	—	—	—	—	120
חולדה	30	—	30	—	—	—	—	120
סך הכל	1440	941	2381	1268	1115	2383	2735	7499

די בעפעלקערונג פון די יהודה'ר קאָלאָניעס אין מאַרט 1915 איז געוועזען פאָלגענדע: 2735 קאָלאָניסטען (מיט זייערע פאַמיליען־מיטגליעדער), 2381 לוין־אַרבייטער (דארונטער 941 תימנים) 1268 בעלי־מלאכה און 1115 זייטיגע איינוואוהנער. צוזאמען 7499 נפשות.


ביילאגע ג.

אידישע בעפעלקערונג (נפשות) אין די שטעדט און קאָלאָניעס פאר דעם לעצטען יאָהר הונדערט.

שטעדט	אין די 30-ער און 40-ער יאָהרען	אין די 50-ער יאָהרען	אין די 70-ער און 80-ער יאָהרען	אין די 90-ער יאָהרען	1914
ירושלם — —	4,000	10,000	14,000	27,000	55,000
צפת — —	1,200	2,100	———	7,150	12,500—13,000
יפו — — —	30	400	1,200	3,000	12,000
טבריה — —	650	1,514	2.047	3,200	7,000
חברון — —	500	400	600	1,420	1,000
חיפה — —	150—200	100	175	1400-1000	3,500
צידון — —	300	300	500	780	800
עזה — — —	———	———	150	75	175
עכו — — —	100	120	140	130	50
צור — — —	100	———	———	———	2
שכם — —	150—200	40	120	31	———
בית שאן —	———	———	———	13	80—100
רמלה — —	———	———	———	100—166	20
באר־שבע —	———	———	———	———	130—150
לוד — —	———	———	———	14	15—10
ס"ה שטאָדטי־שע בעפעלקע־רונג — — —	7.200	15.000	22.000	44.000	93.000

אגראַרע באַפעלקערונג.

פקיעין — —	100	50	100	96	90
שפרעם — —	60	60	30	45	15
קאלאניעס			3000	4500	12.000
ס"ה אגרארע בעפעלקערונג	160	110	130	140	12.100
דער סך הכל פון דער אי־שער באפעל־קערונג —	7.360	16.000	25.000	48.500	105.000


יפו
אשקלון
עזה
גרר
נחל שבע
באר שבע
רפיח
חן יוניס
אל-חפיר
ירושלים
בית-אל
חברון
לכיש
חצצון תמר
ים המלח
מעלה-עקרבים
אדום
קדש
באר לחי רואי
ברנע
הר ההר
בצרה
תפל
סלע
(פטרא)
מען
עין גרנדל
עציון גבר
עקבה
אילת
ים סוף
נחל מצרים
קלעת אל-נחל
מדבר סיני
(בדית אל תיה)
מדבר פארן
קלעת אל-חסן
עקבה אל-חגאזיה
בת-עמון

דער נגב.

דרוק־פעהלער:

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
28	13	בית אדם	בית ארם
47	5	חליף מעדואן	חליף מערוואן
49	31	פאלמיא (תדמור)	פאלמירא (תדמור)
71	28	שפרעם	שפרעם
78	8	קירכענהיים	קירכהיים
103	15	קאלאניזאציע	קאנאליזאציע
107	25	ראטאדאקסישע	ארטאדאקסישע
142	34	מעטם	מעטר
376	1	ח. לאנדווירט.	ט. לאנדווירטשאפטליכע
409	9	אמשק׳ער ווידאיעט	דמשק׳ער ווילאיעט
420	8	400.000	340.000
420	9	460.000	400.000

אונטער׳ן בילד 23 (זייט 160) דארף זיין: „רפידים, אן אאזיס אין מדבר סיני“.

די אויבערשטע שורה, וועלכע לויטעט: „דער פלאין פון בארג חורב, אויף וועלכען עס איז געגעבען געווארען די תורה, איז“ — שטעהט אין איינינע אויסגאבען נישט אויף איהר ארט. זי דארף גאר זיין פון אנהויב דער 160טער זייטע.

די נומעראציעס פון די בילדער 58 (זייט 344) ביז בילד 72 (זייט 381), איינ־געשלאסען, איז על פי טעות גערוקט מיט צוויי נומער׳ן פאראויס. אנשטאט 58 דארף זיין 60, אנשטאט 59 דארף זיין 61 א. א. וו.

בילד 7, זייט 28, איז על פי טעות איבערגעקעהרט.

דערגענצונג

(צו דער 24־טער זייט)

דער אויפשריפט אויף דער וואַנט פון דעם השלח־טונעל, פון די צייטען פון חזקיהו מלך יהודה (620—690 פאר דער אייראפעאישער צייט־רעכנונג) לעזט זיך ווי פאלגט:

א) הנקבה וזה היה דבר הנקבה: . . . עלו
ב) הגרזן איש אל רעו ובעד שלש אמת להם נ(שמ)ע קל איש ק
ג) רא אל רעו: כי היתה זדה בצר מימן ומ(שמ)אל וביום ה
ד) נקבה הכו החצבם איש לקרת רעו גרזן אל גרזן: וילכו
ה) המים מן המוצא אל הברכה במאתים ואלף אמה ומ(א)
ו) ת אמה היה גבה הצר על ראש החצבם:

איבערזעצונג:

א) דער טונעל, און דאס איז דער ענין פון טונעל... ארויף.
ב) דער האַק, איינער קעגען צווייטען, און ווען זיי זיינען געווען דריי
איילען ווייט האט זיך דערהערט די שטימע פון איינעם ש
ג) ריינדיג צום צווייטען: ...געריכטעט אין פעלז פון רעכטס און פון
לינקס. און אין דעם טאג פון
ד) טונעל האבען די בויערער געהאַקט איינער קעגען צווייטען, א האק
אַנטקעגען א האַק: און עס זיינען געגאַנגען
ה) די וואסערען פון אויסגאַנג ביז'ן באַסיין אויף צוויי הונדערט און
איין טויזענד איילען און הונ
ו) דערט איילען איז געווען די הויך פון פעלז איבער'ן קאָפּ פון די
ארבייטער:

ארויסגעגעבען פון די

POALE ZION PALESTINE COMMITTEE,

266 Grand Street, New York.

די דריי לאנדקארטען פון א״י זיינען געצייכענט געוואָרען פון דעם קינסטלער

מיכאל לאָעב.

געדרוקט ביי די

ALPHA PRESS Inc.

266 Grand Street, New York.